STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09009

FERTSIG YOHR IN MIDBER

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערציג יאָהר אין מדבר

אָריגינעלער ביבלישער ראָמאַן פון דער צייט פון „יציאת מצרים“
און די וואַנדערונג פון די אידען אין דעם מדבר

פ ו ן

שאול ספיר

פאַרפאַסער פון:
די טאָכטער פון מדבר, קאַליף פון קאָרדאָווא, צווישען רוים און ירושלים,
דוד המלך, שלמה המלך, אַברהם׳ס אייניקלאַך, פרינץ פון מצרים,
אסתר המלכה, קאָלאָמבוס דער איד, א. א. וו.

Forty Years in the Desert

Biblical novel by SAUL SAPHIRE

Author of: The Daughter of the Desert, Caliph of Cordova, Between Rome and Jerusalem, King David, King Solomon, Abraham's Grandchildren, Prince of Egypt, Queen Esther, Columbus the Cryptic Jew, etc.

קאלעגע אהרן צבי ראזען
א מתנה

REV. SILVERMAN'S
HEBREW BOOK STORE
3602 W. ROOSEVELT RD.
CHICAGO

Copyrighted by
Saul Saphire, 1934
77 Bowery, N. Y. C.
All rights reserved

ערשטער קאַפּיטעל
א נייער פּרעה

צוויי און זיבעציג טעג האָבען די מצריים געטרויערט איבער זייער פערשטאָרבענעם קעניג, רעמסס דער צווייטער.

צוויי און זיבעציג טעג האָבען די אידען פון גשן, וועלכע זיינען געווען פערשקלאפּט ביי די מצריים, זיך געפרעהט אין זייערע הערצער אויף דעם טויט פון דעם שלעכטען פּרעה, וועלכער האָט זיי אזוי פיעל געדריקט און געפּייניגט, וועלכער האָט יעדען טאָג א נייע שרעקליכע גזרה ארויסגעגעבען. גאַנץ מצרים איז געווען איינגעהילט אין טרויער, און די פערשקלאפּטע אידען האָבען דערווייל געקענט אָפּכאַפּען זייער אָטעם פון די שווערע ארבייט, וואָס זיי האָבען געטהאָן. די מצריים זיינען געווען פערנומען מיט זייערע תפלות, וואָס זיי האָבען ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין צו זייערע געטער, איבערלאָזענדיג די אידישע שקלאַבען אליין ביי זייער ארבייט.

די אויפזעהער האָבען זיך ניט זעהענדיג געמאכט און ניט געשטערט די אידישע שקלאַפען, ווען זיי האָבען צווישען זיך געשמועסט אין קליינע גרופּעס. דאָס אלעס האָבען די אידען אָנגענומען פאר א גוטען סמן.

— ווער ווייס, אפשר וועט מיט דעם טויט פון רעמסס דעם צווייטען קומען א סוף צו אונזערע צרות! — האָט זיך איינער אָפּגערופען צו עטליכע אידען, וועלכע זיינען געשטאַנען און גערעדט וועגען דער לעצטער געשעהעניש.

— יא, עס איז שוין צייט אז אונזער שרעקליכע לאגע זאָל זיך עטוואָס פערבעסערען — האָט א צווייטער געזאָגט — אזוי פיעל יאָהרען ווי מיר ווערען פערשווארצט אונטער דעם שווערען יאָך פון שקלאַפעריי!... מיר האָבען שוין באלד פערגעסען, אז מיר זיינען אמאָל געווען פרייע מענשען... אז מיר שטאַמען פון אזעלכע געהויבענע עלטערען. אברהם, יצחק, יעקב און יוסף... מיר זיינען געוואָרען אומגליקליכע, נידעריגע שקלאַפען, און מיר האָבען זיך שוין מיאש געווען ווען עס איז ווידער צו ווערען פריי.

— און איך זאָג אייך, מיינע ברידער — האָט זיך אן עלטערער איד אָפּגערופען — אז דער טויט פון דעם קעניג רעמסס דער צווייטער, איז אן אָנפאַנג צו אונזער גאולה! זיין זוהן, מענעפּטא, איז ניט אזא רשע ווי זיין פאָטער איז געווען און אונטער זיין הערשאפט וועט אונזער לאגע פערבעסערט ווערען.

— ווי אזוי קען ער זיין בעסער, אז ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אזא סביבה, אין דעם פּאלאץ און איז שטענדיג געווען אונטער דעם איינפלוס פון פּרעה'ן און זיין רשע מרושע'דיגען הויפּט מיניסטער, טאגאר.

— געלויבט איז גאָט, אז זיי זיינען שוין ביידע טויט! ערגער ווי זיי זיינען געווען, קען שוין גאָר ניט זיין!

— עס איז קיין גרעניץ ניטא צו דער שלעכטסקייט פון די הערשער פון מצרים — האט אימיצער א זיפץ געטהאן — מיין הארץ זאגט מיר, אז מיר פרעהען זיך אומזיסט; מענעפטא וועט ניט זיין בעסער פון זיין פאטער!

— אבי ער זאל ניט זיין ערגער, וועט שוין פאר אונז דאס גופא זיין א געווינס: פטור געווארען פון א רשע!

— לויט מיין שכל קומט אויס, אז מענעפטא וועט זיין א סך מילדער צו אונז — האט א יונגער מאן זיך אפגערופען — און די מצריים אליין פערשטעהען דאס, און טאקע דעריבער האבען זיי די לעצטע טעג אונז אויפגעהערט אזוי צו דריקען... האבען מיר דען געקענט ביז יעצט אזוי פריי רעדען אין מיטען פון אונזער ארבייט?

— פון דעם איז נאך ניט קיין ראיה... יעצט, ווען אלע טרויערען און קלאגען איבער דעם טויט פון פרעה'ן, האבען זיי פערגעסען אן אונז, אבער ווי נאר די טרויער טעג וועלען פאראיבערגעהן אזוי וועלען זיי זיך ווידער נעהמען צו אונז! יא, עס וועט שוין לאנג ניט דויערען, די צוויי און זיבעציג טעג זיינען שוין באלד פאראיבער.

— לאמיר האפען אויף בעסערע צייטען! — האט נאך איינער אויסגערופען — דערווייל איז זעהר טרויעריג.

די רופאים און חרטומים פון גאנץ מצרים זיינען געוועזן פערנומען אין באלזאמירען דעם טויטען קערפער פון פרעה'ן.

גרויס און פייערליך איז געווען די צערעמאניע פון פרעה'ס לויה. אלע מצריים זיינען ארויסגעקומען צו בעגלייטען פרעה'ן. די גאנץ רייכע פון זיי האבען מיטגעבראכט גאלד און קאסטבארע שטיינער, וואס זיינען געלעגט געווארען אין קבר צוזאמען מיט דעם קערפער פון פרעה'ן.

די פריסטער האבען אפגעריכט זייערע תפלות און האבען גלייך געבענשט דעם נייעם קעניג מענעפטא, ער זאל הערשען איבער מצרים מיט געטליכען כח און בעזיעגען אלע זיינע שונאים.

מיט פיעל האפנונג און גרויס שפאנונג האבען די אידען פון מצרים געווארט אויף דער ארויפשטייגונג פון מענעפטא אויפ'ן טראהן. זיי האבען ערווארט, אז ער זאל פערלייכטערען זייער ארבייט און ארונטערנעהמען פיעלע פון די שווידערליכע גזרות, וואס זיין פאטער האט ארויסגעגעבען אויף די אידען. עס האט אבער לאנג ניט גדויערט און זיי זיינען שטארק ענטוישט געווארען.

דאס איז געווען אין דעם טאג פון שבת, איניגע טעג נאכדעם ווי מענעפטא איז געקרוינט געווארען פאר קעניג פון מצרים. די אידען, וועלכע זיינען געווען פריי יענעם טאג פון דער ארבייט, האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין גשן און האבען בעשלאסען צו שיקען דעם נייעם פרעה'ן א קאסטבארען געשאנק און אין דערזעלבער צייט בעקלאגען זיך פאר איהם וועגען זייער שווערען יאך, וואס זיי זיינען געצוואונגען צו טראגען.

— זאל יעדער פון אונז ברייגנען וואס נאר ער קען! — האט נחשון, דער זוהן פון עמינדב, פון שבט יהודה אויסגערופען. מיר וועלען דאס אוועקשיקען א מתנה צו פרעה'ן, פיליכט וועט זיין הארץ ווייכער ווערען און האבען מיט אונז איינזעהעניש.

— ווינציג פון אונזער גאלד געפינט זיך אין פרעה'ס אוצרות?! — האט זיך אפגערופען פלת פון שבט ראובן — פארוואס זאלען מיר פרייוויליג אפגעבען די לעצטע גאלד וואס מיר האבען אויסבעהאלטען פון די ציינזען אויפמאהנער?

— דאס איז אבער, ווי עס ווייזט אויס, דער איינציגער וועג צו געפינען חן אין די אויגען פון דעם נייעם פרעה! — האט נחשון איהם געענטפערט — ווי איך האב געהערט האט פרעה מענעפטא זעהר ליעב רייכטום. ער וויל ווע־

רען דער רייכסטער פרעה פון די אלע וועלכע זיינען געווען פאר איהם.

— דעריבער טאקע גלויב איך, אז מיר דארפען זיין מעהר פארזיכטיג און ניט ארויסצייגען פאר פרעה'ן אז מיר בעזיצען נאך גאלד. ווייל ווען ער וועט זעהן אז מיר שיקען איהם אזא אוצר מיט גאלד, וועט ער פערגרעסערען די אזוי אויך שווערע צינזען וואס מיר זיינען געצוואונגען צו צאהלען — האט פלת געזאגט.

— וואס פאר א נוצען האבען מיר דען פון דעם גאלד, אז מיר זיינען פערשקלאפט... אונזערע לעבענס זיינען שטענדיג אין געפאהר, אונזערע זיהן ווערען גאנץ אפט פון אונז אוועקגערויבט און געטויטעט... אויב עס זאל אזוי אנגעהן, וואס וועלען מיר האבען פון דעם גאלד וואס ליעגט ערגיץ וואו בעהאלטען — האט אהרן דער זוהן פון עמרם אויסגערופען — יא, איך גלויב אז נחשון איז גערעכט... אויב מיר וועלען געווינען דורך אונזער מתנה א שטיקעל טובה וועט שוין דאס ווערטה זיין.

— גוט, מיר וועלען טהאן ווי דו זאגסט אונז! — האבען זיך געהערט שטימען צווישען פאלק.

אין אווענד האט יעדער פון די אידען געבראכט פון זיין פערבליבענעם פערמעגען, ווער א שטיקעל גאלד, ווער א שטיקעל ציערונג און ווער א קאסטבארען שטיין.

מען האט אלעס צוזאמענגענומען און אריינגעלעגט אין א קעסטעלע און מען האט זי איבערגעגעבען אין די הענד פון עמינדב, נחשון'ס פאטער, און עמרם, דער פאטער פון משה און אהרן. ביידע זיינען פעררעכענט געווען פאר די עלטסטע פון דער געמיינדע.

אויף מארגען האבען עמינדב און עמרם גענומען די מתנה און אוועקגעגאנגען צו פרעה'ס פאלאץ.

מען האט געמעלדען דעם קעניג מענעפטא וועגען די צוויי אידען און ער האט זיי געהייסען גלייך אריינקומען צו איהם.

עמינדב און עמרם האבען זיך פערנייגט פאר פרעה'ן.

— אונזערע ברידער, די אידען פון מצרים, שיקען דעם האר קעניג זייער הארציגע ברכה צו זיין ארויפשטייגען אויף דעם טראן פון זיין פאטער און ווינשען איהם גליק און לאנגע יאהרען... און אלס צייכען פון זייער טרייהייט שיקען זיי דורך אונז דיעזע מתנה פאר דעם קעניג! — האט עמינדב געזאגט.

— עפענעט אויף און איך וועל זעהן וואס דארטען איז פאראן! — האט פרעה בעפוילען.

עמרם האט די קעסטעלע אויפגעעפענט און זי צוגעטראגען גאנץ נאהענט צו דעם קעניג און זי פאר איהם אוועקגעשטעלט, און פערנייגענדיג זיך, איז ער באלד צוריקגעגאנגען צו עמינדב'ן, וועלכער איז געשטאנען גאנץ ווייט פון טראהן.

מענעפטא האט בעטראכט די גאלד און די ציערונג וואס האט זיך דארטען געפונען, און ער האט זיך אפגערופען צו בלעם'ן, זיין הויפט מיניסטער, מיט א שמייכעל:

— מיינע צינזען אויפמאהנער האבען מיר בעריכטעט, אז זיי קענען די לעצטע צייט ניט אויפמאהנען קיין סך צינזען פון די אידען, ווייל זיי שרייען אז זיי זיינען ארים... יעצט אבער זעה איך, אז זיי זיינען נאך גאנץ רייך!

בלעם, דער זוהן פון בעור, איז געווען ניט נאר מענעפטא'ס הויפט מיניסטער, נאר ער איז געווען פעררעכענט פאר דעם גרעסטען מכשף פון מצרים. אויף איהם פלעגט מען זאגען, אז ער וויים וואס עס וועט פארקומען אין דער צוקונפט, און ווען ער בענשט אימיצען איז יענער געבענשט, און ווען ער שילט קומט אן זיין קללה.

פרעה האט געוואלט הערען וואס בלעם האט צו זאגען וועגען דער מתנה וואס די אידען האבען איהם געשיקט. ער האט חושד געווען, אז זיי זיינען דאמיט עפעס אויסען.

בלעם האט גוט בעטראכט די קעס־

טעלע און וואס עס געפינט זיך אינווייניג, און ער האט זיך אפגערופען:

— איך בין זיכער אז דיעזע מתנה האבען זיי דיר געשיקט, מיין האר קעניג, כדי דיך צו בעטען דו זאלסט פאר זיי גרינגער מאכען זייער ארבייט און פערקלענערען די צינזען. עס ווייזט אויך אז דיינע שקלאפען, די אידען, פערמעגען נאך זעהר פיעל גאלד, און עס איז ווינשענסווערטה אז זייער גאנץ פערמעגען זאל אריינקומען אין די אוצרות פון דיין מלוכה.

— אבער דו זעהסט דאך אז זיי לייקענען אז זיי פערמעגען נאך גאלד, און מיינע צינזען אויפמאהנער קענען קיין סך צינזען פון זיי ניט ארויסקריגען.

— געוויס האלטען זיי זייער גאלד בעהאלטען! — האט בלעם זיך אפגערופען — און עס וועט זיין גאנץ שווער דאס פון זיי ארויסצוקריגען, דעריבער איז מיין עצה אז דו זאלסט זייערע צוויי פארשטעהער אריינזעצען אין געפענגניס, און זיי ניט בעפרייען, ביז וואנען די אידען וועלען אריינבריינגען א געוויסע סומע גאלד אין דיינע אוצרות. און אזוי ווי זייערע פארשטעהער שיינען צו זיין זעהר חשוב'ע מענשען, וועלען זיי דאך ניט וועלען דערלאזען, אז זיי זאלען זיצען אין געפענגניס, דאן וועלען זיי שוין בריינגען וויפיעל גאלד מען וועט פון זיי פערלאנגען.

— דיין עצה געפעלט מיר זעהר, בלעם! — האט פרעה זיך אפגערופען — איך מוז ארויסקריגען פון מיינע שקלאפען זייער גאלד און קאסטבארע שטיינער. און אויב דאס וואס דו האסט מיר געזאגט זאל זיין ריכטיג, וועל איך האבען א גוטע אורזאכע זיי דערפאר צו ארעסטירען און דורכדעם וועל איך פיליכט קענען ארויסקריגען פון די אידען וואס מעהר פון זייער רייכטום.

פרעה האט א וואונק געטהאן צו עמרם'ן און עמינדב'ן און זיי זיינען נעהענטער צוגעקומען צו איהם.

— וואס איז אייער פערלאנג? — האט פרעה זיי געפרעגט.

עמינדב האט זיך פערנייגט און אפגערופען:

— מיר זיינען געשיקט געווארען פון אונזערע ברידער, די פערשקלאפטע אידען, מיט דער האפנונג צו געפינען חן אין דעם קעניג'ס אויגען, און ער זאל פערגרינגערען אונזער ביטערע לאגע... ווייל אונזערע לעבענס זיינען געווארען הפקר אין מצרים... יעדער איינער קען טהאן מיט אונז וואס ער וויל.. פאר אונז עקזיסטירט ניט קיין גערעכטיגקייט.. און אויך יענע שרעקליכע גזרה אריינצוווארפען אונזערע ניי־געבוירענע זיהן אין טייך ווערט גאנץ אפט נאך יעצט אויסגעפיהרט!...

— און א חוץ דעם, מעכטיגער פרעה! — האט עמרם צוגעגעבען פערנייגענדיג זיך — איז די ארבייט וואס עס איז אויף אונז ארויפגעלייגט געווארען זעהר שווער, עס איז אונערטרעגליך... דערצו ווערען מיר נאך געדריקט פון די צינזען אויפמאהנער, און אויב אימיצער פון אונזערע ברידער קען ניט בעהויפטען צו בעצאהלען די צינזען ווערט ער מערדערליך געשלאגען.

פרעה'ס פנים איז רויט געווארען פון כעס.

— איהר זייט אלע ליגנער און פוילער! — האט ער אויסגערופען דריקענדיג זיין פויסט — איך וויים, אז אלע אידען, מיינע שקלאפען, זיינען אנגעשאטען מיט גאלד, אבער איהר בעהאלט דאס און איהר ווילט ניט אפגעבען! ווען איהר ווילט פערלאנגען פון מיר איך זאל פערגרינגערען אייער ארבייט, אויף דעם געפינט איהר שוין גאלד! ניין, די ארבייט וועל איך ניט פערגרינגערען און די צינזען וועל איך פערגרעסערען ביז צוויי מאל אזוי פיעל! און אייך ביידען, די פארשטעהער פון מיינע שקלאפען, וועל איך אין געפענגניס אריינזעצען ביז וואנען אייערע ברידער וועלען האבען אויסגעצאהלט די גאנצע צינזען וואס איך וועל אויף זיי ארויפלייגען!

א ברייטער שמייכעל האט זיך בע־

וויזען אויף בלעם'ס פנים. ער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זיין פּאַלאַץ און צוגערופען צוויי פון פרעה'ס לייב וועכטער און זיי בעפוילען:

— עס איז דער וואונש פון דעם אלמעכטיגען פרעה, אז דיעזע צוויי אידען זאָלען געשמידט ווערען אין קייטען און איינגעשפּארט ווערען אין געפענגנים, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דעם פּאַלאַץ.

עמרם און עמינדב זיינען געפאַלען אויף זייערע פנים'ער און גענומען בעטען פרעה זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, און זאָל זיי צוריקשיקען צו זייערע ברידער, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען...

געשמידט אין קייטען האָט מען ביידען, עמינדב'ן און עמרם'ן אוועקגעפיהרט אין געפענגנים.

— בלעם, יעצט זעה איך אז דו ביזט א געטליכער מאַן — האָט פרעה זיך צו איהם אָפּגערופען — די נבואה פון די געטער רוהט אויף דיר. דו האָסט צוגעטראָפען וואָס די אידען האָבען אין זינען געהאַט ווען זיי האָבען מיר דיעזע מתנה געשיקט. דעריבער וויל איך אז דו זאָלסט ניט נאָר זיין מיין הויפּט מיניסטער, נאָר אויך דער הויפּט פּריסטער פון גאַנץ מצרים. דו זאָלסט האָבען די רעכט צו בעשטימען די פּריסטער פאַר אזירים, וואָס איז דער שטאַרקסטער גאָט פון מצרים.

— איך דאַנק דיר, מיין האר קעניג!

— האָט בלעם זיך א נייג געטהאָן — איך וועל דיר דיענען מיט מיין גאַנצען הארצען, און איך האָף אז מיין לעצטע עצה וואָס איך האָב דיר געגעבען וועט פערגרעסערען די אוצרות פון דיין מלוכה.

— איך וועל די אידען אָנלערנען ווי אזוי צו בעהאַלטען זייערע אוצרות פון מיר! — האָט פרעה אויסגערופען — אויב זיי וועלען ניט נאָכקומען מיינע פאָדערונגען און זיך ענטזאָגען ארויסצוגעבען זייער גאָלד, וועל איך זייערע צוויי פאָרשטעהער לאָזען טויטען.

— דאָס איז דער איינציגער וועג, מיין האר קעניג, זיי צו ברייגען צום שכל — האָט בלעם געזאָגט — ווען זייערע חשוב'ע און עלטסטע וועלען בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט, וועלען זיך די איבעריגע ארומזעהן, אז מען דארף פון פרעה'ן גאָרניט פערלייקענען.

צווייטער קאַפּיטעל
נייע גזרות

זעהר אומרוהיג זיינען די אידען פון גשן געוואָרען ווען דער אָוועגד איז אָנגעקומען און עמרם מיט עמינדב'ן האָבען זיך נאָך ניט צוריקגעקערט פון פרעה'ס פּאַלאַץ.

דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי מיט גרוים אומגעדולד געוואַרט צו הערען, וואָס דער נייער פרעה האָט זיי געענטפערט. עס איז כמעט ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען אז פרעה איז צופריעדען געווען מיט זייער מתנה און ער וועט מבטל זיין די שלעכטע גזרות פון זיין פאָטער. דעריבער האָבען זיך אלע געוואונדערט פאַרוואָס עס דויערט זיי אזוי לאַנג.

מען איז געלאָפען צו עמרם'ס הויז און פון דאָרטען צו עמינדב'ס הויז, אָבער אומזיסט. נאָך מעהר אומרוהיג און בעזאָרגט זיינען זייערע משפּחות געוואָרען. מען האָט זיך אָבער איינגע די אנדערע געטרייסט: פרעה איז נאָר וואָס ארויף אויפ'ן טראָהן, ער איז זעהר פערנומען און דעריבער געדויערט עס אזוי לאַנג.

ווען עס איז שוין געוואָרען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, און עמרם און עמינדב האָבען זיך נאָך אלץ ניט צוריקגעקעהרט, איז די זאַך אלעמען געוואָרען שטאַרק אויפפאַלענד. זאָל עס מעגליך זיין אז עפּעס האָט מיט זיי אויפ'ן וועג פּאַסירט?

— מיין זוהן! — האָט זיך יוכבד, עמרם'ס פרוי, אָפּגערופען צו אהרן — איך און דיין שוועסטער מרים זיינען שטאַרק בעזאָרגט. אפשר וואָלסטו צוזאַמען מיט נחשון געגאַנגען צו פרעה'ס פּאַלאַץ און אויסגעפינען די אורזאַכע

פאַרוואָס אייערע פאַטערס האָבען זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט פון דאָרט.

אהרן איז גלייך אריבער צו נחשון און ביידע זיינען אוועק צו פרעה׳ס פאַלאַץ.

אַלעס ארום איז געווען שטיל. די וועכטער זיינען ארומגעגאַנגען הין און צוריק נעבען דעם טויער פון פאַלאַץ.

— וואָס פערלאַנגט איהר דאָ? — האָט א וועכטער זיי אָפּגעשטעלט, ווען ער האָט דערזעהן אהרן און נחשון דערנעהענטערענדיג זיך צו דעם טויער...

— אונזערע פאַטערס האָבען געבראַכט דעם קעניג א מתנה פון אַלע אידען פון גשן — האָט נחשון איהם געענטפערט — און זיי האָבען זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט אהיים. זיינען מיר געקומען אויסגעפינען פאַרוואָס עס נעהמט זיי אזוי לאַנג.

— איך ווייס גאָרניט! — האָט דער וועכטער אויסגערופען — איך בין דאָ פון אנפאַנג אָוועגד און איך האָב קיינעם א חוץ פרעה׳ס מיניסטאָרען ניט געזעהן אריינקומען אָדער ארויסגעהן.

— פיליכט וועסטו אונז צולאָזען צו די אינוויינינגסטע וועכטער, מעגליך אז זיי וויסען עפּעס דערפון — האָט אהרן געבעטען דעם וועכטער.

— דאָס איז אונמעגליך! — האָט דער וועכטער אויסגערופען — אויב דו וועסט וואַגען יעצט אריינצוקומען אין דעם הויף פון דעם קעניגליכען פאַלאַץ, וועסטו שוין פון דאָרטען קיין לעבעדיגער ניט ארויסגעהן!

— וואָס זאָלען מיר איצט טהאָן? — האָט נחשון זיך אָפּגערופען צו אהרן — ווי אזוי וועלען מיר זיך קענען אומקעהרען צו אונזערע היימען ניט וויסענדיג וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט?

— מיר וועלען שוין זיין געצוואונגען איבערצונעכטיגען אין גאַס ביז עס וועט טאָג ווערען, און ווען די וועכטער וועלען זיך בייטען, וועלען מיר פיליכט פון איינעם פון זיי אויסגעפינען — האָט אהרן געזאָגט — מעגליך אז זיי זיינען פערהאַלטען געוואָרען אין פאַלאַץ, ווייל דער קעניג האָט קיין צייט ניט געהאַט זיי אויפצונעהמען, כאָטש עס איז מיר זעהר שווער צו פערשטעהן ווי אזוי אזא זאַך איז מעגליך... איך ווייס, אז ווען מענעפּטא דערהערט גאָלד, וועט ער ניט רוהען ביז וואַנען ער וועט עס ניט אריינקריגען אין זיין רשות..

— מעגליך אז מיר האָבען זיך אויסגעמידען און זיי זיינען שוין דאָ אין גשן? — האָט נחשון א זאָג געטהאָן.

— דו האָסט דאָך געהערט וואָס דער וועכטער האָט געזאָגט, אז ער האָט קיינעם ניט געזעהן ארויסקומענדיג פון פאַלאַץ.

— אויב אזוי, ווייס איך שוין גאָר ניט וואָס איבערצוקלערען — האָט נחשון א קוועטש געטהאָן מיט זיינע פּלייצעס.

— מיר האָבען קיין אנדער ברירה ניט! — האָט אהרן א זאָג געטהאָן — מיר וועלען מוזען וואַרטען.

ביידע האָבען שטילערהייד אוועקגעשפּאַצירט אין א זייטיג געסעל און זיך אוועקגעזעצט אונטער א פאַלמע בוים, און האָבען קוים דערוואַרט דעם פריהמאָרגען.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען זיינען זיי שוין געווען ניט ווייט פון די טויערען פון פאַלאַץ און געוואַרט ביז וואַנען די וועכטער וועלען זיך אומבייטען.

מיט קלאַפּענדע הערצער זיינען זיי ביידע געשטאַנען. די צייט האָט זיך זעהר לאַנגזאַם געצויגען. ענדליך האָבען זיי בעמערקט ווי די וועכטער קומען אָן און בייטען זיך מיט די אנדערע.

גאַנץ שנעל זיינען ביידע, אהרן און נחשון צוגעגאַנגען צום וועכטער און האָבען איהם געפרעגט וועגען זייערע פאַטערס.

דער וועכטער האָט אויף זיי געקוקט מיט א שפּאָטישען בליק און זיך אָפּגערופען:

— יא, איך האָב נעכטען אריינגעלאָזען אזעלכע צוויי אידען, און ווען איך האָב זיי געזעהן ארויסקומענדיג, וויינען זיי געווען געשמידט אין קייטען און פרעה׳ס לייב וועכטער האָבען זיי

בעגלייט ביז דעם געפענגנים... ווי עס ווייזט אויס האָבען זיי שטאַרק געזינדיגט געגען אונזער מעכטיגען קעניג, און זיי וועלען שוין זייער שטראָף בעקומען.

— אָבער, זאָג מיר, פיליכט ווייסטו אין וואָס פאר א פערברעכען מען בעשולדיגט זיי! — האָט אהרן אויסגערופען און זיין פנים איז געוואָרען בלייך...

— דאָס ווייס איך ניט! אָבער איין זאַך ווייס איך, אז די פערברעכער וועלכע ווערען געבראַכט אין יענעם געפענגנים געשמידט אין קייטען, געהען שוין פון דאָרטען קיין לעבעדיגע ניט ארויס!

— אָבער אונזערע פאַטערס זיינען דאָך אומשולדיג! — האָט נחשון אויסגערופען און די טרערען האָבען איהם אין האַלז געשטיקט.

דער וועכטער האָט זיך הילכיג פאַנאנדערגעלאַכט און זיך פון זיי אָפגעקעהרט.

— מעגליך אז ער מאַכט שפאַס מיט אונז! — האָט נחשון א זאָג געטהאָן צו אהרן אין דער שטיל. ער וויל זיך דאָס מיט אונז א רייץ טהאָן.

— אָבער פאַרוואָס האָבען זיי זיך ניט אומגעקעהרט? — האָט אהרן אויסגערופען מיט גרויס פערצווייפלונג — לאָמיר אריבערגעהן צו דעם וועכטער פון געפענגנים, פיליכט וועלען מיר פון איהם עפעס קענען דערגעהן.

זיי זיינען באַלד אהין אוועקגעגאַנגען. און ווען דער אויפזעהער פון געפענגנים האָט בעשטעטיגט די רייד פון יענעם וועכטער, זיינען זיי ביידע געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט... א טויט שרעק איז אויף זיי אַנגעפאַלען... זיי האָבען זיך ביידע איבערגעקוקט און א היבשע ווילע קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען.

— וואָס שטעהען מיר דאָ! — האָט אהרן אויסגערופען — מיר מוזען גלייך לויפען נאָך גשן אַנצוזאָגען אַלעמען וועגען דעם אומגליק, מעגליך אז עפעס וועט קענען געטהאָן ווערען זיי ארויסצוראַטעווען!

— מיין מוטער און שוועסטער וועלען דאָס ניט אריבערטראָגען! — האָט נחשון אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע.

— לאָמיר האָפען צו גאָט, אז אונז וועט געלינגען צו בעווייזען זייער אומשולד... נאָך אַלעמען האָבען זיי דאָך קיין פערברעכען ניט בעגאַנגען... עס האָט געוויס געמוזט פאַרקומען א מיספערשטענדניס... און ווי נאָר אַלעס וועט קלאָר ווערען וועט מען זיי פריילאָזען.

— אָבער דו האָסט דאָך געהערט וואָס דער וועכטער האָט געזאָגט, אז פון יענעם געפענגנים קומט מען זעלטען ארויס א לעבעדיגער — האָט נחשון ניט אויפגעהערט צו יאָמערען.

— מעגליך — האָט אהרן ווי צו זיך גערעדט — אז אייניגע פון אונזערע ברידער האָבען זיך ניט געוואָלט שיידען מיט זייער גאָלד און קאָסטבאַרע שטיינער, האָבען זיי געבראַכט פאַלשע גאָלד און פרעה האָט עס גלייך אויסגעפונען... אָבער ניין, דאָס איז דאָך אונמעגליך! קיינער וועט אזא פערברעכען ניט בעגעהן, ווייל יעדער איינער ווייס אז דאָס וואָלט געשטעלט די לעבענס פון אַלע אידען אין געפאַהר.

ווען אהרן און נחשון האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין גשן זיינען שוין כמעט אַלע געוועזען אוועק צו זייער שווערע ארבייט... בלויז די פרויען און די גאַנץ יונגע און אַלטע שוואַכע זיינען פערבליבען.

באַלד איז די שרעקליכע נייעס פערשפרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער שטאָדט... עס האָט אויסגעבראָכען א געוויין און א יללה צווישען די פרויען... נחשון'ס מוטער און שוועסטער האָבען גע'חלש'ט, ווען די נייעס האָט זיי דערגרייכט. יוכבד און מרים האָבען זיך ניט פערלאָרען, און גלייך גענומען טראַכטען וואָס פאַר א מיטלען אַנצואווענדען כדי זיי צו בעפרייען.

— ווען בתיה, די פרינצעסין, וואָלט יעצט געלעבט! — האָט מרים אויסגערופען מיט בעדויערען — וואָלט איך

שוין גאָר ניט געדאַרפט זאָרגען. אָה, זי איז געווען אַ נאָבעלע נשמה! זי איז אָבער יונג פון דער וועלט געגאַנגען. זינט משה איז געצוואונגען געווען צו אַנטלויפען פון מצרים, האָט זי ניט אויפגעהערט צו טרויערען און זאָרגען, און דאָס האָט איהר געזונט אונטערגעגראָבען.

— ווער ווייס, מיין טאָכטער! — האָט יוכבד געווישט איהרע טרערען — ווען מיין זוהן משה וואָלט יעצט דאָ געווען, וואָלטען מיר אפשר ניט געקומען צו אַזעלכע צרות... אָבער גאָט ווייס וואו ער איז און וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט דורך אַזוי פיעל יאָהרען!

— און איך מוז דיר זאָגען, מוטער, אַז מיין האָפנונג איז אין מיר יעצט נאָך שטאַרקער ווי אימער, אַז משה וועט זיך נאָך צוריקקעהרען און העלפען בעפרייען אונזער אומגליקליך פאָלק!

— דערווייל אָבער ווערט אונזער לאַגע נאָך שרעקליכער און מעהר טרויעריג! — האָט יוכבד געזיפצט.

— איך וועל פּראָבירען אריבערגעהן אין פּאַלאַץ! — האָט מרים אויסגערופען.

— אָה, ניין מיין שוועסטער! — האָט אהרן אויסגערופען — יעצט וועסטו גאָר ניט קענען אויפטהאָן... דיין איבערגעגעבענע פריינדין איז שוין מעהר ניטאָ און דו קענסט נאָך אויף זיך אַרויפברינגען אַ צרה... מיר מוזען צואוואַרטען ביז וואַנען מיר וועלען אויסגעפינען אין וואָס זיי ווערען בעשולדיגט, דאַן וועלען מיר וויסען וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

נאָך האַלבען טאָג זיינען אין גשן אָנגעקומען צוויי בעאַמטע פון פּרעה רייטענדיג אויף פערד און האָבען צוזאַמענגערופען אַלע אידען, האָבען פאַר זיי פאַרגעלייענט די נייע גזרה פון דעם קעניג מענעפּטאַ:

”דער אַלמעכטיגער הייליגער פּרעה, הערשער פון מצרים, לאָזט וויסען זיינע שקלאַפען, די ישראלים, אַז אַלע געזעצען און גזרות וואָס זיין פאָטער, רעמסס דער צווייטער, האָט בעשטימט פאַר זיינע שקלאַפען, בלייבען אין קראַפט... נאָך מעהר: פון היינט אָן און ווייטער, וועלען די אידען מוזען טהאָן זייער אַרבייט זיבען טעג אַ וואָך אַנשטאָט זעקס...”

”דער קעניג מענעפּטאַ מאַכט אויך בעקאַנט די ישראלים, אַז זיי האָבען ניט געטהאָן זייער פליכט מיט די צינזען וואָס זיינען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרען, אָנגעבענדיג פערשידענע סבות און זוכענדיג זיך אַרויסצודרעהען, האָבען זיי גע'טענה'ט אַז זיי זיינען אָרים און זיי האָבען מעהר קיין גאָלד, און יעצט האָט פּרעה אויסגעפונען, אַז זיינע שקלאַפען זיינען רייך און זיי פערמעגען נאָך זעהר פיעל גאָלד... דעריבער האָט ער געלאָזט אַרעסטירען די צוויי פאָרשטעהער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען מיט דער מתנה פון זיינע שקלאַפען, און דער קעניג פערלאַנגט אַז אַלע אידען פון גשן זאָלען איבערגעבען זייער גאַנץ רייכטום אין פּרעה'ס אוצרות... דער קעניג האָט בעשטימט, אַז הונדערט טויזענד שטיקער גאָלד מוזען אַריינגעבראַכט ווערען אין זיין שאַץ־קאַמער אין משך פון איין יאָהר, און אויב דאָס וועט ניט געטהאָן ווערען, וועלען די אידישע פאָרשטעהער געטויטעט ווערען.”

ווען די בעאַמטע האָבען געענדיגט פאַרלייענען, זיינען זיי שנעל אוועקגעריטען.

אַ יאָמערליכער געוויין האָט גלייך אויסגעבראָכען אין די גאַסען פון גשן... אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַלען אויף אַלעמען...

— דער זוהן איז נאָך ערגער פון זיין פאָטער! — האָט אימיצער אויסגערופען — און מיר האָבען זיך אומזיסט געפרעהט.

— האָב איך דען ניט געזאָגט, אַז אַזוי וועט דאָס זיין — האָט פלת אויסגערופען — איך האָב פערשטאַנען אַז

אזוי וועט עס זיין. אויב מיר וועלען שיקען פּרעה'ן אזא אוצר מיט גאָלד, וועט ער פון אונז נאָך מעהר פערלאַנגען.

— הונדערט טויזענד שטיקער גאָלד! ווי אזוי וועט עס פאר אונז מעגליך זיין עס דורכצופיהרען!

— מיר וועלען זיך מוזען משתדל זיין ביי איהם, פיליכט וועט ער עס ווינציגער מאכען.

— און אפילו ווען ער וועט אונז נאָכגעבען און העלפט ארונטערלאָזען דערפון, וועלען מיר דען עס קענען בעהויפּטען נאָכצוקומען זיין פערלאַנג? האָט דען יעדער פון אונז ניט אָפּגעגעבען דאָס לעצטע וואָס ער האָט געהאט.

— אונזער לאַגע איז טרויעריג! — האָט אהרן זיך אָפּגערופען — יא, נאָך מעהר טרויעריג ווי עס איז געוועז פריהער! אָבער מיר וועלען מוזען עפּעס טהאָן! וועלען מיר דען קענען דערלאָזען, אז מיין פאָטער און עמינדב זאָלען געטויטעט ווערען?!

— מיר וועלען דערווייל זעהן צו בריינגען וויפיעל גאָלד מיר פערמאָגען, און דערנאָך זעהן וואָס מיר האָבען ווייטער צו טהאָן.

— מיר וועלען פערקויפען אלעס וואָס מיר האָבען — האָט נחשון זיך אָפּגערופען — און מיר וועלען זיי אויסלייזען פון פּרעה'ס אכזריות'דיגע הענט.

— יעצט וועלען מיר שוין זיין אין גאַנצען רואינירט! — האָט יצהר, עמרם'ס ברודער זיך אָפּגערופען — מיר פערבלייבען דיזעלבע שקלאַפען און דערצו וועלען מיר זיין געצוואונגען צו ארבייטען זיבען טעג א וואָך... און אונזער גאַנץ רייכטום וועט געהן לאבוד... אָבער ווי עס ווייזט אויס וועט אונז קיינע טענות ניט העלפען. יעדער פון אונז וועט מוזען אָפּגעבען דאָס לעצטע, כדי צו ראַטעווען אונזערע צוויי פאַרשטעהער פון טויט. מיר וועלען זיך מוזען אָנשטרענגען מיט אלע אונזערע כחות.. און ווען דאָס וועט ניט זיין גענוג, וועלען מיר דאן זוכען אנדער מיטלען...

— פאָטער! — האָט זיך קרח אָפּגערופען צו יצהר'ן — עס האָבען זיך דאָך ניט לאַנג ארומגעטראָגען קלאַנגען, אז דער קעניג וויל בויען אן אויסערגעוועהנליכע געביידע און ער וויל האָבען די בעסטע ארכיטעקטען פון לאַנד, מעגליך אז דו וועסט אויך גערופען ווערען צו דער בעראַטונג און דאן וועסטו פיליכט קענען פועל'ן ביי פּרעה'ן ער זאָל דיין ברודער און עמינדב'ן בעפרייען.

— מיין זוהן! — האָט יצהר איהם געענטפערט — געוויס וועט דער קעניג פריהער זוכען א גוטען ארכיטעקט פון די מצריים...

— אָבער ווער קען זיך דאָס צו דיר גלייכען, ליעבער פאָטער? האָט דען דער פערשטאָרבענער פּרעה אליין ניט צוגעגעבען, אז דו ביזט דער בעסטער ארכיטעקט פון גאַנצען לאַנד? איך בין זיכער אז אויב מענפּטא וועט וועלען בויען אן אויסערגעוועהנליכע געביידע, וועט ער זיך מיט דיר בעראַטען!

— הלואי זאָל עס אזוי זיין, מיין זוהן! דאן וואלט איך האבען א געלעגענהייט צו בעטען פּרעה'ן ער זאָל פאַרגרינגערן אונזער לאַסט! אבער מיר קענען זיך דערווייל אויף דעם נישט פערלאָזען. איך בין דער ערשטער צו ברענגען דאס לעצטע וואס איך פערמאָג, איך וועל פערקויפען וואס נאָר עס וועט זיין מעגליך און זאלען אלע פון אייך נאָכטהאָן מיין ביישפּיעל, אפשר וועט זיך גאָט איבער אונז מרחם זיין!

עטליכע טעג האט געדויערט ביז וואָנען יעדער איינציגער פון די אידען האָבען געבראכט דאס לעצטע וואס זיי האבען פערמאָגט און ווען דאס אלעס איז איבערגעצעהלט געוואָרען האט מען אויסגעפונען אז מעהר ווי דרייסיג טויזענד שטיקער גאָלד האט מען דערפון נישט געקענט ארויסקריגען.

— דאס איז נאָך ווייט נישט גענוג! —האט נחשון אויסגערופען — אבער מיר וועלען דאס אוועקפיהרען צו פּרעה'ן און איהם זאגען אז דאס האבען מיר געטהאָן איבער אונזערע כוחות און מעהר קיין גאָלד האבען מיר נישט!

— ווער וועט אבער יעצט געהן צו פרעה'ן — האט פלת זיך אפגערופען— וואס וועלען מיר טאהן אויב פרעה וועט דיזע שלוחים אויך פערהאלטען און פערלאנגען נאך מעהר גאלד זיי אויסצולייזען.

קיינער פון פאלק האט זיך נישט געריהרט פון ארט, א פחד איז אנגעפאלען אויף יעדען איינעם.,

— איך וועל געהן! — האט זיך אהרן אפגערופען—און ווער נאך וויל מיטגעהן מיט מיר?

— איך וועל מיט דיר מיטגעהן! — האט זיך נחשון צו איהם געווענדעט.

— ניין, עס איז נישט ראטהזאם אז איהר ביידע זאלט געהן צו ריידען צו פרעה'ן! — האט יצהר זיך אפגערופען - -ווייל די ארעסטירטע זיינען אייערע פאטערס קענט איהר נאך זיי מעהר שאדען טאהן ווי גוטעס, אויב יע געהן און ריידען צום קעניג וואלט מיין עצה געווען אז די טעכטער פון די ארעסטירטע זאלען קומען צו פרעה'ן און איהם איבערגעבען די צווייטע מתנה. פרויען וועט פרעה נישט ארעסטירען און זיי וועלען מעגליך גיכער פועל'ן ביי פרעה'ן ווי אימיצער פון די מענער... יע, זאלען אלישבע און מרים געהן!

— פאטער! — האט קרח זיך אפגערופען—פיליכט וועט מיט זיי עפעס פאסירען?! — אלישבע איז דאך אזוי יונג און אונערפאהרען זאל א צווייטע פרוי געהן מיט מרים'ן.

— ווייל זי איז יונג און שעהן! וועט זי א סך מעהר אויפטאהן פון אן אנדערער! — האט יצהר איהם געענטפערט. און ווענדענדיג זיך צו אלישבע'ן האט ער איהר געפרעגט:

— שרעקסטו זיך צו געהן צו דעם קעניג? אלישבע?

— ניין, איך שרעק זיך נישט! — האט אלישבע אויסגערופען—וואלט איך דען מיין לעבען נישט אפגעגעבען צו בעפרייען מיין פאטער? יע, איך וועל געהן מיט מרים'ן.

די גאלד איז אריינגעלייגט געווארען אין קעסטלאך און די קעסטלאך האט מען אוועקגעלייגט אויף א גרויסען וואגען, געטריבען מיט זעקס פערד.

מרים און אלישבע זיינען אפריהער געפאהרען אין א קליינע קארעטע און ווען זיי זיינען צוגעפאהרען צום פאלאץ, האט מען זיי פערהאלטען.

מרים האט די וועכטער ערקלערט דעם צוועק פון זייער קומען און נאכדעם ווי מען האט געמאלדען פרעה'ן זיינען זיי ערלויבט געווארען אריינצוקומען אינווייניג. דעם וואגען מיט די גאלד האבען שוין די וועכטער אליין אריינגעפיהרט אין הויף פון פאלאץ, ווייל די טרייבער וועלכע האבען דעם וואגען געטריבען, האבען זיך געשראקען אריינצוגעהן אין הויף פון פאלאץ, זיי האבען בלויז צוגעפיהרט דעם וואגען ביז דעם טויער און זיך גלייך אפגעטראגען.

מיט קלאפענדע הערצער און טויטבלאסע פנים'ער זיינען מרים און אלישבע צוגעקומען צו פרעה'ן און זיך פערנייגט.

— ווער זייט איהר?! — האט פרעה אויסגערופען מיט א בייזע שטימע, ניט קוקענדיג אין זייער ריכטונג.

— מיר זיינען די טעכטער פון די ארעסטירטע! — האט מרים געענטפערט.

— און וואס פערלאנגט איהר? — איז פרעה'ס שטימע נאך בייזער געווארען.

— מיר האבען פרעה'ס בעפעהל געטאהן און געבראכט די צינזען וואס עס איז אויף די אידען פון גשן ארויפגעלייגט געווארען.

—הונדערט טויזענד שטיקער גאלד?

— האט פרעה ברייט אויפגעעפענט זיינע אויגען.

— ניין, מעכטיגער פרעה! אין גאנצען איז פאר אונז אונמעגליך געווען צו ברייגנען. יעדער פון אונז האט דאס לעצטע אוועקגעגעבען. מיר האבען פערקויפט אונזערע ציערונג און וואס נאר מיר האבען געקענט ביז מיר האבען צוזאמענגעקליבען דרייסיג טויזענד שטיקער גאלד... און יעצט זיינען מיר געקומען בעטען פרעה זאל מיט אונז טאהן

א חסד און בעפרייען אונזערע פאטערס וועלכע זיינען דאך זיכער אומשולדיג!

— ניין! — האט פרעה אויסגערופען—זיי וועלען נישט בעפרייט ווערען, ביז וואנען די פולע סומע וואס איך האב אויף מיינע שקלאפען ארויפגעלעגט וועט אריינגעבראכט ווערען אין מיינע אוצרות... יעצט זעה איך אז א חוץ וואס די אידען זיינען פוילער און ווילען נישט טאהן זייער ארבייט, זיינען זיי אויך ליגנער. ווען מיינע ציינזען אויפמאהנער פלעגען קומען צו זיי אויפמאהנען די ציינזען, האבען זיי געזאגט אז זיי זיינען ארעם און קענען נישט בעהויפטען צו צאהלען אזעלכע ציינזען. יעצט, אז די ישראלים האט זיך פערוואלט איך זאל זייער ארבייט פערגרינגערן, האט זי' שוין ביי זיי געפונען גאלד. און דעריבער זאג איך נאך אמאל, אז אזוי לאנג ווי די בעשטימטע צאהל גאלד וואס איך האב אויף זיי ארויפגעלייגט וועט ניט אריינגעבראכט ווערען דורך דער צייט פון א יאהר, וועלען זייערע פארשטעהער געטויטעט ווערען!

— אבער מיין האר קעניג! — האט מרים געוויינט—דאס איז דאך אן אונמעגליכע זאך! די אידען זיינען דאך יעצט אין גאנצען פעראָרימט געווארען.

— קיין זאך וועט זיי נישט העלפיזן, אזוי וועט עס בלייבען! — האט פרעה אויסגערופען און אומגעדרעהט זיין קאפ.

פרעה האט בעפוילען מען זאל איבערצעהלען די גאלד וואס עס איז נאר וואס געבראכט געווארען, און עס אריינברייגען אין זיין שאץ קאמער.

מרים און אלישבע האבען מיט טרויעריגע געמיטהער פערלאזען דעם פאלאץ. פאר זייערע אויגען האט עפעס געגומען שווינדלען און ווען זיי זיינען אנגעקומען אין גשן, האבען זיי שוין גאר נישט געדארפט ריידען. אלע האבען פערשטאנען אז זייער מיה איז געווען אומזיסט.

א שטילער געוויין האט אנגעפילט די לופט פון גשן מיט געבויגענע קעפ און פערזארגטע פנים'ער זיינע אלע געשטאנען, און מיט יאוש'דיגע בליקען געקוקט אויף די צוקונפט.

דריטער קאפיטעל

קרח'ס אייפערזוכט

א היבשע צייט איז פאריבער און די טרויעריגע שטימונג וואס האט געהערשט צווישען די אידען איז אויף א האר ניט געמינערט געווארען. יעדער האט געפיהלט אז עס איז שוין נישטא אויף וואס צו האפען. דער נייער פרעה מענעפטא האט זיי זעהר שטארק ענטוישט; ער איז נאך א גרעסערער רשע ווי זיין פאטער און אומזיסט האבען זיי זיך אויך געפרעהט אויף דעם טויט פון פרעה'ס מיניסטער טאגער. בלעם שטייגט איהם אריבער אין רשעות.

די כמארע איבער די הימלען פון גשן איז מיט יעדען טאג גרעסער געווארען די צוויי פון די וויכטיגסטע פארשטעהער, עמרם און עמינדב זיינען אונטער דעם שאטען פון טויט, און אלע אידען זיינען הילפלאז... זיי האבען אפגעגעבען דאס לעצטע, איבער זייערע כוחות, אבער עס איז נאך גאנץ ווייט פון דער סומע וואס פרעה פערלאנגט. א חוץ דעם, האבען די מצריים גענומען נאך שטארקער דריקען די אידען זיי האבען די ארבייט שווערער געמאכט. יעדער איינער מוז אפמאכען א בעשטימטע צאל ציגעל א טאג, און ווען עס פעהלט עטוואס, ווערען זיי פון די בעאמטע מערדערליך געשלאגען.

דער שבט לוי וועלכער איז נישט געווען פערשקלאפט צו פרעה, האט יעצט אבער אויך אנגעהויבען פיהלען די אונטערדריקונג. אלע פון דעם שבט האבען אוועקגעגעבען זייער גאנצען פערמעגען כדי צו בעפרייען עמרם און עמינדב'ן. אבער דאס האט נישט געהאלפען. די צייט איז שנעל געפלויגען. באלד וועט זיך ענדיגען דאס יאהר, און פרעה וועט זיכער דורכפיהרען זיין דראהונג און וועט זיי לאזען טויטען.

מעהר פיהלענד און שטארקער האט זיך געמערקט דער טרויער און פערצווייפלונג אין די צוויי משפחות פון

עמרם און עמינדב. טאג און נאכט זיינען געזעסען די פרויען פון די ארעסטירטע און האבען ביטער געוויינט אויף דעם גורל פון זייערע מענער. אלישבע, די טאכטער פון עמינדב'ן האט צוזאמען מיט מרים'ן נישט אויפגעהערט צו געהן צו יעדען אידען אין הויז, צו זעהן פילייכט וועט מען קענען צונויפמאכען נאך געלד פאר פרעה'ן אבער זייער מיה איז געווען אומזיסט. די אידישע רייכטום איז אין גאנצען ערשעפט געווארען.

— וואס וועלען מיר טאהן? — האט אלישבע זיך אפגערופען צו מרים'ן—ווען נאך א גאנצען טאג געהן, האבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט ליידיגען—וועלען מיר דען קענען צוזעהן דעם טויט פון אונזערע פאטערס?

—אלישבע! — האט איהר מרים געטרייסט—מיר טארען אונזער האפנונג נישט פערליען. מיר דארפען זיך פערלאזען אויף גאט. ער איז דער פיהרער פון דער וועלט, און מיר קענען זיינע וועגען נישט פערשטעהן. גאט וועט זיין פאלק ישראל בעשיצען פון אל דאס בייז. עס וועט קומען א צייט און מיר וועלען בעפרייט ווערען פון דער שקלאפעריי און מיר וועלען געהן צוריק ו דעם לאנד פון אונזערע עלטערן.

— אבער מיט וואס האבען מיר אזוי פערזינדיגט נעגען .אט אז ער זאל אונז אזוי שווער בעשטראפען. אזוי פיעל יאהרען זיינען מיר פערשקלאפט ביי די גרויזאמע מצריים. מיר האבען פון קיין איין גוטען טאג נישט געוואוסט. זיינען דען אונזערע עלטערן געווען אזוי זינדיג אז גאט דארף אונז פאר דעם בעשטראפען?!

— גאט האט פערשפראכען צו אברהם'ן, דעם פאטער פון אונזער פאלק, אז ער וועט זיינע קינדער מאכען פאר א גרויס און מעכטיג נאציאן — האט אהרן זיך אפגערופען צו אלישבע—אבער כדי א פאלק זאל אפשאצען פרייהייט מוז עס פריהער זיין פערשקלאפט. דאס וועט אונז אויסלייטערן און אונז צוגרייטען צו זיין אן אונאבהענגיגעם פאלק, כדי מיר זאלען נאכהער ווערטה זיין אנגערופען צו ווערען אלס אויסדערוועהלטע פון גאט, און טאקע דעריבער האט דער אלמעכטיגער געזאגט צו אברהם'ן אז איידער מיר וועלען צוריקקריגען אונזער לאנד, דאס לאנד כמען, וועלען מיר זיין אונטעריאכט און געפייניגט ווערען אין דער פרעמד, אבער נאכהער וועלען זיי בעפרייט ווערען און זיין גליקליך, זעהסטו דאך אז די ערשטע האלבע פערשפרעכונג פון גאט איז מקויים געווארען. וועט דען ניט מקויים זיין אויך די צווייטע פערשפרעכונג.

אלישבע האט אויף אהרן געקוקט מיט דאנקבארע אויגען. זיינע רייד זיינען צו איהר געווען ווי א באלזאם צו איהר פערוועהטאגטע נשמה. יעדעס מאל וואס אהרן פלעגט צו איהר ריידען, פלעגט זי פערגעסען איהרע ליידען און שמערצען און אין הארצען פלעגען זיך צובליהען נייע האפנונגען, אויף א גליקליכער צוקונפט. זיינע ווערטער פלעגען אויף איהר מאכען א וואונדערבארען איינדרוק. איהר וואלט נישט נמאס געווארען צו זיצען טאג און נאכט נעבען אהרן און הערען זיינע ליעבליכע טרייסט ווערטער. אלישבע איז געווען א גאנץ יונגע מיידעל, זי איז געווען שעהן ווי א בליהענדע בלום און זי האט בעזעסען זעהר א צארטע נשמה. זי פלעגט מיטפיהלען יעדען ליידענדען און אונטערדריקטען און כאטש מרים איז געווען א סך עלטער פון איהר, זיינען זיי געווארען צוגעבונדען איינע צו דער צווייטער ווי צוויי שוועסטער. מרים האט אלישבע'ן זעהר ליעב בעקומען און אלישבע פלעגט זיך זעהר אפט געפינען אין עמרם'ס הויז.

אהרן איז בעצויבערט געווארען פון אלישבע'ן, ער האט אין איהר געזעהן די פערקערפערונג פון זיינע טרוימען. ער האט געזעהן אז א חוץ איהר אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט בעזיצט זי אלע גוטע מעלות וואס א אידישע טאכטער דארף האבען. אהרן האט זעהר ליב געהאט צו פערברייגען אין אלישבע'ס געזעלשאפט.

אלישבע האט אויף פערגעטערט

אהרן. זי פלעגט שלינגען זיינע קלוגע רייד. זי האט געקענט אפזיצען טעג און נעכט און זיך צוהערען צו זיין אנגענעהמע שטימע, דאן פלעגט זי ווערען איהרע גאלדענע חלומות.

אפט האט מען געקענט זעהן מרים'ן און אלישבע שפאצירענדיג אין דער בעגלייטונג פון אהרן און נחשון און דעריבער האט נישט לאנג גענומען און אין גשן האט מען גענומען ריידען: נחשון וועט הייראטען מיט מרים'ן און אהרן מיט אלישבע'ן.

וואס שטארקער דיזע קלאנגען האבען זיך גענומען פערשפרייטען אין גשן, אלץ מעהר האבען זיי בעאומרוהיגט קרח'ן דעם זוהן פון יצהר. קרח האט שוין פון לאנג געהאט אן אויג אויף אלישבע'ן. ער האט געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען זיך צו געפינען אין דער געזעלשאפט פון אלישבע'ן. ער האט זיך בעפריינדעט מיט איהר ברודער נחשון און דעריבער האט קרח געברענט מיט אייפערזוכט אויף זיין קאזין אהרן, ווען ער פלעגט בעמערקען אז אהרן ציהט צו איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט.

קרח איז געוועזן א געזונטער און העלדישער יונג און פלעגט זיין אן אפטער בעזוכער פון עמרם'ס זיין אנקעל'ס הויז. ער פלעגט אהין קומען נישט אזוי צוליעב זיין קוזין אהרן, ווי צוליעב נחשון וועלכער איז געוועזן שטארק בעפריינדעט מיט אהרן און פלעגט זיך געפינען כמעט יעדען טאג אין זיין הויז.

קרח האט געזוכט צו פערקניפען א נעהענטערע פריינדשאפט מיט נחשון, כדי דורך איהם זאל ער נאכהער קענען געווינען זיין שוועסטער'ס אלישבע'ס הארץ.

קרח פלעגט זיך שטענדיג בעריהמען פאר נחשון וועגען די גרויסקייט פון זיין פאטער, יצהר.

— מיין פאטער—פלעגט קרח אפט זאגען צו נחשון—איז דער בעסטער ארכיטעקט פון גאנץ מצרים. ער האט פיעלע פראכטפולע געביידעס געבויט פאר דער קעניגליכער פאמיליע! און זיין נאמען איז בעריהמט געווארען איבער דעם גאנצען לאנד.

— יע, דיין פאטער גיעט אפ זיין גאנצען כח און ענערגיע פאר מצרים!—האט נחשון זיך צו איהם אפגערופען—און אין אונזער משפחה געפינט זיך בצלאל, דער זוהן פון אורי אויף וועמען אלע זאגען, אז ער איז א גרויסער קינסטלער, ער קען בויען די שעהנסטע געביידעס און דערצו קען ער טהאן פיעלע אנדערע קונסט ארבייט, אבער ער האט מיר געזאגט, אז פאר די מצריים וועט ער זיך גארנישט ארויסווייזען אלס קינסטלער. ווען די צייט וועט קומען און מיר וועלען בעפרייט ווערען פון מצרים און מיר וועלען געהן נאך אונזער לאנד, דאן וועט ער צייגען פאר אלע אידען וואס ער קען... ער וועט בערייכערן אונזער פאלק מיט זיינע קונסט ארבייט, און ער וועט ברענגען רוהם און שטאלץ צו גאנץ ישראל.

— דו דארפסט אבער וויסען, נחשון—האט זיך קרח צו איהם אפגערופען—אז טהיילווייז דארפען אלע אידען בעדאנקען מיין פאטער, וואס פרעה האט געלאזען די אידען רוהען אום שבת.

— לויט ווי איך ווייס—האט נחשון געזאגט—איז עס געוועזן משה, אהרן'ס ברודער! ווען ער איז געוועזן אין פרעה'ס פאלאץ און אויפגעבראכט געווארען אלס דער זוהן פון פרעה'ס טאכטער, האט ער דאן גע'פועל'ט ביי פרעה'ן ער זאל געבען איין טאג רוה צו אלע אידען.

— אבער דו פארגעסט, אז זינט משה איז ענטלאפען פון מצרים — האט קרח איהם געענטפערט—האט פרעה שוין נישט איין מאל געוואלט צונעהמען דעם פרייען טאג ביי די אידען, אבער מיין פאטער האט אויסגעווירקט, אז די אידען זאלען דעם טאג שבת האבען אלס פרייע..

— אבער וואס האבען מיר יעצט דערפון—האט נחשון מיט אומעט געזאגט—דער נייער פרעה האט דאך פארט דיזען טאג פון אונז אוועקגענומען... יעצט זייען מיר ווידער פערשקלאפט גאנצע זיבען טעג אין וואך. און א חוץ דעם איז

מיין פאטער און דער פאטער פון מרים'ן אונטער דעם שאטען פון טויט.

— איך גלויב, אז מיין פאטער וועט געווים קענען עפעס טהאן פאר מיין אנקעל און דיין פאטער! — האט קרח געזאגט — לויט ווי איך האב געהערט פלאנעוועט פרעה צו בויען אן אויסערגעוועהנליכע געביידע נעבען זיין פאלאץ. פיעלע ארכיטעקטארען פון די מצריים זיינען גערופען געווארען, און דערווייליג איז נאך קיינער פון די פלענער וואס די מצרישע ארכיטעקטען האבען איבערגעגעבען, פרעה'ן נישט געפעלען געווארען.

— פון וואנען ווייסטו עס אלעם? — האט איהם נחשן געפרעגט.

— אויב דו וועסט מיר פערשפרעכען דאס צו האלטען בסוד וועל איך דיר דערצעהלען — האט קרח זיך אפגערופען צו נחשן.

— דו ווילסט איך זאל וועגען דעם מיט קיינעם נישט ריידען? — האט איהם נחשן געפרעגט.

— דערווייליג זאלסטו מיט קיינעם נישט ריידען וועגען דעם... אויסער געוועהנליך מיט דיין שוועסטער אלישבע... איך ווייס, אז איהר קען מען אנפערטרויען אלע סודות, זי וועט עס האלטען פערבארגען אויב מען וועט פון איהר פערלאנגען.

א לייכטער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף נחשן'ס ליפען און ער האט געזאגט — גוט, דערצעהל מיר איך פערשפרעך דיר דאס צו האלטען בסוד און; אפילו מיין שוועסטער וועל איך נישט דערצעהלען.

— אין פתם געפינט זיך א מצרי מיט'ן נאמען הרהור. ער איז א בעוואוסטער ארכיטעקט און איז גוט בעוואוסט אין דעם קעניגליכען הויף. דיזער הרהור איז גוט בעפריינדעט מיט מיין פאטער. נישט איינמאל האט ער זיך מיט איהם בעראטהען וועגען פערשיעדענע פלענער און ווען ער האט געטהאן ווי מיין פאטער האט איהם געראטהען, איז ער געווען גאנץ ערפאלגרייך. גאנץ אפט בעזוכט מיין פאטער איהם אין זיין הויז, און קיינער ווייס נישט דערפון. ער העלפט איהם מאכען די פלענער און מיין פאטער לערענט איהם פיעלע אנדערע זאכען, וואס הרהור האט ביז יעצט ניט געוואוסט.

— פארוואס זאל דיין פאטער ניט אויסנוצען זיין טאלאנט און ווייזען דעם קעניג וואס ער קען אויפטהאן? — האט נחשן געפרעגט קרח'ן — ער וואלט דאך דאמיט געקענט בריינגען פיעלע נוצען פאר אונזער פאלק און פאר זיך זעלבסט!

—דו ווייסט דאך ווי שווער ס'איז פאר א אידען צוצוקומען צום קעניג... כאטש מיין פאטער האט שוין פיעלע געביידעס געבויט און זיין נאמען איז ניט אומבעקאנט, דאך דערלאזט מען איהם ניט צוצוקומען צום קעניג. אבער דיזער הרהור, אוים דאנקבארקייט, צו מיין פאטער, האט פערשפראכען צו ריידען מיט מענעפטא'ן וועגען איהם. און איך בין זיכער אז ווען מיין פאטער וועט זיין אן אריינגעהער ביים קעניג, וועט זיך די לאגע אין גאנצען ענדערען צום גוטען.

—דערווייל ווערט די געפאהר גרעסער פון טאג צו טאג! — האט נחשון געזאגט — און ווער ווייס אויב עס וועט שוין ניט זיין צו שפעט, ווען דיין פאטער וועט קריגען די געלעגענהייט צו ריידען מיט פרעה'ן. דאס שווערד הענגט איבער די העלזער פון מיין פאטער און דיין אנקעל... און מיר זיינען אלע הילפלאז.

— איך וועל דיר ווייזען וואס איך קען נאך אויפטהאן! — האט קרח פלוצלונג אויסגערופען מיט בעגייסטערונג — דו מעגסט עס אויך דערצעהלען דיין שוועסטער... איך ווייס אז זי האלט ניט שטארק פון מיר... איך האב אייניגע מאל פרובירט מיט איהר ריידען, און זי שענקט מיר זעהר ווינציג אויפמערקזאמקייט... זאל זי וויסען, אז איך קען אויך עפעס אויפטהאן פאר מיין פאלק!

— אבער וואס וועסטו טהאן? — האט נחשון איהם אנגעקוקט פערוואונדערט — וואס קענסטו אויפטהאן מעהר ווי אימיצער אנדערש פון אונז.

— דו מעגסט יעצט וויסען אז איך בין א גאנץ אפטער אריינגעהער אין

הרהור׳ס הויז... איך בין זעהר בעפריינדעט מיט זיין גאנצער משפחה. און איך וועל גלייך אוועקגעהן אהן מיין פאטערס וויסען, צו איהם און איהם דערמאהנען אהן זיין פערשפרעכונג... פערשטעהסטו מיר, מיין פאטער איז צו בעשיידען... ער רעדט קיינמאל ניט מיט איהם וועגען דעם, און הרהור האט געוויס פערגעסען וואס ער האט איהם פערשפראכען און איך בין זיכער אז ווען איך וועל מיט איהם ריידען דערפון וועט ער ערפילען זיין פערשפרעכען. יא, מיר האט הרהור׳ס עלטערער זוהן געזאגט אז זיין פאטער איז איינגעלאדען געווארען מיט נאך פיעלע ארכיטעקטען אויף א בעראטונג, וואס וועט פארקומען אין פרעה׳ס פאלאץ... ווען איך וועל קומען צוריק פון דארטען וועל איך דיר גלייך לאזען וויסען ווי איך האב אויסגעמאכט און וועגען וואס עס האנדעלט זיך. אבער איין זאך בעט איך דיר, נחשון, דו זאלסט אהרן׳ען גארניט דערצעהלען וועגען דעם. ער איז טאקע מיינער א קאזין אבער איך האב ניט בדעה זיך צו טיילען מיינע סודות מיט איהם.

— איך פערשטעה ניט וואס דו האסט צו אהרן׳ען — האט נחשון געקוועטשט מיט די פלייצעס — מיר דוכט זיך אז אזא עהרליכער, גוטהערציגער און קלוגער מאן ווי אהרן איז ניט צו געפינען אין גאנץ גשן און איך שטאלציר זעהר פיעל מיט זיין פריינדשאפט און דו זוכסט נאר צו זיין מיט איהם פון דער וויטען...

— איך ווייס ניט אויב איך בין בערעכטיגט דערצו, אבער אין מיין הארצען טראג איך א שטיקעל שנאה צו אהרן׳ען.

— א שנאה צו אהרן׳ען?! האט ער דיר ווען עס איז שלעכטס געטהאן... אהרן און מרים, דוכט זיך האבען קיינעם אין זייער לעבען ניט בעליידיגט אדער שלעכטס געטהאן — האט נחשון געזאגט — און איך דארף דיר דען דאס זאגען? דו ווייסט ניט וואס פאר א נאבעלע נשמה אהרן בעזיצט... מיין פאטער האט מיר געזאגט אז אהרן איז געראטהען איינגאנצען אהן זיין ברודער משה וועלכער האט איינגעשטעלט זיין לעבען אין סכנה און געהאלפען זיינע פעראומגליקטע ברידער... יא, איך ווייס אז דער גורל פון אונזער פאלק איז איהם מעהר צום הארצען ווי זיין אייגענער גורל... ווען ער וואלט מיט זיין לעבען געקענט פערגרינגערען די ליידען פון ישראל, וואלט ער אהן צווייפעל זיין לעבען מקריב געווען... און אלישבע האט מיר אויך געזאגט אז אזא מענש ווי אהרן איז זעהר שווער צו געפינען.

— דו ביזט גערעכט, נחשון, אהרן איז טאקע א גרויסער מאן און ער בעזיצט אלע מעלות וואס דו האסט אויסגערעכנט... אבער איך פיהל אז... איך האף אז דו וועסט מיך פערשטעהען... יא, אין אמת׳ן ניט קיין שנאה טראג איך ביי זיך אין הארצען אויף אהרן׳ען, אבער א שטיקעל קנאה!.. מעגליך אז איך בין אומגערעכט, איך ווייס אז דו ביזט מיינער א גוטער פריינד, נחשון און דיר קען איך פערטרויען אלע מיינע סודות... איך צווייפעל ניט אז דו וועסט מיר העלפען... עה איך... המ... — האט קרח גענומען שטאמלען

— אבער איך פערשטעה דיך ניט! וואס רעדסטו! — האט נחשון איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג

— איך קען פאר דיר אויסגיסען מיין הארץ, מיין פריינד! — איז קרח דרייסטער געווארען — די סיבה וואס איך טראג א שטיקעל קנאה אויף אהרן׳ען, איז דיין שוועסטער, אלישבע!

— אלישבע?

— יא, אלישבע! איך בין זיך פאר דיר מודה אז איך האב זעהר ליעב דיין שוועסטער אלישבע! — האט קרח געזאגט און זיין פנים איז רויט געווארען

— איך בעט דיר נחשון דו זאלסט מיר פערשטעהען... איך האב ניט געוואגט צו ערקלעהרען דיין שוועסטער וועגען מיינע געפיהלען... אבער איך גלויב אז זי פערשטעהט דאס איך בין צו איהר ניט גלייכגילטיג!...

— מיין שוועסטער האט מיט מיר קיינמאל ניט גערעדט וועגן דעם! — האט נחשן זיך אפגערופען — אפמעסטענדיג קרח'ן מיט זיינע בליקען.

— איך ווייס אז זי האט מיט דיר גאר ניט גערעדט וועגן מיר! און דעריבער וואלט איך דיר געבעטען, מיין פריינד דו זאלסט זעהן מיר ארויסצוהעלפען... דו קענסט איהר זאגען וואס איך האב בדעה צו טהאן און אז איך האף צו בעפרייען אייער פאטער פון תפיסה... זאל זי וויסען אז קרח איז ניט קיין פוסטער בעריהמער!

— דערווייל אבער האסטו עס נאך ניט בעוויזען צו טהאן! — האט נחשן געשמייכעלט.

— עס וועט שוין לאנג ניט נעהמען און איך וועל אלעמען איבערציינגען, אז איך קען אויפטהאן א סך פאר אונזער פאלק! — האט קרח אויסגערופען — זאל אהרן ניט מיינען אז אלעמענס אויגען זיינען אנגעווענדעט בלויז אויף איהם...

— איך גלויב, קרח, אז דו בעשולדיגסט אהרן'ען אומזיסט — האט נחשן איהם געזאגט — אהרן האט דיר קיינמאל קיין שלעכטס ניט געטהאן... און וואס אנבעלאנגט מיין שוועסטער, אלישבע, האט ער מיט קיין זאך ניט ארויסגעוויזען דאס ער איז אין איהר פעראינטערעסירט... און איך בין זיכער אז איהר הארץ איז נאך פריי, און אויב דיר וועט געלינגען עס צו געווינען, וועט אהרן דיר ניט שטעהן אין וועג...

— ווען דו וואלסט בעמערקט ווי אלישבע שענקט אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט צו אהרן'ס רייד און גארניט צו מיינע, וואלסטו אנדערש גערעדט!

— דאס אבער מיינט נאך ניט אז אהרן האט ליעב מיין שוועסטער... און דעריבער גלויב איך אז דיין אייפערזוכט אויף איהם איז אומבעגרינדעט!

— אין גאנץ גשן רעדט מען דערפון און דו ווייסט עס ניט! — האט קרח אויסגערופען — וויפיעל מאל האט מען געזעהן אהרן'ען אין אלישבע'ס געזעלשאפט און וויפיעל מאל האט מען מיר געזעהען?

— דאס איז דערפאר וואס אהרן האט א שוועסטער און דו ווייסט דאך ווי שטארק בעפריינדעט מרים און אלישבע זיינען... און עס איז פערשטענדליך אז ווען מיין שוועסטער שפאצירט מיט מרים'ן, זאל אויך אהרן מיטגעהן, אזוי ווי איך בעגלייט אמאל אלישבע'ן ווען זי שפאצירט מיט זיין שוועסטער.

— מעגליך אז איך מאך א טעות! — האט קרח געזאגט — אבער מיר דוכט זיך אז דיין שוועסטער זוכט מיר אויסצומיידען... און איך האב איהר אזוי שטארק ליעב! יעצט האף איך אז איך וועל געווינען איהר הארץ דורך דעם וואס איך וועל האבען א האנד אין דער בעפרייאונג פון איהר פאטער.

— דאמיט וואלסטו אויך מיין הארץ געוואונען! — האט נחשן געזאגט און א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען — און ניט נאר אונזערע ביידענס הערצער וואלסטו געוואונען, נאר די הערצער פון גאנץ ישראל, וואלסטו געוואונען, אויב עס וועט אזוי זיין ווי דו דענקסט.

— איך געה גלייך צו הרהור'ן! — האט קרח אויסגערופען — מיין פאטער ווייס דערפון ניט און דאס וועט זיין אן איבערראשונג פאר איהם!

קרח איז אוועקגעגאנגען און נחשון האט איהם בעגלייט מיט זיינע בליקען... ער האט געקוועטשט מיט די פלייצעס: איז עס מעגליך אז דורך דעם קען ארויסקומען א שטיקעל ישועה... ווען פרעה וועט איינלאדען יצהר'ן זיך צו בעראטהען... ווער ווייס אויב פרעה'ן וועליען זיינע פלענער געפעלען?

— וואס ביזטו אזוי פערטראכט, מיין ברודער?! — האט אלישבע אונטערגעבראכען זיינע געדאנקען.

— איך האב נאר וואס גערעדט מיט קרח'ן — האט נחשן איהר געענטפערט — ער האט מיר געזאגט אז ער האט א פלאן ווי אזוי צו העלפען בעפרייען אונזער פאטער און עמרם'ן!

— און דו האָסט איהם גענומען ערנסט! — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען — ווייסטו דען ניט אז קרח האָט זיך ליעב צו בעריהמען... וואָס א שטייגער קען ער אויפטהאָן! ווער וועט זיך צו איהם צוהערען!

— מיין שוועסטער, מיר טאָרען ניט אונטערשעצען די נוצען וואָס מיר האָבען געהאט פון יצהר'ן ווען ער האָט פאר מענעפאטה'ס פאטער געבויט די געביידעס. פרעה האָט איהם א סך נאָכגעגעבען... וויפיעל קינדער זיינען דורך יצהר'ן געראטעוועט געוואָרען פון דערטרונקען צו ווערען אין נילוס?...

— וואָס אָבער האָט דאָס צו טהאָן מיט קרח'ן? — האָט אלישבע אויסגערופען — און א חוץ דעם ווייסטו דען ניט אז דיזער נייער פרעה האָט יצהר'ן אפילו ניט אין זינען!

— פערשיעדענע קלאַנגען טראָגען זיך ארום און איך גלויב אז קרח וויים פון איינגע פון זיי. ער האָט מיר געזאָגט אז מאָרגען דאַרף פאָרקומען א בעראַטונג אין פרעה'ס פאלאַץ פון די גרעסטע ארכיטעקטאָרען פון לאנד... און ער האָפט אז זיין פאטער וועט אויך זיין איינער פון זיי...

— איך האָב אָבער מורא אז קרח וועט בלייבען ביים האָפען! — האָט אלישבע געזאָגט — פרעה מענעפאטה וועט זיך ניט בעראטהען מיט קיין אידען.

— אָבער ווען ער וועט דארפען אָנקומען צו א אידען, וועט ער פערבויגען זיין שטאָלץ און שנאה...

— פון וואנען וועט פרעה וויסען אז יצהר קען עפּעס אויפטהאָן פאר איהם? — האָט אלישבע געפרעגט איהר ברודער.

— ער האָט מיר נאָר וואָס פערטרויט א סוד און מיר געגעבען ערלויבניש דיר איהם אויסצוזאָגען — אז דער בעוואוסטער מצרישער ארכיטעקט, הרהור, איז זעהר שטארק בעפריינדעט מיט זיין פאטער און מיט איהם, און הרהור האָט פערשפּראָכען יצהר'ן צו רעדען וועגען איהם מיט פרעה'ן ביי דער ערשטער געלעגענהייט. און אזוי ווי קרח האָט זיך דערוואוסט אז מאָרגען דאַרף פאָרקומען א בעראַטונג פון אלע ארכיטעקטאָרען אין פאלאַץ, איז ער דאָס יעצט אוועק צו הרהור'ן, איהם צו דערמאָהנען אָן זיין פערשפּרעכען.

—און קרח גלויבט אז דורך דעם וועט ער קענען עפּעס טהאָן פאר אונזער פאָטער און עמרם — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער — ערשטענס צווייפעל איך נאָך אויב פרעה וועט איינשטימען איהם איינצולאָדען, און אפילו ווען עס זאָל איהם געלינגען צוצוקומען אין פאלאַץ, וועט דען פרעה וועלען אָננעהמען זיינע עצות און פלענער

— דאָס דארפסטו ניט זאָגען, מיין שוועסטער — עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט אז יצהר איז דער בעסטער ארכיטעקט אין גאַנץ מצרים, און ווען ער וואָלט געווען א מצרי וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרען זעהר מעכטיג אין פרעה'ס פלאַץ. און אויב פרעה'ן זאָל געפעלען ווערען זיינע פלענער, וועט ער קענען א סך אויפטהאָן פאר די אידען.

— איך גלויב ניט אז דורך קרח'ן וועט עפּעס קענען ארויסקומען גוטעס! — האָט אלישבע געזאָגט.

— איך קען דיר ניט פערשטעהען, אלישבע, פארוואָס דו האָסט אזא שלעכטע מיינונג וועגען קרח'ן — האָט נחשון א קוועטש געטהאָן מיט זיינע פּלייצעס — ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס פאר א געהויבענע מיינונג קרח האָט פון דיר, וואָלסטו שוין אנדערש גערעדט...

א בעשיידענע רויטקייט האָט בעדעקט אלישבע'ס פנים און זי האָט געזוכט אויסצומיידען ווייטער צו ריידען וועגען קרח'ן.

— איך קום דאָס יעצט פון מרים'ן — האָט זי געזאָגט — איהר מוטער פיהלט ניט גוט... זי איז די גאנצע צייט געווען אזוי בראָוו און פול מיט האָפנונג אָבער לעצטענס האָט זי אין גאנצען איהר מוטה פערלאָרען... זי וויינט טאָג

און נאַכט... זי זאָגט גאָט ווייס אויב איך וועל שוין מיין מאַן ווען עס איז זעהן א לעבעדיגען! שטעל זיך פאָר אז איך און מרים האָבען איהר געדאַרפט טרייסטען... ביז אהער פלעגט זי אונז בערוהיגען... בלויז א פּאָר מאָנאַטען זיינען פערבליבען און אפילו א העלפט פון דער געפּאָדערטער סומע איז געווען אוממעגליך צונויפצוקלייבען.

— די איינציגע האָפנונג וואָס איז יעצט פערבליבען, איז אז יצהר זאָל קריגען א צוטריט אין קעניג'ס פּאַלאַץ...

— האָט נחשון געזאָגט.

— אויב דאָס וואָלט געווען אונזער לעצטע האָפנונג דאַן וואָלט פאַר אונז זעהר שלעכט געווען — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען — דו מיין ברודער, ליגסט צופיעל געוויכט אויף קרח'ס רייד...

— פערשטעהסטו, אלישבע אויב אפילו יצהר וועט ניט גערופען ווערען צו פּרעה'ן, איז דאָך אויך גוט וואָס אזא וויכטיגער מצרי ווי הרהור איז זיין גוטער פריינד... מעגליך אז דורך דיעזען מצרי וועט מען עפּעס קענען פּועל'ן ביי פּרעה'ן.

— און ווייסטו וואָס אהרן האָט געזאָגט — האָט אלישבע אויסגערופען און איהר פּנים האָט געפלאַמט — אהרן האָט געזאָגט אז מיר האָבען זיך אויף קיינעם ניט וואָס צו פערלאָזען בלויז אויף אונזערע אייגענע כחות... ער זאָגט אז "ווען אלע אידען פון גאַנץ מצרים וואָלטען זיך צוזאַמענגענומען וואָלטען זיי געקענט מאַכען אן אויפשטאַנד און זיך זעלבסט בעפרייען פון דעם יאָך פון מצרים!"... און איך גלויב אז ער איז גערעכט! די צרה איז נאָר, וואָס עס איז אוממעגליך צוצוגרייטען אונזערע ברידער צו אן אויפשטאַנד... פיעלע פון זיי זיינען שוין אזוי צוגעוואוינט געוואָרען צו זייער פערשקלאַפטען לעבען, אז זיי זיינען שוין אין גאַנצען גלייכגילטיג און אנדערע וועלען פשוט מורא האָבען...

— ווי אזוי אבער קענען מיר גאָר יעצט טראַכטען וועגען אן אויפשטאַנד! — האָט נחשון אויסגערופען — אונזערע געלד מיטלען זיינען אין גאַנצען ערשעפּט געוואָרען... מיר האָבען ניט קיין וואָפען, מיר זיינען אויסגעמאַטערט פון דער שווערער ארבייט, קענען זיך די אידען דען אָפּרייסען אויף א ווייל פון זייער שווערער ארבייט. מעגליך, אז פריהער, איידער די לעצטע געלד איז פון אונז אוועקגענומען וואָלטען מיר געמעגט טראַכטען פון דעם, אבער ניט יעצט.

— אהרן אבער גלויבט אז די איינציגע זאַך וואָס פעהלט אונז איז א פיהרער, א העלדישער מאַן, וועלכער זאָל בעגייסטערען אונזער פאָלק מיט דעם גלויבען אין זיך זעלבסט וועלכער זאָל קומען אין נאָמען פון אונזער גאָט און פון דעם גאָט פון אונזערע אבות... אזא מאַן וואָלט געקענט אויפוועקען אונזער פאָלק און דערפרישען זיינע כוחות...

— אבער וואו קענען מיר אזא מאַן געפינען? — האָט נחשון מיט יאוש געזאָגט — ווער צווישען אונז וועט האָבען דעם מוטה און די בעגייסטערונג צו מאַכען אונז פיהלען, אז די בעפרייאונג פון אונזער פאָלק ליעגט אין אונזערע הענד?!

— ווען איך האָב געהערט אהרן'ען ריידען וועגען דעם, האָב איך דיעזען וואונדערבאַרען העלדישען מאַן געזעהען

— האָט אלישבע געזאָגט.

— און ווער איז ער? — האָט נחשון איהר געפרעגט.

— הם... ער איז... — האָט אלישבע זיך גערויטעלט — מיר דוכט זיך אז אהרן אליין וואָלט עס געקענט דורכפיהרען... ער בעזיצט אלע מעלות פון א פיהרער... ער איז בראַוו, עהרליך, ער איז שטענדיג גרייט זיין אייגען לעבען מקריב צו זיין פאַר דעם צווייטען... און א חוץ דעם איז ער בעליעבט ביי יעדען איינעם, זיינע רייד זיינען ווי פלאַם פייער, און עס וועט פאַר איהם ניט צו שווער זיין צו קריגען דעם פולען צוטרויען פון אונזער גאַנצען פאָלק...

— אהן צווייפעל אז אהרן בעזיצט אט די אלע מעלות וואס דו, מיין שוועסטער. האסט נאר וואס אויסגערעכענט, אבער איך וויים ניט אז אויב דאס איז נאך גענוג צו זיין א פיהרער ביי אידען בפרט אין אזא צייט, ווען אלע זיינען אזוי ענטמוטהיגט און פול מיט יאוש...

— ניט דאס מיין ברודער! — האט אלישבע אויסגערופען — אהרן איז זעהר בעשיידען און ער טראכט גאר אפילו ניט פון דעם... איך האב איהם פרובירט צוגעבען מוטה, אבער ער האט מיר געזאגט אז ניט ער איז פאסענד צו זיין דער פיהרער און אויסלייזער פון אידישען פאלק... "איך האף נאך אז מיין ברודער משה וועט זיך ווען עס אומקעהרען קיין מצרים און ער וועט קענען ווערען דער פיהרער פון גאנץ ישראל... ער האט די מאכט צו בעגייסטערען און בעאיינפלוסען יעדען איינעם מיט וועמען ער קומט אין בעריהרונג.

— אבער ווער וויים אויב משה לעבט נאך! — האט נחשון טרויעריג געזאגט — עס זיינען דאך אזוי פיעל יאהרען פערלאפען און מען האט פון איהם ניט געהערט — דאס האט טאקע אריינגעבראכט יוכבד'ן אין נאך א גרעסערע און טרויעריגערער שטימונג — האט אלישבע געזאגט — ווען זי האט געהערט אז אהרן דערמאהנט משה'ן האט עס נאך שטארקער אויפגעוועקט איהרע אלטע וואונדען און זי האט זיך ביטערליך פונאנדערגעוויינט:

"מיין טהייערער ליעבער זוהן, משה איז פון מיר אפגעריסען געווארען... ווען ער איז אפילו געווען אין מצרים, האט ער אויך ניט געקענט פעררעכענט ווערען פאר מיין זוהן... עס האט געמוזט זיין א סוד און זעהר זעלטען האב איך איהם געקענט זעהען און איהם האלזען און קושען ווי א מוטער מיט איהר זוהן, און זינט ער איז געצוואונגען געווארען צו אנטלויפען פון מצרים, האב איך פון איהם ניט געהערט, גאט וויים אויב ער לעבט נאך אין וואס פאר א צושטאנד ער געפינט זיך!"

— אהרן האט איהר געזוכט צו טרייסטען — האט אלישבע ווייטער געדערט — ער האט איהר געזאגט אז איידער משה האט פערלאזען מצרים, האט ער זיך מיט איהם געזעהען און אז ער האט איהם פערשפראכען זיך צוריקצוקעהרען נאך מצרים און העלפען אונזערע פעראומגליקטע ברידער, און אז משה האט פערשפראכען, וועט ער זיכער זיין פערשפרעכען ערפילען. אבער ניט אזוי גרינג איז איהם אנגעקומען צו בערוהיגען זיין מוטער... "משה איז ניטא, און מיין עמרם'ן האט מען אויך פון מיר צוגענומען — האט יוכבד געוויינט — עס האט אונז דריי גענומען זעהר לאנג ביז וואנען מיר האבען איהר בערוהיגט.

קרח איז אוועקגעגאנגען צו זיין פאטערס פריינד, דעם מצרי'שען ארכיטעקט, הרהור. ער האט דארטען בעקומען א גאנץ פריינדליכע אויפנאהמע.

— וואס מאכט דיין פאטער? — האט איהם הרהור געפרעגט — פאר וואס קומט ער מיר ניט בעזוכען אפטער...

— ער איז לעצטענס זעהר פערנומען — האט קרח געענטפערט און א חוץ דעם איז ער שטארק בעזארגט וועגען זיין ברודער עמרם, וועלכער איז פערהאלטען געווארען ביי פרעה'ן מיט א צווייטען אידישען פארשטעהער.

— איך וואלט איהם זעהר גערען געוואלט זעהן! — האט הרהור געזאגט צו קרח'ן — איך האב מיט איהם צו פערהאנדלען וועגען זעהר א וויכטיגען עניין.

— אויב מיין האר וויל וועל איך נאך מארגען מיט איהם צוקומען — האט קרח געזאגט — ער וועט זיין זעהר גליקליך דיר מיט עטוואס צו דיענען.

— ניין, ניט מארגען, — האט הרהור זיך אפגערופען — מארגען וועל איך האבען א זיצונג אין פרעה'ס פאלאץ, און איך וועל געווים דארט זיין פערנומען דעם גאנצען טאג.

— מיין האר וועט מיר ענטשולדיגען! — האט קרח זיך אפגערופען — אויב איך וועל דיר דערמאהנען אהן דיין הבטחה וואס דו האסט געמאכט צו מיין פאטער, אז ווען דו וועסט זיין ביי דעם קעניג און ווען מען וועט דארטען פער־ האנדלען וועגען פערשידענע פלענער פון בויען, וועסטו מיין פאטער'ס נאמען דערמאהנען פאר פרעה'ן.

— אה, עס איז גוט וואס דו האסט מיר דערמאהנט, קרח! — האט הרהור זיך אפגערופען, איך וועל מארגען אומ־ בעדינגט ריידען מיט פרעה'ן וועגען דיין פאטער, איך וועל איהם אפילו געבען אנצוהערען אז פיעלע פון די גוטע פלע־ נער וואס איך האב איהם פארגעשלאגען און זיי זיינען ביי איהם אנגענומען גע־ ווארען, זיינען אויסגעארבייט געווארען מיט דער הילף פון דיין פאטער יצהר.

— מיין פאטער און איך וועלען דיין גנאדע קיינמאל ניט פערגעסען! — האט קרח אויסגערופען מיט צופרידענהייט.

— איך האב זעהר פיעל דאנקבאר צו זיין דיין פאטער, ער האט מיט זיין קלוג־ שאפט מייגע אויגען געעפענט... איך צווייפעל ניט אז יצהר איז דער גרעס־ טער ארכיטעקט אין גאנץ מצרים, און איך וועל שוין זעהן אז פרעה זאל פון דעם ווים'ען... געוועהנליך עס וועט זיין זעהר שווער איבערצוצייגען אלע שונאים פון ישראל, אבער איך וועל פרובירען איבעררעדען מיט דעם קעניג, ער זאל איהם שיקען רופען און הערען זיין מיי־ נונג. אויב עס וועט פרעה'ן ניט געפעלען ווערען, וועט ער דאך איהם דאן קענען אוועקשיקען.

— אבער מיין האר, — האט קרח אויסגערופען מיט שרעק, ווען דעם קע־ ניג זאלען מיין פאטער'ס פלענער ניט געפעלען ווערען, וועט ער איהם דען ניט וועלען בעשטראפען?

— אויב אזוי וואלט דאך פרעה גע־ דארפט בעשטראפען כמעט אלע ארכי־ טעקטארען, ווייל זעהר זעלטען ווען א פלאן געפעלט איהם...

— זיינען דאך די אנדערע ארכיטעק־ טארען מצרים און מיין פאטער איז...

— דו מעגסט רוהיג זיין, קיין שלעכ־ טעס וועט איהם ניט געשעהען... א חוץ דעם קען מען זיך אויף דיין פאטער פער־ לאזען, ער וועט וויסען ווי אזוי צו פער־ אינטערעסירען דעם קעניג אז אפילו אויב זיינע יעצטיגע פלענער וועלען ניט שטארק אויסנעהמען ביי איהם, וועט ער זיך מיט איהם בעראטהען א צווייטען מאהל.

קרח האט פערלאזען הרהור'ן מיט גרוים צופרידענהייט, יעצט אז ער איז זיכער דאס זיין פאטער וועט דערמאנט ווערען פאר פרעה'ן, וועט ער געוויס אהין איינגעלאדען ווערען, און דאן וועט שוין פאר איהם ניט שווער זיין צו פועל'ן ביי פרעה'ן צו בעפרייען אלי־ שבע'ס פאטער, און זיין פעטער עמרם...

איידער ער איז געגאנגען אנזאגען זיין פאטער, איז קרח אוועק צו נחשון אין הויז וואו ער האט געטראפען אויך אלישבע'ן.

— איך האב אייך גאנץ פרעהליכע נייעס אנצוזאגען! — האט קרח אויס־ גערופען און זיינע אויגען האבען גע־ גלאנצט — איך קום דאס יעצט פון מיין גוטען פריינד, הרהור, און ער האט מיר צוגעזאגט צו ערפילען מיין בקשה... יא, מארגען וועט ער ריידען מיט פרעה'ן וועגען מיין פאטער... אה, ווען איהר וואלט געוואוסט וואס פאר א מיינונג ער האט פון מיין פאטער! ער גלויבט אז אין גאנץ מצרים געפינט זיך ניט אזא קלו־ גער און פעהיגער ארכיטעקט ווי מיין פאטער!

— דו מעגסט ווירקליך שטאלצירען מיט דיין פאטער! — האט נחשון זיך צו איהם אפגערופען — איך האף אז עס וועט יצהר'ן געלינגען עפעס אויפ־ צוטהאן פאר אונז!

— אין דעם בין איך זיכער! — האט קרח אויסגערופען. די ערשטע זאך וואס מיין פאטער וועט פערלאנגען פון פרעה'ן ער זאל בעפרייען אייער פאטער!

— און אויך דעם פאטער פון אהרן

און מרים! — האט אלישבע צוגעגעבען.

— עס פערשטעהט זיך אז אויך מיין אנקעל וועט בעפרייט ווערען צוזאמען מיט עמינדב'ן! — איך וועל זיך שעצען העכסט גליקליך ווען איך וועל פיהלען אז איך האב עפעס געקענט טהאן פאר דיר, אלישבע — האט קרח זיך צו איהר געווענדעט.

— איך דאנק דיר קרח! — האט אלישבע געזאגט און איהר פנים איז רויט געווארען... איך בין זיכער אז איך, מיין ברודער אהרן און מרים וועלען וויסען ווי אפצושאצען די טובה וואס דו וועסט פאר אונז אלעמען טהאן.

— איך האב בלויז געטהאן מיין פליכט! — האט קרח געזאגט מיט א געמאכטער בעשיידענהייט וואס איז געווען איינגעוויקעלט אין שטאלץ — יעדער איינער וועלכער וואלט געהאט א מעגליכקייט עפעס צו טהאן פאר אונזער פאלק, וואלט אזוי געהאנדעלט ווי איך.

— יעדער איינער, מעגליך אבער ניט דתן און אבירם! — האט נחשון איהם געענטפערט — ווען זיי וואלטען געקענט פערגרעסערען דעם אידישען אומגליק וואלטען זיי עס געטהאן מיט גרויס צופרידענהייט!

— דו דארפסט אויף זיי מעהר ניט טראגען קיין שנאה מיין פריינד — האט קרח געזאגט צו נחשון'ען — זיי האבען שוין לאנג חרטה געקראגען אויף זייערע זינד — זיי ווייסען אז זיי האבען זיך בענארישט, און יעצט האבען זיי תשובה געטהאן.

— ווען נישט זיי וואלט איצט משה געווען מיט אונז! — האט אלישבע זיך אפגערופען — און דאן וואלט אונזער לאגע נישט געווארען אזוי אומערטרעגליך... משה וואלט שוין געזעהן צו פערלייכטערען די אידישע צרות.

— און דאס איז ניט די איינציגע זאך וואס די צוויי אומווירדיגע ברידער האבען געטהאן! — האט נחשון געזאגט — נישט אויף איין אידען האבען זיי גע'מסור'ט נאכדעם, און ווען פרעה האט זיי געמאכט פאר שוטרים, האבען זיי נאך ערגער געדריקט די אידען ווי די מצריים אליין!

— און מיר דארפען לויבען און דאנקען גאט וואס דתן און אבירם זיינען ארונטער פון זייער גדולה — האט אלישבע זיך אפגערופען. אז נישט וואלטען זיי נאך ביז יעצט אנגעטהאן שלעכטעס צו אונזערע ברידער!

— יעצט זיינען זיי שטארק פעראריממט געווארען... זיי ארבייטען אזוי שווער ווי די איבעריגע... יע זיי זיינען פארשקלאפט מיט אלעמען צו גלייך — האט קרח צוגעגעבען — און דעריבער איז מיין כעס פון זיי ארונטער.

— דאך וואלט איך דיר געראטהען, קרח, זיך מיט זיי ניט צו חבר'ן, ווי זיי זיינען געווארען בעלי תשובה, זיינען זיי נאך גענוג פארדארבען!

— אבער זיי זעהן יעצט אז זיי זיינען הילפלאז, אז זיי קענען קיינעם מעהר קיין שלעכטעס נישט טהאן!

— פונדעסטוועגען דאס וואס מען טרעפט דיר אמאל אין זייער געזעלשאפט איז פאר דיר נישט קיין טובה — האט נחשון איהם געווארענט.

— איך גלויב אז דו האסט רעכט!

— האט קרח צוגעגעבען. איך וועל שוין זעהן זיך אין גאנצען פון זיי צו דערווייטערען... ביז אהער בין איך געווען שטאלץ דאמיט, וואס איך האב דתן און אבירם ארויפגעפיהרט אויף דעם ריכטיגען וועג... אבער איך זעה יעצט איין אז א פארדארבענעם מאן קען מען אזוי שנעל נישט ענדערען... איך פערשפרעך דיר, נחשון אז מעהר וועל איך מיט זיי קיין עסקים ניט האבען.

— איך זעה נישט וואס דיר ארט, מיין ברודער, מיט וועמען קרח פערברייננגט זיין צייט.. דו האסט קיין רעכט נישט איהם צו זאגען דאס ער זאל מיט זיי אין גאנצען אפברעכען זיין פריינדשאפט.

— איך האב איהם בלויז געראטהען.

— דיין ברודער האט מיר מיינע אוי־

גען געעפענט און איך בין איהם זעהר דאנקבאר! — האט קרח זיך אפגערופען — דאס צייגט אז ער איז מיינער א גוטער פריינד און מיינט בלויז מיין טובה. זעהסטו, ווען אהרן, מיין קוזין האט עס מיר מיט א צייט צוריק געזאגט, האב איך צו זיינע רייד קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט... ווײלע... הם.. איך גלויב נישט אז ער איז ערנסט.

— וואס?! אהרן איז ניט ערנסט! — האט אלישבע אויסגערופען און קוים איינגעהאלטען איהר כעס — פאר וואס דיינקסטו אז אהרן איז ניט ערנסט?!

— איך מיין נישט אז ער איז אין אלגעמיין נישט ערנסט! — האט קרח זיך געזוכט צו פארענטפערען — וואס איך האב געמיינט איז אז אין דעם פאל, איז ער געווען אומגערעכט, ווייל ער האט אויף דתן און אבירם געטראגען א שטארקע שנאה צוליעב זיין ברודער משה, און דעריבער איז ער נישט בערעכטיגט געווען מיר צו זאגען איך זאל נישט האבען צו טהאן מיט זיי... אבער יעצט אז נחשון זאגט מיר, זעה איך שוין איין אז אהרן איז אויך געווען גערעכט און איך פערזיכער דיר, מיין פריינד אז איך וועל אפילו מיט זיי מעהר נישט רײדען. ווײלע דיין פריינדשאפט און די פריינדשאפט פון אלישבע'ן איז ביי מיר פיעל מעהר אנגעלעגט ווי די פריינדשאפט פון אנדערע און בפרט נאך דתן'ס און אבירם'ס.

— איך קען דיר אויך פארזיכערען! — האט נחשון זיך צו איהם אפגערופען אז אהרן איז אויך דיינער אן איבערגעגעבענער פריינד און ער מיינט בלויז דיין טובה.

— ער איז מיר ניט קיין שונא! — האט קרח זיך אפגערופען — אבער איך וועל נישט זאגען אז ער איז מיינער א גוטער פריינד. דו ווייסט פיליכט ניט אזוי פיעל ווי איך און דעריבער דיינקסטו אז אהרן בעזיצט לויטער מעלות. איך וויים אז ער האט אויך חסרונות!

— דעריבער זיינען מיר דאך בלויז מענשען! — האט אלישבע געזאגט — מלאכים זיינען מיט לויטער מעלות.

— זעהסטו, מרים איז שוין אין גאנצען אנדערש פון איהר ברודער — האט קרח ווייטער געזאגט — מרים וועט אלעס אפגעבען צו טהאן יענעם א טובה אבער אהרן האט זיך מעהר ליעב.

— און ווי איך קען אהרנ'ען — האט נחשון געזאגט, — זעה איך, אז אהרן איז טאקע דער אויבערמענש. ער באזיצט אזא נאבעלע איידעלע נשמה, און איך קען נישט פארשטעהן פארוואס דו זאלסט האבען וואס אויסצוזעצען געגען איהם!

— איך קען אייך יעצט נישט זאגען! — האט קורח זיך געווענדעט צו נחשון און צו זיין שוועסטער. — אבער עס וועט קומען א צייט און איך האף, אז איך וועל קענען רעדען גאנץ אפען... יעצט מוז איך לויפען אנזאגען מיין פאטער וועגען דעם, וואס איך האב נאר וואס גערעדט מיט הרהור'ן. איך ווייס, אז ער וועט זיין שטארק צופרידען פון דעם.

קרח האט געווארפען א בליק אויף אלישבע'ן און איז גלייך ארויסגעגאנגען פון הויז.

פערטער קאפיטעל
די וואונדערבארע שאץ-קאמער

אין פרעה'ס פאלאץ זיינען געווען פארזאמעלט די בעסטע ארכיטעקטארען פון גאנץ מצרים.

דאס זיינען זיי געקומען אויף דער איינלאדונג פון פרעה, וועלכער האט זיך מיט זיי געוואלט בעראטהען וועגען בויען א שאץ-קאמער, וואו זיינע רייכע אוצרות זאלען זיין געזיכערט.

אין א גרויסען און ליכטיגען צימער פון פאלאץ זיינען די ארכיטעקטארען געזעסען. פיעלע פון זיי זיינען דא געווען צום ערשטען מאל. יעדער האט געוואוסט, אז פרעה זוכט צו בויען אן אויסערגעווענליכען שאץ-קאמער און דעריבער זיינען איינינע פון זיי געקומען צוגעגרייט מיט פלענער. עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט געווען, אז

דער יעניגער, וועמעס פלאן פרעה וועט אננעהמען, וועט זיין דער גליקליכסטער, ווייל לויט די קלאנגען, וואס האבען זיך ארומגעטראגען, וועט פרעה יענעם מאן מאכען פאר זיין הויפט איבער די פארשיעדענע געביידעס.

מיט גרוים אומגעדולד האבען די ארכיטעקטארען געווארט אויף פרעה'ס אריינקומען. דערווייל האבען זיי צווישען זיך געמיטליך גערעדט וועגען פארשיעדענע ענינים, זובענדיג אויסצומיידען צו רעדען וועגען די פלענער פון דער נייער געביידע.

פלוצלונג האבען זיך אלע מיט אמאל אויפגעשטעלט, ווען די טירען פון זאל האבען זיך ברייט פאנאנדערגעעפענט און פרעה, אין דער באגלייטונג פון זיין הויפט מיניסטער בלעם, איז אריינגעקומען.

די ארכיטעקטארען האבען זיך מיט זייערע פנים'ער ביז דעם באדען פארנייגט און אויסגערופען:

— לאנג לעבען זאל פרעה מענעפטא דער גאט פון דער זון!

פרעה האט זיך געזעצט אויף א שטול און נעבען איהם האט זיך אוועקגעזעצט בלעם דער זוהן פון בעור.

— זעצט זיך אלע אויף אייערע פלעצער! — האט פרעה זיך צו זיי געווענדעט — און מיין הויפט מיניסטער, בלעם, וועט אייך ערקלעהרען דעם צוועק פון מיין רופען אייך אהער אויף דער בעראטונג.

זיי האבען זיך ווידער אמאל א נייג געטהאן און זיך באלד געזעצט אויף זייערע פלעצער.

בלעם האט זיך אויפגעשטעלט און א ווילע באטראכט אלע ארכיטעקטארען און אויסגערופען:

— די געטער פון מצרים האבען געבענשט אונזער גנעדיגען קעניג מיט זעהר פיעל רייכטום. זיינע קאמערען זיינען פול מיט די טייערסטע עדעלשטיינער, מיט גאלד און ציערונג און, ווי עס איז אייך געוויס באוואוסט, האבען פרעה'ס עלטערען געהאט זעהר פיעל שאדען דורך גנבים, וועלכע פלעגען קומען און אוועק'גנב'ענען פיעלע טייערע חפצים פון פרעה'ס אוצרות... און ווי פארזיכטיג די פרעה'ס זיינען געווען, האבען זיי זיך נישט געקענט אויסהיטען פון די גנבים און אזוי זיינען יעדעס יאהר פארלוירען געגאנגען פיעלע קאסטבארע שטיינער און גאלד. יעצט האט אונזער גנעדיגער קעניג באשלאסען צו בויען אזא שאץ־קאמער, וואס זאל זיין אונמעגליך פאר דעם קליגסטען גנב אהין צוצוקומען. אפילו נישט פאר די, וועלכע זיינען פרעה'ס קנעכט און געפינען זיך שטענדיג אין פאלאץ. און יעצט וואלט פרעה געוואלט הערען אייערע פלענער ווי אזוי און וואו די שאץ־קאמער זאל געבויט ווערען. און וועמעס פלענער עס וועלען פרעה'ן געפעלען ווערען אם מעהרסטען, יענער וועט אינגאנצען באפאלמעכטיגט ווערען צו בויען די שאץ־קאמער און פרעה וועט איהם באלוינען לויט זיין ווירדע.

א שטילקייט האט געהערשט אין זאל ווען בלעם האט געענדיגט רעדען. יעדער איינער איז געווען פארזונקען אין זיינע געדאנקען, טראכטענדיג וועגען א גוטען פלאן.

פרעה האט איבערגעצעהלט די ארכיטעקטארען און ער האט געפונען, אז זייער צאהל איז געווען אריבער פופציג.

— מיין הויפט מיניסטער, בלעם, האט אייך איבערגעגעבען אין קורצען מיין פארלאנג, — האט פרעה זיך אפגערופען. — און איך וויל נאר צוגעבען, אז בלויז אזעלכע פלענער, וואס וועלען אינגאנצען אונמעגליך מאכען פאר א פרעמדען צו קענען צוקומען אהין, וועלען באטראכט ווערען. די פון אייך, וועלכע פיהלען, אז זיי זיינען נישט אימשטאנד מיר אזעלכע פלענער פארצושלאגען, זיינען פריי צו פארלאזען דעם פאלאץ, ווייל איך וועל נישט דולדען קיין אומגעלומפערטע און נארישע פלענער.

אריבער דריי פערטעל פון די פארזאמעלטע ארכיטעקטארען האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און

פארנייגענדיג זיך פאר דעם קעניג, האבען זיי פארלאזען דעם זאל.

— ווען אימיצער גיט צו, אז די אויפגאבע איז נישט לויט זיינע כחות און פארשטאנד זי דורכצופיהרען, האב איך צו איהם גארנישט און איך בין איהם מוחל. אבער פון אייך אלעמען, וועלכע זיינען דא פארבליבען, האף איך צו קריגען גוטע עצות און ריכטיגע פלענער פאר דער געפלאנטער געביידע. יעצט לאמיר הערען פון אייך די פלענער.

— מעג אונזער האר קעניג לעבען אויף אייביג! — האט זיך דער ארכיטעקט הרהור אויפגעשטעלט און זיך פארנייגט פאר פרעה'ן. — מיר זיינען דא געבליבען מיט דער האפענונג, אז די געטער וועלען אונז אריינגעבען זעהר קלוגע געדאנקען, כדי מיר זאלען קאנען דיענען אונזער קעניג. אבער די אויפגאבע איז זעהר א שווערע און דעריבער וואלט איך געבעטען דעם קעניג אין נאמען פון מיינע פריינט, אז פרעה זאל אונז געבען 3 טעג צייט זיך גוט אריינצוטראכטען און אויפ'ן פערטען טאג זאלען מיר ווידער אהער זיך צונויפקומען און פארלעגען אונזערע פלענער פאר'ן קעניג און דער, וועמעס פלאן דעם קעניג וועט געפעלען ווערען, יענער זאל פארבלייבען אין פאלאץ און די איבעריגע וועלען געהן אהיים.

— דיין עצה געפעלט מיר, הרהור! — האט פרעה אויסגערופען. — איך גלויב, אז דו ביזט גערעכט. אויסצואַרבייטען אזא וואונדערבארען פלאן דארף אמוועניגסטען דויערען דריי טעג צייט.

בלעם, וועלכער האט הרהור'ן נישט איבעריג ליעב געהאט צוליעב זיינע גוטע באציהונגען מיט פיעלע אידען, האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער אידישער ארכיטעקט, יצהר, איז הרהור'ס א גוטער פריינט. יעצט האט ער מורא געהאט, אז ער זאל דורך די דריי טעג זיך נישט בארוטהען מיט יצהר'ן און דאן וועט מעגליך הרהור'ס פלאן געפינען מעהר חן אין פרעה'ס אויגען. דאס האט בלעם באשלאסען נישט צו דערלאזען; עס לוינט זיך פאר איהם נישט, אז הרהור זאל גרויס ווערען און דערהויבען ווערען ביי פרעה'ן. דעריבער האט זיך בלעם אויפגעשטעלט און אויסגערופען:

— זאל מיין האר קעניג נישט זיין בייז אויף מיר, אויב איך וועל נאך רעדען עטליכע ווערטער צו דיעזער אנגעלעגענהייט.

— רעד, בלעם! איך וויל הערען דיין מיינונג וועגען דעם.

— איך גלויב, אז די ארכיטעקטארען זיינען בארעכטיגט צו קריגען דריי טעג צייט אויסצואַרבייטען די פלענער. אבער כדי גערעכטיגקייט זאל געטהאן ווערען צו יעדען פון זיי, וואלט איך געראטהען, אז די ארכיטעקטארען זאלען פארברייגגען די דריי טעג אין פרעה'ס פאלאץ. יעדער פון זיי זאל קריגען א באזונדער צימער צו טהאן זיין ארבייט. וויל אויב מען זאל זיי ערלויבען צו געהן אהיים, וועט זיין מעגליך פאר אייניגע פון זיי זיך צו באראטהען מיט פריינט און דאן וועט אויסקומען, אז איינער וועט קריגען באלוינט פאר די פלענער, וואס א צווייטער האט איהם געגעבען.

הרהור האט פארשטאנען אויף וועמען בלעם ציעלט מיט זיינע ווערטער און דעריבער האט ער זיך גלייך אויפגעשטעלט און געזאגט:

— מעכטיגער פרעה! בלעם האט רעכט! יעדער איינער פון אונז וועט זיך מוזען אנשטרענגען אליין צו טהאן דיעזע ארבייט. איך מוז מודה זיין, אז נישט איינמאל האב איך זיך באראטהען מיט מיינע פריינט וועגען פארשיעדענע פלענער און פרעה האט זיי אנגענומען אבער דאן איז עס נישט געווען קיין פראגע פון אזא וויכטיגער באדייטונג. יא, מיר וועלען אלע פארברייגגען אין פאלאץ און צו דער באשטימטער צייט וועלען מיר אלע פארברייגגען אונזערע פלענער.

— אזוי וועט עס געשעהן! — האט פרעה געזאגט. — יעדער פון אייך וועט קריגען א באזונדער צימער. דארט וועט איהר פארבלייבען דריי טעג. אייער שפייז וועט צו אייך געבראכט ווערען

און אויפ'ן פערטען טאָג וועל איך אייך ווידער צונויפרופען און הערען אייערע פּלענער.

דריי טעג זיינען די ארכיטעקטאָרען געווען אָפּגעזונדערט און נישט אויפגעהערט צו טראַכטען און אויסצואַרבייטען פּלענער פאַר דער שאַץ־קאַמער.

אויפ'ן פערטען טאָג זיינען זיי זיך צונויפגעקומען אין דעם זעלבען זאַל, וואו פּרעה און בלעם האָבען שוין אויף זיי געוואַרט.

— האָט יעדער פון אייך שוין פאַרטיג זיין פּלאַן? — האָט פּרעה זיך געווענדעט צו די ארכיטעקטאָרען.

זיי האָבען זיך אַלע פאַרנייגט פאַר'ן קעניג און געענטפערט, אַז זיי זיינען אַלע פאַרטיג.

פּרעה האָט זיי גענומען רופען איינציגוויז און יעדער איינער האָט ארויסגענומען דעם פּלאַן און גענומען ערקלעהרען ווי אַזוי עס וועט זיין.

— אָבער דעריווייל האָט נאָך קיינער פון אייך מיר נישט געוויזען קיין פּלאַן פון אַ שאַץ־קאַמער, וואָס זאָל זיין אינגאַנצען געזיכערט פון גנבים! — האָט פּרעה זיך געווענדעט צו די ארכיטעקטאָרען. — יעצט לאָמיר זעהן, וואָס פאַר אַ פּלאַן הרהור האָט?!

הרהור איז צוגעגאַנגען און זיך אַ נייג געטהאָן פאַר פּרעה'ן און איהם גענומען ערקלעהרען זיין פּלאַן:

— איך וואָלט געראַטהען דעם קעניג, — האָט ער געזאָגט, — צו בויען זעהר אַ שטאַרקען שאַץ־קאַמער, וואו אַלע פענסטער און טירען זאָלען אריינקומען אין הויף פון פּאַלאַץ. און זאָל דער קעניג אוועקשטעלען צוויי וועכטער נעבען יעדער טיר, איינעם פון אינעווייניג און דעם צווייטען פון דרויסען. און ווען דער אינעווייניגסטער וועכטער וועט דאַרפען אומגעביטען ווערען, זאָל ער באַזוכט ווערען פון צוויי פאַרטרויענסווערטע בעאַמטע, וועלכע וועלען באַשטימט ווערען פון פּרעה'ן זעלבסט. און דאַן ערשט, איידער די צוויי בעאַמטע פאַרלאָזען דעם קעניגליכען הויף וועלען זיי דאַרפען באַזוכט ווערען פון די וועכטער.

— ניין! — האָט פּרעה אויסגערופען. — דיין פּלאַן געפעלט מיר אויך נישט. כל זמן, אַז מענשען וועלען האָבען צוטריט צו דער שאַץ־קאַמער, וועלען מיינע אוצרות נישט זיין געזיכערט. וויפיעל שומרים איך זאָל נישט אוועקשטעלען, וועלען זיך די גנבים אַן עצה געבען... יעצט זעה איך, אַז אומזיסט איז מיין מיה געווען. קיינער פון אייך האָט פאַר מיר גאָרנישט אויפגעטהאָן. איך וואָלט וועלען האָבען אַזאַ שאַץ־קאַמער, וואו איך זאָל נישט דאַרפען אוועקשטעלען קיין מענשליכע שומרים, און דאָך זאָלען מיינע אוצרות זיין געזיכערט.

— דאָס וועט מוזען זיין אַ וואונדערבאַרע שאַץ־קאַמער, און איך גלויב ניט, אַז ווער פון אונז איז פעהיג זיך אונטערצונעהמען צו בויען אַזאַ געביידע.

— צוליעב דעם האָב איך אייך אהער פאַררופען! — האָט פּרעה אויסגערופען מיט כעס. — איהר אַלע זיינט באַריהמט איבער גאַנץ מצרים אַלס די בעסטע ארכיטעקטאָרען און איך קען פון אייך קיינע נוצען נישט ארויסקריגען. אויב אין משך פון דרייסיג טעג וועט זיך צווישען אייך נישט געפינען איינער, וועלכער זאָל מיט זיינע פּלענער נאָכקומען אַלע מיינע פאָדערונגען, דאַן וועט איהר אַלע שטאַרק באַשטראָפט ווערען.

— מעכטיגער קעניג! — האָט הרהור אויסגערופען. — איך האָף, אַז פּרעה וועט נישט זיין בייז אויף מיר, אויב איך וועל בעטען ערלויבעניש צו רעדען נאָכאַמאָל.

— רעד! און איך וועל הערען.

— דער קעניג ווייסט דאָך, אַז נישט איין געביידע האָב איך געבויט פאַר דיין פאָטער, רעמסס דער צווייטער. יעדעס מאָל, וואָס איך האָב פאַרענדיגט אַ געביידע, האָט מיך פּרעה זעהר שטאַרק באַלוינט... און כאָטש איך האָב פיעל מיה אין מיינע ארבייטען געלייגט, האָב

איך דאך נישט פארדיענט אט די אלע באלוינונגען אליין. צוזאמען מיט מיר האט געארבייט נאך אן ארכיטעקט, וועלכער האט מיט זיין קלוגשאפט און ברייטען פארשטאנד אויסגעארבייט וואונדערליכע פלענער, וואס זיינען געפעלען געווארען דעם קעניג.

— אויב אזוי, פארוואס האסטו מיין פאטער נישט געזאגט, אז נאך אן ארכיטעקט האט דיר געהאלפען אין דיין ארבייט? דאן וואלט מיין פאטער פילייכט אויך יענעם באלוינט.

— איך האב אזוי געטהאן, גנעדיגער קעניג! — האט הרהור אויסגערופען. — אבער פרעה האט פון דעם אפילו נישט געוואלט הערען, ווייל דער צווייטער ארכיטעקט איז געווען א איד פון גשן!...

— און זאלען דערפאר די געטער פון מצרים וואכען איבער דיין פאטער'ס נשמה! — האט בלעם זיך אריינגעמישט. — ער האט גאנץ גוט געהאנדעלט, וואס ער האט נישט געוואלט נעהמען קיינע עצות פון די ישראלים, וועלכע זיינען זיינע שקלאפען, ווייל די קללה פון די געטער רוהט אויף זיי אלעמען און קיין מזל ברכה איז קיינמאל נישטא אין זייער ארבייט!

— אויב אזוי, — האט הרהור זיך אפגערופען, — האט דער קעניג נישט געדארפט דערלאזען די אידען צו בויען די צוויי באפעסטיגטע שטעדט, פיתם און רעמסס, ווייל, לויט נאך דיינע רייד, איז דאך קיין מזל ברכה נישטא אין זייער ארבייט!

בלעם איז געווארען עטוואס צעטומעלט פון זיין פראגע און ער האט גענומען שטאמלען:

— פאר דער ארבייט, וואס זיי מוזען טהאן, קריגען זיי דאך נישט קיין באלוינונג, אבער...

— ניין, בלעם! דיעזען מאל שטים איך מיט דיר נישט איין! — האט פרעה זיך אפגערופען. — עס מאכט נישט ווער דער בעל עצה איז, אויב זיין עצה איז גוט, דארף זי אנגענומען ווערען. ווייל איז דען נישט געווען א צייט, ווען א גרויסע סכנה פון הונגער האט געלויערט אויף מצרים, און א איד, מיט דעם נאמען יוסף, האט מיט זיינע קלוגע עצות געראטעוועט גאנץ מצרים? מיך ארט נישט ווער דער ארכיטעקט איז, אויב זיינע פלענער זיינען גוטע, וועל איך זיי אננעהמען.

— יעצט, מיין האר קעניג, וויל איך זאגען, אז צווישען די אידען אין גשן איז פאראן אן ארכיטעקט, מיט'ן נאמען יצהר, ער שטאמט פון דעם שבט לוי, וואס איז נישט פארשקלאפט, און איך גלויב, אז ער איז דער גרעסטער בוימייסטער, וואס מצרים פארמאגט. ער איז זעהר קלוג און באזיצט זעהר פיעל פעהיגקייטען. און איך גלויב, אז ווען ער וואלט אויפגעפאדערט געווארען איבערצוגעבען דעם קעניג זיין פלאן צו בויען א שאץ־קאמער, ווי פרעה ווינשט, וואלט אלעמען זיין פלאן געפעלען געווארען.

— אויב אזוי, — האט פרעה אויסגערופען, — פארלאנג איך, אז דו זאלסט איהם גלייך בריינגען אהער און איך וועל הערען, וואס ער האט צו זאגען.

פרעה האט געהייסען איינשפאנען א קארעטע און הרהור האט דעם אנטרייבער געהייסען פאהרען וואס שנעלער נאך גשן צו יצהר'ן.

ווען פיער טעג זיינען פאריבער און קרח און יצהר האבען פון הרהור'ן גארנישט געהערט, איז קרח געווארען גאנץ אומעטיג. אומזיסט האט ער געהאפט. ער איז געווען זיכער, אז הרהור וועט האלטען ווארט און וועט רעדען וועגען זיין פאטער פאר פרעה'ן און יעצט ווייזט זיך ארויס, אז ער האט אן איהם אינגאנצען פארגעסען.

— איך וועל אליין נאכאמאל אריבערגעהן צו יצהר'ן, — האט קרח זיך אפגערופען צו זיין פאטער. — אפשר האט עפעס פאסירט און ער קען עס אונז נישט שיקען אנזאגען?

— ניין, דו וועסט מעהר אהין נישט

געהן! — האָט יצהר זיך אָפּגערופען צו זיין זוהן. — אויב הרהור האָט נישט געפונען פאר נויטיג מיך צו דערמאָנען פאר פּרעה'ן, וואָס וועט דען העלפען דיין געהן אהין צום צווייטען מאָל? יאָ, אזוי ווי דער שר המשקים האָט פארגעסען אָן יוסף'ן און וואָס ער האָט פאר איהם געטהאָן און נישט דערמאָנט, אזוי האָט הרהור פארגעסען אָן מיר. און נאָך אלעמען, פארוואָס לוינט זיך פאר איהם ער זאָל זאָגען פּרעה'ן ווער עס האָט איהם ארויסגעהאָלפען אין זיינע אונטערנעהמונגען?...

— עס איז אונמעגליך, אז ער זאָל דיך נישט דערמאָנען פאר פּרעה'ן צוליעב זיין אייגענער טובה וועגען! — האָט קרח זיך אָפּגערופען. — איך קען הרהור'ן זעהר גוט. און ווען ער האָט מיר פארשפּראָכען, האָב איך אין זיינע ווערטער נישט געצווייפעלט. און דעריבער בין איך שטארק איבערראשט, וואָס מיר האָבען נאָך פון איהם נישט געהערט.

קרח האָט באשלאָסען, אז ער וועט ווידער אוועקגעהן צו הרהור'ן, אָהן זיין פאָטער'ס וויסען. און דאָן וועט ער פון איהם אויסגעפינען די אורזאכע.

מיט אן אויסרייד, אז ער געהט באזוכען נחשונ'ען, האָט קרח פארלאָזען זיין הויז און איז אוועק צו הרהור'ן.

א קורצע ווייל, נאָכדעם ווי קרח איז ארויס פון זיין הויז, האָט זיך נעבען יצהר'ס הויז אָפּגעשטעלט א קעניגליכע קארעטע. אלע אידען, וועלכע האָבען עס באמערקט, האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען.

בליץ־שנעל איז באוואוסט געוואָרען איבער גאנץ גשן, אז דער קעניג האָט געשיקט נאָך יצהר'ן. און ארום יצהר'ס הויז זיינען געווען פארזאמעלט פיעלע אידען, וועלכע האָבען מיט גרויס נייגעריגקייט געוואַרט צו זעהן ווער עס וועט ארויסקומען מיט יצהר'ן פון זיין הויז.

הרהור איז אריינגעקומען צו יצהר'ן און ער האָט איהם פריינטליך באגריסט.

— אָה, מיין פריינט! — איז איהם יצהר אנטקעגען געקומען. — דו טהוסט מיר אָן זעהר א גרויסען כבוד מיט דיין יעצטיגען באזוך.

— איך בין צו דיר געשיקט געוואָרען פון פּרעה'ן, — האָט הרהור זיך אָפּגערופען. — דו ביזט איינגעלאדען גלייך צו ערשיינען פאר איהם. ער וויל זיך מיט דיר בּאראטהען וועגען בויען אז אויסערגעוועהנליכע שאַץ־קאמער... דריי טעג בין איך און די איבעריגע ארכיטעקטאָרען פארהאלטען געוואָרען אין זיין פאלאַץ. מיר האָבען אלע געטראכט וועגען פארשיעדענע פּלענער ווי אזוי צו בויען א שאַץ־קאמער פאר פּרעה'ן, וועלכע זאָל זיין געזיכערט פון גנבים. און ווען מיר האָבען איהם אונזערע פּלענער פאָרגעלייגט, איז איהם קיין איינער פון זיי נישט געפעלען געוואָרען. ער איז אויף אונז שטארק בייז געוואָרען. איך האָב איהם גלייך געוואָלט זאָגען וועגען דיר, מיין פריינט, אָבער דאָרטען איז געזעסען בלעם, פּרעה'ס הויפּט מיניסטער, וועלכער איז דאָך באוואוסט נישט קיין גרויסער פריינט פון די ישראלים. דעריבער האָב איך געוואַרט ביז וואַנען די געלעגענהייט וועט קומען. און ווען איך האָב געזעהן, אז אונזערע פּלענער זיינען פּרעה'ן ניט צום הארצען, האָב איך איהם געזאָגט וועגען דיר און פּרעה האָט מיר גלייך געהייסען דיך ברייגנען.

— איך בין דיר דאנקבאר פון טיעפסטען הארצען! — האָט זיך יצהר אָפּגערופען צו הרהור'ן. — אָבער איך בין נישט זיכער, אויב מיינע פּלענער וועלען דעם קעניג געפעלען ווערען?

— דו וועסט קענען ביי איהם אויך בעטען דריי טעג צייט, זיך איבערצודענקען, — האָט הרהור איהם געזאָגט. — איך בין זיכער, אז אין דריי טעג צייט וועסטו געוויס זיך דערטראַכטען צו עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. קום שנעלער.

— דו וועסט מיר מוזען ענטשולדי־

גען, איך בין דאָך ניט צוגעגרייט! — האָט יצהר געזאָגט. — איך וועל זיך מוזען ארומוואשען און איבערבייטען מיינע קליידער.

— וועל איך אויף דיר צוווארטען א קליינע ווײלע, — האָט הרהור געזאָגט. — פּרעה האָט געשיקט א קארעטע גע־שפּאנט צו עטליכע גוטע פערד און עס וועט אונז נישט לאנג נעהמען די רייזע.

יצהר האָט זיך שנעל ארומגעוואשען און איבערגעטהאָן און איז מיט הרהור'ן ארויסגעגאנגען פון הויז.

ער האָט בעמערקט די פיעלע פערזאַ־מעלטע אידען וועלכע האָבען איהם בע־גלייט מיט בליקען פון ערשטוינונג און נייגיריגקייט.

הרהור האָט זיך מיט יצהר'ן ארייננגע־זעצט אין דער קארעטע און זיי זיינען שנעל פערשוואונדען געוואָרען פון גשן.

ווען זיי זיינען שוין אָנגעקומען אין פּאלאץ איז שוין געוועזן גאנץ טונקעל. פּרעה האָט איהם צוזאמען מיט הרהור'ן געהייסען ארייננקומען.

טויט בלאס און צושראָקען איז יצהר געווען ווען ער איז געשטאנען פאר פּרעה'ן.

— איך האָב געהערט פון דיר אז דו ביזט זעהר א קלוגער בוימייסטער! — האָט פּרעה צו איהם זיך אָפּגערופען — יעצט האָף איך אז דו וועסט מיר קענען געבען א פּלאן ווי אזוי צו בויען א שאַץ־קאמער פאר מיינע אוצרות צו וואָס דער קליגסטער גנב פון דער וועלט וועט ניט קענען צוקומען! מיינע איבע־ריגע ארכיטעקטאָרען האָבען דורך דער צייט פון דריי טעג ניט געקענט אויס־ארבייטען א גוטען פּלאן וואָס מיר זאָל געפעלען.

— מעכטיגער און גענעדיגער קעניג! — האָט יצהר זיך פערנייגט, איך וועל זיך בעמיהען מיט מיין קליינעם פער־שטאנד צו בעטראכטען א פּלאן...

— ווילסטו איך זאָל דיר אויך געבען דריי טעג צייט צו טראכטען? — האָט פּרעה איהם געפרעגט.

— ניין, דאָס איז ניט נויטיג! — האָט יצהר זיך אָפּגערופען — איך וועל גלייך איבערגעבען דעם קעניג מיין מיי־נונג וועגען דעם.

— וואָס דו האָסט שוין דעם פּלאן פאר אזא געביידע? — האָט פּרעה גע־זאָגט מיט ערשטוינונג.

— יאָ, מיין האר קעניג! — אום צו פערזיכערען דעם קעניג'ס אוצרות פון גנבים, מוז געבויט ווערען אזא שאַץ־קאמער וואו עס זאָלען ניט זיין קיין טהירען און קיין פענסטער, ווײל אויב אין שאַץ קאמער וועלען זיין פענסטער און טהירען דאן וועט אינגאנצען אומ־מעגליך זיין זיך אויסצוהיטען פון גנבים.

— אָבער איך פערשטעה ניט! — האָט פּרעה זיך אָפּגערופען — ווי וועט זיין מעגליך ארייננצוגעהן און ארויסצו־געהן פון אזא שאַץ קאמער?

די איינציגע טהיר וואָס וועט זיך גע־פינען אין שאַץ קאמער זאָל פיהרען צום קעניג'ס שלאָף צימער... און דער קעניג וועט דארפען זעהען אז דער שליסעל פון יענער טהיר זאָל שטענדיג זיין מיט איהם. קיינער פון פּרעה'ס בעאמטע און בעדיענטע וועלען זיך ניט טהאָרען גע־פינען אין פּרעה'ס שלאָפצימער, סיידען דער קעניג אליין וועט דאָרטען זיין אויב פּרעה וועט אזוי טהאָן וועלען די אוצרות זיין געזיכערט!

— דיין עצה געפעלט מיר זעהר! — האָט פּרעה זיך אָפּגערופען — אָבער ווי אזוי וועסטו קענען בויען אזא שאַץ־קא־מער אָהן פענסטער און אָהן טהירען.

— איך נעהם זיך אונטער צו בויען אזא געביידע ווי איך האָב דעם קעניג געזאָגט — האָט יצהר זיך אָפּגערופען! אויב דער קעניג וועט מיר בעפאָלמעכ־טיגען עס צו מהאָן.

— ווען דיר וועט עס געלינגען צו טהאָן וועל איך דיר זעהר שטארק בע־לוינען — האָט פּרעה געזאָגט — יעצט וואָלט איך וועלען קריגען פון דיר אן אויספיהרליכען פּלאן ווי אזוי די שאַץ־קאמער וועט אויסזעהען.

יצהר האָט געמאכט די אלע צייכנונ־

גען און אין א ווײַלע ארום האט ער דאס געצייגט פרעה'ן און צו הרהור'ן.

— גרויסארטיג! — האט פרעה אויסגערופען — יעצט פערשטעה איך וואס דו מיינסט. דו ביזט ווירקליך איינער פון די בעסטע ארכיטעקטארען פון מצרים.

— ניט נאר פון מצרים! — האט הרהור זיך אפגערופען אבער איך גלויב אז אויך פון פיעלע אנדערע לענדער. איך בין זיכער אז קיינער פון אונז וואלט ניט געווען אימשטאנד אויסצוארביטען אזא וואונדערבארען פלאן פאר דעם קעניג.

— דו מעגסט זיין זיכער אז דיין לוין איז גרויס! — האט פרעה זיך געווענדעט צו יצהר'ן — דיין פערלאנג וועט שנעל ערפילט ווערען.

— גנעדיגער פרעה! — האט יצהר זיך אפגערופען — אויב פרעה וועט אויף מיר ניט זיין אין כעס — וואלט איך פון איהם יעצט געבעטען צו בעפרייען מיין ברודער עמרם און זיין פריינד עמינדב, וועלכע זיינען אומשולדיגערהייט ארעסטירט געווארען.

— דאס איז אוממעגליך! — האט פרעה אויסגערופען — איך האב געזאגט אז זיי וועלען פערהאלטען ווערען ביז וואנען די אידען וועלען מיר צושטעלען די בעשטימטע סומע געלד, און אזוי ווי בין יעצט האב איך נאר דערהאלטען בלויז העלפט פון דער דאזיגער סומע, דעריבער בין איך געצוואונגען זיי אויף ווייטער צו פערהאלטען. אויב זיי האבען געקענט שאפען העלפט פון דער סומע וועלען זיי אויך האבען די מעגליכקייט צו שאפען די אנדערע העלפט.

— דאס אידישע פאלק איז שטארק פערארימט געווארען גנעדיגער קעניג, יעדער האט אפגעגעבען אלעם וואס ער האט פערמאגט און ווען זיי וואלטען געווען די אייגענטהימער פון זייערע אייגענע קערפערס וואלטען זיי דאס אויך פערקויפט און אויסגעלייזט זייערע צוויי פארשטעהער. — האט יצהר געזאגט מיט טרעהרען.

— איך האב אן עצה! — האט הרהור געזאגט — דער קעניג וועט זיך דאך נויטיגען אין גוטע ארבייטער. און כדי ניט אוועקצונעמען די שקלאפען פון זייער ארבייט, וועט זיך דעם קעניג לוינען צו דינגען אנדערע ארבייטער, און אזוי ווי דער שבט לוי איז ניט פערשקלאפט, זאלען זיי קומען טהאן די ארבייט און די געלד וואס זיי וועלען בעקומען וועט זיין גענוג צו בעצאהלען די ארויפגעלעגטע צינזען אויף אלע אידען.

— איך בין צופרידען דאמיט! — האט פרעה געזאגט, איך וועל אננעהמען זייער ארבייט אלס געלד און ווען עס וועט דערגרייכען די פולע סומע, דאן וועל איך דיין ברודער און זיין פריינד בעפרייען.

— אבער מיין האר קעניג, פארוואס זאלען זיי שמאכטען דערווייל אין געפענגנים, בעפריי זיי אויף מיין פעראנטווארטליכקייט און אויב די נויטיגע סומע וועט ביז דאן ניט אויסגעצאהלט ווערען, וועט דער קעניג מיך לאזען טוידטען.

— איך וועל דיר נאכגעבען אויף דיעזען פערלאנג! — האט פרעה געזאגט — אבער דו וועסט דארפען זעהן איך זאל צוליעב דעם גארניט פערלירען.

יענעם טאג איז אין גשן געווען א גרויסע שמחה. יצהר האט זיך אומגעקעהרט פון פרעה'ס פאלאץ מיט עמרם'ן און עמינדב'ן, אלעמענס פנימ'ער האבען געלויכטען פון פרייד און צו קרח'ס גליק איז קיין גרעניץ ניט געווען. ער האט פאר יעדען איינעם דערצעהלט ווי אזוי ער האט פערורזאכט די בעפרייאונג פון די אידישע צוויי פארשטעהער, ער איז גלייך אוועק צו עמינדב'ס הויז און זיך געפיהלט זעהר שטאלץ און געהויבען.

— נו, האב איך דען אייך ניט געזאגט, אז אייער פאטער וועט בעפרייט ווערען גאר אין גיכען? — האט קרח זיך אפגערופען צו נחשון און אלישעבען

— איך האב פאראויסגעזעהען אז אזוי וועט געשעהן און דעריבער האב איך

ניט גערוהט און געגאנגען אהין מיין פאטער'ס וויסען צו הרהור'ן.

פון דער טיפעניש פון אונזערע הערצער בעדאנקען מיר דיר, קרח, און דיין פאטער פאר דער פרייד וואס איהר האט אונז און אלע אידען געבראכט— האט נחשון זיך אפגערופען.

— איך האף נאך אז די צייט וועט קומען און איך וועל זעהן אז מיין פאטער זאל פועל'ן אז פרעה זאל אין אלגעמיין פערגרינגערען אונזער שווערען יאך... יע, איך בין נאך דאמיט אליין נישט צופרידען — האט קרח געזאגט, ווארפענדיג זיינע בליקען אויף אלישבע. איך האב נישט ליעב צו פיעל צו ריידען אבער איך טוה... אהרן האט נאך דערווילע...

— איך וויים וואס דו ווילסט זאגען!

— האט איהם אלישבע אונטערבראכען.

— אבער דו מאכסט א גרויסען טעות. אהרן האט שוין א סך אויפגעטאן... ער איז זעהר בעשיידען און רעדט דערפון נישט. אבער אין דיזער שווערסטער צייט פון אונזער גלות מצרים, איז אהרן געווען ווי א באלזאם צו די אידישע פערוואונדעטע הערצער... די פערצווייפלונג און יאוש וואס האט אזוי טיעף אריינגעדרונגען אין די נשמות פון אלע אידען אין דער לעצטער צייט, איז א דאנק אהרן'ס טרייסט־ווערטער און ערמוטיגונג, כמעט פערשוואונדען. מיט וועמען דו זאלסט ניט ריידען יעצט, און אפילו איידער דער בעפרייאונג פון מיין פאטער און עמרם'ן איז ער פול מיט האפנונג, אז שוין לאנג וועט אונזער גלות אין מצרים ניט דויערען.

— איך זעה נישט איין אויף וואס זעהענדיג אהרן בעגרינדעט זיין צו־גרויסע האפנונג — האט קרח געזאגט, און די קנאה האט אין זיין הארצען געברענט — די אידישע לאגע ווערט ערגער. פרעה מענעפטא איז נאך ערגער ווי זיין פאטער און אין דערזעלבער צייט איז ער נאך מעכטיגער און רייכער. די איינציגע זאך אויף וואס מיר קענען האפען איז, ווען די שאץ־קאמער וואס מיין פאטער בויט פאר דעם קעניג, וועט ביי איהם זעהר שטארק אויסנעהמען, און דאן וועט ער קענען ביי איהם אויסבעטען נאך איניגע הנחות.

— אהרן, אבער, האלט נישט פון שתדלנות און געבעט... האט אלישבע געזאגט — אהרן זאגט, אז מיר דארפען זיין געגרייט צו פאדערען אונזער רעכט. מיר דארפען זיין פעראייניגט, און ווען די צייט וועט רייף ווערען, זיך אויפשטעלען ווי איין מאן געגען אונזערע אונטערדריקער.

— אהרן איז א טרוימער און א פאנטאזיאר! — האט קרח זיך אפגערופען מיט א שמייכעל — ווי פעראייניגט מיר זאלען נישט זיין, קענען מיר דען חלום'ען צו בעזיגען די מעכטיגע מצרים. מיר האבען נישט קיין וואפען, מיר זיינען פערארימט געווארען פון די שווערע צינזען... מיר ציטערען פאר יעדען שארד, און דא וויל ער איינריידען, אז מיר וועלען זיך קענען געגענשטעלען געגען דעם מעכטיגען פון אלע פרעה'ס!

— אמת, מיר קענען זיך נישט פערלאזען אויף אונזערע אייגענע קרעפטען —האט אלישבע צוגעגעבען, אבער אהרן זאגט, אז מיר דארפען האבען בטחון אין אונזער גאט, דעם גאט פון אונזערע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב, ער וועט אונז קומען צו הילף און בעפרייען. יע, ווען גאט וועט זעהן, אז מיר האבען דעם ווילען צו זיין פריי, און אז מיר זיינען ווערטה אויסגעלייזט צו ווערען פון גלות מצרים, וועט ער אונז שוין העלפען.

— דאס אבער וויים אהרן נישט! האט קרח געזאגט—אז ווען ער וואלט זיך פערלאזען אויף נסים, וואלט זיין פאטער פערבליבען אין תפיסה און נאכהער וואלט ער פיליכט געטויטעט געווארען. ניין, איך האלט נישט פון נסים! און דעריבער האב איך נישט גערוהט ביז וואנען איך האב דאס אלץ פעראורזאכט.

יצהר האט אנגעפאנגען צו בויען די

שאַץ־קאַמער פאַר פרעה'ן. ער האָט אויסגעקליבען פון זיין שבט לוי פעהיגע מענשען, און ער האָט זייער לוין באַשטימט. פרעה אָבער האָט זיי נישט געצאָהלט... ער האָט עס ארויפגעשטעלט אויפ'ן חשבון פון די צינזען וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איהם געדאַרפט געבען.

דריי יאָהר האָט געדויערט דאָס בויען פון דעם שאַץ־קאַמער און ווען עס איז פאַרטיג געוואָרען איז פרעה צוזאַמען מיט זיינע מיניסטאָרען געקומען אָנקוקען און זיי האָבען מיט גרויס באַוואונדערונג בעטראַכט די קינסטלערישע געביידע, וואָס איז געבויט געוואָרען אָהן פענסטער און מיט בלויז איין איינציגע טיהר וואָס פיהרט צו פרעה'ס שלאָף־צימער.

— איך האָב אַלע מאָל געוואָלט, אז איך זאָל נישט דאַרפען שטעלען קיין מענשליכע שומרים צו היטען מיינע אונגעהויערע גרויסע אוצרות — האָט פרעה זיך אָפּגערופען צו בלעם'ן — יעצט איז מיין וואונש ערפילט געוואָרען... איז דען פאַראַן יעצט א מעגליכקייט פאַר וועמען עס איז ארויסצוגנב'ענען וואָס עס איז פון מיינע אוצרות!

— ניין! יעצט איז קיין מעגליכקייט נישטאָ, אפילו ווען דער גנב זאָל זיין דער קליגסטער און שטאַרקסטער! — האָט בלעם געענטפערט — די געביידע איז געבויט זעהר שטאַרק, מיט שווערע שטיינער, די ווענט זיינען זעהר דיק, און קיין טיהרען און פענסטער זיינען נישטאָ... זאָלען די געטער פון מצרים פערגרעסערען דיין רייכטום פון טאָג צו טאָג, ביז וואַנען דו וועסט זיין דער מעכטיגסטער קעניג. נאָכדעם ווי מען האָט אין זיין אנוועזענהייט אריבער געפיהרט אַלע זיינע אוצרות אין דער נייער שאַץ־קאַמער, האָט פרעה געמאַכט א גרויסען מאָלצייט און איינגעלאַדען אויך יצהר'ן דעם בוי־מייסטער.

אַלע האָבען געלויבט די קינסטלערישע ארבייט פון יצהר'ן, און דער הויפּט־פריעסטער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אָנגערופען:

— מעכטיגער פרעה! מעגען די ברכות פון אונזער הויפּט גאָט אזירים פאַלען אויף דיין קאָפּ און אויף די קעפּ פון דיינע נאָכפאָלגער ביז עוויג. — דער טעמפּעל אין וואָס אזירים וואָהנט איז שוין גאַנץ אַלט, ער איז געבויט געוואָרען נאָך אין דער צייט ווען אונזערע שונאים, די היקסאָס, האָבען געוועלטיגט איבער אונזער לאַנד. דעריבער וואָלט איך יעצט פערלאַנגט פון דעם קעניג אז ער זאָל בעטען יצהר'ן אויפצובויען א נייעם טעמפּעל פאַר אזירים'ן וו'אָס זאָל זיין א שטאָלץ פאַר אונזער לאַנד.

— צו בויען יעצט אזא טעמפּעל! — האָט פרעה איהם געענטפערט — דאַרף קאָסטען זעהר פיעל געלט — און איך בין נאָך ביי דיזער צייט נישט גענייגט אויסצוגעבען צופיעל געלט.

— איך גלויב, אז עס דאַרף פרעה'ן זעהר ווינציג קאָסטען! האָט בלעם זיך אָפּגערופען — דיזעלבע בויער וועלכע האָבען די שאַץ־קאַמער געבויט וועלען קומען בויען דעם טעמפּעל פאַר אזירים.

— יענע בויער זיינען צו מיר נישט געווען פערשקלאַפט—האָט פרעה איהם געענטפערט — און איך האָב זיי געדאַרפט צאָהלען שכירות... און דערנאָך האָב איך דאָס ארונטערגענומען פון די צינזען וואָס מיר האָט געקומט. יעצט אָבער, אז אַלעס איז אָפּגעצאָהלט געוואָרען, וועל איך די ארבייטער מוזען צאָהלען פון מיינע אוצרות, און דאָס בין איך נאָך דערווייל‎א נישט געגרייט צו טאָן.

— און פאַר וואָס זאָל פרעה ווידער נישט ארויפלייגען שווערע צינזען אויף די אידען... און אויב זיי וועלען נישט וועלען צאָהלען וועלען שוין געפונען ווערען מיטלען ווי אזוי זיי צו צווינגען.

יצהר וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו בלעם'ס רייד, האָט געברענט פון צאָרן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך פערנייגט פאַר פרעה'ן און געזאָגט:

— איך האָף, אז דער מעכטיגער קעניג וועט מיר מוחל זיין אויב איך וועל יעצט ריידען עטליכע ווערטער.

— רייד, יצחר! — האָט פרעה צו איהם געזאָגט.

— איך האָב געהערט ווי דער הויפּט פּריעסטער האָט געמאַכט א פאָרשלאָג איך זאָל בויען א טעמפּעל פאר אזירים'ן, און איך האָב אויך געהערט די פערשידענע "קלוגע" עצות פון בלעם'ן, אָבער צו דערזעלבער צייט, האָבען זיי ביידע, אי דער הויפּט ריעסטער און אי בלעם, פערגעסען, אז איך בין א איד, און איך וועל בשום אופן נישט צושטימען צו בויען א טעמפּעל פאר א פרעמדען גאָט... כאָטש מיינע ברידער זיינען יעצט שקלאַפען אין מצרים, און זיי טוען אלערליי שווערע ארבייט, דאָך אָבער ווען מען זאָל זיי צווינגען צו בויען טעמפּלען פאר פרעמדע געטער וועלען זיי עס נישט טאָן, אפילו ווען מען זאָל זיי דראָהען מיט'ן טויט... און אויב אפילו זיי וועלען שוין יע צושטימען, וועל איך דאָס אליין נישט טאָן... איך בין געגרייט צו בויען די שעהנסטע געביידעס פאר דעם קעניג, אָבער אלס איד וועל איך קיין טעמפּלען פאר אָפּגעטער נישט בויען!

דאָס פנים פון הויפּט ריעסטער איז רויט געוואָרען פון כעס. אויך בלעם האָט געוואָרפען בייזע בליקען אויף יצחר'ן. ער האָט זיך געוואונדערט ווי אזוי דער איד האָט געקראָגען אזוי פיעל חוצפּה און געוואָגט צו ריידען אזעלכע רייד וועגען די געטער פון מצרים אין פרעה'ס געגענווארט...

— ער האָט בעליידיגט אונזערע געטער! — האָט דער פריעסטער אויסגערופען און געקריצט מיט זיינע צייהן פון אויפרעגונג.

— יע, ער האָט זיי אָנגערופען "אָפּגעטער"! — האָט בלעם געדריקט זיינע פויסטען — ער מוז בעשטראָפט ווערען.

— דו וועסט דעריבער מוזען בויען דעם טעמפּעל פאר אזירים — איז שוין פרעה אויך אויפגערעגט געוואָרען—אויב נישט, וועל איך אלע אידען בעשטראָפען מיט נאָך שווערערע צינזען!

— עס טוט מיר זעהר לייד, מיין האר קעניג וואָס איך קען נישט ערפילען אויך דיזען וואונש פון פרעה'ן — האָט יצחר געזאָגט — איך און מיינע ברידער זיינען צוגעוואוינט געוואָרען צו ליידען... אויב עס איז דעם קעניג'ס וואונש צו מאַכען אונזער לאַסט נאָך שווערער, וועלען מיר עס טראָגען ווי פריהער, אָבער צושטימען צו בויען א טעמפּעל פאר אזירים דאָס וועל איך נישט!

— פריהער א ווייל'ע האָסטו געפונען חן אין מיינע אויגען — האָט פרעה מינעפּטאה אויסגערופען — איך בין געווען דאנקבאר צו דיר פאר וואָס דו האָסט בעוויזען צופרידענצושטעלען מיין פערלאַנג... אלע האָבען דיר געשעצט און געאכטעט פאר דיין וואונדערבארער ארבייט וואָס דו האָסט געטהאָן און איצט צוליעב דיין איינגעשפּארטקייט פערלירסטו אלעס וואָס דו האָסט ביז איצט געוואונען...

— מיר ארט ניט אויב איך וועל פערלירען נאָך מעהר — האָט יצחר אויסגערופען און קוים זיך געקענט בעהערשען — ווען דער פערלאַנג פון פרעה'ן איז נישט געווען געגען מיין גלויבען — האָב איך עס געטהאָן מיט צופריעדענהייט — און אויך מיינע ברידער האָבען מיר ארויסגעהאָלפען מיט אלעס וואָס זיי האָבען געקענט. אָבער יעצט ווען עס ווערט פון מיר א זאַך געפאָדערט וואָס איז ניט אין אנקלאנג מיט מיין אמונה, דאַן בין איך און אויך אלע מיינע ברידער, געגרייט מקריב צו זיין אונזערע לעבענס!

— איך גיעב דיר דרייסיג טעג זיך צו בעטראַכטען — האָט פרעה אויסגערופען און זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט — איך האָב דיר אָנגעטהאָן אזא כבוד און דיר איינגעלאַדען צווישען אלע מיינע געהויבענע געסט, און יעצט ווילסטו ווידערשפּעניגען מיין מויל — יע, דרייסיג טעג גיעב איך

דיר פיעללייכט וועסטו זיך ארומזועהן. איך וואָלט דיר געקענט גלייך צווינגען דאס צו טהאָן, אָבער איך טהו דאס ניט צוליעב דיין גרויסער פערדיענסט.

— איך האָב נישט וואס זיך צו בעטראכטען! — האָט יצהר מיט שטאָלץ געענטפערט — איך האָב מיין בעשלוס געמאכט גלייך דאָ אויפ'ן פּלאַץ! איך וועל נישט בויען קיין טעמפּעל פאַר אזירים!

— אויב אזוי וועל איך געבען די דרייסיג טעג צייט צו אלע מיינע קנעכט פון גשן זיי זאָלען מיר צושטעלען נאָך צינזען וואס וועט בעטרעפען צוויי מאָל אזוי פיעל ווי פריהערדיגע. און אויב די פולע סומע וועט ניט געבראכט ווערען צו דער בעשטימטער צייט — דאן וועל איך פון יעדען אידען צונעהמען זיינע קינדער. יעצט האָף איך וועלען שוין דיינע אייגענע ברידער דיר צווינגען זיך אונטערצוגעבען.

— און זאָל דער קעניג אוועקשיקען די עלטערע קינדער פון ישראל צו די זילבערמינען! — האָט בלעם צוגעגעבען — און יצהר מעג עס וויסען אז בלויז א קליינער חלק פון די וועלכע ווערען אוועקגעשיקט אין די זילבער מינען קעהרען זיך צוריק לעבעדיגע.

— יע, אזוי וועל איך טהאָן האָט פרעה אויסגערופען — אויב די געפאָדערטע סומע צינזען וואס איך לעג יעצט ארויף אויף דיינע ברידער וועט אין דרייסיג טעג ניט צוגעשטעלט ווערען, דאן וועלען אלע קינדער פון דיינע ברידער אוועקגענומען ווערען, די עלטערע פון זיי וועלען אוועקגעשיקט ווערען צו די זילבער מינען, און די קלענערע וועל איך צוטהיילען פאַר מיין פאָלק אלס קנעכט און דינסטען. יעצט קענסטו געהן!

יצהר האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, זיך א נייג געטהאָן און פערלאָזען דעם פּלאַץ.

מיט וואקלענדע טריט האָט זיך יצהר געלאָזט געהן אהיים, נאָך גשן. עס איז איהם געווען זעהר טרויעריג אויפ'ן הארצען. יעצט זעהט ער ווי אומדאנקבאר דער שלעכטער פרעה איז, ווי לייכט ער ווערט בעאיינפלוסט פון זיינע מיניסטאָרען און פריעסטער, די רשעים. אָבער חרטה אויף דעם דאַרף ער נישט האָבען. זאָלען זיי וויסען אז מיט שטראָפען און צווינגען קענען זיי גאנץ ווייניג אויפטהאָן. און דאס וואס ער האָט אוועקגעלייגט אזוי פיעל מיה אויפצובויען די שאַץ־קאמער דאַרף איהם דאס אויך נישט פאַרדריסען...

די אידען אין גשן האָבען מיט גרויס נייגיריגקייט געוואַרט אויף יצהר'ס צוריקקעהר פון פרעה'ס פּלאַץ. אלע האָבען געהאָפט אז פרעה וועלכער איז שטארק צופריעדען מיט זיין ארבייט, וועט נעהמען אין אנבעטראכט יצהר'ס פערלאנגען צו פערגרינגערען די לאגע פון די אידען. האָט זיך דען איהם ניט איינגעגעבען צו פועל'ן ביי פרעה'ן צו בעפרייען עמרם'ען און עמינדב'ן?

פיעלע פון די חשוב'ע אידען האָבען זיך פערזאמעלט ארום יצהר'ס הויז איהם ענטקעגען צוקומען ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען. צווישען די פערזאמעלטע זיינען אויך געווען עמרם, עמינדב און זייערע משפחות.

— געלויבט איז גאָט! — האָט עמרם זיך אָפּגערופען צו די איבעריגע פערזאמעלטע — וואס מיט איין האנט שטראָפט ער אונז און מיט דער צווייטער — היילט ער אונז. געמיינט האָבען מיר אז עס איז שוין מעהר קיין האָפנונג נישטאָ פאַר אונזער פאָלק אז פרעה'ס גזרות וועלען ווערען אונטערגעליכער, האָט יעצט גאָט פאַר אונז צוגעשיקט מיין ברודער, וועלכער האָט געפונען חן אין זיינע אויגען און ער וועט שוין זעהן צו פערלינדערען אונזערע צרות.

איך בין זיכער אז ווען ניט יצהר וואָלטען מיר ביידע אונזערע לעבענס פערלאָרען! — האָט עמינדב זיך אָפּגערופען. — אונזערע ברידער זיינען אזוי פאַראַרימט געוואָרען אז אפילו

מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג וואָלט זיי נישט געלונגען צו שאפּען די געפּאָדערטע סומע צינזען. דאַן וואָלט פּרעה זיכער אויסגעפיהרט זיין דראָהונג און וואָלט אונז ביידען געלאָזט טוידטען. און ווער ווייסט וויפיעל נייע, שווערע גזרות פּרעה וואָלט אויף אונז גוזר געווען.

— יעצט מעגען מיר אלע רוהיג זיין — האָט זיך קרח אָפּגערופען מיט שטאָלץ, מיין פּאָטער וועט שוין זעהן אז נישט נאָר וועט פּרעה קיין נייע גזרות נישט מאכען, נאָר ער וועט אויך אָפּשאפּען פיעלע פון די אלטע... זעהט איהר דען נישט ווי געהויבען מיין פּאָטער איז אין פּרעה'ס אויגען, אז ער האָט געמאכט א מאָלצייט לכבוד זיין נייער שאַץ־קאַמער וואס מיין פּאָטער האָט געבויט, האָט ער איינגעלאדען מיין פּאָטער און געשיקט א קעניגליכע קאַרעטע פאר איהם.

— דאס איז א סימן אז דיין פּאָטער האָט שטארק נושא חן געווען אין פּרעה'ס אויגען — האָט נחשון צוגעגעבען — און ווער ווייסט אויב מיט דער צייט וועט פּרעה איהם ניט דערהויבען צו א הויכען אמט, אזוי ווי אונזער יוסף איז מיט פיעלע דורות צוריק דערהויבען געווארען?

— אלעס איז מעגליך — האָט אהרן געזאָגט — נאָר די איינציגע זאך איז וואס פּרעה'ס מיניסטאָרען זיינען גרויסע שונאי ישראל, און זעהר לייכט ווירקען זיי אויף איהם צום שלעכטען.

— האָבען זיי דאָך אָבער גאר נישט געקענט אויפטהאָן געגען מיין פּאָטער— האָט קרח אויסגערופען — הרהור האָט מיר דערצעהלט אז ווען ער האָט פאָרגעשלאָגען אז פּרעה זאָל נעהמען מיין פּאָטער, איז בלעם שטארק געווען דאָגעגען און פונדעסטוועגען האָבען זיינע רייד גאָר קיין ווירקונג ניט געהאט אויף פּרעה'ן.

— יצהר קומט אָן! — האָט אימיצער אויסגערופען און אלע פערזאמעלטע האָבען זיך א לאָז געטהאָן איהם אנטקעגען צו קומען.

פון ווייטען האָבען זיי איהם דערזעהן אָנקומענדיג און ביי יעדען אויף די ליפּען איז געלעגען די פראגע: "פאר וואס האָט איהם פּרעה ניט געשיקט אהיים מיט א קארעטע, אזוי ווי ער האָט געטהאָן ווען ער האָט איהם צום מאָלצייט איינגעלאדען?...

עפּעס האָט ביי יעדען איינעם א טיאכקע געטהאָן אין הארצען ווען זיי האָבען זיך דערנעהנטערט און דערזעהן דעם טרויעריגען פּנים פון יצרה'ן, ווי ער שלעפּט זיינע מיעדע פיס...

קרח איז שנעל צוגעלאָפּען צו יצרה'ן, איהם ארומגענומען און געקושט:

— פּאָטער וואס האָט פּאסירט? פאר וואס האָט פּרעה דיר אהיים ניט געשיקט מיט א קארעטע?

יצהר האָט בעטראכט דעם המון, זייערע נייגעריגע צושראקענע בליקען האָבען איהם ביז טרעהרען געריהרט.

— איך ווייס — האָט ער געזאָגט און די טרעהרען האָבען איהם אין האלז געשטיקט — אז איהר זייט מיר אלע ענטקעגען געגאנגען מיט גרויסע ערוואַרטונגען, אָבער צו מיין גרויס בעדויערען וועט איהר אלע ענטטוישט זיין!

— אָבער פּאָטער! — האָט קרח אויסגערופען און זיין פּנים איז טויט בלאס געווארען — איז דען פּרעה ניט צופריעדען מיט דיין ארבייט?

— פּרעה איז זעהר צופריעדען מיט מיין ארבייט! — האָט יצרה טרויעריג געזאָגט, אָבער וואס קומט ארויס אז זיינע מיניסטאָרען און פּריעסטער האָבען צווישען זיך יד אחת געמאכט און זייער ווירקונג איז זעהר גרויס אויף פּרעה'ן. אין מיטען דעם מאָלצייט ווען זיי האָבען בעמערקט אז פּרעה טהוט מיר אזא גרויסען כבוד אָן אין דער צייט וואס ער האָט מיט גרויס ענטציקונג מיין ארבייט געלויבט, האָט זיך דער הויפּט פּריעסטער אויפגעשטעלט און פּארגעשלאָגען פאר פּרעה'ן איך זאָל אויף

בויען א טעמפעל פאר זייער הויפט אפגאט, אזירים.

פרעה האט אפילו בעת מעשה דערפון ניט געוואלט הערען ווייל דער געלד־גייציגער מענעפטאה האט מורא געהאט פיעללייכט וועט איהם אזא געביידע קאסטען א סך געלט, און ער האט עס שוין געוואלט אפלייגען אויף א שפעטערע צייט, אבער דא האט זיך בלעם דער רשע אריינגעמישט און ער האט איבערצייגט דעם קעניג אזוי ווי ער קען קריגען די ארבייט אומזיסט, ווי דאס איז געשעהן ביים בויען די שאצקאמער. עס האט לאנג ניט גענומען און פרעה האט צוגעשטימט צו בלעם'ס רייד, דאן האב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאגט, אז דאס איז געווען מיין אמונה צו בויען א טעמפעל פאר פרעמדע אפגעטער און איך וועל בשום אופן עס ניט טאהן. בלעם און דער פריעסטער האבען גענומען שטורמען אז איך האב בעליידיגט זייער הויפט אפגאט, און פרעה האט געמאכט א פערזוך מיך צו צווינגען, אבער ווען איך האב נישט צוגעשטימט האט פרעה מיט כעס מיך געלאזט וויסען אז ער לייגט ארויף צינזען אויף אלע אידען וואס איז נאך צוויי מאל אזוי גרויס ווי די פריהערדיגע און אויב אין משך פון דרייסיג טעג וועט די געפאדערטע סומע ניט צוגעשטעלט ווערען, דראהט ער צוצונעהמען אלע אונזערע קינדער, די עלטערע פון זיי וועט ער אוועקשיקען אין די זילבער מינען און די אינגערע וועט פרעה צוטהיילען פאר שקלאפען צווישען די מצריים.

א יאמערליכער געוויין האט אויסגעבראכען צווישען עולם ווען זיי האבען דערהערט יצרה'ס רייד.

— וואס וועלען מיר יעצט טאהן ?

— האבען די אידען געיאמערט — דיעזע לעצטע גזרה שטייגט אריבער די פריהערדיגע.

— דער פריהערדיגער פרעה האט בלויז גוזר געווען אויף אונזערע זיהן וועלכע וועלען נאר וואס געבארען ווערען, און דיעזער פרעה וויל פון אונז אוועקרויבען אלע אונזערע קינדער וועלכע מיר האבען אויפגעהאדעוועט, אונזערע זיהן און טעכטער — האבען נאך אידען געקלאגט.

— פאטער — האט קרח זיך אפגערופען — דו האסט געדארפט צושטימען צו בויען א טעמפעל פאר אזירים'ן דאמיט וואלסטו געקענט אויפטהאן א סך טובות פאר אלע אידען.

— מיין זוהן, דו טארסט אזעלכע רייד נישט ריידען ! ווי אזוי וואלט איך געקענט טהאן אזא זאך און פערשוועכען דעם נאמען פון אונזער גאט ! ווען איך וואלט עס נאכגעגעבען, וואס וועלען מיר טאהן אז פרעה'ן וועט זיך פערגלוסטען מיר זאלען אויך נעהמען דינען צו זייערע אפגעטער ?!

— אבער פאטער דאס וואס דו האסט זיך ענטזאגט צו בויען א טעמפעל, האסטו גורם געווען זעהר פיעל צרות פאר די אידען. איך בין זיכער אז גאט וואלט דיר מוחל געווען, ווען דו וואלסט זיך אונטערגענומען צו בויען דיעזען טעמפעל כדי צו העלפען אונזערע פעראומגליקטע ברידער !

— אה דו מוזט אונז העלפען, פון אונזערע אומשולדיגע קינדער'ס וועגען. — זיינען אייניגע צוגעקומען צו יצרה'ן.

— מיר זיינען פארלארען ! מיר זיינען פארלארען ! ווי אזוי וועלען מיר קענען צושטעלען אזא גרויסע סומע געלט, אין משך פון דרייסיג טעג ! מיר זיינען דאך אזוי שטארק פאראריטמט געווארען. עס איז פאר אונז קיין איינציגע האפנונג ניט פערבליבען ! אונזערע קינדער וועלען פון אונז אוועקגעדריבט ווערען. מען וועט זיי אוועקשיקען אין די זילבער מינען, און זיי וועלען זיין פאר אונז פארלארען אויף עוויג!

— בערוהיגט זיך, מיינע ברידער !

— האט יצהר זיך צו זיי אפגערופען

— עס וועט דערצו נישט קומען ! איך וועל ניט דערלאזען אז פרעה זאל פון אונז די קליינע קינדער אוועקרויבען! איך וועל זעהן אז די געפאדערטע סומע

געלט זאָל צוגעשטעלט ווערען צו פּרעה'ן נאָך איידער די דרייסיג טעג וועלען פאַראיבער געהן !

— ווי אזוי וועסטו עס קענען טאָהן?

— האָט איהם קרח געפרעגט — דו האָסט דאָך ביי פּרעה'ן קיין בעלוינונג פאַר דיין ארבייט ניט גענומען. אונזער געלט וואס מיר האָבען פאַרמאָגט איז דאָך אָפּגעגעבען געוואָרען פאַר די פריי־הערדיגע צינזען. קענסטו דען ערוואַרטען צונויפצוזאַמלען אזא אונגעהויערע גרויסע סומע געלט צווישען אונזערע אזוי אויך פאַראַרימטע ברידער ? האָט דען יעדער פון אונז ניט אָפּגעגעבען דאָס לעצטע וואס ער האָט געהאט ?

— זאָרג ניט, מיין זוהן, איך וועל זעהן צוצוש‍טעלען די גאָלד... גאָט וועט מיר העלפען... און אויב דאָס וועט פאַר מיר אונמעגליך זיין. וועל איך נאָך דאָן אלץ האָבען די ברירה זיך אונטערצוגעבען. און איהר, מיינע ברידער, הערט אויף צו טרויערען און יאָמערען. קיין שלעכטעס וועט אייך און אייערע קינדער ניט געשעהן. נאָך איידער די דרייסיג טעג וועלען פאַראיבער, וועל איך האָבען צונויפגעזאמעלט די נויטיגע סומע און לאָמיר ניט פאַרלירען אונזער האָפנונג אין גאָט !

די אידען האָבען מיט גרויס פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט יצהר'ן, זיי אלע ווייסען, אז פאַר זיין ארבייט האָט ער זעהר ווינציג געקראָגען באלוינט פון דעם קעניג. די איינציגע באלוינונג איז געווען וואָס פּרעה האָט באַפרייט עמרם'ן און עמינדב'ן. און יעצט פאַרזיכערט ער זיי, אז נאָך איידער די דרייסיג טעג וועלען פאַראיבער, וועט ער האָבען צונויפגעזאמעלט אזא ריזיגע סומע.

— אומזיסט טרייסט דו אונז ! — האָט זיך איינער אָפּגערופען מיט א יאָמערענדע שטימע — וועט דיר דען גאָט פון הימעל ארונטערווארפען די גאָלד ?!

— ערוואַרטסטו דען צו קריגען די געלט פון אונז ?... דו ווייסט דאָך, אז אונזער אלעמענס פאַרמעגענס זיינען ערשעפּט !

— איך וועל אליין צושטעלען די געלד... און אויב איך וועל עס ניט קענען באווייזען, וועל איך זיך אונטערגעבען ! — האָט יצהר זיך אָפּגערופען און קוים איינגעהאלטען זיינע טרעהרען — אָבער איהר, מיינע ברידער, דאַרפט זיך בארוהיגען.

נאָכדעם ווי אלע זיינען זיך צוגאַנגען, איז עמרם און אהרן אַוועק צו יצהר'ן אין הויז און זיי האָבען ווידער גענומען ארומריידען די לאַגע.

— איך ווייס ניט, מיין ברודער. וואָס דו דענקסט צו טהאָן ? — האָט עמרם זיך געווענדעט צו יצהר'ן — די אידען האָבען געהאט איין קליינע האָפנונג און דאָס איז איצט אויך פאַרשוואונדען. דו האָסט זיי געזוכט צו טרייסטען און דו האָסט זיי פאַרזיכערט, אז דו וועסט צושטעלען די געלד צו פּרעה'ן. אָבער מיר אלע ווייסען דאָך, אז דאָס איז אן אונמעגליכע זאך... וועסטו דען ביי דער יעצטיגער שווערער לאַגע קענען שאפען אזא סומע ?

— איך מוז צוגעבען, אז איך קען ניט פאַרשטעהן, ווי אזוי דו האָסט געקענט ביי זיך פּועל'ן צו דערצאָרענען פּרעה'ן... וואָלט דיר גאָט דען ניט מוחל געווען, ווען דו וואָלסט צוגעשטימט צו בויען א טעמפּעל פאַר אזירים'ן... און דאמיט וואָלסטו דערווייל געטהאָן א גרויסע טובה צו אלע אונזערע ברידער... זינט עמרם און עמינדב זיינען באפרייט געוואָרען דורך דיר. זיינען די אויגען פון ישראל אָנגעווענדעט אויף דיר, אלע האָבען ערוואַרטעט דו זאָלסט נאָך עפּעס קענען אויפטהאָן פאַר זיי...

—די אידישע הילף וועט ניט קומען דורך דעם וואס מיר וועלען פּרעה'ן נאָכגעבען אלע זיינע קאַפּריזען ! — האָט יצהר אויסגערופען — פאַרשטעהסטו דען ניט, אז בלעם און דער פּריסטער און אנדערע אונזערע שונאים, זוכען מיט אלע מעגליכקייטען גרינגצושעצען מיין פאַרדינסט צו פּרעה'ן. זיי האָבען אבזיכטליך פּלוצלונג ארויסגעטראַטען מיט

דעם פארשלאג וועגען א טעמפעל פאר אזירים. וויסענדיג אז איך וועל זעהר ניט זיין צופרידען פון דעם. און ווען איך וואלט פרעה'ן נאכגעגעבען צו דיזער זאך. וואלטען אונזערע שונאים דען ניט געקראגען מעהר מוטה און וואלטען פון מיר פארלאנגט איך זאל אויך קומען אין טעמפעל צו דינען צו אזירים'ן און צו מקריב זיין פאר איהם קרבנות! ניין, מיר דארפען ארויסווייזען אונזערע שונאים, אז כאטש מיר זיינען געדריקט און ערנידעריגט, האבען מיר נאך אונזער שטאלץ ניט פארלארען... אונזערע קערפערס זיינען פארשקלאפט, אבער אונזערע נשמות זיינען פריי און ריין!

קרח האט זיך געפיהלט זעהר דערשלאגען פון דעם וואס עס האט פאסירט. ער האט פריהער אזוי שטארק געשטאלצירט, אז ער האט פאראורזאכט די באפרייאונג פון די אידישע פארשטעהער, און ניט איינמאל האט ער זיך באריהמט פאר אלישבע'ן, אז פון יעצט אן וועט די אידישע לאגע פארבעסערט ווערען. ער וועט שוין זעהן, אז מען זאל פארגרינגערען די שווערע ארבייט... אבער יעצט זעהט ער, אז אנשטאט דעם מצב צו פארבעסערען איז נאך ערגער געווארען. ער האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן זיין פאטער... ער וויים דאך, אז קיין געלד פארמאגט ער ניט און פון וואנען וועט ער נעהמען צו באצאהלען פרעה'ן די נייע ארויפגעלייגטע שווערע צינזען? אפשר גלויבט ער, אז ער וועט עס קריגען פון הרהור'ן? אבער דאס איז דאך אונמעגליך! הרהור אליין פארמאגט ניט אזא אונגעהויער גרויסע סומע.

פונדעסטוועגען האט קרח באשלאסען אריבערגעהן צו הרהור'ן אהן זיין פאטער'ס וויסען. פיליכט וועט ער פון איהם קענען עפעס דערגעהן.

אויף מארגען איז קרח אוועק צו הרהור'ן אין הויז. ער איז דארטען יעצט נעם מאל זעהר קאלט אויפגענומען געווארען.

— מיין פריינד — האט קרח זיך צו איהם אפגערופען — איך בין צו דיר יעצט געקומען אהן מיין פאטער'ס וויסען, איך וואלט וועלען זיך מיט דיר בעראטען וואס צו טהאן.

— יעצט וועלען מיינע עצות גארניט העלפען! — האט הרהור קרח'ן געענטפערט — דיין פאטער האט זיך שטארק באנארישט! איך האב אימער צו געשעצט און געאכטעט איהם, איך האב איהם געהאלטען פאר זעהר א קלוגען מאן... און ווען מיר האט געלונגען איינצורייდען פרעה'ן ער זאל איהם נעהמען פאר זיין בוימייסטער, בין איך געווען העכסט צופרידען. און ווען עס האט איהם באגליקט און די שאץ־קאמער האט געפונען חן אין פרעה'ס אויגען, בין איך געווען זעהר גליקליך. דו קענסט זיך פארשטעלען וויפיעל שונאים איך האב געקראגען צווישען די בעאמטע פון פרעה'ן צוליב דעם וואס איך בין מקרב א אידישען פריינד... א, ווען יצהר וואלט אזוי ניט געהאנדעלט, וואלט ער פיעלייכט אויך פאר אלע אידען געקענט ברייגגען נוצען... און דא, אין די צייט, ווען פרעה האט איהם אנגעטהאן אזא כבוד, ער האט איהם איינגעלאדען צו דעם מאלצייט, און האט פאר אלעמען געלויבט זיין ארבייט. דארף ער זיך איינ'עקשנ'ען און ענטזאגען דעם קעניג'ס פארלאנג צו בויען א טעמפעל פאר דעם הויפט גאט פון מצרים, אזירים!

— אבער יעצט איז דאך שוין אלעס פארפאלען! — האט קרח זיך אפגערופען — פיליכט קענסטו מיר ראטען וואס צו טהאן?

— די איינציגע זאך וואס איך קען דיר ראטען איז, אז דיין פאטער זאל קומען צו פרעה'ן און בעטען ער זאל איהם מ.ז.ל זיין און ער זאל צושטימען צו בויען דעם טעמפעל... אויב ער וועט עס אזוי ניט טהאן, דאן וועט איהם קיינער

ניט קענען העלפען. ער וועט מוזען צוצשטעלען צו די קעניגליכע אוצרות די געפאדערטע סומע געלט. און איך ווייס וואס פאר א שווערע לאסט עס וועט יעצט זיין אויף אלע אידען נאכצוקומען די פאדערונג.

— עס איז אן אונמעגליכע זאך! — האט קרח געקוועטשט מיט זיינע פלייצעס — ניט נאר וועט זיין פאר אונז אונמעגליך צוצושטעלען צו פרעה'ן אזא ריזיגע סומע געלד אין משך פון דרייסיג טעג, אפילו ווען מיר זאלען האבען דריי יאהר צייט, וואלטען מיר עס ניט געקענט באוויזען.

— דאן איז די איינציגע ברירה וואס ער האט, זיך אונטערצוגעבען — האט הרהור איהם טרוקען געענטפערט.

— איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין, מיין פריינד, אז איך קען ניט פארשטעהן מיין פאטער. מיר אלע האבען איהם אויך געראטען דאס זעלבע אבער ער וויל דערפון ניט הערען! ער האפט, אז איהם וועט געלינגען צו קריגען די נויטיגע סומע איידער די דרייסיג טעג וועלען פאראיבער.

— און פון וואנען וועט ער עס קריגען?

— דאס ווייס איך אויך ניט! אבער ער האט גערעדט מיט אזא זיכערקייט, אז איך האב געמיינט אז...

— אז וואס? — האט איהם הרהור גלייך געפרעגט.

— אז ער וועט קריגען לייהען דאס געלד פון זיינע פריינד!

— פון זיינע פריינד? ווער פון זיינע פריינד פארמאגט גאר אזוי פיעל געלד, און אפילו ווען זיי וואלטען שוין יא געוועזען גאנץ רייך, וואלטען זיי איהם ניט געגעבען אזא גרויסע הלואה.

— איך וועל זיך פאר דיר מודה זיין, מיין פריינד! — האט קרח זיך אפגערופען צו הרהור'ן — לויט די פעסטקייט און די זיכערקייט מיט וואס מיין פאטער האט גערעדט וועגען צושטעלען די געלד צו פרעה'ן בין איך געוועזען זיכער, אז דו וועסט איהם קומען צו הילף. איך ווייס, אז ער האט ניט קיין אנדערע פארמעגליכע פריינד פון די מצרים, ווי דו, און וואס אנבאלאנגט אונזערע אידישע פריינד זיינען זיי, דוכט זיך, אזוי ארעם ווי מיר זיינען געווארען די לעצטע צייט, פון די שווערע אונערטרעגליכע צינזען, וואס זיינען אויף אונז ארויפגעלייגט געווארען.

— ווי עס ווייזט אויס, זיינען מיינע מצרישע פריינד און פרעה'ס פריינד גערעכט, ווען זיי פלעגען זאגען, אז די ישראלים זיינען אנגעשטאפט מיט געלד.

— אבער איך זאג דיר, אז אונזער פאלק איז אזוי פאראָרעמט געווארען, אז אפילו א צעהנט חלק פון די צינזען וואלטען מיר ניט געקענט צאהלען.

— דו ביזט נאך יונג, ווייסטו ניט, אבער יעצט איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז די אידען פון גשן זיינען נאך גענוג רייך טראץ דעם וואס פרעה האט אויף זיי ארויפגעלייגט גרויסע צינזען. זיי האלטען זייער געלט באגראבען אין פארשידענע פארבארגענע פלעצער, און דיין פאטער ווייס וואס ער רעדט! — האט הרהור זיך אפגערופען צו קרח'ן מיט א שמייכעל — אויב אזוי וועט טאקע ניט שאדען, ווען די אידען וועלען זיך דארפען געזעגענען מיט א ביסעל פון זייער רייכטום.

— מיר וואונדערט זיך זעהר אויף דיר! — האט קרח זיך אפגערופען — איך ווייס, אז דו ביזט אימער געוועזען אונזער בעסטער פריינד, און יעצט האלטסטו צוזאמען מיט אונזערע שונאים וועלכע זאגען, אז מיר זיינען אנגעשטאפט מיט געלד.

— דו זעהסט דאך אליין ווי ריכטיג דאס איז, ווען דיין פאטער וואלט געוואוסט, אז די אידען זיינען טאקע ארעם, וואלט ער דען אזוי געהאנדעלט?

— האט הרהור זיך אפגערופען — האט ער דען ניט געזאגט מיט זיכערקייט, אז ער וועט קריגען די נויטיגע סומע געלט!

— איך ווייס ניט, ווי אזוי מיין פאָטער האָט געקענט אזוי זאָגען! — האָט קרח געענטפערט — ווער נאָך ווי איך ווייס די אָרעמקייט און נויט פון אונזער פאָלק.

— דאָס דוכט זיך דיר אזוי, זיי לעבען אין נויט און אָרעמקייט, ווייל זיי האָבען ליעב צו זאמלען זייער גאָלד, זיי זיינען דאָך זעהר קארג און זיי שפּאָרען פון אלעם...

— דו רעדסט אזוי, ווי מיינע ברידער וואָלטען פארדינט געלט פאר זייער אר־בייט... ווייסטו דען ניט, אז זיי האָרעווען און ארבייטען אזוי שווער און ביטער, און ניט נאָר קריגען זיי דערפאר קיין געצאָהלט ניט, נאָר זיי מוזען נאָך דערצו צאָהלען צינזען!

— זיינען זיי נאָך רייך פון די פריהערדיגע יאָהרען — אין דער צייט ווען דיין אור־עלטער זיידע יוסף, איז געווען הערשער פון מצרים. ער האָט שוין דאן אָנגעזאמעלט גענוג גאָלד, אז עס וועט שוין קלעקען פאר זיינע קינדס קינדער פאר נאָך פילע יאָהרען — האָט הרהור געזאָגט — און איך בין זיכער אז יעדער פון אייך האָט ערגעץ באגראָבען אן אוצר, און ווען ער וועט דארפען וועט ער עס ארויסנעמען.

קרח איז אוועקגעגאנגען פון הרהור'ן א דערשלאָגענער. זיין גאנצע האָפנונג האָט ער געלייגט אויף דער פריינדשאפט פון הרהור'ן צו איהם און צו זיין פאָטער. איצט זעהט ער אז ער האָט זיך אויך שטארק געענדערט... ער רעדט שוין ווי די איבעריגע שונאים פון ישראל... ביי איהם קומט אויך אויס, אז יעדער איד איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט און אז זיי זוכען זיך ארויסצודרעהען פון צו טאָן זייער פליכט. אָ, וואָס פאר א שנעלע ענדערונג צום שלעכטען... געמיינט האָט ער אז הרהור וועט קיינמאָל נישט בעאיינפלוסט ווערען פון די אידישע שונאים... אָבער איצט? וואָס וועט זיין פאָטער איצט טהאָן? וואו וועט ער קריגען די גרויסע סומע געלט... אפשר דענקט נאָך זיין פאָטער אז הרהור וועט איהם אויסלייהען?

קרח האָט באשלאָסען גלייך צו לאָזען וויסען זיין פאָטער וועגען דעם געשפּרעך וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאט מיט הרהור'ן. זאָל זיין פאָטער נישט לייגען צופיל געוויכט אויף הרהור'ס פריינדשאפט... פיליכט, ווען ער וועט זעהן אז ער האָט זיך נישט אויף וועמען צו פארלאָזען, וועט ער זיך אונטערגעבען צו פרעה'ן און דאמיט ארונטערנעמען די גרויסע געפאהר וואָס דראָהט אלע אידען.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים, האָט קרח געטראָפען אין זיין הויז, זיין פעטער עמרם מיט מרים און אהרן, אויך עמינדב'ן נחשון און אלישבע'ן. ער האָט גלייך פארשטאנען אז דאָס זיינען אלע געקומען זיך צו באראטען וואָס צו טאָן... ער האָט געוואָרפען זיינע בליקען אויף אלישבע'ן. זי איז געווען אזוי וואונדערשעהן און ריי־צענד... זיין הארץ האָט אין איהם א צאפּעל געטאָן. זאָל זי וויסען אז ער רוהט נישט און זוכט עפּעס אויפצוטאָן. ער האָט א קוק געטאָן אויף אהרן, וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאר די אידען? דערווייל גאָרנישט. ער קען בלויז שעהן רעדען, אָבער ער, קרח, רוהט נישט.

— פאָטער! — האָט קרח זיך אָפּגערופען מיט א הויכע שטימע, אז אלע זאָלען איהם הערען — איך האָף אז דו וועסט נישט זיין בייז אויף מיר, איך קום איצט פון הרהור'ן.

— איך האָב פארשטאנען מיין זוהן, אז דו ביזט אוועק צו איהם, אָבער ווען דו וואָלסט מיר פריהער געזאָגט, וואָלט איך דיר פארשפּאָרט דיזע טרחה.

— ווייסטו דען, אז ער האָט זיך אין גאנצען געענדערט?! — האָט קרח געפרעגט — איצט זעהסטו אז עס איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פארלאָזען... און דו וועסט...

— מיין זוהן, מיר אידען דארפען זיך קיינמאָל נישט פארלאָזען אויף א מענשען. אונזער איינציגע האָפענונג איז

גאט, אין איהם דארפען מיר האבען בטחון, אז ער וועט אונז נישט פארלאזען, ער וועט זיך איבער אונז מרחם זיין און אונז צו הילף קומען אין דער צייט פון אונזער צרה.

— אבער פאטער, די צייט שטעהט נישט. די דרייסיג טעג וועלען באלד קומען צו אן ענדע. די געפאדערטע צינזען וואס פרעה האט אויף אונז ארויפגעלעגט וועלען נישט אפגעצאלט ווערען און דאן וועט הען פרעה נישט דורכפיהרען זיין דרי:הונג. וועט ער דען נים אוועקנעמען די קינדער פון אונזער פאלק? איך האב פריהער נאך געהאט א שטיקעל האפענונג, אז פילייכט וועט הרהור דיר אויסבארגען א חלק פון דער סומע און די איבעריגע געלט וואלטען מיר שוין ווי עס איז געקאנט צונויפזאמלען. איצט אבער, ווען איך זעה אז אפילו דיין פריינד הרהור איז צוגעשטאנען צו אונזערע שונאים, פארשטעה איך נישט ווי אזוי מיר וועלען קענען ארויסקריכען פון דיזער צרה.

— דאס וואס איך האב געזאגט, מיין זוהן, אז דיר פעהלט בטחון אין גאט. אט האבען זיך דא אויך פארזאמעלט דיין פעטער, עמינדב און די איבעריגע, און מיר זיינען געקומען צום באשלוס, נישט נאכצוגעבען פרעה'ס פארלאנג... אמת, מיר אלע זעהען די גרויסע געפאהר, אבער מיר האבען אלע בטחון אין אונזער גאט פון אונזערע אבות, אז ער וועט אונז נישט פארלאזען אין דער צייט פון אונזער צער און נויט. ער וועט אונז צושיקען די נויטיגע סומע פאר די צינזען... און אונזערע קינדער וועלען נישט זיין אין א סכנה אוועקגענומען צו ווערען פון זייערע עלטערען. לאמיר אלע בעטען גאט ער זאל זיך איבער אונז דערבארעמען.

— איך ווייס נישט ווי אזוי מיר וועלען דאס באווייזען צו טהאן? — האט קרח א קוועטש געטאן מיט זיינע פלייצעס. קיין געלט פארמאגט קיינער פון אונז נישט. דאס לעצטע וואס מיר האַ-

בען געהאט איז פון אונז אויך אוועקגענומען געווארען.

— זיינען דען נישט די לעבענס פון עמרם'ן און עמינדב'ן געווען אין סכנה? פונדעסטוועגען האט גאט געשיקט די הילף אין צייט!

— איך פארשטעה נישט קרח, האט אהרן זיך צו איהם אפגערופען — קיינער פון אונז צווייפעלט נישט אין די רייד פון דיין פאטער, ווען ער זאגט אז צו דער באשטימטער צייט וועט דאס געלט צוגעשטעלט ווערען צו פרעה'ן. דו ביזט דער איינציגער וועלכער צווייפעלט!

— איך צווייפעל אויך נישט! — האט קרח זיך פארענטפערט — איך זאג מעהר נישט אז אזוי ווי איך האב אויסגעפונען דאס מען קאן זיך מעהר נישט פארלאזען אויף אונזערע אמאליגע פריינד!

— איך וואלט וועלען, אז אלע אידען פון גושן זאלען זיך בארוהיגען — האט יצהר אויסגערופען — און דו, מיין זוהן אויך מיט זיי. איך זאג נאכאמאל, אויב איך וועל נישט קענען צושטעלען די סומע געלט צו פרעה'ן, וועל איך זיך אונטערגעבען און בויען א טעמפעל פאר אזירים'ן אויב דאס וועט זיין דער איינציגער רעטונגס מיטעל... אבער איך האף אז עס וועט דערצו נישט קומען.

— יעדענפאלס וואלט איך געראטען, דאס אונזערע קינדער זאלען זיך וואס ווינציגער באווייזען אין די גאסען פון גשן — האט עמינדב געזאגט — איך האב שוין באמערקט ווי די מצריים ווארפען זייערע בייזע בליקען אויף די אידישע קינדער און ווי עס ווייזט אויס, וויסען זיי שוין פון פרעה'ס נייע גזרה!

— ניין, עס וועט דערצו נישט קומען! — האט יצהר זיי אלעמען נאך אמאל פארזיכערט.

כאטש קיינער האט נישט געקאנט פארשטעהן ווי אזוי יצהר וועט קענען צושטעלען די נויטיגע סומע געלט, זיינען זיי דאך געווען זיכער אז ער וועט זיך צו פרעה'ן נישט אונטערגעבען.

— דאָס וואָלט געווען נאָך א גרעסערער קלאָפּ פאַר אונזער פאָלק — האָט אהרן זיך אָפּגערופען, ווען זיי האָבען אלע פארלאָזען יצהר'ס הויז — אויב פּרעה'ן וועט געלינגען אונז צו צווינגען צו בויען א טעמפּעל פאַר די אָפּגעטער פון מצרים, וועט שוין נישט זיין צו שווער פאַר איהם אונזער פאָלק צו פאַרוואנדלען אין געצען־דינער! ניין, דאָס וועלען מיר נישט דערלאָזען!

— מיר וועלען בעסער אונזערע לעבענס איינשטעלען אין געפאהר איידער אָפּצוקערען זיך פון דעם גאָט פון אונזערע אבות — האָט נחשון צוגעגעבען.

— דערווייל איז נאָך צו פריה צו ריידען וועגען דעם — האָט עמינדב זיך אָפּגערופען — מיר וועלען ווארטען און זעהן ווי יצהר וועט אויסמאכען.

— מיר איז פאָרט שווער צו פאַרשטעהן אויף וואָס זעהענדיג יצהר מאכט זיינע פּלענער. מיט א צייט צוריק, ווען זיין פריינד הרהור האָט איהם פאַרגעשלאָגען פאַר פּרעה'ן איז געווען אויף וואָס צו האָפען. איצט אָבער, איז פּרעה אויף איהם אין כעס, הרהור איז צו איהם קאַלט געוואָרען... און אפילו זיין אייגענער זוהן קרח, לייגט נישט צופיל האָפנונג אויף זיינע רייד!

— ווען יצהר וואָלט וויסען, אז עס וועט פאַר איהם זיין זעהר שווער נאָכצוקומען פּרעה'ס פאָדערונגען, וואָלט ער אזוי נישט געהאנדעלט, — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער.

מיט יעדען טאָג וואָס ס'איז פאַריבער, האָט די אומרוהיגקייט און זאָרג געוואַקסען צווישען די אידען. יעדען איינעם האָט געדריקט אויפ'ן הארצען און מען האָט מורא געהאט ארויסצוּווייזען פאַר'ן צווייטען.

אָט זיינען שוין בלויז עטליכע טעג פארבליבען און קיינער ווייס נישט וואָס עס וועט זיין.

קרח איז אויך ארומגעגאנגען עפּעס ווי צוטומעלט... ער האָט געזעהן, אז דער באָדען גליטשט זיך אונטער איהם. דורך דער גאנצער צייט וואָס זיין פאָטער האָט געבויט די שאץ־קאמער פאר פּרעה'ן איז ער געווען ביי אלעמען געאכטעט און געהויבען. אויך אלישבע האָט אויף איהם אנדערש געקוקט... עס איז ביי איהם קיין צווייפעל נישט געווען אז ער האָט דורך זיין וואונדערליכען טהאט געוואונען איהר הארץ... איצט אָבער, ווייזט אויס, איז זיין גאנצע מיה געווען אומזיסט, זיין פאָטער האָט פארלוירען זיין חן אין די אויגען פון פּרעה'ן... און קיינער טראכט שוין מעהר נישט וועגען זיין אויפטהו! א חוץ דעם קען קורח נישט פארשטעהן זיין פאָטער'ס מאָדנע וועגען... ער האָט שוין עטליכע מאָל באמערקט, אז זיין פאָטער פארשווינדט כמעט אויף א גאנצע נאכט, און ווען ער האָט געמאכט א פארזוך צו פרעגען זיין פאָטער די באדייטונג פון זיין אוועקגעהן, האָט ער נאָך אויף איהם זיך אָנגעבייזערט און איהם פארזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, אז ער זאָל איהם מעהר נישט פרעגען אזעלכע פראגען און ער זאָל איהם מעהר נישט נאָכקוקען וואָס ער טהוט... דאָס האָט נאָך קרח'ס נייגעריגקייט גרעסער געמאכט. און ווען ער פלעגט באמערקען אין מיטען דער נאכט אז זיין פאָטער געפינט זיך נישט אין בעט, האָט ער שוין מעהר נישט געקענט איינשלאָפען... וואָס טהוט זיין פאָטער אזוי שפּעט אין דער נאכט, וואו געפינט ער זיך? מיט אזעלכע געדאנקען איז קרח געלעגען אויף זיין געלעגער און מעהר נישט געקענט איינשלאָפען... וואָס ווייטער ווערט דיזע געהיימניס טיפער... פארוואָס וויל דער פאָטער איהם נישט וועלען אויסזאָגען וואָס ער טהוט יעדע נאכט.

קרח האָט שוין געהאט ביי זיך אָפּגעמאכט אז ער וועט נאָכגעהן זיין פאָטער און זעהן וואוהין ער געהט און וואָס ער טהוט. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט זיין פאָטער פארשטאנען

זיינע געדאנקען און איהם אנגעזאגט ער זאל נישט וואגען איהם נאכצוגעהן...

קרח האט געבראכען זיין מח און געלעגען און געטראכט פון פארשידענע מעגליכקייטען, אבער ער האט דאך צו קיין באשלום נישט געקענט קומען.

— פארוואס זאל דער פאטער וועלען פון איהם עפעס פארבארגען. ווייס ער דען נישט אז ער איז אלט גענוג צו פארשטעהן. קען ער זיך דען אויף איהם נישט פארלאזען? ער וועט דאך געוויס קיינעם נישט ענטדעקען דעם סוד?

— פאטער, — האט זיך קרח איין פריה־מארגען אפגערופען — דו באהאנדעלסט מיר אזוי ווי מיינע צוויי אינגערע ברידער, נפג און זכרי, בין איך דען נישט אלט גענוג צו פארשטעהן וואס עס געהט דא אן? איך פארזיכער דיר אז וואס דו זאלסט מיר נישט דערצעהלען, וועל איך אויף דיין פארלאנג צו קיינעם דאס נישט ענטדעקען.

— מיין זוהן, — האט יצהר זיך צו איהם אפגערופען — ווען די צייט וועט קומען וועסטו פון אלץ וויסען! איצט אבער פארלאנג איך פון דיר דו זאלסט מיר מעהר נישט בעלעסטיגען מיט דיינע פראגען!

קרח איז געבליבען שטיל. ער האט ביי זיך באשלאסען צו האבען געדולד און ווארטען. ער ווייס אז אין א פאר טעג ארום וועט אלץ דארפען באשלאסען ווערען... אלע אידען פון גושן ווארטען אויף זיין פאטער'ס הילף...

יענעם אווענט האט יצהר צוזאמענגערופען די עלטסטע פון ישראל צו זיך אין הויז און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— איך האב אייך אנצוזאגען א גוטע בשורה, אבער איידער איך געה אייך דערצעהלען וועגען דער בשורה, פארלאנג איך, אז איהר זאלט מיר צוזאגען אז קיינער פון אייך זאל מיר קיינע פראגען נישט שטעלען.

די עלטסטע און חשוב'סטע פון די אידען האבען פארשפראכען יצהר'ן איהם קיינע פראגען נישט צו שטעלען.

— אויב אזוי — האט יצהר זיך אפגערופען און זיינע אויגען האבען געגלאנצט פון שמחה — מעגט איהר אלע וויסען אז איך האב שוין די גאנצע סומע געלט, וואס פרעה פארלאנגט פון אונז.

— די גאנצע סומע?! — האבען אלע מיט אמאל אויסגערופען מיט ערשטוינונג — ווי אזוי איז דאס מעגליך? וואו האסטו עס געקראגען.

— האט איהר מיר דען נישט פארשפראכען קיינע פראגען צו שטעלען? — האט יצהר זיך צו זיי געווענדעט — וואס איהר דארפט איצט טהאן איז צו העלפען מיר צעהלען און איינפאקען דאס געלט. איהר ווארט דא צו א קליינע ווילע און איך וועל אריינברייגען דאס געלט.

יצהר איז ארויס פון הויז און איז אין א ווילע ארום צוריקגעקומען מיט א פעקעל גאלד.

— צעהלט עס איבער און איך וועל דערווילע אריינטראגען די איבעריגע געלט.

די עלטסטע האבען זיך איינער דעם צווייטען אנגעקוקט מיט ערשטוינונג און געקוועטשט מיט די פלייצעס. זיי האבען גענומען צעהלען די גאלד, און יצהר האט יעדע ווילע געבראכט א פרישען פעקעל.

— יעצט גלויב איך וועט שוין זיין גענוג געלט פאר די צינזען! — האט יצהר זיך אפגערופען און באטראכט אלע אנוועזענדע, וועלכע זיינען געשטאנען פארגאפטע, מיט אפענע מיילער און ניט געוואוסט וואס צו טהאן פון גרויס איבערראשונג.

— פאטער! — האט קורח זיך ניט געקענט איינהאלטען — איך גלויב נאך ניט מיינע אויגען!

— א נס האט פאסירט! גאט האט מיט אונז א נס געטהאן דורך יצהר'ן — האט עמינדב אויסגערופען.

— דו מוזט ווערען אונזער פיהרער! דיינע רייד וועלען ביי אונז הייליג זיין!
— האט איינער פון די עלטסטע אויסגערופען — דו ביזט א געטליכער מאן!

— איך בין אן איינפאכער מאן! — האט יצהר געזאגט מיט א שמייכעל, — קיינע ניסים האבען דא ניט פאסירט, אבער גלויבט איז גאט וואס ער האט פאר מיר מעגליך געמאכט צו קריגען די נויטיגע סומע געלד. און איך בין ניט געצוואונגען צו בויען א טעמפעל פאר זייער אפגאט אזירים... מארגען וועלען מיר דאס אוועקפיהרען צו פרעה'ן.

מיט פרעהליכע געמיטהער און מיט מעהר מוטה און האפנונג זיינען די אידען פון גשן יענע נאכט געגאנגען שלאפען. קיינער האט פון דעם ניט אויפגעהערט צו טראכטען. פיעלע האבען פרובירט טרעפען ווי אזוי יצהר האט אין אזא קורצער צייט געקראגען אזא אונגעהויער סומע געלט.

— מעגליך אז דאס האט ער געקראגען די באלוינונג פאר זיין ארבייט — האט איינער משער געוועזען.

— ווען דאס וואלט אזוי פאסירט, וואלט ער דאך ניט געדארפט האלטען פאר א סוד! און אחוץ דעם וואלטען דאך אלע געוואוסט דערפון... פרעה וואלט דאך איהם באלוינט גאנץ אפען.
— אלע ווייסען מיר, אז יצהר האט גארניט געקראגען פאר זיין בויען די שאץ־קאמער און טאקע דעריבער איז די געהיימניס נאך גרעסער.
— פיליכט איז ער געוועזען זעהר רייך און קיינער פון אונז האט ניט געוואוסט דערפון.

— ער האט אוועקגעגעבען דאס לעצטע וואס ער האט פארמאגט פאר די פריהערדיגע צינזען, וואס פרעה האט אויף אונז ארויפגעלייגט... און אלע ווייסען, אז ער האט מעהר גארניט געהאט קיין רייכטום.

מעהר פון אלעמען האבען געשטוינט קרח און די איבעריגע פון זיין משפחה. זיי האבען דאך געוואוסט, אז יצהר האט קיין געלד ניט, זיי האבען אויך געוואוסט, אז פון פרעה'ן האט ער אויך גארניט געקראגען, און יעצט האט ער אזוי פיעל געלט מיט אמאל געקראגען. ווי אזוי האט ער דאס געקראגען? דיזע געהיימניס האט אלעמען באאומרוהיגט. און נאך מעהר קרח'ן... ער האט נאך געהאפט, אז יעצט, ווען די גאלד איז געשאפען געווארען, וועט איהם דער פאטער דערצעהלען אלעס, אבער יעצט זעהט ער, אז דער פאטער האט איהם נאך שטרענגער פארבאטען צו ריידען וועגען דעם. די לעצטע עטליכע נעכט האט זיין פאטער דאס הויז ניט פארלאזען ווי ער האט עס געטהאן מיט איינינע נעכט פריהער... ווען קרח האט באמערקט אזוי פיעל גאלד, האט עס איהם אין הארצען באנג געטהאן. אויב דאס געלד באלאנגט צו זיין פאטער — האט ער זיך געטראכט — פארוואס זאל ער עס אין גאנצען אפגעבען פאר די צינזען... עס וואלט געוועזען גענוג, ווען ער וואלט א העלפט דערפון געגעבען און די איבעריגע וואלטען זיך שוין אלע צוזאמענגעלייגט... ווען ער וואלט געוואוסט ווי אזוי ער האט געקראגען אזוי פיעל געלד, וואלט ער איהם געקענט ראטהען אזוי צו טהאן...

ניט קלענער איז געוועזען דער וואונדער אין פרעה'ס פאלאץ, ווען די ארויפגעלייגטע צינזען אין גאלד איז אהין געבראכט געווארען... עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געוועזען, אז אזעלכע שווערע צינזען וועלען די אידען מעהר ניט קענען באהויפטען צו באצאהלען. זיי שרייען דאך, אז זיי זיינען פארארעמט געווארען, און אז זיי פארמאגען מעהר קיין גאלד ניט...

פרעה איז געזעסען אויף זיין טראן און נעבען איהם זיינען געזעסען בלעם, די פריסטער און די איבעריגע מיניסטארען.

מען האט די צינזען איבערגעצעהלט,

און פרעה'ס אויגען האבען גענומען גלענצען פון דעם גלאנץ פון דעם גאלד... זיין פנים האט געפלאמט... ער איז שטארק צופרידען געווען וואס נאך אזוי פיעל גאלד איז צוגעקומען צו זיינע אוצרות. ווען מען האט איהם איבערגעגעבען, אז דער חשבון שטימט, האט ער זיך פון זיין טראן אויפגעשטעלט און איז אין זיין שלאף־צימער אריין. די לייב־וועכטער האבען געטראגען די זעקלאך גאלד. פרעה האט זיי גלייך ארויסגעשיקט פון צימער, און ער האט מיט דעם שליסעל די טיר פון שאץ־קאמער אויפגעשלאסען, און אליין אריינגעטראגען די זעקלאך מיט די גאלד און זיי דארטען אויסגעליידיגט. די בריליאנטען און דיאמאנטען, וואס האבען דארטען געבליאסקעט האבען געווארפען א ליכט אין דער שאץ־קאמער, און פרעה האט אנגעקוואלען זעהענדיג וויפיל גאלד עס איז צוגעקומען אין זיינע אוצרות... יעדעס מאל וואס ער פלעגט אריינקומען אין זיין שאץ־קאמער איז ער אלץ מעהר באגייסטערט געווארען פון דער געביידע... זיינע אונשאצבארע אוצרות זיינען נאך קיינמאל ניט אזוי זיכער געווען, ווי יעצט... עס וועט לאנג ניט נעהמען און ער וועט ווערען באריהמט אלס דער רייכסטער קעניג... ווי עס ווייזט אויס, זיינען נאך די ישראלים גאנץ רייך, אויב זיי קענען שאפען אין משך פון דרייסיג טעג אזוי פיעל גאלד... ער וועט זיך נאך שטרענגער נעהמען צו זיי, זיי וועלען איהם מוזען אפגעבען אלעס וואס זיי פארמאגען.

א שטיקעל צייט איז פאראיבער און אין גשן איז אלעס צוריק געווען ווי פריהער. די אידען האבען פארטגעזעצט צו טהאן זייער שווערע ארבייט. די צעהלט פון איהם וואונדערליכע זאכען, מצריים האבען זיי נאך מעהר געדריקט ווי פריהער. די בעאמטע האבען זיך באקלאגט, אז די לעצטע צייט האבען זיך די אידען גענומען אונטערפוילען און טהוען ניט דעם באשטימטען צאהל ארבייט.

פרעה האט באפוילען, אז אויב עס וועט זיך געפינען א איד, וועלכער וועט ניט האבען פארטיג זיין ארבייט דורך'ן טאג, זאל מען אויף דעם פלאץ פון די ציגעל וואס פעהלען, איינמויערען זיינעם א קינד. יע, אזוי וועט צו זיי געטהאן ווערען, וועלען זיי שוין אויפהערען זיך צו פוילען צו טהאן דאס ארבייט.

א פאר יאהר זיינען פאריבער, און פרעה האט דורך דער צייט ארויפגעלייגט נאך ציגזען אויף דעם אידישען פאלק, און יצהר האט ווידער געשאפען דאס געלט... קיינער האט אבער ניט געוואוסט פון וואנען ער נעהמט יעדעס מאל אזוי פיעל געלט.

די גאנץ ארימע און נויטבאדערפטיגטע פון די אידען האט יצהר געגעבען געלט. ער האט יע־ען איינעם געהאלפען. קרח, וועלכער האט נאך אלץ ניט דערגאנגען די געהיימנים פון וואנען זיין פאטער קריגט אזוי פיעל געלד, האט אבער וואס ווייטער זיך שטאלצע געפיהלט. ער ווייס, אז אלע אידען קוקען אויף זיין פאטער פאר זייער ישועה. ער האט ביי זיך איין מאל פאר אלע מאל באשלאסען צו ריידען גאנץ אפען מיט אלישבע'ן. די שוועסטער פון נחשון... ער איז זיכער, אז זי וועט איהם יעצט ניט אנטזאגען. ווייס זי דען ניט וואס זיין פאטער האט אויפגעטהאן פאר די אידען. ער האט גענומען נאד' אפטער באזוכען עמינדב'ס הויז און געזוכט א געלעגענהייט צו פארפיהרען א געשפרעד מיט איהר. אבער ניט אזוי גיך האט זיך דאס איהם איינגעגעבען... אפטמאל פלעגט ער באמערקען אהרן'ען ריידענדיג צו אלישבע'ן, און דאן פלעגט אין איהם זיין אייפערזוכט פאנאנדערפלאקערען... ער האט געטראגען זעהר א שטארקע שנאה אויף אהרן'ען, און געזוכט מיט אלע מעגליכקייטען איהם צו ערנידעריגען אין די אויגען פון אלישבע'ן.

— איך זעה ניט איין וואס אהרן טהוט אויף פאר אונזערע אונגליקליכע ברידער — האט איינמאל קרח זיך אפגערופען צו נחשון און אלישבע'ן — זיין פאטער איז דער פארשטעהער פון די אידען, אבער אויך ער האט ווינציג וואס אויפגעטהאן... און כאטש מיין פאטער האט שוין ניט איין מאל געהאלפען אלע אונזערע ברידער, פונדעסטוועגען האט ער זיך ענטזאגט צו ווערען דער פיהרער און פארשטעהער פון די אידען און ווען מען דארף אפצאהלען דעם קעניג די צינזען, אזוי שאפט שוין מיין פאטער די געלט.

— זאל טאקע אויף איהם דאריבער קומען א ברכה! — האט אלישבע איהם געענטפערט. — קיינער פון אונז וועט דיין פאטער ניט פארגעסען... מיר זיינען אלע מתפלל צו גאט, אז ער זאל נאך לאנג לעבען און טהאן פאר אונז גוטעס... מיר ווייסען, אזוועו ניט דיין פאטער, וואלטען אונזערע ליידען געווען נאך גרעסער.

— מיין פאטער האט מיר געזאגט — האט קרח מיט שטאלץ אויסגערופען — אז ער האסט, דאס נאך זיין טויט זאל איך נאכפאלגען זיינע פוס־טריט און טהאן אזוי פיעל פאר מיינע ברידער ווי ער טהוט. ער האט מיר נאך א גרויסע געהיימנים צו ענטדעקען און דאמיט זאגט ער. וועלען פיעלע פון אונזערע זארגען פארשווינדען.

— און איך האב אלע מאל געטראכט, אז דו ביזט דער איינציגער, וועלכער ווייס די געהיימנים פון דיין פאטער, ווי אזוי ער קריגט די נויטיגע סומע געלד ווען ער ברויכט עס זעהר נויטיג.

— דערווייל איז אויך פאר מיר א סוד! — האט קרח געענטפערט — אבער מיין פאטער האט מיר צוגעזאגט אלעס צו ענטדעקען. אה, ווי גליקליך איך וועל זיין ווען איך וועל האבען די מעגליכקייט צו טהאן עפעס פאר אונזערע אונגליקליכע ברידער.

דערווייל זיינען אנגעקומען אהרן און מרים. אלישבע האט זיך שטארק דערפרעהט מיט זיי, און קרח האט גלייך באמערקט, ווי זי שענקט איהר גאנצע אויפמערקזאמקייט צו אהרן. ער האט געזוכט מיט אלע זיינע מעגליכקייטען צו ציהען איהר אויפמערקזאמקייט, אבער עס האט איהם ניט געלונגען. אהרן'ס פנים האט געלויכטען פון גליק. אלע האבען עס אויף איהם באמערקט. אויך זיין שוועסטער מרים איז היינט געווען מעהר אויפגעלייגט ווי פריהער.

— איך זעה, אז איהר האט ביי זיך זעהר גוטע נייעס אונז צו דערצעהלען! — האט נחשון זיך געווענדעט צו ביידען. — דערצעהלט אונז און לאמיר זיך אויך מיטפרעהען.

— איך האב היינט געקראגען א גערוס פון מיין ברודער משה'ן — האט אהרן אויסגערופען מיט פרייד — און געלויבט איז גאט, ער איז געזונט און שטארק.

— וואו געפינט ער זיך? — האט אלישבע געפרעגט מיט גרוים צופרידענהייט.

— ער איז נאך אלץ ביי זיין שווער יתרון, ער פיטערט זיינע שאף — האט מרים געענטפערט.

— ווער האט אייך דעם גערוס געבראכט? — האט נחשון געפרעגט.

— א סוחר פון דמשק. אי דהאב איהם צופעליג אויף דעם מארק געטראפען. ער איז געקומען אהער מיט אנגעלאדענע קעמלען פון סחורה... איך בין צו איהם צוגעגאנגען און עפעס פון איהם געוואלט קויפען... איך באמערק ווי ער דרינגט מיך דורך מיט זיינע בליקען. איך האב זיך בעת מעשה זעהר אונבאקוועהם געפיהלט און איך האב שוין פון איהם געוואלט אוועקגעהן. האט ער מיך צוריקגערופען און זיך ענטשולדיגט פאר מיר.

— דו ווירסט פארוואס איך האב אויף דיר אזוי געקוקט? — האט ער זיך אפגערופען צו מיר — ווייל איך האב איינמאל, זייענדיג אין מדין באגעגנט

א מאַן, וואָס איז זעהר עהנליך צו דיר... די עהנליכקייט איז אַזוי שטאַרק, אַז ווען איך האָב דיך דערזעהן, האָט זיך מיר געדוכט אַז דאָס איז יענער מאַן.

— און ווער איז יענער מאַן? — בין איך שוין זעהר נייגעריג געוואָרען — ווייסטו ווי ער הייסט און וואָס ער טהוט?

— יע, איך ווייס! יענער מאַן איז א געטליכער מאַן, אַלע פון מדין האָבען איהם זעהר ליעב. יעדער איינער דערמאָהנט, אַז ער איז זעהר א גרויסער העלד...

— און ווי איז זיין נאָמען? — בין איך נאָך מעהר אומגעדולדיג געוואָרען.

— זיין נאָמען איז משה, ער איז דער איידעם פון יתרו, וועלכער איז אַמאָל געוועזן דער הויפּט פּריסטער פון מדין.

— משה! — האָב איך אויסגערופען מיט גרויס פרייד — ער איז דאָך מיין ברודער! איך בעט דיר, דערצעהל מיר אַלעס וואָס דו ווייסט פון איהם.

דער סוחר פון דמשק האָט מיט מיר זעהר א לאַנגע צייט פאַרבראַכט און האָט מיר פיעלע וואונדערליכע זאַכען פון איהם דערצעהלט. ער האָט מיר דערצעהלט ווי אַזוי ער האָט געקעמפט מיט פיעלע פּאַסטוכער, און ווי אַזוי ער האָט זיין פרוי'ס שוועסטער געראַטעוועט פון א באַנדע רויבער, וועלכע האָבען איהר פאַר א שקלאַפין פאַרקויפט. און ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז משה האָט א זוהן מיט'ן נאָמען גרשון... איבערהויפּט — האָט ער מיר געזאָגט — איז משה גאַנץ גליקליך.

— יעצט קענט איהר זיך פאָרשטעלען אונזער שמחה — האָט מרים צוגעגעבען — ווען מיר האָבען אויסגעפונען, אַז משה, אונזער באַליבטער ברודער, לעבט און איז גליקליך.

— איך האָב אויך דעם סוחר געפרעגט — האָט אהרן געזאָגט — אויב משה האָט מיט איהם גערעדט וועגען קומען צוריק אין מצרים. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז יעדען מאָל, ווען משה האָט מיט איהם גערעדט, האָט ער דערמאָהנט זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער אין מצרים.... ער האָט איהם געזאָגט, אַז עס וועט לאַנג ניט דויערען און ער וועט אויסוואַנדערען נאָך מצרים. יע, מיר קענען ערוואַרטען זיך צו זעהן מיט משה'ן.

— מיר וועלען זיך אַלע שעצען גליקליך, ווען משה וועט זיך צוריקקעהרען נאָך מצרים! — האָט קרח זיך אָפּגערופען — אָבער איך ווייס ניט וואָס פאַר א נוצען ער וועט קענען ברייגנען צו אונזער אונגליקליכען פאָלק! ער וועט די גאַנצע צייט זיך אַליין מוזען אויסבאַהאַלטען און מיר וועלען אַלע שטאַרק באַזאָרגט זיין וועגען איהם, טאָמער וועט זיך פּרעה דערוויסען, און וועט איהם וועלען הרג'ענען... יע, ווען משה וואָלט מיין עצה גענומען, וואָלט ער פאַרבליבען דאָרט אין מדין...

— ווי אַזוי קענסטו אַזוי ריידען וועגען משה'ן! — האָט נחשון קרח'ן פאַרגעוואָרפען — ווייסטו דען ניט, אַז ער האָט זיין לעבען אין סכנה געשטעלט כדי אַרויסצוהעלפען זיינע ברידער...

— מעגליך, אַז ער האָט איינעם אָדער איינינגע געהאָלפען אויף א ווייל, אָבער דאַריבער איז די לאַגע פון אַלע אידען דורך דעם פאַרערגערט געוואָרען... גלייך נאָכדעם ווי משה איז אַנטלאָפען, האָט פּרעה נאָך שרעקליכערע גזירות אַרויסגעגעבען... און יעצט, ווען משה וועט קומען און פּרעה מענעפּטאַה וועט זיך דערוויסען, אַז דאָס איז דער זעלבער משה, וועלכער האָט אַמאָל געטויטעט קאַדמאַר דעם מצרי, וועט זיין צאָרן אויף אַלע אידען זיך פאַרגרעסערען און ווער ווייס וואָס פאַר א נייע גזרות ער קען נאָך צוליעב דעם אַרויסגעבען! ניין! ביי דער יעצטיגער צייט וואָלט געוועזן א סך בעסער פאַר אַלע אידען, ווען ער פאַרבלייבט אין מדין... סיידען ווען עס וועט קומען אַזאַ צייט און מיר וועלען אַזוי פיעל ניט דאַרפען ציטערען פאַר פּרעה'ן...

— ערגער ווי עס איז יעצט פאר די אידען קען שוין ניט זיין! — האט אלישבע אויסגערופען מיט א ברוגז'ע שטימע — און משה'ס קומען אהער קען אונז א סך נוצען ברייננען, בפרט ווען מען דערצעהלט אזוי פיעל וואונדערליכע זאכען פון איהם.

— בין איך דען ניט נייגעריג צו זעהן מיין קוזין משה'ן? — האט קרח זיך אפגערופען — ווען ער איז פון מצרים אנטלאפען, בין איך נאך גאר א קליין קינד געווען, אבער איך בין בלויז אויסען זיין טובה, ווען איך זאג, אז ער מוז זעהר פארזיכטיג זיין... עס זאל מיט איהם קיין אונגליק ניט פאסירען.

— און מיין הארץ זאגט מיר — האט מרים אויסגערופען — אז מיין ברודער'ס קומען אהער קען ברייננען גליק פאר אונזער פארשקלאפטען פאלק. ווער נאך ווי משה פארשטעהט ווי אפצושאצען די ווערדע פון פרייהייט?! זיינע רייד וועלען האבען זעהר א גרויסע ווירקונג אויף אלעמען.

— לויט ווי מען האט מיר איבערגעגעבען איז משה ניט פון די שרעקעדיגע — האט אהרן אויסגערופען — און אחוץ דעם זעהען מיר אלע, אז גאט איז מיט איהם. ער האט איהם ניט איינמאל געראטעוועט פון די הענט פון די מצריים. גרויס איז די סכנה געווען פאר איהם. נאך דעם ערשטען טאג ווי ער איז געבארען געווארען... און ווען ער איז דריי מאנאט אלט געווען, איז ער געלעגען אזוי הילפלאז ביי די ברעגען פון טייך נילוס, און געקענט דערטרונקען ווערען אין טייך, האט דען גאט מיט איהם קיין וואונדער ניט געטהאן, ווען ער האט גראדע צו יענער צייט געשיקט אהין די פרינצעסין וועלכע האט איהם געפונען און ערצויגען פאר איהר אייגענעם קינד... און ווען נאך א געפאהר האט געשוועבט איבער משה'ס קאפ, ווען ער איז בלויז פיער יאהר אלט געווען און האט די קרוין פון פרעה'ס קאפ ארונטערגענומען און אויף זיין אייגענעם קאפ זי ארויפגעזעצט... וויפיעל האט געפעהלט, אז מען זאל איהם טויטען. אבער גאט האט איהם דורך יתרון'ן געהאלפען.

— און וויפיעל האט געפעהלט אז פרעה זאל איהם געפינען אין דעם צימער פון דער פרינצעסין, וואו משה האט זיך אויסבעהאלטען נאכדעם ווי ער האט קאדמאר'ן געטויטעט! — האט מרים צוגעגעבען. די פרינצעסין בתיה האט מיר דערצעהלט ווי שטארק זי האט זיך געשראקען, די לייב וועכטער פון פרעה'ן זאלען איהם דארטען ניט געפינען. פרעה'ס צארן האט אויף איהם שטארק געברענט און ווען ער וואלט איהם דאן געטראפען וואלט ער מיט זיין שווערד משה'ס קאפ ארונטערגעהאקט. אבער די פרינצעסין האט איהם געהאלפען אנטלויפען. יע, איך פאנג אן שטארק צו גלויבען, אז מיין ברודער משה איז טאקע א געטליכער מאן!

לויט די רייד פון דעם סוחר פון דמשק איז ער געבענשט מיט אן אויסערגעוועהנליכע גבורה, און זיינע רייד זיינען ווי פלאמען פייער, און עס דויערט נישט לאנג ביז וואנען ער קען איבערצייגען דעם צווייטען אין די ריכטיגקייט פון זיינע רייד.

— געוועהנליך, מען דארף פארשטעהן אז יענער סוחר איז אביסעל מגזם — האט קרח א זאג געטהאן — און כאטש עס איז מעגליך אז אין מדין האבען פון איהם די מענשען שטארק געהאלטען, דארפען מיר ניט פארגעסען, אז אין מצרים וועט זיין לעבען ניט זיין אזוי זיכער, ווייל עס וועלען זיך געפינען פילע מענשען וועלכע וועלען איהם דערקענען און גלייך לאזען וויסען פרעה'ן דאן וועט ער נישט נאר איינשטעלען זיין אייגענעם לעבען אין סכנה, נאר אויך די לעבענס פון יענע וועלכע וועלען איהם זוכען צו בעשיצען!

— און יעצט זיינען די אידישע לעבענס נישט אין סכנה יעדען טאג! — האט אלישבע זיך אפגערופען — זיינען מיר דען נישט אלע אונטערגעווארפען

די קאפריזען פון א שלעכטען פרעה'ן און זיינע מיניסטארען וועלכע זיינען אונזערע בלוטיגע שונאים, און וואס עס ווילט זיך איהם, אדער זיינע מיניסטארען ווערט עס גלייך אויסגעפיהרט אויף אונז. וואס וואלטען מיר יעצט געטהאן ווען דיין פאטער וואלט ניט געלונגען צו קריגען די געלט פאר פרעהן ?! וואלטען נישט דער קעניג דורכגעפיהרט זיין נייע גזרה ? יע, געלויבט איז גאט וואס פרעה מענעפטאה, האט ליעב גאלד מעהר פון אלעס אין דער וועלט, און געבענשט זאל זיין דיין פאטער וואס ער האט בעוויעזען צוצושטעלען אזעלכע גרויסע סומען. אבער ווי לאנג וועט עס קענען אזוי אנהאלטען ? און ווען יצהר'ס גאלד קוואל וועט זיך אויסשעפען, וואס וועלען מיר טאן טאהן ? מיר זיינען דאך פאררעכענט ביי פרעה'ן ווי שאף. ער וועט קענען טאהן מיט אונז וואס ער וועט וועלען. און ווען משה וואלט יעצט געקומען וואלט ער אונזער לאגע זיכער פארבעסערט.

— מיין פאטער האט מיר פארזיכערט — האט קרח מיט שטאלץ געזאגט — אז עס מאכט נישט וויפיעל צינזען פרעה וועט אויף אונז ארויפלייגען, וועט ער עס שטענדיג קענען צושטעלען. ער האט מיר נאך אויך געזאגט אז ווען ער וואלט פיהלען דאס זיינע טעג זיינען געצעהלטע וועט ער מיר איבערגעבען דעם סוד פון וואנען ער קריגט די געלט, כדי איך זאל קענען פארטזעצען צו טהאן די גוטע ארבייט פאר אונזער פאלק... יעצט פארשטעהסטו שוין אלישבע, אז עס וועט זיין ניט שווער ארונטערצונעהמען פרעה'ס גזרות דורך גאלד, אבער ווען עס וועט זיך האנדלען וועגען משה'ס לעבען, וועט שוין, האב איך מורא, אויך קיין געלט נישט העלפען !

— מיין ברודער משה וועט וויסען ווי אזוי זיך צו באשיצען פון פרעה'ס שווערד ווי ער האט עס פריהער געטהאן — האט מרים זיך אפגערופען — און זיין קומען צו אונז, וואלט אריינגעבראכט א סך לעבען און מוטה צווישען אונזערע ארימע, פארפייניגטע ברידער.

— ווען איך ווייס אז ער קומט וואלט איך איהם אנטקעגען געגאנגען ! — האט אהרן געזאגט — וואס פאר א גליק און פרייד זיין קומען וועט בריינגען צו אונזער פאטער, מוטער און צו פיעלע פון אונזערע ברידער. אבער ווער ווייסט ווי לאנג עס וועט נאך געדויערען איידער ער וועט ביי זיך בעשליסען צוריקצוקעהרען זיך נאך מצרים. פון יעצט אן וועל איך יעדען טאג געהן אויף דעם מארק פלאץ פון מצרים און זיך נאכפרעגען ביי יעדען איינעם וועלכער קומט פון יענע געגענדען, פיעללייכט וועט מען מיר בריינגען נאך א גרוס פון מיין ברודער !

— מיין הארץ זאגט מיר אויך — האט נחשון זיך אפגערופען — אז ווען משה וואלט אהער געקומען וואלט א נייע ווענדונג געקומען אין אונזערע לעבענס. — איז דאס אליין קיין בעוויז נישט, אז גאט האט איהם געפיהרט צו יתרו'ס הויז, און ער איז געווארען זיין איידעם, דער זעלבער יתרו וועלכער איז געוועזען דער איינציגער גוטער פריינד פון די אידען אין פרעה'ס פאלאץ, און וועלכער האט אויף א מערקווירדיגען אופן געראטעוועט משה'ן פון טויט.

— יע, איך געדיינק נאך ווי יתרו האט מיט א טויט בלאסען פנים, מיר איבערגעגעבען וועגען זיין עצה מיט די צוויי פולע שיסלען, פון הייסע גליהענדע קוילען און פון גאלד... ווי גליקליך ער האט זיך נאכהער געפיהלט ווען משה איז געראטעוועט געווארען און פון טאגער'ס עצה איהם צו טויטען איז גאר נישט געווארען.

— פריהער איז געוועזען טאגער, דער שונא פון ישראל, פרעה'ס ראטהגעבער, און יעצט פארנעהם בלעם זיין שטעלע, און ער איז נאך אונזערער א גרעסערער שונא ! — האט עמינדב זיך אפגערופען.

— דאס וואס איך זאג ! האט קרח אויסגערופען — אז אין דער צייט פון בלעם איז די סכנה נאך גרעסער ווי פריהער. און אויב משה איז דאן גע־

ווען געצוואונגען צו פארלאזען מצרים, וועט ער איינשטעלען זיין לעבען אין געפאהר און אויך די לעבענס פון גאנץ ישראל, ווען ער זאל זיך צוריקקעהרען אהער.

— אויב מיר זאלען דארפען פאר יעדער זאך ציטערען, וואלטען מיר געדארפט מורא האבען פאר יעדער שאָרך, אדער יעדען טריט וואס מיר טהוען... מיר וואלטען געדארפט אפילו מורא האבען יעצט צו ריידען צווישען זיך וועגען אונזער לאגע, טאמער וועט זיך פרעה דערוויסען — האט אלישבע אויסגערופען מיט כעס — מיר וואונדערט זיך אויף דיר קרח, אז דו זאלסט אזוי ציטערען, אז משה וועט זיך צוריקקעהרען נאך מצרים.

קרח האט געזעהען אז ער איז דורכגעפאלען מיט זיינע רייד, האט ער געשוויגען און מעהר דערפון ניט גערעדט. ער האט בעמערקט אז ער האט פארלארען זיין חן אין אלישבע'ס אויגען, און דאס האט ער זיך שטארק גענומען צום הארצען. ער וועט איהר נאך ווייזען אז דאס גאנצע פאלק וועט דארפען אנקומען צו איהם פאר א טובה — האט ער ביי זיך געטראכט — דאן וועט זי זעהן אז ער איז וויכטיגער פאר משה'ן און פאר אהרן! יע, ווען נישט אהרן וואלט זי שוין לאנג געווען זיינע! ער ווייסט ניט פאר וואס זי האלט אזוי פיעל פון אהרן?! — איז דען איהר פאטער בעפרייט געווארען פון איהם... אפילו פאר זיין אייגענעם פאטער האט ער גאר ניט געקענט אויפטהאן. ער האט טאקע דערפון מיט איהם געוואלט ריידען, אבער ער האט קיין געלעגענהייט ניט געהאט. אין מיטען דערינען דארפען אנקומען אהרן און מרים און צושטערען אלע זיינע פלענער. און דא האט ער שוין ביי זיך געהאט בעשלאסען צו ריידען מיט אלישבע'ן זי זאל זיין פרוי ווערען. יעצט, ווי עס ווייזט אויס, וועט זי דערפון אפילו נישט וועלען הערען. זי דיינקט אז ער איז א שלעכטער און וויל נישט אז משה זאל אהער קומען. ווען אלע וואלטען איהם גוט געקענט אפשאצען, וואלטען דאך די עלטסטע פון ישראל איהם אליין געמאכט פאר זייער פארשטעהער און שפעטער אויך פאר זייער פיהרער.. ער וועט זיי נאך צייגען צו וועמען זיי וועלען דארפען מעהר אנקומען צו איהם אדער צו אהרן'ען.

קרח האט ביי זיך אפגעמאכט, אז דער איינציגער, וועלכער וועט איהם קענען ארויסהעלפען צו קריגען אלישבע'ן פאר זיין פרוי, איז איהר ברודער נחשון און ווען אלע זיינען זיך צוגאנגען, האט ער געבעטען נחשון'ען ער זאל מיט איהם ארויסגעהן א ווייל אויף א שפאציר.

נחשון איז מיט איהם ארויסגעגאנגען און ביידע האבען א היבשע צייט שפאצירט.

קרח האט זיך פאר איהם גענומען בארימען וועגען זיין גרויסקייט.

— נאר אלעמען דארפען דאך אלע אידען מיר דאנקבאר זיין! — האט ער זיך צו איהם אפגערופען. — איך בין דאך געלאפען צו הרהור'ן אפילו אהן מיין פאטער'ס וויסען. און ווען נישט איך וואלט הרהור קיינמאל מיין פאטער'ס נאמען נישט דערמאנט פאר פרעה'ן און דאן וואלט דען געווען א מעגליכקייט צו שאפען אזוי פיל צינזען פאר פרעה'ן און אויסלייזען דיין פאטער און עמרם'ען?

— דאס איז ריכטיג, — האט נחשון צוגעגעבען. — נישט איינמאל האב איך שוין מיט פילע גערעדט וועגען דיין גרויסען פארדינסט פאר אונזער פאלק — און איצט ווען דיין פאטער האט אלעמען א צווייטען מאל געהאלפען, גלויב איך, אז דו האסט אויך א חלק אין דעם.

— געוויס! — האט קרח געענטפערט מיט שטאלץ. — מיין פאטער האט מיר פארשפראכען איבערצוגעבען דעם סוד ווי אזוי ער קען אזוי גרינג שאפען וויפיל געלט ער ברויכט, און דאן וועל איך אויך וויסען ווי אזוי צו העלפען מיינע פארארימטע ברידער, באטש

זיי האָבען מיר נישט אויסדערוועהלט פאַר זייער פאָרשטעהער און פיהרער.

— אביסעל שולדיג איז דעת, מיין פריינד, ביזטו אליין! — האָט נחשון איהם געזאָגט. — געדענקסטו, אז איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט דו זאָלסט זיך נישט חבר'ן מיט דתן און אבירם, די צוויי וועלכע זיינען אזוי פאַרהאַסט ביי דעם גאַנצען פאָלק. דו האָסט פאַרשפּראָכען מעהר זיך מיט זיי נישט צו זעהן און דו האָסט דיין פאַרשפּרעכען נישט געהאַלטען... נישט איינמאָל האָט מען דיר באַמערקט ווי דו געפינסט זיך אין זייער געזעלשאַפט און דו פאַרברייגנסט מיט זיי!... און איצט ווי אזוי קענען דיר די אידען מיט עפּעס אַנפאַרטרויען, אויב דתן און אבירם זיינען דיינע פריינד!

— דו מאַכסט א טעות, נחשון. איך האָב זיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו חבר'ן מיט זיי, אָבער וואָס זאָל איך טאָן ווען זיי קומען צו מיר אין הויז אָדער זיי געהען צו צו מיר, ווען זיי טרעפען מיר אין גאַס? קען איך זיי דען פון זיך פאַרטרייבען?... דו ווייסט דאָך וואָס פאַר א שלעכטע מענשען זיי זיינען, און אויב איך זאָל פּלוצלונג צו זיי ארויסווייזען א שנאה, וועלען זיי נאָך זוכען מיר שלעכטס צו טאָן.

— און דו האָסט פאַר זיי מורא?

— האָט נחשון איהם געפרעגט.

— אָה, ניין. איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט! — האָט קרח געענטפערט.

— אָבער דו ווייסט דאָך, מיר זיינען אזוי פיל יאָהרען געווען אזעלכע אינטימע פריינד און זי' ווייסען פילע פון מיינע סודות... דו באַדאַרפסט פאַרשטעהן, אז איצט זיינען די סודות גאָרנישט און איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט זיי זאָלען דערצעהלען פאַר אַנדערע דאָך איז נישט אַנגענעם צו קריגען פּלוצלונג שונאים, די מיט וועמען דו האָסט פאַרבראַכט אזוי פיל יאָהרען, בפרט נאָך איצט, ווען זיי זיינען שוין מעהר נישט שעדליך! איך פאַרזיכער דיר אָבער, אז איך געה קיינמאָל נישט צו זיי, און זוך ווי ווייט מעגליך זיי אויסצומיידען... און איצט זיינען שוין איינינגע וואָכען פאַראיבער און איך האָב צו זיי קיין וואָרט נישט אויסגערעדט!

— און איצט מוז איך דיר זאָגען נאָך א זאַך, קרח! — האָט נחשון זיך צו איהם אָפּגערופען. — דו האָסט זיך זעהר לעכערליך געמאַכט היינט אין מיין הויז מיט דיינע רייד. דו ווייסט דאָך ווי שטאַרק באַליבט משה איז ביי אַלעמען, און דאָ, ווען מרים און אהרן קומען און ברייגנען אזא גרוס פון משה'ן און אַלע פרעהען זיך מיט דער האָפנונג, אז משה וועט זיך ווען עס איז אומקעהרען אין מצרים, ביזטו דער איינציגער, וואָס צייגט ארויס אן אומצופרידענהייט מיט דיזער מעגליכקייט. דערמיט אליין האָסטו שוין פאַרלוירען דעם חן אין די אויגען פון...

— דיין שוועסטער האָט מיר מיספאַרשטאַנען! — האָט קרח איהם ניט געלאָזט ענדיגען — איך האָב גאָר ניט געמיינט קיין שלעכטס. איך האָב פּשוט אויסגעדריקט מיין מורא פאַר דער געפאַר, וואָס משה'ס קומען קען פאַראורזאַכען פאַר איהם אליין און פאַר אַלע אידען! אָבער דו דאַרפסט וויסען ווי נייגעריג איך אליין בין איהם צו זעהן און איך וועל דיר טאַקע בעטען, מיין פריינד, דו זאָלסט זעהן ווי ווייט מעגליך איבערצייגען דיין שוועסטער, אז איך האָב קיין שלעכטע כונה נישט געהאַט... איך ווייס נישט פאַר וואָס אלישבע איז די לעצטע צייט געוואָרען צו מיר אזוי אומפריינדליך... איך געדענק ווי דאַנקבאַר זי איז מיר געווען, ווען זי האָט אויסגעפונען, אז איך האָב א חלק אין דער באַפרייאונג פון איהר פאָטער. און איצט, דוכט זיך מיר, אז זי איז גאָר אויף מיר ברוגז!

— דו מאַכסט א טעות, קרח. מיין שוועסטער איז דיר די זעלבע גוטע פריינדין ווי פריהער, נאָר, ווי איך פאַרשטעה, האָבען איהר דיינע היינטיגע רייד עטוואָס אויפגערעגט.

— און מיר דוכט זיך, אז מיט אהרן איז זי א סך מעהר פריינדליכער ווי מיט מיר! — האט קרח גענומען אויסגיסן זיין הארץ פאר נחשון. איך פארשטעה ניט, וואס זי זעהט אזוי אין אהרן. דוכט זיך מיר, אז דערווייל האט ער נאך גאר ניט אויפגעטאן... אמת, ער קען ריידען בעסער און שעהנער פון מיר, אבער ער בלייבט בלויז ביים ריידען. וואלט ער דען מיט זיין ריידען געקענט עפעס אויפטאן פאר זיין אייגענעם פאטער און פאר דיין פאטער? איך בין זיכער, ווען ער וואלט געגאנגען ריידען צו פרעה'ן, וואלט ער נאך ערגער געמאכט. און ווער ווייס וואו וואלט דאן זיין פאטער געווען?...

— פונדעסטוועגן, קרח, מעגסטו געווים שטאלצירען מיט אזא קוזין ווי אהרן... ער איז דאך אזוי ליבליך און גוטהערציג, זיינע עצות זיינען אלע מאל געווען גאנץ קלוגע, און ער איז זעהר שטארק געאכטעט און געשעצט ביי יעדען איינעם.

— דערויף האט ער מזל! — האט קרח אויסגערופען. — וואס וואלט געווען ווען ער וואלט שוין אויפגעטאן אזוי פיל ווי איך? דאן וואלט ער דאך געווארען דער גאנצער פיהרער ביי אי־אידען! און אט האב איך אזוי פיל געטאן, און קיינער רעדט נישט דערפון, און קיינער שאצט גאר נישט אפ...

— דאס דוכט זיך דיר אזוי! — האט נחשון איהם געענטפערט. — יעדער איינער פון אונז שאצט זעהר אפ דיין אויפטו, און נישט איינמאל האב איך מיט מיין שוועסטער גערעדט פון דיר וועגן דעם!

—דו וואלסט מיר געקענט טאן זעהר א גרויסע טובה, מיין פריינד, — האט קרח זיך צו איהם אפגערופען. — דיר איז דאך געווים באוואוסט. אז איך האב דיין שוועסטער אלישבע זעהר ליב, אבער ווען עס קומט צו ריידען מיט איהר וועגען מיינע געפיהלען, דאן פארליר איך זיך... היינט האב איך ביי זיך אפגעמאכט, אז איך וועל זיך נעהמען מוט און מיט איהר ריידען, אבער דערווייל זיינען אנגעקומען אהרן און מרים, און האבען מיין פלאן צונישט געמאכט. איצט, וואלט איך געוואלט, אז דו זאלסט ריידען מיט איהר. דו קענסט איהר זאגען ווי שטארק ליב איך האב איהר, און דו מעגסט איהר אויך זאגען, אז עס וועט לאנג נישט נעהמען און איך וועל וויסען דעם סוד פון וואנען מיין פאטער קריגט די אונגעהויער גרויסע סומע געלט... מיין פאטער וועט זיין זעהר צופרידען צו הערען, אז איך האב אלישבע'ן אויסגעקליבען פאר מיין פרוי!

— איך צווייפעל, קרח, אויב איך וועל עס קענען פאר דיר טאן! — האט נחשון איהם געענטפערט, — בפרט נאך היינטיגען טאג, ווען דו האסט זיך אזוי נידעריג געמאכט אין איהרע אויגען...

— זאג מיר דעם אמת, — האט קרח זיך אפגערופען צו איהם, — שטעהט דען אהרן נישט אין מיין וועג?

נחשון האט געשוויגען. ער האט געקוקט אויף קרח'ן און אין הארצען האט ער אויף איהם מיטלייד געהאט.

— איך האף, אז דו וועסט פון מיר נישט פארלייקענען. זאג מיר, האט אהרן איהר הארץ געפאנגען? אויב יע, וועל איך דאן וויסען וואס צו טאן...

— וואס מיינסטו, — האט נחשון איהם געפרעגט. — וואלסטו דען אהרנ'ען שלעכטס געטאן, ווען דאס וואלט אמת געווען?

— איצט זעה איך, אז דו פארשטעהסט מיר אויך נישט! בין איך דען אזא שלעכטער, דאס איך וואלט וועמען עס איז שלעכטס געטאן? איך וויל מעהר נישט וויסען אויב דיין שוועסטער האט אהרנ'ען ליב, דאן וועל איך פיליכט זוכען אנדערע מיטלען ווי אזוי איהר הארץ צו געווינען.

— מאכסטו א טעות, קרח! — האט נחשון איהם געזאגט. — אויב מיין שוועסטער האט ליב אהרנ'ען, וועסטו

מיט קיין זאך אין דער וועלט נישט קענען ענדערען איהר באשלוס...

— דעריבער האף איך טאקע, אז זי האט נאך ביי זיך נישט באשלאסען, — האט קרח געזאגט.

— איך ווייס נישט, וואס מיין שוועסטער האט באשלאסען! — האט נחשון געזאגט, — אבער איין זאך ווייס איך, אז אהרן האט שטארק נושא חן געווען אין איהרע אויגען, און ווען דו קומסט און ווילסט אהרנ׳ען ערנידעריגען אין איהרע אויגען, טוסטו זיך מעהר שאדען!

— איך האב קיינמאל קיין שלעכטען ווארט נישט גערעדט וועגען אהרנ׳ען — האט קרח א קוועטש געטאן מיט זיינע פלייצעס. — אלעס, וואס איך האב געזאגט, אז אהרן מיט זיין פיל ריידען, האט נישט אויפגעטאן א צעהנט־חלק, וואס איך און מיין פאטער האבען אויפגעטאן פאר אלע אידען. און איך האף, אז מיר וועלען נאך פילע טובות קענען טאן אונזערע ברידער. מעגליך, אז אין גיכען וועל איך האבען זעהר וויכטיגס איהר צו דערצעהלען, און דאן וועט זי זיך ארומזעהן, אז איך בין וויכטיגער פאר אהרנ׳ען... איצט קענסטו מיר אויסזאגען דעם אמת, נחשון!

— גלויב מיר, קרח, אז איך האב מיט איהר קיינמאל נישט גערעדט דערפון. געוועהנליך זעהט זי זיך מיט אהרן גאנץ אפט. אבער דאס קען דאך מעגליך זיין, ווייל זי און מרים זיינען זעהר איבערגעגעבענע פריינדינס איינע צו דער אנדערער.

— ווען איך וואלט געהאט א שוועסטער! — האט קרח ארויסגעלאזען א שטילען זיפץ — אבער דאך האב איך דיר פאר א פריינד, און איך בין זיכער, אז דו וועסט מיר באהילפיג זיין. איך וויל דו זאלסט מיט דיין שוועסטער ארויסקומען אויף א שפאציר אין א באשטימטער צייט און איך וועל אייך ביידען צופעליג טרעפען און דאן וועל איך אפשר קריגען מעהר מוט צו ריידען מיט איהר... עס איז ביי מיר קיין צוויי־פעל נישט, אז ווען איך וועל איהר אלעס ערקלעהרען, וועט זי מיר בעסער פארשטעהן!...

— דאס וועל איך אויך קענען טהאן פאר דיר! — האט נחשון געזאגט — דו ווייסט דאך ווי דאנקבאר איך בין צו דיר פאר אלעס וואס דו האסט געטהאן פאר מיין פאטער, גוט, מארגען אין דער פריה, וועל איך מיט איהר ארויסגעהן און מיר וועלען שפאצירען ביי דעם ברעג פון טייך נילוס, דארטען, וועסטו אונז ביידען טרעפען.

— איך דאנק דיר זעהר, מיין פריינד! — האט קרח צו איהם געזאגט — און איז אוועקגעגאנגען פון איהם פול מיט האפענונג.

זיבעטער קאפיטעל
קרח׳ס אוצרות

מיט גרויס אומגעדולד האט קרח געווארט אויף דעם פריהמארגען ווען ער וועט זיך באגעגנען מיט אלישב׳ען און איהר ברודער, ער האט ביי זיך שוין געהאט באשלאסען וואס צו ריידען. ער וועט איהר דארפען איבערצייגען, אז ער האט פיעל מעהר נוצען געבראכט פאר גאנץ ישראל ווי אהרן. און דערצו וועט ער איהר ערקלערען ווי שטארק זיין ליעבע איז צו איהר. איהם האט זיך שטארק געוואלט איהר זעהר וויכטיגעס צו דערצעהלען און דעריבער האט ער יענעם גאנצען אווענט פארבראכט מיט זיין פאטער און ער האט פון איהם פארלאנגט ער זאל איהם אמוויניגסטען געבען אן אנדייטונג וועגען די אוצרות געלט וואס ער קריגט אריין צו יעדער צייט ווען דאס פאלק נויטיגט זיי־

— פאטער, איך בין דיין ערשט געבארענער זוהן! — האט קרח זיך [illegible] איהם אפגערופען — און איך זעה נישט איין פארוואס דו זאלסט צו מיר קיין צוטרוי נישט האבען... איך שווער דיר צו, אז איך וועל מיט קיינעם דערפון

נישט ריידען... מיין כונה איז דאך גוט, איך וואלט געוואלט העלפען מיינע ברידער, און יעצט, דוכט זיך מיר, אז דו פארבארגסט פון מיר זעהר א וויכטיגע זאך... ווייל דו האסט מורא, אז איך וועל דיר פארראטען!

— דו מאכסט א טעות מיין זוהן, איך האב צו דיר גענוג צוטרוי, אז דו וועסט וויסען ווי דיזע געהיימנים קיינעם נישט צו ענטדעקען, אבער כל זמן איך לעב, איז בעסער, אז קיינער וויים דערפון נישט, ווען איך וועל זעהן, אז מיינע טעג זיינען געצעהלטע, דאן וועל איך עס צו דיר ענטדעקען כדי דו זאלסט אויך קענען העלפען די אידען אין דער צייט פון נויט. דו מעגסט מיר גלויבען, מיין זוהן, אז פון די גאלד וואס איך קריג אריין פארברויך איך גאר נישט פאר מיין אייגענעם נוץ... און איך האף, אז נאך מיין טויט, ווען דו וועסט האבען די זעלבע מעגליכקייט צו קריגען די געלד, זאלסטו בלויז דאן דאס נעמען, ווען דו וועסט דערמיט דארפען ארויסהעלפען אונזערע אומגליקליכע ברידער, און קיינמאל זאלסטו נישט נעמען פאר זיך כדי רייך צו ווערען...

— וועגען דעם קענסטו רוהיג זיין, ליעבער פאטער! — האט קרח זיך אפגערופען — ווען איך בין געגאנגען צו הרהור'ן, האב איך נאר געהאט אין זינען די טובה פון מיין פאלק, און האסטו דען נישט אפגעגעבען די לעצטע גאלד וואס מיר האבען פארמאגט, און איך בין געווען צופרידען... און ווי גליקליך איך בין געווען ווען דיר האט געלונגען צו באפרייען דיין ברודער, עמרם'ן... אהרן איז דיר אזוי פיעל נישט דאנקבאר געווען ווי איך!

— וואס רעדסטו, מיין זוהן! — האט יצהר זיך אפגערופען — די פרייד וואס האט בעהערשט אהרנ'ען איז גאר אונמעגליך ארויסצוגעבען... ער האט מיר געהאלזט און געקושט און ער האט מיט מיר נישט געוואוסט וואס צו טאן!

— איך האב אבער גאר נישט באמערקט אין איהם! — האט קרח געזאגט — צו מיר איז ער געבליבען דער זעלבער ווי פריהער. נאך אלעמען דארף ער דאך געדענקען, אז איך האב אויך געהאט עפעס צו טהאן דערמיט.

— איך פארשטעה דיר נישט, קרח — האט יצהר זיך אפגערופען — די לעצטע צייט, דוכט זיך מיר, אז דו טראגסט א פארבארגענע שנאה אויף אהרן... אין דער צייט ווען אהרן ווערט מעהר באליעבט, געאכטעט און געשעצט פון אלע אידען, זוכסטו זיך פון איהם צו דערווייטערען... קענסטו דען מיר נישט ערקלערען די אורזאך, מיין זוהן?!

— איך וויל זיך פאר דיר מודה זיין, פאטער! — האט זיך קרח אפגערופען — אז איך טראג א קליינע שנאה צו אהרן... ווייל איך האב זעהר ליעב עמינדב'ס טאכטער, אלישבע'ן.

— דו האסט ליעב אלישבען! — האט יצהר אויסגערופען מיט פארוואונדערונג — ווייסטו דען נישט, אז אלישבע געהערט צו אהרנ'ען!

— דערווייל געהערט זי צו קיינעם נישט. — האט קרח אויסגערופען — איך האב אזא רעכט אויף איהר ווי אהרן... און דעריבער ווען איך זעה אהרנ'ען פארברענענדיג מיט איהר, ברענט אין מיר מיין צארן.

— דו האסט א טעות, קרח! מיר האט עמרם געזאגט, אז ער און עמינדב האבען צווישען זיך אפגעמאכט, דאס אלישבע זאל ווערען אהרנ'ס פרוי!

— אה, פאטער, דאס איז אונמעגליך! — האט קרח אויסגערופען — אלישבע מוז געהערען צו מיר! איך האב איהר זעהר ליעב!

— אבער ווי איך פארשטעה האט איהר אהרן אויך ליעב! און דו ווייסט דאך, קרח, אז דו קענסט זיך צו אהרן נישט פארגלייכען... דעריבער איז מיין עצה דו זאלסט זיך אין גאנצען ארויסשלאגען פון קאפ אלישבע'ן, דו וועסט קענען געפינען א צווייטע מיידעל וואס וועט דיר געפעלען, און דו וועסט מיט איהר חתונה האבען, און גליקליך זיין!

— איך בין זיכער, אז אלישבע האט

מיך ליעב! — האָט קרח אויסגערופען — און מאָרגען אין דער פריה וועל איך זיך מיט איהר זעהן ביי די ברעגעס פון טייך נילוס!

— האָט זי צוגעשטימט זיך מיט דיר צו טרעפען?

— איך האָב געבעטען נחשונ'ען, איהר ברודער, דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אן איבערגעגעבענער פריינד ער איז צו מיר! ער האָט מיר פאַרשפּראָכען ארויסצוקומען מיט זיין שוועסטער, מיר צו באַגעגענען. איך בין זיכער, אז זי וועט ארויסקומען מיט איהם.

— אָבער וואָס וועסטו דערפון האָבען! — האָט יצהר זיך אָפּגערופען. אלישבע וועט נישט חתונה האָבען מיט דיר, ווייל איהר הארץ געהערט שוין לאַנג צו אהרנ'ען. און מיר וואונדערט זיך פאַרוואָס דו האָסט ביז יעצט נישט געקענט זעהן!

— עס איז אונמעגליך! — האָט קרח אויסגערופען — ווען עס וואָלט געווען א באַשטימטע זאַך, וואָלט נחשון זיכער דערפון געוואוסט, און דאַן וואָלט ער מיר געזאָגט דעם אמת, און נישט אָפּגעמאַכט מיט מיר זיך צו טרעפען מיט זיין שוועסטער.

— מעגליך, אז נחשון וויל דיר נישט פאַראורזאַכען קיין צער!

— אָבער עס איז דאָך אויך מעגליך, אז אלישבע האָט מיר מעהר ליעב געקראָגען... נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערוואוסט, אז איך האָב א חלק אין דער באַפרייאונג פון איהר פאָטער! נאָך אַלעמען האָט עפּעס אהרן פאַר איהר געטהאָן?!

— פאַרוואָס זאָלסטו זיין אין זיך גענאַרט, מיין זוהן! — האָט יצהר געזאָגט — דו דאַרפסט נישט פאַרגעסען, אז אהרן שטעהט א סך העכער פון דיר... און כאָטש דו ביזט מיין אייגענער זוהן, ווייס איך דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען דיר און אהרן... און אלישבע, וועלכע איז פאַררעכענט פאַר די שעהנסטע אין גשן האָט זיכער פאַרדינט אזא מאַן ווי אהרן...

יצהר'ס לעצטע ווערטער האָבען שטאַרק באַאומרוהיגט קרחן, איהם האָט זעהר פאַרדראָסען פאַר וואָס זיין פאָטער האַלט אויך מעהר פון אהרנ'ען ווי פון איהם. — איך וועל נאָך איהם אויך איבערראַשען — האָט ער זיך געטראַכט, אלישבע וועט צושטימען צו זיין מיין פרוי.

ווען נחשון האָט איבערגעגעבען זיין שוועסטער, אז קרח וויל זיך מיט איהר דורכריידען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין האָט זי באַלד פאַרשטאַנען קרח'ס מחשבות; זי האָט שוין פון לאַנג געזעהן, אז קרח איז נישט גלייכגילטיג צו איהר, און דעריבער איז זי געווען נישט איבעריגס צופריעדען ארויסצוקומען צו באַגעגענען איהם, אָבער זי האָט געוואוסט, אז זי וועט עס מוזען טהאָן צוליעב איהר ברודער.

— דו ווייסט דאָך נחשון, אז מיינע געדאַנקען זיינען גאַנץ ווייט פון קרח'ן, האָסטו דען נישט געקענט איהם דערפון אין גאַנצען אָפּריידען?!

— איך האָב געמאַכט א פאַרזוך איהם אָפּצורייידען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערען — האָט נחשון געזאָגט. און דו ווייסט דאָך מיין שוועסטער, אז מיר האָבען פיעלעס איהם דאַנקבאַר צו זיין וואָס ער און יצהר האָבען געטהאָן פאַר אונזער פאָטער...

— האָסטו איהם נישט געקענט זאָגען, אז אומזיסט איז זיין מיה?

— איך האָב איהם נישט געוואָלט פאַרשאַפען קיין צער, איך האָב איהם בלויז אָנגעוואונקען, אז אהרן... איך מיין, אז אהרן האָט דיך ליעב!

— ווי קענסטו אזוי ריידען, נחשון — איז אלישבע רויט געוואָרען — דו ווייסט דאָך, אז אהרן האָט צו מיר קיינמאָל וועגען דעם נישט גערעדט.

— דאַרף ער דען ריידען צו דיר וועגען דעם... עס איז גענוג פאַר מיר איך זאָל אויף איהם א קוק טהאָן בעת ער רעדט צו דיר און איך זאָל זיינע געפיהלען צו דיר קענען לעזען! און איך ווייס אויך, ליעבע שוועסטער, אז דו

האָסט אהרן זעהר ליעב... אויסער דעם איז דאָך געווען כמעט ווי אַן אָפּמאַך צווישען אונזער פאָטער און עמרם'ן...

א גליקליכע פרייד האָט זיך צוגאָסען אויף אלישבע'ס פּנים... זי האָט גענומען טראַכטען פון אהרנ'ען... זי האָט געוואָלט, אַז נחשון זאָל נישט אויפהערען צו ריידען פון איהם.

— נאָך אלעמען בין איך צופרידען וואָס איך געה מיט דיר, — האָט זי געזאָגט — איך וועל קרח'ן גאַנץ אָפען זאָגען, אַז ער האָט נישט וואָס צו טראַכטען פון מיר, און ער וועט מיר אויפהערען צו באַלעסטיגען.

— דו קענסט נאָך נישט קרח'ן — האָט נחשון געשמייכעלט כל זמן ער וועט זעהן, אַז דו ביזט נישט פאַרהייראַט, וועט ער נישט אויפהערען צו קומען צו דיר און באַלעסטיגען מיט זיינע ליעבעס ערקלערונגען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צום ברעג טייך, האָבען זיי שוין באַמערקט קרח'ן, וועלכער איז זיי גלייך אנטקעגען געגאַנגען.

א ווײַלע איז קרח געבליבען שטעהן אין פאַרלעגענהייט. ער האָט געוואָרפען א בליק אויף דער שעהנער אלישבע'ן און ער האָט נישט געוואוסט ווי אזוי אָנצופאַנגען... אָבער ער איז געווען ענטשלאָסען נאָך מעהר ווי פריהער צו געווינען איהר האַרץ.

— איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר וואָס דו ביזט געקומען, אלישבע — האָט קרח זיך אָפּגערופען — איך האָב זעהר פיל מיט דיר צו ריידען, אָבער אין דיין הײם האָב איך קיינמאָל קיין געלעגענהייט נישט געהאַט...

— אויב עס איז דיין וואונש איך זאָל דיר איבערלאָזען אליין? — האָט נחשון זיך אָפּגערופען — וועל איך אוועקגעהן אויף א קליינע ווײַלע.

— קרח איז דאָך דיין פריינד! — האָט אלישבע געזאָגט און ער וועט דאָך צו מיר נישט זאָגען א זאַך וואָס ער וועט נישט וועלען דו זאָלסט הערען.

— געוויס! — האָט קרח געשטאַמעלט... דאָס וואָס איך וויל ריידען מיט דיין שוועסטער, גלויב איך, אַז דיר איז עס באַוואוסט! אלישבע האָט א קער געטהאָן איהר קאָפּ אַן א זייט, און האָט איהרע אויגען געווענדעט צום נילוס...

— עס איז געווען א צייט ווען אונזערע אורעלטערען האָבען דאָ ארום דעם טייך גרויס פאַרגעניגען געהאַט... דאַן זיינען זיי גאַנץ וויכטיג געווען אין מצרים... מיט גרויס אכטונג האָבען די מצריים געקוקט אויף די הינדער פון ישראל און יעצט... יעצט זיינען די אידען שקלאַפען... אונזער האָב און גוטס איז פון אונז אוועקגענומען געוואָרען... און אונזערע קליינע קינדער ווערען אריינגעוואָרפען אין דיזען טייך...

— און עס ווייזט אויס, אַז אזוי גיך וועט קיין ענדע נישט נעמען צו אונזערע צרות — האָט נחשון זיך אָפּגערופען.

— עס וואָלט נאָך א סך ערגער געווען, ווען מיין פאָטער וואָלט פאַר פּרעה'ן נישט אויסגעבויט די וואונדערבאַרע שאַץ־קאַמער — האָט קרח געזאָגט — דאַן וואָלט דער קעניג מענעפּטאַה געוויס געטויטעט אייער פאָטער און עמרם'ן און ווער ווייס וואָס פאַר א שווערע צינזען ער וואָלט נאָך אויף אונז ארויפגעלייגט.

— און יעצט באַשטראָפט ער אונז דען נישט גאַנץ אָפט מיט שווערע צינזען! — האָט נחשון געזאָגט — מיר דאַרפען זיך בלויז שעצען גליקליך וואָס דיין פאָטער קומט אונז צו הילף אין דער צייט פון אונזער נויט.

קרח האָט נאָר געוואַרט אויף דעם, ער האָט מיט א כיוון אָנגעצויגען דעם געשפּרעך, כדי עס זאָל ארויסקומען אויף די שווערע צינזע' וואָס ווערט פון צייט צו צייט ארויפגעלייגט אויף דער גאַנצער אידישער קהלה.

— אזוי לאַנג ווי מיין פאָטער וועט לעבען! — האָט קרח געזאָגט מיט שטאָלץ — האָבען די אידען נישט וואָס מורא צו האָבען... עס מעג זיין די גרעסטע צינזען און מיין פאָטער וועט

שוין די געלט קריגען... און אפילו דאן ווען מיין פאָטער וועט געהן צו זיינע עלטערען, דאן ווי־ל איך פארנעהמען זיין פלאַץ און אויסצאָהלען די צינזען... יע, מיין פאָטער האָט מיר פארשפּראָכען צו ענטדעקען דעם סוד... איך וועל זיך שעצען העכסט גליקליך ווען איך וועל קענען טהאָן עטוואָס גוטעס צו מיין פאָלק... איך מוז זיך מודה זיין, אז איך בין זעהר אומגעדולדיג צו וויסען דיזע טיעפע געהיימנים... קיינער וועט דערפון נישט טאָרען וויסען אויסער... יע, אויסער די, וועלכע איך וועל פאר מיין פרוי אויסקלייבען.

— דאָס וועט זיין א גרויס כבוד צו דיין פרוי — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען קוים איינהאַלטענדיג איהר שמייכעל.

— און איך וואָלט געוועז דער גליקליכסטער אויב איך וואָלט דיר דיזען כבוד געקענט אָנטהאָן — האָט קרח זיך גלייך אָפּגערופען.

— אָבער איך האָב אזא כבוד נישט פערדינט, קרח! — האָט אלישבע געענטפערט.

— אה, אלישבע דו האָסט אלעס פערדינט! און גאָט האָט דיר פון זיין גוטסקייט מיט א ברייטער האנט געגעבען! איז דען אין גאנץ גשן פאראן אזא שעהנע פרוי ווי דו ביזט? און איך האָף אז איך וועל ווערטה זיין צו בעזיצען דיזען אוצר!

— איך גלויב, אז דו ביזט א סך מגזם! — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען — און א בעשיידענע רויטקייט האָט בעדעקט איהר פנים!

— ניין, אלישבע איך האָב נאָך א העלפט ניט ארויסגעזאָגט פון וואָס איך טראכט וועגען דיר! און יעצט וויל איך דיר בעטען איינצושטימען צו זיין מיין פרוי... איך האָף נאָך פיעל מעהר צו טהאָן פאר מיין פאָלק...

— צום בעדויערען מוז איך דיר זאָגען אז איך קען דערצו קיינמאָל נישט צושטימען — האָט אלישבע זיך אָפּגערופען.

— פארוואָס?!

— ווייל מיין הארץ געהערט שוין צו א צווייטען!

— און דער צווייטער איז אהרן!— האָט קרח שנעל אויסגערופען.

— יע! דער צווייטער איז אהרן!

— האָט נחשון זיך אָפּגערופען — דו מעגסט עס וויסען אז אהרן בעלאנגט שוין פון לאנג צו מיין שוועסטער!

אלישבע האָט ארונטערגעלאָזען איהרע אויגען און א רויטקייט האָט איהר פנים בעדעקט.

— און פארוואָס האָסטו מיר פריהער נישט געזאָגט — האָט קרח זיך געווענדעט צו נחשון — איך האָב דאָך דיר געפרעגט און דו האָסט געזוכט ווי אויסצומיידען די תשובה...

— איך האָב עס דיר געוואָלט זאָגען בלויז אין געגענווארט פון מיין שוועסטער! — האָט איהם נחשון געענטפערט. איך וויים אז כאָטש מיין שוועסטער האַלט פון דיר זעהר פיעל און מיר בײדע זיינען דיר דאנקבאר וואָס דו האָסט געטהאָן פאר אונזער פאָטער, דאָך אָבער האָט זי ליעב אהרן׳ען.

— אָבער ווי באַלד עס איז נאָך צווישען אלישבע׳ן און אהרן נישט פאָרגעקומען קיין פערשטענדניס, איז נאָך נישט צו שפּעט פאר מיר צו געווינען אלישבע׳ן אויף מיין זייט! — האָט קרח אויסגערופען.

— צווישען אונזער פאָטער און אהרן׳ס פאָטער איז שוין לאנג געקומען צו א פערשטענדניס! — האָט נחשון ווייטער געזאָגט — אָבער דעם אמת זאָגענדיג, האָט אהרן קיינמאָל קיין וואָרט נישט דערמאָהנט צו אלישבע׳ן נאָר דאָס פערשטעהט זיך, איז צוליעב זיין גרויסע בעשיידענהייט... ווייל אויב ניט וואָלט ער דאָך נישט געקומען צו אונז יעדען טאָג!

דאָס בלוט האָט קרח׳ן א זעץ געטהאָן אין פנים... איז דאָס מעגליך אז אלישבע וועט שוין קיינמאָל נישט געהערען צו איהם... ניין! דאָס וועט ער נישט

דערלאָזען! ווער איז דאָס אהרן אז ער זאָל דארפען זיך אונטערגעבען. ער וועט נאָך איהם באווייזען דאָס ער וועט דארפען ווידער אמאָל אנקומען צו איהם! אלישבע ווייס אויך אז די גאנצע משפחה פון עמרם'ן זיינען פערראָרימט געוואָרען און ווען עס וועט זיך מאכען אז מען וועט דארפען אימיצען אויסלייזען, וועט מען זיך דאָך געוויס ווידער ווענדען צו איהם...

— דו דארפסט אזוי נישט זיין ענטוישט, מיין פריינד! — האָט נחשון געמאכט א פערזוך איהם צו בערוהיגען. פיעלע שעהנע מיידלאך ווי מיין שוועסטער וועלען זיין גליקליך, ווען דו וועסט זיי בעווייזען א פריינדליכע מינע.

די גאנצע צייט האָט אלישבע געשוויגען. זי האָט זיך דערווייטערט עטוואָס פון זיי ביידען און האָט געקוקט אויף דעם קלאָרען וואסער פון טייך...

קרח האָט געפיהלט זעהר פערביטערט געגען אהרן'ן און ער האָט געטראכט ווי אזוי זיך אפצורעכענען מיט איהם און אוועקנעהמען אלישבען פון איהם, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפעט.

א ווייל'ע זיינען אלע דריי געשטאנען און געשוויגען, דערנאָך האָט זיך קרח ענטשולדיגט און איז אהיים געגאנגען, איבערלאָזענדיג נחשון און אלישבען ביים ברעג טייך.

מיט א טרויעריגען געמיטה איז קרח אהיים געגאנגען... ער האָט געזעהן אז אהרן האָט פון איהם אוועקגענומען די, וועמען ער האָט אזוי ליעב געהאט און פון וועמען ער האָט נישט אויפגעהערט צו טרוימען טאָג און נאכט... זאָל ער דאָס דערלאָזען! ניין, ער וועט נאָך צייגען אהרן'ן זיין מאכט! ער וועט נישט דערלאָזען אז אלישבע זאָל געהערען צו איהם.

ביינאכט אויף זיין געלעגער, איז קרח געלעגען וואך און האָט געטראכט פון פארשיעדענע פלענער, ווי צו פערמיידען די חתונה פון אהרן און אלישבע... ווען ער וואָלט יעצט א גוטען פריינד געהאט פאר וועמען ער וואָלט זיין הארץ געקענט אויסגיסען, וואָלט מען פיליייכט געקענט אן עצה געבען... אָבער זיין פאָטער האָט שוין דערפון לאנג געוואוסט, און ער האָט איהם געראטען ער זאָל אן איהר פארגעסען... ער האָט פיעל געהאָפט אויף זיין איבערגעגעבענעם פריינד נחשון, אָבער יעצט זעהט ער אז נחשון האָט די גאנצע צייט געוואוסט דערפון און אפילו קיין וואָרט וועגען דעם נישט גערעדט צו איהם.

ליגענדיג אזוי פערטיפט אין זיינע מחשבות, איז איהם פלוצלינג ארויף א געדאנק אז דתן און אבירם פון וועמען ער האָט זיך לעצטענס געזוכט צו דערווייטערען, וואָלטען איהם א סך געקענט ארויסהעלפען... זיי זיינען דורכגעטריבענע יונגען און זיי וועלען אלע מאָל זיין געגרייט איהם צו העלפען, בפרט אז עס האנדעלט זיך וועגען זייער אלגעמיינעם שונא, אהרן!

בעת מעשה האט זיך קרח אליין דערשראָקען פאר זיינע געדאנקען... ער ווייס ווי פערהאסט דתן און אבירם זיינען ביי די וועלכע קענען זיי און יעצט אז ער איז אין אלעמענס אויגען געשטיגען, דאַרף ער זעהן אנצוהאלטען דעם גוטען מיינונג וואס מען האט פון איהם... בפרט נאָך ווען ער האט נישט לאנג צוריק פערשפראָכען נחשון'ען מעהר נישט צו האָבען צו טהאן מיט זיי... נאָך אלעמען, אָבער, האט ער זיך ערווייטערט פון דתן און אבירם כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון אלישבע'ן, יעצט אָבער אז אהרן נעהמט איהר פון איהם אוועק... קען ער טהאן וואס ער וויל... יע, ער וועט זעהן זיך ווידער צו בעפריינדען מיט זיי און מעגליך אז צוזאמען וועלען זיי עפּעס קענען אויפטהאן, וואס וועט ער יעצט פערלירען! אזוי האט קרח בעשלאָסען זיך אויף מאָרגען צו זעהן מיט זיינע אמאָליגע צוויי גוטע פריינד, דתן און אבירם, דאך ווען עס איז געקומען דער פריהמאָרגען און קרח האט ווידער געגנומען טראכטען וועגען דעם, האט ער זיין בעזוך צו זיינע פריינד אָבגעלעגט אויף

שפעטער... אפשר וועט ער נאך געפינען אן אנדער וועג צו געווינען אלישבע'ס הארץ... ער האט זיך בלויז געשראקען עס זאל זיין נישט צו שפעט.

יעדען טאג פלעגט קרח קומען אין דעם געגענד וואו עמינדב'ס הויז איז געשטאנען און פלעגט פון וויטען, אז קיינער זאל איהם נישט בעמערקען, שטעהן און צוקוקען אויב אהרן קומט אריין דארטען. און יעדעס מאל וואס ער פלעגט דערזעהן אהרן, פלעגט אין איהם זיין הארץ א צאפעל טהאן.

איינמאל, ווען קרח איז אזוי געשטאנען אונבאמערקטערהייט ניט ווייט פון אלישבע'ס הויז, האט ער דערזעהן ווי אהרן געהט ארוים אויף א שפאציער מיט זיין שוועסטער מרים און אלישבע'ן. ער האט זיי נאכגעקוקט א היבשע וויילע. ער האט באמערקט ווי אהרן קוקט אויף איהר מיט גרוים ליעבשאפט און ווי זי שמייכעלט צו איהם. דאן האט ער בעשלאסען צו געהן צו זיינע פריינד, דתן און אבירם.

דאס הויז פון דתן און אבירם איז געווען דאס לעצטע פון שטאדט גשן; עס איז געשטאנען אינגאנצען אפגעטהיילט פון די איבעריגע אידישע הייזער. דארטען האבען זיך די צוויי ברידער געלעבט. עס זיינען געווען יאהרען, ווען זיי זיינען רייך געווען, און אויך בעאמטע ביי פרעה'ן. דאס האט ער זיי בעלויגט פאר דעם, וואס זיי האבען גע'מסר'ט אויף משה'ן, אז ער האט געטויטעט דעם מצרי קאדמאר'ן, דאן האט פרעה זיי געמאכט פאר שוטרים איבער א טהייל פון די אידישע שקלאפען... און כאטש זיי האבען די אידען נישט בעהאנדעלט אזוי שלעכט ווי די מצרישע שוטרים, פונדעסטוועגען איז די שנאה אויף זיי געווען גאנץ גרויס, און יעדער איינער האט אין זיין הארצען געהאט א קללה פאר זיי.

ווען זיי זיינען געווען בעאמטע, האבען זיי זיך שטארק נישט גענומען צום הארצען וואס זיי זיינען אזוי פערהאסט ביי די אידען... זיי האבען געוואוסט, אז מען דארף צו זיי אנקומען, אבער ווען מע־נעפטאה איז געווארען דער פרעה און האט פון דתן און אבירם אוועקגענומען זייער אמט, זיינען זיי געבליבען ווי פויגלען פון וועמען מען האט ארונטערגעהאקט די פליגלען... זיי האבען פערלארען זייער מאכט, און דערצו זיינען זיי שטארק פעראָרימט געווארען. דאך האבען זיך געפונען אייניגע וועלכע פלעגען קומען פארברענגען מיט זיי, ווייל טראָץ דעם וואס זיי זיינען געווען מוסרים, האבען זיי אבער בעזעסען אנדערע מעלות; זיי זיינען געווען כיטרע, און האבען געהאט א חוש פאר הומאר... צווישען די וועלכע האבען זיך זיי געפריינדעט איז געווען קרח, דער זוהן פון יצהר. אבער ווען ער האט בעמערקט ווי די אנדערע אידען קוקען אויף איהם קרום צוליעב דעם, האט ער זיך בענוגענט צו קומען צו זיי בלויז איינמאל א וואך.

פיעלע מאל פלעגען זיי זיך בעגעגענען הינטערען שטאדט און צוזאמען פערברענגען.

די פריינדשאפט פון דתן און אבירם צו קרח'ן האט זיך פערשטארקט, ווען יצהר האט אנגעהויבען בויען די שאץ־קאמער פאר פרעה'ן. די ברידער האבען געהאפט אז צוליעב דעם זכות פון זיין פאטער, וועט קרח, אליין בעשטימט ווערען פאר א בעאמטען, און דאן וועט ער שוין זעהן זיי א טובה צו טהאן. און כאטש זיי האבען געזעהען, אז פון דעם האט זיך גארנישט אויסגעלאזען איז דאן זייער פריינדשאפט צו קרח'ן נישט אפגעשוואכט געווארען.

שפעטער, ווען יצהר האט אויסגעלייזט עמרם'ן און עמינדב'ן און דערנאך אליין אויסגעצאהלט די גרויסע סומען צינזען וואס פרעה האט אויף אלעמען ארויפגעלעגט, זיינען די ברידער געווען נאך מעהר נייגיעריג אנצוהאלטען קרח'ס פריינדשאפט, אבער זיי האבען בעמערקט א דערווייטערונג פון קרח'ן; ער האט אויפגעהערט צו קומען צו בעזוכען זיי, און אפילו אויסגעמיטען זיך מיט זיי צו בעגעגענען. דאס האט שטארק פערדראסען דתן און אבירם'ן.

איינמאל ווען זיי האבען איהם געטרא־

פען אין גאם האבען זיי איהם פארגעווארפען אויף דעם און קרח האט זיך צו זיי אפגערופען:

— גלויבט מיר, אז איהר זייט צו מיר דיזעלבע גוטע פריינד, ווי פריהער... איך בענק שטארק אייער געזעלשאפט, אבער איך וועל, געגען מיין ווילען, מוזען אויפגעבען אויף א קורצע צייט מיינע בעזוכען צו אייך!

— קענסטו אונז ניט זאגען וואס דאס איז? — האט דתן איהם געפרעגט — דו ווייסט דאך וואס פאר א געטריע פריינד מיר זיינען דיר די גאנצע צייט געוועזן.

— איך פערשטעה! — האט אבירם געזאגט — דיין פאטער מוז זיין דאגעגען, יעצט אז ער איז געווארען אזוי וויכטיג ביים פאלק, פאסט איהם נישט, אז זיין זוהן זאל זיך חבר'ן מיט אזעלכע ווי מיר זיינען, נישט אמת, קרח?!

— ניין, עס איז נישט אמת! — האט קרח געענטפערט — מיין פאטער האט מיר קיינמאל קיין ווארט וועגען דעם געזאגט.

— אויב אזוי פארוואס ווילסטו זיך דערווייטערען פון אונז? — האט דתן איהם ווייטער געפרעגט — דו ביזט דאך געוועזן אונזער איינציגער איבערגעבענער גוטער פריינד... מיר פלעגען זיך בעראטהען מיט דיר, און דו האסט נישט איינמאל געפרעגט ביי אונז אן עצה.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת — האט קרח זיי דאן געענטפערט — און איך האף, אז איהר וועט מיר פערשטעהן!

— דאס האט אהרן אויף דיר געווירקט? — האט אבירם פרובירט טרעפען.

— יע, אהרן האט א סך צו טהאן מיט דעם! — האט קרח געזאגט — ער האט איינגעווארצעלט א שנאה צו אייך ביידען, אין די הערצער פון אלע זיינע פריינד... אבער אויף מיר האט ער גארנישט געווירקט... פערקעהרט, עס איז געוועזן א צייט וואס איך פלעג צו אייך קומען כדי איהם טהאן צו להכעיס... איהר ווייסט דאך געוויס, אז איך האב צו אהרנ'ען קיינמאל קיין גרויסע ליעבשאפט ניט געהאט, און בפרט די לעצטע צייט...

— אויב אזוי, — האט דתן אויסגערופען — דארפסטו דאך זיך צו אונז דערנעהענטערען אנשטאדט צו דערווייטערען. דאס וואלט דאך אהרן נאך מעהר געערגערט.

— ווען איהר וואלט געוועזן די איינציגע שטרויכלונג וואלט איך געוויס צו אייך נאך אפשר געקומען — האט קרח געזאגט — אבער איך מוז זיך פאר אייך מודה זיין, אז איך האב שטארק ליעב אלישבע'ן עמינדב'ס טאכטער, און כדי צו געווינען איהר הארץ, וועל איך מוזען צייטווייליג זיך פון אייך דערווייטערען...

— וואס איז אלישבע דען דאגעגען אז דו זאלסט זיך חבר'ן מיט אונז? — האט אבירם איהם געפרעגט.

— אלישבע האט מיר גארנישט געזאגט, אבער איהר ווייסט דאך, אז איהר ברודער נחשון, איז א גוטער פריינד פון אהרן'ען און ער איז אונטער זיין איינפלוס... און נחשון האט עם מיר פארגעווארפען פאר וואס מען זעהט מיר אזוי אפט אין אייער געזעלשאפט... ער האט מיר אויך אנגעוואונקען, אז אויב איך וויל געווינען זיין שוועסטער'ס הארץ, מוז איך זיך אין גאנצען דערווייטערען פון אייך... אבער איהר ביידע ווייסט דאך, אז איהר זייט מיינע גוטע פריינד, און דעריבער וועט איהר צו מיר גאר ניט האבען אז איך וועל אייך נישט קומען בעזוכען ביז וואנען איך וועל חתונה האבען מיט אלישבע, אבער איך פערזיכער אייך, אז ווי נאר אלישבע וועט זיין מיינע, דאן וועל איך מיין פריינדשאפט צו אייך בענייען... יעצט קען איך דאס נישט בעהויפטען... ווײלע איך זעה א שטארקען געגנער, וועלכער זוכט אויך צו געווינען אלישבע'ס הארץ... און דאס איז אהרן...

— מיר פערשטעהן דיר גאנץ גוט! — האט דתן זיך אפגערופען — און דעריבער ווינשען מיר דיר ביידע גליק אז אין גיכען זאלסטו צו אונז קומען אנזאגען, אז אלישבע איז געווארען דיין פרוי!... און

איך פערזיכער דיר, אז מיר וועלען דער־פון זיין העכסט צופריעדען.

זינט דאן האט קרח זיך מיט זיי ניט געזעהן... און יעצט, אין זיין גרויסער פערצווייפלונג, ווען ער האט געזעהן, אז פון אלע זיינע חלומות האט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען, און אז אהרן נעהמט אלישבע'ן אוועק פון איהם, ווען ער האט זיי באַמערקט שפּאַציערענדיג צוזאַמען, האט ער ביי זיך בעשלאָסען צו געהען צו דתן און אבירם'ן און פרעגען ביי זיי א עצה.

דאך האט קרח נישט געוואלט, אז מען זאל בעמערקען דאס ער געהט צו זיי, ער איז דעריבער געוואַרט ביז עס איז טונ־קעל געוואָרען און דאן איז ער אוועק צו זיינע אַמאָליגע פריינד, די ברידער דתן און אבירם.

זיי האבען זיך שטארק דערפרעהט מיט איהם.

— דו ביזט ווילקאָמען אין אונזער הויז! —האט דתן אויסגערופען מיט פרייד.

— יעצט זעהן מיר, אז דיין פריינד־שאַפט צו אונז איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרען! —האט איהם אבירם געדריקט ביים האנט.

— איך האב זיך שוין לאנג צו אייך געקליבען—האט קרח צו זיי זיך אָפּגערו־פען—כאָטש איך האב שוין א לאנגע צייט זיך מיט אייך נישט געזעהן, האב איך דאך נישט אויפגעהערט פון אייך צו טראכטען... און איך בין זעהר צופרידען אייך ווידער אמאָל צו זעהן.

— און איך האב געהאט זעהר א שטארקען פערלאנג זיך מיט דיר צו זעהן! —האָט אבירם זיך אָפּגערופען— איך האב זיך געוואונדערט, אז דו זאָלסט דערלאָזען דאס דיין פאָטער זאל בעגעהן אזא נארישקייט... דו און דיין גאנצע משפחה וואלטען דאך יעצט געקענט זיין די גליקליכסטע מענשען פון גאנץ מצרים אויב דיין פאָטער וואלט זיך נישט בע־נארישט און איינגעשפּאַרט... ווען ער וואלט צוגעשטימט צו בויען דעם טעמ־פּעל פאַר אזירים'ן, וואלט דאך איהם פרעה זיכער דערהויבען צו א הויכען אַמט און אויך דו וואלסט דערפון גע־נאָסען...

— יע, מיר וואונדערט זיך אויך אויף דיר, אז דו זאָלסט ניט קענען ווירקען אויף דיין פאָטער...—האט דתן געזאגט.

— ווען מיין פאָטער האט מיר פערזי־כערט, אז די ציגזען געלט וועט ער קריי־גען, האָב איך שוין מעהר צו איהם נישט געקענט טענה'ן—האט קרח געענט־פערט—איך האב פריהער געמיינט, אז ער וועט קריגען לייהען דאָס געלט ביי הרהור'ן, אָבער ווען איך האב אויסגע־[illegible]געז, אז הרהור איז מעהר נישט זיין [illegible]רייכה, בין איך געווען זיכער דאָס ווען [illegible] וועט נישט קריגען די הלואה פון הרהור'ן, וועט ער זיך אונטערגעבען, האב איך געזאלט וויסע' אז ער וועט קריגען די געלט פון אן א: דער קוואל.

— און ביז יעצט ווייסטו נישט ווי אזוי ער האט אזוי פיעל געלט געקראָגען מיט איין מאל? —האט איהם אבירם געפרעגט.

—ניין, דיזע געהיימנים איז נאָך צו מיר נישט ענטדעקט געוואָרען... נישט איין מאָל האב איך געפרעגט דעם פאָטער אָבער ער האט מיר געזאגט, אז בלויז פאַר זיין טויט וועט ער מיר אלעס ענט־דעקען!—האט קרח געזאגט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ער מוז האבען ערגעץ וואו זעהר א רייכען פריינד און יענער באָרגט איהם אויס דאס געלט!—האט דתן זיך אָפּגע־רופען.

— רייד נישט קיין נארישקייטען, מיין ברודער! —האט איהם אבירם געענט־פערט.—יצהר האט נישט אזא רייכען פריינד פון די מצריים... און אפילו ווען ער וואלט יע געהאט א גוטען פריינד אויף וואס זעהענדיג וואלט ער איהם אויסגעבאָרגט אזוי פיעל געלט, שוין צוויי מאָל ? !

— איך בין אויך מיט דיר איינשטי־מיג, מיין פריינד—האט קרח געזאגט צו אבירם'ן.—איך גלויב נישט אז איטי־צער גיט איהם דאס געלט.

— מעגליך, אז ער האט געפונען אַ אוצר!—האט דתן ווידער געזאגט—דאָס איז דאָך בעוואוסט, אז קיין אייגענע געלט האט ער קיין סך נישט געהאט.

— ווען מיין פאָטער וואלט געפונען אן אוצר, וואלט ער עס געוויס נישט געהאלטען איינגעהילט אין אזא געהיימניס! —האט קרח זיך אָפּגערופען—אלע אידען פון גשן וואלטען שוין דערפון געוואוסט.

— פון דעסטוועגען ווען דאס וואלט פּאסירט מיט מיין פאָטער וואלט שוין פון לאנג דאס פאר מיר קיין געהיימניס נישט געווען—האט אבירם געזאגט מיט א שמייכעל.—ווען אונזער פאָטער האט געלעבט, האָט ער פון אונז קיינע סודות נישט געהאט...

— מעגליך, אז עס וועט קומען א צייט און אלעס וועט פאר מיר אנטדעקט ווערען—האט קרח א קוועטש געטהאן מיט די פּלייצעס. ביז דאן וועל איך מוזען האבען געדולד.

— מען האט אונז איבערגעגעבען, אז דיין פאָטער זאל האבען זיך אויסגערעדט פאר די עלטסטע פון פאָלק, אז ווען פרעה זאל ווידער אמאָל ארויפלייגען צינזען אויף ישראל, זאל מען זיך גאָרנישט זארגען, ווייל ער וועט שוין דאס שאפען, עס מאכט נישט ווי גרויס די צינזען זאלען זיין, איז עס אמת? !...—האט דתן איהם געפרעגט.

— ריכטיג! אזוי האט טאקע מיין פאָטער געזאגט.

— יעצט קענען מיר זיך פאָרשטעלען ווי פיעל געלד דיין פאָטער פערמאגט!—האט אבירם אויסגערופען,—איז עס דען פאר דיר אפילו נישט מעגליך אויסצוגעפינען וואו דיין פאָטער האלט זיינע אוצרות... דו ווייסט דאך קרח, אז איך האב נישט קיין שלעכטע כונה, אָבער דאָך איז עס פאר מיר אומפערשטענדליך!

— קיינער קען דאס נישט פערשטעהן! —האט קרח געענטפערט—אָבער נישט וועגען דעם בין איך יעצט צו אייך געקומען רעדען: איך בין געקומען זיך האַלטען מיט אייך ביידען אן עצה. איך ווייס, אז איהר זייט א סך עלטער פון מיר. איהר האט ערפאהרונג און זייט קלוג...

— מיר וועלען זיך שעצען זעהר גליקליך אויב מיר וועלען דיר קענען מיט עפּעס בעהילפיג זיין, קרח!—האט דתן זיך צו איהם אָפּגערופען.

— קיין זאך אין דער וועלט וועט פאַר אונז נישט צו שווער זיין צו טהאן פאַר דיר—האט אבירם צוגעגעבען.—דערצעהל אונז אלעס וואס דיר דריקט אויפ'ן הארצען!

— אייך איז דאך בעוואוסט, אז איך האָב זעהר שטארק געליעבט אלישבע'ן נחשון'ס שוועסטער—האט קרח מיט א טרויעריגע שטימע געזאגט—איך האב געהאט אזוי פיעל האָפענונג, אז זי וועט מיין ליעבע ערווידערען, בפרט נאָך דעם ווי איך האב געהאט א טהייל אין דער בעפרייאונג פון איהר פאָטער... דאס גאנצע פאלק איז דאך דאן געווען זעהר דאנקבאר צו מיר... אבער צו מיין גרויס בעדויערען האט זיך אהרן געשטעלט אין מיין וועג... איהר ווייסט דאך, אז אהרן קען זעהר שעהן ריידען, און ער האט דעריבער מיט זיינע "פיינע" רייד געוואונען איהר הארץ... און ווען איך האב מיט עטליכע טעג צוריק זיך מיט איהר בעגעגענט, האט זי מיר געזאגט גאנץ אָפען, אז איהר הארץ בעלאנגט צו אהרן! דיין קוזין אהרן וועט דיר קיין גוטעס נישט טהאן!—האט דתן אויסגערופען—געדענקסטו, ווען מיר פלעגען דיר ווארענען געגען איהם! אָבער דו האסט אונז נישט געגלויבט. דו האסט געמיינט אז מיר ריידען שלעכטעס אויף איהם צו־

— איך האב אלע מאָל געוואוסט, אז ליעב די שנאה וואס הערשט צווישען אונז און זיין משפחה... יעצט זעהסטו שוין, אז מיר האבען געהאט רעכט?...

— איך צווייפעל נישט, אז מרים האט אויך אין דעם א האנט, נישט אומזיסט איז זי שטארק בעפריינדעט מיט אלישבע'ן...—האט אבירם א שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ. זי האט א סך ארויסגעהאָלפען איהר ברודער. זי האט געוויס זעהר פיעל שלעכטעס אָנגערעדט

אויף דיר פאר אלישבע׳ן, און דאס האט דערווייל גרינגער געמאכט פאר אהרן׳ען.

— אבער וואס זאל איך טהאן! — האט קרח אויסגערופען מיט פערצווייפלונג — איך מוז קריגען אלישבע׳ן פאר מיין פרוי, איך האב איהר זעהר ליעב... און איך האב געטהאן אלעס פאר איהר, כדי נושא חן צו זיין אין איהרע אויגען... זאל דאס מיינען, אז אלע מיינע בעמיהונגען זיינען געוועזן אומזיסט! ניין, איך קען נישט דערלאָזען, אז אהרן זאל איהר פון מיר אוועקנעהמען!

קרח האט געקוקט אויף דתן און אבירם׳ן מיט אויגען וואס זיינען געוועזן פול מיט געבעט, ווי ער וואלט ערווארטעט, אז דורך זיי זאל קומען זיין הילף...

דתן און אבירם האבען א קליינע ווייל געשוויגען. זיי האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען געקוועטשט מיט די פלייצעם.

— איך פערשטעה גאנץ גוט דיין לאגע! — האט דתן אונטערבראָכען די שטילקייט — און מיר וועלען טהאָן אלעס וואס איז מעגליך דיר צו העלפען, אבער דו דארפסט אונז געבען עטליכע טעג צייט, מיר זאלען בעטראכטען א גוטען פלאן... פערשטעהסט! מיר וועלען אלע דארפען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל איז די לעצטע יאָהרען איז אהרן געווארען זעהר געאכטעט און בעליעבט ביי אלעמען, און קיינער וועט נישט טאָרען וויסען, אז מיר האבען א האנד אין דעם! ווייל אויב מיר וועלען טאָהן אזא זאך וואס וועט פעראורזאכען אהרן׳ס נידערלאגע, וועט אונז קיינער נישט טאָרען חושד זיין...

— גוט, איך וועל צו אייך קומען אין עטליכע טעג ארום! — האָט קרח אויסגערופען — און איך האָף אז דאן וועט איהר מיר קענען געבען די ריכטיגע עצה.

— דו קענסט זיך אויף אונז פערלאָזען! — האָט דתן געזאָגט — ווען קרח האָט פערלאָזען זייער וואהנונג.

אכטער קאַפּיטעל
די צוואת

זינט ער האָט זיך געזעהן מיט דתן און אבירם, האָט קרח צוריקגעקראָגען זיין האָפנונג אז אלישבע וועט נאָך געהערען צו איהם... ער האָט געוואוסט אז ער קען זיך פערלאָזען אויף די צוויי ברידער, זיי וועלען שוין זעהן פערמיידען אהרן׳ס חתונה מיט איהר. כאָטש ער האָט אפילו קיין אהנונג נישט געהאט ווי אזוי זיי וועלען דאס בעווייזען צו טאָהן אזא זאך. דאָך אבער האָט זיך זיין שטימונג אין גאנצען געביטען; ער איז געווארען פרעהליכער, פול מיט לעבען און לוסט. ער האָט מיט אונגעדולד געווארט אז די עטליכע טעג זאָלען פאַראיבער און ער זאָל קענען הערען די עצה וואס דתן און אבירם וועלען איהם געבען.

אין דער זעלבער צייט האָט קרח בעשלאָסען צו געהן בעזוכען אלישבע׳ן און נחשון׳ען ווי פריהער, אזוי ווי עס וואָלט גאר נישט פאסירט. ער דארף איהר וויזען אז ער טראגט אויף איהר נישט קיין שנאה פאר דעם.

אין עמינדב׳ס הויז האָט מען קרח׳ן אויפגענומען מיט דער זעלבער פריינדליכקייט ווי פריהער; ער האָט פערבראכט מיט נחשון׳ען. דארטען האָט ער זיך אויך בעגעגענט מיט אהרן׳ען און מרים׳ען. ער האָט געזוכט זיך צו בעהערשען, אז קיינער זאָל ניט באמערקען די ענדערונג אין איהם. ער האָט אפילו גערעדט פריינדליכע רייד צו זיין קאָזין און האָט זיך מיט זיי אלעמען אָנגעשלאָסען אויף א שפּאציער.

איין מאָל, ווען קרח האָט זיך אומגעקעהרט אין אבענד, פון עמינדב׳ס הויז, האָט ער געטראָפען זיין פאָטער ליגענדיג קראנק אין בעט. ארום איהם זיינען געווען זיינע צוויי אינגערע ברידער נפג און זכרי און זייער מוטער.

— וואס איז מיט דיר, מיין ליעבער פאָטער? — האָט קרח זיך אָפּגערופען צו איהם מיט א בלאסגעווארענעם און צושראָקענעם פּנים.

— איך פיהל, מיין זוהן, אז מיינע טעג זיינען געצעהלטע... יע, גאר אין גיכען וועל איך געהן אין דעם "וועג" פון אלע מענשען.

— אה ניין, פאטער, וואס רעדסטו!

— האט קרח אויסגערופען, און טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען — דו וועסט נאך געזונט ווערען און נאך לאנג לעבען.

— איך האב שוין מיינע יאהרען אויסגעלעבט... נישט איבעריג גליקליך בין איך געווען... איך האב מיט גרויס אנגסט און צער צוגעזעהען די צרות פון אונזער אומגליקליכען פאלק. און כאטש איך געהער צום שבט לוי, וועלכער איז נישט פארשקלאפט צו די מצריים, האב איך צוזאמען מיט די אידען בעריגע געטראגען דעם יאך פון גלות מצרים. מיין הארץ האט געבלוטיגט צו זעהן ווי די מצריים פייניגען די אידען, ווי זיי רויבען אומ'רחמנות'דיג אוועק די זויגיגע קינדער פון זייער מוטער'ס ברוסט, און דערטרינקען זיי אין טייך נילוס. דאס אלעס האט מיין הארץ פערוואונדעט... איך ווי אלע אנדערע האבען געהאפט, אז גאט וועט זיך איבער אונז מרחם זיין און נאך אין אונזערע טעג וועלען מיר זעהן די גאולה. אבער, ווי עס ווייזט אויס. זיינען מיר נאך ניט ווערטה אויסגעלייזט צו ווערען פון דעם גלות מצרים... יע, איך וועל עס שוין מיט מיינע אויגען געוויס נישט זעהן.

די מוטער און די דריי זיהן וועלכע זיינען געוועזן [illegible] יצהר'ס בעט, זיינען שטארק גערירט געווארען פון זיינע רייד און האבען אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין.

— נישט אויף מיר דארפט איהר וויינען, מיינע קינדער! — האט יצהר זיך צו זיי אפגערופען — איך פערלאז די וועלט, און איך געה צו א שעהנערע און ריינערע וועלט... דארט ליידעט מען נישט אזוי פיעל צרות ווי דא... עס זיינען דארטען ניטא קיין פרעה'ס וועלכע זאלען אונטערדריקען דעם שוואכערען און דעם שוצלאזען. דארט הערשט דער קעניג פון אלע קעניגען, דער בעשעפער פון דער וועלט, וואס טהוט גערעכטיגקייט צו יעדען איינעם... מיר דארפען וויינען מיינע זיהן, אויף די לעבעדיגע וועלכע געהען ארום ווי שאטענס, וועלכע זיינען פארשקלאפט צו פרעה'ן, און ער טהוט מיט זיי וואס ער וויל... יע, אונזערע אומגליקליכע ברידער וועלכע לעבען, דארפען מעהר בעדויערט ווערען, ווי די וועלכע האבען שוין אויסגעלעבט זייערע יאהרען און ווערען בעפרייט פון דעם יאך פון צרות וואס דיעזע וועלט האט אויף זיי ארויפגעלייגט...

אין צימער האט געהערשט א טויטע שטילקייט... יעדער האט מיט טרעהרענדע אויגען בעטראכט דעם גוסס...

יצהר איז געלעגען אין זיין בעט א בעוועגלאזער. זיינע אויגען האבען בלויז געוואנדערט פון זיין פרוי אויף זיינע זיהן.

— קרח! — האט יצהר זיך אפגערופען נאך א קליינע פויזע — איך וויל מיט דיר ריידען אליין אויף א ווײַלע. זאלען אלע ארויסגעהן און דו בלייב דא איבער.

קרח'ס הארץ האט א צאפעל געטהאן; ער האט פערשטאנען וואס דער פאטער מיינט... באלד וועט ער זיך דערוויסען די טיעפע געהיימנים... ער האט אין דעם מאמענט אין גאנצען פארגעסען אן זיין פאטער'ס קראנקהייט, און דעם אז ער וועט מעגליך איהם פארלירען. זיינע מחשבות זיינען פול געווארען פון דעם אז אט באלד וועט ער דערגעהן דעם סוד פון וואנען זיין פאטער האט אזוי פיעל געלט גענומען. באלד זיינען אויף זיינע געדאנקען ארויפגעשוואומען אלישבע! ווען אלע אידען וועלען דארפען אנקומען צו איהם; ווען אין זיינע הענט וועט זיך געפינען אזוי פיעל געלט, דאן וועט איהם שוין ניט זיין צו שווער צו געווינען אלישבע'ס הארץ... זי וועט זיך ארומזעהן אז ער איז וויכטיגער אפילו פון אהרן'ען...

— מיין זוהן — האט קרח געהערט זיין פאטער'ס שוואכע שטימע וואס האט איהם אויפגעוועקט פון זיינע געדאנקען

— מיין זוהן, יעצט איז געקומען די צייט, אז איך זאָל דיר קענען ענטדעקען די גרויסע געהיימנים מיט וואס איך האָב זיך אזא לאנגע צייט ארומגעטראגען. דו ביזט מיין עלטסטער זוהן און איך האָף אז דו וועסט ווי איך בלויז אין זינען האָבען די טובה פון אונזער פאָלק... גאָט האָט מיר געבענשט, ער האָט מיר „געגעבען גענוג פערשטאנד, איך זאָל קענען בויען קונסטפולע געביידעס וועלכע זיינען געפעלען פרעה'ן און דורך דעם האָב איך געקענט טאָהן טובות מיין פאָלק... ווען איך האָב געענדיגט בויען די אויסערגעוועהנליכע שאַץ־קאמער, האָב איך געדאנקט דעם באשעפער וועלכער האָט מיר געגעבען גענוג כח און חכמה דאס צו טהאָן... איך האָב געהאָפט אז פרעה וועט אנערקענען מיין ארבייט און דורך דעם וועל איך קענען ביי איהם פועל'ן ער זאָל פארגרינגערען דעם אידישען יאָך פון שקלאפעריי... כאָטש איך האָב נאָך ביים אָנפאנג פון מיין ארבייט באמערקט ווי בלעם דער רשע, פרעה'ס הויפט מיניסטער קוקט אויף מיר מיט גרויס שנאה... איך האָב אויך גלייך געקענט זעהן וואס פאר אן אומגעהויער איינפלוס בלעם איבט אוים אויף פרעה'ן... איך האָב געוואוסט אז ער און דער הויפט פריעסטער וועלען צושטערען מיינע פלענער, און דעריבער האָב איך זיך דערצו געגרייט... איך האָב זיך בעווארענט... איך האָב אויך גאנץ גוט געוואוסט ווי דיעזער פרעה מענעפטאה איז געלט נייציג, ער וועט אלעס טאָהן כדי צו פערגרעסערען זיינע אוצרות. אָט דאס אלעס האָב איך פאראוים געזעהען...

— אָבער פאָטער — איז קרח אומגעדולדיג געווארען, ווי אזוי האָסטו זיך געקענט בעווארענען. פון וואנען האָסטו געוואוסט אז דו וועסט קריגען די נויטיגע גרויסע סומען געלט.

— דאס, מיין זוהן וועל איך דיר אלעס שפעטער דערצעהלען. יעצט וויל איך פאר דיר בלויז רעכטפערטיגען מיינע מעשים און איך האָף אז איך גאָט, דער גאָט פון אונזערע אבות, אברהם יצחק און יעקב, וועט מיר מוחל זיין, ווייל ער ווייס דאך מיינע גוטע כונות. יע, מיין זוהן, ווען פרעה האָט געמאכט א מאָלצייט לכבוד דער בענייאונג פון דעם שאַץ־קאמער געביידע, און מיר אויך דארטען איינגעלאדען, האָב איך בעמערקט די בליקען פון בלעם'ן און דעם הויפט פריעסטער. זיי זיינען אויף מיר געפאלען מיט פיעל האס און קנאה. זיי האָבען מיר געשטאָכען ווי שארפע שפיזען.... ערשט דאן בין איך געווען העכסט גליקליך וואס גאָט האָט מיר א געדאנק אריינגעגעבען זיך צו בעווארענען... איך האָב געהערט די פיעלע שבחים וואס מען האָט מיר געגעבען פאר אויפבויען אזא שאַץ־קאמער וואס וועט זיין זיכער פון גנבים. אין דער זעלבער צייט האָב איך שוין געהערט אָנזוהערענישען אז די קעניגליכע שאַץ־קאמער טאָר נישט פוסטעווען, פרעה מוז זעהן ארויסצוקריגען אזוי פיעל גאָלד פון זיינע שקלאפען וויפיעל עס איז נאָר מעגליך...

גלייך צו דעם איז געקומען דער פריעסטער מיט דעם פארשלאג צו בויען א טעמפעל פאר זייער אָפּגאָט אזירים. זיי האָבען געוויס אויסגעפונען אז איך וועל אזא זאך ניט טאָהן און דאס וועט דערווילע זיין א גוטער תירוץ צו בעשטראפען אלע אידען און ארויפצווינגען אויף זיי א גרויסען צינז. זיי האָבען אויך געהאט אין זינען דערווילע צו פארשקלאפען דעם גאנצען שבט לוי... איך האָב בעמערקט ווי בלעם'ס פנים האָט געלויכטען, ווען ער האָט דערהערט אז איך ענטזאג זיך צו בויען דיזען טעמפעל. ער האָט זיך געטראכט אז יעצט וועט ער זיך קענען אָפּרעכענען מיט מיר און מיט אונזער פאָלק... ער האָט, ווייזט אוים מורא געהאט, איך זאָל אין פרעה'ס אויגען נישט שטייגען, ווילע ווי איך האָב נאָכדעם אויסגעפונען, איז ער געווען דאגעגען אז פרעה זאָל אָננעהמען מיין פלאן און מיר אנפארטרויען צו בויען אזא געביידע... איך האָב גלייך געזעהן אז מיין

גאנצע מיה וואס איך האב אריינגעלייגט אין דער שאץ קאמער איז אומזיסט. פרעה איז אויף מיר געווען פול מיט צארן; ער איז זעהר שנעל אויפגערייצט געווארען דורך די צוויי גרעסטע אידישע שונאים... ער האט גלייך אנגענומען זייער פארשלאג, אז אויב איך וועל זיך ענטזאגען צו בויען דעם טעמפעל, וועט ער ארויפלייגען נאך גרעסערע צינזען ווי פריהער...

יצהר האט זיך א ווײלע אפגערוהט און נאכהער פארטגעזעצט.

— איך האב זיך אבער געהאלטען גאנץ געלאסען און נישט אויסגעדריקט קיין מורא. איך האב געזאגט דייטליך און קלאהר אז מיין רעליגיאן ערלויבט מיר ניט צו בויען קיינע טעמפלען פאר אפגעטער. איך האב געזעהן ווי דער פריעסטער און בלעם זיינען אויפגעשפרונגען בעליידיגטע און געזוכט אז פרעה זאל נאך די שטראף שווערער מאכען. איך האב אבער געוואוסט אז פרעה'ס שטראף וועט בעשטעהן בלויז פון פארגרעסערען די צינזען; ווײלע זיין דורשט נאך געלד וועט ער אזוי שנעל ניט קענען שטילען, און פאר דעם האב איך קיין מורא ניט געהאט... און איצט מיין זוהן, דערצעהל איך דיר דעם גרויסען סוד, וואס איך האב פאר די לעצטע עטליכע יאהר געהאלטען פערבארגען אין מיין הארצען און איך וויל אז דו זאלסט מיר צושווערען קיינעם נישט צו דערצעהלען וועגען דעם ביז וואנען גאט וועט רחמנות האבען אויף ישראל און זיי אויסלייזען פון דער שקלאפעריי פון מצריים און זיי פיהרען צו דעם לאנד פון אונזערע עלטערען.

קרח האט אויפגעהויבען זיין רעכטע האנט און געשווארען אז ער וועט צו קיינעם נישט ענטדעקען דעם סוד.

— יעצט, קרח, זעץ זיך צו עטוואס נעהנטער צו מיר און איך וועל דיר דערצעהלען.

קרח האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פאטער'ס בעטעל און יצהר האט אנגעפאנגען.

— דו ווייסט דאך אז פרעה האט פערלאנגט איך זאל איהם בויען א שאץ־קאמער וואס זאל זיין געזיכערט פון גנבים... און אין דער ווירקליכקייט האב איך איהם אזא שאץ־קאמער געבויט. די ווענט פון שאץ־קאמער זיינען זעהר דיק, די שטיינער זיינען אזוי מעכטיג אז עס איז אונמעגליך צו בויערן א לאך דורך זיי. קיין פענסטער און טיהרען זיינען דארטען ניטא. די איינציגע טיהר פיהרט צום קעניג'ס שלאף־צימער... קענסטו זיך יעצט פארשטעלען אז עס איז אונמעגליך פאר דעם קליגסטען און געניטסטען גנב פון דארטען עפעס צו גנב'ענען... אבער ווי איך האב פאראויסגעזעהן, וועט פרעה'ס דאנקבארקייט צו מיר לאנג נישט דויערן.. ער וועט שוין געפינען אן אויסרייד צו בעלעסטיגען אונזערע ברידער מיט צינזען, כדי אנצופילען די שאץ־קאמער... פרעה ווי אויך אלע זיינע מיניסטארען און פריעסטער גלויבען, אז מיר, די קינדער פון ישראל, זיינען נאך זעהר ר״יך. נישט איין מאל האט איהם בלעם געזאגט, אז אין צייט פון אונזער עלטער זיידע יוסף, זיינען די אידען געווען זעהר רייך... מיר איז איינמאל אויסגעקומען צו הערען ווי ער זאגט אז די אידען האבען אוועקגערויבט די גאנצע רייכטום פון די מצריים, און אז ער איז זיכער אז מיר האבען זעהר פיעל בעהאלטענע אוצרות, און דער איינציגער וועג זיי פון אונז ארויסצוקריגען, איז ארויסצוגעבען אויף אונז שרעקליכע גזרות און געבען אונז די ברירה זיך אויסצוקויפען פאר געלד. אזוי איז די לעצטע יאהרען געטהאן געווארען און פרעה האט, ווי דיר איז בעוואוסט, פעראריימט אונזער גאנצען פאלק... יעדער פון אונז האט אפגעגעבען דאס לעצטע וואס מען האט פארמאגט אבער פרעה'ס דורשט איז נאך ניט געשטילט געווארען, פערקעהרט, וואס מעהר געלד ער האט פון אונז ארויסגעקראגען, אלץ מעהר האט זיך זיין אפעטיט צואוואקסען.. און אין דער צייט וואס איך האב די שאץ־קאמער געבויט, איז מיר ארויפגעקומען זעהר א טרויעריגער געדאנק:

וואס וועלען די אידען טאהן, ווען פרעה וועט ווידער ארויפלייגען א גרויסען צינז אויף אונז מיט דער דראהונג צו פערניכטען אלע אונזערע פארשטעהער און עלטסטע, אדער אונזערע קליינע קינדער. דיעזער געדאנק האט מיר נישט געלאזט רוהען... ביז וואנען מיר איז פלוצלונג איינגעפאלען א פלאן צו צאהלען פרעה'ן די צינזען מיט זיין אייגען גאלד... וועגען דיעזען פלאן האב איך געטראכט טאג און נאכט... און ווען איך האב געהאלטען אין בויען די הינטערסטע וואנט, האב איך אריינגעזעצט א גרויסען שטיין וואס מען האט פון דרויסען געקענט זעהר לייכט ארויסנעהמען ווען מען זאל נאר וויסען דאס געהיימניס... און יעצט מיין זוהן, וועסטו לייכט פערשטעהן ווי אזוי איך האב געהאט די מעגליכקייט צוצושטעלען צו פרעה'ן אזעלכע גרויסע סומען געלט... דורך דער צייט וואס איז בעשטימט געווארן פון פרעה'ן מיר זאלן צו איהם צושטעלען די געפאדערטע סומע געלט, פלעג איך שפעט ביינאכט אוועקגעהן צו דעם פלאץ וואו דער שטיין איז געוועןאיך פלעג זיך גוט ארומקוקען אויב קיינער בעמערקט נישט, און דאן עפעס א דריק טהאן, ביז וואנען דער שטיין איז לייכט ארויסגערוקט געווארען פון פלאץ... דאן פלעג איך אריינגעהן אין שאץ־קאמער און פון דארטען ארויסנעהמען אזוי פיעל גאלד ווי פיעל איך האב נויטהיג געהאט, און נאכהער זעהר פארזיכטיג צוריק אריינגעזעצט דעם שטיין אויף זיין פלאץ און געהן אהיים. אזוי האב איך געטהאן יעדע נאכט, ביז וואנען איך האב צונויפגעזאמעלט די נויטיגע סומע.

— אבער פאטער — האט קרח זיך אפגערופען, אין שאץ־קאמער איז דאך געוויס זעהר פינסטער ווי אזוי האסטו געקענט זעהן צו נעהמען די גאלד?

— איך האב דאס אויך בעווארענט — האט יצהר געענטפערט מיט א שוואכער שטימע — איך האב פרעה'ן געראטהען קיין מאל נישט אריינצוגעהן אין שאץ־קאמער מיט פייער, כדי צו פערמיידען אן אומגליק. און דעריבער האב איך איהם אן עצה געגעבען איינצופאסען אין די וואנט קאסטבארע שטיינער וואס מיט זייער גלאנץ וועלען זיי ווארפען שטראהלען פון ליכט איבער'ן גאנצען צימער. יע מיין זוהן, פון די בליאסקענדע ברילייאנטען איז מעגליך דארט אלעס צו זעהן... אזוי האב איך שוין עטליכע מאל געטהאן און פרעה האט אפילו דאס ניט בעמערקט. געוועהנליך איך האב די געלט ניט גענומען פאר מיין אייגענעם געברויך... איך האב געצאהלט פרעה'ן מיט זיין אייגען גאלד, וואס ער האט דאס אויך פון אונז געקראגען... און גאט וועט מיר געוויס מוחל זיין.... און יעצט, איידער איך געה זיך לייגען מיט מיינע עלטערען, וויל איך דיר איבערגעבען דעם גאנצען סוד דו זאלסט וויסען, אין פאל פון א נויט זיך דאמיט צו בענוצען ווי איך האב דאס געטהאן. אבער איך בעט דיר, קרח, דו זאלסט פון דארטען נישט נעהמען צופיעל גאלד, בלויז אזוי פיעל וויפיעל דו וועסט געברויכען צוריק צו געבען צו פרעה'ן ער זאל זיינע שרעקליכע גזרות ניט דורכפיהרען.

— איך וועל טאהן ווי דו זאגסט מיר, ליעבער פאטער! — איז קרח שוין עטוואס אומגעדולדיג געווארען. ער האט זיך גענומען שרעקען טאמער וועט זיין קראנקער פאטער אויסהויכען זיין נשמה נאך איידער ער וועט ענדיגען איהם איבערגעבען דעם פלאן ווי אזוי צו געפינען דעם שטיין.

— גוט מיין זוהן, איך גלויב אז דו וועסט ערפילען מיין וואונש. און יעצט הער זיך גוט צו וואס איך זאג דיר זאג דיר:

— ווען דו וועסט צוקומען צו דעם הינטערשטען וואנט זאלסטו אפצעהלען פון אונטען צוועלף שטיינער פון רעכטס צו לינקס, און ווען דו וועסט צוקומען צום דרייצעהנטען שטיין, זאלסטו פון אונטען ארויף צעהלען צוויי שטיינער און דער דריטער שטיין איז דער וואס קען זעהר גרינג ארויסגערוקט ווערען פון פלאץ. טאפענדיג מיט דיינע פינגער צווישען דעם צווייטען און דריטען

שטיין וועסטו עפּעס דערפילען אזוי ווי א קליינע קנעפּעל. דאַן זאָלסטו עס גלייך א דריק טהאָן און דער שטיין וועט לויז ווערען. דו וועסט גאַנץ גרינג קענען דעם שטיין ארויסנעהמען און אריינגעהן אינוויינינ. זיי זעהר פאָרזיכטיג ניט צו מאַכען קיין גערויש. דאָרטען וועסטו אָנגעהמען אזוי פיעל גאָלד וויפיעל דו וועסט דאַרפען און דאַן וועסטו ארויסגעהן און צוריק אריינשטעלען דעם שטיין אויף זיין פּלאַץ... ווען דו וועסט טהאָן ווי איך האָב דיר געזאָגט וועט פרעה זיך קיין מאָל נישט כאַפּען. און אויב עס וועט קומען א צייט און דו וועסט זיך נויטהיגען אין זעהר פיעל געלט פאַר אונזער פאָלק, ווייל די אומשטענדען וועלען אזוי פאָדערען, און דו וועסט מורא האָבען אז פרעה וועט זיך כאַפּען אז זיינע אוצרות ווערען וויניגער אנשטאַט מעהר, און כדי אין גאַנצען ארונטערצונעהמען דעם חשד פון דיר און פון אלע אידען, וועל איך דיר נאָך אן עצה געבען.

קרח האָט זיך איבערגעבויגען און נעהנטער צוגעלייגט זיין אויער צו זיין פאָטער'ס מויל.

— דו ווייסט דאָך וואס פאַר א שונא בלעם איז צו אונזער פאָלק, און כמעט די אלע שלעכטע גזרות וואס פרעה מענעפּמאה האָט די לעצטע צייט ארויסגעגעבען אויף אונזערע ברידער איז עס געוועזען דורך זיינע עצות און איינפלוס. און דעריבער איז נישט מעהר ווי רעכט אז מיר זאָלען זיך מיט איהם זוכען אָפּצורעכענען פאַר אלעם וואס ער האָט אונז פאַראורזאַכט.

— אָבער ווי אזוי קענען מיר גאָר טראַכטען פון נקמה אין דער צייט ווען ער איז אזוי חשוב אין פרעה'ס אויגען?

— וועגען דעם טאַקע וויל איך דיר געבען אן עצה — האָט יצהר איהם געענטפערט — דו פאַרשטעהסט ווען פרעה וועט זיך ארומזעהן אז עס פעהלט איהם גאָלד און קאָסטבאַרע שטיינער פון זיין שאַץ־קאַמער, וועט דאָך דער ערשטער חשד פאַלען אויף די וועלכע זיינען גאַנץ נאָהענט צו איהם, ווייל ער ווייסט דאָך אז פאַר א פרעמדען איז אונמעגליך צוצוקומען דאָרטען. און ווי איך ווייס זיינען די איינציגע וועלכע קומען יע אָפטמאָל אריין צו פרעה'ן אין שלאָף־צימער, איז בלעם און דער הויפּט פריעסטער... יעצט אז פרעה וועט זעהן אז עס פעהלט איהם, וועט גלייך דער חשד פאַלען אָדער אויף בלעם'ן אָדער אויף דעם הויפּט פריעסטער, און דעריבער וואָלט איך דיר געראַטהען אז דו זאָלסט פון שאַץ־קאַמער ארויסנעהמען אויך אזעלכע קאָסטבאַרע שטיינער וואס וועט זיין גאַנץ לייכט צו דערקענען און עס אריינטאָהן אין בלעם'ס רשות...

— אָבער ווי אזוי וועל איך קענען צוקומען צו בלעם'ן, ער וואָהנט דאָך אויך אין א פּאַלאַץ און געוויס זיינען פאַראַן גענוג היטער, און דאַן וועל איך דאָך געכאַפּט ווערין און אלעם וועט ענטדעקט ווערען.

— דו וועסט ניט דאַרפען געהן צו איהם דאס אריינצוטהאָן — האָט יצהר איהם געענטפערט — עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט אז בלעם פאַרבלייבט מיט פרעה'ן ביז גאַנץ שפּעט ביינאַכט, זיין קאַרעטע בלייבט שטעהן נעבען די טהויערען פון פּאַלאַץ. נישט איין מאָל האָב איך בעמערקט אז דער טרייבער פון זיינע פערד ווערט איינגעשלאָפען וואַרטענדיג אויף איהם און אין אזא צייט קענסטו זעהר גרינג צוקומען צו בלעם'ס קאַרעטע און מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט אהין אריינטהאָן די קאָסטבאַרע שטיינער און קיינער וועט דיר נישט בעמערקען... דאַן בין איך זיכער אז ווען דער חשד וועט פאַלען אויף בלעם'ן און פרעה וועט איהם לאָזען אונטערזוכען, וועט ער איהם גלייך געפינען שולדיג...

— אָה פאָטער, ווי קלוג און אויסגערעכענט דו ביזט! — האָט קרח אויסגערופען — דאָס וועט זיין זעהר א גרינגער וועג ווי אזוי פּטור צו ווערען פון אונזער גרעסטען שונא.

— געוועהנליך, בלעם וועט פּרובירען לייקענען, און נישט האָבענדיג איהם געכאַפּט פאַר'ן האַנט, וועט ער איהם

נישט קענען פער'משפט'ען צום טויט, אבער ער וועט איהם דערווייל ארונטערזעצען פון זיין גדולה און די אידען וועלען שוין דאן נישט האבען וואס מורא צו האבען און דערצו וועט אויך דער חשד פון דיר ארונטערגעהן... און אויב דו וועסט זיין זעהר פארזיכטיג און וויסען ווי צו האלטען דיין סוד, וועסטו קענען א סך טובות טהאן אונזער פאלק.

— און איך וועל קיינעם דערפון נישט טארען דערצעהלען? — האט קרח זיך אפגערופען. וואס וועט זיין ווען איך וועל זיך נויטיגען אין אימיצען'ס הילף.

— ווען דיינע ברידער נפג און זכרי וועלען אונטערוואקסען וועסטו זיי דאן קענען ענטדעקען דעם סוד און זיי וועלען דיר בעהילפיג זיין, ווען עס וועט זיין נויטיג.

אויך זאלסטו זעהן מקרב צו זיין בצלאל'ן, דעם זוהן פון אורי'ן, ווייל גאט האט איהם געבענשט מיט חכמה און פארשטאנד און ער וועט א סך נוצען קענען ברענגען אונזער פאלק ישראל, ער וויל זיך נישט בעקאנט מאכען צו פרעה'ן ווייל ער האט מורא מען זאל איהם נישט בענוצען צו מאכען קונסט־זאכען פאר די אפגעטער פון מצרים.

יעצט, מיין זוהן, הער זיך צו צו מיינע לעצטע ווערטער... שטענדיג זאלסטו אין זינען האבען די טובה פון אונזער גאנצען פאלק. זאמעל נישט אן פיעלע אוצרות מיט גאלד וואס בעלאנגט ווירקליך צום כלל ישראל. דו זאלסט זיך נישט יאגען נאך כבוד און גדולה, און דו זאלסט נישט מקנא זיין דיין פריינד אויב ער שטעהט העכער פאר דיר... דו זאלסט וויסען זיין, אז יעדער מאן קריגט לויט זיין ווערדע... און אויב דאס פאלק גיט אימיצען אפ כבוד, האט ער דאס פארדינט! דו זאלסט זיך נישט חבר'ן מיט שלעכטע מענשען, און דו זאלסט זיך ניט צוהערען צו די רייד פון די רשעים..

קרח האט די לעצטע רייד פון זיין פאטער נישט געהערט... זיינע געדאנקען האבען גענומען וואנדערען צו פרעה'ס שאץ־קאמער... ער האט גענור־

מען איינחזר'ן אין זיינע מחשבות די צאהל שטיינער וואס ער וועט דארפען צעהלען... איהם האט זיך געדוכט אז ער האט פארגעסען דעם ריכטיגען צאהל און כדי צו זיין זיכער האט ער זיך אפגערופען צו זיין פאטער, וועמענס שטימע איז מיט יעדער רגע שוואכער געווארען, ער זאל ווידערהאלען דעם צאהל שטיינער. ווי איבעראשט און דערשראקען איז קרח געווארען ווען ער האט בעמערקט ווי זיין פאטער איז געבליבען ליגען באוועגלאז אויף זיין בעט...

קרח האט זיך איבערגעבויגען איבער זיין פאטער, ער האט איהם אנגעריהרט ביי זיין האנט... ער האט דערפיהלט אז זיין פאטער'ס האנט איז קאלט... א שוידער איז דורך זיין קערפער, זיין פאטער איז טויט! טרעהרען האבען איהם גענומען שטיקען אין האלדז... ער וויל אויסשרייען און רופען זיין משפחה... אבער ער איז געבליבען שטעהן... זיין שרעק איז נאך גרעסער געווארען ווען ער האט א טראכט געטהאן אז פיליכט האט ער פערגעסען ווי צו צוקומען צו דער שאץ־קאמער... און אנשטאט גלייך צו רופען זיין מוטער און ברידער, איז ער געשטאנען פערזונקען אין זיינע געדאנקען, זוכענדיג זיך צו דערמאהנען דעם צאהל שטיינער דער פאטער האט איהם געהייסען איבערצעהלען... דוכט זיך צוועלף שטיינער... יע, ער איז זיכער אז צוועלף שטיינער... אבער ער געדענקט נישט אויף זיכער, אויב עס איז פון לינקס צו רעכטס אדער פון רעכטס צו לינקס... דאס געדענקט ער יע, אז ווען ער וועט צוקומען צום דרייצענטען שטיין, דארף ער אפצעהלען פון אונטען ארויף צוויי שטיינער און צווישען צווייטען און דריטען שטיין געפינט זיך עפעס אזא זאך וואס ער דארף א דריק טהאן... אבער פון וועלכער זייט זאל ער אנפאנגען זיי צעהלען... זיין פאטער איז שוין טויט און ער געדענקט נישט... א היבשע ווילע איז ער אזוי געשטאנען נעבען זיין פאטער... און אין זיינע געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט: ״פון רעכטס צו לינקס... פון לינקס צו רעכטס.

צוועלף שטיינער... באלד אָבער איז ער צו זיך געקומען... ער האָט גאָר נישט וואָס צו זאָרגען... ווי באלד ער ווייס גענוי דעם צאָהל, וועט ער פריהער פרובירען צעהלען פון לינקס צו רעכטס, און ווען עס וועט נישט זיין גוט, וועט ער דאַן צעהלען פון רעכטס צו לינקס... ער האָט יעצט ערשט זיך ארומגעזעהן, אז זיין פאָטער איז טויט. ער האָט גלייך אויסגעבראָכען אין א געוויין... זיין מוטער און צוויי ברידער זיינען שנעל אריינגעלאָפען אין צימער און דער יאָמער איז גרויס געוואָרען...

באלד האָבען זיך אלע אידען פון גושן דערוואוסט וועגען זייער גרויסען פערלוסט... און יעדער ווער עס האָט נאָר געקענט איז געקומען צו יצהר'ס הויז און האָבען בעוויינט זיין טויט. עמרם, יוכבד, מרים און אהרן זיינען אריין אינוועניג און האָבען מיט צו־וועהטאָגטע הערצער בעקלאָגט דעם טויט פון יצהר'ן.

לאַנג איז אזא לויה נישט געזעהן געוואָרען אין גשן. פון קליין ביז גרויס איז מען געקומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד צו יצהר'ן, וועלכער האָט אלע אידען נישט איינמאָל פון פרעה'ס א שלעכטע גזרה געראטעוועט... די בעגלייטער פון ארון זיינען געווען אלע פאָרשטעהער פון די אידען... פון הינטען האָט מען אויך געקענט בעמערקען די צוויי ברידער דתן און אבירם, וועלכע זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון די איבעריגע. זיי האָבען צווישען זיך שטילערהייט גערעדט און פון צייט צו צייט געוואָרפען זייערע בליקען אויף קרח'ן און אויף אהר'ן וועלכע זיינען געווען פון די נושאי המטה...

— אויב מיר וועלען וויסען ווי אזוי צו פערשטארקען אונזער פריינדשאפט מיט איהם — האָט זיך דתן אָפּגערופען צו אבירם אין דער שטיל, וועלען מיר קענען זעהר פיעל געניסען, ווייל פאַרגעס נישט אז ער איז דער בכור און איהם האָט דער פאָטער איבערגעגעבען די פיהרונג פון הויז...

— און וואָס איז מכח דער געהיימניס וואָס יצחר האָט איהם פערשפראָכען צו ענטדעקען... אויב מיר וועלען וויסען ווי אזוי צו האנדלען, וועט לאנג נישט דויערען און מיר וועלען קענען ווידער אמאָל רייך ווערען — האָט אבירם געזאָגט — קרח וואַרט מיר זאָלען איהם קומען צו הילף ער זאָל קענען אריינקריגען אלישבע'ן.

—יעצט גלויב איך, וועט פאַר אונז זיין א סך גרינגער עס צו טהאָן, מיר וועלען בלויז דאַרפען זעהן ער זאָל אין אונז האָבען פולען צוטרויען... — האָט דתן זיך אָפּגערופען.

— פאַר וואָס גלויבסטו אז יעצט, נאָך זיין פאָטער'ס טויט וועט פאַר אונז גרינגער זיין? — האָט אבירם איהם געפרעגט.

— ווייל פון יעצט אָן וועלען אלע אידען, אין פאַל פון נויט, מוזען אָנקומען צו קרח'ן... און דאָס וועט איהם דערהויבען אויך אין די אויגען פון אלישבע'ן... די איינציגע זאַך וואָס מיר וועלען דערווייל מוזען טהאָן, איז צו זעהן אז די חתונה צווישען אהרן און אלישבע'ן זאָל אָפּגעלעגט ווערען דערווייל אויף אן אומבאשטימטער צייט, די איבעריגע וועט שוין נישט אָנקומען גאַנץ שווער.

— אָבער דערווייל האָבען מיר נאָך נישט אויסגעאַרבייט קיין באשטימטען פּלאַן, און ווען קרח וואָלט צו אונז געקומען נאָך אן ענטפער, וואָלטען מיר נאָך גאָרנישט געהאט קיין עצה פאר איהם! — האָט אבירם זיך אָפּגערופען.

— דערפאַר דאַרפען מיר זיין שטאַרק צופרידען, וואָס זיין פאָטער איז געשטאָרבען אין דער ריכטיגער צייט! — האָט דתן זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל — דאָס איז פאַר אונז ווי געוואונשען — מיר וועלי'ן דורך דעם מעהר צייט געווינען... קרח וועט צו אונז נישט אזוי שנעל קומען...

— אָבער דערווייל קען דאָך געמאָלט זיין אז אהרן זאָל דורך דער צייט חתונה האָבען מיט אלישבען — האָט אבירם מיט זאָרג געזאָגט.

דתן האָט א קנייטש געטהאָן זיין

שטערען... דיזע מעגליכקייט האט איהם אויך א ווייליע בעאומרוהיגט... באלד אבער האט ער אויסגערופען מיט א פרעהליכער מינע.

— דאס איז שוין אויך פון זיך אליין בעוואָרענט געוואָרען; אהרן וועט יעצט נישט אזוי שנעל חתונה האבען, אמווייניגסטען נישט פריהער ווי צוועלף מאנאטען!

— פון וואנען ביזטו עס אזוי זיכער, מיין ברודער?

— וואס פערשטעהסטו נישט, אבירם? — האט דתן זיך אפגערופען — יצהר איז דאך געוועזן עמרם'ס ברודער, און ער וועט דאך טרויערען נאך זיין ברודער פאר צוועלף מאנאטען... און דורך דער צייט פון זיין טרויער וועט דאך אהרן נישט הייראטען...

— דו ביזט גערעכט, דתן! וועגען דעם האב איך גארנישט געטראַרט... און איך בין זיכער אז דאס וועט אויך קרח'ן בערוהיגען דערווייל. און אין דערזעלבער צייט וועלען מיר נאכטראַכטען פון א גוטען מיטעל ווי אזוי אין גאנצען אלישבע'ן אפצופרעמדען פון אהרן'ן.

— איך צווייפעל אויב מיר וועלען עפעס קענען טהאָן, אהן געלט — האט דתן געזאגט, און דעריבער טאקע וועל איך מיט קרח'ן ריידען גאנץ אָפען, אויב ער וויל מיר זאלען האבען די מעגליכקייט דורכצופיהרען אונזער פלאן, וועט ער מוזען זעהן אז אונז זאל קיין געלט נישט פעהלען...

— עס איז נאך צו פריה וועגען דעם אין גאנצען צו ריידען — האט אבירם געזאגט, מיר וועלען דארפען ווארטען ביז וואנען קרח וועט צו אונז קומען און דאן וועלען מיר מיט איהם פון אלעם ריידען...

— גיב נאר א קוק, דתן, ווער עס שטעהט נעבען אהרן'ען — האט אבירם פלוצלונג אויסגערופען.

דתן האט אנגעשטרענגט זיינע אויגען און האט זיך אפגערופען:

— יע, איך זעה בצלאל'ן דעם זוהן פון אורי'ן פון דעם שבט יהודה.

— און איך האב גארנישט געוואוסט אז ער איז געוועזן אזוי בעפריינדעט מיט יצהר'ן — האט אבירם געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— מען זאגט אויף בצלאל'ן אז ער איז א גרויסער קינסטלער און נישט איינמאל האט ער יצהר'ן ארויסגעהאלפען, ווען די געביידעס וואס ער האט געבויט, האבען זיך גענויטיגט אין בעפוצונגען...

— און מיר וואונדערט זיך וואס קרח האט קיינמאל וועגען איהם נישט גערעדט — האט אבירם געזאגט.

— און מיט מיר האט ער יע גערעדט וועגען בצלאל'ן — האט דתן געזאגט — ער האט מיר איינמאל דערצעהלט אז ווען פרעה וואלט געוואוסט וואס פאר א גרויסער קינסטלער בצלאל איז וואלט ער איהם זיכער צוגענומען צו זיך אין פאלאץ און בעפוילען צו מאכען קינסטלערישע זאכען פאר דעם טעמפעל פון אזירים, און דעריבער, איז בצלאל זעהר בעשיידען און דערלאזט נישט אז מען זאל זיך פון איהם דערוויסען...

— דאס איז טאקע גוט צו וויסען! — האט אבירם זיך אפגערופען מיט א שמייכעל, עס קען אלעם פאר אונז צו־נוץ קומען, צו פערווירקליכען דעם פלאן וועגען שטערען אהרן'ען...

— איך זעה נישט איין וואס בצלאל וועט האבען צו טהאָן דערמיט! — האט דתן איהם אנגעקוקט מיט פערשטוינונג...

— דו מיינסט אז דו ביזט דער איינציגער קלוגער — האט אבירם געשמייכעלט... און יעצט וועסטו זעהן אז אויך איך האב גענוג שכל...

— איך פערשטעה נאך אלץ נישט צו וואס דו ציעלסט מיט דיינע ווערטער?

— האט דתן זיך אפגערופען — בצלאל איז זעהר אן עהרליכער און בעשיידענער יונגערמאן, און ער וועט זיכער נישט וועלען זיך פערבינדען מיט אונז און קרח'ן...

— וואס מיינסטו אז איך בין אזא נאר, דאס איך וועל דערלויבען אנצו־

פערטרויען אונזער סוד צו בצלאל'ן?

— האט אבירם געלאכט — אבער עס איז גוט צו וויסען אז בצלאל איז אזא קינסטלער און אז פרעה זאל זיך דערפון דערוויסען, וועט ער איהם קענען געברויכען....

— אבער וואס פאר א שייכות, וועט דאס האבען מיט קרח'ן און אלישבע'ן— האט דתן געפרעגט מיט ערשטוינונג — דו ביזט קורצזיכטיג, מיין ברודער, דעריבער קענסטו די זאך נישט ריכטיג בעגרייפען... אבער איך קען זעהן גאנץ ווייט... געוועהנליך ווילען מיר פריהער דארפען זיין זיכער אויב קרח וועט קענען קריגען אזוי פיעל געלט ווי זיין פאטער, אין דער צייט פון נויט... און ווען דאס וועט זיין מעגליך פאר איהם צו טהאן, דאן וועט שוין נישט זיין צו שווער צו זעהן אז פרעה זאל געפינען א סיבה, ארויפצולייגען אויף די אידען ווידער א שווערען צינז, און קרח זאל זיין דער יעניגער וואס וועט בריינגען א ישועה צו די אידען...

— עפעס רעדסטו מיר אזוי אומפערשטענדליך אבירם! — האט דתן אויסגערופען — וואס וועט בצלאל האבען צו טהאן דערמיט, אפילו ווען קרח זאל האבען גענוג געלט, אזוי ווי זיין פאטער און ער וועט קענען העלפען די אידען...

אבירם האט זיך גוט ארומגעקוקט אויב קיינער הערט זיך נישט צו זייער געשפרעך און דערנאך האט ער אריינגעשושקעט זיין ברודער אין אויער:

— וואס מיר ווילען דאן דארפען טהאן איז צו זעהן אז פרעה זאל זיך דערוויסען פון בצלאל'ס טאלאנט, און דאן וועט ער דאך איהם געוויס שיקען רופען ער זאל פאר איהם מאכען קינסטלערישע זאכען פאר זיין פאלאץ, און שפעטער צו, ווען פרעה וועט זעהן, אז ער איז טאקע א גרויסער קינסטלער, וועט ער איהם שוין אין איין וועג עפעס הייסען מאכען פאר דעם טעמפעל פון אזירים... בצלאל, לויט דיינע רייד, וועט געוויס אזא זאך נישט ווילען טהאן, ווי יצהר האט עס נישט געוואלט טהאן.

— און דאן?!

— און דאן וועט פרעה האבען אן אויסרייד ארויפצולייגען א שטראף אויף אלע אידען . . . קרח וועט זיין דער איינציגער וועלכער וועט עפעס קאנען טהאן, און דאן ווילען אלע זיך צו איהם ווענדען, און דורך דעם וועט ער שטייגען אין די אויגען פון אלישבע'ן . . . זי וועט זיך ארומזעהען אז קרח קען א סך מעהר אויפטאן פאר די אידען ווי אהרן . . . און דאס וועט מאכען ער זאל איהר הארץ געווינען.

— איך מוז צוגעבען אבירם אז דו רעדסט מיט שכל — האט דתן גאנע רופען — דער פלאן געפעלט מיר גאנץ גוט, איך צווייפעל ניט אז בצלאל וועט זיין אזוי איינגעשפארט ווי יצהר און וועט גאר נישט ווילען טהאן פאר די אפגעטער פון מצרים . . . דאך אבער וואלט איך ניט וואלט געהן ווידער מסר'ן פרעה'ן . . . עס קאן מעגליך זיין, אז די אידען זאלען זיך דערפון דערוויסען און זייער צארן וועט זיך אויף אונז פארגרעסערען.

— אויב קרח וועט דערצו צושטימען, האבען מיר ניט וואס מורא צו האבען . . . ווייל פאר איהם ווילען דאך אלע יעצט מורא האבען און א חוץ דעם האב איך דיר געזאגט, אז דאס וועט געטהאן ווערען נור דאן אויב מיר ווילען זיכער זיין אז קרח קאן באקומען אזוי פיעל אוצרות ווי זיין פאטער, און מיר ווילען זיך לאזען גיט באצאהלען דערפאר . . .

— דאך איידער מיר געהן טהאן אזא זאך, דארפען מיר זיך איבערצייגען אז בצלאל וועט ניט ווילען טהאן קיין ארבייט פאר דעם טעמפעל אזירים. און ערשט דאן פריהער אוועקגעהן צום הויפט פריעסטער און איהם זאגען וואס פאר א גרויסען קינסטלער מיר פארמאגען, און ווען ער זאל נאר ווילען וועט ער קענען ווירקען אויף פרעה'ן אז בצלאל זאל מאכען שעהנע באפוצונגען פאר דעם טעמפעל . . . און דער פריעסטער אומן וועט שוין ריידען מיט פרעה'ן. דאס וועט אין

גאנצען פון אונז ארונטער נעהמען דעם חשד !

אזוי האָבען די צוויי ברידער דתן און אבירם גערעדט אין דער צייט ווען זיי זיינען אויך מיטגעגאנגען צו באגלייטען יצהר'ן צו זיין אייביגער רוה.

10טער קאפיטעל
קרח ווערט רייך

מיט גרויס אומגעדולד האָט קרח זיך קוים דערוואַרט אז די זיבען טעג זאָלען פאריבער געהן. ער זאָל שוין קאָנען פארלאָזען זיין הויז. איהם האָט געצויגען אהין, צו דער געהיימניספולער שאץ־קאמער.

די וואָך פון שבעה זיינען פילע בעקאנטע און פריינד געקומען איהם מנחם אבל זיין, צווישען זיי זיינען אויך געווען נחשון און זיין שוועסטער אלישבע . . . קרח האָט איהר באטראכט און אין זיינע אויגען איז זי יעצט נאָך שעהנער געווען . . . און אומעט האָט איהם ארומגענומען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אז אלישבע האָט איהם אין גאנצען ענטזאגט און אז אהרן וועט איהר קריגען . . . ער האָט זיך דערמאָנט אז זיינע צוויי פריינד דתן און אברים וועלען איהם צו הילף קומען, אבער דערווייל איז זיין פאָטער געשטאָרבען און ער ווייס ניט וואס פאר אן עצה זיי האָבען און ווען דאָס זאָל אפגעלעגט ווערען וועט שוין פיעלייכט ווערען צו שפעט . . . ער ווייס אז דתן און אבירם וועלען צו איהם ניט קומען . . . זיי פארשטעהען אז דאָס וואָלט איהם זעהר פיעל געשאדט, דאָך אבער האָט איהם זיין הארץ געקלאפט . . . ער האָט געהאפט אז זיי וועלען איהם זיכער קאָנען העלפען . . .

— זעהר א גרויסען פארלוסט האָב איך ערליטען ! — האָט זיך קרח אפגערופען צו נחשון און אלישבע'ן, זובענדיג צו קריגען סימפאטיע פון איהר

— מיין פאָטער איז ביי מיר געווען טייערער פון מיין אייגען לעבען.

— יע, — האָט אלישבע געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען — ניט קיין קלענערער פארלוסט איז זיין טויט פאר אלע אידען . . . ער האָט ניט איינמאָל געבראכט ישועות פאר גאנץ ישראל . . . און ווי דאנקבאר מיר זיינען איהם געווען ווען ער האָט אונזער פאָטער פון געפענגעניס בעפרייט.

— ער איז געווען אזא ליעבעסווירדיגער און גאטספארכטיגער איד ! — האָט נחשון געזאָגט — ער האָט ניט איינמאָל זיין לעבען איינגעשטעלט פאר גאָט און פאר זיינע ברידער.

— אין זיין צוואה פאר זיין טויט, האָט ער פון מיר פארלאנגט אז איך זאָל געהן אין זיינע פוס־טריט און זעהען צו האָבען אין זינען בלויז די טובה פון אונזער פאָלק . . . יע, געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט באוויזען פאר זיין טויט מיר צו ענטדעקען די געהיימנים וואס וועט פאר מיר מעגליך מאכען צו העלפען מיינע ברידער אין פאל פון א נויטה ! . . .

— דו ווייסט יעצט די גאנצע געהיימנים ! — האָט נחשון אויף איהם אנגעשטעלט נייגעריגע אויגען. — אה, ווי גליקליך דו דארפסט זיך שעצען ווען דו ווייסט אז דו האָסט די מעגליכקייט צו העלפען דיינע ברידער . . . דו ביזט דער איינציגער וועלכער ווייס דערפון.

— געוויס בין איך דער איינציגער!
— האָט קרח אויסגערופען מיט שטאָלץ
— איך האָב א שבועה צו מיין פאטער אויף זיין טויטען בעט געגעבען אז איך וועל דעם סוד קיינעם ניט ענטדעקען... די איינציגע וואָס וועט אמאָל האָבען א געלעגענהייט צו וויסען פון דיעזער געהיימנים, איז די וועלכע וועט מיין פרוי ווערען . . . דערצו האָב איך געקראָגען פון מיין פאָטער ערלויבנים . . יע, איך וועל ניט האָבען קיינע סודות פון מיין אייגענער פרוי... דאָס וואס איך גלויב, אז צווישען מאן און פרוי טאָרען קיינע סודות ניט זיין, סיידען די פרוי איז אזא וואס קאָן איבערדערצעהלען אנדערע. יע, אזא פרוי וואס קען א סוד ניט האלטען, איז א סך בעסער ווען זיי ווייס וואס ווינצי־

גער. אבער איך האָף, אז די פרוי מיט וועלכער איך וועל הייראטען, וועט זיין איינע מיט וועלכער איך וועל זיך קענען טיילען אלע סודות פון מיין לעבען . . .

—לאָמיר האָפען, אז דיין וואונש וועט ערפילט ווערען ! — האָט נחשון געזאָגט — און אין דיין חלק וועט ארייגפאלען א פרוי וועלכע זאָל זיין ווירדיג צו טיילען זיך מיט דיר די הייליגע פליכטען, וואס וועט מעגליך, דורך דער צייט, ארויפגעלעגט ווערען אויף דיר.

— איך בין זיכער אז וועגען דעם וועט קרח קיין זאָרג ניט האָבען — האָט אלישבע געזאָגט מיט א לייכטען שמייכעל — ניט איין מיידעל וואלט זיך גליקליך געשעצט צו ווערען דיין פרוי, בפרט יעצט, ווען זיין פאטער האָט איהם איבערגעגעבען אלעם . . .

קרח האָט זיך געפילט עטוואס ערמוטיגט, הערענדיג אזעלכע רייד פון אלישבע'ן.

— עס זיינען פאראן מענשען — האָט ער זיך אפגערופען ניט ארונטערנעהמענדיג זיינע אויגען פון איהר — וואס זיי קענען ריידען זעהר פיעל אבער ווען עס קומט צו טהאָן עפעס ממש'דיגעס, זעהט מען זיי ניט און מען הערט פון זיי ניט . . . זיי בלייבען בלויז ביים ריידען . . . איך זעה ניט איין וואס פאר א נוצען אזעלכע מענשען קענען ברייננען זייער פאלק... מיר קומט אוים אז זיי זיינען גאָר שעדליך . . . ווייל זיי ברייננען דערצו אז מען זאָל פון זיי ערווארטען און דערנאָך קומט די גרויסע ענטוישונג... אָט דאָ ניט לאנג צוריק, האָט אימיצער פרובירט איינריידען די אידען אז זיי וועלען קענען פון זיך ארונטערווארפען דעם יאָך פון מצרים, אויב זיי וועלען זיין פאראייניגט און האָבען דעם פארלאנג צו ווערען פריי . . . פיעלע האָבען איהם געגלויבט און וואס זיינען געווען די פאלגונגען ? די אידישע צרות זיינען פארמעהרט געווארען. פרעה האָט נאָך מעהר גענומען אונז דריקען . . . יע, אזוי איז דאָס ! פון ווערטער אָהן מעשים קען מען קיין גוטעס ניט ערווארטען . . . און דאָריבער האָב איך פיינט צו ריידען א סך ! איך זעה צו טהאָן ! ווען איך האָב געזעהען אז מיין פעטער עמרם און אייער פאָטער עמינדב זיינען ארעסטירט געווארען און פרעה האָט פערלאנגט אזא גרויסע סומע געלט . . . האָב איך קיין ווארט ניט גערעדט . . . איך האָב זיך געטראכט אז יעצט איז געקומען די צייט אויסצונוצען אונזער פריינדשאפט מיט דעם ארכיטעקט הרהור'ן . . . און ניט זאָגענדיג קיין וואָרט צו קיינעם בין איך צו איהם אוועק . . . און די איבעריגע ווייסט איהר דאָך . . . יע, איך שווייג און טוה און די וועלכע ריידען און שטורמען, טוען בלויז שאדען !

אלישבע האָט פארשטאנען אויף וועמען קרח ציעלט מיט זיינע ווערטער . . . אבער זי האָט איהם ניט געענטפערט . . . און ווען זי איז מיט איהר ברודער ארויסגעגאנגען פון קרח'ס הויז האָט זי זיך צו איהם אפגערופען :

— ווען קרח זאָל וויסען ווי לעכערליך ער מאכט זיך מיט זיינע רייד, וואָלט ער אזוי פיעל נארישקייטען ניט גערעדט ! ער גלויבט אז דאָס וואס ער מאכט א פארזוך צו ערנידעריגען אהרן'ען אין מיינע אויגען, וועט ער ביי מיר שטייגען ! ער מיינט אז איך גלויב יעדען ווארט וואס ער זאָגט . . . זיין פאָטער האָט פיעל גוטעס געטאָן צו אונז אלעמען און ער, קרח, זוכט צו קריגען לויב גרזאנגען. ער וויל אלעמען איינריידען, אז ער האָט עס אלעם פאראורזאכט . . . און מיין הארץ זאָגט מיר, אז קרח וועט נאָך אמאָל פאראורזאכען זעהר פיעל אונאנגענעהמעס צו אונזער פאָלק . . . פון אלעם וואס ער טהוט זוכט ער נאָר זיין אייגען נוץ . . .

— מיר טאָרען דאָך אבער ניט פארלייקענען ! — האָט נחשון צו איהר געזאָגט — אז אין קרח'ס הענט וועט

ליגען די מעגליכקייט, צו קומען צו הילף אונזערע ברידער ווען זיי וועלען זיך אין דעם נויטיגען...

— און איך לייג ניט קיין צופיעל געוויכט אויף זיין גוטהערציגקייט — האָט אלישבע געזאָגט — לויט ווי איך זעה איהם, האָט ער א פארהארטעוועטע הארץ, און ער וועט נאָר דאן וועלען אויפטהאָן, ווען ער וועט זיכער זיין אז ער וועט דערפון פריהער געניסען . . .

— דו טאָרסט איהם ניט אורטיילען לויט דיינע געפיהלען, מיין שוועסטער,

— איך ווייס אז דו טראָגסט אויף איהם א שנאה, ווייל ער האָט געזוכט צו ערנידעריגען אהרן'ען אין דיינע אויגען . . . אבער נאָך אלעמען קענסטו דאָך איהם אינגאנצען ניט באשולדיגען! ער האָט דיך זעהר ליעב, און ווען ער זעהט אז אהרן האָט דיין הארץ געוואונען, איז עס נאטירליך אז ער זאָל זיין אויף איהם אין כעס . . .

—און אויב ער איז אויף איהם אין כעס, דארף ער האָבען גענוג שכל און וויסען אז אזעלכע רייד, וועלען ניט ברייננען די געווינשטע רעזולטאטען... און ער האלט זיך דאָך פאר זעהר א קלוגען!

— ווען מען איז פארליעבט, פארלירט מען דעם פארשטאנד — האָט נחשון געלאכט — דו מוזט צוגעבען אז קרח איז גאנץ ווייט פון צו זיין א נאר . . . אמת, זיין הארץ איז ניט אזוי גוט ווי זיין פאטער'ס, אבער דאָך פיהלט ער מיט די אידישע צרות . . .

— ווען ער וואלט געווען אזוי ווי דו שטעלסט זיך פאָר, מיין ברודער, וואָלט ער זיך ניט גע'חבר'ט מיט אזעלכע פריינד ווי דתן און אבירם . . . מיר האָט מען איבערגעגעבען אז א קורצע צייט פאר זיין פאָטער'ס טויט איז ער געזעהען געווארען אין דעם געגענד וואו דתן און אבירם'ס הויז געפינט זיך!

— ווי אזוי איז דאָס מעגליך! — האָט נחשון א קוועטשט געטאָן מיט די פלייצעס — ער האָט דאָך מיר געזאָגט אז ער האָט מיט זיי אינגאנצען אָבגעבראָכען . . .

— דו נעהמסט איהם צו ערנסט, נחשון! — איך האָב קיינמאָל ניט געהאט צופיעל צוטרוי צו איהם און צו אלע זיינע פארשפרעכונגען . . . און אפילו מרים, וועלכע איז זיינע א קוזינע, האָט אויך קיין בעסערען מיינונג וועגען קרח'ן.

— מיר וועלען דארפען ווארטען און זעהן וואָס קרח וועט אויפטאָן פאר אונזער פאָלק! — האָט נחשון געזאָגט.

אויף דעם אכטען טאָג נאָך זיין פאָטער'ס טויט, האָט שוין קרח געפלאנעוועט צו געהן צו דעם געהיימניספולען פלאץ פון פרעה'ס שאץ־קאמער. ער האָט קוים דערווארט עס זאָל ווערען נאכט, און ווען זיין מוטער און זיינע ברידער זיינען געווען פארזונקען אין טיעפען שלאָף, איז ער אוועקגעגאנגען נאָך טהיבען, וואו פרעה'ס פאלאץ איז געווען...

א היבשע ווײלע איז קרח ארומגעגאנגען אין יענעם שטילען פלאץ וואו די הינטערסטע וואנט פון שאץ־קאמער האָט זיך געפונען. אין זיין האנט האָט ער געהאלטען אָנגעגרייט א זאק, ער זאָל האָבען וואו עס אריינצולייגען... אין דעם גאנצען געגענד האָט געהערשט א שטילקייט, אויסער וואָס פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט דאָס גרילצען פון א גריל. פון ווייטען האָט אין דער שטילקייט אָפגעהילכט דאָס בילען פון א הונט.

קרח האָט זיך שטילערהייט צוגעשארט צום וואנט. ער האָט דורך דער מאטער ליכט פון דער לבנה געקענט גוט בעמערקען די אונגעהויער דיקע וואנט, וואָס איז געבויט געוואָרען פון גרויסע געהאקטע שטיינער. ער האָט זיך נאָך אמאָל גוט ארומגעקוקט און צוגעהערט שטעהענדיג באוועגלאָז אויף איין פלאץ. דערנאָך איז ער גאנץ נאָהענט צוגעגאנגען צום וואנט און ער האָט אָפגעצעהלט פון אונטען ארויף צוויי שטיינער און נאכהער האָט ער פון רעכטס צו לינקס אָפגעצעהלט צוועלף שטיינער; ער האָט גענומען זוכען און טאפען ארום

דעם דרייצעהנטען שטיין, אבער ער האט גאר נישט באמערקט. ער איז גלייך אריבער צום צווייטען ברעג פון וואנט און האט פון ל נקם צו רעכטס גענומען צעהלען די זעלבע צאהל שטיינער... באלד האט ער דארט עפעס דערטאפט און אויגענבליקליך האט ער א דריק געטאן די זאך וואס האט ער האט דערפילט, און דער שטיין האט זיך גענומען ארויסרוקען פון זיין פלאץ. ער האט זיך זעהר געוואונדערט ווי גרינג עס איז איהם אנגעקומען צו ארויסנעהמען דעם שטיין. מיט ציטערנדע הענט און פיס און מיט א קלאפענדע הארץ איז ער אריין אינעווייניג, אין שאץ־קאמער. באלד האט פאר זיינע אויגען א בליאסקע געטאן די שיינענדע קאסטבארע שטיינער און די גאלד. ער האט זיך גענומען ארומקוקען פון אלע זייטען, און האט זיך פון גרויס בעוואונדערונג נישט געקענט ריהרען פון ארט, אט באמערקט ער אין א ווינקעל א בארג מיט גאלדענע מטבעות. זיין הארץ נעהמט פלאטערען... אזוי פיעל גאלד האט ער נאך אין זיין גאנצען לעבען נישט געזעהן. נאכהער האבען זיינע אויגען גענומען וואנדערען אויף די פיעלע בריליאנטען און די אנדערע וואונדערבארע ציערונג... ער האט נישט געוואוסט צו וואס פריהער זיך צו כאפען. באלד אבער האט ער זיך באטראכט, אז גלייך צו נעהמען קאסטבארע שטיינער אדער ציערונג טויג נישט. עס שטעקט אין דעם א צו גרויס געפאהר. ווער עס איז וועט נאך פיליכט דערקענען און דאן איז ער א פערלארענער. ער איז דעריבער גלייך צוגעגאנגען צו דעם פלאץ וואו די גאלדענע מטבעות זיינען געלעגען, און אנגעפילט דעם זאק אויף אזוי פיעל, אז עס זאל איהם נישט זיין צו שווער דאס צו טראגען... נאכהער האט ער אפגעווישט די שפורען פון זיינע פוס טריט ביז ער איז צוגעקומען צו דער עפענונג. ער האט ארונטערגעלאזען פריהער די גאלד און נאכהער איז ער אליין שנעל ארויסגעגאנגען... ער האט דעם שטיין צוריק געשטעלט אין זיין פלאץ, און נאכדעם ווי ער האט גוט באטראכט און זיך איבערצייגט, אז עס איז גאר נישט צו דערקענען, האט ער אויפגעהויבען דעם זעקעל גאלדענע מטבעות און מיט שנעלע טריט געגאנגען אהיים. ווען ער איז אנגעקומען אין גשן און איז צוגעקומען צו זיין היים, האט ער נאך אלעמען געפונען שלאפענדיג. ער איז מיט שטילע טריט אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער, און אויסשיטענדיג דעם זעקעל גאלד אויף זיין בעטעל האט ער אנגעפאנגען צו צעהלען די מטבעות. לאנג האט ער זיי געצעהלט. עס איז געווען אזוי פיעל, אז זיינע אויגען האבען זיך נישט געקענט אנזעטיגען. ער האט געהאט גרויס פערגעניגען אין צעהלען און דעריבער האט ער מעהרערע מאל איבערגעצעהלט. נאכדעם האט ער די גאלד צוריק אריינגעלעגט אין זעקעל, און ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען און האט עס בעגראבען הינטער דעם הויז אין אזא פלאץ אז קיינער זאל עס נישט געפינען.

ווען קרח איז געלעגען אויף זיין געלעגער, האט ער נישט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען זיין גאלד וואס ער האט נאר וואס אריינגערקאגען... יע, ער וועט שוין נישט זיין אזוי נאריש ווי זיין פאטער און אפגעבען אזוי פיעל גאלד צו העלפען די ברידער... ניין, ער וועט אזוי נישט טאן! קיינער וועט גאר נישט וויסען, אז ער פערמאגט אזוי פיעל רייכטום... באלד אבער איז איהם אויף דעם זינען געקומען זיין פאטערס צוואה. וועט ער דען קענען פערהאלטען אלעס פאר זיך... און וואס וועט זיין אין פאל פון א נויט? ווען ער זאל ענטפערען זיינע ברידער אז ער האט נישט געקראגען די גאלד וועגען וואס דער פאטער האט איהם געזאלט ענטדעקען די געהיימניס, וואס וועט אלישבע זאגען? ער איז דאך געווען אזוי שטאלץ ווען ער האט איהר געזאגט, אז אין זיינע הענט וועט זיין די מאכט צו העלפען

גאנץ ישראל... ניין, ער וועט מוזען אלעמען צייגען, אז ער קען העלפען זיינע ברידער, אבער נישט מיט די ערשטע גאלד וואס ער האט געקראגען. דאס וועט ער פערהאלטען פאר זיך... ער וועט געהן אהין נאך אמאל און פון די גאלד וואס ער וועט קריגען צום צווייטען און דריטען מאל, וועט ער האבען די מעגליכקייט צו העלפען זיינע ברידער, אין א פאל פון נויט. זיינע געדאנקען האבען ווידער גענומען וואנדערען אויף דער וואונדער שעהנע אלישבע'ן. יעצט, אז ער איז מיט אמאל רייך געווארען, וועט זי שוין אויך אנדערש קוקען אויף איהם, האט ער זיך געטראכט—ווער איז דאס אהרן און וואס פערמאגט ער? יע, זי וועט זיך ארומזעהן, אז ער, קרח, איז וויכטיגער פון איהם... עס זאל נאר ניט זיין צו שפעט... זי זאל דערווייל, איידער ער וועט זיך ארומזעהן, נישט חתונה האבען מיט אהרנ'ען... דיזער געדאנק האט איהם ווידער אנגעפאנגען צו בעאומרוהיגען... דאס וועט נישט טארען דערלאזט ווערען. ער האט זיך דערמאנט אן דתן און אבירם'ן אז זיי האבען איהם פערשפראכען אין דעם בעהילפיג צו זיין... ער האט געזאלט צו זיי קומען אין עטליכע טעג, אבער דא איז פלוצלונג זיין פאטער קראנק געווארען און געשטארבען. דאך טאר ער דאס אויף ווייטער נישט אפלעגען. ער וועט מוזען נאך מארגען צו זיי אריבערגעהן און הערען וואס פאר אן עצה זיי וועלען איהם געבען... ער טאר די זאך נישט פערנאכלעסיגען.

מיט אזעלכע געדאנקען איז קרח איינגעשלאפען.

אויף מארגען ווי נאר עס איז טונקעל געווארען, איז קרח אוועק צו זיינע פריינד דתן און אבירם.

זיי זיינען געוועזען זעהר צופרידען איהם צו זעהן.

— נו, מיינע פריינד! — האט קרח זיי גלייך געפרעגט — האט איהר שוין אויסגעארבייט א פלאן ווי אזוי צו פערמיידען אז אהרן זאל חתונה האבען מיט אלישבע'ן!

— מיר האבען זעהר א גוטען פלאן! —האט דתן זיך אפגערופען — אבער דערצו וועסטו דארפען האבען א סך געלט.

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף קרח'ס ליפען.

— ווען דאס וואלט געווען דער איינציגער אפהאלט, וואלט איך שוין נישט געווען אזוי שטארק בעזארגט.

— דו האסט גאר נישט וואס צו זארגען, מיין פריינד — האט אבירם זיך צו איהם אפגערופען — אלישבע וועט געהערען צו דיר!

— איז דאס מעגליך! — האבען זיינע אויגען אויפגעלויכטען — איהר האט שוין א גוטען פלאן, שנעלער, זאגט מיר וואס דאס איז!

— איידער מיר געהען דיר זאגען וועגען אונזער פלאן, וועלען מיר דארפען וויסען, אויב דו וועסט קענען קריגען אזוי פיעל געלט ווי דיין פאטער האט געקראגען.

— איך פערשטעה נישט — האט קרח זיי אנגעקוקט—צוליב וואס וועט זיין נויטיג אזוי פיעל געלט! איך וועל דאך אייך זעהר גוט בעלוינען פאר דעם אלעס... און אויב איהר דענקט, אז איהר וועט קענען אונטערקויפען אהרן מיט געלט, מאכט איהר געוויס א טעות! איך בין זיכער, אז אהרן וואלט אלישבע'ן נישט אייפגעבען פאר קיין געלט נישט.

— מיר וואונדערט זיך אויף דיר קרח, אז דו זאלסט אונז האלטען פאר אזעלכע נאראנים... מיר קענען אויך אהרנ'ען גאנץ גוט, און מיר וויסען, אז נישט אזוי גרינג וועט אונז אנקומען דורכצופיהרען אונזער פלאן. אבער דו דארפסט נישט פארגעסען, אז עס ווענדעט זיך מעהר אן אלישבע'ן ווי אן איהם... די ערשטע זאך וואס דארף געטאן ווערען איז, אז דו זאלסט שטייגען אין איהרע אויגען, און דערצו וועט זיין נויטיג זעהר א סך געלט!

— וועגען דעם האב איך אליין געטראכט! — האט קרח אויסגערופען אז ענטטוישטער — איך האב געגלויבט, אז ווען אלישבע וועט אויסגעפינען אז איך בין זעהר רייך, וועט זי זיך אומקעהרען צו מיר! אבער ווען איך האב זיך גענומען איבערלעגען, האב איך זיך ארומגעזעהן אז איך האב געמאכט א גרויסען טעות. אלישבע וועט נישט אפגעבען איהר ליעבע צו דעם וועלכער עס האט מעהר געלט! זי איז אין גאנצען אנדערש ווי די איבעריגע מיידלעך... ביי איהר שפיעלט א גרעסערע ראלע דער, וועלכער קען זיך ארויסצייגען צו ווערען חשוב און בעליבט ביים גאנצען פאלק!

— אט טאקע וועגען דעם האבען מיר א גוטען פלאן! — האט דתן אויסגערופען — דיין נאמען איז געגרויסט געווארען איבער גאנץ גשן, זינט דו האסט אלישבע'ן בעוויזען, אז מיט דיין חכמה האסטו געקענט העלפען בעפרייען די צוויי אידישע פארשטעהער... און כאטש אלע האבען געוואוסט, אז דאס איז אין גאנצען געווען דיין פאטער'ס אויפטוה, פון דעסטוועגען האט מען דיר אויך געגעבען גענוג לויב געזאנג... יעצט שטעל זיך פאר, ווען דיר וועט געלינגען צו בעווייזען פאר אלעמען אז דו אליין קענסט אויפטאהן זעהר גרויסע זאכען... ווי בעליעבט און חשוב דו וועסט ווערען ביי דער גאנצער אידישער געמיינדע פון גשן... דאן וועט שוין אלישבע אויך זיך ארומזעהן, אז דו שטעהסט העכער פון אהרן און זי וועט דיין ליעבע שוין מעהר נישט צוריקווייזען!

— אבער ביז דאן וועט שוין מעגליך צו שפעט זיין! — האט קרח זיך אפגערופען מיט א שטימע פון יאוש.

— דו וועסט דאך געוויס זיך וואונדערען קרח, אויב מיר וועלען דיר זאגען, אז עס וועט דיר נישט דארפען נעהמען צו לאנג צו ווערען בעליעבט ביים פאלק, פיעלייכט עטליכע מאנאטען און אפשר נאך ווינציגער פון דעם!

— ווי אזוי אבער וועט איהר מיר קענען פערזיכערען, אז אהרן וועט דערווייל דורך דער צייט נישט חתונה האבען מיט אלישבע'ן?! — האט קרח זיי געפרעגט.

— פאר דעם בין איך ערב! — האט דתן אויסגעשטרעקט זיין האנט צו קרח'ן. יע, איך פערזיכער דיר, אז דורך די צוועלף קומענדע חדשים וועט אהרן מיט אלישבע'ן נישט הייראטען. פאר דעם וועל איך אפילו מיין קאפ איינשטעלען!

קרח האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. איהם האט זיך דאס נישט געקענט גלויבען.

— זאג מיר, איך בעט דיר, פון וואנען קענסטו עס אזוי זיכער זיין? — האט ער זיך צו איהם געווענדעט—ווען איך וואלט נישט געדארפט זיין בעזארגט וועגען דעם אין פערלויף פון דעם קומענדען יאהר, וואלט איך זיך גאנץ גליקליך געפיהלט.

— אויב אזוי מעגסטו עס גלייך ווייסען! — האט אבירם פערכאפט זיין ברודער דעם וועג — אז דערצו האט דיר שוין דיין פאטער ארויסגעהאלפען!

— מיין פאטער! — האט קרח זיך נאך אלץ געוואונדערט.

— יע, דיין פאטער! — האט דתן געזאגט — דאמיט וואס ער איז געשטארבען!

— וואס מיינסטו?! — איז שוין קרח אויפגערעגט געווארען.

— דו האסט געוויס פערגעסען — האט אבירם געזאגט מיט א שמייכעל— אז עמרם איז דיין פאטער'ס ברודער און אז ער טרויערט נאך זיין ברודער דעם גאנצען יאהר, אזוי ווי דו טרויערסט נאך דיין פאטער. יעצט פרעג איך דיר, וועט דען אהרן געהן חתונה האבען דורך דעם יאהר וואס זיין פאטער איז אין טרויער?

— וועגען דעם האב איך גאר נישט געטראכט! — האט קרח אויסגערופען מיט א לייכטע הארץ. יע, אהרן וועט טאקע אין פערלויף פון דיזען יאהר ניט

קענען חתונה האָבען מיט אלישבע'ן, אויב אזוי האָב איך נאָך מיין האָפנונג נישט פערלאָרען! איך דאנק אייך זעהר, מיינע פריינד, וואָס איהר האָט מיר דערפרעהט!

— יעצט אז מיר וועלען האָבען גענוג צייט וועט שוין נישט זיין איבעריג שווער דורכצופיהרען אונזערע אנדערע פּלענער! — האָט אבירם געזאָגט — אָבער איידער מיר געהען דיר דאָס זאָגען, דארפען מיר זיין זיכער אז דו האָסט גענוג געלט...

— און דו מעגסט עס גלייך וויסען, אז ווען מיר ריידען וועגען געלט, מיינען מיר נישט אז די געלט דארפען מיר קריגען פאר אונזער טרחה! ניין! אויב דו דיינקסט אזוי מאכסטו א טעות! — האָט דתן צוגעגעבען — מיר מיינען בלויז אז דו דארפסט בעזיצען אונגעהויער גרויסע אוצרות כדי נאכהער צו האָבען די מעגליכקייט צו בעווייזען פאר'ן פאָלק וואָס דו האָסט פאר זיי אויפגעטאָהן!

— דאָס האָב איך געקראָגען גלייך נאָך מיין פאָטער'ס טויט! האָט קרח אויסגערופען — גאָלד וועט מיר נישט פעהלען. ווי פיעל איך וועל נאָר דארפען, אזוי פיעל וועל איך קריגען!

— דאָס איז זעהר גוט! — האָט דתן געריבען זיינע הענט פון פרייד.

— יעצט זאָג מיר, ביזטו גוט בעקאנט מיט בצלאל'ן דעם זוהן פון אור'ן? — האָט איהם אבירם א פרעג געטאָן!

— געוויס קען איך איהם. נישט איין מאָל איז ער געוועזן ביי מיין פאָטער אין דער היים. ער איז זעהר א גרויסער קינסטלער, און ער פלעגט מאכען די שעהנסטע צייכנונגען פאר איהם...

— און דיין פאָטער האָט איהם געהאלטען פאר א גרויסען קינסטלער? — האָט דתן געפרעגט.

— געוויס! ער האָט איהם שטארק ליעב געהאט, און יעצט דערמאָהן איך זיך, וואָס מיין פאָטער האָט מיר וועגען איהם געזאָגט פאר זיין טויט! — האָט קרח א קניטש געטאָן מיט'ן שטערען.

— זאָג אונז אלעס וואָס דו ווייסט דערפון — האָט אבירם זיך אָפּגערופען — ווייל דאָס וועט אונז זעהר צוניץ קומען.

— מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל זעהן מקרב זיין בצלאל'ן, ווייל גאָט האָט איהם געבענשט מיט חכמה און פערשטאנד, און ער וועט א סך נוצען קענען ברענגען אונזער פאָלק ישראל... יע, ער האָט מיר אויך געזאָגט, אז בצלאל וויל זיך נישט בעקאנט מאַכען צו פּרעה'ן, ווייל ער האָט מורא מען זאָל איהם נישט בענוצען צו מאכען קונסט זאכען פאר די אָפּגעטער פון מצרים!

— אָט דאָס וואָס דו האָסט אונז נאָר וואָס דערצעהלט איז זעהר וויכטיג פאר אונז! — האָט דתן אויסגערופען. דאָס וועט אונז העלפען א סך דורכצופיהרען אונזער פּלאַן.

— ווי אזוי? — האָט קרח אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— ווען מיר זיינען געגאנגען צו דער לויה פון דיין פאָטער און האָבען געזעהן בצלאל'ן, וועלכער איז געוועזן איינער פון די נושאי המטה, איז מיר דער געדאנק איינגעפאלען.

— מיין נישט אז דו ביזט דער איינציגער וואָס דו האָסט דיזען געדאנק געקראָגען! — האָט דתן געזאָגט מיט אן אייפערזיכטיגע שטימע—איך האָב דערפון אויך געטראַכט!

— אָבער וואָס איז עס?! — איז קרח אונגעדולדיג געוואָרען.

— דו פערשטעהסט דאָך אליין! — האָט אבירם פאָרטגעזעצט — אז ווען פּרעה זאָל זיך דערוויסען וואָס פאר א קינסטלער בצלאל איז, וואָלט ער דען איהם נישט ארויסגעפאָדערט ער זאָל פאר איהם מאכען קונסט זאכען.

— געוויס! ער איז כמעט דער איינציגער אין גאנץ מצרים, וועלכער קען

מאכען די שעהנסטע זאכען — האט קרח צוגעגעבען.

— און דאן וואלט שוין בלעם און דער הויפט פריסטער געזעהן, אז בצלאל זאל מאכען אויך קונסט זאכען פאר דעם טעמפעל פון אזירים, ווי דיין פאטער האט עס פאראויסגעזאגט.

— אין דעם צווייפעל איך אויך ניט!

— האט קרח געזאגט — זיי וועלען איהם נאך זוכען צו צווינגען דאס ער זאל אזוי טאהן!

— און לויט ווי איך האב געהערט וואלט בצלאל קיינמאל ניט צוגעשטימט צו מאכען קונסט זאכען פאר די אפגעטער.

— דאס—האט דאך מיין פאטער מיר געזאגט—איז די סיבה, וואס ער וויל נישט אז פרעה זאל זיך דערוויסען אז ער איז א קינסטלער!

— און וואס וואלט געווען ווען פרעה זאל זיך דערוויסען! — האט דתן געפרעגט.

— וואלט טאקע געווען שלעכט... ער וואלט איהם זיכער געצוואונגען איהם צו פאלגען — האט קרח געזאגט.

— און ווען ער וואלט אלץ נישט געוואלט נאכגעבען? — האט אבירם געפרעגט.

— דאן וואלט ער איהם ארעסטירט און נישט בעפרייט ביז וואנען די איריען וואלטען איהם אויסגעלייזט.

— אט דאס איז וואס מיר דארפען זעהן עס זאל פאסירען! — האט דתן אויסגערופען — אויב דו ווילסט געדרויסט און בעליעבט ווערען ביים פאלק דארף זיך פרעה דערוויסען וואס בצלאל קען אויפטאהן.

— ווי אזוי וועט ער זיך דערוויסען? האט קרח געפרעגט.

— גאנץ איינפאך. מען וועט דארפען וועגען דעם דערצעהלען איינעם וועלכער איז נאהענט צו פרעה'ן, און איך בין זיכער, אז עס וועט לאנג נישט נעהמען און בצלאל וועט גערופען ווערען צו פרעה'ן... און ווען עס וועט פאסירען ווי מיר האבען אויסגערעכענט, דאן וועסטו זיין דער איינציגער וועלכער וועט בצלאל'ן קענען ארויסהעלפען, און דאן וועט דיר שטארק דערהויבען נישט נאר ביי אלע אידען, אפילו אויך אין די אויגען פון אלישבע'ן... און דאן וועסטו קיינע שוועריגקייטען נישט האבען איהר צו קריגען! יעצט פערשטעהסטו וואס מיר מיינען!

קרח איז געבליבען שטעהן צוטומעלט! ער האט זיך יעצט ארומגעזעהן ווי קלוג און אויסגערעכענט די ברידער דתן און אבירם זיינען... דאס וועט דאך ווירקליך איהם העלפען... אלע וועלען דאך זעהן, אז ער, קרח, איז דער איינציגער וועלכער קען זיי אלעמען העלפען אין פאל פון נויט!

א קליינע ווייליע האט ער דערפון געטראכט. ער האט זיי גאנץ גוט פארשטאנען... אבער באלד איז איהם ארויף אויף זיינע געדאנקען טאמער וועט פרעה פערלאנגען צופיעל... ווי וועט ער זיך קענען שיידען פון אזוי פיעל גאלד... נישט אימער וועט ער דאך האבען א מעגליכקייט פון דארטען ארויסנעהמען גאלד... עס קען דאך פאסירען אז פרעה זאל בעמערקען אז עס פעהלט איהם גאלד פון זיינע אוצרות, דאן וועט ער פארשטארקען די שמירה.

— געפעלט דיר דען נישט אונזער פלאן? — האט דתן איהם געפרעגט דערזעהענדיג אז קרח איז שטארק פערטראכט און ענטפערט נישט.

— המ... איך האב געמיינט אז איהר וועט האבען א בעסערען פלאן! — האט קרח זיך אפגערופען ענטטוישט, — פערשטעהט איהר מיך, איך וואלט זעהר ניט געוואלט פארשאפען בצלאל'ן קיין עגמת נפש... און א חוץ דעם, ווייל איך נישט אז איהר זאלט געהן איהם פאר'מסור'ען פאר פרעה'ן צוליעב מיר... ווייל ווען מען זאל זיך נאר דערוויסען אז איך האב אין דעם א חלק, דאן וועט אלעס זיין פאר מיר פארלארען.

— דאס וואס דו זאגסט אז בצלאל וועט דערפון האבען עגמת נפש, וועסטו

דאָך דערנאָך איהם קאָנען העלפען, און דאַן וועט ער דיר נאָך מעהר דאנקבאר זיין, און שטעל זיך פאָר ווי גרויס דיין נאָמען וועט ווערען צווישען אלע אידען. יא, בלויז דאמיט וועסטו קאָנען געווינען אלישבע׳ס הארץ, — האָט אבירם זיך אפּגערופען, — און דו מעגסט זיכער זיין אז קיינער פון די אידען וועט אפילו ניט וויסען ווער עס האָט איהם פאר׳מסור׳ט פאר פּרעה׳ן.

— דאָך, — האָט קרח ביי זיך נישט געקענט בעשליסען — איז ראטהזאם דערוויילע זיך דאמיט ניט צו בענוצען.. ווי באלד אז איך האָב נאָך ארום צוועלף חדשים צייט, וועל איך מעגליך געפינען אַן אנדער מיטעל ווי אזוי צו געווינען אלישבע׳ס הארץ.

— אויף צו לאנג אָפּליגען טאָרסטו אויך נישט, — האָט אבירם געזאָגט, — עס איז דאָך מעגליך אז ווען פּרעה זאָל זיך דערוויסען וועגען בצלאל׳ס קונסט־ארבייט, וועט ער איהם פריהער הייסען מאכען קונסט־ווערק פאר זיך וואָס דאָס וועט געדויערען א היבשע צייט און אייַדער מען וועט זוכען אויף איהם ארויפצו־צווינגען צו טהאָן די ארבייט פאר דעם טעמפּעל אזירים, וועט שוין זיין צו שפּעט, עס וועט זיין נאָכ׳ן יאָהר און אהרן וועט נאָך הייראטען מיט אלישבע און דיין גאנצע מיה וועט זיין ארויסגע־וואָרפען.

א היבשע ווײַלע האָט זיך קרח גע־קווינקעלט און נאכהער האָט ער זיך אפּגערופען :

— אויב איהר גלויבט אז דאָס איז דערווייל דער איינציגער מיטעל, וועל איך מוזען צושטימען, כאָטש איך בין נישט איבריג צופרידען פון דעם פּלאַן. דאָך וויל איך אז איהר זאָלט נאָך וואר־טען איניגע טעג ביז וואנען איך וועל אייך געבען מיין ענדגילטיגען ענטפער... צו טהאָן אזא זאַך וואָס זאָל כמעט אין גאנצען אויסליידיגען מיינע אוצרות, וואָלט איך נישט געוואָלט... אין א פּאָר טעג ארום וועל איך צו אייך ווידער קו־מען און דאַן וועלען מיר אויף זיכער בעשליסען וואָס צו טהאָן.

מיט דעם איז קרח אוועקגעגאנגען פון די צוויי ברידער. לאנג האָט ער דערפון געטראכט, און איז געקומען צום בעשלוס אז דאָס איז דערוויילע דער איינציגער וועג... אלישבע וועט מוזען צוזעהן אז ער איז דער איינציגער מאַן פון גשן, וועלכער קען ארויסהעלפען זיינע ברידער אין דער צייט פון נויט... אָבער איידער ער וועט אין גאנצען צושטימען, וועט ער נאָך אמאָל מוזען בעזוכען פּרעה׳ס אוצרות. ער מוז זיך אנגרייטען מיט זעהר פיעל גאָלד.

מיט א פּאָר נעכט שפּעטער, איז קרח ווידער אוועק צו דעם הינטערשטען וואנט פון פּרעה׳ס שאַץ־קאמער, און טהוענדיג דיזעלבע זאַך, איז ער אהין אריינגעקומען און א צווייטען מאָל אָנ־געפילט א זאק פול מיט גאָלד און דאָס א היים געבראכט.

ער האָט עס גענומען צעהלען און אויסגעפונען אז דעם צווייטען מאָל האָט ער אריינגענומען נאָך מעהר גאָלד ווי דעם ערשטען מאָל... א צופרידענער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף זיינע ליפּען. ווען דאָס זאָל איהם אזוי גרינג אנקומען ווייטער, וועט ער דאָך ווערען דער רייכסטער מאַן ניט נאָר צווישען די אידען, נאָר אויך פון אלע מצריים . . . יעצט וועט ער בלויז דארפען קריגען א גוטען נאמען... און עס וועט לאנג ניט נעהמען און ער וועט ווערען א פיהרער ביי די אידען... מיט די פיעל גאָלד וואָס ער פארמאָגט, און דערצו וועט ער ווערען חשוב ביים פאָלק דורך עטליכע גוטע טהאטען, וועט אלישבע זיך ארומזעהן אז ער איז מעהר חשוב ווי אהרן.

— אויב אזוי, — האָט ער גענומען ביי זיך טראכטען, — זיינען דתן און אבירם גארניט אומגערעכט... ער מוז קריגען א באלדיגע געלעגענהייט ארויס־צואווייזען זיין וויכטיגקייט און גוטע הארץ וואָס ער בעזיצט... און דאָס וועט קענען באוויזען ווערען באלד, ווי בצלאל וועט גערופען ווערען צו פּרעה׳ן.

אין עמרם׳ס הויז האָבען זיך פערזאַ־מעלט איניגע פון די וויכטיגע אידישע

פארשטעהער אום זיך צו בעראטהען ווי אזוי צו פארגרינגערען די לאגע פון די אידען וואס האט מיט יעדען טאג אנגענומען אן ערגערע ווענדונג. אלע האבען מיט גרויס טרויער דערמאנט יענע צייטען וואס עס איז די אידען ערלויבט געווען צו האבען איין טאג אין וואך רוה... שבת איז ביי אלעמען געווען דער גליקליכסטער טאג פון וואך... און יעצט האט דער פרעה מענעפטאה, דאס אויך אוועקגענומען פון די אידען... די אידישע שקלאפען ארבייטען יעדען טאג אין וואך אהן אן אפרוה... זיי קענען דעם אטהעם ניט כאפען... און דערצו נאך זיינען די פריהערדיגע שלעכטע גזרות ווידער אריין אין קראפט.

— אונזערע לעבענס זיינען ווידער הפקר געווארען, — האט עמרם אויסגעריפען, — יעדער נידריגער מצרי קען זיך אריינברעכען אין א אידישע הויז, אויב ער וויל, און קען דארטען זוכען א ניי געבארען קינד... דיזע גזרה וואלט שוין לאנג געקענט אפגעשאפט ווערען, ווען עס זאל זיך געפינען אימיצער וועלכער וואלט געקענט ריידען מיט פרעה'ן.

— וואס איז די פעולה פון ריידען... מיר זעהען דאך אז דיזער פרעה איז פיעל ערגער פון זיין פאטער — האט עמינדב זיך אפגערופען.

— דאך איז פאראן א גרויסער אונטערשיעד צווישען רעמסס'ן, זיין פאטער, און צווישען מענעפטהא'ן, — האט עמירב געזאגט. — רעמסס האט מורא געהאט אז מיר וועלען זיך פארמעהרען אין זיין צו שטארק, דאריבער האט ער געזוכט אלערליי מיטלען ווי אזוי צו פערניכטען אונזער פאלק און איהם קלענער מאכען און צוליעב דעם האט ער ארויסגעגעבען די אלע שרעקליכע גזרות צו דערטרינקען אונזערע זכרים... אבער מענעפטאה וויל דאך האבען וואס מעהר שקלאפען... און ווען עס וואלט זיך געפינען אימיצער וועלכער זאל איהם ערקלעהרען אז מיט יעדען זוהן וועלכער ווערט דערטרונקען אין טייך, פארלירט ער א צוקינפטיגען שקלאף, וואלט ער די־זע גזרה אפגעשאפט אזוי שנעל ווי מעגליך...

— אזוי וואלט טאקע געשעהן, מיין פאטער! — האט אהרן זיך אפגערופען, — און דאס וואלט א סך פארגרינגערט די געמיטהער פון אונזערע ברידער... אויב דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך שוין זעהן צוצוקומען צו פרעה'ן און מיט איהם וועגען דעם ריידען.

— דיין ריידען, מיין זוהן, האב איך מורא וועט ניט ברייגנען די געווינשטע רעזולטאטען, — האט עמרם איהם געענטפערט,— פרעה מענעפטאה געדענקט גאנץ גוט אז דיין ברודער משה האט זיין פאטער געראטהען וועגען געבען די אידען א טאג רוה, און ער האט דאביי געהאט אין זינען די טובה פון די אידען. און יעצט, ווען דו וועסט קומען ריידען וועגען אפשאפען די גזרה, וועט פרעה זיך נאך מעהר איינשפארען.

— דאן וועל איך געהן! — האט נחשון זיך אפגערופען, — פיליכט וועל איך קענען פועל'ן ביי איהם מבטל צו מאכען די גזרה.

— איידער מיר בעשליסען אזא זאך צו טהאן, — האט זיך עמינדב אפגערופען, — וואלטען מיר זיך געדארפט גוט מישב זיין אויב מיר קענען בעהויפטען זיך יעצט אנצופאנגען מיט פרעה'ן. היבשע עטליכע מאנאטען זיינען פאראיבער און פרעה האט אונז צו־רוה געלאזען מיט די צינזען. איצט אז מיר ווילען צו איהם קומען און איהם בעטען ער זאל אנזאגען די מצריים מעהר ניט אוועקרויבען די אידישע קינדער, וועט ער ווידער האבען אן אויסרייד ארויפצולייגען אויף אונז צינזען.

— עס וואלט דאך אבער געווען כדאי זיך אנצושטריינגען און בעצאהלען איהם די צינזען און האבען די טרויעריגע גזרה מבטל געמאכט, בפרט ווען קרח וועט קענען אזוי גרינג צושטעלען די געלד ווי זיין פאטער האט עס געטהאן.

— דאריבער וואלט מען זיך טאקע געדארפט בעראטהען מיט קרח'ן, איידער מיר געהן אזא שריט נעהמען, — האט אהרן געזאגט, — מיר דארפען זיך יע־

דענפאלס באוואָרענען אז עס וועט ערגער נישט זיין. אויב קרח וועט אונז פארזיכערען אז פון קיין געלד וועט קיין אָפּהאַלט ניט זיין, דאַן וועט מען קענען נעהמען די ריזיקע.

— עס איז מערקווירדיג מיט די אוצרות פון יצהר'ן, — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופען, — ער האָט די געהיימנים צו קיינעם ניט ענטדעקט.. און איך מוז זיך מודה זיין, אז איך וואונדער זיך זעהר שטארק אויף יצהר'ן. ער איז דאָך געוועזן איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו אונזערע אומגליקליכע ברידער, ער האָט בלויז געזוכט זייער וואָהלזיין און טובה, און פון דעסטוועגען האָט ער פאר קיינעם ניט געוואָלט ענטדעקען די געהיימנים פון וואנען ער האָט אזוי פיעל גאָלד געקראָגען.

— איז דען נישט גענוג אז ער האָט עס ענטדעקט צו זיין זוהן! — האָט נחשון זיך אָפּגערופען, — יא, קרח האָט מיר געזאָגט אז דער פאטער האָט איהם דעם סוד איבערגעגעבען, און אז ער וועט יעצט קענען ברייגען צו אונזער פאלק אזוי פיעל נוצען ווי זיין פאטער.

— וועל איך איהם שיקען רופען, — האָט עמרם זיך אָפּגערופען — און מיר וועלען זיך מיט איהם בעראטהען ווי אזוי צו האנדלען אין דיזען פאל.

— איך וועל איהם געהן רופען, — האָט מרים זיך אָנגעבאָטען, און איז גלייך ארויס פון הויז.

ווען זי איז געקומען צו קרח'ן אין הויז, האָט זי איהם דאָרטען ניט געטראָפען.

— וואו איז קרח? — האָט מרים געפרעגט זיין איינגסטען ברודער זכרי.

ער איז אוועקגעגאנגען גאנץ פריה און איך ווייס נישט וואוהין ער איז געגאנגען.

— פיליכט ווייס נפג? — האָט מרים געפרעגט.

זכרי האָט ארויסגערופען נפג'ן און מרים האָט ווידערהאָלט צו איהם די פראַגע.

נפג האָט אויף מרים'ען געקוקט ווי ער וואָלט געציטערט און נאכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— מיר דוכט זיך, אז קרח איז אוועק צו דתן און אבירם!

מרים האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג:

— צו דתן און אבירם'ן?! — האָט זי אויסגערופען מיט פארוואונדערונג.

נפג'ן האָט שוין שטארק באנג געטאָן וואָס ער האָט זיך ארויסגערעדט. ער האָט זיך דערמאָנט אז קרח האָט איהם אָנגעזאָגט דאָס ער זאָל פאר קיינעם נישט זאָגען דאָס ער איז אהין געגאנגען...

— איך בין נישט זיכער, אז ער איז אהין געגאנגען! — האָט נפג געגומען שטאמלען — מעגליך אז מיר האָט זיך עס אזוי געדוכט...

— ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען וועסטו איהם גלייך שיקען צו אונז, ווייל א וויכטיגע זאַך ווערט איצט אין אונזער הויז פארהאנדעלט—האָט מרים זיך אָפּגערופען און איז אוועקגעגאנגען.

—וואָס קען ער טאָן ביי דתן און אבירם'ען? — האָט מרים געטראכט... געוויס קען קיין גוטעם נישט ארויסקומען פון זיינע באזוכען צו זיי... דוכט זיך איהר, אז קרח האָט זיין פריינדשאפט צו זיי שוין לאנג אָפּגעבראָכען...

און איצט, נאָך זיין פאָטער'ס טויט, האָט ער ווידער צו טאָן מיט זיי... זי האָט באשלאָסען דערווייל וועגען דעם מיט קיינעם נישט צו ריידען. זי וועט אָבער דארפען אויספאָרשען אויב ער געהט טאקע צו זיי...

קרח האָט שוין פון גאנץ פריה פארבראכט מיט דתן און אבירם. ער האָט מיט זיך מיטגענומען אביסעל גאָלד און ער האָט זיי דאָס איבערגעגעבען.

די אויגען פון די צוויי ברידער האָבען אויפגעלויכטען פון דעם גלאנץ פון גאָלד.. מיט זשעדנע בליקען האָבען זיי די גאָלדענע מטבעות באטראכט...

— איך האָב זיך איבערגעלעגט און איך גלויב, אז איהר זייט גערעכט —

האָט קרח זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל, ווען ער האָט באמערקט וואָס פאר אן איינדרוק די גאָלד האָט אויף זיי געמאכט... אָבער איך בין נישט זיכער אז בצלאל וועט זיין אזוי פאר'עקשנ'ט ווי מיין פאָטער. מעגליך, אז ווען פרעה וועט איהם צווינגען צו טאָן פאר דעם אָפּגאָט, וועט ער עס טאָן...

— וועגען דעם מעגסטו זיין רוהיג,— תאָט דתן געזאָגט—איך ווייס, אז בצלאל וועט בשום אופן נישט צושטימען צו מאכען קונסט־זאכען פאר דעם טעמפּעל און דאן וועסטו מוזען איהם אויסלייזען און דאָס וועט דיר גרויס מאכען אין די אויגען פון אלע אידען...

— ווען איך וואָלט געווען זיכער, אז די אידען וואָלטען מיר צוליב דעם געמאכט פאר זייער פיהרער וואָלט איך אפילו גאָרנישט געצווייפעלט... אָבער מיר דוכט זיך, אז וואָס איך זאָל נישט טאָן וועט עס ביי קיינעם נישט זיין אָנגעלעגט... זעהר זעלטען באראטען זיך מיט מיר די פאָרשטעהער...

—אָבער נאָכדעם ווי דו וועסט בעווייזען וועסטו שוין זעהן ווי אנדערש זיי אלע וועלען אויף דיר קוקען... און עס וועט נישט לאנג דויערען און דו וועסט זיין דער פיהרער פון אלע אידען —האָט אבירם געזאָגט.

— און איך האָף, אז אויך דאן וועסטו זיך נישט גרויס האלטען געגען אונז! — האָט דתן זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל — אונזער פריינדשאפט וועט אָנהאלטען אויף שטענדיג, נישט ריכטיג!

— געוויס! כל זמן אז מיין שונא אהרן איז אויך אייער שונא, וועלען מיר זיין צוזאמען! — האָט קרח אויסגערופען —בפרט נאָך דאן, ווען איך וועל וויסען אז איך האָב געקראָגען די שעהנע אלישבע דורך אייער ראטה.

— דיין ברודער קומט אָן! — האָט אבירם אויסגערופען ווען ער האָט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער.

— מיין ברודער! — האָט קרח אויסגערופען מיט איבערראשונג — געהמט צו די גאָלד, שנעלער, דאָס האָב איך פאר אייך ביידען געבראכט... איהר זאָלט וויסען, אז ווען עס וועט זיך האנדלען וועגען געלט, וועט גאָר קיין אָפּהאלט נישט זיין. איך וויל אָבער ניט אז מיין ברודער זאָל וועגען דעם וויסען, אז איך האָב אייך געבראכט געלט... קיינער פון מיין משפחה ווייס נאָך נישט אז איך באזיץ א סך גאָלד.

— פון וואנען ווייס אָבער דיין ברודער אז דו געפינסט זיך ביי אונז? — האָט איהם אבירם געפרעגט.

— איך האָב איהם געזאָגט, אז איך האָב געהאט עטוואָס אייך צו פרעגען און דעריבער וועל איך זיך געפינען ביי אייך און אין פאל הרהור וועט מיר שיקען רופען וועל איך זיך געפינען דאָ ביי אייך.

— הרהור! — האָט דתן געקוועטשט מיט די פּלייצעס — מיר האָט זיך געדוכט אז הרהור איז לעצטענס געוואָרען א שונא צו דיין משפחה.

— ער איז שטארק אויפגעבראכט געוואָרען אויף מיין פאָטער, אָבער מיט מיר איז ער ווידער פריינדליך געוואָרען... ער האָט דאָ נישט לאנג געשיקט מיר רופען און ווען איך בין צו איהם געקומען האָט ער מיר געפרעגט, אויב איך קען געפינען מיין פאָטער'ס אלטען פּלאן וועגען א געביידע וואָס האָט געזאָלט געבויט ווערען מיט עטליכע יאָהר צוריק... איך האָב איהם פארשפּראָכען דיזען פּלאן צו בריינגען און איצט האָט ער ווארשיינליך געשיקט נאָך דעם. און מיין ברודער קומט דאָס מיר רופען.

— און איך וואָלט דיר געראָטען, מיין פריינד! — האָט דתן זיך צו איהם אָפּגערופען — אז דו זאָלסט איהם ניט אזוי שנעל איבערגעבען די פּלענער, וואָס דיין פערשטאָרבענער פאָטער האָט דיר איבערגעלאָזען. דו וועסט קענען פון דעם ארויסקריגען פיעל געלד...

— הרהור'ס פריינדשאפט מיינט א סך מעהר צו מיר ווי די געלט — האָט קרח געענטפערט — און אויב איך וועל דורכדעם צוריק געווינען זיין צוטרוי און

פריינדשאפט, וועל איך דאָס געוויס טהאָן.

די טיהר האָט זיך געעפענט און נפג איז אריינגעקומען, ער איז געווען שטאַרק צוהיצט און צוטראָגען.

— גוט וואָס איך האָב דיר נאָך געטראָפען, מיין ברודער, האָט נפג זיך אָפּגערופען, קוים אָפּכאַפּענדיג זיין אָטעם.

— וואָס איז דאָס אַזוי די איילעניש? — האָט קרח איהם פאַרגעוואָרפען — הרהור האָט געוואַרט אַזוי פיעל וועט ער ווארטען נאָך אַווייל, און א חוץ דעם, ווייס איך נישט אויב די פּלענער, וואָס איך האָב אויפגעזוכט זיינען די זעלבע, וואָס ער וויל!

— דו מאַכסט א טעות, קרח! — האָט נפג אויסגערופען. איך בין דיר ניט געקומען רופען צוליעב הרהור'ן. אָבער מרים איז צו אונז אין הויז געקומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר!

— מרים? — האָט קרח אָנגעשטעלט אויף איהם א פּאָר אויגען.

— איך האָף, אז דו האָסט איהר נישט געזאָגט וואו איך געפין זיך!

נפג'ס פּנים איז רויט געוואָרען... ער האָט זיך בעגאָסען מיט א שוויים... ער האָט געוואָרפען נערוועאישע בליקען אַרום זיך און שטאַמלענדיג זיך אָפּגערופען:

— איך...המ... ער איך האָב נישט געמיינט איהר צו זאָגען! אָבער עס האָט זיך פון מיין מויל ארויסגעכאַפּט...

— און דו האָסט מרים'ן געזאָגט אז איך געפין זיך דאָ!! — האָט קרח אויסגערופען מיט צאַר — דו פּוסטער קאָפּ! דו שוטה!

— פערגיב מיר, מיין ברודער! — האָט נפג אויסגערופען מיט א ציטערנדע שטימע — איך פערזיכער דיר, אז דעם צווייטען מאָל וועל איך שוין זיין מעהר פאָרזיכטיג! איך בין אַזוי צוטומעלט געוואָרען, ווען איך האָב מרים דערזעהן אין הויז, אז איך האָב זיך אין גאַנצען פערלאָרען!

— און וואָס האָט זי געוואָלט? — האָט קרח נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו שטורמען אויף זיין ברודער.

— זי האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל דיר גלייך שיקען צו עמרם'ן אין הויז, ווייל א וויכטיגע זאַך ווערט דאָרט פערהאַנדעלט.

— יעצט וועט מרים פאַר אַלעמען דערצעהלען אז איך געפין זיך ביי דתן און אבירם'ן — האָט קרח אויסגערופען א דערשלאָגענער... אה, וואָס דו האָסט צו מיר געטהאָן! האָט ער געדריקט זיין פויסט אויף זיין ברודער.

— ווי איך האָב זיך ארויסגערעדט, אז דו געפינסט זיך דאָ, האָב איך גלייך פערשטאַנען, אז איך בין בעגאַנגען א נאַרישקייט און דעריבער האָב איך זיך גלייך פאַרכאַפּט און מרים'ן געזאָגט. אז אין גאַנצען זיכער בין איך נישט, אז דו ביזט אוועק צו דתן און אבירם. עס איז מעגליך, אז מיר האָט זיך דאָס אַזוי געדוכט...

— אויב אַזוי, לויף שנעל אריבער צו מרים'ן און זאָג איהר, אז דו האָסט געמאַכט א טעות, איך בין ביי די צוויי ברידער נישטאָ... און זאָג איהר, אז דו ביזט זיכער, אז איך בין אוועק צו דעם מצרי הרהור, זעהן בינדען. אונזער פריינדשאַפט, כדי איך זאָל קענען עפּעס קריגען א טובה דורך איהם פאַר אונזערע ברידער. שנעל געה, און ווען איך וועל שפּעטער אהיים קומען וועל איך פון דאָרטען גלייך געהן צו עמרם'ס הויז און איך וועל דיינע רייד באַשטעטיגען, אז איך בין געווען ביי הרהור'ן.

נפג איז ארויס פון דתן'ס הויז און גענומען שטעלען פעסטע טריט.

— יעצט איז שוין אַלעס פערפאַלען! — האָט קרח אויסגערופען מיט פערצווייפלונג — מרים ווייס דאָס איך בין דאָ געווען, וועלען שוין אַלע זיך דערפון דערוויסען, און דעריבער גלויב איך, אז אונזער גאַנצער פּלאַן טויג יעצט נישט, ווייל אַלע וועלען פערשטעהן אז דאָס

האט איהר גע׳מסור׳ט בצלאל׳ן און אז איך האב אייך דערצו צוגערעדט.

— וועמען ארט עס וואס מען וועט אויף אונז זאגען! — האט אבירם זיך אפגערופען — מען זאגט פיעלע זאכען אויף אונז... מיר וועלען לייקענען אלעס. קיינער וועט געגען אונז קיינע בעווייזע נישט האבען.

— ניין, איך וויל דאמיט נישט אנגעהן, יעדענפאלס נישט אזוי שנעל... פיליכט ווען אליץ וועט זיך איינשטילען און ווען איך וועל זיין זיכער, אז פון מיר איז אין גאנצען דער חשד ארונטער — האט קרח געזאגט — איך וועל באלד אריבערגעהן צו עמרם׳ן און הערען וואס זיי האבען דארטען צו זאגען...

קרח האט געווארפען זיינע אויגען אויף דעם גאלד וואס איז נאך געלעגען אויפ׳ן טיש און זיך אפגערופען:

— איצט, אז ערווייל איז פון דעם פלאן גארנישט געווארען וועל איך מיטנעמען דאס גאלד, יון ווען איהר וועט געפינען א בעסערן פלאן, וועל איך אייך ברינגען צוויי מאל אזויפיעל.

קרח האט צוגענומען דאס גאלד און אין שנעל ארויסגעגאנגען פון דתן און אבירם׳ס הויז. ער איז מיט׳ן גאלד גלייך אוועק צו עמרם׳ן.

— גוט, וואס דו ביזט געקומען, קרח! — האט עמרם זיך אפגערופען — מיר ווארטען דא אויף דיר. מיר ווילען זיך מיט דיר באראטען וועגען א וויכטיגער זאך.

ער האט איהם איבערגעגעבען וועגען וואס עס האנדעלט זיך און צוגעגעבען: אויב דו פיהלסט, קרח, אז דו וועסט קענען באהויפטען צו קריגען די געלד, אין פאל פרעה זאל ווידער ארויפלייגען אויף אונז שווערע צינזען, וועלען מיר מאכען א פארזוך צו ריידען מיט פרעה׳ן...

—איך בין אימער גרייט צו טהאן ווי מיין פאטער — האט קרח זיך אפגערופען, ווארפענדיג זיינע בליקען אויף עמינדב׳ן און נחשון׳ען — איך וועל האבען די מעגליכקייט אויסצואהלען די צינזען צו פרעה׳ן ווי גרויס זיי זאלען נישט זיין... האט דען מיין פאטער מיר נישט איבערגעגעבען בירושה דעם סוד...

— געוועהנליך, מיר אלע ווייסען, אז דיין פאטער האט דיר פאר זיין טויט איבערגעגעבען די געהיימנים און עס איז נישט אונזער זאך צו וויסען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם סוד, מיר האבען בלויז געוואלט וויסען אויב דו וועסט קענען נאכקומען פרעה׳ס פאדערונגען אזוי גוט ווי דיין פאטער. און איצט, אז דו פארזיכערסט אונז, וועלען מיר דארפען אויסקלייבען א מאן, וועלכער זאל געהן ריידען מיט פרעה׳ן.

— מיין זוהן נחשון, וויל געהן! — האט עמינדב זיך אפגערופען, אבער איך האב מורא, אז מיט איהם זאל ניט פאסירען אזוי ווי מיט מיר, פרעה זאל איהם נישט פארהאלטען...

— פיליכט וואלסטו געגאנגען, קרח, — האט זיך עמרם צו איהם אפגערופען — נאך אלעמען האט דאך דיין פאטער א סך אויפגעטאן פאר דעם קעניג און מיט דיר קען זיין וועט פרעה האבען איינזעהעניש...

— אה, ניין! האט קרח זיך אפגערופען — דו ווייסט דאך אז אויף מיין פאטער האבען אלע געטראגען א גרויסע שנאה און אויב זיי האבען איהם פערזענליך נישט געוואלט טאן קיין שלעכטס, וועלען זיי איצט וועלען אויסלאזען זייער כעס צו מיר, זיין זוהן. אט קום איך איצט פון הרהור׳ן, ער האט פון מיר פארלאנגט עטליכע אלטע פלענער פון געביידעס וואס מיין פאטער האט אמאל געמאכט און איך האב איהם זיי נאר וואס געבראכט און דאס איז די געלט וואס איך האב פון איהם באקומען פאר די פלענער.

מרים האט אויף קרח׳ן געווארפען איהרע בליקען...

— און מיר האט זיך געדוכט, אז דו ביזט געוועזן ביי די ברידער דתן און

אבירם! — האָט זי נישט געקענט פאַרטראָגען זיין ליגען...

— אָה, מיין ברודער נפג, האָט געמאַכט א טעות! — האָט קרח זיך ארויסגערעדט — איך געה די ברידער נישט באַזוכען שוין פון זעהר א לאַנגע צייט... און אָט האָסטו א סימן, אז איך קום גלייך פון הרהור'ן ווייל איך האָב קיין צייט נישט געוואָלט פאַרלירען און גלייך געקומען אהער.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט צו געהן אהער, איידער דו ביזט אהיים געגאַנגען.

קרח האָט געזעהן, אז ער איז אריינגעפאַלען, און ער האָט אָנגעהויבען שטאַמלען:

— מיין ברודער איז מיר געקומען אָנזאָגען ווען איך בין נאָך געוועזן ביי הרהור'ן...

— דיין ברודער! ער איז דאָך געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דתן און אבירם'ס וואָהנונג — האָט מרים זיך אָבגערופען.

— ער האָט זיך באַלד אַרומגעזעהן. אז ער האָט געמאַכט א טעות — איז קרח'ס פנים נאָך רויטער געוואָרען — און איך גלויב, אז ער איז א פריהער דאָ געקומען און אָנגעזאָגט אז איך קום פון הרהור'ן.

— יע, איך האָב איהם באַגעגענט— האָט מרים ווידער געזאָגט און ער האָט מיר פּרובירט זאָגען א פריהער, אז דו קומסט פון הרהור'ן — אָבער ווען איך האָב נפג'ן געפרעגט ווי אזוי ער קומט פון דיזער ריכטונג, האָט ער זיך מודה געוועזן אז ער האָט דיר געטראָפען ביי דתן און אבירם'ן...

— ער מוז זיין פון זינען געריהרט!

— האָט קרח געדריקט זיינע פויסטען.

— פאַרוואָס זאָלסטו אָפּלייקענען, האָט עמרם זיך צו איהם אָפּגערופען— מיר האָבען אויך אנדערע דערצעהלט, אז מען האָט דיר געזעהן געהענדיג צו דתן און אבירם'ן.... יע, קרח, דו טוסט זעהר נישט ריכטיג, ווען דו געהסט צו יענע ברידער. זיי ווען דיר אראָפּפירען פון דעם ריכטיגען וועג... ווייסטו דען נישט, אז כמעט אלע אידען האַלטען זיך גאַנץ אָפּגעזונדערט פון יענע מוסרים!

— איך האָב זיך געדאַרפט זעהן מיט זיי וועגען א זאַך וואָס איך האָב געגלויבט אז זיי ווייסען דערפון. אָבער איצט אז איך האָב אויסגעפונען אז זיי קענען מיר קיין נוצען נישט ברייגגען, קען איך דיר פאַרזיכערען מיין אָנקעל, אז איך וועל מעהר מיט זיי נישט האָבען צו טאָן.

— און ווי עס ווייזט אוים, האָסטו דאָס גאָלד געבראַכט צו זיי? — האָט עמינדב איהם געפרעגט.

—אָה, ניין! — האָט קרח געענטפערט — ווען איך וואָלט דאָס געבראַכט פאַר זיי וואָלט איך דאָך דאָרט עס געלאָזען.

— דאַן ביזטו מודה אז דו קומסט נאָר וואָס פון דתן און אבירם'ן! — האָט נחשון געזאָגט מיט כעס.

קרח האָט איהם נישט געענטפערט. ער האָט איצט געפיהלט, אז ער האָט א סך פאַרלאָרען... אלע האָבען איהם געכאַפּט ביי אזא ליגען... איצט וועט מען איהם שוין מיט קיין זאַך נישט אָנפערטרויען און אפילו ווען ער זאָל אלעמען באַווייזען אז ער איז דער איינציגער וואָס קאָן זיי העלפען, אין פאַל פּרעה וועט אויף זיי ארויפלייגען א גרויסען צינז, וועט דאָס אויך נישט ארונטערנעמען דיזען פלעק פון איהם... נחשון און זיין פאָטער עמינדב וועלען געווים דערצעהלען אלישבע'ן וואָס עס איז היינט פאָרגעקומען אין עמרם'ס הויז, ווי אזוי מען האָט איהם געכאַפּט ביי אזא שענדליכען ליגען... און דערצו איז צו אלעמען באַוואוסט געוואָרען אז ער חבר'ט זיך מיט דתן און אבירם'ן... און דאָס האָט אלעם פאַראורזאַכט זיין אייגענער ברודער נפג. ווען ער וואָלט זיך פאַר מרים'ן נישט ארויסגערעדט,

וואָלט איצט קיינער דערפון נישט געוואוסט און ער וואָלט מיט זיכערקייט געקענט אויספיהרען אלע פּלענער... איצט אָבער האָט ער שוין פאַרלאָרען זיין האָפנונג צו געווינען אלישבע'ן, און אויב אזוי פאַרוואָס זאָל ער אויסברייגנען אומזיסט אזוי פיעל געלד... שטעלט ער דען נישט איין זיין לעבען דאָס צו קריגען...

— ענטזאָגסטו זיך צו געהן צו פּרעה'ן? — האָט עמרם איהם ווידער געפרעגט.

— פאַר מיר איז עס א צו גרויסע ריזיקע! — האָט קרח איהם געענטפערט — איך בין ווילִיג צו דעקען די ציגזען, אויב עס וועט נאָר נישט זיין איבער מיינע קרעפטען... ווייל נאָך אלעמען דאַרפט איהר וויסען זיין, אז צופיל דאַרף מען פון מיר אויך נישט ערוואַרטען. די אוצרות וואָס דער פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזען וועלען שנעל ערשעפּט ווערען. און דעריבער וואָלט איך געראטען מען זאָל דערוויילע איינגאנצען צורוהלאָזען פּרעה'ן כל זמן ער גיט נישט ארויס קיין נייע גזרות.

—און מיר האָבען געמיינט, אז דו וועסט פאַרטזעצען די גוטע ארבייט וואָס דיין פאָטער האָט אָנגעפאנגען? — האָט עמינדב זיך צו איהם אָפּגערופען — מיר האָבען די גאנצע צייט פאַרשטאַנען, אז ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגען געלט, וועט קיין אָפּהאַלט נישט זיין...

— האָט דען מיין פאָטער נישט גענוג געגעבען... און אויך איך וועל נישט צוריקשטעהן. אָבער צו אלץ מוז דאָך נעמען א שיעור.

—אויב אזוי איז וועגען דעם נישטאָ וואָס צו ריידען — האָט עמרם אויסגערופען! — מיר האָבען אומזיסט געהאָפט.

— איך ענטזאָג זיך נישט צו געבען וויפיל איך וועל נאָר קענען — האָט קרח אויסגערופען, אָבער צופיל דאַרף מען נישט פון מיר ערוואַרטען... פונדעסטוועגען וועל איך נאָך א סך קענען אויפטאָן פאַר אונזערע אומגליקליכע ברידער. איך האָב די מאַכט צו טהאָן פיל גוטעס צו מיין פאָלק, נישט נאָר מיט מיין מויל נאָר אויך מיט טהאָן.

שטאַרק ענטוישט פון קרח'ס האַנדלונג זיינען אלע די וועלכע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין עמרם'ס הויז, צעגאַנגען.

קרח האָט זיך אויך באַלד אָפּגעטראָגען פון דאָרטען און איז שנעל א היים געגאַנגען. ער האָט גוט אָנגעשריען אויף זיין ברודער נפג'ן פאַר דער צרה וואָס ער האָט אויף איהם געבראַכט.

— אויב דיינע באַזוכען צו די ברידער דתן און אבירם זיינען פאַר דיר א צרה, פאַרוואָס געהסטו צו זיי, — האָט איהם נפג געענטפערט.

— דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דיר. איז דען נישט גענוג, אז איך האָב דיר אָנגעזאָגט דו זאָלסט פאַר קיינעם נישט דערצעהלען וואוהין איך געה, און דו ערוואַטסט נאָך איך זאָל דיר ענטדעקען די געהיימנים פון וואַנען איך נעם די געלד... עס וואָלט לאַנג ניט גענומען און גאַנץ גיך וואָלט דערפון געוואוסט.

נפג האָט קרח'ן נישט געענטפערט. ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק שולדיג געגען זיין ברודער און ער האָט איהם נישט געוואָלט אריינברייגנען אין א גרעסערען צאָרן.

אין אָוועגט איז פּלוצלונג אריינגעקומען אין קרח'ס הויז א פרעמדער מאַן און האָט זיך אָפּגערופען צו קרח'ן:

— איך בין א גוטער פריינט צו דתן און אבירם און זיי האָבען מיר געשיקט צו דיר אָנצוזאָגען אז זיי האָבען זעהר א גוטען פּלאַן... אָבער דו מוזט באַלד קומען.

— ניין, עס איז אומעגליך פאַר מיר. איך קען מעהר צו זיי נישט געהן — האָט קרח זיך אָפּגערופען.

— דו דאַרפסט פאַר מיר קיין מורא

נישט האָבען, איך ווייס אַלע זייערע סודות... פאַר מיר איז קיין פאַרבאָרגענם נישטאָ... און די ברידער ווייסען, אַז זיי קענען זיך אויף מיר פאַרלאָזען.

— אָבער ווער ביזטו? — האָט קרח איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— מיין נאָמען איז, און, איך בין דער זוהן פון פלת. איך שטאַם מיט זיי פון דעם זעלבען שבט ראובן.

— און בן פלת?! — האָט קרח אַ קוועטש געטאָן מיט זיינע פּלייצעס— איך הער דיין נאָמען צום ערשטען מאָל.

— איך קען זיך מיט די צוויי ברידער נאָך זינט דאַן, ווען זיי האָבען געמסור'ט צו פרעה'ן, אַז משה האָט געטויטעט דעם מצרי, — האָט ער געזאָגט — דאַן ווען אַלע אידען האָבען זיך פון זיי אָפּגעקעהרט בין איך געווען דער איינציגער וועלכער איז געבליבען געטריי צו זיי... און ווען זיי זיינען דערהויבען געוואָרען ביי פרעה'ן און ער האָט זיי געמאַכט פאַר שוטרים איבער אַ קליינע צאָהל אידען, האָבען זיי מיר אינגאַנצען באַפרייט פון דער אַרבייט... און איצט זיינען מיר די בעסטע און איבערגעבענסטע פריינט.

— און זיי האָבען דיר דערצעהלט וועגען דעם פּלאַן וואָס זיי האָבען געהאַט מיט מיר אָפּגעמאַכט? האָט קרח איהם געפרעגט.

— געוויס! איך ווייס אַלעס! איך ווייס פון דיין ליעבע צו אלישבע'ן און פון דעם, אַז אהרן שטעהט דיר אין וועג... און דו מעגסט זיכער זיין, אַז איך ווייס אויך ווי צו האַלטען אַ סוד— האָט און געגעבען אַ שמייכעל—און איך האָף, אַז פון יעצט אָן וועסטו מיר אויך האַלטען פאַר אַן איבערגעגעבענעם פריינד. איך וועל שטענדיג זיין געגרייט דיר אַרויסצוהעלפען. און איך מוז דיר זאָגען, אַז דער יעצטיגער פּלאַן וואָס דתן און אבירם האָבען אויסגעאַרבייט דיר אַרויסצוהעלפען, איז פון גרויס וויכטיגקייט. עס איז אַ פּלאַן ווי אַזוי אין גאַנצען אָפּצוראַמען דעם שונא פון וועג...

— ניין, מיין פריינד! — האָט קרח איהם געענטפערט — עס מאַכט נישט ווי גוט דער פּלאַן זאָל יעצט זיין, וועל איך איהם נישט אָננעהמען... וואָס עס זאָל נישט געשעהן צו אהרן וועט דער חשד גלייך פאַלען אויף מיר און די ברידער דתן און אבירם... זאָג זיי אין מיין נאָמען, אַז אין דער יעצטיגער צייט וועלען מיר מוזען אויפגעבען אַלע פּלענער... דו מעגסט זיי אויך וואָרענען אין מיין נאָמען, אַז עס איז יעצט פאַר זיי נישט קיין צייט צו געהן פער'מסור'ן פאַר פרעה'ן וועגען בצלאל'ס קונסט־אַרבייט. עס וואָלט לאַנג נישט געדויערט און אַלע וואָלטען געוואוסט ווער די מוסרים זיינען, און דאָס פאָלק וואָלט זיכער אויסגעלאָזען דעם צאָרן אויף זיי... זאָג זיי אויך אַז נישט אַזוי גיך וועל איך זיי קענען אָפּצאָהלען אַ בעזוד... ווייל עס איז ביי קיינעם קיין סוד נישט, אַז איך האָב זיי בעזוכט און יעדער איז מיר חושד אין עפּעס אַנדערש... און אויב איך האָב געהאַט אַ האָפנונג אַז אלישבע זאָל געהערען צו מיר, האָב איך דאָס זיכער פערלאָרען, צוליב מיינע בעזוכען. און דעריבער האָף איך, אַז ווען עס זאָל אַוועקגעהן אַ שטיק צייט און דאָס וועט פערגעסען ווערען, ווייל מען וועט מיר שוין מעהר נישט זעהן אין דער געזעלשאַפט פון דתן און אבירם, וועט דאַן פיליייכט מעגליך זיין פאַר מיר צוריק צו־געווינען אלישבע'ס צוטרוי.

— אָבער איך בין זיכער, אַז דורך זייער נייעם פּלאַן וועסטו שנעלער קענען דערגרייכען דיין ציעל! — האָט און, דער זוהן פון פלת זיך אָפּגערופען. דו וועסט דאָך געוויס גאָר נישט דערלייגען אויב דו וועסט זיך מיט זיי טרעפען בלויז איין מאָל און הערען וואָס זיי האָבען דיר צו זאָגען.

— דאָס וועל איך נישט טאָהן — האָט קרח געענטפערט — איך וועל מיין בעשלוס נישט ענדערען... אין פערלויף פון דיזען יאָהר וועל איך צו זיי נישט קומען און דו מעגסט זיי אויך בעטען אין

מיין נאמען, נישט צו וואגען מיר צו בעזוכען אין מיין היים... אויב זיי האבען עפעס דרינגענד מיר איבערצוגעבען, זאלען זיי דאס טאהן דורך דיר, וויל איך האב צו דיר אויך געקראגען צוטרוי. יע, דו קענסט צו מיר קומען צו יעדער צייט.

— איך דאנק דיר קרח — האט און זיך א נייג געטאהן — דיין פריינדשאפט צו מיר וועל איך שטארק אפשאצען.

עלפטער קאפיטעל

בלעם ווערט פארטריבען פון פאלאץ

וואס מעהר גאלד קרח האט אריינגעקראגען, אלץ שטארקער איז זיין חשק געווען צו פארגרעסערן זיינע אוצרות. די ערשטע צייטען פלעגט ער זיך אריינגנב'ענען אין פרעה'ס שאץ־קאמער בלויז איין מאל א מאנאט, נאכהער האט ער עס געטאהן אפטער ביז ער האט עס געמאכט פאר זיין געוואהנהייט צו קומען אהין איינמאל א וואך און ארויסנעהמען אזוי פיעל גאלד ווי מעגליך. זיינע אוצרות גאלד זיינען וואס ווייטער גרעסער געווארען.

פרעה פלעגט גאנץ אפט אריינטראגען אין זיין שאץ־קאמער די נייע צוגעקומענע צינזען פון די אידען און פון די מצריים. ער האט אנגעפאנגען צו באמערקען, אז עס איז גאר קיין מזל ברכה אין זיינע אוצרות נישטא. אנשטאט צו ווערען גרעסער, דוכט זיך איהם, אז זיי ווערען קלענער.

איין טאג האט ער דאס דערציילט פאר זיינע מיניסטארען.

— איך ווייס נישט וואס דאס איז! — האט פרעה זיך צו זיי אפגערופען — איך פיל אן די שאץ־קאמער מיט גאלד, און מיר דוכט זיך, אז די גאלד ווערט ווינציגער.

— מעכטיגער פרעה! — האט בלעם זיך אפגערופען — דו ווייסט דאך ווי די שאץ־קאמער איז געזיכערט פון גנבים. איך גלויב, אז דאס וואס דיר דוכט זיך אז די גאלד ווערט ווינציגער, איז דאס צוליב דעם וואס עס איז נאך דארטען נישטא צופיעל... דו האסט פערגעסען אן דיינע שקלאפען וועלכע פלעגען דיר פון צייט צו צייט צאהלען זעהר גרויסע צינזען... די אידען זיינען נאך גענוג רייך און דו קענסט נאך פון זיי פיעלעס ערווארטען... די איינציגע זאך וואס דו דארפסט טאהן איז, ארויסצוגעבען א נייע גזרה וואס זאל פאלען א גרויסע לאסט אויף די ישראלים, און דאן וועט זיך זייער גאלד ווידער נעהמען שיטען אין דיינע אוצרות...

— וואס פאר א נייע גזרה קען איך יעצט ארויסגעבען, אז עס זאל זיי ווידער צווינגען ארויסצוקומען מיט זייער גאלד? — האט פרעה בלעם'ן געפרעגט.

— ווען איך האב לעצטענס בעזוכט די צוויי שטעדט פתום און רעמסס, האב איך בעמערקט אז די אידישע שקלאפען טוען נישט זייערע ארבייט ווי געהעריג. זיי פוילען זיך אונטער. איך האב גענומען אויספארשען וויפיעל ארבייט יעדער פון זיי פלעגט אמאל טאהן און עס פערגליכען מיט זייער יעצטיגער ארבייט, זעה איך אז עס פעהלט א סך. דעריבער וואלט איך דיר געראטען, מיין האר קעניג, דו זאלסט ארויסגעבען א גזרה, אז די צאהל ארבייט פון יעדען טאג זאל בעשטימט ווערען פאראויס, און אויב עס וועט נישט געמאכט ווערען אין גאנצען, זאל א שטראף פון געלט ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען איינעם, וועלכער האט געמאכט ווינציגער ארבייט. און ווען ער וועט נישט וועלען בעצאהלען די געלט שטראף, זאל זיינער א קינד פערמויערט ווערען אין וואנט אויסצופילען די צאהל ציגעל וואס ער האט ווינציגער געמאכט...

— דיין עצה געפעהלט מיר, בלעם! — האט פרעה זיך אפגערופען — איך וועל יעצט האבען א געלעגענהייט ארויסצוקריגען פון זיי דאס גאנצע גאלד.

— נישט איינמאל האב איך שוין געזאגט מעכטיגער פרעה! — האט זיך

בלעם אָפּגערופען — אז די קינדער פון ישראל האָבען נאָך אונערשעפּליכע אוצרות, וואָס איז זיי פערבליבען אין דער צייט ווען זייער עלטער זיידע יוסף איז געווען דער הערשער פון מצרים, און וויפיעל דער קעניג האָט פון זיי ארויס־געקראַגען, איז נאָך א סך מעהר פער־בליבען ביי זיי, און דער איינציגער וועג עס פון זיי ארויסצובעקומען, איז דורך אזעלכע גזרות.

— איך וועל נישט זיין צופרידענ־געשטעלט ! — האָט פּרעה אויסגערו־פען — ביז וואנען איך וועל אָנפילען דעם פּלאַץ פון די גאָלד פון מיין שאַץ־קאַמער ביז אויבען.

— ווען איך וואָלט געקענט זעהן ווי־פיעל גאָלד דער קעניג בעזיצט יעצט, וואָלט איך געקענט זאָגען וויפיעל צייט און וויפיעל נייע גזרות דו וועסט ברוי־כען צו האָבען, כדי דיין וואונש זאָל פערווירקליכט ווערען — האָט בלעם געזאָגט.

— אויב דו ווילסט קענסטו מיט מיר אהין אריינקומען ! — האָט פּרעה זיך אָפּגערופען — איך וועל דיר צייגען מיינע אוצרות, אָבער דו דאַרפסט וויסען זיין, אז דו ביזט דער ערשטער מאַן אין מיין גאַנצען לאַנד, צו וועמען איך האָב אזוי פיעל צוטרויען... אפילו מיינע איי־גענע זיהן האָבען נאָך קיינמאָל קיין צו־טריט נישט געהאַט צו מיין שאַץ־קאַ־מער.

— איך שאַץ אָפּ, גנעדיגער קעניג, דיין צוטרוי וואָס דו האָסט צו מיר. עס איז ווירקליך פאַר מיר דער גרעס־טער כבוד צו זיין דער ערשטער מאַן וועלכער זאָל קענען בעקוקען דיינע אוצרות.

פּרעה האָט גענומען צעהן פון זיינע לייב־וועכטער און איז צוזאַמען מיט בלעם'ן אריין פריהער אין זיין שלאָף־צימער און דאָרטען האָט ער ביים אריינ־גאַנג פון שאַץ־קאַמער אוועק געשטעלט זיינע לייב־וועכטער און אליין אָפּגעע־שלאָסען די טיהר...

— ווען איהר וועט הערען מיין שטי־מע זאָלט איהר גלייך אריינקומען אינוויי־ניג — האָט פּרעה אָנגעזאָגט זיינע בעד־וואַפּענטע לייב־וועכטער, און צו בלעם'ן האָט ער זיך אָפּגערופען מיט א שמיי־כעל :

— איך האָף, אז דו וועסט זיך נישט פיהלען בעליידיגט פון דעם וואָס איך האָב נאָר וואָס אָנגעזאָגט מיינע לייב־וועכטער, זיי זאָלען גוט אכטונג געבען — האָט פּרעה געזאָגט צו בלעם'ן מיט א שמייכעל — דו ווייסט דאָך ווי גרויס דער חשק איז פון יעדען מענשען צו קריגען וואָס מעהר גאָלד, און איך בין בערעכטיגט מורא צו האָבען, אז ווען דו וועסט דערזעהן אזוי פיעל אוצרות מיט גאָלד, וועסטו דערפון אזוי בערוישט ווערען, און א שלעכטער געדאַנק קען דיר נאָר ארויפקומען אויפ'ן זינען...

בלעם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט :

— ווייס דען נישט, מיין האַר קעניג, אז די גאַנצע גאָלד פון דער וועלט, וואָלט מיר נישט געקענט ברייגנען דערצו, אז איך זאָל פערראַטען פּרעה'ן.

— און דעריבער האָב איך טאַקע אין דיר מעהר צוטרויען ווי אין מיינע אַנ־דערע מיניסטאָרען — האָט פּרעה גע־זאָגט, און איז מיט בלעם'ן אריין אין שאַץ־קאַמער.

פּרעה האָט בלעם'ן געצייגט זיינע גרויסע אוצרות, די פאַרשידענע קאָסט־באַרע שטיינער, און די ציערונג מיט וואָס ער איז זעהר שטאָלץ געווען.

בלעם האָט געגאַפט. ער האָט זיינע אויגען נישט געקענט אָנזעטיגען מיט די וואונדער שעהנע ציערונג וואָס זיינען געווען געפּאַסט מיט פערשידענע שימע־רירענדע קאָסטבאַרע שטיינער.

—איך האָב געזעהן פיעלע אוצרות און פערשידענע ציערונג ביי דעם קעניג פון ארם, און ביי דעם קעניג עמון אָבער אזעלכע ציערונג האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. דער קעניג פון ארם איז פערערעכענט פאַר דעם רייכסטען קעניג, און ווען איך זאָל יעצט זיינע אוצרות

פערגלייכען מיט דיינע, וואלט איהם געפאסט צו זיין א בעטלער ביי דיר, אה פרעה!

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף פרעה'ס ליפען — בלעם'ס חנפ'ענען האט איהם אריינגעבראכט אין זעהר א גוטע שטימונג.

— אויב דו ווילסט זעהן א וואונדערבארע ציערונג, דען קום מיט מיר צו יענעם ווינקעל — האט פרעה אנגעציינט מיט זיין פינגער אויף א פלאץ וואס איז געווען נישט ווייט פון דער קופע גאלד.

ביידע זיינען אהין צוגעגאנגען און פרעה האט פון וואנט ארונטערגענומען אן אויסערגעוועהנליכען שעהנעם האלזבאנד געפאסן: מיט דימאנטען און פיעלע אנדערע קאסטבארע שטיינער. ער האט עס דערלאנגט בלעם'ן און זיך אפגערופען:

— דיזען האלזבאנד איז מיר געקומען אלס ירושה פון מיין זיידען, וועלכער האט געקעמפט מיט דעם קעניג פון די חתים, און איהם גענומען געפאנגען. ער האט געוואלט בעפרייט ווערען, און ער האט מיין זיידען אנגעבאטען צו געבען א וואונדערבארען האלזבאנד. מיין זיידע האט צוגעשטימט דערצו און אין באגלייטונג פון פרעה'ס לייב־וועכטער, איז דער קעניג פון די חתים אוועק צו א פערבארגענעם פלאץ און פון דארטען ארויסגענומען דיזען האלזבאנד און איהם איבערגעגעבען צו מיין זיידען. דער האלזבאנד איז איהם אזוי שטארק געפעלען געווארען, אז ער האט איהם גלייך בעפרייט, און ער האט בלויז ארויפגעלייגט א שווערען צינזען אויף זיי.

— דיזער האלזבאנד וואלט זיך זעהר געפאסט פאר דער קעניגין צו טראגען — האט בלעם זיך אפגערופען.

— מיין באבע האט טאקע איהם געטראגען — האט פרעה געזאגט — אבער זי איז דאך געווען א זעלטענע שעהנהייט. איהר האלז איז געווען קלאר ווי אלבאסטער און איהרע אויגען האבען געשיינט ווי בריליאנטען, אבער מיין מלכה איז ווייט פון צו זיין א שעהנהייט, און ווען איך האב איהר צום ערשטען מאל געלאזען טראגען דיזען האלזבאנד, האט עס נאך שטארקער און בולט'ער איהר העסליכקייט ארויסגעצייגט... און איך האב דאס גלייך פון איהר אוועקגענומען... ווען די געטער וואלטען מיר צוגעשיקט איינע, וועלכע זאל זיין ווירדיג צו טראגען אזעלכע ציערונג וואלט איך דאס איהר געוויס געגעבען.

— אבער פילע פון פרעה'ס קעבסווייבער זיינען גאנץ שעהנע—האט בלעם געזאגט מיט א שמייכעל.

— דאס וועט אבער די קעניגין נישט דערלאזען! — האט פרעה צוריק אויפגעהאנגען דעם האלזבאנד אויפ'ן וואנד —און דא געפינט זיך דער אוצר פון די גאלד! און וואס מעהר איך קוק אויף דעם אלץ מעהר דוכט זיך מיר אז דא איז נישט אזוי פיעל ווי איך האב אריינגעבראכט.

א היבשע ווייל איז פרעה ארומגעגאנגען מיט בלעם'ן דורך דער לענג און ברייט פון שאץ קאמער און בלעם האט נישט אויפגעהערט אויסצודריקען זיין בעוואונדערונג און בעגייסטערונג פון פרעה'ס רייכטימער. בלעם האט זיך געפיהלט שטארק געשמייכעלט פון דעם גרויסען כבוד וואס פרעה האט איהם אנגעטאהן און עס האט לאנג נישט געדויערט און עס איז בעקאנט געווארען איבער גאנץ מצרים אז בלעם פרעה'ס הויפט מיניסטער איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער וועלכער האט געהאט די זכיה צו זעהן פרעה'ס אוצרות.

ווען קרח האט פון דעם דערהערט, האט זיין הארץ א צאפעל געטאהן. ער האט געוואוסט אז בלעם איז זעהר כיטרע און ווען פרעה וואלט בעמערקט אז עפעס פעהלט פון זיינע אוצרות, וואלט ער שוין געראטען פרעה'ן ווי אזוי צו היטען די שאץ קאמער און מעגליך אז דורך איהם וועט פרעה דערגעהן דעם גאנצען סוד. יע, יעצט וועט ער מוזען

זיין זעהר פארזיכטיג, ווייל אויב פרעה וועט זיך דערוויסען וועגען דעם געהיימניספולען שטיין, דאן וועט דאך דער חשד גלייך פאלען אויף איהם. ווייל מען וועט דאך פערשטעהן אז דאס האט יצהר געטאהן, און פרעה וועט נאר איהם אריינזעצען אין תפיסה, און דאן וועט אלעס ענטדעקט ווערען. עס וואלטען זיך געווים געפונען עטליכע זיינע שונאים, פון די אידען גופא, וועלכע וואלטען פרעה'ס חשד בעשטעטיגט דירך דעם, אז יצהר האט אליין צוגעשטעלט די גאנצע צינזען וואס עס איז לעצטענס ארויפגעלייגט געווארען אויף די אידען.

קרח האט א ציטער געטאהן ווען איא געדאנק איז איהם ארויפגעקומען. וועט זיין גאנצע מיה זיין אומזיסט. אה ניין! ער טאר דערצו נישט דערלאזען! ער האט זיך דערמאהנט וואס זיין פאטער האט איהם געזאגט פאר זיין טויט, ווי אזוי ער קען זיך אפרעכענען מיט בלעם'ן דעם רשע, און פלוצלינג האט איהם א בליץ געטהאן א געדאנק אז ער קען נאך פערדאפלען זיין רייכטום און ווען ער וועט האבען אנגעזאמעלט גענוג רייכטום פון פרעה'ס אוצרות, וועט ער ערשט דאן קענען טאהן ווי זיין פאטער האט איהם געזאגט, און בפרט יעצט, ווען עס איז צו אלעמען בעוואוסט, אז בלעם איז געווען דער איינציגער מאן פון גאנץ מצרים צו בעזוכען פרעה'ס שאץ־קאמער.

מיט איניגע טעג שפעטער, האט קרח ווידער בעזוכט פרעה'ס שאץ־קאמער און פון דארטען ארויסגענומען אזוי פיעל געלד וויפיעל ער האט געקענט. ער האט גענומען בעטראכטען די פערשידענע טייערע ציערונג און ער האט בעמערקט דעם קאסטבארען האלזבאנד!

— דאס וועט ער ארונטערנעהמען — האט ער א טראכט געטאהן און אריינלייגען אין בלעם'ס קארטע. ער האט ארונטערגענומען דעם האלזבאנד פון וואנט און איהם שנעל אריינגעלייגט אין קעשענע. נאכהער האט ער ארויסגענומען דעם זעקעל מיט געלד און צוריק־געשטעלט דעם שטיין אויף זיין פלאץ. ער איז אפגעגאנגען א שטיקעל וועג און ער האט בעהאלטען דעם זעקעל געלד אונטער א בוים, דערנאך האט ער א טאפ געטאן דעם האלזבאנד אין זיין קעשענע און איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון די טויערן פון פרעה'ס פאלאץ. אלעס ארום איז געווען גאנץ שטיל. די וועכטער פון טויער זיינען געווען מיעד און שלעפעריג און זיינען געזעסען און געדרעמעלט. נישט ווייט פון זיי האט ער בעמערקט א קארעטע. פון דעם שיין פון דער לבנה האט ער געקענט בעמערקען אז דאס איז די קארעטע פון פרעה'ס הויפט מיניסטער. ער האט זיך צוגעשארט עטוואס נעהענטער און אנגעשטרענגט זיינע אויגען צו זעהן דעם טרייבער פון דער קארעטע. א ווײלע איז ער געבליבען שטעהן אטעמלאז. ער האט זיך געוואלט איבערצייגען אויב דער קוטשער האט טאקע איינגעדרעמעלט. ווען ער האט נישט בעמערקט קיין בעוועגונג פון איהם, איז ער נאך נעהענטער צוגעגאנגען און זיך געשטעלט הינטער דער קארעטע. זיין הארץ האט גענומען נאך שטארקער קלאפען ווען אימיצער פון די וועכטער זאלען איהם יעצט בעמערקען וואלט אלעס געווען פערפאלען. פרעה וואלט זיך דערוואוסט אז ער האט פון זיינע אוצרות גע'גנב'עט און דאן וואלט ער איהם געהאנגען. זיינע הענט האבען איהם אנגעהויבען צו ציטערען, זיינע קניע האבען זיך געבויגען. אט דוכט זיך איהם אז ער הערט א גערויש און ער האט שוין געוואלט נעהמען לויפען צוריק, אבער ער האט נישט געקענט. א שוויס האט באגאסען זיין קערפער. אין זיין האנט האלט ער דעם האלזבאנד און ער שטעהט שוין נעבען דער קארעטע. ער האט גענומען א פיהר טאהן מיט זיין האנט איבער דער קארעטע און געזוכט אן אפענעם פלאץ. באלד האט ער דערפילט אן אפענעם פלאץ. ער האט ארונטערגעשטעקט זיין האנט צו זעהן וואוהין די עפענונג פיהרט. באלד נאכדעם האט

ער ארונטערגעלאזען דעם האלזבאנד, אזוי אז עס זאל נישט מאכען קיין גערויש. און ווי ער האט עס אפגעטאן, האט ער גענומען שטעלען שנעלע טריט. ער איז צוגעגאנגען צו דעם בוים און פון דארטען גענומען דעם זעקעל געלד און שנעל אהיים געגאנגען. זיין הארץ איז געווען אנגעפילט מיט פרייד. ער האט זיין הויפט ציעל דערגרייכט. די האלזבאנד געפינט זיך שוין אין בלעם'ס רשות. נישט אזוי שנעל וועט איהם בלעם בעמערקען. און יעצט, ווען פרעה וועט זיך ארומזעהן אז דער האלזבאנד פעהלט איהם, וועט דאך געווים באלד פאלען זיין חשד אויף בלעם'ן און ווען מען וועט טאקע איהם געפינען אין זיין רשות, וועט דאס שוין פרעה'ן איבערצייגען אז בלעם איז דער איינציגער וועלכער האט זיינע אוצרות ב זרויבט און דאס וועט אין גאנצען אוועקנעהמען דעם חשד פון איהם. מעהר אבער יעט ער שוין נישט טארען געהן אהין. ער האט שוין גענוג געלד, ער וועט בלויז דארפען זעהן דאס ער זאל נישט אויסבריינגען די געלד, וואס ער האט אנגעזאמעלט איינשטעלענדיג זיין לעבען אין געפאהר. ער וועט דארפען די אידישע פארשטעהער אנזאגען אז זיי זאלען זיך צופיעל אויף איהם נישט פערלאזען. ער קען איבערהויפט קיין געלד נישט געבען. דאס וואס עס איז איהם פערבליבען פון זיין פאטער וועט קוים קלעקען פאר איהם און זיין משפחה.

א גרויס טרויער האט ארומגענומען אלע אידען פון גשן ווען זיי האבען זיך דערוואוסט פון דער נייער גזרה וואס פרעה האט ארויסגעגעבען. דאס הארץ האט ביי יעדען שוין פריהער געזאגט אז א שווארצער וואלקען רוקט זיך אויף זיי, ווען די פערשקלאפטע אידען האבען דערזעהען אז פרעה און בלעם פאהרען מיט זייערע קארעטען דורך די שטעדט פיתם און רעמסס און די מצרישע שוטרים נעהמען א חשבון פון יעדענס ארבייט.

— פון דעם וועט שוין קיין גוטעס נישט ארויסקומען — האבען די אידען שוין דורכגעשמועסט צווישען זיך.

— אויב בלעם איז דא מיט פרעה'ן, פלאנעווען זיי שוין געוויס אונז ווידער שלעכטעס צו טאהן — האבען אנדערע געזאגט.

זייער מורא האט זיך ארויסגעצייגט צו זיין נישט אומבעגרינדעט, ווייל אויף מארגען, נאכדעם, זייענען ארויסגעקומען פיעלע הויפטען צווישען די אידישע שקלאפען און האבען אנגעזאגט אז דער קעניג און זיין הויפט מיניסטער האבען אויסגעפונען דאס די אידישע שקלאפען פוילען זיך אונטער אין זייער ארבייט און אויסרעכענענדיג דעם צאהל פון ציגעל וואס זיי פלעגען מאכען אין די פריהערדיגע יאהרען, צייגט זיך ארויס אז זיי זיינען א סך הינטערשטעליג און דעריבער האט פרעה ארויסגעגעבען די פאלגענדע גזרה:

יעדער אידישער שקלאף וואס וועט טאהן ווינציגע ארבייט ווי פריהער, וועט מוזען בעצאהלען א שטראף פון געלט און אויב ער וועט נישט קענען בעהויפטען צו בעצאהלען, וועט מען איינעם פון זיינע קינדער פערמויערן אין וואנט כדי אויסצופילען די צאהל ציגעל וואס ער האט ווינציגער געמאכט.

— אבער דאן, מיט יאהרען צוריק, ווען מיר זיינען געוועזען אינגער — האבען די אידען גע'טענה'ט צו די שוטרים — האבען מיר געהאט מעהר קרעפטען צו טאהן מעהר ארבייט, אבער יעצט זיינען מיר אויסגעמאטערט און אפגעשוואכט געווארען און אונז וועט זיין זעהר שווער נאכצוקומען דיזע נייע גזרה.

— וועט איהר דאן זיך מוזען געזעגענען מיט אייער געלד! — האבען זיי די שוטרים געענטפערט — ווייל דאס האט דאך יעדער פון אייך און אויב ניט וועט איהר מוזען אייערע קינדער אפגעבען. פרעה'ס גזרה וועט נישט געענדערט ווערען.

די יללה און יאמער צווישען די אידען איז געווארען זעהר גרויס. אויף

אזא אומגליק האָט זיך קיינער נישט געריכט. יעדער האָט געשאָלטען בליצם דעם רשע, ווייל אלע האָבען געוואוסט אז דאס שטאַמט פון איהם.

ווען די נייעס איז בעוואוסט געוואָרען אין גשן, האָבען זיך אלע אידישע פאַרשטעהער פערזאמעלט און מען האָט גענומען ריידען פון פרעה׳ס נייער גזרה...

— לאָמיר האָפען אז עס וועט אויסגעהן צו די גאָלד! — האָט עמינדב אויסגערופען — אזוי לאנג ווי קרח האָט נאָך גאָלד וועט ער זיכער אויסלייזען יעדען איינציגען וואָס וועט זיך נויטיגען.

— לאָמיר שיקען נאָך איהם! — האָט זיך איינער אָפּגערופען — וועלען מיר הערען וואָס ער האָט צו זאָגען.

— איך האָב שוין נאָך איהם געשיקט — האָט עמרם געזאָגט. ער וועט זיכער באַלד אָנקומען.

אין א ווײַלע ארום איז קרח אָנגעקומען... ער איז געוועזן גאנץ קאַלט און רוהיג.

— די אויגען פון אונזער גאַנצען פאָלק איז יעצט אָנגעווענדעט אויף דיר! — האָט עמרם זיך צו איהם אָפּגערופען. פרעה׳ס נייע גזרה האָט אונז אלעמען שטאַרק דערשלאָגען. און דו ביזט אונזער איינציגע האָפנונג, ווײַלע ווי דיר איז בעוואוסט איז יעדער איינער פון די אומגליקליכע פערשקלאַפּטע אידען, שטאַרק פעראַרימט געוואָרען, און אויב ער וועט נישט בעוויזען צו מאַכען דעם זעלבען צאָהל ציגעל אָדער אנדערע ארבייט און ער וועט אויך קיין געלט נישט האָבען, דאַן וועלען זיינע קינדער פערמויערט ווערען.

קרח איז געשטאַנען און האָט אלעמען אָנגעקוקט... בעת מעשה איז ער געריהרט געוואָרען פון עמרם׳ס רייד. אָבער ווען ער האָט זיך גענומען איבערטראַכטען, האָט ער דאָך זיך בעשלאָסען נישט אזוי שנעל זיך צו שיידען פון זיין גאָלד.

— איך האָב שוין; ביי אן אנדער געלעגענהייט געזאָגט — האָט קרח זיך אָפּגערופען — אז מיין פאָטער׳ס רייכטום איז ערשעפּט געוואָרען — קיין סך גאָלד האָב איך נישט, אמת איך וואָלט יע געקענט בעהילפיג זיין א קליינע צאָהל, אָבער ווען איך וואָלט אזוי געטאָהן וואָלט עס געווען א סך ערגער פאַר אלע אידען, ווײַלע די אנדערע וועלכע זיינען יע בכח צו טאָהן די בעשטימטע צאָהל ארבייט, וועלען זיך אונטערפוילען עס צו טהאָן, פערלאָזענדיג זיך אויף מיר אז איך וועל זייער שטראָף בעצאָהלען. דעריבער וויל איך אפילו קיין וועג נישט ווייזען. ווען זיי וועלען וויסען אז זיי האָבען זיך נישט אויף וועמען צו פערלאָזען, וועלען זיי טאָהן זייער ארבייט מיט מעהר פליים און דערמיט פערמיידען פרעה׳ס שטראָף. נאָך אלעמען פערלאנגט דאָך נישט דער קעניג אן אונמעגליכע זאַך... עס זיינען דאָך געוועזן צייטען, ווען זיי פלעגען די בעשטימטע צאָהל ארבייט ארויסגעבען יעדען טאָג!

די פאַרשטעהער זיינען ערשטוינט געוואָרען דערהערענדיג פון קרח׳ן אזעלכע רייד... יעצט זעהן זיי אז עס איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פערלאָזען... ווען יצהר, זיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט אלעס רעכט געווען.

— אָבער קרח — האָט נחשון זיך צו איהם אָפּגערופען — עס זיינען דאָך פאַראַן צווישען די פערשקלאַפּטע אידען אזעלכע וועלכע זיינען דורך דער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און זיך פערעלטערט, ווי אזוי וועלען זיי קענען יעצט אויפטאָהן אזוי פיעל ארבייט וויפיעל זיי האָבען געקענט אויפטאָהן מיט יאָהרען צוריק, ווען זיי האָבען נאָך זייערע כוחות געהאַט?

— ווען אזעלכע וואָלט נישט געוועזן קיין סך, וואָלט איך זיך אונטערגענומען זיי צו העלפען! — האָט קרח געענטפערט — אָבער ווי אזוי בין איך זיכער אז יעדער איינער וועלכער וועט זיך אונטערפוילען צו ארבייטען וועט קומען און זאָגען אז זיינע כוחות האָבען איהם

פערלאזען... ניין, ווען איך זאל ארויסציינען רחמנות צו איינעם וועלען די איבעריגע אויך פערלאזען דאס זעלבע... און פארוואס זאל דער גאנצער לאסט ארויפגעלעגט ווערען אויף מיר? — האט ער זיך אפגערופען צו נחשונ'ען אין דער שטיל... מיר דוכט זיך אז אהרן איז חשוב'ער ביים פאלק ווי איך. זאל ער זעהן אן עצה ווי אזוי צו העלפען זיינע פעראומגליקטע ברידער... דערוויל האט ער נאך גארנישט אויפגעטאהן פאר די אידען... ער רעדט א סך, אבער ווען עס קומט צום טאהן, איז ער נישטא... און איך האב שוין א סך אויפגעטאהן פאר די אידען, און דיין שוועסטער וויל זיך אפילו אויף מיר נישט אומקומען.

— זאג מיר וואס האסטו אויפגעטאהן פאר אונזערע ברידער? — האט נחשון איהם געפרעגט — דו בעשולדיגסט אהרן'ען אז ער רעדט בלויז... דערמיט דארף מען דאך דיר בעשולדיגען... ווען דיין פאטער איז געשטארבען, האסטו געמאכט פערשפרעכונגען, אז דו וועסט געהן אין די פוס טריט פון דעם פאטער און יעצט, ווען עס קומט עפעס צו טאהן, צו העלפען דיינע ברידער, זוכסטו זיך דערפון ארויסצורעהען... וואלט דען דיין פאטער אזוי געהאנדעלט?...

— אבער דו דארפסט נישט פערגעסען, נחשון אז איך האב אויפגעטאהן זעהר פיעל, ווען מיין פאטער האט געלעבט, ווען איך וואלט דאן צו הרהור'ן נישט געגאנגען, וואלט מעגליך דיין פאטער און עמרם געטויטעט געווארען פון פרעה.

— הרהור'ן האט דיין פאטער גאנץ גוט געקענט, ער האט געוואוסט אז ער איז דער בעסטער ארכיטעקט און פריהער אדער שפעטער וואלט פרעה זיך פון איהם דערוואוסט... אבער וואס פאר אן אונטערשיעד צווישען דיר און דיין פאטער... מיר אלע געדענקען די רייד פון דיין פאטער ווען ער האט געזאגט אז ווי גרויס פרעה'ס געלט שטראף זאל נישט זיין, וועט ער עס קענען נאכקומען... און דו זוכסט זיך ארויסצודרעהען ביי דער ערשטער געלעגענהייט...

— פארוואס זאלסטו מיר נישט וועלען פערשטעהן? — האט קרח זיך צו איהם געווענדעט — טאקע צוליעב דעם וואס מיין פאטער איז געווען אזוי נאכגיביג, האבען זיך די אוצרות כמעט ווי ערשעפט... געוועהנליך איך האב נאך גענוג אבער ווען איך זאל נעהמען טאהן אזוי ווי מיין פאטער, וועל איך ווערען אזוי ארים ווי אהרן און די איבעריגע... ניין, דאס וויל איך נישט! סיידען אלישבע!

— וואס מיינסטו סיידען אלישבע?

— האט איהם נחשון אנגעקוקט פערוואונדערט.

— הער... איך מיין, אז ווען דיין שוועסטער וואלט צוגעשטימט צו ווערען מיין פרוי וואלט מיר שוין דאן ניט געארט וויפיעל געלד עס וועט פאר מיר איבערבלייבען... דאן וואלט איך שוין ארויסגעוויזען ווי גוטהערציג איך קען זיין.

— דו ווייסט דאך אז דאס איז אונמעגליך! — האט נחשון איהם געענטפערט — מיין שוועסטער איז בעשטימט געווארען פאר אהרן'ען און דאס וועט קיינמאל נישט געענדערט ווערען. אלישבע האט אהרן'ען זעהר ליעב, און דו וואלסט דאך נישט פערלאנגט פון איהר אזא קרבן...

— וואס האט זי אזוינס געפונען אין אהרן'ען? — האט קרח זיך אפגערופען — ווען מען דארף א טובה פאר אונזערע ברידער קומען די אידען צו מיר. וואס האט אהרן אויפגעטאהן? ער הערט נישט אויף צו ריידען וועגען זיין ברודער משה... נישט איינמאל האב איך איהם געהערט זאגענדיג, אז ווען משה וועט זיך צוריקקעהרען פון מדין, דאן וועט מוזען נעהמען א סוף צו דעם אידישען גלות אין מצרים. ער לעבט בלויז מיט דער האפנונג... אבער מיר דוכט זיך אז דאס וועט קיינמאל נישט פאסירען... משה, ווי עס ווייזט אויס, האט

זיך אין גאנצען פערגעסען אַן זיינע ברידער. ער וועט נישט וועלען פעדלאָזען זיין פרוי און קינדער און קומען צוריק קיין מצרים, פון וואנען ער איז געצוואונגען געווען צו אנטלויפען... און אפילו ווען ער זאָל יע קומען, ווער וועט זיך צו איהם צוהערען? ער איז שוין מעהר נישט דער איינפלוסרייכער משה, וועלכער איז געווען פעררעכענט אלס פרינץ אין פרעה'ס פּאלאץ... יעצט ווען פרעה וואָלט זיך דערוויסען אז משה געפינט זיך אין מצרים וואָלט ער שוין זיך מיט איהם אָפּגערעכענט...

— דו דארפסט נישט פערגעסען אז משה האָט פיעל גוטעס געטאָהן פאר אונזערע אָרימע ברידער! — האָט איהם נחשון געענטפערט.

— אָבער וואָס האָט אהרן אויפגעטאָהן?

— אהרן איז צו יעדער צייט געגרייט אויפצואָפּפערען זיין לעבען פאר דעם גליק פון די אידען, קענסטו זיך פיילייכט דאמיט בעריהמען?!

— אויב עס וואָלט נויטיג געווען וואָלט איך דאָס געטאָהן!

— און פארוואָס ווילסטו זיך נישט שיידען מיט דיין גאָלד. דו וועסט דאָך קענען העלפען מיט דעם אזוי פיעל אומגליקליכע פון אונזערע ברידער.

— האָב איך דאָך שוין ערקלערט אז איך האָב נישט גענוג געלט צו העלפען יעדען, און ווען איך העלף איינעם וועל איך דאָך אויך דעם צווייטען דארפען העלפען.

— אלע ווייסען אז די אינגערע און שטארקע וועסטו נישט דארפען העלפען, בלויז די שוואכע און עלטערע מענשען וועלכע וועלען נישט קענען אזוי שווער ארבייטען און זיי וועלען הינטערשטעליג זיין, וועסטו זיי ארויסהעלפען מיט דיין גאָלד און דאמיט ראטעווען זייערע קינדער פון טויט!

— ניין, דאָס וועל איך נישט טאָהן!

— האט קרח מיט ענטשלאָסענהייט געזאָגט — דיעזע גזרה איז גארנישט אזא שרעקליכע ווען יעדער איינער וועט זיך ארומזעהן אז ער האָט זיך נישט אויף וועמען צו פערלאָזען וועט ער זיך אָנשטרענגען מיט אלע זיינע כוחות און זעהן אויסצוארבייטען די בעשטימטע צאָהל ציגעל, און דאן וועט עס צו קיין אומגליק נישט קומען.

אלע פאָרשטעהער האָבען זיך ארומגעזעהן אז זיי קענען זיך אויף קרח'ן נישט פערלאָזען, און זיי האָבען דעריבער געלאָזט וויסען די פערשקלאפּטע אידען, אז יעדער זאָל זעהן זיך צו ראַטעווען ווי ער קען.

די ארבייט איז געוואָרען נאָך שווערער און מעהר אונטערטרעגליכער. די מצריים האָבען נאָכגעקוקט יעדען איינעם און ווען דער טאָג האָט זיך געענדיגט און אימיצער האָט זיין צאָהל נישט געמאכט, האָט מען איהם געצוואונגען צו פערבלייבען ביז שפּעט אין דער נאכט, און ווען ער האָט אויך ביז דאן נישט געענדיגט, האָט מען אויף איהם ארויפגעלעגט א געלט שטראָף, און ווען ער האָט קיין געלט נישט געהאט צו בעצאָהלען, פלעגען די מצריים זיך אריינברעכען אין יענעמ'ס הויז און פון דארטען ארויסנעהמען איינעם פון זיינע קינדער און פיהרען איהם צו דעם פּלאַץ צו פערמויערען איהם אין וואנט...

די קולות און געשרייען פון דער אומגליקליכער משפחה האָט דערגרייכט ביז אין הימעל... די מוטער פלעגט ארויסלויפען פון הויז נאָכלויפענדיג די מצריים און זוכען צו ראטעווען איהר קינד, יאָמערנדיג און בעטענדיג ער זאָל אויף איהר רחמנות האָבען.

די מצריים אָבער פלעגען אכזריות'דיג אָפּשטויסען די מוטער'ס און אוועקרייבען די קינדער נישט קוקענדיג ווי אַלט די קינדער זיינען געווען.

גרויס איז געווען דער צער פון אלע אידען וועלכע האָבען צוגעזעהן ווי די מצריים ווילען איינמויערען אין וואנט דעם ערשטען קרבן פון דער נייער גזרה... יעדער איינער איז צוגעלאָפען

און אַנגעבאָטען צו העלפען דעם אומגליקליכען פאַטער.

— מיר וועלען פערענדיגען זיין אַרבייט נאָכדעם ווי מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט אונזערע — האָבען אייניגע זיך אַנגעבאָטען... אָבער דאָמיט האָבען זיי פאַר זיך ערגער געמאַכט. ווען די מצריים האָבען געזעהן אַז זיי ווערען פאַרטיג מיט זייערע שווערע אַרבייט און דערצו קענען זיי נאָך אַרויסהעלפען זייערע שוואַכערע ברידער און פערענדיגען אויך זייער אַרבייט, האָבען די שוטרים געמאַכט זייער אַרבייט נאָך שווערער. עס איז שוין מעהר קיין האָפנונג נישט געווען פאַר די אומגליקליכע פאַטערס וועלכע האָבען אומזיסט געזוכט צו קריגען געלט אויסצולייזען זייערע קינדער. דאָס פאָלק איז געווען שטאַרק פעראַרימט, און דער וואָס האָט נאָך פערמאָגט עטוואָס ציערונג האָט עס געהאַלטען פאַר זיך אין פאַל פון א דרינגענדע נויט...

אייניגע אומגליקליכע פאַטערס וועלכע האָבען נישט געקענט נאָכקומען די פאָדערונג פון די מצריים, און האָבען געזעהן אַז מען שלעפּט אַוועק זייערע קינדער, זיינען געלאָפען צו קרח'ן און זיך ביי איהם געבעטען מיט האַרצרייסענדע געוויינען, אָבער קרח האָט זיינע אויערען פערשטאָפּט, ער האָט זיך ווי ווייט מעגליך געזוכט אויסצובעהאַלטען פון די וועלכע פלעגען קומען צו איהם נאָך הילף, ער האָט געהאַט זעהר גרויסע אוצרות מיט גאָלד, אָבער ער האָט זיך דערפון נישט געוואָלט שיידען.... און ווען די אומגליקליכע פאַטערס האָבען זיך אומגעקעהרט מיט ליידיגע הענט פון קרח'ן און זיי האָבען געדאַרפט צוזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען ווי זייערע קינדער ווערען איינגעמויערט לעבעדיגערהייט, האָט זיך א קללה אַרויסגעריסען פון זייערע מיילער:

— פערשאָלטען זאָל ווערען בלעם דער רשע, וועלכער האָט פאַראורזאַכט דיעזע שוידערליכע גזרה... און איינגעזונקען זאָל ווערען קרח צוזאַמען מיט זיינע אוצרות וועלכער האָט געהאַט די מעגליכקייט אונז צו העלפען און דאָס נישט געטאָהן!

א שוואַרצער וואָלקען האָט זיך ווידער פערצויגען איבער דעם הימעל פון גשן... ווען זיי האָבען געזעהן אַז פּרעה'ס נייע גזרה ווערט דורכגעפיהרט, האָט יעדער געזוכט צו אַרבייטען איבער זיינע כוחות. זיי האָבען קוים געקענט אָפּכאַפּען דעם אָטעם... די שטאַרקערע האָבען אַרויסגעהאָלפען די שוואַכערע און געזעהן אַז דער בעשטימטער צאָהל זאָל אויסגעאַרבייט ווערען. עס איז טאַקע זעהר זעלטען פאָרגעקומען אַז אַן אידיש קינד זאָל איינגעמויערט ווערען אין א וואַנט, אָבער דערפאַר איז די אַרבייט טאָפּעל שווער געוואָרען... ווען זיי פלעגען ענדיגען דעם טאָג אַרבייט האָבען זיי קיין כח נישט געהאַט זיך אוועקצושלעפּען אַהיים...

באַלד אָבער איז פאָרגעקומען א זאַך, וואָס האָט אַביסעל לייכטער געמאַכט די געמיטהער פון די אידישע שקלאַפען אין מצרים.

אייניגע טעג נאָכדעם ווי פּרעה האָט צוזאַמען מיט בלעם'ן בעזוכט זיין שאַץ-קאַמער, האָט זיך פּרעה'ן גע'חלום'ט א חלום, אַז רויבער זיינען באַפאַלען זיין שאַץ-קאַמער און האָבען איהם באַרויבט. אין מיטען דער נאַכט איז ער שנעל אויפגעשטאַנען און אין באַגלייטונג פון זיינע לייב-וועכטער איז ער אַריין אינוויינינג... ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז מעהר נישט ווי א חלום, און אַז עס איז אונמעגליך פאַר רויבער אַהין אַריינצוגעהן. פונדעסטוועגען האָט איהם פאַרט געצויגען אַריינצוגעהן... ער האָט בעטראַכט אַלע זיינע ווערטהפולע ציערונג און נאָכהער איז ער געגאַנגען צו דער קופּע גאָלד... דאָרטען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט... עס דוכט זיך איהם, אַז די קופּע איז א סך קלענער געוואָרען... ער האָט עס באַטראַכט פון אַלע זייטען. ער האָט אויף דעם געקוקט מיט גרויס בעוואונדערונג... עס איז דאָך אונמעגליך אַז אַזאַ זאַך זאָל פּאַסירען... דאָך

אָבער קען ער דייטליך זעהן אז זיין
גאָלד ווערט וואָס ווייטער מעהר איינ־
געשרומפּפען... א היבשע ווײלע איז
פּרעה אזוי געשטאַנען און זיך גע־
חדוש'ט... פּלוצלונג זיינען זיינע בלי־
קען געפאַלען אויפ'ן וואַנט, וואו דער
אויסערגעוועהנליכער און קאָסטבאַרער
האַלזבאַנד איז געווען... ער איז געבלי־
בען שטעהן ווי פערגליווערט...

— וואָס איז דאָס, דער האַלזבאַנד
פעהלט? פּרעה איז צוגעגאַנגען נאָהענ־
טער צום וואַנט און גענומען טאַפּען
מיט זיינע הענט איבער דעם גאַנצען
וואַנט. ער האָט זיך איינגעבויגען און
געזוכט דעם האַלזבאַנד אויף דעם באָ־
דען, ווײל ער האָט געמיינט, אז פי־
לייכט איז ער ארונטערגעפאַלען... און
ווי גרויס איז זיין ערשטוינונג געוואָ־
רען, ווען ער האָט דעם האַלזבאַנד אין
ערגיץ נישט געפונען... ער געדענקט
דאָך אזוי קלאָר, אז נאָכדעם ווי ער
האָט דעם האַלזבאַנד געציינט בלעמ'ן,
האָט ער איהם פון זיינע הענט צוגענו־
מען און איהם אליין ווידער אויף דעם
וואַנט אויפגעהאַנגען...

ער ווייסט, אז בלעם איז גלייך מיט
איהם נאָכדעם ארויס פון שאַץ־קאַמער..
ווען בלעם וואָלט דעם האַלזבאַנד גע־
נומען, וואָלט ער דאָך זיכער בעמערקט
ווען ער וואָלט צוגעגאַנגען צו יענער
ריכטונג. ניין, עס איז אונמעגליך. אז
בלעם זאָל דאָס האָבען גענומען. אָבער
אויב נישט ער, טאָ ווער דען האָט
געקענט אהין אריינקומען?... ער איז
דאָך פאָרט געווען דער ערשטער און
אויך דער לעצטער, וועלכער האָט גע־
קראָגען צוטריט צו זיינע אוצרות.

באַלד איז איהם ארויפגעקומען אויף
די געדאַנקען, אז בלעם איז אמאָל גע־
ווען א מכשף. פילייכט האָט ער דורך
כשוף זיינע אויגען פערבלענדעט און ער
האָט נישט געקענט זעהן ווי ער איז צו־
געטראָטען צו דעם פּלאַץ און פון דאָר־
טען דעם האַלזבאַנד אוועקגענומען...
פּרעה האָט שוין יענע נאַכט נישט
געקענט זיינע אויגען צומאַכען; ער איז
געלעגען אויף זיין בעטעל און גע־
טראַכט: אויב בלעם האָט איהם טאַקע
בערויבט, ווי אזוי איז ער גאָר זיכער,
אז ער וועט איהם אויך נישט בערויבען
פון זיין קרוין... ער מוז זיין א פירכ־
טערליכער מכשף... דאָך וועט ער דאַר־
פען זעהר פאָרזיכטיג זיין... איידער ער
באַשולדיגט איהם, וועט ער מוזען גוט
אויספאָרשען די זאַך... זאָל עס מעגליך
זיין, אז אימיצער אַנדערש האָט די
שליסלען פון איהם ארויסגעקראַגען.
פּרעה האָט אזעלכע געדאַנקען גאָר ניט
געוואָלט צולאָזען. ביי נאַכט, ווען ער
שלאָפט האַלט ער די שליסלען צו קאָ־
פּענס. זיין שלאָפציממער איז גוט באַ־
וואַכט, קיינער קען קיין צוטריט דאָרט
נישט האָבען.

ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרען, האָט
פּרעה פעררופען אלע זיינע מיניסטאָ־
רען און חרטומים און ער האָט פאַר זיי
דערצעהלט זיין חלום.

— דער חלום איז א נאַרישקייט! —
האָט זיך בלעם אויפגעשטעלט און גע־
זאָגט מיט א שמייכעל אויף זיין פּנים.

—דעם קעניג האָט זיך גע'חלומ'ט
ביי נאַכט, אָט דאָס, וואָס ער האָט גע־
טראַכט ביי טאָג... יע, פּרעה טראַכט
צופיעל וועגען זיינע אוצרות, און דע־
ריבער זעהט ער אזעלכע חלומות ביי־
נאַכט!.... אָבער דער קעניג האָט זיך
נישט וואָס צו שרעקען. די שאַץ־קאַמער
איז געזיכערט פון גנבים און א גְנבה
אָדער א רויבעריי דאָרטען קען קיינ־
מאָל נישט פּאַסירען!

בלעמ'ס ווערטער האָבען יעצט
פּרעה'ן נאָך מעהר איבערציינגט, אז
בלעם האָט אוועקגע'גנב'עט זיין האַלז־
באַנד. יע, דאָס זוכט ער איהם צו בע־
רוהיגען, כדי ער זאָל אזוי שנעל נישט
אריינגעהן אין שאַץ־קאַמער און נישט
אויסגעפינען וועגען זיין פערלוסט...

— אָבער וואָס ווערסטו דאַן זאָגען —
האָט פּרעה זיך צו איהם געווענדעט
— ווען איך וועל דיר דערצעהלען, אז

איך האָב לעצטע נאכט בעזוכט מיין שאַץ ־ קאמער און בעמערקט, אז דער האַלזבאנד איז גע'גנב'עט!

— איך וועל זאָגען, אז דער קעניג האָט איהם נישט גוט געזוכט, מעגליך אז ער איז ארונטערגעפאלען, און אויב דער קעניג וועט מיר ערלויבען וועל איך מיט איהם א צווייטען מאָל אהין אריינגעהן און איך וועל דאָס פאר איהם געפינען...

— און וואָס וועט זיין, אז דו וועסט דעם האַלזבאנד נישט געפינען? — האָט פרעה אויסגערופען און זיין שטימע האָט געציטערט פון גרויס אויפרעגונג.

— דאָס איז דאָך אָבער אונמעגליך! — האָט בלעם אויסגערופען מיט פעסטקייט — איך פערזיכער דעם קעניג, אז איך וועל דעם האַלזבאנד געפינען.

— גוט, איך וועל מיט דיר ווידער אריינגעהן אין מיין שאַץ־קאמער — האָט פרעה זיך אָפּגערופען — און איהר, מיינע איבעריגע מיניסטאָרען און חרטומים, וועט בלייבען שטעהן נעבען דעם אריינגאנג.

די לייב־וועכטער האָט פרעה דיזען מאָל געהייסען אריין אינוויינ... מיט בלויזע שווערדען האָבען זיי בעגלייט פרעה'ן און בלעם'ן.

זיי זיינען צוגעקומען פריהער צו דער קופּע גאָלד און פרעה האָט פון בלעם'ן נישט ארונטערגענומען זיינע אויגען. ער האָט געמיינט, אז בלעם וועט ארויסנעהמען דעם האַלזבאנד פון זיין קעשענע און וועט איהם אונטערוואַרפען. כדי ער זאָל נאכהער זאָגען, אז ער האָט איהם דאָרטען געפונען.

בלעם האָט געקוקט אויף דעם פּלאַץ וואו ער האָט דעם האַלזבאנד צום ערשטען מאָל געזעהן, און ווען ער האָט איהם נישט געזעהן, האָט ער זיך איינגעבויגען אויפ'ן באָדען און גענומען טאַפּען מיט די הענט איבער דעם גאנצען פּלאַץ.

— נו, האָסטו איהם געפונען? — האָט פרעה איהם א פרעג געטהאָן און איהם דורכגעדרונגען מיט זיינע בליקען. בלעם האָט זיך אויפגעשטעלט און א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— ניין! מיין האר קעניג! — ער איז טאקע נישטאָ! אָבער דאָס איז דאָך טאקע אונמעגליך. פיליכט האָט דער קעניג איהם פון דאָרטען ארויסגענומען, האָבענדיג בדעה איהם צו געבען צו דער קעניגין, און ער האָט פערגעסען וואו ער האָט איהם אוועקגעלעגט.

פרעה האָט געברענט פון צאָרן, ווען ער האָט געהערט פון בלעם'ן אזעלכע רייד.

— געדענקסטו דען נישט, אז נאָכדעם ווי איך האָב דיר דעם האַלזבאנד דערלאנגט און דו האָסט מיר איהם צוריקגעגעבען, אז איך האָב איהם דאָ צוריק אויפגעהאנגען?

— יע. מיין האר קעניג — דאָס געדענק איך זעהר גוט, אָבער עס איז דאָך מעגליך, אז דער קעניג האָט איהם פון דאָרטען א צווייטען מאָל ארונטערגענומען און פערגעסען צוריקצולייגען אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

— אָבער איך בין דאָך דאָ מעהר נישט געוועזען זינט מיר האָבען ביידע פערלאָזען די שאַץ־קאמער — איז פרעה'ס כעס נאָך גרעסער געוואָרען. ווען איך האָב לעצטע נאכט גע'חלומ'ט אז מען האָט מיך בע'גנב'עט און איך בין אריין א קוק טהאָן, האָב איך שוין דעם האַלזבאנד נישט געפונען.

— אויב אזוי קען איך שוין אליין דאָס מעהר נישט פערשטעהן! — האָט בלעם אויסגערופען.

— זאָל בלעם ארעסטירט ווערען!

— האָט פרעה אויסגעשריען צו זיינע לייב־וועכטער, און זאָל ער פארשפּארט ווערען אין געפענגניס ביז וואנען ער וועט זאָגען וואו ער האָט דעם האַלזבאנד אהינגעטהאָן!

די לייב־וועכטער האָבען גלייך אָנגענומען בלעם'ן פאר'ן האנט און איהם ארויסגעפיהרט פון שאַץ ־ קאמער מיט

בלויזע שווערדען. פרעה'ס פנים איז געווען בלאס, זיינע ליפען האבען געציטערט.

— איך ווייס אז דו ביזט א גרויסער מכשף און דו האסט זיכער מיר אפגעטאהן א כשוף און דיזען קאסטבארען האלזבאנד אוועקגענומען. יעצט וועל איך זעהן ווי אזוי דו וועסט זיך קענען בעפרייען פון געפענגנים מיט דיין כשוף.

— מיין הארר קעניג! איך בין אונשולדיג! איך שווער ביי די געטער פון מצרים אז איך האב דעם האלזבאנד ניט גענומען!

— איך וועל זיך פריהער מוזען איבערצייגען אין דעם! — האט פרעה געזאגט—און דער איינציגער וועג מיר איבערצוצייגען אז דו ביזט אונשולדיג, איז, ווען איך זאל דעם האלזבאנד געפינען!

די וועכטער האבען בלעם'ן אוועקגעפיהרט צום געפענגנים און פרעה מיט זיינע מיניסטארען און חרטומים האבען זיך צוריק געקעהרט אין פאלאץ.

— ער איז דער איינציגער וואס האט געהאט א צוטריט צו מיינע אוצרות! — האט פרעה זיך אפגערופען —און ווי ער האט גערעדט וועגען דעם האט נאך מיין חשד פערשטארקט.

— זאל פרעה שיקען זוכען אין בלעם'ס היים! — האט איינער פון די מיניסטארען זיך אפגערופען—און אין אלע זיינע כלים.

פרעה האט געשיקט דעם מיניסטער מיט נאך איינינע בעאמטע צו בלעם'ס הויז און זיי האבען דורכגעזוכט יעדען פלאץ. א היבשע צייט האבען זיי דארטען געזוכט, און ווען זיי האבען דארטען גאר נישט געפונען, האבען זיי זיך אומגעקעהרט צו פרעה'ן.

— מיר האבען קיין איין פלאץ נישט דורכגעלאזען וואו מיר האבען נישט געזוכט—האט דער מיניסטער בעריכטעט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, מיין הארר קעניג, אז בלעם איז אומשולדיג! — האט דער הויפט פריסטער, וועלכער איז נאר וואס אנגעקומען אין פאלאץ, געזאגט — בלעם איז פון שטענדיג אן געווען זעהר געטריי און איבערגעגעבען צו פרעה'ן און צו די געטער פון מצרים, און ער וועט אזא פערברעכען נישט בעגעהן. מיין הארר קעניג טוט זינדיגען צו די געטער, ווען ער פערשפארט בלעם'ן אין געפענגנים.

— אבער ער איז פארט געווען דער איינציגער מאן וועלכער האט בעזוכט מיינע אוצרות און געהאלטען דעם האלזבאנד אין זיין האנט.

— דאך, מיין הארר קעניג, כל זמן מען האט עס נישט געפונען אין זיין האנט אדער אין זיין רשות, איז ער אומשולדיג, און ער דארף בעפרייט ווערען פון געפענגנים.

— גנעדיגער פרעה — האט זיך נאך א מיניסטער אפגערופען—בלעם'ס קארעטע געפינט זיך נעבען די טויערן פון פאלאץ און זיין טרייבער ווייסט נישט וואס צו טהאן!

— זאל ער פאהרען צוריק אהיים, און ווען מען וועט איהם דארפען וועט מען איהם שיקען רופען.

— האט מען געזוכט אויך אין קארעטע? — האט דער זעלבער מיניסטער געפרעגט פרעה'ן.

— ניין, דארטען האט מען נאך נישט געזוכט! — האט פרעה געענטפערט—און זאל מען טאקע יעצט זוכען איידער דער אנטרייבער וועט פאהרען אהיים.

פרעה האט ארויסגעשיקט די זעלבע מענשען צו זוכען אין בלעם'ס קארעטע.

— בלעם איז א הייליגער מאן! — האט דער הויפט פריסטער ווידער געזאגט צו פרעה—ווען איך בין געווען אין ארם נהרים, אין דער שטאדט פתור וואס ליגט אויף דעם ברעג טייך פרת, האב איך שוין דארטען פון זיין גרויסקייט געהערט. איך האב געהערט אז ער קען פותר זיין חלומות, און אז זיינע א ברכה אזוי גוט ווי זיינע א קללה ווערט מקויים. ווען איך האב דאס דערהערט בין איך אין איהם שטארק פעראינטערעסירט געווארען, איך בין צו איהם

אוועק און מיט איהם פערבראכט א היבשע צייט, ביז וואנען איך האב זיך איבערצייגט אז אלעס וואס איך האב וועגען איהם געהערט איז ריכטיג, דער־צו האב איך אויסגעפונען אז ער איז אויך זעהר קלוג, און מיר איז באלד אריינגעפאלען א געדאנק אז בלעם וואלט געקענט ברייגנען גרויסע נוצען צו פרעה׳ן און צו אונזער פאלק. דאן האב איך איהם גענומען איינריידען ער זאל מיט מיר פאהרען נאָך מצרים, וואו איך וועל זעהן אז דער קעניג זאל איהם אריינגעהמען אין פאלאץ, מיט פיעל מיה איז מיר אנגעקומען צו ווירקען אויף איהם ער זאל פארלאָזען זיין געבורטס־שטאָדט פתור און געהט מיט מיר נאָך מצרים, און ווען דו, מיין האַרר קעניג, האסט איהם דערזעהען, איז ער דיר שטארק געפעלען געווארען און עס האט נישט לאנג גענומען און דו האסט איהם געמאכט פאר דיין הויפט מיניסטער. דו האסט צו איהם די גאנצע צייט געהאט געגוג צוטרוי און אנגענומען אלע זיינע עצות, און נישט איינמאָל האסטו מיר געזאָגט אז בלעם איז דער קליגסטער מאַן פון גאנץ מצרים און מיר בעדאנקט פאר דעם וואס איך האב איהם געבראכט צו דיר. און יעצט, ווען דו בעשולדיגסט איהם אין אזא פערברעכען, בעגעהסטו דען נישט קיין זינד געגען די געטער?

— יע, עס פערדריסט מיר שוין וואס איך האב איהם פערשפארט אין געפענ־גענים! — האט פרעה געזאגט—יעצט אז מען האט דעם האלזבאנד אין זיין הויז נישט געפונען האב איך שוין נישט קיין רעכט איהם צו בעשולדיגען!

— געוויס נישט! — האט דער פריסטער אויסגערופען — בלעם וועט אזא נארישקייט נישט בעגעהן. בפרט ווען ער האט געוואוסט אז ער איז דער איינציגער אויף וועמען דער חשד וועט פאלען.

— אויב אזוי, טו ווער דען האט דעם האלזבאנד געקענט נעהמען? — האט פרעה א קוועטש געטאָהן מיט זיינע פלייצעס.

— דאס איז דערווייל א געהיימניס וואס בלויז די געטער וועלען מיט דער צייט קענען ענטדעקען! — האט דער פריסטער געענטפערט — אבער בלעם דארף דערווייל בעפרייט ווערען.

— איך וועל דיר דיזען פערלאנג נאָכגעבען! — האט פרעה געזאגט — אָבער בלעם וועט שוין נאכדעם מעהר נישט זיין מיין הויפט מיניסטער. יע, איך האב פערלאָרען מיין צוטרוי צו איהם, און סיידען דער האלזבאנד וועט זיך אפזוכען, וועל איך איהם מעהר שוין נישט קענען אנפערטרויען די סודות פון דער מלוכה. ניין, ער וועט שוין מעהר מיין מיניסטער נישט קענען זיין ביז וואנען זיין אומשולד וועט פעסט געשטעלט ווערען.

— זאל מען בעפרייען בלעם׳ן פון געפענגנים און איהם ברייגנען אהער! —האט פרעה זיך געווענדעט צו זיינע לייב־וועכטער.

אין א ווייל ארום איז שוין בלעם געשטאנען א בעפרייטער פאר פרעה׳ן און זיין הויפט פריסטער.

— איך בין נאָך אלץ נישט איבער־ציינט אין דיין אומשולד—האט פרעה זיך צו איהם געווענדעט—אבער, נעה־מענדיג אין בעטראכט די ווערטער פון מיין הויפט מיניסטער און וויסענדיג אז דו האסט מיר פיעלע גוטע עצות געגע־בען, בעפריי איך דיר, אבער דו וועסט דעם אמט אלס הויפט מיניסטער נישט קענען אנהאלטען ביז וואנען איך וועל דעם האלזבאנד געפינען, און ביז וואנען איך וועל זיין איבערצייגט אז דו האסט אין דעם קיין האנט נישט געהאט.

— מיין האַרר קעניג! — האט בלעם זיך פארנייגט פאר פרעה׳ן,—איך וועל נישט רוהען ביז וואנען איך וועל אויס־געפינען דעם גנב וועלכער האט אזא שענדליכען פערברעכען בעגאנגען. איך וואלט דעם קעניג געראטהען גוט אויס־צופאָרשען זיינע לייב וועכטער וועלכע היטען זיין שלאָף־צימער ביינאכט, מעג־ליך אז אימיצען פון זיי איז געלונגען ארויסצוקריגען די שליסלען פון פרעה׳ס

צוקאַפּענס, און איז אריין אין שאַץ־קאַמער.

— דאס איז אונמעגליך! — האט פרעה אויסגערופען—איידער איך לייג זיך שלאַפען בעהאלט איך מיינע שליסלען צוקאַפּענס פון מיין בעט, איך וויקעל זיי איין אין א פּאַרמעט און לייג ארויף דארט מיין זיגעל און אין דער פריה בעטראכט איך דאס ווידער צו זעהן אויב דער זיגעל איז נישט צובראַכען, און ווען אימיצער פון מיינע קנעכט וואלט דיזע שליסלען אנגעריהרט וואלט דאך מיין חתימה געוועזן צובראַכען! ניין, די שליסלען האט קיינער ניט אנגעריהרט, און די שאַץ־קאַמער האט דאך קיין אנדער מעגליכען פּלאַץ דורך וואנען א פרעמדער זאָל קענען אריינגעהן.

— דען איז עס פאר מיר אויך א גרויסע געהיימניס—האט בלעם געזאגט —איך קען דאס בשום אופן נישט דערקלערען.

פּלוצלינג האט זיך ביים אריינגאנג פון פּאַלאַץ דערהערט א גערויש.

— וואס איז? — האט פרעה אויסגערופען.

באַלד איז אריינגעקומען א לייב־וועכטער און פערנייגענדיג פאר פרעה'ן האט ער אויסגערופען:

— דער האלזבאנד איז געפונען געווארען!

— דער האלזבאנד איז געפונען געוואָרען! — האט פרעה אויסגערופען מיט א פרעהליכע שטימע—וואו איז ער?

— דער מיניסטער און די איבעריגע האבען עס געפונען!

— וואו האבען זיי איהם געפונען?

באַלד איז אריינגעקומען דער מיניסטער און די אנדערע בעאמטע און האַלטענדיג דעם האלזבאנד אויפגעהויבען אין זיין האנט, האט ער אויסגערופען:

— מיין הארר קעניג, דער האלזבאנד איז נאָר וואס געפונען געווארען אין בלעם'ס קארעטע!

— אין בלעם'ס קארעטע! — האט פרעה אויסגערופען און געווארפען זיינע בליקען אויף בלעם, וועלכער איז געשטאנען און געציטערט. זיין פנים איז געווען טויט בלאס.

— וואס וועסטו יעצט זאגען אויף דעם?! — האט זיך פרעה געווענדעט צום הויפט פריסטער.

דער הויפט פריסטער האט געשוויגען, ער האט אויסגעגלאָצט א פּאַר אויגען אויף בלעם'ן און נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— ביי די געטער פון מצרים און ביי די געטער פון ארם שווער איך אז איך האָב קיין האנד ניט אין דיזער גנבה! — האט בלעם אויסגערופען.

— אויב אזוי טו ווי קומט דער האלזבאנד אין דיין רשות!

— איך וויים נישט, מיין הארר קעניג! איך האב איהם דארטען נישט אוועקגעלייגט! — האט בלעם נישט אויפגעהערט צו ציטערן.

— און דו ווילסט זיך נאָך נישט אלץ מודה זיין אז דו ביזט דיזען פערברעכען בעגאנגען? — האט שוין פרעה נישט געקענט איינהאלטען זיין צאָרן.

— איך קען זיך דאך נישט מודה זיין אויף א פערברעכען וואס איך האב נישט בעגאנגען! — האט בלעם שוין עטוואס געלאַסענער געזאגט.

— ווי אזוי אבער קענסטו ערקלערען דאס געפינען דעם האלזבאנד אין דיין קארעטע.

— אלס א שטראף פון די געטער! — האט בלעם אויסגערופען—מיר דוכט זיך אז איך האב געגען זיי נישט געזינדיגט. אבער דאס איז פיליכט אן אפּקומעניש פאר אנדערע זינד!

— וואָס מיינסטו? — האָט דער הויפּט פריסטער איהם געפּרעגט—לויט ווי איך קען דיך, האָסטו געגען די געטער פון מצרים געוויס נישט געזינדיגט.

— און איך בין זיכער אז אויך געגען די געטער פון ארם האב איך נישט געזינדיגט—האט בלעם געזאגט.

— טו ווי אזוי קומט עס אז זיי זאלען דיר בעשטראפען. נישט אנדערש,

אז דו האסט דיזען מאל געגען מיר געזינדיגט און פון מיר געוואלט אוועקרויבען מיין קאסטבארען האלזבאנד! — האט פרעה אויסגערופען.

— ווען דאס וואלט געוועזן אזוי ווי מיין הארר קעניג דיינקט, וואלט איך זיך געווים מודה געוועזן!

— אבער דו האסט נאר וואס געזאגט אז עס איז פיליכט אן אפקומעניש פאר אן אנדער זינד! — האט פרעה איהם געפרעגט — וואס האסטו דאמיט געמיינט?

— המ.... איך האב געמיינט—האט בלעם געענטפערט—אז פיליכט האב איך געזינדיגט געגען דעם גאט פון ישראל. נישט איינמאל האב איך זיי געזוכט צו בעשולדיגען און האב געראטען פרעה'ן ארויפצולייגען אויף זיי שווערע ציינזען און אנדערע גרויזאמע גזרות! און יעצט נעהמט זייער גאט אן די קריוודע פון זיין פאלק און בעשטראפט מיר דערפאר!

— ניין, דאס איז אונמעגליך—האט דער הויפט פריסטער זיך אפגערופען—ווען דער אידישער גאט וואלט געהאט כח, וואלט ער דאך אלע אידען בעפרייט פון אונזער יאך! דו זעהסט דאך אז עס זיינען שוין אזוי פיעל יאהרען פאראיבער און פרעה'ס עלטערן האבען געפייניגט די אידען אזוי שווער ווי אונזער קעניג טוט, און קיין איינציגע שטראף איז צו זיי נישט געגעבען געווארען.

— ווי עס ווייזט אויס איז דער אידישער גאט געדולדיג! — האט בלעם געענטפערט—ער ווארט ביז די צייט וועט קומען און דאן וועט ער אויסלאזען זיין כעס צו די אלע וועלכע פייניגען זיינע אויסדערוועהלטע קינדער!

— בלעם! — האט דער הויפטפריסטער אויסגעשריען—איז דאס מעגליך אז דו רעדסט אזוי וועגען דעם גאט פון ישראל! ווייסטו דען נישט אז די געטער פון מצרים זיינען מעכטיגער און גרעסער פאר דעם גאט פון ישראל! אה ניין בלעם, איך וואלט עס אויף דיר קיינמאל נישט געגלויבט! איך ווייס דאך ווי שטארק דיין גלויבען אין די געטער פון מצרים איז איינגעווארצעלט געווארען און דו האסט מיר נישט איינמאל פערזיכערט אז דו גלויבסט אין דעם כח פון די מיצרישע געטער אזוי גוט ווי אין דעם כח פון די געטער פון ארם!

— אבער מיט וואס וועסטו קענען דערקלערען דאס, וואס גראדע יעצט, נאכדעם ווי איך האב לעצטענס פרעה'ן געראטהען איינצומויערן די אידישע קינדער אין די ווענט, זאל מיט מיר אזא זאך פאסירען! זעהסטו דען נישט אז דאס איז די האנט פון דעם גאט פון ישראל!

— מיט דיינע רייד לעסטערסטו די הייליגקייט פון מצרים! — האט דער פריסטער מיט צארן אויסגערופען — און דאס מאכט מיר אויך צו גלויבען, אז דו ביזט א פארברעכען באגאנגען! אבער איך וועל נישט ראטען דעם קעניג צו באשטראפען דיר מיט דעם הארבסטען שטראף, וואס עס קומט א גנב. וועלכער גנב'עט די אוצרות פון קעניג, אבער מיין עצה וועט זיין צו פרעה'ן ער זאל דיר ארויסטרייבען פון מצרים, און דו וועסט זיך אומקעהרען צו דיין לאנד פון וואנען איך האב דיר אוועקגענומען.

— מיין האר פריסטער! — האט בלעם זיך געזוכט צו פארענטפערען — איך האב נישט געמיינט צו זאגען, אז דער גאט פון ישראל איז שטארקער פון די געטער פון מצרים... ניין, דאס קען גאר נישט זיין! אבער איך האב גענומען טראכטען פארוואס אזא זאך האט פאסירט אין דער צייט ווען איך בין אומשולדיג... מיט מיין שכל קען איך נישט באגרייפען ווי אזוי דער האלזבאנד איז געקומען אין מיין קארעטע, און דאס באוועגט מיר צו זוכען פארשידענע ערקלעהרונגען, אבער פרעה און דו האבען דאך בלויז איין איינציגע ערקלעהרונג, אז איך בין דער שולדיגער, קען איך נישט איינפאלען. אז דאס האט זיך פיליכט אנגענומען זייער גאט און מיר באשטראפט.

— דו וועסט נאָך היינט מוזען פאַרלאָזען מיין לאַנד! — האָט פרעה אויסגערופען מיט אַן אויפגערעגטער שטימע — און ווען נישט די ראַט פון מיין הויפט פריסטער וואָלסטו דיין פסק באַקומען ווי אַלע אַנדערע גנבים, וועלכע מאַכען אַ פאַרזוך צו גנב'ענען דעם קעניג'ס אוצרות.

א דערשלאָגענער און פאַרשעמטער האָט בלעם פאַרלאָזען פרעה'ס פאַלאַץ... ער איז געקומען צו זיך אהיים און דאָרטען האָט ער געטראָפען עטליכע הויכע באַאמטע.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרען פון פרעה'ן צו קאָנפיסקירען דיין גאַנצען פאַרמעגען און עס אוועקפיהרען צו די קעניגליכע אוצרות! — האָט איינער פון די באַאמטע זיך אָפגערופען צו בלעמ'ען.

— יע, איך פאַרשטעה! — האָט בלעם אויסגערופען מיט א טרויעריגע שטימע. — איך האָב ערוואָרבען דיזען פאַרמעגען אין מצרים, און איצט געהערט עס אלעם צו פרעה. איך וועל בלויז פאַרלאַנגען מען זאָל פון מיר ניט אוועקנעהמען מיין אייזעל, כדי איך זאָל קענען אויסוואַנדערען פון מצרים צו געהן צוריק צו מיין געבורטסשטאָדט, פתור.

— איך וועל דיר דיזע געפעליגקייט טאָן! — האָט דער עלטסטער פון די באַאמטע זיך אָפגערופען. — דו קענסט מיטנעהמען דיין אייזעל.

בלעם האָט גענומען זיין אייגעל, אביסעל שפייז און גאָלד, וואָס זיי האָבען נישט באַמערקט און אויסגעוואַנדערט פון מצרים.

צוועלפטער קאַפיטעל
קרח פאַרביטערט

ווען אין גשן איז באַקאַנט געוואָרען, אַז פרעה האָט פאַרטריבען בלעמ'ען פון פאַלאַץ, איז ביי אלי'נ אידען געוואָרען א גרויס שמחה. פילע האָבען אין דעם געזעהן אַן אָנפאַנג פון דער גאולה.

—עס איז א סימן. אז גאָט האָט זיך שוין אָן אונז דערמאָנט! — האָבען אייניגע געזאָגט. — עס וועט שוין נעהמען א סוף צו אונזערע צרות!

— בלעם איז געווען אונזער גרעסטער שונא! — האָבען אַנדערע געזאָגט. — אלע שלעכטע גזרות שטאַמען פון איהם און אפילו די לעצטע גזרה איינצומויערען אונזערע קינדער אין וואַנט, אויב מיר וועלען נישט אויסאַרבייטען די באַשטימטע צאָהל, שטאַמט אויך פון בלעמ'ען!

—און איך ווייס נישט אויב מיר מעגען זיך פרעהען — האָט איינער זיך אָפגערופען. — מיר געדענקען גאַנץ גוט אונזער פרייד, ווען פרעה רעמסס, דער צווייטער איז געשטאָרבען. מיר האָבען דאַן אויך געמיינט, אז ס'וועט נעהמען א סוף צו אונזערע צרות, אָבער מיר אלע ווייסען דאָך, אז זיין זוהן, פרעה מענעפטאה, שטייגט נאָך אריבער זיין פאָטער אין רשעות... מיר ליידען אונטער זיין ממשלה א סך מעהר ווי אונטער דער הערשאַפט פון זיין פאָטער. און ווער ווייס. אז אויב פרעה וועט ניט מאַכען פאַר זיין הויפט מיניסטער איינעם וועלכער וועט א סך ערגער זיין פון בלעמ'ען.

— מיר דוכט זיך, אז אן ערגערער רשע פון בלעמ'ען קען גאָר נישט געמאָלט זיין! — האָט אן אנדערער געזאָגט.

— אזוי האָבען מיר אויך געזאָגט אויף רעמסס'ן דעם צווייטען, אָבער עס האָט לאַנג נישט גענומען און מיר האָבען זיך איבערצייגט, אז זיין זוהן איז א סך ערגער פון איהם...

— אָבער עס איז פאָרט געווען א נקמה אָן איהם! — האָט א יונגער מאַן זיך אָפגערופען. — ערשט מיט א פאָר טעג צוריק איז ער געווען אזא חשוב ביי פרעה'ן, ער האָט פרעה'ן געראַטען ווי אזוי אונז וואָס מעהר צו דריקען און שטיקען, און דאָ זעהען מיר ווי ער ווערט פאַרטריבען פון לאַנד! איך האָב אליין איהם געזעהן רייטענדיג אויף זיין איי־

זעל, פאַרלאָזען פון אלע זיינע פריינד, מיט א געבויגען קאָפּ... איך מוז זיך מודה זיין אז בעת מעשה האָט זיך אין מיין הארצען פאַר׳גנב׳עט א שטיקעל רחמנות אויף איהם.

— רחמנות אויף בלעמ׳ען? — האָט איינער געדריקט מיט זיין פויסט.

— האָט ער רחמנות געהאט אויף אונז! ער אליין האָט געזעהן, אז מיר זאָלען געטראָטען ווערען ווי ווערים!

— איז דען בלעם נישט שולדיג אין דעם טויט פון פילע פון אונזערע קינדער! — האָט נאָך א איד אויסגערופען מיט צאָרן. — ווען איך וואָלט איהם דערזעהן, וואָלט ער שוין פון מיינע הענט קיין לעבעדיגער נישט ארויס!

— לאָמיר האָפען, אז פרעה וועט זיך ארומזעהן, אז די אלע, וועלכע זוכען אונז וואָס מעהר צו אונטערדריקען, זיינען שווינדלער און גנבים... ער האָט בכיון געזוכט צו פאַרשטארקען פרעה׳ס שנאה אויף אונז, כדי איהם זאָל גרינגער אָנקומען צו בארויבען פרעה׳ס אוצרות!

— עס איז זעהר א גוטע זאך, וואָס מען האָט געפונען דעם האלזבאנד אין בלעמ׳ס רשות, אז נישט וואָלט ער גופא ארויפגעוואָרפען דעם בלבול אויף אונז און פרעה וואָלט זיך נישט געפוילט און אויף אונז ארויפגעלעגט צינזען וואָס זאָל איהם אָפּצאָהלען פאר די ווערדע פון האלזבאנד.

מעהר פון אלעמען האָט זיך קרח געפרעהט אויף דעם וואָס איהם איז אזוי גוט געלונגען ארויפצוואוארפען דעם גאנצען חשד אויף בלעמ׳ען... ער האָט זיך דערמיט די גרעסטע טובה געטאָן, און נישט קיין קלענערע טובה אויך פאר אלע אידען... יאָ, ווען ער וואָלט עס קענען דערצעהלען און זיך בארימען, אז אלע דארפען איהם באדאנקען דאָס וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרען פון זייער געפעהרליכסטען שונא. אמת. ער האָט נאָך מיט א קורצער צייט צוריק געזאָגט צו פילע פון זיינע פריינד און באקאנטע אז עס וועט לאנג נישט נעהמען און מיר וועלען פּטור ווערען פון בלעמ׳ען... איצט זאָלען זיי וויסען, אז ער באזיצט די פעהיגקייטען פון א נביא. ער קען פאָראויסזאָגען פילע זאכען. קרח איז צוגעגאנגען צו א גרופּע אידען, וועלכע זיינען געשטאנען און גערעדט וועגען דער לעצטער פּאסירונג פון בלעמ׳ען. ער האָט דאָרטען דערזעהן איינעם פון זיינע פריינד.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט נאָך מיט א היבשע צייט צוריק? — האָט איהם קרח געפרעגט.

— אָה, יע! איצט האָב איך זיך דערמאָנט! — האָט יענער אויסגערופען מיט איבערראשונג. — קרח האָט פאָראויסגעזאָגט, אז עס וועט לאנג ניט נעהמען און מיר וועלען פּטור ווערען פון בלעמ׳ען.

אלע האָבען אָנגעווענדעט זייערע בליקען אויף קרח׳ן, וועלכער האָט זיך באמיהט ארויסצוצייגען זיין באשיידענהייט...

— נישט נאָר דיר האָב איך וועגען דעם געזאָגט, אָבער פילע אנדערע פון מיינע פריינד, וועלכע האָבען באקלאָגט אויף דער נייער גזרה! האָט קרח זיך אָפּגערופען מיט א פארבאָרגענעם שטאָלץ.

— פון וואנען האָסטו עס געוואוסט? — האָט איהם איינער געפרעגט.

— פון וואנען איך האָב געוואוסט? — האָט קרח א שמייכעל געטאָן. — פון וואנען וויים איך וועגען פילע אנדערע זאכען!!

— דו האָסט גראדע צוגעטראָפען!

— האָט אן אנדער איד זיך אָפּגערופען.

— מען האָט גערעדט וועגען די צרות וואָס בלעם פאראורזאכט אונז, איז דאָך דאָס נאטירליך. אז אימיצער זאָל אויסדריקען זיין האָפנונג, אז מיר וועלען אין גיכען פּטור ווערען פון דעם רשע.

— אָבער וואָס וועסטו זאָגען, ווען דו וועסט אויסגעפינען, אז איך האָב צו פילע פריינד אזוי געזאָגט, און גראדע

אין דער צייט וואָס זיי האָבען אפילו בלעמ'ס נאָמען נישט דערמאָנט?

— דאָן ווייס איך שוין נישט! — האָט יענער א קוועטש געטאָן מיט די פלייצעס.

— און איך וואָלט געזאָגט, אז דו ביזט א נביא! — האָט אימיצער גע־וואָלט קרח'ן א חנפה טאָן.

— יע, א נביא! — האָט נאָך איי־נער אויסגערופען א מאָך טוענדיג מיט זיין האנט. — ווען קרח וואָלט אין אמת'ן געוועזן א נביא, וואָלט ער זיך נישט ארויסגעדרעהט פון צו העלפען די אומגליקליכע, אין דער צייט. וואָס ער האָט עס געקענט באווייזען.

קרח האָט זיי פארלאָזען און ער איז געגאַנגען אהיים... ער האָט זיך דער־מאָנט, אז ער האָט אויך געזאָגט זיין מוטער און זיינע ברידער, אז בלעם וועט אין גיכען האָבען א ביטערען סוף, און ער האָט זיי וועגען דעם געפרעגט.

— דו ביזט א געטליכער מאָן, מיין זוהן! — האָט זיין מוטער זיך אָפּגערו־פען. — דו האָסט געוואוסט וואָס עס וועט זיין מיט בלעמ'ען, איצט קענסטו פיליכט אונז פאָראויסזאָגען ווען עס וועט נעהמען א סוף צו אונזערע צרות. ווען וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות פון מרים?

קרח האָט זיך פארטראכט און נאכ־הער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— דיזע פראגע, מיין מוטער. זאָל־סטו שטעלען אהרנ'ען, איהם האלטען דאָך אלע פאר א מאָן וואָס ווייס אלעס!

— דאָך, מיין זוהן, ווייסען שוין פילע, אז דו האָסט פאָראויסגעזאָגט בלעמ'ס מפּלה... און ווען דו וואָלסט נאָר געוואָלט טאָן ווי איך האָב דיר גע־בעטען, וואָלטען איצט אלע אידען גע־האלטען פון דיר מעהר ווי פון אהרנ'ען. און ווער ווייס אויב אלישבע וואָלט זיך נישט ארומגעזעהן, אז דו ביזט מעהר פּאסענד צו איהר ווי אהרן.

— מוטער, עס איז נאָך נישט צו שפּעט! — האָט קרח אויסגערופען מיט א פלוצלונגע באגייסטערונג. — איך וועל נאָך זעהן צו געווינען אלישבע'ס הארץ. איך געה גלייך אוועק צו איהר אין הויז... דו און מיינע ברידער זיי־נען דאָך מיינע עדות, אז איך האָב פריי־הער געוואוסט דאָס בלעם דער רשע וועט פאריאָגט ווערען פון פּאלאץ... איך האָב נאָך פילע פריינד און באקאנטע, וואָס ווייסען פון דעם, און אויב איך מאָך נישט קיין טעות, האָב איך דאָס זעלבע גערעדט פאר אלישבע'ס ברודער, נחשון!

— ווי איך זעה, מיין זוהן, איז נחשונ'ס פריינדשאפט צו דיר אין גאנ־צען אָפּגעקיהלט געוואָרען... זינט דו האָסט זיך באנארישט און אנטזאגט דיינע אומגליקליכע ברידער דיין הילף, האָבען אלע פון דיר אָפּגעקעהרט... וואָס מיר פארדריסט איז, אז דיר האָט גאָט געגעבען די מעגליכקייט צו באהילפיג צו זיין דיינע ברידער. און דורכדעם וואָלסטו געקענט דערהויבען ווערען. דיין נאָמען וואָלט געגרויסט געוואָרען, אָבער דו האָסט נישט נאָכגעפאָלגט די פוס־טריט פון דיין פאָטער... איך ווייס נישט אויב עס איז געוועזן עקשנות אָדער געלט גייציגקייט... איין זאך ווייס איך יע, און דאָס איז, אז דו האָסט גע־נוג געלט...

— גלויב מיר, מוטער, אז עס איז נישט געוועזן אין גאנצען מיין שולד! — האָט קרח זיך געזוכט צו פארענטפערען. — איך בין געוועזן שטארק פארביטערט און ענטוישט, וואָס אלישבע האָט זיך פון מיר אָפּגעקעהרט און איז געגאנגען צו אהרנ'ען. איך האָב זיך געטראכט, אז אויב איך קריג נישט אלישבע'ן זאָל איך אמווייניגסטענס האָבען א סך געלד. איך ווייס, אז מיט גאָלד וועל איך קע־נען זעהר פיל אויפטאָן. איך וועל דורך דעם פיליכט קריגען די אויבערהאנט... און איך קען דיר פארזיכערען. ווען אלישבע וואָלט נאָר צו מיר באוויזען איין פריינדליכען שמייכעל, וואָלט איך אָפּגעגעבען העלפט פון מיין פארמעגען

צו העלפען מיינע ברידער! און אַט וועל איך איצט געהן צו איהר!

קרח האָט שנעל פאַרלאָזען זיין הויז און איז אוועק צו עמינדב'ס הויז.

די אויפנאַמע וואָס ער האָט דאָרטען געקראָגען איז געווען אַ גאַנץ קאַלטע. עמינדב און נחשון האָבען איהם באַגריסט און געבעטען זיך זעצען. אלישבע איז פון צימער אַרויסגעגאַנגען גלייך ווי זי האָט קרח'ן דערזעהן אַריינקומענדיג.

— וואָס זאָגט איהר צו בלעם'ס מפלה! — האָט קרח זיך צו זיי געווענדעט.

— כן יאבדו! — האט עמינדב געענטפערט. — לאָמיר האָפען, אַז אַלע אונזערע שונאים וועלען זייער שטראָף באַקומען.

— זאָג מיר, נחשון! — האָט קרח זיך צו איהם אָפּגערופען, — האָב איך דיר נישט געזאָגט מיט אַ צייט צוריק, אַז בלעם וועט לאַנג נישט זיין פּרעה'ס הויפּט מיניסטער?

—איך געדענק נישט גענוי — האָט נחשון איהם געענטפערט. — איך ווייס, אַז פילע האָבען אַזוי געזוכט נביאות צו זאָגען.

— עס פאַרשטעהט זיך, — האָט עמינדב צוגעגעבען, — ווען איינער טוט אַזוי וועה, ווען ער פאַראורזאַכט אונז אַזוי פיל צרות, אי זעם נאַטירליך, אַז יעדער פון אונז זאָל אויסדריקען זיין וואונש און האָפנונג, אַז מען זאָל פון אונזער שונא פּטור ווערען.

— אבער ניין! — האָט קרח אויסגערופען. — איך האָב באַלד געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס פּאַסירען מיט בלעמ'ען.

— פון וואַנען האָסטו עס געקענט וויסען מעהר פון אַנדערע? — האָט עמינדב איהם געפרעגט.

— איך האָב... עה, — האָט קרח געשטאַמעלט און גלייך זיך פאַרכאַפּט. — מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי וועט עס געשעהן! און אפשר, לאָמיר זיך דערמאָנען, יע, מיר דוכט זיך, אַז איך האָב וועגען דעם גע'חלומ'ט. און אויב דו גלויבסט מיר ניט, נחש'ן, קען איך דיר באַווייזען דורך דעם, וואָס איך האָב דערצעהלט פאַר מיינע פריינד נאָך מיט אַ פּאָר טעג איידער פּרעה האָט בלעמ'ען באַשולדיגט אין גנבה.

— איך גלויב דיר! — האָט נחשון געענטפערט...

— איך האָף, אַז גאָט וועט מיר נאָך אַנדערע וויכטיגע זאַכען ענטדעקען! — האָט קרח געזאָגט. — ער האָט מיין פאַרמעגען גרויס געמאַכט און מיט מיר פיל גנאַדע געטאָן...

— און פונדעסטוועגען האָסטו ניט געוואָלט טאָן דעם ווילען פון גאָט און מיט דיין פאַרמעגען אַרויסהעלפען די, וועלכע האָבען זיך שטאַרק גענויטיגט אין דעם.

— ווען איך וואָלט דאַן אימיצען געהאָלפען, וואָלט שוין מעהר קיין סוף ניט גענומען, ווען יעדער איינער וואָלט געוואוסט, אַז ער קען פון מיר באַקומען געלט און דאָס וועט איהם אויסלייזען פון דער שטראָף, וואָלט זיך יעדער איינער צוגעפוילט צו אַרבייטען און אויף מיר וואָלט אַרויפגעלייגט געוואָרען די גאַנצע לאַסט!

— דאָס וואָלט קיינמאָל נישט פּאַסירט! — האָט עמינדב איהם געענטפערט. — ווען דו וואָלסט געוואָלט וואָלסטו געקענט באַשטימען אַ געוויסע סומע געלט פאַר דיזען צוועק און מיר וואָלטען שוין געזעהן ווער עס איז באַרעכטיגט צו דער שטיצע און ווער ניט!

— איך בין זיך מודה, אַז דאָס וואָס איך האָב זיך אַזוי פאַר'עקשנ'ט דאַן, איז עס געווען מעהר די שולד פון דיין טאָכטער'ס שולד?

— וואָס מיינסטו?! — האָט איהם עמינדב אָנגעקוקט מיט גרויס ערשטוינונג. — פאַרוואָס זאָל עס זיין מיין טאָכטער'ס שולד?

— איך האָב זיך שוין לאַנג געקליבען צו ריידען מיט דיר, עמינדב! — האָט קרח געקראָגען מעהר מוט. — איך

האָב דיין טאָכטער זעהר ליב און איך וואָלט אלעס אין דער וועלט געטאָן פאר איהר!

—ווייסטו דען נישט אז די חתונה פון מיין טאָכטער און אהרן איז באַשטימט געוואָרען אין צוויי וואָכען ארום? — האָט עמינדב איהם געפרעגט.

— איך בין נישט געווען זיכער, — האָט קרח געענטפערט, — אָבער דאָך האָף איך, אז עס איז נאָך נישט צו שפּעט אלעס צו ענדערען!...

— פארוואָס זאָל עס געענדערט ווערען! — האָט עמינדב איהם אָנגעקוקט.

— ווייל איך בין רייכער פון אהרנ'ען און אויב אלישבע וועט מיט מיר חתונה האבען, דאן וואלט איך מעהר ווי העלפט פון מיין פארמעגען אָפּגעגעבען צו העלפען די אידען... און דו מעגסט עס וויסען, מיין פריינד. אז מיין פארמעגען איז אונגעהויער גרויס. יע, עס איז אזוי גרויס, אז איך וואָלט אפילו געקענט אויסלייזען א גאנצען שבט פון שקלאפעריי.

—ווי אזוי קומט עס צו דיר אזוי פיל גאָלד? — האָט זיך עמינדב ארויסגערעדט, און באלד חרטה געהאט, וואָס ער האָט איהם אזא פראגע געשטעלט; ער האָט געוואוסט, אז דאָס איז א סוד, וואָס איז צו איהם איבערגעגאנגען פון זיין פאָטער יצהר'ן.

— צום באדויערען קען איך דיר איצט נישט דערצעהלען. עס איז א סוד! אָבער איך פארזיכער דיר, אז ווען אלישבע וועט ווערען מיין פרוי, דאן וועט זי און דו וויסען פון דער גאנצער געהיימניס...

— איך בין נישט זעהר נייגעריג עס צו וויסען, קרח! — האָט איהם עמינדב געענטפערט. — אָבער דו דארפסט זעהן אפילו נישט צו טראכטען פון מיין טאָכטער... דער באשאַפער וועט צושיקען צו די אידען א ישועה פון אן אנדער קוואל און אויב דו ווילסט האלטען דיין גאָלד פאר זיך, וועט קיינער עס פון דיר נישט אוועקרויבען. אלישבע אָבער האָט ליב אהרן, און אהרן האָט איהר ליב און די חתונה איז שוין באשטימט געוואָרען.

— איך ווייס נישט פארוואָס אהרן האָט אלישבע'ן אזוי באצויבערט. — האָט קרח אויסגערופען מיט פארביטערונג. — דאָס איז דערפאר ווייל ער קען בעסער ריידען פאר מיר! אָבער ווען עס קומט עפּעס א צרה ווענדען זיך דאָך אלע צו מיר!

— זעהסטו אז מיר האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צו אונזערע צרות! — האָט עמינדב אויסגערופען — און מיר קומען אויס אפילו אָהן דיין הילף!

— אָבער דו דארפסט נישט פארגעסען, אז איך קען דיין טאָכטער א סך מעהר גליקליך מאכען ווי אהרן!

—מיין טאָכטער איז שוין די גליקליכסטע דערמיט וואָס אהרן וועט ווערען איהר מאן! — האָט עמינדב געזאָגט מיט שטאָלץ, אויב דו שעצט גרינג אהרנ'ען איז עס דאָך פארשטענדליך, אָבער געלויבט איז גאָט וואָס אלע אידען פון גשן האָבען א גאנץ אנדער מיינונג פון אהרנ'ען...

קרח האָט ארונטערגעבויגען זיין קאָפּ און געשוויגען. ער האָט שוין געזעהן, אז זיינע רייד וועלען זיין ארויסגעוואָרפען.

— איך האָף, קרח, אז דו וועסט ניט טראָגען קיין שנאה אויף אהרנ'ען. נאָך אלעמען דארפסטו נישט פארגעסען, אז ער איז דיין קאָזין, און עס איז נישט זיין שולד, וואָס דו האָסט אויך ליב מיין שוועסטער. אזוי איז דער ווילען פון גאָט און אזוי וועט עס בלייבען!

— ווייל אהרן איז מיין קאָזין און איך קען איהם אזוי גוט. ווייס איך, אז ער האָט אלישבע'ן נישט פארדינט... איך ווייס, אז אויסער זיין ריידען האָט ער נאָך גאָרניט אויפגעטאָן פאר אונזער פאָלק.

— דאָס איז ווייל דו טראָגסט אויף איהם א שנאה! — האָט עמינדב געזאָגט — אָבער יעדער איינער ווייס וואָס מיר קענען ערווארטען פון

אהרן׳ען... עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט, אז אהרן וועט זיין א פיהרער ביי אידען און ער וועט נאך א סך טאן צו פארלינדערען אונזערע צרות!

— דאס וועלען מיר שוין זעהן! — האט קרח אויסגערופען מיט צארן — און ער האט גלייך פארלאזען עמינדב׳ס הויז.

א היבשע צייט האט זיך קרח געשלאגען מיט דער דעה, אויב ער זאל עפעס זעהן טאן צו פארמיידען אהרן׳ס חתונה מיט אלישבע׳ן. ער ווייס, ווען ער זאגט נאר איין ווארט צו די ברידער דתן און אבירם, בפרט אז איצט איז צו איהם צוגעקומען נאך א פריינט, וועלכער הייסט און, דער זוהן פון פלת. די דריי וועלען קענען צוזאמען אפטאן אהרן׳ען אזא זאך, אז ער זאל פארשפארען חתונה צו האבען מיט אלישבע׳ן... ניין, דאס וועט ער נישט טאן, ווייל איצט וועט דער חשד געווים פאלען אויף איהם. האט קרח באשלאסען... יעדענפאלס נישט איצט, איידער ער האט מיט איהר חתונה... זאל נאר אוועקגעהן א שטיקעל צייט און דאן וועט ער שוין זעהן, אז אהרן זאל אריינפאלען אין פרעה׳ס הענט און ווען מען וועט דארפען געלט איהם אויסצולייזען, וועט ער נישט געבען... וועט אפשר מעגליך זיין אז דורכדעם וועט ער אין גאנצען פטור ווערען פון איהם.

מיט אזעלכע מחשבות האט זיך קרח ארומגעטראגען די לעצטע פאר טעג פאר אהרן׳ס חתונה. ווען עס איז געקומען דער באשטימטער טאג פון דער חתונה, האט קרח גארנישט געקענט רוהען... ער האט געפיהלט אז ער מוז האבען אימיצען מיט וועמען ער זאל זיך קענען דורכריידען וועגען דעם, אז עס זאל איהם גרינגער ווערען אויפ׳ן הארצען.

גאנץ פריה איז ער צו זיי, צו די ברידער דתן און אבירם, אוועק.

— איהר ווייסט דאך געווים מיינע פריינט, אז היינט איז אהרן׳ס חתונה— האט קרח אויסגערופען מיט א טרויעריגע שטימע — אלע מיינע האפענונגען וועלען פארשוואונדען ווערען אויף אייביג.

— פארוואס ביסטו צו אונז פריהער, מיט אייניגע טעג צוריק נישט געקומען? דאן וואלטען מיר דיר נאך געקענט העלפען — האט דתן צו איהם געזאגט — איצט אבער איז שוין צו שפעט, וואס קענען מיר טאן דעם לעצטען טאג?

— איהר וואלט פריהער אויך גארנישט געקענט טאן — האט קרח געזאגט מיט יאוש.

— פריהער האבען מיר פאר דיר געהאט פילע פלענער — האט אבירם געזאגט — ווייל מיר וואלטען געהאט גענוג צייט זיי דורכצופיהרען, אבער איצט קענען מיר דיר גארנישט העלפען!

— איך ווייס אז איצט איז שוין פארפאלען! — האט קרח געזאגט מיט פארצווייפלונג — און איך בין איצט צו אייך נישט געקומען זיך וועגען דעם צו בראטהען... איך בין געקומען צו אייך צו באנייען מיין פריינדשאפט מיט אייך... פריהער, ווען איך האב נאך געהאט א שוואכע האפענונג צו קריגען אלישבע׳ן, האב איך זיך געמוזט אויסבאהאלטען, כדי מען זאל ניט באמערקען, אז איך געפין זיך אין אייער געזעלשאפט... איצט אבער ארט מיר שוין נישט וואס מען וועט אויף מיר זאגען...

— ווען דו וואלסט זיך צו אונז דאמאלסט צוגעהערט, וואלסטו איצט געפייערט די חתונה מיט אלישבע׳ן און נישט אהרן — האט דתן געזאגט. איך ווייס נישט וואס דו האסט אזוינס געזעהן אין בצלאל׳ן, אז דו האסט מורא געהאט מיר זאלען איהם קיין שלעכטעס נישט טאן.

— איך האב דאמאלסט נישט געוואלט אננעמען אייער עצה — האט קרח געענטפערט — ווייל איך האב נישט געגלויבט אז דאס וועט העלפען... מיר דוכט זיך, אז ווי גרויס מיין נאמען וואלט נישט געווען, וואלט אלישבע אלץ איינם נישט אויפגעהערט ליעב צו הא־

בען אהרן׳ען און איך וואלט נאך זיין געצוואונגען איהם אויסצולייזען מיט מיין גאלד... און נאך אלעמען וואלטען מיר פילע פארדעכטיגט אז איך האב א האנט אין דעם.

— ווען דו וואלסט געקומען צו אונז מיט איניגע טעג פריהער, וואלטען מיר דיר באוויזען ווי גרינג דו וואלסט געקענט פטור ווערען פון אהרן׳ען. מיר האבען געהאט באשלאסען צו געהן צו פרעה׳ן און צו מסור׳ן אויף איהם, אז ער זוכט אויפצורייצען די אידישע שקלאפען זיי זאלען מאכען אן אויפשטאנד געגען פרעה׳ן און דאן וואלט צו אהרן געשעהן אזוי ווי עס איז געשעהן צו זיין ברודער משה׳ן, ער וואלט געצוואונגען געווען צו פארלאזען מצרים, אז נישט וואלט ער געטויטעט געווארען פון פרעה׳ס שווערד... אבער ווי עס וואלט נישט געווען וואלט אלישבע געווען פריי און דיר וואלט זעהר לייכט געווען איהר צו געווינען אויף דיין זייט...

— דאס וואלט אויך געווען אוממעגליך, ווייל דער חשד וואלט באלד געפאלען אויף מיר און בפרט נאך אז מען האט מיר באמערקט קומענדיג צו אייך. איך וואלט ביי אלעמען פאררעכענט געווארען פאר א פאררעטער... אבער עס איז נוצלאז צו ריידען איצט וועגען דעם... אלץ איז שוין פארפאלען. מארגען אין דיזער צייט וועט אלישבע זיין די פרוי פון אהרן׳ען...

— די איינציגע זאך וואס עס איז איצט פארבליבען צו טאן — האט אבירם געזאגט —איז אונטערצוצינדען דאס הויז פון עמרם און פארברענען אלע וועלכע געפינען זיך דארטען...

— און ווען דאס וואלט ווירקליך געשעהן, וואלטען מיר די אידען פארשטיינט צום טויט! — האט קרח געזאגט — עס וואלט גאר ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען אז איך בין דער שולדיגער אין דעם... ניין, איצט איז ניטא וואס צו ריידען, אבער איך האף אז עס וועט קומען א צייט און איך וועל זיך קענען נוקם זיין אין אהרן!

גרויס איז געווען די שמחה אין גאנץ גשן, ווען די חתונה פון אהרן מיט אלישבע׳ן איז געפייערט געווארען... ביידע, אי אהרן און אי אלישבע זיינען געווען שטארק באליבט ביי אלע אידען. אלע פארשטעהער פון די שבטים זיינען אנוועזענד געווען אויף דער חתונה. די מחותנים עמרם און יוכבד און עמינדב מיט זייערע קינדער מרים, נחשון האבען משמח געווען דעם עולם.

— זאל גאט געבען — האט עמינדב אויסגערופען — אז דו מיין טאכטער, זאלסט זיין גליקליך מיט אהרן און זאלסט איהם געבוירען קינדער, מיט וועמען אונזער גאנצער פאלק וועט קענען שטאלצירען... און זאל זיך גאט איבער אונז אלעמען מרחם זיין און אונז ארויסנעמען פון דעם שווערען גלות פון מצרים...

— זאל גאט געבען, אז מיין זוהן משה זאל זיך צו אונז אומקערען און דאן וועט אונזער שמחה פארפולט זיין! — האט יוכבד אויסגערופען און טרערען האבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

— אפשר וועט גאט צוליב דעם זכות פון אהרן און אלישבע׳ן זיך דערמאנען אן אונז — האט עמרם געזאגט — און וועט מקיים זיין זיין הבטחה וואס ער האט צוגעזאגט צו אונזער עלטער־זיידען אברהם...

— געוויס וועט גאט מקיים זיין זיינע רייד — האט מרים געזאגט —האט דען גאט נישט פארשפראכען צו אברהם׳ן אז זיינע קינדער וועלען זיין פארשקלאפט אין א פרעמדען לאנד און זיי וועלען ווערען געדריקט און געפייניגט און דערנאך וועלען זיי באפרייט ווערען און ארויסקומען פון דעם לאנד, וואו מען האט זיי פארשקלאפט מיט א גרויס פארמעגען. און איצט, אז גאט האט מקיים געווען די ערשטע האלבע פארשפרעכונג וועט ער דאך געוויס אויך מקיים זיין די צווייטע העלפט...

קרח איז געווען דער איינציגער פון עמרם׳ס משפחה, וועלכער איז נישט געקומען צו דער חתונה פון אהרן מיט

אלישבע. דאמיט האט ער גאנץ אפען ארויסגעוויזען זיין שנאה צו אהרן... באטש קרח׳ס מוטער און זיינע צוויי ברידער נפג און זכרי זיינען יע געווען.

בצלאל האט צוגעטראגען צו דעם חתן און כלה א וואונדערבארע אויסגעשניצטע קונסטווערק און ער האט זיי דאס איבערגעגעבען מיט זיין ברכה און בעסטע צואווינשונג.

פילע אנדערע מתנות האבען זיי באקומען פון זייערע פריינד און מען האט פארבראכט ביז טאג.

אין די קומענדע יאהרען האט אלישבע געבוירען צו אהרן פיער זיהן: נדב, אביהו, אלעזר און איתמר.

זעהר געראטען זיינען אהרן׳ס קינדער געווען און האבען פיעל פרייד געבראכט צו זייער זיידען און באבען עמרם׳ן און יוכבד.

מרים האט זיך א סך אפגעגעבען מיט זייער ערציהונג. זי איז געווען ווי א שוועסטער צו אלישבע׳ן און האט איהר א סך ארויסגעהאלפען אויפצובריינגען די קינדער.

אהרן איז געווארען מעהר טעטיג אין די אידישע אנגעלעגענהייטען. ער פלעגט ארומגעהן איבער גאנץ גשן און געזעהן אויב עס געפינט זיך ערגעץ וואו א נויט־באדערפטיגע משפחה, האט ער געזעהן צו העלפען. פילע מאל פלעגט ער אוועקגעהן מיט נחשון׳ען זיין שוואגער, אין פתם און אין רעמסס און ווען זיי פלעגען באמערקען אז עלטערען אידען, אדער אימיצען, וועלכער איז אפגעשוואכט געווארען פון פיעל ארבייט, האבען זיי איהם ארויסגעהאלפען... זיי פלעגען ענדיגען די צאהל ציגעל.

פילע פון זייערע גוטע פריינט האבען זיי געווארענט זיי זאלען אזא זאך נישט טאן, ווייל ווען פרעה וועט זיך דערוויסען, אז זיי העלפען ארויס זייערע ברידער, קען ער נאך נאכהער זיי אויך צווינגען זיי זאלען אנפאנגען צו ארבייטען. אבער אהרן און נחשון האבען זיך פון דעם נישט געשראקען. זיי האבען געזוכט צו טאן אלץ מעגליכעס ארויסצוהעלפען זייערע אומגליקליכע ברידער...

דרייצעהנטער קאפיטעל

משה קומט

יאהרען, פיעלע יאהרען זיינען פאראיבער, אהרן׳ס זיהן זיינען שוין אונטערגעוואקסען, אבער די אידישע לאגע איז נישט גרינגער געווארען. פרעה׳ס אנדערע מיניסטארען זיינען אפשר נישט געווען אזוי שלעכט ווי בלעם דער רשע, אבער רשעות איז געווען גענוג גרויס, פון די שלעכטע גזרות וואס פרעה האט ארויסגעגעבען אין דער צייט פון בלעם׳ן, איז נאך קיין איינציגע נישט אפגעשאפט געווארען. וואס ווייטער איז נאך די לאגע פון די אידען אין מצרים שווערער געווארען. אונערטרעגליך איז געווען דער יאך וואס די מצריים האבען אויף זיי ארויפגעלייגט. פון יעדען אידישען הארץ האט זיך א וועה געשריי געהערט. עס האט אפילו גאנץ אפט פאסירט אז כדי צו בעשטראפען א אידישען שקלאף, וועלכער האט נישט געקענט ענדיגען די בעשטימטע צאהל ציגעל, האט מען זיינע א קינד פערמויערט אין וואנט, נישט קוקענדיג אויף די געוויינען און יאמערן פון די עלטערן פון דעם אונגליקליכען קינד.

פון צייט צו צייט האט פרעה ארויפגעלייגט נייע שווערע צינזען אויף די אידען און דאס האט נאך זיי מעהר געדריקט. קרח איז יעצט געווען שטארק פערביטערט און האט מיט גאר נישט ארויסגעהאלפען. ער האט אויך שוין לאנג חתונה געהאט און זיין פרוי האט איהם קינדער געבארען. זיינע אוצרות זיינען געווען פול, און ווען די אידען האבען געדארפט ווייטער צאהלען צינזען, האבען זיי געבלוטיגט, יעדער הויז פערקויפט וואס נאר ער האט געקענט כדי אז פרעה זאל נישט אויסלאזען זיין צארן צו זייערע אונשולדיגע קינדער.

אבער באלד איז אויף זיי אנגעקומען א נייע צרה:

פרעה מענעפטא איז קראנק געוואָרען, זיין לייב איז אויסגעשלאָגען געווען מיט פערשיעדענע פרישצעס און געשווירען. ער האט גערופען זיינע רופאים און מכשפים און זיי האבען איהם געגעבען פערשיעדענע תרופות אבער עס האט נישט געהאָלפען.

אלע אין פאלאץ זיינען געווען פערצווייפעלט, די רופאים און די חרטומים האבען מורא געהאט פרעה זאל זיי נישט בעשטראפען, דעריבער האבען זיי זיך אלע צוזאמען בעראטען אין פרעה'ס געגענווארט וואס צו טאָהן.

— ווי איך פערשטעה — האט זיך איין רופא אויפגעשטעלט — איז עפעס נישט ריכטיג אין פרעה'ס בלוט. דאס פעראורזאכט אן ארויסשלאגונג פון זיין קערפער. די איינציגע זאך וואס וועט דעם קעניג קענען העלפען, ווען אין זיין קערפער זאל געמאכט ווערען אן אריינשפריצונג פון יונגע פרישע בלוט, דאן וועט זיין לאגע פערבעסערט ווערען.

— וואס פאר א בלוט? — האט פרעה געפרעגט.

— דאס בלוט פון יונגע קינדער. ווייל זייער בלוט איז ריין און ענטהאלט אין זיך זעהר א גרויסע מאס פון הייל־לונג'ס קראפט.

— ווי אזוי קען איך קריגען אזעלכע בלוט? — האט פרעה געפרעגט.

— מען וועט דארפען קוילען א יונג קינד און זיין בלוט אריינשפריצען אין פרעה'ס קערפער — האט דער רופא געענטפערט.

א ווילע האט אין פרעה'ס שלאפצימער געהערשט א שטילקייט. יעדער האט דערפון געטראכט. ווי אזוי קען מען קריגען א יונגע קינד. וועלכע עלטערן וועלען לאזען טוידטען זייער א קינד צוליעב אזעלכע צוועקען.

— זאל מען געהן איבער מיין לאנד און אויסגעפינען עלטערן וועלכע נויטיגען זיך אין געלט, און פון זיי זאל מען אפקויפען זייער קינד! — האט פרעה געזאגט — איך וועל קיין געלט נישט זשאלעווען.

— מוז עס דוקא זיין בלוט פון א מצרי'שען קינד? — האט א מיניסטער געפרעגט דעם רופא.

— ניין, עס מעג זיין בלוט פון וואס פאר א קינד עס איז, איבערהויפט נאר עס זאל זיין ריינע, געזונטע בלוט.

— אויב אזוי נו פאר וואס זאל מען נישט נעהמען א קינד פון די אידען? — האט דער מיניסטער אויסגערופען — דאס אידישע בלוט איז א סך ריינער פון די מצרי'שע און מיר וועלען קענען אויסקלייבען דעם געזונדסטען און שטארקסטען קינד. און דער קעניג וועט אפילו נישט דארפען בעצאהלען פאר דעם.

— דו ביזט גערעכט! — האט פרעה אויסגערופען — זאל מען גלייך אוועקגעהן אין גשן און דארטען אויסקלייבען א געזונטען קינד.

די בעאמטע אין דער בעגלייטונג פון רופא, זיינען אוועק אין גשן און האבען גענומען נאכפרעגען וועלכער פון די אידען האט דעם געזונדסטען קינד.

די אידען האבען פערשטאנען אז קיין גוטעס ערווארט נישט יענעם קינד, און יעדער האט געזאגט אז זיין קינד איז שוואך און ליידט עבעס פון א מין מחלה.

— ווען פרעה וועט געפינען א געזונטען און שטארקען קינד צווישען אייך, וועט ער דעם קינד גליקליך מאכען, ער וועט איהם אויפהאָדעווען אין זיין פאלאץ און איהם מאכען פאר א פרינץ, אזוי ווי זיין פאטער האט עס געטאָהן צו אן אידישען קינד, וועלכער איז אריינגעבראכט געווארען אין פרעה'ס פאלאץ.

ווען די בעאמטע האבען געזעהען אז דאס העלפט נישט און נישט אזוי גרינג וועט זיי אנקומען אויסצוגעפינען ווער פון זייערע קינדער איז דער געזונדסטער, האבען זיי זיך אריינגעריסען מיט געוואלד אין די אידישע הייזער און דער רופא האט בעזוכט יעדען קינד, ווען ער האט בעטראכט אלס געזונטען און

ה׳ען ער האט אויסגעקליבען איינעם, האט ער א וואונק געטהאָן צו די בעאמטע און זיי האבען מיט געוואלט ארויסגעריסען דעם קינד פון זיין מוטער׳ס הענט. די געוויינען, און געשרייען האבען דערגרייכט די הימלען.

— מיין קינד! גיט מיר אָפּ מיין קינד! — האט די מוטער געיאָמערט. אבער זיי, די אכזר׳ישע בעאמטע האבען זיך אפילו נישט אומגעקעהרט. זיי האבען דעם אומשולדיגען אידישען קינד אװעקגעטראגען אין פּרעה׳ס פּאלאץ דארטען האט מען איהם געטויטעט און אויסגעצאַפּט זיין בלוט. ווען די רופאית האבען געמאכט א פערזוך אריינצושפּריצען דאס בלוט פון דעם אידישען קינד אין פּרעה׳ס קערפּער, האט פּרעה געפיהלט גרויסע יסורים און ער האט זיי נישט דערלאָזען צ: טאָהן.

— איך קען נישט פערליידען די יסורים! — האט פּרעה אויסגערופען.

— מיין הארר קעניג! — האט דער רופא געזאגט — אבער דאס וועט ברייגגען א היילונג צו דיין קערפּער.

פּרעה האט שוין געהאט צוגעשטימט אבער ווען ער האט געזעהען די מעסער מיט וואס מען האט געדארפּט איינשניידען זיין קערפּער כדי דארט אריינצוטאָן דאס בלוט פון דעם אידישען קינד, האט ער זיך דערשראקען און ער האט נישט דערלאָזען.

די פערצווייפלונ׳ פון די רופאים איז געווען זעהר גרויס; זיי האבען נישט געוואוסט וואס צו טאָהן. זיי האבען פּרובירט איינריידען פּרעה׳ן ער זאָל זיי לאָזען דאס טאָהן.

— ווי נאָר דאָס וועט געטאָהן ווערען צו דעם קעניג, וועט ער געזונט ווערען!

— האָט מען איהם פערזיכערט.

— מיין קערפּער איז אזוי אויך פול מיט וואונדען און עס טוט מיר שטארק וועה, און איך קען נישט דערלאָזען מען זאָל מיר נאָך מעהר וועה טאָהן! אויב איהר ווייסט פון אן אנדער מיטעל וואס זאָל מיר קיין יסורים נישט פעראורזאכען, וועל איך אייך לאָזען טאָהן.

— עס איז פאַ. אן נאָך א מיטעל — האט דער רופא געזאגט—און דאס איז אויב פּרעה וועט קענען באָדען זיין קערפּער אין די בלוט פון יונגע קינדער.

— אויב דאס וועט מיר נישט פערשאפען קיין שמערצען, וועל איך גלייכער דאס טאָהן! — האט פּרעה געזאגט.

— אבער מיין הארר קעניג! — האט זיך דער רופא אפּגערופען—כדי זיך צו באָדען אין די בלוט פון די קינדער וועסטו דארפען זעהר פיעל קינדער טויטען פאר דיזען צוועק.

— וואס, וויניציג קינדער האבען די אידען! — האט פּרעה אויסגערופען — דו מעגסט רוהיג זיין אז קיין קינדער וועט מיר שוין נישט פעהלען.

— אויב וועגען דעם וועט קיין אָפּהאלט ניט זיין! — האט דער רופא געזאגט—דאן וועט דאס טאקע זיין זעהר גוט, דאס וועט דיר קיין קערפּערליכע יסורים נישט פערשאפען און דו וועסט אויסגעהיילט ווערען פון דעם הויטקראנקהייט.

פּרעה האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז מען זאָל איהם יעדען טאָג צושטעלען א געוויסע צאָהל אידישע קינדער.

באלד האבען זיך אין גשן אװעקגעלאָזען פיעלע בעאמטע בעוואפענטע מיט שווערדען און שפּיזען און זיי האבען גענומען אװעקרויבען די אידישע קינדער. עס איז געווארען א בהלה און א מהומה אין גאנץ גשן. די אידען האבען זיך גלייך דערוואוסט צוליעב וועלכע צוועקען מען וויל פון זיי זייערע קינדער אװעקנעהמען. זיי האָבען גענומען ארויסווייזען א גרויסען ווידערשטאנד. די מוטערס האבען גענומען בייסען, רייסען, גראבלען די הינט פון די מצרי׳שע בעאמטע. אבער די בעאמטע האבען זיי צוריקגעשליידערט מיט זייערע שווערדען.

אייניגע בעאמטע זיינען אריינגעקומען אין קרח׳ס הויז און האבען געוואלט אויך פון איהם אװעקנעהמען דעם איינגסטען זוהן. קרח האט אבער די בע־

אמטע אונטערגעקויפט מיט עטליכע שטיקלאך גאלד און זיי זיינען פון זיין הויז אוועק צו א צווייטע הויז.

ווען די אידען וועלכע האבען געשקלאפט אין פתם און רעמסס, האבען זיך דערוואוסט אז די מצריים וועלען פון זיי אוועקנעהמען זייערע קינדער און קוילענען זיי צו קריגען זייער בלוט פאר פרעה'ן האבען פיעלע פון זיי געווארפען זייערע ארבייט און געלאפען נאך גשן. א גרויסער קאמף איז ענטשטאנען. די פאטער'ס פון די אוועקגערויבטע קינדער האבען געקעמפט ווי לייבען כדי ארויסצוראטעווען זייערע קינדער פון די רוצחים'שע הענט. אבער באלד האט מען זיך דערוואוסט אין דער הויפטשטאדט טהעבעס, אז די אידן ציינען ארוים א גרויסען ווידערשטאנד, און פרעה האט ארויסגעגעבען א בעפעהל צו טויטען יעדען אידען וועלכער וועט זיך געגענשטעלען. באלד זיינען צוגעקומען נאך בעוואפענטע בעאמטע און סאלדאטען. דער קאמף האט זיך נאך שטארקער צופלאקערט. די עלטערן פון די קינדער האבען נישט אפגעלאזען די בעאמטע אין וועמענס הענט זייערע אומגליקליכע קינדער זיינען געווען. אבער עס האט לאנג נישט געדויערט און פיעלע פון די וועלכע האבען זיך געגענגעשטעלט זיינען געפאלען טויט אין קאמף מיט די מצריים.

עס האט גאר נישט געהאלפען. די הילפלאזע און וואפענלאזע אידען האבען גאר נישט געקענט טאהן געגען די בעוואפענטע מצריים. זייערע קינדער זיינען מיט געוואלד אוועקגענומען געווארען פון זיי און די פאטערס האט מען מיט בייטשען אויף זייערע נאקעטע לייבער געשמיסען צוריק צו דער ארבייט. שוידערליך איז געווארען די לאגע פון די אומגליקליכע אידען. די אונטערדריקער האבען נאך דעם ווי די אידען האבען ארויסגעוויזען א ווידערשטאנד, גענומען זיי נאך מעהר דריקען.

פרעה האט זיך ממש געבארען אין אידיש בלוט. קליינע קינדער זיינען מיט גרוים אכזריות אוועקגעריסען געווארען פון זייערע מוטערס און פאטערס און זיינען געשאכטען געווארען ווי די שעפסען.

א יללה און א יאמערליכער געוויין האט אנגעפילט די לופט פון גשן. אפילו די וועמען עס האט גלייך נישט אנגערירט, האבען ביטער געוויינט אויף דעם אומגליק.

— די לעצטע גזרה פון פרעה איז נאך ערגער פון אלע גזרות ביז יעצט— האט מען צווישען זיך גערעדט — ביז יעצט האט מען זיך אמווייניגסטענס געהאט אן וואס אנצוהאלטען. האט מען געקענט זיך אויסקויפען פאר געלט, און אויב עס איז קיין געלט נישט געווען האט מען געזוכט אויפצוטאהן מעהר ארבייט. אבער יעצט העלפט שוין גאר נישט אפילו קיין געלט נישט! ביז יעצט פלעגט זיין די גזרה בלויז אויף זיהן, יעצט איז עס ביי זיי קיין אונטערשייד. אונזערע זיהן און טעכטער רויבען זיי פון אונז.

— עס העלפט קיין געלט נישט?! — האט א איד מיט א פערביטערט הארץ זיך אפגערופען—אט זיינען די מצרישע בעאמטע געווען אין קרח'ס הויז. זיי האבען געזאלט אוועקנעהמען אויך איינעם פון זיינע זינדער, פונדעסטוועגען האט מען פון איהם נישט גענומען. פארוואס, ווייל קרח איז רייך, ער קען אונטערקויפען די בעאמטע, ער האט גענוג געלט פאר דעם. יע, ווען איך וואלט געהאט יעצט געלט וואלטען זיי מיר אומגעקעהרט מיין אומגליקליכען קינד. אה, ווען איך וואלט געהאט כח, וואלט איך נקמה גענומען פאר דעם פערגאסענעם בלוט פון מיין ארימען אומגליקליכען קינד!

— ביז ווי לאנג, א, גאט, וועלען מיר זיך דארפען אזוי פיעל מאטערן אין גלות פון מצרים? — האבען אנדערע געיאמערט.

— מיר האבען נישט געטארט שווייגען אין דעם—האט זיך אפגערופען אז

אלטער איד—מיר האבען אלע ווי אייגענער געדארפט זיך געגענשטעלען און נישט דערלאזען אזא שוידערליכע זאך!

— האבען מיר דען נישט געמאכט א פערזוך זיך געגענצושטעלען? און וואס האבען מיר אויסגעפיהרט? אייניגע פון אונז האבען זיי געטויטעט, אנדערע צעוואונדעט און די איבעריגע דארפען יעצט נאך שווערער שקלאפען!

— דאס איז צוליעב דעם ווייל מירזיינען נישט געווען פעראייניגט, נישט אלע פון אונז האבען פערלאזען זייערע פלעצער פון פתם און רעמסס. בלויז די וועלכע האבען געהאט קליינע קינדער.

ווידער אמאל האבען די אידישע פארשטעהער געמאכט א פארזוך צו בעטען רחמים פון פרעה'ן. זיי האבען איבערגעגעבען זייער בקשה צו פרעה'ס הויפט מיניסטער, אבער יענער האט זיי אויסגעלאכט, און האט זיי מיט חרפה פון פאלאץ פאריאגט.

האבען די אידען צו גאט מתפלל געווען. זיי האבען זייערע הערצער פאר דעם באשעפער אויסגעגאסען.

די עלטסטע פון ישראל האבען זיך פארזאמעלט און גענומען באטראכטען מיטלען ווי אזוי אפצושאפען די ערגסטע שרעקליכע גזרה, וואס איז אויף זיי ארויפגעלייגט געווארען זינט זיי זיינען געווארען שקלאפען אין מצרים.

— אויב דאס זאל אנהאלטען א סך לענגער, וועלען מיר דאך זיין פארלוירענע! — האט מען צווישען זיך גערעדט.

— קיינער פון אונז וועט נישט קענען אויסמיידען די שלעכטע גזרה, סיידען ער וועט האבען גענוג געלט אויסצולייזען זיין קינד!

— וואס אבער בלייבט אונז איבער צו טהאן?

— מיר זיינען הילפלאז! אונזער איינציגע וואפע איז אויפצוהויבען אונזער שטימע צו גאט.

— אבער ווי עס ווייזט אויס, האט דער גאט פון אונזערע עלטערן אן אונז איגנאנצען פארגעסען. אויב מיר האבען געזינדיגט, וואס זיינען אונזערע קליינע אומשולדיגע קינדער שולדיג?

— עפעס וועלען מיר מוזען טהאן דערצו! מיר קענען נישט דערלאזען מען זאל אונזערע קינדער שעכטען ווי די שעפסען!

— מיר וועלען נאך אמאל שיקען אונזערע פארשטעהער. לאמיר פארקויפען אלעס, וואס מיר פארמאגען און מיר וועלען אויסלייזען אונזערע קינדער!

— עס וועט גארנישט העלפען! פרעה וועט זיך נישט צוהערען. זיינע אויערען זיינען פארשטאפט צו אונזערע וועה־געשרייען. ער וועט נאך זיין צארן אויף אונז פארשטארקען און ווער קען פאראויסזאגען, וואס פאר א גורל עס וועט באפאלען די פארשטעהער, אויב זיי וועלען מאכען א פארזוך ווידער צו קומען אין פאלאץ?!

— ווען קרח וואלט נאר געוואלט אפגעבען א טייל פון זיין גאלד, וואלט פיליכט מעגליך געווען צו ווירקען אויף פרעה'ן... אבער ווי מיר ווייסען שוין, וויל קרח אפילו נישט הערען דערפון. ער וויל זיך מיט זיין גאלד נישט שיידען. און אהן געלט איז נוצלאז ווידער צו געהן צו פרעה'ן!

— לאמיר פרובירען רעדען נאך אמאל מיט איהם. מיר וועלען איהם בעטען, ער זאל רחמנות האבען אויף אונזערע קליינע קינדער.

— זיין הארץ איז פארשטיינערט געווארען. האבען מיר דען נישט געוויינט פאר קרח'ן מיט ביטערע טרעהרען און זעהט ער דען אליין נישט אונזער גרויסען בראך? וויפיעל מוטערס זיינען צו איהם געקומען און געפאלען צו זיינע פיס, ער זאל זיי העלפען און וואס האט ער זיי געענטפערט?

— יע, ער האט זיי געשיקט צו אהרן'ען!

"זאל אהרן אייך העלפען. ער איז דאך ביי אייך אלעמען אזוי חשוב און באליעבט. ער איז דאך איינער פון אייערע

פיהרער... זאָל ער באווייזען וואָס ער קען!"

— זיין שנאה צו אהרן'ען מוז זיין זעהר גרויס, ווייל ביי יעדער געלעגענהייט דערמאָנט ער זיין נאָמען מיט פאַרביטערונג.

— זיין צאָרן איז נאָך נישט איינגעשטילט זינט אהרן האָט חתונה געהאט מיט אלישבע'ן, כאָטש היבשע עטליכע יאָהר זיינען שוין פאַראיבער. קרח אליין האָט אן אנדער פרוי גענומען און האָט שוין עטליכע קינדער און כאָטש אלישבע וועט שוין איינגיכען א באָבע ווערען, דאָך האָט קרח זיין פיינדשאפט צו אהרן'ען און צו עמרמ'ס גאנצער משפחה נישט פארקלענערט!

— אָבער וואָס זיינען די איבעריגע שולדיג? — האָט אימיצער זיך אפגערופען.

— ער איז אויף אונז אלעמען אין כעס, וואָס מיר האָבען אהרן'ען געמאכט פאר אנזער ערשטען פאָרשטעהער און איהם האָט מען גאָר קיין כבוד נישט איינגעטיילט.

— פארוואָס זאָל מען איהם צוטיילען כבוד? האָט ער דען פרובירט נאָכפאָלגען די פוסטריט פון זיין פאָטער יצהר?

— אה, וואָס פאר א טייערער, זעלטענער מאן יצהר איז געווען?! ער וואָלט דאָך זיין גאנצען לעבען אפגעגעבען אום צו העלפען אונזערע ברידער! וואָס פאר א גרויסער אונטערשיעד איז צווישען איהם און זיין זוהן קרח? און אזוי פיעל רייכטום האָט געדארפט אריינפאלען אין זיינע הענט!

— זעהט איהר שוין, זיינע אייגערע ברידער זיינען שוין אנדערש! זייערע הערצער זיינען גוט און ווען זיי וואָלטען נאָר געקענט, וואָלטען זיי דאָס לעצטע אפגעגעבען.

— אָבער וואָס איז די פּעולה? זיי אליין זיינען אויך אָרים. קרח האָט זיי גאָרנישט געגעבען פון זיין רייכטום...

— מען זאָגט, אז קרח'ס מוטער איז געשטאָרבען פון עגמת נפש, ווייל זי האָט געזעהן ווי קרח פּאהאנדעלט זיינע ברידער און אז ער וויל גאָרנישט געבען צו העלפען די אונגליקליכע אידען.

— זי איז דאָך אָבער שוין גאנץ אלט געווען! זי האָט געלעבט אן ערך פון צוואנציג יאָהר מעהר פון איהר מאן יצהר!

— ווען זי וואָלט געהאט מעהר נחת פון קרח'ן וואָלט זי נאָך געקענט לענגער לעבען.

— פונדעסטוועגען האָט מען מיר דערצעהלט, אז ווען די מצרי'שע בעאמטע זיינען געקומען צו נפג'ן און זכרי'ן, קרח'ס ברידער, אוועקצונעהמען פון זיי זייערע קינדער, האָבען זיי גלייך געשיקט אנזאָגען קרח'ן און ער האָט זיי ארויסגעהאָלפען מיט זיין גאָלד, אונטערקויפענדיג די בעאמטע...

— וואָס האָסטו נאָך געוואָלט? אז ער זאָל נאָך דאָס אויך נישט טהאָן פאר זיין אייגען פלייש און בלוט? נאָכאלעמען ווייסט ער דאָך, אז א טייל פון דעם גאָלד, וואָס ער באזיצט, האָט געדארפט געהערען צו זיינע ברידער. ער פארשטעהט דען נישט, אז ער איז באגאנגען אן עולה געגען זיינע צוויי ברידער? אלע ווייסען, אז יצהר האָט געלאָזען א צוואה און אז קרח האָט אפילו קיין פארזוך נישט געמאכט דורכצופיהרען זיין פאָטער'ס צוואה.

— אָבער וואָס האָבען מיר פון רעדען וועגען קרח'ן? ער איז רייך, ער קען אויסקויפען זיינע קינדער און מיר ווערען פארשווארצט און דערצו נאָך רויבט מען פון אונז אוועק אונזערע קינדער, כדי פּרעה זאָל זיך באָדען אין זייער בלוט.

אזוי האָבען צווישען זיך די פאָרשטעהער גע־ערדט, ווען זיי האָבען זיך פארזאמעלט גאנץ פריה.

— עמרם און אהרן זיינען נאָך ניטאָ!

— האָט אימיצער זיך אפגערופען. — מיר וואָלטען געדארפט הערען, וואָס זיי וועלען ראטהען צו טהאָן.

— האט מען דען נישט געשיקט רו־
פען עמרמ'ען און אהרן'ען?
— יע, און אט קומט אן דער שליח.
ווען דער שליח האט זיך דערנעהענ־
טערט, האט מען איהם געפרעגט:
— ביזטו געווען אין עמרמ'ס הויז?
— יע, געווען! — האט ער געענט־
פערט.
— און אין אהרן'ס הויז אויך?
— יע, אויך אין אהרן'ס הויז!
— און פארוואס האבען זיי פארשפע־
טיגט צו קומען?
— איך האב זיי ביידען נישט געטרא־
פען אין דער היים!
— און וואוהין זיינען זיי געגאנגען?
— מרים האט מיר געזאגט, אז אהרן
איז אוועק צום מדבר און עמרם איז
איהם געגאנגען באגלייטען, אבער עמרם
וועט זיך באלד צוריקקעהרען.
— צום מדבר? — האבען די פאר־
שטעהער זיך געוואונדערט. — וואס
וועט ער דארטען טהאן?
— באלד וועט דאך אנקומען עמרם,
וועלען מיר איהם פרעגען, — האט איי־
נער געענטפערט.

אין א ווייליע ארום האט מען געזעהן
עמרמ'ען אנקומענדיג פון דער ווייטענס.
— וואס האט פאסירט? — האט
איהם איינער געפרעגט. — פארוואס איז
אהרן פלוצלונג אוועק נאך דעם מדבר?
— אהרן האט ביינאכט א חלום גע־
זעהן. ער האט אין חלום געהערט די
שטימע פון גאט: "געה, אהרן, צו באגע־
גענען דיין ברודער משה אין דער מדבר,
וועלכער געהט יעצט נאך מצרים צו
העלפען מיין פאלק ישראל!"
— וואס? אזא חלום האט ער גע־
האט?! — האבען אלע ברייט פאנאנ־
דערגעעפענט זייערע אויגען. — אה, גע־
לויבט איז גאט! אונזער הילף איז נא־
הענט!
— משה קומט אונז העלפען! — איז
א גליקליכער שטראם דורך זיי דורכגע־
לאפען. גאט האט צוגעזעהן אונזער פיין,
אונזערע וועה־געשרייען האבען דער־
גרייכט די הימלען און יעצט שיקט ער
משה'ן צו אונז ער זאל אונז בעפרייען
פון שקלאפעריי.
— איך זעה נישט איין אייער פלוצ־
לונגע שמחה! — האט זיך איינער אפ־
גערופען און א קוועטש געטהאן מיט
זיינע פלייצעס. — נאכאלעמען איז עס
דאך נישט מעהר ווי א חלום! אהרן'ען
האט זיך גע'חלומ'ט, אז ער האט געהערט
די ווערטער פון גאט! און ווער פון אונז
האט אמאל נישט גע'חלומ'ט וועגען
וואונדערבארע און אונמעגליכע זאכען?
און ווייסען מיר דען נישט, וואס א חלום
מיינט? מיט חלומות וועלען מיר נאך
נישט געהאלפען ווערען!
— אהרן האט אזוי דייטליך געהערט
די שטימע פון גאט, — האט עמרם זיך
אפגערופען, — אז עס איז ביי איהם
קיין צווייפעל נישט, דאס ער וועט בא־
געגענען משה'ן.
— וועלען מיר האבען א סימן, —
האט אן עלטערער איד געזאגט, —
אויב אהרן וועט טאקע באגעגענען
משה'ן, איז א צייכען, אז דער גאנצער
חלום וועט פארווירקליכט ווערען און
אויב אהרן וועט זיך צוריקקעהרן אליין,
וועלען מיר וויסען, אז עס איז א פוס־
טער חלום און מיר האבען ניט וואס צו
האפען אויף דעם.
— מיין הארץ זאגט מיר, אז אונזער
גאולה איז נאהענט! — האט עמרם זיך
אפגערופען. — איך פיהל, אז באלד־
באלד וועט נעהמען א סוף צו אונזערע
אונערטרעגליכע צרות!
— הלואי זאל זיין ווי דו זאגסט!
ווייל אויב עס זאל אזוי ווייטער אנהאל־
טען, וועט לאנג נישט געדויערען און
מיר וועלען אלע פארניכטעט ווערען.
— ווען איהר וואלט געזעהן מיין
זוהנ'ס פנים! — האט עמרם אויסגע־
רופען, — ווי ער האט געלויכטען פון
גליק... איך מוז אייך זאגען, אז איך
האב נאך אהרן'ען קיינמאל אזוי נישט
געזעהן... עפעס איז ער איינגאנצען אנ־
דערש געווען... מיר האט זיך אויסגע־

דאכט, אז די שכינה רוהט אויף איהם... ער איז געווען אזוי איבערצייגט, אז ער וועט באגעגנען משה'ן, אז עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אז אזוי וועט עס געשעהן. און נישט קוקענדיג אויף אונזער טרויעריגער לאגע, האט אונזער גאנצע הויז אנגענומען א וועגדונג פון פרייד. דאס גליק האט געלויכטען אין אלעמענס אויגען. און יעצט, ווען איך האב זיך מיט מיין זוהן געזעגענט, איבערלאזענדיג איהם אליין, איז נאך מיר אויפ'ן הארצען א סך לייכטער געווארען! איך האב נאכגעפאלגט אהרן'ען מיט מיינע בליקען, איך האב געזעהן ווי ער דערווייטערט זיך פון מיר און ווי ער פארשווינדט אינגאנצען פון מיינע אויגען, און איך בין זיכער געווען, אז די זון שיינט אויף פאר אונז אלעמען. אז די פרייהייט פון אונזער פארשלאפט פאלק דערנעהענטערט זיך. דאס האב איך געפיהלט אין דער לופט, אין דעם געזאנג פון די פויגעל און אין דעם קיהלען ווינטעל, וואס האט געבלאזען פון מזרח...

— לאמיר ווארטען און מיר וועלען זעהן! האבען מיר דען אן אנדער ברירה?

— עפעס גלויבט זיך מיר קוים, אז אונזער הילף איז נאהענט! — האט איינער געזאגט מיט א שטימע פון יאוש.

— מיר זיינען אלע אין גאט'ס האנט און ער קען טהאן מיט אונז וואס ער וויל!

— וואס אבער בלייבט איבער דערווייל צו טהאן? — האט א יונגערמאן זיך אפגערופען. — קיינער פון אונז ווייסט נישט וועמעס קינדער מען וועט אוועקרייבען פאר פרעה'ן.

— דערווייל קענען מיר גארנישט טהאן! מיר דארפען זיך פארלאזען אויף דעם באשעפער... ער וועט זיך אננעהמען פאר אונז.

איינער אליין מיט זיין שטעקען אין דער האנט, האט משה לאנגזאם געוואנדערט דורך דעם מדבר סיני. ער איז שוין געווען היבשע עטליכע טעג אין וועג און זיך דערווייטערט פון מדין. פריש איז נאך געווען אין זיינע געדאנקען דאס געזעגענען זיך מיט זיין ליעבער פרוי, צפורה, און מיט זיינע צוויי זיהן, גרשם און אליעזר. ווער ווייסט ווי לאנג עס וועט געדויערען ביז וואנען ער וועט זיי ווידער קענען זעהן... ער האט זיך דערמאנט אן זיין שווער, יתרו. ווי אנגענעהם עס איז איהם געווען צו זיין מיט איהם. יע, ער האט גארנישט וואס חרטה צו האבען, וואס ער איז געגאנגען נאך מדין... גאט האט איהם געפיהרט אויף דעם ריכטיגען וועג... ער האט איהם געשאנקען אזא ליעבע טייערע פרוי און צוויי זיהן... ווי גליקליך דער געדאנק אליין מאכט איהם! ער קען פון זיי טראכטען און טראכטען. און וואס מעהר ער טראכט פון זיין פרוי און קינדער, אליץ מעהר מוטה און קראפט קריגט ער פאר זיין הייליגער שליחות, וואס גאט האט איהם געשיקט. אין זיינע אויערען קלינגען נאך די ווערטער פון גאט:

"איך האב געזעהן די פיין פון מיין פאלק און זייערע וועה־געשרייען האב איך געהערט. איך קום זיי העלפען, איך וועל זיי ארויסנעמען פון יענעם לאנד, וואו זיי זיינען פארשקלאפט און וועל זיי בריינגען צו א גוט לאנד, א לאנד, וואס פליסט מיט מילך און האניג! און דו, משה, וועסט זיין מיין שליח! דו וועסט ארויסנעהמען די קינדער פון ישראל פון מצרים".

דיעזע ווערטער האבען איהם באגלייט אויף זיין וועג דורך דער וויסטעניש. און אט דערנענטערט ער זיך צו דעם לאנד מצרים. עס וועט שוין לאנג נישט דויערען און ער וועט זיך זעהן מיט זיינע ליעבע עלטערען, מיט מרים'ען און אהרן'ען. ער וועט זעהן, וואס זיינע אונגליקליכע ברידער טהוען. ער וועט זיי בריינגען א טרייסטווארט. ער וועט זעהן איבערגעבען די רייד פון גאט... ער וועט זיי זאגען, אז דער גאט פון זייערע על־

טערען האט זיך אן זיי דערמאנט און אז ער וועט זיי באפרייען פון די ביטערען שווערען יאך פון שקלאפעריי.

מיט יעדען טריט, וואס ער האט זיך דערנעהנטערט צו דעם לאנד מצרים, אלץ דייטליכער און קלאהרער האט ער זיך דערמאנט אן יענע יאהרען... יע, זעהר פיעל יאהרען זיינען זינט דאן לינדערען זייערע שמערצען. ער וועט זיי אוועק. דורך דיעזען זעלבען מדבר האט ער אויך דאמאלסט געוואנדערט, ווען ער איז אנטלאפען פון פרעה'ס שווערד. יענער פרעה איז שוין לאנג טויט. א נייער פרעה איז אויפגעשטאנען און, ווי עס ווייזט אויס, איז ער נאך ערגער פון זיין פאטער. ער דערמאנט זיך אן פרעה'ס טאכטער, בתיה, וועלכע איז צו איהם געווען אזוי געטריי און איבערגעגעבען. ווי אן אייגענע מוטער. ווען נישט זי, וואלט איהם פרעה'ס שווערד פילייכט דערגרייכט. זי איז געווען אזא גוטע, ליעבליכע, וואס פאר א צארט הארץ זי האט באזעסען. ווי אנדערש זי איז געווען פון די איבעריגע, פון דער קעניגליכער משפחה... איהר הארץ האט געוויינט און געוועהטאגט צוקוקענדיג די ענויים און די ליידען פון די אידען פון גשן... יע, ווען זי האט נאך געלעבט, האט זי געזוכט צו פערגרינגערען די אידישע לאגע... אט דערמאהנט ער זיך אין דער צייט ווען ער איז ארויס צום ערשטען מאל זעהן, ווי זיינע ברידער ארבייטען אזוי שווער... ער דערזעהט ווי דער אכזרישער מצרי שלאגט א אידען אזוי אומרחמנות'דיג... זיין הארץ בלוטעט צוצוזעהן. ער נעהמט ארויס זיין שווערד און הרג'עט דעם מצרי... דוכט זיך קיינער האט נישט בעמערקט אויסער איינינע אידען, וועלכע זיינען דערביי געווען... דאך האבען זיך צווישען די אידען געפונען אזעלכע שלעכטע מענשען און אוועק מסר'ן פרעה'ן. און ווען נישט די פרינצעסין בתיה, וועלכע האט איהם געווארענט און אויסבעהאלטען אין דעם צימער פון איהרע א קאמער מיידעל, וואלט איהם פרעה שוין לאנג געטויטעט... טאגאר און די פריעסטער האבען שוין לאנג איהם געוואלט אומבריינגען...

משה האט ווייטער געטראכט ווי אזוי זי האט איהם ביינאכט דורכגעלאזען דורך איהר פענסטער און איהם אבגעגעבען איהר ציערונג... דיעזע זכרונות זיינען דאך צו איהם אזוי טהייער... ווי גליקליך ער וואלט זיך געפיהלט ווען ער וואלט איהר געטראפען ביים לעבען... זי איז געוויס געשטארבען פון עגמת נפש, וואס זי איז געצוואונגען געווען זיך מיט איהם צו שיידען. יע, ער האט געהערט, אז קורץ נאכדעם ווי ער איז אנטלאפען געווארען פון מצרים, איז בתיה, די טאכטער פון פרעה'ן, געשטארבען. משה'ס געדאנקען נעהמען ווידער וואנדערען אויף זיין מוטער יוכבד און פאטער... זיי מוזען שוין גאנץ אלט זיין און זיין ליעבליכע שוועסטער מרים, אה, ווי ליעב ער האט איהר געהאט.. ער איז געווען אזוי גליקליך ווען זי פלעגט קומען צו בתיה'ן אויף א בעזוך. זי פלעגט איהם לערנען און דערצעהלען אלעס וואס קומט פאר אין גשן.

זייענדיג פערזונקען אין אט די אלע געדאנקען, האט משה'ן פלוצלונג עפעס ווי א ציה געטהאן ביים הארצען. אומבעוואוסטזיניג האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען. ער האט בעמערקט אימיצען אנקומענדיג פון דער ווייטענס, קעגען איהם. זיין הארץ האט שטארקער גענומען קלאפען... א פרייד האט זיך צוגאסען איבער זיין גאנצען קערפער. ער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות און מיט שנעלערע טריט גענומען געהן צו יענער ריכטונג פון וואנען ער האט בעמערקט דעם מאן אנקומענדיג...

א געדאנק האט איהם דורכגעבליצט אין זיין מח, ווען ער איז עטוואס נעהענטער צוגעקומען, אז דאס איז אהרן זיין ליעבער ברודער אהרן... ער האט זיך נאר וואס דערמאהנט, אז גאט האט איהם געזאגט, דאס ער וועט אהרן'ען אויפ'ן וועג באגעגנען.

באלד האט זיך משה איבערצייגט,

אז זיינע גערענקען האָבען איהם נישט געגאַרט. עס איז ווירקליך זיין ברודער אהרן, ער דערקענט איהם פון וויטען, כאָטש אהרן האָט שוין אויך געטראָגען א לאַנגע גרויליך באָרד ווי ער.

— אהרן, מיין ליעבער טהייערער ברודער ! — האָט משה אויסגערופען און איהם געפאַלען אויף'ן האַלז !

— דאס ביזטו, משה, מיין ליעבער ברודער ! — האָט אהרן זיינע אויגען נישט געגלויבט. ער האָט איהם געהאַלזט און געקושט.

— וואס מאַכען מיינע עלטערען און מרים ? — האָט משה גלייך געפרעגט.

— זיי לעבען און זיינען געזונד !

— עס איז פאַר מיר איבעריג צו פרעגען וואס עס מאַכען אונזערע ברידער — איך ווייס זייער טרויעריגע לאַגע, אהרן !

— עס איז נאָך טרויעריגער און שוידערליכער פון דאס וואס דו ווייסט! — האָט אהרן געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען. — אָבער יעצט זעה איך אז גאָט וועט אונז העלפען. גאָט האָט מיר אין חלום געזאָגט אז דו קומסט... און מיין האָפנונג איז נאָך שטאַרקער געוואָרען.

— יע, מיר וועלען ביידע געהן צו פרעה'ן און איבערגעבען איהם אונזער שליחות — מיר וועלען איהם זאָגען אז גאָט האָט אונז געשיקט צו איהם ער זאָל בעפרייען די אידען פון שקלאַפעריי.

— פרעה וועט אפילו זיך נישט וועלען צוהערען צו אונז — האָט אהרן געזאָגט — ער איז זעהר פאַרביסען... איך צווייפעל אז מיר וועלען קענען צוקומען צו איהם.

— דאס ווייס איך ! — האָט משה געענטפערט — אָבער ער וועט זיין פער'עקשנ'ט אזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט דערפיהלען די מאַכט פון גאָט. דאַן וועט ער שוין בעפרייען די אידען. איבערהויפט דאַרפען מיר זעהן, אז אונזערע ברידער זאָלען זיין ראוי אויסגעלייזט צו ווערען.

— וואס מיינסטו ? — האָט אהרן איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. האָבען דען די אידען זיך נאָך ניט גענוג אָנגעליטען אין גלות פון מצרים. פאַר וואס זאָלען זיי ניט ווערטה זיין אויסגעלייזט צו ווערען.

— איך ווייס ניט אויב דו געדיינקסט אהרן, אָבער איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען וואס די צוויי אידישע מוסרים האָבען צו מיר געטהאָן, ווי זיי האָבען מיר פער'מסור'ט פאַר פרעה'ן און מיין לעבען איז אין גרויס סכנה געוועזן. יע, ווען אזעלכע אידען זאָלען זיך יעצט אויך געפינען, וועלען זיי געוויס הינדערען אונזער ארבייט. פאַרשטעהסטו מיר, די שקלאַפעריי ווירקט גאַנץ אָפט צום שלעכטען, און פיעלע ווערען שוין אזוי צוגעוואָהנט צו דעם אז זיי וואָלטען געשטערט יעדען פערזוך זיי צו בעפרייען.

— די איינציגע שלעכטע אידען זיינען דתן און אבירם, אָבער זיי האָבען שוין לאַנג פערלאָרען זייער אמאָליגען איי●פלוס, זיי זיינען שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען און זיי קענען פאַררעכענט ווערען אלס טויטע.

— און יעצט דערצעהל מיר וועגען דיין לעבען און דיין משפחה ? — האָט איהם משה געפרעגט.

אהרן האָט משה'ן דערצעהלט וועגען זיין פרוי אלישבע און די פיער זיהן וואס גאָט האָט איהם געשאָנקען.

משה האט אויך פאַר אהרן דערצעהלט אלעס וואס מיט איהם האט פאַסירט דורך דער צייט וואס ער איז אנטלאָפען פון מצרים, ער האָט איהם דערצעהלט וועגען יתרו'ן זיין שווער, וועגען צפורה'ן און איהר מוטער שרה, וועגען זיין לעבען אין מדין, און ווי אזוי גאָט האָט זיך צו איהם אנטפלעקט אין מדבר חורב ביי דעם דאָרן בוים און אלעס וואס גאָט האָט איהם אָנגעזאָגט.

— דו ווייסט דאך אז נאָך פון מיין קינדהייט אָן איז מיר שווער צו ריידען, צוליעב דעם וואס איך האָב מיין צונג פערברענט מיט די הייסע קוילען וואס איך האָב צוגעריהרט צו מיין צונג ! —

האָט משה געזאָגט — און דעריבער וועסטו פאַר מיר ריידען צו פּרעה'ן און איך וועל טאָהן די וואונדער וואס גאָט האָט מיר די מאכט געגעבען צו טהאָן, מיט דיעזען שטעקען.

אהרן האָט בעטראַכט דעם אויסערגעוועהנליכען שטעקען וואס איז געווען אין משה'ס האנט.

משה האָט איהם דערצעהלט ווי אזוי דער שטעקען איז געווען איינגעפלאנצט אין יתרו'ס גארטען, און קיינער האָט איהם נישט געקענט פון דארטען ארויסרייסען. און ווי גרויס דער וואונדער איז געווען פון אלע איינוואָהנער פון מדין ווען זיי האָבען אויסגעפונען ווי גרינג עס איז איהם אָנגעקומען דאס ארויסצורייסען.

— די ערשטע זאך וואס מיר וועלען דארפען טאָהן איז צו פערופען א פערזאמלונג פון אלע אידישע עלטסטע און פארשטעהער און זיי איבערגעבען וועגען די הייליגע שליחות. געוועהנליך נישט אלע וועלען אונז וועלען גלויבען, און דעריבער וואָלט געווען ווינשענסווערטה אז דו זאָלסט אויך פאר זיי בעווייזען די וואונדער, כדי אז זיי זאָלען גלויבען דאס גאָט האָט זיך צו דיר בעוויזען — האָט אהרן איהם געזאָגט.

— ווען איך זאָל בלויז קריגען דעם פולען צוטרויען פון פאָלק, וועט שוין דאס איבעריגע ניט זעהר שווער זיין. מיט גאָטעס הילף וועט אונז געלינגען צו בעפרייען אונזער פאָלק וואס שמאַכטעט שוין אזוי לאנג אין גלות פון מצרים — האָט משה געזאָגט — איבערהויפּט דארפען די אידען זיין מאמינים, גלויבען אז גאָט האָט זיך אן זיי דערמאָהנט און וועט זיי בעפרייען פון דער שקלאפעריי....

— צופיעל האָבען זיך די אידען אָנגעליטען די לעצטע צייט — האָט אהרן איהם געזאָגט — אז זיי זאָלען דיר נישט וועלען גלויבען. מיט דיין איצטיגען קומען וועסטו אריינברייגנען א שטראהל פון גליק און האָפנונג צו אונזערע אומגליקליכע ברידער וועמענס לײדען זיינען שוין אריבער אלע גרעניצען. אונזער בלוט איז געווארען אזוי הפקר ווי וואסער. פּרעה איז קראנק געווארען און די רופאים האָבען איהם געראַטהען זיך צו באָדען אין דעם בלוט פון יונגע קינדער. ווערען טאָג־טעגליך יונגע עופה'לעך אוועקגערויבט פון זייער מוטער'ס ברוסט... אונזערע געשרייען און געוויינען פאלען אויף טויבע אויערען.... יע, עס איז שוין געווארען אזוי שלעכט אז ערגער קען שוין נישט זיין.

משה האָט געוויינט ווען ער האָט דערהערט דעם טרויעריגען בעריכט פון זיין ברודער.

— א סוף וועט נעהמען צו זייערע צרות! — האָט משה אויסגערופען— גאָט וועט זיין נקמה אויסגיסען אויף פּרעה'ן!

— נישט נאָר פּרעה איז אונזער **שונא.** **א**בער כמעט אלע מצריים. זיי זוכען אונז שלעכטעס צו טאָן... זיי בענוצען זיך מיט אונזער הילפלאָזיגקייט, זיי דריקען און שטיקען אונז. אפילו אין דער **צייט** ווען אונזערע פליכטען צו פּרעה'ן ווערען געטאָן...

— און ווי זיינען געווען **פּרעה'ס** הויפּט מיניסטאָרען נאָך טאָגערן? — האָט משה געפרעגט זיין ברודער.

— זיי זיינען געווען א סך ערגער **פון** איהם! — האָט אהרן געענטפערט — בלעם האָט פעראורזאכט, אז **פיעלע** שרעקליכע גזרות זאָלען אויף אונז דורכגעפיהרט ווערען... **א**בער ער האָט זיין מפּלה געקראָגען. פּרעה האָט איהם פערזאָגט פון מצרים. אהרן האָט איהם דערצעהלט, אלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט בלעם'ן, און ער האָט צוגעגעבען: "וואָלט דאָס שוין געדאַרפט אָנלערנען בלעם'ס נאכפאָלגער, איז ער אָבער נאָך אן ערגערער שונא ישראל ווי בלעם און טאָגער זיינען געווען.

ווען משה און אהרן זיינען נעהנטער צוגעקומען צו מצרים האָבען זיי פערשנעלערט זייערע טריט. ביידעס הערצער האָט געזומען שטארקער קלאפּען מיט פריידי; משה האָט פון וייטען בעמערקט

דעם טייך נילוס, און אנדערע בעקאנטע פלעצער, וואָס האָבען אין איהם ערוואכט די אנגענעהמע זכרונות פון זיין יוגענד. אהרן האָט געגומען טראכטען פון דעם וואָס פאר אַן איינדרוק משה׳ס אָנקומען וועט מאכען אויף זיין משפחה און אויף אלע אידען... זיינע פיס האָבען זיך אזוי לייכט געהויבען... אלע זיינע גליעדער האָבען געזונגען! — די אידישע גאולה איז נאָהענט...

בליץ שנעל איז אין גשן בעוואוסט געוואָרען וועגען משה׳ס אָנקומען — עמרם, יוכבד, מרים, אלישבע און איהרע פיער זיהן און פיעלע פון די עלטסטע אידישע פאָרשטעהער זיינען משה׳ן און אהרן אנטקעגען געגאנגען. ווען זיי האָבען דערזעהן משה׳ס פנים, האָבען זיי אלע זיך פערנייגט צו איהם ביז דעם באָדען.

משה׳ס פאטריארכאלישער פנים האָט געלויכטען. ער האָט אויסגעקוקט ווי א מלאך, און ווער נאָר עס האָט אויף איהם א קוק געטאָן, איז אָנגעפילט געוואָרען מיט פורכט און כבוד צו דעם מאן מיט דעם געטליכען געשטאלט.

משה האָט זיך צוקושט מיט זיין פאָטער, מוטער און שוועסטער, וועלכע האָבען געוויינט פון גרויס פרייד. ער האָט זיי דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פאסירט ד יגאנצע צייט זינט ער האָט פערלאָזען מצרים.

— יעצט בין איך געקומען צו העלפען מיינע אומגליקליכע ברידער — האָט ער זיך געווענדעט צו אלע אידישע עלטסטע וועלכע האָבען איהם ארומגערינגעלט.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען די עטליכע טעג וואָס איך בין דאָ נישט געווען? — האָט אהרן געפרעגט זיין שוועסטער מרים.

— ווי עס ווייזט אויס איז פרעה שוין געזונט געוואָרען! — האָט מרים געזאָגט — ער האָט זיך שוין אויפגעהערט צו באָדען אין אונזערע קינדער׳ס בלוט. פאר די לעצטע עטליכע טעג האָט מען מעהר קיין קליינע קינדער נישט אוועקגערויבט פון זייערע מוטערס. און דאָס איז אויך פאר אונז אלעמען געווען א סימן אז מיט משה׳ס אָנקומען וועט שוין אונזער לאַגע פערלייכטערט ווערען.

— ערשט יעצט וועט פרעה וויסען וואָס ליידען הייסט! — האָט אהרן געזאָגט — ער וועט בעקומען זיין שטראָף.

— וואָס מיר דארפען יעצט זעהן טאָן איז, צו קריגען אלע אידען צוזאמען און זיי בעקאנט מאכען, אז גאָט האָט זיך אָן זיי דערמאָהנט און עס וועט שוין לאנג נישט דויערען און זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות פון מצרים — האָט משה געזאָגט.

— ווי אזוי וועט עס מעגליך זיין, האָט איינער פון די עלטסטע זיך אָפגערופען — אז זיי האָבען קיין רגע נישט קיין רוה. די וועלכע ווערען נישט פארטיג מיט זייער ארבייט קענען אפילו נישט געהן נעכטיגען אהיים, זיי מוזען פערבלייבען ביי דער ארבייט.

— די ערשטע זאך וואָס מיר וועלען פערלאנגען פון פרעה — האָט משה געזאָגט — ער זאָל אונז געבען א דריי טאָגיגען יום־טוב, און אויב דאָס וועט מעגליך זיין, וועל איך שוין זעהן ריידען מיט אלע אידען, זיי זאָלען זיין געגרייט.

— גאנץ שוואכע האָפנונגען אז פרעה זאָל דערצו וועלען צושטימען — האָט אימיצער פון די פערזאמעלטע געזאָגט.

— איך ווייס אז מיר האָבען זעהר נישט קיין גרינגע אויפגאבע! — האָט משה זיך אָפגערופען — גאָט האָט מיר פאָראויסגעזאָגט, אז ער וועט הארט מאכען פרעה׳ס הארץ און ער וועט זיך נישט וועלען צוהערען צו אונזערע רייד. דאָס אָבער טוט גאָט כדי איהם און אלע מצריים באשטראָפען פאר זייער רשעות.

באלד זיינען אָנגעקומען די איבעריגע עלטסטע און פאָרשטעהער פון ישראל.

אהרן האָט זיי דערצעהלט אלעס וואָס גאָט האָט גערעדט צו משה׳ן, אז ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיי, און די צייט איז געקומען אויסגעלייזט צו ווערען...

משה האָט פאר זיי געצייגט די וואונדער און אלע האָבען געגלויבט, אז די

ישועה איז נאָהענט... גאָט האָט שוין צוגעזעהן זייער לײדען... זיי האָבען געדאנקט גאָט פאַר דעם חסד וואָס ער טוט מיט זיי.

א גרויסאַרטיגען מאָהלצייט האָבען יוכבד און מרים צוגעגרייט פאַר משה'ן. אלע עלטסטע פון ישראל זיינען געוועזן אין עמרם'ס הויז און מען האָט נישט אויפגעהערט צו ריידען פון דעם מאָרגענדיגען טאָג ווען זיי וועלען אלע נאָכפאָלגען משה'ן און אהרן צו פרעה'ס פאַלאַץ און צוזאַמען איהם איבערגעבען זייער פאָדערונג.

אויף מאָרגען נאָכדעם ווי משה האָט זיך געהאַט עטוואָס אויסגערוהט פון וועג האָט ער גענומען זיין שטעקען און צוזאַמען מיט אהרן זיך געלאָזט געהן נאָך טהעבען, די הויפּט־שטאָדט פון מצרים.

— מיר וועלען אויך מיטגעהן! — האָבען די פאָרשטעהער און זקנים געקראָגען מוטה.

זיי זיינען אלע מיטגעגאַנגען. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין טהעבען און אריין אין דער גאַס וואו פרעה'ס פאַלאַץ געפינט זיך, האָבען זיך די עלטסטע גענומען שרעקען... זייערע הערצער האָבען גענומען קלאַפּען און איינציגווייז האָבען זיי זיך גענומען צוריקקעהרען נאָך גשן.

ביי די טויערען פון פאַלאַץ, ווען משה און אהרן האָבען זיך אומגעקעהרט, האָבען זיי בעמערקט, אז קיינער פון די עלטסטע איז נישט געבליבען מיט זיי.

א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף משה'ס ליפּען און ער האָט זיך אָפּגערופען צו אהרן:

— עס וועט נאָך לאַנג נעהמען, ביז וואַנען אונז וועט געלינגען אויסצואָווארצלען די מורא פון אונזערע ברידער.

— יא, זיי האָבען גענוג געליטען! און די שרעק איז די פאָלגע פון זייערע צרות וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט אזוי פיעל יאָהרען — האָט אהרן צוגעגעבען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער צו די טויערען פון פאַלאַץ, האָבען זיך די וועכטער שטאַרק דערשראָקען ווען זיי האָבען דערזעהן משה'ס פּנים.

— זאָל געמעלדעט ווערען צו פרעה'ן — האָט אהרן זיך צו זיי אָפּגערופען — אז א שליח פון גאָט איז געקומען צו איהם ריידען.

די שרעק פון די וועכטער איז נאָך גרעסער געוואָרען, און זיי האָבען זיך פערנייגט פאַר משה'ן.

באַלד האָבען זיך די אינערע וועכטער באַוויזען, און ווען זיי האָבען געהערט משה'ס פאָרשלאַג, האָבען זיי זיך א נייג געטהאָן פאַר איהם פון פּחד און איבערגעגעבען צו פרעה'ס לייב־וועכטער אהרן'ס רייד. עס האָט לאַנג נישט גענומען און משה און אהרן זיינען שוין געווען אינוועניג אין פאַלאַץ.

אין טראָהן־צימער זיינען געווען פאַרזאַמעלט פיעלע אנדערע מלכים און הויכע באַאַמטע, אלס פרעה'ס געסט, ווייל פרעה האָט דאַן געמאַכט א מאָלצייט צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעהיילט פון זיין שרעקליכער הויטקראַנקהייט.

פרעה איז געזעסען אויף זיין טראָהן און דער שר המשקים האָט יעדע ווײלע אָנגעפילט זיין בעכער מיט וויין...

דער הויפּט פּריעסטער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און אויפהויבענדיג זיינע הייַנט, האָט ער אויסגערופען:

— געבענשט זאָל זיין דער מעכטיגער פרעה צו די געטער פון מצרים. זיי האָבען זיך צוגעהערט צו אונזער תּפלה און אריינגעשיקט א היילונג צו דעם קעניג! זאָל ער מעהר נישט קראַנק זיין און זאָל ער לעבען אויף אייביג.

משה און אהרן זיינען געשטאַנען פון דער ווייטען, נעבען טיר און געזעהן און געהערט אלעם וואָס קומט פאָר; אָט בעמערקען זיי ווי פרעה'ס רופאים שטעלען זיך אויף און טרינקען א כוס לכבוד פרעה'ס געזונט ווערען. דער הויפּט מיניסטער הויבט אויף זיין כוס און לויבט די רופאים, וואָס זיי האָבען

מיט זייער קלוגע עצה געהאלפען דעם קעניג.

— מיר האלטען די אידען פאר אומרייניג און דאך האט זייער בלוט געבראכט א הילף צו אונזער קעניג! - האט ער געזאגט.

— יע, זעהר ווארים איז זייער בלוט געווען... און יעצט פיהל איך זיך נאך שטארקער ווי פריהער — האט פרעה א שמייכעל געטהאן.

פלוצלונג האבען זיך אלע געסט אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און אנגעשטעלט זייערע צושראקענע אויגען אויף משה'ן און אהרן ווען זיי האבען בעמערקט. גלייך האבען זיי זיך א נייג געטהאן פאר זיי. עס האט זיך אלעמען אויסגעדוכט, אז צוויי מלאכים פון הימעל האבען פלוצלונג אראפגעניערט צו זיי. מיט דעם ערשטען אויגענבליק האט זיך פרעה אויך שטארק דערשראקען...

— ווי אזוי קומען דיזע מענשען אהער! — האט ער זיך אפגערופען צו זיינע לייב־וועכטער.

— מיר ווייסען נישט! — האבען זיי געענטפערט פארנייגענדיג זיך פאר דעם קעניג. מיר האבען אפילו נישט בעמערקט ווי זיי זיינען אריין.

— ווער זייט איהר, און וואס פערלאנגט איהר? — האט פרעה געפאסט מוטה און זיך צו זיי אפגערופען.

— מיר זיינען געשיקט געווארען פון דעם גאט פון די עברים — האט אהרן געענטפערט — יע, דער גאט פון ישראל האט זיך צו אונז אנטדעקט און אונז אנגעזאגט, אז מיר זאלען געהן א דרייטעג וועג אין דער מדבר און פייערען א יום טוב צו איהם! ווייל עס איז שוין לאנג זינט זיין פאלק האט א יום טוב פאר איהם נישט געפייערט! יע, מיר וועלען דארפען מקריב זיין צו אונזער גאט קרבנות, אז נישט וועט ער אונז אלעמען באשטראפען. ער וועט אונז טויטען דורך א שערד אדער ער וועט אויף אונז א מגפה אנשיקען!

— ווער איז אייער גאט, אז איך וואל זיך צו איהם צוהערען, האט פרעה אויסגערופען — איך האב קיינמאל פון איהם נישט געהערט.

— אונזער גאט איז דער בעשעפער פון דער וועלט, און פון אלעם וואס עס געפינט זיך דארט. — האט משה געענטפערט און צו איהם וועלען מיר דארפען אויף עטליכע טעג פייערען א יום טוב אין דער מדבר.

— איך ווייס נישט פון אייער גאט און איך וועל ישראל נישט ארויסשיקען פון מיין לאנד אפילו אויף איין טאג נישט! — האט פרעה מיט כעס אויסגערופען.

— האבען דען די קינדער פון ישראל נישט גענוג געשקלאפט פאר דיר? — האט משה זיך ווידער אפגערופען — וויינען זיי דען נישט בערעכטיג צו קריגען עטליכע פריי טעג, זיי זאלען האבען א מעגליכקייט צו פייערען א יום טוב!

— אלע אידען זיינען מיינע שקלאפען, און אויב זיי וועלען אפילו איין טאג נישט ארבייטען, וועט עס פאר מיר פאראורזאכען זעהר פיעל שאדען! ניין! איך וועל נישט דערלאזען, אז זיי זאלען פלוצלונג אנפאנגען צו פייערען ימים טובים!

— אבער ווילסטו דען אין גאנצען פערלירען די אידען! — האט משה געזאגט — אויב מיר וועלען ניט אויספאלגען דעם פארשלאג פון גאט, וועט ער דאך אלע אידען מיט זיין גרויס צארן דערמארדען און דאן וועסטו דאך גאר קיין שקלאפען נישט האבען!

איך האב פאר אייער גאט קיין מורא נישט! — האט פרעה אויסגערופען — ער איז געווען הילפלאז געגען מיר און געגען די געטער פון מצרים, אזוי פיעל יאהרען, וואו האט ער דען פלוצלונג גענומען כח, זיך געגענצושטעלען געגען מיר!

— די גאנצע וועלט איז פול מיט גאט'ס כח — האט משה געענטפערט — און אויב דו וועסט זיך נישט ווע־

לען צוהערען צו איהם, וועט ער דיר צייגען זיין מעכטיגע האנט.

— גענוג! — האט פרעה אויסגערופען מיט צארן — איך זעה, אז איהר זוכט צו שטערען מיינע שקלאפען פון זייער ארבייט, זייט נישט מבטל אייער צייט און זייער צייט!

— אבער מיר זיינען דאך געקומען אין נאמען פון גאט! — האט משה אויסגערופען!

— האב איך דאך אייך שוין געזאגט, אז איך אנערקען נישט אייער גאט און איך וויל נישט הערען וואס ער האט מיר צו זאגען! — איז פרעה'ס צארן שטארקער געווארען — און דעריבער וועל איך נאך זעהן שווערער צו מאכען די ארבייט פון מיינע אידישע שקלאפען... אנשטאט זיי צו געבען שטרוי צו קנעטען דאמיט די ציגעל, וועלען זיי אליין מוזען געהן און קלייבען די שטרוי איבער די גאסען פון מצרים, יע, זיי וועלען דארפען קלייבען שטרוי צו שטרוי... אבער אין דערזעלבער צייט וועלען זיי זיין געצוואונגען צו מאכען דעם זעלבען צאהל ציגעל און בויען די זעלבע זאך ווי פריהער, א האר זאל נישט געמינערט ווערען! איך פערשטעה מיינע שקלאפען זיינען געווארען פויל, איך האב זיי געלאזען עטוואס פרייער אטעמען, דעריבער זוכען זיי צו מאכען פייער־טעג... זיי שרייען זיי ווילען געהן מקריב זיין קרבנות. פאר זייער גאט! זאל די ארבייט פאר זיי נאך שווערער זיין! זאלען זיי קיין איינציגע רגע רוה נישט האבען! וועלען זיי קיין צייט נישט האבען צו טראכטען פון אזעלכע נארישקייטען! און איהר וועט א סך בעסער מאכען פאר אייך און פאר ישראל, ווען איהר וועט זיך אומקעהרען צו אייער באשעפטיגונג, און אויפהערען צו שטערען די ארבייט. און יעצט געהט! משה און אהרן האבען פערלאזען דעם פאלאץ.

— איך האב געוואוסט, אז דאס וועט זיין פרעה'ס ענטפער — האט אהרן זיך אפגערופען — דו האסט איהם געדארפט צייגען די צייכענס וואס גאט האט דיר געגעבען—וואלט ער דיר שוין געגלויבט, אז גאט האט זיך צו דיר בעוויזען.

— איידער איך וועל דאס טהאן, וועל איך נאך דארפען ריידען מיט אונזערע ברידער, זיי זאלען די האפענונג און בטחון נישט פארלירען, ווייל איך וויים, אז פרעה וועט זיין זעהר איינגעעקשנ'ט און וועט זיך נישט וועלען צוהערען צו אונזערע רייד.

אויף די אידען וועלכע האבען געשלאפט אין פתם און רעמסס איז א פרייד אנגעקומען. פון מויל צו מויל האט זיך געטראגען די פרעהליכע נייעס, אז ענדליך האט זיך גאט אן זיי דערמאנט, און משה איז געקומען זיי צו בעפרייען פון שקלאפעריי... א שטראהל פון האפענונג האט דורכגעדרונגען זייערע פערביטערטע הערצער... עס וועט שוין לאנג נישט נעמען און זיי וועלען ווערען פריי... ארונטער וועט פון זיי דער שווערער יאך... די גאנצע לופט איז אנגעפילט געווארען מיט פרייד... יעדען האט זיך געוואלט זינגען פאר גליק... עס האט זיי שוין מעהר נישט געהויבען די הענט צו טהאן די ארבייט... משה איז ענדליך געקומען זיי צו העלפען! אזוי פיעל האט מען געהערט פון משה'ן. מען האט געוואוסט, אז גאט וועט זיי דורך איהם בעפרייען פון מצרים, און יעצט איז ענדליך געקומען די צייט.

פאר דער לעצטער צייט האט פרעה בעשטימט אויך אידישע שוטרים (בעאמטע), וועלכע זאלען אכטונג געבען, אז די צאל ארבייט זאל אין גאנצען געטאן ווערען. די אידישע שוטרים זיינען געווען פעראנטווארטליך צו די העכערע מצרישע בעאמטע, און ווען די פולע צאל ארבייט איז נישט געמאכט געווארען, פלעגען זיי בעשטראפט ווערען... און דעריבער, ווען די אידישע שוטרים פלעגען בעמערקען ווי איין אידישער שקלאף איז צו שוואך צו ערפי־

לען זיין פליכט פלעגען זיי איהם אליין ארויסהעלפען...

זינט משה איז געקומען, האבען די אידישע שקלאפען אנגעפאנגען צו פערנאכלעסיגען זייער ארבייט. און ווען די אידישע שוטרים האבען זיי פארגעווארפען, האבען זיי געענטפערט:

— מיר וועלען באלד אין גאנצען בעפרייט ווערען! ווייסט איהר דען נישט, אז משה איז געקומען אונז ארויסצונעהמען פון שקלאפעריי, פארוואס זאלען מיר פיירלירען אונזער געזונט!

— אבער דערווייל זייט איהר דאך פערשקלאפט און מיר זיינען פאר אייך פעראנטווארטליך! — האבען די שוטרים זיי געענטפערט — פארוואס זאלען מיר פערלירען אונזערע שטעלעס, וועט דען פאר אייך בעסער זיין, אז מצרישע שוטרים וועלען פערנעהמען אונזערע עמטער!

—משה און אהרן זיינען איצט ביי פרעה'ן — האט אימיצער געענטפערט — און ווען משה וועט נאר ווייזען די וואונדער צו פרעה'ן וועט ער שוין מעהר נישט וואגען אונז צו האלטען פאר שקלאפען.

פלוצלונג האבען אלע פון ווייטען בעמערקט ווי מצרישע בעאמטע קומען אן רייטענדיג אויף פערד...

די אידישע שוטרים זיינען געקומען די מצרישע ענטקעגען און זיך פאר זיי פערנייגט.

— מיר זיינען געקומען אייך איבערצוגעבען דעם נייעם בעפעהל פון פרעה'ן! — האט איינער פון די רייטער זיך אפגערופען — אזוי לויטעט דער בעפעהל פון פרעה'ן:

”די אידישע שקלאפען זאלען פון היינט אן און ווייטער מעהר נישט קריגען צוגעשטעלט קיין שטרוי צו מאכען די ציגעל. יעדער פון זיי וועט מוזען אליין געהן קלייבען שטרוי איבער די גאסען, אבער דעם צאהל פון ציגעל וואס זיי האבען געמאכט ביז אהער וועט אויך יעצט מוזען געמאכט ווערען. עס וועט נישט טארען פעהלען קיין איינציגער ציגעל!

— אבער ווי אזוי איז מעגליך — האבען די אידישע שוטרים פראטעסטירט.

— עס וועט שוין זיין מעגליך! — האט מען זיי געענטפערט. איהר זייט פאר זיי פעראנטווארטליך, און איהר דארפט אויך נישט פערגעסען, אז די גזרה איינצומויערען אידישע קינדער אין די ווענט, ווען עס פעהלט ציגעל, איז נאך נישט ארונטערגענומען, דעריבער דארפט איהר זעהן, אז מען זאל אויספאלגען דיזע נייע גזרה פון פרעה'ן!

— אה, דאס איז דאך אוממעגליך!

— האבען די אידישע שוטרים אויסגערופען מיט טרעהרען — א האלבער טאג וועט אוועקגעהן צונויפצוקלויבען די שטרוי און ווי אזוי וועלען זיי קענען מאכען אין א העלפט צייט די זעלבע צאהל ציגעל.

— די אידישע שקלאפען זיינען פוילער! — האבען זיי געענטפערט — פרעה האט אונז געזאגט, אז צוליעב דעם, וואס זיי פוילען זיך צו ארבייטען, שיקען זיי בעטען ביי פרעה'ן מען זאל זיי ארויסלאזען צו פייערען א יום טוב! ניין! דאס וועט קיינמאל נישט געשעהן! פרעה פערשטעהט, אז דאס זוכט איהר זיך ארויסצודרעהען פון דער ארבייט! און דאס איז אונזער בעפעהל און אויב עס וועט נישט דורכגעפיהרט ווערען, וועלען נישט נאר די פוילע שקלאפען בעשטראפט ווערען, נאר אויך אייער שטראף וועט זיין גרויס!

די בעאמטע האבען גלייך געגעבען א רעפעהל און מען האט אוועקגענומען די שטרוי וואס איז געווען צוגעגריי[illegible] צו מאכען די ציגעל.

די פרייד וואס האט געהערשט פאר א קורצע צייט צווישען די אידישע שקלאפען איז ווידער אין טרויער פערוואנדעלט געווארען... די בעאמטע זיינען געזעסען אויף זייערע פערד און מיט זייערע בייטשען גענומען שמייסען אויף

די נאַקעטע לייבער פון די אידישע שקלאַפען, טרייבענדיג זיי צו זוכען שטרוי... מען האָט זיי געשמידט איינער צום צווייטען אין קייטען, זיי זאָלען נים ענטלויפען און זיי האָבען זיך אין אזא צושטאנד געמוזט ארויסלאָזען זוכען שטרוי...

נאָך שטארקער איז דער יאָמער און געוויין געוואָרען ביי די אידען. זייער לאגע איז נאָך שווערער געוואָרען. עס איז פשוט געווען אונמעגליך צו ערפילען פרעה'ס בעפעהל און ווען דער טאָג איז אריבער, און די צאָהל ציגעל איז נישט געמאַכט געוואָרען, האָבען די מצרישע בעאַמטע זיי מערדערליך געשלאָגען, און אויך די אידישע שוטרים זיינען נישט געשאָנעוועט געוואָרען... זיי זיינען אויך געשלאָגען געוואָרען, פיעלע פון זיי האָט מען ענטזאָגט פון זייערע שטעלעס און זיי האָבען ווידער געמוזט ווערען יקלאַפען.

האָבען זיך די אידישע שוטרים צונויפגעזאמעלט און מיט געבראָכענע געמיטהער און פערביטערטע הערצער זיך דורכגערעדט וואָס צו טהאָן.

— מיר וועלען דארפען שיקען איינינע פון אונז צו משה'ן און צו אהרן און זיי בעטען זיי זאָלען אונז אויפהערע צו בעלעסטיגען מיט זייערע הבטחות. פילייכט וועט זיך פרעה'ס צאָרן פון אונז אָפּטהאָן...

זיי האָבען אויסגעקליבען אייניגע פון די עלטערע שוטרים און זיי געשיקט אויפצוזוכען משה'ן און אהרן.

די שוטרים זיינען אַוועק אין גשן, און דאָרטען האָט מע' זיי געזאָגט, אז משה און אהרן געפינען זיך יעצט אין דער הויפּט שטאָדט.

גלייך זיינען זיי אהין אוועקגעגאנגען און געטראָפען משה'ן און אהרנ'ען ארויסקומענדיג פון פאַלאַץ.

— אָה, וואָס האָט איהר פון אונז געוואָלט! — האָט זיך איינער פון די אידישע שוטרים אָפּגערופען צו משה'ן און אהרן — איהר האָט נאָך אויף אונז אלעמען א גרעסערען אומגליק געבראכט... עס איז אונז אזוי אויך גאנץ שלעכט געווען און יעצט האָט איהר נאָך פאר אונז ערגער געמאכט.. איהר האָט איינפאך געגעבען א שווערד אין פרעה'ס הענט אונז אין גאנצען צו רער'הרג'ענען... וויפיעל לעבענס האָט אונז געקאָסט ביז וואנען די אידען האָבען זיך צוגעוואוינט צו טהאָן די בעשטימטע צאָהל ארבייט וואָס איז אויף זיי ארויפגעלייגט געוואָרען... און יעצט איז צוליעב אייך דיזע שווערע ארבייט פערדאָפּעלט געוואָרען! די אידען מוזען אליין געהן קלייבען שטרוי און מאכען די זעלבע צאָהל ציגעל.

— מיר טאָרען נישט זיין פערצווייפעלט! — האָט משה געענטפערט מיט אן אומעטיגער שטימע — גאָט וועט אונז העלפען — איך ווייס, אז עס וועט זיין ערגער פאר די אידען פאר א קורצער צייט, אָבער נאכהער וועלען זיי אין גאנצען בעפרייט ווערען פון שקלאפעריי.

— ביז יענער צייט וועט שוין געוויס נישט זיין וועמען צו בעפרייען!

—האָט אן אנדערער אויסגערופען מיט א געוויין... וואָס האָט איהר געהאט צו אונז. פארוואָס האָט איהר אונז פערמיאוסט אין די אויגען פון פרעה'ן און אין די אויגען פון זיינע קנעכט!

משה און אהרן האָבען זיי אָנגעקוקט מיט רחמנות... זיי האָבען געשוויגען... זיי האָבען געקענט זעהן אז דאָס רעדט אין זיי די פארביטערטע הערצער... און עס וועט נוצלאָז זיין זיי ווייטער צו טרייסטען.

מיט גרויס פארביטערונג זיינען די אידישע שוטרים געקומען בעטען פרעה'ן ער זאָל נישט אויסגיסען זיין צאָרן אויף זיי.

—וואָס זיינען מיר שולדיג אויב עס זיינען געקומען משה און אהרן און גערעדט אזוי... האָבען מיר זיי דען געשיקט? פארוואָס זאָל די שווערע ארבייט פון די אידען נאָך שווערער ווערען... קיין שטרוי ווערט נישט געגעבען צו דיינע קנעכט און די צאָהל ציגעל

מוזען מיר מאַכען. דאָס איז דאָך אָבער אונמעגליך... און דיינע קנעכט ווערען געשלאָגען.

— איהר זייט פוילער! איהר זייט אַלע, פון קליין ביז גרויס, פוילער, דעריבער פאַרווילט זיך פּלוצלונג צו געהן אייך פייערען א יום־טוב. ניין! איהר וועט גאָרנישט אויספיהרען! די שקלאַפען מוזען מאַכען די זעלבע צאָהל ציגעל. און קיין שטרוי וועלען זיי נישט קריגען.

די שוטרים זיינען געפאַלען מיט זייערע פּנים׳ער צום באָדען און האָבען געוויינט. אָבער פּרעה האָט א וואונק געגעבען און מען האָט זיי ארויסגעפירט פון פּאַלאַץ.

מיט וואקלענדע טריט האָבען זיך די שוטרים אומגעקעהרט צו די שקלאַפענדע אידען. זייערע מצרים׳שע אויבערהארען האָבען פערשטאַנען פון זייערע פּנים׳ער, אז פּרעה האָט זיי גאָרנישט נאָכגעגעבען, און דעריבער האָבען זיי זיך נאָך מעהר גענומען מיט זיי אָפּרעכענען... זיי האָבען מיט די בייטשען גענומען זיי מערדערליך שלאָגען.

— איהר פאַרנאַכלעסיגט אייער פליכט און די שקלאַפען האָבען נאָך נישט פול געמאַכט די צאָהל! — האָבען די מצריים אויף זיי געשריען. — ווען דאָס וועט פּאַסירען נאָך אַמאָל וועט איהר שוין קיין לעבעדיגע פון אונזערע הענט נישט ארויסקומען!

עטליכע טעג זיינען פאַראיבער און די לאַגע פון די אידען איז געווען אזוי פאַרצווייפעלט, אז די לעבעדיגע האָבען שוין מקנא געווען די טויטע...

די שקלאַפען טרייבער זיינען געשטאַנען מיט שטעקענס און מיט בייטשען און געשלאָגען איבער די נאַקעטע לייבער פון די אידען. פיעלע זיינען אזוי צושלאָגען געוואָרען אז זיי האָבען זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט. זייערע לייבער זיינען געווען פול מיט וואונדען, זיי האָבען אפילו קיין כח נישט געהאט צו פאַרטרייבען די פליגען וואס האָבען געזויגען דאָס בלוט פון די וואונדען...

א שרעק איז באַפאַלען די איבעריגע שקלאַפען, ווען זיי האָבען מיט זייערע אויגען צוגעזעהן וואָס עס ווערט געטאָן צו זייערע הילפלאָזע ברידער... יעדער האָט געארבייט אזוי שווער, אז מען האָט קיין צייט נישט געהאט אָפּצוכאַפען דעם אָטעם, און די, וועלכע זיינען נאָך א גאנצען טאָג ארבייט פון ארומוכען די שטרוי און מאכען די ציעגעל נאָך נישט פאַרטיג געוואָרען מיט דער באַשטימטער צאָהל ציעגעל, זיינען פאַרבליבען אויך צו ארבייטען ביי־נאַכט.

די פרויען פון די שקלאַפען פלעגען קומען צו זייערע מענער און זיי ברענגען עסען... אָבער זיי האָבען אפילו קיין צייט נישט געהאַט אָפּצועסען. און יעדע פרוי אָדער מוטער האָט אליין אריינגעלעגט דאָס עסען אין מויל פון איהר מאַן אָדער זוהן, אין דער צייט וואָס זיי האָבען געטאָן זייער ארבייט.

ווען משה און אהרן האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך גשן זיינען עטליכע פרויען זיי אנטקעגען געקומען און מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען:

—קומט זעהן וואָס איהר האָט געטאָן צו די פאָטערס פון אונזערע קינדער... קיין איין גאנצער גליעד איז נישט געבליבען אין זייערע קערפּערס!! זינט איהר זייט געקומען אונז אייננצורעדען אז גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן אונז, איז אונז צעהן מאָל נאָך ערגער געוואָרען... און דו, משה, ווער האָט דיך געבעטען דו זאָלסט קומען אהער? מיר זיינען שוין באלד געווען צוגעוואוינט צו אונזערע צרות, ביזטו געקומען אין נאָמען פון גאָט... ניין! עס איז א ליגען! ווען גאָט וואָלט זיך אָן אונזער דערמאָנט, וואָלט ער אונז אזוי שוידערליך נישט בעשטראָפט!

אהרן, דערהערענדיג די בייזע רייד פון די פרויען, איז אויסער זיך געוואָרען פון כעס. ער האָט אויף זיי געוואָלט אָנשרייען און זיי אָנזידלען, אָבער משה האָט איהם נישט דערלאָזען.

— זאָלען זיי אויסגיסען זייערע בי־

טערע הערצער, פילייכט וועט זיי גרינגער ווערען... עס איז דאך פארט אמת, אז זיי האבען ביז אהער אזוי פיעל ניט געליטען ווי יעצט! יא, לאמיר אריבערגעהן צו די אומגליקליכע און זיי טרייסטען.

משה און אהרן זיינען אוועק נאך פתום און רעמסס און האבען פרובירט ריידען צו די פארהארעוועטע און אויסגעמוטשעטע שקלאפען... אבער קיינער האט זיך נישט געקענט צוהערען צו זיי... זיי האבען אפילו קיין צייט נישט געהאט אפצואווענדען זייערע אויגען פון זייער ארבייט...

אייניגע חדשים זיינען פאראיבער און די אידישע לאגע איז וואס ווייטער אלץ ערגער געווארען... די וועלכע האבען צוערשט געהאט צוטרויען צו משה און אהרן האבען שוין יעצט אויך אויפגעהערט צו גלויבען... זיי האבען זיך געהאט מיאש געווען און פערלארען זייערע אלע האפנונגען.

משה און אהרן האבען געטאן אלץ וואס זיי האבען געקענט צו פארזיכערען זייערע ברידער אז די גאולה איז נאהענט, אבער די אידישע צרות האבען טויב געמאכט זייערע אויערען... זייערע הערצער האבען [illegible], יעדוכט האט זיך זיי, אז פאר זיי איז שוין קיין הילף נישטא.

ווידער אמאל זיינען משה און אהרן אוועק צו פרעה'ן... עס איז זיי נישט אנגעקומען זעהר שווער אריינצוקומען, ווייל די בעאמטע און לייב־וועכסטער פון פרעה האבען שוין געוואוסט אז מען קען זיי נישט פארהאלטען.

זיי זיינען אריינגעקומען אין טראהן־צימער און זיך דערנעהנטערט צו פרעה'ן

— וואס איז אייער פערלאנג יעצט?
— האט פרעה אויסגערופען.
— מיר קומען נאך אמאל צו דיר אין נאמען פון דעם גאט פון אונזערע אבות, דו זאלסט ארויסלאזען דאס אידישע פאלק פריי אויף עטליכע טעג, זיי זאלען האבען די מעגליכקייט צו פייערען א יום־טוב צו גאט!

— האב איך אייך שוין מיט א צייט צוריק נישט געזאגט, אז איך וויל נישט וויסען פון אייער גאט און אומזיסט זיינען אייערע רייד! — האט זיך פרעה אפגערופען.

— אויב דו גלויבסט נישט אז אונזער גאט האט זיך באוויזען צו אונז, וועלען מיר דיר צייגען א וואונדער! — האט אהרן זיך אפגערופען נעהמענדיג פון משה'ן דעם שטעקען — זעהסטו אט דיעזען שטעקען?

— וואס מיינסטו? — איז פרעה אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און די לייב־וועכטער זיינען שוין מיט זייערע שפיזען געשטאנען נעבען משה'ן און אהרנ'ען.

— איך וועל א שליידער־טאן דעם שטעקען צום באדען און דאן וועסטו זעהן וואס עס וועט ארויסקומען.

אהרן האט אויפגעהויבען זיין שטעקען און איהם א ווארף געטאן צום באדען... באלד האבען אלע באמערקט, ווי דער שטעקען באוועגט זיך... ער דרעהט זיך און קארטשעט זיך... און פלוצלונג באמערקען אלע אז פון דעם שטעקען איז א שלאנג געווארען. א בייזער גיפטיגער שלאנג, מיט אן אפענער מויל גרייט איינצושלינגען אלעם וואס איז אין זיין וועג!

די לייב־וועכטער זיינען אויפגעציטערט געווארען און אפגעשפרונגען אויף צוריק פון גרויס שרעק.

— איך שרעק זיך נישט אפ דערפון!
— האט פרעה אויסגערופען — כאטש זיין פנים איז בלאס געווארען... איך וויים אז דאס האסטו געמאכט מיט כשוף... און מיינע כשוף־מאכער וועלען אויך באלד בעווייזען דעם זעלבען קונץ! זאלען באלד מיינע אלע כשוף מאכער אריינקומען!

עס האט לאנג נישט געדויערט און פרעה'ס כשוף־מאכער זיינען געבראכט געווארען אין פאלאץ.

דער שלאנג וואס איז ארויסגעקומען

פון משה׳ס שטעקען האָט זיך נאָך אַלץ געקאָרטשעט.

— איהר זעהט אַט דאָס? — האָט פּרעה זיי אָנגעצייגט מיט זיין פינגער — קענט איהר בעווייזען צו טאָן דאָסזעלבע מיט אייערע שטעקענס? קענט איהר פאַרוואַנדלען אייערע שטעקענס אין שלאַנגען דורך כשוף?

די מכשפים האָבען אַ שאָקעל געטאָן מיט זייערע קעפּ אויף יאָ. זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע שטעקענס און עפּעס אַ מאַך געטאָן מיט זייערע הענט און נאָכהער האָבען זיי אַ שליידער געטאָן זייערע שטעקענס און פון זיי זיינען שלאַנגען געוואָרען.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט פּרעה זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — און איהר האָט געמיינט אַז איך האָב זיך דערשראָקען פאַר דעם וואונדער וואָס איהר גהעט מיר באַוויזען! איך האָב גלייך געוואוסט אַז איהר ביידע זייט כשוף־מאַכער און איהר האָט די קונסט פון מאַכען כשוף טאַקע געלערענט פון די מצריים.

—עס איז נישט קיין כשוף! עס איז אַ צייכען פון גאָט! — האָט משה אויסגערופען.

באַלד האָבען אַלע דערזעהן נאָך אַ גרעסערען וואונדער: משה׳ס שטעקען, וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג, האָט אויפגעעפענט זיין מויל גאַנץ ברייט און פאַרשלונגען אַלע אַנדערע שלאַנגען...

— נו, קענען דאָס דיינע מכשפים באַווייזען? — האָט אהרן געפרעגט פּרעה׳ן.

פּרעה האָט אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

— מעגליך אַז מיינע מכשפים ווייסען נאָך נישט פון דיזען קונץ, אָבער עס וועט לאַנג נישט נעהמען און זיי וועלען דאָס אויך קענען... זייט איהר פיליכט גרעסערע מכשפים פון מיינע, אָבער מיינט נישט אַז איך וועל זיך דערפון אָפּשרעקען און בעפרייען מיינע שקלאַפען! ניין, דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהן.

— דו וועסט מוזען ענדערען דיינע רייד! — האָט משה געזאָגט — אויב דו וועסט נישט פאָלגען די ווערטער פון גאָט. וועסטו ערגער מאַכען! גאָט וועט דיר ווייזען זיין מאַכט!...

— די געטער פון מצרים זיינען מעכטיגער פון דעם גאָט פון ישראל, און איך האָב נישט מורא פאַר דיין גאָט!

משה און אהרן זיינען ווידער אַוועק פון פּרעה׳ן מיט גאָרנישט...

— וואַרט! — האָט משה זיך אָפּגערופען צו אהרנ׳ען — ער וועט באַלד זעהן וואָס גאָט קען טאָהן! גאָט האָט מיר געהייסען אַוועקגעהן צום טייך גאַנץ פריה, צו דעם פּלאַץ וואו פּרעה קומט אויף אַ שפּאַציר, און מיט דיעזען שטעקען וועל איך פאַר זיינע אויגען פערוואַנדלען דעם טייך אין בלוט! און זאָלען זיינע מכשפים זעהן צו מאַכען דעם טייך צוריק ווי ער איז געווען. זאָלען זיי אַרויסקריגען פון נילוס קלאָרע וואַסער.

אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, זיינען ביידע, משה און אהרן, אַוועק צום טייך און זיי האָבען געוואַרט ביז וואַנען פּרעה איז אָנגעקומען.

— מיר זיינען ווידער געקומען צו דיר אין דער שליחות פון גאָט! —האָט משה זיך אָפּגערופען—און מיר ווילען דיר וואַרענען, אַז אויב דו וועסט נישט אַרויסשיקען די אידען פון מצרים אויף אַ קורצער צייט, דאַן וועט גאָט פערוואַנדלען דעם טייך אין בלוט. דער נילוס וועט ווערען אַ טייך פון בלוט, אַנשטאַדט זיינע קלאָהרע וואַסער, און גאַנץ מצרים וועט דורשטען. און זאָלען דיינע מכשפים צוריק מאַכען קלאָהרען וואַסער פון דעם בלוטיגען טייך.

— עס איז נישטאָ אַ זאַך וואָס דו קענסט טהאָן און מיינע מכשפים זאָלען עס נישט קענען! —האָט פּרעה געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— וועמענס שטעקען האָט איינגעשלונגען די איבעריגע? —האָט איהם

אהרן געפרעגט—האבען זיי דען געקענט בעווייזען דיזען וואונדער.

— עס האט זיך אזוי געמאַכט!—האט פרעה געענטפערט, אז דיין שטעקען האט עס א פריהער בעוויזען — אָבער אזוי ווי מיינע מכשפים האבען געקענט זייערע שטעקענס פערוואנדלען אין שלאנגען אזוי וועלען זיי קענען אלעס נאָכטהאן וואס איהר וועט בעווייזען צו טהאן.

— אָבער מיר טהוען נישט מיט כשוף מיר קומען צו דיר אין דעם נאָמען פון אונזער גאָט! שיק ארויס די קינדער פון ישראל און דאן וועסטו פערשפּאָרען אָט די אלע פּלאָגען מיט וואס גאָט וועט דיר בעשטראפען...

—די געטער פון מצרים זיינען מעכ־טיגער און קענען אויפטאָן מעהר ווי דער גאָט פון ישראל!—האָט פרעה זיי געענט־פערט—איך וועל די אידען נישט ארויס־שיקען!

משה האט עפּעס געזאָגט צו אהרן אי־בערגעבענדיג איהם זיין שטעקען. אהרן האט אויפגעהויבען דעם שטעקען און א קלאַפּ געטהאן איבער דעם וואסער, די זון האט זיך געהאט אָפּגעשפּיעגעלט אין וואסער... פּלוצלונג בעמערקט פרעה ווי דער קלאָהרער וואסער פון טייך נילוס ווערט אלס טונקעלער... אָט ווערט עס אין גאנצען פערוואנדעלט אין בלוט...

פרעה איז געבליבען שטעהן מיט זיינע לייבוועכטער אין גרויס פערוואונדערונג. אָט ערשט איז דער טייך געווען פול מיט וואסער און יעצט איז עס בלוט.

— זאלען די מכשפים גלייך געבראכט ווערען אהער!—האט פרעה בעפוילען און לאָמיר זעהן אויב זיי קענען נישט פערוואנדלען וואסער אין בלוט.

משה און אהרן האבען געוואַרט ביז וואנען די מכשפים זיינען געקומען און מען האט פאר זיי געבראַכט קלאָהרען וואסער, און מיט כשוף האבען זיי דעם קלאָהרען וואסער פון דער כלי אויך פער־וואנדלעט אין בלוט.

— האב איך אייך דען נישט געזאָגט, אַז מיינע מכשפים וועלען קענען טהאָן דאס זעלבע,—האט פרעה זיך אָפּגערופען מיט שטאָלץ.

— זאלען זיי אָבער מאכען מיט זייער כשוף צוריקמאכען דעם טייך ריין פון בלוט!—האט משה זיך אָפּגערופען.

— אויב דו וועסט עס בעווייזען וועלען אויך מיינע מכשפים קענען טהאָן!

— דאס איז די ערשטע מכה וואס אונזער גאָט ברענגט אויף דיר און אויף גאנץ מצרים!—האט אהרן געזאָגט—און מיר וועלען נישט צוריק ברענגען דעם קלאָהרען וואסער ביז וואנען די בעשטימ־טע צייט פון דער מכה וועט פאָראיבער, סיידען דו וועסט טהאָן דעם פערלאנג פון גאָט און ארויסשיקען די אידען פון מצרים!

פרעה האט זיי מעהר נישט געענט־פערט. ער האט געגעבען א בעפעהל, און זיינע לייבוועכטער זיינען צוגעקומען מיט דער קארעטע און ער איז צוריקגע־פאָהרען צו זיין פּאלאץ!

מיט דער ערשטער מכה פון בלוט, האט זיך שוין די אידישע לאַגע גענומען פארבעסערען. ווי די מצריים האָבען זיך דערוואוסט, אז דאס וואסער פון טייך נילוס, וואס איז צו זיי אזוי היילִיג גע־ווען, איז פערוואַנדעלט געווארען אין בלוט, זיינען אלע געלאפען צום ברעג טייך צו זעהן דעם גרויסען וואונדער... אפילו די אויפזעהער איבער די אידישע שקלאפען, האבען זיך נישט געקענט בעהערשען און אוועק צום טייך... עפּעס האט אין יעדענס הארץ גענומען קלאפּען. זיי האבען זיך גענומען שרעקען, אז אַן אומגליק רוקט זיך אָן אויף זייער לאנד, זיי האבען איבערגעלאזען די שקלאפען אליין און זיי זיינען אוועק צום טייך...

די ברעגעס פון טייך זיינען געווען פול מיט מענשען, יעדער האָט זיך גוט צוגע־קוקט צום טייך און געקוועטשט מיט די פּלייצעס... אימיצער פון די מצריים האט פּרובירט אָנשעפּען פון דעם וואסער און עס גוט בעטראכט: — יע, עס איז ווירקליך בלוט!

— מיר זיינען אומגליקליך! אונזער לאנד וועט חרוב ווערען... דער היילִיגער

טייך נילוס, דער קוואל פון אונזער לעבען, איז געווארען פול מיט בלוט—האט א מצרי גענומען יאמערען—דער גאט פון ישראל נעהמט נקמה אן אונז, וואס מיר האבען אזוי שטארק געפייניגט די קינדער פון ישראל.

—מיר האבען פארגאסען זייער בלוט... מיר האבען געווארפען זייערע קינדער אין דיזען טייך.. יעצט איז דער נילוס געווארען פול מיט בלוט... אה, איהר געטער, העלפט אונז!—האט א צווייטער מצרי געיאמערט.

— דאס האט משה מיט כשוף געמאכט!—האט א מצרישער בעאמטער פרובירט איהם טרייסטען, עס וועט אזוי שנעל פערשווינדען, ווי עס איז געווארען! כשוף קען נישט אנהאלטען אפילו איין איינציגען טאג! ווי די זון וועט נעהמען אונטערגעהן, אזוי וועט דאס וואסער ווידער קלאהר ווערען.

— איך האב געהערט, אז ווען א ישראל שעפט אן פון דעם זעלבען טייך, קריגט ער ריינעם פרישען וואסער!—האט נאך איינער זיך אפגערופען.

— איך האב אויך געהערט—האט א צווייטער געזאגט,—אז דאס וואסער פון דעם טייך אין גשן איז נישט פערוואנדעלט געווארען אין בלוט.

— יעצט זעהט איהר אז דאס זיינען פאלשע קלאנגען!— האט אן אנדערער געזאגט—איך קום יעצט פון גשן און דאס וואסער איז דארטען אויך בלוטיג!

— אה, ווי גרויס איז מיין דורשט! —האט זיך געהערט שטימען צווישען פאלק,—מיינע ליפען זיינען פערטריקענט געווארען... איך וויל א טרונק וואסער!

— עס וועט שוין לאנג נישט נעמען. באלד, באלד וועט דער טייך צוריק ווערען ריין!

— דו ביזט גוט דורשטיג!—האט איין מצרי זיך אפגערופען צו א צווייטען, וועלכער האט זיך בעקלאגט—ווי פיעל וואלסטו געגעבען פאר א טרונק קאלטען ריינעם וואסער.

— איך וואלט געגעבען א זילבערנע מטבעה!—האט יענער געענטפערט — אבער וואו קען מען קריגען וואסער דא ארום!

— איך האב אליין געזעהן ווי א איד האט אנגעשעפט פון דעם בלוט און אין זיינע הענט איז עס געווארען קלאהרע, פרישע וואסער.

— און ער האט געטרונקען דערפון?

— געוויס!

— פארוואס האסטו דאס קלאהרע וואסער פון איהם נישט אוועקגענומען?

— איך האב דאס טאקע געטהאן! איך האב ארויסגעריסען פון זיינע הענט דעם קרוג וועסער, ווייל איך בין גאנץ דורשטיג געווען, אבער ווי נאר איך האב עס צוגעטראגען צו מיינע ליפען, האב איך בעמערקט, אז דאס איז גאר בלוט! און איך האב עס ניט געקענט טרינקען. איך האב דאן אנגעבאטען דעם אידען צו בעצאהלען און ווען איך האב איהם פאר דעם וואסער געגעבען א מטבע האט ער פאר מיר אנגעשעפט פון טייך א פרישען קרוג וואסער!

— מיר וועט גאר נישט קאסטען!—האט א מצרישער בעאמטער זיך אפגערופען. איך בין אן אויפזעהער איבער די אידישע שקלאפען און איך קען זיי צווינגען מיר אנצושעפען פרישען וואסער!

— אה, ווי דאנקבאר מיר וואלטען דיר געווען ווען דו קענסט צווינגען די אידישע שקלאפען אנצושעפען פאר אונז א פרישען טרונק וואסער.

— ווארט דא צו א ווייל און איהר וועט זעהן!— האט זיך דער בעאמטער גענומען בעריהמען—איך וועל ברענגען אלע שקלאפען וועלכע געפינען זיך אונטער מיין אויפזיכט און זיי וועלען געבען יעדען פון אייך א טרונק.

דער בעאמטער איז אוועק אין פתם און איז צוגעגאנגען צו זיינע שקלאפען און זיך אפגערופען:

— קומט מיט מיר צום טייך נילוס!

די אידישע שקלאפען האבען זיך נישט געריהרט פון ארט... זיי האבען מורא געהאט, אז מען וועט זיי דארט שלעכטעס טהאן.

— איך שווער ביי די געטער פון

מצרים, אז איך וועל אייך דארטען קיין שלעכטעס נישט טהאן!—האט ער צו זיי אפגערופען—קומט מיט מיר!

די אידישע שקלאפען זיינען נאכגעגאנגען זייער אויפזעהער... פון ווייטען האבען זיי בעמערקט ווי די ברעגעס פון נילוס זיינען שווארץ פון מענשען... מען האט זיי טאקע געזאגט, אז משה האט פערוואנדעלט דאס וואסער פון טייך נילוס אין בלוט... ווי עס ווייזט אויס איז אמת.

— איהר ווייסט צוליעב וואס מען ברענגט אייך דא צום טייך?—האט זיך א איד פון שבט לוי אפגערופען צו די שקלאפען.—מען וויל איהר זאלט אנשעפען וואסער פון דעם בלוט פון טייך! יע, געלויבט איז גאט, משה האט בעוויזען דעם גרעסטען וואונדער, ער האט געשלאגען דעם טייך נילוס מיט זיין וואונדערבארען שטעקען און דאס וואסער פון טייך איז בלוט, בלויז פאר די מצריים, אבער ווען איינער פון אונז שעפט אן דאס בלוט, בעקומט ער ריינעם וואסער... יעצט מיינע ברידער לאזט זיך נישט אפנארען פאר יעדען טרונק וואסער וואס איהר וועט זיי געבען לאזט זיך גוט בעצאהלען... פון אייך האט מען דאס לעצטע אוועקגענומען און אייך פאר שקלאפען געמאכט! זייט ביי זיך נישט געפאלען! זייט וויסען, אז קיינער קען אייך נישט צווינגען אפילו נישט פריצה אליין! אויב מען וועט אייך צווינגען אנצושעפען דאס וואסער וועט אלץ איינס ווערען בלוט אין די מצרישע הענט.

ווען די אידישע שקלאפען זיינען צוגעקומען צום טייך האבען די דורשטיגע מצריים זיי ארומגערינגעלט מיט זייערע כלים און יעדער האט געבעטען איינעם פון די אידען, ער זאל פאר איהם אנשעפען דאס וואסער.

— מיר ווילען [illegible]יגען בעצאהלט!—האבען די אידען געזאגט—אז נישט וועלען מיר נישט אנשעפען.

דער מצרישער בעאמטער האט ערגעץ וואו געקראגען א בייטש און צוגעגאנגען צו איינעם פון די שקלאפען און זיך אפגערופען:

— שנעלער שעפט מיר אן א קרוג וואסער אז נישט וועל איך צו דיר טהאן דא, ווי איך טהו צו דיר אין פתם.

דער אידישער שקלאף האט זיך דערשראקען, ער האט גענומען זיין האר'ס קרוג און ער האט עס אנגעפיהלט מיט וואסער. אלע האבען מיט גרויס וואונדער צוגעזעהן ווי ער שעפט אן דאס בלוט פון טייך און אין זיין קרוג ווערט עס וואסער.

דער שקלאף האט איבערגעבען דעם קרוג זיין האר און יענער האט בריים פאנאנדערגעעפענט זיין מויל און גענומען אין זיך אריינגיסען.. אבער צום אלעמענס בעוואונדערונג, האט ער מיט דעם ערשטען זופ גלייך א שליידער געטהאן דעם קרוג.

— אה עס איז בלוט!

— אויב דו ווילסט טרינקען וואסער וועסטו דארפען דערפאר בעצאהלען די אידען—האט אימיצער פון די מצריים צו איהם א זאג געטהאן.

— קום אהער!—האט דער בעאמטער צוגערופען צו זיך דעם זעלבען אידישען שקלאף—נא דיר א מטבע און שעפ מיר אן א קרוג וואסער.

דער איד האט צוגענומען די מטבע און גלייך ארונטערגעלאזען דעם קרוג אין טייך פון בלוט און צוריק ארויפגעבראכט. א קרוג מיט וואסער, און עס איבערגעגעבען דעם אויפזעהער.

דער מצרי האט גאנץ פארזיכטיג צוגעטראגען דעם קרוג וואסער צו די ליפען און האט זיי בענעצט, נאכהער האט זיך בעוויזען א שמייכעל אויף זיין פנים, ער האט שנעל אויסגעטרונקען דעם גאנצען קרוג וואסער, און זיך נאך גאנץ גוט בעשמאקעוועט.

די איבעריגע מצריים, זעהענדיג ווי אזוי ער האט בעקומען פרישען וואסער פאר געלד, האבען זיי נאך געטהאן זיין ביישפיעל און גענומען בעצאהלען פאר זייער וואסער.

אנדערע גאנץ קארגע מצריים, האבען געזאגט מיר ווילען נאך ווארטען א קליינע ווייל ביז וואנען דער טייך נילוס וועט צוריקקריגען זיין וואסער.

יענע האבען טאקע געווארט ביז שפעט אין אבענד, און ווען זיי האבען געזעהן, אז דאס בלוט איז נאך אלץ פאראן אין טייך, האבען זיי שוין אויך גענומען בעצאהלען פאר א טרונק וואסער.

אויף דעם צווייטען טאג איז שוין כמעט גאנץ מצרים געווען ביי דעם ברעג פון טייך נילוס... די אידען האבען שוין מעהר נישט געטהאן זייער ארבייט אין פתום און אין רעמסס, זיי זיינען געווען פערנומען מיט דעם שעפען פון וואסער פאר די מצריים... יעדער פון זיי האט געקראגען בעצאהלט.

— מיר ארבייטען שוין אזוי פיעל יאהרען אזוי שווער און ביטער,—האבען די אידען צווישען זיך דורכגעשמועסט און מיר האבען נאך קיינמאל ניט געקראגען בעצאהלט, און יעצט איז דאס ערשטע מאל ווען מיר קריגען בעצאהלט פאר ארבייט וואס עס איז פאר אונז א פערגעניגען צו טהאן. איז עס דען ניט א סימן, אז אונזער גאולה איז נאהענט!

— יע, ווער ווייס ווי לאנג עס וועט אזוי אנהאלטען,—האט אימיצער געזאגט מיט א פערבארגענעם שרעק ! —עפעס גלויבט זיך נישט, אז מיר זאלען ווען עס איז ווערען פרייע מענשען !

— איצט זעהן מיר אלע, אז גאט האט געשיקט משה'ן אונז אויסצולייזען פון גלות מצרים ! און מיר האבען אפילו זיך ניט געוואלט אומקוקען אויף איהם ווען ער איז צו אונז געקומען טרייסטען.

— וואס האבען מיר געקענט טהאן ? פרעה האט דאך אונזערע לײדען פערגרעסערט זינט משה איז געקומען איהם בעטען אונז צו בעפרייען—מיר האבען אבער נישט געדארפט פערלירען אונזער צוטרויען אין דעם געטליכען מאן משה! מיר האבען זיך געדארפט שעצען גליקליך און האבען צו איהם פולען צוטרוי, אז מיר וועלען שוין לאנג אין גלות ניט שמאכטען.

— מיר קענען גאר ניט זיין זיכער. ווער ווייס ווי לאנג דאס וועט אנהאלטען ?...

— יע, ווען פרעה זאל זיך דערוויסען, אז מיר האבען א גאנצען טאג נישט געארבייט, וועט ער אונז דערפאר שוידערליך בעשטראפען

— ווען דער בעאמטער וואלט געוואוסט, אז פרעה וועט נישט וועלען לײדען, וואלט ער אונז אהער נישט געבראכט... האבען מיר דען נישט געראטעוועט זיין פאלק פון א שרעקליכען דורשט... פרעה וויל דאך צופרידען שטעלען זיין פאלק !

— יעדער פון אונז האט היינט פערדינט צום ערשטען מאל, אבער מיר שרעקט מיין הארץ, אז פרעה זאל אויף אונז ווידער נישט ארויפלייגען קיין צינזען און פון אונז אוועקנעהמען אלעס וואס מיר האבען פערדינט און דערצו נאך דאס וואס אונז איז פערבליבען פון פריהער.

— פרעה וועט שוין יעצט מורא האבען אונז צו דריקען אזוי שטארק ווי פריהער—האט זיך איינער פון די אידישע שקלאפען אפגערופען — איך האב געהערט אז דאס איז בלויז און אנפאנג און ווען פרעה וועט זיך גאר אלץ פער'עקשנ'ען וועט איהם משה ערשט ווייזען גאט'ס מעכטיגע האנט.

— אה, וואס פאר א פארגעניגען עס איז פאר מיר געווען צו זעהן ווי דער מצרי'שער בעאמטער ווילכער האט מיר מיט א פאר טעג צוריק אזוי מערדערליך געשלאגען, האט געדארפט אנקומען צו מיר פאר א טרונק וואסער. ער האט געמיינט אז ער וועט מיר קענען צווינגען צו טאהן דאס אויך. אבער ווי ער האט נאר גענומען טרינקען....

— כא, כא, כא—האט זיך א צווייטער איד פארנאנדערגעלאכט—האסטו בעמערקט וואס פאר א זויערען פנים ער האט געמאכט ווען ער האט דערפיהלט דעם טעם פון בלוט. דוכט זיך אז עס האט ביי איהם גאר קיין ווערדע נישט געהאט וויפיעל בלוט ער האט פון אונז פארגאסען.

— און פרעה אליין האט ער זיך דען נישט געבאדען אין דאס בלוט פון אונזערע קינדער... זאל ער זיך יעצט געהן באדען אין דעם טייך פון בלוט !

— לאמיר האפען אז גאט וועט זיך מיט פרעה'ן אפרעכענען פאר די פייניגען און ליידען וואס ער האט אונז פעראורזאכט, זאל פרעה אליין אויך וויסען וואס ליידען מיינט.

— דאס וואס דער טייך נילוס איז פערוואנדעלט געווארען אין בלוט, וועט פרעה'ן קיין גרויסע יסורים נישט פעראורזאכען... ער וועט דורך דעם קיין דורשט נישט ליידען. ער קען בעהויפטען צו בעצאהלען פאר וואסער.

— געוויס! איך האב דאך אליין געזעהן ווי פרעה'ס קנעכט האבען געבראכט גאלדענע קריג צום טייך און האבען בעצאהלט איינעם פון אונזערע ברידער פאר דעם וואס ער האט אנגעשעפט וואסער פאר פרעה'ן.

די אידען האבען זיך שוין מעהר צו דער ארבייט נישט אומגעקעהרט. אלע זיינען געווען ביים ברעג טייך און געזוכט צו קריגען א פארדינסטעל ביי די מצריים.

זיעבען טעג האט געדויערט די מכה פון בלוט, און אלע מצריים האבען גאנץ שטארק געליטען דערפון און די בעאמטע און אונטערדריקער האבען גענומען מורא האבען פאר די אידען און דורך די זיעבען טעג נישט געוואגט צו צווינגען זיי צו טהאן די געוועהנליכע ארבייט.

משה און אהרן האבען דערווייל אויך נישט געשטאנען מיט פארלעגטע הענט. זיי האבען פערזאמעלט די עלטסטע און די פארשטעהער און צוזאמען זיך בעראטען וואס צו טאהן, ווי אזוי צוצוגרייטען דאס אידישע פאלק צו זיין בעפרייאונג.

— ווען זיי וועלען קענען אפשאצען פרייהייט, וועט זיי שוין גאט העלפען—האט אהרן געזאגט—די מצריים זעהען שוין די מאכט פון אונזער גאט! כאטש פרעה אליין וויל עס נאך נישט צוגעבען!

— פרעה גלויבט נאך אלץ אז דאס וואס מיר האבען געטהאן איז דאס דורך דער מאכט פון כשוף—האט משה געזאגט—אבער די האנט פון גאט איז נאך אויסגעשטרעקט. די ערשטע מכה פון בלוט וועט זיך באלד ענדיגען אבער ערגערע וועלען קומען וואס וועט מאכען אויפציטערן גאנץ מצרים, דאן וועלען אלע וויסען אז גאט, דער גאט פון אונזערע עלטערן איז דער איינציגער, וועלכער האט בעשאפען הימעל און ערד!

— מיר געהען היינט ווייטער אריבער צו פרעה'ן—האט אהרן זיך אפגערופען—און מיר וועלען איהם ווארנען דאס אויב ער וועט נישט ארויסלאזען די אידען פון מצרים, וועט גאט אנשיקען א מגפה פון זשאבעס אויף דעם לאנד מצרים, וואס וועט זיי פערשאפען נאך מעהר ליידען ווי די מכה פון בלוט.

— און אויך דאן בין איך זיכער אז פרעה'ס הארץ וועט זיין האַרט און ער וועט זיך נישט אונטערגעבען. אבער דאס טוט גאט כדי ער זאל בעקומען זיין פולען שטראף און כדי גאנץ מצרים וועלען וויסען זיין מעכטיגקייט און גרויסקייט.

ווען די זיעבען טעג זיינען פאריבער און דאס וואסער פון טייך נילוס איז ביסלעכווייז צוריק קלאהר געווארען, האבען די מצריים אויפגעלעבט. זיי האבען זיך גלייך אוועקגעלאזען צום טייך מיט פיעלע כלים אנצושעפען פרישען וואסער. באלד האבען זיך געפונען פיעלע מצריים וועלכע האבען געזאגט, אז דאס וואס האט פאסירט מיט דעם טייך איז עס געווען נישט צוליעב דעם וואס דער גאט פון משה האט עס געטאהן, אבער עס האט אזוי פאסירט.

פיעלע חרטומים האבען גענומען איינריידען דעם פאלק אז דאס וואס דאס וואסער פון טייך איז אין בלוט פערוואנדעלט געווארען איז עס צוליעב דעם וואס אין א גרויסען פלאץ פון וואנען דער נילוס שטראמט, זיינען פיעלע חיות אויסגע'הרג'עט געווארען און זייער בלוט איז אריינגעפליסט געווארען אין טייך, און דאס האט פאראורזאכט

די בלוט, א סימן אז עס האט בלויז אנגעהאלטען פאר עטליכע טעג.

די חרטומים און כשוף מאכען האבען אויך פרעה'ן געזאגט זייער השערה אז דאס טייך איז דורכגעמישט געווארען פון די בלוט פון די חיות.

— אבער איך גלויב נאך אלץ אז דאס האט משה און אהרן בעוויזען דורך כשוף — האט פרעה געזאגט.

— ניין, מיין האר קעניג, עס איז שווער צו גלויבען אז א כשוף קען אנהאלטען מעהר ווי איין טאג! — האט דער עלטסטער מכשף געזאגט — מיר האבען פרובירט פערוואנדלען וואסער אין בלוט און דאס העכסטע וואס דאס האט אנגעהאלטען איז געווען בלויז א פאר שעה!

— אבער פון וואנען האבען זיך פלוצלונג גענומען אזוי פיעל חיות און ווי אזוי זיינען זיי אויסגעהרג'עט געווארען אז זיי זאלען קענען רויט מאכען דעם וואסער פון נילוס פאר גאנצע זיבען טעג? — האט זיך פרעה געוואונדערט.

— איך גלויב אז משה בעזיצט א גרעסערע קראפט פון מאכען כשוף! — האט זיך דער הויפט פריעסטער אפגערופען — און דער קעניג דארף זיך גאר פאר זיי נישט שרעקען אונזערע געטער וועלען אלעמען בעשיצען פון זייער בייזען כשוף!

— איך האב אויסגעפונען אז די גאנצע צייט וואס דער נילוס איז געווען פערבלוטיגט, האבען מיינע אידישע שקלאפען נישט געטהאן זייערע פליכטען, זיי האבען פערנאכלעסיגט צו טאהן זייער ארבייט אין פתם און אין רעמסס.

— ווי אזוי האט מען זיי געקענט צווינגען צו טהאן זייער ארבייט, אז דאס פאלק מצרים האט געדורשט און בלויז די אידען האבען זיי געקענט געבען וואסער.

— אבער יעצט מוזען זיך מיינע קנעכט גלייך אומקעהרען צו דער ארבייט! — האט פרעה אויסגערופען — און זיי מוזען מאכען די זעלבע צאהל ציעגעל ווי פריהער און קיין שטרוי זאל אלץ צו זיי נישט געגעבען ווערען. זאל משה נישט מיינען אז ער האט מיר איבערגעשראקען!

פרעה האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט ווידער דערזעהען משה און אהרן שטעהענדיג נעבען איהם.

דאס הארץ האט איהם אנגעהויבען צו שרעקען. וואס ווילען זיי ווייטער פון איהם? וואס פאר א צרה וועלען זיי אויף איהם און זיין פאלק יעצט ברינגען. ער האט געווארפען זיינע בליקען אויף דער ריכטונג וואו אלע מכשפים זיינען געזעסען און ער האט זיך געפיהלט עטוואס זיכערער. זיי וועלען קאנען טאהן מיט זייער כשוף אלעס וואס משה און אהרן וועלען טאהן—האט ער זיך געטראכט.

— וואס איז אייער פערלאנג? — האט פרעה קוים ארויסגערעדט איינהאלטענדיג זיין כעס.

— מיר קומען צו דיר ווידער אין דעם נאמען פון דעם גאט פון ישראל! —האט אהרן געזאגט—שיק ארויס אונזער פאלק זיי זאלען קענען פייערן צו גאט א יום טוב, און אויב דו וועסט נישט וועלען צוהערען צו איהם אויך דיזען מאל, וועט גאט אנשיקען אויף דיין לאנד א מגפה פון זשאבעס (פראש). זיי וועלען אנפילען יעדען פלאץ פון דיין לאנד, זיי וועלען זיין אין אלע הייזער און אפילו די עסענווארג וועט פול זיין מיט זשאבעס.

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף פרעה'ס ליפען. אויב דאס וואס עטליכע זשאבעס וועלען זיך געפינען אין די נאסען פון מצרים, רופט משה אויך אן א מגפה, דען האט איר נישט וואס מורא צו האבען!

— איך שרעק זיך נישט אפ דערפון —האט פרעה אויסגערופען—איך וועל מיינע שקלאפען נישט בעפרייען פון זייער ארבייט! יע, זיי פוילען זיך, דעריבער זוכען זיי א וועג זיך ארויסצודרעהען פון טאהן זייער ארבייט! ניין, איך

וועל זיי נישט ארויסלאָזען! זאָלען גלייך די אויפזעהער פון די שקלאַפען זעהן אַז די ארבייט זאָל געטאָהן ווערען ווי איך האָב בעפוילען.

בעוואַפענטע מצריים און סאָלדאַטען האָבען די אידישע שקלאַפען פון גשן ווידער צוזאַמענגעטריבען אין די צוויי שטעדט, פתם און רעמסס.

מען האָט זיי ווידער געצוואונגען צו מאַכען די צאָהל פון ציעגעל ווי פריהער נישט געבענדיג זיי קיין שטרוי.

די אידען וועלכע האָבען זיך שוין אויסגערוהט דורך די זיעבען טעג וואָס די וואַסער פון דעם נילוס איז געווען בלוט, האָבען יעצט זעהר קיין שטאַרקען חשק נישט געהאַט זיך אומצוקערען צו זייער ארבייט.

— און איך האָב שוין געמיינט אַז מיר וועלען שוין מעהר נישט זיין געצוואונגען צו טאָהן אַזעלכע שווערע ארבייט, נאָכדעם ווי גאַנץ מצרים האָט צו אונז געדאַרפט אנקומען צו קריגען וואַסער.

— איך האָב אָבער געוואוסט אַז דאָס קען לאַנג נישט אנהאַלטען. אַזאַ גליק איז נישט פאַר אונז, אונגליקליכע שקלאַפען, זאָל נאָר אַקאָרשט פרעה אונזער לאַגע נישט ערגער מאַכען.

— ווי קען שוין זיין ערגער ווי עס איז געווען ביז יעצט! — האָט נאָך איינער אויסגערופען — אַמווייניגסטען האָבען מיר געקענט אָפּכאַפּען אונזער אָטעם פאַר עטליכע טעג און דערצו נאָך פערדיענט געלט!

— אָבער מיין האַרץ זאָגט מיר אַז מיר וועלען דאָס נאָך אַלעם אויסקריינקען! פרעה וועט זוכען אויסצולאָזען זיין צאָרן אויף אונז, און איהם וועלען קיין נייע גזרות נישט פעהלען.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי דו קענסט ריידען אַזעלכע ווערטער. האָסטו דען נישט געזעהען די גרויסע וואונדער וואָס משה האָט בעוויזען. זעהען דען מיר אַלע נישט אַז גאָט האָט זיך אָן אונז דערמאָהנט! ניין! מיר טאָרען יעצט אונזער האָפנונג נישט פערלירען, אפילו נישט אין דער צייט וואָס אונזערע אונטערדריקער זוכען אונז ווידער צו צווינגען צו טאָהן די שווערע ארבייט. מיר דאַרפען האָבען בטחון אין גאָט און אין משה'ן, אַז אונזער גאולה איז שוין נאָהענט.

— דו קענסט אַזוי ריידען מיט אַזוי פיעל האָפנונג, ווייל פון דיין הויז פעלט קיינער נישט, ווען אָבער די מצריים וואָלטען פון דיר אויך אוועקגערויבט איינעם פון דיינע קינדער און איהם געשאָכטען פאַר פרעה'ן כדי ער זאָל קענען זיך באָדען אין מיין קינד'ס בלוט, וואָלסטו זיך געשראָקען!

פרעה וועט פאַר אַלעם בעצאָהלען! אונזער גאָט וועט זיך אָן איהם נוקם זיין פאַר אַל דאָס בייז וואָס ער האָט צו אונז געטהאָן. מיר דאַרפען נאָר האָבען אַ ביסעל געדולד. משה און אהרן רוהען נישט. זיי געפינען זיך יעצט אויך אין פרעה'ס פּאַלאַץ און זיי וועלען נאָך ווייזען פרעה'ן די מעכטיגע האַנט פון גאָט!

— אָבער מיר זעהען דאָך וואָס פאַר אַ ווירקונג זייערע רייד האָבען אויף פרעה'ן און זיינע מיניסטאָרען. זיי האָבען אַזעלכע גרויסע וואונדער באַוויזען און דאָך טוט פרעה דאָס זייניגע. ער צווינגט אונז ווייטער צו ארבייטען.

— דאָס איז ווייל פרעה גלויבט אַז משה טוט עס אַלעם מיט כשוף! — האָט איינער געענטפערט.

— מיט כשוף! פאַר וואָס האָבען די מכשפים נישט בעוויזען צו מאַכען אַזעלכע כשוף.

— ווער זאָגט עס דיר אַז זיי האָבען דאָס נישט געטאָהן! די מכשפים האָבען אויך גענומען קלאָרען וואַסער און עס פערוואַנדעלט דורך כשוף אין בלוט.

— אויב אַזוי! — האָט אַן אַנדערער זיך אָפּגערופען — מעגליך אַז פרעה איז גערעכט. משה האָט דאָס טאַקע געטאָהן דורך כשוף.

— ווען דאָס וואָלט געווען דורך כשוף וואָלט עס נישט אנגעהאַלטען גאַנצע זיעבען טעג! איך האָב אַליין

געהערט ווי די מכשפים האבען צוגעגעבען אז א זאך געמאכט דורך כשוף קען אפילו נישט אנהאלטען איין איינציגען טאג.

— נו, איז משה'ס כשוף א שטארקערער! — האט יענער נאך אלץ ניט געוואלט נאכגעבען.

— אבער וואס וועסטו זאגען דערצו וואס ווען איינער פון אונז האט אנגעשעפט דאס וואסער פון טייך נילוס איז טאקע געווען קלארע וואסער און ווען די מצריים האבען אנגעשעפט איז געווען בלוט. אויב דאס וואלט אויך געווען כשוף טו פארוואס האבען די מכשפים נישט געקענט טאהן דאסזעלבע און מיר אלע ווייסען דאך אז די גרעסטע מכשפים פון פרעה'ן זיינען געווען געצוואונגען צו קויפען וואסער פון די אידען. איז דאס אליין נישט געווען דער גרעסטער וואונדער?

— עס איז אמת! עס איז טאקע א וואונדער! —האט יענער צוגעגעבען — איך ווייס אז ווען א מצרי איז צו מיר צוגעקומען מיט א קרוג און מיר בעצאהלט איך זאל פאר איהם אנשעפען פון טייך וואסער, האט אין מיר מיין הארץ א ציטער געטאהן ווי אזוי וועל איך קענען טאהן אזא זאך? איך האב מיט ציטערנדע הענט גענומען דעם קרוג פון איהם און ווי גרויס איז מיין איבערראשונג געווען, ווען איך האב געזעהן אז פון דאס בלוט וואס איך האב אנגעשעפט פון נילוס איז געווארען א־סער אין מיין האנט!

— יע, א גרויסער נס האט גאט מיט אונז אלעמען געטאהן און מיר דארפען גאר נישט זיין בעזארגט וואס די מצריים נעהמען זיך ווידער צו אונז!

די אידען האבען אנגעפאנגען צו ארבייטען. איבער זיי זיינען געשטאנען די בעאמטע און אונטערדריקער אבער יענעם טאג איז קיינער פון די אידען ניט געשלאגען געווארען באטש נישט אלע האבען ערפילט זייער פליכט.

די אידישע שקלאפען האבען בעמערקט אז די מצריים קוקען שוין אויף זיי מיט אנדערע אויגען, נישט ווי פריהער, ווען די מצריים האבען זיי געטראטען מיט די פיס און זיי מערדערליך געשלאגען. עס איז קענטיג אז זיי טוען זייער פליכט צו פרעה'ן נישט מיט גרויס בעגייסטערונג און טאקע דעריבער האבען זיך די אידישע שקלאפען שטארק נישט גענומען צום הארצען אויב זיי האבען נישט דורכגעמאכט די בעשטימטע צאהל ציגעל.

— אה, זיי קומען אן! — האט א מצרי'שער בעאמטער פלוצלונג אויסגערופען מיט שרעק.

אלע האבען זיך אומגעקעהרט און ווי גרויס איז זייער ערשטוינונג געווען ווען זיי האבען דערזעהן פון ווייטען זשאבעס אין די הונדערטער טויזענדער דערנעהענטערענדיג זיך צו זיי. זיי זיינען אנגעקומען שפרינגענדיג. קליינע מיט גרינע אויגען, אזוי ווי א הייזשעריק זיינען זיי אלץ געדיכטער געווארען. אט זיינען זיי שוין גאנץ נאהענט. זיי שפרינגען אויף די מצרי'שע בעאמטע.

— משה'ס צווייטע קללה ווערט מקוים! — האט איינער פון די מצרי'שע בעאמטע אויסגערופען — ער האט טאקע געווארענט פרעה'ן אז די זשאבעס וועלען אנפילען דאס גאנצע לאנד מצרים.

— אה! ווי עקעלהאפט זיי זיינען! —האט א צווייטער א געשריי געטאהן און אפגעשפרונגען פון זיין פלאץ. ער האט גענומען ארומטאפען זיין לייב, און אויפגעציטערט! זיי זיינען אונטער מיינע קליידער.

— גיעב נאר א קוק, זיי קומען אפילו נישט צו די אידישע שקלאפען! —האט נאך איינער אויסגערופען—און גענומען אראפטרייסלען פון זיך די זשאבעס.

— אה, לאמיר שנעלער פון דאנען אנטלויפען! — האט דער הויפט אויפזעהער אויסגערופען — מיר וועלען מעהר נישט קענען אויסהאלטען. זיי קומען אן אלץ מעהר און מעהר, באלד וועט שוין זיין פאר אונז אונמעגליך אפילו דורכצושניידען א וועג!

— אַה, איהר געטער פון מצרים, העלפט מיר! — האט נאָך א מצרי א געשריי געטאָהן. איך פיהל אז די זשאַבעם געפינען זיך ארום מיין גאנצען קערפּער. העלפט מיר! העלפט מיר!

די בעאמטע און די אונטערדריקער האבען זיך געלאזט לויפען, איבערלאָזענדיג די אידישע שקלאפען אליין.

— וואס וועלען מיר דאָ בלייבען! — האט איינער פון די אידען אויסגערופען — לאָמיר געהן אהיים צו אונזערע פרויען און קינדער.

די אידען האבען באלד געוואָרפען זייער ארבייט און זיך אלע געלאָזט געהן נאָך גשן. פאר זייערע אויגען האבען זיך אפּגעשפּיעלט זעהר קאָמישע סצענעס. זיי האבען געזעהען ווי די מצריים ווארפען זיך און דרעהען זיך אין דרייען, זיי זוכען לויז צו ווערען פון די זשאבעם וועלכע זיינען יעדען איינעם בעפאלען, און וואס מעהר זשאַבעם זיי זוכען ארויסצונעהמען אונטער זייערע קליידער, אלץ מעהר קומען זיי אָן. זיי זעהען ווי די מצריים לויפען, שטעלען זיך אָפּ, זוכען מיט זייערע הענט אונטער זייערע קליידער, נעהמען עפּעס ארויס און ווארפען מיט עקעל ארונטר און באלד טוען זיי ווידער דאס זעלבע.

די גאסען זיינען פול מיט זשאבעם. זיי האבען געקוואקעט און געשפּרונגען, די קליינע קינדער שרייען און וויינען פיעלע פון די מצרי'שע פרויען חלש'ן פון שרעק.

די שקלאפען זיינען אנגעקומען אין גשן און דארטען איז קיין איינציגע זשאבע נישט געווען.

אויך אין פרעה'ס פאלאץ האבען אנגעהויבען אנקומען די זשאבעם. פרעה איז געזעסען אויף דעם טראָהן און זיך בעראטען מיט זיינע מיניסטאָרען, חרטומים און מכשפים. פלוצלונג דערפיהלט ער עפּעס אונטער זיינע קעניגליכע קליידער. ער שטעלט אריין זיין האנט און נעהמט ארויס א לעבעדיגע צאפּעלדע זשאבע. ער טוט עס א שליידער מיט עקעל!

— די זשאבעם זיינען אנגעקומען! משה האט מיט זיין כשוף געבראכט די זשאבעם! — האט פרעה אויסגערופען.

— מיר קענען עס אויך טאָהן מיט כשוף! — האבען די חרטומים אויסגערופען און זיי האבען בעוויזען מיט זייער כשוף און ארויסגעבראכט פיעלע זשאבעם.

— גענוג! גענוג! — האט פרעה א געשריי געטהאָן — הערט אויף צו מאכען מעהר זשאבעם מיט אייער כשוף. ווען איהר קענט בעווייזען א וואונדער ווי אזוי לויז צו ווערען פון די זשאבעם וואס משה האט אויף אונז געבראכט!

— דער קעניג דארף זיך נישט שרעקען. די זשאבעם וואס זיינען געמאכט געווארען פון כשוף קאנען לאנג נישט בלייבען, בלויז איניגע רגעים און זיי וועלען פערשווינדען.

פרעה האט שוין מעהר אויף זיין טראָהן נישט געקענט איינזיצען. פון אומעטום האבען זיך א שאָט געטאָהן זשאבעם צו איהם. ער האט זיי געפיהלט אויף זיין קאָפּ, אונטער זיין קרוין. ער האט שנעל ארונטערגענומען די קרוין פון זיין קאָפּ און מיט זיינע הענט גענומען אראפּשארען די זשאבעם!

באלד אבער האט ער זיי דערפיהלט אין אנדערע פלעצער פון זיין קערפּער. זיינע לייב־וועכטער זיינען איהם געקומען צו הילף. זיי האבען ארומגעטאפּט זיין גאנצען קערפּער.

פיהרט מיר אין מיין שלאָף צימער! — האט פרעה אויסגערופען — דארטען וועל איך פון זיך מיינע בגדים ארונטערוואָרפען.

זיינע דינער און לייב־וועכטער האבען פרעה'ן געהאָלפען אריינצוגעהן אין זיין שלאָף צימער. מען האט איהם דערלאנגט אנדערע בגדים און מען האט ריין געמאכט זיין בעט.

פרעה האט זיך אוועקגעלייגט אין זיין בעט אויסצורוהען. אבער פלוצלונג האט

ער א שפרונג געטהאן פון דארטען און אויסגעשריען מיט פארביטערונג:

— אזוי האט איהר מיין בעט ריין געמאכט! די גאנצע בעט איז דאך פול מיט זשאבעס. אה, ווי זיי קוואקען! זיי געפינען זיך ארום מיין גאנצען קערפער... אה, איך מוז האבען רוה! ווי אזוי זיינען די זשאבעס אהער געקומען?

— מיין האר קעניג — האט זיך איינער פון פרעה'ס לייב־וועכטער אפגערופען—עס איז נישטא קיין איינציגער פלאץ אין פאלאץ וואו די זשאבעס האבען נישט דערגרייכט. זיי זיינען געווים אהער געקומען דורך די אפענע טיהרען אדער דורך די שפאלטען פון די פענסטער. אויב דער קעניג וועל האבען רוה און זיין זיכער אז די זשאבעס וועלען איהם נישט בעלעסטיגען איז בלויז פאראן איין פלאץ פאר דעם, און דאס איז דעם קעניג'ס שאץ־קאמער. דארטען געפינען זיך נישט קיין טיהרען און קיין פענסטער. דאס איז דער איינציגער אריינגאנג אהין, און מיר וועלען זעהן אפהיטען אז קיין איינציגע זשאבע זאל אהין נישט צוקומען.

— גוט איך וועל אריינגעהן דארטען, אבער די בעטעל וואס איהר וועט אהין אריינברענגען דארף גוט נאכגעזוכט ווערען עס זאל קיין איינציגע זשאבע נישט זיין.

די דינער האבען גענומען אויסרייניגען פרעה'ס בעטעל און מיט גרויס פארזיכטיגקייט האבען זיי אריינגעשטעלט די בעטעל און ווען זיי האבען די טיהר פון שאץ קאמער אויפגעעפענט האבען זיי גאנץ גוט אפגעהיט אז קיין איינציגע זשאבע זאל אהין נישט אריינקומען.

פרעה האט איבערגעביטען זיינע קליידער און איז אריין אין שאץ־קאמער ויך אוועקגעלייגט אין זיין בעטעל זיך אפצורוהען.

עס האט אבער לאנג נישט גענומען און פרעה איז אויך פון דארטען אויפגעשפרונגען. ער האט גענומען שרייען און שילטען!

די לייב־וועכטער האבען דערהערט זיינע געשרייען און אויפגעעפענט די טיהר און איהם געפרעגט אויב ער ווינשט עפעס.

— איהר זייט נישט געווען גענוג פארזיכטיג! — האט פרעה א געשריי געטאהן—די גאנצע שאץ־קאמער איז פול מיט זשאבעס!

— אה, מיין האר קעניג! — האט דער הויפט פון די לייב־וועכטער אויסגערופען—מיר זיינען געווען זעהר פארזיכטיג, אבער ווי עס ווייזט אויס איז נישטא קיין איינציגער פלאץ וואו די זשאבעס זאלען נישט אריינקומען.

פרעה איז ארויס פון זיין שאץ־קאמער און די קנעכט האבען די בעטען פון דארטען ארויסגענומען, און פרעה האט גוט נאכגעקוקט אז קיינער זאל פון זיינע אוצרות גארנישט ארויסנעהמען.

די גאנצע נאכט איז פרעה געווען וואך, ער האט נישט צוגעמאכט זיינע אויגען אויף א רגע. די זשאבעס זיינען געווען אומעטום: אויף זיין בעט, אונטער דער בעט, זיי האבען געקוואקעט און געשפרונגען פון איין פלאץ צום צווייטען.

פרעה האט קוים דערלעבט דעם פריהמארגען, ער האט גלייך געשיקט רופען משה'ן און אהרן.

— וואס איז אייער עצה? — האט פרעה געפרעגט די מכשפים, זאל איך בעטען משה'ן ער זאל באלד אפטהאן פון מיר די מכה פון זשאבעס אדער ווארטען ביז מארגען.

— אויב דער קעניג ליידעט דערפון אזוי פיעל. טא פארוואס זאל ער באלד נישט לויז ווערען דערפון — האט איין מכשף זיך אפגערופען.

— דו פערשטעהסט נישט וואס איך מיין! — האט פרעה איהם געענטפערט — איך גלויב נאך אלץ, אז עס איז כשוף, און אויב די זשאבעס זיינען טאקע געקומען דורך כשוף, וועלען זיי דאך

באלד פון זיך אליין פארשוואונדען... און ווען איך וועל בעטען משה'ן ער זאָל פון מיר אָפּטהאָן די זשאבעס, און עס וועט טאקע אזוי געשעהן, וועט ער זאָגען, אז דאָס האָט ער בעוויזען דיזען וואונדער!... אָבער אז איך וועל פערלאנגען, אז ער זאָל זעהן, אז די זשאבעס זאָלען מאָרגען אָפּגעטהאָן ווערען פון מיר, קען דאָך זיין אז דער כשוף זאָל זיך פון זיך זעלבסט נאָך היינט אָפּטהאָן, דאן וועט משה בלייבען צום נארען, און אלע וועלען וויסען. אז עס איז נישט אין זיין מאכט עפּעס צו טאָן געגען זיין אייגענעם כשוף איידער די צייט קומט.

— דער מעכטיגער פּרעה איז גערעכט! — האָט דער הויפּט פון די מכשפים זיך אָפּגערופען — עס איז א גוטער וועג ווי אזוי צו באווייזען, אז דאָס אלעס וואָס משה טוט, איז מעהר נישט ווי א כשוף, אמת א שטארקער כשוף ווי מיר קענען בעווייזען אָבער דאָך א כשוף!

ווען משה און אהרן זיינען געקומען פאר פּרעה'ן האָט זיך דער קעניג צו זיי געווענדעט:

— גוט, איך וועל ארויסשיקען די אידען אויף עטליכע טעג צו פייערען צו זייער גאָט, און דו זיי מתפּלל צו דיין גאָט, ער זאָל פון מיר אָפּטהאָן די זשאבעס.

— בעשטימט א צייט אויף ווען דאָס זאָל פּאסירען, — האָט משה געזאָגט.

— זאָל זיין אויף מאָרגען! — האָט פּרעה געענטפערט — מאָרגען גאנץ פּריה!

— גוט, אזוי וועל איך טהאָן, איך וועל בעטען גאָט אז ער זאָל מאָרגען אָפּטהאָן פון דיר דיזע מכה. כדי דו זאָלסט וויסען, אז עס איז נישטאָ אזא גאָט ווי אונזער גאָט.

נאָך א נאכט פון שלאָפלאָזיגקייט, פון יסורים און פון איבעל... פּרעה האָט נישט געקענט איינליגען, איז ער געזעסען, זיינען די זשאבעס געשפּרונגען אויף איהם און אונטער איהם. האָט ער זיך געשטעלט, זיינען זיי ווידער געקומען.

פּרעה'ן האָט שוין שטארק פערדראָסען, פארוואָס ער האָט נישט געבעטען משה'ן ער זאָל זיי גלייך אוועקנעהמען פון איהם... ווען ער וואָלט געוואוסט, אז עס וועט איהם אויסקומען צו ליידען נאָך א נאכט, וואָלט ער עס געוויס געטהאָן.

קוים דערלעבט דעם פריהמאָרגען האָט פּרעה מיט אלע זיינע מיניסטאָרען בעמערקט. אז פּלוצלונג האָבען די זשאבעס אויפגעהערט צו שפּרינגען און צו קוואקען...

— יע, עס איז טאקע אזוי ווי משה האָט געזאָגט! — האָט פּרעה אויסגערופען — איך פיהל א דערלייכטערונג — אָה, ווי גוט עס איז... איך וועל זיך גלייך לעגען שלאָפען... שוין איינינגע נעכט אז איך האָב נישט געקענט מיינע אויגען צומאכען...

פּרעה'ס קנעכט האָבען שנעל צורעכט געמאכט זיין בעט און ווי פּרעה האָט זיך האָרט אוועקגעלעגט אזוי איז ער איינגעשלאָפען...

ווען ער האָט זיך אויסגעשלאָפען, האָט שוין די זון געהאלטען ביים פערגעהן.

פּרעה האָט זיך גאנץ גוט געפיהלט, ער האָט זיך געהאט אויסגערוהט.

— וואָס האָט היינט פּאסירט? — האָט ער געפרעגט זיינע דינער.

— משה און אהרן זיינען געווען אין פּאלאץ! — האָט מען איהם געענטפערט.

— וואָס האָבען זיי פערלאנגט?

— זיי האָבען געוואָלט זעהן דעם קעניג.

— האָבען זיי נישט געזאָגט צוליעב וועלכען צוועק? — האָט פּרעה געפרעגט.

— המ... האָט דער הויפּט מיניסטער געענטפערט מיט א שמייכעל — פּרעה האָט זיי דאָך פארשפּראָכען ארויסצולאָזען די אידען אויף עטליכע טעג.. נו, זיינען זיי עס געקומען דערמאָהנען.

— כאַ ! כאַ ! כאַ ! — האָט זיך פּרעה צאַנאַנדערגעלאַכט — ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי מיר טאַקע גענומען ערנסט ! זיי האָבען געמיינט אַז אַט באַלד דערשרעק איך זיך און בעפריי אַלע מיינע שקלאַפען !

— זיי וועלען געוויס מאָרגען אויך אהער קומען ! — האָט דער מיניסטער געזאָגט.

—און זיי וועלען אוועקגעהן ווידער מיט ליידיגען — האָט פּרעה געשמייכעלט — אָבער זאָגט מיר, וואָס איז געוואָרען פון די זשאַבעס ! זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען ?

— אָה ניין, מיין האַר קעניג ! — האָט דער הויפּט פון די חרטומים גע־ענטפערט — די זשאַבעס זיינען אַלע אויסגעשטאָרבען און דעם גאַנצען טאָג זיינען דיינע קנעכט און דאָס גאַנצע פאָלק מצרים געווען פערנומען צונויפצושאַרען זיי אין קופּעס, עס וועט נאָך געדויערען עטליכע טעג איידער מען וועט זיי אינגאַנצען קענען אַפּראַמען פון שטאָדט... הונדערט פון דיינע קנעכט האָבען אונערמידליך געאַרבייט דעם גאַנצען טאָג אָפּצוריינינגען דעם פּאַלאַץ פון דיזער שרעקליכער מגפה... מען וועט מוזען זעהן צואיילען דאָס פאָלק, מען זאָל וואָס שנעלער אויסריינינגען די גאַסען פון מצרים. אויב נישט וועט נאָך אויסברעכען אַ שרעקליכע מגפה איבער'ן גאַנצען לאַנד און עס וועט אונז פעראורזאַכען זעהר פיעל שאָדען.

— און איך האָב געדענקט, אַז זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אָנגעקומען !—האָט פּרעה געקוועטשט מיט די פּלייצעס — דאָס צייגט דאָך אַז די זשאַבעס זיינען נישט געקומען דורך כשוף, ווייל זאַכען, וואָס ווערען געמאַכט דורך כשוף, ווערען פערשוואונדען אַזוי שנעל ווי דער כשוף טוט זיך פון זיי אָפּ.

— לויט אונזער שכל זיינען די צפרדעים (זשאַבעס) טאַקע נישט גע־קומען דורך כשוף — האָט דער הויפּט פון די חרטומים געענטפערט — אָבער דאָס מיינט אויך נישט, אַז אַ נס איז געשעהן און דער גאָט פון משה'ן האָט עס פעראורזאַכט ! אָה ניין ! עס איז געקומען גאַנץ נאַטירליך. דער טייך נילוס איז געוואָרען אָנגעזאַפּט מיט בלוט פאַר עטליכע טעג, דאָס וואַסער איז געוואָרען אַזוי אומריין, אַז עס איז אַ נאַטירליכע ערשיינונג, אַז די זשאַבעס זאָלען זיך אַזוי פערפלאָדזשען און פערשפּרייט ווערען איבער דעם גאַנצען לאַנד...

— איך גלויב אַז דו ביזט גערעכט ! — האָט פּרעה צוגעגעבען — פון טייך האָט זיך טאַקע געהערט זעהר אַ שלעכטער גערוך, און מן הסתם זיינען די זשאַבעס געקומען פון די אומריינינגקייט... אָבער דאָך פערשטעה איך נישט ווי אַזוי זיי זיינען אַלע מיט איינמאָל אויסגעשטאָרבען ?

דאָס קען שוין מעגליך זיין, האָט משה זיך באַנוצט מיט כשוף — האָט אײ־מיצער פון די חרטומים איהם געענטפערט.

— און נאָך גרעסער איז מיין וואונדער — האָט איינער פון פּרעה'ס גענעראַלען זיך אָפּגערופען — איך בין ערשט נעכטען געווען אין גשן און דאָרטען איז קיין שפּור פון קיין זשאַבעס נישט געווען. מיט וואָס קענען די חרטומים דאָס ערקלערען.

די חרטומים האָבען געשוויגען און פּרעה האָט אויך נישט געענטפערט. ער האָט גאָר צו זיך דעם געדאַנק נישט געוואָלט צולאָזען, אַז אַן אויסערגעוועהנליכע אומנאַטירליכע זאַך האָט פּאַסירט...

— און ווידער האָבען מיינע שקלאַפען נישט געאַרבייט ? האָט פּרעה אַ פרעג געטהאָן נאָך אַ קליינער פּויזע.

— עס איז געווען אונמעגליך פאַר די אויפזעהער גאָר צוצוקומען צו דעם פּלאַץ פון דער אַרבייט — האָט דער גענעראַל געענטפערט. און אויסער דעם, ווען אַן איבערנאַטירליכע זאַך פּאַסירט

אין לאנד, ווערען די מצריים שטארק צושראָקען, און עס קומט זיי אָן גאנץ שווער צו צווינגען די אידען צו טהאָן זייער ארבייט...

— דאָס איז קיין תירוץ נישט — האָט פּרעה אויסגערופען — מיינע שקלאפען טאָהרען זיך נישט ארומדרעהען אָהן ארבייט.

אויף מאָרגען זיינען משה און אהרן ווידער געקומען צו פּרעה׳ן און איהם דערמאָנט אָן זיין הבטחה...

— ניין! — האָט פּרעה אויסגערופען — ווען איך האָב פערשפּראָכען ארויסצולאָזען מיינע שקלאפען אויף עטליכע טעג האָב איך געמיינט, אויב די זשאבעס וועלען אין גאנצען פערשווינדען פון אונז... יעצט אָבער אז זיי זיינען פערבליבען אין לאנד...

— אָבער זיי זיינען דאָך טויט, זיי קענען דאָך מעהר קיין ליידען נישט פעראורזאכען — האָט אהרן זיך אָפּגערופען.

—יעצט ליידט נאָך דאָס לאנד מעהר פון זיי ווי פריהער — האָט פּרעה געענטפערט — מיין גאנצע לאנד איז פעראומרייניגט געוואָרען.

— איך ווייס! — האָט משה געזאָגט — אז ווען די זשאבעס וואָלטען פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען און פון זיי וואָלט קיין שריד און פּליט ניט פערבליבען, וואָלסטו דאן אז אנדער אויסרייד געפונען, נישט צו האלטען דיין וואָרט, יע, דאן וואָלסטו געזאָגט, אז דאָס איז געטהאָן געוואָרען דורך כשוף.. דאריבער קום איך דיר ווידער אמאָל ווארענען אין דעם נאָמען פון אונזער גאָט, אויב דו וועסט דיין וואָרט נישט האלטען, און ארויסלאָזען די אידען פון מצרים. וועט גאָט אָנשיקען אויף דיר א דריטע מכה; דיין גאנץ לאנד וועט פול ווערען מיט כנים.. די כנים וועלען זיין אויף די מענשען אזוי גוט ווי אויף די בהמות...

פּרעה האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ, און משה און אהרן האָבען דערפון פערשטאנען, אז פּרעה וויל מיט זיי מעהר דערפון נישט ריידען.

זיי האָבען גלייך דעם פּאלאץ פערלאָזען...

די גאסען פון מצרים זיינען נאָך ניט אין גאנצען אָפּגערייניגט געוואָרען פון די טויטע זשאבעס און די מצריים האָבען פּלוצלונג דערפיהלט א שרעקליכע ביסענים.. מען איז געשטאנען אין גאס און עס איז געווען א זעלטענע ערשיינונג צו זעהן ווי יעדער פערבייגעהער קראצט זיך. אפילו די בהמות האָבען זיך געדרעהט און געריבען זייערע קערפּערס אָן די ווענט און אויף דער ערד.

פּרעה איז געזעסען מיט זיינע מיניסטאָרען און פּלוצלונג האָט זיך איינער פון זיי אויפגעהויבען פון זיין פּלאץ און זיך גענומען קראצען... באלד האָט א צווייטער געטהאָן דאָס זעלבע און א דריטער און די אלע וועלכע האָבען זיך געפונען ארום פּרעה׳ן. מיט גרוים ערשטוינונג האָט פּרעה זיי אָנגעקוקט:

— וואָס איז מיט אייך געשעהן?— זייט איהר פון זינען געריהרט?—האָט פּרעה אויסגעשריען און באלד זיך אליין אָנגעהויבען צו קראצען...

— דאָס איז די מכה פון כנים, וואָס משה האָט נעכטען פאָראויסגעזאָגט!— האָט איינער זיך אָפּגערופען, און ער האָט פון זיך די קליידער גענומען ארונטעררייסען...

עס האָט לאנג נישט געדויערט און די אנדערע האָבען אויך אזוי געטאָן... האלב נאקעטע זיינען די מיניסטאָרען, מכשפים, חרטומים און פּריעסטער געבליבען שטעהן אין דעם טראָהן צימער און זיך געקראצט...

— קענט איהר דאָס מאכען מיט כשוף? — האָט פּרעה זיך געווענדעט צו די מכשפים און זיך דערווייל נישט אויפגעהערט צו קראצען.

די מכשפים האָבען פּרובירט ארויסברייגען די כנים מיט כשוף און זיי האָבען נישט געקענט.

— דיזע מכה פון כנים איז געווים נישט געמאַכט געוואָרען דורך כשוף — האָט דער הויפּט פון די חרטומים זיך אָפּגערופען צו פּרעה'ן קראַצענדיג זיך און קאָרטשענדיג זיך פון יסורים — עס איז א גאָט זאַך.

— דאָס וואָס איהר קענט עס נישט ארויסברייגנען דורך כשוף, מיינט נאָך נישט אז עס איז נישט קיין כשוף — האָט ער געזאָגט — דאָס מיינט בלויז, אז איהר זייט גאַנץ שוואכע כשופמאַכער און אז איהר האָט נאָך זעהר פיעל צו לערנען ווי אזוי צו מאכען ריכטיגע כשוף.

— אָה ניין, אונזער האר קעניג! — האָט דער הויפּט ווידער געזאָגט — עס איז בעוואוסט, אז אויף א זאַך, וואָס עס איז קלענער פון א גערשט. קען קיין כשוף אויף דעם נישט גילטען און דערפאַר זאָגען מיר, אז דאָס איז א געטליכע זאַך! יע, דאָס איז געשעהן א [illegible]ער גאָט פון משה האָט עס געטהאָן!

[illegible]אָס ציִיגט מיר ווי אומוויסענד איהר זייט! — האָט שוין דער הויפּט מיניסטער זיך נישט געקענט בעהערשען — עס איז אזוי נאַטירליך, אזוי ווי די זשאַבעס, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון דעם אומריינעם טייך... אזוי קומען יעצט די כנים פון די אומריינקייט, וואָס די טויטע זשאַבעס האָבען פעראורזאכט איבער'ן גאַנצען לאַנד!

— מיר דענקען אויך אזוי, האָבען די איבעריגע מיניסטאָרען געזאָגט און זיך נישט אויפגעהערט צו קראַצען.

פּרעה האָט בעפוילען צוויי פון זיינע לייבוועכטער איהם צו קראַצען.

— זאָל מען שיקען רופען משה? האָט אימיצער פּרעה'ן א פרעג געטאָן.

— ניין! איך וועל זיך נישט אונטערגעבען צוליעב אזא קליינינגקייט! דאָס קען מען אליין פערגרינגערען דורך קראַצען... וועלען מיר איבערקומען די קורצע צייט און נאכהער וועט עס פערשווינדען ווי די איבעריגע זאַך. עס איז אָבער כדאי צו וויסען, אויב די קינדער פון ישראל האָבען זיך אויך וואָס צו קראַצען?...

פּרעה האָט געשיקט איינינגע פון זיינע קנעכט זיי זאָלען איהם ברייגנען א בעריכט וואָס עס טוט זיך אין לאַנד.

די קנעכט זיינען קראַצענדיג זיך געלאָזען איבער'ן לאַנד און נאכהער אויך אוועק אין גשן און אויף דעם צווייטען טאָג האָבען זיי פּרעה'ן געבראַכט א תשובה.

— מיר זיינען דורכגעגאַנגען אלע גאַסען פון אונזער הויפּט־שטאָדט און וועמען מיר האָבען נאָר באַגעגענט, סיי מענער, סיי פרויען, סיי קליינע קינדער און סיי עלטערע מענשען און אפילו די בהמות האָבען זיך נישט אויפגעהערט צו קראַצען... מיר זיינען באַלד נייגעריג געווען צו וויסען, וואָס טהוען די אידען אין גשן... און מיר זיינען אהין אוועקגעגאַנגען. און צו אונזער גרויס בעוואונדערונג האָבען מיר בעמערקט ווי דוהיג און געלאַסען די אידען שפּאַצירען איבער די גאַסען פון גשן...

— און ווי האָט איהר זיך געפיהלט אין גשן? — האָט פּרעה זיי געפרעגט — האָט דאָס בייסעניש אויפגעהערט ווי איהר זייט אַנגעקומען דאָרטען.

— אָה ניין, מעכטיגער פּרעה! — מיר זיינען געגאַנגען איבער די גאַסען און זיך געקראַצט און יעדער איינציגער איד, וועלכער האָט אונז דערזעהן, האָט פון אונז געלאַכט און געשפּאָט... מיר האָבען פון גרויס ש[illegible]דע דאָרט לאַנג נישט געקענט פערברייגנען, און מיר האָבען זיך גלייך אומגעקעהרט נאָך טהעבען.

— אָה, ווי גרויס זיינען די לײדען פון פאָלק, קיינער קען גאָר קיין ארבייט נישט טהאָן... די קיה געהען ארום נישט געמעלקט... מען קען צו זיי נישט צוקומען, זיי בריקען זעהר שטאַרק... פיעלע, וועלכע האָבען געמאַכט א פערזוך צו מעלקען די קיה, זיינען שטאַרק פערוואונדעט געוואָרען...

— זאָל מען פיעלייכט שיקען רופען

משה'ן — האָט נאָך אימיצער פאָרגעשלאָגען.

— ניין! איך וויל זיי ניט ארויסצייגען, אז זיי קענען מיר איבערשרעקען!

— האָט פרעה געזאָגט! — איך וועל די אידען ניט בעפרייען פון שקלאפעריי, זיי וועלען באצאָהלען צוויי מאָל אזוי פיעל פאר דעם וואָס זיי זיינען מבטל זייער צייט. איך וועל זיך מיט זיי אלעמען אפּרעכענען! איך וועל זיי צייגען מיין מאכט!

ווידער האָבען משה און אהרן געטראָפען פרעה'ן ביים ברעג טייך נילוס און פון איהם פארלאנגט ער זאָל בעפרייען די קינדער פון ישראל פון מצרים אויף עטליכע טעג.

פרעה האָט אָבער זיי נישט געענטפערט און מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אויף דעם לאנד מצרים א צומישענים פון פארשידענע טויטליכע פליגען און ווילדע חיות, וואָס האָבען אָנגעטאָן גרויסע הזיקות איבער דעם גאנצען לאנד. פיעלע מענשען און בהמות זיינען געביסען געוואָרען פון די פליגען, וועלכע האָבען פארשפּרייט קראנקהייטען.

פרעה האָט זיך שטארק געשראָקען פאר דיזער מגפה און ער האָט גלייך געשיקט רופען משה'ן און אהרן.

— גוט, איך וועל לאָזען די אידען פייערען א יום טוב צו אייער גאָט, אָבער דאָ אין לאנד. צו וואָס דארפט איהר אוועקגעהן פון דאנען.

— דאָ אין מצרים וועט פאר אונז אוממעגליך זיין צו פייערען דעם יום טוב, ווייל מיר וועלען שלאכטען אונזערע קיה און אנדערע בהמות, וואָס זיינען זעהר פארהייליגט ביי די מצריים, און אויב מיר וועלען עס טאָן פאר זייערע אויגען, וועלען זיי דען אונז ניט פארשטיינען? דיר איז דאָך באוואוסט, אז פיעלע פון מצריים דינען צו דיזע בהמות אוי זיי זיינען פאררעכענט ביי זיי אלס געטער, און קענען מיר זיי דען שלאכטען דאָ אין לאנד? ניין, מיר וועלען געהן א דריי טעג מהלך פון דאנען אין דעם מדבר און דאָרטען וועלען מיר טאָן אלעס וואָס גאָט האָט אונז געהייסען!

— גוט, — האָט פרעה געזאָגט — איך וועל אייך לאָזען געהן, אָבער געדענקט, אז איהר זאָלט נישט אוועקגעהן צו וויט... בעט גאָט פאר מיר!

— איך וועל טאָן ווי דובעסט מיר!

— האָט משה געזאָגט — אָבער געדענק דו זאָלסט מעהר נישט אָפּשפּאָטען פון מיר און מיין פאָלק, דו זאָלסט האלטען דיין וואָרט.

פרעה האָט אָבער אויך דיעזען מאָל זיין וואָרט ניט געהאלטען, ווען די געפאהר איז פאָראיבער, האָט פרעה געזוכט אויסצומיידען משה'ן. זיין הארץ איז פארהארטעוועט געוואָרען און ער האָט ניט געוואָלט ארויסשיקען די אידען.

זיינע מיניסטאָרען און מכשפים האָבען נאָך אלץ געזוכט איהם איינצורייִדען אז די מכה איז א נאָכפאָלגונג פון די פריהערדיגע, ווייל פריהער איז דער טייך פאראומרייניגט געוואָרען, נאָכדעם איז די גאנצע לופט פארפּעסטעט געוואָרען.

און ווען משה איז געקומען און פרעה'ן געוואָרענט וועגען א מגפה אויף אלע בהמות פון מצרים אויב ער וועט באלד נישט בעפרייען די אידען, האָט פרעה'ן נישט געארט. אבי ער פערזענליך וועט דערפון ניט ליידען — האָט ער זיך געטראכט פון די זשאבעס, כנים און פון דער פערטער מכה האָט ער אויך זעהר פיעל געליטען. אָבער, וואָס ארט איהם, אז זיין פאָלק וועט פארלירען די בהמות. ער וועט שפּעטער ארויפלייגען א גרויסע צינזען שטראָף אויף די אידען און זיי וועלען שוין פאר אלעם באצאָהלען.

אזוי איז פלוצלונג אָנגעקומען א מגפה אויף אלע בהמות פון די מצריים, זיי זיינען אויסגעשטאָרבען און קיין איינציגע בהמה פון ישראל איז ניט געפאַלען. אָבער דאָס האָט אויך פרעה'ס הארץ נישט געריהרט.

דאן איז געקומען די זעקסטע מכה, שחין. אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען

די מצריים זיינען אויפגעשטאנען פון זייער שלאף האבען זיי דערפילט שמערצען איבער זייערע קערפערס, זיי האבען גלייך באמערקט, אז זייערע פנימ'ער, הענט און אנדערע טיילען פון קערפער זיינען פול מיט פריסטשעס און קרעציגע וואונדען. די חרטומים האבען זיך געשעהמט צו ווייזען אויפ'ן גאס און זיי האבען ניט געקענט קומען צו פרעה'ן.

פרעה'ס פנים איז אויך באדעקט געווארען מיט די פריסטשעס און די רופאים האבעו איהם געשמירט מיט פארטיעדענע זאלבונגען אבער עס האט נישט געהאלפען. דאך האט פרעה נאך אלץ נישט נאכגעגעבען. זיין עקשנות איז גרוים געוועזן.

די מיניסטארען האבען איהם איינגערעדט, אז פיעלע זאכען וואס משה און אהרן טוען זיינען גאנץ נאטירליכע, און די איבעריגע קומט פון כישוף, וואס זיי ווייסען א סך מעהר פון די כשוף מאכער פון מצרים.

די אידען פון גשן האבען מיט גרויס פרייד צוגעזעהן ווי זייערע שונאים באקומען זייער פארדיענטע שטראף. זיי האבען שוין אינגאנצען אויפגעהערט צו קומען צו דער ארבייט, און ווען עטליכע פון די הויפטען האבען געמאכט א פארזוך צו צווינגען די אידען צו קומען צו דער ארבייט, האבען די אידען זיי געענטפערט:

— ביי אייך אין לאנד קומען יעצט פאר פארשיעדענע מגפות און צרות. מיר וועלען ווארטען ווען אלעס וועט זיך איינשטילען, דאן וועלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער ארבייט.

די מצריים האבען קיין מוטה ניט געהאט זיי שטארק צו צווינגען. זיי האבען זיך אליין געשראקען אט פאר די אלע זאכען, וואס זיינען אויף זיי אנגעקומען אלס א שטראף פאר דער שלעכטער בעהאנדלונג וואס זיי בעהאנדלען די אידען, טא ווי אזוי וועלען זיי קענען יעצט ווידער זיך איינרייסען מיט די אידען.

די בעאמטע האבען זיך שנעל אפגעטראגען פון גשן, און די אידען צורוה געלאזען.

א שטיקעל צייט איז אוועק נאך דער מגפה פון די בהמות. און די רייכע מצריים האבען געקויפט בהמות פון די אידען, זיי האבען געצאהלט גרויסע פרייזען און יעדער איד, וועלכער האט פארמאגט צו עטליכע בהמות איז רייך געווארען פון זיי.

משה האט ווידער פרעה'ן געווארענט וועגען א גרויסען שטורם וואס וועט קומען אויף מצרים. — איך וויל זיין גערעכט צו דיינע בירגער, ווייל פיעלע פון זיי טראגען נישט קיין שולד, וואס מיינע ברידער האבען אזוי פיעל געליטען אין מצרים, און דאריבער וויל איך ווארענען, אז יעדער איינער, וועלכער האט בהמות זאל זעהן זיי האלטען אין די הייזער און אין די שטאלען ווייל דער האגעל וועט זיין זעהר א שווערער. יעדער איינער, וואס וועט זיין אין דרויסען און געטראפען ווערען פון דעם האגעל, וועט זיכער געטויטעט ווערען.

באלד איז אין גאנץ מצרים בעקאנט געווארען וועגען דעם גרויסען האגעלשטורם, וואס וועט אנקומען אויף זייער לאנד, און די, וועלכע האבען געגלויבט אין משה'ס רייד, האבען זייערע בהמות נישט ארויסגעשיקט אין פעלד. פיעלע פון די מצריים האבען זיך אבער אויסגעלאכט פון משה'ס רייד און זיי האבען זייערע בהמות געשיקט אין פעלד ווי זיי פלעגען טאן יעדען טאג.

פלוצלונג זיינען די הימלען פון מצרים שווארץ געווארען. עס האט אנגעהויבען דונערען און בליצען. א שרעקליכער גרויסער האגעל האט גענומען פאלען פון הימעל. ער איז געוועזן אזוי שווער, אז דער האגעל האט צובראכען בוימער. א ווינט האט געבלאזען און דעם האגעל נאך שנעלער געטריבען, ער איז געפאלען ווי שארפע פיילען פארניכטענדיג אלעס, וואס איז איהם געקומען אין וועג. די תבואות פון פעלד זיינען געשלאגען געווארען, די בליצען האבען פאראורזאכט

פֿיעלע פֿייערן און עס איז געווען פֿייער און וואסער צומישט צוזאמען.

פֿרעה האָט געוואָלט שיקען רופֿען משה'ן און אהרן, אָבער ער האָט געוואוסט, אז ארויסצוגעהן אין דרויסען ביי דער יעצטיגער צייט מיינט א זיכערער טויט. ער איז דאריבער ארומגעגאנגען אין זיין פֿאלאץ הין־און־צוריק א צושראָקענער.

אה ווען אימיצער וואָלט יעצט געקענט קריגען משה'ן פֿאר מיר! — האָט ער אויסגערופֿען. די אלע, וועלכע זיינען געווען מיט פֿרעה'ן אין פֿאלאץ האָבען געשוויגען. קיינער האָט ניט געוואָלט איינשטעלען זיין לעבען ארויסצוגעהן יעצט אין דרויסען. די דונערען און בליצען האָבען ניט אויפֿגעהערט. דער האָגעל איז געפֿאלען אויפ'ן באָדען ווי גרויסע שטיינער האָט ער געמאכט א גערויש.

פֿרעה'ס לייב־וועכטער, וועלכע האָבען געדארפֿט היטען דעם פֿאלאץ פֿון דרויסען האָבען שוין מעהר נישט געקענט זיך באשיצען פֿון האָגעל און זיי זיינען אריין אינווייניג אין פֿאלאץ.

די טיר פֿון פֿאלאץ האָט זיך אויפֿגעעפֿענט און משה און אהרן זיינען אריינגעקומען פֿון דרויסען אומבאשעדיגט, זייערע קליידער זיינען געווען טרוקען.

א וועכטער איז גלייך אריין אין טהראָן־צימער און געמאָלדען פֿרעה'ן, אז משה און אהרן זיינען נאָר וואָס אריין אין פֿאלאץ.

— שיקט זיי גלייך אריין צו מיר! — האָט פֿרעה אויסגערופֿען מיט גרויס פֿרייד — אָה, ווען זיי וואָלטען וויסען ווי נויטיג איך דאַרף זיי, וואָלטען זיי געוויס יעצט נישט געקומען, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע מיניסטאָרען, וועלכע זיינען מיט איהם פֿארבליבען אין פֿאלאץ.

משה און אהרן זיינען אריינגעקומען און זיך דערנעהענטערט צו פֿרעה'ן.

—מיר האָבען געוואוסט, אז דו וועסט אונז וועלען זעהן, זיינען מיר דאריבער צו דיר געקומען. יע, מיר קומען יעצט פֿון גשן, און מיר קענען דיר פֿארזיכערען, אז אין גשן שיינט די זון אזוי העל און דאָרטען ווייסט מען אפֿילו ניט, אז עס שטורעמט און עס האָגעלט אין די אנדערע שטעדט פֿון מצרים.

— יעצט זעה איך, אז איך האָב געזינדיגט צו דיין גאָט — יע, ער איז גערעכט און איך און מיין פֿאָלק זיינען די רשעים. איך האָב מיין וואָרט נישט געהאלטען אָבער איך פֿארשפּרעך דיר יעצט, אז ווען דער האָגעל און דער שטורעם וועט אויפֿהערען וועל איך ארויסשיקען אלע אידען פֿון מצרים, ווי דו פֿארלאנגסט, און זיי וועלען געהן פֿייערען צו זייער גאָט און דעם מדבר.

— איך ווייס, אז דו האָסט נאָך אלץ נישט מורא פֿאר אונזער גאָט! — האָט משה געזאָגט — אָבער דאָך וועל איך עס פֿאר דיר טאָן, איך וועל מתפּלל זיין צ וגאָט און די דונערען און בליצען וועלען אויפֿהערען און דער האָגעל וועט אויך מעהר נישט ארונטערפֿאלען.

— איך ווייס, אז איך האָב זיך בענארישט, אָבער יעצט גיב איך דיר מיין וואָרט, אז איך וועל ארויסשיקען די אידען אויף עטליכע טעג פֿון מצרים, נאָר געוויינטליך, דו וועסט מיר מוזען פֿארזיכערען, אז זיי וועלען אינגאנצען פֿון דאנען נישט אנטלויפֿען.

משה און אהרן זיינען ארויס פֿון פֿאלאץ און באלד האָט זיך דער הימעל גענומען אויסלייטערען. דער שטורעם איז פֿאראיבער, דער האָגעל איז שוין מעהר נישט ארונטערגעפֿאלען, די זון האָט אָנגעהויבען ווידער וואַרימען און לייכטען. און ווען משה איז אריינגעקומען אין פֿאלאץ און פֿארלאנגט, אז פֿרעה זאָל איהם ארויסגעבען א פֿארמעט, אז די אידען מעגען ארויס געהן פֿון מצרים, האָט פֿרעה זיך ענטזאגט עס צו טאָן.

— מיין לאנד האָט שטארק געליטען די לעצטע צייט — האָט ער געענטפֿערט משה'ן, און אויב איך וועל אלע מיינע שקלאפֿען ארויסשיקען, ווער וועט טאָן זייער ארבייט? איך וועל זיך דאָך נישט באנוצען מיט מיינע אוצרות צו פֿארענ־

דיגען בויען די צוויי גרויסע שטעדט, פתם און רעמסס. ניין, איך וועל דאָס נישט טאָן.

— האָסטו ווידער מיר אָפּגענאַרט! — האָט משה זיך אָפּגערופען צו פרעה'ן — דו האָסט מיר פאַרשפּראָכען ארויסצושיקען די אידען, און יעצט, אז גאָט האָט זיך צוגעהערט צו מיין תפילה און דער האָגעל און שטורעם האָט אויפגעהערט, ווילסטו ווידער נישט ערפילען דיין הבטחה.

פרעה האָט זיך געפיהלט עטוואָס שולדיג פאַר משה'ן און אהרן, ער האָט דאַריבער זיי גאָרנישט געענטפערט, ער האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און געשוויגען. און דאָס איז געווען אַ צייכען פאַר משה און אהרן, אז זיי דאַרפען דעם פּאַלאַץ פאַרלאָזען.

מיט אייניגע טעג שפּעטער זיינען משה און אהרן ווידער אריינגעקומען אין פּאַלאַץ.

פרעה איז דאַן געזעסען ארומגערינגעלט מיט אלע זיינע חכמים, חרטומים.

— מיר קומען ווידער אמאָל אין נאָמען פון אונזער גאָט צו וואָרענען דיך וועגען אַ גרויסען היישעריק, וואָס גאָט וועט אָנשיקען אויף דיין לאַנד. אויב דו וועסט נישט באַצייטענס ארויסשיקען די אידען, יע, מאָרגען וועט עס געשעהן. אַ גרויסער היישעריק וועט פּלוצלונג בעפאַלען דיין לאַנד און וועט פאַרניכטען אַלעס, וואָס עס איז איבערגעבליבען פון דעם האָגעל. עס וועט אויפפרעסען אלע פרוכטען, די תבואה און גרינסען פון די פעלדער און די גערטנער. אזא היישעריק איז נאָך נישט געווען זינט מצרים עקזיסטירט און דאַן ערשט וועסטו זעהן, אז מען קען נישט שפּאָטען פון אונזער גאָט.

משה האָט אפילו נישט געוואַרט אויף פרעה'ס ענטפער, און ער האָט מיט אהרן גלייך גענומען פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ.

די מיניסטאָרען און די חרטומים וואָס זיינען דערביי געזעסען האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען פון משה'ס לעצטע וואָרנונג, און ווען זיי האָבען בעמערקט אז משה געהט ווידער אוועק מיט ליידיגען האָבען זיי זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און באַלד האָט זיך איינער פון די מיניסטאָרען אויפגעשטעלט און פערנייגענדיג זיך פאַר פרעה'ן האָט ער זיך אָפּגערופען:

— אָה, מעכטיגער הערשער! אונזער לאַנד האָט שוין זעהר שטאַרק געליטען פון אַט די אלע פּלאָגען און מגפות... דאָס פאָלק האָט נאָך קיין צייט נישט צו קומען צו זיך פון איין מכה, און אַ צווייטע פאַלגט שוין נאָך! ביז ווי לאַנג וועלען מיר אזוי ליידען פון אַט דעם משה'ן! זינט ער איז געקומען צו דיר דעם ערשטען מאָל, ווייס אונזער פאָלק פון קיין רוה נישט....

— עס איז זעהר שווער פאַר דעם גאַנצען פאָלק צו ליידען אזוי שטאַרק — האָט זיך אַ צווייטער מיניסטער פערנייגט פאַר פרעה'ן — ווען עפּעס וואָלט געקענט געטאָן ווערען צו פערמיידען אַט די אלע צרות, וואָלטען מיר זיך געוויס נישט געדאַרפט צוהערען צו משה'ן און צו אהרן, אָבער אונזערע חרטומים און מכשפים זיינען אליין הילפלאָז. אייניגע זאַכען האָבען זיי געקענט נאָכטאָן מיט כשוף און די אַנדערע האָבען זיי נישט געוואוסט אפילו ווי אָנצופאַנגען...

—ווייל עס איז אוממעגליך געווען דאָס צו מאַכען מיט כשוף — האָט דער עלטסטער פון די חרטומים איהם אונטערבראָכען.

— דען זייט איהר מודה, אז זיי זיינען נישט קיין כשוף מאַכער? — האָט דער מיניסטער זיך געווענדעט צו די מכשפים.

— אָה, ניין, מיר זיינען זיך גאָר נישט מודה! — האָט דער עלטסטער פון די חרטומים איהם געענטפערט — זיי זיינען כשוף מאַכער און פיעלע זאַכען האָבען זיי געמאַכט דורך כשוף וואָס איז בעוואוסט צו אונז אליין, אָבער אייניגע

זאכען קענען מיר נישט בעגרייפען ווי אזוי זיי האבען דאָס געטאָן!

—דאָן איז עס גאַנץ מעגליך, אז זייער גאָט איז זיי געקומען צו הילף — האָט א דריטער מיניסטער זיך אָפּגערופען.

— אזירים, אונזער גאָט, איז שטארקער פון דעם גאָט פון ישראל!—האָט זיך דער הויפּט פריעסטער אויפגעשטעלט און פערנייגט צו פרעה'ן — אין דאָס וואָס אזירים האָט אונז נישט געהאָלפען און געלאָזען ליידען פון משה'ן און אהרן, איז עס צוליב דעם וואָס מיר האָבען געגען אונזערע געטער געזינדיגט...

— דריי טעג נאָכאנאַנד האָב איך צו אזירים'ן מתפּלל געווען איך זאָל נישט דארפען ליידען פון די מכות וואָס משה האָט אויף אונז געבראַכט און דאָן האָב איך געליטען דערפון אזוי ווי אלע אנדערע — האָט דער הויפּט מיניסטער געזאָגט — און וועסטו דען זאָגען, אז אויך פרעה האָט געזינדיגט געגען אזירים'ן, ווייל אויך אונזער קעניג האָט פיעל געליטען פון די פּלאָגען!

דער הויפּט פריעסטער האָט געשוויגען. ער האָט געוואוסט, אז געגען דעם הויפּט מיניסטער איז ער מאַכטלאָז.

— אָבער וואָס איז אייער עצה, וואָס זאָל איך טאָן? — האָט פרעה ווי געפרעגט.

— אונזער עצה וואָלט געווען — האָט דער הויפּט מיניסטער זיך אָפּגערופען— אז דו זאָלסט ארויסשיקען בלויז די מענער און זאָלען זיי געהן דיענען זייער גאָט. נאָכאלעמען, זעהען מיר דאָך, אז די לעצטע צייט האָבען די אידישע שקלאַפען אין גאַנצען נישט געארבייט און ווי לאַנג קען עס אזוי אָנגעהן, מצרים קען זיך אזוי געהן צום אָפּגרונד!

— וואָס איך האָב מורא! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען — אז ווען איך זאָל זיי ארויסלאָזען צו געהן נאָך דעם מדבר צו פייערען א יום טוב צו זייער גאָט, וועלען זיי נאָכהער איינגאַנצען אנטלויפען פון מצרים...

— דערפאר זאָג איך דאָך, אז בלויז די מענער זאָלען געהן. און דו מעגסט זיכער זיין, אז ווען זייערע פרויען און קליינע קינדער וועלען פערבלייבען אין לאַנד, וועלען זיי שוין נישט אנטלויפען.

— גוט, איך וועל אזוי טאָן! —האָט פרעה געזאָגט, און ווענדענדיג זיך צו זיינע דינער האָט ער אויסגערופען.

— געהט און רופט צוריק משה'ן און אהרן, זאָגט זיי, אז פרעה וויל זיי זעהן!

די דינער זיינען שנעל ארויס פון פּאַלאַץ און האָבען צוריקגעקעהרט משה'ן און אהרן'ען.

— גוט! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען צו זיי, ווען זיי זיינען צוגעקומען עטוואָס נעהנטער צו איהם — געהט און דינט צו אייער גאָט, אָבער זאָגט מיר, ווער וועלען זיין די געהער?

— וואָס הייסט ווער? — האָט משה איהם געענטפערט — אונזערע יונגווארג, אונזערע אלטע, אונזערע זיהן און טעכטער און אונזערע פרויען, אונזערע שאָף און רינדער. יע, אלע וועלען מיר געהען, ווייל עס איז דאָך א גרויסער יום טוב צו אונזער גאָט!

— זאָל שוין אייער גאָט זיין מיט אייך ווי איך וועל אייך לאָזען געהן צוזאמען מיט אייערע פרויען און קליינע קינדער! — האָט פרעה אויסגערופען מיט גרויס צאָרן — אויב איהר ווילט מיט אן אמת געהן פייערען צו אייער גאָט, איז גענוג, אז בלויז די מענער אליין זאָלען געהן. אָבער לויט אייער פערלאַנג זעה איך, אז איהר טראָגט זיך ארום מיט שלעכטע געדאַנקען. דאָס מעגט איהר זיכער זיין וועט אייך נישט געלינגען! יעצט געהט אוועק פון מיר!

ווען די דינער האָבען ארויסגעוויזען משה'ן און אהרן פון פּאַלאַץ, האָט זיך פרעה אָפּגערופען צו זיינע מיניסטאָרען:

— יעצט זעהט איהר, אז איך בין געווען גערעכט. איך האָב באַלד פער־

שטאַנען זייערע כונות אַז זיי האָבען אין זינען אין גאַנצען צו ענטלויפען פון מצרים! דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהן! איך וועל זיך נאָך מיט מיינע אידישע שקלאַפען גוט אָפּרעכענען פאַר דעם. און דאָס וואָס זיי האָבען דערווייל אַן אויסרייד נישט צו ארבייטען, וועט זיי שפּעטער נאָך טייערער קאָסטען... זיי וועלען פאַר מיר נאָך ארבייטען אַזוי שווער, ביז וואַנען זיי וועלען פאַלען אונטער דעם יאָך!

אין איינינע טעג אַרום, ווען די מצרים זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָבען זיי זיך געוואונדערט וואָס דער הימעל איז פּלוצלונג אַזוי פערוואָלקענט געוואָרען, ווען אָבער זיי זיינען אַרויסגעקומען אין גאַס, האָבען זיי באַלד דערזעהן זייער אומגליק: אַ היישעריק איז באַפאַלען זייער לאַנד. אָבער אַזאַ היישעריק געדענקט נאָך קיינער נישט. ער איז געווען אַזוי געדיכט, אַז זיי האָבען פאַרשטעלט די שיין פון דער זון. עס איז נישט געווען אַ פּלאַץ אין גאַנץ מצרים וואו דער היישעריק זאָל נישט זיין. יעדער בוים, יעדער גרעזעלע איז בעדעקט געוואָרען מיט דעם היישעריק. עס איז געווען גאָר אוממעגליך אַרויסצוגעהן אין גאַס, צוליב דער געדיכטקייט פון היישעריק.

דער היישעריק האָט אויפגעפרעסען אַלע גראָזען, אַלע גרינסען און פרוכט פון די ביימער וואָס זיינען פערבליבען גאַנץ פון דעם האָגעל, זייענדיג דאַן נאָך נישט פולצייטיג.

אַ טויט שרעק איז אָנגעפאַלען אויף פרעה'ן. ווען ער האָט געמאַכט אַ פערזוך אריינצוגעהן אין זיין גאָרטען. ער האָט זיך שנעל צוריק געקעהרט אין פּאַלאַץ. און אויך אין פּאַלאַץ איז דער היישעריק אריינגעקומען... פרעה האָט גלייך געשיקט רופען משה'ן און אהרן'ען און ווען זיי זיינען געקומען האָט ער זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איך האָב שטאַרק געזינדיגט צו אייער גאָט און צו אי.. יעצט בעט איך אייך, זייט מיר מוחל בלויז דיזען מאָל, און בעט צו גאָט, אייער גאָט, און ער זאָל אָפּטאָן פון מיר און פון מיין לאַנד דיזען טויטליכען היישעריק.

— ווערסטו דען נאָכגעבען אַלע אונזערע פאָדערונגען — האָט משה איהם געפרעגט.

— געוויס! איך וועל טאָן אַלעס, נאָר זייט שנעלער מתפּלל צו גאָט!

— איך וועל דיין בקשה ערפילען — האָט משה געזאָגט, און איז מיט אהרן אַרויסגעגאַנגען פון פּאַלאַץ.

— דו ווייסט דאָך מיין ברודער, אַז מען קען זיך נישט פערלאָזען אויף פרעה'ס הבטחות! — האָט אהרן זיך אָפּגערופען צ משה'ן — פאַרוואָס דען זאָלסטו זיך צו הערען צו זיינע רויד?

— איך ווייס אַז אויך דיזען מאָל וועט פרעה אונז אָפּנאַרען — האָט איהם משה געענטפערט — אָבער דאָס האָט גאָט שווער געמאַכט זיין האַרץ, כדי ער זאָל בעקומען זיין פולע שטראָף, און כדי ער זאָל קענען זעהן אַלע וואונדער פון גאָט... יע, ביז וואַנען ער וועט ניט קריגען זיין שטראָף מיט'ן פולען האַנט, וועט ער אונז נישט אַרויסלאָזען.

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס דאַרפסטו יעצט מתפּלל זיין צו גאָט ער זאָל פון איהם אָפּטאָן דעם היישעריק? זאָל דער היישעריק זיין די פולע צייט, וועט דאָך אַ סך ערגער זיין פאַר איהם.

— דאָס טו איך כדי איהם איבערצוציגען, אַז אַלעס ווערט געטאָן דורך דער מעכטיגער האַנט פון גאָט... ווען גאָט וויל, שטראָפט ער, און ווען ער וויל היילט ער, און זאָל ער זיך נישט איינריידען, אַז עס ווערט געטאָן מיט כשוף, ווייל פון אַלע זיינע גרויסע מכשפים, האָט נאָך קיינער נישט געקענט בעוויזען צו פערגרינגערען מיט כשוף די מכות וואָס מיר ברייגען אויף איהם.

גלייך נאָכדעם ווי משה האָט מתפּלל געווען, איז געקומען אַ מערב ווינט און פערטראָגען די גאַנצע מחנות היישעריקען צום ים צו. עס איז נישט פערבליבען קיין אייגציגער פון דעם היישעריק אין

לאַנד. אָבער ערשט דאַן האָבען די מצרים געקענט זעהן וואָס פאַר א חורבן דער הישעריק האָט אָנגעמאַכט אין זייער לאַנד. די בוימער, פעלדער, און גערטנער זיינען געבליבען נאַקעט, קיין איינציגער גראָז, קיין איינציגע בלאַט פון א בוים איז נישט פערבליבען. די גאַנצע פרוכט און גרינסען איז אויפגעגעסען געוואָרען, בלויז אין גשן איז קיין זאַך נישט געריהרט געוואָרען. דאָך האָט פרעה זיך ווידער איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט האַלטען וואָרט ארויסצולאָזען די אידען פון מצרים.

און דאַן איז געקומען די ניינטע מכה פון פינסטערניס... א שרעקליכע פינסטערניס איז פלוצלונג אָנגעקומען אויף מצרים, אזוי פינסטער איז געוואָרען אז די פינסטערניס איז געווען ממש אָנצוטאַפּען מיט'ן האַנט. א געדיכטע פינסטערניס בעגלייט פון אזא דיקען שוואַרצען שטויב און א שרעדליך שוואַרצע כמאַרע האָט אריינגעדרונגען אומעטום, אז די מצריים האָבען זיך נישט געקענט זעהן איינער דעם צווייטען. עס איז גאָר אוממעגליך געווען פאַר דעם וועלכער איז געזעסען, זיך אויפצושטעלען, און דער, וועלכער איז געשטאַנען, האָט זיך נישט געקענט אוועקזעצען.

— זאָל מען שיקען רופען משה'ן און אהרן—האָט זיך געהערט פרעה'ס שטימע איבער'ן פּאַלאַץ.

— עס איז אוממעגליך ארויסצוגעהן!

—האָט א שטימע געענטפערט.

— קיין תירוץ וועט נישט אָנגענומען ווערען. משה און אהרן מוזען גערופען ווערען — האָט פרעה בעפוילען.

טאַפּענדיג אין דער פינסטער האָבען איינינע פון פרעה'ס וועכטער קוים בעוויזען צוצוקומען צום טיהר און זי אויפגעעפענט. די פינסטערניס אין דרויסען איז געווען נאָך שרעקליכער ווי אינעווייניג. זיי האָבען אָבער גאַנץ ווייט נישט געקענט געהן. זיי האָבען גענומען שרייען מיט אַלע זייערע כחות און רופען משה'ן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און משה און אהרן זיינען געקומען צום פּאַלאַץ.

דער קעניג, דער מעכטיגער פרעה, האָט נאָך אייך געשיקט — האָבען די דינער אויסגערופען.

באַלד איז שוין משה און אהרן געשטאַנען נעבען פרעה'ן.

— פרעה, דו זעהסט אונז נישט! — האָט משה זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל — דו האָסט דאָך געשיקט נאָך אונז, זיינען מיר געקומען.

— אָה, איהר זייט דאָ! — האָט פרעה אויסגערופען זיצענדיג אויף זיין טראָן. — געהט איהר אַלע, אייערע עלטערע, אינגערע, פרויען און קינדער און פייערט אייער יום-טוב צו גאָט, נאָר אייערע שאָף און רינדער זאָלען דאָ בלייבען!

— וואָס? — האָט משה אויסגערופען, — מיר זאָלען איבערלאָזען אונזערע שאָף און רינדער אין מצרים? א פיינער יום-טוב וואָלט עס פאַר אונז געווען! ניין, נישט נאָר וועלען מיר מוזען מיטנעהמען אונזערע בהמות, וואָס מיר פאַרמאָגען, אָבער דו אליין וועסט נאָך דאַרפען מיטגעבען בהמות פאַר קרבנות צו אונזער גאָט. ניין, פרעה, מיר קענען נישט איבערלאָזען קיין איינציגע בהמה, ווייל דערפון וועלען מיר מקריב זיין צו אונזער גאָט, און ווייסען מיר דען וויפיל מיר וועלען געברויכען?

— דו זאָלסט מעהר נישט וואַגען מיך צו זעהן!! — האָט פרעה א געשריי געטאָן פון דער פינסטערניש. — איך וויל דיך מעהר נישט אָנקוקען! און איך זאָג דיר אָן אז ווען דו וועסט קומען צו מיר נאָך אַמאָל, וועסטו שוין קיין לעבעדיגער צוריק נישט ארויסקומען! דו הערסט!

— איך הער! — האָט משה זיך אָפּגערופען. — דו ביזט גערעכט! איך וועל שוין מעהר נישט קומען דיך זעהן! אָבער דו און דיינע קנעכט וועלען קומען צו מיר! יע, בלויז נאָך איין מכה וועט אונזער גאָט אָנשיקען אויף

מצרים: אין אייניגע טעג ארום וועט אין מיטען נאכט ארונטערקומען דער מלאך המות און טויטען אלע בכורים, פון דעם בכור פון פרעה'ן ביז דעם בכור פון דער נידריגסטער מצרישער דינסט און דאן וועט ווערען א געשריי און יאָמער אין גאנץ מצרים... אלע דיינע בירגער וועלען זיך דאן ארומזעהן וואָס פאר אן אומגליק דו האָסט אויף זיי געבראכט און זיי וועלען מאכען אן אויפשטאנד און דיר צווינגען זיך צוצוהערען צו די רייד פון אונזער גאָט! דאן וועסטו זיך בעטען ביי אונז מיר זאָלען אלע ארויסגעהן פון מצרים, און ערשט דאן וועלען מיר ארויסגעהן!

משה איז ארויס פון פרעה'ן אן אויפגערעגטער און פול מיט צאָרן, ער האָט באגעגענט זיין ברודער אהרן לעבען פאלאץ.

— איצט דארפען מיר זעהן צוגרייטען דעם פאָלק צו דער גרויסער געשעהניש, — האָט משה געזאָגט צו אהרן. זיי זיינען ביידע גלייך אוועק נאָך גשן וואו די עלטסטע און די פאָרשטעהער פון אלע שבטים האָבען זיך פארזאמעלט.

— אין דיזען מאָנאט וועט איהר אלע באפרייט ווערען פון גלות מצרים! — האָט משה זיך צו זיי אָפּגערופען, — און דעריבער וועט דיזער מאָנאט פארעכענט ווערען אלס דער ערשטער פון יאָהר. אויף דעם צעהנטען טאָג פון דיזען חדש זאָל יעדער הויפט פון משפחה נעהמען א שעפּס. און אויב די משפחה איז צו קליין פאר א גאנצע שעפּס, זאָל זי צוזאמען מיט איהר נאָהענטען שכן נעמען איין שעפּס, כדי מען זאָל איהר קענען אויפעסען אין גאנצען, עס זאָל גאָרנישט איבערבלייבען. דיזע שעפּס דארף געהאלטען ווערען ביז דעם פערצעהנטען טאָג פון דיזען מאָנאט. דאן זאָלט איהר אלע קוילענען די שעפּסען און מיט דעם בלוט פון די שעפּסען זאָלט איהר ארויפשפּריצען אויף ביידע זייטען (מזוזות) פון טיר און אויך אויף דעם אויבערשטען טייל פון טיר. דאָס וועט זיין אלס א צייכען פאר דעם מלאך המות, ווען ער וועט דורכגעהן איבער מצרים און טויטען אלע ערשט געבאָרענע, וועט ער, דערזעהענדיג דאָס בלוט אויף אייערע טירען, אייער הויז איבערהיפּען. ביינאכט זאָלט איהר זיך אזוי נוהג זיין, איהר זאָלט עסען די פלייש אין גאנצען געבראָטען, צוזאמען מיט מצות און ביטערע גרינסען. זייט אלע געגרייט איהר זאָלט זיין אָנגעטאָן און אָנגעגורט מיט אייערע גארטלען אייערע שטעקענס זאָלען זיך געפינען אין אייערע הענט, און עסען זאָלט איהר איילענדיג, ווייל ווען די צייט וועט קומען ארויסצוגעהן פון מצרים, טאָרען מיר דאָ קיין איבעריגע רגע נישט פארבלייבען.

— און דיזער טאָג! — האָט משה ווייטער געזאָגט, — וועט פארבלייבען אלס אנדענקונג פאר אלע צוקונפטיגע דורות ביז אייביג. און איהר וועט פייערען דעם יום־טוב פון אייער באפרייאונג. זיבען טעג זאָלט איהר עסען מצה קיין חמץ וועט זיך נישט טאָרען געפינען אין אלע אייערע וואוינונגען. דאָס וועט זיין אלס אנדענקונג, אז איהר זייט באפרייט געוואָרען פון מצרים אין גרויס איילעניש און איהר האָט נישט באוויזען צו באקען אייער ברויט ווי דער שטייגער, ווייל די טייג האָט צוליב דער איילעניש נישט געקענט איינגעזייערט ווערען. דיזער יום־טוב זאָל אָנגערופען ווערען פסח (איבערהיפּונג). און איהר דארפט וויסען זיין, אז דער וועלכער וועט עסען חמץ אום פסח, וועט נישט אויסלעבען זיינע יאָהרען. און אזוי זאָל געפייערט ווערען דער יום־טוב פון יאָהר צו יאָהר, און ווען אייערע קינדער וועלען אייך, אין די קומענדע דורות, פרעגען, פארוואָס איהר פייערט אזא יום־טוב, זאָלט איהר זיי דערציילען, אז איהר זייט געווען שקלאפען אין מצרים און גאָט האָט אייך פון דאָרטען באפרייט.

א גליקליכע פרייד האָט געהערשט צווישען אלע אידען. ווען זיי האָבען גע־

הערט, אז די גאולה איז אזוי נאָהענט.

— מיר האָבען געארבייט שווער און ביטער פאר די מצריים. יעדער פון זיי איז דורך אונז רייך געוואָרען — האָט איינער פון די פארשטעהער זיך אָפּגערופען צו משה'ן און צו אהרנ'ען. — פילע פון זיי האָבען פון אונז אוועקגעריבט אונזער צירונג און געלט, וואָלט איצט דען נישט געווען א גלייכע זאך, דאָס אין דער צייט ווען עס איז פאר אלע מצריים פינסטער, אז מיר זאָלען אריינגעהן אין זייערע הייזער און ארויסנעהמען די ווערטפולע חפצים, וואָס האָבען פריהער אלץ איינם באלאנגט צו אונז!

— איך וויים, אז איהר אלע זייט בארעכטיגט צוריקצוקריגען אייער פארמעגען און אויך פאר די ארבייט, וואָס איהר האָט געטאָן, — האָט משה געזאָגט, — דאָס איז נישט דער וועג. אוועקצונעהמען זאכען אין דער צייט ווען דער צווייטער קען נישט זעהן, איז פאררעכענט אלס גנבה, אפילו ווען די חפצים זאָלען האָבען געהערט פריהער צו אייך. איהר וועט נאכהער בעטען ביי די מצריים. זיי וועלען זיין אזוי צופרידען איהר זאָלט וואָס שנעלער פארלאָזען מצרים, אז זיי וועלען אייך אויסבאָרגען יעדע שטיקעל צירונג, וואָס איהר וועט פון זיי פארלאנגען.

— אָבער, אויב מיר וועלען ביי זיי צוריק בעטען אונזערע ווערטפולע זאכען, וואָס זיי האָבען ביי אונז צוגענומען, וועלען זיי אָפּלייקענען און וועלען זאָגען, אז זיי האָבען עס נישט.

— דעריבער איז מיין עצה, — האָט אהרן זיך צו זיי אָפּגערופען, — אז איצט, ווען עס איז פינסטער פאר די מצריים, זאָל יעדער פון אייך אריינגעהן אין דער הויז פון דעם מצרי. וועלכער האָט איהם אמאָל בארויבט פון זיינע צירונג און אויסגעפינען דעם פלאץ וואו די צירונג ליגט און וויפיל גאָלד ער באזיצט, און ווען די צייט וועט קומען און איהר וועט איהם בעטען ער זאָל אייך אויסלייהען די צירונג אָדער א געוויסע סומע געלט, און דער מצרי וועט נעהמען אָפּלייקענען און זאָגען, אז ער האָט עס נישט, אָדער אז ער איז אָרים, דאן וועט איהר יענעם זאָגען, אז איהר ווייסט, אז די און די צירונג געפינט זיך ביי איהם אין הויז אין דעם און דעם פלאץ, און אז ער פארמאָגט אזוי פיל און אזוי פיל גאָלד, דאן וועלען זיי שוין מעהר פון אייך נישט קאָנען אָפּלייקענען און וועלען אייך געבען וואָס נאָר איהר פארלאנגט.

די אידען האָבען אזוי געטאָן. יעדער איז דורכגעגאנגען די הויז פון א מצרי, וועלכער איז פריהער געווען זיין אונטערדריקער, און דורכגעזוכט יעדער ווינקעל און פארצייכענט ביי זיך וואו יעדער חפץ געפינט און וויפיל געלט ער פארמאָגט. די פינסטערניש איז געווען אזוי געדיכט. אז קיינער פון די מצריים האָבען גאָרנישט געפיהלט, אז זיי האָבען "באזוכער" אין זייערע הייזער.

פופצעהנטער קאפיטעל
יציאת מצרים

קרח, וועלכער האָט נאָך אלץ געהאָפט זיך נוקם צו זיין אָן אהרן, איז גלייך נאָכדעם, ווי משה איז אָנגעקומען אין מצרים, ביי זיך שטארק געפאלען. ער האָט געזעהן, וואָס ביידע, אי אהרן און אי משה, האָבען אויפגעטאָן פאר'ן פאָלק. ער האָט געזעהן, וואָס פאר א כבוד אהרן קריגט צוליב דעם זכות פון זיין ברודער, און זיין קנאה האָט זיך נאָך מעהר אין איהם צעפלאקערט: ער האָט איצט נאָך מעהר ווי פריהער געפיהלט, אז ער דארף באזיצען אונגעהויער גרויסע אוצרות. כדי אויך אריינצוקריגען מאכט. ער מוז זיין דער רייכסטער מאן צווישען די אידען. ווען דאָס פאָלק וועט זיך נויטיגען אין געלט זאָל מען קומען צו איהם, און דאן וועט ער אויך קענען זאָגען א דעה. מען וועט איהם אָפּגעבען כבוד און זיך רעכענען מיט איהם.

ער פלעגט יעדען אָוונד איבערצעהלען זיינע אוצרות און איהם פלעגט זעהר

פארדריסען, וואס ער קען זיי נישט פארגרעסערען... זינט בלעם איז, צוליב דעם חשד, אז ער האט גע'גנב'עט פון פרעה'ס שאך־קאמער, פארטריבען געווארען, האט קרח מורא געהאט אהין צו געהן. ער האט געווארט בלויז אויף א געלעגענהייט ער זאל נישט דארפען מורא האבען, ווידער אפצושטאטען באזוכען די שאך־קאמער פון פרעה.

די געלעגענהייט איז צו איהם ווידער געקומען מיט דער מכה פון פינסטערניש.

ווען עס איז געווארען חשך אין גאנץ מצרים, האט קרח באשלאסען, אז איצט איז געקומען די צייט ארויסצונעהמען פון פרעה'ס אוצרות אזוי פיל גאלד ווי פיל עס וועט פאר איהם מעגליך זיין. ער האט געוואוסט, אז אליין וועט ער נישט קענען באווייזען דאס צו טאן. יע, עס איז געקומען די צייט. ווען זיינע דריי זיהן זאלען וויסען פון דעם גאנצען סוד.

ווען דער ערשטער טאג פון פינסטערניש איז געקומען איבער מצרים, האט קרח צוזאמענגערופען זיינע דריי זיהן, אסיר, אלקנה און אביאסף, און ער האט זיך צו זיי אפגערופען:

— פילע מאל האט איהר מיר געפרעגט פון וואנען איך האב גענומען אזוי פיל רייכטום, און איך האב אייך געענטפערט, אז די צייט איז נאך נים געקומען איך זאל אייך קענען דערצעהלען אלע איינצעלהייטען. איצט איז די צייט געקומען. אבער איידער איך געה אייך דערצעהלען דעם גאנצען סוד, וויל איך איהר זאלט מיר צושווערען, אז איהר וועט זיך פאר קיינעם נים ארויסריידען וועגען דעם ביז וואנען איך וועל וויסען, אז עס דראהט אונז מעהר קיין סכנה נישט.

קרח'ס דריי זיהן האבען צוגעשווארען און קרח האט פארטגעזעצט:

— אייך איז דאך באוואוסט, אז אייער זיידע, יצהר, האט געבויט די קינסטלערישע שאך־קאמער פאר פרעה'ן. ער האט עס געטאן נישט אויס ליבשאפט צו פרעה'ן מענעפאטה, נאר צוליב דעם, וואס ער איז געווען געצוואונגען צו טאן. פרעה האט דאן ביי יעדער געלעגענהייט ארויפגעלעגט די שווערסטע צינזען אויף אלע אידען. און מיין פאטער, זייענדיג דער בעסטער ארכיטעקט פון גאנץ מצרים, האט טאקע געבויט אזא געביידע פאר פרעה'ן, וואס זאל זיין אין גאנצען באשיצט פון גנבים... ער האט געוואוסט אבער, אז וואס מעהר געלד פרעה וועט באזיצען, וועט ער אלץ מעהר וועלען ארויסקריגען פון די אידען, דעריבער האט ער געמאכט אזוי, אז אין שטיין פון דעם שאך־קאמער זאל קענען זעהר גרינג ארויסגערוקט ווערען פון זיין פלאץ און דאן זאל מעגליך זיין אהין אריינצוקומען. און שפעטער, ווען פרעה האט גענומען ארויפליגען גרויסע צינזען. און די אידען האבען קיין מעגליכקייט נישט געהאט זיי צו באצאהלען, פלעגט אייער זיידע אוועקגעהן ביינאכט צו דער שאך־קאמער און פון דארטען ארויסנעהמען די געלט און נאכהער עס אפגעבען צו פרעה'ן אלס די צינזען.

קרח'ס זיהן האבען מיט גרויס באוואונדערונג אנגעקוקט זייער פאטער און האבען אומגעדולדיג געווארט ער זאל זיי ווייטער דערצעהלען.

— פאר זיין טויט, — האט קרח ווייטער געזאגט, — האט מיין פאטער מיר איבערגעגעבען דעם סוד, אבער איך בין קיין נאר נישט געווען, און אנשטאט צו געבען די געלט פאר'ן גאנצען פאלק, האב איך אפגעשטעלט פאר זיך, און איצט בין איך פארערכענט פאר דעם רייכסטען מאן אין ישראל. עס איז שוין אבער א לאנגע צייט, אז איך בין אהין נישט געגאנגען. יע, זינט דעם חשד אויף בלעמ'ען, האב איך מורא געהאט צו געהן אהין. איצט אבער ווייסען מיר דאך, אז לאנג וועלען מיר שוין אין מצרים נישט פארבלייבען און אין דער צייט. וואס עס איז פאר די מצריים אזוי פינסטער און עס איז קיין מורא נישטא, אז מען זאל אונז כאפען ביי

דער האנט, וועלען מיר אלע אוועקגעהן צום פאלאץ, איך וועל מיטנעהמען א וואגען געשפאנט צו צוויי אייזלען און גענוג זעק און ביינאכט וועלען מיר אוועקגעהן קיין טהעבען צום פאלאץ. איהר וועט שטעהן לעבען דער עפענונג און איך וועל אייך איבערגעבען די גאלד און די אנדערע קאסטבארע זאכען.

ווען די נאכט איז אנגעקומען האט קרח מיט זיינע דריי זיהן איינגעשפאנט צוויי אייזלען צו א וואגען און איז אוועק צום פאלאץ, צו דער זייט, וואו די שאץ־קאמער איז געוועז.

— איך האב אייך פארגעסען עפעס אנצוזאגען, — האט קרח זיך אפגערופען צו זיינע דריי זיהן. — ווען איהר האט מיר צוגעשוואוירען קיינעם נישט צו דערצעהלען, האב איך געמיינט, אפילו נישט אייער מוטער. ווייל איהר דארפט וויסען זיין, אז נישט אלע פרויען קען מען אנפארטרויען א סוד... און אפילו ווען זי וועט וויסען ווי וויכטיג עס איז, אז קיינער זאל פון דעם ניט וויסען, קען זי זיך, נישט ווילענדיג, ארויסרעדען וועגען דעם און ברייגען א צרה אויף אונז אלעמען.

די זיהן האבען איהם פארשפראכען נישט צו דערצעהלען אפילו זייער מוטער און איבערלאזענדיג די אייזלען מיט'ן וואגען עטוואס ווייטער פון פאלאץ, איז קרח צוגעגאנגען מיט זיי צו דער וואנט און עפעס א דריק טהוענדיג, האט זיך דער שטיין ארויסגערוגט.

— איהר בלייבט שטעהן דא! — האט קרח זיך אפגערופען אין דער שטיל. — איך וועל אליין אריינגעהן אינוועניג און אנפילען די זעק מיט פרעה'ס אוצרות און איך וועל דאס אייך איבערגעבען, איהר זאלט זיי אוועקטראגען צום וואגען.

א היבשע צייט איז קרח געוועז פארנומען אין שאץ־קאמער אנפילענדיג די זעק מיט גאלד און ציערונג און דאס איבערגעבען צו זיינע זיהן. זיי האבען דאס גלייך אריינגעלייגט אין וואגען און ווען אלע זעק זיינען אנגעפילט געווא־רען, איז קרח ארויס פון שאץ־קאמער און צוריקגעשטעלט דעם שטיין אויף זיין פלאץ.

ווען זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין גשן, זיינען שוין דארט אלע אידען געשלאפען.

— עס מוז שוין זיין גאנץ שפעט? — האט קרח זיך אפגערופען, — ווייל אלע אין גשן שלאפען שוין און די לעצטע צייט, ווייס איך, געהען די אידען גאנץ שפעט שלאפען.

— דאס איז דאך גאנץ גוט פאר אונז! — האט אסיר, זיין עלטערער זוהן, זיך אפגערופען — קיינער וועט נישט באמערקען, אז מיר קומען אן אזוי שפעט און קיין פראגעס וועט מען אונז נאכהער נישט פרעגען.

— און ווען מען וואלט געארט, אויב זיי וועלען אונז שטעלען פראגען? — האט אלקנה, זיין צווייטער זוהן, זיך אפגערופען. — מיר זיינען נישט מחויב זיי צו ענטפערען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו זייער הויז, האט קרח א נייג געטהאן זיין אויער צו דער טיר, זיך צו איבערצייגען, אז זיין פרוי שלאפט און נאכהער האט ער זיך צו זיינע זיהן אפגערופען:

— איך וועל אייך יעצט צייגען, וואו איך האלט מיינע אוצרות. איהר דארפט אבער זעהר און זעהר פארזיכטיג זיין, נישט צוצוטרעטען דארטען בייטאג, ווען עס איז ליכטיג, ווייל אויב אייער מוטער וואלט עס באמערקען, דאן וואלט שוין לאנג נישט גענומען און עס וואלט דער־גרייכט פרעה'ס אויערען.

— אבער, פאטער! — האט אביאסף, קרח'ס אינגסטער זוהן, זיך אפגערופען. — איך קען דיך נישט פארשטעהן! וועט דען אונזער ליעבע מוטער נישט וועלען פארהיטען אונז אלעמען פון א צרה? פארוואס זאל פון איהר פארבאר־גען זיין אט די שמחה? זאל זי אויך זיין גליקליך, ווען זי וועט וויסען ווי רייך מיר זיינען. אמת, דו דארפסט איהר, פיליכט, נאך נישט זאגען ווי אזוי דו האסט עס אלעס געקראגען, אבער זעהן דיינע אוצרות מעג זי דאך געווים.

— דו פארשטעהסט מיך נישט, מיין זוהן! — האט קרח איהם געענטפערט. — צווישען די אוצרות געפינען זיך טייערע און קאסטבארע ציערונג, וואס די קעניגין פון מצרים האבען אמאל געטראגען. און יעצט שטעל דיר פאר, אז ווען דיין מוטער וועט אט די ציערונג באמערקען, וועט זי דאך שטארק געלוסטען זיי צו טראגען, און די אנדערע פרויען, וועלכע וועלען דערזעהן די טייערע ציערונג אויף אייער מוטער, וועלען אנפאנגען צו רעדען, ביז וואנען עס וועט דערגרייכען פרעה'ס אויערען. און ווען ער זאל דערזעהן די ציערונג, דאן זיינען מיר אלע פארלוירען. ניין! כל זמן מיר געפינען זיך נאך אין מצרים, טאר זיך קיינער דערפון נישט דערוויסען. ווען מיר וועלען באפרייט ווערען אינגאנצען פון מצרים, דאן וועט מיך נישט ארען, אויב אלע אידען וועלען וויסען פון וואנען און ווי אזוי איך האב אריינגעקראגען די אוצרות.

— פון דיינע רייד, פאטער, — האט אסיר זיך צו איהם אפגערופען, — יא, פון דיינע רייד זעה איך, אז דו גלויבסט שוין יע, אז די אידען וועלען באפרייט ווערען פון מצרים? און נישט לאנג צוריק האב איך דיך געהערט זאגענדיג, אז משה און אהרן רעדען זיך איין אן אונמעגליכע זאך און אז פרעה וועט קיינמאל נישט באפרייען זיינע אידישע שקלאפען.

— אזוי האב איך טאקע ביז נישט לאנג צוריק געטראכט, — האט קרח איהם געענטפערט. — איך האב זיך נישט געקענט פארשטעלען, אז פון א זאך, אין וועלכער אהרן נעהמט אויך אנטייל, זאל עפעס גוטעס ארויסקומען. יעצט מוז איך מודה זיין, אז עס האלט שוין גאנץ נאהענט, אז פרעה זאל אונז אלעמען באפרייען... דאס אבער מיינט נישט, אז אהרן האט אין דעם א חלק... אהרן'ס איינציגער פארדיענסט איז, וואס ער איז משה'ס ברודער! זעהט איהר, משה האט פארדיענט מיר זאלען איהם אכטען און שעצען. ער האט באוויזען אלע וואונדער צו פרעה'ן, ער האט געבראכט אט די אלע צרות אויף פרעה'ן און אויף אלע מצריים. איך גיב צו, אז באלד ווי משה איז געקומען און האט גענומען ווייזען די וואונדער מיט זיין שטעקען, האב איך אויך געמיינט, ווי די מצריים, אז משה האט זיך אויסגעלערענט ווי אזוי זיך צו באנוצען מיט כשוף און איך האב פון איהם גאנץ ווינציג געהאלטען... יעצט זעהען מיר אלע, אז משה באזיצט אן אויסערגעוועהנליכע קראפט און אז אונזער גאט האט זיך טאע אן אונז דערמאנט און איהם געשיקט אונז אויסצולייזען פון דער שקלאפעריי. יע, עס וועט שוין לאנג נישט נעהמען און מיר וועלען באפרייט ווערען פון דעם שווערען יאך פון מצרים.

— לויט משה'ס רייד וועלען מיר באפרייט ווערען אין עטליכע טעג ארום, — האט אסיר ווידער געזאגט. — בלויז נאך איין מכה וועט משה ברייגען אויף די מצריים און דאס איז די מכה פון די בכורים און דאן, אין דעם אוענט פון דעם פערצעהנטען טאג פון דיזען מאנאט, וועלען מיר באפרייט ווערען.

— יע, משה האט אלעמען געהייסען זיין גרייט! — האט אלקנה צוגעגעבען.

— ווייל ווען די צייט וועט קומען, וועט מען דא נישט קענען פארבלייבען קיין איבעריגע רגע.

— וועלען מיר מוזען זעהן צונויפצוזאמלען אונזער גאנץ רייכטום דעם לעצטען טאג! — האט קרח געזאגט. — אבער געדיינקט, מיינע קינדער, אז ביז וואנען מיר וועלען שוין זיין אויסער די גרעניצען פון מצרים, זאלט איהר קיין ווארט צו אייער מוטער וועגען דעם ניט רעדען. יעצט לאמיר זיך נעהמען אויסלאדען די זעק.

— יעצט זעה איך וואס פאר א געטרייער און איבערגעבענער מאן דו ביזט! — האט זיך פלוצלונג פון דער שטילקייט פון דער נאכט דערהערט א פרויען־שטימע.

קרח האט באלד דערקענט די שטימע פון זיין פרוי און א פארציטערטער איז

ער געוואָרען. ער האָט געזוכט צו פאַרדעקען דאָס גאָלד, וואָס ער האָט נאָר וואָס געבראַכט, אָבער עס איז איהם נישט געלונגען.

באַלד האָט זיך זיין פרוי באַוויזען נעבען וואָגען.

— עזובה! — האָט קרח אויסגערופען מיט א ציטערענדער שטימע. — אַזוי שפּעט און דו שלאָפסט נאָך נישט!

— ווי אַזוי קען איך שלאָפען? — האָט זי געענטפערט מיט א וויינענדיגער שטימע, — אז איך בין פאַרלאָזען געוואָרען פון מיין מאַן און פון מיינע קינדער. נישט אומזיסט איז מיין נאָמען עזובה... איך בין א פאַרלאָזענע און מען זוכט זיך אויסצובאַהאַלטען פון מיר.

— אָבער וואָס רעדסטו, עזובה? ווער האָט דיך פאַרלאָזען? — איז קרח צו איהר נעהענטער צוגעגאַנגען. — מיר זיינען אַוועק אויף א קורצער צייט און זעהסטו דאָך, אז מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט!

— יע, איהר האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט א פאַרבאָרגענעם סוד! מיין נישט, קרח, אז איך האָב נישט געהערט אַלעס וואָס דו האָסט גערעדט וועגען מיר דו האָסט קיין צוטרויען נישט צו מיר... דו האָסט מורא איך זאָל אויף אונזער משפחה קיין אומגליק נישט ברייננען... האָב איך דיר דען נישט געבוירען די דריי זיהן? זיינען זיי דען נישט פלייש פון מיין פלייש און בלוט פון מיין בלוט? איך האָב געהערט, אז דו פאַרמאָגסט טייערע ציערונג און דו ווילסט נישט, אז איך זאָל דערפון געניסען! יעצט בין איך זיכער, אז דו ליעבסט מיך נישט! יע, דיינע געדאַנקען זיינען נאָך אַלץ פול מיט אלישבע, די פרוי פון אהרן! און האַלטסטו פיליכט די ציערונג פאַר איהר? אָבער עס איז שוין צייט, אז דו זאָלסט זיך אלישבע'ן פון דיין קאָפּ אַרויסשלאָגען. דו ווייסט דאָך, וואָס זי דענקט וועגען דיר? אין איהרע אויגען ביזטו זעהר נידעריג!

— שווייג! — האָט קרח זיך צו איהר אָפּגערופען. — עס איז יעצט אין מיטען נאַכט. מיט דיינע געשרייען וועסטו נאָך אויפוועקען די שכנים און דו וועסט נאָך אויף מיר א גרויסע צרה ברייננען.

— מיך אַרט נישט אויב די שכנים זאָלען זיך דערוויסען ווי פיין דו באַהאַנדעלסט דיין אייגען ווייב. איך האָב זיך ניט וואָס צו שעהמען.... דו ביזט דער, וועלכער דאַרף זיך שעהמען! ווער האָט עס געהערט, אז א מאַן זאָל פאַרבאָרגען פון זיין אייגען ווייב? דו מיינסט, אז איך ווייס נישט, אז דו באַזיצסט אַן אונגעהויער רייכטום?

— איך האָב פון דיר קיינמאָל נישט פאַרבאָרגען, אז איך בין רייך! — האָט קרח איהר געענטפערט.

— יע, איך ווייס פון דיין רייכטום נישט מעהר און נישט ווענינער ווי אַלע אַנדערע פון גשן! — האָט עזובה מיט כעס געזאָגט. — אַלע אין גשן ווייסען, אז דו ביזט דער רייכסטער מאַן צווישען אַלע אידען און איך ווייס אויך דאָס זעלבע. און דער פאַרדרוס איז נאָך גרעסער, וואָס אַלס די פרוי פון אַזאַ רייכען מאַן, האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין רעכט שטיקעל ציערונג אָנצוטהאָן. פאַר וועמען באַהאַלטסטו אָט דאָס אַלץ? געוויס נישט פאַר אלישבע'ן... ניין! זי וועט פון דיר נישט נעהמען אפילו ווען דו וואָלסט געפאַלען צו איהרע פיס און איהר געגעבען די בעסטע ציערונג פון גאַנץ מצרים. אלישבע איז נישט ווי די איבעריגע פרויען.

— אויב דו ביזט אַזוי זיכער, אז אלישבע וועט פון מיר נישט נעהמען, טאָ פאַרוואָס זשע רעדסטו אַזוי פיעל פון איהר? דאָס צייגט דאָך, אז דו ביזט געוויס אייפערזיכטיג...

— איך בין נישט אייפערזיכטיג אויף איהר, ווייל איך ווייס, אז ווען דו וואָלסט נאָר געמאַכט דעם קלענסטען פאַרזוך זיך צו באַפריינדען מיט אהרן'ס ווייב, וואָלסטו באַקומען אַזאַ פּסק פון איהר, אז דו וואָלסט שוין פאַרזאָגט א צעהנטען מעהר צו איהר קיין וואָרט ניט אויסצורעדען. אָבער, וואָס מיך פאַרדריסט איז, אז ביי יעדער געלעגענ־

היינט דערמאנסטו איהר נאמען... ווען מען רעדט וועגען א שעהנער פרוי קומט גלייך אלישבע אויף דיינע ליפּען. רעדט מען וועגען א גוטהערציגער נאבעלער פרוי, איז ווייטער אלישבע!

— דו וועסט דאך אבער נישט אפּלייקענען, אז אלישבע, אהרן׳ס פרוי, איז די שעהנסטע צווישען אלע פרויען פון גשן? — האט זיך שוין קרח מיט איהר א רייץ געטהאן.

— און וואס נעהמסטו זיך אזוי אויבער דערמיט? — האט עזובה זיך א קרים געטהאן. — זאל זיך אהרן פרעהען, אז אויף זיין חלק איז ארייננעפאלען די שעהנסטע, די קליגסטע און די בעסטע פרוי פון גאנץ גשן. אלע ווייסען דאך, אז דיך האט אלישבע פון זיך אפּגעשטויסען, טראץ דעם וואס דו האסט געהאט א חלק אין דער באפרייאונג פון איהר פאטער. דו מיינסט, אז איך ווייס נישט, אז דו האסט מיט אלע דיינע מעגליכקייטען געזוכט צו געפינען חן אין איהרע אויגען, אבער דיר איז עס נישט געלונגען... אלישבע האט אין דיר קיין גרויסקייט נישט געזעהן. איך בין בלויז געווען בלינד און נאריש... און יעצט האסטו סודות פון מיר... און דו צווינגסט מיינע אייגענע זיהן צו פארבארגען פון מיר.

— אבער איך זאג דיר, עזובה, אז איך באהאלט קיין סודות נישט פון דיר! — האט קרח געזאגט. — איך האב געדארפט עפּעס ברייננען בין איך געפאהרען מיט די קינדער זיי זאלען מיר העלפען.

— אבער וואס האסטו געדארפט ברייננען? — האט עזובה איהם געפרעגט.

— איך האב געדארפט אנגרייטען שפּייז. דו ווייסט דאך געוויס, אז איינגיכען וועלען מיר באפרייט ווערען פון מצרים און מיר וועלען זיך נויטיגען אין פיעל שפּייז?

— און דו ווילסט מיר איינרעדען, אז דו ביזט געגאנגען אזוי שפּעט ברייננען שפּייז? — האט עזובה אויסגערופען.

— איך בין פאר מיין מוטער ערוב!— האט אסיר געזאגט—אונזער מוטער וועט ווייסען ווי זיך אויסצוהיטען, אז קיין פרעמדער זאל זיך נישט דערוויסען פון אונזער גרויסען סוד.

— גוט! —האט קרח געזאגט—טו לאמיר פריהער ארייננעהן אין הויז, צו רייר דען אין דרויסען וועגען אזעלכע זאכען, איז נישט גאנץ זיכער... האב איך זיך דען פריהער געקענט פארשטעלען, אז אייער מוטער ליגט ערגעץ וואו בעהאלטען און הערט זיך צו צו אלע אונזערע רייד.

זיי האבען די זעק ארונטערגענומען פון וואגען און קרח מיט זיין משפּחה זיינען אריין אין הויז.

ער האט א היבשע ווילע געצעגערט... איהם האט זיך זעהר נישט געוואלט דערצעהלען זיין פרוי דעם גאנצען סוד, אבער ווען זיינע בליקען האבען זיך בעגעגענט מיט איהרע האט ער שוין געזעהן, אז האט קיין ברירה נישט.

— ווען מיין פאטער האט מיר דערצעהלט דעם סוד האט ער מיר בעשווארען איך זאל קיינעם נישט דערצעהלען וועגען דעם, סיידען די גינסטיגע צייט וועט קומען. און ווען איך האב דא נישט לאנג דעם זעלבען סוד מיינע זיהן ענטדעקט, האבען זיי מיר אויך צוגעשווארען. און יעצט דארפסטו מיר אויך שווערען פאר קיינעם נישט צו דערצעהלען אזוי לאנג ווי מיר געפינען זיך אין מצרים

— בין איך דען א פרעמדע צו דיר! —האט עזובה זיך בעליידיגט—ווען איך וועל ווייסען, אז מיינע רייד וועלען מעגליך דיר אנטהאן שאדען, וועל איך דען ריידען?

קרח האט איהר אלעם דערצעהלט, ער האט איהר דערצעהלט וועגען דעם געהיימען שטיין וואס זיין פאטער האט געמאכט, עס זאל מעגליך זיין אריין צו געהן אין פרעה׳ס שאץ קאמער. ער האט איהר נאכהער ארויסגעפיהרט צו דעם פארבארגענעם פלאץ און ער האט איהר געוויזען אלע אוצרות, וואס ער האט אנגעזאמעלט זינט זיין פאטער׳ס טויט.

עזובה האט בעטראכט די גאלד און די זעלטענע ציערונג וואס איז געווען גע־פלאסטערט מיט קאסטבארע שטיינער און זי האט אויסגערופען מיט גבוים ענטציקונג:

— ווי אזוי האסטו עס פון מיר גע־קענט פארבארגען אזא לאנגע צייט, און נישט צייגען דיזע וואונדערבארע ציע־רונג. זי האט אנגעטהאן אויף איהר האלז איינינע האלזבענדער און זי האט קרח'ן געפרעגט, וועלכער עס קליידעט איהר בעסער.

זיי פאסען דיר אלע זעהר גוט!—האט קרח געענטפערט מיט א שמייכעל—אבער דו דארפסט וויסען זיין, אז דו וועסט קיין מעגליכקייט נישט האבען צו טרא־גען קיינע ציערונג ביז וואנען מיר וועלען זיין דערוויטערט פון מצרים, און ביז וואנען מיר וועלען זיין זיכער, אז מיר וועלען זיך שוין אהין קיינמאל נישט צו־ריקקעהרען!

— אבער משה האט דאך היינט אנגעזאגט, אז מיר וועלען פייערען א יום טוב, וואס וועט אנגערופען ווערען פסח, און איך וייס, אז אלע פרויען וועל־לען אנטהאן זייערע שעהנסטע קליידער און ציערונג. און איך וועל זיך אפילו ניט קענען בענוצען מיט די ציערונג!

— דו ווייסט דאך, עזובה, אז איך זשאלעווע דיר נישט, אבער שטעל זיך פאר, ווען דו וואלסט אנגעטהאן אזא שטיקעל ציערונג און דיינע שכנות וואל־טען עס דערזעהן, וואלטען זיי באלד גענומען ריידען און פרעגען ווי אזוי דו האסט עס געקראגען. און עס וואלט זיך שוין געפונען ווער עס איז וואס וואלט געזאגט, אז דיזע ציערונג פאסט זיך צו זיין אין פרעה'ס שאץ־קאמער און ווי־פיעל וועט שוין פעהלען, אז פרעה אליין זאל זיך דערפון דערוויסען, און דאן וועט דאך מיין גאנצע רייכטהום זיך צו־ריקקעהרען צו פרעה'ן און איך וועל נאך בעשטראפט ווערען זעהר פיעל.

— דו ביזט גערעכט קרח! — האט איהם זיין פרוי געענטפערט—איך וועל טאקע נישט אנטהאן קיין ציערונג ביז וואנען מיר וועלען פריי ווערען פון מצרים.

— אט אזוי רעדסטו ווי א פרוי מיט פערשטאנד!—האט קרח געזאגט מיט א צופריעדענעם שמייכעל—איך מוז דיר צוגעבען, אז ווען דו האסט אנגעטהאן דיזען האלזבאנד, האסטו אויסגעקוקט א סך אינגער און שעהנער.

— אה, ווי איך וואלט שוין געוואלט זיין אויסער מצרים!—האט עזובה אויסגערופען.

— דאס איז א וואונש וואס יעדער איינער פון די אידען ווינשט!—אבער איך גלויב, אז מיר זיינען אזוי גוט ווי בעפרייט: פרעה וועט שוין מעהר נישט קענען אויסהאלטען.

— לויט משה'ס רייד, וועלען מיר דאך בעפרייט ווערען דעם פערצעהנטען טאג פון דיזען מאנאט אין אבענד וועלען מיר אלע בעפרייט ווערען—האט עזובה געזאגט, האלטענדיג דעם האלזבאנד אין איהר האנט—דו ווייסט קרח אז אזא האלזבאנד האב איך נאך קיינמאל אין מיין לעבען נישט געזעהן.

— און וואס וואלסטו געזאגט ווען דו וואלסט געזעהן דעם וואונדערבארען האלזבאנד, וואס פרעה האט געהאט גע־פונען אין בלעם'ס קארעטע.

— און די האסט איהם דען געזעהן?

—האט עזובה א שמייכעל געטהאן.

— געוויס! איך האב איהם אפילו אין מיינע הענט געהאלטען!

— ווי אזוי איז דאס מעגליך?

— יעצט אז דו ווייסט שוין אלעס, וועל איך דיר אויך דאס איבעריגע דער־צעהלען!—האט קרח זיך אפגערופען—זיי וויסען, אז די אידען פון מצרים דאר־פען מיר דאנקבאר זיין, וואס מיר זיינען פטור געווארען פון בלעם'ן דעם רשע. ווען ער וואלט פערבליבען לענגער אין פרעה'ס פאלאץ וואלט פון די אידען קיין זכר ניט געבליבען.

— אבער ווי אזוי האסטו עס בעוויזען צו טהאן?—האט עזובה איהם געפרעגט.

— גאנץ איינפאך! ווען אין מצרים איז בעקאנט געווארען, אז בלעם איז דער

איינציאגער מאן, וועמען פרעה האט געטרויט און איהם אריינגעפיהרט אין זיין שאץ־קאמער צו צייגען זיינע אוצרות, האב איך בעשלאסען אז יעצט איז געקומען די צייט זיך אפצורעכענען מיט בלעם דעם רשע און צו דערוויטערען איהם פון פאלאץ.

— אח, דו ביזט דאך אזוי קלוג מיין מאן! — האט עזובה איהם א קוש געטהאן — זאג מיר וואס האסטו דאן געטהאן?

— אין שאץ־קאמער האט זיך געפונען איינע פון די זעלטענע טייערסטע ציערונג. דאס איז געווען א האלזבאנד געפלאסטערט מיט בריליאנטען וואס עס קען גאר נישט אפגעשאצט ווערען אין ווירדע. דיזער האלזבאנד איז געווען אזוי טהייער ביי פרעה'ן, אז מען דערצעהלט דאס עס געהט נישט פערביי א טאג, אז פרעה זאל נישט בעטראכטען די זעלטענע ציערונג און אנזעטיגען זיינע אויגען פון די שעהנקייט. דיזען האלזבאנד האב איך בעשלאסען איין מאל ביי נאכט ארויסצונעהמען פון דער שאץ־קאמער און איהם אריינטהאן אין בלעם'ס בעזיץ. איך האב מיין פלאן דורכגעפיהרט. איך האב דעם האלזבאנד אריינגעלעגט אין בלעם'ס קארעטע און עס איז טאקע קיין היבשע צייט נישט פאראיבער און פרעה האט זיך געכאפט וועגען זיין פערלוסט, און אזוי ווי פרעה גלויבט, אז עס איז אונמעגליך פאר א גנב אריינצוגעהן אין זיין שאץ־קאמער, איז זעלבסטפערשטענדליך, אז זיין חשד איז באלד געפאלען אויף בלעם'ן וועלכער איז דאן געווען דער איינציגער וואס האט איינמאל געהאט צוטריט אהין. און ווי דיר איז בעוואוסט האט מען טאקע ביי איהם געפונען, און פרעה האט איהם דערפאר פערטריבען פון מצרים.

— און קיינער פון גאנץ ישראל וויים נישט וואס דו האסט פאר זיי אויפגעטהאן! — האט עזובה אויסגערופען — אה מיין מאן, דו ביזט צו בעשיידען — איך וואלט שוין געזעהן, אז אלע אידען זאלען וויסען וואס פאר א טובה דו האסט פאר זיי געטהאן, און דאן וואלט דיר ניט שווער אנגעקומען צו ווערען א פיהרער ביי אידען... נישט אלע מאל איז גוט צו זיין צו בעשיידען.

— וואס רעדסטו עזובה! — האט קרח אויסגערופען — ווי אזוי האב איך גאר געקענט אימיצען דערצעהלען וועגען אזא זאך, ווייסטו דען נישט, אז מיין לעבען און מיין גאנצער פארמעגען וואלט דאמיט געשטעלט געווארען אין געפאהר. עס וואלטען זיך שוין געפונען מענשען, וועלכע וואלטען געגאנגען און דערצעהלט פרעה'ן, אז איך בין דאס גאר דער גנב. און אפילו דתן און אבירם, וועלכע זיינען מיינע פריינד וואלטען שוין אויך געזעהן, אז פרעה זאל זיך דערפון דערוויסען. ניין, דאס מוז געוויס נאך פערבלייבען א סוד.

— מיר וואלט נישט געארט ווען יענער וואונדערבארער האלזבאנד וואלט יעצט געווען דיין אייגענטהום... אבער דו האסט געטהאן א טובה דעם גאנצען פאלק און דו אליין האסט דערפון גארנישט געהאט.

— איך האב דערפון אויך געהאט זעהר א גרויסען נוץ — האט קרח איהר געענטפערט — דערווייל האב איך דורכדעם ארונטערגענומען יעדען חשד פון מיר.

— און וואו האלט פרעה יעצט דיזען האלזבאנד? — האט עזובה איהם געפרעגט.

— ער האלט איהם אויף דעם זעלבען פלאץ ווי פריהער!

— אויב אזוי האסטו דאך איהם געקענט אוועקנעהמען! — האט עזובה אויסגערופען און איהרע אויגען האבען געגלאנצט פון פרייד.

— דאס האב איך נישט געוואגט צו טהאן! — האט קרח געזאגט — איך בין זיכער, אז פרעה קומט אריין יעדען טאג און בעטראכט דיזע זעלטענע טייערע ציערונג און ווען ער וועט זיך כאפען אז עס פעהלט איהם, ווער קען וויסען וואס ער וועט דאן טהאן. ער קען נאך דאן מאכען א שטרענגע אויספארשונג. ער וועט

בעפוילען זיינע בעאמטע צו געהן זוכען אין יעדען אידישען הויז און וואס וועל איך דאן טהאָן ווען מען וועט אויסגעפינען, אז איך בין דער שולדיגער אין אלעם.

— אָבער יעצט, וועט פרעה'ן גאר אין זינען נישט ליגען, נאָכצוקוקען זיינע ציערונג און א חוץ דעם וועלען מיר שוין באלד אינגאנצען בעפרייט ווערען פון פרעה'ן. אָה, קרח דו מוזט פאר מיר ארויסקריגען יענעם האלזבאנד ! איך ווייס נישט ווי אזוי איך וועל קענען פערלאָזען מצרים, פיהלענדיג, אז אזא טייערער האלזבאנד איז פערבליבען אין פרעה'ס שאץ־קאמער און וויסענדיג, אז דו האסט געהאט די מעגליכקייט איהם פאר מיר צו קריגען.

— אָבער איך האב מורא איינצושטעלען ארויסצונעהמען פון דארטען די גרעסטע שטיקעל ציערונג וואס פרעה פערמאָגט.

— וואס ? ! מיר האבען עס נישט פערדינט ? ווינציג בלוט האט פרעה געצאפט פון די קינדער פון אונזערע ברידער ! ווינציג געלד האט ער פון אלע אידען אריינגעקראגען, דורך די צינזען און דורך אונזער הארעוואניע ! קרח, דו מוזט נאָך היינט ביי נאכט געהן און ארויסנעהמען פון דארטען דעם האלזבאנד !

— עס איז אונמעגליך ! איך וועל שוין אהין מעהר נישט געהן ! איך בין גענוג רייך... איך האב פון פרעה'ס אוצרות גענומען זעהר פיעל, און מעהר וועל איך נישט נעהמען, ווייל איך האב מורא, אז טאָמער וועט מיר פרעה כאפען.

— ווי אזוי וועט ער דיר כאפען ?— האט עזובה געזאגט— יעצט ווען פאר אלע מצרים איז אזוי פינסטער.

— אָבער מוטער !—האָט אסיר זייער עלטערער זוהן זיך אָפגערופען—פרעה האט בערויבט אונזער גאנצען פאָלק, אלע אידען האבען איהם שווערע צינזען געצאָהלט, אלע אידען האבען פאר איהם געשקלאפט, נאָך מעהר ווי אונזער משפחה, וואלט געווען א ישר ווען מיר טהיילען זיך מיט פרעה'ס פערמעגען, מיט אלעמען איך ווייס נישט אויב עס וועט זיין ריכטיג פון אונזער זייט צוצונעהמען אלעס פאר אונז !

—דו שוויג !—האט עזובה אויף איהם אָנגעשריען,—דו דארפסט זיך אין גאנצען נישט מישען. וואס מיינסטו, דיין פאָטער וועט איינשטעלען זיין לעבען אין דער גרעסטער סכנה און נאכדעם זיך טהיילען זיין גאנצע רייכטהום מיט די איבעריגע. דו האָסט פערלאָרען דיין פערשטאנד ! און דו קרח, מוזט באלד געהן און מיר ברענגען דעם האלזבאנד, דו הערסט !

— עפעס שרעקט מיר מיין הארץ צו טהאָן אזא זאך, וואס וועל איך טהאָן, ווען די פינסטערנים וועט אויפהערען מאָרגען און פרעה וועט אויסגעפינען אז יענער האלזבאנד פעהלט איהם... ווער קען פאָראויסזאגען די פאָלגונגען.

— דו האסט זיך נישט וואס צו שרעקען ! — האט עזובה אויסגערופען — דו ביזט דארט פיעל מאָל געווען און גאָרנישט האט פאסירט, קענסטו בלויז נאך איינמאָל געהן אהין.

— ניין ! איך וועל זיך צו דיר נישט צוהערען !—האט קרח געזאגט בעשלאָסען—איך וועל נישט שטעלען אלעס אין געפאהר צוליעב דעם וואס דיר האט זיך פערגלוסט נאָך א שטיקעל ציערונג. דו האסט אזוי אויך גענוג.

— אויב דו וועסט באלד נישט געהן און ברענגען מיר דעם האלזבאנד !—האט עזובה אויסגערופען מיט אויפרעגונג—וועל איך פאר אלעמען דערצעהלען וואס פאר א גרויסער נאר דו ביזט געווען... יע, איך וועל נאָך מאָרגען גאנץ פריה דערצעהלען פאר מיינע שכנות ווי אזוי דו האסט אריינגעקראָגען די רייכטהום פון פרעה'ס אוצרות, און ווי אזוי דו האסט געקענט אויך נעהמען די בעסטע ציערונג וואס פרעה בעזיצט און דו האָסט עס נישט געטהאָן.

— דו ווילסט ברענגען אז אומגליק אויף אונז אלעמען !—האט קרח אויסגערופען מיט פערצווייפלונג—איך האב

אַבער געוואוסט, אז מען טאר קיין פּרוּיען נישט אַנפערטרויען קיינע סודות.

— אויב דו וועסט טהאן וואס איך בעט דיר, וועל איך שוין וויסען ווי צו האלטען א סוד! — האט עזובה איהם געענטפערט — פאלג מיר און געה שנעל, איידער עס ווערט טאָג... ווען דו וועסט מיר דעם האלזבאנד ברענגען וועל איך דאן וויסען, אז דו האסט מיר ליעב און דו טראכסט שוין מעהר נישט פון אלישבע'ן, אהרן'ס ווייב.

— איך בין אָבער אזוי מיעד יעצט! — האט קרח זיך גענומען ביי איהר בעטען.

— דו וועסט האבען גענוג צייט זיך אויסצורוהען! דו בעסער פאָלג מיר און געה גלייך. אויב דו ווילסט וועט אסיר מיט דיר מיטגעהן

— איך זעה שוין, אז איך וועל מוזען טהאָן דיין ווילען, — האט קרח געענטפערט — קום מיט מיר אסיר וועט מיר אמווייניגסטען זיין פרעהליכער אויפ'ן וועג.

קרח און אסיר זיינען ווידער אוועק נאָך טהרען און אין דער פינסטערנים פון דער נאכט האבען זיי בעוויזען צוצוקומען צו דעם פּלאץ פון שוץ־קאמער.

א קורצע ווייל האט בלויז געדויערט און קרח איז ארויסגעקומען פון שאץ־קאמער מיט דעם וואונדערבארען האלזבאנד.

— איך האף אז יעצט וועט דיין מוטער זיין צופריעדען! — האט קרח געזאגט צו אסיר'ן.

— און איך האף, אז פּרעה זאל זיך נישט כאפּען ביז וואנען מיר וועלען האָבען זיך דערווייטערט פון מצרים — האט אסיר געזאגט.

עס האט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, ווען קרח און זיין עלטערער זוהן האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

עזובה האט שוין געשמאק געשלאָפען. אָבער ווען זי האט דערהערט קרח'ס שטימע, האט זי זיך אויפגעחאפּט — און ווען זי האָט דערזעהן דעם טייערען האלזבאנד האבען זיך פון גרויס פרייד ביי איהר טרעהרען בעוויזען אין די אויגען. זי האָט איהם גוט בעטראכט און עטליכע מאל אָנגעמאָסטען אויפ'ן האלז.

— יעצט זעה איך קרח, אז דו ביזט א בראווער מאן, און אז דו האָסט מיך ליעב. איך וועל שוין נישט רוהען ביז וואנען איך וועל זעהן, אז דו זאָלסט ווערען א הויפּט און א פיהרער ביי אידען.

עס איז געווען א שטילע פינסטערע נאכט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט שרעק און איינגעהילט אין סודות. די מצריים האָבען זיך מיט שווערע הערצער געלעגט שלאָפען. זיי האָבען אלע געוואוסט פון משה'ס ווארנונג... און אפילו די, וועלכע זיינען נישט געווען קיין גרויסע מאמינים אין משה'ס רייד האָבען זיך אויך אין הארצען געשראָקען, כאָטש זיי האָבען זיך איינער דעם צווייטען געטרייסט.

— ווי גרויס זייער מאכט פון כשוף זאָל נישט זיין, ווייסען מיר דאָך אז מיט כשוף קען מען קיין מענשען ניט טויטען — האָבען די חרטומים צווישען זיך איבערגערעדט.

— געוויס, דאָס האָט משה געסטראשעט פרעה'ן כדי ער זאָל זיך דערשרעקען און בעפרייען די אידען פון מצרים.

דאָך, ווען דיזעלבע חרטומים האָבען זיך יענע נאכט געלעגט שלאָפען, האָבען זיי פון מורא נישט געקענט איינשלאָפען. יעדע ווײלע פלעגען זיי ארונטער פון זייערע בעטען און אריינגעהן אין די אנדערע שלאָפצימערען און צוליגען זייערע אויערען צו די שלאָפענדע מיטגליעדער פון זייער משפחה, זיך איינצוהערען, אויב זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו אָטעמען אָדער אויב דאָס הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען.

דער הויפּט פון די חרטומים איז געלעגען אין זיין בעטעל און זיך אומרוהיג געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער. ער האָט זיך דערמאָהנט. אז איידער פּרעה האָט געשיקט רופען

משה'ן אין דער צייט ווען עס איז געווען אזוי פינסטער, האָט ער צוזאמען מיט די מיניסטאָרען און פריעסטער געראָטען פרעה'ן ער זאָל זעהן עפּעס נאָכגעבען משה'ן און ראטעווען דאָס לאנד פון אונטערגאנג. אָבער ווען משה איז געקומען אין דער פינסטערניס און ער האָט געהערט זיינע "חוצפּה'דיגע" רייד, אז ער ערוואַרטעט נאָך דאָס פרעה וועט איהם מיטגעבען בהמות — דאָס האָט אלעמען אזוי אריינגעבראכט אין כעס, אז זיי האָבען גלייך געראטען פרעה'ן ער זאָל משה'ן אין גאנצען פון פאלאץ פערטרייבען, און ער זאָל איהם פערבאָטען מעהר נישט אריינצוקומען אהער... און ערשט דאן איז געקומען משה'ס ווארנונג, אז אלע ערשט־געבאָרענע ווערען אויסגעשלאכטעט ווערען, און דאָס האָט ער בעשטימט אויף דיזער נאכט... ניין, עס איז דאָך אונמעגליך! אזא דראָהונג וועט ער קיינמאָל נישט קענען דורכפיהרען... ווי אזוי וועט ער קענען אויסגעפינען ווער פון א משפחה איז אן ערשט־געבאָרענער!

דאן האָט דער הויפּט פריעסטער ניט געקענט איינליגען אין בעט, און עטליכע מאָל פון דאָרט ארונטער און איז אריין אין שלאָפצימער פון זיינע זיהן. שטילערהייט איז ער צוגעגאנגען צו זיין בכור... ער בויגט זיך אריבער, יא, ער אָטעמט! — האָט ער מיט פרייד צו זיך א זאָג געטהאָן און איז צוריק געגאנגען צו זיין בעט. אָבער שלאָפען האָט ער נאָך אַלץ נישט געקענט. ער האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף טאָג...—ווען דורך דיזער נאכט וועט גאָר נישט פּאסירען, דאן וועט ער נאָך גאנץ פריה אוועק צו פרעה'ן אין פּאלאץ און איהם ערקלעהרען. אז דאָס וואָס משה האָט ביז אהער געטאָן, איז עס בלויז געוועז דורך כשוף, והא ראיה, אז ער האָט זיין לעצטע ווארנונג נישט דורכגעפיהרט... ער וועט ראטהען פרעה ער זאָל איינלאדען משה'ן און אהרן'ען צו זיך אין פּאלאץ, און ווען זיי וועלען דאָרטען קומען זאָלען זיינע לייבוועכטער זיי בעפאלען און טויטען גלייך אויף אן אָרט! יא, דאן וועט מען פּטור ווערען פון ריזע שרעקליכע מכשפים, און פאר דעם קען ער זיך נאָך דערדינגען ביי פרעה'ן צו ווערען זיין הויפּט מיניסטער אנשטאָט דעם יעצטיגען, וועלכער צייכענט זיך מיט גאָר נישט אויס.

מיט אזעלכע געדאנקען האָט ער פּרובירט איינשלאָפען, אָבער ער האָט נישט געקענט.

ווידער אמאָל איז ער ארונטערגעשפּרונגען פון זיין בעט. עס איז שוין געווען נאָך האלבע נאכט... מיט פאָרזיכטיגע שטילע טריט איז ער א צווייטען מאָל אריין אין דעם צימער פון זיינע קינדער. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו דער בעטעל וואו זיין בכור איז געלעגען... זיין הארץ האָט אין איהם א צאפּעל געטאָן... דוכט זיך איהם, אז ער ליגט באוועגלאָז... ער האָט זיך שנעל איבערגעבויגען איבער איהם... ער האָט צוגעלייגט זיין אויער, ער אָטעמט נישט!! זיין הארץ קלאפּט נישט.

— מיין זוהן! מיין קינד! — האָט דער הויפּט פון די חרטומים איהם גענומען וועקען... אָבער אומזיסט...

ער איז טויט! ער איז טויט!—האָט ער אָנגעפאנגען צו יאָמערען און צו שרייען.

די גאנצע הויז־געזינד האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף. זיי זיינען אריינגעלאָפען אין דעם צימער, און ווען זיי האָבען דערזעהן, אז דער בכור איז טויט, איז געוואָרען א מהומה און א יללה...

— אָה, מיר וועלען אלע אויסשטארבען! — האָבען זיי גענומען שרייען — משה'ס קללה האָט זיך אויף אונז אויסגעגאָסען.

די געשרייען האָבען זיך דורך דער שטילקייט פון נאכט דערטראָגען צו די אנדערע הייזער.

באלד האָט מען זיך אויך דאָרטען אויפגעכאפּט און אויסגעפונען, אז דער ערשט־געבאָרענער איז טויט. ווידער א קלאָג און א יללה האָט דורכגעדרונגען

די לופט פון דער מאוימ'דיגער נאכט... מענשען זיינען ארוים אין גאס, און געשריען מיט ביטערע קולות... ביסלעכווייז האט זיך דאס גאנצע לאנד אויפגעכאפט פון שלאף, און עס איז נישט געווען קיין איינציגע הויז וואו עס זאל נישט זיין איינער אדער צוויי טויטע...

די אלע וועלכע זיינען געבליבען לעבען זיינען שנעל ארוים געלאפען פון זייערע הייזער. פרויען, קינדער און אלטע און יונגע האבען געוואנדערט איבער די גאסען פון מצרים און געיאמערט און געקלאגט.

פיעלע האבען זיך פערזאמעלט ארום פרעה'ס פאלאץ, און האבען געשריען מיט זייערע לעצטע כחות:

— מיר זיינען אלע טויטע... מיר וועלען אלע אויסשטארבען. פון די געשרייען און גערודער האט זיך פרעה אויך אויפגעכאפט פון זיין שלאף.

— וואס איז געשעהן?! — האט פרעה א פרעג געטאן א דערשראקענער. זיינע לייבוועכטער האבען איהם דערצעהלט, אז ווי עס ווייזט אויס איז משה'ס קללה מקוים געווארען: אלע בכורים פון מצריים זיינען אויסגעשטארבען היינטיגע נאכט.

פרעה איז געשטאנען און געציטערט: פון זיין בעטעל און זיך געלאזט לויפען אהן אטעם צו דעם שלאפצימער פון דעם קרוינפרינץ.

באלד איז ער ארויסגעקומען פון דארטען שרייענדיג:

— מיין זוהן איז טויט! מיין קרוינפרינץ איז געשטארבען! אה, איהר געטער פון מצרים, העלפט מיר!

די לייבוועכטער און זיינע דינער זיינען צו איהם צוגעלאפען און איהם אונטערגעהאלטען ער זאל נישט אומפאלען.

די געשרייען און געוויינען פון ארום זיינען נאך שטארקער און מורא'דיגער געווארען...

פרעה איז עגשטאנען און געציטערט: איך בין אליין דאך אויך א בכור! העלף מיר. אה אזירים! גיב מיר כח איך זאל בלייבען לעבען. אה, וואו זיינען משה און אהרן! שנעלער, לויפט און זוכט זיי אויף. זאלען זיי ארוים פון מצרים! אה, וואס שטעהט איהר דא! גיכער לויפט און ברייגנט צו מיר משה'ן און אהרן'ען.

די דינער און איינציגע לייבוועכטער האבען שנעל פערלאזען דעם פאלאץ, און באלד האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט און אויסגערופען:

— מיר קענען נישט געפינען משה'ן און אהרן'ען!

— אה, מיר מוזען זיי געפינען, אזא צארן פון זייער גאט האט זיך אויף אונז אויסגעגאסען מיר וועלען אלע אויסשטארבען.

פרעה האט ארויפגעכאפט זיין אויבער בגד און האט זיך צוזאמען מיט זיינע קנעכט זיך געלאזט לויפען אין דער פינסטערנים פון דער נאכט איבער די גאסען און אויסגערופען:

— וואו איז משה?! וואו איז אהרן?! וואו זיינען זיי ביידע?!

א היבשע ווייל האט געדויערט איידער פרעה האט געקענט געפינען משה'ן און אהרן'ען. יעדע רגע האט זיךפרעה א טאפ געטהאן צו זעהן אויב ער לעבט נאך...

באלד האבען זיך משה און אהרן בעוויזען פאר פרעה'ן.

— דו זוכסט אונז? — האט משה איהם געפרעגט מיט גלייכגילטיגקייט.

— אה משה! — איז פרעה שנעל צוגעלאפען צו איהם און זיך פערנייגט.

ווי פרעה'ס קנעכט האבען דערזעהן אז זייער קעניג האט זיך פארנייגט פאר משה'ן אזוי באלד זיינען זיי אלע געפאלען מיט זייערע פנים'ער צום באדען.

— משה, העלף מיר! — האט פרעה אויסגעשטרעקט זיינע הענט, — ראטעווע מיר פון טויט! שנעלער געהט אלע ארוים פון מיין לאנד, געהט און דינט אייער גאט ווי איהר האט געזאגט! אלע, אייערע יונגע, אלטע. פרויען און קינדער, אייערע שאף און רינדער!

נעהמט אלעס וואָס איהר האָט, און געהט, אָבער בענשט אויך מיר! אייער גאָט זאָל מיר נישט טויטען!

פרעה האָט געציטערט מיט זיין גאנצען קערפער ווען ער האָט עס ארויסגערעדט.

— איך בין אויך א בכור! — האָט פרעה אויסגערופען און געקוקט משה'ן אין די אויגען — אָה, איך ביט דיר משה, העלף מיר, לאָז מיך ניט שטארבען.

—אזוי לאנג ווי דו לאָזט אונז ארויס פריי פון דיין לאנד, וועט דיר גאָט מעהר ניט שטראָפען! — האָט משה איהם געזאָגט — און יעצט מוזען מיר געהן אָנזאָגען אונזערע ברידער אז זיי זאָלען נעהמען געהן. יא, אלע זיינען גרייט געווען ארויסצוגעהן. ווי נאָר עס וועט ווערען טאָג, וועלען מיר פערלאָזען מצרים...

— איך וועל דיר דאנקבאר זיין משה! האָט פרעה זיך אָפּגערופען — אויב איהר וועט דאָ אין מצרים קיין איבעריגע רגע נישט פערבלייבען. אָה. איך בעט איי, געהט גלייך ארויס!

— מיר וועלען ווי וויט מעגליך זיך צו איילען! — האָט משה איהם געענטפערט, און צוזאמען מיט אהרן'ען זיינען זיי גלייך אוועק נאָך גשן.

באלד איז די נייעס פערשפּרייט געווארען צווישען אלע אידען אז זיי זיינען פריי געוואָרען.

א גליקליכע פרייד האָט אָנגעפילט יעדענס הארץ. מיר זיינען פריי! ניט מעהר קיין שקלאפען ביי פּרעה'ן. זייערע פּיס האָבען זיך געהויבען... יעדער איז געווען פול מיט מוטה און קראפט. מען האָט גענומען ארויסטראָגען זייער פערמעגען און אָנלאָדען אלעס אויף די אייזלען און פערד.

פיעלע פון די אידען האָבען זיך אוועקגעלאָזען איבער דער הויפּטשטאָט און ארום, און זיי זיינען צוגעקומען צו זייערע מצרישע שכנים, פאר וועמען זיי פלעגען אומזיסט ארבייטען, און וועלכע האָבען זיי געדריקט און געשלאָגען.

— דו ווייסט דאָך אז מיר געהען יעצט פייערען א גרויסארטיגען יום טוב צו אונזער גאָט און מיר דארפען אויספוצען אונזערע פרויען. לייה מיר דיין פרוי'ס ציערונג — האָט א איד זיך אָפּגערופען צו א מצרי.

— איך בין פּעראָרימט געוואָרען און די גאנצע ציערונג וואָס מיין פרוי האָט פערמאָגט האָב איך שוין פון לאנג פערקויפט — האָט דער מצרי איהם געענטפערט.

— איך ווייס אז דו האָסט נאָך ציערונג — האָט איהם דער איד געענטפערט — איך וועל דיר אפילו זאָגען וואו עס געפינט זיך. די גאָלדענע רינגען און בראסלעטען געפינען זיך אין דער אונטערשטער קעסטעלע פון דער שאפע, און דער האלזבאנד און די אנדערע ציערונג געפינען זיך דאָרט אין דער מיטעלסטער קעסטעלע.

דער מצרי איז ערשטוינט געוואָרען דערהערענדיג, אז דער איד ווייס פון יעדער שטיקעל ציערונג, און אויך דעם פלאץ וואו זיי געפינען זיך. ער האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאט און געמוזט איהם באָרגען.

אזוי האָבען די איבעריגע אידען געטאָן און האָבען ארויסגעקראָגען פון זייערע פריהערדיגע נוגשים, אונטערדריקער און פיינינער, זייער גאנצעם רייכטום. קיינער האָט זיי נישט געקענט ענטזאגען, ווייל זיי האָבען שטארק מורא בעקומען פאר די אידען. זיי האָבען געזעהן אז פאר זיי איז קיין פערבאָרגענעס נישטאָ.

די אידען האָבען פון די מצריים ארויסגעקראָגען זילבערנע און גאָלדערנע כלים, און פערשידענע קאָסטבארע שטיינער.

די מצריים האָבען זיי אלעס געגעבען וואָס זיי האָבען נאָר געבעטען.

— געהט שוין שנעלער ארויס פון מצרים! — האָבען זיי געשריען, אז נישט, וועלען מיר אלע אויסשטארבען.

ווען די אידען האָבען זיך פערזאָ־

מעלט אין גשן מיט זייער גאנצען פערמעגען, גרייט צו פערלאזען דאס לאנד וואו זיי זיינען געווען אזוי פיעל יאהרען פערשקלאפט, האבען זיי פון ווייטען בעמערקט זעהר פיעל מצריים אנקומען מיט אייזלען און קעמלען און מיט פיעל פעקלעך.

— מיר האבען געזעהן די גרויסע וואונדער פון אייער גאט, און יעצט ווילען מיר אויך ווערען אזוי ווי איהר. מיר ווילען פון דאנען ארויסגעהן און געהן דינען אייער גאט, און וואס עס וועט פאסירען מיט אייך וועט אויך מיט אונז פאסירען.

פיעלע פון די אידען זיינען געווען געגען דעם אריינצונעהמען דעם ערב־רב צווישען זיי.

נישט אלע פון אונז זיינען מצריים! — האבען זיי געענטפערט — מיר זיינען פון פערשידענע פעלקער און מיר האבען אויך פיעל געליטען פון די מצריים, ביז וואנען מיר האבען זיך מיט זיי צונויפגעמישט, אבער יעצט ווילען מיר זיך צונויפמישען מיט אייך.

— מיר קענען זיך מיט אייך ניט צונויפמישען — האט זיי משה געענטפערט — אבער אויב איהר ווילט מיטגעהן מיט אונז, ווילען מיר דאס פון אייך נישט פערמיידען. איהר וועט אבער דארפען לעבען אבגעזונדערט, ביז וואנען אזא צייט וועט קומען און איהר וועט אויסגעלייטערט ווערען, ערשט דאן וועט איהר קענען פעררעכענט ווערען צוזאמען מיט אונז אלס איין פאלק.

— מיר שטימען צו צו אלעם וואס דו זאגסט אונז! — האט דער פארשטעהער פון די פערשידענע שבטים געענטפערט — נאר לאזט אונז מיטגעהן מיט אייך. מיר ווילען דיענען צו דעם זעלבען גאט פון ישראל, וועלכער האט אזוי פיעל וואונדער בעוויזען אין מצרים.

משה האט דעם ערב רב געגעבען ערלויבנים מיטצוגעהן און דא האט זיך אנגעפאנגען די וואונדערבארע יציאת מצרים...

אין רעמסס האבען זיך אלע געהאט פערזאמעלט, און פון דארטען האבען זיי אנגעפאנגען זייער רייזע.

משה און אהרן זיינען געגאנגען פאראויס און נאך זיי זיינען געגאנגען א זעקס הונדערט טויזענד קעפיגע מחנה פון בעפרייטע שקלאפען. זיי זיינען איינגעטהיילט געווארען אין צוועלף שבטים מיט דעם שבט לוי פאראויס, האבען די איבעריגע נאכגעפאלגט.

מיט פרייד און געזאנג זיינען זיי געגאנגען. יעדע משפחה איז געווען צוזאמען. יעדער איינער איז געווען אנגעלאדען מיט פיעלע בהמות, גאלד און זילבער.

גליקליכער פון אלעמען איז געווען קרח... ער האט מיט זיך מיטגעפיהרט אזוי פיעל אוצרות... מעהר וועט ער זיך נישט דארפען שרעקען טאמער וועט זיך פרעה כאפען אז זיין שאץ־קאמער איז במעט אייסגעליידיגט געווארען... ער איז דער רייכסטער צווישען אלעמען. עס וועט שוין לאנג נישט דויערען און ער וועט קריגען גרויס כבוד. מען וועט זיכער דארפען אנקומען צו איהם און ער וועט שוין זעהן, אז דאס פאלק זאל איהם אפצאהלען מיט כבוד, ער וועט ווערען דערהויבען, און מעגליך אז ער וועט ווערען א פיהרער... איז ער דען ניט אזוי קלוג ווי אהרן? יעצט איז קרח געווען זעהר צופריעדען וואס זיין פרוי האט איהם געצוואונגען זיך אומצוקעהרען צו פרעה'ס שאץ־קאמער און פון דארטען ארויסנעהמען דעם אומשאצבארען האלזבאנד... ווען נישט עזובה וואלט אזא ווערטהפולע ציערונג יעצט פערבליבען מיט פרעה'ן.

— די וויסט מיין ווייב, — האט קרח זיך צו איהר געווענדעט, — אז ווען מיר וועלען שוין זיין אפגערייזט א דריי טעג פון מצרים, וועל איך דיר דאן ערלויבען אנצוטהאן דעם וואונדערבארען האלזבאנד וואס איך האב אוועקגענומען פון פרעה'ס שאץ־קאמער. יע, איך האב דיר צו פערדאנקען וואס דאס געפינט זיך

יעצט אין מיין רשות. דו וועסט עס אנטהאן און זאלען דיר אלע פרויען מקנא זיין.

— אה, קרח,—האט זיך עזובה אפגערופען—לאמיר עס נאך היינט אנטהאן —מיר וועלען זיך דאך באלד אפרוהען און די פרויען וועלען זיך פערזאמלען צו פייערען דעם יום טוב.

— ניין, עזובה, מיר זיינען נאך אין די גרעניצען פון מצרים און ווער ווייס אויב פרעה וועט נאך נישט חרטה האבען און אונז אלעמען אומקעהרען צוריק. און דאן וועל איך דאך זיין א פערלארענער.

— אונז אומקעהרען צוריק ?—האט עזובה געלאכט !—דאס וועט ער קיינמאל נישט טהאן. האסטו דען נישט בעמערקט ווי שטארק נייגיעריג אלע מצריים זיינען געווען מיר זאלען וואס שנעלער פערלאזען דאס לאנד. אה, ניין! דאס וועט שוין נישט געשעהן. מיר וועלען זיך שוין קיין מצרים קיינמאל ניט אומקעהרען.

— דאך וועט זיין א סך בעסער אויב דו וועסט צו ווארטען נאך איניגע טעג —האט קרח געזאגט—דו וועסט האבען גענוג צייט צו טראגען דעם האלזבאנד. ווי איך האב געהערט וועט אונז משה נישט פיהרען דורך דעם לאנד פון די פלשתים, ער האט זיך בעראטהען מיט אהרן און די זקנים און ער האט בעשלאסען, אז דאס לאנד פון פלשתים איז צו נאהענט, און אזוי ווי אונזערע ברידער זיינען אפגעווען שקלאפען אזוי פיעל יאהר און זיי זיינען נאך נישט געוואהנט קעמפפען, וועט זיין זעהר שווער פאר אונז אלעמען אריינגעשלעפט צו ווערען גלייך אין א מלחמה מיט די פלשתים, ווארום אויב מיר זאלען מאכען א פערזוך דורכצוגעהן זייער לאנד, וועלען זיי געווים ארויסגעהען מלחמה האלטען געגען אונז. און ווי עס איז בעוואוסט, זיינען די פלשתים זעהר שטארק און גוט געלערענט אין מלחמה. נו, וועסטו האבען גענוג צייט אנצוטהאן וויפיעל ציערונג דו פערמאגסט. מיר וועלען זיכער רוהען גאנץ אפט, וואכען לאנג און פיעל־לייכט אויך מאנאטען.

די זון האט געברענט און משה האט געגעבען א בעפעהל זיך אפצושטעלען. מען וועט דארפען באקען מצות, ווייל די טייג האט נאך נישט בעוויזען זויער צו ווערען, זיי זיינען דאך גאר פלוצלונג ארויסגעטריבען געווארען פון מצרים.

גלייך האבען די אלע פרויען, וועלכע האבען געהאט די אנגעזייערטע טייג. עס געוועלגערט און געמאכט גאנץ דינע מצות, און זיי האבען עס געלעגט געגען דער זון און עס איז געבאקען געווארען. אזוי האבען אלע אידען געבאקען און געגעסען מצות.

לאנג האבען זיי נישט גערוהט, באלד האט משה געגעבען א סיגנאל צו אהרן, און אהרן האט דריי מאל אפגעקלאפט אויף א הילכיגען און קלינגענדיגען מעטאל. און ווען צוועלף פערשיעדענע קלאנגען האבען אפגעהילכט אין דער לופט, האט משה געוואוסט, אז אלע זיינען געגרייט פארטצוזעצטען זייער רייזע.

באלד אבער איז געווארען א טומעל, וואס איז געקומען אין דער זייט וואו דער שבט אפרים איז געקומען.

— וואס איז דאס דער געשריי וואס קומט פון דארטען — האט משה געפרעגט.

— אימיצער האט פעריאגט דריי מענשען פון דעם ערב רב, וועלכע זיינען מיט אונז מיטגעגאנגען ! — האט מען משה'ן דערצעהלט.

— ווער האט עס געוואגט צו טהאן?
—האט משה אויסגערופען מיט כעס.

— יהושע דער זוהן פון נון, וועלכער שטאמט פון שבט אפרים—האט עס געטהאן.

— זאל ער צוקומען צו מיר !—האט משה אויסגערופען.

אין א ווייל ארום איז יהושע געשטאנען בעפאר משה'ן.

יהושע איז געווען הויך און פעסט געבויט. ער האט אויסגעקוקט גאנץ יונג פול מיט מוטה און ענערגיע. ווען ער איז

צוגעקומען נאהענט צו משה'ן, האט ער זיך פארנייגט פאר איהם.

— איז דאס אמת, וואס מען האט מיר איבערגעגעבען, אז דו האסט נאר וואס ארויסגעטריבען דריי פון דעם ערב רב? —דאט איהם משה געפרעגט.

— יע, מיין הארר! —האט יהושע געענטפערט.

— און וואוהין האסטו זיי פארטריבען?

— צוריק נאך מצרים.

— ווי אזוי האסטו עס געטהאן אזא זאך? —האט משה אויסגערופען—ווייסטו דען ניט, אז איך האב זיי אלעמען ערלויבט מיטצוגעהן מיט אונז... זיי האבען דאך ערקלעהרט, אז זיי ווילען דינען צו אונזער גאט, און ווייסט דען ניט אז א פרעמדער דארף מען בעהאנדלען אזוי גוט ווי אן אייגענעם, ווייל ווער נאך ווי מיר אידען ווייסען דעם ביטערען טעם פון צו זיין פרעמדע... האבען מיר דען נישט גענוג געליטען פאר דעם! דו האסט זיך בענארישט מיין זוהן, ווען דו האפסט אזוי שנעל ווי דו אליין ביזט בעפרייט געווארען, שוין גענומען אונטערדריקען די שוואכערע און הילפלאזע. שנעל לויף און קעהר זיי אום צוריק אין לאגער.

— מיין הארר! —האט יהושע זיך ווידער א נייג געטהאן פאר משה'ן—נישט פון שלעכטעס האב איך עס געטהאן, אבער איך האב איינגעזעהן, אז די דריי וועלען אונז אלעמען פערוארזאכען א סך צרות. מיר האבען נישט בעוויזען אפצוכאפען דעם אטהעם, און איך האב שוין געהערט, ווי די דריי לאכען און שפאטען פון אונזער פאלק. איך האב געהערט ווי איינער האט געזאגט: "אויב אזוינע ברויט ווי די מצות וועלען מיר דארפען עסען די גאנצע צייט, וואלט שוין געווען א סך גלייכער פאר אונז ווען מיר קעהרען זיך אום צוריק אין מצרים. א צווייטער איז שטארק אומצופריעדען געווארען ווען ער האט אויסגעפונען, אז מיר געהן וואנדערען דורכ'ן מדבר... מיר טאהרען זיך נישט לאזען פערפיהרען פון זיי—האב איך געהערט ווי ער רעדט צו עטליכע אידען, און א דריטער האט געלעסטערט אונזער גאט און האט געזאגט אז מיר אידען זיינען א שוואך פאלק און מיר וועלען נישט קענען ביישטעהן די פעלקער פון כנען.—ווען איך האב דאס דערהערט, האב איך גלייך איינגעזעהן, אז זיי טארען צווישען אונזערע מחנות נישט פערבלייבען, ווייל זיי וועלען פעראורזאכען זעהר פיעל צרות. זיי וועלען ווייך מאכען די הערצער פון פיעלע אנדערע און דעריבער האב איך זיי געזאגט, אז די בעסטע זאך וואלט פאר זיי געווען, ווען זיי קעהרען זיך אום צוריק אין מצרים. ווי עס ווייזט אבער אוים זיינען מיינע רייד זיי שטארק נישט געפעהלען געווארען און זיי האבען אויפגעהויבען זייערע הענט מיך צו שלאגען.

— זיי האבען דיך געוואלט שלאגען? —האט משה געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— יע, מיין הארר! —האט יהושע געענטפערט—זיי האבען ארויסגעוויזען זעהר פיעל חוצפה און זיי האבען מיך געוואלט בעפאלען און שלאגען... איך האב זיי אבער באלד געצייגט די מאכט פון מיין האנט. און ווען זיי האבען געזעהן, אז זיי קענען זיך נישט פערמעסטען אין כוחות מיט מיר, האבען זיי געוואלט אויפרייצען די איבעריגע. און דעריבער האב איך זיי גלייך געהייסען געהן צוריק נאך מצרים, און ווען זיי האבען געצעגערט האב איך זיי מיט געוואלט פון לאגער ארויסגעשטופט, איך האב זיי ערלויבט צו נעהמען זייער פעקלעך און זיי געווארנט, אז זיי מוזען גלייך געהן צוריק נאך מצרים... זיי האבען זיך ווייזט אוים גאנץ גוט דערשראקען און מיטנעהמענדיג זייערע פעקלעך האבען זיי געשאלטען און געזידלט מיין הארר און אלע איבעריגע אידען. און יעצט מיין הארר משה אויב איך האב בעגאנגען אן אומרעכט, וועל איך שנעל לויפען און זיי צוריקקעהרען!

— ניין! מיין זוהן! — האט משה זיך אפגערופען, דו בלייבסט מיט מיר! געבענשט זיי צו גאט, ווייל דו האסט גע־

טהאָן א ריכטיגע זאך ! דו האָסט גלייך געקענט זעהן אז ניט מיט אזעלכע מענשען קענען מיר ערדייכען אונזער ציעל. יע, ווען זיי וואָלטען פארבליבען מיט אונז וואָלטען זיי פיעלע שלעכטעס געטהאָן... יעצט זעה איך אז דו ביזט א בראווער מאן, גאָט האָט דיר געבענשט מיט כח און פארשטאַנד און פון יעצט אָן און ווייטער, וועסטו זיין מיט מיר. ביזטו צופריעדען ?

— יע, מיין האר ! — האָט יהושע אויסגערופען מיט א לייכטענדען פנים — איך וועל זיין גליקליך, אויב דו וועסט מיר ערלויבען צו זיין דיין משרת!

— יע, דו וועסט זיך שטענדיג געפינען נעבען מיר, און איך וועל דיר לערנען די וועגען פון אונזער גאָט און דו וועסט אויך לערנען ווי אזוי זיך צו בעגעהען מיט'ן פאָלק. יע, אזעלכע העלדען און געטרייע, איבערגעגעבענע אידען, דארף איך האָבען.

—איך האָב געפונען גנאדע אין דיינע אויגען מיין האר ! — האָט יהושע געזאָגט — און יעצט וועל איך געהן אָנזאָגען מיין פאָטער און מוטער וועגען דעם גרויסען כבוד וואס מיין האר טהוט מיר אָן.

— געה מיין זוהן און קום באלד צוריק — האָט משה איהם געזאָגט.

נון און זיין פרוי האָבען מיט ציטערענדע הערצער געווארט אויף זייער זוהן'ס צוריקקעהר. ווען מען האָט זיי איבערגעגעבען אז משה האָט זיך דערוואוסט וואס יהושע האָט געטהאָן צו די דריי מענשען פון דעם ערב רב, אז ער האָט זיי אויף זיין אייגענעם חשבון פערטריבען פון דעם אידישען לאַגער, האָבען זיי זיך געשראָקען אז משה וועט איהם דערפאר שטארק בעשטראָפען.

— איך האָב איהם אָבער געזאָגט, ער זאָל אויף זיך ניט נעהמען אזא פעראנטווארטליכקייט — האָט יהושע'ס מוטער זיך אָפגערופען צו נון'ען, איהר מאן— הונדערטע אידען האָבען געהערט און געזעהען וואס די דריי אומווירדיגע מענשען האָבען גערעדט און געטהאָן און קיינער האָט זיך ניט ארייגעמישט, בלויז אונזער איינציגער זוהן, יהושע ! יעצט וועט ער זיין שטראָף בעקומען. פיעללייכט וואָלסטו אויך מיטגעגאנגען, נון, און געבעטען משה'ן ער זאָל איהם מוחל זיין... זאָג איהם, ער איז נאָך גאנץ יונג, זיין יונגע בלוט האָט אין איהם אויפגעברויזט און ער האָט זיך פארלאָרען און ניט געוואוסט וואס ער טהוט.

— ער האָט זיך בענארישט און זאָל ער זיין שטראָף בעקומען ! — האָט נון געזאָגט — האָב איך איהם דען ניט געזאָגט ער זאָל זיי צו רוה לאָזען.

— דו מוזט אָבער געהן צו משה'ן און זעהן אמווייניגסטען אז ער זאָל פערגרינגערען זיין שטראָף ! — האָט זי צו איהם געזאָגט — איז דען ניט יהושע אונזער איינציגער זוהן ?

— גוט, איך וועל געהן צו משה'ן, אָבער איך צווייפעל אויב איך וועל עפּעס קענען טאָהן פאר יהושע'ן. ער האָט שטארק געזינדיגט געגען משה'ן... אויב דער ערב רב האָט געקראָגען ערלויבניס פון משה'ן מיטצוגעהן מיט אונז, האָט יהושע קיין רעכט ניט געהאט זיי פון אונזער לאַגער צו פערטרייבען.

נון איז אוועק געגאנגען צו משה'ן מיט א קלאַפּענדע הארץ.

יהושע האָט שוין געהאלטען ביים פערלאָזען משה'ן, ווי ער האָט פון דערווייטען דערזעהען זיין פאָטער אָנקומענדיג. ער איז געבליעבען שטעהן אויף זיין פלאַץ.

— מיין פאָטער קומט אָן ! האָט יהושע אויסגערופען.

— געה איהם אנטקעגען און קום מיט איהם צו איך וויל אויך דיין פאָטער זאָל קומען.

יהושע איז איהם אנטקעגען געגאנגען און זיך אָפּגערופען :

— פאָטער, אונזער האר משה וויל דיך זעהן !

— איך ווייס מיין זוהן, דו האָסט שוין אויף אונז אלעמען געבראכט א צרה ! איך און דיין מוטער ווילען צוליעב דיין נארישקייט אויך מוזען ליידען !

— אָבער פּאָטער, דו פאַרשטעהסט נישט, משה וויל דיך זעהן צוליעב...

— איך פאַרשטעה שוין גאַנץ גוט ! — האָט נון איהם אונטערבראַכען. אָבער זיי שווין שטיל, מיר זיינען דאָך שוין גאַנץ נאָהענט צו משה'ן.

— דער איז מיין פּאָטער, נון ! — האָט יהושע איהם פאַרגעשטעלט פאַר משה'ן.

— זיי געבענשט צו גאָט, נון ! — האָט משה אויסגערופען. יע, אונזער פּאָטער אין הימעל האָט דיר שוין געבענשט מיט א בראַווען עהרליכען זוהן, און איך בין זיכער אז דאס גאַנצע אידישע פאָלק וועט נאָך אַמאָל זיין זעהר שטאָלץ מיט יהושע'ן... איך זעה אז ער בעזיצט העלדישקייט צוזאַמען מיט די אנדערע אייגענשאַפטען, וואָס א פיהרער דאַרף האָבען צו פיהרען מלחמה געגען אזוי פיעל שונאים. נון, איז געבליעבען שטעהן בעוועגלאַז און האָט מיט גרויס ערשטוינונג געקוקט אויף משה'ן.

— ווי איך האָב אויסגעפונען וואָס דיין זוהן האָט געטהאָן צו די דריי אומווירדיגע מענשען, ווי אזוי ער האָט זיי פאַרטריבען פון ישראל, האָב איך איינגעזעהן אז ער איז דער מאַן וועלכער וועט קענען א סך אויפטהאָן פאַר אונזער פאָלק און דעריבער וועל איך דיר בעטען, דו זאָלסט איהם ערלויבען צו זיין מיט מיר, די גאַנצע צייט פון אונזער וואַנדערען דורך דעם מדבר. איך וועל איהם לערנען און אָנצייגען דעם ריכטיגען וועג.

— מיין האר ! — האָט זיך נון פאַרנייגט פאַר משה'ן און זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט פון שמחה — איך און מיין זוהן האָבען אזא כבוד ניט פאַרדינט !

— אויב גאָט האָט דיר בעשאָנקען מיט אזא זוהן ווי יהושע איז, ביזטו עס געווים ווערטה ! האָט משה איהם געזאָגט.

— איך דאַנק דיר, מיין האר ! — האָט נון זיך ווידער א נייג געטהאָן — יעצט וועל איך געהן אָנזאָגען די פרעהליכע נייעס צו מיין פרוי, יהושע'ס מוטער, ווייל זי איז זעהר שטאַרק בעזאָרגט. זי האָט געמיינט אז דער האר משה וועט אונזער זוהן בעשטראַפען פאַר דעם וואָס ער האָט געטהאָן.

— איך וועל מיט דיר מיטגעהן, פּאָטער — האָט יהושע זיך אָפּגערופען.

— אָה, ניין מיין זוהן, דו פערבלייב דאָ מיט דעם געטליכען מאַן, און איך און דיין מוטער וועלען צוקומען צו דיר — האָט נון געזאָגט.

— טהו דיין פּאָטער'ס פאַרלאַנג און פערבלייב דאָ מיט מיר, און זאָל דיין מוטער און פּאָטער קומען אהער דיך זעהן — האָט משה איהם געזאָגט.

נון איז אוועקגעגאַנגען און א ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט זיין פרוי.

— מיין זוהן !—איז זי איהם געפאַלען אויף'ן האַלדז — געלויבט איז גאָט וואָס דו האָסט געפונען חן אין משה'ס אויגען. דו זאָלסט ברענגען גרויסע נוצען פאַר אונזער פאָלק.

יהושע האָט זיין מוטער פאַרגעשטעלט פאַר משה'ן און משה האָט איהר געבענשט.

זינט דאַן איז יהושע פאַרבליבען מיט משה'ן. ער האָט איהם באַדיענט און אין דער זעלבער צייט האָט ער פון איהם געלערענט זעהר פיעל.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

די לעצטע מפּלה

די ערשטע עטליכע טעג זיינען די מצריים געווען שטאַרק פאַרנומען מיט'ן באַגראָבען זייערע מתים. זייערע הערצער זיינען נאָך געווען פאַרביטערט איבער זייערע גאַנץ נאָהענטע, וועלכע זיינען אויסגעשטאָרבען. זיי זיינען ארומגעגאַנגען ווי פאַרווירטע און צעקלעמטע.

פּרעה אליין איז אויך געווען אזוי שטאַרק צעשראָקען און צעטומעלט פון דער לעצטער געשעהעניש, אז ער האָט בעת מעשה נישט באַגריפען, וואָס ער האָט געטהאָן.

ווען די געמיטהער פון פרעה'ן און זיינע קנעכט האָבען זיך גענומען בארוהיגען, דאן האָבען זיי גענומען א טראכט טהאָן, וואָס זיי האָבען געטהאָן.

פרעה האָט צוזאַמענגערופען אלע זיינע מיניסטאָרען, חרטומים און מכשפים און זיי האָבען צוזאַמען גענומען באַטראַכטען די גאַנצע לאַגע.

— וואָס איז אייער מיינונג? — האָט פרעה זיך אָפּגערופען. — ווילען די אידישע שקלאַפען זיך אומקעהרען נאָכדעם ווי זיי וועלען פארטיג ווערען מיט דער פייערונג פון זייער יום־טוב צו זייער גאָט?

— איך צווייפעל אין דעם! — האָט דער הויפּט מיניסטער פרעה'ן געענטפערט. — משה וועט זיכער נישט דערלאָזען זיי זאָלען זיך אומקעהרען.

— און מיר וועלען דארפען זיין צופרידען, וואָס מיר זיינען פון זיין פּטור געוואָרען! — האָט זיך א צווייטער מיניסטער אָפּגערופען. — ווען די אידען וואָלטען פארבליבען מיט אונז בלויז נאָך א קליינע ווײַלע, וואָלט אונזער גאַנץ לאַנד חרוב געוואָרען!

— איך גלויב, אז זיי וועלען זיך שוין מעהר נישט אומקעהרען, — האָט דער הויפּט פון די חרטומים געזאָגט. — משה האָט געארבייט די גאַנצע צייט צו באַפרייען זיין פאָלק פון שקלאַפעריי. און ווי איך פארשטעה, וועט ער זיי פיהרען צו דעם לאַנד פון זייערע אבות, צו דעם לאַנד פון כנען

— און איך בין זיכער, אז זיי וועלען זיך נאָך אומקעהרען. מיר דארפען ניט פארגעסען, אז די אידען זיינען אין אונזער לאַנד אזוי פיעל יאָהרען און ווען מען ווערט צוגעוואוינט צו א לאַנד, איז זיך שווער פון דאָרטען אָפּצורייסען.

— ווען זיי וואָלטען געהאַט אין זינען צוריקצוקעהרען זיך אין מצרים, — האָט דער הויפּט פון די פּריסטער געזאָגט, — וואָלטען זיי נישט מיטגענומען דעם ארון מיט יוסף'ן, זייער עלטער זיידע, פון דאַנען. מיר האָט מען דערצעהלט, אז איידער יוסף איז געשטאָרבען, האָט ער באשוואוירען זיינע ברידער, אז זיי זאָלען באַשווערען זייערע קינדער, דאָס ווען זייער גאָט וועט זיך אָן זיי דערמאָנען און זיי פון דאַנען ארויסנעהמען, זאָלען זיי מיטנעהמען אויך זיינע ביינער און איהם באַגראָבען אין דעם לאַנד פון זייערע אבות. איז דען דאָס נישט קיין גוטער סימן?

— יע, ווי עס ווייזט אויס, האָט משה אונז אָפּגענאַרט! — האָט פרעה אויסגערופען. — ער האָט געזאָגט, אז זיי ווילען בלויז געהן פייערען א יום טוב צו זייער גאָט און יעצט, ווען איך האָב זיי דיעזע ערלויבניש געגעבען, וועלען זיי זיך שוין מעהר נישט אומקעהרען!

— גנעדיגער קעניג! — האָט דער הויפּט פון די חרטומים געזאָגט. — מיר האָבען אלע געוואוסט, אז זיי, די אידען, האָבען נישט אין זינען זיך צוריקצוקעהרען און פונדעסטוועגען האָט זיי דער קעניג ארויסגעלאָזען, לויט ווי משה האָט פארלאַנגט, אז אלע זאָלען מיטגעהן מיט זיי און מיר זיינע געווען אין גשן און מיר קענען באריכטען דעם קעניג, אז זיי האָבען אלעס מיטגענומען מיט זיך. עס איז פון זיי קיין זכר נישט פארבליבען און מיר דאַכט זיך, א ווען זיי וואָלטען געקענט מיטנעהמען זייערע הייזער, וואָלטען זיי דאָס אויך געטהאָן.

— עס וועט זיין זעהר א גרויסער שאַדען, אויב מיר וועלען אלע אידישע שקלאַפען פארלירען, — האָט א צווייטער מיניסטער זיך אָפּגערופען. — זיי האָבען פיעל נוצען געבראַכט אונזער לאַנד. פאַר פיעל יאָהרען האָט יעדער מצרי געהאַט אן אומזיסטען שקלאַף. און ווען מיר באַטראַכטען די וואונדערבאַרע געביידעס, וואָס זיי האָבען געבויט פאַר אונז, ווערט נאָך אונזער שאַדען שטאַרקער.

— און מיין פערזענליכער שאַדען איז גאַר גרויס, — האָט איינער פון די חרטומים זיך אָפּגערופען. — איך האָב אנטליהען דאָס גאַנצע ציערונג, וואָס איך און מיין פרוי האָבען פארמאָגט, צו איינעם פון די אידען. עס איז געווען אלץ

וואָס איך האָב פארמאָגט און יעצט, אויב זיי וועלען זיך נישט אומקעהרען, וועל איך דאַרפען ליידען.

— דו ביזט נישט דער איינציגער !

— האָט איהם א צווייטער געענטפערט.

— ביי מיר האָט מען אויך אוועקגעליהען אלץ, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געהאט אָנגעזאמעלט.

— און ביי מיר אויך ! — האָט א דריטער אויסגערופען.

— און מיינע ציערונג האָב איך אנטליהען צו א אידען !

— איך אויך !

אזוי האָבען אלע אנוועזענדע אין פּרעה'ס פּאַלאַץ דערצעהלט, אז די אידען האָבען ביי זיי אויסגענארט די גאַנצע ציערונג.

— ווער האָט אייך געהייסען זיין נאַראָנים ? ! — האָט דער הויפּט מיניסטער אויסגערופען מיט שטאָלץ. — איך האָב גאָרנישט געגעבען, דעריבער איז ביי מיר פארבליבען מיין גאַנצע רייכטום. עס זיינען ביי מיר עטליכע געוועזען און געבעטען איך זאָל זיי אויסבאָרגען די ציערונג, די גאָלד און זילבער פון מיין הויז, אָבער איך האָב זיי ענטזאגט. וואָס דען, אזא נאַר וועל איך זיין ? פריהער האָב איך דורך זיי, דורך די אידישע שקלאַפען, אָנגעזאמעלט א גרויס רייכטום און יעצט זאָל איך זיי דאָס צוריקגעבען ? ניין, אזא נאַר בין איך ניט !

— געלויבט זיינען די געטער ! וואָס מיינע אוצרות זיינען נישט געריהרט געוואָרען ! — האָט פּרעה אויסגערופען מיט פרייד. — צו מיין גרויסער צופריעדענהייט וויים איך, אז איך האָב פון מיינע אידישע שקלאַפען א סך גאָלד און ציערונג ארויסגעצויגען. ביי יעדער געלעגענהייט פלעג איך אויף זיי ארויפלייגען גרויסע צינזען. איך האָב אָנגעזאמעלט זעהר פיעל גאָלד און דאָס אלץ געפינט זיך אין א זיכערען פּלאַץ, אין דער שאַץ־קאַמער, וואָס איינער פון די אידישע ארכיטעקטען האָט געמאַכט אזוי אז עס איז אונמעגליך, אז אימיצער זאָל אהין קענען צוקומען. און אויב זיי וועלען זיך נישט אומקעהרען, וועל איך זיך אמוועניגסטען קענען טרייסטען מיט דער גרויסען רייכטום, וואָס איז מיר פארבליבען פון די אידען .

א לייב וועכטער איז פּלוצלונג אריינגעקומען און געמאָלדען פּרעה'ן, אז די פרוי פון הויפּט מיניסטער זוכט ערלויבניש אריינצוקומען אין פּאַלאַץ.

— זאָל זי באַלד אריינקומען ! — האָט פּרעה באַפוילען.

דעם הויפּט מיניסטער'ס פרוי איז אריינגעקומען און זיך פארנייגט פאַר דעם קעניג. זי איז געוועזען זעהר אויפגערעגט און צעשראָקען. זי האָט קוים געקענט אָפּכאַפּען דעם אָטעם.

איהר מאַן איז צו איהר צוגעגאַנגען און אָננעהמענדיג זי פאַר איהר האַנט, האָט ער זי צוגעפיהרט צו זיין שטול.

— וואָס האָט פּאַסירט ? — האָט פּרעה זי געפרעגט, ווען זי איז עטוואָס צו זיך געקומען.

— דריי פון די מצריים, וועלכע זיינען פריהער מיטגעגאַנגען מיט די אידען, האָבען זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט און זיי זיינען באַלד אריין צו מיר אין הויז. זיי האָבען געדענקט, אז זיי וועלען טרעפען פּרעה'ס הויפּט מיניסטער, וועלען זיי איהם אָפּגעבען א באַריכט פון די אידען. אָבער ווען זיי האָבען מיין מאַן ניט געפונען, האָב איך זיי שטאַרק געבעטען, זיי זאָלען מיר דערצעהלען און וואָס איך האָב געהערט, האָט מיך אזוי אויפגערעגט און צעטומעלט, אז איך האָב באַשלאָסען צו קומען אהער און דערצעהלען דעם קעניג. און איך האָף, אז פּרעה און זיינע מיניסטאָרען וועלען מיר מוחל זיין פאַר מיין שטערען די רוה פון פּאַלאַץ.

— דערצעהל וואָס דו האָסט געהערט פון די דריי צוריקגעקומענע ! — האָט פּרעה איהר געהייסען, — וויאַזוי האָב אויסגעפונען, זיינען זעהר פיעל פון אונזערע מיטגעגאַנגען מיט די שקלאַפען און בלויז דריי האָבען זיך צוריקגעקעהרט !

— די מעהרסטע פון די, וועלכע זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט די אי־

דען, זיינען נישט קיין עכטע מצריים!

— האט דער הויפט מיניסטער געזאגט.

— און פרעה דארף זיך שטארק נישט נעהמען צום הארצען, וואס זיי האבען פארלאזען מצרים. דער פארלוסט איז א סך קלענער ווי עס וועט זיין דער פארלוסט, ווען אונזערע שקלאפען וועלען זיך נישט אומקעהרען.

— אט דאס בין איך געקומען אנזאגען! — האט די פרוי מיט א היסטערישער שטימע אויסגערופען. — די דריי צוריקגעקומענע האבען באריכטעט, אז די אידען זיינען אינגאנצען אנטלאפען פון מצרים און זיי האבען נישט בדעה קיינמאל נישט אומצוקעהרען זיך קיין מצרים! אה, מעכטיגע אזירים! העלף אונז!

— פאר אונז איז עס גאר קיין איבערראשונג נישט! — האט דער הויפט מיניסטער געזוכט צו בארוהיגען זיין פרוי. — דער פארלוסט איז זעהר גרויס פאר אונזער לאנד, און איבערהויפט פאר די, וועלכע האבען די אידען אויסגעליהען זייער גאנצע ציערונג....

דער הויפט מיניסטער האט אומגעדרעהט זיין קאפ און געווארפען זיינע בליקען אויף די איבעריגע פארזאמעלטע און צוגעגעבען:

— זעהסטו מיין פרוי, אט זיי אלע האבען נאך מעהר וואס צו זארגען ווי מיר! יעדער פון זיי האט אוועקגעליהען דאס גאנצע ציערונג און גאלד צו די אידען און יעצט וועלען זיי דאס אלעס פארלירען. אבער געלויבט זיינען די געטער פון מצרים! מיר האבען זיך נישט באנארישט.

— וואס רעדסטו? — האט זיין פרוי אויסגערופען. — מיר האבען זיך נישט באנארישט?! אה, אזירים! העלף מיר! די גאנצע ציערונג און דאס גאלד מיט אלע קאסטבארע שטיינער האב איך אנטליהען צו די אידען, וועלכע זיינען צו מיר געקומען בעטען ליהען די ציערונג.

דעם הויפט מיניסטער האט אנגעהוי־בען שווינדלען פאר די אויגען. זיינע קניה האבען זיך גענומען בויגען.

— איך האב אויך מיין גאנץ רייכטום פארלוירען! אה, ווי אזוי האסטו עס געקענט טהאן אזא זאך!? ווי אזוי האסטו זיך אזוי באנארישט?! און איך בין ביז יעצט געווען ביי זיך אזוי שטאלץ אז די אידישע שקלאפען האבען פון מיר גארנישט ארויסגעקראגען.

— וואס האב איך געקענט טהאן? — האט זי אויסגעבראכען אין א געוויין. — אייניגע פון די אידישע שקלאפען זיינען געקומען צו מיר אין דער צייט, ווען מיר זיינען געווען אזוי צושראקען און צעטומעלט. אונזער ערשט געבוירענער זוהן איז געלעגען א טויטער פאר מיינע אויגען. מיר האבען אלע געוואלט וואס שנעלער פטור ווערען פון די אידען. און דא קומען אריין עטליכע אידען און בעטען איך זאל זיי אויסבארגען מיין ציערונג... צום אנפאנג האב איך געוואלט לייקענען, אז איך האב נישט קיין ציערונג.

— און פארוואס האסטו עס טאקי נישט געטהאן! — האט דער הויפט־מיניסטער געזאגט צו זיין פרוי.

— איך האב געלייקענט אז איך האב ציערונג אבער צו מיין גרויס ערשטוינונג, האבען די אידען געוואוסט וועגען יעדער שטיקעל ציערונג, און זיי האבען אפילו געוואוסט דעם פלאץ וואו די ציערונג געפינט זיך. איך בין געווען אזוי צושראקען און צוטומעלט אז איך האב זייער ביטע נישט געקענט אנטזאגען. אבער איך האב דאך פארצייכענט די נעמען און וואס יעדער פון זיי האט ביי מיר גענומען, ווען זיי וועלען זיך אומקעהרען, וואלט איך שוין פון זיי ארויסגעקראגען יעדע זאך וואס איך האב זיי געגעבען. אבער יעצט, לויט ווי די דריי אנטלאפענע פון זיי דערצעהלען, האבען די ישראלים גאר ניט אין זינען זיך אומצוקעהרען. אויב די אידען וועלען זיך טאקע נישט אומקעהרען, דאן זיינען מיר אין גאנצען פארארימט געווארען. ווייל אונזער גאנצען

פערמעגען האב איך זיי אפגעגעבען. אח, ווי אומגליקליך איך בין, מיין ערשט געבארענער זוהן איז טויט, מיין גאלד און זילבער איז פון אונז אין גאנצען אוועקגענומען געווארען. א, אזירים, העלף מיר!

דער הויפט מיניסטער האט ארונטערגעלאזען זיין קאפ אין פערצווייפלונג.

— וועלען מיר דען לאזען די אידען זיי זאלען אנטלויפען מיט אונזער גאנצען רייכטום! — האט ער זיך אפגערופען צו פרעה'ן נאך א קליינע פויזע—אונזער גאנצע לאנד איז דאך פארארימט געווארען דורך דעם.

— א ווילע פריהער האסטו געלאכט פון די איבעריגע וועלכע האבען דערצעהלט אז זייער געלט און ציערונג איז אויסגעבארגט געווארען ביי די אידען— האט זיך פרעה אפגערופען—דו האסט מיט שטאלץ געזאגט אז בלויז נאראנים קענען טהאן אזא זאך און דעריבער האסטו נישט געראטען זיך אנצופאנגען ווידער אמאל מיט די אידען, און יעצט אז דו האסט אויסגעפונען אז דיין רייכטום איז אויך אוועקגענומען געווארען זאגסטו שוין מעהר נישט, אז די וועלכע האבען די אידען אפגעגעבען זייער גאלד און זילבער זיינען נאראנים! יעצט איז ביי מיר רעכט צו געהן און קעמפען מיט די אידען ביז וואנען מיר וועלען זיי צוריקברייגען! אבער איך מעג נאך אלץ זאגען אז די וועלכע האבען זיך געלאזט פארנארען און האבען אפגעגעבען די אידען בעזיצען נארישע און פוסטע קעפ און זיי וועלען דארפען ליידען.

— אבער מיין האר קעניג! — האט זיך איינער פון די חרטומים אפגערופען מיר זיינען געווען אין אזא לאגע אז עס איז פאר אונז אונמעגליך געווען זיי צו ענטזאגען. זיי האבען געוואוסט וועגען יעדער שטיקעל ציערונג בעזונדער, דעם ריכטיגען פלאץ, אז עס איז פאר אונז געווען אונמעגליך זיי צו ענטזאגען.

— וואס יעדער איינער פון אייך, מיינע קנעכט, וואלט געדארפט האבען איז אזא שאץ־קאמער ווי איך האב, וואו קיינער זאל נישט קענען צוקומען, וואלטען די אידען נישט געוואוסט קיין חשבון פון זייער רייכטום, און איהר וואלט נאך יעצט אויך געווען רייך. בין איך דען נישט געווען אזוי צוטומעלט און צושראקען ווי יעדער פון אייך, האב איך דען נישט פארלארען מיין ערשט געבארענעם זוהן, און דערצו בין איך נאך אליין אויך געווען א בכור. פון דעסטוועגען האב איך זיך נישט פערלארען, איך האב פון מיינע אוצרות קיינעם נישט געגעבען וואס איז ווערטה א שנירעל. משה און אהרן האבען אפילו נישט געוואגט צו דערמאהנען איך זאל ווי אויסבארגען ציערונג פון מיינ[ע] אוצרות. און ווער נאך ווי איהר אל[ע] ווייסט אז כמעט דאס גאנצע רייכטום וואס עס געפינט זיך אין מיין שאץ־קאמער האט בעלאנגט צו די אידען. יע, דאס גאנצע גאלד און קאסטבארע שטיינער, אלעס האב איך ארויסגעקראגען פון די אידען. אויסער איינע קאסטבארע ציערונג, דעם וואונדערבארען האלזבאנד וואס איך האב ארויסגעקראגען פון דעם קעניג פון חתים.

— איז דאס דער האלזבאנד וואס בלעם האט געמאכט א פערזוך איהם אוועקצו'גנב'ענען? — האט דער הויפט מיניסטער זיך אפגערופען.

— יע, דיזען האלזבאנד מיין איך. ער איז שוין געווען אין זיין רשות, אבער איך האב זיך געכאפט אין צייט און קיינעם איז דאן גארנישט איינגעפאלען אז מיין דאמאלסדיגער הויפט מיניסטער זאל זיין פעהיג אויף אזא זאך. אבער מיר קען מען נישט נארען, דעם האלזבאנד האט מען ביי איהם אין קארעטע געפונען. און טאקע צוליעב דעם ביזטו יעצט מיין הויפט מיניסטער!

—האט זיך פרעה צ[ו] איהם אפגערופען מיט א שמייכעל—איך מוז צוגעבען אז שכל און פערשטאנד האט בלעם געהאט מעהר פון [מ]יר.

— אבער דערפאר מיין האר קעניג, איז מיין מאן עהרליכער פון בלעם'ן!

—האט זיך דעם הויפט מיניסטער'ס פרוי פערנייגט,—מיין מאן וואלט קיינמאל אזא זאך נישט געטהאן ווי אוועקצו'גנב'ענען אזא טייערע ציערונג.

— ווען דו וואלסט געזעהן דעם האלזבאנד וואלסטו נישט געווען אזוי זיכער! — האט פרעה צו איהר געזאגט האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט —ווער עס דערזעהט איהם נאר, מוז איהם געלוסטען, און נישט יעדער וואלט זיך געקענט בעהערשען ווען די געלעגענהייט וואלט געקומען. יעדעס מאל וואס איך קום אריין אין מיין שאצ־קאמער בעטראכט איך דיזע וואונדערבארע ציערונג און איך דאנק די געטער וואס איך בין דער אייגענטימער פון אזא זעלטענעם אוצר! איך קען זאגען אז איך בין דער רייכסטער קעניג פון אלע אנדערע קעניגע, ווייל א חוץ דיזען אויסערגעוועהנליכען האלזבאנד בעזיץ איך נאך פיעל אנדערע קאסטבארע שטיינער און טייערע ציערונג, און קיינער קען זיי פון מיר נישט אוועקנעהמען.

— נישט אפילו די ישראלים! — האט דער הויפט מיניסטער צוגעגעבען. —מיט עטליכע טעג צוריק בין איך אויך געווען גאנץ רייך און יעצט פערמאג איך גאר נישט אויסער מיין פערשטאנד.

— און דאס איז אויך גאר נישט ווערטה! — האט פרעה א שפאס געטהאן.

אלע אין פאלאץ האבען געלאכט פון פרעה'ס שפאס.

— פונדעסטוועגען וואלטען מיר זיך געדארפט בעראטען וואס צו טהאן. עס איז דאך כמעט נישטא קיינער אין גאנצען לאנד מצריה פון וועמען די ישראלים האבען נישט אוועקגענומען זיין גאנצען פערמעגען—האט דער הויפט מיניסטער געזאגט.

— איך בין זיך יעצט מודה—האט דער הויפט פריעסטער זיך אפגערופען אז אויך איך בין געשטרויכעלט געוואָרען. אין דער צייט ווען די טוידטע פון מיין הויז געזינד זיינען געלעגען פאר מיינע אויגען און איך בין געלאפען אין טעמפעל פון אזירים מתפלל צו זיין, זיינען מיר ענטקעגען געקומען צוויי אידען, און האבען מיך געבעטען איך זאל זיי אנטלייהען א ביסעל ציערונג פון דעם טעמפעל ביז איבער זייער יום טוב און ווען זיי האבען מיר געזאגט דעם פלאץ וואו די ציערונג געפינט זיך האב איך שוין קיין הארץ נישט געהאט זיי צו ענטזאגען. איך האב זיי אנגעזאגט אז ווי נאר זיי וועלען זיך צוריקקעהרען, זאלען זיי מיר עס באלד אפבריינגען, און יעצט, אויב זיי פלאנעווען צו אנטלויפען אין גאנצען פון מצרים, וועט דער טעמפעל פון אזירים אויך דערפון ליידען!

— דו האסט געוויס קיין רעכט ניט געהאט אוועקצוגעבען די ציערונג פון טעמפעל! — האט פרעה איהם פארגעווארפען—די ציערונג איז דאך געקומען פון פאלק.

— אבער איך בין דאך נישט דער איינציגער, מיר האבען זיך אלע בענארישט, און וואלט דען אונזער האר קעניג ארויסגעלאזען די אידען פון מצרים ווען ער וואלט געוואוסט אז זיי פלאנעווען פון דארט צו ענטלויפען!

— דאס האב איך אויך געטהאן צוליעב מיינע קנעכט. זיי האבען אנגעהויבען צו טענה'ן צו מיר אז מצרים ווערט חרוב. אבער איך אליין וואלט קיינמאל נישט צוגעשטימט צו אזא זאך! מיר האבען געהאט הונדערטע טויזענדע אומזיסטע קנעכט, וועלכע האבען בערייכערט אונזער גאנצע לאנד. יעדעס מאל ווען מיר האט זיך פערגלוסט, האב איך פון זיי ארויסגעקראגען גרויסע ציגעלען און אנגעפילט מיין שאץ קאמער מיט זייער גאלד און זילבער. אבער זייערע געקומען פיעלע פון אייך און מיר גענומען צורייידען, איך זאל זיך צוהערען צו די רייד פון משה'ן און אהרן. יעצט, אז איהר האט אלע פערלארען אייער גאלד און זילבער, גלוסט זיך אייך איך זאל געהען קעמפען געגען זיי און זיי צוריקקעהרען נאך מצרים! האט איהר דען נישט מורא פאר משה'ן און

פאר אהרנ'ען ?! האט איהר דען נישט מורא פאר זייער גאט ?

— ניין ! מיר האבען פאר זיי ניט מורא ! — האט דער הויפט פון די חרטומים געזאגט — אפילו יעצט גלויבען מיר אלע אז דאס וואס זיי האבען בעוויזען די וואונדער איז עס בלויז דורך כשוף... יא, זיי זיינען געווען גרויסע כשוף מאכער און מיט זייער כשוף האבען זיי אויף אונז אלעמען א מורא אנגעווארפען. און דורך כשוף איז זיי געלונגען צו בעפרייען זייער פאלק !

— האסטו מיר אליין ניט געזאגט, אז פיעלע פון די מכות וואס מיר האבען געקראגען דורך משה'ן זיינען עס ניט געקומען דורך כשוף !... האט פרעה געזאגט.

— יא, בעת מעשה האבען מיר אלע אזוי געטראכט — ווייל עס איז פאר אונז שווער געווען דאס נאכצומאכען, אבער יעצט אז מיר האבען זיך גוט אריינגעטראכט אין דעם, מוזען מיר קומען צום בעשלוס אז אלעם וואס זיי האבען געטהאן איז געווען אזא מין כשוף.

— אבער וואס מעהר איך טראכט זיך אין דעם אריין, בין איך אלץ מעהר איבערצייגט אז די אלע צרות וואס זיינען אויף אונז אנגעקומען, זיינען ניט געקומען דורך כשוף ! — האט פרעה געזאגט — כשוף איז בלויז א פערבלענדעניש און עס קען ניט טהאן אזוי פיעל שאדען, זאגט מיר, האט אימיצער פון אייך ווען עס איז געהערט אז מען זאל קענען דורך כשוף ארויסבריינגען אזא האגעל פאר עטליכע טעג נאכאנאנד, וואס זאל אנטהאן גרויס שאדען.

— מיין האר קעניג וועט מיר ענטשולדיגען — האט דער הויפט פון די חרטומים ווידער געזאגט — אויב איך וועל זאגען אז דער האגעל איז אויך ניט געקומען דורך משה'ן. עס וואלט אלץ איינס געקומען אויף מצרים, און משה האט עס אנגעגעבען אלס א וואונדער.

— דו האסט אבער פערגעסען, אז א פאר טעג פאר דעם איז משה מיר געקומען אנזאגען און ווארענען וועגען דע־ האגעל, פון וואנען האט ער געוואוסט אז אזא זאך וועט פאסירען.

דאס קען איך דערקלעהרען דאמיט וואס משה איז א גרויסער נאטור פארשער, און ער האט דורך זיין וויסענשאפט דערגאנגען די סודות פון דער נאטור און ער האט געקענט פאראויס זאגען וואס עס וועט פארקומען...

— און וואס וועסטו זאגען דערצו אז אונזערע קינדער זיינען אויסגעשטארבען ?

— ווער ווייס אויב ער האט ניט ארויסגעבראכט אזא מין סם אין דער לופט וואס האט געטויטעט אונזערע ויהן, — האט ער געענטפערט.

— אויב עס וואלט געווען ריכטיג ווי דו זאגסט ! — האט פרעה אויסגערופען — דאן פארוואס זיינען אויסגעשטארבען בלויז די בכורים, ווען דאס וואלט געווען א מגפה וואס משה האט געבראכט אויף אונזער לאנד וואלטען דאך אלע גלייך געשטארבען, און דא האבען געליטען בלויז די ערשטע געבוירענע.

באלד זיינען צוגעקומען עטליכע אידען צו משה'ן און זיך צו איהם אפגערופען :

— דו האסט אונז יעצט אלעמען אריינגעפיהרט אין א גרויסע בלאטע. זיינען דען נישט פאראן גענוג קברים אין מצריים... אויב שוין יא שטארבען פאר דער פרייהייט, האבען מיר דאך דאס געקענט טהאן אין מצרים גופא, מיר האבען געקענט דארטען מורד זיין אין פרעה און קעמפפען פאר אונזער פרייהייט ביז וואנען, אדער מיר וואלטען בעפרייט געווארען אדער געפאלען אין קאמפף... און דו האסט אונז אריינגעפיהרט אין דיעזען מדבר מיר זאלען דא אלע אויסשטארבען מיט אונזערע פרויען און קינדער !

— וואס טויג אונז פרייהייט ! — האבען אנדערע גע'טענה'ט. וועלען מיר קענען געניסען פון דער פרייהייט נאכדעם ווי מיר זיינען טויט !

— אט דאס האבען מיר דאך צו דיר

גע׳טענה׳ט — האבען נאך איינינע זיך אפגערופען צו משה׳ן — ווען דו ביזט געקומען אין מצרים און פארגעשלאגען אז דו ווילסט אונז בעפרייען, האבען מיר צו דיר געזאגט: ״לאז אונז צו רוה, לאז אונז דיענען צו מצרים. עס איז דאך א סך בעסער פאר אונז צו דיענען די מצריים דען צו שטארבען אין דער מדבר.

— האט קיין מורא נישט! — האט משה זיי געזוכט צו בערוהיגען. פארלירט ניט אייערע האפנונגען. פארלאזט זיך אויף גאט. דורך איהם וועט קומען אייער הילף. איהר פאלגט מיך נאך און שווייגט!

— מיר וועלען טאהן אלעם וואס אונזער האר משה וועט אונז הייסען! — האט נחשון דער זוהן פון עמינדב אויסגערופען. מיר געהן אין ים.

באלד איז נחשון צוגעקומען דער ערשטער צו דעם שמאלען פאס פון ים סוף און ער איז דער ערשטער אריין אין וואסער. נאך איהם איז גלייך אריין דער שבט יהודה.

א שטארקער מזרח ווינט האט גענומען בלאזען. און ווי איבערראשט זיינען די אידען געווארען, ווען זיי האבען געזעהען אז דאס וואסער פון ים איז געטריבען פון דעם מעכטיגען ווינט פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט. איז דא וואסער אפגעצויגען געווארען אזוי, אז דער ים איז געשפאלטען געווארען און א וועג אין מיטען ים איז געמאכט געווארען פאר די אידען.

— לאמיר זיך איילען! — האט משה אויסגערופען און האט אויפגעהויבען זיין שטעקען אין דער הויך — גאט האט מיט אונז א גרויס וואונדער געטהאן.

די נאכט איז געווען א פינסטערע. פון וויטען האבען זיך געהערט דער גערויש פון די כוואליעס פון ים וואס האט זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם טומעל און געשריי פון די מצריים וועלכע האבען זיך מיט גרויס אימפעט נאכגעיאגט און זיינען שוין געווען גאנץ נאהענט.

די פאקלען און פייער וואס איז געווען ביי די אידען, האט די מצריים געצייגט דעם וועג וואוהין נאכצויאגען. זיי האבען מיט שאלען און געשרייען זיך געלאזט נאך האסטיגער לויפען דורך דעם טרוקענעם וועג פון ים.

פארטאג זיינען שוין אלע אידען געווען אויף דער צווייטער זייט ים, און די מצריים זיינען נאך געווען אין מיטען ים.

פלוצלונג איז געווארען אן ענדערונג אין ווינט. דער צופלום פון וואסער האט מיט גרויס מאכט גענומען קומען צוריק און פארפלייצט אלע מצריים מיט זייערע רייטער און רייט־וואגען. אלע זיינען דערטרונקען געווארען אויסער פרעה, וועלכער דערזעהענדיג דעם גרויסען געפאהר, האט זיך געלאזט געהן הינטער זיין ארמעע.

פרעה האט בעמערקט דעם פלוצלונגען צופלום פון וואסער און האט געהערט די פארצווייפעלטע געשרייען פון די מצריים, האט ער שנעל אפגעשטעלט זיין פערד און רייטוואגען, און איז מעהר נישט געגאנגען. ער איז געבליעבען שטעהן ביז וואנען עס איז ליכטיג געווארען, און ער האט נאך באמערקט ווי די לעצטע מצריים קעמפפען מיט די כוואליעס פון ים.

באלד איז אלעס איינגעשטילט געווארען. פרעה האט געזעהען אז ער האט פארלארען זיין גאנצע ארמעע צוזאמען מיט זיין רייכטהום, גרויסקייט און רוהם.

ער האט אנגעשטרענגט זיינע אויגען און האט בעמערקט פון דערווייטען, אויף דעם צווייטען זייט פון דעם שמאלען פאס ים, זיינען אלע אידען, זיינע פריהעריגע שקלאפען, פריי און זיכער. און ער? וואס וועט ער יעצט טאהן? ער האט אלעס פארלארען. ער האט אפילו זיין מאכט פארלארען. ווי אזוי וועט ער זיך יעצט קענען אומקעהרען נאך מצרים, וואס וועלען די איבערגעבליבענע זאגען, ווען ער וועט זיי דערצעהלען וואס עס איז געשעהן מיט זיין ארמעע. וועלען זיי דען איהם ניט פארשטיינען? אבער ער מוז דאך צוריק

קומען און צוריק קריגען זיין טראהן. ער וועט זיי דערצעהלען די גרויסקייט פון דעם אידישען גאָט און ווי הילפלאָז זיי זיינען אלע געווען געגען איהם. יע, דער גאָט פון ישראל האָט פאר זיי געקעמפפט... און וואס וועט ער יעצט טהאָן אז די אנדערע מלוכות וועלען זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט און וועלען ארויס מלחמה האלטען מיט איהם ?

אזעלכע טרויעריגע געדאנקען האָט פרעה'ן בענומען ווען ער האָט געווארפען זיינע לעצטע בליקען אויף די כוואליעס פון ים... יע, זיי האָבען זיינע לעצטע האָפנונגען פערשוואונקט...

ער האָט גענומען טראַכטען ווי אזוי צו קומען צוריק צו זיין טראהן. זיינע מיניסטאָרען זיינען דערטרונקען געוואָרען. דער איינציגער וועלכער קען איהם בעהילפיג זיין איז דער הויפט פריעסטער. ער האָט נאָך זעהר א שטארקען איינפלוס איבער דעם פאָלק, יע, איידער ער בעוויזט זיך אין דער עפענטליכקייט וועט ער מוזען זיך בעראטהען מיט איהם. יעצט וועט ער ניט טאָרען אָנקומען אין מצרים ווען עס איז נאָך ליכטיג. ער וועט דארפען אריינקומען אין שטאָדט טהעבען, ווען עס וועט שוין ווערען גוט פינסטער. ער ווייס ווי גרויס איז די ערווארטונג פון יעדען איבערגעבליבענעם מצרי צו הערען די נייעס וואס עס האָט פאסירט דארטען מיט די מצריים און די אידען, און ווען מען וועט איהם בעמערקען מיט'ן פערד און רייטוואָגען וועט מען דאך איהם גלייך דערקענען. דאריבער האָט ער בעשלאָסען איבערצולאָזען זיין פערד און רייטוואָגען הינטער'ן שטאָדט.

ווען פרעה האט זיך דערנעהענטערט צו דער הויפט שטאָדט איז שוין געווען גאנץ פינסטער. ער איז ארונטער פון זיין רייטוואָגען און ער האט זיין פערד צוגעבונדען צו א בוים, ער האט פון רייטוואגען ארויסגענומען דאס ביסעל גאָלד וואס ער האט געהאט מיט זיך מיטגענומען און מיט א קלאפענדע הארץ און וואקלענדע טריט, האט ער זיך געלאָזט געהן נאָך טהעבען, צו זיין הויפט פריעסטער.

גאנץ מצרים איז געווען איינגעהילט אין פינסטערניש... שטיל און רוהיג איז געווען אין אלע גאסען פון דער הויפטשטאָדט. ביי יעדען פון די מצריים האט דאס הארץ שטארק געקלאפט... כאָטש יעדער איז געווען זיכער, אז זייער קעניג וועט צוריקברענגען די שקלאפען און זיי וועלען צוריקקריגען זייער גאָלד און ציערונג, פונדעסטוועגען האט מען זיך דערפאר אליין טאקע געשראָקען: ווען די אידען וועלען זיך אומקעהרען צוריק אין מצרים, וועלען פיליכט נייע מכות און צרות אָנקומען אויף זייער לאנד... מען האָט זיי פארזיכערט, אז משה און אהרן וועלען באלד געטויטעט ווערען, דאן וועט שוין קיינער פון זיי מעהר נישט געדראָהט ווערען מיט פלאָגען און יסורים...

די האָפנונג איז ביי אלעמען נאָך שטארקער געווארען, ווען זיי האבען געוואוסט, אז פרעה אליין פיהרט די ארמעען געגען די אידען. זיי האבען מיט צופרידענהייט געשיקט זייערע שטארקע יונגע זיהן, יעדער פון זיי איז אָנגעזאגט געווארען צו ברענגען אמווייניגסטענס איין אידישען שקלאף, און יעצט האבען אלע מיט גרויס אומגעדולד, געווארט אויף דעם צוריקקעהר פון זייערע זיהן, צוזאמען מיט זייער ציערונג.

ווען פרעה איז צוגעקומען צו דעם הויפט פריעסטער'ס הויז איז שוין געווען גאנץ שפעט ביי נאכט.

שטילערהייט האט פרעה אָנגעקלאפט אין טיהר. עטליכע שוואכע קלעפ האט ער מיט זיין ציטערנדע האנט געגעבען, אָבער ווען ער האט נישט באקומען קיין ענטפער, האָט ער גענומען שטארקער קלאפען.

באלד האט זיך פון אינוועניג דערהערט טריט, און נאכהער דעם הויפט פריעסטער פערשלאָפענע שטימע :

— ווער וואגט עס צו שטערען מיין שלאָף אזוי שפעט ביי נאכט !... אפילו אזירים אונזער מעכטיגער גאָט רוהט

יעצט און איך וועל איהם נישט געהען שטערען.

— עפען אויף די טיהר! — האט פרעה אויסגערופען מיט א שוואכע ציטערנדע שטימע.

דער הויפט פריעסטער האט אָנגעצונדען א ליכט און אויפגעעפענט די טיהר און איז באלד צוריק אָפּגעשפרונגען פון שרעק.

פרעה איז אריין אינווייניג.

דער הויפט פריעסטער האט אויף איהם געקוקט מיט צושראָקענע אויגען. און ווען ער איז עטוואס צו זיך געקומען האָט ער זיך פערנייגט און אויסגערופען:

— דאָס ביזטו, מיין האר קעניג!

— יע, דאס בין איך, פרעה מענעפטאה! האָט ער געענטפערט — זאָג מיר איז קיינער אויסער דיר דאָ נישטאָ!

— איך בין אליין! אָה, קעניג! — האט ער זיך א צווייטען מאל א נייגעטהאן און איהם גלייך דערלאנגט א שטוהל.

פרעה האט זיך אוועקגעזעצט. ער האט קוים זיין אטהעם געקענט אָפּכאַפּען. ער איז געוועזן אזוי מיעד און דערשלאָגען.

— וואס האט פאסירט, אָ גנעדיגער פרעה? — האָט דער הויפט פריעסטער אויסגערופען ווען ער האט גוט בעטראכט פרעה'ס בלאסען פנים.

— מיר זיינען פערלאָרען! מיר זיינען אלע פערלאָרען — האט פרעה נישט אויפגעהערט צו יאָמערן... מיין גאנצע ארמעע איז דערטרונקען געווארען אין ים סוף... קיינער איז קיין לעבעדיגער נישט ארויסגעקומען!

— ווי אזוי איז עס געשעהן?! — האט דער פריעסטער אָנגעפאנגען צו ציטערען.

דער צאָרן פון דעם אידישען גאָט איז אויף מיר אויסגעגאסען געווארען! מיר האבען זיך אלע בענארישט! מיר האבען זיך נישט געטאָרט אָנפאנגען מיט די אידען, נאכדעם ווי מיר האבען געזעהן די מעכטיגע האנט פון זייער גאָט!

—אָבער דערצעהל דאָך מיר, אָה, מיין האר קעניג! — האט ער אויסגערופען — ווי אזוי האט עס אלעס פאסירט?

— מיר האבען זיך נאָכגעיאָגט די אידען, און מיר האבען זיי שוין באלד דערגרייכט. זיי האבען געלאגערט ביים ברעג ים... מיר זיינען געוועזן זיכער, אז זיי וועלען זיך שוין פון אונזערע הענט ניט ארויסדרעהען. איך האב דעריבער געגעבען א בעפעהל צו מיינע רייטער, אז זיי זאָלען וואס שנעלער טרייבען זייערע רייטוועגען צום ים צו, איך האב געוואלט אלעמען צוריקברענגען לעבעדיגע נאך מצרים, כדי יעדער איינער פון די מצריים זאל האבען א שקלאף. און איך האב זיך צוריקגעצויגען פון הינטער דער ארמעע כדי איך זאל קענען אָנצייגען ווי אזוי זיי זאלען נאָכיאָגען די אידען. פלוצלונג האב איך באמערקט, אז די פערד און רייטוועגען האבען זיך גענומען שלעפּען מיט גרויס שוועריגקייטען... די ערד איז געוועזן זעהר פייכט און די רעדער פון די רייטוועגען זיינען העלפט אריינגעזונקען געוועזן אין דער ערד... פיעלע רייטוועגען האבען אין גאנצען פערלאָרען זייערע רעדער. איך האב געמיינט, אז מיין ארמעע איז אריינגעקראָכען אין א זומפ, און איך האב זיי זיך געהייסען פארקירעווען און נאָכיאָגען דורך דעם זעלבען וועג ווי די אידען וואנדערען. און נאָך איידער דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאנגען זיינען שוין מיינע ארמעען געוועזן אויף דעם זעלבען וועג און כמעט דערגרייכט די אידישע מחנות... אָבער פלוצלונג האט א שטארקער ווינט גענומען בלאָזען און איך האב בעמערקט ווי ריעזיגע כוואליעס קומען אָן און בעדעקען מיינע ארמעען. איך האב געהערט פערצווייפעלטע געשרייען, וואס האט זיך צונויפגעמישט מיט די ראשיגע כוואליעס פון ים. מיט יעדער רגע איז דער ווינט שטארקער געווארען און די כוואליעס גרעסער געווארען... איך האב שוין געזעהן, אז מיין ארמעע איז פערלאָרען, און דעריבער בין איך נישט געגאנגען

וויטער אין ים... איך האָב מתפלל גע־וועזן צו אזירים'ן און געוואַרט ביז עס האָט אָנגעפאַנגען טאָג צו ווערען. דאַן האָב איך באַמערקט, אז איך בין דער איינציגער וואָס איז איבערגעבליבען לעבען... איך האָב געזעהן שווימענדע קערפּערס פון מיינע סאָלדאַטען און בע־אַמטע, איך האָב געזעהן טויטע פערד, רעדער און אַנדערע טהיילען פון רייט־וועגען שווימען אַרום... און מיט נאָך מעהר אַנגסט און טרויער האָב איך צו־געזעהן ווי אויף דעם צווייטען זייט פון דעם שמאָלען פּאַס ים, רוהען זיך אויס אַלע אידען... זיי זיינען זיכער און רו־היג... איך האָב בעמערקט ווי זיי קוקען אויף די טויטע שווימענדע קערפּערס פון די מצריים... און מעהר האָב איך שוין נישט געקענט צוזעהען... איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין מיין רייטוואַגען און איך האָב זיך גענומען צוריקקעהרען נאָך מצרים, און ערשט יעצט בין איך אָנגע־קומען אין מיין הויפּט שטאָדט.

— מיין האַר קעניג! — האָט דער הויפּט פּריעסטער זיך אָפּגערופען, דו ביזט דאָך זיכער דורשטיג און הונגעריג; איך וועל דיר עפּעס ברענגען צוצובייסען און אַביסעל וואַסער.

— איך בין נישט הונעגריג, אָבער ברענג מיר א ביסעל וואַסער — האָט פּרעה געזאָגט.

דער הויפּט פּריעסטער האָט איהם געבראַכט א ביסעל וואַסער און ווען פּרעה האָט עטוואָס אויסגעטרונקען האָט ער זיך געפיהלט לייכטער.

— איך בין געקומען צו דיר, ווייל איך ווייס, אז דו ביזט מיין איינציגער פריינד, און דו וועסט מיר קענען געבען אַן עצה... דו פערשטעהסט דאָך, אז אַלע מיינע מיניסטאָרען זיינען אויך דער־טרונקען געוואָרען... און ווען דאָס פאָלק וועט אויסגעפינען וואָס עס האָט פּאַ־סירט, בין איך נישט זיכער, אויב מיין פאָלק וועט מיר נישט פערשטיינען! יעצט זאָג מיר ווי אַזוי איך זאָל דער־צעהלען די טרויעריגע נייעס פאַר אַלע־מען?

א ווייל איז דער הויפּט פּריעסט גע־זעסען און געשוויגען. ער האָט געטראַכט וואָס צו טהאָן. ער ווייס, אז פּרעה איז יעצט אין זיינע הענט און ער וועט קע־נען ביי איהם פּועל'ן אַלעס וואָס ער פערלאַנגט.

— עס איז זעהר שווער צו געבען אַן עצה אין אַזא אַנגעלעגענהייט—האָט ער זיך אָפּגערופען.

— איך ווייס, אז דיין איינפלוס אי־בער מיין פאָלק איז נאָך גענוג גרויס, ווען דו וואָלסט געקענט צוגרייטען מיינע בירגער צו דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט, וואָלט איך פיעלייכט געקענט ראַטעווען מיין טראָהן.

— וואַרט! איך האָב א גוטען פּלאַן! —האָט דער פּריעסטער אויסגערופען און זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ

— וואָס איז דיין פּלאַן? ! זאָג מיר שנעלער! — האָט פּרעה זיך אויפגע־שטעלט פון זיין פּלאַץ און מיט אַן ענייוות'דיגען טאָן געזאָגט.

— ביזטו זיכער, אז קיינער האָט דיך נישט בעמערקט ווען דו ביזט אַריין אין שטאָדט!—האָט דער פּריעסטער איהם געפרעגט.

— עס איז שוין גאַנץ פינסטער גע־וועזן און איך האָב קיין לעבעדיגען נפש נישט בעגעגנט.

— און וואו האָסטו איבערגעלאָזען דיין פערד און רייטוואַגען?

— הינטערן שטאָדט, איך האָב דעם פערד צו א בוים צוגעבונדען.

— ניין, דאָס וועט נישט טויגען, קיין שפּור דאַרף נישט איבערבלייבען פון דיין פערד און רייטוואַגען.... ווייל אין דער פריה וועלען די פּאַסטוכער און ערד ארבייטער עס געוויס דערקענען און דאַן וועל איך מיין פּלאַן נישט קענען דורכ־פיהרען.

— אָבער זאָג דאָך מיר, וואָס איז דיין פּלאַן?—איז פּרעה שוין אומגעדול־דיג געוואָרען.

— דו ווייסט דאָך ווי שטאַרק איז דער גלויבען פון אַלע מצריים אין אונ־

זער גאָט אזירים און אין מיר? אויב איך בין זיכער, אז קיינער ווייס נישט פון דיין קומען, וועל איך מאָרגען גאנץ פריה ארויסקומען און צוזאמענרופען אלע פריעסטער, די חרטומים און די איבעריגע און איך וועל זיי דערצעהלען, אז אזירים האט זיך צו מיר לעצטע נאכט בעוויזען און ער האט מיר געזאגט, אז א גרויסער אומגליק האט געטראָפען מיט אונזער ארמעע, דאס אלע זיינען דערטרונקען געווארען אין ים סוף, בלויז דער קעניג איז איבערגעבליבען לעבען, ווייל דער גאָט אזירים האט איהם געוואלט צוריקקעהרען צו זיין טראָהן, און אלס א צייכען, וועט פרעה אָנקומען איינער אליין אין טהעבאן, איך וועל זיי אויך זאגען, אז עס איז דער וואונש פון אונזער מעכטיגען גאָט, דאס פרעה זאל צוריק געזעצט ווערען אויף זיין טהראָן און דאס פאלק זאל זיך נישט נעהמען צום הארצען וועגען דעם גרויסען אומגליק, ווייל פון היינט אָן וועלען זיך אָנהויבען גליקליכע טעג פאר מצרים...

פרעה'ס פנים האט גענומען אויפלייכטען.

— דו ביזט זעהר קלוג, און פערנינפטיג, הייליגער פריעסטער—האט פרעה אויסגערופען—דיין פלאן איז זעהר א גוטער און איך בין זיכער, אז דאס גאנצע פאלק וועט דיר גלויבען, און טהאָן אלעס וואס דו וועסט זיי הייסען.

— דו וועסט זיך מוזען אויסבעהאלטען אין מיין הויז ביז וואנען איך וועל האבען גערעדט מיט'ן פאָלק, איך וועל זיי זאָגען, אז אזירים האט מיר ענטדעקט די ריכטיגע צייט ווען דו וועסט אָנקומען, און אז אלע וועלען דיר מוזען אָפּגעבען דעם קעניגליכען כבוד און ווען דו וועסט שוין זיצען אויפ'ן טראָהן וועסטו אלעם דערצעהלען, און זיי וועלען זעהן, אז דאס וואס אזירים האט מיר "ענטדעקט" אזוי האט טאקע פאסירט.

— ביזטו זיכער, אז קיינער וועט אין דיין הויז נישט אריינקומען! — האט פרעה איהם געפרעגט.

— קיינער וועט אין מיין הויז נישט אריינקומען, אָהן מיין ערלויבניש, דו מעגסט מיט זיכערקייט זיך לייגען אין מיין בעט און אויסרוהען.

— און וואס וועסטו טאָהן, טאָמער וועט אימיצער דערזעהן מיין פערד און רייטוואָגען? — האט פרעה איהם געפרעגט.

— דו זאָג מיר דעם ריכטיגען פלאץ, וואו דו האסט דעם פערד צוגעבונדען און איך וועל אהין אוועקגעהן און זעהן אז עס זאל קיין זכר נישט בלייבען פון ביידען.

פרעה האט איהם געזאגט נעבען וועלכען פלאץ ער האט זיין פערד צוגעבונדען און דער הויפט פריעסטער האט אויף זיך זיין אויבער מאנטעל ארויפגעטאָהן, ער האט זיין טיהר פון דרויסען צוגעשלאָסען און איז שנעל פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניס פון דער נאכט.

א היבשע ווײלע שפעטער האט דער פריעסטער אויפגעעפענט זיין טיהר און איז אריין צו זיך אין הויז. פרעה איז געלעגען אויפ'ן בעטעל אבער ער האט נישט געקענט שלאָפען. שרעקליכע געדאנקען האבען איהם בעאומרוהיגט. ויין הארץ האט שטארק געקלעמט וועגען זיין גרויסע רייכטום וואס ער האט פלוצלינג פערלאָרען, וועגען די מכות וואס ער האט געקראגען און וועגען זיין לעצטער מפלה ביים ים סוף, און נאָך מעהר האט איהם זיין הארץ געשראקען אויב דעם פריסטער וועט געלינגען צו ווירקען אויף דעם פאלק זיי זאלען איהם צוריק אנערקענען אלס זייער קעניג, דעריבער ווען פרעה האט דערהערט די טריט פון דעם פריעסטער איז ער שנעל ארונטער פון בעט און איהם געפרעגט:

— האָסטו געפונען דעם פלאַץ?

— יע, מיין האר קעניג! — האט דער הויפט-פריעסטער געענטפערט — איך האב פון דעם פערד בלויז ארונטערגענומען די ציערונג און איהם בעפרייט. אָהן די ציערונג וועט קיינער נישט וויסען אז דאס איז דער פערד, און דעם

וואגען האב איך צובראכען און נאכהער פערברענט אזוי אז קיינער וועט בשום אופן נישט דערקענען פון די איבערגעבליבענע, אז עס איז געווען דיין רייטוואגען, און יעצט מעגסטו זיין זיכער, מיין האר קעניג, אז איך וועל מיין גאנצען פלאן דורכפיהרען!

— איך וועל דיר זעהר דאנקבאר זיין! — האט פרעה אויסגערופען — אט האב אי דדי ביסעל גאלד וואס איך האב ארויסגענומען פון מיין רייטוואגען דו קענסט עס האבען!

— די גאלד און די ציערונג וועט דארפען פערבלייבען אין מיין הויז אין א פערבארגענעם פלאץ! — האט דער פריעסטער געזאגט — ביז וואנען איך וועל דאס קענען צוריקקעהרען צו דעם קעניג, אבער איך דארף עס נישט! דער קעניג וועט מיר קענען טאהן אן אנדער טובה!

— איך וועל ערפילען אלע דיינע פערלאנגען — האט פרעה געזאגט.

דער הויפט פון די חרטומים האט געשוויגען, ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

דער הויפט מיניסטער איז איהם אבער באלד געקומען צו הילף און געזאגט:

— ווי עס זאל ניט זיין, דארף דאך דער קעניג וויסען, אז דאס גאנצע לאנד מצרים איז מיט איין מאל פעראַרימט געווארען, ניט נאר האט יעדער פון אונז אוועקגעגעבען צו די אידען וואס האט צו זיי בעלאנגט פון פריהער, אבער אויך זייער אייגען גאלד און ציערונג האבען זיי אפגעגעבען צו די ישראלים, און יעצט אויב דאס זאל זיין פערפאלען, וועלען מיר אלע בלייבען ארים! און ווי אזוי וועט דער קעניג ארויפלייגען צינזען אויף אן ארימעם פאלק?!

— איך האב שוין דאס אויך בעזארגט! — האט פרעה אויסגערופען מיט א שמייכעל — איך האב פון די אידען אוועקגענומען אזוי פיעל גאלד און ציערונג, אז איך וועל שוין קענען בעהויפטען ניט ארויפצולייגען קיין צינזען אויף מיין פאלק פאר די קומענדע עטליכע יאחר. קומט מיט מיר און איך וועל אייך ציינען מיינע אוצרות! איך וועל אייך שוין אין דערזעלבער צייט אויך ציינען דעם וואונדערבארען האלזבאנד און די אנדערע קאסטבארע ציערונג, און דאן וועט איהר אלע צוגעבען אז קיין רייכערער קעניג ווי אייערער איז ניט צו געפינען.

גרויס פרייד האבען ארויסגערופען פרעה'ס לעצטע ווערטער... עס איז געווען א גרויסע זכיה פאר זיי אלעמען... בלויז צו געצעהלטע מענשען האט פרעה אנגעטהאן אזא כבוד.

— וועל איך אויך מעגען אהין אריינגעהן? — האט דעם הויפט מיניסטערס פרוי געפרעגט.

— אלע וועלכע געפינען זיך יעצט אין דיעזען טהראן צימער וועלען אהין מיט מיר געהן! — האט פרעה געזאגט — און דאן וועט איהר אלע זעהען אז אין דער צייט ווען יעדער פון אייך האט אפגעגעבען זיין גאלד און ציערונג צו די אידען, איז פון אייער קעניג'ס אוצרות גאר ניט געריהרט געווארען... אה, ניין, דאס ניט! פון מיין גאלד וועט קיינער פון די אידען ניט געניסען, און אפילו ווען משה וואלט צו מיר געקומען און מיר מיט'ן טויט געסטראשעט וואלט איך פון מיין גאלד און ציערונג גארניט גענעבען...

פרעה האט בעפוילען זיינע לייב וועכטער מיט איהם מיטצוגעהן אין שאצקאמער... ער האט ארויסגענומען די שליסלען פון א בעהאלטענעם פלאץ און אליין אויפגעעפענט זיין שאץ קאמער.

די לייב וועכטער האבען געטראגען פאקלען פייער צו בעלייכטען אינוועניג.

— איהר וועט באלד אלע שטוינען צו זעהן אזעלכע וואונדערבארע קאסטבארע ציערונג! — האט פרעה אויסגערופען און אריינגעגאנגען אינוועניג. אלע וועכטער זיינען מיטגעגאנגען זיינען געבליבען שטעהען אין פרעה'ס שלאפצימער, נאך דעם אריינגאנג.

— קומט אלע אריין! — האט פרעה ברייט פאנאנדערגעעפענט די איינציגע טהיר פון דיעזען אויסערגעוועהנליכען שאץ קאמער, זעהר פארזיכטיג און מיט

פאנגזאמע טריט, זיינען זיי איינציגווייז אריינגעגאנגען אינוועניג, די לייב וועכטרע האָבען אין איין האנד געהאלטען די פאקלען און אין דער צווייטער האנד געהאלטען א בלויזען שווערד.

ווען אלע זיינען שוין געווען אינוועניג האָט פרעה אָפּגעשטעלט צוויי פון זיינע וועכטער, נעבען דער טהיר, זיי זאָלען היטען דעם אריינגאנג, און באלד האָט ער זיך אָפּגערופען צו אלע זיינע געסט וועלכע זיינען געבליבען שטעהען ניט ווייט פון אריינגאנג.

— שווערט אלע צו די געטער פון מצרים, אז איהר וועט קיין זאך פון דאנען ניט ארויסטראָגען.

אלע מיניסטאָרען, פריסטער און חרטומים האָבען צוגעשוואוירען, א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף פרעה'ס פנים, און ער האָט געזאָגט:

— יעצט קענען מיר געהן טיעפער, איהר וועט אלע שטוינען צו זעהן די וואונדערבארע זאכען, וואָס איך האָב אנגעזאַמעלט צווישען מיינע אוצרות.

פרעה איז געגאנגען אפריהער, צוויי לייב וועכטער מיט בלויזע שווערדען און פאקלען זיינען געגאנגען נעבען זיין רעכטער און לינקער האנד.

מיט אָנגעשטרענגטע אויגען און גרוים ערוואַרטונג זיינען אלע נאָכגעגאנגען פרעה'ן, זיי האָבען געקוקט אין יעדער ווינקעל. פרעה האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווייל, ער האָט גענומען זוכען מיט זיינע אויגען אומעטום און פלוצלונג האָט ער ארויסגעלאָזען א געשריי:

„מען האָט מיר בע'גנב'עט!" אָה איהר געטער פון מצרים, העלפט מיר! מען האָט ארויסגע'גנב'עט אלע ציערונג פון מיין שאַץ קאמער, פרעה'ן האָט אנגעהויבען שווינדלען פאר די אויגען און איז שיעור ניט אומגעפאלען. די מיניסטאָרען און לייב וועכטער האָבען איהם אונטערגעהאלטען ער זאָל ניט אומפאלען.

— מען האָט מיין שאַץ קאמער כמעט אויסגעליידיגט! — האָט פרעה ניט אויפגעהערט צו שרייען, און זיינע אויגען האָבען ווידער גענומען וואנדערען אויף די ווענד.

— מיין וואונדערבארער קאָסטבארער האלזבאנד איז אויך ניטאָ! — האָט פרעה אויסגערופען און די טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האלז.

— דאָס איז אָהן צווייפעל די ארבייט פון די אידען! — האָט דער הויפּט מיניסטער געזאָגט, ווי עס ווייזט אויס האָבען זיי קיינעם ניט דורכגעלאָזען און אפילו ביי דעם קעניג זיינע אוצרות צוגענומען.

— אָבער ווי אזוי איז דאָס גאָר מעגליך אזא זאך, —האָט פרעה אויסגערופען — ווי אזוי האָבען זיי געקענט האָבען צוטריט צו מיין שאַץ קאמער.

— ווי אזוי האָבען זיי געוואוסט וואָס עס געפינט זיך אין יעדענס הויז? — האָט דער הויפּט פון די חרטומים געזאָגט — ווען דער איד איז געקומען באָרגען מיין ציערונג, האָט ער מיר געזאָגט וואו יעדע זאך געפינט זיך, פון וואַנען האָבען זיי דאָס אלעס געוואוסט אז אין מיין הויז האָט א איד קיינמאָל זיין פוס ניט אריינגעשטעלט.

— עס איז גאַנץ איינפאַך האָט דער פריסטער געזאָגט אין די טעג פון דער גרויסער פינסטערנים וואָס האָט געהערשט פאר די מצריים, האָבען די אידען בעזוכט אונזערע הייזער, פאר זיי איז דאָך ניט געווען פינסטער האָבען זיי אלעס געקענט זעהן.

— אָבער צו מיין שאצקאמער איז דאָך אוממעגליך פאר א פרעמדען צוצוטרעטען! — האָט פרעה אויסגערופען מיט צאָרן.

זיינען זיי געוויס אריינגעקומען אין דער צייט פון פינסטערניס, — האָט דעם הויפּט מיניסטער'ס פרוי זיך אָפּגערופען מיט א פערבאָרגענער צופרידענהייט — דאָס ציינט אז זיי האָבען קיינעם ניט אויסגעלאָזען.

— אָבער מיין שאצקאמער איז דאָך געווען פערשלאָסען און דורך דער צייט פון די פיינסטערנים, האָב איך די שליסלען פון זיך ניט אָפּגעלאָזען, און ווען עס איז ליכטיג געוואָרען האָב איך די

שליסלען געפינען ביי זיך אזוי ווי קיינער וואלט זיי ניט אנגעריהרט... אה, מעכטיגער אזירים, גרויס איז מיין פערלוסט, איך מוז צוריקקריגען מיינע ציערונג.

— דער איינציגער וועג איז זיך נאכצויאגען נאך די אידען, זיי אומקעהרען קיין מצרים און אוועקנעהמען אלעם וואס מיר וועלען ביי זיי געפינען און דאס וועט געהערען צו פרעה׳ס אוצרות, אויסער אונזער אייגענע רייכטהום וואס זיי האבען ביי אונז אויסגענארט.

פרעה׳ס אויפרעגונג און כעס איז געוואקסען מיט יעדער רגע.

— איך וועל זיך מיט מיין גאנצען גאלד בענוצען און איך וועל נקמה נעהמען פון די אידען פאר דעם.. יעדען אידען וועל איך טויטען ביז וואנען איך וועל צוריקקריגען מיינע ציערונג איבערהויפט יענעם האלזבאנד מיט וואס איך האב אזוי פיעל שטאלצירט.

פרעה האט גענומען צוגעהן צו דעם פלאץ וואו די קופע גאלד האט געזאלט ליגען, און נאך גרעסער איז זיין איבערראשונג געווארען, ווען ער האט בעמערקט אז די גאנצע גאלד איז אויך אוועקגענומען געווארען...

— זיי האבען מיר ארים געמאכט, — האט פרעה געזאגט מיט גרויס צער און טרויער, זיי האבען אלעם פון מיר אוועקגענומען... איך האב מורא אז עס וועט מיר שוין גארניט העלפען... זייער גאט האט מיר בעשטראפט פאר אלע שלעכטסקייטען וואס איך האב צו זיי געטהאן.

— דער גאט פון די אידען איז דאך ניט שטארקער פון אונזער הויפט גאט אזירים! — האט דער הויפט פריסטער זיך אפגערופען — אט וועל איך אוועקגעהען אין זיין טעמפעל און צו איהם מתפלל זיין ער זאל אונז העלפען!

— יא, מיר מוזען אומקעהרען צוריק אונזערע שקלאפען, ווייל פון דער גאנצער צייט וואס זיי האבען פאר אונז געשקלאפט, איז אונז יעצט גארניט פערבליבען! — האט דער הויפט מיניסטער געזאגט און ניט נאר זייערע פערדינסטען האבען זיי צוריקגענומען, אבער אויך אונזער אייגענע פערדינסטען... זיי האבען ארים געמאכט גאנץ מצרים, ווען די ארומיגע שונאים וועלען זיך דערוויסען ווי שטארק פעראָרימט מיר זיינען געווארען וועלען זיי זיכער קומען מלחמה האלטען מיט אונז... ניין, מיר טארען ניט דערלאזען אז די קינדער פון ישראל זאלען אונז אזוי ארייננארען... מיר מוזען זיך נאכיאגען נאך זיי און זיי אלעמען אומקעהרען נאך מצרים...

— און משה׳ן און אהרן זאלען באלד געטויטעט ווערען, וועלען זיי שוין מעהר קיין שלעכטס ניט קענען טהאן צו אונזער לאנד. — האט דער פריסטער צוגעגעבען, — איך וועל מתפלל זיין צו אזירים זיעבען טעג נאכאנאנד, ביז וואנען ער וועט מיין תפלה פערנעמען און אונז העלפען בעזיגען אונזערע שונאים.

א דערשלאגענער מיט א געבראכענעם געמיטה האט זיך פרעה אומגעקעהרט צו זיין טראהן צימער, א טרויער האט בעדעקט זיין פנים.

— זאלען די דריי אנטלאפענע פון דעם אידישען לאגער קומען צו מיר! — האט פרעה אויסגערופען.

— וואו געפינען זיי זיך? — האט דער הויפט מיניסטער געפרעגט זיין פרוי.

— איך האב זיי געהייסען ווארטען נעבען אונזער הויז, אט וועל איך געהן און זיי רופען, — האט זי געענטפערט.

— ניין, דו בלייב דא! — האט פרעה געזאגט, איך וועל שיקען מיינע דינער, זיי וועלען זיי רופען אהער.

פרעה האט אוועקגעשיקט צוויי פון זיינע דינער צו דעם הויפט מיניסטערס הויז און זיי אנגעזאגט צו ברייגען די דריי ענטלאפענע פון דעם "ערב רב".

די שטימונג אין פרעה׳ס פאלאץ איז געווען זעהר אן אנגעשטרענגטע... ניט אלע האבען צוגעשטימט צו דעם הויפט מיניסטער׳ס פארשלאג, אז פרעה זאל פערזאמלען זיין גרויסע ארמעע און געהען נאכיאגען די אידען. זיי האבען נאך גאנץ גוט געדענקט די צרות און יסורים וואס זיי האבען זיך אנגעליטען די לעצ־

טע צייט פון די ישראלים... ביי יעדען איז נאָך פריש געוועזן די וואונד וואָס איז פעראורזאכט געוואָרען דורך דעם טויט פון דעם בכור פון הויז.. זיי האָבען ניט ארונטערגענומען זייערע בליקען פון פרעה'ס פנים, זיי האָבען נאָכגעקוקט און בעטראכט יעדע בעוועגונג וואָס ער האָט געמאכט...

פרעה האָט נערוועאיש געצופּט זיין באָרד, ער האָט געקריצט מיט זיינע צייהן און גערדריקט זיינע פויסטען, און ווען די דריי אנטלאָפענע פון דעם ערב רב זיינען פאָרגעבראכט געוואָרען פאר איהם, האָט ער גלייך צו זיך צוגערופען איינעם פון זיי מיט א שטרענגע שטימע א פרעג געטהאָן:

— פארוואָס האָסטו פערלאָזען דעם לאגער פון די אידען?...

— ווייל מיר האָט זיך פערבענקט צוריק נאָך מיין לאַנד! — האָט ער גענטפערט.

— און פארוואָס האָסטו איינגעשטימט מיט זיי צו געהן פון אָנפאנג אָן? — האָט פרעה איהם ווידער געפרעגט.

— ווייל איך האָב געמיינט אז זיי וועלען בלויז געהן אויף א קורצע צייט צו פייערען זייער יום טוב און נאָכהער וועלען זיי זיך צוריקקעהרען נאָך מצרים און ווי איך האָב אויסגעפונען אז זיי האָבען ניט בדעה זיך אומצוקעהרען בין איך פון זיי אנטלאָפען געוואָרען.

— און פארוואָס ביזטו אנטלאָפען געוואָרען פון דעם אידישען לאגער? — האָט פרעה צו זיך צוגערופען דעם צווייטען.

— ווייל איך האָב זיך געשראָקען פאר אונזער הויפּט גאָט, אזירים ער זאָל מיר ניט בעשטראָפען אין דער מדבר... איך האָב זעהר מורא פאר דעם מדבר ווייל איך האָב איין מאָל זעהר פיעל זיך דאָרטען אנגעליטען.

— פון וואנען ווייסטו אז זיי וועלען געהען דורך דעם מדבר? — האָט פרעה איהם געפרעגט.

— איך האָב געהערט אז זיי וועלען ניט געהן דורך דעם לאַנד פון פלשתים!

— האָט דער צווייטער געענטפערט, און משה זייער פיהרער, האָט זיי געהייסען זיך צוגרייטען פאר א לאנגע רייזע.

— און פאר וואָס ביזטו אנטלאָפען געוואָרען? — האָט פרעה געפרעגט דעם דריטען.

— איך הם... ער... איך האָב זיך...

— האָט ער אָנגעהויבען צו שטאמלען.

— זאָג מיר דעם אמת! — האָט פרעה א געשריי געטהאָן אויף איהם.

— מיר זיינען ניט אנטלאָפען געוואָרען, אָבער מען האָט אונז פון דאָרטען פעריאָגט! — האָט ער געענטפערט — מיר האָבען אויסגעדריקט אונזער אומצופרידענהייט מיט איינינע זאכען, און אימיצער פון די אידען האָט עס דערהערט, האָט ער אונז אָנגעבראָכען די ביינער און אונז פון דעם לאגער פעריאָגט.

און דיינע צוויי פריינד האָבען מיר אָפּגענארט! — האָט פרעה איהם ווידער געפרעגט. ווער האָט געזאָגט ליגען, דו, צו זיי?

— אזוי זאָל מיר אזירים העלפען ווי איך האָב געזאָגט דעם ריינעם אמת, — איז דער דריטער געפאלען אויף די קניע — מען האָט אונז פון דארטען פעריאגט. בלויז איין מאן איז ער געוועזן אבער ער איז אזוי שטארק געוועזן אז מיר האָבען זיך דערשראקען און מיר זיינען אנטלאָפען.

— און דורך וועלכען וועג זיינען זיי געגאנגען? — האָט פרעה זיי ווידער געפרעגט.

— זיי זיינען געגאנגען אויף דעם וועג צו דעם מדבר אתם, אויף דער זייט פון בעל צפון.

— איך פארשטעה אז משה זוכט אויסצומיידען א מלחמה מיט די פלשתים, און אויב ער איז געצוואונגען צו פיהרען די אידען דורך דעם מדבר, האָט ער דאך דעם ים אין וועג. דעריבער וועט אונז ניט שווער אָנקומען זיי נאָכצויאגען און צוריק ברייננען נאָך מצרים — האָט פרעה זיך אָפּגערופען צו אלע יענע וועלכע זיינען געוועזן אין פאלאץ.

— מיר דארפען זיך אָבער פריהער איבערלעגען אויב עס לוינט זיך אָנצופאנגען נאָך א מאָל מיט משה'ן ?— האָט איין מיניסטער געזאָגט.

— מיר טאָרען זיך ניט אונטערגעבען ! — אזוי פיעל יאהרען זיינען די אידען ביי אונז געווען שקלאפען און מיר האָבען דורך זיי אָנגעזאמעלט אזוי פיעל רייכטהום, און יעצט האָבען זיי דאס אלעס אוועקגענומען פון אונז ! — האָט דער הויפט מיניסטער איהם געענטפערט.

— איך וועל אויסקלייבען מיינע שטארקסטע ארמעען, און איך וועל זיי נאָכיאגען ! — האָט פרעה געזאָגט — נאָכאלעמען דארפען מיר וויסען אז מיינע שקלאפען, די אידען זיינען ניט געלערענט אין מלחמה און זיי בענוצען ניט קיין סך וואפען. ווען מיר וועלען אָנקומען אויף זיי מיט א גרויסע בעוואפענטע ארמעע, וועלען זיי זיך שטארק דערשרעקען און אומקעהרען נאָך מצרים, און דאן וועלען מיר ארויסקריגען פון זיי דאס גאנצע גאָלד און ציערונג וואס זיי האָבען ביי אונז אוועקגענומען און איך וועל טאָהן ווי מיין הויפט מיניסטער האָט מיר געראטהען : משה'ן און אהרן'ען וועל איך גלייך טוידטען, און מצרים וועט מעהר שוין נישט דארפען ליידען פון זיי.

פרעה האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין טראהן און אויסגערופען :

— אזוי וועט עס געשעהן ! — זאָל מיין ארמעע געגרייט זיין, איך וועל געהן פאראויס ! מיר האָבען ניט וואס מורא צו האָבען. דער זיעג איז אויף אונזער זייט !

פרעה האָט ארויסגעשיקט שלוחים איבער'ן גאנצען לאנד און ער האָט זיי אָנגעזאָגט צונויפצורופען די אלע יונגע מצריים וועלכע זיינען פעהיג צו מלחמה.

ווען זיי זיינען אלע אָנגעקומען אין טהעבען, די הויפט שטאָדט, איז פרעה צו זיי ארויסגעקומען און אויסגערופען :

— די ישראלים האָבען אונז אָפּגענארט, זיי זיינען אין גאנצען אנטלאָפען פון מצרים, און דערצו האָבען זיי ביי אלעמען אוועקגענומען זייער רייכטהום. אויך מיינע אוצרות האָבען זיי פון מיר אוועקגערויבט. דעריבער דארפט איהר זיך אלע שטארקען און זיין בראווע מענשען און די געטער פון מצרים וועלען אונז קומען צו הילף און מיר וועלען זיי צוריק קעהרען נאָך מצרים. און אזוי זיכער בין איך מיט א זיעג אז איך וועל געהן פאראויס !

— לאנג לעבען זאָל פרעה ! — האָבען טויזענדע שטימען געדונערט. מיר וועלען געהן ! מיר וועלען געהן !

עס איז געווען דער פינפטער טאָג זינט די אידען זיינען ארויס פון מצרים. משה האָט אָנגעשטעלט אייניגע פון די בראווע יונגען זיי זאָלען אכטונג געבען און זעהן אויב די מצריים קומען אָן..

זיי זיינען געשטאנען מיט זייערע פערד אויף א גרויסען בארג, וואו זיי האָבען געקענט בעאָבאכטען פון גאנץ ווייט און ווי נאָר זיי האָבען דערזעהן אז די מצריים קומען אָן, זיינען זיי פייל אויסען בויגען געלאָפען אנזאָגען משה'ן וועגען דעם.

ווען די נייעס האָט דערגרייכט די אידען, זיינען זיי זעהר אומרוהיג געווארען.

משה האָט גלייך געזעהן אז די יונגע און שטארקע פון די אידען זאָלען געהן פון הינטען און אין פאל פון א קאמפף, וועלען זיי דערווייל צוריק האלטען דעם אנגריף פון די מצריים און ער האָט געגעבען א בעפעהל צום פאָלק צו פארטזעצען זייער רייזע צום ים.

ווי נאָר די אידען האָבען זיך דערוואוסט אז די מצריים יאגען זיך נאָך זיי און האָבען זיי שוין באלד דערגרייכט, איז צווישען זיי אויסגעבראכען א טומעל.

— מיר זיינען פארלארען ! מיר זיינען פארלארען ! — האָבען אייניגע געשריען.

— מיר זיינען נישט גרייט צו קעמפ־

פען געגען די בעוואפענטע מצריים, און אַט קומען זיי אויף אונז אָן און וועלען פון אונז קיין שריד ופליט ניט איבערלאָזען!

— פאר אונז איז דער ים און הינטער אונז זיינען די מצריים, ווי אזוי וועלען מיר זיך איצט קענען ראטעווען ?!

— פיעללייכט וואָלט פאר אונז ראטזאם געווען צו שיקען שלוחים פון שלום צו די מצריים און זיך אונטערגעבען. דאס איז דער איינציגער וועג וואס פאר אונז איז פערבליעבען!

— יע, דאס וואָלט אונז געראטעוועט פון אונטערגאנג! ווען מיר גיבען זיך יעצט נישט אונטער זיינען מיר פארלארען!...

— עס איז שוין לאנג, מיין האר קעניג, אז איך האב ליעב די פרינצעסין, דיין אינגסטע טאָכטער, וועלכע איז דורך מיר ערצויגען געווארען. איך האב מיט איהר געלערנט די געזעצען פון אזירים און פון די אנדערע געטער פון מצרים, און יעצט וויל איך אז דו זאלסט מיר פערשפרעכען אז דו וועסט מיר איהר אפגעבען פאר מיין פרוי.

— אבער ווי אזוי איז דאס מעגליך?

— האט פרעה איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. אלס הויפט פריעסטער וועסטו דען קענען נעהמען מיין טאָכטער?

— דאס וועסטו אויך קענען פערריכטען, מיין האר קעניג — האט דער פריעסטער זיך אפגערופען — האב איך דען ביי דיר נישט פארדיענט דערהויבען צו ווערען? דער קעניג וועט מיר מאכען פאר זיין הויפט מיניסטער אדער אפילו פאר זיין משנה למלך און דאן וועל איך דאך געוויס זיין בערעכטיגט צו הייראטען די פרינצעסין.

פרעה איז געווארען אזוי צוטומעלט אז ער האט נישט געוואוסט וואס איהם צו ענטפערן.

— צווייפעלט נאָך מיין האר קעניג אז איך האב עס פערדיענט? — האט דער פריעסטער זיך צו איהם אפגערופען.

פרעה האט באלד פערשטאנען פון זיינע רייד, אז ווען ער זאל איהם דאס ענטזאגען צו טאָהן, וועט ער נישט דורכגעהן מיט זיין פלאן און דאן וועט ער דאך אליין איינס זיין א פערלאָרענער.

— דו האסט פערדיענט, מיין ליבער פריינד! — האט פרעה אויסגערופען — איך זעה אז דו ביזט זעהר קלוג, און מיין שיקזאל ליגט יעצט אין דיינע הענט. אָהן צווייפעל אז דו וועסט ווערען מיין הויפט מיניסטער, אבער פערשטעהסטו מיך, די פרינצעסין איז דאך נאָך אזוי יונג!

— איך פערשטעה! — האט דער הויפט פריעסטער געזאגט — דו מיינסט אז איך בין צו אלט פאר איהר! און וואס וועט זיין פון דער פרינצעסין, אין פאל דו ווערסט אויס פרעה?! האסטו אויך וועגען דעם א טראכט געטהאָן, וואלט זי דאך זיך נישט געשעצט גליקליך אז אזא מאן ווי איך וואָלט איהר גענומען אונטער זיין שוץ!

— דו ביזט גערעכט, הייליגער פריסטער! דו האסט עס זיכער פערדיענט, און איך האף אז ווען מיין טאָכטער וועט דערהערען פון דיין נבואה, אז איך לעב און אז אזירים האט זיך צו דיר ענטפלעקט, וועט זי דיר נאָך מעהר פערערען און אויך ליעב בעקומען. דאן וועט פאר מיר נישט זיין צו שווער צו ערפילען דיין וואונש. אבער דו וועסט דאָך מיר פערשפרעכען, אז דער סוד זאל בלייבען בלויז צווישען מיר און דיר אויף עוויג.

— איך פערשפרעך דיר! — האט דער פריעסטער דערלאנגט פרעה'ן זיין האנט — און אין דערזעלבער צייט וויל איך דיר נאָך אן עצה געבען, ווי אזוי צו מאכען די זאך נאָך גרינגער.

— מאכען וואס גרינגער? — האט פרעה איהם געפרעגט.

— צו מאכען אז דיין טאָכטער זאל צושטימען מיט מיר חתונה צו האבען.

— וואס איז דיין עצה?

— מיין עצה איז אז ווען דו וועסט שוין זיין געזיכערט מיט דיין טראָהן זאלסטו אריינרופען דיין אינגסטע טאָכטער און איהר זאגען אז אזירים האט

זיך צו דיר אין חלום בעוויזען און געזאגט אז צוליעב דעם זכות פון דעם הויפט פריעסטער איז דיין לעבען גערעטעט געווארען, און דעריבער האט דיר אזירים אנגעזאגט אז דיין אינגסטע טאכטער מוז הייראטהען מיט דעם הויפט פריעסטער און דאן וועט זי אפילו קיין פראגען מעהר נישט פרעגען און זי וועט צושטימען מיט מיר חתונה צו האבען.

שווער איז געוועזן פאר פרעה'ן צו טאהן אזא זאך, זיין אינגסטע טאכטער איז געוועזן אזוי בעצויבערנד שעהן און אז דער הויפט פריעסטער וואלט געקענט זיין איהר זיידע. אבער וואס קען ער טהאן, ער וועט איהם מוזען נאכגעבען. ער האט איהם אין זיין האנט. ווען ער וועט נישט דורכפיהרען זיין פלאן אפצונארען די מצריים און זיי זאגען אז אזירים האט איהם פאראויס געזאגט וואס עס האט פאסירט, וואלטען די מצריים זיכער אויסגעלאזען זייער צארן אויף איהם און ער וואלט זיין קרוין פערלארען.

— איך וועל טאהן ווי דו ראטהסט מיר! — האט פרעה געזאגט.

— דו טו ווי איך וועל דיר זאגען — האט דער פריעסטער זיך צו איהם אפגערופען — איידער עס ווערט טאג וועסטו פערלאזען מיין הויז, היל זיך איין אין אן אויבער־מאנטעל און פערדעק דיין פנים, דאס אין פאל ווען אימיצער וועט דיר בעגעגנען זאל ער דיר נישט דערקענען. דו וועסט זיך ערגעץ וואו הינטערן שטאדט אויסבעהאלטען ביז עס וועט גוט ליכטיג ווערען. ביי דער צייט וועל איך שוין האבען פערזאמעלט אלעמען און זיי איבערגעבען די רייד פון אזירים. איך וועל מיט אלעמען ארויסגעהן דיר ענטקעגען און ווען מיר וועלען דיר בעגעגנען נישט ווייט פון די טויערן פון שטאדט וועלען אלע זעהן אז מיינע רייד זיינען ריכטיגע און אז אזירים האט ווירקליך צו מיר אזוי גערעדט!

פרעה האט געטאהן אזוי ווי דער פריסטער האט איהם געהייסען, ער האט זיך איינגעהילט אין א מאנטעל, און האט פארדעקט זיין פנים און איז ארויס פון זיין הויז.

אליין האט ער מיט זיינע מיעדע פיס געוואנדערט דורך די פינסטערניס פון דער נאכט. ער איז געוועזן צופרידען וואס קיינער האט איהם נישט בעגעגנט. אין א בעהאלטענעם פלאץ איז ער געזעסען און געווארט ביז וואנען עס האט גענומען טאג ווערען.

די זון האט גענומען אויפגעהן פון מזרח זייט. דער טונקעלער הימעל איז מיט יעדער רגע אלץ ליכטיגער און קלארער געווארען. פרעה איז ארויסגעקראכען פון זיין בעהעלטעניס. זיינע האר זיינען געוועזן נאך פייכט פון דער טהוי ער האט זיך גענומען אויסגלייכען. א טרויעריגער געדאנק האט אין זיין מח געלעכערט: וואס וועט זיין אז דאס פאלק וועט נישט וועלען איינשטילען זייער צארן. מעגליך אז דאס פאלק וועט פערלאנגען נקמה פאר אלע אומגליקען וואס ער האט געבראכט אויף מצרים. דאס איז דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען, וואס ער האט א טראכט געטאן וועגען זיין פאלק. האט ער זיך דען ווען עס איז פריהער גערעכענט מיט דעם פאלק? זיי זיינען דאך אלע פעררעכענט פאר זיינע קנעכט. דאס פאלק האט אלע מאל געמוזט טאהן זיין ווילען. יעדער האט געציטערט פאר איהם, און יעצט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען ציטערט ער פאר דעם צארן פון זיין פאלק. אבער דאס איז בלויז צייטווייליג — האט זיך פרעה זעלבסט געטרייסט — זאל ער זיך נאר צוריק בעפעסטיגען אויף זיין טראהן, דאן וועט ער ווידער הערשען מיט אן אייזערנער האנט. זיין ווארט וועט זיין געזעץ און דאס פאלק וועט פאר איהם ווידער ציטערן ווי פריהער. אמת, ער וועט זיין אן ארימער קעניג, זיינע אוצרות זיינען פוסט. זיינע שקלאפען זיינען בעפרייט געווארען און עס וועט איהם לאנג נעהמען ביז וואנען ער וועט קענען צו זיך קומען. אבער אזוי שנעל ווי די מורא פאר'ן פאלק וועט פון איהם פערשווינדען, וועט

ער ארויפלייגען אויף די מצריים שווערע ציינזען און ווידער אמאָל אנפילען זיינע אוצרות.

מיט אָט די געדאנקען האט פרעה געשלעפט זיינע מידע פיס צוריק אין שטאָדט טהעבען.

די זון האט גענומען שטארקער וואַרעמען, די פויגלען האבען זיך צוזונגען און פרעה'ס געמיטה איז נאָך אלץ געווען שווער. וואס נעהנטער ער איז צוגעקומען צום שטאָדט אלץ שטארקער האט זיין הארץ געקלאפט. ער האָט פון זיך אראפגעווארפען דעם אויבער־מאַנטעל, ער האט בעטראכט אויף זיך זיינע קעניגליכע בגדים. וואס זיינען געווען זעהר צוקנייטשט און פארשטויבט. ביי דיזער צייט מוזען שוין די מצריים וויסען וואס עס האט פאסירט מיט זיינע ארמעען — האט ער זיך געטראכט— ער קען זיך פארשטעלען ווי פערביטערט זיי וועלען אלע זיין, ווען זיי וועלען אויסגעפינען אז קיינער, אויסער איהם, איז קיין לעבעדיגער נישט ארויס. אז זייער גאָלד און ציערונג וועלען זיי שוין קיינמאָל נישט צוריק קריגען.

פרעה האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און פלוצלינג האט ער פון גאנץ וויִיט דערזעהען ווי מענשען קומען אָן. ער האט פערשטאנען אז דאס פיהרט דער הויפט פריעסטער די חרטומים און אנדערע איהם צו בעגעגנען. זיין הארץ האט נאָך שטארקער גענומען קלאפען. זיינע קניע האבען זיך געבויגען און זיין גאנצער קערפער האט גענומען ציטערן.

אָט זעהט ער ווי דער פריעסטער לויפט פאַראויס צו איהם. פרעה האָט געפיהלט אז ער קען שוין מעהר נישט געהן. ער האט זיך אפגעשטעלט און קוים געקענט אפכאפען זיין אָטעם.

— אָה, מיין האר קעניג! — האט דער הויפט פריעסטער אויסגערופען און געפאלען מיט זיין פנים צו דער ערד— זאָל די ברכות פון אזירים קומען אויף דיר, מעכטיגער פרעה, געלויבט און געבענשט זאלען אלע געטער זיין וואס ער האט דיר אויסגעהיט, און דיר מיט זיין גרויסע גענאָד צו אונז געזונטערהייט געבראכט.

באלד האבען די איבעריגע וועלכע האבען דעם הויפט פריעסטער נאכגעפאָלגט, געטהאָן דאס זעלבע, זיי זיינען אויך צו דער ערד מיט זייערע פנים'ער געפאלען און אויסגעשריען:

— לאנג לעבען זאל אונזער גנעדיגער קעניג!

פרעה איז געשטאנען א פערגליווערטער, ער האט זיך פון זיין פלאץ נישט געקענט ריהרען.

— מיין האר קעניג מוז זיך געוויס וואונדערן ווי אזוי מיר קומען דאָ יעצט ענטקעגען צו געהן אונזער פרעה'ן. אבער דאס גאנצע פאלק וויים שוין פון דעם גרויסען אונגליק וואס האט פאַסירט. יע, מיר אלע ווייסען אז דער קעניג איז מיט דעם חסד פון אזירים איינער אליין געבליבען לעבען.

פרעה האט נאָך אלץ געשוויגען און דער הויפט פריעסטער האט פארטגעזעצט:

— אזירים האט זיך צו מיר היינט ביינאכט בעוויזען און ער האט מיר אלעס דערצעהלט וואס עס איז פאָרגעקומען ביים ים סוף. אזוי איז געווען זיין הייליגער ווילען.

— אזוי איז געווען זיין הייליגער ווילען — האָבען די טרויעריגע שטימען פון די פארזאמעלטע ווידערהאָלט דעם פריעסטער'ס רייד.

— אזירים האָט מיר געזאָגט אז דער קעניג וועט זיך אומקעהרען אליין אין מצרים און ער האָט מיר אויך אנגעזאָגט אז מיר זאָלען געהן באגעגענען פרעה'ן און איהם צוריקזעצען אויפ'ן טהראָן, און איך זאָל טרייסטען אונזער פאראומגליקטען פאָלק זיי זאָלען זיך נישט נעהמען צים הארצען וועגען דעם גרויסען פארלוסט וואָס זיי האָבען ערליטען, ווייל פון היינט אָן וועלען זיך אָנהויבען גליקליכע טעג פאר מצרים. און יעצט, דערצעהל אונז אָה, קעניג, וואס עס האָט פאסירט כדי דאָס פאלק זאָל וויסען אז אונזער מעכטיגסטער גאָט אזירים האָט מיר ריכטיג איבערגעגעבען.

מיט א ציטערענדע שטימע האָט פרעה דערצעהלט ווי אזוי זיינע מחנות האָבען אַנגעיאָגט די ישראלים אין ים, וואס האָט געשיינט צו זיין טרוקען און ווען די מצרישע ארמעען זיינען אויף דעם זעלבען וועג געגאנגען, זיינען פלוצלונג גרויסע און מעכטיגע כוואליעס אַנגעקומען און זיי אלעמען דערטרונקען.

א ביטערער געוויין האָט אויסגעבראָכען צווישען די מצריים, ווען זיי האָבען געהערט וואָס זייער קעניג האָט זיי דערצעהלט.

— דער צאָרן פון דעם אידישען גאָט האָט זיך אויף אונז אויסגעגאָסען ! — האָבען זיי אויסגערופען. — יעצט זעהען מיר אז דער אידישער גאָט איז דער שטארקסטער און מעכטיגסטער אפילו פון אונזער הויפט גאָט אזירים.

—אָה, ניין, ניט דער אידישער גאָט האָט אונז געשטראָפט ! — האָט דער הויפט פריעסטער אויסגערופען, אבער אונזערע געטער פון מצריים, ווייל איהר האָט זיי פארנאכלעסיגט. די טעמפלען האָבען לעצטענס גענומען פוסטעווען אין דער צייט ווען די אידישע שקלאַפען האָבען אייך רייך געמאכט, האָט איהר געזוכט אנדערע פארוויילונגען און לוקסוסען און אין די טעמפלען פלעגט איהר ניט קומען און קיין מתנות פאר די געטער ניט ברייגנען. שפעטער ווען משה איז אנגעקובען אין מצרים און ער האָט מיט זיין כשוף פאראורזאכט א סך צרות און ליידען האָט איהר ווייטער ניט געוואלט קומען אין די טעמפלען און אזוי איז דער צאָרן פון אזירים'ן און דער צאָרן פון די איבעריגע געטער געווארען אלץ גרעסער און גרעסער און יעצט האָבען זיי אויסגעלאָזען זייער כעס אין באַשטראָפט די מצריים אויף דעם ים ! אזוי האָט מיר אזירים געזאָגט לעצטע נאכט. אין דער זעלבער צייט האָט ער מיר פארשפראָכען אז דאָס וועט זיין אונזער לעצטע מפלה און מיר וועלען מעהר שוין ניט וויסען פון קיין ליידען. אויב מיר וועלען אז די געטער ניט פארגעסען !

— אבער א גרויסער וואונדער איז געשעהען צו די אידען ביים ים סוף ! — האָט איינער זיך אפגערופען — זייער גאָט האָט זיי געפיהרט אין די טריקענים אין מיטען ים . . . און ווען די מצריים זיינען אהין אריינגעקובען האָט ער זיי דערטרונקען. איז עס דען ניט קיין גרויסער נס !

— געווים איז עס א גרויסער וואונדער ! — האָט א צווייטער אויסגערופען. זעהען מיר דען ניט אז אונזערע געטער זיינען ן מאכטלאָז געגען אידישען גאָט.

— דו לעסטערסט דעם נאמען פון אזירים ! — האָט דער הויפט פריסטער אויף איהם א געשריי געטאָן. — דער שטראָף איז זעהר גרויס !

— וואס קען שוין מיין שטראף זיין גרעסער ווי ער איז. מיין ערשט געבאָרענעם זוהן האָב איך מיט אייניגע טעג צוריק פארלאָרען, מיינע דריי געזונטע איבערגעבליבענע זיהן זיינען דערטרונקען געווארען אין ים סוף, וואס נאָך קענען מיר די געטער פון מצריים טהאָן! יע, מיר זיינען אלע פארלאָרען. מיר האָבען בלויז איין איינציגען וועג, און דאָס איז אָנצופאנגען צו דינען צו דעם גאָט פון ישראל. ער וועט אונז קענען ברייננען א טרייסט צו אונזערע צרות !...

— ווי אזוי קענסטו אזוי ריידען !— האָט זיך דער פריעסטער צובייזערט אויף איהם — זעהסטו דען ניט די גרויסקייט פון אזירים'ן ! איידער דער קעניג איז געקומען אונז איבערצוגעבען די טרויעריגע בשורה וועגען דעם פאל ביים ים, האָט מיר שוין אזירים געהאט אלעם ענטדעקט ! זעהסטו דען ניט אז עס איז קיין פארבאָרגענעם ניטאָ פאר אונזער גאָט !

— אבער נאָך גרעסער איז דער וואונדער וואס דער גאָט פון ישראל האָט באוויזען ביים ים. די אידען האָט ער אריבערגעפיהרט אין דער טריקענים און די מצריים האָט ער דערטרונקען.

— עס איז גאָר קיין וואונדער ניט !

— האָט זיך אפגערופען דער הויפט פון

די חרטומים. דער פּלאץ וואו די אידען זיינען אריבער דעם ים איז זעהר א שמאלע פּאס, דארטען קומט גאנץ אפּט פּאר גרויסע אפּפלוסען און צופלוסען. משה האט גאנץ גוט געוואוסט מכוון צו זיין די ריכטיגע צייט, און ווען ער האט געוואוסט אז יעצט קומט אן די צייט ווען דער ים האט א גרויסען אפּפלוס פון וואסער, האט ער געהייסען שנעל די אידען אריבערגעהן דעם שמאלען פּאס פון ים, און ווען די מצרישע מחנות זיינען אהין אריינגעקומען איז אנגעקומען דער גרויסער צופלוס פון וואסער וואס האט אלעמען אריינגעשווענקט אין ים !

אלע האבען אנגעקוקט דעם הויפּט פון די חרטומים מיט גרויס באוואונדערונג.

— מעגליך אז דו [illegible]ט רעכט ! — האט איינער אויסגערופען.

— געוויס האט ער רעכט ! — האט דער פּריעסטער געזאגט — יעצט זעהן אלע אז דער וואונדער [illegible]אס אזירים האט באוויזען מיר פאראייסצוזאגען די גאנצע [illegible] איידער אימיצער איז אהער געקומען, איז א סך גרעסער ווי דער וואונדער וואס די אידען זיינען אריבער דעם ים סוף.

— און איך גלויב נאך אלץ אז א גרויסער נס האט פּאסירט מיט די אידען — האט דער זעלבער מצרי אויסגערופען. — אונזע[illegible] מחנות האבען דאך נאכגעיאגט די אידען און זיי האבען זיי דאך שוין באלד דערגרייכט, לויט ווי אונזער קעניג דערצעהלט אונז, פארוואס איז גראדע דאן ווען די אידען האבען געדארפט אריבער געהן דעם ים, איז געווארען אן אפּפלוס און ווען די מצריים זיינען אנגעקומען איז געווארען א גרויסער צופלוס. ניט אנדערש אז דער מעכטיגער גאט פון ישראל האט די מאכט צו באפעהלען דעם ים צו טהאן זיין ווילען, א זאך וואס אזירים קען דאס ניט באווייזען . . . און אחוץ דעם אפילו ווען די פּאסירונג ביים ים זאל יע ערקלעהרט ווערען אויף א נאטירליכען אופן, ווי אזוי קענט איהר אלע ערקלעהרען די צעהן מכות און בפרט די צעהנטע מכה, ווען אלע אונזערע ערשטע געבארענע זיינען אויסגעשטארבען... די כשוף מאכער האבען דאך דאן אליין צוגעגעבן אז אזא זאך איז אומעגליך צו טהאן מיט כשוף... ווייל זייערע אייגענע בכורים זיינען אויך אויסגעשטארבען און זיי האבען גארניט געקענט טהאן צו פארמיידען דעם כשוף.

— מיר טארען ניט [illegible] די ווענען פון אונזער גאט אזירים ! — האט דער פּריעסטער געזוכט זיך אויסצודרעהען פון צו געבען איהם א ריכטיגע תשובה. דער באפעהל פון אינזער גאט איז אז מיר זאלען זיך ניט [illegible]מען צום הארצען, וואס מיר האבען אזוי פיעל געליטען דורך דער גאנצער צייט. יעצט איז דער וואונש פון אזירים'ן אז מיר זאלען מיט גרויס פרייד אויפנעהמען אונזער קעניג און צוריק זעצען איהם אויף זיין טהראן ווייל פון היינט אן וועט הערשען שלום און צופרידענהייט אין אונזער לאנד. זאל די ברכה פון אזירים'ן דערגרייכען אונזער מעכטיגען פּרעה'ן און זאל ער באשיצען איהם און אונזער לאנד פון אלדאס ביזע ביז עוויג ! לאמיר אלע פאלען אויף אונזערע קניה און אויסגעשריען : ”הייליג איז אזירים דער מעכטיגסטער פון אלע געטער !

דאס פארזאמעלטע פאלק האבען געטהאן ווי זייער פּריעסטער האט זיי געהייסען. זיי זיינען אלע געפאלען מיט זייערע פּנימע׳ר צום באדען און אויסגעשריען : ”הייליג איז אזירים, דער מעכטיגסטער פון אלע געטער !

שנעל האט מען פּרעה'ן געבראכט א פערד און מיט גרויס פּאראד האט מען איהם אריינגעפיהרט אין הויפּט שטאדט טהעבען און איהם צוריק געזעצט אויף זיין טראהן.

א גרויס טרויער האט געהערשט אין גאנץ מצרים, יעדער האט געוואוסט אז מצרים איז ארונטער פון איהר גדולה... אלע זיינען געווען אויפגערעגט אויף פּרעה'ן וואס צוליב זיין עקשנות האט ער אויף זיי געבראכט אזוי פיעל צרות און אומגליקען און ווען ניט דער הויפּט

פריעסטער וועלכער האָט זיי אנגעזאָגט אז עס איז דער ווילען פון זייער גאָט אזירים, דאָס פרעה זאָל פארבלייבען אויף זיין טראָהן, ווי פריהער, וואָלטען זיי איהם [illegible] פארשטיינערט צום טויט פאר דעם אומגליק וואס ער האָט אויף זיי געבראכט.

שטילערהייד, ביי זיך אין דער היים, האָט יעדער מצרי געקלאָגט און געטרויערט נאָך די זיהן, וועלכע זיינען דערטרונקען געווארען אין ים סוף . . . די פריהערדיגע וואונד פון מכת בכורים, דאָ האָבען זיי ערליטען א נאָך גרעסערע איז נאָך ניט פארהיילט געווארען און מפּלה . . . די שאנדע איז גרויס און דער וועהטאָג איז נאָך גרעסער . . . זיי האָבען פארלאָרען זייער גאנצע גאָלד און ציערונג, זיי האָבען פארלאָרען זייערע שקלאפּען, פאראָרימט איז געווארען דאָס גאנצע לאנד, אפּגעשוואכט פון די שטארקע קלעפּ וואס זיי האָבען ערליטען דורך משה׳ן.... אין יעצט איז מצרים געווארען א קליינע, ניט וויכטיגע נאַציאָן . . . וואס וועלען די אלע אנדערע פעלקער, זייערע שונאים יעצט טהאָן און פון זיי אוועקנעהמען די פיעלע שטעדט וועלכע זייערע עלטערן האָבען איינגענומען מיט שווערד און בלוט! יעדער איינער האָט זיך ארומגעטראָגען מיט דיעזע טרויעריגע געדאנקען, מען האָט זיך געשעהמט איינער פאר דעם צווייטען זיי ארויסצוברייגען, ווייל דער הויפּט פריעסטער איז געוואָרען פרעה׳ס עס איז דער ווילען פון די געטער זיי זאָלען מעהר ניט טרויערען, ווייל פון יעצט אָן וועלען קומען פרעהליכע און גליקליכע טעג פאר מצרים.

עס האָט ניט לאנג געדויערט און דער הויפּט פריעסטער אי געוואָרען פרעה׳ס הויפּט מיניסטער... זעהר דאנקבאר איז פרעה איהם געווען, ווייל ער האָט גאנץ גוט געוואוסט, אז ניט נאָר האָט ער מיט זיין קלוגען איינפאל און פּלאן געראטעוועט זיין קרוין, אבער אויך זיין לעבען.

דאָך שוין זייענדיג געזיכערט מיט זיין לעבען און קרוין, איז פרעה געווען אין גרויס שרעק . . . ער האָט יעצט געוואוסט אז אזירים, דער הויפּט גאָט פון מצרים האָט איהם גאר ניט געהאָלפען... ער האָט גאָר קיין וואונדער ניט באוויזען, דער איינציגער וואונדער וואס דאָס פאָלק גלויבט איז דער אויסגעטראכטער ליגען, אז אזירים האָט פאראויס געזאָגט וועגען דעם אומגליק . . . ווייס ער דאָך אבער א אויך דאָס האָט ניט פּאסירט... דער גאָט פון ישראל איז מעכטיג און גרויס. יעצט זעהט ער אז אלע אנדערע געטער זיינען הילפלאָז געגען איהם. ווען ער וואָלט ניט מורא געהאט פאר דעם פריעסטער, ער זאָל דערצעהלען דעם פאָלק דעם גאנצען אמת ווי אזוי ער איז די נאכט בעפאָר געקומען צו איהם אין הויז און ער האָט געזוכט א וועג ווי זיך צו ראטעווען פון דעם צאָרן פון המון, וואָלט ער יעצט ערקלערט פאר אלעמען א אויב מצרים וויל זיך ראטעווען, זאָלען זיי אויפגעבען די געצען און אפילו אזירים׳ן און אנפאנגען צו דיענען צו דעם גאָט פון ישראל . . .

— מיין האר קעניג ! — האָט דער פריעסטער וועלכער איז געווארען זיין הויפּט מיניסטער אונטערבראָכען דעם קעניג, פרעה׳ס, געדאנקען. — איך באַמערק א דו ביזט נאָך אלץ אומעטיג און טרויעריג. דו מוזט זיך אלעם פון דיין קאָפּ ארויסשלאָגען און דו מוזט זעהען צו מאכען שמחות אין דיין פּאלאץ.

— ווי אזוי זאָל איך ניט זיין טרויעריג ! — האָט פרעה איהם געענטפערט.

— זעהסטו דען ניט וואָס דער גאָט פון ישראל האָט צו מיר געטאָן.

— וויפיעל מאָל, מיין האר קעניג האָב איך דיר געזאָגט אז מיט דעם וואָס דו לויבסט דעם גאָט פון ישראל, דערנידעריגסטו אונזער הויפּט גאָט אזירים׳ן !

— אזירים ? ! — האָט פרעה געענטפערט — וואס פאר א וואונדער האָט ער באוויזען ? דו און איך ווייסען דאָך דעם אמת אז אפילו דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט אנגענומען אלס וואונדער האָט אויך ניט פאסירט.

איז עס דען ניט קיין גרויסער וואונדער וואס דו, מיין האר קעניג, ביזט דער איינציגער געבליבען לעבען אין דער צייט ווען אלע דיינע מחנות זיינען דערטרונקען געווארען אין ים סוף.

— איך בין געבליבען לעבען, ווייל איך בין געווען א פייגלינג, א פחדון — האט פרעה געזאגט. — פריהער האב איך פארשפראכען מיינע סאלדאטען אז איך וועל געהן פאראוס אין מלחמה מיט די אידען, אבער ווען איך האב געזעהען אז דער געפאהר ווערט גרעסער, בין איך אוועק מיט אן אויסרייד פון הינטען ... און ווען אלע מיינע מחנות האבען מיט גרויס אימפעט זיך געלאזט לויפען נאך די אידען אין ים, בין איך זעהר פארזיכטיג געווען . . . איך האב געווארט ווען אלע זיינען שוין געווען גאנץ ווייט אוועק ערשט דאן האב איך באשלאסען נאכצוגעהן . . . אבער איך האב דערהערט דעם גערויש פון די אנקומענדע כוואליעס און איך בין געבליבען שטעהן אויף דער יבשה . . . דאן האבען צו מיינע אויערען דערגרייכט די פארצווייפעלטע געשרייען פון מיינע סאלדאטען, און איך האב געוואוסט אז זיי זיינען פארלארען . . . יעצט זעהסטו שוין, ווען איך וואלט קיין פחדן ניט געווען און געגאנגען פאראויס, וואלט אזירים מיר אויך ניט געקענט באשיצען אזוי ווי ער האט מיינע ארמעען ניט געקענט באשיצען.

— דו טארסט אזוי ניט ריידען וועגען אזירים'ן ! — האט ער איהם געזאגט. — זעהסטו דען ניט אז דער געדאנק זיך צו שטעלען הינטער דיין ארמעע איז צו דיר געקומען אויך פון אזירים'ן, כדי דיר צו ראטעווען ! און יעצט פארטרייב דיינע טרויעריגע געדאנקען און גרייט זיך צו צו מאכען א מאלצייט צוליעב מיין חתונה מיט דיין אינגסטער טאכטער !

— מיט מיין אינגסטער טאכטער ?

— האט פרעה ווידערהאלט זיינע רייד.

— האסטו דען פארגעסען אז דאס איז געווען אונזער אפמאך, — האט ער איהם גענומען דערמאנען.

— יע, איך געדענק ! — האט פרעה געענטפערט. — איך האב נאך אבער מיט איהר ניט גערעדט וועגען עם, פיילייכט וואלסטו איינגעשטימט חתונה צו האבען מיט מיין עלטערע טאכטער ! — מיט איהר וועט מיר ניט זיין אזוי שווער צו ריידען וועגען דעם !

— אה, ניין, מיין האר קעניג ! — האט דער הויפט מיניסטער געזאגט — איך האב ליעב דיין אינגסטע טאכטער און וואס איך האב פאר דיר געטאהן איז עס געווען צוליעב איהר . . . און דו אליין האסט מיר דאך אויך פארשפראכען . . . האסטו דען פארגעסען די עצה וואס איך האב דיר געגעבען צו זאגען דיין טאכטער אז אזירים האט זיך צו דיר באוויזען אין חלום !

— יע. איך וועל אזוי טהאן ! — האט פרעה געזאגט מיט א שווערען געמיטה — איך וועל מיט איהר ריידען די טעג!

— אבער, מעכטיגער פרעה, דו ווייסט ניט ווי אזוי אומגעדולדיג איך בין, און אויסער דעם איז שוין צייט אז אין פאלאץ זאל פארקומען א שמחה . . . זאלען אלע דיינע בעאמטע זיך משמח זיין און פארגעסען אן די אלע פריהערדיגע צרות, דעריבער וואלט איך דיר געבעטען ,אז דו זאלט עס נאך היינט טהאן.. יע, היינט זאלסטו מיט איהר ריידען, כדי די חתונה זאל קענען באשטימט ווערען גאר אין גיכען.

פרעה האט א שאקעל געטאן מיט דעם קאפ אלס צושטימונג. ער האט געוואוסט אז קיין אנדער ברירה איז פאר איהם ניט פארבליבען.

א גליקליכער און צופרידענער איז דער הויפט מיניסטער, דער געוועזענער פריעסטער אוועק צו זיך אהיים. באלד וועלען פארווירקליכט ווערען זיינע חלומות וועגען דער שעהנער יונגער פרינצעסין. ער איז אריין אין זיין הויז און דארטען גענומען די ביסעל געלד וואס פרעה האט געהאט איבערגעלאזען ביי איהם אין דער נאכט וואס ער איז צו איהם געקומען. די ציערונג פון פרעה'ס פערד, וואס ער האט ארונטער־

גענומען האָט ער געלאָזט פאַר זיך. אַלס א צייכען . . . טאָמער וועט פּרעה ניט וועלען צושטימען צו געבען איהם זיין אינגסטע טאָכטער, וועט ער האָבען מיט וואס איהם צו דראָהען. ער וועט קענען איבערצייגען דעם פּאָלק אז פּרעה איז צו איהם געקומען און איהם געבעטען ער זאָל איהם ראַטעווען.

ער האָט מיטגענומען דאָס גאָלד און עס געבראַכט פאַר פּרעה'ן און געזאָגט:

— דאָס האָסטו איבערגעלאָזען אין מיין הויז, יענע נאַכט, יעצט האָב איך דיר עס צוריק געבראַכט.

— איך האָב שוין מיט מיין אינגסטע טאָכטער גערעדט וועגען מיין חלום . . . זי האָט בעת מעשה אויפגעציטערט, ווען זי האָט אויסגעפונען אז זי וועט דאַרפען מיט דיר חתונה האָבען . . . זי האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדער געוויינט און מיך געבעטען איך זאָל דערפון ניט טראַכטען . . . איך האָב געזעהען אז איך וועל האָבען א גאַנץ גרויסע שוועריגקייט צו קריגען איהר צושטימונג, און צווינגען איהר וועט זיין זעהר ניט איינגענעהם פאַר אַל...ען, האָב איך איהר געזאָגט אז ווען אזירים האָט מיך געהייסען איהר אָפּגעבען פאַר א ווייב צו דעם געוועזענעם הויפּט פּריעסטער און מיין יעצטיגער הויפּט מיניסטער, האָט ער מיר אויך געזאָגט אז אין פאַל ווען איך וועל דאָס ניט טהאָן דאַן פאַרליר איך מיין קרוין צוזאַמען מיט מיין קאָפּ . . . דיזע ווערטער האָבען אויף איהר זעהר א שטאַרקען איינדרוק געמאַכט און זי האָט גלייך צוגעשטימט מיט דיר חתונה צו האָבען !

— זי האָט צוגעשטימט ! ! — האָט ער אויסגערופען מיט גרויס פרייד און ברייט פאַנאַנדער געעפענט זיין מויל — געלויבט איז אזירים, וואָס ער האָט מיט מיר גרויס וואונדער געטאָן.

— עס וועט ווירקליך זיין א וואונדער וואס מיין אינגסטע טאָכטער וועט מיט דיר חתונה האָבען ! — האָט פּרעה געזאָגט מיט געצוואונגענעם שמייכעל אויף זיינע ליפּען — פאַרגעס ניט, אז דו ביזט באַלד פיער מאָל אזוי אַלט ווי זי און זי האָט שוין געמעגט זיין אפילו דיין אור־איינִיקעל.

— ...אבער ליעבען קען איך ווי א יונגער מאַן ! — האָט דער הויפּט מיניסטער געלאַכט — אויף ווען ווּעסטו באַשטימען די חתונה ?

—זאָל זיין אפילו אויף מאָרגען !

— האָט פּרעה געזאָגט. ווייל איך האָב מורא, אויב איך וועל דאָס אָפּלייגען אויף א לענגערע צייט, וועט זי נאָך פיילייכט חרטה האָבען.

— איך בין געוויס צופריעדען ! — האָט ער געזאָגט — איך בין געגרייט אפילו היינט !

- דו וועסט דאַרפען זיך מיט איהר נאָך היינט זעהען און באַשטימען די חתונה. דאָס לאָז איך איבער צו אייך ביידען ! — האָט פּרעה געז...ט.

אויף מאָרגען האָט מען געפּראַוועט די חתונה פון פּרעה'ס אינגסטע טאָכטער מיט דעם אַלטען הויפּט מיניסטער. אַלע פּריעסטער, הרטומים און בעאַמטע זיינען געוועזען אַנוועזענד . . . יעדער האָט געפּראַוועט ארויסצוזייגען אז ער איז פרעהליך און צופרידען. אבער דאָך זיינען אַלעמענס הערצער געוועזען שווער און אַנגעוועהטאָגט. דער גלאַנץ און פּראַכט וואָס פלעגט פאַרקומען ביי אזא געלעגענהייט האָט געפעהלט . . . די שמחה איז געוועזען אן אויבערפלעכליכע און ווען פּרעה האָט געוואַרפען א בליק אויף זיין טאָכטער און באַמערקט איהר בלאַסען טרויעריגען פּנים און די טרעהרען וואָס זיינען געשטאַנען אין איהרע אויגען, האָט ער פאַרשטאַנען אז זי איז זיך מקריב א קרבן ב...ר זיין וואָהלזיין . . . עס איז פאַר איהם געוועזען זעהר שווער צו קוקען אויף זיין טאָכטער און ניט ווילענדיג האָבען זיך פון זיינע אויגען דערטראָגען א קללה צו דעם געוועזענעם הויפּט פּריעסטער און צו אזירים'ן דעם הויפּט גאָט פון מצרים . . .

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט

עס איז שוין געוועזען א שפּראַץ אויף

טאָג, ווען אַלע אידען האבען פערענדיגט זייער מאַרש דורך דער טריקענער ... פון דעם פּאַס פון ים סוף... זיי זיינען געווען גאַנץ מיעד, און דאך האבען זיי זיך נישט געריהרט פון די פּלעצער. זיי האבען בעמערקט ווי די גרויסע אַנקומענדע כוואַליעס שווענקען ארונטער זייערע שונאים...

אין זייערע אויער־ען האבען נאך געקלונגען די ווערטער פון זייער גרויסען פיהרער משה : "היינט זעהט איהר די מצריים אבער ועט איהר זיי שוין מעהר קיינמאָל נישט זעהען".

יעדער האט געקוקט אויף דעם ברויזענדען ים, די געשרייען פון די טרינקענדע מצריים האט אויך זייערע אויערן דערגרייכט.

ביסלעכווייז האט זיך דער ים גענומען איינשטילען. פיעלע קערפּער פון די מצריים זיינען ארויסגעווארפען געוואָרען אויף דעם ברעג ים צוזאַמען מיט זייערע פערד.

די זון האט אָנגעהויבען אויפצוגעהן. עס איז געווארען גאַנץ ליכטיג און דאָ האבען די אידען בעמערקט די טויטע קערפּערים פון זייערע שונאים. עס איז געווארען א געלאָף צו זיי. פיעלע פון די מצריים האבען מיט זיך גענומען גאָלד און די איבערגעבליעבענע ציערונג און די אידען האבען עס ארונטערגענומען פון זיי.

די ווארעמע זון שטראַהלען האט אַלעמען צוגעגעבען נאָך מעהר מוטה אין ערשט דאן האבען זיי אָנגעהויבען פיהלען, אז זיי זיינען א פרייעס אונאפּהענגיגעס פאלק. פּלוצלונג האט זיך דערהערט א געזאנג און שפּילען, דער געזאנג האט זיך געטראָגען פון מויל צו מויל.

משה האט אנגעהויבען צו זינגען א לויב געזאנג צו גאָט פאר די וואונדער וואס ער האט געטהאן מיט די אידען און דער גאנצער שבט לוי האט דעם געזאנג אויפגעכאפּט און מיט גרויס התלהבות נאָכגעזונגען. באלד האבען אויך די איבעריגע שבטים געזונגען.

דאס גאנצע אידישע פאלק, וואס איז דאָ נישט לאנג געווען א פאָלק פון שקלאַפען, האט יעצט געזונגען דאס ליעד פון פרייהייט.

באלד איז מרים ארויס, די שוועסטער פון משה און אהרן מיט דעם פּויק און צוזאַמען מיט פילע פרויען זיך אוועקגעלאזט אין קרייז מיט טענץ און געזאנג. מרים איז געווען די פיהרערין פון די פרויען, זי האט זיי אלעמען אָנגעוויזען זייערע פליכטען צום פאָלק. און נאך ווען זי איז געווען אין מצרים, מיט פיעלע יאָהרען, איידער משה איז געקומען בעפרייען די אידען, איז זי שוין געווען זעהר חשוב ביי די פרויען, אין זייער אנגסטען און ליידען האט זי זיי געטרייסט... זי פלעגט העלפען בעהאלטען די נייע געבאָרענע זיהן, די מצרים זאלען זיי נישט אריינווארפען אין טייך.

עס איז געווען ביי אזא געלעגענהייט ווען מרים האט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט כלב דעם זוהן פון יפונה פון דער משפחה קנז פון דעם שבט יהודה.

כלב איז איינמאָל געקומען צו מרים, זיין פּנים איז געווען בלאס און זיינע אויגען צושראָקען.

— מיין נאָמען איז כלב ! — האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען. — פון דער משפחה קנז און מיין פאָטער'ס נאָמען איז יפונה. מיין מוטער האט לעצטע וואך געבאָרען א זוהן און איהם א נאָמען געגעבען עתניאל... יעצט ווייזט אוים האבען זיך די מצריים דערוואוסט וועגען דעם און מיר האבען שטארק מורא, אז זיי זאלען זיך נישט אריינברעכען אין אונזער הויז, און אוועקרויבען עתניאל'ן פון מיין מוטער'ס הענט.

— קום מיט מיר ! — האט מרים דאן זיך צו איהם אָפּגערופען — שנעלער לאָמיר געהן צו דיר אין הויז, איידער עס וועט צו שפּעט זיין !

ווען מרים איז אָנגעקומען אין הויז האָט זי געטראָפען כלב'ס מוטער הילטענדיג צוגעדריקט דאס נייע געבאָרענע קינד און געוויינט.

— גיעב מיר דיין זוהן, — האָט מרים

זיך צו איהר אפגערופען — איך וועל איהם אויסבעהאלטען ביי זיך אין הויז, קיינער פון די מצריים וועלען צו מיר ניט קומען, און ווען ער וועט עלטער ווערען און די סכנה וועט אריבער... וועל איך דיר איהם צוריקקעהרען — אבער געדענק, דו מוזט זעהר פארזיכטיג זיין נישט צו קומען בעזוכען מיין הויז, כדי די מצריים זאלען נישט חושד זיין, אז דיין קינד ווערט בעהאלטען אין מיין הויז. דו קענסט שיקען דיין עלטערען זוהן כלב'ן. ער וועט קענען קומען מיר בעזוכען און דיר ברענגען א גערוס פון דיין זוהן. אויף איהם וועט קיין חשד נישט פאלען, די מצריים וועלען גלויבען, אז דאס קומט ער מיר פערזענליך בעזוכען—האט מרים געווענדעט איהרע בליקען אויף כלב'ן, און איהר פנים איז בעדעקט געווארען מיט א רויטקייט.

— אבער ווער וועט מיין קינד זויגען?—האט די מוטער איהר געפרעגט מיט זארג.

— דו דארפסט אויך וועגען דעם רוהיג זיין—האט איהר מרים דאן געענטפערט—איך וועל שוין בעזארגען א פרוי פון מיינע שכנות, וועלכע וועט קומען אנזויגען דעם קינד.

זינט דאן פלעגט כלב קומען בעזוכען מרים'ן, פריהער אביסעל זעלטענער מיט אן אויסרייד צו זעהן וואס זיין קליינער ברודער מאכט און נאכהער פלעגט ער שוין קומען יעדען טאג, און אפילו נאכדעם ווי די סכנה איז פאריבער און מרים האט צוריקגעקעהרט עתניאל'ן צו זיין מוטער, האט כלב נישט אויפגעהערט צו בעזוכען מרים'ן. ער האט איהר שטארק ליעב בעקומען און עס איז געשעהן, אז מיט א פאר יאהר שפעטער, נאכדעם ווי אהרן, איהר ברודער האט חתונה געהאט מיט אלישבע, וועלכע האט געשטאמט פון דעם שבט יהודה, האט מרים חתונה געהאט מיט כלב'ן דעם זוהן פון יפונה, וועלכער האט אויך געשטאמט פון דעם שבט יהודה.

מיט א יאהר שפעטער האט מרים געבארען א זוהן צו כלב'ן און איהם א נאמען געגעבען חור, און מיט איינינגע יאהר ארום, האט מרים געבארען א טאכטער צו כלב'ן און איהר א נאמען געגעבען עכסה.

מרים און כלב זיינען געווען זעהר גליקליך מיט זייערע קינדער. אהרן איז געווארען שטארק צוגעבונדען צו זיין שוואגער כלב, און ווען מיט יאהרען שפעטער אז משה איז געקומען, האט ער אויך שטארק ליעב בעקומען כלב'ן, ווייל אין איהם האט ער געזעהן א בראווען מאן, וועלכער האט נאך נישט פערלארען זיין זעלבסטווירדע און שטאלץ, טראטץ די פיעלע יאהרען אין קנעכטשאפט.

די גאנצע משפחה פון עמרם און יוכבד זיינען געווען צוזאמען, און יעצט אז משה האט ארויסגעפיהרט די אידען פון מצרים, און זיי בשלום אריבערגעפיהרט דעם ים סוף און מען האט זיך גענומען אויסרוהען פון דער וואנדערונג וואס זיי אלע האבען דורכגעמאכט פאר די לעצטע עטליכע טעג און צוזאמענגעשטעלט זייערע געצעלטען זיינען די געצעלטען פון מרים'ס גאנצער משפחה געווען ארום דעם געצעלט פון משה'ן, ביי זיין רעכטער זייט איז געווען דער געצעלט פון זיין פאטער און מוטער, און ביי דער לינקער זייט איז געווען דער געצעלט פון אהרן און זיין משפחה, פון פארענט איז געווען דער געצעלט פון משה'ס שוועסטער מרים מיט איהר מאן און איהרע צוויי קינדער, און פון הינטען איז געשטאנען דער קליינער געצעלט פון יהושע דער זוהן פון נון.

ווען מרים איז ארויס פון איהר געצעלט מיט דער פויק אין האנט, איז די גאנצע משפחה ארויסגעקומען פון זייערע געצעלטען, און מיט שטאלצע בליקען איהר גענומען נאכפאלגען. באלד האבען זיי בעמערקט ווי די איבעריגע פרויען פערזאמלען זיך ארום מרים און מרים רופט אויס טאנצענדיג:

"לאָמיר זינגען צו גאָט, ער האט זיינע וואונדער געגרויסט
דעם פערד מיט זיין רייטער האט ער אין ים פערשטויסט".

אלע פרויען האבען געענטפערט מיט געזאנג און טענץ און גרויס איז געווען די בעגייסטערטע פרייד פון פאָלק, ווען אלע האבען פלוצלונג דערפיהלט, אז זיי זיינען פריי !. זיי זיינען פריי נאָך דעם ווי זיי זיינען אזוי פיעל יאָהרען געווען פערשקלאפט אין מצרים. זייערע שונאים זיינען אין גאנצען בעזיעגט.

משה האט בעמערקט, אז פיעלע פון די אידען זיינען אוועק צום ברעג ים און דאָרטען געוואַרט אויף די טוידטע קערערס פון די מצריים וואס זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון ים, כדי זיי נאכהער צו בעזוכען און אוועקנעהמען די גאָלד און ציערונג וואס מאנכע פון זיי האבען מיט זיך געהאט, האט ער בעשלאָסען אז די אידען זאלען רייזען ווייטער, און ער האט געצוואונגען די יעניגע גלייך צו פערלאָזען דעם ים סוף.

משה האט געלאָזט אלעמען וויסען, אז מען זאל זיין גרייט צו דער רייזע און מען האט ווייטער גענומען וואנדערען טיעפער אין דעם מדבר פון שור. דריי טעג האבען זיי געוואנדערט אין דעם מדבר פון שור און האבען דאָרטען ניט געפונען קיין וואסער. ביי אלעמען האט זיך גענומען אויסשעפען דעם זאפאס פון וואסער און מען איז געוואָרען שטארק בעזאָרגט.

משה האט זיי געפיהרט צו א פלאץ אין דער מדבר וואו עס איז געווען א קוואל פון וואסער.

מיט גרויס פרייד האבען זיך די אידען א לאז געטהאן מיט זייערע כלים צום קוואל, זיי האבען גענומען אָנפיהלען זייערע כלים, אָבער ווי נאר זיי האבען גענומען טרינקען פון דעם וואסער, האבען זיי עס אויסגעגאסען, דאס וואסער איז געווען ביטער אז עס איז אוממעגליך צו נעהמען אין מויל.

עס איז געווארען א טומעל און א געשריי.

— מיר זיינען דורשטיג, מיר ווילען וואסער !

— דאס וואסער איז ביטער און מיר וועלען אלע מוזען אויסשטארבען פון דורשט—האבען פיעלע גענומען שרייען.

— לאָמיר געהן צו משה'ן !— האבען איינינגע אויסגערופען—ער איז פעראנטווארטליך פאר אונז, ער האט אונז ארויסגענומען פון א לאנד וואס איז געווען געבענטשט מיט אל דאס גוט און אונז פארפיהרט אין א וויסטעניש, מיר זאלען אלע אויסשטארבען פון דורשט.

— מיר דארפען האבען א ביסעל געדולד !—האבען די מילדערע און משה'ס אנהענגער פרובירט בערוהיגען דעם אויפערעגענדען המון—מיר דארפען זיין געגרייט צו ליידען א ביסעל פאר דער פרייהייט, וואס מיר האבען בעקומען !

— וואס טויג אונז די פרייהייט, אז מיר וועלען אלע אויסשטארבען אין דער מדבר פון דורשט. די היץ איז אזוי גרויס און קיין וואסער איז נישטאָ. און טאָמער האט ער אונז שוין יע געבראכט אין א פלאץ וואו עס געפינט זיך וואסער איז עס ביטער !

זייערע טענות און געשרייען האבען דערגרייכט משה'ס אויערען נישט ווייט פון זיין געצעלט, האבען זיך פיעלע אידען פערזאמעלט און גענומען שרייען, ער זאל זיי געבען וואסער.

משה איז ארויס פון זיין געצעלט און האט א ווייל בערוהיגט דעם עולם. ער איז אליין אוועק צום קוואל און פערזוכט פון דעם וואסער, עס איז ווירקליך געווען ביטער.

— זייט רוהיג און געדולדיג, איהר קינדער פון ישראל !—האט משה צו זיי זיך אָפּגערופען — גאָט, דער גאָט פון אונזערע עלטערען וועלכער האט אונז בעפרייט פון שקלאפעריי און בעוויזען אזעלכע וואונדער מיט אונז ביים ים, האָט אלעס בעזאָרגט. אויב דאָ געפינט זיך א קוואל פון ביטערען וואסער, האָט גאָט געמאכט אז נישט ווייט פון קוואל זאָלען וואקסען אזעלכע פלאנצונגען און בוימער, וואס ווען מען ווארפט זיי ארוין

אין קוואל ווערט דאס וואסער צוריק זים.

די קריגערישע אידען האבען איהם אנגעקוקט מיט צווייפעלנדע בליקען. זיי האט זיך נישט געגלויבט, אז אריינווארפענדיג אין דעם קוואל א בוים ווערט דאס מעגליך מאכען צו טרינקען דאס וואסער.

משה, אהרן, כלב און יהושע זיינען אוועק צום קוואל.

משה האט אויסגעפונען די בוימער פון וואס מען קען פערזיסען דאס וואסער און צוזאמען מיט די איבעריגע האט ער איהם ארויסגעריסען מיט די ווארצלען און אריינגעווארפען אין קוואל. אין א קורצע ווייל האט דאס וואסער געקראגען שוין א בעסערען טעם אבער עס איז נאך אלץ ביטערלאך געווען.

משה האט אריינגעווארפען נאך אייניגע בוימער אין דעם קוואל ביז וואנען דאס וואסער איז אין גאנצען געווארען גוט צום טרינקען.

די שמחה איז ביי אלעמען געווען זעהר גרויס, מען האט זיך באלד א לאז געטהאן צום קוואל, זיך גוט אנגעטרונקען און אנגעפילט אלע זייערע כלים מיט וואסער.

— ווי איך זעה! —האט משה זיך אפגערופען צו זיין ברודער אהרן—איז נאך דאס פאלק גאנץ רוי... די שקלאפעריי פאר אזוי פיעל יאהרען האט פערטעמפעט זייערע מחות, זיי קענען נאך נישט גוט אפשאצען די ווערדע פון פרייהייט.... ווי נאר עס קומט זיי אויס עטוואס צו ליידען, פערלירען זיי שוין זייער געדולד, און ביי זיי וואלט געווען רעכט צוריקצוגעהן נאך מצרים און ציריק צוו ריק צו ווערען שקלאפען.

— ווי עס ווייזט אויס, האבען זיי שוין פארגעסען די ליידען און יסורים וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען פון די מצריים! —האט אהרן געזאגט.

— עס איז נישט אין גאנצען די שולד פון אונזערע ברידער! — האט זיך יהושע וועלכער איז געשטאנען דערביי, אפגערופען צו משה'ן — דער ערב רב וואס איז מיט אונז מיטגעגאנגען. זיי שאפען דעם פאניק צווישען פאלק. איך וויים, אז די ישראלים וואלטען אזוי שנעל נישט פערלארען זייער געדולד, אבער די נישט־אידען, וועלכע זיינען מיט אונז ארויס פון מצרים, ווי זיי קומט אויס עטוואס צו ליידען, אזוי מאכען זיי א טומעל. דער עולם ווערט שטארק צושראקען און זיי פערלירען זיך.

— דו האסט רעכט, יהושע! —האט משה איהם געענטפערט מיט א שמייכעל, — די אמת'ע שולדיגע זיינען די ערב רב, אבער פון דעסטוועגען, האבען זיך אונזערע ברידער נישט געדארפט אזוי שנעל צוהערען צו זייערע רייד, זיי האבען געדארפט ארויסצייגען מעהר בטחון אין גאט און נישט פארלירען זייער געדולד און אנהויבען זיך קריגען און מאכען אזא טומעל! יע, זיי זיינען נאך נישט געלייטערט און גערייניגט... איך זעה, אז עס וועט געדויערען גאנץ לאנג, איידער די אידען וועלען קענען ריכטיג אפשאצען וואס ס'מיינט צו זיין א פרייעס, אונאפהענגיגעס פאלק... מען וועט זיי דארפען זעהר פיעל לערנען... נישט אזוי שנעל וועט מען זיי קענען ברענגען צו דעם לאנד וואס גאט האט פערשפראכען צו אונזערע עלטערען. מיר דארפען אלע וויסען, אז מיר וועלען באגעגענען פילע שטרויכלונגען אין אונזער וועג, איידער מיר וועלען צוקומען צו דעם לאנד כנען און איידער מיר וועלען דאס לאנד איינעהמען. און אויב דאס פאלק וועט ארויסצייגען אזוי פיעל מוטה און קוראזש, ווי יעצט ביי דיזער געשעהענים, זיינען פאראן גאנץ שוואכע אויסזיכטען אויף אן ענדגילטיגען זיעג איבער אונזערע שונאים. זעהסטו דען נישט וואס פאר א קורצען זכרון זיי האבען! מיט עטליכע טעג צוריק האבען זיי אלע בייגעוואהנט דעם גרויסען נס פון ים סוף... זיי האבען איבערגעלאזט הינטער זיך זייערע שונאים טויט, און יעצט ווען עס האט זיי אויסגעפעהלט

וואסער אויף א קורצע צייט, האבען שוין פיעלע פון זיי געשריען, אז זיי ווילען געהן צוריק אין מצרים. זיי האבען פערגעסען אז דעם גאט, וועלכער האט זיי בעפרייט פון דער שקלאפעריי פון מצרים, און האט זיי אזוי פיעל נסים בעוויזען, וועט זיי אויך ווייטער נישט פערלאזען, און וועט זיי נישט לאזען אויסשטארבען פון דורשט ! גאט האט בלויז געוואלט אויספרובירען ז״יע״ געדולד.

— און גאט זעהט יעצט, אז די גוטע מידות פון געדולד און בטחון זיינען נאך נישט ענטוויקעלט ביי די אידען !—האט אהרן געזאגט—יע, מיר האט שטארק פערדראסען צו הערען מיט וואס פאר א חוצפה'דיגע רייד זיי זיינען דיר בעפאלען, מיין ברודער און געפאדערט וואסער !

—נישט פאר מיין כבוד בין איך אזוי באזארגט — האט משה געענטפערט אהרן, אבער פאר דעם כבוד פון אונזער גאט. איך וואלט וועלען ערציהען די אידען אלס א הייליג פאלק, וועלכע זאלען דינען צו גאט מיט זייער גאנצען לייב און לעבען, און וועלכע זאלען זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאר גאט. זיי זאלען אויף א רגע נישט צווייפלען אין זיין מאכט און אין זיין הייליגקייט.

— עס וועט נאך לאנג נעמען, משה, איידער די קינדער פון ישראל וועלען פארשטעהן, אז פרייהייט קען אהן קרבנות נישט געקויפט ווערען. מען וועט זיי דארפען זעהר פיעל לערנען און שלייפען ביז וואנען עס וועט צו זיי צוריק קומען די בראווקייט און העלדישקייט פון אונזערע אבות.

— מיר האבען גענוג בראווע אידען, וועלכע זיינען געגרייט אויף אלץ, און דעריבער דארפען מיר נישט זיין אזוי פארצווייפעלט, ווען איינציגע פאנגען אן צו מורמלען ווען זיי ווערען הונגעריג אדער דורשטיג...

משה האט אנגעזאגט די וועלכע זיינען געשטאנען גאנץ נאהענט צו איהם, אז זיי זאלען גלייך איבערגעבען דעם פאלק צו זיין געגרייט צו רייזען ווייטער.

גלייך איז משה'ס באפעהל באקאנט געווארען צווישען עולם און מען האט זיך גענומען גרייטען צו וואנדערען ווייטער. זיי האבען פארלאזען מרה און אנגעקומען אין אילים. גאנץ צופרידען זיינען די אידען געוועזען מיט דעם פלאץ אילים, ווייל דארטען האבען זיי געפונען צוועלף קוואלען פון פרישען וואסער, און זעהר פיל טייטעל־בוימער. איינציגע טעג האבען זיי דארטען געלאגערט ביי די קוואלען פון וואסער, ביז וואנען זיי האבען געקראגען א באפעהל אפצורייזען ווייטער.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין דעם מדבר סין איז געוועזען פונקט א מאנאט זינט זיי האבען פארלאזען מצרים. די שפייז, וואס זיי האבען געהאט מיטגענומען האט זיך שוין געהאלטען ביים ענדיגען. פילע האבען שוין גאר נישט געהאט קיין שפייז.

עס האט אנגעהויבען ווערען א געמורמעל און א גערודער — וואס ווייטער געהען מיר טיפער אין דער מדבר. קיין שפייז וועלען מיר אודאי נישט קריגען און די שפייז וואס מיר האבען געהאט צוגעגרייט פון מצרים, איז שוין אויך מעהר נישטא, און מיר וועלען דא אלע אויסשטארבען פון הונגער.

—הלואי וואלטען מיר שוין בעסער געשטארבען דורך גאט'ס האנט אין מצרים מיט א נאטירליכען טויט. דארטען האבען מיר אמווייניגסטען נישט געהונגערט. מיר האבען געגעסען גענוג ברויט און מיר פלעגען זיך אוועקזעצען ביי א טאפ פלייש... און וואס האבען מיר דא ? — האבען גענומען אנדערע מורמלען — פארוואס האט משה אונז ארויסגענומען פון מצרים, כדי מיר זאלען דא אלע אויסשטארבען אין דעם מדבר פון הונגער ?!

פילע פון אונז האבען אנגעזאמעלט גאלד און צירונג פון די מצריים, וואס קענען מיר דאמיט טאן ? קענען מיר דאס אלץ אומבייטען אויף עסענווארג אין דיזער וויסטעניש ?

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז מיר וועלען אלע אויסשטאר־

בען אין דיזען מדבר. מיר אלע, אונזערע פרויען און קליינע קינדער! וואס דען? מיר וועלען קענען איינבייסען די גאלד... אפילו די ביסעל בהמות וואס מיר פארמעגען וועלען מיר דא אויך פארלירען, און פון וואנען וועלען מיר נעמען מילך פאר אונזערע עופה'לעך?

באלד זיינען צונויפגעקומען פארשטעהער פון די פארשידענע שבטים און צוגעקומען צו משה'ס געצעלט.

— מיר ווילען זעהן אונזער האר משה! — האבען אלע מיטאמאל אויסגערופען.

— דער האר משה איז איצט שטארק פארנומען מיט א תפלה צו גאט — האט יהושע זיי געענטפערט — זאגט מיר וואס איז אייער פארלאנג און ווען ער וועט פארטיג ווערן וועל איך איהם איבערגעבען אייערע רייד.

— מיר זיינען געקומען בעטען עסען פאר אונז אלעמען. אונזער זאפאס פון שפייז האט זיך שוין כמעט געענדיגט און מיר האבען שוין אנגעפאנגען צו הונגערען... און ווי מיר זעהען פירט אונז משה נאך טיפער אין דער וויסטעניס. מיר קענען דאך נישט ערווארטען, אז מיר זאלען אין מדבר קריגען ברויט.

— פארוואס זאלט איהר פארלירען דעם האפנונג און בטחון אין גאט — האט יהושע זיי געענטפערט — האט איהר דען אליין מיט אייערע אויגען ניט צוגעזעהן די גרויסע וואונדער וואס ער האט געטאן אין מצרים און ביים ים? גלויבט איהר, אז גאט וועט אייך פארלאזען. ער, דער באשעפער פון דער וועלט, וועלכער שפייזט אלעמען, פון דעם קלענסטען ווערימעל ביז דער גרעסטער חיה, וועט אייך דען נישט שפייזען?

—אבער מיר קענען נישט זאט זיין מיט אזעלכע רייד, — האבען דתן און אבירם, די צוויי ברידער, די פארשטעהער פון דעם שבט ראובן, זיך אפגערופען — מיר זיינען הונגעריג און מיר וועלען פון דאנען נישט אפטרעטען ביז וואנען מיר וועלען קריגען געגוג שפייז!

— איך בין זיכער, אז גאט וועט אונז אויך ווייטער נישט פארלאזען — האט יהושע זיי געענטפערט.

— און איך בין זיכער, אז משה און אהרן און זייערע משפחות האבען אנגעגרייט גענוג שפייז פאר זיך און זיי ווייסען נישט דעם טעם פון הונגער, דעריבער ארט זיי נישט פאר אינז, וועלכע הונגערן — האט דתן געזאגט.

— און איך ווייס — האט יהושע געזאגט, אז אונזער האר משה האט נאך היינט קיין שפייז נישט פארזוכט. ער איז מתפלל צו גאט דעם גאנצען טאג און לאמיר האפען, אז אונזער פאטער אין הימעל וועט זיין תפלה אננעמען!

— און וואס וועט געשעהן? וועט דען גאט מאכען, אז אין מדבר זאלען וואקסען קארן און ווייץ, מיר זאלען קענען מאכען ברויט? — האט אבירם אויסגערופען!

— אלץ איז מעגליך ביי גאט! — האט יהושע אויסגערופען — האט נאר געדולד!

באלד איז ארויסגעקומען משה און האט אויך גענומען בארוהיגען דאס פאלק, אבער נישט אלע האבען זיך בארוהיגט.

— מיר ווילען ברויט! — האבען זיי געשריען — מיר זיינען הונגעריג! דו האסט אונז באפרייט פון שקלאפעריי אין מצרים און איצט וועלען מיר אלע אויסשטארבען אין דעם מדבר. וואלטען פאר אונז נישט געוועזן בעסער צו זיין שקלאפען אין מצרים און לעבען?!

— ווי אזוי האפסטו צו קריגען ברויט אין דיזען פלאץ? — האבען נאך אנדערע זיך באקלאגט — וועסטו דען מאכען ברויט פון דיזען זאמד?

משה איז נאך אלץ געדולדיג צו זיי געוועזן. ער האט זיי געטרייסט און געגעבען האפנונג, אז לאנג וועלען זיי קיין הונגער נישט דארפען ליידען.

אין אווענט, איידער די זון איז פארגאנגען, האבען די אידען פלוצלונג באמערקט אזוי ווי א שווארצער וואלקען האט פארדעקט די שיין פון דער זון.

— איז עס מעגליך, אז א שטורעם

קומט אָן ? — האָט מען זיך איינער דעם צווייטען געפרעגט.

אָבער קיין ווינט איז דאָך נישטאָ און לויט די איבעריגע סמנים איז דאָס נישט קיין אָנזאָג פון א שטורעם.

— פונדעסטוועגען דאַרפען מיר זיין גרייט פאַר א שטורעם — האָבען אנדערע געזאָגט — לאָמיר אריינגעמען אונזערע פרויען און קינדער אין די געצעלטען און לאָמיר אויף דאָרטען פארבלייבען ביז וואנען דער שטורעם וועט איבערגעהן.

— און איך גלויב נאָך אלץ נישט אז עס איז א שטורעם — האָט אימיצער זיך אָפּגערופען — דער "וואָלקען" דערנענטערט זיך צו שנעל.

איינִיגע זיינען אוועק צו דעם לאגער פון דעם שבט לוי און באלד זיינען זיי געקומען צוריק און מיט גרויס פרייד אָנגעזאָגט די בשורה צו די איבעריגע.

— משה האָט אונז געזאָגט, אז דאָס קומען אָן די פויגלען פון אפריקע, זיי זיינען זעהר גוט צום עסען. זיי זיינען פעט און געשמאַק. זיי פליהען גאנץ נידעריג און יעדער קען זיי פאנגען, ווייל ווען זיי קומען אָן אין דיזען געגענט זיינען זיי שוין אזוי אויסגעמאטערט, אז זיי פאלען אליין ארונטער.

באלד איז די נייעס פארשפּרייט געוואָרען צווישען עולם און אלע אידען מיט זייערע פרויען און קינדער זיינען ארויס פון זייערע געצעלטען און געפאנגען די פויגלען. עס איז זיי נישט שווער אנגעקומען צו פאנגען. זיי זיינען אָנגעקומען אין אזא געדיכטע מאסע, אז מען האָט זיי געקענט אָננעמען מיט די הענט. יעדער האָט געפאנגען וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט. זיי האָבען די פויגלען געקוילעט און זיי איינגעזאלצען. זיי האָבען זיך אָנגעגרייט מיט פלייש פאַר א לאנגע צייט.

אויף מאָרגען, ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען אין דער פריה זיינען זיי נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען, ווען זיי האָבען באמערקט ווייסע רונדע שטיקלאך אייז.

—עס האָט געמוזט האָגלען ביינאַכט — האָבען איינִיגע געזאָגט.

—ניין, עס איז אוממעגליך—איך האָב די גאנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, און ווען עס וואָלט געהאָגעלט וואָלט איך דאָך געוויס געהערט דאָס קלאַפּען אין מיין געצעלט.

— מן הוא ? (וואָס איז דאָס) — האָבען אלע גענומען פרעגען.

מען איז גלייך אוועק צו משה'ן און איהם געפרעגט וואָס דאָס איז.

— דאָס איז די שפּייז וואָס גאָט האָט אייך צוגעשיקט — האָט משה זיי געענטפערט — איצט קענט איהר אלע ארויסגעהן און דאָס צוזאמענקלייבען. עס איז זעהר א געשמאַקע און נאַרהאַפטע שפּייז, און איהר וועט עס קענען קריגען פריש יעדען פריהמאָרגען. א מעסטעל פון דיזער שפּייז וועט קלעקען פאַר א פּערזאָן אויף א גאנצען טאָג. און דעריבער זאָל יעדער פון אייך אָנקלייבען אזוי פיל מעסטלאך וויפיל פּערזאָנען עס געפינען זיך אין איין הויז. פרייטאָג אָבער זאָלט איהר צוגרייטען צוויי מאָל אזוי פיעל ווייל שבת וועט די שפּייז נישט זיין.

— און ווי רופט מען דיזען שפּייז ?— האָבען איינִיגע געפרעגט משה'ן.

— איהר קענט עס אָנרופען "מן" — האָט משה געענטפערט.

באלד האָבען זיך די אידען ארויסגעלאָזען און אָנגעקליבען דעם מן. זיי האָבען עס צומאָלען און געמאכט פארשידענע געשמאַקע געריכטען דערפון.

זיי זיינען געווען גאנץ צופרידען. זיי האָבען געהאט גענוג פלייש צו עסען, ווייל גאנץ אָפט פלעגען פאַרביי פליהען פארשידענע פויגלען, וואָס זיי פלעגען פאנגען.

לאנג בלייבען אין דער מדבר סין האָבען זיי נישט געקענט. משה האָט באפוילען צו וואנדערען ווייטער און זיי זיינען אָנגעקומען אין רפידים.

באלד האָט זיך דאָרטען געפילט א מאנגעל אין וואסער. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו דורשטען.

עס איז ווידער געוואָרען א טומעל און

א צאנקעריי. מען האָט גענומען זיך קריגען, און פילע זיינען אוועק צו משה'ן און צו אהרן און גענומען ווייטער מורמלען.

— מיר ווילען וואסער! וואָס טויג אונז די שפייז, אז מיר זענען דורשטיג!

—מיר וועלען אלע אויסשטארבען פון דורשט! — האָט מען זיך גענומען קריגען — פארוואָס האָסטו אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים, כדי אונז צו טויטען מיט אונזערע קינדער און בהמות אין דער מדבר.

— מיר האָבען שוין גענוג געליטען! מיר קענען שוין מעהר נישט פארטראָגען די געשרייען פון אונזערע קינדער, וועלכע זיינען דורשטיג. זייערע ליפען זיינען פארטריקענט... זיי שמאכטען אלע. מיר קענען עס שוין מעהר נישט אריבערטראָגען!

משה און אהרן זיינען ארויסגעקומען צו דעם המון און זיי געזוכט צו בארוהיגען, אָבער דער טומעל און געשרייען האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט.

— נישט ווייט פון דיזען פלאַץ האָב איך מיט יאָהרען צוריק געפיטערט די שאָף פון מיין שווער יתרו — האָט זיך משה אָפּגערופען צו זיין ברודער אהרן. זעהסטו אָט דאָרטען יענעם בארג נישט ווייט פון דאָרטען, האָב איך געהערט די שטימע פון גאָט, אז איך זאָל געהן ארויסנעמען דאָס פאָלק ישראל פון מצרים. איך זאָל זיי באפרייען פון שקלאפעריי... מיין הארץ איז מיר אויסגעגאנגען פאר מיינע אומגליקליכע ברידער, וועלכע האָבען אזוי שוידערליך געליטען פון די מצריים. זייערע לעבענס זיינען פארביטערט געוואָרען. זייערע קינדער פלעגט מען פון זיי מיט גוואלד אוועקשלעפען און אריינוואָרפען אין טייך, אָדער פארמויערען צווישען די ווענט... זייערע פרויען פלעגט מען פארפייניגען... די מצרים האָבען זיי געטראָטען מיט די פיס ווי מען טרעט ווערים און איצט, אז זיי זיינען פריי און זעלבסשטענדיג, ווען זיי דארפען מעהר קיין מורא נישט האָבען פאר דעם בייטש פון זייערע אונטערדריקער, ווען זייערע קינדער זיינען געזיכערט, זיי קענען זיי ערציהען אין א פרייען גייסט אָהן מורא, פאנגען זיי ערשט אָן צו מורמלען. זיי קריגען זיך מיט מיר, און ווען עס וועט אזוי ווייטער אָנהאלטען, וועלען זיי מיר נאָך מיט שטיינער פארוואַרפען.

— יע. מיין ברודער, אזוי איז דער גורל פון דעם בעפרייער און העלד — פריהער ווערט ער פארהייליגט געהערט און ווען עס לאָזט זיך נישט אזוי ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווען מען באגעגענט שוועריגקייטען אויפ'ן וועג, דאן וועט נישט שווער זיין צו ווארפען שטיינער אויף איהם. אָה, ווי קורץ איז זייער זכרון.

—מיינע הארען — האָט זיך יהושע, וועלכער איז געשטאנען נעבען משה'ן, אָפּגערופען — דאָס פאָלק איז נאָך צו זיך נישט געקומען פון אלץ וואָס האָט מיט זיי פאסירט. יעדער איז נאָך צורודערט און צוטומעלט און דעריבער איז זעהר לייכט זיי אריינצוברייגען אין א היסטעריע. און עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דער ערב־רב וואָס איז צו אונז געקומען ווי אן אָנשיקעניש, איז שולדיג אין אלץ. ווי נאָר זיי באגעגענען א פּאָר שטרויכלונגען אויף זייער וועג, אזוי מאכען זיי א טומעל און דער צושראָקענער המון פאנגט זיי אָן נאָכצופאָלגען, ביז וואנען זיי פארלירען זיך אין גאנצען.

— דאָס איז ריכטיג — האָט אהרן זיך אָפּגערופען — זיי, די פרעמדע, דער ערב רב, זיינען גרויסע פחדנים. זיי פעהלט די מידה פון בטחון און די אמונה אין אונזער גאָט איז ביי זיי אויך קליין און דעריבער פארגיפטען זיי די מחות פון אלע אידען. איך וואָלט דיר געראָטען מיין ברודער, אז מען זאָל דעם ערב רב אינגאנצען אָפּזונדערען פון כלל כלל ישראל. זאָלען זיי זיין מחוץ למחנה, גאנץ ווייט פון דעם לאגער פון ישראל, און דאן וועלען אונזערע ברידער נישט האָבען זיך פון וועמען אָפּצולערנען די שלעכטע מידות.

— דאָס וועט זיין זעהר א שלעכטער ביישפיל האָט משה איהם געענטפערט

מיר דארפען באהאנדלען די פרעמדע אזוי גוט ווי די אייגענע. אזוי לאנג ווי מיר האָבען זיי אריינגענומען אין אונזער לאגער טאָרען מיר נישט מאכען קיין אונטערשייד צווישען די ישראלים און די ניט־ישראלים. מיר זיינען ניט לאנג צוריק אליין געווען פרעמדע שקלאפען אין מצרים און מיר ווייסען דעם טעם פון דעם שוואכען פרעמדען.

— אָבער ווי אזוי וועלען מיר קענען דערלאָזען אז דער ערב רב זאלען ווירקען צום שלעכטען אויף אונזערע ברידער ? —האט אהרן געזאגט.

— מיר וועלען דארפען אנווענדען צארטע און ווייכע רייד... מיר וועלען זיי דארפען אויסבילדען און ערקלערען דעם אונטערשיעד צווישען גוט און שלעכט, ערשט דאן קענען מיר האפען אז זיי וועלען ווערען אויסגעלייטערט און זיין גלייך מיט די איבעריגע.

— אָבער הערסטו דען נישט די געשרייען פון די דורשטיגע, וואס וועסטו טהאָן, ווי אזוי וועסטו קענען שטילען זייער דורשט, וואו וועסטו נעהמען אזוי פיעל וואסער פאר אלעמען. — האָט אהרן געפרעגט.

— זעהסטו שוין, אז דו אליין פערלירסט אויך דיין געדולד און בטחון, גאָט וועט אונז נישט פערלאָזען, זעהסטו דאָרטען דעם גרויסען פעלזען שטיין, אין חורב, קום מיט מיר פערזאמעל די עלטסטע פון פאָלק און זאָלען זיי מיט מיר אויך מיטגעהן.

אהרן און יהושע און חור, מרים'ס זוהן זיינען ארוים צווישען פאָלק און איינגעלאדען בלויז די פאָרשטעהער פון יעדען שבט.

משה האט מיטגענומען זיין שטעקען און געגאנגען נאָך חורב.

אלע עלטסטע פון ישראל האבען איהם נאָכגעפאלגט. די זון האט שטארק געברענט... דער דורשט איז נאך שטארקער געווארען. זיי האבען אָבער געדולדיג נאך געגאנגען. אייניגע זיינען געווארען שטארק אויסגעמאטערט און האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען :

— וואוהין פיהרט ער אונז ?... ווי אזוי וועט ער גאר קריגען וואסער אין דיזער וויסטעניס ?

— משה איז דאָ גאנץ גוט בעקאנט מיט דיזען געגענט ! —האבען אנדערע געענטפערט —מסתמא ווייס ער פון א פלאץ וואו עס געפינט זיך וואסער !

— האט ער דאך געדארפט אונז גלייך זאָגען, וואו דער פלאץ איז, וואלטען מיר אלע אהער געקומען.

— וואס פאר א נוצען וועלען מיר האבען פון פרעגען פערשיעדענע פראגען, לאָמיר ווארטען און זעהן !

און ווירקליך האבען אלע א גרויסען וואונדער געזעהן : משה איז צוגעגאנגען צו דעם גרויסען פעלזענשטיין און האט איהם גענומען קלאפען מיט דעם שטעקען, און פלוצלונג האט גענומען שטראָמען וואסער פון פעלז.

די פאָרשטעהער פון די שבטים זיינען געבליבען שטעהן פערגאפט... זיי זיינען געווען אזוי געריהרט פון דעם גרויסען וואונדער וואס האט נאר וואס פאסירט, אז זיי האבען זיך נישט געריהרט פון אָרט צו געניסען גלייך פון דעם קלאָהרען שטראָמיגען וואסער.

צווישען די פאָרשטעהער זיינען אויך געווען קרח דער זוהן פון יצהר, די צוויי ברידען דתן און עבירם. ווען זיי האבען בעמערקט ווי אלע פאָרשטעהער זיינען געבליבען שטעהן פערגליווערט פון דעם גרויסען וואונדער וואס דא האט נאָר וואס פאסירט, האבען זיי גענומען לאַכען צווישען זיך און גערעדט גאנץ הויך, אז די איבעריגע זאָלען זיי הערען.

— זיי אלע דענקען, אז דא איז א גרויסער נס געשעהן !—האט קרח געזאגט—אָבער איך בין זיכער, אז דאס איז א נאטירליכע ערשיינונג... משה האט געוואוסט וואו עס געפינען זיך די קוואלען וואסער, האט ער מיט זיין שטעקען דורכגעבראָכען אן עפענונג און יעצט שטראָמט דאס וואסער !

— געווים !—האט דתן צוגעגעבען —משה ווייס ווי אזוי צו פערבלענדען

די אויגען פון פאָלק, זיי זאָלען גלויבען, אז אלעם וואס ער טהוט איז א נס!

— ניין, מיין ברודער! — האט אבירם זיך אָפּגערופען — מיר דוכט זיך אויך, אז א נס איז געשעהן דיזען מאָל... דער גאנצער געגענד ארום איז אזוי טרוקען און ווען דאָ וואָלטען געוועזן קוואלען וואסער פון פריהער....

— ווערסטו דען נישט צומאכען דיין מויל! — האט דתן איהם א שלעפּ געטהאָן ביים האנט.

אבירם איז באלד ענטשוויגען געוואָרען. ער האט פערשטאנען, אז ער האט זיך באנארישט. ער האט נישט געטאָרט ווידערשפּרעכען די רייד פון קרח'ן.

דתן און אבירם האבען זעהר פיעל גענאָסען פון קרח'ן; ער האט זיי גאנץ שטארק מקרב געווען, ער פלעגט זיי געבען פיעל געלט. קרח האט געוואוסט, אז פון די צוויי ברידער, קען ער ערווארטען א סך... זיי וועלען איהם העלפען דורכצופיהרען פיעלע פון זיינע פלענער... ער האט יעצט געשטרעבט צו ווערען א פיהרער... אדער קריגען א הויכען אמט! וואס דען האט ער עס דען נישט פּערדינט? איז ער דען נישט דער רייכטער מאן פון אלע אידען... יע, פריהער אדער שפּעטער וועט ער פערווירקליכען זיינע שטרעבונגען און דתן און עבירם קענען פאר איהם א סך אויפטהאן.

קרח האט געזעהן אז די צוויי ברידער זאָלען ווערען איינִיגע פון די פאָרשטעהער פון דעם שבט ראובן... עס איז א סך בעסער פאר איהם ווען זיי זיינען מענשען מיט וועמען מען רעכענט זיך. ער האָט קיין געלט נישט געזשאלעוועט. דתן און אבירם זיינען צו קרח'ן געוועזען זעהר דאנקבאר וואָס ער האָט פאר זיי געטהאן, און דיז ״בער וואס פאר א מיינונג קרח האט געהאט, האבען די צוויי ברידער מיט איהם איינגעשטימט. און ווען קרח האט געזאגט, אז משה האט קיין נס יעצט נישט בעוויזען ביים ארויסקריגען וואסער פון דעם פעלז, האט אבירם נישט געהאט קיין רעכט איהם ווידערצושפּרעכען. און ווען דתן האט זיך אויף איהם אָנגעבייזערט, האט אבירם פערשטאנען אז ער האט זיך בענארישט...

— יע, יעצט קען איך זעהן, אז קרח איז גערעכט! — האט אבירם זיך געמאכט ווי ער קוקט זיך בעסער צו צום פעלז... געווים זיינען דאָרטען געוועזן קוואלען וואסער.

באלד האבען זיך די עלטסטע א לאָז געטהאן, אָנצושעפּען וואסער און צו שטילען זייער דורשט. איינִיגע זיינען שנעל געלאָפען אין לאגער אָנצוזאָגען די איבעריגע אידען, אז עס איז פאראן וואסער און גלייך האבען זיך אלע א לאָז געטהאן מיט זייערע כלים און זיך אָנגעטרונקען מיט זייערע קינדער און פרויען, און אויך פאר זייערע בהמות איז געוועזן גענוג וואסער.

אכצעהנטער קאפּיטעל
די ערשטע מלחמה.

א פּאָר טעג איז ווידער שטיל געוועזן אין דעם אידישען לאגער. דער מן איז געפאלען יעדען טאג אויסער שבת און זיי האבען געהאט זייער שפּייז, גאנץ אָפּט פלעגען דורכלויפען די פילע פויגלען אין גרויסע מאסען און יעדער האט געקענט אָנזאמלען וויפיעל נאָר ער האט געוואלט. דאס וואסער האט געפלאָסען פון דעם פעלז, וואס משה האט געשלאָגען, אזוי אז עס איז געוועזן גענוג וואסער פאר א גאנצען פאָלק און פאר זייערע בהמות.

איין פריהמאָרגען האט מען געקענט הערען א גרויסען טומעל וואס איז געקומען פון דעם לאגער פון דן.

— וואס האט פּאסירט? — האט מען גענומען פרעגען איינער דעם צווייטען, — וואס איז דאָרט פאר א טומעל?

— מען האט ביי איין משפחה פון דעם שבט דן אוועקגע'גנב'עט אן עזעל מיט נאך איינִיגע זאכען! — האט מען געענטפערט.

— ווי אזוי איז עס מעגליך? ווי קומען אהער גנבים! פיליכט איז דער עזעל אליין אנטלאָפען געווארען?

— ניין, דער עזעל איז געוועזן צוגע־

בונדען, האט מען די שטריק אפגעשניטען און צוגענומען דעם עזעל און נאך עטליכע חפצים פון איהם.

— אבער ווער האט עס געקענט טהאן אזא זאך! מעגליך זיינער א שכן, וועלכער איז איהם א שונא!

— ניין, עס איז קענטיג, אז עס איז דורכגעפיהרט געווארען ביי רויבער ביי נאכט. זיי וואלטען געוויס געהאט גענומען מעהרער זאכען, אבער ווי עס ווייזט אוים האבען זיי זיך דערשראקען און ענטלאפען געווארען.

— פון זייערע פוס טריט, קען מען זעהן, אז עס זיינען נישט געווען פיעלע פון זיי.

— ווער אבער האט עס געקענט זיין? ווי אזוי קומען דא פרעמדע אין דיזען געגענט?

— מעגליך, אז א וואנדערענדער קאראוואן איז פערבייגעגאנגען און זיי האבען דאס געמאכט א פערזוך צו בערויבען די לעצטע געצעלטען פון לאגער.

די זאך וואלט פילייכט באלד פארגעסען געווארען, ווען גלייך נאכדעם וואלט א צווייטע זאך נישט פאסירט: ביי איינעם פון דעם שבט דן איז פערפאלען געווארען א קוה, און דער אייגענטהימער איז געווען זיכער, אז ער האט פערגעסען איהר צוצובינדען און דעריבער איז זי ענטלאפען געווארען. ער האט זיך געלאזט לויפען איהר זוכען... זיין פרוי און קינדער האבען געווארט אויף איהם א היבשע ווייל, און ווען ער האט זיך נאך אלץ נישט צוריקגעקעהרט, זיינען זיי שטארק בעאונרוהיגט געווארען און האבען געמיינט אז ער האט פערלארען דעם וועג. איינגע יונגע לייט האבען זיך ארויסגעלאזען איהם זוכען, און עס האט נישט לאנג געדויערט און זיי זיינען געקומען מיט זיין טוידטען קערפער.

א גרוים געוויין האט אויסגעבראכען אין לאגער, די פרוי פון דעם דער'הרג'עטען האט גע'חלשט, און א שרעק האט אלעמען אנגענומען.

— מיר זיינען נישט זיכער מיט אונזערע לעבענס. באלד זיינען משה, אהרן און יהושע צוגעקומען צו דעם פלאץ, משה האט בעטראכט דעם חלל און האט מיט א טרויעריגער שטימע געזאגט:

— ער איז דער'הרג'עט געווארען דורך א שווערד... יע, עס געפינען זיך נישט ווייט פון דאנען, מענשען וועלכע זוכען אונז שלעכטעס צו טהאן... מיר וועלען מוזען אויסגעפינען ווער זיי זיינען!

— איך וועל מיטנעהמען איינגע העלדישע יונגען! — האט יהושע זיך אפגערופען—און מיר וועלען נאכגעהן די שפורען פילייכט וועלען מיר קענען דערגעהן ווער עס האט עס געטהאן?

— דו וועסט אבער דארפען זיין זעהר פארזיכטיג!—האט משה געזאגט צו יהושע'ן—מעגליך, אז זיי זיינען זעהר פיעל.

— מיר וועלען מיטנעהמען אונזערע וואפען און רייטענדיג אויף די פערד וועלען מיר אין פאל פון א סכנה קענען שנעל צוריקרייטען צום לאגער.

משה האט איהם געגעבען זיין צושטימונג און יהושע האט מיטגענומען פופציג שטארקע יונגע לייט. ער האט פאר זיי געקראגען פערד און נאכדעם ווי זיי האבען זיך אלע גוט בעוואפענט, איז יהושע פאראויסגעריטען און די איבעריגע האבען איהם נאכגעפאלגט, געהענדיג נאך די שפורען פון די פוס טריט וואס זיינען געמאכט געווארען אין דעם זאמד.

זיי האבען זיך געהאט גאנץ ווייט דערווייטערט פון דעם אידישען לאגער. זיי האבען געזוכט אין דעם גאנצען געגענד און גארנישט געפונען.

אין אבענד האבען זיי זיך אומגעקעהרט און יהושע האט געמאלדען משה'ן, אז זיי האבען געזוכט אומעטום און קיינעם נישט געפונען.

— ווי עס ווייזט אוים טהוען זיי זייער ארבייט ביינאכט. יע, זיי זיינען פחדנים, זיי האבען מורא אז בייטאג וועט מען זיי כאפען, ביי נאכט אבער, ווען אלע שלאפען קענען זיי גאנץ גרינג דורכפיהרען זייערע רויבערייען!—

האט יהושע געזאגט — איך און די יונגע לייט, וועלכע זיינען מיט מיר, וועלען ליגען בעהאלטען הינטערן לאגער און מיר וועלען די גאנצע נאכט זיין אויף און ווי נאר מיר וועלען דערהערען טריט וועלען מיר זיין געגרייט...

יענע נאכט איז יהושע מיט די פופציג בראווע יונגען געלעגען אויסגעשפרייט איבער'ן זאמד, פון הינטער דעם לאגער און נאכגעקוקט אין אלע ריכטונגען... די פערד זיינען נישט געווען נעבען זיי, ווײלע זיי האבען מורא געהאט, אז דאס הירזשען פון די פערד וועט זיי פערראטהען.

גארנישט האט פאסירט יענע נאכט. ווען עס האט גענומען טאגען האט יהושע געזאגט צו זיינע יונגען זיי זאלען קריגען אביסעל שלאף דורך דעם טאג, ווײלע זיי וועלען די קומענדע נאכט ווידער מוזען זיין וואך.

— זיי, די רויבער ווייסען, אז מען וועט זיי היטען פאר א ווײלע, דאריבער זיינען זיי נישט געקומען — האט חור געזאגט צו יהושע'ן — מעגליך, אז זיי וועלען אונז צורוה לאזען פאר נאך אייניגע נעכט, אבער מיר טארען נישט רוהען ביז וואנען אונז וועט געלינגען זיי צו כאפען.

אייניגע נעכט איז יהושע, חור, דער זוהן פון מרים און כלב'ן און די איבעריגע יונגע העלדען געווען אויף דער וואך און ווען די נעכט זיינען פאריבער גאנץ רוהיג, זיינען זיי אלע געקומען צום באשלוס, אז דאס האט מסתמא א פארבייגעהענדער קאראוואן געמאכט אן איבערפאל אויף די לעצטע געצעלטען פון דעם שבט דן. יהושע האט זיך אומגעקעהרט צו דעם געצעלט פון משה'ן און די איבעריגע יונגע לייט זיינען געגאנגען יעדער צו זיין געצעלט.

שטארק איז געווען יהושע'ס פארדרוס, ווען ער האט אויסגעפינען, אז גראדע די נאכט, ווען זיי זיינען מעהר נישט געווען אויף דער וואך, איז מען ווייטער באפאלען די לעצטע געצעלטען און אוועקגערויבט פינף קיה און א היבשע צאהל שעפסען.

נאך גרעסער איז געווארען דער טומעל אין דער פריה, ווען די אייגענטימער האבען אויסגעפונען וועגען זייער פערלוסט. א טויט־שרעק איז יעדען באפאלען... פרויען האבען גע'חלש'ט, קליינע קינדער האבען געוויינט, און די עלטערע האבען מיט פערצווייפלונג אויסגערופען:

— מיר זיינען פארלוירען.

יהושע האט שנעל צוזאמענגעקליבען זיינע יונגע העלדען און ער האט צו זיי געזאגט:

— דאס וואס דער איבערפאל איז לעצטע נאכט ווידערהאלט געווארען, איז א סימן, אז דער שונא געפינט זיך נישט ווייט פון דאנען. דאס איז נישט די ארבייט פון א וואנדערענדען קאראוואן, אבער דאס האט געטהאן א פאלק אדער א שבט, וואס וואהנט דערביי, זיי זיינען גאנץ אומרוהיג וועגען אונזער געפינען זיך אין רפידים, דערפאר זוכען זיי אונז אנצושרעקען, מיר זאלען פון דאנען וואס שנעלער אוועקגעהן.

לאמיר זיי נאכיאגען, מעגליך, אז מיר וועלען זיי נאך טרעפען אין וועג, ווייל מיט קיה און שאף וועלען די רויבער נישט קענען אזוי שנעל אנטלויפען.

די יונגע העלדען האבען מיטגענומען שווערדען, און פייל און בויגען. זיי האבען זיך געזעצט אויף זייערע פלינקע פערד און האבען נאכגעפאלגט יהושע'ן. זעהר שנעל האבען זיי זייערע פערד געטריבען. זיי האבען גענומען נאכקוקען די שפורען אין דעם זאמד, און דאס האט באוויזען, אז די אנפאלער זיינען אנטלאפען צום צפון זייט פון רפידים...

— אט דא נישט ווייט איז פאראן א בערגעל, איך וועל אויף איהם ארויפקלעטערען און פון דארטען וועל איך פיליכט קענען בעסער זעהן, וואו עס געפינען זיך די אנפאלער—האט יהושע זיך אפגערופען.

— איך וועל מיט דיר אויך ארויפ־

געהן אויפ'ן בארג! — האָט חור געזאָגט — ווייל איך בין זעהר וויכטיג.

—איהר זעצט פאָר נאָכצויאָגען — האָט יהושע געזאָגט צו די איבעריגע, מיר וועלען אייך שוין אָניאָגען.

יהושע און חור זיינען ארויף אויף דעם בארג און האָבען נאָכגעקוקט אין אלע ריכטונגען.

— איך זעה זיי געהענדיג נאָך דעם וועג פון קדש — האָט חור אויסגערופען און געצייגט יהושע'ן.

— יע, דו ביזט גערעכט! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט צוגעקוקט — איך קען זעהן ווי זיי פיהרען די בהמות, וואָס זיי האָבען פון די אידען אוועקגערויבט.

זעהר שנעל זיינען זיי ביידע ארונטער פון בארג, אוועקגעזעצט זיך אויף זייערע פערד און אָנגעזאָגט די איבעריגע יונגע העלדען.

— מיר האָבען זיי דערזעהן! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען — לאָמיר געהן נאָך דער ריכטונג פון קדש. זיי האָבען זיך מיט גרויס אימפּעט אלאָז געטהאָן צו יענער ריכטונג, ביז וואנען אלע האָבען שוין געקענט באמערקען די רויבער פון גאנץ ווייט.

ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָבען די אָנפאלער דערשפּירט, אז מען יאָגט זיי נאָך, ווייל זיי האָבען איבערגעלאָזען די קיה מיט די שעפּסען און גענומען שנעל לויפען...

— זיי אנטלויפען פון אונז, לאָמיר זיי נאָכיאָגען! האָט יהושע אויסגערופען... ציהט אָן אייערע בויגען און שיסט!

די יונגען האָבען אזוי געטהאָן. . . באלד האָבען זיי פון ווייטען באמערקט ווי צוויי פון די אנטלאָפענע זיינען אומגעפאלען אויף דער ערד און געבליבען ליגען, און די איבעריגע האָבען גענומען לויפען נאָך שנעלער.

— מיר וועלען צוקומען צו די צוויי, וועלכע זיינען געטראָפען געוואָרען פון אונזערע פיילען! — האָט יהושע געזאָגט — פיליכט וועלען מיר זיך דערוויסען ווער זיי זיינען און פון וואָס פאר א פאָלק זיי שטאמען!

אָבער דערווייל וועלען די אָנפאלער האָבען א גוטע געלעגענהייט צו אנטלויפען — האָט חור געזאָגט — די וועלכע ליגען פארוואונדעט אָדער טויט וועלען מיר נישט פארזאמען אויך שפּעטער צו בעטראכטען.

— ניין, חור דו מאכסט א טעות! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען — איידער מיר דערנעהנטערען זיך צו דעם שונא, דארפען מיר פריהער מעהר איינצעלהייטען אויסגעפינען וועגען איהם: נאָכאלעמען זיינען מיר דאָך יעצט ניט געגרייט אָנצופאנגען א מלחמה געגען א גאנצען שבט. וואָס וועלען מיר טהאָן ווען די רויבער וועלען אונז בכיון ארייגציהען אין זייער לאַגער און דאָן וועלען זיי אויף אונז אלע מיט אמאָל אָנפאלען... וועלען מיר דען זיך קענען ווידערשטעלען געגען זיי... אונזער צאָהל איז דאָך יעצט קליין! ניין, מיר טאָרען ווייטער נישט נאָכיאָגען, ביז וואנען מיר וועלען אויסגעפינען מעהר איינצעלהייטען, און דאָן אויב עס וועט זיין נויטיג, וועלען עטליכע טויזענד פון אונזערע יונגע העלדען געהן אין קאמף אנשטאט די [illegible] וועלכע געפינען זיך איצט מיט אונז.

יהושע און [illegible] נאָכפאָלגער זיינען צוגעקומען צו דעם פּלאץ, וואו די צוויי געפאלענע זיינען געלעגען, א קרעכצען האָט זיך דערטראָגען צו זייערע אויערען, זיי זיינען באלד צוגעגאנגען צו דעם, וועלכער האָט געקרעכצט. יהושע האָט איהם געגעבען א טרונק פון זיין לאגעל וואסער. זיי האָבען אויך באטראכט דעם צווייטען.

— דער איז טויט! — האָט חור געזאָגט.

— ווער ביזטו? — האָט יהושע איהם געפרעגט — נאָכדעם ווי ער האָט מיט א טיכעל פערהאלטען דאָס בלוט פון דעם פארוואונדעטען.

יענער האָט געשוויגען.

שרעק זיך נישט. קיין שלעכטעס וועט צו דיר נישט געטהאָן ווערען! — האָט יהושע איהם געזאָגט.

דער פארוואונדעטער האָט געמאכט א פערזוך צו ריידען, אָבער יהושע האָט בעמערקט, אז עס איז פאר איהם אונמעגליך, ווייל ער איז זעהר אָפּגעשוואכט.

יהושע האָט אריינגעטהאָן א ביסעל שפּייז אין זיין מויל און איהם געגעבען נאָך אמאָל פון זיין לאָגעל וואַסער. נאכהער האָט ער זיך אָפּגערופען צו די איבעריגע. נעמט צוזאמען די קיה און שעפּסען און טרייבט זיי צוריק צו אונזער לאַגער.

יהושע און חור האָבען ארויפגעזעצט דעם פאַרוואונדעטען אויף א פערד און זיי האָבען זיך אַלע צוריקגעקערט אין לאַגער.

—יהושע האָט איבערגעגעבען משה'ן אַלעס, וואָס האָט פּאסירט און משה איז ארויסגעגאנגען זעהן דעם פאַרוואונדעטען.

— לייגט איהם אריין אין א בעטעל! — האָט משה זיך אָפּגערופען צו יהושע'ן — זעהסטו דען נישט, אז ער ליידעט יסורים, און איהם איז שווער צו זיצען אויף דעם פערד.

מען האָט גלייך ארויסגעטראָגען א בעטעל פון א געצעלט, און מען האָט דעם פערוואונדעטען דאָרט אריינגעלעגט.

מרים האָט געהאָלפען פערבאנדאַזשירען זיינע וואונדען און מען האָט איהם גלייך געבראכט פרישע מילך צו טרינקען.

— ווער ביזטו? — האָט משה איהם א פרעג געטהאָן...

דער פערוואונדעטער האָט אויף איהם געקוקט מיט דאנקבארע אויגען, אָבער ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געזאָגט, אז ער פארשטעהט נישט וואָס מען רעדט צו איהם.

משה האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן אויפ'ן וואונק, וואָס ער פערלאנגט פון איהם. אָבער יענער האָט אַלץ נישט פערשטאנען.

משה האָט אָנגעצייגט אויף דעם וואונד, און אויף דעם וואונק געפרעגט ווי ער פיהלט זיך.

— עס טוט מיר זעהר וועה! —האָט ער געענטפערט מיט א שוואכער שטימע אויף זיין שפּראַך.

ער איז פון דעם שבט עמלק! — האָט משה אויסגערופען — איך קען זייער שפּראַך, ווייל ווען איך בין געווען א פּאסטוך אין מדין, איז מיר פיעלע מאָל אויסגעקומען מיט זיי צו פערהאנדלען וועגען די שאָף, וואָס זיי פלעגען אוועקרויבען פון די אָרימע איינוואָהנער.

משה האָט אָנגעפאנגען צו ריידען מיט איהם אויף זיין שפּראַך.

א צופרידענער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף די ליפּען פון דעם פערוואונדעטען, ווען ער האָט געהערט אז א פרעמדער רעדט זיין שפּראַך.

— איך בין אן עמלק! — האָט ער געזאָגט — אונזער פאָלק געפינט זיך נישט ווייט פון רפידים, צווישען קדש און חרמה.

— און פארוואָס זייט איהר אונז בעפאלען שוין איינינע מאָל? — האָט איהם משה ווידער געפרעגט.

—מיר האָבען געהערט אז איהר זייט נאָר וואָס בעפרייט געוואָרען פון מצרים און אז איהר זייט אלע זעהר רייך אין שאָף און אין רינד־ער, אין גאָלד און אין זילבער, האָט אגג, אונזער הערשער און קעניג בעשלאָסען צו קומען מלחמה האלטען מיט אייך און אויסשלאכטען אלע אידען און צונעמען זייער גאַנץ האָב און גוטס, און אין דער צייט, וואָס אגג גרייט זיך צו דער מלחמה, האָט ער ארויסגעשיקט קליינע אָפּטהיילונגען מיר זאָלען ביינאכט אָנפאלען אויף די אידישע געצעלטען און אוועקנעמען פון דאָרטען וואָס איז מעגליך, כדי אָנצורוארפען א שרעק אויף גאַנ'ן ישראל.

— איז די ארמעע פון אגג גרויס? — האָט משה איהם געפרעגט.

— זעהר גרוים! אונזער פאָלק איז די מעכטיגסטע און גרעסטע פאָלק פון מדבר... מיר לעבען פון רויב... מיר בעפאלען דורכרייזענדע און מיר טויטען זיי און נעמען אוועק פון זיי זייער פערמעגען, דערנאָך ברייננגען מיר עס צו אגג'ן. ער נעמט זיין חלק אוועק, און די איבעריגע צוטיילט ער גלייך אויף גלייך פאר אלע קעמפער — האָט דער עמלק געענטפערט.

משה האָט איהם געפרעגט נאָך פראַגען, אָבער דער עמלק איז געווען צו שוואך צו ענטפערען.

זאָל מען איהם ברייננגען נאָך מילך!

—האָט משה געזאָגט, אָבער ווען מען האָט איהם די מילך געבראַכט, האָט ער שוין מעהר נישט געקענט טרינקען... ער איז געווען טויט!

— געלויב איז גאָט, וואָס ער האָט אונז געפיהרט אויפ'ן ריכטיגען וועג!

— האָט משה געזאָגט. יעצט ווייסען מיר, אז עמלק קלייבט זיך מלחמה צו האלטען מיט אונז, און מיר מוזען זיין געגרייט.

— אָט זיינען די צוויי שווערדען וואָס מיר האבען געפונען ביי די צוויי עמלקים! איז חור, מרים'ס זוהן צוגעגאנגען צו משה'ן און איהם זיי איבערגעגעבען.

משה האט גוט בעטראכט די שווערדען און ער האט זיך אָפּגערופען:

— פון זייערע געוועהר קען מען זעהן אז זיי זיינען גאנץ שטארק און געניט אין מלחמות. מיר וועלען מוזען זיין געגרייט אויף א שווערע מלחמה. דו, יהושע, קלייב אוים די אלע שטארקע, יונגע לייט, און גיעב זיי די בעסטע געוועהר.

עס איז יהושע'ן נישט שווער אָנגעקומען אויסצוקלייבען געזונטע יונגע לייט. ער איז אריבער צו יעדען שבט און האט פאר זייערע פארשטעהער איבערגעגעבען די ווערטער פון משה'ן, און באלד האבען זיך פיעלע שטארקע יונגע לייט פערזאמעלט.

יהושע האט מיט זיי גערעדט און זיי געגעבען מוטה.

— מיר זיינען נאָר וואס בעפרייט געווארען פון שקלאָפעריי אין מצרים — האט ער זיי געזאגט—מיר זיינען יעצט פריי און אונאפּהענגיג. מיר געהען צו דעם לאנד פון אונזערע עלטערען, וואס גאט האט אונז פערשפּראָכען, דאך זוכען מיר נישט צו מאכען קיין איבערפאלען אויף די פעלקער וועלכע געפינען זיך נישט ווייט פון דאנען. מיר זיינען דאנקבאר צו גאט וואס ער שיקט אונז צו די שפּייז און וואסער צו שטילען אונזער הונגער און דורשט. מיר זוכען זיך מיט קיינעם נישט פערטשעפּען. מיר ווילען שלום און די פעלקער ארום וואלטען דאך אונז געדארפט צו רוה לאָזען. אָבער דאָ נישט ווייט געפינט זיך דאס פאלק פון עמלק, זעהר א שלעכטער פאָלק... א פאָלק וואס לעבט אויף מאָרד און רויבעריי. ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז מיר געפינען זיך נישט ווייט פון זיי האבען זיי גלייך געשיקט זייערע באנדעס צו בעפאלען אויף אייניגע פון אונזערע געצעלטען ביי נאכט און זיי האבען אוועקגערויבט פיעלע פון די בהמות. מיט א פּאָר טעג צוריק האבען זיי איינעם פון אונז געטויטעט. און יעצט האבען מיר אויסגעפונען פון דעם געפאנגענעם, אז זיי גרייטען זיך אויף אונז אלעמען צו בעפאלען און מלחמה האלטען מיט אונז. דעריבער דארפען מיר זיין געגרייט... איך ווייס, אז איהר זייט נאך נישט געאיבט אין מלחמה, אָבער מיר האבען גאנץ גוטע געוועהר, און די גערעכטיגקייט איז אויך אויף אונזער זייט, האף איך אז גאט וועט געבען און מיר וועלען בעזיעגען אונזער שונא. זייט איהר געגרייט מיר נאָכצופאָלגען און טהאָן מיין בעפעהל?

— מיר זיינען געגרייט, מיר זיינען געגרייט!—האבען די יונגע לייט געשריען—מיר וועלען קעמפּפען געגען אונזער שונא!

ווען יהושע האט געהאט פערזאמעלט די יונגען פון אלע שבטים, האט ער

אויסגעקליבען די שטאַרקערע און זיי בעשטימט פאַר הויפּטען איבער קליינע אפּטהיילונגען. די הויפּטען האָבען געקראָגען די געוועהר און ווען זיי זיינען שוין געווען געגרייט, האָט יהושע מיט זיי געמאַרשירט צו דעם פּלאַץ וואו משה געצעלט איז געווען.

משה איז זיי ענטקעגען געקומען, ער האָט איבערגעצעהלט די יונגע לייט, און מיט צופריעדענהייט צוגעגעבען.

— דער גאָט פון אונזערע עלטערען: אברהם, יצחק און יעקב, וועלכער איז מיט אונז ביז יעצט געווען, וועט אויך אונז אויף ווייטער נישט פערלאָזען. מיט אייער רצון צו געהען מלחמה האַלטען, האָט איהר בעוויזען, אַז איהר זייט ווערטה אָנגערופען צו ווערען די קינדער פון ישראל. שטאַרקט זיך אַלע און מוטהיגט זיך, ווייל זעהר פיעל ווענדעט זיך אָן דיזער מלחמה, אויב מיר וועלען דעם שונא בעזיעגען, וועט א פּחד אָנפאַלען אויף די איבעריגע פעלקער און זיי וועלען אונז צו רוה לאָזען, אָבער אויב מיר זאָלען ארויסווייזען שוואַכקייט אין דיזער מלחמה דאַן זיינען מיר אין גאַנצען פערלאָרען... דאַן וועלען אונז די אַנדערע פעלקער בעפאַלען און פערניכטען די איבעריגע וועלכע זיינען איבערגעבליבען פון עמלק'ס שווערד. איך האָב בעשטימט יהושע'ן פאַר אייער גענעראַל, ווייל אין איהם האָב איך געזעהן א בראַווען העלדישען מאַן, איהר דאַרפט איהם פאָלגען און טהאָן אַלעס וואָס ער הייסט אייך!

— מיר וועלען טהאָן! מיר וועלען טהאָן! — האָבען זייערע שטימען אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון מדבר.

יהושע האָט ארויסגעשיקט עטליכע פון זיינע פעהיגע און פלינקע יונגען.

— איהר שטעלט זיך דאָרטען אויף דעם בארג און קוקט אין דער ריכטונג פון צפון און ווען איהר וועט פון ווייטען בעמערקען א בעוועגונג פון מחנות זאָלט איהר גלייך קומען אָנזאָגען.

די יונגען זיינען ארויף אויף דעם בארג און יהושע איז דערווייל געווען פערנומען מיט זיינע סאָלדאַטען. ער האָט זיי געלערענט ווי אַזוי צו האַלטען א שווערד און ווי זיך צו פעכטען.

אין א טאָג ארום זיינען די נאָכקוקער געקומען צולויפען צו יהושע'ן און איהם אָנגעזאָגט, אַז זיי האָבען בעמערקט מחנות מענשען רייטענדיג אויף פערד, אייזלען און קעמלען קומען אָן.

יהושע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פערד און האָט גלייך א באַפעהל געגעבען צו זיין געגרייט און איהם נאָכפאָלגען.

משה איז אויך מיטגעגאַנגען מיט די סאָלדאַטען.

— דאָס איז א מלחמה פאַר גאָט און פאַר אונזער פאָלק, — האָט משה זיך צו זיי ווידער אָפּגערופען — געהט אין דעם נאָמען פון אונזער גאָט און בעזיעגט דעם שונא. איך וועל ארויפגעהן אויף דיזען בארג, און אויפהויבען מיינע הענט צו גאָט און מתפּלל זיין צו איהם, ער זאָל אייך געבען זיין הילף און איך וועל מיינע הענט נישט ארונטערלאָזען ביז וואַנען דער שונא וועט אין גאַנצען בעזיעגט ווערען.

משה איז ארויף אויף דעם שפּיץ בארג ער האָט פון ווייטען דערזעהן די ארמעען פון עמלק דערנעהענטערען זיך.

ער האָט גוט בעטראַכט די אידישע ארמעע אונטער יהושע'ס פיהרערשאַפט. אָט זעהט ער ווי די חוצפה'דיגע עמלקים שטופּען זיך פאַראויס, ער בעמערקט ווי דער שונא איז עטוואָס איבערראַשט צו זעהן, אַז די אידען האָבען שוין א צוגעגרייטע ארמעע.

די ערשטע אָפּטהיילונג פון די עמלקים האָבען זיך א לאָז געטאָהן מיט גרויס אימפּעט.

די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען.

מיט א געשריי "גאָט איז אונזער הילף" האָבען זיך די אידישע יונגע לייט א וואָרף געטאָהן אויף די אָנקומענדע עמלקים. עס איז געוואָרען א שרעקליכער געפעכט.

א היבשע צאָהל פון די עמלקים זיינען געפאַלען אין שלאַכט. און זייער ערשטע

אַפּטהיילונג האָט שנעל גענומען צוריקטרעטען.

די אידישע סאָלדאטען האָבען זיך א לאָז געטאָהן זיך נאָכצויאָגען די עמלקים. אָבער יהושע האָט זיי אָפּגעהאַלטען.

— דאָס טהוען זיי מיט א כיון. זיי ענטלויפען און ווילען איהר זאָלט זיי נאָכיאָגען, כדי נאכהער וועלען זיי אייך קענען ארומרינגלען און פערניכטען! — האָט יהושע זיי געזאָגט. — איהר בלייבט שטעהן אויף אייערע פּלעצער און ווארט ביז וואנען דער שונא וועט מאכען זיין צווייטען פערזוך צו אטאקירען אונזערע מחנות. דערווײלע האָבען די וועלכע זייענען פערבליבען פון הינטען געבראכט וואסער און שפּייז פאר די פאָדערסטע רייהען און זיי האָבען צוגעביסען און זיך גוט אָנגעטרונקען.

— זייט געגרייט! דער שונא קומט אָן! — האָט זיך געהערט יהושע'ס דונערענדע שטימע.

פון וויטען האָט מען געקענט זעהען אגג'ן דעם קעניג פון עמלק פיהרענדיג פערשטארקונג און געבענדיג זיינע ארמעען מוטה פאָרטצוזעצען דעם קאמף.

די אידישע סאָלדאטען, דערזעהענדיג אזוי פיעל מחנות פון דעם שונא, האָבען זיך דערשראָקען. זיי האָבען אלע געווענדעט זייערע בליקען צום בארג און ווען זיי האָבען דערזעהן זייער גרויסען פיהרער משה, האלט זיינען הענט אויפגעהויבען צו גאָט, האבען זיי צוריק געקראָגען זייער מוטה און קראַפט און האבען זיך מיט נאָך מעהר בעגייסטערונג אריינגעווארפען אין שלאכט.

דער קאמף האט זיך צופלאקערט. דער טומעל און געשרייען פון בײדע קעמפפענדע מחנות האט פערהילכט דעם גאנצען געגענד.

יהושע האט געהאלט איין אַפּטהיילונג פון דעם רעכטען פליגעל געגרייט ארויפצופאלען דעם שונא פון א זייט ווען זייערע ברידער וועלען זיך נויטיגען אין הילף.

דער קאמף איז וואס ווייטער געווארען מעהר פערביטערט מיט גרויס פערצווייפלונג האבען בײדע מחנות געקעמפּפט. די אידישע סאָלדאטען האבען בלויז געדארפט אויפהויבען זייערע אויגען און ווען זיי האבען געזעהן אז משה האלט זיינע הענט אויפגעהויבען, האבען זיי זיך מיט מעהר בעגייסטערונג אריינגעווארפען אין שלאכט. הונדערטע פון די עמלקים זיינען געפאלען אין שלאכט.

משה איז געשטאנען אויף דעם בארג מיט זיינע הענט אויסגעשטרעקט צום הימעל און מתפלל געוועזן.

א היבשע ווײלע איז ער אזוי געשטאנען און פון צייט צו צייט געווארפען זיינע בליקען אונטען, וואו די מלחמה קומט פאר. באלד אָבער איז ער געווארען מיעד צו האלטען זיינע הענט אויפגעהויבען. ער האט זיי א ווײלע ארונטערגעלאזען כדי זיך עטוואס אָפּצורוהען, אָבער ווען די אידישע סאָלדאטען האבען בעמערקט אז משה האט ארונטערגעלאזען זיינע הענט האבען זיי גענומען פערלירען דעם מוטה. די עמלקים האבען זיך גענומען מעהר מוטה און פיעלע פון די אידישע סאָלדאטען זיינען געפאלען אין שלאכט. עס איז געווארען א מהומה אין דעם אידישען לאגער...

משה האט עס גלייך בעמערקט און האט שנעל אויפגעהויבען זיינע הענט צו גאָט. און דאס האט ווידער אריינגעגעבען מוטה און קראפט צו די אידישע סאָלדאטען און זיי האבען זיך א שלײדער געטהאן אויף עמלק מיט מעהר כח. ווידער האבען די עמלקים גענומען פערלירען פיעלע פון זייערע זיינען געפאלען אין שלאכט. אָבער משה האט לאנג נישט געקענט האלטען זיינע הענט אויפגעהויבען ,ווײלע ער איז שוין מיעד געווארען און ווי נאָר ער האט זיי ארונטערגעלאזען האט ער בעמערקט ווי די אידען פערליערען מוטה און ווערען אָפּגעשוואכט. און דאן פאלען פיעלע פון זיי אין שלאכט.

משה האט ארונטערגעקוקט פון בארג און ער האט בעמערקט אהרן און חור'ן, וועלכע זיינען געשטאנען אונטען און

האבען פון איהם נישט ארונטערגענומען די אויגען.

ער האט גלייך צו זיי א וואונק געטהאן און זיי זיינען ארויפגעקומען צו איהם.

— איך האב פערשפראכען אונזערע בראווע סאלדאטען צו האלטען מיינע הענט אויפגעהויבען ביז וואנען זיי וועלען אפהאלטען אן ענדגילטיגען זיעג איבער דעם שונא. אבער איך בין געווארען שטארק אפגעשוואכט פון האלטען מיינע הענט אויפגעהויבען אזא לאנגע צייט, און ווען איך האב זיי א וויילע ארונטערגעלאזען, כדי זיך אפצורוהען, האב איך בעמערקט אז אונזערע מחנות ווערען ענטמוטהיגט און פיעלע פון זיי זיינען געפאלען צוליעב דעם אין שלאכט. בריינגט דא אויף דעם פלאץ א גרויסען שטיין און איך זאל זיך קענען אוועקזעצען און איהר וועט אונטערהאלטען מיינע הענט אין דער הויך דאס וועט געבען אונזערע מחנות מעהר מוטה און מיט גאטעס הילף, וועלען זיי אין גאנצען בעזיעגען דעם שונא.

אהרן און חור האבען געבראכט א גרויסען שטיין און איהם אוועקגעשטעלט נעבען משה'ן און ווען משה האט זיך אויף איהם אוועקגעזעצט, האט מען איהם נאך אלץ געקענט בעמערקען. אהרן האט זיך אוועקגעזעצט ביי משה'ס רעכטער האנט און חור ביי זיין לינקער האנט.

משה האט זיינע הענט אנגעשפארט אויף זייערע שולטערען און איהם איז געווען א סך גרינגער צו האלטען די הענט אהן אויפהער.

דאס האט אריינגעגעבען ווידער מוטה און ענערגיע צו די אידישע סאלדאטען און יהושע האט געבראכט פארשטארקונג — זיי האבען זיך אלע ארויפגעווארפען אויף די עמלקים. פריהער האט ער געזוכט צו בעפאלען דעם שונא פון דער רעכטער זייט און ווען זיי זיינען געווען פארנומען אין קאמף מיט יענע, האט יהושע גלייך א קאמאנדע געטהאן און די מחנות וועלכע זיינען געשטאנען גרייט פון דער לינקער זייט, איז פלוצלונג זיי בעפאלען.

די עמלקים זיינען גאר צוטומעלט געווארען. געזעהן אז יהושע האט זיי פערנארט און זיי זיינען ארומגערינגעלט פון דריי זייטען.

—א טויט צו אלע אידען! — האט אגג זייער קעניג גענומען שרייען מיט גרויס פערצווייפלונג. אבער זיין שטימע איז שוין נישט געהערט געווארען. עס איז פערזונקען געווארען פון די פערצווייפעלטע געשרייען פון די טויזענדע פערוואונדעט און שטערבענדע עמלקים.

ווען אגג האט געזעהן, אז די אידען האבען געקראגען די אויבערהאנט, האט ער געוואלט ראטעווען די איבערגעבליבענע ארמעע, און ער האט דעריבער געגעבען א באפעהל, אז אלע זאלען זיך צוריקציהען און געהן צוריק נאך זייער לאנד.

יהושע אבער האט שוין יעצט געזעהן אז עמלק איז אפגעשוואכט געווארען, און ער האט בעפוילען זיינע סאלדאטען זיי נישט אפצולאזען און זיך נאכיאגען דעם שונא.

— דער שונא מוז אינגאנצען באזיעגט ווערען! — האט ער אויסגערופען האלטענדיג זיין שווערד אין דער הויך.

די סאלדאטען האבען ווידער אמאל געווענדעט זייערע בליקען אויף דעם בארג און ווען זיי האבען דערזעהן משה'ס הענט אויפגעהויבען צום הימעל, האבען זיי אנגעפאנגען נאכצויאגען דעם אנטלויפענדען שונא.

יהושע האט געריטען אויף זיין פערד פאראויס מיט זיין בלויזען שווערד אין האנט. ער האט באמערקט דעם קעניג פון עמלק, ווי ער אנטלויפט און ער האט איהם גענומען נאכיאגען. באלד האט ער איהם דערגרייכט און מיט איין שטארקען קלאפ מיט זיין שווערד האט ער אגג'ן געטויטעט.

ווען די איבערגעבליבענע סאלדאטען האבען געזעהן, אז אגג איז טויט, האבען זיי אלעם איבערגעלאזען, זיי האבען אוועקגעווארפען זייער געווער און גענו־

מען לויפען אין פארשיעדענע ריכטונגען.

אזוי זיינען די עמלקים איינגאנצען באזיעגט געווארען.

יהושע מיט זיינע יונגע העלדען האבען זיך צוריקגעקעהרט אין דעם לאגער זיעגרייכע. אמת, ער האט פארלוירען א קליינע צאהל פון זיינע סאלדאטען, אבער די מפלה, וואס זייער ערשטער שונא האט געקראגען, איז געווען פולשטענדיג.

גרויס איז געווען די שמחה ביי אלע אידען. זיי האבען יעצט אנגעפאנגען צו פיהלען, אז זיי זיינען א מעכטיג פאלק. און אז ווען די אנדערע פעלקער וועלען דערהערען דעם סוף פון עמלק, וועלען זיי שוין ניט אזוי שנעל קומען מלחמה האלטען מיט זיי.

ווידער זיינען ארויסגעקומען די פרויען, געפיהרט פון מרים'ען, מיט טענץ און געזאנג און האבען געלויבט גאט פאר דעם זיעג, וואס זיי האבען געהאט איבער זייער ערשטען און זעהר שטארקען שונא.

יהושע האט פאר משה'ן און פאר די עלטסטע פון ישראל דערצעהלט די אלע איינצעלהייטען פון דער מלחמה. ער האט איבערגעגעבען וועגען דער גרויסער אכזריות, וואס די עמלקים האבען ארויסגעוויזען אין דער מלחמה, וועגען זייער בלוטדורשטיגקייט, און משה האט זיך אפגערופען צו יהושע'ן:

— עס איז דער וואונש פון גאט, אז מיר זאלען געדענקען, וואס עמלק האט צו אונז געטהאן אין וועג, און ווען גאט וועט געבען, אז מיר וועלען זיך באזעצען אין אונזער לאנד, דארף דאס פארשריבען ווערען אין אונזערע ביכער, אז עמלק'ס נאמען מוז אויסגעמעקט ווערען פון אונטער די הימלען. יע, מיר וועלען שטענדיג אין יעדען דור מוזען מלחמה האלטען מיט עמלק'ן ביז וואנען קיין וכר וועט פון איהם ניט איבערבלייבען.

ניינצעהנטער קאפיטעל
צפורה קומט אן

נאך דער מלחמה מיט עמלק האט זיך ביי די אידען גענומען פארשטארקען דאס געפיהל פון אחדות און ברידערליכקייט. דאס גאנצע פאלק האט שטארק געפיהלט דעם גרויסען פארלוסט פון די איינינגע פון זייערע ברידער, וועלכע זיינען געפאלען אין שלאכט. מען האט די העלדען באגראבען מיט גרויס פאראד. יעדער איז געווען שטאלץ מיט זייער אויפטהו.

משה איז געווען זעהר גליקליך צו זעהן, אז דאס פאלק, וואס איז געווען פארשקלאפט אזוי פיעל יאהרען, האט באוויזען אזא זעלטענע גבורה אין דער מלחמה. ער איז געווען זעהר אומרוהיג. ער האט מורא געהאט, אז ווען די אידען וועלען דערזעהן א מלחמה, וועלען זיי זיך דערשרעקען און צעלויפען... יעצט אבער קען ער מיט שטאלץ קוקען אויף דעם פאקק, וועמען ער האט באפרייט פון מצרים. די אידישע העלדען האבען פארדיענט אנערקענונג.

משה איז געווען זיכער, אז קיינער פון די ארומיגע פעלקער וועט נישט וואגען זיי צו באאומרוהיגען. ער איז געווען צופרידען, וואס ער האט געפונען אזא בראווען העלדישען יונגענמאן ,ווי יהושע. יע, ער האט געפיהרט די מלחמה ווי א געניטער גענעראל. ער האט מיט זיין העלדישקייט באוויזען, אז מען קען איהם אנפארטרויען דעם גורל פון פאלק.

יעצט, אז אלעם האט זיך גענומען איינשטילען, א צופרידענהייט האט געהערשט צווישען אלע אידען פון רפידים; ווי האבען געקראגען זייער טעגליך ברויט; וואסער האבען זיי געהאט גענוג, האט משה גענומען א טראכט טהאן פון זיין פרוי צפורה און פון זיינע צוויי זיהן. יע, עס איז שוין געקומען די צייט אז ער זאל נאך זיי שיקען. נישט ווייט פון דאנען, בלויז איינינגע שטונדען רייזע, האט ער געפיטערט זיין שווער'ס, יתרו'ס שאף... דאן האט ער בלויז געהאט חלומות וועגען העלפען זיין פאלק. און יעצט זיינען די חלומות פארווירקליכט געווארען. ווי גליקליך צפורה וועט זיך פיהלען, ווען זי וועט וויסען, אז די פיעלע יאהרען, וואס איהר איז אויסגעקומען צו ליידען פון איינזאמקייט און

בענקעניש, זיינען נישט געווען אומזיסט. ער האט זיין ציעל דערגרייכט. ער האט די קינדער פון ישראל באפרייט און זיי ארויסגעפיהרט פון דעם לאנד, וואו זיי האבען אזוי שטארק געליטען. ער האט זיי אריבערגעפיהרט דעם ים סוף און יעצט זיינען זיי דא אלע צופרידענע, זאַט און אומאפהענגיגע.

משה האט צוגערופען צו זיך זיין ברודער אהרן און זיין שוועסטער מרים און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— נישט ווייט פון דאנען געפינט זיך דער בארג חורב. אין יענעם געגענד האב איך געפיטערט די שאף פון מיין שווער יתרו. דארטען האב איך די שטימע פון גאט צום ערשטען מאל דערהערט, אויף דעם דארן בוים האט זיך גאט'ס הערליכקייט אין הייליגען פלאם פייער באוויזען. איך האב זיין שטימע געהערט: "געה באפריי די קינדער פון ישראל פון זייער שקלאפעריי אין מצרים". איך האב זיך צוריקגעקעהרט אין מדין און האב מיין פרוי צפורה וועגען דעם דערצעהלט. זי האט געוואלט מיט מיר מיטגעהן אין מצרים, אבער דאן איז מיין צווייטער זוהן, אליעזר, געבוירען געווארען. ער איז געווען נאך צו יונג דורכצומאכען אזא רייזע און זי איז געצוואונגען געווען זיך אומצוקעהרען צו איהר פאטער'ס היים. איך ווייס ווי שווער עס איז פאר איהר געווען צו לאזען מיך געהן קיין מצרים. זי האט אויך גאנץ גוט געוואוסט וועגען די צרות, וואס די אידען האבען אויסצושטעהן אין מצרים. זי איז געווען זעהר גליקליך צו הערען, אז איך געה אהין זיי צו העלפען. איצט זיינען פארלאפען אזוי פיעל יאהרען זינט יענעם טאג, ווען איך האב מדין פארלאזען. איך האב פון מיין פרוי און קינדער גארנישט געהערט. איך האב זיך איבערגעגעבען מיט מיין לייב און לעבען צו דעם הייליגען צוועק צו באפרייען מיינע ברידער פון שקלאפעריי, אז איך האב אפילו קיין צייט נים געהאט צו טראכטען וועגען זיך און וועגען די וועלכע זיינען מיר נאהענט און טייער.

— וויפיעל ליידען און שמערצען די פרוי האט געמוזט דורכמאכען דורך דער גאנצער צייט! — האט מרים געזאגט.

— יע, משה, איהר העלדישקייט איז אזוי גרויס ווי דיינע.

— איך האב באשלאסען צו שיקען רופען מיין פרוי און מיינע זיהן! — האט משה געזאגט. — מדין געפינט זיך נישט ווייט פון דאנען. און דא אין רפידים וועלען מיר נאך פארבלייבען גאך איינייגע וואכען.

— דיינע זיהן מוזען שויןביידע זיין ערוואקסענע, — האט אהרן געזאגט.

— וועמען וועסטו שיקען נאך זיי, מיין ברודער?

— איך וועל שיקען יהושע'ן און חור'ן. ביזטו צופרידען מרים, אז דיין זוהן, חור, זאל צוזאמען מיט יהושע'ן נאך מדין געהן?

— איך בין זעהר צופרידען! — האט מרים געענטפערט. — און איך בין זיכער, אז אויך זיין פאטער כלב וועט זיין צופרידען, אז דו האסט איהם אויסגעקליבען צו געהן, אבער, מיין ברודער! דענקסטו נישט, אז צוויי איז צו ווינציג? די סכנה אויף די וועגען איז גרויס און ווען א קאראוואן וועט זיי באפאלען וועלען זיי זיך דען קענען געגענשטעלען?

— דו ביזט גערעכט, מיין שוועסטער! — האט משה געזאגט. — איך וועל שיקען נאך עטליכע מיט זיי צוזאמען, כאטש איך פלעג איינער אליין אוועקגעהן מיט די שאף און זעהר זעלטען בין איך געשטערט געווארען. אבער מעגליך, אז דורך דעם פארלויף פון אזוי פיעל יאהרען האט זיך פיליכט די געגענד געביטען און די מענשען זיינען אנדערש געווארען.

— זאל אויך מיין עלטערער זוהן, נדב, מיטגעהן! — האט אהרן געזאגט.

— גוט! — האט משה געענטפערט.

— צפורה וועט זיין זעהר גליקליך צו זעהן זיי און וועט געוויס מיטגעהן מיט זיי.

— דאך וואלט איך דיך געבעטען, מיין ברודער, אז א חוץ יהושע'ן, חור'ן און נדב'ן, זאלסטו אויך מיטשיקען פינף און צוואנציג יונגע העלדען, וועלכע זא־

לען זיין גוט בעוואפענט און זיי זאלען זיי באגלייטען אויפ'ן וועג הין און צוריק.

— מיין שוועסטער! — האט משה זיך צו איהר אפּגערופען. — אויב דיין הארץ שרעקט זיך אזוי, זאל פיליכט חור דיין זוהן פארבלייבען דא מיט אונז און אנשטאט איהם וועל איך שיקען דיין מאנ'ס ברודער, עתניאל.

— אה, ניין, משה! זאל חור מיטגעהן! אבער וואס וועט שאדען, ווען פון זיכערקייט וועגען וועסטו מיטשיקען אייניגע פון די יונגע העלדען?

— דאס וועל איך איבערלאזען צו יהושע'ן! — האט משה געזאגט. — זאל ער מיטנעהמען אזוי פיעל וויפיעל ער דענקט עס וועט נויטיג זיין.

משה האט צוגערופען יהושע'ן און איהם איבערגעגעבען וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

— מיין האר! מיר זיינען געגרייט גלייך צו געהן! — האט יהושע געענטפערט.

— אבער מיין שוועסטער דענקט, אז א חוץ אייך זאלען אויך פינף־און־צוואנציג יונגע העלדען מיטגעהן! — האט משה געזאגט.

— עס איז נישט נויטיג! — האט יהושע געענטפערט. — אבער אויב דאס איז איהר פארלאנג, וועל איך זעהן אויסצוקלייבען די יונגע העלדען און זיי געבען גענוג וואפען.

— עס וועט טאקע זיין א סך שעהנער אויך! — האט מרים געזאגט. — ווען דו וועסט שיקען מעהרערע מענשען צו דיין פרוי און קינדער. צפורה האט פארדיענט דו זאלסט איהר דיעזען כבוד אנטהאן.

יהושע, חור, נדב און עתניאל האבען אנגעלאדען זייערע אייזלען מיט שפייז און מיטנעהמענדיג פיעל מתנות, וואס מרים און אהרן האבען זיי מיטגעגעבען, זיינען זיי אין דער באגלייטונג פון פינף און צוואנציג באוואפענטע יונגע העלדען אפּגעפאהרען נאך מדין.

גרויס און שטארק איז געווען די ליעבע פון צפורה צו משה'ן און כאטש די פיעלע יאהרען, וואס זיינען פארי־בער זינט משה האט זי איבערגעלאזען מיט איהרע צוויי זיהן אין יתרו'ס הויז, איז איהר ליעבע צו איהם אויף א האר נישט געמינערט געווארען. זי האט געוואוסט, אז משה איז א פיהרער, א העלד וואס וועט בריינגען נוצען דער מענשהייט און איז געווען צופרידען צו ליידען אין דער שטיל, ליידען און האפען אויף א צייט ווען משה וועט צוריקקומען און זיך מיט איהר פאראייניגען און גליקליך אויסלעבען צוזאמען זייערע יאהרען.

די ערשטע עטליכע יאהר נאכדעם, ווי משה האט פארלאזען מדין, איז צפורה געווען פארנומען מיט איהר נייגעבוירענעם זוהן. זי האט זיך אפּגעגעבען מיט איהם און האט געהאט ווייניג צייט צו טראכטען פון איהר איינזאמקייט, פון איהר בענקשאפט און איהר ליעבע צו משה'ן.

ווען אבער אליעזר האט גענומען אונטערוואקסען, און וואס עלטער ער איז געווארען, אלס גרעסער איז געווארען זיין ענליכקייט צו משה'ן האט צפורה'ן גענומען דריקען די איינזאמקייט און בענקעניש נאך משה'ן.

פיעלע שלאפלאזע נעכט פלעגט זי פארבריינגען. אין דער פריה, ווען זי פלעגט אויפשטעהן פון שלאף, זיינען איהרע אויגען רויט געווען פון וויינען. יעדען טאג פלעגט זי אוועקגעהן צו די טויערען פון שטאדט און ווארטען אויף רייזענדע, און ווען זי פלעגט דערזעהן סוחרים, וועלכע קומען אן פון מצרים, פלעגט זי צו זיי צולויפען און פרעגען, אויב זיי האבען געהערט פון איהר מאן, משה'ן, וועלכער געפינט זיך אין מצרים.

גרויס איז איהר צער און ענטוישונג געווען, ווען יענע האבען איהר געענטפערט, אז זיי האבען פון משה'ן נישט געהערט.

— ביזטו זיכער, אז ער איז אוועק נאך מצרים? — פלעגען איהר די סוחרים פרעגען.

— געוויס בין איך זיכער!

— איז ער אליין געגאנגען?

— יע, גאנץ אליין!

די סוחרים האָבען זיך איבערגעקוקט און גענומען שמייכלען:

— אויב ער איז אליין געגאַנגען, קענסטו נישט זיין זיכער, אז ער האָט דערגרייכט מצרים... אזא לאַנגע געפעהרליכע וועג איז גאָר אוממעגליך פאַר איין מאַן דורכצומאַכען אליין... מעגליך, אז ער האָט גאָר קיינמאָל נישט דערגרייכט מצרים. ער איז זיכער געשטאָרבען אויף דעם וועג פון דורשט אָדער בייזע חיות האָבען איהם צעריסען.

— אָה, ניין! ניין! ער לעבט! איך בין זיכער, אַ ער געפינט זיך אין מצרים! מיין משה לעבט און קיין בייז איז איהם נישט געשעהן! — האָט זי היסטעריש זיך אָפּגערופען.

אזוי זיינען נאָך פיעלע יאָהרען פאַרבייגעגאַנגען און כאָטש צפּורה האָט פון איהר מאַן גאָרנישט געהערט, האָט זי איהר האָפנונג נישט אויפגעגעבען, אז ער לעבט און אז ער וועט נאָך צו איהר קומען...

אָבער ווען זי פלעגט זיך אומקעהרען אהיים און זיך טרעפען מיט איהרע שוועסטער און זעהען ווי גליקליך זיי לעבען זיך מיט זייערע מענער... יעדע פון זיי ווערט געצערטעלט און געליעבט פון איהר מאַן, פלעגט איהר דאָס הארץ נאָך מעהר פאַרדריקען און זי פלעגט אריין אין איהר צימער און דאָרט זיך גוט אויסוויינען.

נישט איינמאָל פלעגען זיך איהרע שוועסטער מיט איהר רייצען:

— דו האָסט געדענקט, אז דו האָסט געקראָגען דעם בעסטען מאַן? ! דיר האָט נישט געפּאַסט חתונה צו האָבען מיט איינעם פון אונזער לאַנד? דו האָסט גענומען אַ פרעמדען מאַן, פון אַ פרעמד לאַנד, וועלכער האָט גערעדט אַ פרעמדע שפּראַך, און יעצט האָט ער דיך פאַרלאָזען! ער האָט זיכער אין זיין לאַנד גענומען אַ צווייטע און אַז דיר האָט ער איינגאַנצען פאַרגעסען! אפילו פאַר זיינע קינדער אַרט איהם נישט! אַט אזוי זיינען אלע פרעמדע מענער...

— יע, געוויס! — האָט אַ צווייטע שוועסטער צוגעגעבען. — איך האָב גלייך געקענט איינזעהן, אז מיט אזא מאַן, ווי משה, וועט צפּורה נישט קענען גליקליך זיין! אמת, ער האָט באוויזען גרויסע העלדענטהאַטען! אלע האָבען אויף איהם געקוקט מיט פאַרוואונדערונג, אָבער אַ פרוי קען קיינמאָל נישט זיין גליקליך מיט אזא מאַן, וועלכער לעבט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר יענעם. אַט האָט איהם געצויגען אהין, נאָך מצרים, ווייל דאָרטען לייַדען זיינע ברידער און ער האָט עס געפונען פאַר זיין פליכט צו קומען זיי צו הילף. יע, וואָס גרעסער דער מאַן איז, אלץ ערגער איז ער פאַר זיין אייגענער פרוי און משפּחה!

— ווער וואָלט זיך דאָס גאָר געקענט באַשטעלען, אז דער זעלבער משה, וועלכער האָט ארויסגעוויזען אזוי פיעל צערטליכקייט און גוטסקייט צו אונז אלע ביים ברונעם, ווען די פּאַסטוכער האָבען אונז פאַרטריבען און וועלכער האָט ניט געקענט פאַרליידען קיין אומרעכט, זאָל אזוי שלעכט באהאַנדלען זיין אייגענע פרוי? ער האָט אפילו נישט קיין פאַטערליכע ליעבע צו זיינע צוויי זיהן. יע, ער איז קאַלט און גרויזאַם! — האָט פלילה, צפּורה'ס צווייטע שוועסטער זיך אָפּגערופען.

די רייד פון איהרע שוועסטער האָבען צפּורה'ן געשטאָכען ווי מיט שפּיעזען. זי פלעגט זיי נישט ענטפערען, אָבער איהר הארץ איז נאָך מעהר פאַרוואונדעט געוואָרען פון זייערע רייד.

אזוי פיעל יאָהרען איז משה אָפּגעוועזען אין איין הויז מיט זיי צוזאַמען און ווי ווינציג זיי פאַרשטעהען איהם? וויפיעל טובות ער האָט פאַר אלעמען געטהאָן? האָט ער דען די איינגסטע שוועסטער ניט געראַטעוועט פון שאַנדע, ווען זי איז גענומען געוואָרען געפאַנגען? האָט ער דען נישט געקעמפט מיט די פּאַסטוכער, ווען זיי האָבען געזוכט שלעכטס צו טהאָן זייער פאָטער און איהם אין חרם אריינגעלייגט?

איינע איז אָבער געווען, וועלכע האָט משה'ן גוט פאַרשטאַנען און דאָס איז

איהר מוטער, שרה. אין דער צייט, ווען אלע פלעגען שווער מאכען איהר הארץ און אפט מאל זיך מיט איהר רייצען, פלעט שרה, צפורה'ס מוטער, איהר טרייסטען און געבען האפנונגען, אז עס וועט נאך קומען א צייט, ווען אלע וועלען איהר מקנא זיין.

— דיין מאן וועט זיך צו דיר אומקעהרען מיט גרויס פאראד און כבוד... איך ווייס, אז משה וועט באפרייען מיינע אומגליקליכע ברידער. גאט ווייסט אויב איך וועל דאס דערלעבען צו זעהן, אבער דו, מיין קינד, וועסט נאך אלעם צוזעהן מיט דיינע אויגען... דו וועסט זעהן, אז דיין מאן, משה, איז דער פיהרער פון דעם פאלק ישראל.

יעדעס מאל, ווען א טרויעריגע מחשבה פלעגט זיך אריינ'גנב'ענען אין מח, פלעגט זי צוקומען צו איהר מוטער און ביי איהר א טרייסט געפינען.

יתרו, כאטש די ערשטע עטליכע יאהר איז ער אויך געווען פול מיט האפנונג און ער האט געהאט גענוג צוטרוי אין משה'ן, אז ער וועט זיך נאך צוריקקעהרען, אבער ווען די יאהרען האבען זיך פארמעהרט און פון משה'ן האבען זיי נאך אלץ קיין גרוס נישט געהאט, האט ער שוין געהאט באשלאסען אויסצואוואנדערען נאך מצרים און דארט אויפצוזוכען משה'ן, אבער זיין פרוי און די טעכטער האבען איהם נישט דערלאזען צו טהאן אזא זאך.

— דו ביזט שוין גאנץ אלט און דורכצומאכען אזא לאנגע רייזע איז נישט פאר דיינע כחות, — האט איהם שרה געזאגט.

— איך קען שוין אבער מעהר נישט צוזעהן דעם צער פון צפורה'ן, — האט יתרו געענטפערט. — ווי לאנג וועט זי דאס דען קענען אלעס איבערטראגען?

— אה, פאטער! דו דארפסט וועגען מיר נישט זיין באזארגט! איך האב נאך קיינמאל נישט אויפגעגעבען די האפנונג אז איך וועל זיך נאך זעהן מיט משה'ן און זיין גליקליך מיט איהם. עס מאכט זיך טעג ווען מיר איז זעהר שווער... מיר דאכט זיך, אז איך וועל שוין מעהר נישט קענען אויסהאלטען פון בענקעניש, אבער ווען איך נעהם זיך באטראכטען, זעה איך ווי נאריש איך בין גאר צו האבען טרויעריגע געדאנקען. איך ווייס משה'ן, איך קען זיין נאטור און איך ווייס, אז וואס עס זאל נישט געשעהן, וועט ער מיך אימערצו ליעב האבען. איך געדענק ווי שטארק און אויפריכטיג ער האט מיך געליעבט. אבער זיין פליכט צו זיין פאלק האט איהם צייטווייליג פון מיר אוועקגענומען.

— איך צווייפעל אויך נישט אין משה'ס עהרליכקייט. איך ווייס, אז זיין ליעבע צו דיר איז נישט אפגעשוואכט געווארען. אבער דאך ציטערט אין מיר דאס הארץ, טאמער האט מיט איהם טאקע אן אומגליק פאסירט אויפ'ן וועג, אדער פיליכט האט מען איהם דערקענט אין מצרים און איהם איבערגעגעבען אין פרעה'ס הענט.

— גאט האט איהם געשיקט מיט א הייליגער שליחות, — האט צפורה געזאגט. — און וועט איהם זיכער אויסהיטען פון אלע אומגליקען.

ווען צפורה'ס זיהן זיינען אונטערגעוואקסען, האט יתרו געמאכט א צווייטען פארזוך צו פארלאזען מדין מיט זיינע צוויי אייניקלעך גרשם און אלעזר.

— איך בין זיכער, אז ווען איך וועל קומען צו איהם מיט זיינע צוויי זיהן, וועט ער זיך גלייך אומקעהרען צו דיר, מיין טאכטער! — האט יתרו אויסגערופען, — אויב ער האט זיך אן דיר פארגעסען, וועלען זיי, זיינע זיהן, איהם וועגען דעם דערמאנען.

— מיר וועלען אלע געהן ווען די צייט וועט קומען — האט צפורה זיך אבגערופען — יע, ווען די צייט וועט קומען וועט משה שיקען נאך אונז אדער ער וועט צו אונז אליין קומען... איך האב געדולד...

נאך יאהרען זיינען אוועק, און צפורה האט דורך דער לעצטער צייט נאך א גרויסען קלאפ געקראגען. איהר ליעבע מוטער איז געשטארבען גרויס איז איהר צער געווען און צו איהרע ליידען איז קיין גרענעץ נישט געווען. די איינ־

ציגע וועלכע האט פערשטאנען משה'ן, און וועמענס רייד עס זיינען געווען ווי א באלזאם צו איהר פערוואונדעטע הארץ, האט זי יעצט פערלאָרען. עס וואלט פאר איהר געווען זעהר שווער עם אריבערצוטראָגען, ווען נישט איהרע צוויי זיהן, גרשום און אליעזר. ביידע זיינען געווען אזוי עהנליך צו משה'ן, אז ווען זי פלעגט זיי דערזעהן פון ווייטען אָנקומען, האט זיך איהר געדוכט, אז משה קומט עס אָן. ווען גרשום פלעגט פיהרען די שאָף צו דער פאשע, פלעגט צפורה, זיין מוטער ליעב האָבען צו קומען איהם בעזוכען אין פעלד, זי פלעגט זיך אוועקזעצען נישט ווייט פון איהם און בעטראכטען איהר זוהן און אין איהר פאָרשטעלונג קראפט האט זי געזעהן משה'ן איהר ליעבען משה'ן. זי האט געזעהן זיינע ברענענדע אויגען, זיינע שטארקע הענט, אָט דערמאָהנט זי זיך ווען זי האט משה'ן צום ערשטען מאָל דערזעהן, ביים ברונעם... אזוי פרעמד איז ער געווען צו איהר, אָבער זי האט געפיהלט א נאָהענטקייט צו איהם. דער פרעמדער האט איהר באלד בעצויבערט. און איהר הארץ האט שוין צו איהם געצויגען. און זי געדענקט, אז ווען [illegible] זיינען אהיים פון ברונעם געגאנגען, האט זי נישט איינמאָל [illegible] קאָפּ און איהרע בליקען האָבען זיך מיט זיינע בעגעגנט... יע, זי האט איהם ליעב בעקומען פון דעם ערשטען מאָל וואָס זי האָט איהם דערזעהן. צפורה האט ליעב געהאט צו דערצעהלען איהרע זיהן פון זייער פאָטער'ס גרויסקייט... יעדען אבענד ווען זיי פלעגען פון פעלד קומען פלעגט זי זיי געבען זייער אווענד ברויט און נאכהער מיט זיי אריינגעהן אין דעם גארטען וואס איז געווען הינטער יתרו'ס הויז און דאָרטען פלעגט זי זיי דערצעהלען אזעלכע וואונדערבארע געשיכטעס פון משה'ן זייער פאטער.

— אָט דאָ זעהט איהר, מיינע קינדער —האט צפורה זיי אָנגעוויזען אויף א לאָך אין דער ערד—דאָ איז אמאָל מיט יאָהרען צוריק, געווען פערפלאנצט א וואונדערבארער שטעקען... שטארק איינגעפלאנצט אין דער ערד איז ער געווען, עס איז אומעגליך געווען איהם פון דאָרטען ארויסצורייסען, דאן בין איך נאך גאר יונג געווען און זעהר שעהן. זיינען פיעלע יונגע לייט פון מדין געקומען און פערלאנגט פון מיין פאָטער ער זאל מיר אָפּגעבען צו איינעם פון זיי פאר א פרוי. האט מיין פאָטער צו זיי געזאגט, אז דער וועלכער וועט דעם שטעקען ארויסרייסען פון דער ערד, יענער וועט מיר קריגען פאר זיין פרוי. האבען זיך די יונגען א לאָז געטהאן צום שטעקען, יעדער האט זיינע כחות געפרואווט. און מיין הארץ האט אין מיר אזוי שטארק געקלאפט... איך האב זיך געשראָקען טאָמער וועט איינעם פון זיי פאָרט געלינגען דעם שטעקען ארויסצורייסען... און איך האב קיינעם פון זיי נישט ליעב געהאט.

— אָבער קיינער פון זיי האט עס נישט בעוויזען צו טהאָן! —האט אליעזר זיך אָפּגערופען מיט צופרידענהייט.

— ניין, מיין זוהן! קיינער האט עס נישט געקאָנט בעווייזען... ביז וואנען אייער פאָטער איז געקומען... איהם האב איך ליעב געהאט... ער איז געווען אזוי שטארק און העלדיש... און איך האב געבעטען גאָט ער זאל איהם געבען גענוג כח דאס צו טהאן. און אזוי האט עס פאסירט... משה האט דעם שטעקען ארויסעריסען און איך בין געווארען זיין פרוי.

— און וואו האט ער דעם שטעקען אהינגעטהאן? —האט גרשום געפרעגט.

— ער האָט שטענדיג דעם שטעקען מיט זיך געטראָגען! —האָט צפורה איהם געענטפערט, און ווען ער איז אוועק נאָך מצרים, האט ער יענעם שטעקען אויך מיטגענומען.

— אָבער ווען וועט ער שוין קומען? —האט אליעזר איהר אינגערער זוהן, געפרעגט.—איך האב נאָך מיין פאטער קיינמאָל נישט געזעהן.

—דו ביזט נאָר וואָס געבאָרען געוואָרען און דיין פאטער האט פערלאָזען מדין, און אוועק העלפען זיינע ברידער

אין מצרים. איך האָב אויך געזאָלט מיט איהם מיטגעהן, נאָר איך האב דאס ניט געקענט טהאָן צוליעב דיר. עס איז געווען גאַנץ געפעהרליך מיטצונעהמען א קינד בלויז עטליכע טעג אלט, אין אזא וועג וואו מען דאַרף דורכמאכען א מדבר, בערג און טהאָלען.

— צוליעב דיר האב איך אויך געמוזט פערבלייבען, דאָ אין מדין! — האט גרשם געזאגט צו זיין ברודער אליעזר'ן האלב אין שפאס און האלב אין ערנסט.

— זארגט נישט מיינע קינדער, עס וועט שוין לאנג נישט נעהמען און אייער פאָטער וועט אדער אליין קומען צו אונז אדער ער וועט שיקען נאָך אונז און מיר וועלען צו איהם געהן. מיר דארפען ווינשען, אז ער זאל בעסער שיקען נאָך אונז, איידער ער זאל אליין קומען.

— פארוואס וועט אזוי זיין בעסער? — האט אליעזר געפרעגט.

— ווייל'ע אויב ער וועט קענען קומען אליין, וועט זיין א סימן, אז ער איז ניט געווען ערפאָלגרייך אין זיין אונטערנעהמונג צו בעפרייען זיינע ברידער פון מצרים! — האָט צפורה געזאָגט. — אָבער ווען ער וועט שיקען נאָך אונז מיר זאלען קומען צו איהם, וועט זיין א צייכען, אז ער איז ערפאָלגרייך און אלס דער פיהרער פון זיין פאָלק, מוז ער שטענדיג פערבלייבען מיט זיין פאָלק און וועט אליין קיינמאָל נישט קומען.

— און פארוואס האסטו פיעלע מאָל אין דיינע תפלות אויסגעדריקט דיין וואונש, אז משה זאל קומען צו דיר, אין מדין? — האט גרשם איהר געפרעגט.

— האב איך זיך טאקע בענארישט! — האט צפורה געענטפערט — איך האב דאס געטהאן אין א צייט פון אויפרעגונג, ווען אלע ארום מיר, האבען זיך גערייצט און געזאגט, אז מיין מאן האט מיר פערלאָזען און ער האָט א צווייטע גענומען און ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקעהרען צו מיר... דאן איז מיין פערלאנג געווען אזוי שטארק, אז משה זאל זיך צוריקקעהרען דאָ אין לאנד צו מיר, זאלען זיי אלע זעהן זיין גרויסקייט און אויך ווי שטארק ליעב ער האט מיר.

אזוי זיינען פאריבער נאָך יאָהרען. און צפורה האט נאך אלץ געדולדיג געווארט... זי האט געביינקט, געח'לום'ט, געפאנטאזירט וועגען משה'ן איהר ליעבענדען מאן. יעדע נאכט איידער זי פלעגט צו בעט געהן, האט זי צו גאט מתפלל געווען, זי זאל אויף מאָרגען עפעס הערען פון איהם... אָבער די טעג זיינען געפלויגען און אלעס איז געבליבען ווי פריהער.

כאָטש צפורה האט זיך בעמיהט ארויסצואווייזען א פרעהליכען פנים, האט דאך יתרו, איהר פאָטער געקענט זעהן דעם גרויסען ווייטאָג וואס זי טראָגט אין איהר הארצען...

— עס וואלט שוין געווען א סך בעסער פאר איהר, ווען זי הערט, אז איהר מאן איז געשטאָרבען — האט זיך יתרו אָפגערופען צו פלילה'ן, איינער פון זיינע טעכטער, ווען זיי האבען צווישען זיך בעדויערט צפורה'ס ביטערען מזל.

— זי איז זעהר נאריש וואָס זי ווארט אויף איהם אזוי פיעל יאָהרען, — האָט די טאָכטער צוגעגעבען — איהר יוגענד פערשווינדט... די בעסטע יאָהרען פון איהר לעבען פערברענגט זי אין איינזאמקייט און אין טרויער, און אפילו ווען ער זאל זיך שוין יע, ווען עס איז צוריקקעהרען צו איהר, וועט ער איהר דען ליעב האבען ווי אמאָל... אָה, פאָטער, פארוואס קענסטו איהר נישט מאכען צו פערשטעהן, פארוואס קענסטו נישט עפענען איהרע אויגען און זעהן די טרויעריגע ווירקליכקייט... פארוואס איז זי נאָך אזוי נאריש צו גלויבען, אז משה האט נאָך איהר ליעב און ער וועט זיך נאָך לאָזען הערען... ווען א מאן פערלאָזט זיין פרוי אזוי פיעל יאָהרען, וועט ער שוין איהר קיינמאָל נישט צוריקנעהמען. זאג דאס איהר, פאָטער... זי איז נאָך יעצט אויך שעהן און צוציהענד, און אין מדין זיינען פאראן פיעלע ווירדיגע מענער וועלכע וואלטען מיט איהר נאָך יעצט אויך החתונה געהאט.

— מיין טאָכטער! — האט יתרו איהר

געענטפערט...—ווייסטו דען נישט וויפיעל מאָל איך האב צו צפורה'ן גערעדט וועגען דעם. איך האב פאר איהר געמאָהלען אין טונקעלע פארבען איהר צוקונפט, איך האב איהר נישט איינמאָל געזאגט, אז זי האט נישט וואס צו האָפען אויף איהם, ער וועט זיך קיינמאָל צו איהר נישט צוריקקעהרען, אָבער זי האט מיר געענטפערט אויב ער וועט זיך אליין נישט צוריקקעהרען וועט ער שיקען נאָך איהר און זיינע זיהן זיי זאָלען צו איהם קומען...

— ווייס זי דען נישט, אז דאס איז א פאלשע איינרעדעניש... אויב ער לעבט, האט ער שוין אָן איהר אין גאנצען פערגעסען... ער מוז געוויס האָבען איינינגע אנדערע פרויען און האט מיט זיי קינדער און צפורה'ן מיט איהרע קינדער האט ער שוין פון לאנג אויסגעמעקט פון זיין זכרון... אָה, ווען זי וואלט נאר געוואלט פערשטעהן, וואלט זי דאך פערשפּאָרט אזוי פיעל צו ליידען...

— איהר ליעבע צו משה'ן קען נישט געבראָכען ווערען, זי וועט אין איהם גלויבען און האָפען ביז דעם לעצטען טאָג פון איהר לעבען... אמת, משה איז געוועזן א גרויסער ווירדיגער מאן מיט וועמען זי האט געמעגט שטאָלצירען, אָבער עס מוז דאך צו אלעם נעהמען א סוף... נישט שטענדיג פערבלייבט א מאן דער זעלבער, עס טרעפט זיך גאנץ אָפט, אז דער מאן ענדערט זיך, בפרט ווען פיעלע יאָהרען זיינען פאָריבער.

— ווייסטו גאר וואס פאָטער!—האט זי זיך אָפּגערופען מיט א נידעריגע שטימע—איך האב א פּלאן!—ווען א פרעמדער וועט אָנקומען אין אונזער שטאָדט, וועל איך צו איהם אריבערגעהן און איהם אלעס דערצעהלען וועגען צפורה'ן און איהר מאן, איך וועל אויך איהם געבען אלע איינצעלהייטען ווי משה האט אויסגעקוקט און איהם בעטען ער זאל דערצעהלען צפורה'ן, אז ער האט געזעהן ווי משה איז געטויטעט געווארען, איך בין זיכער, אז ווען ער וועט פאר איהר אויסמאָלען, ווי ער האט אויסגעזעהן, און וואס פאר א שטעקען ער האט מיט זיך געהאט, וועט זי איהם געוויס גלויבען. און דאן וועט זי זיך ארומזעהן אז זי האָט מעהר נישט וואס צו האפען.. און זי וועט נאָך אמאָל חתונה האבען און זיין גליקליך.

— דיין פּלאן וואלט געווען זעהר גוט!—האט יתרו איהר געזאגט—אָבער איך האב מורא, אז ווען זי וועט דערהערען אזעלכע נייעס וועגען משה'ן וואלט עס איהר אזוי ערשיטערט, אז זי וועט שטארק קראנק ווערען.

— נישט איינמאָל האב איך מיט איהר גערעדט וועגען דער מעגליכקייט, אז משה איז שוין לאנג טויט, און זי איז שוין עטוואס צוגעוואוינט צו אזא געדאנק, און ווען זי וועט עס הערען פון א פרעמדען, וועט זי גלויבען און אויב זי וועט יע טרויערען א קורצע צייט, וועט זי איהם אָבער שנעל פון איהרע געדאנקען ארויסשלאָגען און דאן וועט זיין מעגליך צו ריידען מיט איהר וועגען התונה האבען א צווייטען מאל.

— דו וועסט אָבער מוזען זעהר פארזיכטיג זיין, מיין טאָכטער,—האט יתרו זיך אָפּגערופען—דו דארפסט זעהן זי פריהער בישלעכווייז צוגרייטען דערצו... ווער ווייסט, אפשר וועט דיר עפּעס געלינגען אויפצוטהאן פאר איהר, וואס וועט נאכהער זיין א טובה פאר איהר און איהרע צוויי זיהן.

פּלילה האט גענומען אפטער פערברענגען מיט איהר שוועסטער צפורה'ן. זי האט מיט איהר גערעדט וועגען איהר לאגע, וועגען משה'ן, וועגען דער מעגליכקייט, אז ער איז שוין לאנג טויט.

— רייד נישט קיין נארישקייט, מיין שוועסטער—האט צפורה איהר געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל—מיין משה איז נישט טויט, ער לעבט און ער פיהרט דורך זיין הייליגען פליכט, וואס גאָט האט אויף איהם ארויפגעלעגט... און ווען ער וועט האבען אלעס פערענדיגט דאן וועט ער ערשט קענען טראכטער פון מיר!

— אָבער ווי לאנג וועט ער נאָך האלטען אין דורכפיהרען זיין פליכט. אויב על איז אמת, וואס ער האט דיר

געוואָלט איינרײדען איידער ער האָט דיר פערלאָזען, אז גאָט האָט איהם געשיקט אויסלייזען זיינע ברידער פון שקלאַפעריי אין מצרים, וואָלט דאָך זיין גאָט איהם געהאָלפען און עס וואָלט אזוי לאַנג נישט גענומען... אָבער יעצט אז אזוי פיעל יאָהרען זיינען פאַרביי און דו האָסט פון איהם נישט געהערט, קען דאָס פערענטפערט ווערען אין צוויי וועגען. אָדער ער איז שוין לאַנג טויט, אָדער ער האָט דיר גענאַרט און זיין גאָט האָט זיך צו איהם קיינמאָל נישט בעוויזען, ער האָט בלויז געזוכט אַ אויסרעד דיר צו פערלאָזען און דו האָסט איהם אַלעס געגלויבט.

— ווי אזוי קענסטו אזוי ריידען וועגען משה׳ן! — האָט צפורה זיך אָפּגערופען מיט כעס — דו האָסט פערגעסען וואָס פאַר אַ מאַן ער איז געווען... זיין ליעבע צו מיר איז געווען אַ הייליגע און וועט דויערן אויף עוויג!

— אויב ער האָט דיך אזוי שטאַרק ליעב, וואָלט ער דען דיר געוואָלט פערשאַפען אזוי פיעל שמערצען און ליידען ווייס ער דען נישט, אז דורך דער גאַנצער צייט וואָס ער איז אַוועק, וועסטו זיין איינזאַם, דו וועסט זאָרגען און זיך קלעמען.

— ער האָט מיר אזוי געזאָגט... איידער ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, אז עס וועט געדויערען פיעלע יאָהרען ביז וואַנען ער וועט קריגען די מעגליכקייט זיך מיט מיר צו זעהן. און ער האָט מיר געבעטען, אז איך זאָל איהם טרויען און אז איך זאָל מיין האָפענונג נישט אויפגעבען.

— איז עס טאַקע אַ סימן, אז ער איז שוין לאַנג טויט! — האָט פלילה ווייטער געזאָגט — וואָרום אויב ער וואָלט געלעבט און עס וואָלט געווען אומעגליך פאַר איהם צו קומען, וואָלט ער דאָך אמווייניגסטען געדאַרפט שיקען אימיצען דיר אָפּגעבען אַ גערוס פון זיך!

— איך קען משה׳ן און איך ווייס, אז ווען ער איז אריינגעטהאָן דורכפיהרענדיג זיין הייליגע פליכט, דאַן טראַכט ער וועגען קיין זאַך נישט. דאַן עקזיסטירט פאַר איהם קיין זאַך נישט אין דער וועלט!

— און אפילו נישט זיין אייגענע פרוי? — האָט פלילה איהר געפרעגט — און נישט זיינע קינדער.

— יע, אפילו נישט איך און נישט זיינע קינדער! אָבער איך וויל ער זאָל אזוי פיהלען... ווייל די ארבייט וואָס ער טהוט איז אַ סך וויכטיגער ווי איינצעלנע פערזאָנען. ער זוכט צו ראַטעווען אַ גאַנצעם פאָלק וואָס איז געווען אזוי פיעל יאָהרען פערשקלאַפט און פערפייניגט... וואָס פאַר אַ ווערדע קען האָבען אַן איינצעלנע פערזאָן אין אזאַ צייט!

— און איך דענק אנדערש וועגען ליעבע! — האָט פלילה זיך אָפּגערופען — איך גלויב, אז ווען אַ מאַן ליעבט זיין פרוי אויפריכטיג, מעג די גאַנצע וועלט אונטערגעהן און זיין ליעבע דאַרף נישט געריהרט ווערען. — ווען מען ערט עס אויב עס זיינען פאַראַן אומגליקליכע מענשען זאָלען יענע זאָרגען פאַר זיך, פאַר וואָס זאָלסטו דאַרפען ליידען צוליעב דעם וואָס משה׳ס פאָלק זיינען שקלאַפען אין מצרים... ער איז געווען פריי. קיינער האָט איהם נישט געצוואונגען צו געהן אהין... האָט ער דען נישט געקענט זיצען אין דער היים צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער און איבערלאָזען די בעפרייאונג פון זיין פאָלק צו די וועלכע האָבען אליין געליטען.

— איך מוז דיר זאָגען מיין שוועסטער, אז אין דעם אונטערשיידען מיר זיך זעהר פיעל — ווען איך ווייס, אז משה האָט אין זיין מאַכט צו העלפען זיינע אומגליקליכע ברידער, נאָר ער וויל דאָס נישט טהאָן צוליעב מיר, וואָלט איך איך איהם אליין געצוואונגען דאָס צו טהאָן... וואָרום ווי וואָלט מיר איינגעגאַנגען דאָס לעבען, ווען איך ווייס אז צוליעב מיין פערזענליכע אייגענליעבע, ליידעט און שמאַכטעט אַ גאַנצעם פאָלק. איך קען משה׳ן זעהר גוט, און דו האָסט איהם שוין אויך געדאַרפט גוט קענען!... משה איז געבאָרען געוואָרען מיט אַלע אייגענשאַפטען צו זיין אַ פיהרער און אַ קעמפּפער פאַר פריי-

הייט און גערעכטיגקייט... און דאס אידישע פאלק האט דורך די פיעלע שווערע און טרויעריגע יאהרען פון שקלאפעריי און אונטערדריקונג, אויסגעקוקט אויף איינעם, וועלכער זאל זיי קענען אנווייזען דעם וועג צו פרייהייט, וועלכער זאל זיין זייער פיהרער און ראטה געבער, און ווען די געטילכע שטימע אין משה'ן האט איהם גערופען צו העלפען זיינע ברידער, איז ביי דיר רעכט געוועזן, אז איך זאל איהם שטעהען אין וועג און שטערען דורכצופיהרען זיין היילינע פליכט צו גאט און צו זיין פאלק ? !

— אבער וואס איז וועגען זיין פליכט צו דיר און צו זיינע קינדער, פאר וואס האט ער וועגען דעם גארנישט געטראכט ?

— ער האט מיר איבערגעלאזען אין מיין פאטער'ס הויז און ער ווייס, אז איך געפין זיך אין זיכערע הענט. ער ווייס אז איך און מיינע קינדער וועלען נישט ליידען קיין הונגער און דורשט...

— ניין, מיין שוועסטער איך קען בשום אופן מיט דיר נישט איינשטימען! —האט פלילה זיך אפגערופען — און ווייל איך האב משה'ן געקענט אזא לאנגע צייט איז מיר נאך שווערער צו פערשטעהען, ער זאל דיר אזוי בעהאנדלען, און דעריבער בין איך איבערצייגט, אז ער איז שוין מעהר ניט צווישען די לעבעדיגע !

—איך בין אזוי זיכער ,אז ער לעבט, אזוי ווי איך בין זיכער, אז איך און זיינע צוויי זיהן לעבען !—האט צפורה מיט פעסטקייט איהר געענטפערט.

פלילה האט געזעהן, אז זי וועט אליין נישט קענען ווירקען אויף איהר שוועסטער און איבערצייגען, אז משה איז טויט, און דעריבער פלעגט זי יעדען אין דער פריה אוועקגעהן אין די טויערען פון שטאדט צו זעהען, די פרעמדע סוחרים וועלכע קומען און פערקויפען זייער סחורה.

איינמאל האט זי געטראפען אן עלטערען סוחר, וואס איז געקומען פון כנען. זי איז צו איהם צוגעגאנגען און געגומען פערהאנדלען וועגען זיין סחורה.

— פון וואנען קומסטו ? — האט פלילה געפרעגט.

— פון כנען !—האט ער געענטפערט.

— ביזטו ווען עס איז געוועזן אין מצרים ?

— געווים ! עטליכע מאל. איך פלעג ראַרטען קומען האנדלען, אבער אויף די עלטערע יאהרען איז פאר מיר גאנץ שווער דורכצומאכען אזא לאנגע וועג דורכ'ן מדבר, האב איך זיך גענומען בענוגענען בלויז צו האנדלען מיט מדין און אנדערע נאהענטע לענדער.

— מיין פאטער און איך וועלען ביי דיר אפקויפען דיין גאנצע סחורה, אויב דו וועסט אונז פערשפרעכען צו טהאן א געפעליגקייט.

— אויב עס וועט נאר זיין מעגליך, וועל איך דיין פערלאנג געווים ניט ענטזאגען.

עס וועט זיין נישט שווער פאר דיר עס צו טהאן !—האט פלילה צו איהם געזאגט—איך האב א שוועסטער וועמענס מאן האט איהר שוין פיעלע יאהרען פערלאזען, ער האט איהר איינגערעדט, אז ער געהט נאך מצרים צו ראטעווען א פאלק פון שקלאפעריי... זי ליידעט זעהר פיעל, זי בענקט נאך איהם. אבער מיר אלע זיינען איבערצייגט, אז אדער ער איז געשטארבען אדער ער האט איהר שוין מעהר נישט ליעב און זיכער געהייראט מיט א צווייטע פרוי... ווען אימיצער וואלט געקומען און געבראכט די נייעס, אז איהר מאן משה, איז טויט, וואלט עס לאנג נישט גענומען און זי וואלט איהם פון איהרע געדאנקען ארויסגעשלאגען, איהרע טרויעריגע טעג וואלטען שנעל פערשוואונדען און זי וואלט חתונה געהאט מיט א צווייטען און געוועזן גליקליך...

— און וואס קען איך פאר דיר טהאן?

— האט דער אלטער סוחר איהר געפרעגט.

— איך וועל דיר אויסמאלען ווי איהר מאן האט אויסגעזעהן און אנדע־

רע סימנים וועל איך דיר געבען און דו וועסט דארפען זאגען אז דו האסט משה'ן גאנץ גוט געקענט, און אז ער איז טויט. און אז ווען ער איז געווען א גוסס האט ער דיר געשיקט אין מדין אנזאגען זיין ווייב, אז ער שטארבט... זאג איהר, אז דו ביזט דערביי געווען, ווען ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה...

— אבער ווי אזוי וועל איך איהר קענען זאגען אזא ליגען?... — האט דער אלטער סוחר זיך אפגערופען — טאמער לעבט גאר איהר מאן?

— איך, מיין פאטער און די איבעריגע זיינען איבערצייגט אז ער איז שוין טויט, אבער ווען מיר זאגען דאס איהר, וויל זי נישט גלויבען. און צו איהרע ליידען נעמט קיין סוף נישט. יעצט אז דו וועסט איהר זאגען אז דו האסט געזעהן מיט דיינע אויגען ווי ער איז געשטארבען, וועט זי שוין גלויבען. און דאן וועט שוין לאנג נישט דויערען און זי וועט צוריק חתונה האבען... און ווידער גליקליך זיין, ווייל אין מדין זיינען נאך יעצט אויך פאראן פיעלע חשוב'ע און רייכע לייט וועלכע וואלטען מיט מיין שוועסטער געהייראט. ווען זי זאל נאר צושטימען.

— און וואס וועל איך טהאן ווען זי פרעגט מיך וואו איך האב איהם געזעהן, און ווי אזוי ער איז געשטארבען?

— זאג איהר אז דו האסט איהם געזעהן נעבען די גרעניצען פון מצרים, און אז ער איז געפאלען אין א שלאכט מיט א רויבער קאראוואן... זאג איהר וואס דו ווילסט, אבי עס זאל זיין איבערצייגענד און זי זאל דיר גלויבען, און דערפאר וועט דיר מיין פאטער באלוינען, און וועט אפקויפען ביי דיר די גאנצע סחורה.

— זאל איך מיט דיר מיטגעהן? — האט ער איהר געפרעגט.

— ניין, נישט יעצט. איך וויל נישט אז זי זאל חושד זיין אז איך האב זיך מיט דיר פריהער געזעהן. דו ווארט ביז מארגען און דאן וועסטו זיך נאכפרעגען אויף יתרו'ס הויז. און ווען דו וועסט צוקומען צו אונז, זאלסטו זיך ערשט נאכפרעגען אויף צפורה'ן. און ווען זי וועט אריינקומען, זאלסטו זיך ענטשולדיגען און ביסלעכווייז איהר צוגרייטען צו די טרויעריגע נייעס, און נאכהער וועסטו איהר דערצעהלען אלעס וואס איך האב דיר אנגעזאגט.

— ווילען מיר דען די געטער נישט באשטראפען פאר אזא שרעקליכען ליגען? — האט דער אלטער נאך אלץ געצעגערט.

— עס איז דאך נישט קיין ליגען!

— האט פלילה איהם געזאגט, — איהר מאן איז געוויס טויט, ווייל ווען ער וואלט געלעבט, וואלט מען דאך פון איהם געהערט. ער האט זעהר ליעב געהאט מיין שוועסטער און אויסער דעם האט ער אויך איבערגעלאזען צוויי זיהן, וועמען ער האט שטארק ליעב געהאט. אבער צפורה קלערט אפילו נישט וועגען דעם, און זי האט נישט אויפגעהערט צו האפען אז ער וועט נאך ווען עס איז צו איהר קומען... און ווען עס וועט זיך נישט געפינען אימיצער וועלכער זאל קומען און זאגען אז ער האט אליין געזעהן ווי משה איז טויט, קען זי אזוי אפפינסטערען איהר גאנצען לעבען. און דאריבער וועסטו מיט דיזען ליגען טהאן זעהר א גוטע זאך!

— גוט. איך וועל טהאן ווי דו האסט מיר געזאגט, — האט דער אלטער זיך אפגערופען. מארגען קום איך אין דיין פאטער'ס הויז און איך וועל איבערגעבען צפורה'ן דיין שוועסטע, אלעס וואס דו פארלאנגסט פון מיר!

— זיי אבער זעהר פארזיכטיג אז זי זאל נישט דערקענען אן דיר אז דו קענסט מיר שוין פון פריהער, כדי זי זאל נישט חושד זיין אז איך האב זיך מיט דיר דורכגערעדט.

— איך וועל שוין זעהן אז זי זאל קיין פארדאכט נישט האבען — האט דער סוחר געזאגט.

אויף מארגען ווען אלע זיינען געזעסען אין יתרו'ס הויז און געגעסען מיטאג, איז אריינגעקומען דער אלטער סוחר און נאכדעם ווי ער האט זיך פאר־

נייגט האָט ער געפּרעגט אויב דאָס איז דאָס הויז פון יתרו.

ווען מען האָט איהם געענטפערט אז יע, איז ער געבליבען שטעהן א ווײלע און געשוויגען.

— איך האָב צו ריידען עטליכע וויכטיגע ווערטער מיט צפורה׳ן, יתרו׳ס טאָכטער! — האָט דער סוחר זיך אָפּגערופען נאָך א קליינער פּויזע.

צפורה האָט זיך אויפגעשטעלט. איהר פּנים איז געווען בלאַס און איהרע אויגען צושראָקען.

— וואָס פאַרלאַנגסטו מיין הער? — האָט צפורה קוים ארויסגערעדט.

— באַרוהיג זיך מיין הארינטע? — האָט ער געזאָגט — איך בין צו דיר געקומען מיט א שליחות וועגען דיין מאַן משה!

— משה! — האָט צפורה ברייט איהרע אויגען פאַנאַנדערגעעפענט — זאָג מיר שנעלער וואו געפינט ער זיך און וואָס מאַכט ער?!

— צום בעדויערען האָב איך נישט קיין פרעהליכע נייעס דיר איבערצוגעבען...

— אה, ניין, איך גלויב נישט! איך גלויב נישט! — האָט צפורה אויסגעשריען — משה וועט עס נישט טהאָן! משה האָט מיר נאָך יעצט זעהר ליעב. און ער וועט מיך נישט אומבייטען אויף א צווייטער! געוויס האָט דיר אילון געשיקט צו מיר. איך ווייס אז ער געלוסט מיך צו נעמען פאַר זיין פרוי און נישט איין מאָל האָט ער צו מיר געשיקט מענשען זיי זאָלען זיך מיט מיר איבערריידען, און ווען ער האָט געזעהן אז איך הער זיך נישט צו צו זיינע רייד, האָט ער דיר יעצט געשיקט דו זאָלסט מיר זאָגען אז מיין משה האָט גענומען אן אנדער פרוי... אה, איך פערשטעהט זיינע כונות... אָבער דאָס וועט איהם נישט גילטען!

— אָבער מיין הארינטע, דו מאַכסט א טעות! — האָט דער אַלטער אויסגערופען — איך שווער ביי די געטער אז איך קען נישט אפילו אָט דיזען מאַן אילון, ווי דו רופסט איהם אָן. איך האָב איהם קיין מאָל נישט געזעהן און געוויס נישט געהערט... משה דיין מאַן איז געווען מיינער א פריינד און איך בין געווען דערביי ווען ער איז געשטאָרבען!

פאַר צפורה׳ס אויגען האָט עפּעס גענומען שווינדלען... איהר איז מיט אמאָל געוואָרען אזוי שווער, אז זי האָט נישט געקענט מעהר איינשטעהן אויף איהרע פיס.

— משה לעבט! משה לעבט! — האָט צפורה אויסגעשריען מיט א משוגע׳דיגער שטימע... אה, ניין. ער איז נישט טויט!

איהרע שוועסטער זיינען צו איהר צוגעלאָפען און איהר גענומען באַרוהיגען. זיי האָבען איהר אונטערגעהאַלטען, זי זאָל נישט אומפאַלען.

— שטאַרק זיך, שוועסטער! הער אויס וואָס דער מאַן האָט דיר צו זאָגען.

דער אַלטער האָט פאָרטגעזעצט צו דערצעהלען ווי אזוי ער האָט זיך באַקענט מיט משה׳ן און ווי אזוי ער האָט געקעמפט מיט א קאַראַוואַן פון ווילדע וואַנדערער און ווען ער איז שטערבליך פאַרוואונדעט געוואָרען, האָט ער איהם צוגערופען און געהייסען געהן נאָך מדין און אָנזאָגען זיין פרוי צפורה׳ן, וועגען זיין טויט! ער האָט אָנגעגעבען אַלע סימנים און אפילו דעם שטעקען וואָס משה האָט מיט זיך געהאַט, האָט ער אויסגעמאָלען ווי ער האָט אויסגעזעהן.

צפורה האָט ארויסגעלאָזען א געשריי און איז באַלד געפאַלען אין חלשות. מען האָט איהר קוים דערמינטערט... און איהר אוועקגעלייגט אין איהר בעט. גרשן און אליעזר, איהרע צוויי זיהן, האָבען פון איהר נישט אָפּגעטראָטען.

— אָה, מוטער, ליבע מוטער, שטאַרק זיך! דו מוזט זיך באַרוהיגען! דו האָסט דאָך אונז געלערנט אז גאָט, וועלכער האָט באַשאַפען די הימעל און די ערד ווייס וואָס ער טוט, און קיינער קען נישט פאַרשטעהן זיינע וועגען — האָט גרשן איהר געקושט.

— מוטער, ווילסטו דען אז מיר זאָלען דיר אויך פאַרלירען. — האָט אליעזר צו איהר געזאָגט מיט טרעהרען אין זיי־

נע אויגען... אונזער פאטער איז טויט!

— משה איז טויט! — האט צפורה געזאגט מיט א טרויעריגער שטימע — און וואס איז מיין לעבען יעצט ווערט?

פלילה'ן האט שוין שטארק פארדראסען וואס זי האט פאראורזאכט איהר שוועסטער נאך א גרעסערען צער, אבער זי האט געוואוסט אז זי טאר עס צוריק נישט נעמען. איינמאל פאר אלע מאל, זאל זי וויסען אז ער איז טויט פאר איהר און מיט דער צייט וועט זי זיך בארוהיגען.

נאך איינינע יאהר זיינען פאריבער און צפורה האט זיך נאך אלץ נישט בארוהיגט... זי האט נישט אויפגעהערט צו קלאגען וועגען איהר מאן, און זיך נישט געלאזט טרייסטען.

פיעלע חשוב'ע לייט פון שטאדט, זיינען איהר געקומען טרייסטען און איהר געזאגט אז זי מוז זעהן צו פארגעסען דאס וואס איז טויט. און זי מוז אנפאנגען צו לעבען און טראכטען אויך וועגען זיך.

איהר פאטער און איהרע שוועסטער האבען געטהאן אלעס וואס איז מעגליך איהר איבערצורידען זי זאל ווידער אמאל חתונה האבען. איינינע רייכע לייט פון מדין האבען זיך צו איהר געשדכנ'ט און נישט אויפגעהערט איהר צו שיקען טייערע מתנות. אבער צפורה האט זיי פון זיך פארטריבען.

— דו האסט נאך ערגער געמאכט, מיין טאכטער! — האט יתרו זיך איינמאל אפגערופען צו פלילה'ן. — פריהער האט זי נאך געלעבט מיט דער האפנונג אז משה וועט צוריקקומען און יעצט האט זי אפילו נישט די האפנונג.

— איך וויים אז איך האב ערגער געמאכט! — האט פלילה געזאגט מיט טרעהרען. איך האב געמיינט אז עס וועט פאריבער א יאהר און צפורה וועט זיך צוגעוואוינען צום געדאנק אז משה איז טויט און דאן וועט זי זיך בארוהיגען. אבער איך זעה יעצט איין מיין טעות... אח, ווען איך זאל קענען איהר זאגען אז דאס וואס דער אלטער האט איהר דערצעהלט איז נישט אמת, אז עס איז געווען אן אויפגעמאכטע זאך... וועט זי דען מיר וועלען פארשטעהן. וועט זי דען מיר פון זיך נישט פארשטויסען פאר דעם?

— אה ניין. זי טאר דעם אמת נישט וויסען פון דעם! — האט יתרו זיך אפגערופען — זי וועט אונז ביידען קיינמאל נישט מוחל זיין, ווען זי זאל וויסען אז דאס איז ביי אונז געווען אן אפגעמאכטע זאך... אבער איך מוז דיר זאגען, מיין טאכטער, אז מיר דוכט זיך דאס זי אליין גלויבט נאך אפילו יעצט נישט אז משה איז טויט.

— פון וואנען דרינגסטו עס, פאטער? האט פלילה איהם געפרעגט.

— איך האב היינט גערעדט מיט גרשון'ען און ער האט מיר געזאגט, אז נישט איינמאל האט זי צו איהם און צו זיין ברודער אליעזר געזאגט אז זי האפט נאך דאס משה לעבט און ער וועט זיך אין גיכען מיט איהר פאראייניגען.

— דאן מוז זי געווים זיין געריהרט פון זינען! — האט פלילה אויסגערופען. — ווי קען זי נאך צווייפלען נאך דעם ווי דער אלטער האט אזוי גענוי אנגעגעבען אלע סימנים.

— איך וועל זיך מיט איהר היינט אליין ווידער דורכרעדען — האט יתרו געזאגט. — ווי שווער עס זאל מיר ניט אנקומען וועל איך דאס מוזען טאן. איך וועל זעהן ריידען מיט איהר, פיליכט וואלט געווען בעסער פאר איהר, צו פאהרען נאך מצרים, וועט זי אויסגעפינען אלע איינצעלהייטען וועגען משה'ן פון זיין משפחה אין גשן.. אויב ער איז אנגעקומען אין מצרים, האט ער זיך דאך געווים געזעהן מיט זיין משפחה און זיי מוזען געווים אלעם וויסען פון איהם.

יתרו איז אריין צו צפורה'ן אין צימער, וואו זי איז געזעסען צוזאמען מיט איהרע צוויי זיהן און גערעדט וועגען דער גרויסקייט פון משה'ן וועגען זיין

וואונדערבארע כאראקטער און זיינע איידעלע מידות.

די זיהן האבען איהרע רייד געשלונגען. זיי פלעגען קענען אפזיצען טעג און נעכט און הערען די וואונדערליכע געשיכטעס, וואס זייער מוטער דערצעהלט זיי וועגען זייער פאטער.

— מיין טאכטער, איך בין זיך געקומען מיט דיר דורכריידען וועגען א וויכטיגען ענין — גרשן און אליעזר וועלען מיר ענטשולדיגען אויף א קליינע ווייילע.

צפורה'ס ביידע זיהן האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און פארלאזען דעם צימער.

— דו ווייסט וואס איך האב באשלאסען? — האט יתרו צו איהר געזאגט.

— איך האב באשלאסען, אז איך, דו און דיינע צוויי זיהן זאלען מאכען א רייזע קיין מצרים. מיר וועלען קומען אין גשן, דארטען וועלען מיר טרעפען משה'ס משפחה און זיי וועלען אונז געווים קענען געבען מעהר איינצעלהייטען וועגען איהם.

— דאס איז אונמעגליך, פאטער! — האט צפורה זיך אפגערופען. — איידער משה האט זיך אפגעשיידט פון מיר אויף זיין וועג נאך מצרים, אט ער פון מיר פארלאנגט איך זאל האבען געדולד און ווארטען ביז וואנען ער וועט אדער אליין קומען, אדער ער וועט שיקען נאך מיר. איך האב איהם פארשפראכען, אז איך וועל קיינמאל נישט געהן נאך מצרים, איידער ער וועט נאך מיר שיקען.

— אבער יעצט, אז דו ווייסט אז ער איז טויט, קענסטו דאך אהין פאהרען, פיליכט וועסטו אויך געפינען זיין קבר.

— משה איז ניט טויט! ער לעבט זאג איך דיר! — האט צפורה אויסגערופען — איך זעה איהם יערע נאכט אין חלום, ער שטעהט פאר מיינע אויגען און הייסט מיר ניט פערלירען מיין געדולד און ווארטען. יא, פאטער, איך קען מעהר ניט גלויבען אז ער איז טויט.

יתרו איז געבליבען שטעהן צוטומעלט; וואס פאר א שטארקען גלויבען זי האט עס אין משה, ווי גרויס איז איהר ליעבע צו איהם — האט ער זיך געטראכט, יעצט איז ער געוועזן זעהר צופרידען צו הערען פון איהר אז זי גלויבט ניט משה'ס טויט.

— מיין טאכטער! — האט ער אויסגערופען, מעגליך אז דו ביזט גערעכט. דיין משה לעבט נאך און וועט זיך ווען עס איז צו דיר אומקעהרען.

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען.

— איך גלויב די גאנצע צייט אז משה לעבט, — האט זי געזאגט — אבער פון צייט צו צייט, ווען איך דערמאהן זיך אן די רייד פון דעם אלטען, ווען ער האט מיר דערצעהלט ווי משה איז געלעגען פערוואונדעט צום טויט און איהם געבעטען ער זאל מיר קומען אנזאגען אז ער שטארבט, פער'גנב'עט זיך אין מיר דער טרויעריגער צווייפעל, אבער ניין, אזעלכע געדאנקען וויל איך ניט דערלאזען, און מיינע זיהן וועלכע האבען זיכער געגלויבט אין זייער פאטער'ס טויט, האבען יעצט ווידער געקראגען זייער האפנונג אז ער לעבט נאך און איך בעט דיר פאטער, צושטער ניט אונזער זיסען חלום, מאך מעהר קיין פערזוך ניט מיר איבערצוצייגען אז דער אלטער האט דערצעהלט דעם אמת.

— אה, ניין מיין ליעבע טאכטער, — האט יתרו אויסגערופען, איך אליין הויב שוין אויך אן צו גלויבען אז דער אלטער האט עס אלעס אויסגעטראכט, זיינע רייד זייענען, דוכט זיך ניט געוועזן איבערצייגענד, איך דערמאהן זיך יעצט ווי ער האט זיך מיט זיין צונג געפלאנטערט.

— און דו גלויבסט אויך אז משה לעבט נאך? איז צפורה איהם ארויסגעפאלען קושען און האלזען.

— איך ווייס ניט, איך קען ניט גלויבען אז ער לעבט און האבען אהן דיר אינגאנצען פערגעסען, אבער אין דערזעלבער צייט האב איך אויך שוין מעהר קיין אמונה ניט אין דעם אלטען'ס רייד, דאך, מיין טאכטער איידער צו גלויבען אז משה איז דיר געווארען אונטריי, און

דיר איינגאנצען פערלאזען, וואלט איך שוין וועלען בעסער גלויבען אז ער איז טויט.

— אה, ווען איך וואלט געקענט זיכער זיין אז דער אלטער האט געזאגט ליגען, — האט צפורה טרויעריג ארונטערגעלאזען איהר קאפ, אבער דער צווייפעל, ניין איך צווייפעל ניט, משה לעבט! ער פיהרט דורך די שליחות פון גאט! ער קען ניט שטארבען, גאט וועט איהם אויסהיטען פון אלע צרות.

— אה, מיין טאכטער, דיין גלויבען אין דעם גאט פון משה׳ן איז אזוי שטארק ווי דיין מוטער האט געגלויבט, ווען משה איז אהער געקומען, איז אויך מיין גלויבען אין דעם גאט פון ישראל פערשטארקט געווארען, אבער זינט משה איז אוועקגעגאנגען, וואקעלט זיך מיין אמונה און איך ווייס ניט וואס ווייטער צו טראכטען, אויף מיינע עלטערע יאהרען בין איך געבליבען גאר אהן א גאט. צו די געטער פון מדין וועל איך זיך דאך געווים ניט אומקעהרען, און מיין בטחון אין דעם גאט פון משה׳ן האב איך אויך פערלארען, יעצט ווייס איך ניט צו וועמען זיך צו ווענדען אין דער צייט פון מיין נויט.

— אה, פאטער זיינען דען די רייד פון משה׳ן ניט איינגעקריצט געווארען אין דיין הארצען, האט ער דיר ניט איבערצייגט אז דער אלמעכטיגער גאט וואס האט בעשאפען הימעל און ערד, איז דער איינציגער גאט פון ישראל.

— יא, דאן, ווען איך האב געהאט צוטרוי צו משה׳ן און אין איהם געגלויבט, האב איך אויך אין זיינע רייד געגלויבט, יעצט אבער האט משה, מיט זיין האנדלונג, צושמעטערט מיין אמונה אין איהם און אין זיין גאט!

באלד איז אריינגעלאפען פלילה אין דעם צימער, איהר פנים איז געוועזן צושראקען, איהרע אויגען האבען געגלאנצט און קוים אפכאפענדיג דעם אטהעם האט זי אויסגערופען:

— אה, פאטער, פיער מענער זיינען נאר וואס צוגעקומען צו אונזער הויז, איך האב זיי בעמערקט דורכ׳ן פענסטער ביז איך ארונטער זיי פרעגען וואס זיי פערלאנגען, איך האב זיי בעטראכט, און אלע האבען מיר אויסגעקוקט צו זיין פרעמד.

— איז דאס יתרו׳ס הויז? — האבען זיי מיר געפרעגט. און ווען איך האב זיי געענטפערט אז יא, האבען זיי מיר געפרעגט: "געפינט זיך זיין טאכטער צפורה אין דעמזעלבען הויז.

— ווען איך האב דערהערט פון זיי דיעזע רייד האט מיין הארץ אנגעהויבען אזוי שטארק צו קלאפען, איך האב זיי געענטפערט יא! און איך בין גלייך אריינגעלאפען דיר אנזאגען.

— אה! האט צפורה אנגעזאגט, איך לויף שנעל ארונטער, עפעס זאגט מיר מיין הארץ אז זיי האבען מיר געבראכט א גוטע בשורה.

—ווארט מיין טאכטער, — האט יתרו איהר אנגענומען פאר׳ן האנד — ווארט מיר וועלען געהען צוזאמען, איך וועל בלויז אנטהאן מיין אויבער בגד.

צפורה אבער האט ניט געהערט וואס ער האט צו איהר געזאגט, זי האט זיך מיט גרוים אימפעט א לאז געטהאן צום טהיר און גענומען האסטיג ארונטערלויפען.

— ווער זייט איהר! — האט צפורה אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע.

— געפינט זיך צפורה אין דיעזען הויז — האט יהושע זיך צו איהר אפגערופען.

— צפורה?! איך בין צפורה.

— דו ביזט צפורה? — האט יהושע אויסגערופען, און זיך פערנייגט — מיר קומען צו דיר אין נאמען פון דיין מאן משה׳ן.

— משה לעבט?! — האט זי אויסגערופען און איז שיער געפאלען אין חלשות פון גרוים פרייד.

יהושע האט איהר אונטערגעהאלטען זי זאל ניט אומפאלען, באלד איז אויך אנגעקומען יתרו און די גאנצע משפחה.

— משה לעבט, מיין משה לעבט! — האט צפורה אויסגערופען און געפאלען איהר פאטער אויפ׳ן האלז.

יתרו האָט גלייך איינגעלאַדען די פיער פרעמדע יונגע לייט אין הויז.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען און זיך געזעצט האָט יהושע גענומען דערצעהלען אלעם וואָס משה האָט אויפגעטהאָן, ווי אזוי ער האָט בעוויזען גרויסע וואונדער און געבראַכט צעהן מכות אויף די מצריים און ווי אזוי פרעה האָט נאָכהער בעפרייט די אידען, אָבער שפּעטער חרטה געהאַט און זיך גענומען נאָכיאָגען ביים ים, ווי אזוי אלע מצריים זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים. און אויך די מלחמה מיט עמלק און דעם גרויסען זיעג וואָס די אידען האָבען אָפּגעהאַלטען איבער זיי.

צפּורה'ס פּנים האָט געלויכטען פון גליק.

— אָה, זאָג מיר וואָס מאַכט ער, משה, ווי פיהלט ער זיך.

— פרידען איז צו איהם, משה איז געווען דער אויסלייזער פון ישראל, יעצט איז ער זייער פיהרער, ער איז בעליעבט און געאַכטעט ביי אלעמען.

— מיינע זיהן, וואו זיינען זיי ?!

— זיי פיטערען די שאָף אין פעלד !

— האָט פּלילה אויסגערופען — זאָל איך זיי געהען רופען.

— שנעלער לויף זאָג זיי אָז זייער פּאָטער לעבט, — האָט צפּורה אויסגערופען מיט גרויס פרייד — מיר וועלען נאָך היינט געהן צו משה'ן.

— מיין טאָכטער, — האָט יתרו געזאָגט — די מענשען זיינען דאָך מיעד פון וועג און געווים הונגעריג און דורשטיג — זאָלען זיי עפּעס עסען, זיך אויסרוהען און נאָכהער וועלען מיר געהען.

— מיר זיינען ניט אליין, — האָט יהושע זיך אָפּגערופען, משה האָט מיט אונז מיטגעשיקט פינף און צוואנציג יונגע אידישע העלדען וועלכע זאָלען אונז בעגלייטען אויף דעם וועג.

— און וואו זיינען זיי ? — האָט יתרו געפרעגט.

— זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי די טויערען פון שטאָדט — האָט יהושע געענטפערט.

— זאָלען זיי אויך קומען צו מיר אין הויז. מיין וואהנונג איז גענוג גרויס און שפּייז וועט אויך ניט פעהלען, מיר וועלען מאַכען א גרויסען מאָהלצייט פאַר אלעמען.

— נדב און חור וועלען געהן זיי רופען, — האָט יהושע זיך צו זיי געווענדעט.

נדב און חור האָבען גלייך פערלאָזען יתרו'ס הויז און שנעל געגאַנגען צו דער ריכטונג פון די טויערען פון שטאָדט.

יתרו האָט צוזאַמענגערופען זיינע קנעכט און דיענסטען און האָט זיי געהייסען צוגרייטען א גרויסען מאָהלצייט פאַר די געסט.

— ווער זיינען דאָס אָט די צוויי יונגען, וועמען דו האָסט נאָר וואָס אַוועקגעשיקט ? — האָט צפּורה געפרעגט יהושע'ן — ביידע האָבען א שטאַרקע עהנליכקייט צו משה'ן.

— דאָס איז נדב, דער עלטערער זוהן פון אהרן'ען, משה'ס ברודער, און חור, דער זוהן פון מרים, משה'ס שוועסטער און אָט דער איז עתניאל, דער אינגסטער ברודער פון מרים'ס מאַן כלב, און איך בין יהושע משה'ס דיענער.

יהושע איז געווען דער היפּט אָנפיהרער פון די אידישע מחנות וועלכע האָבען בעזיעגט די עמלקים — האָט עתניאל צוגעגעבען.

פייל אויסען בויגען, איז פּלילה געלאָפען אין פעלד און ווען זי האָט געטראָפען דאָרטען גרשון'ען און אליעזר'ן האָט זי מיט א הויכע שטימע אויסגערופען :

— קומט שנעל אהיים, אייער פּאָטער לעבט !

— אונזער פּאָטער איז געקומען, — האָט גרשון אויסגערופען מיט פרייד.

— דער פּאָטער לעבט ! אָה, איך וועל איהם באַלד זעהן, האָט אליעזר געשפּרונגען פון פרייד.

— אייער פּאָטער איז ניט געקומען, ער האָט געשיקט מענשען נאָך אייער מוטער און נאָך אייך.

— ער איז אליין ניט געקומען, — האָט אליעזר אויסגערופען מיט און ענט־

טוישטער שטימע — ווער ווייס אויב די מענשען זאָגען דעם אמת.

— דאָס איז אמת! משה אייער פאָטער לעבט און ער איז דער פיהרער פון אלע אידען — האָט פלילה אויסגערופען.

— און ווען דער אלטער איז געקומען און געבראכט די טרויעריגע נייעס אז אונזער פאָטער איז טויט, האָסטו דאָן אויך געזאָגט אז דאָס איז אמת. — האָט גרשון געזאָגט צו פלילה'ן — יעצט ווענען זאָלען מיר בעסער גלויבען.

— קומט, שנעלער און איהר וועט זיך ביידע איבערצייגען אז אייער פאָטער לעבט.

גרשון און אליעזר האָבען איבערגעלאָזען די שאָף אין פעלד און זיי זיינען מיט זייער מוהמען שנעל געלאָפען אהיים.

— מיינע זיהן! מיינע טהייערע קינדער, האָט צפורה זיי ביידען גענומען קושען — אייער פאָטער לעבט! ער האָט דורכגעפיהרט די שליחות פון גאָט, ער האָט אויסגעלייזט די אידען פון שקלאַפעריי אין מצרים, און יעצט האָט ער נאָך אונז געשיקט.

צפורה האָט זיי איבערדערצעהלט אלעס וואס יהושע האָט איהר געזאָגט.

— באלד וועט איהר זעהן אייערע קאָזינס, וועלכע זיינען געגאַנגען רופען די איבעריגע יונגע לייט וואָס אייער פאָטער האָט מיטגעשיקט.

די דינסטען און קנעכט האָבען גענומען גרייטען צום טיש, מען האָט געשאָכטען איניגע שעפסען און זיי גענומען בראָטען און געבראכט ווייך און ברויט.

באלד זיינען אָנגעקומען נדב און חור מיט די פינף און צוואַנציג יונגען.

יתרו האָט אלעמען פיין אויפגענומען.

— דו ביזט עס אהרן'ס זוהן!— האָט זיך צפורה געווענדעט צו נדב'ן, אָה, ווי עהנליך ער איז צו אייער פאָטער! און דו ביזט עס מרים'ס זוהן. וויפיעל מיין מוטער און משה פלעגט מיר אנדערצעהלען פון מרים'ס גוטסקייט און אויך פון אהרן האָב איך אזוי פיעל געהערט.

צפורה'ס פרייד און גליק איז געוועזן אזוי גרויס, אז זי האָט ניט געוואוסט וואס פריהער צו טהאָן און צו וואס צו פרעגען זיי.

באלד זיינען אויך די פינף און צוואַנציג יונגען אריין אין יתרו'ס הויז און זיך געזעצט ביים טיש.

צפורה איז געזעסען נעבען איהרע פלימעניקעס און די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט זיי צו פרעגען פערשידענע פראגען וועגען משה'ן און וועגען די אידען.

באלד האָט זיך די גאַנצע שטאָדט דערוואוסט, אז משה, וועלכער איז מיט יאָהרען צוריק געווען דער פאסטוך פון יתרו'ס שאָף, לעבט און ער איז דער פיהרער פון זיין פאָלק ישראל. יתרו'ס הויז איז בעלאַגערט געוואָרען פון פיעלע פריינד און אזוי נייגיעריגע וועלכע האָבען געוואָלט וויסען מעהר איינצעלהייטען, וועגען יענעם מאַן, וועלכער איז מיט יאָהרען צוריק בעוואונדערט געוואָרען ביי אלע איינוואָהנער פון מדין.

פון גרויס פרייד, האָט צפורה יענע נאכט נישט געשלאָפען. זי האָט שוין קוים דערוואַרט דעם פריהמאָרגען. זי איז שוין געווען אינגאַנצען געגרייט צו דער רייזע.

— איך וועל מיט דיר מיטרייזען!— האָט יתרו זיך אָפגערופען צו זיין טאָכטער—און אויב משה וועט נישט זיין דאַגעגען, וועל איך מיט איהם פערבלייבען א לענגערע צייט.

גאַנץ פריה, אויף דעם צווייטען טאָג, האָט יתרו גענומען זיין טאָכטער צפורה, זיינע צוויי איניקלעך גרשם און אליעזר און אין דער בעגלייטונג פון יהושע'ן חור, נדב, עתניאל מיט די איבעריגע יונגע העלדען האָט ער פערלאָזען מדין.

יתרו'ס איבעריגע טעכטער מיט זייערע משפחות זיינען צוזאמען מיט די איינוואָהנער פון דער גאַנצער שטאָדט ארויסגעקומען זיך געזעגענען מיט צפורה'ן און איהרע זיהן און ווינשענדיג זיי גליק, האָבען זיי איהר מיט

גרויס כבוד ארויסבעגלייט פון שטאָדט. צפורה איז געזעסען אויף א קעמעל און איהר פאָטער מיט איהרע צוויי זיהן האָבען געריטען אויף אייזלען.

יתרו׳ס טעכטער האבען זיי א שטיק וועג בעגלייט און ווען יתרו האט זיי בעפוילען זיך אומצוקעהרען איז פלילה געלאָפען צו צפורה׳ן און איהר גענומען האלזען און קושען און מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען:

— פערגיעב מיר, מיין שוועסטער! איך האב געגען דיר שטארק געזינדיגט!

— וואס רעדסטו פלילה! — האט צפורה געווישט איהרע אויגען—פאר וואס פאר א זאך זאל איך דיר פערגעבען—דו האסט דאך נישט געקענט פיהלען אנדערש ווי אלע איבעריגע האבען געפיהלט און פאר וואס זאלסטו האבען געגען מיר געזינדיגט?

— איך האב געגען דיר זעהר פיעל געזינדיגט, מיין שוועסטער — האט פלילה זיך פאנאנדערגעכליפעט—אָבער איך האב דאן בלויז געמיינט דיין טובה.

— איך פערשטעה נישט וואס דו מיינסט!—האט צפורה אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— אָט דער אלטער מאן וועלכער איז געקומען און דיר יענעם שרעקליכען ליגען געזאגט... אז משה איז טויט...

— אָבער וואס איז דיין שולד, אויב יענער האט מיר געזאגט א ליגען, ווארשיינליך האבען די וועלכע זיינען געווען אין דעם פעראינטערעסירט, געבעטען דעם אלטען ער זאל מיר יענע טרויעריגע משורה ברענגען.

— אָה, צפורה, איך וויים אז דו וועסט מיר האסען דיין גאנצען לעבען, ווען איך וועל דיר דערצעהלען, אז איך בין געווען שולדיג אין דעם וואס דער אלטער האט דיר אזא שרעקליכען ליגען געזאגט!

— דו?!—האט צפורה אויסגערופען—וואס מיינסטו?

— איך מיין אז איך בין געקומען צום אלטען און איהם געבעטען ער זאל מיר טהאָן די געפעליגקייט און קומען צו דיר אָנזאָגען, אז משה איז טויט! אָבער גלויב מיר, מיין שוועסטער אז איך האב אין דעם קיין בייזע מחשבה געהאט... איך האב נישט געקענט צוזעהן דיין ליידען, איך האב שטארק בעדויערט דיין איינזאמקייט, און זייענדיג זיכער, אז משה וועט זיך שוין צו דיר קיינמאָל נישט אומקעהרען, האב איך געמיינט, אז ווען אימיצער זאל קומען און אָנזאָגען, אז ער האט אליין געזעהן ווי משה איז געשטאָרבען, וועסטו זיך ארומזעהן און נאכדעם ווי די טרויערטעג וועלען פאראיבער, וועסטו חתונה האבען... און פערגעסען אָן דיינע ליידען! און יעצט, וועסטו מיר דען מוחל זיין פאר דעם?

— דו ביזט מיר יעצט נאך מעהר טייער ווי פריהער!—האָט צפורה איהר געקושט—איך פערשטעה דיר גאנץ גוט, דיין הארץ איז א נאָבעלע, זאל גאט געבען, אז דו זאָלסט גליקליך זיין צוזאמען מיט דיין מאן און דיינע קינדער.

די צוויי שוועסטער האבען זיך נאָך אמאָל ארומגענומען און צוקושט און שטארק געוויינט ביים געזעגענען זיך.

פלילה האט זיך אויך צוקושט מיט איהר פאָטער און איהרע פלימעניקעס און זי האט זיך אומגעקעהרט נאָך מדין.

יתרו צפורה און די איבעריגע האבען פאָרטגעזעצט זייער רייזע נאָך רפידים, וואס איז געווען נישט ווייט פון דעם בארג חורב.

צוואנציגסטער קאפיטעל
יתרו׳ס עצה.

מיט גרויס אומגעדולד האט משה ערווארטעט דעם צוריקקעהר פון יהושע און די איבעריגע... זיין הארץ האט שטארק געקלאפט ווען ער האט גענומען טראַכטען פון זיין ליעבענדע צפורה׳ן און זיינע צוויי זיהן. וויפיעל זי האט געמוזט דורכמאכען דורך דיזער לאנגער צייט, וואס זי האט פון איהם נישט געהערט... האט זי אין איהם די גאנצע צייט געגלויבט און געהאָפט, אז ער וועט נאָך איהר שיקען אדער האט זי פערלאָרען

איהר צוטרוי צו איהם ?... דאס וועט ער אין גיכען אויסגעפינען... **אויב זי** האט איהם חושד געווען, אז ער האט איהר פערלאזען, האט זי געוויס דורך דער צייט געוויס מיט א צווייטען חתונה געהאט, און דעריבער וועט זי דאך געוויס נישט קענען קומען מיט יהושע׳ן. דאן וועט ער איהם אהין א צווייטען מאל שיקען, ער זאל צו איהם ברענגען זיינע צוויי זיהן.... זי וועט זיך קענען פערבלייבען אין מדין... א ציטער געהט דורך משה׳ס קערפער ווען ער טראכט פון דעם... ער ווייס, אז ער האט קיין רעכט נישט צו טראכטען אזוי פון צפורה׳ן זיין ליעבע פרוי.... ער איז זיכער, אז אפילו ווען ער וואלט זיך פערזאמט צוויי מאל אזוי פיעל צייט, וואלט צפורה איהם אלץ פערבליבען געטריי...

זעהר נייגיעריג זיינען אלע אידען געווען צו זעהן משה׳ס פרוי און זיינע זיהן... איבערהויפט האט מרים נישט אויפגעהערט צו ריידען פון איהר.

— א, ווי איך וואלט איהר שוין געוואלט זעהן !—האט זי זיך אפגערופען צו משה׳ן—פערגעס נישט אז איהר מוטער שרה איז געווען מיין בעסטע פריינדין, און ווער וואלט עס געקענט פאראויסזאגען, אז ווען שרה, מיין פריינדין האט חתונה געהאט מיט יתרו׳ן וועט איהר טאכטער חתונה האבען מיט מיין ברודער.

— זאנדערבאר זיינען די וועגען פון גאט !—האט אהרן געזאגט—און דער שטערבליכער מענש קען גאר קיין בעגריעף נישט האבען וועגען זיי.

—מערקווירדיג !—האט משה זיך אפגערופען צו זיין שוועסטער און ברודער—אזוי פיעל יאהרען זיינען פאראיבער, און כאטש איך האב נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון צפורה׳ן פון מיינע זיהן, דאך בין איך קיינמאל נישט געווען אזוי אומגעדולדיג און אויפגערעגט ווי יעצט.

— פערגעס נישט, מיין ברודער — האט אהרן איהם געענטפערט, —אז די גאנצע צייט ביזטו אין גאנצען געווען פערטהאן אין דער גרויסער הייליגער זאך צו בעפרייען דיינע ברידער, דאן האסטו פון קיין אנדער זאך נישט געטראכט אפילו, יעצט אז דו האסט דיין ציעל ערדייכט, די אידען זיינען בעפרייט, יעצט ביזטו בערעכטיגט צו טראכטען אויך וועגען זיך און וועגען דיינע נאהענטע !

— ווי אלט איז שוין דיין עלטערער זוהן ?—האט איהם מרים געפרעגט.

— שוין איבער צוואנציג יאהר זינט איך האב פערלאזען מדין !—האט משה געענטפערט— און ער איז שוין דאן געווען עטליכע יאהר אלט... דו מעגסט זיכער זיין מיין שוועסטער, אז איך וואלט ביידען יעצט נישט דערקענט.

—איך בין זעהר נייגיעריג צו וויסען ווי אזוי צפורה האט דיינע זיהן ערצויגען ?—האט מרים איהם ווייטער געפרעגט.

— אין דעם איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט אז זי האט זיי ביידען ערצויגען אין דעם גייסט פון אונזער גאט און זי האט זיי געלערענט זיינע וועגען, ווייללע איידער איך בין געקומען אין מדין, האט שוין צפורה געוואוסט וועגען די לעהרע פון אונזערע עלטערען און האט אפגעהיט אלע מנהגים... דאס האט זי צו פערדאנקען איהר מוטער, וועלכע האט זי נישט ערצויגען אין דעם גייסט פון די געצענדינען... יע, זיבען טעכטער האט יתרו געהאט און צפורה איז געווען די איינציגע, וועלכע איז ערצויגען געווארען אין דעם אידישע גייסט... זי האט מיר ערמוטהיגט צו געהן נאך מצרים, צו העלפען דארטען מיינע ברידער...

ווען די אידען האבען זיך דערוואוסט, אז זייער בעליעבטער פיהרער האט געשיקט נאך זיין פרוי און קינדער, האט מען זיך צוזאמענגעקליבען אין גרופעס און מען האט זיך שטילערהייט דורכגערעדט.

פון מויל צו מויל האט מען איבערגעגעבען וועגען משה׳ס פרוי. די אלטע לייט האבען נאך גאנץ גוט געדענקט יתרו׳ן, וועלכער איז געווען מיט יאהרען צוריק פרעה׳ס מיניסטער...

— ער האט דאך משה'ן געראטעוועט פון טויט! — האט זיך א זיידע אפגערופען צו זיינע אייניקלעך — איך געדענק נאך אזוי ווי עס וואלט יעצט פארגעקומען — משה איז נאך דאן א קליין קינד געווען, געמוזט זיין א יאהר פיער פינף. ער האט זיך דאך אויפגעהאדעוועט אין פאלאץ און איז געווען פעדרעכענט ווי א זוהן צו דער פרינצעסין בתיה... אי איז דאס געווען א פרינצעסין. דאס איז דאך איינע פון גאט'ס גרויסע וואונדער, געווען איז זי א טאכטער פון פרעה'ן, וועלכער איז געווען אזא רשע מרושע און זי איז געווען אזוי גוט, און אזוי נאבעל.

— דערצעהל אונז, זיידע, ווי אזוי האט יתרו געראטעוועט משה'ן פון טויט — האבען די אייניקלאך איהם געבעטען.

— עס האט פאסירט דאן, ווען פרעה האט געהאלטען משה'ן אויף זיין שויס — האט דער זיידע ווייטער געזאגט — איהר דארפט געדענקען, אז אזא וואונדערליך שעהן קינד ווי משה איז געווען האט מען אין ערגעץ נישט געקענט זעהן, און אפילו פרעה דער רשע האט איהם שטארק ליעב געהאט, ער האט זיך מיט איהם געשפיעלט, איהם ארויסגענומען אויף זיין שויס, און פלוצלונג כאפט דער קליינער משה ארונטער די קרוין פון פרעה'ס קאפ און טהוט עס אן אויף זיין קאפ... איז געווארען א טומעל אין פאלאץ... מעהר פון אלעמען האט געשטורעמט דער שונא ישראל טאגאר פרעה'ס הויפט מיניסטער. "מען מוז איהם טויטען דערפאר! — האט ער געשריען, — וויל אויב נישט וועט ער שטעלען אין געפאהר דיין קרוין, מיט איהם האבען צוגעשטימט אלע חרטומים און מכשפים און די איבעריגע מיניסטארען... און יתרו איז געווען דער איינציגער, וועלכער האט געזוכט צו געבען אלעמען צו פערשטעהן, אז דאס קינד משה האט זיך בלויז געשפיעלט און ער האט קיין שכל נישט צו האבען שלעכטע כונות וועגען די קרוין.

— און וואס איז ווייטער געווען, זיידע?

— אה, וויפיעל מאל האב איך אייך שוין דערצעהלט! — האט זיך דער זיידע כלומרשט אויף זיי אנגעבייזערט — איהר ווייסט דאך וואס ווייטער איז געשעהן... יתרו האט דאך געראטען פרעה'ן מען זאל אוועקשטעלען פאר משה'ן צוויי שיסלען, איינע פול מיט הייסע ברענענדע קוילען און די צווייטע מיט גאלד און זעהן: אויב משה וועט וועלען נעהמען די גאלד איז א סימן אז ער האט געהאט שכל און דאן וועט מען איהם טוידטען, און אויב ער וועט נעהמען די הייסע קוילען, דאן איז א סימן, אז ער האט קיין שכל נישט געהאט און מען וועט איהם נישט דארפען בעשטראפען.

— דאס איז דאך זעהר א נארישע עצה! — האט זיך איין אייניקעל אפגערופען צום זיידען — אפילו א קינד פון צוויי יאהר ווייס זיך ווי אויסצוהיטען פון פייער!

— און דעריבער האבען זיך די מיניסטארען אנגעכאפט אן יתרו'ס עצה! — האט דער זיידע געענטפערט — זיי זיינען געווען אזוי זיכער, אז דער קליינער משה וועט אויסשטרעקען זיין האנט צו די גאלד, און מען וועט איהם טוידטען, אזוי האבען אלע צוגעשטימט.

— איך ווייס וואס עס האט פאסירט! — האט נאך אן אייניקעל זיך אפגערופען — משה האט טאקע געוואלט נעהמען די גאלד אבער א מלאך האט זיין האנט א שטופ געטהאן און ער האט אנגעריהרט די ברענענדע קוילען און ווען עס האט איהם אנגעהויבען שטארק צו ברענען האט ער דאס צוגעטראגען צו זיין מויל און ער האט אפגעברענט זיין צונג.

— יע, אזוי האבען דאן פיעלע דערצעהלט — האט דער זיידע א שמייכעל געטהאן, — אבער איך האב געהערט אנדערש.

— וואס האסטו געהערט — זיינען די אייניקלעך נייגיעריג געווארען.

— איך האב געהערט, אז יתרו האט זיך אונטערגענומען צו ברענגען די שיס־

לען הייסע קוילען און גאלד און אויפ'ן וועג האט ער איבערגעגעבען מרים'ן, משה'ס שוועסטער, וועלכע איז דאן געווען גאנץ גוט בעפריינדעט מיט בתיה'ן, פרעה'ס טאכטער און די פרינצעסין האט אנגעזאגט משה'ן ער זאל נישט אנריהרען די גאלד, און דאס ער זאל א נעהם טהאן די הייסע קוילען. און אזוי האט טאקע פאסירט; משה האט א נעהם געטהאן א שטיק ברענענדע קויל און פרעה מיט אלע מיניסטארען זיינען געווען אזוי זיכער, אז משה איז א נארישעם קינד און זיי האבען לאנג נאכדעם געלאכט! אזוי האט יתרו געראטעוועט משה'ס לעבען, נישט וויסענדיג, אז עס וועט קומען א צייט און משה וועט גאר ווערען זיין איידים.

— איז עס טאקע אמת, זיידע—האט איהם נאך אן אייניקעל געפרעגט—אז יתרו האט חתונה געהאט מיט א אידישע טאכטער?

— געוויס איז דאס אמת... איך און פיעלע פון מיינע פריינד געדענקען נאך גאנץ גוט דברי'ן מיט זיינע צוויי טעכטער, שרה און שלומית. זיי זיינען געווען די שעהנסטע אין גשן און יתרו פרעה'ס מיניסטער האט זיך פערליעבט אין שרה'ן די עלטערע...

אזוי האט מען גערעדט אין די געצעלטען וועגען משה'ן און זיין פרוי, וועלכע דארף גאר אין גיכען אנקומען. פיעלע פון די פרויען האבען גענעהט זיידענע און וואלענע קליידער, געוואלט ברענגען א מתנה פאר משה'ס פרוי... יעדע פרוי האט געזוכט אריבערצושטייגען איהר שכנ'טע מיט איהר אויסשטריקען די שעהנע בלומען אויף די קליידער פאר צפורה'ן.

משה איז געזעסען מיט זיין ברודער און שוועסטער און האבען צווישען זיך גערעדט וועגען די יאהרען פון זייער יוגענד.

משה האט דערצעהלט וועגען זיין בעגעגניש מיט צפורה'ן ביים ברונים, ווי שטארק ליעב ער האט איהר בעקומען פון דער ערשטער רגע וואס ער האט איהר דערזעהן, און ווי אזוי עורב זיין געגנער, האט געוואלט חתונה האבען מיט צפורה'ן... יע, פיעלע רייכע יונגע לייט, אין מדין האבען געוואלט מיט איהר הייראטהען אבער צפורה האט מיר אויסגעקליעבען, כאטש איך בין געווען א פרעמדער און ארים.

— און איך האב אויך געהאט א שטארקען געגנער. — האט אהרן געזאגט מיט א שמייכעל—קרח האט זיך געליעבט אין אלישבע'ן, ער האט איהר איינפאך נישט אפגעלאזט און שוין דאן איז קרח געווען פעררעכענט פאר דעם רייכסטען מאן אין גשן. דערצו האט ער געזוכט ארויפצוצווינגען זיין ליעבע אויף איהר דורך דעם וואס עמינדב, אלישבע'ס פאטער איז בעפרייט געווארען פון פרעה'ס געפענגנים דורך זיין פאטער יצהר, אבער אלישבע האט פון איהם נישט געוואלט הערען. און זי האט מיט מיר חתונה געהאט... זינט דאן איז קרח מיר א שטארקער שונא.

— און דערצו איז ער שטארק בעפריינדעט מיט דתן און אבירם.—האט מרים זיך אפגערופען.

— און ווער זיינען זיי?—האט משה געפרעגט.

— דאס זיינען דאך די בעוואוסטע צוויי ברידער, די זיהן פון אליאב, וועלכע האבען גע'מסר'ט פרעה'ן, אז דו האסט געטויטעט דעם מצרי.

— אה, מיר דארפען זעהן צו פערגעסען וואס האט אמאל פאסירט!—האט משה געזאגט—איך טראג אויף זיי קיין האס נישט דערפאר, דאס איז אלעס געווען בעשערט פון גאט. ווען זיי וואלטען מיר נישט פער'מסר'ט צו פרעה'ן, וואלט איך דאך ניט געווען געצוואונגען צו פערלאזען מצרים. און דאן וואלט איך זיכער נישט געגאנגען נאך מדין, און צפורה וואלט נישט געווען מיין פרוי, און ווער ווייס, ווען איך וואלט פערבליבען אין מצרים, וואלט איך פיילייכט נישט פערדינט צו זיין ווערטה אויסצולייזען מיינע ברידער... יע, מיר האבען קיין רעכט ניט זיך צו בעקלאגען, ווען עס קומט א צייט און עס דוכט זיך אונז, אז מיר ליידען אומזיסט,

אַלעם איז אויסגערעכענט ביי גאָט, און דעם מענשענ'ס פערשטאַנד איז צו קליין דאָס צו בעגרייפען.

— מיר דאַכט זיך, אַז אימיצער קומט אָן רייטענדיג אויף אַן עזעל !—האָט מרים אויסגערופען אָנצייגענדיג מיט איהר פינגער אויף דער ריכטונג פון מזרח.

משה און אהרן האָבען זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און האָבען אָנגעשטרעקט זייערע בליקען.

— יע אימיצער קומט אָן. עס איז געווים אַן אָנזאָגער, וועלכער קומט יעצט אָן פון מדין !—האָט אהרן געזאָגט.

— און איך דערקען איהם אַלס דיין זוהן נדב !—האָט משה זיך אָפּגערופען צו אהרן—מיר וואונדערט זיך וואָס דו דערקענסט ניט דיין אייגענעם זוהן ?

—און מיר וואונדערט זיך,—האָט אהרן איהם געענטפערט מיט אַ שמייכעל,—אַז דו בעזיצט אַזאַ וויטען בליק.

דו דאַרפסט נישט פערגעסען אהרן—האָט מרים אויסגערופען—אַז משה איז אינגער פון אונז ביידען און זיין זעהונגס קראַפט איז נאָך גענוג שטאַרק.

באַלד איז טאַקע אָנגעקומען נדב, אהרנ'ס עלטערער זוהן און האָט זיך אָפּגערופען צו משה'ן :

— דיין שווער, יתרו, דיין פרוי און דיינע צוויי זיהן קומען אָן.

— זיי קומען אָן ?!—האָט משה איבערגעפרעגט און אַ גליקליכער פרייד האָט איהם ארומגענומען.—אויף וועלכען וועג קומען זיי אָן : איך וועל זיי ענטקעגען געהן.

נדב איז געגאַנגען אַ פריהער צו צייגען דעם וועג. משה אהרן און פיעלע חשוב'ע פון ישראל זיינען ארויס בעגעגענען די אָנקומענדע געסט.

מיט גרויס שפּאַנונג האָבען אַלע געוואַרט אויף דער בעגעגעניש צווישען משה'ן און זיין פרוי.

משה האָט צפּורה'ן דערקענט פון גאַנץ וויט. ער איז שנעל אַרונטער פון זיין אייזעל און איז געלאָפען איהר ענטקעגען.

— צפּורה, מיין ליעבע טייערע פרוי !

— משה ! אַה, משה !—האָט צפּורה פון גרויס פרייד זיך פאַרנאַנדערגעוויינט.

משה האָט איהר געקושט און צפּורה האָט איהם ארומגענומען און אַ היבשע ווייל איהם נישט אָפּגעלאָזען.

— און וואו זיינען מיינע זיהן ?—האָט משה געפרעגט.

ערשט דאַן האָט צפּורה ארונטערגענומען איהרע הענט פון משה'ס האַלז און זי האָט צוגערופען איהרע זיהן.

— דאָס איז גרשם, דיין בכור און אָט איז אליעזר !—האָט זי אָנגעצייגט אויף איהרע זיהן, וועלכע זיינען געשטאַנען נעבען איהר און קיין מויל נישט געקענט עפענען פון גרויס איבערראַשונג און שטוינונג.

משה האָט זיי געהאַלזט און געקושט. און נאָכדעם האָט ער זיי בעטראַכט און אויסגערופען מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיר געלאָזט לעבען ביז דיעזער צייט און איך זאָל זוכה זיין צו זעהען מיין פרוי און זיהן. גרשמ'ס געשטאַלט איז שטענדיג געווען פאַר מיינע אויגען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַז אַזוי וועט ער אויסקוקען, כאָטש ער איז נאָך געווען גאַר אַ יונג קינד, אָבער אליעזר'ן, איהם האָב איך דאָך פערלאָזען ווען ער איז בלויז עטליכע טעג אַלט געוועז.

— און מיין פאָטער, משה ! — האָט צפּורה אויסגערופען עטוואָס פאַרשעהמט.

— אַה, מיין שווער יתרו !—האָט זיך משה פערנייגט.

באַלד האָבען זיי זיך ביידע ארומגענומען, זיי האָבען זיך צוקושט.

—איך בין גליקליך דיך צו זעהן, משה, אַלס דער פיהרער פון אַזאַ וואונדערבאַרען פאָלק !—האָט יתרו זיך צו איהם אָפּגערופען — איך האָב געהערט זעהר פיעל פון די גרויסע וואונדער וואָס גאָט האָט געטהאָן צו ישראל אין מצרים.

משה האָט זיי געפיהרט צו זיין גע־

צעלט, און דערווײלע האט מרים געהאט צוגעגרייט א גרויסארטיגען מאהלצייט.

— דאס איז מיין שוועסטער מרים!
—האט משה פארגעשטעלט זי פאר זיין שוועסטער.

— איך געדענק נאך מרים'ן ווען זי איז געווען גאר א יונגע מיידעל!—האט יתרו זיך בעגריסט מיט איהר.

— און דו וועסט צו מיר ווי א שוועסטער זיין!—האט מרים צפורה'ן געקושט.

מען האט געבראכט פאר אלעמען וואסער און זיי האבען זיך ארומגעוואשען פון דער שטויב, נאכהער האבען זיי געשטילט זייער דורשט. און באלד האבען זיך אלע געזעצט ביים טיש.

משה האט זיי דערצעהלט אלעס וואס מיט איהם האט פאסירט אין מצרים דורך דער גאנצער צייט ווי אזוי ער האט געהאט צו טהאן מיט פרעה'ן ביז וואנען ער האט זיך אונטערגעגעבען און איהם איז מיט גאטעס הילף געלונגען צו בעפרייען דאס פאלק ישראל פון שקלאפעריי.

— מיר האבען גענוג געליטען!—האט משה פארטגעזעצט,—אבער גאט האט אונז דורך אלעס דורכגעפיהרט בשלום... מיר זיינען אריבער דעם ים סוף אין דער טריקעניש, ווען מיר זיינען הונגעריג געווארען האט אונז גאט אנגעפאנגען צו שפייזען מיט אזא שפייז וואס מיר רופען עס מן.

— דאס איז טאקע די שפייז וואס מיר עסען אלע!—האט מרים געזאגט—מיר גרייטען עס צו לויט אונזער געשמאק.

יתרו האט פערזוכט פון דעם שפייז און זיך אפגערופען:

— איך האב אין מיין לעבען נאך אזא געשמאקען מאכל נישט פערזוכט. געלויבט איז גאט פאר אלדאס גוטעס וואס ער האט מיט אייך געטהאן, וואס ער האט אייך געראטעוועט פון פרעה'ס האנט און פון די מצריים. יעצט זעה איך אז דער גאט פון ישראל איז דער איינציגער גאט, וועלכער האט בעשאפען די וועלט און ער בעצאהלט צו די מענשען

וואס זיי האבען פארדינט. די מצריים פלעגען דערטרינקען אייערע קינדער אין טייך, און דעריבער זיינען זיי אויך דערטרונקען געווארען. יע, איך געדענק נאך גאנץ גוט וויפיעל צרות די אידען האבען געליטען, איך פלעג גאנץ אפט בעזוכען גשן, און איך פלעג צוזעהן מיט וואס פאר אייזערנעם געדולד זיי האבען דאס אלעס אזוי בראוו אריבערגעטראגען, אה, ווען מיין שרה וואלט יעצט געלעבט וויפיעל גליק און נחת דאס וואלט איהר פערשאפט... זי האט זיך גענוג אנגעליטען אין איהר יוגענד ביז וואנען איך האב איהר אוועקגענומען פון מצרים און איהר געבראכט אין מדין. זי האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט מתפלל צו זיין צו גאט, ער זאל העלפען די אידען. און יעצט אז איהרע תפלות זיינען אנגענומען געווארען, איז זי טויט,—האט יתרו געווישט זיינע אויגען.

ווען אלע זיינען פארטיג געווארען מיט'ן מאהלצייט, איז אריינגעקומען איינער פון משה'ס דינער און פערנייגענדיג זיך האט ער זיך אפגערופען:

— איינינע פרויען שטעהען נעבען מיין האר'ס געצעלט און בעטען ערלויבעניש אריינצוגעהען.

— זאלען זיי אריינקומען — האט משה געזאגט מיט א שמייכעל — איך פארשטעה אז זיי זיינען גאנץ נייגיעריג דיך צו זעהען, צפורה.

די פרויען זיינען אריינגעקומען און זיך פערנייגט.

— דו וועסט אונז ענטשולדיגען אונזער האר פאר וואס מיר שטערען דיין רוה און די רוה פון דיינע געסט, אבער מיר האבען געבראכט א מתנה פאר דיין פרוי.

צפורה האט זיך אויפגעשטעלט פון איהר פלאץ און צו זיי צוגעגאנגען און פריינדליך בעגריסט.

— א מתנה פאר מיר!—האט זי מיט א שמייכעל געזאגט—איך ווייס נישט אויב איך האב דאס פארדינט!

— דו וועסט אונז אנטהאן זעהר פיעל

כבוד ווען דו וועסט פון אונז צונעהמען די קליינע מתנות וואס מיר האבען געבראכט... דאס האבען מיר אליין מיט אונזערע הענט גענעהט פאר דיר?

— פאר מיר!

— יע, ווען מיר האבען זיך דערוואוסט, אז אונזער האר און בעפרייער משה, האט געשיקט נאך זיין פרוי, האבען מיר גענומען די בעסטע וואל און זיידענס וואס מיר האבען געהאט און אליין, מיט אונזערע הענט, אויסגעשטריקט און אויסגענעהט דיזע קליידער פאר דער פרוי פון אונזער גרויסען פיהרער.

זיי האבען ארויסגענומען די מתנות און זיי איבערגעגעבען צו צפורה'ן.

— איך דאנק אייך זעהר! פון דער טיעפעניש פון מיין הארצען, דאנק איך אייך — האט צפורה זיך צוקושט מיט יעדער פון זיי — זאל גאט געבען אז מיר זאלען אלע גליקליכערהייט קומען צו דעם וואונדערבארען לאנד, דאס לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג... און זאל דאס פערשפרעכען פון גאט צו אונזערע עלטערען, אז דאס לאנד פון כנען וועט אפגעגעבען ווערען צו אונז, מקוים ווערען אין אונזערע טעג.

אויף דעם צווייטען טאג, האט יתרו בעמערקט זעהר פיעל מענשען שטעהען אין א לאנגע שורה און ווארטען.

— וואס איז דאס? — האט יתרו געפרעגט משה'ן — פאר וואס האט זיך דאס פאלק פארזאמעלט ארום דיר?

— היינט איז דער טאג ווען איך משפט דעם פאלק, און יעדער איינער, וואס האט עפעס צו פרעגען, אדער אויב ער האט געהאט א סכסוך מיט זיין שכן, קומען זיי צו מיר, און איך משפט זיי.

א גאנצען טאג זיינען די וועלכע זיינען געקומען צום משפט געשטאנען אויף זייערע פיס. יעדער האט געווארט ביז וואנען זיין רייהע וועט קומען. ביז שפעט אין אווענט האט משה גע'משפט די אידען.

יתרו איז די גאנצע צייט געזעסן נישט ווייט פון משה'ן און צוגעקוקט ווי אזוי משה משפט די אידען.

אט באמערקט ער, ווי אן עלטערער מאן דערנעהנטערט זיך צו משה'ן, הינטער איהם געהט נאך א יונגע מיידעל, זי שיינט צו זיין זעהר פארשעהמט. איהרע אויגען זיינען רויטליך פון וויינען.

— מיין האר. משה, הערט יתרו ווי דער אלטער רופט זיך אפ — איך און מיין משפחה זיינען פון דעם שבט ראובן. זי איז מיין אינגסטע טאכטער.

דער אלטער האט אומגעדרעהט זיין קאפ ווי ער וואלט אימיצען געזוכט, און באלד א רוף געטהאן א יונגען מאן, וואס איז געשטאנען אן א זייט.

— קום נאר אהער דו חצוף!

דער יונגער מאן איז צוגעגאנגען אהן חשק און זיך געשטעלט לעבען אלטען. זיינע אויגען זיינען געווען ארונטערגעלאזען צום באדען.

— און דער יונג קומט גאר פון דעם שבט שמעון. ווען איך און די איבעריגע פון מיין משפחה זיינען נים געווען אין אונזערע געצעלטען, איז ער אריינגעקומען אין דער געצעלט, וואו מיין אינגסטע טאכטער איז געווען און האט איהר פערפיהרט.

— דערצעהל מיר וואס האט פאסירט? — האט משה זיך געווענדעט צו דער מיידעל. קענסטו דעם מאן?

— די מיידעל האט זיך נאך אמאל פאנאנדערגעוויינט און נישט געענטפערט.

דאן האט זיך משה געווענדעט צו דעם יונגען מאן:

— ווי אזוי האסטו געוואגט אריינצוגעהן אין א געצעלט, וואס בעלאנגט נישט צו דיר, און פערפיהרען אזא יונגע, אומשולדיגע מיידעל!

— איך בין אהין נישט ארייו געגען דעם ווילען פון דער מיידעל — האט דער יונגער מאן געענטפערט — מיר האבען זיך שוין ליעב פון א לענגערע צייט און איך האב איהר פערשפראכען צו נעהמען פאר מיין פרוי.

—דער יונגער מאַן וויל דאָך הייראַטען מיט דיין טאָכטער — האָט משה זיך אָפּגערופען צו דעם אַלטען — טאָ וואָס בעקלאָגסטו זיך? — האָט משה איהם געפרעגט.

—איך וויל פון איהם ניט וויסען און איך וויל איהם נישט קענען! — האָט דער אַלטער אויפגעהויבען זיין שטימע.

— אויב דו ווילסט איהר נישט אָפּגעבען צו איהם, דאַרף דער יונגער מאַן בעצאָהלען פופציג שקלים קנס. און דו האָסט א רעכט אָפּצוגעבען דיין טאָכטער צו וועמען דו ווילסט.

דער מיידעל'ס געוויין האָט זיך פערשטאַרקט און דער יונגער מאַן האָט זיך אָפּגערופען צו משה'ן:

— אה. מיין האַר, זי ליעבט מיך און איך האָב איהר פערשפּראָכען צו הייראַטען.

— איך פאַרשטעה דיך נישט! האָט משה געפרעגט דעם אַלטען.

— דער יונגער מאַן שיינט צו זיין א גאַנץ וואוילער, ער וויל רעכטמאַכען דעם אומרעכט. דיין טאָכטער האָט איהם אויך ליעב, טאָ פאַר וואָס זאָלסטו זיין דאַגעגען צו זייער הייראַט? — ווייסטו דען נישט ווי שווער עס וועט זיין פאַר דיין טאָכטער צו קריגען א צווייטען מאַן, נאָכדעם ווי דאָס האָט פּאַסירט.

— ניין, מיין האַר, איך וועל איהם מיין טאָכטער נישט אָפּגעבען, זאָל ער מיר בעסער בעצאָהלען די פופציג שקלים שטראָף, וואָס עס איז אויף איהם אַרויפגעלעגט געוואָרען.

— אפילו ווען ער וועט מיט דיין טאָכטער הייראַטען, וועט דיר דאָך אויך דאַרפען בעצאָהלען פופציג שקלים, אלס מהר. וואָס דו ביזט בערעכטיגט, ווען דיין טאָכטער האָט חתונה אין דער צייט ווען זי איז נאָך יונג. זי געהט נישט אַרויס פון דיין רשות ביז וואַנען איהר מאַן בעצאָהלט דיר די פופציג שקלים.

— אויב אַזוי — האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופען מיט א צופרידענעם שמייכעל — זאָל ער מיר פריהער אָפּצאָהלען די פופציג שקלים און דערנאָך וועט ער מיט איהר קענען חתונה האָבען.

— ביזטו מרוצה דאָס צו טהאָן? — האָט משה געפרעגט דעם יונגען מאַן, וועסטו איהם בעצאָהלען די פופציג שקלים און נאָכהער חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער?

— געוויס מיין האַר! — האָט דער יונגער מאַן אויסגערופען א גליקליכער ווען איך זאָל מוזען באַצאָהלען צעהן מאָל אַזוי פיעל, וואָלט איך דאָס געטאָן, ווייל איך ליעב איהר זעהר.

די מיידעל האָט געוואָרפען א ליעבליכען בליק אויף דעם יונגען מאַן און איהר פנים איז רויט געוואָרען.

— געהט בשלום! — האָט משה זיך צו זיי געווענדעט — דו הערסט, דער יונגער מאַן וועט דיר געבען די פופציג שקלים מהר, דו וועסט איהם געבען דיין טאָכטער פאַר א פרוי און איך וועל אייך אלעמען געבען מיין ברכה.

צופרידען און גליקליך פון דעם פסק דין זיינען זיי אַוועק פון משה'ן.

באַלד איז צוגעקומען צו משה'ן א מיטעליעהריגע פרוי און זיך אָפּגערופען.

— מיין מאַן האָט געהאַט א סכסוך מיט אונזער שכן וועגען א קלייניגקייט, אָבער זיי האָבען זיך שטאַרק צוקריגט און דער שכן האָט א שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן מיין מאַן, אַז ער איז געווען געצוואונגען צו ליגען אין בעט פאַר עטליכע טעג, ער האָט צוליעב דעם ניט געקענט טהאָן זיין אַרבייט. און דערצו האָב איך נאָך געמוזט צאָהלען דעם רופא. איך האָב געמוזט דינגען אַן אַרבייטער צו טהאָן זיין אַרבייט.

— וואו איז דיין מאַן? — האָט משה איהר געפרעגט.

— ער ליגט צו בעט, איהם איז נאָך גאַנץ שווער געווען צו געהן.

— און וואו איז דער מאַן? וועלכער האָט איהם געשלאָגען? האָט משה איהר געפרעגט.

— אָט איז ער! — האָט זי אָנגעציינט אויף א מיטעליעהריגען אידען.

דער איך איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט און האָט געוואָרפען זיינע צושראָקענע בליקען ארום.

— וואָס האָט פּאַסירט צווישען אייך ביידען? — האָט איהם משה געפרעגט.

— מיין פרוי און זי האָבען זיך צוקריגט וועגען עפּעס, און איהר מאַן איז צוגעקומען צו הילף זיין פרוי, האָב איך זיך, פאַרשטעהט זיך, אָנגענומען פאַר מיין פרוי, און אזוי איז אויך צווישען אונז אויסגעבראָכען א געשלעג, און פון גרוים אויפרעגונג האָב איך גענאַפּט א שטיין און איהם א זעץ געטהאָן דאַמיט. איך האָב נישט געמיינט איהם שטאַרק וועה צו טהאָן, ווייל איהר מאַן איז פון שטענדיג אָן געווען מיין בעסטער פריינד. נאָר איך האָב זיך איינפאַך פאַרלוירען... יעצט פערדריסט מיך זעהר שטאַרק אויף דעם.

— און ווי פיהלט זיך דיין מאַן יעצט? — האָט משה איהר געפרעגט

— וועט ער דאַרפען נאָך לאַנג זיין אין בעט?

דער רופא האָט געזאָגט, אז ער וועט אמווייניגסטענס מוזען פערבלייבען נאָך א וואָך.

— אויב אזוי וועסטו מוזען בעצאָהלען פאַר די צייט וואָס ער ליגט קראַנק און ער קען קיין ארבייט ניט טאָהן, און דו וועסט אויך מוזען בעצאָהלען פאַר זיין היילונג. — האָט משה צוגעפּסק'נט.

יתרו האָט די גאַנצע צייט נישט ארונטערגענומען די אויגען פון די בעלי דינים, ער האָט זעהר פיעל געלערענט וועגען די מנהגים פון ישראל.

אָט בעמערקט ער ווי צוויי אנדערע אידען קומען צו צו משה'ן.

— מיין שכן האָט אן אָקס, וואָרפט ער אן א שרעק אויף אונז אלעמען. ער איז א ווילדער אָקס און וויפיעל מאָל איך האָב זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל איהם האַלטען איינגעצאַמט, פאָלגט ער מיר ניט, און מיט א פּאָר טעג צוריק, ווען מיינע בהמות האָבען זיך געפיטערט אויפ'ן גראָז, האָט דער אָקס פון דיזען מאַן פלוצלונג א שטויס געטהאָן מיין עזעל און איהם אויפ'ן אָרט געטויטעט.

— איז דאָס אמת, אז דיין אָקס האָט געטויטעט דיין שכנ'ס עזעל.

— עס איז אמת, מיין האר, אָבער וואָס בין איך שולדיג! ווען איך ברייננג דעם אָקס צוריק פון דער פּאַשע, האַלט איך איהם איינגעצוימט, אָבער אין פעלד קען איך דאָס נישט טהאָן.

— איז עס דאָס ערשטע מאָל, וואָס דיין אָקס האָט מיט זיין שוים געטויטעט א צווייטע בהמה? — האָט משה איהם געפרעגט.

— יע, מיין האר, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס אזא זאַך פּאַסירט.

— אָבער איך האָב איהם שוין ניט איינמאָל געוואָרענט, אז מיר געפעלט נישט זיין אָקס. ער איז צו ווילד — האָט דער ערשטער גע'טענה'ט.

— וואָס הייסט דיר געפעלט נישט, ער איז מיין אָקס און פאַרוואָס זאָל ער דיר געפעהלען! — האָט זיך דער צווייטער אָפּגערופען.

— דו ווייסט דאָך, אז איך האָב געטהאָן אלעם מעגליכעס צו פערמיידען אזא זאַך... אָבער וואָס האָב איך געקענט העלפען, ווען דיין עזעל האָט מיין אָקס אריינגעבראַכט אין כעס און ער האָט איהם מיט איין שטוים געטויטעט.

— אזוי ווי דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וועסטו בלויז דאַרפען ליידען א העלפט פון דעם היזק — דו וועסט איהם דאַרפען בעצאָהלען א העלפט פון דער ווערדע פון זיין עזעל, אָבער דו קענסט ארונטער רעכענען די ווערדע פון דעם אייזעל'ס פעל. אָבער דו זאָלסט וויסען זיין, אז ווען דאָס וועט פּאַסירען א צווייטען מאָל, און דיין אָקס וועט טויטען אימיצענ'ס א בהמה, וועסטו מוזען ליידען דעם גאַנצען היזק.

ווען זיי זיינען אוועקגעגאַנגען זיינען צוגעקומען צוויי אנדערע לייט, אייגער האָט נאָך אויסגעזעהן גאָר יונג. דער צווייטער א ביסעל עלטער.

משה האָט זיי געפרעגט וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען, און דער אינגערער האָט זיך אָפּגערופען:

— אין דער צייט ווען מיר האָבען מלחמה געהאַלטען מיט עמלק, האָב איך זיך אַנגעשלאָסען אין יהושע'ס אַרמעע. און איידער איך בין אוועק אין מלחמה האָב איך זיך אָפּגערופען צו דיזען מאַן, וועלכער איז דאַן געוועזען מיין פריינד:

— איך האָב אַ גאָלדענעם רינג איינגעפאַסט מיט אַ קאָסטבאַרען שטיין, וואָס איך האָב אַרונטערגענומען פון אַ דערטרונקענעם מצרי, און אַזוי ווי איך געה יעצט אויף מלחמה, בעט איך דיך דו זאָלסט פאַר מיר האַלטען דעם רינג, ביז וואַנען איך וועל זיך צוריקקערען פון שלאַכט.

ער האָט מיר פערשפּראָכען צו טהאָן די געפעליגקייט און איך האָב איהם דעם רינג געגעבען. ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט פון מלחמה, און איך האָב פון איהם געפאָדערט דעם רינג, האָט ער מיר געזאָגט. אַז ער האָט דעם רינג פערלוירען.

— האָסטו איהם פערשפּראָכען צו בעצאָהלען פאַר'ן האַלטען דעם רינג?

— האָט משה איהם געפרעגט.

— ניין, ער האָט עס געזאָלט טהאָן אומזיסט, מיר זיינען ביידע געוועזען גאַנץ גוטע פריינד.

דאַן איז ער נישט שולדיג! — האָט משה אויסגערופען, ווייל ער איז געוועזען אַ שומר חנם, און ער איז פּטור אויף גנבה און אבדה. און אויב דו גלויבסט איהם נישט, אַז ער האָט עס טאַקע פערלוירען, דאַן קענסטו איהם בלויז צווינגען ער זאָל שווערען, דאָס ער זאָגט אמת, אָבער ער איז נישט מחויב דיר צו צאָהלען, ווייל ער האָט פאַר זיין טרחה ביי דיר קיין געצאָהלט נישט גענומען.

— אָבער מיין האַר איך ווייס אַז ער האָט דעם רינג נישט פערלוירען! — האָט דער יונגער מאַן ווייטער געזאָגט.

— פון וואַנען ביזטו עס אַזוי זיכער? — האָט איהם משה געפרעגט.

— ווייל איך האָב געזעהן מיין רינג אויף דעם פינגער פון זיין פרוי.

— עס איז נישט אמת! — האָט דער צווייטער אויסגערופען — דער רינג וואָס מיין פרוי האָט געהאַט אויף איהר פינגער איז מיין אייגענער! זיין רינג האָב איך פערלוירען! וואָס האָב איך געקענט העלפען. אַז איך האָב איהם פערלוירען, קיין געלט פאַר'ן היטען האָב איך פון איהם נישט געקראָגען!

— האָסטו סמנים אויף דעם רינג?

— האָט משה דעם ערשטען געפרעגט.

— יע, אינוויינינג זיינען פאַראַן איינינגע קראַצען!

— האָסטו אויך עדות, וועלכע האָבען געזעהן דעם רינג פריהער אין דיין רשות?

יע, איך האָב איינינגע עדות! — האָט יענער געענטפערט.

— קענסטו ברייגען די עדו? — האָט משה איהם ווידער געפרעגט.

— די עדות געפינען זיך נישט ווייט פון דאַנען!

— ברייגג זיי אהער!

אין אַ ווייל'ע אַרום זיינען צוגעקומען צוויי יונגע לייט און זיי האָבען זיך געשטעלט נעבען דעם יונגען מאַן.

— האָט איהר געזעהן דעם רינג, וואָס האָט געהערט צו דעם יונגען מאַן?

— האָט משה זיי געפרעגט.

יע, מיר האָבען איהם געזעהן! — האָט איינער זיך אָפּגערופען, ער איז געוועזען זעהר אַ טייערער רינג.

יואָלט איהר איהם דערקענט, ווען מען וואָלט אייך איהם געצייגט צווישען פיעלע אַנדערע רינגען?

— געוויס! דער רינג איז אַ זעלטענער רינג און עס וואָלט געוועזען גאַנץ שווער צו פערבייטען אויף אַ צווייטען — האָט איין עדות געזאָגט.

— און אַ חוץ דעם זיינען פאַראַן אַנדערע סמנים אויף דעם רינג.

פון וואַנען ווייסט איהר וועגען די אַנדערע סמנים?

— ווייל נישט איינמאָל האָבען מיר דעם רינג געהאַלטען אין אונזערע הענט.

משה האָט געהייסען ברייגגען דעם רינג און אין דער צייט האָט ער געקראָגען נאָך עטליכע רינגען און זיי צוזאַמענגעמישט. ער האָט צוגערופען איי־

נעם פון די עדות, און יענער האָט אויסגעקליבען דעם ריכטיגען רינג. דערנאָך האָט משה געהייסען דעם צווייטען עדות אויסקלייבען דעם רינג, וואָס ער דענקט, אז ער בעלאנגט צו דעם אייגענטימער. יענער האָט אויך אויסגעקליבען דעם זעלבען רינג.

משה האָט דאַן ערשט צוגערופען דעם אייגענטימער און ער האָט איהם גענומען פרעגען סמנים.

דער יונגער מאַן האָט געגעבען די סמנים, וועלכע האָבען געשטימט...

— אויב עס איז ריכטיג אז דער רינג בעלאנגט צו דיר? און זיין רינג האָסטו פערלוירען, קענסטו מיר פיעלייכט דערצעהלען ווי אזוי דיעזער רינג איז געקומען צו דיר.

— געוויס! איך האָב איהם עה... איך האָב איהם ביי אימיצען אפּגעקויפט...

— ביי וועמען, האָסטו איהם געקויפט? — האָט משה איהם ווירער געפרעגט. קענסטו מיר אָנצייגען דעם מאַן.

— ניין! דער מאַן איז שוין טויט!

— און ווי האָט דער מאַן געהייסען?

—האָט איהם משה געפרעגט.

— איך ווייס נישט! ער איז געוועזן א מצרי.

— און דו האָסט דעם רינג געקויפט אין מצרים.

— יע, אין מצרים, איידער מיר זיינען באפרייט געוואָרען.

— ווייס אויך דיין פרוי, אז דו האָסט דעם רינג געקויפט אין מצרים ביי א מצרי.

— געוויס ווייס זי — האָט ער געענטפערט— אָט וועל איך איהר גענן רופען און זי וועט באשטעטיגען מיינע רייד.

— דו בלייב דאָ — האָט משה איהם באפוילעי. איך וועל שיקען אימיצען אנדערש צו רופען דיין פרוי.

משה האָט געשיקט נאָך יענעם'ס פרוי און ווען זי איז צוגעקומען נאָהענט האָט משה געהייסען איהר מאַן אפּטרעטען און ער האָט איהר געפרעגט:

— צו וועמען באלאנגט דיזער רינג?

— ער באַלאנגט צו מיין מאַן.

— און קענסטו דעם יונגען מאַן?—האָט משה אָנגעצייגט מיט זיין פינגער אויף דעם, וועלכער האָט גע'טענה'ט, אז דער רינג איז זיינער.

— יע, איך קען איהם. ער איז געוועזן דער פריינט פון מיין מאַן.

—האָט ער געגעבען א רינג צו דיין מאַן, אז ער זאָל פאר איהם היטען ביז וואַנען ער וועט זיך אומקערען פון דער מלחמה?

— יע, אָבער מיין מאַן האָט זיין רינג פארלאָרען.

— און וואו האָט דיין מאַן דיזען רינג גענומען? — האָט משה איהר וויטער געפרעגט.

די פרוי האָט א קליינע ווילע א טראַכט געטאָן. זי האָט מיט איהרע אויגען געזוכט איהר מאַנ'ס בליקען און ווען זי האָט איהם נישט געזעהן האָט זי געענטפערט:

— מיין מאַן האָט דיזען רינג געפונען נעבען ים סוף, וואו די דערטרונקענע מצרים זיינען געלעגען.

— זאָל איהר מאַן ווידער צוקומען צו מיר. און ווען ער איז צוגעגאַנגען, האָט משה אויסגערופען:

—דו זאָגסט, אז דעם רינג האָסטו געקויפט אין מצריים פון א מצרי און דיין פרוי זאָגט אז דו האָסט איהם געפונען ביים ברעג ים. צוויי עדות זאָגען, אז דע׳ רינג געהערט צו דעם יונגענמאַן. דו האָסט קיין עדות נישט, אז דו האָסט איהם געקויפט. דיין פרוי האָט אויך קיין עדות נישט, אז דו האָסט איהם געפונען. דעריבער איז עס קלאָר ביי אלעמען, אז דער רינג געהערט צו דעם יונגען מאַן. דו האָסט איהם גע״גנב'עט פון איהם און דערפאַר וועסטו מוזען איהם צוריקגעבען דעם רינג און באצאָלען כפל, נאָכאַמאָל אזוי פיעל וויפיעל דער רינג איז ווערטה. גנב'ענען איז זעהר א שלעכטע מידה. דאָס איז איינע

פון די הויפט עקרים אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, דו זאלסט נישט גנב'ענען. און דערפאר וועסטו באשטראפט ווערען צו באצאלען צוויי מאל אזויפיעל.

— אבער איך האב נישט צו באצאלען די שטראף — האט דער גנב געטענה'ט.

— אויב דו האסט נישט וועסטו מוזען אפטאן ארבייט פאר איהם אין די ווערטה פון דעם סכום וואס דו קומסט איהם — האט משה גע'פסק'נט.

יתרו האט די גאנצע צייט געגאפט. ער האט געזעהן ווי משה, זיין איידים, משפט דעם פאלק מיט גערעכטיגקייט. ער האט אויך באמערקט, אז די שורה פון די וועלכע זיינען געקומען צו משה'ן זוכען גערעכטיגקייט, ציהט זיך זעהר לאנג. ער האט געזעהן ווי פילע פון פאלק שטעהען דעם גאנצען טאג אויף זייערע פיס און ווארטען ביז זייער רייהע וועט קומען. ווי שרעקליך מיעד זיי זיינען צו ווארטען דעם גאנצען טאג אונטער דער ברענענדער זון.

ווען דער אווענט איז געקומען, איז משה נאך אלץ נישט פארטיג געווארען מיט זיין משפט'ן דעם פאלק. פילע האבען געמוזט אוועקגעהן און זיך אומקערען אויף מארגען.

צפורה, משה'ס פרוי, איז געווען שטארק באזארגט: משה האט דעם גאנצען טאג אין זיין מויל נישט געהאט. זי האט געמאכט אייניגע פארזוכען איהם צוצוברייגנען שפייז, אבער ער איז געווען אזוי פארנומען, אז אפילו ווען די שפייז וואלט לעבען איהם געווען, וואלט געווען אוממעגליך פאר איהם צו עסען.

יתרו האט א קוק געטאן אויף דעם פנים פון זיין טאכטער און ער האט פארשטאנען איהר גרויסען צער און זארג.

אלע זיינען זיך צוגאנגען און משה איז געבליבען אליין מיט צפורה'ן און זיין שווער יתרו.

— דו האסט אלעמען גע'משפט מיט גערעכטיגקייט משה, — האט יתרו זיך צו איהם אפגערופען און ווירקליך עס זיינען געווען אזעלכע משפטים וואס נישט יעדער שופט וואלט געקענט באשטימען ווער עס איז גערעכט און ווער אומגערעכט. אבער דאך האב איך געזעהן פילע משפטים וואס יעדער איינציגער, וועלכער וויים די געזעצען וואלט עס געקענט פסק'ענען. ניין, משה, דו וועסט מיר ענטשולדיגען וואס איך וועל דיר זאגען, אבער מיר געפעלט נישט דער וועג ווי אזוי דו משפט דעם פאלק.

— האב איך זיי דען נישט גע'משפט מיט יושר און גערעכטיגקייט? — האט משה איהם געפרעגט — אויב אזוי וועט גאט מיר מוזען מוחל זיין. איך בין דאך מעהר נישט ווי א בשר ודם, פיליכט האב איך ערגעץ־וואו געמאכט א טעות.

— אה, ניין, משה — האט יתרו איהם געענטפערט — איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז דו האסט אלעמען גע'משפט מיט גערעכטיגקייט. אבער וואס מיר געפעלט נישט איז, אז דאס גאנצע פאלק קומט בלויז צו דיר. דו זיצט אליין אויף דער שטוהל פון משפט און דאס פאלק שטעהט פון אין דער פריה ביז שפעט אין אווענט.

— אבער וואס זאל איך טאן? — האט משה געזאגט — ווען דאס פאלק קומט צו מיר צו פרעגען אט די אלע פארשידענע דינים. איך מוז דאך משפט'ן צווישען א מאן און זיין פריינד און לערנען זיי די וועגען פון גאט און זיינע געזעצען.

— אבער דו וועסט דאך מיעד ווערען, און נישט נאר דו אליין וועסט אויסגעמאטערט ווערען, נאר אויך דאס פאלק, וואס דארף שטעהן דעם גאנצען טאג אויף די פיס און ווארטען ביז וואנען זייער רייהע וועט קומען. יע, ביידע, דו און דאס פאלק וועלען מיעד ווערען. ניין, דו קענסט דאס נישט טאן אליין.

— אבער ווער דען וועט זיי משפט'ן? — האט משה זיך אפגערופען צו יתרו.

— אויב דו וועסט זיך צוהערען צו

מיר וועל איך דיר געבען אן עצה — האט יתרו צו איהם געזאגט — דו דארפסט זיין דער וועלכער וועט שטעהן צווישען גאט און דעם פאלק. דו דארפסט זעהן, אז אלע געזעצען און משפטים וואס גאט וויל אז דיין פאלק ישראל זאלען אפהיטען, זאל ער דיר געבען אין א תורה, און דו וועסט לערנען דעם פאלק אלץ וואס דארט וועט זיין. דו וועסט זיי לאזען וויסען וועלכען וועג זיי זאלען אויסקלייבען צו געהן און די מעשים וואס זיי זאלען טאן. דאן וועסטו זעהן די פעהיגע מענשען פון פאלק. יע, די בראווע עהרליכע מענשען, גאטספארכטיגע מענשען, וואס האבען ליעב דעם אמת און האבען פיינט שוחד, וועמען מען וועט קיינמאל נישט קענען אונטערקויפען מיט געלט, און אזעלכע מענשען זאלסטו באשטימען פאר שופטים איבער'ן פאלק, לויט זיינע פעהיגקייטען. דער וועלכער דו וועסט זעהן אז ער איז זעהר פעהיג זאלסטו איהם באשטימען צו זיין א שופט איבער טויזענט מענשען. א צווייטען וועסטו באשטימען פאר א שופט איבער דריי הונדערט. א דריטען איבער פופציג און איינעם איבער צעהן. אזוי אז ווען דער שופט פון די צעהן וועט נישט וויסען ווי אזוי צו משפט'ן א געוויסען משפט, וועט ער זיך ווענדען צו דעם, וועלכער איז העכער פאר איהם, און אויב יענער וועט נישט וויסען וועט ער זיך ווענדען צו דעם וואס איז נאך העכער פון איהם. און ווען דער משפט וועט זיין גאר א שווערער און קיינער פון זיי וועט נישט וויסען, דאן ערשט זאל מען זיך ווענדען צו דיר, דאס וועט מאכען פאר דיר א סך גרינגער און אויך פאר דעם פאלק.

— דו ביסט גערעכט, מיין שווער, — האט משה זיך צו איהם אפגערופען — איך וועל טאקע טאן אזוי ווי דו האסט מיר געזאגט, אבער פריהער וועלען מיר מוזען צוקומען צום בארג סני, אויף יענעם בארג האט מיר גאט פארשפראכען, נאך אין דער צייט ווען איך האב דארטען געפיטערט דיינע שאף, אז ווען דאס פאלק ישראל וועט באפרייט ווערען פון מצריים, וועלען זיי דארט דינען גאט און דאן וועט ער מיר געבען די תורה וואס איך זאל לערנען די אידען.

— און ווען וועסטו פארלאזען דיזען פלאץ צו געהן נאך דעם מדבר סני? — האט איהם יתרו געפרעגט.

— אין איניגע טעג ארום וועלען מיר פארלאזען רפידים — האט משה געזאגט — און איך האף מיין שווער, אז דו וועסט מיט אונז פארבלייבען ביז וואנען דו וועסט זעהן, אז אלץ וואס דו האסט מיר גערוטען, וועט דורכגעפיהרט ווערען.

— ניין, משה, איך וועל זיך מוזען אומקערען צו מיין לאנד. איך האב נאך דארטען מיין גאנצע משפחה און מיין רייכטום געפינט זיך אויך דארטען, אויב איך וועל זיין אן אנגעלייגטער גאסט ביי דיר, וועל איך א צווייטען מאל צו דיר צוקומען און איך האף, אז דאן וועל איך האבען די מעגליכקייט צו פארבלייבען מיט דיר און מיין טאכטער, און אז גאט וועט וועלען וועט ער מיר מזכה זיין צוזאמען מיט די איבעריגע אריינצוקומען א'ן דעם וואונדערבארען לאנד, כנען.

— דו ווייסט דאך, אז דו ביזט ביי אלע אידען באליבט — האט משה נעזאגט צו יתרו'ן — פילע געדענקען נאך דעם חסד וואס דו האסט צו זיי געטאן ווען דו ביזט געווען א מיניסטער צו פרעה'ן, און דעם קאמף וואס דו האסט שטענדיג אנגעפיהרט מיט פרעה'ס דאמאלסדיגען הויפט מיניסטער, טאנאר, וועלכער איז געווען דער פארביטערסטער שונא פון די אידען. א ניין, מיין פאלק האט עס קיין זאך ניטט פארגעסען און די ביזט די גאנצע צייט געווען זעהר א ווילקאמער גאסט ביי אלעמען. און יעדער וועט זיין העכסט צופרידען, ווען דו וועסט ווערען איינער פון אונז.

— איך וועל זיך שעצען גליקליך צו פאררעכענט צו ווערען איינער פון דעם אויסדערוועהלטען פאלק ישראל—האט יתרו געזאגט — דו ווייסט דאך, אז

כאטש איך האב שוין לאנג, נאך איידער דו ביזט צו מיר געקומען, אויפגעהערט צו דינען צו די אפגעטער, אבער דאך האב איך נאר נישט געפונען דעם ריכטיגען גאט ביז איצט, ווען איך האב מיט מיינע אויגען צוגעזעהן די גרויסע וואונדער וואס דיין גאט האט באוויזען.

— דו ביזט יעצט בארעכטיגט צו האבען א חלק אין אונזער פאלק! — האט משה יתרו׳ן געזאגט. — מיט דיין עצה האסטו זעהר פיעל אויפגעטהאן און ווען גאט וועט מיר געבען די תורה, וועט דיין נאמען דארט דערמאנט ווערען צום גוטען.

— איך דאנק דיר, משה! — האט יתרו זיך מיט איהם געזעגנט. ער האט זיך צעקושט מיט זיין טאכטער און זיינע צוויי אייניקלעך און יתרו האט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין לאנד.

איין־און־צוואנציגסטער קאפיטעל

די צעהן געבאט

באלד נאכדעם ווי יתרו האט פארלאזען דעם אידישען לאגער, האט משה פארזאגט, אז מען זאל וואנדערען ווייטער צו דעם מדבר פון סיני.

משה האט זיך ארומגעזעהן, אז יתרו, זיין שווער איז געווען גערעכט; דאס פאלק מוז האבען לעהרער און שופטים, וועלכע זאלען מיט זיי לערנען ווי זיך צו פארהאלטען געזעלשאפטליך, און אויך וויסען ווי צו דינען גאט. צו לאנג זיינען זיי אין מצרים געווען און פון זיי זיך פיעלע שלעכטע זיטען און מנהגים אפגעלערנט. ביי פיעלע פון די אידען איז דער באגריף וועגען גאטהייט נאך אלץ נישט קלאהר. מאנכע פון זיי דענקען, אז אום צו פארשטעהן גאט, דארף מען איהם זעהן מיט די אויגען. די געצענדינער קענען דאך אנדערש נישט פארשטעהן גאטהייט... יע, דאס אידישע פאלק וועט זיך א סך נויטיגען אין לערנען און ערקלעהרונגען, איידער מען וועט זיי קענען לייטערען און רייניגען... אלעס וועט דארפען געטהאן ווערען מיט הדרגה, שטופענווייז און ביסלעכווייז וועלען זיי קענען זיך באזעצען אין דעם לאנד. וואס גאט האט פארשפראכען צו זייערע עלטערען. דאס אידישע פאלק נויטיגט זיך אין א תורה, וואס זאל זיי באלייכטען דעם וועג, וואס זאל זיי לערנען די געזעצען און אין דער זעלבער צייט זיי ראטהען ווי אזוי צו לעבען. א תורה, וואס זאל געגעבען ווערען דורך גאט און זיין פאר׳ן פאלק פאררעכענט פאר זיין גרעסטען הייליגטום. זיי זאלען טראכטען פון דער תורה און זי לערנען טאג און נאכט. און ערשט דאן, ווען זיי וועלען האבען א תורה און אפהיטען אלעס, וואס דארטען איז געשריבען, וועט זייער עקזיסטענץ אלס באזונדער פרייע פאלק זיין געזיכערט.

משה איז ארויף אויף דעם בארג סיני און האט זיך מתיחד געווען מיט גאט. זיינע געדאנקען זיינען געווען קאנצענטרירט אויף איין זאך: ווי אזוי צו פארבעסערען זיין פאלק, ווי אזוי זיי צו דערהויבען צו א העכערער מדרגה, אום זיי זאלען זיין דאס אויסדערוועהלטע פאלק פון גאט.

איינינע טעג איז ער געווען אויף דעם בארג סיני. נאכהער איז משה ארונטערגעקומען און צוזאמענגערופען די עלטסטע פון ישראל און ער האט זיי געהייסען איבערגעבען אין נאמען פון גאט די פאלגענדע ווערטער:

„איהר האט אלע בייגעוואוינט און מיט אייערע אויגען געזעהן, וואס איך האב געטהאן צו מצרים. איהר זיינט דארט געווען פארשקלאפט און אייערע לעבען איז פארביטערט געווען. איך האב אייך פון דארטען באפרייט, פון זעהר נידעריג האב איך אייך דערהויבען און ווי אויף די פליגלען פון אן אדלער אייך געטראגען, באשיצענדיג אייך פון אלדאס בייז. איהר האט אליין געזעהן ווי אייערע שונאים ליגען הילפלאז און מאכטלאז פאר אייך. און יעצט, אויב איהר ווילט לעבען ווי א געטריי פאלק צו גאט, וועלכער האט פאר אייך אלעס געטהאן, וועט איהר דארפען צוהערען צו מיין שטימע און אפהיטען אלע מיינע געזעצען. איך וועל באלד מיט אייך שליסען

א בונד. איך וועל אייך געבען א תורה, וואָס וועט זיין פאר אייך א קוואַל פון לעבען און גליק. איהר זאָלט זעהן האלטען די תורה הייליג, טהאָן אלעס וואָס דאָרטען איז געשריבען, דאן וועט איהר צו מיר זיין מעהר געליעבט און טייער פון אלע אנדערע פעלקער".

די זקנים האָבען גלייך איבערגעגעבען די ווערטער, וואָס משה האָט גערעדט אין נאָמען פון גאָט, צום פאָלק און אלעמענס ענטפער איז געווען:

"אלעס, וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלען מיר טהאָן!"

צופרידען פון דעם פאָלקס ענטפער, האָט זיך משה צוריקגעקעהרט צום בארג סיני און זיך גענומען צו דער הייליגער ארבייט. ער האָט זיך גענומען אריינטראכטען אין אלעס, וואָס דאָס פאָלק איז הינטערשטעליג, וואָס מען וועט דארפען באקעמפען, כדי אלע זאָלען זיך קענען צוזאמענלעבען אלס גליקליך מעכטיג פאָלק. ער האָט זיך דערמאָנט אַז די אלע סכסוכים, וואָס איינער האָט געהאט מיט'ן צווייטען, ווען זיי זיינען צו איהם געקומען פאר גערעכטיגקייט. דאן האָט ער גוט געקענט זעהן זייערע שוואכקייטען, זייערע מעלות און חסרונות, די קאָנפליקטען, וואָס קומען פאָר אין געזעלשאפטליכען לעבען. ער דערמאָנט זיך ווי פיעלע עלטערען זיינען צו איהם געקומען זיך באקלאָגען אויף זייערע זיהן, וועלכע האָבען אויפגעהערט זיי צו פאָלגען, אויפוואַרפענדיג, אַז זיי פארשטעהען מעהר פון די עלטערען, ווייל זיי זיינען קיינמאָל ניט געוועזען פארשקלאפט. יע, משה האָט געטראכט, אַז דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערען, אַז דער נייער דור זאָל זיך האלטען העכער פאר די עלטערען. דאָס מוז זיין איינער פון די ערשטע הויפט־פרינציפען: צו עהרען פאָטער און מוטער, עס מאכט נישט אפילו ווען די קינדער שטעהען אויף א מדרגה העכער פון זייערע עלטערען. ער האָט אויך באמערקט, אַז ביי פיעלע איז שטארק איינגעוואָרצעלט דער פארלאנג צו זיין רייך און זיי וועלען זיך פאר קיין זאך נישט אָפּשטעלען צו עררייכען זייער ציעל. זיי וועלען שווערען פאַלש, אנדערע וועלען גנב'ענען און מאנכע וועלען זיך אפילו נישט אָפּשטעלען צו מאָרדען פאר געלט... משה האָט געוואוסט, אַז דער שטארקער פארלאנג צו באזיצען רייכטום קומט פון קנאה, וואָס איינער איז מקנא דעם צווייטען, ווען ער זעהט, אַז יענער באזיצט שעהנערע און בעסערע זאכען פון איהם. נישט געלוסטען, וואָס עס באלאנגט צום צווייטען, דארף אויך זיין איינע פון די וויכטיגסטע מצוות צווישען מענש און זיין פריינט. דער מאָראלישער לעבען פון א פאָלק איז געווים פון גרויס וויכטיגקייט, דאָס איז דער יסוד, וואָס בארעכטיגט דעם קיום פון פאָלק. דאָס פארהייראטע לעבען מוז זיין הייליג און געאכטעט. די פיעלע פעלקער, וועלכע האָבען נישט קיין מאָראל, וואו אומריינקייט און זנות זיינען פארשפרייט, זיינען פאר'משפט צום אונטערגאנג.

ווענען אָט די אלע זאכען האָט משה געטראכט, זייענדיג אויף דעם בארג סיני. און ווידער איז ער ארונטערגעקומען צום פאָלק און זיי געהייסען זיין געגרייט צו דעם טאָג, ווען גאָט וועט זיי געבען די צעהן הויפט געבאָטען, וואָס וועלען זיין דער פונדאמענט פאר א גליקליכער צוקונפט.

— איהר מוזט זיין הייליג און גרייט אָנצונעהמען די הייליגע תורה, וואָס גאָט וועט אייך אין קורצען איבערגעבען פון דיעזען בארג סיני. דריי טעג מוזט איהר זיך גרייטען און רייניגען פאר דער וויכטיגסטער פאסירונג אין אייער לעבען. איהר וועט זיך מוזען אריינטראכטען אין דעם, ווייל די הייליגע תורה איז דער גרעסטער אוצר, וואָס וועט אייך אנפארטרויעט ווערען און איהר וועט מוזען וויסען ווי אזוי זי אָפּצוהיטען.

משה איז, נאָכדעם ווי ער האָט געוואָרענט דאָס פאָלק און זיי געהייליגט און צוגעגרייט צו דיעזער גרויסער פאסירונג, צוריק ארויף אויף דעם בארג סיני.

אויף דעם דריטען טאָג האָט אָנגעהויבען צו דונערען און בליצען. דער גאנצער בארג איז ווי איינגעהילט געוואָרען

אין פייער און אין רויך. און פון דאָרטען האָט זיך געקענט הערען די שטימע פון גאָט אין די צעהן געבאָט:

"איך בין גאָט, דיין גאָט, וואָס האָט דיך ארויסגענומען פון מצרים, פון שקלאַפען הויז.

"דו זאָלסט ניט האָבען קיין אנדערע געטער, זאָלסט נישט מאַכען קיין געטער און זיי דינען און זיך בוקען צו זיי.

"זאָלסט נישט שווערען פאַלש מיט גאָט'ס נאָמען, ווייל גאָט וועט קיינמאָל נישט מוחל זיין דעם, וועלכער האָט געשוואוירען פאלש מיט גאָט'ס נאָמען.

"דו דארפסט געדענקען היילִיג צו האלטען דעם טאָג שבת; זעקס טעג דארפסטו ארביטען און טהאָן אלע דיינע ארבייט און דער זיבעטער טאָג איז שבת, א רוהע טאָג פאר אלעמען. דו, דיינע קינדער, דיינע קנעכט און דינסטען, דער פרעמדער אין דיין לאנד, אפילו דיינע בהמות זאָלען רוהען אום שבת, ווייל אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאפען די וועלט און אלץ, וואָס עס געפינט זיך דאָרט און אויף דעם זיבעטען טאָג האָט גאָט גערוהט, דעריבער האָט ער דיזען טאָג געבענשט און איהם הייליג געמאכט.

"גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און מוטער, ליעב זיי און פאָלג זיי, צוליעב דעם וועט גאָט דערלייִנגערען דיינע יאָהרען.

"דו זאָלסט נישט מאָרדען!

"דו זאָלסט נישט זיין אונמאָראליש!

"ו זאָלסט נישט גנב'ענען!

"דו זאָלסט נישט זאָגען קיין פאלשע עדות געגען דיין פריינט!

"דו זאָלסט נישט געלוסטען דיין פריינד'ס הויז, דו זאָלסט נישט געלוסטען דיין פריינד'ס פרוי, זיין קנעכט, זיין דינסט, זיין אָקס, זיין אייזעל און אלץ, וואָס דיין פריינט פארמאָגט".

דאָס זיינען עשרת הדברות, די צעהן הויפט געבאָטען, אויף וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט דארפען באַזירען זיין לעבען אום צו זיין א מוסטער פאר אלע אנדערע נאַציאָנען.

אלע האָבען מיט גרויס עהרפורכט צוגעהערט צו די הייליגע געטליכע ווערטער.

דאָס גאנצע פאָלק האָט זיך יעצט געפיהלט ווי ניי־געבוירען. גליקליך זיינען זיי געווען אָנצונעהמען אזא וואונדערבארע הייליגע תורה, מיט אזעלכע גערעכטע און טייערע געזעצען.

באלד זיינען די צעהן געבאָט איבערגעגעבען געוואָרען פון מויל צו מויל. יעדער האָט זיך גליקליך געפיהלט, יעדער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ, אז ער איז א מיטגליד פון דעם אויסדערוועהלטען פאָלק ישראל.

משה האָט צוזאמענגערופען די עלטסטע פון פאָלק און די, וועלכע זיינען געווען פעהיג. ער האָט אויך גערופען זיינע זיהן און אהרן'ען מיט זיינע זיהן, אויך יהושע'ן, כלב'ן און חור'ן און ער האָט זיי גענומען לערנען און ערקלעהרען די אלע איינצעלהייטען פון די געבאָטען. ער האָט מיט זיי געלערענט ווי אזוי צו ערקלעהרען דעם פאָלק די געזעצען פון גאָט, ווי אזוי אויסצוטייטשען מאנכע פון די געבאָטען.

"ווען איהר געפינט אין דער תורה, אז א לעבען מוז באַצאָהלט ווערען פאר א לעבען, וואָס מיינט, אז ווען איינער טויטעט דעם צווייטען, מוז ער דערפאר באַצאָהלען מיט זיין אייגען לעבען, דארף דאָס נישט אָנגענומען ווערען אין יעדען פאל. עס זיינען פאראן אויסנאהמען, ווי צום ביישפיעל, ווען יענער האָט נישט געהאט די כונה צו טויטען זיין פריינט, ווען ער האָט עס געטהאָן בשוגג. דער משפט איבער דעם באשולדיגטען דארף געטהאָן ווערען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. און דעריבער ווען די תורה שרייבט "א לעבען פאר א לעבען", קען דאָס אין פיעלע פאלען אויסגעטייטשט ווערען, דאָס אויסלייז־געלט פאר דעם פארלוסט פון לעבען, וואָס איז פאראורזאכט געוואָרען דורך א צווייטען, זאָל געגעבען ווערען, ווען עס וועט גוט אויסגעפאָרשט ווערען, אז יענער האָט נישט געמיינט צו פאראורזאכען דעם טויט פון זיין פריינט".

"און ווען די תורה שרייבט "אן אויג

פאר אן אויג, א צאהן פאר א צאהן, א האנט פאר א האנט און א פוס פאר א פוס", מיינט עס נישט, אז אויב אימיצער, אין קאמף מיט א צווייטען, פאראורזאכט דעם פארלוסט פון זיין פריינט'ס אויג, זיין צאהן, זיין האנט אדער פוס, אז מען דארף איהם דערפאר באשטראפען מידה כנגד מידה און איהם אויסהאקען זיין אויג אדער צאהן. ניין! עס מיינט, אז ווען דער מאן וועט געפונען ווערען שולדיג, זאל ער דארפען באצאהלען צו דעם באשעדיגטען די ווערדע פון זיין אויג, צאהן, האנט אדער פוס אין געלט".

נאך פיעלע זאכען האט משה געלערענט די אלע, וועלכע האבען זיך פארזאמעלט ארום איהם און דערנאך האט ער באשטימט, לויט דער עצה פון זיין שווער יתרו, שופטים איבער'ן פאלק, א שופט איבער טויזענט, א שופט איבער הונדערט, איבער פופציג און איבער צעהן.

— איהר זאלט משפט'ן דאס פאלק און איהם לערנען די אלע מצוות, וואס גאט האט אונז געגעבען, — האט משה זיי אנגעזאגט. — און ווען עס וועט זיך מאכען א גאנץ שווערע זאך, זאלט איהר קומען צו מיין ברודער אהרן, ווייל איך וועל פארברייננגען א היבשע צייט אויף דעם בארג סיני. איך וועל אנשרייבען די גאנצע הייליגע תורה, וואס גאט האט מיר איבערגעגעבען פאר אייך. איך וועל אויסהאקען צוויי שטיינערנע לוחות, וואו די צעהן געבאט וועלען אויסגעקריצט ווערען.

ווי משה האט געענדיגט זיינע רייד איז ער ווידער געגאנגען צו דעם בארג, צו שרייבען די תורה פאר דעם פאלק ישראל, און זיי ארונטערצוברייננגען די לוחות מיט די צעהן געבאט.

22־טער קאפיטעל
די גאלדענע קאלב

ווען משה האט זיך צוריקגעקעהרט צו דעם בארג סיני, האבען איהם בעגלייט אהרן, זיינע זיהן, יהושע, חור און זיבעציג פון די עלטסטע פון ישראל.

צוקומענדיג גאנץ נאהענט צום בארג האט זיך משה אפגערופען צו די עלטסטע:

איהר זאלט מאכען אייערע געצעלטען דא נישט ווייט פון בארג און ווארטען ביז וואנען איך וועל זיך צוריקקעהרען מיט די געטליכע לוחות, און דאן וועל איך אייך לערנען די געזעצען און אלעס וואס איז געשריבען אין דער תורה און מיט אייך וועלען דא בלייבען אהרן און חור און ווען אימיצער וועט האבען א משפט און די וועלכע איך האב בעשטימט צו משפט'ן דעם פאלק וועלען נישט וויסען ווי צו משפט'ן זאלען זיי קומען צו אהרן און חור. איהר דארפט אויך זעהן צו ווארענען דעם פאלק נישט צו דערנעהנטערן זיך צום בארג סיני און איהר אליין זאלט זיך האלטען ביי דיזען מרחק און קיין פערזוך נישט מאכען צוצוגעהן עטוואס נעהענטער, בלויז יהושע, מיין תלמיד און משרת, ער וועט צוקומען עטוואס נעהענטער און ווארטען אויף מיר אונטען, נעבען בארג.

גרוים איז געוועזן די פרייד צווישען פאלק ווען זיי האבען געהערט די צעהן הויפט געבאטען, יעדער האט יעצט געפיהלט, אז דאס לעבען האט יעצט א בעזונדערע ווערטה. די איינינקייט פון גאט האט זי דערהויבען און שטאלץ געמאכט. אויב עס איז ביי וועמען עס איז געוועזן פריהער א קליינער צווייפעל וועגען די געטער פון מצרים, איז עס יעצט ביי זיי אין גאנצען פערשוואונדען.

די איינציגע וועלכע האבען זיך געפיהלט גאנץ איינג און זעהר נישט אנגענעהם זיינען געוועזן די ערב רב, די נישט אידען וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען אין די אידישע רייהען, ווען זיי האבען פערלאזען מצרים. פאר זיי איז געוועזן זעהר שווער זיך אפצוגעוואוינען פון די געטער, און איידער די עשרת הדברות זיינען צו זיי געגעבען געווארען, האבען זיי גאנץ אפט געדינט זייערע פריהערדיגע געטער. יעצט אז דער שטרייננגע פערבאט איז ארויס־

געגעבן געווארען, האבען זיי מורא געהאט עס צו טאהן.

פיעלע פון זיי האבען גענומען פרעגען זייערע שכנים די ישראלים וועגען דעם גאט וואס משה האט זיי געלערענט.

— מיר קענען נישט פערשטעהן וואס פאר א גאט דאס איז אז מיר קענען איהם נישט זעהן — האבען אייניגע פון די ערב רב געפרעגט — די געטער פון מצרים האבען מיר צו יעדער צייט געקענט זעהן, ווען מיר האבען זיך געבוקט האבען מיר געוואוסט צו וועמען מיר בוקען זיך און ווען מיר האבען מתפלל געווען, האבען מיר געוואוסט צו וועמען מיר טוען עס. אבער אייער גאט, דער גאט וועגען וועמען משה האט אונז דערצעהלט, וואו איז ער, ווי זעהט ער אוים?

— אונזער גאט איז אין הימעל, ער האט בעשאפען די וועלט און אלעם וואס עס איז פאראן—האט מען זיי געענטפערט—ער איז דער גאט פון אונזערע עלטערן אברהם, יצחק און יעקב.

— אבער ווי אזוי קענען מיר גלויבען אין איהם אז מיר זעהען איהם נישט מיט אונזערע אויגען—האבען אנדערע פון דעם ערב רב זיך נאך אלץ נישט צופריעדען געשטעלט—דעם גאט אזירים, דעם הויפט גאט פון אלע געטער האבען מיר געזעהען, ער האט אויסגעקוקט ווי א שטארקער אקס, אפים איז געווען דער גאט וואס האט אונז אלעמען געשפייזט, און יעצט ווייסען מיר אפילו נישט ווי אונזער גאט קוקט אוים ?!

— דער מענש האט נאך נישט דערגרייכט צו דער מדרגה ער זאל קענען זעהן דעם ריכטיגען גאט מיט זיינע אויגען — האט אימיצער פון דעם שבט יהודה זיך אפגערופען—אבער דארפען מיר דען איהם זעהן אז מיר זאלען אין איהם גלויבען און דינען צו איהם, קענען מיר דען נישט פיהלען זיין גרויסקייט און מעכטיגקייט אין יעדער זאך... איז דען נישט דער כבוד און רוהם פון דעם בעשעפער פון דער וועלט פול אומעטום. משה, אונזער פיהרער. איז דער איינציגער וועלכער האט זוכה געווען צו זעהן אונזער גאט. אבער מיר אלע, זיינען דען פאר אונז נישט די ניסים און וואונדער וואס גאט האט דורך משה'ן צו אונז בעוויזען א גוטער צייכען אז אונזער גאט איז מעכטיג און געפינט זיך צווישען אונז?

— דעריבער איז טאקע משה פערדערבענט צו אונז אלס גאט! — האבען אייניגע פון די ערב רב געדרונגען—משה האט באוויזען אט די אלע נסים, ער האט בעשטראפט מצרים, און ער האט געשפאלטען דעם ים און יעצט איז ער טאקע פערדערבענט פאר אונזער גאט.

— אבער וואו איז משה יעצט? — האבען אנדערע גענומען היידען מיט שרעק. שוין פיעלע טעג זיינען פאריבער און מיר זעהען איהם נישט און מיר הערען איהם נישט, ווער ווייס וואס מיט איהם האט דארטען פאסירט ?!

— אפשר איז ער גאר געשטארבען! פילייכט האט זיך דער גאט אפים געשטארקט איבער משה'ן און איהם בעזיעגט!

— וואס וועלען מיר יעצט טאהן אויב אונזער פיהרער און גאט משה וועט שוין מעהר נישט זיין! וועלען מיר דען קענען געהן ווייטער אין דיזען מדבר אהן א פיהרער און וועג־ווייזער. מיר וועלען מוזען האבען א גאט, וועלכער זאל זיין אזוי מעכטיג ווי משה!

— וואס האט דען פאסירט מיט משה'ן? — האבען אייניגע געפרעגט.

— עס איז שוין מעהר ווי דרייסיג טעג זינט ער איז ארויף אויף דעם בארג און ווי ער וואלט דארטען פערשלונגען געווארען, מיר זעהען איהם נישט און מיר הערען גאר נישט פון איהם. דער בארג איז בעדעקט מיט א שווארצען וואלקען, איז דען דאס נישט א סימן אז משה איז טויט און ער איז בעזיעגט געווארען פון איינעם פון די מעכטיגסטע געטער פון מצרים!

— משה איז אויף דעם בארג סיני, ער שרייבט דארטען די תורה, און פערענדיגט די לוחות אויף וועלכע די צעהן געבאט זיינען אויסגעקריצט! — האט מען זיי געענטפערט — עס וועט געדויר־

ערען בלויז נאָך איינִיגע טעג און ער וועט פאַרטיג ווערען, דאַן וועט ער זיך ווידער בעווייזען פאַר אונז!

מיט גרויס אומגעדולד האבען אלע אידען געוואַרט אויף משה'ס אַרונטערקומען פון באַרג סיני און ווען נאָך עטליכע טעג זיינען פאַריבער און משה איז נאָך נישט אַרונטער, איז זייער אומרוהיגקייט גרעסער געוואָרען. א שרעק האט אלעמען אַנגענומען און פיעלע פון זיי האבען געמאַכט א פערזוך צוצוקומען גאַנץ נאָהענט צום באַרג, אהרן און די זקנים אבער האבען זיי נישט דערלאָזען.

— משה, אונזער האַר, האט שטרענג אַנגעזאָגט אַז קיינער זאָל נישט וואַגען זיך דערנעהנטערן צום באַרג! — האָבען די עלטסטע געזאָגט צו די וועלכע זיינען צוגעקומען נאָהענט צום באַרג.

— אבער דאס פאלק איז זעהר בעזאָרגט. אלע ווערען אומרוהיג, מיר ווייסען נִיט וואס צו טראַכטען וועגען אונזער האַר משה'ן פאַרוואס פערזאַמט ער זיך אַזוי לאַנג?!

— ווען משה וועט פאַרטיג ווערען וועט ער אַרונטערקומען — האט אהרן זיי געענטפערט — איהר מעגט בערוהיגען דעם פאָלק אַז קיין בייזעס האט צו איהם נישט געשעהען.

אבער דאס פאָלק האט זיך נישט בערוהיגט. די ערב רב האבען גענומען פאַרשפּרייטען משונה'דיגע קלאַנגען. וועגען דעם קאַמפף פון די געטער פון מצרים מיט משה'ן.

— די געטער פון מצרים זיינען געווען געדולדיג ביז אהער, זיי האבען געוואַרט ביז די גינסטיגע צייט און יעצט האבען זיי פערפיהרט א קאַמפף מיט משה'ן און זיך מיט איהם אָפּגערעכענט פאַר אלעם וואס ער האט געטאָהן צו מצרים. יע, דער צאָרן פון אזירים און אפּיס איז געווען שטאַרק און יעצט האבען זיי ביידע נקמה גענומען פון משה'ן אונזער פיהרער און איהם געטויטעט.

— אָה, מיר זיינען פערלאָרען! מיר זיינען פערלאָרען! — האָבען איינִיגע פון די אידען גענומען יאָמערן. — אויב משה אונזער פיהרער איז שוין מעהר נישטאָ צווישען אונז וואס וועלען מיר טאָהן? וועלען מיר דער קענען אַזוי ווייטער אָנגעהן?!

— מיר מוזען האבען א גאָט וועלכער זאָל אונז פיהרען און העלפען געגען אונזערע שונאים וועלכע געפינען זיך אַרום אונז!

— אויב דער גאָט פון מצרים האט בעזיעגט משה'ן וועלען מיר אלע דאַרפען דינען צו דיזען גאָט, פיליייכט וועט ער איבער אונזער רחמנות האבען און וועט אונז מיט אונזערע קינדער נישט פערניכטען!

— אבער משה לעבט, ער איז נישט בעזיעגט! — האבען איינִיגע פון דעם שבט לוי געזוכט אַריבערצושרייען דעם צומישמעלטען און צושראָקענעם פאָלק!

— אויב ער לעבט, טאָ וואו איז ער? עס איז שוין נאָהענט צו פערציג טעג, זינט משה איז אַרויף אויף דעם באַרג סיני, און מיר האבען בעמערקט אַז גלייך ווי ער איז אהין אַרויף, זיינען דאָרטען פאָרגעקומען דונערן און בליצען. יע, דאס האט דער מעכטיגער גאָט אפּיס אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף משה'ן פאַר די צרות וואס ער האט פעראורזאַכט צו די מצריים און יעצט איז ער טויט. זיי האבען איהם דערהרג'עט, און אויב מיר וועלען גלייך נישט חרטה האבען אויף אונזערע זינד און אָנפאַנגען ווידער צו דינען צו די געטער פון מצרים, וועלען זיי אויסלאָזען זייער צאָרן אויך צו אונז און צו אונזערע קינדער.

עס איז געוואָרען א טומעל און געשריי צווישען פאָלק. די פרעמדע איז געלונגען צו ווירקען אויף פיעלע פון די שבטים און אויך יענע האבען זיך אָנגעשלאָסען און צוזאַמען זיינען זיי געגאַנגען צווישען פאָלק און פערשפּרייט די קלאַנגען אַז משה איז טויט, אַז ער איז בעזיעגט געוואָרען פון די געטער פון מצרים. א גרויס געוויין און יללה האט אויסגעבראָכען. די פרויען זיינען

זעהר היסטעריש געוואָרען, די קליינע קינדער האבען געוויינט און געשריען.

— משה איז טויט! מיר האבען פערלאָרען אונזער פיהרער! — האבען זיך געהערט טענות — מיר זיינען אלע פערמשפּט צו שטארבען אין דער מדבר!

— לאָמיר מאכען א גאָט ווי די מצריים האבען און מיר וועלען צו איהם דינען פיליייכט וועט ער אונז מוחל זיין און אונז פיהרען צוריק קיין מצרים!

— מיר ווילען האבען א גאָט! מיר ווילען א פיהרער וועלכער זאָל אונז העלפען און בעשיצען געגען אונזערע שונאים! — האבען די פון דעם ערב רב גענומען שרייען. לאָמיר מאכען א גאָט אין דעם געשטאַלט פון דעם גאָט אפּיס, וואס האט אויסגעזעהען ווי אן אָקס! יע, בלויז אזא גאָט קען אונז יעצט העלפען.

— מיר ווילען זיך אבער נישט אומקעהרען נאָך מצרים — האבען אייניגע אידען אויסגערופען.

— דער גאָט אפּיס איז זעהר מעכטיג, ער האט געטויטעט משה'ן און וועט אונז געוויס אויך טוידטען! — האט אימיצער פון דעם ערב רב אויסגערופען—און אויב מיר ווילען זיך ניט אומקעהרען נאָך מצרים, וועט אפּיס זיך צוהערען צו אונזערע תפלות און אונז פיהרען וואוהין מיר ווילען. מיר דארפען בלויז צו איהם דינען מיט אונזער גאַנצען הארצען.

— עס איז זיכער אז דער גאָט אפּיס האט אונז גאָר אַרויסגענומען פון מצרים, כדי צו טויטען משה'ן און אונז אין דער מדבר! מיר מוזען אלע תשובה טאָהן צו די געטער פון מצרים. דאס איז דער איינציגער וועג וואס אונז איז פערבליבען!

— משה האט איבערגעגעבען די מאכט צו זיין ברודער אהרן — האט אימיצער פון די אידען אויסגערופען — און אויב אפילו משה וועט זיין טויט, וועט אהרן איבערנעהמען די פיהרערשאפט.

— ווער איז אהרן? ער קען אונז גאָר נישט העלפען! — האבען אנדערע געשריען — משה איז טויט און מיר ווילען האבען א גאָט וועלכען מיר זאלען קענען זעהן מיט אונזערע אויגען און וועלכער זאָל אונז פיהרען צו דעם לאנד כנען.

— לאָמיר זיך ווענדען צו אהרן פיליייכט וועט ער אונז קענען ראטהען וואס צו טאָהן.

— זיינען מיר דען נישט צוגעקומען צו אהרן מיט אייניגע טעג צוריק! און וואס האט ער אונז געענטפערט?

— ער האט אונז געענטפערט אז משה איז נישט טויט און אז ער וועט באלד ארונטערקומען. און יעצט זעהט איהר דאָך ווי אזוי מיר קענען גלויבען אהרן'ען.

— דען לאָמיר צו איהם צוגעהן און פערלאַנגען ער זאָל אונז מאכען א גאָט ווי דער אין מצרים צו וועמען מיר וועלען קענען דינען און וועלכער וועט אונז ארויסהעלפען אין דער צייט פון אונזער נויט!

— לאָמיר געהן! לאָמיר געהן! — האבען זיך געהערט שטימען.

באלד האבען זיך פערזאמעלט דער גאנצער ערב רב און מיטשלעפּענדיג מיט זיך אויך פיעלע פון פאָלק, האבען זיי גענומען איינריידען אלעמען אז זיי מוזען זעהן שאפען א נייעם גאָט.

באלד זיינען צו זיי צוגעשטאַנען אויך קרח און דתן און אבירם.

זיי האבען אויסגעקליבען פאַרשטעהער און זיי געשיקט צו אהרן, וועלכער איז געשטאַנען צוזאמען מיט חור'ן און די זקנים נישט ווייט פון בארג.

— דאס פאָלק פערלאַנגט א נייעם גאָט! — זיינען די פאַרשטעהער צוגעקומען צו אהרן — מיר ווייסען נישט וואס עס האט מיט משה'ן פאסירט, ער איז טויט, און מיר זיינען פערבליבען אהן א פיהרער.

— משה איז נישט טויט, ער לעבט!

— האט אהרן זיי ווידער גענומען בערוהיגען.

— מיר גלויבען דיר נישט! דו האסט אונז מיט אייניגע טעג צוריק געזאגט אז משה לעבט און אז ער וועט באלד

ארונטערקומען צו אונז. נו, איז ער דען ארונטער געקומען? מיר וועלען זיך צו דיר מעהר נישט צוהערען, מיר פערלאנגען א נייעם גאָט.

— יע, מיר ווילען א נייעם גאָט! דו קענסט נישט פערנעהמען דיין ברודער׳ס פּלאַץ! — האט קרח א געשריי געטאָהן אויף אהרן — דאס פּאָלק וויל דיך נישט און קיינעם נישט פון דיינע זיהן! מיר זיינען שוין אלע מיעד פון די קינדער פון עמרם. מיר ווילען א נייעם פיהרער!

אהרן האט געוואָרפען זיינע בליקען אויף קרח׳ן און ער האט פערשטאַנען אז יעצט איז נישט די צייט זיך אויסצוטענה׳ן מיט איהם.

— גוט! — האט אהרן אויסגערופען — איך וועל אייך מאכען א נייעם גאָט, אבער יעדער פון אייך וועט מוזען ברייגען פיעל גאָלד און ציערונג איך וועל אייך אויסגיסען א גאָלדענע קאלב.

— אהרן! — האט חור אויסגערופען מיט א בלאסען פּנים און צושראָקענע אויגען! — וואס האסטו געטאָן ווי אזוי קענסטו נאָכגעבען די פאָדערונג פון פאָלק ווען זיי פערלאנגען פון דיר צו מאכען פאר זיי אן אפּגאָט.

— האסטו דען נישט געזעהן אז קרח איז מיט זיי? — האט אהרן איהם אנגעציינט אויף קרח׳ן — און דעריבער האב איך געזאגט אז מען זאל ברייגען וואס מעהר גאָלד. איך בין זיכער אז מעהר וועט זיך שוין קרח נישט בעווייזען. איהם וועט זיין זעהר שווער זיך צו שיידען מיט א סך פון זיין גאָלד און דעריבער וועט ער זעהן אין גאנצען אויסצומיידען צו קומען.

— אָבער די איבעריגע וועלען דיר דאָך נעהמען ערנסט! — האט חור זיך אָפּגערופען.

— אהן קרח׳ס השפּעה וועט דאָס פּאָלק קיין סך גאָרנישט קענען טהאָן... עס וועט פאר אונז נישט זיין צו שווער איבערצוצייגען אלעמען זייער טעות!

— האָט אהרן איהם געענטפערט — זיי וועלען זעהן אז קרח, איינער פון זייערע אנפיהרער האָט זיך צוריקגעצויגען, ווען ער האָט געזעהן, אז עס דאַרף איהם קאָסטען א סך גאָלד, וועלען, מעגליך, די איבעריגע אויך טהאָן דאָס זעלבע, און אויב נישט, וועלען זיי יעדענפאלס זיך ניט איילען צו ברייגען זייער גאָלד און ציערונג און דערווייל קען נאָך משה ארונטערקומען.

אהרן אָבער האָט געמאכט א טעות, ווי דאָס פּאָלק האָט געהערט, אז אלעס וואָס מען דאַרף פאר א נייעם גאָט איז זייער ציערונג, האָבען פיעלע גלייך אויסגעטהאָן זייערע אוירינגלעך, רינגען און אנדערע ציערונג און האָבען דאָס גלייך געבראַכט צו אהרן, כאָטש קרח און זיינע פריינד האָבען זיך צוריקגעצויגען.

— וואָס וועסטו יעצט טהאָן. אָנקעל? — האָט חור געפרעגט אהרנ׳ען — זעהסטו ווי נייגיריג זיי זיינען פאר א נייעם גאָט, אז זיי האָבען געבראַכט אפילו זייערע ציערונג.

— און ווי לאַנג איז דאָס, אז זיי האָבען געהערט דעם געבאָט: ״דו זאָלסט נישט האָבען קיין אנדער גאָט אויסער מיר״ — האָט אהרן געזאָגט מיט טרויער. אָבער איין טרייסט איז עס אז דערווייל זעה איך בלויז די פרעמדע, די מענשען פון ערב רב, זיינען געקומען אָפּגעבען זייער ציערונג פאר אן אָפּגאָט!

— דו מאכסט א טעות, אהרן, — האָט חור אהם געענטפערט. איך זעה א גרויסען המון און צווישען זיי געפינען זיך אויך ישראלים פון יעדען שבט.

דאָס פּאָלק האָט זיך פערזאמעלט ארום אהרן און חור׳ן, זיי האָבען זיך גענומען שטופּען פאָראויס. יעדער מיט זיינע ציערונג.

— מיר האָבען אונזערע ציערונג געבראכט, מאך אונז א נייעם גאָט. ער זאָל זיין אונזער וועג ווייזער אנשטאט משה!... — האָבען זיך געהערט שטימען צווישען המון.

— זאָל איך געהן רופען יהושע׳ן! — האָט חור געפרעגט אָהרן׳ען — פיליכט וועט ער וויסען וואָס צו ענטפערען דעם המון, מעגליך אז ער קומט אין בעריה־

רונג מיט משה'ן, און ער וועט איהם זאגען ער זאל זיך צואיילען ארונטערצוקומען פון בארג.

— ניין, דו טארסט נישט געהן וויטער, האט דען משה אונז נישט אנגעוויזען דעם פלאץ, ביז וואנען מיר מעגען געהן?! איך ערווארט, אז משה זאל מארגען אליין ארונטערקומען, און איך וועל זעהן ווי זייט מעגליך עם אפצולייגען ביז מארגען...

איך צווייפעל אויב דער צוויזשעטער המון וועט האבען גענוג געדולד צו ווארטען ביז מארגען — האט חור געזאגט — איך זעה זיי קומען וואס מעהר.

— מאך אונז א גאלדען קאלב, אזוי ווי דער גאט אפּיס פון מצרים. ער איז שטארק און מעכטיג, ער וועט קעמפען געגען אונזערע שונאים! — האבען זיך געהערט געשרייען.

— מיר האבען די פורעמס פאר דעם גאלדענעם קאלב! האבען אנדערע אויסגערופען.

— ברייננגט די פורעמס און אייער ציערונג צו אהרנ'ען, ער וועט פאר אונז מאכען די גאלדענע קלאב! — האבען איינינגע אויסגערופען.

— ווען איך זאל זיי קענען איבעררײדען צו ווארטען ביז מארגען — האט אהרן זיך אפגערופען — איך וואלט זעהר נישט געוואלט אז די קינדער פון ישראל זאלען האבען אויף זיך אזא גרויסע זינד... אבער איך זעה, אז עס איז אונמעגליך. זיי זיינען ביי זיך פעסט בעשלאסען צו דיענען צו אן אפּגאט.

— איך וועל געהן צו זיי און זעהן זיי איבערצוריידען. זיי זאלען אזא הארבען פערברעכען נישט בעגעהן! — האט חור געזאגט.

— עס וועט זיין אומזיסט דיין מיה! ווען א המון צעיוזשעט זיך, דאן איז זעהר שווער צו ריידען צו איהם פארנינפטיגע רייד.. דער איינציגער וועג איז פערבליבען אפצולעגען ביז מארגען.

אהרן האט צוגערופען די פארשטעהער פון דעם ערב רב און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— איך האב גענומען אין אנבאטראכט אייער פאדערונג, איך זעה אז איהר זייט גערעכט, אויב משה, אייער פיהרער איז טויט, דאן מוז איהר האבען אימיצען אנדערש, וועלכער זאל אייער פיהרער זיין.

— מיר ווילען נישט קיין מענשען, יעצט ווילען מיר א גאט אזוי ווי דער גאט פון מצרים.

— אבער מצריים האבען דאך געהאט איינינגע געטער! — האט אהרן געזאגט.

— מיר ווילען א שטארקען גאט, ווי אפּיס, וואס האט דעם אויסזעהן פון אן אקס... יע, מיר האבען דיר געבראכט אונזער ציערונג ווי דו האסט אונז געהייסען, מיר האבען אויך מיטגעבראכט די פורעמס, וואס איינינגע פון אונז זיינען געוועזען גענוג קלוג עס מיטצובריינגען פון מצרים און יעצט גיס אונז אויס אזא גאט ווי אפּיס, און צו איהם וועלען מיר דיענען... דאן וועט ער אונז מוחל זיין וואס מיר האבען זיך פון איהם אפגעקערט.

— איך וועל אייערע פאדערונגען ערפילען! — האט אהרן זיי געענטפערט — אבער לאמיר ווארטען ביז מארגען, פיליכט וועלען נאך אנדערע צובריינגען זייערע ציערונג.

— מיר האבען גענוג גאלד! מיר וועלען מעהר ניט ווארטען! — האבען זיי געשריען — מאך אונז גלייך די גאלדענע קאלב און מיר וועלען דעם נייעם גאט נאך היינט דיענען.

— איך בעט דיר, אהרן! לאז מיך צו זיי ריידען! — האט חור זיך אפגערופען — פיעליכט וועט מיר געלינגען זיי איבערצוציייגען, וואס פאר א גרויסען פערברעכען זיי בעגעהן.

— ניין, דו וועסט גאר נישט קענען העלפען — דו וועסט בלויז שטעלען דיין לעבען אין געפאהר! דעם המון'ס בעשלוס וועלען מיר נישט קענען ענדערען, סיידען משה אליין זאל דערווייל ארונטערקומען.

— איך קען נישט דערלאזען, אז אן אפגאט זאל געמאכט ווערען אין דער

ציִיט, וואָס משה פערברייננגט אויף דעם באַרג סיני און זוכט פאָטיג צו מאַכען די לוחות מיט די צעהן געבאָט — האָט חור געזאָגט — זאָלען דען אונזערע ברידער גלייך עובר זיין אויף דעם ערשטען געבאָט?

— אָבער אין דער ציִיט ווען זיי זיינען אַזוי צוהיצט און צוקאָכט וועגען א נייעם אָפּגאָט, איז בעסער מיט זיי ניט צו ריידען — האָט אהרן איהם געוואָרענט.

— ניין, איך מוז זיי איבערציִיגען ווי נאַריש און אומגעלומפּערט זייער פערלאַנג איז! — האָט חור אויסגערופען און זיך א לאָז געטהאָן צו דעם פערזאַמעלטען המון.

— הערט זיך איין, מיינע פריינד צו מיינע רייד! — האָט זיך חור צו זיי דערנעהנטערט — משה אונזער פיהרער איז אַרויף אויף דעם באַרג סיני, וואו ער גרייט צו פאַר אונזער פאָלק א תורה, ער האַקט אויך אויס פון א שטיין צוויי לוחות מיט די צעהן געבאָט, און געדענקט איהר דעם ערשטען געבאָט?!

— אָבער משה איז טויט! מיר האָבען אונזער פיהרער פערלוירען און דעריבער דאַרפען מיר זיך נישט צוהערען צו די געזעצען, וואָס ער האָט אונז געגעבען — האָט איינער אויסגערופען.

— משה איז טויט און זיינע געזעצען זיינען טויט! און יעצט פערלאַנגען מיר א נייעם גאָט, מיט נייע געזעצען.

— די געטער פון מצרים האָבען משה'ן בעזיעגט! זיי האָבען איהם געטויטעט. דעריבער ווילען מיר מאַכען אַזאַ גאָט ווי די מצריים האָבען, מיר זאָלען צו איהם דינען און ער וועט אונז מוחל זיין און ווערען אונזער וועג־פיהרער.

— די געטער פון מצרים זיינען געמאַכט פון מעטאַל, זיי זיינען פון גאָלד און זילבער און זיי קענען גאָרנישט העלפען! — האָט חור אויסגערופען מיט א הויכע שטימע — בערעכנט זיך וואָס איהר געהט טהאָן, דערצאָרענט ניט אונזער גאָט. וועלכער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים און מיט אונז אַזוי פיעל נסים געטהאָן.

— משה איז ביז יעצט פערדעכענט געוועזן פאַר אונזער גאָט — האָט איינער פון די ערב רב אויסגעשריען — און ווייבאַלד אַז ער איז טויט, מוזען מיר האָבען א נייעם גאָט.

— משה איז נישט טויט! ער לעבט, וואַרט צו נאָך א טאָג אָדער צוויי און איהר וועט זעהן ווי משה וועט אַרונטערנידערען פון באַרג! — האָט חור פרובירט זיי בערוהיגען.

— דו ביזט א ליגנער! משה איז טויט! — איז איינער פון המון איהם ענטקעגען געקומען.

— מיר ווילען א נייעם גאָט!!

—מיר קענען שוין מעהר נישט וואַרטען.

— מיר מוזען האָבען אימיצען, ווער עס זאָל בעשיצען אונזערע פרויען און קינדער!

דער טומעל און געשריי פון המון האָט זיך געגומען פערשטאַרקען. חור האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקען. ער האָט זיין שטימע נאָך העכער אויפגעהויבען און דעם צווישען המון גענומען וואָרנען, אַז אויב זיי ווילען וואָגען עובר צו זיין אויף דעם ערשטען געבאָט, וועלען זיי האָבען א ביטערען סוף.

— מיר ווילען האָבען אַזאַ גאָט ווי אַפּיס! — האָבען אייניגע אינגערע פון דעם ערב רב גענומען שרייען.

— איך פערשטעה — האָט חור אויסגערופען, צוזאַמען מיט דעם ערשטען געבאָט ווילט איהר אויך עובר זיין אויף דעם זיעבעטען געבאָט.. מיר אַלע ווייסען דאָך וואָס פאַר א שעדליכע זאַכען עס פלעגט זיך אָפּטהאָן אין מצרים, אין דעם טעמפּעל פון אַפּיס, וואו די פרויען און מענער פלעגען מזנה זיין אין דער עפענטליכקייט! ניין! איהר וועט נישט פערשוועכען דעם אידישען לאַגער! איך וועל נישט דערלאָזען, איהר זאָלט דינען צו א גאָלדענע קאַלב, כדי איהר זאָלט קענען פערברייגגען אין הוללות און זנות.

— ווער ביזטו עס אז דו וועסט אונז נישט לאָזען! — האָט זיך דער המון א לאָז געטהאָן צו איהם. מיר ווע֫לען דיר ציינען ווי אזוי אונז צו שטערען.

— טויטעט איהם!

— לאָמיר איהם ציינען אונזער מאכט!

— ער האָט בעליידיגט די געטער פון מצרים, ער מוז שטארבען!

— א טויט צו דעם זוהן פון מרים!

חור האָט געזעהן ווי דער צעווילדעוועטער המון האָט זיך צו איהם א לאָז געטהאָן און ער האָט זיך געוואָלט אומקעהרען צוריק, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט דערפיהלט זייערע שטארקע הענט... קלעפּ האָט גענומען האָגלען אויף איהם פון אלע זייטען. מיט ווילדע געשרייען זיינען זיי איהם בעפאלען און געשלאָגען מיט וואָס זיי ראָבען געהאט אין זייערע הענט. דער מיט א שטעקען, דער מיט א שטיין און מיט אנדערע שווערע זאכען.

ווען אהרן האָט פון ווייטען דערזעהן וואָס עס קומט פאָר, איז ער שנעל צוגעלאָפען צו בערוהיגען דעם המון און צו ראטעווען זיין פּלימעניק, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט... חור איז געלעגען א צובלוטיגטער אויף דעם באָדען.

— וואָס האָט איהר געטהאָן! — האָט אהרן אויסגערופען מיט טרעהרען אין זיינע אויגען. איהר האָט דאָך איהם געטויטעט!

— מיר ווע֫לען טויטען יעדען איינעם וועלכער וועט אונז שטערען! האָבען זיך געהערט שטימען — מיר ווילען א גאָט אזעלכען ווי אפּיס.

אהרן האָט זיי גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך אריבערגעבויגען איבער דעם גוסס'ן קערפּער פון חור און ער האָט זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט.

— דו האָסט אונז געהייסען ברייננען אונזער ציערונג, מיר האָבען דיר געפאָלגט און געבראכט אונזער גאָלד, אונזערע פרויען האָבען ארונטערגענומען פון זיך זייערע גאָלדענע אוירינגלעך און מיר האָבען אויך געבראכט די פורעמס פון דעם גאָט אפּיס, און יעצט מאך אונז א גאָט.

— מאך אונז א גאָלדענעם קאלב וואָס זאָל אויסזעהן ווי אפּיס, ווייל צו איהם ווילען מיר דינען! — האָבען זיך איינינע נאָך שטאארקער צוהיצט.

אהרן האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. ער האָט נישט אָפּגעטראָטען פון זיין פּלימעניק.

— זאָל מען ברייננען א רופא פיליי͏כט וועט מען נאָך איהם קענען אָפּראטעווען! — האָט אהרן א געשריי געטהאָן.

— ער האָט פערדיענט דעם טויט!

— קיין רופא וועט איהם שוין ניט העלפען!

— יאָ, ער איז טויט!

— יעצט מאך אונז דעם גאָט ווי דו האָסט אונז פערשפּראָכען! אויב ניט וועסטו האָבען דעמזעלבען סוף ווי חור!

— דו וועסט זיך ניט ארויסדרעהען פון אונזערע הענד! — האָט מען איהם גענומען דראָהען מיט זייערע פויסטען, מאך אונז די גאָלדענע קאלב וואָס זאָל זיין אונזער גאָט און מיר וועלען צו איהם דינען.

אהרן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאץ, ער האָט בעטראכט די צאָרענדע אויגען און צופלאמטע פּנים'ער פון די פערזאמעלטע, ער האָט געזעהען זייערע צוזאמענגעדריקטע פויסטען און ער האָט פערשטאנען אז קיין זאך וועט זיי ניט אָפּהאלטען פון צו בעגעהן א צווייטען מאָרד. און ווען זיי וועלען איהם טויטען דאן וועט אלעס זיין פערפאלען, עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל זיי בעהערשען, און זיי וועלען זיך איינער דעם צווייטען אויסקוילענען.

— שפּרייט אויס א לײלעך און וואָרפט אהין אריין אייערע גאָלדענע ציערונג! — האָט אהרן א געשריי געטהאָן, איך וועל אייך מאכען א גאָלדענע קאלב ווי איהר פערלאנגט.

באלד האָט מען אויסגעשפּרייט א ברייטען לײלעך און יעדער האָט אהין

אריינגעוואָרפען וויפיעל גאָלד ער האָט מיט זיך געהאט.

— דאָס איז נאָך ווייט ניט גענוג! — האָט אהרן זיך אָפּגערופען — איך דאַרף נאָך גאָלד.

— מיר וועלען דיר גלייך ברענגען! ניט אלע פרויען האָבען אוועקגעגעבען זייער גאָלד.

— לאָמיר געהן צו קרח'ן! ער האָט גענוג גאָלד, און ער איז פריהער אויך צו אונז צוגעשטאנען.

— אָבער זעהט איהר דען ניט אז ער האָט חרטה געהאט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז מען דאַרף גאָלד צו מאַכען א נייעם אָפּגאָט! — האָט אהרן זיי געזאָגט.

— וועלען מיר איהם צווינגען אונז צו געבען אזוי פיעל גאָלד וויפיעל ס'עס איז נויטיג! — האָבען אייניגע זיך אָפּגערופען.

— צו קרח'ן! צו קרח'ן! — האָבען זיך געהערט שטימען — לאָמיר געהן צו קרח'ן און פערלאַנגען ער זאָל אינז געבען גאָלד פאַר דעם עגל הזהב! ער איז גענוג רייך, ער פערמאָגט אונגעהייער רייכע אוצרות!

— און וואָס וועט איהר טהאָן אז ער וועט ניט וועלען געבען, האָבען אייניגע געפרעגט.

— דאַן וועלען מיר צו איהם טהאָן ווי מיר האָבען געטהאָן צו חור'ן און מיר וועלען אליין אלעס אוועקנעהמען פון איהם, קומט, לאָמיר געהן!

— וואַרט! — האָט אהרן זיי פערהאַלטען, עס איז ניט ריכטיג צו מאַכען א גאָט פון גערויבטען גאָלד, יעדער איינער דאַרף געבען פרייוויליג און אויב ער וויל ניט געבען קען מען איהם דערצו ניט צווינגען, שפּעטער צו וועט זיך דער גאָלדענער גאָט אליין מיט יענעם אָפּרעכענען, אָבער איהר מוזט נאָר זעהן אז מען זאָל געבען די גאָלד פאַר דער גאָלדענער קאַלב, מיט'ן גוטען ווילען, געהט צווישען די אלע וועלכע זיינען שטאַרקע אנהענגער פון דעם מצרישען אָפּגאָט אָפּיס און זיי וועלען שוין געבען זייערע לעצטע ציערונג.

אין א ווייַלע ארום האָבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט נאָך גאָלדענע צירונג.

— וואו האָט איהר דיעזע ציערונג גענומען? — האָט זיי אהרן געפרעגט — איהר האָט דאָך זיכער ניט געצוואונגען קרח'ן און די אנדערע וועלכע האָבען ניט געגעבען, זיי זאָלען אויך ביישטייערען צום עגל?!

— ניין, מיר האָבען קיינעם ניט געצוואונגען, אָבער מיר זיינען אריין אין לאַגער און אויסגערופען אז עס פעהלט גאָלד צו מאַכען די גאָלדענע קאַלב פאַר אונזער גאָט, און די פרויען פון ערב רב וועלכע האָבען שוין פריהער געהאט געגעבען, האָבען יעצט אוועקגעגעבען די איבעריגע ציערונג וואָס איז זיי פערבליבען. יאָ, דערפאַר האָבען מיר פערשפּראָכען יענע פרויען אז זיי וועלען זיין די ערשטע וועלכע וועלען צוגעלאָזען ווערען צו דינען דעם נייעם גאָט אָפּיס.

אהרן האָט געמאַכט א גרויסען פייער און האָט צוזאַמענגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און דאָס איינגעוויקעלט און נאָכהער האָט ער דאָס געלאָזען צושמעלצען אין פייער. עס האָט געדויערט א היבשע ווייַלע איידער דאָס גאָלד איז צושמאָלצען געוואָרען. אהרן האָט יעדע ווײלע אויפגעהויבען זיינע אויגען און געקוקט אין דער ריכטונג פון דעם באַרג סיני, ער האָט נאָך אלץ געהאָפט אז אָט באלד, באלד וועט ארונטערקומען משה פון באַרג, און דאַן וועט א גרויסע זינד פערמידען ווערען, אָבער צו זיין גרויסע ענטטוישונג, האָט ער קיינעם ניט געזעהען.

ער האָט גענומען לאנגזאם, צו געווינען מעהר צייט און אריינגעגאָסען דאָס צושמאָלצענע גאָלד אין דעם גרויסען פורעם, וואָס מען האָט איהם געבראַכט. א היבשע ווייַלע האָט ער געלאָזען אָפּקיהלען דעם פורעם. אלע פערזאַמעלטע האָבען צוגעקוקט מיט גרויס נייגעריגקייט און האָבען געוואַרט מיט גרויס

שפאנונג אז אהרן זאל פונאנדערנעהמען דעם פורעם.

די זון האט זיך שוין געהאט א רוק געטהאן אין מעריב, עס האט אנגעהויבען טונקעל צו ווערען, אהרן האט נאך אלץ מיט א קלאפענדע הארץ געווארפען זיינע בליקען צו דעם בארג סיני, ער האט זיך ניט געאיילט פונאנדערצונעהמען די פורעמס, ער האט אבער באלד בעמערקט ווי דער עולם פערלירט זיין געדולד, ליינגער וועט ער שוין ניט קענען אפהאלטען.

— איך גלויב אז עס איז שוין פארטיג! — האט אהרן זיך אפגערופען, איהר מוזט אלע צוריקטרעטען אויף א קורצע שטרעקע, עס זאל ניט פערשוועכט ווערען די הייליגקייט פון דעם נייעם גאט.

דער עולם האט זיך א רוק געטהאן אויף הינטען און אהרן האט מיט געמאכט פארזיכטיגקייט פונאנדערגענומען די פורעם.

באלד האט דער עולם דערזעהען א גרויסע גאלדען קאלב אין דעם געשטאלט פון דעם מצרישען אפגאט אפּים.

— אט דאס איז דער גאט, — האבען זיך געהערט יובעלענדע שטימען, דאס איז אונזער נייער גאט וואס וועט אונז פיהרען אין דיעזען מדבר!

— דאס איז דער גאט וואס האט אייך קינדער פון ישראל ארויסגענומען פון מצרים, ער וועט אונז פיהרען צו דעם לאנד, וואס פליסט מיט מילך און האניג.

— לאמיר גלייך ברייגנען איהם קרבנות און מתפלל זיין צו איהם.

— מיר וועלען ברייגנען אונזערע שאף און מקריב זיין צו דעם נייעם גאט, זאל ער אונז פערגעבען אונזערע זינד!

— עס איז שוין שפעט! — האט אהרן געזאגט, די נאכט וועט באלד צופאלען און עס איז יעצט ניט די צייט צו דינען דעם נייעם גאט, מארגען וועלען מיר ערקלעהרען א יום טוב פאר'ן גאנצען פאלק. א יום טוב פאר דעם נייעם גאט וואס איהר האט געמאכט און דאן וועלען מיר אלע מקריב זיין קרבנות צו איהם. אבער יעצט געהט אלע רוהיג צו אייערע געצעלטען און רוהט זיך אויס.

— מיר ווילען אבער ניט איבערלאזען דעם גאט אליין — האבען איינינע געשריען.

— מיר וועלען איהם היטען, אז קיין שלעכטס זאל צו איהם ניט געשעהן.

א ביטערער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף אהרן'ס ליפען:

— גלויבט איהר ניט אז א גאט קען זיך זעלבסט אויסהיטען פון שלעכטס?

— אבער אויך אין מצרים אין טעמפעל וואו דער גאט אפּים איז געשטאנען, זיינען אימער געווען פריסטער וועלכע האבען דעם גאט געהיט! האבען איינינע פון ערב רב זיך אפגערופען. און אויב מיר אלע וועלען איהם ניט דארפען היטען, פערלאנגען מיר פון דיר, אהרן, דו זאלסט בעשטימען פון אונז איינינע פריסטער וועלכע זאלען בלייבען מיט דעם גאט די גאנצע נאכט.

— די מענער, וועמעס פרויען האבען אפגעגעבען די מעהרסטע ציערונג וועלען בלייבען דא מיט דע[ם] נייעם גאט האט אהרן זיך אפגערופען, און די איבעריגע וועלען געהען יעדער צו זיין געצעלט.

דערווייל[ע] האט מען אנגעזאגט מרים'ן און איהר מאן כלב'ן אז עפּעס האט פאסירט מיט זייער זוהן. זיי זיינען שנעל ארוים פון זייער געצעלט און מיט גרוים אימפּעט געלאפען צו דעם פלאץ וואו דער צווישעטער המון איז געשטאנען.

— מיין הארץ שרעקט מיר אזוי! — האט מרים זיך אפגערופען צו איהר מאן, איך וויים אז דער ערב רב האט זיך געבונטעוועט, און זיי האבען פערלאנגט פון אהרן'ען ער זאל זיי מאכען א נייעם גאט... און ווער וויים וואס עס האט דארטען פאסירט...

— פון די ערנסטע פנים'ער פון די וועלכע האבען אונז אנגעזאגט, צייגט אז עס האט פאסירט א שרעקליכע זאך, אבער דאך קען מען דערפון גארניט

דרינגען, ווייל זיי זיינען געווען צופיעל אויפגערעגט וועגען דעם גאנצען עניין, האט כלב געזוכט צו טרייסטען מרים'ן.

פון ווייטען האבען זיי דערזעהען דעם גרויסען המון, און זיי האבען פערשנעלערט זייערע טריט. די צוואווילדעוועטע געשרייען האבען דערגרייכט זייערע אויערען:

— מיר דוכט אז זיי האבען געקראגען זייער אפגאט! האט כלב אויסגערופען, אהרן האט ווי עס ווייזט אויס נאכגעגעבען זייער פאדערונג.

— ווי אזוי האט מיין ברודער געקענט טהאן אזא זאך! — האט מרים אויסגערופען, ניין, עס איז אוממעגליך.

— אבער הערסטו ניט ווי זיי שרייען: "דאס איז דער גאט וואס האט אייך ארויסגענומען פון מצרים".

— יא, איך הער, האט מרים טרויעריג געענטפערט, זאל אונז גאט העלפען און איהם מוחל זיין פאר דעם, ווי עס ווייזט אויס האבען זיי איהם געצוואונגען, אבער חור איז געווען מיט איהם, און איך בין זיכער אז ער וואלט בשום אופן ניט דערלאזען צו אזא זאך.

— וועגען דעם טאקע בין איך אומרוהיג, האט כלב געענטפערט.

— וואס, דיר שרעקט אויך דאס הארץ? האט זי זיך נאך מעהר דערשראקען.

— מיר זיינען שוין ניט ווייט וועלען מיר באלד אויסגעפינען.

— עס איז גאר אוממעגליך דורכצוגעהן, עס איז אזוי געדיכט מיט מענשען.

— אה, איך זעה די גאלדענע קאלב!

— האט כלב מיט פערדרוס אויסגערופען, דאס וועט זיין א שאנדפלעק אויף דעם גאנצען אידישען פאלק!

— און איך זעה אהרן'ען, האט מרים אויסגערופען, אבער מיר דוכט זיך אז ער איז אליין, איך זעה ניט חור'ן מיט איהם!

מיט גרויס מיה האבען זיי זיך דורכגעבראכען א וועג און מרים איז צוגעלאפען צו אהרן'ען און אויסגערופען א צושראקענע.

— זאג מיר, מיין ברודער, וואו איז מייז זוהן חור?!

אהרן האט אנגענומען זיין שוועסטער פאר'ן האנד, די טרעהרען זיינען איהם אין די אויגען געשטאנען, ער האט קיין ווארט ניט געקענט ארויסריידען.

די קולות פון המון האט זיך פערשטארקט:

— מיין פרוי האט געגעבען מעהר ציערונג, דעריבער דארף זי פערבלייבען היטען דעם גאט! האבען אייניגע געשריען.

— איך האב געגעבען א סך מעהר גאלד צו מאכען די קאלב! האבען אנדערע געטענה'ט.

כלב איז צוגעגאנגען עטוואס נעהענטער, ער האט א קוק געטהאן אויף אהרן'ס טרויעריגען פנים, ער האט געזעהען ווי ער האלט צוגעדריקט זיין שוועסטער צו זיך און ער האט זיך צו איהם גלייך געווענדעט:

— וואו איז חור?

— חור איז טויט! — האט אהרן קוים ארויסגערעדט.

מרים האט ארויסגעלאזען א געשריי און איז געפאלען אין חלשות.

מען האט איהר קוים דערמינטערט.

— מיין ליעבער זוהן! — האט מרים ניט אויפגעהערט צו יאמערען, דו ביזט געפאלען א קרבן פאר אונזער גאט!

זי האט פערלאנגט פון אהרן ער זאל מיט איהר געהען און צייגען וואו זיין קערפער ליעגט.

אהרן איז געגאנגען מיט מרים'ן און כלב'ן און ער האט זיי אנגעצייגט אויף א צוגערעקטען קערפער.

יעצט איז דער צארן פון המון זעהר גרויס, איך ווארט זיי זאלען זיך באלד צוגעהן צו זייערע געצעלטען, וועלען מיר איהם קענען פון דאנען אוועקנעהמען.

— אבער, ווי אזוי האט עס פאסירט, פארוואס האסטו איהם געלאזען געהן צום המון! — האט מרים געקלאגט.

— אח, מיין ליעבע שוועסטער, ווען

דו וואָלסט געוואוסט ווי שטארק איך האָב איהם געוואָרענט... איך האָב גלייך געקענט זעהן, אז רייך וועלען זיין נוצלאָז... זיי האָבען זיך איינגעעקשנ׳ט, אז זיי ווילען אן אָפּגאָט, ווייל זיי האָבען זיך איינגערעדט אז משה איז טויט. און ווען איך האָב זיי געזוכט צו בארוהיגען האָבען זיי פון מיר נישט געוואָלט הערען. און דעריבער האָב איך זיי געהייסען ברייננגען די ציערונג פון זייערע פרויען. איך האָב געמיינט, אז ווען עס וועט קומען דערצו וועלען די פרויען נישט וועלען אָפּגעבען זייער ציערונג. אָבער די משוגעת פון מאכען א נייעם אָפּגאָט האָט ווייזט אוים אלעמען געטראָפען. מען האָט געבראַכט גאָלד, נאָך מעהר ווי עס איז געווען נויטיג... ווען חור האָט דערזעהן אז זיי זיינען טאקע בעשלאָסען צו מאכען אן אָפּגאָט, האָט ער זיך געריסען צום המון, ער האָט זיי געוואָלט זאָגען מוסר און ערקלערען, וואָס פאר א גרויסע זינד זיי בעגעהן. איך האָב איהם אָפּגערעדט. עס איז יעצט נישט די צייט צו ריידען צום המון — האָב איך איהם געוואָרענט — ווי זיינען אלע אויפגערייצט און אויפגערעגט... און דו וועסט מיט דיינע רייד נישט קענען אויפטאָן.

דאָס הארץ אין איהם האָט אָבער געבלוטיגט... ערשט דאָ נישט לאַנג האָבען זיי געהערט פון דעם בארג סיני, אז מען זאָל נישט האָבען קיין אָפּגעטער, און שוין געהן זיי און פאָלגען נישט די רייד פון גאָט... ווען דאָס וואָלט געווען דער ערב רב אליין, וואָלטען מיר זיך נישט גענומען אזוי שטארק צום הארצען... אָבער ווען מיר האָבען בעמערקט אידען פון יעדען שבט, דאָס האָט שוין גענומען דריקען ביים הארצען.

איך האָב אָבער זיך באַלד ארומגעזעהן, אז מיט׳ן ריידען וועט מען ערגער מאכען... דער איינציגער וועג איז צו פערציהען די זאך ביז וואנען משה וועט ארונטערקומען... אָבער זיי זיינען שטארק אומגעדולדיג געוואָרען, זיי האָבען געבראַכט זייער ציערונג און א פאר דער קאלב, און האָבען גענומען פאָדערען פון מיר איך זאָל זיי גלייך מאכען דעם אָפּגאָט... חור האָט אָבער נישט געוואָלט דערלאָזען עס זאָל קומען דערצו: ער איז גלייך צוגעקומען צום המון און זיי גענומען מוסר׳ן, און איידער איך האָב צייט געהאט זיך ארומצוזעהן, איז שוין חור געלעגען א צובלוטיגטער.

—אָה, מיין אומגליקליכער זוהן! — האָט מרים געיאָמערט. פארוואָס איז דיר געקומען אזא שרעקליכער טויט?

כלב האָט זיך אויך שטארק פארנאַנדערגעכליפּעט.

מיין ליעבער זוהן — האָט ער טרויעריג געזאָגט — ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אז דו זאָלסט האָבען אזא טרויעריגען סוף.

— אָה, איך שווער, אז איך וועל נקמה נעהמען פון זיינע מערדער.

די שומרים האָבען זיך פערזאמעלט ארום דעם גאָלדענעם קאלב, און די איבעריגע זיינען זיך צוגעגאנגען יעדער צו זיין געצעלט.

אהרן, מרים און כלב זיינען פערבליבען נעבען דעם טויטען קערפּער פון חור׳ן... מרים האָט זיך אריבערגעבויגען איבער איהם און זי האָט ביטערליך געוויינט.

— מיר וועלען דארפען דעם קערפּער אוועקנעמען פון דאנען — האָט כלב זיך אָפּגערופען — דיזער פלאץ איז פאראומריינגט געוואָרען — און אהרן אלס כהן וועט זיך נישט טאָרען צוריהרען צו איהם, וועל איך געהן רופען מיין אינגערען ברודער עתניאל׳ן ער זאָל מיר העלפען.

מרים האָט איהם גאָרנישט געענטפערט; זי האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגען.

אהרן איז געשטאנען עטוואָס אָפּגערוט פון דעם פלאץ. פון ווייטען האָבען צו איהם דערגרייכט די פרעהליכע שטימען און געלעכטער פון די, וועלכע זיינען פערבליבען צו היטען די גאָלדענע קאלב.

— ווען משה זאל ארונטערקומען מארגען גאנץ פריה — האט זיך אהרן געטראכט, דאן וואלט פיליכט דיזע שאנדע פערמיטען געווארען.

— עס איז נישט געווען איין איינציגער מערדער! — האט אהרן געזאגט — הונדערטער מענשען זיינען איהם בעפאלען און דער׳הרג׳עט.

דאס פאלק ישראל, האט שטארק געזינדיגט און ווער ווייס אויב גאט וועט זיי ווען עס איז מוחל זיין פאר דעם.

באלד האבען זיך גענומען דערנעהנטערען די מענשען און איינער האט זיך אפגערופען:

— מיר האבען שוין אויסגעקליבען די וועלכע וויזלען פערבלייבען די גאנצע נאכט מיט אונזער גאט אפים... מארגען גאנץ פריה, וועלען מיר אלע קומען מיט קרבנות און מיר וועלען פייערען א יום טוב ווי דו האסט אונז פערשפראכען!

— נישט גאנץ פריה — האט אהרן זיי געזאגט מיט א שוואכע שטימע — מיר זיינען אלע גוט אויסגעמאטערט, מיר מוזען האבען א גאנצע נאכט פון רוה... עס מאכט נישט, אז מיר וועלען אנפאנגען די פייערונג עטוואס שפעטער. דערווייל וועלען מיר קענען אריינקריגען וואס מעהר מענשען, און דאן וועט די שמחה אויך זיין א גרעסערע.

— ניין, מיר וועלען ניט האבען קיין געדולד צו ווארטען אזוי לאנג! — האט מען אהרן געענטפערט — מיר וועלען קומען גאנץ פריה!

א ווײלע שפעטער איז אנגעקומען עתניאל... ער איז געווען אויך שטארק ערשיטערט פון דעם גרויזאמען מארד. איהם האט געפעהלט ווערטער אויסצודריקען זיין טיפען צער און ענטריסטונג. שטילערהייט האט כלב און עתניאל זיין אינגערער ברודער אויפגעהויבען דעם קערפער פון חור און איהם אוועקגעטראגען צו זייער געצעלט.

אהרן האט זיך אומגעקערט צו זיין פלאץ נישט וויט פון בארג סיני. זיינע געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט דער טרויעריגער פאסירונג... ער האט נישט געוואוסט וואס וויטער צו טהאן. זאל ער פיליכט צוגעהן צום בארג און אנזאגען יהושע׳ן וועגען דעם, פיעלייכט וועט משה ארונטערגעהן אביסעל פריהער און פערמיידען א גרעסערען אומגליק. באלד אבער האט ער זיך דערמאנט אז משה׳ס שטרייגען פערזאג נישט אריבערצוגעהן דעם אנגעציינטען גרעניץ פון בארג סיני...

ניין! ער וועט עס נישט טהאן... משה׳ס פערזאג איז ביי איהם הייליג. ער וועט מוזען ווארטען ביז׳ן פריהמארגען, פיליכט וועט שוין משה אליין דאן אנקומען.

די גאנצע נאכט איז אהרן געווען וואך און ווי עס האט אנגעהויבען טאגען, האט ער זיינע אויגען געווענדט צום בארג סיני און געהאפט, אז באלד וועט משה ארונטערקומען. די פערציג טעג זיינען דאך שוין פאריבער, ער וועט מוזען היינט ארונטערגעהן! איידער דאס פאלק וועט זיך צוזאמענקומען, וועט שוין משה זיין אין לאגער.

באלד האט אבער אהרן דערהערט א טומעל און געשריי און ווען ער האט אומגעדרעהט זיין פנים, האט ער דערזעהן, אז דאס פאלק קומט אן. אלע זיינען אויפגעשטאנען גאנץ פריה. יעדער האט מיט זיך געפיהרט א שעפס אדער אן אנדער בהמה מקריב צו זיין פאר דעם נייעם אפגאט.

אהרן האט מיט גרויס טרויער צוגעזעהן, אז זיין האפנונג, דאס משה וועט ארונטערקומען איידער דאס פאלק וועט אנפאנגען צו דיענען צו דעם גאלדענעם קאלב, איז פארשוואונדען. משה באווייזט זיך נאך ניט און דאס אומגעדולדיגע פאלק איז היינט אויפגעשטאנען נאך פריהער ווי יעדען טאג. זיין הארץ האט איהם פארקוועטשט, ווען ער האט זיך גענומען דערמאנען, וואס עס איז פארגעקומען נעכטען. ווי אזוי דער צעווילדעוועטער המון האט זיך צו איהם א לאז געטהאן, ער זאל זיי מאכען א נייעם גאט און ווי אזוי זיין פלימעניק, חור, איז געטויטעט געווארען פון זיי.

— זיינען דאס די זעלבע אידען, וועמען משה און ער האבען ארויסגענומען פון מצרים? — האט ער געטראכט, ווען ער האט געזעהן ווי זיי האבען זיך אוועקגעלאזען אין פארשייטע טענץ און אין א ווילדער הוליאנקע. אט באמערקט ער די פיעלע פייערלעך, דעם רויך, וואס זעצט באלד ביז'ן הימעל, פון די קרבנות, וואס זיי האבען מקריב געווען פאר דעם עגל הזהב, א ריח פון געבראטענע פלייש פון די קרבנות פאר'ן אפגאט, האט זיך דערטראגען צו זיינע נאזלעכער. יע... איצט איז שוין אלעס פארפאלען. ער אליין האט געהאלפען דעם פאלק ארייןקריכען אין א בלאטע. וואס זאל ער יעצט טהאן? וועלען זיי דען וועלען זיך צוהערען צו זיינע רייד? זיי וועלען געוויס טהאן צו איהם אזוי ווי זיי האבען געטהאן צו חור'ן. אויב ער וועט צו זיי קומען מוסר זאגען. ניין, ער האט נישט מורא פאר'ן טויט, אבער דאמיט וועט נאך די זינד פון פאלק גרעסער ווערען און ווער ווייסט אויב עס וועט זיך נאך נישט אנפאנגען קיין ברודער קאמף? דאן וועט דאך אלץ פארלוירען זיין.

מיט א טרויעריגען געמיטה און צעבראכען הארץ האט זיך אהרן גענומען דערנעהענטערען צו דעם פארזאמעלטען המון. ער האט זיך באשלאסען צו מאכען א פארזוך צו רעדען צום פאלק און זיי ערקלעהרען וועגען דעם גרויסען פארברעכען, וואס זיי באגעהען גענגען דעם גאט פון זייערע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב. ער וועט זיי גוט אויס'מוסר'ן און זיי ערקלעהרען וואס פאר א שטראף עס ערווארטעט יעדען פון זיי אויב זיי וועלען באלד נישט אויפגעבען דאס געצענדינסט.

ווען אהרן איז צוגעקומען גאנץ נאהענט איז ער נאך מעהר אויפגעציטערט געווארען פון דעם, וואס ער האט געהערט און געזעהן. ער איז געבליבען שטעהן א פארגליווערטער, ווען ער האט דערהערט ווי איינער פון די אנפיהרער פון ערב־רב האט אויסגערופען:

— איך ווייס ווי אזוי די מצריים פלעגען דינען צו דעם גאט אפיס, איך בין געווען א באדינער ביי איינעם פון די פריסטער פון דעם טעמפעל און איך האב אלעס צוגעזעהן. יעצט, אויב איהר ווילט, אז אונזער נייער גאט זאל פארנעהמען אונזערע תפלות און באגליקען אונזער וועג, דארפען מיר איהם דינען ווי ער איז צוגעוואוינט געווארען אין מצרים. עס דארף פון אונז אלעמען ארונטערגעהן די שאנדע, די פרויען און מענער דארפען צוזאמען טאנצען פאר אפיס'ן. מיר מעגען טהאן אלץ וואס אונזער הארץ געלוסט. נעהמט ארונטער אייערע קליידער און וויזט דעם נייעם גאט ווי געטריי איהר דינט איהם, לאמיר הוליען און שפיעלען! קיין זאך איז אונז מעהר ניט פארבאטען, ווייל דער גאט אפיס איז א גוטער גאט, ער ערלויבט אונז אלץ צו טהאן!

באלד האט זיך דערהערט א יובעל געשריי און שאלען פון פאלק. מען האט גענומען טאנצען, שפרינגען ארום דעם עגל הזהב. מען איז אריבער אלע גרעניצען פון בושה און מאראל. מען האט געפרעסען און געזויפען און זיך געלאזט וואוילגעהן. יעדע ווילע האט זיך אן אנדער גרופע א הויב געטהאן פון זייערע פלעצער, מענער און פרויען צונויפגעמישט און מען האט זיך א לאז געטהאן צו דעם גאלדענעם קאלב מיט אזוי פיעל ברען און התלהבות, מען האט גענומען זינגען און טאנצען ווילדע און פארשייטע טענץ.

אהרן האט גלייך דערזעהן, אז נוצלאז וועלען יעצט זיינע רייד זיין, קיינער וועט איהם נישט הערען, מען וועט זיך אויף איהם אפילו נישט אומקוקען. נאך גרעסער האט זיין אויפרעגונג געשטיגען, ווען ער האט באמערקט, אז אויף דעם זעלבען פלאץ, וואו חור'ס בלוט האט געכטען גערונען, האט מען א מזבח אויפגעשטעלט צו דעם אפגאט. און מענער און פרויען וואלגערען זיך און קייקלען זיך ארום שכור'ע און צעווילדעוועטע.

טרעהרען האבען זיך באוויזען אין אהרנ'ס אויגען. זיין הארץ האט געבלוטיגט. ווער ווייסט, האט ער זיך געטראכט, אויב אפילו משה אליין וועט

עפּעס קענען אויפטאָן מיט דעם ווילד־געוואָרענעם פאָלק? ווי שנעל זיי זיינען אראָפּגעפיהרט געוואָרען פון דרך הישר? ער האָט גענומען זיך גוט ארומקוקען און ער האָט באמערקט פון ווייטען שטעהען פיעלע פארשיעדענע שבטים און זיי באַטייליגען זיך נישט אין דער שמחה. זיי זיינען בלויז צושויער. ער זעהט ווי פיעלע פון די צושויער קוקען אויף דער גאַנצער שענדליכער זאך מיט פאראכטונג. דאָס דערקענט ער אָן זייערע פּנים׳ער און אָן זייער צוקען מיט די שולטערען. געלויבט איז גאָט, אז נישט דאָס גאַנצע פאָלק איז ארונטער פון וועג! ער האָט זיך גענומען צוריקקעהרען צו זיין פּלאַץ און גענומען ווייטער ווארטען. די קולות און געשרייען האָבען איהם שטארק אויפגערעגט .ער האָט געפּרובירט פארמאכען זיינע אויערען מיט זיינע הענט, אָבער עס האָט איהם נאָך אַלץ געהוזשעט און געקלונגען די חוצפּה׳דיגע, שענדליכע רייד פון די נידעריגסטע פון פאָלק. ער האָט צוגעשלאָסען זיינע אויגען און ער האָט דייטליך געקענט זעהן די שוידערליכע, אומפארשעהמטע טהאטען פון דעם צעווילדעוועטען המון.

משה איז פארטיג געוואָרען מיט די לוחות, וואו ער האָט אויסגעקריצט די צעהן געבאָט. אין די פערציג טעג, וואָס ער האָט פארבראַכט אויף דעם בארג סיני, האָט ער אָנגעשריבען די גאַנצע תורה און אויסגעהאקט די צוויי לוחות מיט די עשרת הדברות. יעצט, אז ער איז פארטיג געוואָרען, האָט ער גענומען ארונטערגעהן פון דעם בארג.

ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און פון גאַנץ ווייט געקענט זעהן די פייערלעך, וואָס ברענען ביי די פארשיעדענע מזבחות; דעם רויך, וואָס ווערט צונויפגעמישט איינער מיט׳ן צווייטען און זיין הארץ האָט אין איהם א ציטער געטהאָן. אָט הערט ער די שטימע פון גאָט:

"געה ארונטער, משה, ווייל דאָס פאָלק וואָס דו האָסט ארויסגענומען פון מצרים איז ארונטער פון גלייכען וועג. זיי זיינען אינגאַנצען פארדאָרבען געוואָרען".

משה האָט געטראָגען די שווערע שטיינערנע לוחות אויף זיין שולטער, אונטערגעשטיצט מיט זיין רעכטער האנט און האָט גענומען שנעל ארונטערגעהן פון בארג.

ווען יהושע, וועלכער האָט געווארט אויף משה׳ן נעבען דעם בארג, האָט איהם דערזעהן ארונטערקומענדיג, איז ער איהם אנטקעגען געגאַנגען. ער האָט באמערקט ווי משה מיט די לוחות אין זיינע הענט איז געבליבען שטעהן און זיך ארומגעקוקט. ער זעהט ווי ער הערט זיך צו. יהושע האָט שוין פון לאַנג געהערט עפּעס א טומעל און א געשריי, אָבער ער איז געווען אזוי פארטיעפט אין זיינע געדאנקען וועגען משה׳ן און וועגען דער תורה, וואָס משה האָט אָנגעשריבען אויף דעם בארג סיני, אז ער האָט דערצו גאָר קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאָנקען. יעצט אָבער ,ווען ער האָט באמערקט ווי משה הערט זיך צו, האָט ער אויך אָנגעשטעלט זיינע אויערען און ווי נאָר ער האָט משה׳ן באגריסט, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— לויט די געשרייען אין דעם טומעל, וואָס דערגרייכט מיינע אויערען, דאכט זיך מיר, אז א מלחמה האָט אויסגעבראָכען אין לאגער. זאָל עס מעגליך זיין, אז די עמלקים זיינען ווידער אמאָל געקומען זיך אָפּצורעכענען מיט אונז פאר דער מפּלה, וואָס זיי האָבען ערליטען דורך אונז?

— ניין, יהושע! דו מאַכסט א טעות! האָט משה זיך אָפּגערופען. — דאָס זיינען נישט קיין געשרייען פון זיעגער און אויך נישט קיין געשרייען פון באזיעגטע. קום ארויף א ביסעל העכער וועסטו קענען זעהן, אז דאָס פאָלק האָט זיך צעיושעט און די געשרייען זיינען פון הולטייעס.

יהושע איז ארויף אויף א העכערען פּלאַץ פון דעם בארג און ער האָט באלד געקענט זעהן די פייערלעך און די טענץ ארום דעם גאָלדענעם קאלב.

— דו זעהסט, אז דאָס פאָלק איז אראָפּ פון דעם גלייכען וועג? — האָט

משה מיט גרוים צארן אויסגערופען. — איך טראג פאר זיי די לוחות מיט די צעהן געבאט און שוין האבען זיי גע־בראכען דעם ערשטען געבאט. ניין, זיי האבען נישט פארדינט צו האבען די צעהן געבאט!

משה האט פון גרוים אויפרעגונג און כעס א שליידער געטהאן די לוחות. באלד האט זיך דערהערט א שטארקער קראך און די צוויי לוחות זיינען צעשמעטערט געווארען.

מיט פעסטע לאנגזאמע טריט איז משה געגאנגען צום לאגער. זיין פנים האט געברענט פון צארן. דער ווינט האט צעשפרייט זיין לאנגע ברייטע בארד. פון ווייטען האט איהם אהרן דערזעהן. ער איז שנעל צוגעלאפען צו משה'ן און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך צו איהם אפ־גערופען:

— אה, משה! ווען דו וואלסט מיט איין טאג פריהער ארונטערגעקומען, וואלט אלעס אפגעמידען געווארען.

— ווער האט זיי געמאכט דעם גאל־דענעם קאלב? — האט משה געפרעגט אהרנ'ען.

— דאס האב איך געמאכט! — האט אהרן טרויעריג געענטפערט.

— דו? — איז משה אויפגעציטערט געווארען. — דו אויך?

— אה, מיין ליעבער ברודער! איך האף, אז דו וועסט מיך פארשטעהן... דו האסט זיך פארזאמט אויף דעם בארג. מיר און די איבעריגע האסטו אנגעזאגט נישט צו וואגען צוצוקומען צום בארג. פלוצלונג האט זיך פארשפרייט א קלאנג אין לאגער, אז משה איז טויט. מיט דיע־זען קלאנג האבען זיך גענומען די מענ־שען פון ערב־רב באנוצען און זיי האבען איינגערעדט דעם צעשראקענעם פאלק, אז אויף דעם בארג סיני איז פארגעקו־מען א קאמף צווישען דיר און דעם גאט אפיס פון מצרים. און אפיס האט דיך באזיעגט און יעצט, אז דו ביזט טויט, וועלען זיי אלע מוזען דינען צו דעם אפ־גאט אפיס, כדי ער זאל זיי מוחל זיין. און באלד האבען זיי זיך אלע פארזא־מעלט ארום מיר און פארלאנגט איך זאל זיי מאכען א גאלדענעם קאלב אין דער געשטאלט פון דעם אפגאט פון מצרים. איך האב פרובירט מיט זיי צורעדען און זיי געהייסען האבען געדולד. "עס וועט לאנג נישט דויערען", האב איך זיי גע־זאגט, "און משה, אונזער פיהרער, וועט ארונטערקומען". אבער די מענשען פון ערב־רב האבען גענומען מאכען אזא שטארקען טומעל און זיי האבען מיטגע־שלעפט מיט זיך אויך פיעלע לייכטזיני־גע פון ישראל. זיי האבען גענומען שטור־מען און ליארמען: "מאך אונז א גאט, אויב נישט וועלען מיר דיך טויטען!" איך האב גלייך געזעהן, אז מעהר קיין רייד וועלען נישט העלפען, האב איך גע־זוכט צו פארציהען די זאך וואס לענגער. איך האב זיך צו זיי אפגערופען: "גוט, איך וועל אייך מאכען אן אפגאט ווי דער פון מצרים, אבער אייערע פרויען וועלען מוזען ברייגען זייערע אויריגגלעד און די אנדערע ציערונג". איך האב גע־מיינט, אז ווען זיי וועלען אויסגעפינען, דאס זיי דארפען זיך שיידען פון זייער ציערונג, וועלען זיי איינגאנצען חרטה האבען און מעהר נישט קומען. אבער איך האב געמאכט א טעות. איינינגע טא־קע, ווי קרח, דתן און אבירם, ווען זיי האבען דערהערט, אז זיי וועלען דארפען ברייגען גאלד, זיינען זיי שוין מעהר נישט געקומען. אבער די איבעריגע זיי־נען גלייך געקומען מיט די ציערונג און אימיצער האט געבראכט א פורעם מיט וואס אויסצוגיסען דאס צעשמאלצענע גאלד. איך האב געמאכט א צווייטען פארזוך אפצולייגען צו מאכען דאס גאל־דענע קאלב אויף מארגען, אבער דאס פאלק האט נישט געוואלט הערען. דאן האט זיך חור דערנעהענטערט צום פאלק און ער האט פרובירט מיט זיי איבער־רעדען און זיי אויפווייזען וואס פאר א גרויסען פארברעכען זיי באגעהען.. דאס האט אבער אזוי שטארק אויפגערייצט דעם צארן פון פאלק, אז זיי זיינען באַ־פאלען חור'ן און איהם אויפ'ן ארט גע־טויט.

— זיי האָבען געטויט חור'ן? — איז משה בלאַס געוואָרען.

— יע. זיי האָבען איהם צום טויט דערשלאָגען, — האָט אהרן טרויעריג געענטפערט.

— אָה, פארוואָס האָסטו איהם געלאָזען צו זיי געהן? — האָט משה אויסגערופען.

— איך האָב איהם נישט געלאָזען געהן! איך האָב זיך ביי איהם גענומען בעטען, ער זאָל נישט וואגען צוצוגעהן צו זיי. איך האָב איהם געוואָרענט, אָבער ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, זיין אייפערזוכט פאר גאָט האָט אין איהם געברענט און איך האָב איהם נישט געקענט אָפּהאַלטען. ער איז צו זיי געגאַנגען און ווי נאָר ער האָט זיי אָנגעהויבען מוסר'ן, האָבען זיי איהם ערמאָרדעט. איך האָב באַלד געזעהן, אז עס וועט זיין אונמעגליך צו האַנדלען מיט דעם אויפגערייצטען המון און איך האָב פון זיי גענומען דאָס גאָלד און עס צעשמאָלצען אין פורעם און דיזעס קאַלב איז ארויסגעקומען. און גלויב מיר, מיין ברודער, אז איך האָב עס געטהאָן נישט ווייל איך האָב מורא געהאַט פאר מיין לעבען, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אז ווען זיי וועלען מיך אויך דער'הרג'ענען, זאָל נישט אויסברעכען צווישען פאָלק א ברודער־קאַמף און דאַן וואָלט מען דאָך איינער דעם צווייטען געקוילעט.

— און מרים? — האָט משה געפרעגט. — ווייסט זי שוין פון דעם?

— יע, זי האָט זיך גלייך דערוואוסט און זי איז געקומען נעכטען אין אָווענט מיט כלב'ן און האָבען זיין קערפּער אוועקגענומען.

— דאָס וועט נישט געשאָנקען ווערען! די שולדיגע וועלען מוזען באַשטראָפט ווערען! — האָט משה אויסגערופען מיט גרויס צאָרן.

ער האָט זיך גענומען דערנעהענטערען צום לאַגער. מיט זיין שטעקען אין האַנט איז ער געגאַנגען. אהרן און יהושע האָבען איהם באַגלייט.

דאָס שאַלען און די יובעל־געשרייען האָבען נאָך געהילכט איבער'ן לאַגער. די טענץ זיינען נאָך מעהר ווילד און פאַרשייט געוואָרען.

פּלוצלונג האָט אימיצער אויסגערופען:

— משה קומט!

באַלד זיינען אַלע אנטשוויגען געוואָרען. די טאַנצענדע זיינען געבליבען שטעהן באַוועגלאָז. א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם גאַנצען לאַגער. בלויז דאָס קנאַקען פון דעם ברענענדען האָלץ, וואָס איז געווען צעוואָרפען איבער'ן לאַגער, האָט זיך געקענט הערען.

א שרעק איז אַלעמען באַפאַלען, ווען זיי האָבען דערזעהן ווי משה דערנעהענטערט זיך צו דעם גאָלדענעם קאַלב. די פרויען האָבען זיך געטוליעט צו די מענער, מיט וועמען זיי האָבען נאָר וואָס געטאַנצט.

משה האָט קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט. ער איז גלייך צוגעקומען צום הויכען פּלאַץ, וואו דאָס גאָלדענע קאַלב איז געשטאַנען און עס ארונטערגעשליידערט פון פּלאַץ.

דערנאָך האָט ער געהייסען אהרנ'ען און יהושע'ן ברייַנגען האָלץ און מאַכען א גרויס פייער. ווען דאָס פייער האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט, האָט משה אליין אויפגעהויבען דאָס שווערע גאָלדענע קאַלב און עס אריינגעוואָרפען אין דעם פייער.

אַלע האָבען מיט צעשראָקענע אויגען צוגעזעהן ווי דאָס גאָלדענע קאַלב, וואָס איז פאר אַלעמען מיט א ווייַלע פריהער פארערכענט געוואָרען אלס א הייליגער גאָט, ווערט צעשמאָלצען אין פייער.

— אָט דאָס איז דער סוף פון אייער אָפּגאָט! — האָט משה'ס שטימע א דונער געטהאָן. — און אזא שרעקליכען סוף וועלען האָבען די אַלע, וועלכע האָבען פאראורזאכט אָט דאָס אַלץ און וועלכע זיינען שולדיג פאר דעם פארגאָסענעם בלוט פון חור'ן דעם זוהן פון כלב און מרים. אָט דאָס וועט זיין אייער שטראָף!

— האָט משה פאָרטגעזעצט מיט א הויכער שטימע. — דאָס צעשמאָלצענע גאָלד פון דעם פארברענטען קאַלב וועט צעריבען ווערען אזוי דין ווי זאמד און

דאס וועט אריינגעשאטען ווערען אין דעם קוואל וואסער און די שולדיגע, וועלכע וועלען טרינקען וועלען גלייך שטארבען, אבער די, וועלכע זיינען נישט שולדיג, וועט עס זיי גארנישט שאדען און זיי וועלען בלייבען לעבען. און יעצט זאל קיינער זיך נישט ריהרען פון פלאץ ביז וואנען דאס וועט נישט געטהאן ווערען. די, וועלכע זיינען נישט שולדיג אין דעם פארגאסענעם בלוט פון חור׳ן, האבען גארנישט וואס מורא צו האבען. בלויז די, וועלכע זיינען שולדיג אין דיזען גרויסען אומגליק, וועלען גלייך באשטראפט ווערען און מיט דעם ערשטען זופ וועלען זיי אויסשטארבען .

משה האט צעמאלען דאס צעשמאלצענע גאלד ביז עס איז געווארען אזוי דין ווי זאמד און ער האט געהייסען אהרנ׳ען און יהושע׳ן עס אריינשיטען אין דעם קוואל וואסער.

זיי האבען צוזאמענגעקליבען דעם שטויב פון דעם פארברענטען עגל און געטהאן ווי משה האט געהייסען און אריינגעשאטען אין דעם קוואל וואסער.

ווען יהושע און אהרן זיינען פארטיג געווארען, האט משה אויסגערופען :

— יעצט זאל געהן יעדער פון אייך טרינקען פון דעם וואסער און באלד וועלען אלע וויסען, ווער עס זיינען די שולדיגע.

די, וועלכע האבען קיין אנטייל נישט גענומען אין דעם דינסט צו דעם אפגאט, האבען זיך גלייך א לאז געטהאן צום קוואל וואסער און זיי האבען פון דארטען געטרונקען.

די איבערגעבליבענע האבען זיך נישט געריהרט פון ארט. זיי האבען מורא געהאט צוצוגעהן צום קוואל. משה האט גלייך פארשטאנען, אז זיי זיינען די הויפט־שולדיגע. ער האט זיי אלעמען באטראכט און באמערקט, אז די מעהרסטע פון זיי זיינען פון דעם ערב רב, וואס ער האט זיי אוים רחמנות מיטגענומען און געוואלט פאררעכענען פאר איין פאלק מיט ישראל.

משה האט זיך דערמאנט אז דער צייט ווען יהושע האט פארטריבען די דריי פון ערב־רב, וועלכע האבען געמאכט א פארזוך אויפצורייצען דעם עולם. יעצט זעהט ער ווי גערעכט יהושע איז געווען. כל זמן זיי וועלען בלייבען צווישען די אידען, וועלען זיי שטענדיג פאראורזאכען צרות. משה׳ס צארן איז נאך גרעסער געווארען ווען ער האט זיך דערמאנט, וואס זיי האבען נאר וואס אפגעטהאן. זיי האבען געטויטעט זיין אומשולדיגען פלימעניק און זיי האבען נאך א האר געקענט פאראומגליקען דאס גאנצע פאלק.

— זאלען די פרויען אפגעטיילט ווערען פון די מענער, ווייל זיי זיינען ניט שולדיג! — האט משה אויסגערופען. — זיי זיינען די הויפט־שולדיגע, — האט ער אנגעצייגט אויף די מענער פון ערב־רב. — זיי האבען פארגאסען דאס בלוט פון חור׳ן, זיי האבען געדינט צום גאלדענעם קאלב און צו איהם מקריב געווען קרבנות! זיי האבען פארדינט דעם טויט. און יעצט, ווער עס וויל קעמפען דעם קאמף פאר אונזער גאט, זאל גלייך צוקומען צו מיר.

דער גאנצער שבט לוי האט זיך פארזאמעלט הינטער משה׳ן און געווארט אויף זיין באפעהל.

— גורט אן אייערע שווערדען און טויטעט אט די אלע רשעים! זיי האבען דעם טויט פארדינט פאר דעם אליין, וואס זיי האבען מקריב געווען קרבנות צו אן אפגאט, און בפרט יעצט, ווען זייערע הענט זיינען איינגעריכט אין דעם בלוט פון חור׳ן ,וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען פאר אונזער גאט.

די אלע הויפט־שולדיגע האבען זייער שטראף באקומען פאר דעם, וואס זיי האבען געדינט צו דעם עגל הזהב. די איבעריגע, וועלכע זיינען געווען גאנץ לייכטזיניג מיטגעשלעפט צו ווערען פון די רייד פון דעם ערב־רב, האבען זיך שטארק געשעהמט. פיעלע האט פארדראסען, וואס זיי האבען זיך געלאזען איינרעדען און אפגעגעבען א טייל פון זייער ציערונג.

אויף מארגען האט משה פארזאמעלט די עלטסטע פון פאלק און זיי געהייסען

איבערגעבען אַלע שבטים, אַז אַ גרויסע זינד האָבען די קינדער פון ישראל געזינדיגט און כאָטש די הויפּט־שולדיגע זיינען באַשטראָפט געוואָרען, זיינען כמעט אַלע טיילווייז שולדיג אין דעם, וואָס זיי האָבען צוגעזעהן אַזאַ שרעקליכע זאַך און נישט געשטערט.

—דער, וועלכע האָט די מעגליכקייט צו פאַרמיידען אַן עבירה און ער טהוט עס נישט, איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט עס אַליין געטהאָן. איך וועל בעטען גאָט ער זאָל אייך דיעזען מאָל מוחל זיין. אָבער איהר דאַרפט וויסען זיין, אַז ווען אַ צווייטען מאָל זאָל אַזאַ זאַך פּאַסירען, דאַן זיינט איהר פאַרלוירען.

אַ גרויס געוויין האָט אויסגעבראָכען צווישען פאָלק. יעדער האָט זיך געפיהלט עטוואָס שולדיג אין דיעזען אומגליק.

— איך האָב צעבראָכען די ערשטע לוחות, ווען איך האָב באַמערקט אַרונטערגעהענדיג פון באַרג, אַז איהר האָט געבראָכען דעם ערשטען געבאָט און יעצט, אַז איהר טהוט תשובה מיט'ן גאַנצען הארצען, וועל איך צוריק אַרויפגעהן אויף דעם באַרג סיני און אויסהאַקען צוויי נייע לוחות מיט די צעהן געבאָט, ווי די ערשטע זיינען געווען.

צוויי־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל
דער משכן

ווען משה איז פאַרטיג געוואָרען מיט די צווייטע לוחות, איז ער אַרונטערגעקומען פון באַרג סיני און באַנייט דעם בונד צווישען גאָט און ישראל. ער האָט זיי געלערענט די תורה און איהרע געזעצען. פיעלע האָבען זיך שוין באַרוהיגט און האָבען ביסלעכווייז פאַרגעסען וועגען דער טרויעריגער פּאַסירונג מיט'ן עגל. אָבער נישט אַזוי שנעל האָט מרים און כלב פאַרגעסען דעם גרויסען אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפען. כאָטש חור אַליין האָט שוין געהאַט אַן אייניקעל, פונדעסטוועגען איז געווען גאַנץ שווער זיי צו טרייסטען.

— מיין ליעבע שוועסטער! — האָט משה צו איהר איינמאָל געזאָגט. — דו האָסט אַ גרויסען זכות געהאַט זוכה צו זיין, דאָס דיין זוהן זאָל שטאַרבען על קדוש השם. דורך זיין טויט איז געהייליגט געוואָרען דער נאָמען פון גאָט. און יעצט דאַרפסטו זיך באַרוהיגען און לויבען גאָט, וואָס ער האָט דיר אַזאַ זוהן געגעבען. און עס איז דער ווילען פון גאָט, אַז מיר זאָלען מאַכען אַ משכן אין דער מדבר מיט אַן אָרון, וואו צו האַלטען די לוחות, און אַ מזבח מיט פאַרשיעדענע כלים, וואָס זאָל זיין צוזאַמען מיט'ן משכן. און גאָט האָט נישט געפונען קיין בעסערען פּעהיגערען מאַן, וועמען אָנצופאַרטרויען דיעזע וואונדערבאַרע אַרבייט, אויסער בצלאל'ן, חור'ס אייניקעל. יע, בצלאל, דער זוהן פון אורי'ן, וועט זיין דער, וועלכער וועט מאַכען דעם משכן, דעם ארון קודש און אַלע איבעריגע כלים, ווייל אַזאַ קינסטלער ווי בצלאל, אַזאַ גרויסער וואונדערבאַרער אַרכיטעקט ווי ער איז, איז נאָך ביי אידען נישט געוועזן זינט יצהר, דער פאָטער פון קרח'ן, וועלכער האָט געבויט פאַר פּרעה'ן די וואונדערבאַרע שאַץקאַמער. איך ווייס, אַז דאָס פאָלק איז נישט אינגאַנצען שולדיג, וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט איינרעדען פון דעם ערב רב און הינגעריסען געוואָרען מיט זיי צו דינען צו אַן אָפּגאָט. איך האָב פאַרנאַכלעסיגט זיי צו לערנען ווי צו דינען צו אונזער גאָט, ווי אַזוי מקריב צו זיין די קרבנות צו גאָט. ווייל, קענען זיי דען פאַרשטעהן אַן אַנדער גאָטעסדינסט אויסער קרבנות? און דעריבער וועל איך יעצט זעהן אָפּזונדערען דעם גאַנצען שבט לוי און מאַכען זיי פאַר כהנים און לויים און זיי וועלען לערנען דאָס פאָלק ווי צו דינען גאָט. די קרבנות וועלען דורך זיי געאָפּפערט ווערען צו גאָט. און ווען די כהונה וועט איינגעפיהרט ווערען, וועלען זיי שוין מעהר נישט נישטרויכעלט ווערען מיט אָפּגעטער.

גלייך האָט משה צוגערופען בצלאל'ן, דעם זוהן פון אורי'ן, וועלכער איז געווען דער זוהן פון חור'ן, און ער האָט איהם איבערגעגעבען וועגען דעם פּלאַן צו מאַ־

בען א משכן, וואָס מען זאָל באַוועגען פון פּלאַץ צו פּלאַץ.

— ווען מיר וועלען פאָרטזעצען אונזער וואנדערען, זאָלען מיר פאַנאַנדערנעהמען דעם משכן, עס זאָל זיין גרינגער איהם מיטצופיהרען און ווען מיר וועלען זיך אָפּשטעלען אין א פּלאַץ פאר א לענגערע צייט, זאָל מען איהם צוזאַמענשטעלען און דאָס פאָלק וועט קענען אָפּריכטען דאָרט גאָטעסדינסט.

— איך וועל טהאָן אלעס, וואָס אין מיין מעגליכקייט! — האָט בצלאל געענטפערט. — עס זאָל נאָר נישט זיין קיין מאנגעל אין גאָלד, זילבער און אין אנדערע מאטעריאלען.

— וועגען דעם דארפסטו קיין זאָרג נישט האָבען! — האָט משה געענטפערט מיט א שמייכעל. — א טייער פאָלק זיינען די אידען, ווען מען בעט ביי זיי פאר דעם עגל, גיבען זיי און ווען מען בעט ביי זיי פאר דעם משכן, להבדיל, גיבען זיי!

באלד האָט משה ארויסגעלאָזען אן אויסרוף צום פאָלק, אז יעדער זאָל ברייגגען. וואָס נאָר ער קען פאר דעם משכן, מזבח, דעם ארון און פאר די אנדערע הייליגע כלים.

אונטער בצלאל׳ס אויפזיכט האָט משה דאָס אלעס איבערגעגעבען און בצלאל האָט צו זיך גענומען נאָך קלוגע מענשען וועלכע זיינען געבענשט געוועזן מיט פארשטאנד און קינסטלערישע טאלאנטען.

א גרויסען קינסטלער האָט בצלאל ענטדעקט אין זיין חבר אָהליאָב, דער זוהן פון אחיסמך, פון שבט דן. ער איז געוועזן זעהר פעהיג צו מאכען פארשיעדענע קונסט זאכען, ווי די גאָלדענע כלים און אויך די פּרכת און די דעקעס פאר׳ן שלחן און אנדערע כלים.

די ערשטע זאך, וואָס בצלאל האָט געמאכט, איז געוועזן דער ארון קודש צו האלטען די צווייטע לוחות, וואָס משה האָט איבערגעגעבען צו די אידען. ער האָט איהם געמאכט פון שטים האָלץ, צוויי און א האלב איילען די לייגג, אנדערטהאלבען איילען די ברייט און אנדערטהאלבען איילען די הויך. ער האָט באדעקט דעם ארון מיט ריינעם גאָלד פון אינעווייניג און פון דרויסען. ער האָט אויסגעגאָסען פון גאָלד פיער גאָלדענע רינגען פון די פיער זייטען פון ארון, כדי מען זאָל קענען דעם ארון טראָגען אויף שטאנגען, וואָס וועלען דורכגערוקט ווערען דורך די רינגען.

זעהר גרויסארטיג איז געוועזן די מנורה, וואָס בצלאל האָט געמאכט פון ריינעם גאָלד. עס איז געוועזן א זעלטענע קינסטליכע אויסארבייטונג און ווער נאָר עס האָט די מנורה דערזעהן, האָט זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען פון איהר שעהנקייט.

דערנאָך האָט ער געמאכט דעם מזבח פאר די קרבנות און איהם באדעקט מיט קופּער.

צום סוף פון דעם ערשטען יאָהר, ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים, איז פארטיג געוואָרען די גאנצע ארבייט. זעהר פיעלע אידען האָבען זיך באטייליגט אין דער הייליגער ארבייט, יעדער האָט ארויסגעהאָלפען מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. צו משה׳ס פארלאנג, אז מען זאָל ברייגגען גאָלד און זילבער און אנדערע זאכען, האָבען זיך אלע זעהר ווארים אָפּגערופען. מען האָט נאָך געבראכט מעהר ווי מען האָט געברויכט.

ווען משה האָט געזעהן מיט וואָס פאר א באגייסטערונג די אידען ברייגגען אלע זייער ציערונג, גאָלד און זילבער, זיידענס און וואָל, און ווען ער האָט באַמערקט, אז עס וועט שוין זיין מעהר ווי גענוג, האָט ער געהייסען אויפהערען צו ברייגגען, אָבער עס איז איהם גאנץ שווער אָנגעקומען אָפּצוהאלטען די שטראָמען מענשען, וועלכע האָבען מיט אזוי פיעל צופרידענהייט אָפּגעגעבען זייער גאָלד און זילבער פאר דעם משכן און די כלים.

— איידער בצלאל האָט אָנגעפאנגען צו טהאָן די הייליגע ארבייט, האָט ער מורא געהאט, אז עס וועט נישט זיין גענוג גאָלד, — האָט זיך משה אָפּגערופען צו צפּורה׳ן, אהרן און מרים, וועלכע זיינען מיט אים געשטאנען און באטראכט די וואונדערבארע ארבייט פון דעם

משכן, דעם ארון, און די מנורה. — האב איך זיך נאך צו איהם אפגערופען, אז דאס פאלק ישראל איז א גוטהארציג פאלק. מען בעט ביי זיי געלט פאר דעם עגל, גיבען זיי און אויך פאר'ן משכן וועלען זיי געבען. יעצט זעה איך, אז איך האב געמאכט א טעות. פאר דעם משכן האבען זיי געגעבען א סך מעהר און אויך מיט א גרעסערער באגייסטערונג ווי פאר דעם עגל הזהב און איך האף צו גאט, אז צוליעב דער גרויסער מצוה פון דיזער וואונדערבארער ארבייט, וועט זיי גאט מוחל זיין פאר דער גרויסער עבירה, וואס זיי זיינען באגאנגען, ווען זיי האבען זיך באטייליגט אין דער דינסט פון דעם גאלדענעם קאלב.

אין דעם ערשטען טאג פון ראש חודש ניסן פון דעם צווייטען יאהר זינט די אידען זיינען ארויס פון מצרים, איז דער משכן אויפגעשטעלט געווארען צוזאמען מיט אלע איבעריגע זאכען, וואס בצלאל האט געמאכט. אין דעם משכן האט מען אריינגעטהאן דעם ארון מיט די צוויי לוחות. דארטען איז אויך געשטאנען דער שלחן, אויף וועלכען עס איז געווען דער לחם הפנים. די וואונדערשעהנע מנורה איז אנגעצונדען געווארען. דער מזבח איז געווען פארטיג און מען האט שוין מקריב געווען די ערשטע קרבנות.

דאס פאלק איז געווען זעהר גליקליך און אלע האבען מיט גרויס באגייסטערונג געפייערט די באנייאונג פון דעם אהל מועד (משכן).

משה האט פון דעם שבט לוי, וואס איז געווען דער איינציגער שבט, וואס איז נישט פאראומרייניגט געווארען מיט דעם עגל הזהב, באשטימט די לויים פאר דעם משכן. יעדער האט געהאט צו טהאן זיין ארבייט, סיי ביי דעם מקריב זיין די קרבנות און סיי צו לערנען דאס פאלק די ריינליכקייט, אויף וואס דער גאנצער יסוד פון דער אידישער משפחה האלט זיך אויף. אהרן, משה'ס ברודער, איז געזאלבט געווארען פאר דעם כהן גדול, וועלכער האט אנגעפיהרט די גאטעסדינסט. און זיינע פיער זיהן, נדב, אביהו, אלעזר און איתמר, זיינען באשטימט געווארען פאר די כהנים, צו ווערען די גאנץ הייליגע ארבייט איז אנפארטרויט געווארען.

דריי און צוואנציגסטער קאפיטעל
דער טראגישער סוף פון אהרן'ס צוויי זיהן

צווישען די לויים וועלכע האבען געדארפט טאהן די ארבייט פון דעם משכן, און בעדינען די כהנים, איז אויך געווען קרח דער זוהן פון יצהר, וועלכער האט אויך געשטאמט פון דעם שבט לוי. קרח איז געווען שטארק ענטוישט פון דעם וואס משה האט איהם נישט בעשטימט פאר איינעם פון די כהנים. ער איז רייך געווען, דער רייכסטער פון גאנצען פאלק, און יעצט אז ער האט אראפגענומען די האנט פון הארצען און געגעבען א גרויסע נדבה פאר דעם משכן האט ער ערווארטעט אז משה וועט איהם מאכען פאר דעם כהן גדול, אמווענינגסטענס וועט ער ווערען א כהן —האט ער זיך געטראכט—איז ער דען נישט ווערטה דערהויבען צו ווערען צוליעב דעם זכות פון זיין פאטער, יצהר, וועלכער האט זעהר פיעל ארויסגעהאלפען די אידען ווען זיי זיינען געווען אין מצרים?

קרח'ן האט שטארק פערדראסען וואס בלויז אהרן'ס זיהן האט משה געמאכט פאר כהנים. יעצט ער אלס לוי וועט נאך זיי דארפען בעדינען.

— וואס זאגסטו אויף דעם—האט ער זיך אפגערופען צו זיין פרוי— איך האב אבער גלייך געוואוסט אז איך וועל ארויסווארפען מיין געלט, אויב איך וועל זיך לאזען קאסטען מעהר פון אלעמען, און דו האסט מיר נאך צוגערעדט: "וויז משה'ן דיין רייכקייט"—האסטו מיר געזאגט — און ער וועט דיר דערהויבען. איצט זעהסטו אז ער האט מיר געמאכט גלייך מיט די איבעריגע לויים פון מיין שבט. מיר וועט נאך אויסקומען צו בעדינען אהרן'ס זיהן. שטעל זיך פאר אז איך, קרח, דער זוהן פון יצהר, וועלבער איז דער רייכסטער מאן

אין ישראל, וועל דארפען בעדינען נדב און אביהו'ן אהרן'ס עלטערע זיהן. וועלכע איך פערהאס אזוי שטארק.

— א סך האסטו פון דעם וואס משה איז דיין קאזין! — האט [illegible]'ם פרוי צו איהם געזאגט—ווי איך פערשטעה האט ער זיינע אנדערע צוויי קאזי[illegible]ם, מישאל און אלצפן געגעבען העכערע אמטען ווי דיר.

— איך בין זיכער—האט קרח געזאגט—אז דאס האט ער געטהאן, ווייל נדב און אביהו האבען איהם פאר זיי געבעטען. אבערווארט, עס וועט זיי דאס נישט געשאנקען ווערען. איך וועל זיך נאך מיט אהרן'ס עלטערע זיהן אפרעכענען. נישט אומזיסט בין איך געווארען זייערע בעדינער אין דעם משכן.

— ווען דו וועסט זיך אין דער יעצטיגער צייט אנפאנגען מיט אהרן'ס קינדער — האט זיין פרוי איהם געזאגט—וועסטו נאך ערגער מאכען. ווייסטו דען נישט ווי שטארק בעליעבט זיי זיינען ביי משה'ן.

— זיי מעגען זיין בעליעבט ביי משה'ן אבער איך האב זיי פיינט אזוי ווי איך האב פיינט אהרן, זייער פאטער, און איך וועל זיך אן זיי נוקם זיין.

— דיין שנאה צו אהרן ווייס איך פון וואנען עס שטאמט—האט זי זיך אפגערופען מיט אן אייפערזיכטיגע שטימע—דו האסט נאך אלץ ניט פערגעסען אלישבע זיין פרוי.

— נו, געוויס! קענסטו זיך דען פערגלייכען צו איהר? — איז קרח אין כעס געווארען אויף זיין פרוי וואס זי דערמאנט איהם צו יעדער געלעגענהייט וועגען אלישבע'ן — ווען נישט אהרן וואלט זי דאך טאקע געוועזן מיין פרוי!

— און דו קענסט זיך פערגלייכען צו אהרן? — האט איהם זיין פרוי א שטאך געטאהן, — נאך אלעמען ווער ביזטו, וואס דו האלטסט זיך אזוי גרויס. האסטו עפעס אויפגעטאן? דאס רייכטום וואס דו באזיצסט האסטו דען ארייגעקראגען דורך דיין אייגענעם שכל? דיין פאטער איז געוועזן קלוג. ער האט פערזארגט פאר דיר!

דאס האט קרח'ן נאך מעהר אויפגערעגט. קיין זאך האט איהם אזוי נישט פערדראסען, ווי דאס וואס זיין פרוי ווען זי צואמפערט זיך מיט איהם, ווארפט איהם אויף אז ער איז נישטיג און קען זיך נישט פערגלייכען צו אהרן'ען.

— איך וועל דיר נאך ווייזען, וואס איך וועל אפטאהן—האט קרח אויסגערופען—דו מיינסט אודאי אז ווען בצלאל האט געמאכט דעם משכן, האב איך איהם נישט ארויסגעהאלפען מיט עצות.

— מיט עצות? — האט זי א שמייכעל געטאהן — וואס פאר אן עצות א חוץ געלט קענסטו געבען?

— איך האב בצלאל'ן אנגעוויזען אויף פיעלע חסרונות אין זיין ארבייט און ווען ער האט געטאהן ווי איך האב איהם געראטהען, איז טאקע זיין ארבייט ארויסגעקומען א סך בעסער.

— און וואס האסטו דערפאר געקראגען? — האט זי זיך אפגערופען —דו זעהסט דאך ווי משה בעדאנקט דיך פאר אלעם. דו ביזט געווארען אן איינפאכער משרת אין דעם משכן אזוי ווי די איבעריגע לויים.

— און איך וועל דיר ציינגען, אז עס וועט לאנג נישט נעהמען און איך וועל ווערען א כהן אויב נישט דער כהן גדול!

—האט קרח געזאגט מיט שטאלץ.

— איך צווייפעל נישט אין דיינע פעהיגקייטען! — האט זי איהם געזאגט — איך ווייס אז דו וועסט נאך אלעמען אמאל ציינגען דיין מאכט. און דאן ווי שטארק אלע פרויען וועלען מיר מקנא זיין.

— אבער אין דיינע אויגען בין איך דאך אין גאנצען ווערטהלאז — האט קרח זיך בעקלאגט — לויט דיינע רייד קומט אויס אז איך טויג שוין צו גאר נישט.

— דו דארפסט נישט אין אכט נעה־

מען די רייד וואס ווערען גערעדט אין דער צייט פון כעס און איפערזיכט... דו ווייסט דאך ווי שטארק איפערזיכטיג איך בין נאך אפילו יעצט אויף אלישבע'ן.... כאטש איך ווייס אז דאס איז נאריש פון מיין זייט... אבער דאך קען איך נישט פערגעסען דעם גרויסען כבוד וואס זי קריגט יעצט צוליעב איהר מאן, און איך? אויף מיר ווילען זיך גאר די פרויען אפילו נישט אומקוקען.

— זיי זיינען אויף דיר נאך אין כעס זינט דעם עגל! — האט קרח געלאכט. זיי האבען אלע געזעהן אז איך בין פריהער געווען אן אנהענגער פון דעם עגל און ווי אהרן האט גענומען פאדערן די ציערונג פון די פרויען, האב איך זיך צוריקגעצויגען, אין דער צייט ווען די איבעריגע פרויען האבען אין גאנצען אפגעגעבען זייער ציערונג פאר דער גאלדענער קאלב. זעהסטו, ווי קלוג איך בין געווען, איך האב גלייך געוואוסט אז די וועלכע וועלען אנטיילנעהמען אין דעם עגל, וועלען האבען א ביטערן סוף. זיי וועלען פערלירען זייער ציערונג און דערצו בלייבען צו שאנד און צו שפאט.

— אבער פארוואס ביזטו פון אנפאנג געווען איינער פון די אנהייגער? —האט איהם זיין פרוי געפרעגט.

— דאס האב איך געטאן כדי אריינצוברייגנען אהרנ'ען אין א צרה! — האט קרח געזאגט — איך האב איינגערעדט דעם המון אז בלויז אהרן, דער ברודער פון משה'ן קען פאר זיי מאכען א נייעם גאט...

— אבער דו זעהסט דאך אז אהרן האט דערפון גארנישט געליטען, פערקעהרט, ער איז נאך דערהויבען געווארען אלס דער כהן גדול.

— דאס איז דערפאר וואס דער המון האט געטויטעט חור'ן צוליעב דעם האט אהרן געהאט א גוטען אויסרייד, אז ווען ער וואלט ענטזאגט צו מאכען דעם עגל וואלט מען איהם געטויטעט, און יעצט זאג מיר דארפסטו זיך נישט שעצען גליקליך וואס איך האב זיך גלייך צוריקגעצויגען. ערשטענס וואלסטו אויך געהאט פערלארען פיעלע פון דיינע ציערונג און איך וואלט אפילו נישט געקענט זיין קיין לוי אין משכן.

— אבער זאג מיר, קרח, האט דיר דען משה נישט פארגעווארפען פאר דעם וואס דו ביזט אין אנפאנג געקומען צוזאמען מיט די איבעריגע צו אהרן?

— יע, ער האט מיר געהאט אויסגערעדט, אבער איך האב איהם געענטפערט, אז כאטש אין אנפאנג בין איך הינגעריסען געווארען מיט דעם גאנצען המון, אבער ווען איך האב זיך גענומען איבערלעגען, האב איך זיך באלד ארומגעזעהען ווי נאריש און אונזין דאס איז און א סימן האסטו, אז איך האב נישט נאכגעטהאן דעם ביישפיעל פון די פיעלע אנהענגער, און גאר נישט געבראכט פאר דעם.

— און וואס האט משה דיר געזאגט?

— וואס האט ער מיר געקענט זאגען? ער האט דאך געזעהען אז איך בין נישט שולדיג!

— און איך דענק אז מיט דעם וואס דו האסט געזוכט צו טאהן שלעכטעס צו אהרנ'ען, האסטו זיך נאך מעהר שלעכטעס געטהאן, ווען דו וואלסט אין גאנצען ריין געווען פון דעם עגל וואלט דיר פיליכט משה באשטימט פאר א כהן, אדער דיר געגעבען אז אנדער העכערען אמט. שטעל זיך פאר וואס דאס וואלט געמיינט פאר אונזערע קינדער, זיי וואלטען אויך פערערכענט געווען פאר כהנים. אבער יעצט וואס האסטו אויסגעפיהרט? אהרן איז דער כהן גדול, זיינע זיהן זיינען די כהנים און דו ביזט ביי זיי א משרת!

— קרח'ס מח איז נאך נישט אויסגעדארט געווארען—האט ער איהר געענטפערט — דוווארט און דו וועסט זעהן וואס איך וועל נאך טאהן.

— וואס קענסטו טהאן? דו ווייסט דאך ווי מאכטלאז דו ביזט יעצט. אהרן איז אזוי בעליעבט ביים פאלק ווי זיין ברודער משה און זייערע קינ־

דער ווערען אויך שטארק געשעצט און געאכטעט.

— איך וועל דיר ציינען, ווי שנעל אהרן'ס צוויי עלטערע זיהן וועלען פערהאסט ווערען ביים פאָלק! — האט קרח אויסגערופען — איך האב זיך וועגען דעם דורכגערעדט מיט דתן און אבירם.

— וואס האבען זיי דיר געראטען צו טאָהן?

— איך זאג דיר אז דתן איז זעהר קלוג. ער האט מיר געזאגט אז לויט די געזעצען פון דער תורה טאָרען די כהנים נישט אריינקומען אין משכן ווען זיי זיינען אנגעטרונקען מיט וויין אדער אנדערע שארפע געטראנקען. און אויב מיר וועט געלינגען איינצו'שיכור'ן נדב'ן און אביהו, דאן וועלען זיי גליזך פערלירען דעם חן אין די אויגען פון פאָלק.

— וואס פאר א שטראָף קומט דעם כהן וועלכער קומט אריין אין משכן צו דינען גאָט אין א שכור'ן צושטאנד?

— ער קען דערפאר בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט, עס ווענדט זיך וואס פאר אן עבודה ער האט אין דער צייט געטאָהן — האט קרח געזאגט — דו וועסט זעהן ווי שנעל איך וועל פטור ווערען פון אהרן'ס צוויי זיהן און דאן, וועל איך פערנעהמען דעם פלאץ פון א כהן.

— אבער איך פערשטעה נישט ווי אזוי דו וועסט קענען ווירקען אויף זיי זיך אנצו'שיכור'ען. זיכער ווייסען זיי דאָך אויך פון דעם געזעץ אז מען טאָר נישט אריינקומען אין משכן אין א שכור'ן צושטאנד.

— דו מעגסט זיך פערלאָזען אויף מיר, אז איך וועל שוין וויסען וואס צו טאָהן. נדב און אביהו מיינען אז איך בין זייער בעסטער פריינד. איך וועל מאכען א מאָלצייט און זיי איינלאדען צו זיך און ווען זיי וועלען זיין מעהר אינטים מיט מיר, וועלען זיי שוין טאָן אלעס וואס איך וועל זיי הייסען.

— אבער איך גלויב קוים אז אפילו ווען זיי זאלען טאָהן די עבודה אין א שכור'ן צושטאנד, וועט משה נישט בעשטראפען מיט'ן טויט — האט זי געזאגט.

— דאס וועט נאָ זיין בעסער פאר מיר, דאן וועל איך קענען אלעמען איבערצייגען אז משה אליין פיהרט נישט דורך די געזעצען וואס ער האט געשריבען אין דער תורה, און דאס וועט ער זעהר נישט וועלען. און ווען דאס פאלק וועט זיך דערוויסען פון דעם, וועט שוין מיר נישט זיין צו שווער צו מאכען אן אויפשטאנד געגען די זיהן פון עמרם. פערגעס נישט אז פילע פון פאָלק וועלכע האבען פערלאָרען זייערע קרובים נאכדעם ווי משה האט זיך מיט זיי אפגערעכענט פאָר דעם עגל, זיינען נאָך אפילו יעצט זעהר אויפגערעגט אויף משה'ן און אהרן, און ווען איך זאל נאָר האבען די קלענסטע געלעגענהייט וואלטען זיי מיר ארויסגעהאָלפען אין דעם אויפשטאנד.

— איך זעה קרח אז דו ביזט בראוו און העלדיש — האָט איהם זיין פרוי א חנפה געטהאָן — אָה ווען דיר וואָלט טאקע געלונגען צו ווערען א פיהרער אין ישראל, ווי גליקליך איך וואָלט זיך געשעצט. פריהער האָב איך געמיינט, אז ווען אלע וועלען זעהען אז מיר זיינען די רייכסטע צווישען זיי, וועלען זיי אונז אָפגעבען כבוד, און יעדע פרוי וועט זיך שעצען גליקליך אויב איך וועל צו איהר ריידען. יעצט אָבער זעה איך אז דעם גאנצען כבוד קריגען די פרויען פון משה'ן און אהרן, ווער געדענקט עס ניט וואָס פאר אן אויפנאהמע די פרויען האָבען געגעבען צו צפורה'ן, ווען זי איז אָנגעקומען אהער פון מדין. די וואונדערבארע מתנות וואָס מען האָט איהר געבראכט, וואָכען און מאָנאטען האָט מען פון איהר ניט אויפגעהערט צו ריידען, יעדער האָט געגלויבט איהר שעהנקייט, איהר גוטסקייט, און ווינציג רעדט מען פון אלישבע'ן, און בפרט יעצט אז אהרן איז געוואָרען דער כהן גדול קריעגט זי דעם גרעסטען כבוד, און וואָס האָב איך,

גאַרניט! אויף מיר קוקט מען זיך ניט אום. ווען עס קומט שבת און איך טהו זיך אָן מיט מיינע שעהנסטע קליידער. און איך בעציער מיין האלז מיט דעם וואונדערבארען האלזבאנד, וואָס דו האָסט מיר געבראכט פון פרעה׳ס שאַץ־קאמער, בעמערקען זיי אפילו דאָס ניט. און ווען איך האָב איינמאָל געמאכט א פערזוך צוצוציהען די אויפמערקזאמקייט פון עוזיאל׳ס פרוי וועגען מיין האלזבאנד, האָט זי נאָך פון מיר חוזק געמאכט!

— וואָס עס געפעהלט איהר ניט מיין האלזבאנד? — האָט קרח איהר געפרעגט — איך פערזיכער דיר אז דאָס האָט זי געטהאָן אויס קנאה! אָבער וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

— זי האָט בעטראכט דעם האלזבאנד און זיך א קרים געטהאָן און געזאָגט דער האלזבאנד איז טאקע זעהר א שעהנער אָבער ער פאסט ניט פאר מיין האלז! האָסטו געהערט די חוצפה פון א פרוי? עס פאסט זיך דערצו צו טראָגען א קרוין! — האָט זי מיר געזאָגט, אָבער פאר אן איינפאכע פרוי איז אזא האלזבאנד ניט פאסיג!

— זאָרג ניט מיין פרוי! — האָט קרח זיך אָפּגערופען — איך וועל זיי נאָך אלעמען ווייזען וואָס איך קען טהאָן. עס וועט לאנג ניט נעהמען און אלע וועלען אויף דיר קוקען מיט אנדערע אויגען, זיי וועלען דיר נאָך מעהר מקנא זיין ווי יעצט, עס וועט זיין פאר זיי א זכיה ווען דו וועסט מיט אימיצען א וואָרט אויסריידען!

— ווען וועט עס זיין? — האָט קרח׳ס פרוי א זיפץ געטאָן, דערווייל זעה איך אז קיינער רעכענט זיך מיט דיר נישט און דו ביזט מעהר נישט ווי אן איינפאכער לוי!

— מיט מיין רייכטום און קלוגשאפט וועל איך נאָך פיהרען אלע שבטים; דו וועסט זעהן אז עס וועט קומען א צייט אז אפילו אלישבע און צפורה וועלען דיר מקנא זיין. פערליר נאָר נישט דיין מוטה... אהרן וועט פאר אלעם בעצאָהלען!

— אין דער צייט וואָס דו זוכסט צו נעהמען נקמה אן אהרן׳ען פערגעסטו אז משה איז נאָך מעהר שולדיג ווי אהרן וואָס דו ביזט נישט דערהויבען געוואָרען.

— עס וועט קומען א צייט אויך אויף משה׳ן! — האָט קרח איהר געענטפערט. די גאנצע משפחה פון עמרם וועט בעקומען אזא סוף ווי מרים׳ס זוהן חור. ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט וויפיעל אָנהענגער איך האָב, וועלכע זיינען גערייט צו יעדער צייט מיר נאָכצופאָלגען און טאָן אלעס וואָס איך וועל זיי הייסען! וואָלסטו דאן פערשטאנען אז איך ווייס וואָס איך רייד.

— איך ווייס ווער אלע דיינע פריינד זיינען! — האָט זי איהם געענטפערט— נאָך אמאָל דתן און אבירם, און דער זוהן פון פלת און זייערע הברים; וואָס פאר א ווערדע האָבען זיי און ווער וועט לייגען געוויכט אויף זייערע רייד!

— אויב אזוי מאכסטו א טעות! — האָט קרח געזאָגט מיט שטאָלץ—אליצור דער זוהן פון שדיאור איז דער וויכטיגסטער מאן פון דעם שבט ראובן און ער איז אויך געוואָרען מיינער אן איבערגעגעבענער פריינד, און דורך איהם האָף איך צוצוציהען פיעלע אנדערע. אלעס וועט רעכט ווערען איך דארף נאָר וואַרטען אויף א גוטער געלעגענהייט!

אין אָוונט האָבען זיך אין קרח׳ס געצעלט פערזאמעלט אייניגע פון זיינע אינטימע פריינד און מען האָט זיך שטילערהייד גע׳סוד׳עט וועגען פערשידענע פלענער.

קרח׳ס ווייב האָט דערלאנגט עפּעס צוצובייסען און האָט אויף דעם טיש געשטעלט א פלאש גוטען וויין, און זי האָט זיך אויך אוועקגעזעצט נעבען זיי.

קרח האָט אָנגעפילט די בעכער מיט וויין און אלע האָבען געטרונקען.

— דער איינציגער וועג אויפצואווייזען דעם פאָלק אז משה האָט זעהר נישט ריכטיג געהאנדעלט ווען ער האָט בעשטימט זיין ברודער אהרן פאר׳ן כהן גדול און זיינע זיהן פאר כהנים, איז צו

איבערצייגען אַלעמען אַז אהרן׳ס זיהן געהען נישט אויף דעם ריכטיגען וועג. זיי אַליין היטען נישט אָפּ די געזעצען פון דער תורה, און וואָס פאַר אַ מוסטער קענען זיי זיין פאַר כל ישראל — האָט און, דער זוהן פון פלת זיך אָפּגערופען.

— דאָס וועט גראָדע נישט זיין קיין שווערע אויפגאַבע! — האָט אבירם צוגעגעבען — ביידע עלטערע זיהן פון אהרן נדב און אביהו האָבען נישט פיינט דעם ביטערען טראָפּען, און בפרט יעצט, אַז עס איז זיי פערבאָטען און זיי קענען דאָס נישט קריגען אין זייער היים, וועט זיין גאַנץ גרינג, קרח, פאַר דיר, זיי איינצולאַדען צו זיך און זיי אַנשכור׳ן ווי לוט.

— דאָס וועסטו דאַרפען טאָן איידער זיי געהען אין משכן צו דער עבודה — האָט דתן געזאָגט — זאָל דער קהל זעהן אַז זיי טוען די הייליגע אַרבייט אין אַ שכור׳ען צושטאַנד. און דאַן וועלען מיר אַלעמען קענען איבערצייגען אַז אהרן׳ס זיהן היטען אַליין נישט אָפּ די געבאָטען פון גאָט, און פאַר וואָס האָט מען בעשטראָפט די אַנדערע וועלכע האָבען עובר געווען אויף דעם ערשטען געבאָט.

— מיר וועלען קענען דאַן אַלעמען בעווייזען אַז משה זוכט נאָר צו דערהויבען בלויז די פון זיין משפחה, כאָטש זיי זיינען נישט פעהיג און נישט פּאַסיג צו זייערע עמטער — האָט און דער זוהן פון פלת זיך אָפּגערופען.

— מאָרגען אין דער פריה וועל איך האָבען נדב׳ן און אביהו׳ן אין מיין געצעלט — האָט קרח געזאָגט — זיי זיינען ביידע פריינדליך צו מיר, און איך בין זיכער, אַז מיר וועט געלינגען זיי אַנצו׳שכור׳ען.

— איך צווייפעל אויב זיי וועלען קומען! — האָט קרח׳ס פרוי זיך אָפּגערופען — איך האָב זיי שוין איינמאָל איינגעלאַדען און זיי זיינען נישט געקומען.

— איך האָב שוין אַ וועג ווי אַזוי זיי איינצורעדען — האָט קרח געענטפערט — דו קענסט זיך אויף מיר פערלאָזען!

— איך ווייס וואָס דו מיינסט! — האָט דתן אַ שמייכעל געטאָן — איך וועל מאָרגען אין דער פריה שיקען מיינע צוויי טעכטער צו דיר.

— דו האָסט מסתמא פערגעסען אַז דתן האָט צוויי שעהנע טעכטער, און אַז איך וועל זיי זאָגען אַז זיי וועלען זיין אין מיין געצעלט, וועלען שוין נדב און אביהו זיך לאַנג ניט לאָזען בעטען...

— ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי שטאָלץ זיי זיינען ביי זיך, — האָט קרח׳ס פרוי אויסגערופען — אַ קלייניגקייט, זייער פעטער איז דער קעניג און זייער פאָטער — דער כהן גדול און זיי אַליין כהנים. עס איז נישטאָ קיין איינציגע מיידעל אין גאַנץ ישראל וואָס זאָל זיין גוט גענוג פאַר זיי... און בפרט רתן׳ס טעכטער!

מיט וואָס זיינען מיינע טעכטער ערגער פון אַנדערע — האָט זיך דתן געפונען עטוואָס בעליידיגט.

— איך זאָג דען, אַז דיינע טעכטער זיינען ערגער! — האָט זי זיך פערענטפערט — איך ווייס אַז דו האָסט שעהנע געראָטענע טעכטער, אָבער דו ווייסט דאָך ווי משה און אהרן און זייערע משפחות קוקען אויף דיר און דיין ברודער אבירם, וועלען זיי דען אפילו טראַכטען וועגען משדך צו זיין מיט אייערע משפחות!

— דו רעדסט שוין ווי אַ נאַרישע אשה! — האָט קרח זיך אָפּגערופען — ווער רעדט דאָ וועגען משדך זיין, איך דאַרף נאָר האָבען אַז נדב און אביהו זאָלען וועלען קומען אין מיין געצעלט און זיך לאָזען אָנ׳שכור׳ען, איז ווען איך וועל זיי זאָגען, אַז אין מיין געצעלט געפינען זיך צוויי שעהנע מיידלעך, וועל איך שוין מיט זיי קיין סך נישט דאַרפען ריידען. און דורך דתן׳ס טעכטער וועט מיר אויך נישט שווער אָנקומען זיי זאָלען צושטימען צו טרינקען וויין.

דעם זעלבען טאָג, ווען קרח האָט זיך בעגעגנט מיט אהרן׳ס צוויי עלטערע

זיהן, נדב און אביהו, האָט ער זיך צו זיי אָפּגערופען :

— מאָרגען אין דער פריה מאַך איך א שטיקעל מאָלצייט און איך וואָלט וועלען איהר זאָלט צו מיר קומען פערברייגען אויף א קורצע ווייִלע.

— וואָס פאַר א שמחה איז מאָרגען ביי דיר, קרח ? — האָט איהם נדב געפרעגט.

— מאָרגען איז דער איינציגער טאָג פון יאָהר וואָס איך פייער בלויז מיט מיט גאנצען משפּחה. מיט פיעלע יאָהרען צוריק אין דעם זעלבען טאָג האָב איך ארייגעקראָגען מיין רייכטום וואָס איז געבליבען א געהיימנים פאַר אלעמען ביז היינטיגען טאָג. און אזוי ווי איהר ביידע זייט מיינע בעסטע פריינד, האָב איך בעשלאָסען פאַר אייך ביידען דעם סוד צו ענטדעקען. איהר וועט עס מאָרגען פון מיר הערען און איהר וועט שטוינען !

— מיט וואָס האָבען מיר דאָס ביי דיר פאַרדינט מעהר ווי די אנדערע !— האָט איהם אביהו געפרעגט.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אז איהר זייט מיינע בעסטע פריינד. זיינען מיר דען נישט צוזאַמען אין משכן ? מיר זעהען זיך יעדען טאָג. דאַרף איך דען אייך נישט בעדינען אין משכן און אייך ארויסהעלפען מיט דער עבודה. יא, מאָרגען וועל איך אייך אלעס דערצעהלען.

— און ווער וועט דאָרטען נאָך זיין ?

— האָט איהם נדיב געפרעגט.

— בלויז די משפּחה. איהר קענט דאָך פערשטעהן אז אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע וועל איך אזא וויכטיגען סוד נישט ענטדעקען ! וועט איהר קומען, מיינע פריינד ?

— מיר וועלען קומען, אָבער דו דאַרפסט נישט פערגעסען אז מיר וועלען לאַנג נישט קענען פערווייִלען אין דיין געצעלט, און אויסער דעם וועלען מיר קיין וויין און אנדערע שטאַרקע געטרענקע נישט קענען טרינקען. דו ווייסט דאָך אז דאָס איז פאַר אונז פערבאָטען.

— דאָס קענט איהר זיך אויף מיר פערלאָזען ! — האָט קרח געזאָגט — איך האָף אז נאָך דעם ווי איך וועל אייך מיין סוד ענטדעקען וועט אונזער פריינדשאַפט פערשטאַרקט ווערען.

א צופרידענער איז קרח אוועק צו זיך אהיים און זיך אָפּגערופען צו זיין פרוי :

— דו האָסט געצווייפעלט אויב זיי וועלען אָננעהמען מיין איינלאַדונג און יעצט קען איך דיר זאָגען אז מאָרגען וועלען זיי ביידע זיין. יע, ביידע, נדב און אביהו !

— ווי אזוי איז דיר געלונגען זיי איבערצורייִדען, טאַקע דורך די טעכטער פון דתן׳ען ?

— דו מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען ! — האָט קרח מיט שטאָלץ געזאָגט — איך בין אפשר נישט אזוי הויך אין דיינע אויגען אזוי ווי אהרן, אָבער צו יעדער צייט, קען איך זיך מיט איהם פערמעסטען אין קלוגשאַפט... וואָס מיינסטו, איך וועל געהן דערמאָהנען דתן׳ס טעכטער צו זיי... ווען איך טו דאָס וואָלטען זיי זיכער נישט געקומען!

— איך פערשטעה דיר נישט ! — האָט קרח׳ס פרוי געקוועטשט מיט איהרע פּלייצעס — האָסטו דען אליין נישט געזאָגט, אז ווען דו וועסט דערמאָהנען שעהנע מיידלעך פאַר זיי, וועלען זיי זיך לאַנג נישט לאָזען בעטען.

— דאָס האָב איך געזאָגט אזוי פאַר דתן, כדי ער זאָל טאַקע מאָרגען שיקען צו מיר זיינע צוויי טעכטער.

— אָבער צו וואָס וועסטו זיי דאַרפען? זיי וועלען דאָך זיין א שטערונג !

— איך האָב אלעס גוט אויסגערעכענט פאַראויס ! — האָט קרח געענטפערט — דתן׳ס טעכטער וועלען מיר מאָרגען שטאַרק צוניץ קומען דורכצופיהרען אלע מיינע פּלענער.

— איך קען נאָך אלץ נישט פערשטעהן ! — האָט זי זיך אָפּגערופען — זאָג מיר ווי אזוי האָסטו געקראָגען זייער צושטימונג צו קומען אונז בעזוכען מאָרגען.

— איך האָב זיי געזאָגט, אז מאָרגען

איז דער טאָג ווען איך האָב מיט פיעלע יאָהרען צוריק געקראָגען אלע מיינע אוצרות, און אויב זיי וועלען צו מיר קומען, וועל איז זיי ענטדעקען די גאנצע געהיימניס. נו פערשטעהט זיך, אז זיי זיינען זעהר נייגיריג געווען, און האָבען מיר פערשפּראָכען צו קומען.

— און דו וועסט זיי טאקע דערצעהלען אלעס ווי אזוי דו האָסט בע'גנב'עט פרעה'ס אוצרות! — האָט זיך זיין פרוי אָפּגערופען עטוואָס צושראָקען — ווייסטו דען נישט, אז ווי נאָר מען וועט אויסגעפינען, ווי אזוי דו האָסט געקראָגען דיין רייכטום, וועלען אלע פון דיר פערלאנגען א חלק... זיי וועלען דאָך זיין גערעכט, ווען זיי וועלען טענה'ן, אז פרעה האָט אלעמען גלייך בערויבט און דעריבער דארפען זיינע אוצרות געהערען אלעמען גלייך.

— און דו מיינסט טאקע, אז איך וועל זיי דערצעהלען! — האָט קרח געשמייכעלט. דערפאר האָב איך שוין אויף געזאָרגט און אין זייער אנוועזענהייט וועל איך דאָך נישט קענען זיי ענדעקען אזא וויכטיגען סוד, און א חוץ דעם וועט מיר דורך דתן'ס טעכטער גרינגער אָנקומען זיי איינצו'שכור'ען. דו גרייט צו דעם שטארקסטען וויין און פערלאָז זיך אויף מיר צו טאָן דאָס איבעריגע.

אויף מאָרגען אין דער פריה ווען נדב און אביהו זיינען אריינגעקומען אין קרח'ס געצעלט האָבען זיי א חוץ קרח'ן און זיין פרוי דאָרטען אויך געטראָפען צוויי שעהנע מיידלעך.

— ווער זיינען זיי? — האָט נדב געפרעגט קרח'ן אין דער שטיל.

— דאָס זיינען די טעכטער פון מיין פריינד דתן! זיי האָבען זיך דערוואוסט אז איך פייער א מאָלצייט זיינען זיי אריינגעקומען אויף א קליינע ווייל.

— אָבער מיר מוזען געהן גלייך צוריק! — האָט אביהו אויסגערופען — מיר האָבען געמיינט אז בלויז פון אונזער משפחה וועלען דאָ זיין.

— איהר וועט דאָך מיר נישט פערשעהמען פאר פרעמדע מענשען! האָט קרח זיך צו זיי אָפּגערופען — אז איהר זייט שוין יע געקומען, טאָ לאָמיר פערברענגען א קליין ווייל און נאכהער וועט איהר געהן. יע, מיר וועלען געהן צוזאמען, איך וועל דאָך אויך דארפען געהן אין משכן.

נדב און אביהו זיינען אריינגעקומען און זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט לעבען טיש.

קרח האָט זיי פאָרגעשטעלט פאר דתן'ס טעכטער און א ווייל האָבען זיי גערעדט.

קרח'ס פרוי האָט געבראכט שטארקען וויין מיט עפּעס צוצובייסען.

— לכבוד מיין שמחה וועלען מיר נעהמען צו ביסעל וויין — און קרח האָט אָנגעפילט די גלעזער און דערלאנגט צו נדב'ן

—אָה, ניין מיר וועלען נישט טרינקען! — האָט נדב אויסגערופען — עס איז אונז פערבאָטען, בפרט אז מיר וועלען באלד דארפען געהן אין משכן צו טאָהן די עבודה.

— איך וועל דאָך אויך דארפען באלד אהין געהן! — האָט קרח געזאָגט — עס וועט אונז גאָר נישט שאדען ווען מיר וועלען נעהמען צו ביסלעך. ער האָט א וואונק געטאָן צו דתן'ס טעכטער, און זיי זיינען באלד צוגעקומען נעהנטער צו אהרן'ס זיהן און צוטראָגענדיג די בעכער צו זיי, האָבען זיי גענומען איינריידען זיי זאָלען טרינקען.

דער ריח פון דעם גוטען וויין און די שעהנע פנים'ער פון דתן'ס טעכטער האָט אויף ביידע ברידער שטארק געווירקט, און זיי האָבען גענומען צו ביסלעך. דאָס איבעריגע איז שוין נישט געווען שווער. באלד האָבען די מיידלעך ווידער אָנגעפילט די בעכער און עס צו זיי צוגעטראָגען.

נדב און אביהו האָבען אויך די בעכער וויין אויסגעטרונקען. אזוי האָט לאנג נישט געדויערט און די צוויי ברידער זיינען געוואָרען שכור'ליך.

— דו האָסט אונז עפּעס פערשפּראָכען! — האָט נדב דערמאָהנט קרח'ן.

— איך וועל דאָס שוין מוזען טאָן ביי אן אנדער געלעגענהייט — האָט קרח אָנגעוויזען אויף די צוויי מיידלעך, יעצט אז זיי זיינען דאָ וועל איך דאָך אזא וויכטיגען סוד נישט קענען דערצעהלען, און דעריבער לאָמיר טרינקען נאָך א מאָל.

קרח האָט אָנגעפּילט די בעכער מיט נאָך וויין און דתן'ס טעכטער האָבען דאָס צוגעטראָגען צו נדב'ן און אביהו'ן און זיי האָבען געטרונקען.

— און יעצט לאָמיר טרינקען צו דער געלעגענהייט וואָס איהר זייט ביידע כהנים! — האָט קרח אויסגערופען און א וואונק געטאָן צו דתן'ס טעכטער.

זיי האָבען באלד אָנגעגאָסען ווידער אמאָל די בעכער און דערלאנגט צו נדב'ן און אביהו'ן.

— גענוג! — האָט נדב אויסגערופען — מיר קענען דאָ לענגער נישט פערבלייבען — מיר מוזען געהן אין משכן און טאָן אונזער עבודה.

— און מיר האָבען מיט אונז אונזערע רויך־פאנען נישט מיטגענומען צו מאכען די קטורת — האָט אביהו אויסגערופען — מיר וועלען זיך מוזען אומקעהרען צו אונזערע געצעלטען צו קריגען די רויך־פאנען.

— דאָס וועט נישט זיין נויטיג! — האָט קרח זיי געענטפערט — איך האָב צוויי רויך־פאנען, איהר וועט קענען זיך בענוצען מיט מיינע!

זיי זיינען שוין געוועזען עטוואָס שכור'לעך און עס האָט קרח'ן לאנג נישט גענומען זיי איבערצורעדען, צו נעהמען נאָך אביסעל וויין.

ווען נדב און אביהו האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער האָבען זיך זייערע קניה געבויגען, און די אויגען האָבען זיי געשווינדעלט.

— עס איז דאָך נישט ערלויבט אריינצוקומען אין משכן אין אזא צושטאנד! — האָט נדב גענומען פּלאָנטערן מיט'ן צונג.

— אָבער מיר וועלען מוזען דאמפּפען די קטורת! — האָט אביהו אויסגערופען.

— איך וועל אייך ארויסהעלפען! — האָט קרח פאָרגעשלאָגען — איך וועל אייך געבען די רויך־פאנען שוין מיט פארטיגען פייער, אינווייניג אין די פאנען. איהר וועט בלויז דארפען צולייגען די פאנען מיט די פייער צום קטורת און עס וועט אייך נעהמען ווינציגער צייט.

— אָבער עס איז דאָך פערבאָטען אריינצוברענגען פרעמדעס פייער אין משכן!

— נו אז עס איז פארבאָטען פאר כהנים צו טרינקען וויין איז וואָס, האָט איהר דען נישט געטרונקען? און האָט אייך דען געשאדט? דיזעלבע זאך וועט אייך נישט שאדען ווען איהר וועט ארייקומען אין משכן מיט די רויך־פאנען פול מיט פייער. עס וועט אייך נעהמען א סך שנעלער, איהר וועט נישט דארפעןווארטען ביז וואנען דאָס פייער וועט אויפפלאקערען פון זיך אליין.

קרח האָט זיי ביידען איבערגעגעבען די צוויי מחתות (רויך־פאהנען) מיט פייער.

— איך וועל אוועקגעהן צום משכן א פריהער און זעהן צוגרייטען אלעם פאר אייך, אז איהר זאָלט קיין סך נישט דארפען טאָן! — האָט קרח זיך אָפּגערופען און ער האָט פערשנעלערט זיינע טריט צום משכן.

ער האָט זיך דאָרט בלויז פערזאמט א קליינע ווייל און איז צוריק ארויס פון דאָרטען און זיך צונויפגעמישט מיט די איבעריגע לויים וועלכע האָבען געארבייט אין דעם חצר פון דעם משכן.

לאנגזאם, מיט וואקלענדע טריט, האָבען זיך די צוויי ברידער נדב און אביהו, אהרנ'ס זיהן, דערנעהנטערט צום משכן. אין זייערע הענט האָבען זיי געהאלטען די מחתות מיט פייער וואָס קרח האָט זיי מיטגעגעבען.

די קטורת איז שוין געווען צוגעגרייט אויף דעם מזבח.

די לויים וועלכע האבען זייער ארבייט געטאן אין הויף פון משכן, האבען באמערקט ווי אהרן'ס זיהן קומען אן.

— זעה נאר, קרח! — האט איין לוי א ציה געטאן קרח'ן פאר'ן האנט — זעהסטו ניט דארטען קומען אן אהרן'ס זיהן, איך וועל שווערען אז זיי זיינען שכור!

קרח האט א קוק געטאן און צוגעגעבען מיט א שמייכעל — און איך וועל שווערען אז דו ביזט גערעכט זיי זיינען טאקע גוט שכור!

— זיי דערנעהנטערן זיך צום מזבח פון קטורת און דו ווייסט דאך, אז זיי האבען קיין רעכט נישט צו טאן אזא זאך.

— און איהר בעמערקט גאר נישט— האט זיך אן אנדער לוי אפגערופען— אז זיי טראגען מחתות מיט פייער וואס קומט פון דרויסען... זיי זיינען דאס אויך נישט ערלויבט צו טאן.

— אט וועל איך צולויפען צו זיי און זיי זאגען, אז דאס טארען זיי ניט טאן.

— דו ווילסט האבען דעם זעלבען פסק וואס איך האב נישט לאנג צוריק פון זיי געהאט?

— וואס איז פארגעקומען?

— אויף דעם וועג צום משכן — האט קרח געזאגט — האב איך זיי בעגעגענט, איך האב גלייך באמערקט, אז זיי האבען געטרונקען וויין, און ווען איך האב דערצו נאך באמערקט אז זיי קומען אן מיט פרעמדעם פייער —האב איך זיי גענומען מוסר זאגען אז זיי טוען נישט ריכטיג, האט איהר געדארפט הערען וואס פאר מיילער זיי האבען אויף מיר געעפענט, זיי האבען מיר גענומען זידלען און געזאגט: "דו דארפסט געדענקען אז דו ביזט אן איינפאכער לוי, דו ביזט בלויז א משרת צו אונז און מיר וועלען נישט דולדען אזעלכע רייד פון דיר!" ווען איך האב דערהערט זייערע רייד, האב איך זיך גלייך אפגעטראגען פון זיי. און יעצט ווילסטו צולויפען און זיי זאגען אז זיי זאלען נישט טאן!

— אויב אזוי, וועל איך דאס געווים נישט טאן! — האט דער לוי אויסגערופען — צו וואס דארף איך בעליידיגט ווערען פון זיי!

— אט דארטען אויף דעם צווייטען זייט, ארבייטען מישאל און אליצפן די זיהן פון עזיאל'ן — האט אן אנדער לוי אויסגערופען — אט וועל איך געהן דערצעהלען. זיי זיינען דאך קרובים צו אהרן און אז זיי וועלען זיי זאגען וועלען זיי זיך צוהערען צו זייערע רייד.

— און איך בין דען נישט קיין קרוב צו זיי! — האט קרח געזאגט— מיין פאטער איז דאך אויך געווען עמרם'ס ברודער, אזוי ווי עזיאל.

— פאר אליצפן אבער האבען זיי מעהר דרך ארץ. ער קומט גאנץ אפט אריין צו זייער פאטער אין הויז — אט וועסטו זעהן ווי זיי וועלען איהם פאלגען!

— רייד נישט קיין נארישקייטען!— האט קרח געזאגט, שטער זיי נישט פון זייער ארבייט, ווייל זייערע רייד וועלען פאלען אויף טויבע אויערען ווי מיינע. און איהר מיינע פריינד, גענוג שוין צו פערברייגגען אייער צייט אין דברים בטלים. דער טאג שטעהט נישט און מיר האבען נאך א סך ארבייט צו טאן.

די לויים האבען געפאלגט קרח'ן און זיך גענומען יעדער צו זיין ארבייט.

פלוצלונג האט איינער א געשריי געטאן:

— א פייער!

אלע האבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און האבען דערזעהן ארום דעם מזבח פון קטורת אן אונגעהויער גרויסען פייער וואס האט דערגרייכט באלד ביז'ן הימעל.

— אה, א פייער איז ארונטערגעקומען פון הימעל! — האט איינער אויסגערופען א צושראקענער.

— יע, איך האב אליין געזעהן דעם

פֿייער! אָה ווי שרעקליך ער האָט זיך פֿריהער געשלעגגעלט און נאָכהער האָב איך געזעהן ווי דאָס פֿייער האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלייך צו דעם מזבח פֿון קטורת!

— ווי גרויס דאָס פֿייער איז, ווי שטארק עס האָט זיך צופֿלאַקערט! — האָט נאָך איינער אַ געשריי געטאָן.

באלד האָבען זיך אַלע לויים וועלכע האָבען געארבייט אין דעם חצר פֿון משכן אַ לאָז געטאָן צום פּלאַץ פֿון פֿייער!

— ריהרט זיך נישט פֿון אייערע פּלעצער! — האָט קרח זיי געגומען וואָרנען — זעהט איהר דען נישט אַז דאָס פֿייער איז ארונטער פֿון הימעל אויפ'ן מזבח און די סכנה איז זעהר גרויס זיך דאָרט צו דערנעהנטערען.

— אָבער אהרן'ס צוויי זיהן זיינען דאָרט נאָר וואָס געשטאנען! — האָט אימיצער זיך אָפּגערופֿען — ווער ווייס אויב זיי זיינען נישט צוברענט געוואָרען.

— איך האָב דערהערט אַ שרעקליך געשריי באלד ווי דאָס פֿייער האָט אויסגעבראָכען, איך בין זיכער, אַז נדב און אביהו האָבען אפילו נאָך נישט בעוויזען פֿון דאָרטען צו ענטלויפֿען — האָט אַן אנדער לוי אויסגערופֿען.

— אָט קומען אָן מישאל און אלצפן!

— האָט אימיצער אָנגעוויזען אויף זיי.

— וואָס האָט פּאסירט? — האָט מישאל אַ פֿרעג געטאָן.

— ווער איז דאָרטען געוועזן? — האָט אליצפן אויסגערופֿען — לאָמיר אהין צוגעהן — האָט אַ לוי אויסגערופֿען.

— מיר האָבען קיין רעכט נישט צוצוגעהן דאָרטען! — האָט קרח געזאָגט — עס איז צו הייליג, בלויז די כהנים מעגען דאָרטען צוגעהן.

— אָבער ווער איז דאָרטען געוועזן?

— האָט אליצפן געפֿרעגט.

— נדב און אביהו זיינען אהין נאָר וואָס צוגעגאנגען — האָט קרח איהם געענטפֿערט — זיי זיינען געוועזן גוט שכור.

— שכור! — האָט אליצפן אויסגערופֿען — וואָס רעדסטו?

— יע, זיי זיינען געקומען אהער שכור — דו קענסט פֿרעגען די איבעריגע — זיי זיינען געוועזן אַזוי שכור אַז זיי האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף זייערע פֿיס!

— דאָס איז אונמעגליך! — האָט מישאל אויסגערופֿען — אהרן'ס זיהן וועלען נישט טרינקען קיין וויין איידער זיי געהען צו דער עבודה.

— זיי וועלען נישט טרינקען, הא?

— האָט קרח זיך בעהערשט נישט צו שמייכלען — אויב דו ווילסט מיר נישט גלויבען פֿרעג זיי! זיי האָבען אויגען!

— זיינען זיי ווירקליך געוועזן שכור?

— האָט אליצפן זיך געווענדעט צו די איבעריגע לויים.

— יע מיר האָבען זיי געזעהן אָנקומענדיג שכור'ע!

— און דערצו האָבען זיי נאָך מיט זיך געהאַלטען מחתות מיט פֿייער!

— איך פֿערשטעה דאָר נישט! — האָט מישאל אויסגערופֿען — ווייסען זיי דען נישט, אַז זיי זיינען נישט ערלויבט צוצוקומען מיט פֿרעמדעס פֿייער צום מזבח!

— ווייסען זיי דען נישט, אַז זיי טאָרען נישט קומען קיין בערוישטע פֿון וויין צום משכן? — האָט קרח זיי געענטפֿערט.

— יע, איין עבירה שלעפּט מיט אַ צווייטע — האָט אַ לוי געזאָגט — ווען זיי האָבען זיך אָנגע'שכור'ט האָבען זיי פֿארגעסען אויף די די איבעריגע געבאָטען.

— און איך גלויב, אַז דאָס האָט זיי גאָט בעשטראָפֿט פֿאר זייערע זינד! — האָט קרח זיך אָפּגערופֿען — ער האָט ארונטערגעשיקט אַ פֿייער פֿון הימעל און זיי...

— וואָס?! — האָט אליצפן אויסגעשריען — דו גלויבסט אַז זיי זיינען בעשעדיגט געוואָרען?

— זיי זיינען געווען גאַנץ נאָהענט צום מזבח ווען דאָס פייער איז ארונטערגעקומען פון הימעל! — האָט א צווייטער לוי געזאָגט.

— און איך האָב געהערט פערצווייפעלטע געשרייען!

— און דאָס ערגסטע איז — האָט קרח מיט א תמימות'דיגען פנים געזאָגט — אז מיר זיינען נישט ערלויבט צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צו יענעם פלאַץ. מיר זיינען דאָך איינפאכע לויים און צו יענעם הייליגען פלאַץ האָבען בלויז די כהנים צוטריט.

— עס איז נישטאָ אזא פלאַץ וואו מען זאָל נישט טאָרען צוקומען צו ראַטעווען א מענשען פון סכנה! — האָט מישאל געזאָגט.

מישאל און אליצפן זיינען שנעל צוגעלאָפען צום פלאַץ וואו דאָס פייער האָט געפלאקערט און א דיקער רויך האָט געזועצט.. זיי האָבען באלד דערזעהן ווי נדב און אביהו די צוויי זיהן פון אהרן ליגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, טויט.

— זיי זיינען פארברענט געוואָרען!

— האָט מישאל אויסגערופען מיט טרערען אין די אויגען! — גאָט האָט א פייער פון הימעל ארונטערגעשיקט און זיי זיינען געטויטעט געוואָרען.

— אָה, וואָס פאר א שרעקליכע שטראָף זיי האָבען בעקומען פאר זייער לייכטזיניגקייט! — האָט אליצפן געוויינט. וואָס פאר א שרעקליכער קלאַפּ עס וועט זיין פאר זייער פאָטער און מוטער!

— ווער וואָלט עס געגלויבט אז זיי האָבען עובר געווען אויף דעם געבאָט נישט צו טרינקען קיין וויין איידער זיי געהן צו דער עבודה.

— און דערצו האָבען זיי נאָך צוגעבראכט צום מזבח פרעמדעס פייער!

— לאָמיר זייערע קערפערס עטוואָס אַפּרוקען פון דאנען, אויב נישט וועלען זיי אין גאנצען פערברענט ווערען, אז מען וועט זיי אפילו ניט דערקענען.

— זיי זעהר פאָרזיכטיג אליצפן!

— האָט מישאל אויסגערופען — עס איז נאָך גאַנץ געפעהרליך גאַנץ נאָהנט דאָרט צוצוקומען!

— דאָס פייער איז שוין קלענער געוואָרען.

— זעה אז דער רויך זאָל דיר נישט א זעץ טאָן אין פנים.

— פערמאַך דיינע אויגען!

מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט האָבען מישאל און אליצפן עטוואָס אַפּגערוקט די צוברענטע קערפערס פון נדב און אביהו'ן.

— יעצט מוזען מיר לויפען אָנזאָגען משה'ן און אהרן וואָס דאָ האָט פאַסירט! — האָט מישאל אויסגערופען.

— איך וועל אָנזאָגען משה'ן און דו לויף שנעל צו אהרן'ס געצעלט! — האָט אליצפן זיך אָפּגערופען.

די צוויי ברידער זיינען שנעל געלאָפען אין דער ריכטונג וואו די געצעלטען פון משה'ן און אהרן זיינען געשטאנען. אליצפן איז אריין צו משה'ן אין געצעלט און אויסגערופען מיט גרויס געוויין:

— אָה, מיין האר משה! אן אומגליק האָט פאסירט, זעהר א גרויסער אומגליק! א פייער איז ארונטערגעקומען פון הימעל און האָט פערברענט אהרן'ס צוויי זיהן, בעת זיי זיינען געשטאנען נעבען דעם מזבח פון קטורת.

משה איז אויפגעשפרונגען פון זיין פלאַץ. זיין פנים איז טויט־בלאס געוואָרען.

— א פייער פון הימעל האָט פערברענט נדב און אביהו'ן — האָט ער איבערגעפרעגט מיט א ציטערנדע שטימען — האָבען זיי דען מיט עטוואָס געזינדיגט געגען גאָט?

— יע, זיי האָבען געטרונקען וויין און אהין געקומען מיט פרעמדעס פייער!

— עס איז אונמעגליך! — האָט משה איהם נישט געוואָלט גלויבען. נדב און אביהו וועלען נישט טרינקען קיין וויין ווען זיי דארפען געהן צו דער עבודה.

— אבער מיין האר, איך און מיין ברודער האבען אויך נישט געוואלט גלויבען, אבער אלע איבעריגע לויים האבען זיי געזעהן אנקומענדיג שכור'ע.

— דאס איז א שטראף פון גאט! — האט משה אויסגערופען — האט מען שוין אנגעזאגט אהרן'ען?

— יע, מיין ברודער מישאל איז צו איהם נאר וואס אוועק.

משה און אליצפן זיינען שנעל ארויס פון געצעלט און געלאפען אין דער ריכטונג פון אהרן'ס געצעלט. פון ווייטען האבען זיי באמערקט ווי מישאל שטעהט נעבען אהרן'ס געצעלט און וויינט.

— וואו איז אהרן? — האט איהם משה געפרעגט. —האסטו איהם שוין דערצעהלט, וואס עס האט פאסירט מיט זיינע צוויי זיהן?

— אה, ניין, מיין האר! — האט מישאל אויסגערופען און זיך געטרייסעלט פון שרעק. — מיין הארץ האט מיר נישט דערלאזען איהם אנצוזאגען אזא שרעקליכע בשורה.

משה אליין איז אריין אין אהרן'ס געצעלט. ער האט דארטען געטראפען אהרן'ען מיט זיין פרוי אלישבע'ן און זייערע צוויי אינגערע זיהן, אלעזר און איתמר.

— אהרן, שטעה אויף, לאמיר שנעל געהן צום משכן, דארטען האט א ן אומגליק פאסירט!

— וואס האט פאסירט? — איז אהרן בלאס געווארען.

— אלישבע האט זיך באלד א שטעל געטהאן פון איהר פלאץ און אויסגערופען:

— וואס מאכען מיינע זיהן?

משה האט איהר נישט געענטפערט. ער האט בלויז געזאגט:

— מיר קענען קיין צייט נישט פארלירען, מיר מוזען געהן צום משכן.

ווען זיי זיינען שוין געווען א האלב וועג אפגעגאנגען, האט זיך משה אפגערופען צו אהרן'ען:

— זאג מיר, מיין ברודער! ווי אזוי קומט עס, אז דיינע זיהן זאלען זיך אנשיכור'ן איידער זיי זיינען אוועק צו דער עבודה?

— אנ'שיכור'ן?! אה משה! דא איז ווירקליך פארגעקומען א טעות!

— איך בין זיכער, אז נדב און אביהו האבען אפילו קיין וויין נישט פארזוכט היינט! — האט אלישבע אויסגערופען.

— אבער זאג מיר, משה, וואס האט געטראפען צו זיי אין משכן?

— מיר וועלען באלד אנקומען אהין, וועלען מיר שוין אלעס זעהן. אבער עס איז קיין צווייפעל נים, אז זיי האבען געטרונקען וויין.

משה האט א וואונק געטהאן צו מישאל'ן און אליצפנ'ען און זיי זיינען צוגקומען עטוואס נעהענטער.

— פון וואנען האט איהר זיך דערוואוסט, אז נדב און אביהו זיינען צוגעקומען צום משכן שיכור'ע? — האט זיי משה געפרעגט.

— קרח האט אונז געזאגט, אז זיי זיינען געווען גוט שיכור, — האט מישאל געזאגט.

— אה, יעצט ווייס איך, אז עס איז א ליגען! — האט אלישבע אויסגערופען. — קרח'ן וועל איך קיינמאל נישט גלויבען. ער האט געווים א בלבול געמאכט אויף זיי.

— מיר האבען איהם אויך נישט געוואלט גלויבען, אבער ער האט אונז געהייסען פרעגען די איבעריגע לויים, וועלכע זיינען דערביי געשטאנען און יענע האבען זיינע רייד באשטעטיגט.

— אבער, זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס האט דארטען פאסירט, אין משכן? וואס מאכען זיי, מיינע זיהן? איז שלום צו זיי?

ווען אלישבע האט געזעהן, אז אויך מישאל און אליצפן שווייגען, האט זי פארשטאנען, אז עפעס שרעקליכעס האט געטראפען איהרע זיהן און זי האט אויסגעבראכען אין א יאמערליכען געוויין.

באלד זיינען זיי צוגעקומען צום פלאץ. אהרן איז אפריהער געגאנגען. א נעדיכטער רויך האט זיך נאך געשלענ־

געלט פון דעם מזבח. ער האָט דערזעהן ווי אלע לויים שטעהען ווי צוגעשמידט צו זייערע פלעצער און זייערע בליקען זיינען געווענדעט אויף יענעם פלאַץ. באלד האָט ער דערזעהן די צוויי טויטע קערפּערס פון זיינע זיהן.

אלישבע איז שנעל צוגעלאָפען צו די קערפּערס און האָט גענומען קלאָגען און יאָמערען, ביז וואנען אין איהר איז מעהר קיין כח נישט פארבליבען צו וויינען.

באלד זיינען צוגעקומען די אנדערע לויים און קרח.

— האָט איהר געזעהן, אז זיי זיינען געקומען אהער אין א שיכור'ן צושטאנד? — האָט משה געפרעגט די לויים.

— יע, מיר האָבען געזעהן! — האָבען איינינגע געענטפערט. — דערצו האָבען זיי מיטגעבראכט פרעמד פייער.

— זיי זיינען געקומען אהער מיט פייער אין זייערע רויך־פאנען, — האָט א לוי געזאָגט. — און ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען צום מזבח, האָב איך באַמערקט, ווי א גרויסער פלאַם פייער איז ארונטער פון הימעל און האָט זיי פארברענט.

— פריהער האָב איך געמיינט, אז א בליץ איז ארונטער פון הימעל אין אזא שעהנעם קלאָהרען טאָג. אָבער ווען איך האָב זיך גוט צוגעקוקט, האָב איך געזעהן א פלאַם פייער איז ארונטער פון הימעל. דאָס פייער האָט זיך געשלענגעלט און באלד האָב איך באַמערקט ווי דאָס פייער האָט זיך א לאָז געטהאָן אין דער ריכטונג פון מזבח און פלוצלונג האָט דאָרטען אויסגעבראָכען א שרעקליכער פייער מיט א געדיכטען רויך און איידער מיר האָבען צייט געהאט אהין צוצוקומען, זיינען שוין נדב און אביהו געלעגען טויטע, — האָט קרח געזאָגט.

אהרן איז געשטאנען מיט א געבויגענעם קאָפּ און האָט געשוויגען. מישאל און אליצפן האָבען אויפגעהויבען די פאַר'חלש'טע מוטער אלישבע און האָבען זי אָפּגעמינטערט. אלע זיינען גע־בליבען שטעהן באַוועגלאָז אויף זייערע פּלעצער.

— איהר האָט זיך שוין מטמא געווען מיט די מתים! — האָט משה זיך אָפּגערופען צו מישאל און אליצפן, די זיהן פון עזיאל. — יעצט טראָגט אוועק די קערפּערס אויסער'ן לאַגער און דאָרטען וועט מען זיי באַגראָבען.

מישאל און אליצפן האָבען אזוי געטהאָן. און די גאנצע געמיינדע פון ישראל איז נאָכגעגאנגען צו דער לויה פון אהרן'ס צוויי זיהן. אלע האָבען ביטער געוויינט אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט.

צווישען עולם איז אויך געווען קרח און זיינע פריינד. זיי האָבען די גאנצע צייט געגאנגען שווייגענדיג.

נאָך דער לויה האָט קרח איינגעלאַדען דתן און אבירמ'ען צו זיך.

ווען זיי זיינען אריין אין געצעלט, איז קרח'ס ווייב זיי אנטקעגען געקומען.

— נו, ווי געפעלט דיר דער סוף פון אהרן'ס זיהן? — האָט קרח זיך צו איהר אָפּגערופען.

— מיין הארץ שרעקט מיך אזוי! — האָט זי זיך אָפּגערופען. — איך האָב מורא, אז גאָט זאָל אונז ניט שטראָפען... ווייל מיר האָבען זיי דאָך איינגערעדט צו טרינקען דעם וויין!

— פאַרוואָס זאָלסטו זיין אזוי נאַריש! — האָט קרח זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל. — דו זעהסט דאָך, אז דערווייל זיינען זיי פארברענט געוואָרען און נישט איך...

— אָבער איז דען נישט געווען גרויס דער וואונדער פון גאָט? ער האָט ארונטערגעשיקט א פייער פון הימעל...

— האָסטו אליין געזעהן ווי דאָס פייער איז ארונטער געקומען פון הימעל? — האָט קרח זיך צו איהר אָפּגערופען.

— ניין, איך האָב עס נישט געזעהן!

— האָט זי געזאָגט.

— דען פאַרוואָס רעדסטו אזוי?

— און אז איך אליין האָב נישט געזעהן, זיינען דאָך געווען פיעלע אנדערע,

וועלכע האָבען עס יאָ געזעהן! — האָט זי געזאָגט.

— נישט שטענדיג דאַרף מען יענעם גלויבען! — האָט קרח א זאָג געטהאָן און געוואָרפען זיינע בליקען אויף דתן און אבירם.

— אָבער דו אליין האָסט דאָך אויך געזעהן מיט דיינע אויגען ווי דאָס פייער איז ארונטער פון הימעל און האָט פאַרברענט אהרן'ס צוויי זיהן?

— יע, איך האָב געזעהן ווי נדב און אביהו זיינען פאַרברענט געוואָרען. אָבער ווער האָט דיר געזאָגט, אז איך האָב געזעהן דאָס פייער ארונטערקומענדיג פון הימעל?

— איך האָב דיך אליין געהערט דערצעהלענדיג און די אנדערע לויים...

— אָבער, קרח! — האָט זיך דתן אָפּגערופען, — דו קענסט דאָך דאָס ניט אָפּלייקענען! עס איז טאקע א נס געשעהן!

— און אהרן'ס זיהן האָבען באַצאָהלט מיט זייערע לעבענס פאַר דער זינד, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, — האָט אבירם צוגעגעבען.

— און איך דענק, אז עס איז שוין צייט, דאָס מיר זאָלען זיך ארומזעהן, אז מיר האָבען שטאַרק געזינדיגט געגען גאָט! — האָט דתן געזאָגט. — און עס וואָלט געווען פאַר אונז א סך גלייכער, ווען מיר זאָלען זיך צוריקציהען און אויפגעבען אלע שלעכטע פּלענער וועגען משה'ן און אהרן'ען.

— מיך וואונדערט אויף דיר, דתן, אז דו זאָלסט זיך אָפּשרעקען פון אזא קליינינגקייט!

— ביי דיר איז עס א קליינינגקייט! אָבער קיינער קען דאָך נישט צווייפלען, אז דאָ האָט א גרויס וואונדער געשעהן. און ווער ווייסט, אויב מיר וועלען אויך נישט באַשטראָפט ווערען, אויב מיר וועלען זיך נישט באַזינען אין צייט? — האָט אבירם געזאָגט.

— ווילט איהר דען מיך איבערלאָזען אליין יעצט, ווען א העלפט פון מיין פּלאַן איז פאַרווירקליכט געוואָרען? — האָט קרח זיך אָפּגערופען. — דאָס פאָלק ווייסט שוין אז אהרן'ס זיהן זיינען ניט געווען פּאַסיג צו זיין כהנים און משה האָט זיי באַשטימט פאַר כהנים צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען די זיהן פון זיין ברודער. יעצט וועל איך קענען אלעמען באַווייזען, אז איך בין מעהר באַרעכטיגט צו דער כהונה.

— אָבער וואָס וועלען מיר האָבען דערפון, וואָס דו וועסט דערהויבען ווערען? — האָט איהם דתן געפרעגט.

— איהר שטאַמט דאָך פון דעם שבט ראובן, — האָט קרח געזאָגט. — ראובן איז געווען יעקב'ס ערשט געבוירענער זוהן און דעריבער האָבען די פון דעם שבט ראובן פאַרדינט צו זיין די בעאַמטע אין גאָטס הויז און נישט די לויים... אלע וועלען דאָך קענען זעהן ווי נישט ריכטיג משה האָט געהאַנדעלט. צו דעם בכור דאַרף געהערען די הייליגע ארבייט און אנשטאַט דעם שבט ראובן, וואָס איז א בכור, האָט ער אויסגעקליבען זיין אייגענעם שבט, לוי.

— וועגען דעם ביזטו גערעכט! — האָט אבירם געזאָגט. — מיר, פון שבט ראובן, זיינען געווים מעהר באַרעכטיגט צו טהאָן די עבודה אין משכן. אָבער ווען משה האָט אויסגעקליבען דעם שבט לוי, האָט ער אָנגעגעבען די אורזאַכע, אז דיעזער שבט איז געווען דער איינציגער, וועלכער האָט זיך נישט באַנארישט מיט דעם עגל הזהב.

— דאָס איז מעהר נישט געווען ווי א תירוץ האָט קרח אויסגערופען.

— אלע שבטים זיינען הייליג און איהר זיינט אזוי באַרעכטיגט צו דעם אזוי ווי דער שבט לוי!

— אָבער דו זעהסט דאָך, אז די, וועלכע זיינען נישט געווען ווירדיג, זיינען פון הימעל באַשטראָפט געוואָרען.

— יע, זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען און ווי אזוי וועלען מיר קענען פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון די לויים אין דער צייט, וואָס מיר האָבען עס נישט פאַרדינט? מעגליך, אז מיר וועלען אויך

פאַרברענט ווערען פון א הימעלשען פייער!

— קומט מיט מיר אריין אין א צווייטען צימער! — האָט קרח געזאָגט. — איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען און דאַן וועט איהר זיך אויך ארויסשלאָגען די נארישקייט פון אייערע קעפּ.

קרח, דתן און אבירם זיינען אריין אין א צווייטען צימער.

— זעצט זיך און איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען.

דתן און אבירם האָבען זיך אוועקגעזעצט און קרח האָט אָנגעפאַנגען:

— דאָס וואָס איהר וועט יעצט הערען פון מיר, וועט אייך איבערצייגען, אז איך בין גאַנץ קלוג און אז מען קען זיך אויף מיר פאַרלאָזען... ווי איך האָב אויסגערעכענט, אזוי האָט פּאַסירט.

— אָבער ווי אזוי האָסטו געקענט פאָראויסרעכענען, אז א פייער וועט ארונטער פון הימעל און זיי פאַרברענען? — האָט דתן איהם געפרעגט.

קרח האָט א שמייכעל געטהאָן און ער האָט זיך ארומגעקוקט.

— איך האָב שוין לאַנג געזוכט צו נעהמען נקמה אָן אהרן׳ען, — האָט ער געזאָגט.

— דאָס ווייסען מיר! — האָט אבירם זיך אָפּגערופען. — אָבער ווי אזוי האָסטו אלעס געקענט אויסרעכענען און פאָראויסזעהן?

— איך האָב געוואוסט, אז מיר וועט געלינגען זיי אנצו׳שיכור׳ן און ווען זיי וועלען זיין שיכור וועט מיר שוין נישט זיין איבעריג שווער דורכצופיהרען די אנדערע פּלענער.

— וואָס זיינען געווען דיינע אנדערע פּלענער? — האָט איהם דתן געפרעגט.

— האָסטו דען אויך געפּלאַנעוועט זייער טויט.

— איך האָב געוואוסט, אז מיר וועט געלינגען זיי איינצורעדען מיטצונעהמען צום מזבח פרעמד פייער אין מיינע רויךפאַהנען. און דאַן...

— און דאַן?

— איהר ווייסט דאָך שוין, וואָס דער סוף איז געווען!

— אָבער ווי אזוי איז דאָס געשעהן?

— איך וועל אייך יעצט דעם גאַנצען אמת ענטדעקען, אָבער איהר מוזט מיר צוזאָגען פאַר קיינעם קיין וואָרט וועגען דעם נישט צו רעדען, ווייל דאָס קען נאָך ברייגען אַן אומגליק אויף מיר און אויף מיין גאַנצער משפחה און אפילו אויף אייך.

— פאַרוואָס עפּעס אויך אויף אונז? — האָט אבירם געפרעגט.

— ווייל איהר דאַרפט נישט פאַרגעסען, אז איהר ביידע האָט מיר אויך ארויסגעהאָלפען אין דעם.

— מיט וואָס האָבען מיר דיר ארויסגעהאָלפען? — האָט דתן געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— מיט דעם, וואָס איהר האָט מיר געשיקט אייערע צוויי טעכטער. יע, דורך אייערע טעכטער איז מיר א סך גרינגער אָנגעקומען זיי איבערצורעדען צו טרינקען וויין.

— נו, גוט! מיר פאַרשפּרעכען דיר, אז מיר וועלען צו קיינעם וועגען דעם נישט רעדען! — האָט דתן איהם געזאָגט.

— אפילו נישט צו מיין אייגענער פרוי! — האָט קרח געזאָגט מיט עטוואָס א נידעריגער שטימע. — איהר ווייסט דאָך, אז פרויען האָבען א טבע צו רעדען צופיעל און ווען מען וויל, אז א סוד זאָל בלייבען א סוד, דאַרף עס קיינמאָל נישט ענטדעקט ווערען צו דער פרוי.

— דו קענסט זיך אויף אונז פאַרלאָזען, אז מיר וועלען קיינעם נישט דערצעהלען, אפילו נישט אונזערע אייגענע פרויען.

— און אפילו נישט דעם זוהן פון פלת׳ן! — האָט קרח זיי אָנגעזאָגט.

— און מיר האָט זיך געדוכט, אז און, דער זוהן פון פלת, ווייס אלע דיינע סודות. קענסטו דען איהם ניט אָנפאַרטרויען. ער איז דאָך אזא איבערגעגעבענער פריינד צו דיר, ווי מיר זיינען.

— איך צווייפעל נישט אין זיין איבערגעגעבענהייט צו מיר, אָבער פונדעסטוועגען דאַרף איך זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט איהם, צוליב זיין ווייב. זי איז זעהר כיטרע און זי קען פון איהם אַלעם ארויסקריגען... אזוי, דוכט זיך, איז און שטארק און פארטרויענסווערט, אָבער געגען זיין ווייב איז ער א שוועכלינג. זי קען מיט איהם טאָן וואָס זי וויל. זי קען פון איהם ארויסקריגען אַלע סודות, און ער וועט אפילו נישט וויסען, אז ער דערצעהלט איהר.

— אָבער זאָג אונז שוין דיין סוד,

— איז דתן געוואָרען אומגעדולדיג.

— מיר ווילען זעהן פארוואָס דו האלסט זיך פאר א קלוגען און פון וואַנען דו האָסט געוואוסט, אז פאר זייער זינד וועלען נדב און אביהו באצאָהלען מיט זייער לעבען דורך א פייער, וואָס וועט ארונטערקומען פון הימעל.

— פון וואנען ווייסט איהר, אז דאָס פייער איז ארונטערגעקומען פון הימעל?

— האָט זיי קרח געפרעגט.

— וואָס הייסט פון וואנען מיר ווייסען? — האָט דתן איהם אָנגעקוקט, — האָסטו דען אליין נישט געזעהן מיט דיינע אויגען?

קרח האָט א שמייכעל געטאָן.

— דאָס הייסט, אז דו גלויבסט אין וואָס איך האָב דערצעהלט.

— מעגליך, ווען דו אליין וואָלסט געקומען און אונז דערצעהלט, וואָלטען מיר דיר טאקע נישט אזוי שנעל געגלויבט, אָבער דו ביזט נישט געווען דער איינציגער, די אנדערע לויים האָבען דעם וואונדער אויך געזעהן.

— אויב אזוי, טו הערט זיך איין, מיינע פריינד! — האָט קרח זיך אָפּגערופען מיט שטאָלץ. — איך אליין האָב פאראורזאכט דאָס פייער!

— וואָס מיינסטו? — האָבען די ברידער איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— גאַנץ איינפאַך, איך האָב טאקע געפּלאַנעוועט זייער טויט, און איך האָב פאָראויסגעזאָגט, אז אזוי וועט דאָס פּאַסירען. ווען איך האָב זיי אָנגעג׳שכור׳ט, האָב איך זיי אויך איינגערעדט זיי זאָלען מיטנעהמען רויך־פאַנען מיט פייער. איך בין אוועק צום מזבח פאר זיי, און איידער זיי האָבען זיך דערשלעפּט צו דעם מזבח פון קטורת, האָב איך פארבאָרגענערהייט דאָרטען צוגעגאנגען, און באַגאָסען דעם גאנצען מזבח און ארום מיט אויל און ווען אהרן׳ס צוויי זיהן זיינען צוגעקומען מיט פרעמדעם פייער אין זייערע רויך־פאַנען, האָט באַלד א זעץ געטאָן א גרויסער פלאַם פייער פון מזבח און זיי זיינען געטויטעט געוואָרען.

— ער איז א ליגנער!! ער איז א פאלשער באַריהמער! — האָט קרח׳ס פרוי אויסגערופען, אריינברעכענדיג זיך אין צימער. — גלויבט איהם נישט! אַלע האָבען געזעהן ווי דאָס פייער איז ארונטערגעקומען פון הימעל! מיט זיין פאלשער באַריהמעריי וועט ער נאָך ברענגען אן אומגליק אויף אונזער הויז!

קרח און דתן און אבירם זיינען געבליבען זיצען ווי פארגליווערטע. זיי האָבען נישט ערוואַרטעט, אז זי זאָל זיך אונטערהערען.

— איך האָב אַלעם געהערט! — האָט זי אויסגעשריען. — דו זוכסט צו פארבאָרגען דיינע סודות פון מיר. דו האָסט מורא, אז איך וועל פּילייכט זיך ארויסריידען און ברענגען אן אומגליק אויף אונז אַלעמען. און דו אליין ווילסט אונז אַלעמען רואינירען. דו געהסט און דערצעהלסט אזא ליגען. דו זוכסט זיך צו באַריהמען פאר זיי ווי קלוג דו ביזט און דעריבער נעהמסטו אויף זיך די גאנצע שולד! איז עס נישט גענוג דאָס וואָס דתן און אבירם ווייסען, אז דו האָסט זיי אָנגעג׳שכור׳ט, דאַרפסטו דען זיך נאָך מעהר באַריהמען און נעהמען אויף זיך דעם גאנצען שולד פון זייער טויט! זאָל זיך משה אָדער אהרן דערוויסען פון דיין פאלשער באַריהמעריי, וועלען זיי דאָס אָננעהמען פאר אן אמת און דיך דערפאר פאר׳משפּט׳ען צום טויט! גלויבט איהם ניט! — האָט זי זיך גע־

ווענדעט צו דתן און אבירם. — אלע אנדערע לויים האבען געזעהן ווי דאס פייער איז ארונטער פון הימעל, און א חוץ דעם, וואו האט ער אזוי שנעל געקראגען אויל?

קרח איז געבליבען אין א פארלעגענהייט. ער האט געזעהן, אז ער איז ארייגעפאלען... ער האט זיך נישט גערעכט אז זיין ווייב זאל זיך אונטערהערען.

— עס איז זעהר נישט פיין פון דיר, מיין ווייב, דו זאלסט זיך צוהערען צו זאבען, וואס איך הב דיר נישט בדעה צו דערצעהלען. אבער עס איז שוין פארפאלען. און איצט מעגט איהר וויסען, אז זי איז גערעכט, איך האב זיך דאס טאקע פאר אייך באריהמט...

ווען דתן און אבירם האבען פארלאזען קרח'ס געצעלט, האט איהם ערשט דאן זיין פרוי געגעבען א גאב:

— דו האלסט זיך דאך פאר א קלוגען! און יעצט זעה איך אז דו בעזיצסט אזוי פיעל שכל ווי א קליין קינד... אפילו ווען דאס וואלט געווען אן אמת, האסטו נישט געדארפט זיך בעריהמען! ווענגען דעם, אז דו האסט ערמארדעט אהרן'ס צוויי זיהן. און בפרט אז עס איז א ליגען... אלע ווייסען פון וואנען דאס פייער איז געקומען און דו ווילסט גאר אויף זיך נעהמען אזא פערברעכען!

— דו פערגעסט אבער, אז מיט דעם טויט פון אהרן'ס צוויי זיהן, וועל איך א סך געניסען, איך בין דער איינציגער וועלכער דארף פארטרעטען זייער פלאץ און דערצו בין איך זיכער, אז איך וועל ווערען דער נשיא (הויפט) פון דער משפחה פון קהת.

— ווי אזוי קענסטו זיין אזוי זיכער, אז משה וועט די בעשטימען פאר דעם נשיא פון דער משפחה?

— יעצט איז עס גאנץ איינפאך! — האט קרח איהר געענטפערט—פארוואס האט משה מיר פריהער נישט בעשטימט פאר דעם כהן ווייל ער האט אין מיר געפונען א פסול, וואס איך האב זיך פיעללייכט נישט אויפגעפיהרט לויט די געזעצען פון דער תורה, יעצט אבער, אז עס איז בעוואוסט פאר אלעמען, אז אפילו אהרן'ס זיהן האבען עובר געווען די געזעצען פון דער תורה און פונדעסטוועגען האט ער זיי אנפערטרויט אזעלכע וויכטיגע עמטער. און אויסער דעם דארפסטו וויסען, אז איך בין מעהר בערעכטיגט צו זיין דער נשיא פון אונזער משפחה ווי אימיצער אנדערש.

— פאר וואס ביזטו מעהר בערעכטיגט?

— ווייל מיין זיידע קהת האט געהאט פיער זיהן: עמרם, יצהר, חברון און עזיאל; זיין ערשטער זוהן עמרם האט געקראגען גענוג כבוד, משה איז געווארען דער קעניג איבער די אידען, אהרן איז געווארען דער כהן גדול, קהת צווייטער זוהן איז דאך יצהר, מיין פאטער, בין איך דאך בערעכטיגט צו א שטיקעל גדולה מעהר ווי די וועלכע שטאמען פון די אנדערע זיהן נאך מיין פאטער!

— יעצט זעה איך, אז דו ביזט גערעכט קרח, נאך עמרם קומט דיין פאטער און דעריבער קומסטו נאך משה'ן און אהרן, אבער איך האב מורא, אז אהרן וועט נישט דערלאזען דו זאלסט עפעס קריגען.

— פארוואס זאל ער נישט דערלאזען? ווינציג כבוד האט ער!

— איך האב מורא ער זאל זיך נישט דערוויסען, אז דו האסט א חלק אין זיין אומגליק.

— רייד נישט קיין נארישקייטען! פון וואנען וועט ער זיך דערוויסען... איך האב עדות אט די אלע לויים, וועלכע האבען מיר געזעהן אין משכן א היבשע צייט איידער נדב און אביהו זיינען אנגעקומען...

— דו ווייסט דאך, אז דתן און אבירם און זייערע טעכטער ווייסען פון דעם און עס קען נאך דערגרייכען די אויערן פון משה'ן און אהרן.

— מיר דוכט זיך, אז עס איז שוין צייט דו זאלסט קענען דתן און אבירם'ן זיי זיינען מיינע בעסטע און געטרייסטע

פריינד און זיי ווייסען פיעלע פון מיינע סודות און זיי האבען מיר קיינמאל ניט פערראטהען...

— אבער ווי וואגסטו זיי צו דערצעהלען אזא געפעהרליכען ליגען !—האט זי בייז אויסגערופען.

— עס איז נישט קיין ליגען !—האט קרח געזאגט — דאס האב איך אלעס אליין פאראויסגערעכענט.

— ווען דאס וואלט געווען אמת, וואלטען דאך די לויים נישט בעמערקט דעם פייער פון הימעל.

— איך בין געווען דער ערשטער וועלכער האט אויסגערופען, אז א פייער איז ארונטער פון הימעל, גלייך נאבדעם האבען זיך שוין געפונען אנדערע, וועלכע האבען געזאגט, אז זיי האבען אויך געזעהן דעם פייער.

— און דו דיינקסט, אז דו וועסט מיר קענען איינריידען אזא זאך ! איך פערשטעה דאך דיין כונה, קרח, דו האסט זיך געוואלט אויספיינען פאר דיינע פריינד אז דו ביזט קלוג, און דעריבער האסטו אויף זיך אויסגעטראכט אזא נארישען ליגען... דאס האט מיר איבערצייגט, אז דו ביזט נאך ווייט פון צו זיין קלוג. און איך זאג דיר אן, אז דו זאלסט נישט וואגען מעהר אזא ליגען ארויסצוברייננגען פון דיין מויל.

— מעגליך, אז איך האב זיך בענארישט !—האט קרח צוגעגעבען.

— ביזטו שוין זיך מודה, אז דאס וואס דו האסט דערצעהלט דתן און אבירם'ן איז געווען א פוסטע בעריהמעריי.

קרח האט געשוויגען.

— איך וועל נאך זיי שיקען טאקע, היינט און דו וועסט אפלייקענען אלעס וואס דו האסט זיי דערצעהלט.

א היבשע צייט האט אהרן און זיין משפחה געטרויערט אויף דעם פערלוסט פון זיינע צוויי זיהן.

אלישבע האט זיך נישט געלאזט טרייסטען. די איינציגע וועלכע האט איהר עטוואס בערוהיגט איז געווען איהר שווענגערין מרים, וועלכע פלעגט מיט איהר פערברענגען טאג און נאכט.

— אזוי איז דער ווילען פון גאט, און מיר האבען קיין רעכט נישט זיך צו בעקלאגען אויף זיינע מעשים.—האט איהר מרים געזוכט צו טרייסטען — האט מיר דען נישט געטראפען אזא אומגליק ווי דיר... מיין ליעבער איין איינציגער זוהן, חור האט געהאט אזא טראגישען סוף... דו, אמווייניגסטען האסט דאך צוויי אנדערע זיהן, אלעזר און איתמר, וועלכע וועלען פערנעהמען די פלעצער פון זייערע ברידער, אבער מיר איז בלויז פערבליבען מיין טאכטער עכסה... איך האב קיין אנדערע זיהן נישט. פונדעסטוועגען בין איך ניט אזוי פערצווייפעלט ווי דו. איך האב געפונען א טרויסט דורך דעם, וואס איך ווייס, אז גאט ווייס וואס ער טהוט.

—דיין זוהן איז געשטארבען על קדוש השם, ווי א הייליגער, וועלכער האט פערטהיידיגט אונזער תורה... אבער מיינע זין, דו ווייסט דאך וואס מען זאגט אויף זיי... און איך בין אזוי זיכער, אז זיי זיינען געווען אומשולדיג, זיינט זיי זיינען געווארען כהנים, האבען זייערע ליפען קיין ווייך נישט אנגעריהרט... יע, דער קלאנג, אז מיינע זיהן האבען זיך אנגע'שכור'ט איידער זיי זיינען געגאנגען צו דער עבודה, דאס פערביטערט מיר מיין לעבען.

— איך בין זיכער, אז דאס איז געווען א פאלשער קלאנג, וואס קרח האט פערשפרייט !—האט מרים זיך אפגערופען !—קרח האט פון אימער צו געטראגען א שנאה אויף אהרן'ען און ווען ער האט געקראגען א געלעגענהייט ארויסצוברענגען א שלעכטען נאמען אויף זיינע זיהן, האט ער דאס געטהאן.

— יע, אבער נישט נאר קרח האט זיי בעמערקט, עס זיינען דאך געווען אנדערע לויים וואס האבען געזעהן דאס זעלבע.

— אין אזא פאל איז זעהר גרינג איינצורעדען א צווייטען,—האט מרים געזאגט.

— אבער פארוואס האט זיי גאט בעשטראפט, אויב זיי האבען נישט געזינדיגט—האט אלישבע איהר געפרעגט.

— דאס איז איינע פון די סודות וואס א מענשענ'ס פערשטאנד קען עס נישט בעגרייפען... מיר דארפען זיך אין גאנצען פערלאזען אויף אונזער פאטער אין הימעל און מיר טארען נישט איבערטראכטען פאר וואס ער טהוט אזוי,—האט מרים איהר געענטפערט.

קורץ נאך דער טרויעריגער פאסירונג, האט משה איבערגעצעהלט דעם שבט לוי און ער האט זיי איינגעטיילט אין דריי משפחות: די משפחה פון גרשם, די משפחה פון קהת און די משפחה פון מררי. איבער די משפחה פון גרשון האט ער בעשטימט פאר א נשיא אליסף דעם זוהן פון לאל; פאר דעם נשיא פון דער משפחה פון קהת, האט משה בעשטימט אליצפן דעם זוהן פון עזיאל, און איבער די משפחה פון מררי האט ער בעשטימט פאר א נשיא צוריאל דעם זוהן פון אביחיל.

משה האט אויך איינגעטהיילט צווישען די דריי משפחות די אויפזיכט פון משכן, די משפחה פון גרשון האבען געהאט די אויפזיכט איבער דעם צודעק פון משכן, זיינע יריעות און אנדערע זאכען.

די מנורה, דער ארון, דער שלחן די מזבחות און אנדערע הייליגע כלים זיינען געווען אונטער דעם אויפזיכט פון דער משפחה פון קהת.

די ברעטער, די ריגלען, די שוועלען, זיילען און די איבעריגע כלים זיינען געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער משפחה פון מררי.

זיי אלע זיינען געווען פעראנטווארטליך פאר דעם גאנצען משכן און די הייליגע כלים.

משה האט גענעבען א באפעהל און דאס פאלק ישראל האט פערלאזען דעם מדבר סיני און געוואנדערט טיעפער אין דעם מדבר פון פרן.

פיער און צוואנציגסטער קאפיטעל
די מרגלים.

ווען קרח האט זיך דערוואוסט, אז משה האט בעשטימט אליצפן דעם זוהן פון עזיאל אלס דעם נשיא פון דער משפחה פון קהת, און אהרן'ס אינגערע צוויי זיהן אליעזר און איתמר אלס כהנים אנשטאדט זייערע פערשטארבענע ברידער, האט זיין צארן אין איהם נאך שטארקער געברענט. ער איז געווען אזוי זיכער, אז ער וועט בעשטימט ווערען, אדער אלס כהן אדער נשיא איבער דער משפחה פון קהת, און יעצט זעהט ער, אז ער וועט פערבלייבען דער זעלבער לוי, משרת אין משכן.

— איך בין דער רייכסטער מאן פון אלע אידען, איך האב זעהר פיעל אוצרות פון גאלד און קאסטבארע שטיינער — האט זיך קרח איינמאל אפגערופען צו דתן און אבירם'ן ווען זיי זיינען געווען אין זיין געצעלט—וואס פאר א נוצען ברענגט מיר דאס געלט, אז איך קען אפילו מיט דעם קיין כבוד נישט קריגען. אפילו ווען איך וואלט געווען דער ארימסטער פון מיין משפחה בין איך מעהר בערעכטיגט צו ווערען דער נשיא ווי אליצפן, מיין פאטער איז געווען דער צווייטער צו עמרם'ן, און עזיאל איז געווען דער אינגסטער ברודער.

— איך האב מורא, אז משה איז דיר חושד אז דו האסט געהאט עפעס צו טהאן מיט דעם טויט פון אהרן'ס צוויי זיהן—האט קרח'ס פרוי זיך אפגערופען—דעריבער לאזט ער דיר נישט צו צו א העכערען אמט.

— ניין, איך בין זיכער, אז משה איז איהם נישט חושד—האט דתן געזאגט—אבער דאס וואס ער דערלאזט נישט אז קרח זאל דערהויבען ווערען איז דאס צוליעב אן אלטע שנאה.

— מעגליך, אז דאס איז צוליעב קנאה!—האט אבירם זיך אפגערופען—עמרם'ס זיהן זיינען דיר מקנא דיין גרוים רייכטום.

— איך גלויב אז אבירם איז גערעכט

—האט קרח׳ס פרוי צוגעגעבען — ווען אלישבע האט צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם האַלזבאַנד וואס איך האב געטראָגען, האב איך געקענט בעמערקען פון איהר פּנים אַז זי ווערט צופּלאַצט פון קנאה... געוויס האט זי וועגען דעם איבערגערעדט מיט אהרן׳ען און איהר שוואָגער משה, און דערפון שטאַמט עס וואס זיי זוכען דיך צו ערנידעריגען.

— אָבער נישט אַזוי גרינג וועט עס זיי אָנקומען! —האט קרח א קלאַפּ געטהאָן מיט זיין פּייסט איבערן טיש— איך וועל זיי ווייזען מיין מאַכט... נישט אומזיסט בין איך דער רייכסטער מאַן... מיט מיין געלט וועל איך א סך קענען אויפטהאָן!

— איך צווייפעל אויב דו וועסט עפּעס קענען טהאָן! —האט זיין פרוי איהם געזאָגט—משה און אהרן וועסטו דאָך געוויס נישט קענען אונטערקויפען מיט דיין געלד, און אָהן זייער צושטימונג וועסטו גאָר נישט קענען דערגרייכען.

— וואס איך דאַרף טהאָן, איז אָיפּצואווייזען דעם פאָלק, אַז די פיהרער משה און אהרן וועלען אונז נאָך אריינפיהרען אין א בלאָטע פון וואנען מיר וועלען קיינמאָל נישט ארויסקריכען.

— וואס מיינסטו? —האט איהם דתן געפרעגט.

— איך מיין גאַנץ איינפאַך! —האט קרח געענטפערט — מיר געהען דורכשפּאַנען יעצט זעהר א גרויסען און געפעהרליכע מדבר. משה פערשפּרעכט אונז, אַז ער פיהרט אונז אין א לאַנד וואס עס פליסט מילך און האָניג, ווער פון אונז ווייס עפּעס פון דעם לאַנד... אפשר איז גאָר יענע לאַנד נישט גוט זיך צו בעזעצען, פיליכט זיינען די פעלקער, וועלכע וואהנען דאָרטען שטאַרקע און מעכטיגע און מיר וועלען זיי בשום אופן נישט קענען פערטרייבען פון לאַנד. אונזער פאָלק טראַכט דערפון גאָר נישט. זיי ווערען געפיהרט בלינדערהייט. זיי פערלאָזען זיך אויף משה׳ן. מיר וועלען דאַרפען זעהען צו מאַכען א בעוועגונג צווישען אַלע שבטים, אַז מען זאָל שיקען מרגלים, וועלכע זאָלען אויסקוקען דאס לאַנד, בעטראַכטען אַלעס וואס דאָרט קומט פאָר און נאַכהער ברענגען א בעריכט. און דאַן וועלען אַלע איינזעהען, אַז מען קען זיך אויף משה׳ן ניט פערלאָזען!

— אָבער וואס וועט זיין, אויב די מרגלים וועלען ברייגנען א גוטען און פרעהליכען בעריכט? —האָט קרח׳ס פרוי זיך אָפּגערופען—דאַן וועט דאָך משה שטייגען אין די אויגען פון פאָלק.

— וועגען דעם האב איך שוין אויך געטראַכט! —האט קרח איהר געענטפערט—און דאַ וועל איך שוין קענען מאַכען נוץ פון מיין רייכטהום. זאָל נאָר זיך אָנפאַנגען די בעוועגונג צו שיקען מרגלים נאָך כנען.

— מיר וועלען דיר אין דעם בעהילפיג זיין! — האט דתן געזאָגט, — מיר וועלען זיך נאָך היינט זעהען מיט דעם נשיא פון אונזער שבט, אליצור דעם זוהן פון שדיאור און מיר וועלען זיך מיט איהם דורכריידען וועגען דעם, דו ווייסט דאָך, אַז ער איז שטענדיג מיט אונז, ער טראָגט א שנאה אויף משה׳ן און אהרן זינט משה האט געמאַכט דעם שבט לוי פאַר דעם אויסדערוועלטען שבט, און ער וועט אונז אין דעם א סך העלפען.

— קענסטו איהם פיעלייכט בעוועגען ער זאָל קומען מאָרגען אין מיין געצעלט?? —האָט קרח זיי געפרעגט.

— געוויס! מאָרגען קומען מיר מיט איהם צו דיר! —האט דתן געענטפערט —אליצור וועט זיין שטאַרק צופריעדען צו הערען דיינע פּלענער.

— פון דעסטוועגען וואָלט איך אייך געבעטען איהר זאָלט מיט אליצור׳ן גאָרנישט ריידען וועגען נדב און אביהון.— האט קרח׳ס פרוי זיך אָפּגערופען צו זיי —ער קען טאַקע זיין אייער א גוטער פריינד, דאָך גלויב איך, אַז זינט משה האט איהם געמאַכט פאַר דעם נשיא פון דעה שבט ראובן איז ער איהם געוויס דאַנקבאַר.

— ווענען דעם מעגסטו רוהיג זיין — האט אבירם איהר געענטפערט — אפילו און, דעם זוהן פון פלת'ן האבען מיר ווענען דעם נישט גערעדט, אויף דתן און אבירם'ן קען מען זיך פערלאזען — האט דתן געזאגט — מיר ווייסען ווי צו האלטען א סוד. אבער מיר זיינען זיכער, אז אליצור וועט קרח'ן א סך בעהילפיג זיין אין זיינע פלענער.

— און געלד וועט נישט פעהלען! — האט קרח אויסגערופען — מיר ארט נישט וויפיעל עס זאל מיר קאסטען, אבער איך מוז מייניגע דערגרייכען.

אויף דעם צווייטען טאג זיינען זיך אין קרח'ס הויז געקומען אליצור, דתן און אבירם און דער זוהן פון פלת.

קרח'ס פרוי האט דערלאנגט צום טיש ווין און אלע האבען זיך גענומען דורכריידען.

— מיין פלאן איז — האט קרח אנגעפאנגען — אז מען זאל מאכען א בעוועגונג צו שיקען שפיאנען, וועלכע זאלען אויסשפיאנירען דאס לאנד כנען... איך ווייס, אז ווען א סך וועלען אזא זאך פערלאנגען, וועט משה מוזען נאכגעבען די פאדערונג, און איידער די מרגלים וועלען געהן נאך כנען, וועל איך זיך מיט זיי זעהען...

— אבער דו ווייסט דאך, אז אויסקליבען די מרגלים וועט משה אליין, און זיי וועלען אוים דאנקבארקייט זיין געטריי צו איהם און וועלען בריינגען א גוטען בעריכט, כדי נאך מעהר נושא חן זיין אין זיינע אויגען.

— ווענען דעם בין איך נישט בעזארגט! — האט קרח זיך אפגערופען — מיין געלד וועט קענען ענדערען זייערע הערצער... און ווי נאר זיי וועלען ברענגען א שלעכטען בעריכט פון כנען, דאן וועלען אלע שבטים ארויסצייגען זייער אומצופריעדענהייט מיט משה'ס פיהרערשאפט, און דאן וועט נישט זיין צו שווער פאר אונז צו פערכאפען די מאכט... מיר וועלען ווערען די פיהרער פון פאלק און טהאן וואס מיר וועלען פערשטעהן!

— דיין פלאן קריגט מיין פולע אונטערשטיצונג! — האט אליצור דער זוהן פון שדיאור געזאגט — איך גלויב אויך, אז עס איז שוין געקומען די צייט, אז די הערשאפט זאל אוועקגענומען ווערען פון עמרם'ס זיהן.

— ווען איך וועל ווערען דער פיהרער פון ישראל, דאן וועל איך דיר, אליצור מאכען פאר'ן כהן גדול און דתן, אבירם און דעם זוהן פון פלת'ן וועל איך מאכען פאר כהנים.

— און וואס וועסטו טהאן מיט דיינע אייגענע זיהן? — האט קרח'ס פרוי געזאגט מיט אן אומצופריעדענע שטימע.

— מיינע זיהן וועלען מיר העלפען פיהרען דאס אידישע פאלק. איך וועל זיי אויך איינטהיילען הערשאפט. — האט קרח איהר געענטפערט.

— מיר וואונדערט זיך שטארק אויף דיינע זיהן — האט אליצור אויסגערופען — מיר דוכט, אז זיי זיינען אין גאנצען גלייכגילטיג צו אלעם וואס עס קומט פאר אין דיין הויז.

— זיי זיינען נאך יונג און דעריבער וויל איך זיי נישט אריינמישען אין דעם געצוואונגענהייט — האט קרח געענטפערט — אבער איך בין זיכער, אז ווען די צייט פון אן אויפשטאנד געגען משה'ן און אהרן וועט אנקומען, וועלען זיי אויך טהאן דאס בעסטע.

— וואס מיר פאדריסט מעהר פון אלעם! — האט קרח'ס ווייב זיך אפגערופען — איז דאס וואס צפורה, משה'ס פרוי האלט פון זיך אזוי שטארק. זי איז געקומען א פרעמדע צו אונז, פון א פרעמד לאנד און איז א גאנצע קעניגין. ווען זי קומט ארויס אין לאגער, אזוי שטעלען זיך אלע אפ און מען גיט איהר אפ גרויס כבוד... זי טראגט די שעהנסטע קליידער וואס די פרויען האבען פאר איהר אויסגעשטריקט און איהר געגעבען מתנות, ווען זי איז אנגעקומען מיט איהר פאטער. ווער איז זי דאס? פארוואס זאל איהר קומען אזוי פיעל

כבוד און מיר גארנישט... מיין מאן'ס פאטער האט אויך א סך אויפגעטהאן פאר די אידען און דערצו איז ער רייך און זיך געלאזט קאסטען זעהר פיל געלד פאר דעם משכן, און יעצט, קוקט מען זיך אויף איהם נישט ארום, וואסי? משה און אהרן ווילען איינטיילען די הויכע עמטער נאר צו זייערע איבערגעגעבענע פריינד. איך בין זיכער, אז צפורה האט אויך א חלק אין דעם!

— צפורה האט א חלק אין וואס? — האט איהר קרח געפרעגט.

— איך מיין, אז צפורה האט א חלק אין דעם וואס משה האט באשטימט אליצפן אנשטאט דיר פאר דעם נשיא פון דיין משפחה... איך ווייס, אז זי האט מיר ניט פארגונען טאמער וועל איך אויך דערהויבען ווערען און דערצו בין איך נאך אזוי רייך... איך בין זיכער, אז איהר געלוסט זיך צו באזיצען אייניגע פון מיין ציערונג.

— עס וועט שוין לאנג ניט נעהמען, מיין פרוי, און דו וועסט פארנעהמען איהר פלאץ! דו ווייסט דאך, אז דו קענסט זיך פארלאזען אויף דיין מאן!

אין אייניגע טעג ארום איז געווארען א בעוועגונג צווישען אלע אידען, אז מען זאל שיקען מרגלים נאך כנען זיי זאלען אויסגעפינען וואס פאר א לאנד דאס איז.

פריהער איז די באוועגונג פארשפרייט געווארען אין דעם שבט ראובן, נאכהער איז דאס איבערגעגאנגען צו די איבעריגע שבטים ביז וואנען עס האט דערגרייכט די אויערען פון משה'ן.

פיעלע פארשטעהער פון די שבטים זיינען צוגעקומען צו משה'ן און האבען איהם איבערגעגעבען דעם פארלאנג פון די אידען:

— לאמיר שיקען מענשען פאר אונז, זיי זאלען אויסזעהן דאס לאנד און אונז ברייגנען א באריכט.

— גוט! — האט משה געענטפערט — גאט איז ניט דאגעגען, אז מיר זאלען שיקען מענשען אויסצופארשען דאס לאנד כנען. דער פארלאנג פון פאלק וועט ערפילט ווערען, איך וועל שיקען צוועלף מענשען, איין מאן פון יעדען שבט.

משה האט אויסגעקליבען פון יעדען שבט א חשוב'ען מאן, וועלכער איז געוועזען א הויפט פון א גרויסער משפחה. פון דעם שבט ראובן האט ער אויסגעקליבען שמוע, דעם זוהן פון זכור, פון דעם שבט שמעון — שפט, דעם זוהן פון חורי; פון דעם שבט יהודה האט ער אויסגעקליבען כלב, דעם זוהן פון יפונה, וועלכער איז געוועזען מרים'ס מאן; פון דעם שבט יששכר—יגאל, דעם זוהן פון יוסף; פון דעם שבט אפרים — יהושע, דעם זוהן פון נון, וועלכער איז געוועזען משה'ס משרת; פון שבט בנימין האט ער אויסגעקליבען פלטי, דער זוהן פון רפוא; פון דעם שבט זבולון — גדיאל, דעם זוהן פון סודי; פון דעם שבט מנשה גדי, דעם זוהן פון סוסי; פון דעם שבט דן עמיאל, דעם זוהן פון גמלי; פון דעם שבט אשר — סתור, דעם זוהן פון ופס, און פון דעם שבט גד האט ער אויסגעקליבען גאול, דעם זוהן פון מכי.

די אלע מענשען האט משה צוזאמענגערופען און ער האט זיי איבערגעגעבען דעם פארלאנג פון פאלק.

— איהר וועט זיך דארפען אלע פארקליידען פאר סוחרים און איהר וועט קומען אין דעם לאנד כנען, ״אז. וואס גאט האט פארשפראכען אונזערע עלטערען עס אפצוגעבען צו אונז. איהר זאלט דאס לאנד גוט באטראכטען, איהר זאלט אויסגעפינען וואס פאר א פעלקער דארטען וואוינען, זיינען שטארקע אדער שוואכע. איז דאס לאנד פרוכטבאר, אין וואס פאר א שטעט וואוינען די פעלקער זיינען זיי אפענע שטעדט אדער באפעסטיגטע, איהר זאלט אויסגעפינען ווי אזוי די פארשידענע פעלקער לעבען צווישען זיך, זיינען זיי פאראייניגט אדער ניט. איהר זאלט אלעס בעאבאכטען און נאכהער ברייגנען א באריכט פון אלעס וואס

איהר וועט אויסגעפינען. אויב מעגליך, זאָלט איהר מיט זיך ברייננען פון די פארשידענע פרוכטען פון לאנד, כדי מיר זאָלען האָבען א באגריף ווי ווייט גוט דאָס לאנד איז.

משה האָט זיי געגעבען עטליכע טעג זיך צוצוגרייטען.

א טאָג, איידער די מרגלים האָבען געזאָלט אָפּרייזען פון לאגער, האָט אליצור, דער זוהן פון שדיאור זיך געזעהן מיט דעם מרגל פון שבט ראובן, שמוע, דעם זוהן פון זכור, און ער האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— קרח, דער זוהן פון יצהר, מאכט אן אָפּשיידס מאָלצייט פאר אלע מרגלים. ער האָט אויך באשלאָסען יעדען פון אייך מיטצוגעבען גענוג געלט, ווייל ווען איהר וועט קומען אין כנען און מיט זיך קיין סך געלט ניט בריינגען, וועט מען אייך ניט וועלען גלויבען, אז איהר זייט סוחרים און דאן וועט דאָס געפאהר גרויס זיין, דאָס מען זאָל זיך כאפּען, אז איהר זייט געקומען אויסצושפּיאָנירען דאָס לאנד. איך האָב זיך וועגען דעם דורכגערעדט מיט קרח'ן, און ער האָט איינגעוויליגט צו געבען יעדען פון אייך אזוי פיעל געלט וויפיעל עס וועט זיין נויטיג און אויך עטוואָס פון די ציערונג וואָס ער האָט, כדי איהר זאָלט קענען צייגען די איינוואוינער פון יענעם לאנד, אז איהר האנדעלט מיט ציערונג, דאריבער וואָלט איך דיר געראטען דו זאָלסט זיך זעהן מיט די איבעריגע מרגלים און זיי איינלאדען צו קרח'ס געצעלט, וואו [מיר] וועלען אלע גאנץ פיין פארברייננען.

דעם זעלבען טאָג זיינען צוזאמענגעקומען אלע מרגלים אויסער כלב, דער זוהן פון יפונה, און יהושע, דער זוהן נון, אין קרח'ס געצעלט, וואו עס איז פאר אלעמען געווען צוגעגרייט א גרויסארטיגער מאָלצייט. אויסער די צעהן מרגלים זיינען אויך געווען אין קרח'ס געצעלט, און, דער זוהן פון פלית, דתן, אבירם און אליצור, דער זוהן פון שדיאור.

זיי האָבען זיך אלע געזעצט ביים טיש און אליצור האָט זיך אָפּגערופען צו שמעון, דעם זוהן פון זכור, דער מרגל פון שבט ראובן:

— ווי איך זעה, זיינען צוויי פון די מרגלים ניט געקומען! האָסטו דען זיי ניט איינגעלאדען?

— איך האָב יעדען איינעם איינגעלאדען, אָבער כלב און יהושע האָבען די איינלאדונג ניט אָנגענומען.

און איך בין צופרידען, וואָס יענע צוויי זיינען ניט געקומען — האָט קרח זיך אָפּגערופען — יעצט וועלען מיר זיך אלע קענען דורכריידען גאנץ אונגעשטערט... אָבער איידער מיר געהען ריידען, וועלען מיר טרינקען פאר אייער אלעמענס געזונט און פאר אייער ערפאלגרייכער רייזע.

מען האָט אָנגעפילט די בעכער און אלע האָבען געטרונקען.

— ווי אייך איז באוואוסט — האָט קרח זיך געווענדעט צו זיינע געסט. — האָט מיר גאָט געשענקט מיט פיעל רייכטום און דאריבער האָב איך באשלאָסען יעדען פון אייך צו געבען עטוואָס געלד, כדי איהר זאָלט קענען באווייזען די איינוואוינער פון כנען דאָס איהר זייט ווירקליך סוחרים... איך ווייס, אז איהר זייט אלע זעהר פעהיגע מענשען און איהר האָט געקענט פארטרעטען גרויסע עמטער אין ישראל, אָבער איהר זייט אזוי הילפלאָז ווי פיעלע אנדערע חשוב'ע און פעהיגע לייט פון די פארשידענע שבטים און דאָס איז צוליעב דעם וואָס משה און אהרן גיבען אָפּ די גרעסטע און בעסטע עמטער צו זייערע קרובים און גוטע פריינד.

— איך בין זיכער — האָט דתן זיך אָפּגערופען — אז ווען משה וואָלט פארטיילט די כבודים לויט די פעהיגקייטען פון די פערזאָנען, וואָלט איהר יעצט געווען חשוב'ע פיהרער ביי די אידען...

— און יעצט גלויבט משה, אז ער .וועט אייך אונטערקויפען דערמיט, וואָס ער

האָט אייך מכבד געווען צו זיין מרגלים — האָט אבירם צוגעגעבן.

— אויב אזוי ווע‍לען מיר זיך ענטזאָגען צו געהן! — האָט זיך עמיאל, דער זוהן פון גמלי, אָפּגערופען.

— ניין, יעצט קענט איהר קיין חרטה ניט האָבען — האָט קרח זיך אָפּגערופען — אויב איהר האָט זיך אונטערגענומען צו ווערען מרגלים און אויסשפּיאָנירען דאָס לאַנד, דאַרפט איהר דאָס טהאָן, אָבער איהר דאַרפט וויסען וואָס איהר האָט צו טהאָן נאָכדעם ווי איהר וועט זיך אלע צוריקקעהרען מיט דעם באַריכט.

— וואָס איז דאָ וואָס צו וויסען?

— האָט שפט פון שבט שמוען זיך אָפּגערופען — אויב דאָס לאַנד איז ווירקליך א שלעכטע, וועלען מיר זאָגען דעם אמת. און אויב עס איז גוט, וועלען מיר אויך זאָגען דעם אמת.

— פאַר משה'ן און אהרן'ען וועט זיין א סך בעסער ווען איהר ברייגנט זעהר א גוטען באַריכט — האָט זיך קרח אָפּגערופען — דאָס וואָלט געמיינט, אז זייער הערשאַפט ווערט פאַרשטאַרקט, און זיי וואָלטען ווידער געקענט אַנגעהן ווי פריהער און באַשטימען זייער'ע קרובים פאַר שופטים און פיהרער איבער'ן פאָלק... אָבער ווען דער באַריכט, וואָס איהר וועט ברייגנען פון כנען, וועט זיין ניט קיין גינסטיגער, דאַן וואָלט זייער מאַכט געפאַלען... אלע אידען וואָלטען זיך דאַן אַרומגעזעהן, אז משה'ס פיהרערשאַפט איז ניט צופריעדענשטעלענד און דאַן וואָלט די הערשאַפט איבערגעגעבען געוואָרען צו פעהיגערע מענשען, צו אזעלכע ווי איהר זייט.

— קרח איז גערעכט! — האָט שמוע פון שבט ראובן זיך אָפּגערופען — עס איז שוין טאַקע צייט, אז די כבודים זאָלען איינגעטיילט ווערען צו די, וועלכע האָבען דאָס באמת פאַרדינט.

— איך וועל יעדען פון אייך אַרויסהעלפען מיט וויפיעל געלד איהר וועט ברויכען — האָט קרח זיך אָפּגערופען, איבערגעבענדיג יעדען איינעם א פּעקעל מיט געלד און ציערונג, און ווען איהר וועט זיך צוריקקעהרען פון כנען און אייער באַריכט וועט זיין לויט ווי מיר פאַרשטעהען, דאַן וועט יעדער פון אייך קריגען צעהן מאָל אזוי פיעל געלד.

— איך האָף, אז איהר פאַרשטעהט אלע וואָס קרח מיינט — האָט אליצור זיך צו זיי געווענדעט — מיר דאַרפען איין מאָל פאַר אלע מאָל זעהן אָפּצושוואַכען משה'ס מאַכט איבער די שבטים. דאַן וועט איהר אלע קריגען עמטער לויט אייערע פאַרדינסטען און פעהיגקייטען.

— מיר פאַרשטעהען! מיר פאַרשטעהען! — האָבען די מרגלים אויסגערופען צונעהמענדיג די פּעקלאַך וואָס קרח האָט זיי געגעבען.

— יע, דו קענסט זיך אויף אונז פאַרלאָזען! — האָט זיך נחבי פון דעם שבט נפתלי אָפּגערופען — מיר וועלען שוין וויסען וואָס צו טהאָן.

א היבשע ווייל̄ע האָבען זיי נאָך פאַרבראַכט אין קרח'ס געצעלט און נאָכהער האָבען זיי זיך אָפּגעזעגענט, און יעדער איז אוועק צו זיך אהיים.

אויף מאָרגען האָבען די צוועלף מרגלים פאַרלאָזען זייער לאַגער און מיטנעהמענדיג קעמלען און שפּייז אויף'ן וועג, זיינען זיי אוועק אין דער ריכטונג פון כנען.

* * *

גרויס צופרידענהייט האָט געהערשט צווישען קרח'ן און זיין פריינד. קרח איז געווען זעהר שטאָלץ ביי זיך וואָס זיין פּלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרען און ער האָט בעאיינפלוסט צעהן פון די מרגלים זיי זאָלען ברייגנען א ניט־גינסטיגען באַריכט.

— דו זעהסט שוין, מיין פרוי — האָט ער זיך אָפּגערופען צו איהר נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרבליבען אליין אין הויז — אז איך ווייס וואָס איך טהו, דו האָסט געמיינט, אז אומזיסט וועט זיין מיין

מרחה און אז איך וועל אויסברייינגען געלט און קיין נוצען דערפון ניט האבען. יעצט וועסטו מוזען צוגעבען, אז איך ווייס וואס איך טהו.

— איך האב אלע מאל געזאגט, אז מיט דיין פארשטאנד און רייכטום האסטו באדארפט זיין דער פיהרער פון די אידען אנשטאט משה'ן — האט זי זיך אפגערופען מיט א שמייכעל — איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין, אז איך האב זיך ניט געקענט פארשטעלען דאס דיר וועט געלינגען צו געווינען די מרגלים אויף דיין זייט!

— דו ווייסט ניט די קראפט פון געלד! — האט קרח זיך אפגערופען — מיט געלד קען מען פיעלעס דערגרייכען! ערשט יעצט וועסטו זעהן וואס איך וועל אויפטהאן. זאל נאר מיר געלינגען אויפצורייצען דעם פאלק געגען משה'ן און אהרן און עס וועט לאנג ניט נעהמען און איך ווער דער פיהרער ביי די אידען.

— דו האסט שוין אבער געמאכט איינינגע פארזוכען און דערווייל האסטו גאר־ניט אויסגעפיהרט... דו זעהסט דאך, אז אנשטאט צו געווינען האסטו נאך פארלארען, דו ביזט אפילו ניט באשטימט געווארען דער הויפט פון דיין משפחה!

— און מיר פארדריסט ניט וואס עס האט זיך אזוי אויסגעלאזען, ווען משה באשטימט מיך אנשטאט אליצפן, וואלט איך זיך דערמיט פיליכט צופרידענגעשטעלט, אבער יעצט האב איך א געלעגענהייט צו פארנעהמען משה'ס פלאץ.

— א, ווען דאס זאל אזוי פאסירען ווי גרויס מיין נקמה וואלט דאן געוועזן אן אלישבע'ן און צפורה'ן.

— און ניט קלענער וועט מיין נקמה זיין אן אהרן און אן משה'ן — האט קרח געשמייכעלט.

פופצעהן טעג האט געדויערט ביז וואנען די מרגלים זיינען אנגעקומען צו דעם לאנד כנען און צעהן טעג האבען זיי פארבראכט אין לאנד און זיי גוט אויסגעפארשט.

עס האט לאנג ניט געדויערט, און די מיינונגס פארשידענהייט האט זיך בולט ארויסגעוויזען צווישען די מרגלים, ווען זיי זיינען אנגעקומען אין א שטאדט, וואו עס זיינען געוועזן פעסטונגען, האבען כלב און יהושע דערפון געדרנוגען, אז די איינוואוינער פון יענער שטאדט זיינען שוואך און האבען מורא ארויסצוטרעטען אין אן אפענער מלחמה, דאריבער האבען זיי באפעסטיגט זייערע שטעדט. די איבעריגע צעהן מרגלים אבער האבען אין דעם געזעהן א גרויסען חסרון....

— ווי אזוי וועלען מיר גאר קענען איינגעהמען אזעלכע באפעסטיגטע שטעדט — האבען זיי גע'טענה'עט — מיר זיינען ניט גוט צוגעגרייט איינצונעהמען אזעלכע שטארקע פעסטונגען.

ווען זיי זיינען געקומען אין אפענע שטעדט, האבען זיי ווידער גע'טענה'עט, אז דאס וואס די איינוואוינער פון יענע שטעד ט באפעסטיגען זיך ניט, איז א סימן, אז זיי זיינען זעהר שטארק, און ווען מיר וועלען מלחמה האלטען מיט זיי, וועלען זיי זיכער אונז באזיגען.

יהושע און כלב אבער האבען געזאגט, אז דאס וואס יענע פעלקער זיינען ניט באפעסטיגט, איז דאס צוליעב דעם וואס זיי זיינען אזוי ארעם, אז זיי קענען ניט באהויפטען צו באפעסטיגען זייערע שטעדט.

ווען די מרגלים זיינען אריינגעקומען אין א שטאדט פון כנען און האבען דארט געטראפען א פאר לויות, האבען די צעהן מרגלים דערפון געדרונגען, אז דער קלימאט פון לאנד איז אזא שלעכטער, אז די איינוואוינער שטארבען דארט אוים.

— ניין — האט יהושע צו זיי זיך אפגערופען — דאס האט גאט געוואלט אונז באשיצען פון די איינוואוינער, וועלכע האבען אונז אנגעפאנגען צו פארדעכטיגען, דאריבער האט ער פארורזאכט א פאר טויט־פעלע, כדי אפ־

צוציהען פון אונז די אויפמערקזאמקייט פון די איינוואוינער.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין חברון, און האבען דארטען דערזעהן געזונטע, שטארקע ריזען, האבען די צעהן מרגלים גענומען קלאגען:

— ווי אזוי וועלען מיר זיך קענען פארמעסטען געגען אזעלכע ריזען?

אבער כלב האט זיי געטרייסט און געזאגט:

— אזא לאנד וואס גיט ארויס אזעלכע געזונטע מענשען, האט זעהר א גוטען קלימאט און עס איז א געבענשטע לאנד. מיר דארפען דאנקען גאט, וואס ער פיהרט אונז אין אזא טייער לאנד.

ווען זיי האבען באשלאסען זיך אומצוקעהרען, האט יהושע דערמאהנט די איבעריגע מרגלים, אז משה האט זיי אנגעזאגט, זיי זאלען מיטנעהמען פארשידענע פרוכטען צו צייגען וואס פאר א פרוכטען דאס לאנד גיט ארויס.

זיי האבען פון כנען מיטגענומען עטליכע מילגרוימען, טייטלען און א בינטעל וויינטרויבען. די וויינטרויבען זיינען געווען אזוי גרויס, אז צוויי פון די מרגלים האבען געמוזט טראגען דעם בינטעל אויף א שטייג.

אויף דעם וועג צוריק האט אויסגעזעהן, אז אלע מרגלים האבען איינגעשטימט צו בריינגען זעהר א גוטען באריכט וועגען דעם לאנד וואוהין משה פיהרט זיי. זיי האבען אלע געזעהן, אז דאס לאנד כנען איז ווירקליך א לאנד וואו עס פליסט מילך און האניג.

צו דעם סוף פון פערציג טעג האבען זיך די מרגלים צוריקגעקעהרט צום מדבר פרן, צו קדש ברנע, וואו דער אידישער לאגער האט גערוהט.

גאנץ ישראל איז ארויסגעגאנגען באגעגענען זיי און מיט גרויס נייגעריגקייט געווארט צו הערען וואס פאר א באריכט זיי האבען געבראכט.

די צוועלף מרגלים האבען זיך דערנעהנטערט צו משה'ס געצעלט. די פרוכט האבען זיי געטראגען פון אויבען **אויף אפגעדעקט, אזוי אז דאס גאנצע פאלק האט געקענט זעהן די וואונדערבארע פרוכט פון דעם לאנד, וואס גאט האט זייערע עלטערען פארשפראכען אפצוגעבען.**

א גרויסער המון האט זיך פארזאמעלט ארום די מרגלים. קרח מיט זיינע באקאנטע האבען זיך דורכגעשטופט צווישען המון און געבליבען שטעהן געגנאיבער די מרגלים. ער האט אויף זיי געווארפען פארשענדע בליקען. ער האט באטראכט די שעהנע פרוכט, וואס זיי האבען מיט זיך געהאט און זיין הארץ האט איהם א צאפעל געטהאן. ווער ווייס — האט ער ביי זיך א טראכט געטהאן — פיליכט ווען זיי האבען דערזעהן דאס לאנד, האבען זיך זייערע הערצער געביטען און זיין גאנצע מיה איז געווען אומזיסט.

משה און אהרן זיינען ארויס פון זייערע געצעלטען און צוגעגאנגען צו די מרגלים, און זיי אלעמען פריינדליך באגריסט.

— נו, וואס איז אייער באריכט וועגען דעם לאנד כנען? — האט ער זיך צו אלעמען געווענדעט.

— דאס לאנד איז ווירקליך א לאנד וואס פליסט מילך און האניג, אבער...
— האט זיך שמוע פון שבט ראובן אפגערופען.

— אבער וואס? — האט אהרן איהם געפרעגט.

— אבער דאס לאנד איז ניט פאר אונז!

— פון וואנען ווייסטו, אז עס איז ניט פאר אונז?! — האט איהם משה שטרענג א פרעג געטהאן.

— ווייל איך ווייס, אז מיר וועלען ניט קענען פארמעסטען אונזערע כחות געגען אזעלכע מעכטיגע פעלקער.

— יע, די פעלקער. וועלכע וואוינען אין כנען זיינען זעהר שטארק, און זייערע שטעדט זיינען גוט באפעסטיגט — האט געזאגט שפט פון שבט שמעון.

— אויב זייערע שטעדט זיינען בא־

פעסטיגט, איז א סימן אז די מענשען זיינען ניט איבעריגענס שטארק! — האט משה זיך אפגערופען — איך זעה אז איהרווידערשפרעכט זיך איינעם דעם צווייטען.

— די מענשען פון יענעם לאנד זיינען ווירקליך שטארק... זיי זיינען אמת'ע ריעזען! — האט יגאל פון שבט יששכר זיך אפגערופען.

— וואס איז דא וואס צו ריידען — האט פלוטי פון שבט בנימין אויסגערופען — מיר האבען גוט דורכגעפארשט דאס לאנד און ארום און מיר זיינען זיכער, אז מיר וועלען ניט קענען איינעהמען דאס לאנד, ווען מיר וועלען נאר זיך דערנעהנטערען צום לאנד, וועלען מיר האבען צו קעמפפען ניט מיט איין נאציאן, נאר מיט עטליכע, עמלק, אונזער פארביטערטסטער שונא, זיצט אין דרום זייט, און פון דארטען וועט אונמעגליך זיין פאר אונז צוצוגעהן צום לאנד דער חתי, יבוסי און אמורי זיינען באפעסטיגט אויף בערג און עס וועט זיין זעהר שווער מיט זיי מלחמה צו האלטען און דער כנעני געפינט זיך ביים ים, און ביים ברעג ירדן און עס וועט ניט אזוי גרינג זיין צוצוקומען צו זיי!

— יע, מיר האבען א חלום געחלום'ט — האט גדיאל פון שבט זבולון זיך אפגערופען — אבער יעצט איז עס אויס חלום!

— און אפילו ווען מיר זאלען שוין זאגען, אז מיר וועלען האבען די מעגליכקייט איינצונעהמען די פארשידענע שטארקע פעלקער, איז ארץ כנען ניט קיין גוטע לאנד פאר אונז. דער קלימאט דארטען איז זעהר שלעכט! — האט גדי פון שבט מנשה געזאגט.

— דער קלימאט איז דארטען וואונדערבאר! — האט כלב פון שבט יהודה אויסגערופען — זעהט איהר דען ניט די ליעבליכע טייערע פרוכטען, וואס דאס לאנד גיט ארויס.

— וואס האט די פרוכט צו טהאן מיט דעם מענשען! — האט עמיאל פון שבט דן איהם געענטפערט — מענשען פאלען דארטען אין די גאסען. וואו מיר זיינען געקומען האבען מיר באגעגענט א לויה!

— און די מענשען וואס מיר האבען דארטען באגעגענט זיינען אזוי געזונט און מעכטיג, אמת'ע ריעזען — האט נחבי פון שבט נפתלי געזאגט.

— יע, יע, מיר האבען אויסגעזעהן געגען יענע ריעזען ווי פליגען און געווים האבען זיי אונז אויך אזוי באטראכט — האבען די מרגלים געשריען.

— זעהט איהר ווי איהר ווידערשפרעכט זיך — האט יהושע זיך געווענדעט צו די מרגלים, וועלכע האבען גענומען ריידען שלעכטעס אויף דעם לאנד — פריהער זאגט איהר, אז דאס לאנד האט זעהר א שלעכטען קלימאט. ווייסען דאך אלע, אז א לאנד, וואו דער קלימאט איז שלעכט, זיינען דארטען די מענשען שוואכע און קרענקליכע און דא דערצעהלט איהר, אז די מענשען זיינען געזונט און שטארק!

— ביידע זאכען זיינען אמת! — האט גאואל פון שבט גד אויסגעשריען — יענע לאנד איז ניט פאר אונז!

— יענע לאנד איז ניט פאר אונז! — האט קרח און די וועלכע זיינען געשטאנען נעבען איהם, מיטגעשריען.

— מיר וועלען ניט קענען געהן אהין! מען וועט אונז אלעמען אויסשלאכטען — האבען נאך איינינע געשריען.

ווען כלב האט דערזעהן וואס פאר אן איינדרוק די ווערטער פון די צעהן מרגלים, וועלכע האבען זיך באמיהט אנצוריידען שלעכטעס אויף דעם לאנד כנען, האט געמאכט אויף'ן פאלק, האט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף עפעס און ער האט אנגעפאנגען צו ריידען. אבער די מרגלים און קרח האבען איהם פארשריען.

כלב האט געזעהן, אז עס וועט פאר איהם אונמעגליך זיין יעצט צו ריידען און בארוהיגען דעם אויפגערייצטען פאלק, איז ער געפאלען אויף א פלאן:

— ניט נאָר דאָס אַליין האָט צו אונז געטהאָן דער זוהן פון עמרם! — האָט ער אויסגערופען מיט א דונערענדע שטימע.

ווען די איבעריגע מרגלים און קרח האָבען געהערט, אז כלב רעדט אזוי וועגען משה'ן, האָבען זיי געמיינט, אז ער וויל אויך עפּעס ריידען שלעכטעס אויף דעם לאַנד און אויף משה'ן, און דעריבער האָבען זיי זיך איינגעשטילט און איהם געלאָזען ריידען ווייטער.

— ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט — האָט כלב ווידערהאָלט זיינע רייד, — ניט נאָר דאָס אַליין האָט צו אונז געטהאָן דער זוהן פון עמרם! אָבער נאָך פיעלע זאכען האָט ער צו אונז געטהאָן: ער האָט אונז ארויסגענומען פון מצרים און אונז באפרייט פון שקלאַפעריי. ער האָט אונז אריבערגעפיהרט דעם ים, ער האָט אונז באזאָרגט מיט שפּייז און וואסער. ער האָט אונז געגעבען די היילינגע תורה, און יעצט זייט איהר צושראָקען, אז ער וועט אונז ניט קענען אריינברייננען אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט אונז פארשפּראָכען. אה, מיינע פריינד, אפילו ווען דאָס לאַנד וואָלט געווען אין הימעל, און משה וואָלט אונז געהייסען מאכען לייטערס מיר זאָלען אהין ארויפגעהן, האָבען מיר איהם געדארפט פאָלגען, און מיר וואָלטען געווען ערפאָלגרייך! איז דאָס די דאנקבארקייט וואָס מיר צייגען ארויס אונזער באליעבטען פיהרער, וועלכער האָט מיט אונז אזוי פיעל טובות געטהאָן? הערט זיך ניט איין צו די שלעכטע רייד פון דיעזע מענשען, זיי מיינען ניט אייער טובה!

די מרגלים האָבען איהם ניט געלאָזען ענדיגען רעדען. זיי האָבען איהם פאַרשריען:

— מיר וועלען ניט קענען מלחמה האלטען מיט אזוי פיעל שטארקע פעלקער!

— דאָס לאַנד טויג ניט, מיר וועלען דאָרט אלע אויסשטארבען.

קרח מיט זיין קליקע האָבען אויפגעחויבען א געשריי און נאָך מעהר מגזם געווען פאַר'ן פאָלק.

עס איז געוואָרען א געוויין און א טומעל. פיעלע פון די אידען זיינען צוגעלאָפען צו משה'ן און צו אהרן'ען און מיט קריצענדע צייהנער און געדריקטע פויסטען, האָבען זיי זיך אָנגעפאנגען צו קריגען מיט משה'ן און אהרן'ען:

— פאַר וואָס האָט איהר אונז ארויסגענומען פון מצרים! הלואי וואָלטען מיר בעסער געשטאָרבען אין דעם לאַנד מצרים, אָדער אפילו אין דיעזען מדבר, הלואי וואָלטען מיר געשטאָרבען, און יעצט פיהרט איהר אונז צו א לאַנד, וואו מיר וועלען אלע אויסגעשלאכטעט ווערען מיט דעם שווערד. פאַר וואָס זאָלט איהר אונז אהין פיהרען, אויב מיר וועלען דאָרט האָבען אזא ביטערען סוף? אונז וועט מען טויטען און אונזערע קליינע קינדער וועט מען צונעהמען פאַר קנעכט און דיענסטען. איז שוין דען ניט בעסער פאַר אונז, מיר זאָלען זיך אומקעהרען נאָך מצרים!

— געוויס, לאָמיר זיך אומקעהרען נאָך מצרים! — האָבען אנדערע נאָכגעשריען.

— לאָמיר בעשטימען אן אנדער פיהרער און זיך אומקעהרען נאָך מצרים!— האָבען די ברידער דתן און אבירם אויסגערופען — דער זוהן פון עמרם וועט מעהר ניט קענען זיין אונזער פיהרער.

— ניין, מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען נאָך מצרים! — האָבען די יונגע אויסגערופען—מיר ווילען מעהר ניט זיין קיין שקלאַפען!

עס איז ווידער געוואָרען א טומעל און א געשריי. די עלטערע האָבען געשריען אז מען זאָל זיך אומקעהרען נאָך מצרים, און די יונגוואַרג — האָבען געזאָגט אז נישט!

יהושע און כלב האָבען געטהאָן אלעס וואָס זיי האָבען געקענט צו בערוהיגען דעם המון:

— דאָס לאַנד וואָס מיר האָבען נאָר וואָס אויסגעשפּיאָנירט איז זעהר, זעהר גוט, און אז מיר וועלען ווערטה זיין און

גאָט וועט וועלען אונז אהין ברענגען, וועלען מיר עס איינגעהמען. און איהר קענט דאָך אליין זעהן פון די פרוכט וואָס מיר האָבען געבראַכט אז עס איז א לאַנד וואו עס פליסט מילך און האָניג און ווען גאָט איז מיט אונז דאַרפען מיר דען מורא האָבען פאַר די פעלקער פון יענעם לאַנד, מיר וועלען זיי אזוי לייכט איינגעהמען אזוי ווי מיר עסען אויף א שטיקעל ברויט. יענע פעלקער, וועלכע וואָהנען יעצט אין יענעם לאַנד האָבען פערלאָרען זייער שוץ, זיי וועלען זיך ניט קענען געגענשטעלען אונזער מאַכט ווייל גאָט איז מיט אונז. איהר דאַרפט פאַר זיי ניט מורא האָבען. יע, מיר וועלען אַלע געהן נאָך כנען און מיר וועלען ירש'ענען דאָס לאַנד וואו אונזערע אבות זיינען געווען, און מיר וועלען זיין גליקליך אונטער דער פיהרערשאַפט פון משה'ן.

—זיי זיינען פאַררעטער! — האָט אימיצער א געשריי געטאָן. זיי האַלטען מיט משה'ן און אהרן ווייל זיי האָבען פילעס גוטעס גענאָסען פון זיי.

— לאָמיר זיי פאַרשטיינען מיט שטיינער! — האָט נאָך איינער אויסגעשריען. און יעדער איינער האָט אויפגעהויבען א שטיין און געווען גערייט צו פאַרשטיינען יהושע'ן און כלב'ן.

פלוצלונג אָבער האָט א וואָלקען פאַרצויגען די שיין פון דער זון, און א שרעק איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלען. זיי האָבען באַמערקט ווי משה שטהעט און איז מתפלל צו גאָט פאַר זיי. קיינער האָט מעהר נישט געוואַגט צו עפענען די מויל. מען האָט געוואוסט, אז מען טאָר משה'ן נישט שטערען אין אזא צייט.

די שטילקייט איז געוואָרען שאַרפער און אָנגעצויגענער. עס האָט אויסגעזעהן אז באַלד וועט עפּעס שרעקליכעס געשעהן.

פלוצלונג האָט אין דיזער מאוויים'דיגער שטילקייט א דונער געטאָן משה'ס שטימע:

”איהר האָט נאָר וואָס זיך געקלאָגט און געזאָגט אז הלואי וואָלט איהר בעסער אויסגעשטאָרבען אין דער מדבר איידער געפיהרט צו ווערען אין אזא ”שרעקליכעס” לאַנד, וו גאָט לעבט, אזוי ווי איהר האָט גערעדט אזוי וועט עס זיין. איהר וועט טאַקע נישט אריינקומען אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָרען צו אייערע עלטערען אייך אָפּצוגעבען. איהר וועט אַלע אויסשטאַרבען אין דיזען מדבר די אַלע וועלכע זיינען צוואַנציג יאָהר אַלט און עלטער. יע, אין דיזען מדבר וועלען מיר פאַרברענגען פערציג יאָהר, ביז וואַנען אַט די אַלע, וועלכע האָבען געצווייפעלט אין גאָט'ס רייד, וועלען אויסשטאַרבען, און גראַדע אייערע קליינע קינדער, די וועלכען זיינען אונטער צוואַנציג יאָהר פאַר וועמען איהר האָט מורא געהאַט זיי זאָלען ניט אריינפאַלען אין דעם שונא'ס הענט, זיי גראַדע וועלען אריינקומען אין לאַנד און וועלן עס ירש'ענען. אָבער איר אַלע, וועלכע האָבען אזוי לייכט געקענט פאַרגעסען די גוטעס וואָס גאָט האָט מיט אייך געטאָן, ווען ער האָט אייך באַפרייט פון מצרים און אייך געשפייזט און געשטילט אייער דורשט, דעריבער וועט איהר נישט זוכה זיין אריינצוקומען אין דעם לאַנד, וואו עס פליסט מילך און האָניג. פערציג יאָהר אין מדבר וועט איהר וואַנדערען אזויפיעל וויפיל טעג עס האָט גענומען די מרגלים אויסצוזעהן דאָס לאַנד און אייך ברענגען דיזען באַריכט. א יאָהר פאַר א טאָג, ביז וואַנען פון דיזען דור וועט קיין געדעכענים ניט איבערבלייבען. ביז וואַנען א נייער דור וועט אונטערוואַקסען, וואָס וועט וויסען ווי אָפּצושאַצען פרייהייט און נישט דראָהען ביי יעדער אונאַנגענעמער פּאַסירונג, אז איהר וועט זיך אומקערען נאָך מצרים, אַט אזא דור וועט איינעמען דאָס לאַנד כנען און וועט זיך דאָרטען באַזעצען. קיינער פון דעם אַלטען דור וועט נישט זוכה זיין אריינצוקומען אין כנען, אויסער כלב, דער זוהן פון יפונה און יהושע דער זוהן פון נון. זיי

וועלען יאָ דאָרטען אריינקומען, ווייל זיי האָבען זיך נישט געלאָזט פאָרפיהרען פון די פאַלשע מענשען, וועלכע האָבען נאָר געזוכט צו טאָן שלעכטעס צום פאָלק.

ווי משה האָט געענדיגט רײדען, האָט גלייך אויסגעבראָכען א מהומה און א געוויין צווישען די אידען.

— מיר האָבען געזינדיגט צו גאָט און צו דיר, משה, אָבער מיר וועלען ווייטער געהן.

— ניין, לאָמיר זיך אומקערען נאָך מצרים! — האָבען די צעהן מרגלים געשריען— לאָמיר מאכען אַן אנדער פיהרער איבער אונז און לאָמיר זיך אומקעהרען נאָך מצרים! עס וועט זיין בעסער פאַר אונז דאָרטען צו זיין שקלאַפען איידער אויסגעשלאַכטעט צו ווערען ביי די שטאַרקע פעלקער פון כנען.

— איהר זייט ליגנער און באַטריגער — האָבען איניגע אידען שוין גענומען חרטה האָבען וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט פאַרפיהרען פון די מרגלים.

— זיי האָבען פאַרדינט דעם טויט!

— האָבען אנדערע געשריען, אַנווייזענדיג אויף די צעהן מרגלים.

דער המון האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען אויף די מרגלים, און איידער משה האָט באַוויזען זיך ארומצוקוקען זיינען שוין די צעהן מרגלים געלעגען טויט.

— אָה, גאָט האָט זיי געשטראָפט!

— האָט אימיצער אויסגערופען. ער האָט אויף זיי א מגפה אַנגעשיקט!

— מיר האָבען זיי ניט געטויטעט!

— האָבען דער המון געשריגען. זיי זיינען געטויטעט געוואָרען דורך גאָט'ס האַנט!

— איצט, אַז די מרגלים, וועלכע האָבען פאַראורזאַכט אַט די אַלע צרות, זיינען טויט, וועלען מיר געהן ווייטער, מיר וועלען איינגעמען דאָס לאַנד און מיר וועלען עס ירש'ענען.

דער אָוועגט האָט גענומען צופאַלען און יעדער איז אַוועק צו זיין געצעלט מיט א טרויעריג און צעוויטאָגט האַרץ.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה, זיינען פילע אידען אויפגעשטאַנען און מיטנעמענדיג זייערע וואָפען זיינען זיי צוגעקומען צו משה'ן און זיך אָפגערופען:

— מיר זיינען געגרייט פאָרטצוזעצען אונזער צוג. מיר וועלען קעמפען מיט די פעלקער ביז וואַנען מיר וועלען איינגעמען דאָס לאַנד.

—- ניין! איהר וועט נישט געהן!— האָט משה זיי געוואָרענט — גאָט האָט זיך פון אייך אָפגעטאָן. רייצט נישט אויף די דערבייאיגע פעלקער. איהר וועט דיזען מאָל נישט באַגליקען.

— מיר האָבען אונזערע וואָפען און מיר זיינען געגרייט מלחמה צו האַלטען מיט די פעלקער! — האָבען זיי אויסגערופען.

—איהר זייט נישט ראוי אריינצוגעהן אין דעם לאַנד, ווייל אייער גלויבען אין גאָט איז נישט גענוג שטאַרק, און יעדער איינער וועט אויף אייך קענען אַנוואַרפען א מורא. ניין, אומזיסט איז אייער מיה, און מיין עצה צו אייך איצט איז נישט צו געהן.

— מיר יועלען יע געהן!— האָבען די אומגעדולדיגע געשריען — מיר וועלען ארויף אויף דעם באַרג.

משה האָט זיי מעהר נישט געענטפערט. ער האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיין געצעלט.

איניגע טויזענט באַוואָפענטע אידען האָבען זיך אוועקגעלאָזען אויף דעם באַרג.

באַלד איז דערוואוסט געוואָרען צו די ארומיגע פעלקער, אַז די אידען קומען אָן מלחמה האַלטען מיט זיי. האָבען זיך די עמלקים און די כנענים צוזאַמענגענומען און זיי אנטקעגען געקומען.

א שטאַרקע מלחמה האָט זיך צופלאַקערט, און פילע פון די אידען זיינען אין דער מלחמה געפאַלען.

די איבעריגע האָבען זיך באַלד ארומגעזעהן, אַז עס וועט זיין נוצלאָז פאָרטצוזעצען דעם קאַמף, האָבען זיי באַלד

פאַרלאָרען זייער מוטה און געגומען צוריקלויפען אין גרויס אומאָרדנונג.

די עמלקים און כנענים האָבען זיי א שטיק וועג נאָכגעיאָגט ביז דעם פּלאַץ חרמה און נאָך פילע פון די אידען געטויטעט. און די איבערגעבליבענע איז געלונגען צו דערגרייכען דעם אידישען לאַגער.

די עמלקים און די כנענים האָבען זיך אומגעקערט צוריק צו זייערע לענדער. זיי האָבען מורא געהאַט זיך צו דערנענטערען צום אידישען לאַגער. עמלק האָט נאָך גוט געדענקט די קלעפּ וואָס ער האָט פאַר א יאָהרען געכאַפּט פון יהושע׳ן און זיין אַרמעע.

25טער קאַפּיטעל

דער סוף פון קרח׳ן און זיין קליקע

א קורצע צייט איז פאַראיבער און די אידישע געמיטהער האָבען זיך ביסלעכווייז באַרוהיגט. זיי האָבען איינגעזעהן, אז אָהן משה׳ס הסכמה וועלען זיי ווייטער נישט קענען געהן. זיי וועלען מוזען פאַרבלייבען אין דיזען מדבר פערציג יאָהר. זייערע הערצער זיינען נאָך געווען פאַרביטערט אָבער ביסלעכווייז האָבען זיי זיך גענומען צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק. זיי האָבען געוואוסט, אז זיי האָבען געזינדיגט געגען גאָט און געגען משה׳ן און אז זייער שטראָף איז א פאַרדינטע.

קורח האָט זיך געפיהלט אויך שטאַרק דערשלאָגען, וואָס עס איז איהם ניט געלונגען צו מאַכען גלייך אן אויפשטאַנד און אַרונטערזעצען משה׳ן און אהרן פון זייער גדולה און פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין געצעלט אומעטיג מיט א פּנים פון יאוש.

— קרח, וואָס איז מיט דיר? — האָט איהם זיין פרוי באַגעגענט ביי דער טיהר.

— מיר האָט אָפּגעקאָסט אזוי פיעל געלד און דערווייל האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזען — האָט ער איהר געענטפערט מיט א נידעריגע שטימע.

— זיי נישט ביי זיך געפאַלען, קרח, — האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען — איצט האָסטו נאָך א גרעסערע געלעגענהייט ווי פריהער. האָסטו דען נישט געהערט, אז משה האָט געזאָגט די אידען, אז נאָר די וועלכע זיינען אונטער צוואַנציג יאָהר וועלען אַריינגעהן אין דעם לאַנד, וואו עס פליסט מילך און האָניג, אויסער יהושע׳ן און כלב׳ן, און געוויס אויך אויסער זיינע גוטע פריינט און נאָהענטע. איצט שטעל זיך פאָר, אלישבע און מרים וועלכע זיינען עלטער פון מיר, וועלען געוויס אַריינקומען אין לאַנד, און איך נישט! ווען איך בין פאַרביי געגאַנגען זייערע געצעלטען און דאָרטען דערזעהן אלישבע׳ן האָט מיין בלוט אין מיר אויפגעזידט. די האָסט געדאַרפט זעהן דעם בליק וואָס זי האָט אויף מיר געוואָרפען... אָה, ניין, קרח, א יד האָב באַשלאָסען אז דו מוזט אָנגעהן מיט דעם אויפשטאַנד און דו וועסט איצט געוויס זיין ערפאָלגרייך. דאָס גאַנצע פאָלק איז זעהר אויפגעבראַכט אויף משה׳ן און אהרן. נאָך פון די מרגלים און זייער באַריכט און דערצו נאָך וואָס ער האָט זיי געזאָגט, אז זיי קענען אהין נישט קומען.

— דו ביזט גערעכט, מיין פרוי — האָט קרח צוריקגעקראָגען זיין מוטה — די צייט איז איצט טאַקע מעהר גינסטיג. ווי באַלד אז די אידען ווייסען, אז מיט משה׳ן אלס זייער פיהרער וועלען זיי דאָס לאַנד אליין נישט דערגרייכען, פאַרוואָס נישט מאַכען אן אנדער פיהרער! איך געה באַלד צוזאַמענרופען אלע מיינע פריינט און זיך באַראַטען וואָס צו טאָן.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט אז דיזען מאָל וועסטו באַגליקען — האָט איהם זיין פרוי ערמוטיגט — אלע זיינען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף משה׳ן און אהרן פאַר דעם טויט פון די מרגלים און צוליב דער מפּלה וואָס די אידען האָבען נאָר וואָס געקראָגען ווען זיי האָבען געמאַכט א פאַרזוך פאָרטצוזעצען זייער צוג נאָך כנען. דאָס אלעס צוזאַמענגענומען, אויב דו וועסט נאָר וויסען

ווי עס אויסצונוצען, וועסטו זעהר גרינג קריגען אלע שבטים אויף דיין זייט.

ערמוטיגט פון זיין פרוי'ס ווערטער, האט זיך קרח אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און ער איז אוועק צו דתן און אבירם. דארטען האט ער געטראפען און, דעם זון פון פלת.

— ווייסט איהר נאך וואס איך בין צו אייך איצט געקומען? — האט קרח זיך אפגערופען— איך בין געקומען אייך זאגען, אז איצט איז די צייט דורכצופירען אלע אונזערע פלענער... דאס פאלק איז איצט שטארק פארביטערט געגען משה'ן און אהרן. און זייער ענטוישונג דאס זיי וועלען ניט קענען אריינקומען אין לאנד, איז אזוי גרויס, אז זיי וועלען זיין צופרידען צו קריגען א נייעם פיהרער... איך האב באשלאסען צו לאזען זיך קאסטען אזוי פיעל געלד וויפיל עס וועט נאר נויטיג זיין.

— אבער, זעהסטו נישט, אז דו ביזט אויך דיזען מאל דורכגעפאלען — האט איהם און, דער זוהן פון פלת געזאגט. די מרגלים, וועלכע דו האסט אונטערגעקויפט זיינען געטויטעט געווארען פון גאט, נאר די צוויי מרגלים, כלב און יהושע, צו וועמען דו האסט קיין צוטריט נישט געהאט, זיינען געבליבען לעבען.

— און דו מיינסט טאקע, אז די מרגלים זיינען געשטארבען אין דער מגפה? — האט קרח זיך צו איהם אפגערופען — ניין, דו מאכסט א טעות.

— אבער אלע האבע זדאך געזעהן ווי זיי זיינען געפאלען טויט אויף אן ארט — האט דתן זיך אריינגעמישט.

— זעהסטו, אויף דיר, דתן, וואונדערט מיך. דו זאלסט אויך אין דעם גלויבען.

—אבער ווי אזוי קענסטו ערקלערען דעם טויט פון די מרגלים? — האט איהם אבירם געפרעגט.

— גאנץ איינפאך — דער גאנצער המון, איז געווען זעהר אויפגערעגט. דער טומעל איז געווען גרויס. אלע זייענען געווען צוטומעלט און צעשראקען, האבען זיך איינינגע פון משה'ס אנהייננגער באנוצט מיט דיזער געלעגענהייט און האבען געטויטעט די צעהן מרגלים.

— דאן וואלטען אלע געקענט זעהן דאס פארגאסענע בלוט — האט און געזאגט — אבער קיינער האט קיין בלוט נישט באמערקט און דעריבער זיינען אלע איבערצייגט, אז דאס האט גאט אויף זיי א מגפה אנגעשיקט.

— איך וועל אייך ערקלערען — האט קרח זיך אפגערופען — אהרן און זיינע זיהן ווייסען ווי צו מישען אזא מין קטורת, וואס ווי נאר אימיצער אטעמט עס איין, אזוי שטארבט ער גלייך.

— איך האב אבער די גאנצע צייט פון אהרן מיינע אויגען נישט ארונטערגענומען און איך וויים, אז ער האט זיך פון זיין פלאץ נישט גערירט.

— האט עס אימיצער אנדערש פאר איהם געטאן — האט קרח זיך אפגערופען — איין זאך בין איך זיכער, אז די מרגלים זיינען נישט געשטארבען אין דער מגפה און דעריבער דארפען מיר פאר קיין זאך זיך ניט אפשרעקען.

לאמיר שיקען רופען אויך אליצור, דעם זוהן פון שדיאור'ן — האט דתן פארגעשלאגען, — און הערען, וואס ער וועט אונז ראטען צו טאן.

— איך פארשטעה דיך נישט! — האט קרח זיך צו איהם געווענדעט. — האסט דען געביטען דיין מיינונג, אדער פיליכט האסטו אין גאנצען חרטה.

— אה, ניין, קרח! דו מאכסט א טעות — האט דתן איהם געענטפערט. — איך און מיין ברודער וועלען דיר ארויסהעלפען אין אלץ וואס דו וועסט טאן. מיר האבען קיינמאל נישט פארגעסען די פילע טובות, וואס דו האסט מיט אונז געטאן. עס איז געווען א צייט ווען אלע פלעגען זיך האלטען פון אונז פון דערווייטען און דו ביזט געווען אונזער איינציגער פריינד!

— און דו דארפסט אויך נישט פארגעסען, אז מיר זיינען געווים נישט קיין פריינד צו משה'ן און אהרן — האט אבירם צוגעגעבען. — שוין ווען מיר זיינען נאך גאר יונג געווען האבען מיר

איהם געהאסט און מיר האבען גע'מסר'ט פרעה'ן, אז ער האט געטויטעט דעם מצרי.

— יע, און דאן זיינען אלע אידען פון גשן אויף אייך ביידען זעהר אין כעס געווען, אבער איך האב אייך פארשטאנען — האט קרח זיך אפגערופען. — איך האב געוואוסט, אז ווען איהר האט פאר'מסר'ט משה'ן פאר פרעה, האט איהר דאס געטאן ווייל איהר האט נישט געוואלט, אז פרעה זאל באשולדיגען איינעם פון די אידישע ארבייטער...

— נו, געוויס דאס איז געווען אונזער אבזיכט! — האט דתן געזאגט.

— און משה? איז ער דען נישט געווען קיין איד? — האט און, דער זוהן פון פלת, געפרעגט.

— אין יענער צייט איז משה געווען פאררעכענט פאר דעם זוהן פון פרעה'ס טאכטער! — האט קרח איהם געענטפערט. — און דתן און אבירם האבען זיך זיכער געטראכט אויב זיי וועלען דערצעהלען פרעה'ן, אז משה האט א מצרי געטויטעט, וועט ער איהם געוויס קיין שלעכטס נישט טאן!

— און איך זאג שטענדיג, אז משה האט גאר אונז באדארפט דאנקבאר זיין פאר דעם, וואס מיר האבען איהם גע'מסר'ט, ווען נישט דאס, וואלט ער זיין גאנצען לעבען פארבליבען מיט פרעה'ן און ער וואלט קיינמאל נישט געווארען דער אידישער פיהרער! — האט דתן געזאגט מיט א שמייכעל.

— און דעריבער זאג איך איצט, — האט אבירם געזאגט, — אז אזוי ווי מיר האבען איהם געהאלפען צו ווערען דער פיהרער אזוי דארפען מיר איצט העלפען איהם צו מאכען אויס פיהרער.

— מיר זיינען מיט דיר, קרח! — האט דתן זיך צו איהם געווענדעט, — און וואס דו וועסט אונז זאגען אזוי וועלען מיר טאן, דאך וועט נישט שאדען אויב מיר וועלען זיך אויך בעראטען מיט אליצור'ן. ער וועט אונז געבען די ריכטיגע צעה, ווייל ער אליין איז אויך פאראינטערעסירט אין דעם. ער ווייס גאנץ גוט, אז ווען זיין שבט ראובן וועט פארנעהמען דעם פלאץ פון דעם שבט לוי, דאן ווערט ער דער כהן גדול אנשטאט אהרנ'ען, און דו וועסט פארנעהמען משה'ס פלאץ.

— און אויך איהר וועט פון מיר באקומען הויכע עמטער! — האט קרח זיך אפגערופען צו די ברידער.

— מיר זיינען שוין אלט און קיין סך וועלען מיר פון דיר נישט פארלאנגען, קרח. איבערהויפט זאלסטו זעהן מאכען אונזערע קינדער פאר לייט.

— און וואס וועט זיין מיט מיר? — האט און, דער זוהן פון פלת, אויסגערופען. — העלף איך דען דיר נישט ארויס.

— זארג נישט, ווי נאר איך וועל ווערען דער הערשער ביי אידען, וועל איך שוין אויך פון דיר מאכען א לייט. מעגליך, אז דו וועסט זיין צו מיר דאס וואס יהושע איז צו משה'ן!

— וואס איז יהושע? משה'ס משרת!

— האט און זיך אפגערופען. — צו זיין א משרת צו משה'ן איז עפעס אנדערש און צו זיין א משרת ביי דיר איז אויך אנדערש!

— צו זיין א משרת צו קרח'ן ווען ער וועט ווערען דער הערשער ביי אידען וועט עס זיין פאר דיר א גרויסער כבוד!

— האט אבירם געזאגט.

— אויב דו וועסט נישט וועלען זיין מיין משרת וועל איך דיר געבען אן אנדער אמט! — האט קרח געזאגט. — דו מעגסט זיכער זיין, אז די אלע, וועלכע האבען מיר ארויסגעהאלפען, וועלען זייער באלוינונג באקומען!

— און דעריבער טאקע וועסטו זיך איצט מטריח זיין און געהן רופען אליצור'ן — האט איהם דתן געזאגט.

אין א וויילע ארום האט זיך און צוריקגעקעהרט מיט דעם נשיא פון דעם שבט ראובן.

קרח האט איהם ערקלעהרט, אז איצט איז די צייט ארונטערצואווארפען משה'ן און אהרנ'ען פון זייער גדולה און אז ער איז געקומען זיך בעראטען ווי אזוי צו האנדלען.

— וואס מיר דארפען טאן, — האט

אליצור געזאגט. — אין ארייננצוקריגען מיט אונז פילע חשוב׳ע לייט פון ישראל. איך נעהם זיך אונטער ארייננצוקריגען די הויפטען פון די משפחות פון מיין שבט. מעגליך, אז דו וועסט אויך קענען צוציהען איינינגע וויכטיגע לייט פון אנדערע שבטים. און דאן וועט לאנג נישט נעהמען און דאס גאנצע פאלק וועט זיך אנשליסען אן אונז. דו וועסט אבער דארפען זעהן, אז קיין גאלד זאל נישט פעהלען, ווייל אין אזא אונטערנעהמונג וועסטו דארפען ארייננלייגען זעהר פיל גאלד.

— איצט מעג איך דיר זאגען, אז וואס אנבאלאנגט גאלד וועט קיין אפהאלט ניט זיין... פרעה׳ס אוצרות זיינען געוועזן גרויס און איך האב פון דארטען אלעס ארויסגענומען, און איצט, אז מיין פרוי האט מיר נאך צוגערעדט, איך זאל פיהרען דעם אויפשטאנד געגען משה׳ן, וועט זי שוין נישט זיין דאגעגען אויב אפילו איך וועל זיין געצוואונגען אויסצוליידיגען מיינע אוצרות!

— מיט גאלד וועסטו אלעס אויספיהרען, — האט אליצור געזאגט. און איידער איך פאנג אן צו טאן די ארבייט וויל איך דו זאלסט מיר ברייגגען גענוג גאלד. איך וויים, אז נישט אלע וועלען מיר וועלען נאכפאלגען, און איך וועל זיך מוזען באנוצען מיט געלט.

— זיי דארפען נישט וויסען, אז די גאלד קומט פון מיר! — האט קרח געזאגט, — ווייל זיי וועלען מורא האבען צו נעהמען געלט פון מיר, וויסענדיג די מפלה, וואס די מרגלים האבען געהאט.

— קיינער אחוץ אונז וויים נישט, אז דו האסט אונטערגעקויפט די מרגלים!

— האט אליצור איהם געזאגט. — און איך פארזיכער דיר, אז קיינער וועט דיר נישט באשולדיגען אין האבען אונטערגעקויפט די, וועלכע וועלען זיך באטייליגען אין דעם אויפשטאנד געגען משה׳ן מיט אהרן.

— אויב איהר וועט צו מיר קומען אין מיין געצעלט — האט קרח זיך געווענדעט צו אליצור׳ן און צו די ברידער, וועל איך האבען די געלט פאר אייך אנגעגרייט.

—און דערווייל וועל איך זיך דורכריידען מיט איינינגע הויפטען פון מיין שבט און איך וועל נאך מעגליך מיט זיי אריבערקומען צו דיר. איך בין זיכער, אז דער סוף פון משה׳ן און אהרן איז געקומען... דאס פאלק איז מעהר ניט מיט זיי, און ווען מיר וועלען אריינקריגען אויף אונזער זייט וויכטיגע פערזענליכקייטען וועט שוין גאר גרינג זיין דורכצופיהרען דאס איבעריגע.

מיר וועלען דארפען זעהן, אז די אלע, וועלכע וועלען זיך אנשליסען אין אונזער לאגער, זאלען זיין באוואפענט — האט דתן זיך אפגערופען — אין פאל פון א נויט וועלען זיי זיך קענען דאמיט באנוצען.

— איבערהויפט דארפסטו אויסקלייבען אזעלכע, וועלכע וועלען קענען רייידען צום פאלק און איבערצייגען אלעמען דאס משה און אהרן קענען מעהר נישט זיין אונזערע פיהרער — האט קרח געזאגט. — זיי זאלען וויסען ווי אזוי מיך צו דערהויבען אין די אויגען פון פאלק.

— אויף דעם מעגסטו זיך אויף מיר פארלאזען! — האט אליצור איהם געענטפערט. — איך וועל שוין ווי אזוי צו רייידען צו זיי.

נאכדעם ווי אליצור האט געקראגען די געלט פון קרח׳ן איז ער אוועק מיט קרח׳ן און ביידע האבען פארזאמעלט זעהר פיל חשוב׳ע לייט פון ישראל, דאס רוב פון זיי זיינען געוועזן פון דעם שבט ראובן.

— אהן צווייפעל איז אייך אלעמען באוואוסט דאס וואס משה האט לעצטענס געזאגט — האט זיך קרח צו זיי אפגערופען. — ער האט דאך אפען ערקלעהרט, אז מיר וועלען מוזען זיך פארזאמען אין מדבר פערציג יאהר ביז וואנען מיר אלע וועלען אויסשטארבען, און בלויז אונזערע קינדער, דעם נייעם דור, וועט ער פיהרען נאך דעם לאנד כנען! איך האב באמערקט ווי איהר אלע זייט

געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ און מיט טרערען אין די אויגען זיך צוגעהערט צו משה'ס רייד. יע, מיט גרויס הכנעה האָט איהר אָנגענומען אלעס וואָס ער האָט אייך געזאָגט און זיך אונטערגעגעבען! ניין, מיר ווילען נישט אויסשטארבען אין דער מדבר, מיר מוזען פאָרטזעצען אונזער וואנדערונג ביז כנען און דאָרט וועלען מיר זיך דאָרטען באזעצען.

— אָבער ווייסטו נישט, וואָס עס האָט פּאסירט מיט די, וועלכע האָבען זיך ניט צוגעהערט צו משה'ן און געוואגט ארויפצוגעהן אויף דעם בארג? — האָט אימיצער א פרעג געטאָן.

— דער אומגליק האָט פּאסירט צוליב דעם, וואָס משה איז נאָך אלץ געבליבען דער פיהרער. ער האָט נישט געלאָזען מיטנעהמען דעם ארון, וועלכער זאָל ערמוטיגען די אידען, און זיי זיינען אוועק אָהן א פיהרער, און נישט דאָס גאנצע פאָלק איז מיט זיי מיטגעגאנגען, דעריבער איז מיין עצה, אז מען זאָל פריהער ארונטערזעצען די זיהן פון עמרם פון זייער הערשאפט, דאן וועט דאָס פאָלק אויסקלייבען א פיהרער, וועלכער וועט טאָן דעם ווילען פון פאָלק. יע, די גאנצע אידישע געמיינדע איז א הייליגע, און פארוואָס זאָלען זיך די זיהן פון עמרם האַלטען פאר די אויסדערוועהלטע! ווען איך וואָלט געווען אייער פיהרער, וואָלט איך אזוי נישט געהאנדעלט, איך וואָלט געטאָן בלויז דעם ווילען פון פאָלק!

— מיר אלע ווייסען, אז משה דערהויבט נאָר די, וועלכע זיינען איהם נאָהענט — האָט דתן צוגעגעבען. — דעם גאנצען שבט לוי האָט ער באזאָרגט זיי זאָלען טאָן די הייליגע ארבייט אין משכן.

— כאָטש איך אליין שטאַם פון דעם שבט לוי, — האָט קרח פאָרטגעזעצט — פונדעסטוועגען זעה איך דעם גרויסען אומרעכט, וואָס משה איז באגאנגען, ווען ער האָט זיין שבט אויסדערוועהלט צו טאָן די הייליגע ארבייט! ער האָט קיין רעכט נישט געהאט אזוי צו האנדלען! ראובן איז געווען דער בכור פון יעקב'ן און דעריבער האָט דיזער שבט געזאָלט קריגען די פאָרצוג איבער די איבעריגע שבטים!

— מיר האָבען געגעבען פיל מעהר געלד פאר'ן משכן ווי דער שבט לוי! — האָט אימיצער אויסגעשריען. — מיר דארפען פארנעהמען די פלעצער פון די לוים.

— ווען איך וועל ווערען דער פיהרער וועט טאקע אזוי זיין! — האָט קרח אויסגערופען. — אייער נשיא אליצור, דער זוהן פון שדיאור, וועט זיין דער כהן גדול, און איהר אלע, די הויפּטען פון די פארשידענע משפחות, וועלען זיין די כהנים און דעם פלאץ פון די לויים וועלען פארנעהמען אלע פון שבט ראובן!

— מיר וועלען דיר פאָלגען אלעס וואָס דו וועסט אונז זאָגען! — האָט איינער אויסגערופען.

— מיר ווילען דיר פאר אונזער פיהרער — האָט א צווייטער אויסגערופען.

— מיר ווילען נישט, אז דער זוהן פון עמרם זאָל אונזער הערשער זיין!

— לאָמיר געהן צו משה'ן און איהם זאָגען, אז ער זאָל אָפּטרעטען זיין פלאץ צו קרח'ן, — האָט דתן אויסגערופען — און אויב ער וועט עס נישט וועלען טאָן מיט גוטען, וועט ער דאָס טאָן געצוואונגענערהייט.

— משה קען שוין מעהר אונזער פיהרער נישט פארבלייבען! — האָט אבירם געשטורעמט. — מיר האָבען זיך גענוג אָנגעליטען פון איהם. דורך זיין באפעהל זיינען פילע געטויטעט געוואָרען פאר דער זינד פון דעם עגל הזהב. נישט לאנג צוריק זיינען דורך איהם געטויטעט געוואָרען צעהן פון די מרגלים, און איצט לאָזט ער אונז וויסען, אז מיר וועלען ניט קענען אריינקומען אין דעם לאנד, וואו עס פליסט מילך און האָניג! וואָס פאר א פיהרער איז ער דאָס, ווען ער פיהרט אונז בלויז צום טויט!

— די, וועלכע זיינען געשטראָפט געוואָרען, האָבען זייער שטראָף פארדינט, און פארוואָס זאָלען די אלע, וועלכע האָבען גענומען קלאָגען און געמאַכט א פארווּף זיך אומצוקעהרען נאָך מצרים,

אריינקומען אין כנען! — האט א גאנץ יונגערמאן אויסגערופען. — יע, משה איז געווען גערעכט, ווען ער האט ערקלעהרט, אז די, וועלכע האבען געשריען, אז זיי ווילען זיך אומקעהרען נאך מצרים וועלען קיין כנען נישט קענען אריינקומען!

— ווער איז עס אט דער, וועלכער וואגט אזוי צו ריידען צו אונז! — האט אבירם א געשריי געטאן. — ער וועט זיין שטראף באקומען!

—איך בין אויך פון שבט ראובן, אבער איך לאז זיך נישט פארפיהרען פון אייך — האט דער יונגערמאן אויסגערופען. — ווי אזוי קענט איהר גאר ריידען אזוי פון משה'ן, ווי אזוי קענט איהר אלע זיין אונדאנקבאר צו דעם, וועלכער האט אייך באפרייט פון שקלאפעריי?! ווייסט איהר וואס איהר וואלט נאך איצט געטאן, ווען נישט משה? איהר וואלט נאך עד היום געקנאטען ליים און געמאכט ציגעל. אייערע קינדער וואלט מען נאך איצט געווארפען אין טייך נילום אדער זיי פארמויערט אין וואנט... מיר דארפען אלע דאנקבאר זיין צו משה'ן, וואס ער האט פון אונז א פרייעם פאלק געמאכט. ער האט, ווי א געטרייער פאסטוך, אונז אפגעהיט אז קיין שלעכטס זאל אונז נישט באפאלען. ווען מיר זיינען הונגעריג געווען, האט ער אונז זאט געמאכט. ער האט אונזער דורשט געשטילט און מיר זיינען געקומען און איהם אפגעדאנקט מיט א גאלדען קאלב, מיט מרגלים, וועלכע האבען געהאט בייזע כוונות, און איצט ווילט איהר די איבעריגע אידען אראפפיהרען פון וועג! ניין! איהר וועט אלע בלייבען צום נארען אויב איהר וועט זיך לאזען פארפיהרען פון קרח'ן און זיין קליקע!

— כאפט איהם! — האט קרח א באפעהל געגעבען. — ער וועט דערפאר מוזען מיט זיין לעבען באצאהלען.

דער יונגערמאן האט זיך שנעל ארויסגעדרעהט פון צווישען דעם צארנדיגען המון און איז באלד פארשוואונדען געווארען.

— וואו איז ער? — האט דתן זיך א לאז געטאן איהם כאפען.

— ער איז אנטלאפען געווארען! — האט מען איהם געענטפערט.

— ווייס אימיצער פון אייך ווער ער איז? — האט קרח געפרעגט.

— ער האט געזאגט, אז ער איז פון שבט ראובן, אבער קיינער פון אונז קען איהם נישט.

—ער איז געווים א שפיאן אונטערגעשיקט פון משה'ן — האט קרח אויסגערופען, — אבער איך בין זיכער, אז זיינע רייד וועלען פאלען אויף טויבע אויערען. מיר וועלען זיך נישט אפשרעקען און מיר וועלען זעהן מאכען א סוף צו דער הערשאפט פון עמרמ'ס זיהן!

— מיר וועלען מיט דיר זיין!

— מיר וועלען טאן אלעס וואס דו וועסט אונז באפעהלען, — האבען זיך געהערט שטימען פון די פארזאמעלטע.

— מארגען וועלען מיר אלע צוקומען צו משה'ן און צו אהרנ'ען און זיי איבערגעבען אונזער פארשלאג, — האט קרח געזאגט. — די רייד פון זייערע אנהענגער וועלען נישט אפשוואכען אונזער ווילענסקראפט... ווער פון אייך איז בראוו גענוג מיטצוגעהן מיט מיר און מיינע חברים און זאגען משה'ן גאנץ אפען וואס מיר דענקען פון איהם.

צוויי הונדערט און פופציג פון די פארזאמעלטע האבען אויפגעהויבען זייערע רעכטע הענט.

— מיט די צוויי הונדערט און פופציג, וועלכע זיינען מיר געטריי, וועל איך מארגען אנפאנגען דעם אויפשטאנד. אויף אייך קוקענדיג וועלען אנדערע נאכטאן אייער ביישפיל און עס וועט לאנג נישט געדויערען און משה און אהרן וועלען ארונטער פון זייער גדולה. איצט געהט יעדער צו זיין געצעלט און מארגען וועלען מיר זיך ווידער פארזאמלען און מארשירען צו משה'ן, — האט קרח זיך אפגערופען.

— איהר מעגט אלע רוהיג זיין אז ווען איך וועל פארנעהמען משה'ס פלאץ, וועט איהר נישט נאר באלוינט ווערען

מיט דעם וואס איהר וועט טאן די עבודה אין משכן, נאר איך וועל אייך אלעמען געבען א חלק פון מיין רייכטום.

— און איהר דארפט אויך נישט פארגעסען, אז אלס כהנים און לויים וועט אייך קומען מעשר, תרומה און אנדערע מתנות, — האט דתן אויסגערופען. — נישט אומזיסט האט משה געזעהן, אז זיינע קרובים זאלען פון דעם אלעס געניסען.

אלע זיינען זיך צוגאנגען אהיים.

ווען און, דער זוהן פון פלת, איז געקומען צו זיין געצעלט, האט איהם זיין פרוי געפרעגט:

— וואו ביזטו עס געוועזן?

— איך האב פארבראכט מיט קרח'ן און זיינע פריינד! — האט און איהר געענטפערט. — מארגען אין דער פריה, מיין ווייב, וועט זיך טאן זעהר פיל. קרח האט פאראורזאכט אן אויפשטאנד און מיר וועלען מארגען געהן ארונטערזעצען משה'ן פון זיין גדולה.

— וואס מיינסטו "מיר"? — האט זיין פרוי זיך אפגערופען. — ווערסטו זיך אויך באטייליגען אין קרח'ס מחלוקה?

— וואס בין איך אנדערש פון די אנדערע — האט און געזאגט. — אויב אליצור'ן, וועלכער איז דער נשיא פון אונזער שבט, פאסט זיך אנצושליסען אין קרח'ס פארשווערונג, פארוואס זאל זיך מיר נישט לוינען דאס צו טאן?

— איך האב דיר געהאלטען פאר א סך א קליגערען ווי דו ביזט! — האט זיין פרוי זיך אפגערופען. — קרח זוכט צו ווערען דער פיהרער ביי אידען, אליצור וויל ווערען דער כהן גדול, אדער ער וועט קריגען אן אנדער הויכען אמט, אבער דו?! וואס וועסטו דערפון האבען? אז משה איז דער פיהרער ביזטו א גארנישט, און ווען קרח וועט זיין דער פיהרער וועסטו זיין א גארנישט! פאלג מיר, מיין מאן, און מיש זיך נישט אין קרח'ס קריג!

— אח, ניין! איך קען זיך איצט נישט צוריקציהען! — האט און אויסגערופען. — איך האב פארשפראכען קרח'ן און די ברידער דתן און אבירם זיך צו באטייליגען אין דעם אויפשטאנד און איך וועל מיין פארשפרעכען האלטען!

— ביזטו פון זינען ארונטער, און? —האט זיין פרוי אויסגערופען—ווייסטו דען נישט, וואס פאר א מפלה די מרגלים האבען געהאט? דו ווערסט זיך אנפאנגען מיט משה'ן?

— איך בין פון שבט ראובן. אונזער שבט האט באדארפט זיין דאס וואס דער שבט לוי איז! און איצט, ווייל משה שטאמט פון דעם שבט לוי, האט ער זיין שבט געמאכט הייליג און אונזער שבט וועט נאך דארפען ברענגען מתנות צו דעם שבט לוי! איז עס דען נישט קיין עולה?

— איך בין א פשוט'ע אשה, און פונדעסטוועגען ווייס איך מעהר פאר דיר און קרח'ן. טאקע דער שבט ראובן האט געזאלט שפילען די זעלבע ראלע, וואס דער שבט לוי שפילט איצט, צוליב דעם, וואס ראובן איז געוועזן דער בכור און זינט גאט האט געטויטעט די בכורים אין מצרים, האט ער געהייסען אלע בכורים האלטען הייליג. אבער דו האסט פארגעסען, אז דער איינציגער שבט, וועלכער האט זיך נישט באטייליגט אין דער עבודה זרה פון דעם גאלדענעם קאלב, איז געוועזן דער שבט לוי, און דעריבער האט משה דיזען שבט געמאכט פאר הייליג!

— דאס איז בלויז אן אויסרייד. קרח זאגט, אז משה האט געמאכט אהרן פאר דעם כהן גדול נישט ווייל אהרן האט עס פארדינט, נאר ווייל ער איז זיין ברודער, — האט און אויסגערופען.

— הער זיך נישט צו צו קרח'ן און צו זיינע רייד! ווער נאך פון אלע אידען פאסט זיך צו זיין דער כהן גדול אויב נישט אהרן... וואס ווייסטו וואס פאר א גרויסער און געטליכער מענש אהרן איז... אלע ווייסען, אז אהרן האט אויך א גרויסען חלק אין אונזער

באפרייאונג פון מצרים. איז דען אהרן נישט געגאנגען צוזאמען מיט משה'ן צו פרעה'ן. יע, ביידע האָבען זייערע לעבענס איינגעשטעלט פאר זייער פאָלק. קענסטו דען פארגלייכען קרח'ן אָדער אליצור'ן צו אהרן? זעהסטו דען נישט, אז משה האָט אהרנ'ען באשטימט צו זיין כהן גדול און זיינע קינדער כהנים, ווייל אזוי איז געווען דער ווילען פון גאָט. א סימן האָסטו, אז ווען אהרנ'ס צוויי עלטערע זיהן, נדב און אביהו, האָבען פארזינדיגט און זיינען מעהר נישט פאסיג געווען פאר דער כהונה, האָט גאָט פון הימעל ארונטערגעשיקט א פייער און זיי פארברענט. איצט, זוכסטו אויך צו שפּילען זיך מיט פייער און פארברענט ווערען.

—אָבער קרח האָט מיר געזאָגט, אז... איך מיין קרח ווייס וואָס ער טוט, — האָט זיך און פארכאפּט.

— קרח ווייס נישט, וואָס ער רעדט. ער איז ביי זיך גענאַרט, ער מיינט, אז מיט זיין רייכטום קען ער אלעס אָפּקויפען... דו מיינסט, אז מען רעדט ניט וועגען דעם, אז קרח זאָל האָבען אונטערגעקויפט די מרגלים, און וואָס פאר א סוף האָבען זיי געהאט... איך האָב דיר שוין לאנג געבעטען, מיין מאַן, דו זאָלסט זיך מיט קרח'ן נישט חבר'ן און אויך נישט מיט דתן און אבירם, דאָס פאָלק פארהאסט זיי!

— דו מאכסט א טעות, מיין ווייב, — האָט און זיך אָפּגערופען. — דאָס גאנצע פאָלק וועט איינגיכען געפיהרט ווערען ביי קרח'ן און זיינע גוטע פריינד און דעריבער האָט איך באשלאָסען צו בלייבען איהם געטריי.

— און, איך זאָג דיר, אז דו וועסט צו איהם נישט צושטעהן, — האָט זי אויסגערופען. — קרח און זיין קליקע זיינען אומווירדיגע מענשען און דו וועסט מיט זיי גאָרנישט האָבען צו טאָן.

— ווען קרח האָט מיר געגעבען פאר דיר א שטיקעל צירונג פארוואָס האָסטו עס גענומען? דאַן האָסטו אנדערש געטראכט פון קרח'ן און זיין **קליקע**.

— דאַן האָב איך אזוי פיל נישט געוואוסט פון זיינע פאלשקייטען, און איצט וועל איך דיר טאקע צוריקגעבען די מתנה, וואָס ער האָט דורך דיר פאר מיר געשיקט. דו וועסט עס איהם אָפּברייגנען מאָרגען.

— ניין, דאָס וועל איך נישט טאָן!

— האָט און אויסגערופען. — איך האָב דיר דאך געזאָגט, אז איך וועל בלייבען קרח'ן געטריי און דיינע רייד זיינען ארויסגעוואָרפען. מאָרגען גאנץ פריה וועלען מיר געהן צו משה'ן און צו אהרנ'ען און פארלאנגען ער זאָל מיט גוטען אָפּטרעטען די הערשאפט צו קרח'ן און אהרן זאָל מעהר נישט זיין דער כהן גדול.

— טו ווי דו פארשטעהסט, — האָט זי צו איהם געזאָגט. — איך בין זיכער, אז דו וועסט חרטה האָבען.

און'ס ווייב האָט געזעהן, אז איהר מאַן איז זעהר פאר'עקשנ'ט און קיין רייד וועט איהם איצט נישט העלפען, האָט זי איהם דערווייל צורוה געלאָזען. אין הארצען ביי זיך האָט זי געטראכט: "דו מעגסט זיך באשליסען צו געהן מיט קרח'ן, אָבער איך וועל שוין זעהן, אז דו זאָלסט בלייבען אין דער היים.

א ווײלע שפּעטער האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען:

— מיר אַרט נישט, אז דו וועסט מאָרגען געהן, מעגליך, אז דו ביזט גערעכט, אָבער איצט וויל איך דו זאָלסט וויסען דעם אמת פארוואָס איך בין דאָגעגען דו זאָלסט זיך חבר'ן מיט קרח'ן.

— טאקע פארוואָס? — האָט איהר און געפרעגט.

— ווייל זינט דו האָסט זיך אנגעפאנגען חבר'ן מיט קרח'ן האָסטו מיר גענומען פארנאכלעסיגען... דו קומסט גאנץ שפּעט ביינאכט, מיט מיר רעדסטו גאנץ ווייניג... דיין גאנצע צייט פארשווענדסטו מיט קרח'ן, מיט דתן און אבירם און מיט נאָך פריינד און איך עקזיסטיר שוין גאָרנישט פאר דיר. פארוואָס זאָלען מיר צוזאמען נישט פאר־

בריינגען אן אווענד? איך האב אויך גוטען ווייז, מיר קענען ביידע טרינקען און האבען פארגעניגען. ווען דו וואלסט פארבלייבען מיט מיר אין דער היים אמווענינגסטען איין אווענד א וואך, וואלט מיר שוין נישט געארט, וואס דו טוסט דארט מיט קרח'ן און די אנדערע... ווער ווייס, אפשר האסטו זיך גאר פארליבט אין קרח'ס ווייב?

— מיט דער אלטער פארזעהעניש?

— האט און געלאכט. — די איינציגע זאך, וואס שיינט און גלאנצט אין איהר, איז איהרע צירונג.

— טו וואס דען ציהט דיר אהין יעדען אווענד? — האט זי זיך געמאכט ווי זי איז אייפערזיכטיג... — אויב עס איז איהר וויין און צובייסען, קענסטו ביי מיר קריגען אזוי גוט ווי ביי איהר. ווייסטו וואס, און, איצט, אז דו ביזט געקומען אהיים פריהער פון אלעמאל טו לאמיר טאקע מאכען א שטיקעל יום־טוב. איך וועל דיר אויסבאקען זעמעל און מיר וועלען ביידע עסען און טרינקען און פארברייננגען ביז שפעט אין דער נאכט.

— אבער דו ווייסט דאך, מיין פרוי, אז איך מוז מארגען אויפשטעהן גאנץ פריה. קרח האט באשלאסען, אז מארגען גאנץ פריה וועלען מיר אלע צומארשען צו משה'ן און איהם צווינגען ער זאל איהם איבערגעבען די פיהרערשאפט.

— נישקשה, דו וועסט אויפשטעהן פריה, און אויב דו וועסט פארשלאפען וועל איך דיר שוין אויפוועקען. דו ווייסט דאך, אז איך שטעה אויף יעדען טאג גאנץ פריה. קום לאמיר האבען פארגעניגען דיזען אווענד און פארברייננגען מיט דיר צוזאמען. ווען דו וועסט פארזוכען מיינע זעמעל וועסטו צוגעבען, אז זיי זיינען געשמאקער אפילו פון די זעמעל פון קרח'ס ווייב.

— גוט! טו ווי דו האסט געזאגט. — האט און זיך אפגערופען א פרעהליכער. — לאמיר טאקע פייערען א יום־טוב, עס איז גאנץ מעגליך, אז מארגען וועל איך נאך דערהויבען ווערען.

און'ס פרוי האט זיך גענומען צו באקען זעמעל. איהר מאן האט איהר ארויסגעהאלפען און ווען די זעמעל זיינען פארטיג געווארען, האט זי אריינגעבראכט א קרוג מיט שטארקען וויין. זי האט אנגעפילט צוויי בעכער. און האט געטרונקען און פארביסען מיט זעמעל. ער האט שטארק גענומען לויבען איהר באקען און דערווייל האט זי נאך אמאל אנגעפילט זיין בעכער און ער האט אויסגעטרונקען.

— פארוואס טרינקסטו נישט, מיין ווייב? — האט און זיך אפגערופען שוין עטוואס שכור'ליך.

— אט וועל איך באלד טרינקען, — האט זי זיך אפגערופען מיט א שמייכעל און איהם דערלאנגט נאך א פולען בעכער וויין.

ביז שפעט אין דער נאכט זיינען זיי ביידע געזעסען און זי האט געזעהן, אז איהר מאן זאל טרינקען וואס מעהר... און האט אזוי פיל געטרונקען, אז ער האט אפילו נישט באמערקט, דאס זיין ווייב האט נאך נישט געענדיגט טרינקען איהר ערשטען בעכער. ער איז געווען גוט שכור און זיין פרוי האט איהם געהאלפען זיך לייגען שלאפען...

אויף מארגען גאנץ פריה, ווען און'ס ווייב איז אויפגעשטאנען, האט זי באמערקט ווי איהר מאן שלאפט גאנץ געשמאק.

— איצט דארף זי זעהן, אז אימיצער פון קרח'ס קליקע זאל אקארשט נישט אריינקומען אין געצעלט און איהם אויפוועקען.

וואס האט זי געטאן? זי האט פאנאנדערגעלאזען איהרע האר און זיך געזעצט ביים אריינגאנג פון איהר געצעלט. זי האט געוואוסט, אז ווען אימיצער וועט קומען רופען איהר מאן און וועט איהר דערזעהן זיצענדיג ביים אריינגאנג מיט צעלאזענע האר, וועט ער שוין אין געצעלט נישט אריינגעהן.

קרח, דתן, אבירם און אליצור זיינען

שוין געווען געגרייט צו מאַרשירען צו־זאַמען מיט די צוויי הונדערט און פופ־ציג מענשען צו משה'ן.

— וואו איז און, דער זוהן פון פלת ?

— האָט קרח געפרעגט.

— ער מוז נאָך שלאָפען ! — האָט דתן געענטפערט.

— אויב אַזוי, זאָל אימיצער פון אייך געהן איהם אויפוועקען, מיר וועלען לאַנג נישט קענען וואַרטען ! — האָט אליצור געזאָגט.

— ווער וויל געהן אויפוועקען דעם זוהן פון פלת ? — האָט קרח געפרעגט.

— איך וועל געהן ! — האָט אבירם זיך אָפּגערופען.

— געה שנעל און זאָג איהם ער זאָל זיך צואיילען, ווייל אַלע וואַרטען אויף איהם ! — האָט קרח איהם אָנגעזאָגט.

אבירם האָט זיך אוועקגעאיילט צו און'ס געצעלט. ער איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט און האָט באַמערקט ווי און'ס פרוי זיצט לעבען אריינגאַנג פון געצעלט מיט צעלאָזענע האָר.

אבירם האָט נישט געוואָגט צוצוגעהן נאָהענט, ווען זי איז געזעסען אין אַזא לאַגע... ער האָט זיך א היבשע ווײַלע אַרומגעדרעהט אַרום דעם געצעלט מיט דער האָפנונג, אַז און'ס ווייב וועט באַלד איהר פּלאַץ פאַרלאָזען, אָבער זיין וואַר־טען איז געווען אומזיסט. די פרוי האָט זיך פון איהר פּלאַץ נישט גערירט, ווי צוגעשמידט איז זי געזעסען.

אבירם האָט זיך צוריקגעקעהרט און איבערגעגעבען קרח'ן, אַז ער האָט ניט געקענט צוקומען צום געצעלט, ווייל און'ס פרוי איז דאָרטען געזעסען מיט צעלאָזענע האָר.

— האָסטו דען צו איהר נישט גע־קענט ריידען פון דערווייטען און פאַר־לאַנגען פון איהר זי זאָל אויפוועקען איהר מאַן ? — האָט דתן איהם פאַר־געוואָרפען. — אַט וועל איך געהן און גלייך ברינגען איהם אַהער !

דתן איז אוועק. ער איז צוגעקומען צום געצעלט און דערזעהן און'ס פרוי זיצט [illegible] מיט צעלאָזענע האָר. דתן האָט א הוסט געטאָן. ער האָט געוואָלט דערמיט צוציהען איהר אויפמערקזאַמ־קייט, אָבער זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ווען ער האָט געזעהן, אַז דאָס העלפט נישט, האָט ער, קוקענדיג אין א צווייטער ריכטונג, אויסגערופען:

— דו, פרוי פון און ! פּילייכט וועס־טו מיר טאָן די געפעלינקייט און אויפ־וועקען דיין מאַן, ווייל קרח וואַרט אויף איהם.

און'ס פרוי האָט זיך נישט געמאַכט הערענדיג און זיך פון אָרט נישט גע־ריהרט.

דתן האָט נאָך אַמאָל אויסגערופען, און ווען ער האָט געזעהן, אַז זי ענט־פערט איהם נישט, האָט ער זיך אומגע־קעהרט צו קרח'ן:

— איך האָב זיין פרוי געבעטען זי זאָל איהם אויפוועקען און זי האָט מיר נישט געענטפערט, — האָט ער געזאָגט.

— אויב אַזוי וועלען מיר געהן אַהן איהם ! — האָט קרח אויסגערופען.

קרח און די איבעריגע זיינען אוועק צו די געצעלטען פון משה'ן און אהרן.

גלייך האָט מען אָנגעזאָגט משה'ן, אַז קרח איז אָנגעקומען מיט א גרויסען המון פון דעם שבט ראובן.

משה איז גלייך אַרויס פון זיין גע־צעלט און קרח מיט דתן, אבירם און אליצור זיינען צו איהם צוגעקומען.

— גענוג שוין פאַר אייך, משה און אהרן, גענוג שוין צו הערשען איבער אונז. די גאַנצע אידישע געמיינדע איז הייליג און פאַרוואָס זאָלט איהר זיך האַלטען העכער פון אַלעמען ?

— און פאַרוואָס האָסטו אויסדער־וועהלט דעם שבט לוי אַלס יעניגער, וועלכער זאָל טאָן די הייליגע אַרבייט ? — האָט אליצור דער זוהן פון שדיאור אויסגערופען, — מיין שבט ראובן איז מעהר בארעכטיגט צו דעם !

— **ווער איז דאָס אהרן, אַז ער זאָל זיין דער כהן גדול ? — האָט דתן גע־נומען שרייען גאַנץ הויך.**

— **די זיהן פון עמרם האָבען** שוין גענוג געהערשט, איצט זאָל די **הערשאַפט**

איבערגעהן צו קרח'ן! — האָט אבירם אויסגערופען.

— מיר ווילען קרח'ן פאר אונזער פיהרער! — האָבען א דונער געטאָן די שטימען פון די צוויי הונדערט און פופציג מענשען, וועלכע זיינען געווען מיט קרח'ן.

— און אליצור'ן ווילען מיר פאר כהן גדול! — האָט זיך דערהערט שטימען.

ווען משה האָט דערהערט די רייד און געזעהן דעם גאנצען המון, וואָס האָט זיך פארזאמעלט, איז זיין פנים בלייך געוואָרען.

—אָה, משה, — איז צפורה צו איהם צוגעלאָפען, — זיי ביי זיך נישט געפאַלען, קרח'ס רייד וועלען האָבען זעהר א שוואכען איינדרוק אויפ'ן פאָלק. אלע וויסען דאָך, אז די קנאה רעדט אין איהם.

— איך האָב מורא, אז גאָט'ס צאָרן זאָל זיך נישט אויסגיסען אויפ'ן גאנצען פאָלק. עס איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי די אידען זינדיגען געגען גאָט און ער איז זיי מוחל, אָבער ביז ווי לאנג וועט עס אזוי אָנהאלטען, וועל איך דען אימערצו קענען פועל'ן ביי גאָט זיי מוחל צו זיין?

— אָבער נישט דאָס גאנצע פאָלק איז דאָך געגען דיר, — האָט צפורה זיך אָפּגערופען.

— דו ווייסט דאָך ווי גרינג עס איז צו פארדרעהען די קעפּ פון אלעמען. האָסטו דען נישט געזעהן ביי די מרגלים ווי אלע האָבען זיך היגגעריסען מיט זיי און זיי האָבען אָנגענומען זייער שלעכטען באריכט. עס נעהמט ניט לאנג זיי אראָפּצופיהרען פון גלייכען וועג. און וועגען דעם בין איך שטארק באזאָרגט.

משה איז צוגעגאנגען עטוואָס נעהענטער צו קרח'ן און זיך אָפּגערופען:

— וואָס איז דיין פארלאנג, קרח?

— דו און דיין משפּחה האָבען זיך צוגענומען דעם גאנצען כבוד: דו ביזט דער הערשער, אהרן איז דער כהן גדול, זיינע זיהן זיינען כהנים. עס איז שוין צייט, אז דו זאָלסט אָפּטרעטען דעם פלאַץ פאר א צווייטען. דאָס פאָלק וויל איך זאָל זיין זייער פיהרער. און די לויים, וועלכע טהוען די עבודה אין משכן, קענען אָפּטרעטען זייערע פּלעצער צו די פון שבט ראובן, וועלכע האָבען זיך פארזאמעלט מיט מיר. די זיהן פון עמרם האָבען שוין געהאט גענוג!

— מאָרגען אין דער פריה וועט גאָט לאָזען וויסען וועמען ער וויל האָבען אין משכן און וועלכער איז הייליג פאר איהם! — האָט משה איהם געענטפערט. — טהוט אזוי: נעהמט אלע רויד־פאהנען און טהוט דאָרט אריין פייער און די קטורת און וועמען גאָט וועט אויסקלייבען, יענער וועט זיין הייליג און טהאָן די עבודה.

— אָבער איך וויל פארנעהמען דיין פלאַץ! — האָט קרח זיך אָפּגערופען. — איך האָב זיך געלאָזט גענוג קאָסטען פאר'ן משכן און פאר אנדערע זאכען... איך בין דער רייכסטער מאן צווישען אלע אידען און איך קען באהויפּטען צו ווערען דער פיהרער פון ישראל!

— הערט זיך איין, איהר קינדער פון לוי! — האָט משה זיך געווענדט צו קרח'ן און צו נאָך איניגע, וועלכע זיינען געווען מיט איהם. — איז עס ווינציג פאר אייך, וואָס גאָט האָט אייך אָפּגעזונדערט פון אנדערע און אייך אויסגעקליבען צו טהאָן די ארבייט פון הייליגען משכן און צו זיין די שלוחים פון אלע שבטים? און יעצט זוכט איהר נאָך אויך כהונה און הערשאפט? דעריבער מעגסטו וויסען, אז דו און דיין קליקע, וואָס האָט זיך פארזאמעלט, איז דאָס געגען גאָט און נישט געגען מיר און אהרן. און דאָס וועסטו זיך איבערציינען מאָרגען, ווען איהר אלע וועט זיך צוזאמענקומען מיט אייערע רויד־פאהנען צו דעמפּפען קטורת פאר גאָט.

משה האָט געשיקט רופען אליצר'ן און דתן און אבירם, אָבער זיי האָבען נישט געוואָלט צוקומען.

— איז עס נאָך ווינציג פאר דיר, —

האָבען זיי משה'ס שליח געענטפערט.

— דאָס דו האָסט אונז ארויסגענומען פון א לאנד, וואָס פליסט ווירקליך מיט מילך און האָניג, צו טויטען אונז אין דיזען מדבר און דו ווילסט נאָך הערשען איבער אונז? ניין! דאָס וועלען מיר נישט דערלאָזען! דו האָסט אונז ארויסגענומען פון א גוט לאנד און צו דעם לאנד, וואָס האָט געזאָלט פליסען מילך און האָניג האָסטו אונז נישט געבראכט, קיינע פעלדער און וויינגערטנער האָסטו אונז נישט געגעבען! וואָס ווילסטו, אויסשטעכען אונזערע אויגען, מיר זאָלען נישט זעהן אלע שלעכטסקייטען, וואָס דו האָסט צו אונז געטהאָן?! ניין, מיר וועלען נישט געהן!

ווען משה האָט דערהערט די חוצפה'דיגע רייד פון דתן און אבירם, האָט זיין צאָרן אין איהם געברענט.

— אָה, גאָט! נעהם ניט אָן זייערע קרבנות, וואָס זיי וועלען פאר דיר מקריב זיין, זאָל זייער קטורת דיר נישט זיין לרצון! וואָס האָב איך געהאט פאר מיין טרחה? אפילו קיין איינציגען אייזעל האָב איך פון אימיצען פון זיי נישט גענומען! איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהאָן. האָב איך דען פארדינט, אז זיי זאָלען מיך אזוי באהאנדלען?

— זיי געגרייט מאָרגען, דו מיט דיינע מענשען. און זאָל יעדער פון אייך האָבען צוגעגרייט זיין רויך־פאהן מיט קטורת און אהרן וועט אויך אזוי טהאָן. און דאַן וועלען מיר זעהן וועמען גאָט האָט אויסדערוועהלט.

— דו מיינסט, אז דו וועסט צו מיר טהאָן אזוי ווי דו האָסט געטהאָן צו די מרגלים? — האָט קרח אויסגערופען.

— מיר וועלען שוין זעהן, אז קיין שלעכטס זאָל צו אונז קיינעם נישט פאסירען.

— דו אומווירדיגער קרח! — האָט יהושע זיך שוין מעהר נישט געקענט באהערשען. — ווי אזוי וואגסטו אזוי צו רעדען צו דעם הייליגען מאן, משה'ן? ווילסטו דען איינרעדען אונז, אז די מרגלים זיינען נישט געשטאָרבען דורך דער מגפה, וואָס גאָט האָט אויף זיי אָנגעשיקט? ווייסטו דען נישט, אז איך און כלב זיינען אויך געשטאַנען נעבען די צעהן מרגלים און אונז ביידען האָט נישט געשאדט? דו ווילסט נישט זעהן און וויסען, אז אונזער פאָטער אין הימעל טהוט גוטעס צו די, וועלכע פארדינען, און די רשעים באקומען זייער מפלה, פריהער אָדער שפעטער!

— דאָס וועלען מיר שוין מאָרגען זעהן! — האָט קרח געזאָגט. — ווער עס וועט פארברענט ווערען, איך צו אהרן! גאָט האָט ארונטערגעשיקט א פייער פון הימעל און ער האָט פארברענט אהרנ'ס צוויי זיהן, און מאָרגען וועט די זעלבע זאַך געשעהן מיט אהרן, ווען ער וועט קומען מקטיר זיין די קטורת... דאַן וועלען אלע וויסען, אז אהרן איז געוואָרען כהן גדול געגען דעם ווילען פון גאָט.

יהושע האָט איהם מעהר נישט געענטפערט. ער האָט זיך אָפּגעקעהרט פון איהם.

אליצפן, דער זוהן פון עזיאל, וועלכער איז געשטאַנען דערביי און זיך צוגעהערט צו קרח'ס רייד, האָט זיך אָפּגערופען צו יהושע'ן:

— דורך זיין אונגעהויער גרויסען רייכטום איז קרח אזוי שטארק פארדאָרבען, אז איך בין איהם חושד אין פיעלע זאַכען. יע, מען קען אלעס אויף איהם גלויבען. איך וואָלט דעריבער געראטהען אז די לויים זאָלען די גאנצע נאַכט זיין אויף דער וואַך אין משכן. איבערהויפּט זאָל די שמירה זיין א כפול'דיגע נעבען מזבח פון קטורת.

— איך וועל וועגען דעם רעדען מיט אהרנ'ען, — האָט יהושע זיך אָפּגערופען.

— איך גלויב, אז עס איז נישט נויטיג צו רעדען וועגען דעם מיט אהרנ'ען. דאָס וועט אין איהם אויפוועקען די וואונדען, וואָס זיינען נאָך גאַנץ פריש אין זיין זכרון. איך וועל זיך זעהן מיט די לויים און מיר וועלען באשטימען די

שומרים און איך אליין וועל אויך זיין אויף דער שמירה!

— אויב דו וועסט דארטען אויך זיין, דאן וועט מען דערצו נישט דארפען אהרנ׳ם הסכמה, — האט יהושע געזאגט.

ווען עס האט אנגעהויבען צו ווערען טונקעל, האט אליצפן צוזאמענגערופען עטליכע פון די לויים און ער האט זיי געהייסען קומען גלייך אין משכן.

— מיר מוזען זיין אויף דער שמירה די גאנצע נאכט—האט ער זיי געזאגט. — איבערהויפט דארפען מיר היטען דעם מזבח פון קטורת, און אויב איהר וועט בעמערקען אימיצען דערנעהענטערענדיג זיך צום משכן אדער צום מזבח, זאלט איהר מיר גלייך לאזען וויסען. עס מאכט נישט אוים אויב יענער וועט זיין א לוי. ווייל בלויז איהר אליין ווייסט דערפון און קיינער אויסער אייך האט נישט קיין אורזאכע אהער צו קומען ביינאכט.

די לויים האבען פערשפראכען צו טהאן אלעס, וואס אליצפן האט זיי פארזאגט. יעדער איז אוועק אין א באזונדער ווינקעל אכטונג צו געבען אויף דעם משכן און מזבח.

פלוצלונג האט צו זייערע אויערען דערגרייכט טריט פון דער ווייטען.

— מען קומט אן! — האט אימיצער א זאג געטהאן. און באלד האט זיך יעדער צוריקגעקעהרט צו זיין באהעלטעניש. די טריט זיינען וואס ווייטער דייטליכער געווארען. אין א קליינער ווײלע האט מען באמערקט דריי מענשליכע שאטענס.

אליצפן און דער צווייטער האבען זיך שנעל א הויב געטהאן פון זייערע פלעצער.

— וואס טהוסטו דא יעצט, אזוי שפעט ביינאכט, קרח?—האט אליצפן זיך אפגערופען.

קרח, דתן און אבירם זיינען אזוי איבערראשט געווארען פון דיזער פלוצלונגער לאגע, אז זיי זיינען געבליבען א ווײלע שטעהן אהן לשון.

אליצפן האט ווידערהאלט זיין פראגע מיט א שטרענגער שטימע.

—המ... מיר זיינען אהער געקומען... ער... המ.... מתפלל זיין צו גאט! — האט קרח ארויסגעשטאמעלט.

— יע, מיר ווילען בעטען גאט, אז ער זאל מארגען באוויליגען אונזער אפפערונג און ווייזען, אז דער שבט ראובן איז מעהר בארעכטיגט צו דער כהונה ווי אהרן.

— און וואס טראגסטו אין דיין האנט? — האט איהם אליצפן א פרעג געטהאן.

— דאס איז נישט דיין עסק! — האט קרח איהם געענטפערט.

— אויב דו וועסט מיר נישט צייגען מיט גוטען, וועסטו עס טהאן געצוואונגענערהייט! — האט אליצפן אויסגערופען.

— דאס וועלען מיר זעהן! — האט קרח איהם געענטפערט און גענומען זיך אומקעהרען צוריק.

— דו וועסט דעם פלאץ נישט פארלאזען ביז וואנען דו וועסט מיר נישט ציינגען, וואס דו האסט אין דער האנט! — האט אליצפן איהם אנגענומען פאר דער האנט.

— אויב דו וועסט איהם ניט אפלאזען וועסטו ערגער מאכען — האט דתן א הויב געטהאן זיין האנט.

פלוצלונג אבער זיינען ארוים פון זייערע באהעלטענים די איבעריגע לויים און קרח מיט זיינע בעגלייטער האבען זיך שטארק דערשראקען. ער האט אווארף געטאן די כלי, וואס ער האט געהאלטען אין האנט און האט מיט דתן און אבירם׳ן גענומען שטעלען פיס.

אליצפן האט אנגעצונדען די מנורה און פאר דער שיין פון דער מנורה האט ער בעטראכט די כלי, וואס קרח האט א שליידער געטאן.

ער האט זי אויפגעעפענט און נאכהער אויסגערופען:

— דארט געפינט זיך אייל. קרח האט דאמיט געוואלט באגיסען דעם מזבח און פאראורזאכען אן אומגליק! גע־

לויבט איז גאָט, וואס ער האט מיר א געדאנק ארייננגעגעבען צו היטען דעם מזבח.

— און ער האט געזאָגט, אז ער קומט מתפלל זיין! —האט א לוי אויסגערופען — ער ערוואַרט, אז גאָט זאל זיין תפלה צוהערען.

— דערווייל דארף עס בלייבען א סוד! האט אליצפן אנגעזאגט די איבעריגע לויים — מאָרגען אין דער פריה, ווען קרח מיט זיין קליקע וועלען זיך ווידער אמאָל קריגען מיט משה'ן וועל איך, ווען די געלעגענהייט וועט קומען, פאר אלע אידען ערקלעהרען, וואס קרח האט געהאט אין זינען צו טאָן, און דאן וועט דאס פאָלק וויסען ווער קרח איז און זיין השפעה וועט אפגעשוואכט ווערען.

אין דער צייט ווען קרח און די איבעריגע זיינען צום ערשטען מאָל געקומען צו משה'ן אין דער פריה זיך קריגען, האט און, דער זוהן פון פלת, זיך גאנץ געשמאק געשלאָפען. אויף זייער וועג צוריק האט דתן און אבירם געמאכט א צווייטען פארזוך צוצוקומען צו זיין געצעלט, איז דארטען נאָך אלץ זיין פרוי געזעסען ביים ארייננגאנג פון געצעלט מיט צולאָזענע האָר.

ווען און האט זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען נאָך האַלבען טאָג.

— פארוואס האָסטו מיר ניט אויפגעוועקט? — האט ער זיך אפגערופען צו זיין פרוי עטוואס בייז.

— דו דארפסט זיך ניט זארגען, מיין מאן. דאָ זיינען געווען דתן און אבירם און ווען איך האב זיי געזאגט, אז איך וועל דיר גיהן אויפוועקען, האבען זיי מיר געזאָגט, אז עס איז נישט נויטיג, ווייל קרח האָט אפגעלייגט זיין גיהן צו משה'ן אויף צוויי טעג.

— אויב דו וועסט מיט מיר היינטיגען אָוועגט ווידער פארברייננגען אליין, אין אונזער געצעלט, וועל איך דיר איבערראשען מיט נאָך בעסערע מאכלים! — האט זי געזאגט מיט א שמייכעל.

— איך וועל בלויז אריבערגעהן צו קרח'ן אויף א קליינע ווײלע! — האָט און געזאָגט — איך פארשפרעך דיר, אז איך וועל דאָרטען גאָרניט פארזוכען.

— ניין, איך וועל דיר ניט לאָזען געהן! איך בין זיכער, אז ווען דו וועסט אריינקומען אזוי קרח'ס געצעהלט, וועסטו דאָרט פארברייננגען ביז שפעט אין דער נאכט. איך וויל האָבען דעם פארגעניגען צו בלייבען אמווייניגסטען מיט דיר נאָך אז אָוועָנט אומגעשטערט! איך וויים, אז ווען קרח וועט ווערען דער פיהרער און ער וועט דיר געבען אן אמט, וועסטו שוין זיין ביי איהם טאָג און נאכט. דאַריבער וועל איך דיר היינט אויך ניט אפּלאָזען. דו האָסט נאָך צייט ביז מאָרגען, לאָמיר היינט ווידער פארברייננגען:

— איך וועל דיר צושווערען, אז איך קום באלד צוריק!

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דו וועסט דיין שבועה ברעכען. זייענדיג אין קרח'ס הויז וועסטו אַז אלעם פארגעסען. איך וועל באַקען און קאָכען פאר דיר געשמאקע מאכלים, און דו וועסט גאָר פארברייננגען מיט קרח'ן ... ניין, דו וועסט היינט אהין ניט געהן... אויב דו וועסט מיר ניט פאָלגען, וועל איך וויסען, אז דו האָסט מיר מעהר ניט ליעב.

זי האָט איהם אזוי פיעל איינגערעדט, אז ער האָט צוגעשטימט מיט דעם באַדינג, אז אויף מאָרגען, ווי נאָך עס וועט אָנהויבען צו טאָגען וועט ער גלייך אוועק געהן צו קרח'ן.

אין אָוועָנט האָט זי איהם ווידער אָנגעטרונקען מיט וויין ביז וואַנען ער איז געשמאק איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז קרח מיט זיינע מענשען געווען געגרייט צו געהן צו משה'ן. יעדער האָט געהאט א רויך פאן אין זיין האַנט.

— איך קען נאָך אלץ ניט פארשטעהן פארוואס און האָט זיך צוריקגעצויגען — האָט דתן זיך אפגערופען צו קרח'ן —

ער איז דאך געווען אזוי בעגייסטערט פון אונזער פלאן.

— דו ביזט געווען נעבען זיין געצעלט און האסט מורא געהאט אהין אריינצוגעהן — האט איהם קרח פארגעווארפען — דו האסט געדארפט אריין און אויסגעפינען אויב ער איז מיט אונז אדער געגען אונז!

— ווי אזוי האב איך געקענט אהין אריינגעהן, ווען זיין פרוי איז געזעסען ביים אריינגאנג פון געצעהלט מיט צולאזענע האר!

— איך בין זיכער, אז אונ'ס פרוי האט איהם אפגערעדט דערפון, זי וויל ניט, אז ער זאל זיך אנשליסען אין אונזערע רייהען — האט אבירם געזאגט.

— אויב אזוי בין איך איהם חושד, אז דאס האט ער איבערגעגעבען אליצפן וועגען אונזער פלאן צו באגיסען דעם מזבח מיט אייל — האט קרח געזאגט.

— ניין, דאס וועט ער ניט טאן! — האט דתן געענטפערט — אויסער דעם, האבען מיר דעם פלאן געמאכט ערשט נעכטען און ער איז דאך נעכטען מיט אונז ניט געווען.

— פון וואנען דען האט אליצפן זיך דערוואוסט וועגען דעם?

— דאס וועט בלייבען א געהיימניס ביז וואנען דו וועסט איבערנעהמען די ממשלה.

— און דאס וועט געשעהן נאך היינט! האט קרח געזאגט מיט א צופרידענעם שמייכעל בעטראכטענדיג זיינע צוויי הונדערט און פופציג נאכפאלגער, וועלכע זיינען געווען געגרייט מיט זייערע רויך־פאנען אנצופאנגען צו טאן די עבודה אין משכן.

— יעדענפאלס וועל איך זיך נאכאמאל אריבערכאפען צו און'ס געצעלט און אויסגעפינען די אורזאכע פארוואס ער וויל מיט אונז ניט מיטגעהן צו משה'ן — האט דתן געזאגט. איהר ווארט דא צו א קליינע ווייל.

דתן איז ווידער צוגעקומען צו אונ'ס געצעלט און צו זיין גרויס איבערראשונג האט דארט אויך דיעזען פריהמארגען געפונען אונ'ס פרוי זיצענדיג אויף דעם זעלבען פלאץ ווי דעם טאג בעפאר מיט צולאזענע האר.

ער האט געמאכט א פארזוך נאך א מאל צו רופען איהר, אבער ווען ער האט קיין ענטפער ניט געקראגען איז ער גלייך אוועק צוריק צו קרח'ן.

— עפעס איז מיר די גאנצע זאך א רעטעניש! — האט דתן א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס — אונ'ס פרוי זיצט ביים אריינגאנג פון געצעלט מיט איהרע האר צולאזען, באוועגלאז, ווי זי וואלט געווען טויט. איך האב איהר ווידער אמאל גערופען אבער איך האב פון איהר קיין ענטפער ניט באקומען.

— איך פארשטעה עס גאנץ גוט! — האט קרח אויסגערופען — און האט חרטה, און אזוי ווי ער ווייס, אז ווען אימיצער וועט קומען איהם רופען, וועט ער דאך ניט קענען אנטזאגען, האט ער אנגעזאגט זיין פרוי זי זאל שטעהן נעבען דער אריינגאנג פון זיין געצעלט און קיינעם ניט צולאזען צו איהם. אבער דו מעגסט זיכער זיין, אז איהם וועט עס נאכהער שטארק פארדריסען. דער פיינלינג וועט ביי מיר קיין אמט ניט באקומען!

— און דו האסט געדארפט פון איהם אוועקנעהמען די גאלד און ציערונג, וואס דו האסט איהם געגעבען — האט אבירם זיך אפגערופען.

— וואס דען מיינסטו, איך וועל דאס איהם שענקען? — האט קרח אויסגערופען — ווי נאר מיר זעצען ארונטער משה'ן און אהרן'ען פון זייער גדולה, און איך ווער דער פיהרער, וועל איך זיך שוין מיט איהם אפרעכענען. איך ווייס, אז א גרויסער טייל פון פאלק איז מיט מיר.

— דאס גאנצע פאלק איז מיט דיר!

— האט דתן איהם געענטפערט — ווייסטו דען ניט, אז משה האט פארלארען דעם חן אין די אויגען פון פאלק און אלע ווינשען צו האבען א נייעם פיהרער.

און ווער איז נאָך מעהר פּאַסיג צו זיין א פיהרער אויב ניט דו?!

— ווייסט, קרח! — האָט אבירם זיך צו איהם אָפּגערופען — נעכטען, גלייך נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צו אונזערע געצעלטען, האָט משה געשיקט אונז רופען — האָט אבירם זיך אָפּגערופען — יע, ער האָט פאַרלאַנגט, אז איך און דתן זאָלען צו איהם גלייך קומען, ווייל ער וויל מיט אונז ריידען וועגען עפּעס וויכטיגעס.

— און וואָס האָט איהר איהם געענטפערט — האָט קרח געפרעגט.

— מיר האָבען איהם געענטפערט, אז מיר האָבען גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט איהם און מיר וועלען ניט געהן! — האָט אבירם געזאָגט.

— מיר האָבען איהם געזאָגט, האָט דתן צוגעגעבען — אז עס איז נאָך ווינציג פאַר איהם, וואָס ער האָט אונז ארויסגענומען פון מצרים, א לאַנד, וואָס האָט טאַקע געפלאָסען מילך און האָניג, און ער האָט אונז געבראַכט אין דיזען מדבר, דאָ אויסצושטאַרבען און איצט וויל ער נאָך הערשען איבער אונז!

— איהר האָט איהם גוט ארייגעזאָגט! — האָט קרח געשמייכעלט — און איהר וועט נאָך באַלד הערען, וואָס איך וועל איהם זאָגען!

קרח מיט זיין קליקע האָבען זיך דערנעהענטערט צו דעם פּלאַץ פון משכן. אַלע האָבען זיך אויסגעשטעלט אין א רייהע, יעדער האָט געהאַלטען זייערע רויך־פאַנען אין די הענט.

פיעלע פון די אנדערע שבטים זיינען אויך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, זיי זיינען געווען גאַנץ נייגעריג צו זעהן, וואָס וועט ארויסקומען פון קרח׳ס מחלוקה מיט משה׳ן.

פון ווייטען האָט קרח באַמערקט משה׳ן שטעהענדיג מיט אהרן׳ען נעבען זיין געצעהלט. זיי זיינען געוועזען ארומגערינגעלט מיט פיעלע פון זייערע נאָהענטע און פריינד. צווישען זיי האָט ער אויך באַמערקט אליצפן, דעם זוהן פון עזיאל.

— איך פאַרשטעה, אז אליצפן האָט משה׳ן איבערגעגעבען אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט לעצטע נאַכט, אָבער איך האָב קיין מורא ניט פאַר איהם . . . פאַר׳ן פאָלק וועלען מיר אַלע מאָל קענען זאָגען, אז מיר זיינען אהין געקומען אין מיטען דער נאַכט מתפלל צו זיין צו גאָט.

— און וואָס פאַר א תירוץ וועסטו זאָגען וועגען די אייל? — האָט איהם אבירם געפרעגט.

— מיר וועלען זאָגען, אז מיר האָבען געבראַכט די אייל זי צו באַנוצען אין דער מנורה.

— אָבער אַלע ווייסען דאָך, אז דאָס איז ניט דער אייל, וואָס ווערט באַנוצט אין משכן!

— וועלען מיר זאָגען, אז מיר האָבען א טעות געמאַכט און מיטגענומען ניט די ריכטיגע אייל.

— איך האָב נאָך געהאָפט — האָט משה זיך אָפּגערופען צו אהרן, אז איינעכט וועלען זיי זיך איבערטראַכטען און חרטה האָבען און פאַרמיידען אן אומגליק, אָבער איך האָב א טעות געהאַט. דער פאַרביסענער קרח, די רשעים, דתן און אבירם און זייערע אַנהייגער זיינען טאַקע געקומען מיט מחתות אין זייערע הענט.

זאָלען זיי צוקומען צום משכן און טהאָן דאָרט די עבודה — האָט אהרן געזאָגט — און דאָן וועלען אַלע זעהן זייער שטראָף.

זיי וועלען זייער שטראָף בעקומען נאָך איידער זיי קומען צום משכן! — האָט משה אויסגערופען און ער האָט זיך דערנעהנטערט צו דעם פּלאַץ וואו קרח, דתן און אבירם זיינען געשטאַנען.

די פערזאַמעלטע האָבען זייערע אויגען פון משה׳ן ניט ארונטערגענומען. זיי האָבען בעמערקט, אז זיין פּנים ברענט פון כעס. זיינע אויגען גלאַנצען. עס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי זע־

הען זייער פיהרער אין אזא צאָרן און אויפרעגונג.

— הערט זיך איין איהר רשעים! — האָט משה אויסגערופען מיט א דונערנדע שטימע — עס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איהר דערצאָרענט גאָט... איהר ווילט נישט אָפּהיטען זיין תורה און זיין געבאָט, און עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער בעשעפער האָט אייך געוואָלט בעשטראָפען, אָבער איך האָב צו איהם מתפלל געווען, און איך האָב מיט בלוט אין מיין הארצען זיך צו דעם אלמעכטיגען געווענדעט, ער זאָל אייך מוחל זיין... און גאָט האָט אייך פערגעבען. יעצט, אָבער, זעה איך אז איהר האָט מעהר נישט פערדינט גאָט זאָל אייך מוחל זיין, ווייל נישט נאָר איהר אליין זינדיגט, נור איהר מאכט נאָך אנדערע זינדיגען. איהר צורייצט דאָס פאָלק, און אייער אבזיכט איז צו צוריקברייננגען ישראל צו שקלאפעריי אין מצרים. דעריבער הערט זיך איין איהר אלע, די קינדער פון ישראל, וועלכע האָבען זיך דאָ פערזאמעלט — דאָמיט וועט איהר וויסען אז גאָט האָט מיר געשיקט, און אויב איך האָב בעשטימט מיין ברודער אהרן פאר'ן כהן גדול, זיינע זיהן פאר כהנים און דעם שבט לוי פאר לויים צו בעדינען אין משכן, איז דאָס נישט געווען ווייל איך האָב אזוי געוואָלט, נאָר ווייל אזוי איז געווען דער ווילען פון גאָט...

דאָס פאָלק האָט אָנגעשטריינגט אויגען און אויערען צו הערען וואָס משה וועט ווייטער זאָגען.

— יע, אויב אָט די דאָזיגע — האָט משה אָנגעציינגט מיט זיין פינגער וועלען שטארבען מיט א נאטירליכען טויט, אזוי ווי אלע מענשען, איז א סימן אז גאָט האָט מיר נישט געשיקט און אלע בעשולדיגען אויף מיר זיינען ריכטיגע. אָבער ווען א נייעס וועט גאָט טהאָן, וואָס וועט זיין איבערנאטירליך, ווען די ערד וועט פלוצלונג עפענען איהר מויל און איינשלינגען די רשעים און אלעם וואָס בעלאַנגט צו זיי, און זיי וועלען לעבעדיגערהייט בעגראָבען ווערען, דאַן וועט איהר אלע וויסען, אז דיעזע מענשען האָבען דערצאָרענט גאָט און זיי האָבען זייער שטראָף פערדינט.

קרח, דתן און אבירם האָבען אויסגעבראָכען אין א הילכיגען געלעכטער.

— ער מיינט, אז ער וועט אונז איבערשרעקען! — האָט קרח אויסגערופען — ניין, מיר וויסען דיין מיינונג. דו וועסט קיינעם פון אונז נישט דערשרעקען. מיר געהן גלייך אין משכן און מיר פאנגען דאָרט אָן צו טהאָן די עבודה. קומט מיינע פריינד, זייט בייז זיך נישט געפאלען, זאָלען משה'ס רייד פאלען אויף טויבע אויערען.

קרח האָט אויפגעהויבען זיין רויךפאן אין דער הויך און געגעבען א סיגנאל צו די איבעריגע, זיי זאָלען איהם נאָכפאָלגען.

די צוויי הונדערט און פופציג מענשען מיט זייערע רויך פאנען אין די הענט זיינען צוגעקומען נעהנטער צו קרח'ן. די איבעריגע אידען, וועלכע זיינען געשטאנען פון ווייטען און צוגעקוקט זיינען נאָך מעהר נייגעריג געוואָרען צו זעהן, וואָס עס וועט פאָרקומען, און זיי האָבען זיך געריהרט פון זייער אָרט און געוואָלט נאָכגעהן.

ווען משה האָט דאָס בעמערקט, איז ער צוגעגאנגען נעהנטער און אויסגערופען:

— געהט אוועק פון דיזע רשעים, קומט מיט זיי נישט אין בעריהרונג און איהר זאָלט קיין זאך נישט נעהמען, וואָס בעלאנגט צו זיי, ווייל פאַרוואָס זאָלט איהר אויך בעשטראָפט ווערען ווי זיי.

ווען די איבעריגע אידען האָבען דערהערט משה'ס ווארנונג האָבען זיי זיך גלייך אָפּגערוקט אויף צוריק...

פלוצלונג האָט זיך געהערט א שרעקליכער קראד, די ערד האָט זיך געשפאָלטען אונטער קרח'ן און דתן און אבירם. נאָכדעם האָט זיך באוויזען א

געדיכטער רויך... עס האבן זיך געהערט געשרייען און אלע האבן דערקענט קרח׳ס שטימע:

— אה משה רבנו העלף מיר! גאט איז גערעכט!

באלד האט אויסגעבראכן א גרויסער פייער און פארברענט די צוויי הונדערט און פופציג מענשען, קרח׳ס אנהייננער.

א גרויסע שרעק איז אנגעפאלען אויף אלעמען, און יעדער איז אנטלאפען קוים מיט׳ן לעבען.

דער רויך מיט׳ן פייער האט נאך געזעצט ארום, די געשרייען פון די ליידענדע האבן זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט. משה האט בערוהיגט די איבערגעבליבענע, וועלכע זיינען אריינגעפאלען אין גרויס היסטעריק.

— איהר זעהט דאך, אז איהר זייט געבליבען לעבען, דאס איז א סימן, אז איהר האט נישט געזינדיגט, און איהר האט זיך נישט וואס צו שרעקען.

ווען דאס פייער איז אויסגעגאנגען און דער רויך קלענער געווארען, איז משה מיט אהרן און זיין זוהן אליעזר צוגעקומען צו דעם פלאץ וואו קרח מיט זיין קליקע זיינען נאר וואס איינגעזונקען געווארען.

באלד זיינען דארטען צוגעקומען אליצפן, יהושע און נאך איינינע.

— דאס איז דער סוף פון די רשעים!

— האט זיך יהושע אפגערופען — זיי האבען זייער שטראף פערדינט.

— איך האב זיך נאר וואס דערוואוסט, אז ווען קרח איז געגאנגען צום משכן, האט ער מיט זיך גענומען אלע זיינע אוצרות, ווייל ער האט געדענקט, אז אויב איהם וועט נישט געלינגען איבערצוריידען אלע נשיאים פון די אנדערע שבטים, וועט ער זיי אונטערקויפען מיט זיין געלד, אזוי ווי ער האט אונטערגעקויפט די מרגלים.

— און איך האב טאקע בעמערקט, ווי קרח׳ס פרוי איז אנגעקומען א קורצע ווייל איידער קרח איז פערשלונגען געווארען — האט כלב געזאגט — זי האט מיט זיך געהאט עטליכע פעקלער.

— יע, דאס האט זי איהם געבראכט די לעצטע געלד און ציערונג, וואס זיי האבען פערמאגט, ווייל זי האט מורא געהאט טאמער וועט איהם נישט קלעקען אלעמען אונטערצוקויפען — האט אליצפן געזאגט.

— און טאקע דעריבער איז זי אויך איינגעזונקען געווארען צוזאמען מיט קרח׳ן - האט יהושע צוגעגעבען.

און די פרויען און טעכטער פון דתן און אבירם זיינען אויך אנגעקומען ארויסצוהעלפען אין דער מרידה און זיי האבען דערפאר זייער שטראף בעקומען צוזאמען מיט די רשעים — האט נאך איינער בעמערקט.

— מיר וואונדערט זעהר שטארק, ווי אזוי קרח׳ס זיהן האבען זיך נישט בעטייליגט אין דער מרידה! — האט כלב אויסגערופען.

— איך האב זיי נאך קיינמאל נישט בעמערקט, זיי זאלען קומען מיט זייער פאטער..

— עריבער זיינען זיי נישט בעשטראפט געווארען — האט יהושע געזאגט — קרח׳ס קינדער זיינען נישט געשטארבען, אזוי ווי די קינדער פון דתן און אבירם.

און, דער זוהן פון פלת, האט זיך גאנץ געשמאק געשלאפען אין זיין בעט אין דער צייט, וואס זיין פרוי איז געזעסען נעבען אריינגאנג פון געצעלט מיט איהרע צעלאזענע האר און קיינעם נישט צוגעלאזען אהין.

פון וויטען האט זי געזעהן ווי קרח און זיינע נאכפאלגער דערנעהנטערען זיך צו משה׳ן... זי האט זיי אלעמען בעטראכט און א פרייד האט דורכגענומען איהר קערפער. זי איז געווען גליקליך, וואס איהר איז געלונגען צו ערוויטערען איהר מאן פון דיזען פאלשען קרח און זיין קליקע, די רשעים. זי האט נאר געהאפט, אז ווען איהר מאן וועט זיך אויפכאפען פון שלאף, וועט שוין אלעם זיין

פאַריבער, און קרח וועט וויסען זיין פלאַץ.

איינינגע מאָל איז זי אריין אין געצעלט צו זעהן אויב איהר מאַן שלאָפט נאָך... איהר הארץ האָט געקלאַפּט, ער זאָל זיך אָקאָרשט ניט אויפכאַפּען און זיך מיט געוואַלד ארויסרייסען און אוועקגעהן צו קרח'ן.

ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אז ער איז פערזונקען אין טיעפען שלאָף, האָט זי זיך בערוהיגט און צוריק ארויס אויף איהר פלאַץ, אָנווענדענדיג איהרע אויגען אין יענער ריכטונג, וואו קרח און זיין קליקע זיינען געוועזען.

ווען דער גרויסער קראַך האָט זיך פּלוצלונג דערהערט, איז זי פון גרויס שרעק ארונטערגעפאַלען פון איהר בייננקעל. באַלד האָט זי בעמערקט דעם רויך און פייער וואָס איז געקומען פון יענעם פלאַץ וואו קרח און זיינע נאָכפאָלגער זיינען געוועזען...

פון דעם שרעקליכען קראַך האָט זיך און אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ארונטערגעפאַלען פון זיין בעטעל. ער איז שנעל ארויס אין דרויסען און ער האָט בעמערקט דעם בלאַסען און צושראָקענעם פּנים פון זיין פרוי.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט און אויסגערופען.

— איך ווייס נישט. — האָט זי איהם געענטפערט. אָבער דאָרטען זיינען געווען קרח און זיינע נאָכפאָלגער.

— אַה, דו האָסט מיר אָפּגענאַרט — האָט און זיך גענומען בייזערען אויף זיין פרוי — דו האָסט מיר פערשפּראָכען אויפצוואַועקען איך זאָל קענען געהן צוזאַמען מיט קרח'ן, און דו האָסט דיין פערשפּרעכען נישט געהאַלטען. לאָמיר יעצט געהן. עס איז נאָך נישט צו שפּעט. איך וויל נישט, קרח זאָל מיך האַלטען פאַר א פיינלינג! לאָז מיך!

— ניין, דו וועסט זיך פון דיין פּלאַץ נישט ריהרען — האָט זי איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנט. די דאַרפסט מיר יעצט נישט פערלאָזען... זעהסטו דען נישט, ווי צושראָקען איך בין.

באַלד האָבען זיי בעמערקט ווי מענשען צולויפען זיך מיט גרויס שרעק.

— וואָס האָט דאָרט פּאַסירט? — האָט און'ס פרוי אָפּגעשטעלט אימיצען, וועלכער איז האַסטיג געלאָפען.

— אָ, עפּעס שרעקליכעס האָט פּאַסירט, — האָט יענער איהר געענטפערט קוים אָפּכאַפּענדיג זיין אָטעם. — קרח, דתן און אבירם און זייערע משפּחות זיינען איינגעזונקען געוואָרען אין דער ערד. אָה, גאָט העלף אונז, מיר זאָלען נישט ליידען צוליעב זייערע זינד!

— ווי אזוי איז דאָס געשעהן — האָט און'ס פרוי איהם ווייטער געפרעגט.

— קרח מיט זיין קליקע זיינען אָנגעקומען זיך צו קריגען מיט משה'ן, זיי האָבען געוואָלט געהן אין משכן טהאָן די עבודה אנשטאַט אהרן. קרח האָט געוואָלט ווערען דער אידישער פיהרער. משה האָט זיי געוואָרענט, זיי זאָלען ניט דערצאָרנען גאָט, אָבער זיי האָבען איהם נישט געפאָלגט... און פּלוצלונג האָט זיך די ערד אונטער קרח'ן און זיינע מענשען געשפּאַלטען און זיי זיינען אלע פערשלונגען געוואָרען.

קרח און זיינע נאָכפאָלגער זיינען טויט — האָט און אויסגערופען און זיין פּנים איז בלאַס געוואָרען.

— יע, קרח, דתן און אבירם און אפילו ־י צוויי הונדערט און פופציג מענשען, קרח'ס נאָכפאָלגער זיינען אויך טויט. גאָט האָט ארונטערגעשיקט א פייער און זיי אַלעמען פערברענט.. און יעצט מוז איך לויפען זעהן, אויב עס האָט גאָר נישט פּאַסירט מיט מיין משפּחה — האָט דער מאַן געזאָגט און איז שנעל אוועק.

און איז געבליבען שטעהן בעוועגלאָז, ער האָט געקוקט אויף זיין פרוי מיט שטאַרע בליקען. זיינע אויגען זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרעהרען... זי האָט איהם פון א זיכערען טויט געראַ־

טעוועט... זי איז זעהר קלוג און אויסגערעכענט.

— אה, מיין ליעבע פרוי — האָט און אויסגעבראָכען פלוצלונג אין געוויין — דו, מיט דיין קלוגשאפט האָסטו מיך פון טויט געראטעוועט.

— יע, מיין מאַן — האָט זי מיטגעוויינט — איך האָב אַן אומגליק אין מיין משפחה פערמידען — אָבער דו ביזט נאָך נישט ריין פון זינד. דו ביזט געווען א שותף צו קרח'ן און צו אלע זיינע פלענער, דעריבער איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט אוועקגעהן צו משה'ן, פאלען צו זיינע פיס און איהם בעטען, ער זאָל דיר מוחל זיין.

— איך בעט דיר, מיין ליבע פרוי, דו זאָלסט מיט מיר מיטגעהן. מיט דיין קלוגשאפט האָסטו מיך איינמאָל געראַטעוועט און יעצט וועסטו מיר ווידער קענען ארויסהעלפען.

— גוט, איך וועל מיט דיר מיטגעהן צו משה'ן — האָט זי געזאָגט — אָבער מיט דעם בעדינג, אַז דו זאָלסט משה'ן דערצעהלען אלע סודות, וואָס דו ווייסט פון קרח'ן. ווען דו וועסט פאַר איהם אלעס דערצעהלען, בין איך זיכער, וועט ער דיר מוחל זיין, און אין דער זעלבער צייט וועלען אלע וויסען, אַז קרח האָט פערדינט זיין שווארצען סוף.

— איך וועל טהאָן אלעס וואָס דו וועסט מיר הייסען, מיין ליבע פרוי — האָט און זיך אָפגערופען. איך זעה יעצט איין, ווי בלינד איך בין געווען, ווי איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע זיסע רייד און זיך געלאָזט פערפיהרען פון איהם... אָה, ווען איך נעם נאָר טראַכטען דערפון, אזוי געהט מיר דורך א שוידער. וויפיעל האָט געפעהלט, אַז איך זאָל היינט זיך איינכאפּען עטוואָס פריהער און אוועקגעהן מיט קרח'ן.

— נישט אזוי שנעל וואָלט איך דיר געלאָזען געהן, מיין מאַן... און יעצט מעגסטו עס וויסען, אַז היינט אין דער פריה איז דתן דאָ ווידער געקומען און דיר געוואָלט מיטנעהמען, אָבער איך בין געזעסען ביי דעם אריינגאַנג פון געצעלט מיט מיינע האָר פאַראנאַנדערגעלאָזען... ער האָט מיר ביים נאָמען גערופען, אָבער איך האָב זיך געמאַכט ניט הערענדיג ביז וואנען ער איז אוועקגעגאַנגען.

— אה, ווי דאַנקבאַר איך וועל דיר זיין מיין גאַנצען לעבען — האָט און געקושט זיין פרוי.

— שנעלער לאָמיר געהן צו משה'ן!

— האָט זי זיך אָפגערופען. טהו אָן דעם בגד און לאָמיר געהן, ווען איך וועל הערען, אַז משה האָט דיר מוחל געווען, וועל איך דאַן וויסען, אַז דו ביזט געראַטעוועט. און פערגעס נישט מיטצונעהמען די גאַנצע גאָלד און ציערונג וואָס קרח האָט דיר געגעבען, זינט דו האָסט זיך מיט איהם בעפריינדעט, דורך די רשעים דתן און אבירם.

און האָט אויסגעזוכט קרח'ס ציערונג און גאָלד, וואָס ער האָט פון איהם באַקומען און צוזאַמען מיט זיין פרוי איז ער אַוועק צו משה'ן.

פון וויטען האָט זיך נאָך דערטראָגען דער טומעל און געשריי פון די צעשראָקענע, וועלכע זיינען זיך צעלאָפען אין גרויס אונאָרדענונג.

משה האָט מיט א צעוועהטאָגט הארץ צוגעזעהען דעם גרויסען אומגליק, וואָס איז נאָר וואָס פאָרגעקומען און זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען:

— ביז ווי לאַנג וועלען זיי מיך דערצאָרענען? !—האָט ער זיך אָפגערופען צו אהרנ'ען. — גלויב מיר, מיין ברודער, אַז זייער וואונד איז מיין וואונד. מיין הארץ בלוטיגט צוצוזעהן אזוי פיעל צרות, וואָס האָבען לעצטענס געטראָפען מיין פאָלק.

— עס איז דאָך קיינעמ'ס שולד נישט א חוץ קרח'ס, — האָט אהרן איהם באַרוהיגט. — און יעצט, אַז גאָט האָט באַצאָהלט קרח'ן לויט זיין פאַרדינסט, וועט שוין הערשען רוהיגקייט צווישען אלע שבטים.

— דאָך האָט מיך דער טראַגישער סוף פון קרח'ן שטארק געריהרט. ווער ווייסט אויב די שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען איז נישט געווען צו שטארק פאר איהם? נאָכאַלעמען דארפען מיר נישט פארגעסען די פיעלע טובות, וואָס זיין פאָטער יצהר האָט געטהאָן צו די אידען, ווען זיי זיינען געווען אין מצרים.

— אָבער צו קרח'ס רשעות איז קיין גרעניץ ניט געווען! — האָט אהרן געזאָגט. — ער האָט מיט אַלע מעגליכקייטען געזוכט אונטערצוגראָבען דעם יסוד פון אונזער הייליגער תורה, כדי דיך צו פאר'מיאוס'ן ביים פאָלק. און יעצט איז דאָך ביי קיינעם קיין סוד נישט, אז קרח האָט אונטערגעקויפט די מרגלים... און דאָס אומזיסט פארגאָסענע בלוט איז געפאלען אויף זיין קאָפּ!

— און דתן און אבירם האָבען דאָך שוין פון לאנג פארדינט דעם טויט, — האָט מרים, וועלכע איז געשטאַנען דערביי, זיך אריינגעמישט. — פון זייער יוגענט אָן זיינען זיי זעהר פארדאָרבען געווען. זייערע מסירות און אנדערע שלעכטע מעשים האָבען זיי פארהאסט געמאכט ביי אַלעמען.

— אָבער זייערע קינדער? ווער ווייס אויב זיי זיינען נישט געווען אומשולדיג? — האָט משה ווייטער געזאָגט.

— עס איז ביי מיר קיין ספק נישט, אז די טעכטער פון דתן און אבירם זיינען געווען אזוי פארדאָרבען ווי זייערע פאָטערס, — האָט מרים ווייטער געזאָגט.

— אמת! — האָט משה צוגעגעבען.

— קרח'ס קינדער זיינען דאָך נישט געשטאָרבען, ווייל זיי האָבען זיך נישט באטייליגט אין די מעשים פון זייער פאָטער.

— ווער קומט דאָס אָן? — האָט אהרן אָנגעוויזען מיט דער האנט אויף צוויי פערזאָנען, וועלכע האָבען זיך דערנעהענטערט צו זייער ריכטונג.

מרים האָט זיך גוט איינגעקוקט און אויסגערופען:

— מיר דאכט, אז דאָס זיינען און, דער זוהן פון פלת און זיין פרוי! יע, איך בין יעצט איבערצייגט, אז דאָס זיינען זיי!

— און, דער זוהן פון פלת! — האָט אהרן אויסגערופען מיט שטוינונג.

— ער איז דאָך אויך געווען איינער פון קרח'ס פריינט?!

— געוויס איז ער געווען פארבונדען מיט קרח'ן און דתן און אבירם! — האָט מרים געזאָגט. — אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער חרטה געקראָגען און איז היינט נישט געקומען צוזאמען מיט זיי, דעריבער האָט ער זיין לעבען געראטעוועט.

ווען און און זיין פרוי האָבען זיך דערנעהענטערט צו משה'ס געצעלט, איז ער געבליבען שטעהן עטוואָס פון ווייטען און זיין פרוי איז צוגעקומען און זיך פארנייגט:

— מיין האר! וועסטו פארנעהמען די רייד פון דיין דינסט? איך בין אן אומגליקליכע פרוי און איך וויל, אז דו, מיין האר, זאָלסט מיר העלפען.

— וואָס האָט פאסירט? — האָט משה איהר געפרעגט.

— מיין מאן האָט געזינדיגט געגען גאָט און משה'ן! — האָט זי מיט טרערען אין די אויגען געזאָגט. — און יעצט בין איך געקומען בעטען, אז מיין האר זאָל איהם מוחל זיין.

— איך ווייס אָבער נישט אין וואָס זיין זינד באשטעהט, — האָט משה זי געפרעגט.

— דער נאָמען פון מיין מאן איז און, דער זוהן פון פלת, — האָט זי געזאָגט.

— ער איז געווען א שטארקער אָנהענגער פון קרח'ן און א גוטער פריינט פון דתן און אבירם. זיי האָבען אויף איהם זעהר שלעכט געווירקט און איהם אריינגענומען כמעט אין אַלע זייערע סודות. איך מוז צוגעבען, אז מיין מאן איז זעהר לייכטזיניג און קען זעהר גרינג באאיינפלוסט ווערען. מיט א פּאָר טעג צוריק האָב איך פון איהם אויסגעפונען, אז קרח און זיין קליקע גרייטען זיך צו מאַכען אן אויפשטאנד און אז ער וועט זיך אין דעם אויך באטייליגען. איך האָב גע־

מאַכט א פאַרזוך איהם איינצורעדען, ער זאָל מיט קרח'ן גאָרנישט האָבען צו טהאָן, אָבער ער איז געווען פאַר'עקשנ'ט און זיך נישט געוואָלט צוהערען צו מיר, איהם האָט זעהר שטאַרק געצויגען צו קרח'ן און זיינע פריינט. איך האָב גלייך געקענט פאָראויסזעהן, אז אן אומגליק רוקט זיך אָן און איך האָב באשלאָסען אנצואווענדען מיין גאנצען כח און איהם נישט לאָזען געהן צוריק צו קרח'ן. מיר איז געלונגען איהם איבערצורעדען צו פארבלייבען דעם אָוענט מיט מיר. איך האָב פאַר איהם געשמאַקע מאכלים געמאַכט און איהם אָנגעטרונקען מיט ווייז, ביז וואנען ער איז איינגעשלאָפען. אזוי האָב איך אויף איהם געווירקט, ער זאָל מיט מיר אויך דעם צווייטען טאָג פארבלייבען און איך האָב דאָס זעלבע געטהאָן. דתן און אבירם זיינען געקומען איהם רופען, אָבער איך האָב זיי צו איהם נישט צוגעלאָזען. אזוי האָט ער היינט אין דער פריה אויך פארשלאָפען און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט דאן ווען דער גרויסער קראַך האָט זיך דערהערט און קרח און זיין קליקע זיינען איינגעזונקען געוואָרען. ווען מיין מאַן האָט אויסגעפונען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט און ווי אזוי איך האָב זיין לעבען געראַטעוועט, האָט ער פאַרשטאַנען, אז קרח איז געווען אומגערעכט און ער האָט חרטה מיט'ן גאַנצען הארצען אויף אלע זיינע מעשים. אָבער איך האָב מורא, אז גאָט וועט איהם נישט מוחל זיין פאַר זיין שלעכטער מחשבה.

— א שלעכטע מחשבה, אויב זי ווערט נישט פארווירקליכט אין טהאַטען, ווערט נישט פאַררעכענט פאַר קיין זינד, — האָט משה געזאָגט. — בלויז ווען א פערזאָן טראַכט צו טהאָן א גוטע זאַך און צוליעב געוויסע אורזאַכען קען ער נישט דורכפיהרען זיין פּלאַן, דאָס איז פאַררעכענט ביי גאָט אזוי גוט ווי ער וואָלט עס געטהאָן.

— אָבער דו, מיין האַר, וועסטו איהם קענען מוחל זיין פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך באטייליגט אין פיעלע פון קרח'ס בעראַטונגען?

— צוליעב דיין זכות האָט איהם גאָט נישט באַשטראָפט און, ווי איך זעה, אז דו ביזט א גאָטספאָרכטיגע פרוי, וועל איך איהם צוליעב דיר מוחל זיין, — האָט משה געזאָגט.

— איך דאַנק דיר זעהר, מיין האַר!

— האָט זי זיך א נייג געטהאָן. — מיין מאַן שטעהט דאָ נישט ווייט, איך וועל איהם צורופען, ווייל ער האָט צו דערצעהלען פיעל וויכטיגע סודות פון קרח'ן און זיין קליקע.

— יעצט איז שוין אלעס פאָראיבער! וואָס פאַר א נוצען וועט זיין דערצעהלען די סודות פון קרח'ן ברייגען יעצט?

— אָבער מיין מאַן האָט צו דערצעהלען זעהר וויכטיגעס וועגען די צוויי זיהן פון אהרן, וועלכע זיינען געשטאָרבען, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם מזבח פון קטורת, — האָט אונ'ס פרוי געזאָגט.

— איז עס מעגליך, אז קרח האָט געהאַט צו טהאָן מיט דעם טויט פון נדב און אביהו?!

— מיין מאַן וועט אייך אלעס דערצעהלען און איך בעט אייך נאָכאַמאָל, איהר זאָלט איהם מוחל זיין! — האָט זי געזאָגט און גלייך צוגערופען אונ'ען.

מיט וואַקלענדיגע טריט איז און צוגעקומען צו משה'ס געצעלט. זיין פּנים איז געווען בלאַס, זיינע אויגען האָבען געצייגט זיין צעשראָקענקייט און נערוועזיטעט. ער איז צוגעקומען און זיך פאַרנייגט פאַר משה'ן און אהרנ'ען און איז געבליבען שטעהן מיט דעם קאָפּ געבויגען.

— קום אריין אין געצעלט, און! — האָט משה זיך צו איהם געווענדט.

און אָבער האָט זיך נישט גערירט פון פּלאַץ. ער איז געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידט.

זיין פרוי אָבער האָט איהם אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיך אָפּגערופען:

— דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען, און! משה רבנו וועט דיר אלעס

מוחל זיין, אָבער דו דאַרפסט דערצעהלען אלעס, וואָס דו ווייסט!

ערשט דאַן איז און אריינגעקומען מיט זיין פּרוי אין משה'ס געצעלט. דאָרטען זיינען אויך געווען אהרן, זיין פרוי, זייערע צוויי אינגערע זיהן און מרים.

משה האָט זיך אוועקגעזעצט און אויך געבעטען און'ען מיט זיין פרוי זיך צו זעצען.

— דערצעהל מיר וואָס דו ווייסט!

— האָט משה זיך צו איהם געווענדט.

— פארלייקען גאָרנישט פון מיר, ווייל קיין שלעכטס וועט דיר נישט געשעהן.

משה'ס צערטליכע און מילדע ווערטער האָבען אויף און'ען געהאט די געווינשטע ווירקונג. ער האָט זיך גענומען בארוהיגען און האָט צוריקגעקראָגען זיין מוטה.

משה און אהרן און די איבעריגע האָבען אויף איהם געקוקט מיט נייגעריגע בליקען. זיי זיינען אַלע געווען שטארק אומגעדולדיג צו הערען, וואָס און ווייסט פון דעם טויט פון נדב און אביהו.

— זיי זיינען אומשולדיג! — האָט און אויסגערופען. — יע, נדב און אביהו זיינען דורך קרח'ן אריינגענארט געוואָרען און דאָס האָט קרח פאראורזאכט אז זיי זאָלען זינדיגען און אריינקומען אין משכן אָנגעטרונקען מיט וויין און מיט פרעמד פייער.

— וואָס מיינסטו?! — האָט איהם אהרן געפרעגט.

— דאָס איז דאָך צו אייך געוויס באַוואוסט, — האָט און פאָרטגעזעצט, — אז יעדער איינער איז געווען נייגעריג צו דערגעהן דעם סוד פון וואנען קרח האָט גענומען זיינע אוצרות. קרח האָט אָבער צו קיינעם נישט דערצעהלט, אויסער צו די, וועלכע זיינען איהם געווען גאַנץ נאָהענט.

— און דיר? האָט ער דיר אויך דערצעהלט דעם סוד? — האָט און'ס פרוי איהם אונטערבראָכען.

— געוויס! איך וויים דעם סוד שוין פון לאַנג! — האָט ער איהר געענטפערט.

— און דו האָסט עס די גאַנצע צייט מיר נישט דערצעהלט? — האָט זי געוואָרפען א בייזען בליק און א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

משה האָט זי געבעטען, אז זי זאָל איהם יעצט נישט אונטערברעכען און און האָט ווייטער גערעדט.

— קרח'ס שנאה צו אהרנ'ען און זיין משפחה שטאַמט נאָך פון דער צייט, איידער מיין האר, משה, איז געקומען קיין מצרים. ווי עס איז דאַן צו אלעמען געווען בעוואוסט, האט קרח זעהר געוואלט נעהמען אלישבע, די טאָכטער פון עמינדב'ן, פאר זיין פרוי. אָבער די איידעלע און גאָטספאָרכטיגע אלישבע האט זיך אויף איהם אפילו נישט געוואָלט אומקוקען. און ווען זי האָט געהייראט מיט אהרנ'ען, איז קרח'ס צאָרן און שנאה אויף אהרנ'ען געווען זעהר גרויס. ער האָט זינט דאַן זיך ארומגעטראָגען מיט פּלענער פון נקמה. אָבער ער האט גאָרנישט געקענט טהאָן. זיין האס צו אהרנ'ען איז נאָך גרעסער געוואָרען, ווען קרח האָט געהייראט. זיין פרוי איז געווען שטארק פארדאָרבען און שלעכט און פאר זיינע אויגען איז תמיד געשטאַנען דער גרויסער אונטערשיעד צווישען דער נאָבעלער, צניעות'דיגער אלישבע און זיין מרשעת. און ווען קרח האט זיך נאָכהער דערוואוסט, אז אהרן איז באשטימט געוואָרען פאר'ן כהן גדול און זיינע זיהן פאר כהנים, האָט זיך אין איהם דער געדאנק פאר נקמה צעפלאקערט נאָך שטארקער. ער האָט מיט אַלע זיינע מעגליכקייטען געזוכט צו פארשמוציגען דעם נאָמען פון אהרנ'ס משפחה. דאַן איז איהם אריינגעפאלען א פּלאַן אריינצונארען אין זיין געצעלט די צוויי עלטערע זיהן פון אהרן.

און האָט זיך דאָ א ווײַלע אָפּגעשטעלט. ער האָט באמערקט אלישבע'ס דורכדרינגענדע בליקען. איהרע אויגען זיינען פול געווען מיט טרעהרען.

— איידער איך דערצעהל אייך ווייטער, — האָט און ווידער אָנגעפאנגען, — וויל איך אייך פארזיכערען, אז אין

דיזען פּלאַן האָב איך גאָר קיין חלק נישט, ווי איהר וועט אַלע ווייטער זעהן.

יע, קרח האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז נדב און אביהו זיינען אויך זעהר נייגעריג צו וויסען דעם סוד, ווי אַזוי ער האָט זיך ערוואָרבען זיין גרויס רייכטום. דעריבער איז ער צו זיי אַוועק און זיי געזאָגט, אַז אויב זיי ווילען אין אַ בעשטימטע צייט קומען צו איהם אין געצעלט, וועט ער זיי דיזען וויכטיגען סוד ענטדעקען. ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז דאַן ווען אין זיין געצעלט וועט קיינער נישט זיין, וועט ער זיי אַלעס דערצעהלען. געוועהנליך, האָבען זיי איהם אין גאָרנישט חושד געווען און זיינען צו איהם געקומען. אָבער צו זייער ענטטוישונג האָבען זיי דאָרטען געטראָפען די טעכטער פון דתן און אבירם. קרח האָט זיי מיט אַ כיון געבראַכט, כדי ער זאָל האָבען דערווייל אַ תירוץ זיי נישט צו דערצעהלען דעם סוד. "זיי זיינען צו מיר אַריין דורך אַ צופאַל", האָט ער געזאָגט.

דאַן האָבען זיך נדב און אביהו אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער קרח האָט זיי איינגערעדט, אַז ווי באַלד אַז זיי זיינען שוין יע זיינע געסט, זאָלען זיי אַמוועניגסטען פאַרזוכען פון דעם וויין. עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען עס איז קרח'ן געלונגען זיי זאָלען אויסטרינקען דעם ערשטען בעכער וויין. דעם צווייטען און דריטען איז שוין נישט אַזוי שווער געווען פאַר איהם. איין זאַך מוז איך באַמערקען, אַז כאָטש דתן און אבירמ'ס טעכטער האָבען געטהאָן אַלץ כדי צוצוציהען זייער אויפמערקזאַמקייט, אָבער נדב און אביהו האָבען זיך אפילו אויף זיי נישט אומגעקוקט. יע, זיי זיינען געווען אומשולדיג און ריין. דער איינציגער פערברעכען איז געווען וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט איינרעדען פון דעם פאַלשען קרח'ן און גענומען צו ביסלעך וויין... און ווי געוועהנליך, איין עבירה שלעפּט מיט זיך נאָך איינע. ווען זיי זיינען געווען "שתויי יין" (אָנגעטרונקען מיט וויין), האָט שוין קרח זיי געקענט צורעדען, אַז זיי זאָלען ברענגען "אש זרה" (פרעמד פייער) און דורכדעם האָט זיך דער אומגליק גענומען.

— אַה, דער נידערטרעכטיגער קרח!

— האָט אהרן אויסגערופען. — ער איז געווען שולדיג אין מיין אומגליק! געלויבט איז גאָט, וואָס איך האָב אויסגעפונען, אַז מיינע זיהן זיינען געווען ניט אינגאַנצען שולדיג. זיי האָבען נישט געטרונקען דעם וויין במזיד, נאָר קרח האָט עס אויף זיי אַרויפגעצוואונגען מיט זיינע רייד.

— יעצט וועט אַרונטערגענומען ווערען דער פלעק פון מיינע זיהן! — האָט אלישבע געווישט איהרע אויגען.
— פאַר דער קליינער זינד, וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט איבעררעדען פון קרח'ן זיינען זיי שוין אָפּגעקומען און יעצט וועלען זיי קומען פאַר גאָט מיט ריינע אומשולדיגע נשמות ווי צדיקים גמורים.

— ווי דו האָסט אונז פריהער אָנגעדייטעט, האָסטו אין דיזען פּלאַן פון קרח'ן גאָר קיין חלק נישט געהאַט, אויב אַזוי, פון וואַנען ווייסטו עס אַלעס? — האָט איהם משה געפרעגט.

— דאָס האָבען זיי מיר דערצעהלט נאָכדעם, ווי קרח'ס פּלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרען.

— דו זאָגסט "זיי", ווער זיינען דאָס אָט די "זיי"?

— קרח און דתן און אבירם! יע, זיי האָבען מיר איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען און ווען איך בין צופעליג געווען אין דתן און אבירמ'ס וואוינונג, האָבען זייערע טעכטער זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז אהרנ'ס זיהן האָבען זיך אויף זיי אפילו נישט געוואָלט אומקוקען.

— ווי קומט עס, אַז אַלע אַנדערע סודות פון קרח'ן האָסטו יאָ געוואוסט און נאָר דיזען סוד האָט ער דיר נישט געוואָלט אַנפאַרטרויען? — האָט איהם משה ווידער געפרעגט.

— קרח האָט מורא געהאַט איך זאָל זיך אָקאָרשט נישט אויסרעדען פאַר מיין

פרוי וועגן דעם און דאן וועט זיין גאנצער פלאן צעשטערט ווערן.

— און פארוואס האט ער עס דיר נאכהער דערצעהלט?

— ווייל נאכדעם ווי זיין פלאן איז דורכגעגאנגען, האט ער שוין נישט געהאט וואס מורא צו האבען...

— דו האסט אויך געזאגט, אז קרח האט דיר אנפארטרויט דעם סוד פון וואנען ער האט אריינגעקראגען אזוי פיעל אוצרות, — האט און'ס ווייב זיך אפגערופען צו איהר מאן. — פיעלייכט וועסטו עס דערצעהלען פאר אונזער האר משה'ן, אלעס וואס דו ווייסט דערפון?

— אויב מיין האר, משה, פארלאנגט עס, וועל איך דאס זיכער דערצעהלען!

— האט און געענטפערט.

— דערצעהל, מיין זוהן! — האט משה זיך צו איהם אפגערופען מיט א צערטליכער שטימע. — איך זעה יעצט, אז דו האסט מיר געזאגט דעם אמת, דו האסט אין דעם קיין חלק נישט געהאט. טא לאמיר הערען פון דעם גרויסען סוד וועגן די אוצרות, וואס קרח האט מיט זיך גענומען אין זיין קבר.

— אלע ווייסט איהר דאך, אז יצהר, קרח'ס פאטער, איז געווען דער גרעסטער בוימייסטער אין גאנץ מצרים און פרעה האט איהם אנפארטרויט צו בויען א וואונדערבארען שאץ־קאמער אהן טירען און אהן פענסטער, בלויז איין אריינגאנג, וואס פיהרט צו פרעה'ס שלאף־צימער.

— יע, דאס געדענקען מיר אלע! — האט אהרן זיך אפגערופען.

— יצהר האט גאנץ גוט געוואוסט, אז פרעה וועט ווידער ארויפלייגען גרויסע צינזען אויף די אידען פון גשן און אויב זיי וועלען נישט האבען די מעגליכקייט צו צאהלען, וועט ער זיי באשטראפען. וואס האט יצהר געטהאן? ער האט אין א הינטערשטער וואנט פון שאץ־קאמער געמאכט, אז איין שטיין זאל גרינג קענען ארויסגענומען ווערען, אויב אימיצער וועט וויסען עפעס א דריק צו טהאן. און ווי עס ווייזט אויס, האט יצהר געטראפען. גלייך נאכדע ווי די שאץ־קאמער איז פארטיג געווארען, האט פרעה געפאדערט, אז די אידען זאלען איהם צושטעלען א גרויסע סומע אין צינזען. און אויב נישט וועט ער אלעמען שווער באשטראפען. אלע געדענקען נאך יעצט דעם שרעקליכען טרויער, וואס האט געהערשט צווישען די אידען פון גשן. עס איז געווען אוממעגליך צונויפצוזאמלען אזא שווערע סומע געלט. דאן איז יצהר געקומען צו אונזער הילף און האט געבראכט די געפאדערטע סומע געלט... אלע האבען זיך שטארק געוואונדערט פון וואנען יצהר האט עס געקראגען אזוי שנעל אזוי פיעל גאלד. מאנכע האבען געדענקט, אז דאס האט איהם פרעה באלוינט פאר זיין ארבייט, כאטש אלע האבען געוואוסט, אז עס איז נישט ריכטיג, ווייל יצהר האט זיך דאן ענטזאגט צו בויען א טעמפעל פאר זייער אפגאט אזירים און דערמיט אריינגעבראכט פרעה'ן און זיינע מיניסטארען אין כעס. אבער ווי די זאך איז געווען, ווען נאר עס איז געקומען א צרה אויף אידען, האט יצהר זיי ארויסגעהאלפען מיט גאלד.

— אה, יעצט איז שוין אלעס פארשטענדליך! — האט אהרן אויסגערופען. — ער האט די גאלד גענומען פון פרעה'ס שאץ־קאמער און דאס נאכהער איבערגעגעבען פרעה'ן!

— יע, אזוי האט ער געטהאן ביז זיין טויט. אבער איידער יצהר איז געשטארבען האט ער איבערגעגעבען קרח'ן די גאנצע געהיימנים וועגען דעם שטיין וואס קען גרינג ארויסגערוקט ווערען פון וואנט, און ער האט איהם אנגעזאגט אז ער זאל מיט דיעזער געהיימניס זיך בענוצען בלויז אין א נויטהפאל, ווען דאס פאלק וועט זיין אין א צרה. אבער קרח האט ניט אויסגעפאלגט זיין פאטער'ס צוואה. ער האט פון פרעה'ס אוצרות גענומען טראגען זעהר פיעל גאלד און גאנץ אפט, און ער האט קיינעם דערפון ניט דערצעהלט. און אין דער צייט ווען מצרים איז גע־

שלאָגען געוואָרען מיט דער מכה פון חשך, האָט ער אין גאַנצען אויסגעלייריגט פּרעה'ס אוצרות. און אָט דעם וואונדערבאַרען האַלזבאַנד וואָס זיין פרוי האָט געטראָגען, האָט ער דאָך אויך צוגענומען פון פּרעה'ס שאַצקאַמער.

— אָה, יעצט זעה איך שוין פון וואַנען ער האָט גענומען זיין רייכטהום — האָט און'ס פרוי אויסגערופען — און דו האָסט מיר די גאַנצע צייט קיין וואָרט דערפון ניט געזאָגט.

און האָט זיך פאַרשעהמט, אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען און געשוויגען.

— און יעצט, געלויבט איז גאָט וואָס די ערד האָט איינגעשלונגען קרח'ן מיט זיינע אוצרות — האָט אהרן געזאָגט — אַלץ איינס וואָלט מען פון זיין גאָלד נישט געטאָרט הנאה האָבען.

און'ס פרוי האָט זיך אויפגעהויבען פונאיהר פּלאַץ און איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעהנטער צו משה'ן.

— ווען מיין מאַן איז געוועזען זעהר שטאַרק בעפריינדעט מיט קרח'ן האָט ער איהם געגעבען פאַר מיר עטליכע שטיקלעך ציערונג. ווען איך וואָלט דאַן געוואוסט וואָס פאַר א נפש קרח איז, וואָלט איך דאָס איהם גלייך צוריקגעשיקט... אָבער אַזוי ווי מיין מאַן פלעגט מיר גאָר נישט דערצעהלען וועגען איהם, האָב איך זיין מתנה אָנגענומען און איצט האָב איך דאָס דאַ געבראַכט, איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן דערמיט.

— דו טאָרסט דערפון קיין הנאה ניט האָבען — האָט משה זיך אָפּגערופען — דאָס איז חרם און עס מוז פאַרברענט ווערען.

אַלע זיינען אַרויס פון געצעלט און אהרן'ס זיהן אלעזר און איתמר האָבען געמאַכט א פייער און אַריינגעוואָרפען די איבערגעבליבענע ציערונג פון קרח'ן.

— געהט זיך ביידע בשלום אחיים !

— האָט משה זיך אָפּגערופען. איך בין דיר מוחל, ווייל דו האָסט א גרויסען זכות וואָס גאָט האָט דיר מזכה געווען מיט אַזא ווייב. און איך האָף אַז אויך גאָט וועט דיר מוחל זיין, אויב דו וועסט תשובה טהאָן מיט'ן גאַנצען האַרצען. ווייל גאָט איז א רחום וחנון, ער פערגיט די זינד, פון די וועלכע ווענדען זיך צו איהם נאָך מחילה.

26טער קאַפּיטעל
סיחון און עוג

באַלד פערציג יאָהר זיינען שוין פאַראיבער זינט די אידען זיינען בעפרייט געוואָרען פון מצרים. באַלד אַזוי פיעל יאָהרען זיינען פאַראיבער זינט די מרגלים און זינט קרח'ס אויפשטאַנד. דער אַלטער דור האָט ביסלעכווייז גענומען אויסשטאַרבען.

דורך דיעזע פערציג יאָהר אין דער מדבר האָט משה צוגעגרייט א יונגען דור, וואָס איז געוועזען ערצויגען אין דעם גייסט פון פרייהייט, וואָס איז געוועזען געאיבט אין מלחמה און איז געוועזען ווייליג צו קעמפּפען און עראָבערען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט נאָך צו זייערע אור-עלטערען.

פון די פיעלע צרות וואָס משה האָט זיך אָנגעליטען פון די אידען וועמען ער האָט געפיהרט צו דעם לאַנד פון "מילך און האָניג", האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס וועט נעהמען יאָהרען ביז וואַנען דאָס פאָלק ישראל וועט געלייטערט ווערען און ווערט זיין צו ווערען אַן אונאָבהענגיגע מלוכה. דעריבער ווען ער האָט אין מדבר אָנגעטראָפען א שטיקעל לאַנד וואו עס איז מעגליך זיך צו בעזעצען, האָט ער געמאַכט דאָרט אַן אָפּשטעל אויף א לאַנגע צייט — אין מאַנכע פלעצער האָבען די אידען געוואוינט יאָהרען אַזוי לאַנג ווי די קוואַלען וואַסער און די אַנדערע וויכטיגע זאַכען זיינען געווען אויף יענעם פּלאַץ.

אַזוי האָט משה געזעהען צו מאַכען זעהר לאַנגזאַמע פאַרשריט ביז וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען אין מדבר צין, נעבען קדש.

דאָרט האָט משה ניט געהאַט בדעה צו מאַכען אַן אָפּשטעל ווייל דער פּלאַץ אין

געוועזן וויסט און ווילד. אבער ווי זיי זיינען אנגעקומען אהין, איז מרים, די שוועסטער פון משה און אהרן געשטארבען. און צוליעב דעם כבוד פון דער גרויסער פערזענליכקייט איז דאס גאנצע אידישע פאלק פארבליבען.

אבער עס האט אנגעהויבען צו ווערען א מאנגעל אין וואסער. דאס פאלק האט גענומען דורשטען.

די אידען האבען גענומען אומרוהיג ווערען, און ווען דער דורשט האט זיך געשטארקט, זיינען זיי געקומען צו משה'ן און צו אהרן'ען און זיך גענומען קריגען מיט זיי:

— הלואי וואלטען מיר געשטארבען ווי אונזערע אנדערע ברידער — צוליעב וואס האט איהר אונז געבראכט צו דעם מדבר, מיר זאלען דא אויסשטרבען פון דורשט, מיר און אונזערע בהמות. — פא וואס האט איהר אונז גאר ארויסגענומען פון מצרים וואו מיר האבען געהאט פון אל דאס גוטס, און איהר האט אונז געבראכט צו דיעזען שלעכטען פלאץ, א פלאץ וואו מען קען גאר נישט זעען, א פלאץ וואו עס געפינט זיך ניט קיין פרוכט. און אפילו וואסער קענען מיר נישט קריגען.

— זיי זינגען שוין דאס אלטע ליעד!

— האט משה זיך אפגערופען צו אהרן'ען מיט א טרויעריגע שטימע.

— מיר דארפען זיך טרייסטען דאמיט אז די אלע שרייער זיינען נאך די פארבליבענע פון דעם אלטען דור.

— אבער נאך אלעמען גערעכט זיינען זיי! — האט משה געזאגט — אהן וואסער קען מען נישט לעבען.

משה האט מתפלל געווען צו גאט און נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו זיין ברודער.

— עס איז דער וואונש פון גאט צונויפצוקלייבען אלע אידען ארום יענעם גרויסען פעלזען שטיין און מיר ווערען דארטען קריגען וואסער.

משה האט מיטגענומען זיין שטעקען און האט פערזאמעלט די אידען ארום יענעם פעלזענשטיין.

— הערט זיך איין איהר ווידערשפעניגע. איהר זוכט תמיד צו דערצארנען גאט. וועל איך דען קענען פאר אייך ארויסברייגען וואסער פון דעם הארטען פעלזענשטיין? — האט משה צו זיי זיך אפגערופען און אויפגעהויבען דעם שטעקען און גענומען שלאגען דעם שטיין.

באלד האט גענומען פליסען א ריינער קלאהרער וואסער און דאס פאלק האט אליין געטרונקען; געגעבען זייערע בהמות און אנגעפילט זייערע כלים מיט וואסער.

לאנג אבער האבען זיי אין יענעם פלאץ ניט געקענט פערבלייבען און זיי האבען פארטגעזעצט זייער וואנדערען ביז זיי זיינען אנגעקומען אין קדש נעבען דעם לאנד אדום.

— דער קורצעסטער און בעסטער וועג צוצוקומען נעהנטער צו כנען איז דער וועג דורך דעם לאנד אדום — האט משה זיך אפגערופען צו די זקנים וועלכע זיינען געקומען זיך צו בעראטהען ווייטער ווי אזוי ווייטער צו וואנדערען.

— אויב דאס איז דער קירצעסטער און בעסטער וועג זיינען מיר גרייט צו געהן — האט יהושע אויסגערופען.

— די פראגע איז אויב די אדומים וועלען אונז געבען די ערלויבנים! — האט משה געזאגט.

— אויב זיי וועלען נישט צושטימען, וועלען מיר זיך ביי זיי ניש טאנפרעגען — האט יהושע געענטפערט — אונזער ארמעע איז שטארק און מעכטיג און מיר וועלען דורכברעכען א וועג מיט אונזער שווערד!

— ניין, יהושע, מיר טארען מיט זיי ניט מלחמה האלטען, האט משה געזאגט. — פארגעס ניט אז די אדומים שטימען פון עשו'ן, און עשו איז דאך געווען א ברודער צו יעקב'ן. וועלען מיר דען קענען מלחמה האלטען מיט זיי? דער איינציגער וועג איז צו שיקען צו זיי שלוחים און מיט ווייכע רייד איבערגעבען דעם קעניג פון אדום אונזער בקשה,

פיעללייכט וועט ער נישט האָבען דאַרגעגען.

משה האָט אויסגעקליבען שלוחים און זיי אָנגעזאָגט ווי אזוי צו ריידען צו דעם קעניג פון אדום.

ק די שלוחים זיינען געקומען צו דעם קעניג פון אדום און איהם איבערגעגעבען משה'ס רייד.

— מיר זיינען געשיקט געוואָרען צו דירפון אונזער גרויסען פיהרער משה און אזוי האָט ער געזאָגט:

"דו דאַרפסט וויסען זיין אז אונזער עלטער זיידע יעקב איז געווען א ברודער צו זיין עלטער זיידען עשו. און ווען זיי האָבען זיך פאנאנדערגעטהיילט, האָט עשו גענומען דאס לאנד אדום מיט די בערג שעיר און יעקב איז פארבליבען אין כנען. זינט דאן האָט פיעלעס פאסירט מיט יעקב'ס קינדער,פ מיר זיינען געצוואונגען געווען צו קומען נאָך מצרים, דאַרטען האָבען מיר שטארק געליטען. מען האָט אונז פאר קנעכט געמאכט. פיעלע יאהרען זיינען מיר אין מצרים געווען ביז וואנען אונזער גאָט האָט זיך איבער אונז מרחם געווען און אונז פון דאַרטען בעפרייט. פערציג יאהר אין מדבר האָבען מיר געוואנדערט ביז וואנען מיר האָבען זיך דערנעהנטערט צו אונזער ציעל, מיר זיינען יעט ניט ווייט פון כנען און מיר וואָלטען אהין געקענט גאנץ גרינג צוקומען אויב דו וועסט אונז ערלויבען דורכצומארשירען דורך דיין לאנד. מיר פארזיכערען דיר אז מיר וועלען אויסמיידען דורכצוגעהן פעלדער אָדער וויינגערטנער כדי נישט צו פערורזאכען קיין שאָדען. מיר וועלען ניט טרינקען דיינע וואסער און מיר וועלען ניט אָפּנייגען רעכטס אָדער לינקס ביז וואנען מיר וועלען אריבער געהן דיין גרעניץ.

— ניין! — האָט דער קעניג פון אדום געענטפערט מיט בייזקייט. — זאָגט אָן אייער משה'ן אז איך וועל איהם און זיין פאָלק נישט ערלויבען דורכצוגעהן מיין לאנד, און ווי נאָר איהר וועט צוקומען נאָהענט צו מיין לאנד, וועל איך אייך אנטקעגען קומען מיט'ן שווערד.

די שלוחים האָבען זיך אומגעקעהרט און איבערגעגעבען משה'ן די רייד פון דעם קעניג פון אדום.

משה האָט ווידער אמאָל פאררופען די עלטסטע פון פאָלק און זיך מיט זיי בעראטהען וואס צו טהאָן.

— פאר זיין חוצפה'דיגען ענטפער— האָט מען דעם קעניג פון אדום געדארפט אָנלערנען! — האָט יהושע געזאָגט— ווי באלד אז ער פיהלט ניט די ברודערשאפט וואס איז צווישען אונז, פאר וואס זאָלען מיר האָבען איינזעהעניש מיט איהם! אויב ער וועט ארויסקומען מיט שווערד געגען אונז וועלען מיר איהם באגעגענען מיט די זעלבע וואפען!

— האָב איך דאָך דיר שוין איין מאָל געזאָגט אז דאס איז אונמעגליך — האָט זיך משה צו איהם אָפּגערופען — נאָר אַלעמען דארפסטו ניט פארגעסען, אז ער האָט א רעכט ניט דורכצולאָזען קיין פרעמדעס פאָלק... מעגליך אז ווען די אדומים, וואָלטען ניט געווען אונזערע פערוואנדטע וואָלסטו געווען גערעכט, אָבער נישט יעצט.

משה האָט בעשלאָסען צו שיקען א צווייטען מאָל די שלוחים, ער האָט זיי אָנגעזאָגט:

— געהט צו דעם קעניג פון אדום און זאָגט איהם אז מיר וועלען זיך בענוצען בלויז מיט'ן שטעגעלען וועג, און אויב מיר וועלען טרינקען זיינע וואסער וועלען מיר דערפאר בעצאָהלען און אויב אונזערע בהמות וועלען עסען פון דעם גראז אָדער זיי וועלען פאראורזאכען אן אנדער שאדען, וועלען מיר פאר אלעס בעצאָהלען מיט גאָלד. מיר פארזיכערען דיר אז דיין לאנד וועט דערפון נישט לײדען.

דער קעניג פון אדום האָט אויך דיזען מאָל זיי ענטזאגט, און ער האָט גלייך גענומען צוגרייטען א גרויסע ארמיע און איז ארויס געגען די אידען.

ווען משה האָט געזעהען אז ער איז

איינגעשפארט, האָט ער זיך פארנומען אין אן אנדער וועג, צו דער הר ההר (דעם בארג הור).

דארטען האָבען די אידען ערליטען דעם צווייטען גרויסען פארלוסט נאָך מרים׳ס טויט; אהרן משה׳ס ברודער וועלכער איז געווען דער כהן גדול איז געשטאָרבען.

גרויס איז געווען דער טרויער פון אלע אידען. דרייסיג טעג האָבען זיי בעוויינט זיין טויט.

משה האָט בעשטימט אהר׳ן זוהן אלעזר פאר׳ן כהן גדול.

נאָך די דרייסיג טעג האָבען די אידען פארטגעזעצט זייער רייזע ביז זיי זיינען צוגעקומען צו ארנון, וואס עס גרעניצט זיך צווישען מואב און דעם אמורי.

אויסארבייטענדיג די ווייטערע פלענער פאר זייער צוג, האָט משה בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו סיחון דעם קעניג פון אמורי ער זאָל לאָזען דורכגעהן די אידען דורך זיין לאנד.

ער האָט געשיקט די זעלבע שלוחים און זיי האָבען פארזיכערט דעם קעניג סיחון, אז זיי וועלען איהם גאָר קיין שאַדען ניט פאראורזאכען. אָבער סיחון האָט די שלוחים ארויסגעטריבען פון זיין לאנד און ער אליין האָט פארזאַמעלט א גרויסע מחנה און ארויס מלחמה האלטען מיט ישראל.

משה האָט גלייך געגעבען א בעפעל צו יהושע׳ן צו פיהרען די ארמעע געגען סיחון.

יהושע האָט געהאט אן ארמעע וואס איז שטענדיג געווען גרייט אין פאל פון א מלחמה. זיין ארמעע איז בעשטאַנען פון יונגע, געזונטע לייט, וואס ער האָט אויסגעקליבען פון יעדען שבט. זיי האָבען אימער מיט זיך געטראָגען זייער וואפען און געווען געגרייט צו דער רוף פון זייער הויפט יהושע. די מלחמה האָט זיך צופלאקערט, און די אידען האָבען סיחון׳ען באזיעגט. זיי האָבען איינגענומען זיין גאנצע לאנד, פון ארנון וואס איז געווען פון דרום, ביז יבק וואס איז געווען אין צפון זייט.

די אידען האָבען זיך דערווייל בעזעצט אין די שטעדט און אין די דערפער ארום.

משה האָט געשיקט מענשען אויסצוזעהן יעזר, וואס זיי האָבען נאכהער איינגענומען.

באלד אָבער האָט מען געלאָזט משה׳ן וויסען אז עוג דער קעניג פון בשן קומט אָן מיט א גרויסע ארמעע.

א שרעק האָט אלעמען אָנגענומען ווען זיי האבען דאס דערהערט, ווייל עוג איז געווען בעוואוסט אלס מעכטיגער קעניג און אלע פעלקער ארום האבען פאר איהם געציטערט. משה אָבער, האָט ערמוטהיגט דאס פאָלק און זיי זיינען באלד ארויס מלחמה האלטען אויך מיט עוג׳ן.

נאָך א פירכטערליך שלאכט האָבען די אידען געקראָגען די אויבערהאנד. עוג׳ס ארמעע האָט אָנגעהויבען זיך צולויפען. די אידען האָבען אָבער זיי נאָכגעיאגט און אלעמען אויסגעשלאכטעט. זיי האָבען אויך געטויטעט דעם קעניג און זיינע זיהן און זיין גאנצען פאָלק ביז וואנען עס איז פון זיי קיין שריד און פליט נישט געבליעבען.

27טער קאפיטעל
בלק און בלעם.

אין דרום מזרח פון כנען איז געווען דאס לאנד מאוב וואס האט זיך געגרעניצט פון דרום מיט אדום און פון צפון מיט דעם אמורי.

דער קעניג פון מואב אין יענע צייטען איז געווען בלק, דער זוהן פון צפור.

אין דער צייט פון סיחון דעם קעניג פון אמורי האט אויסגעבראָכען אָפטע מלחמות צווישען מואב און אמורי און פיעלע שטעדט פון מואב זיינען אריבער צום אמורי. נאכהער האבען די צוויי מלכים, סיחון, דער קעניג פון אמורי אין בלק, דער קעניג פון מואב געמאכט שלום צווישען זיך.

ווען בלק האט דערהערט אז די קינדער פון ישראל האבען מלחמה געהאלטען מיט די צוויי שטארקסטע מלכים, מיט סיחון דעם קעניג פון אמורי און מיט עוג, דעם קעניג פון בשן, זיי איז גאנצען בעזיעגט, און צוגענומען זייערע לענדער, האט זיך בלק גענומען שרעקען פאר זיין לאנד, יעצט אז די אידען געפינען זיך ביי דעם גרעניין פון זיין לאנד, וואס וועט ער טהאן אז זיי וועלען אויך מלחמה האלטען מיט איהם.

בלק איז געווארען זעהר אומרוהיג און בעזארגט. ער האט בעשלאסען צו מאכען שלום מיט זיינע אמאליגע שונאים, די מדינים, וועלכע געפינען זיך צו דרום צו פון זיין לאנד. ער האט געשיקט שלוחים צום קעניג פון מדין און ער האט פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל שיקען די עלטסטע פון מדין צו איהם, כדי ער זאל זיך מיט זיי בעראטהען וואס צו טהאן קעגען אלגעמיינעם שונא, ישראל.

דער קעניג פון מדין האט געטהאן זיין פערלאנג און ער האט איהם געשיקט איניגע פון די עלטערע מיניסטארען פון מדין.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין מואב, האט זיי בלק געגעבען זעהר א פיינע אויפנאהמע.

— יעצט וועלען די אידען פערדארבען אונזער לאנד, זיי וועלען אויסרייסען די גראז מיט'ן ווארצעל ווי דער אקס טהוט—האט בלק זיך צו זיי אפגערופען—אויב מיר וועלען דערצו גארניט טהאן זיינען מיר אלע פערלארען. ווער האט זיך גאר גערעכנט פארשטעלען, אז א פאלק וואס איז מיט פערציג יאהר צוריק געוועזען שקלאפען, זאל יעצט אזוי שטארק זיין און בעזיעגען די צוויי שטארקסטע מלכים, סיחון און עוג. ניט אנדערש אז זיי בעזיצען אן אויסערגעוועהנליכע קראפט און מיר מוזען זוכען מיטלען ווי אזוי דיזע קראפט צו צושטערען. און עס וועט זיין פאר דער טובה פון אונזערעביידע לענדער זיך צו פעראייניגען געגען אזא מעכטיגען שונא, ווייל אויב זיי וועלען איינענהמען מיין לאנד, וועלען זיי נאכהער געהן מלחמה האלטען אויך מיט מדין. און אזוי ווי איך וויים, אז דער אידישער פיהרער משה, האט א לאנגע צייט פערבראכט אין אייער לאנד, איז מעגליך, אז איהר ווייסט אין וואס בעשטעהט זיין גבורה.

— יע, איך געדענק איהם נאך!— האט זיך אן עלטערער מיניסטער פון מדין אפגערופען — ער איז געוועזען א פאסטוך ביי יתרו'ן. און ער האט ווירקליך ארויסגעצייגט גרויס גבורה אבער איך גלויב, אז אלע זיינע נצחונות וואס ער האט אפגעהאלטען, איז עס נישט צוליעב דעם כח פון זיינע הענט, נאר צוליעב דעם כח פון זיין מויל.

— וואס מיינסטו, מיין פריינד ?— האט איהם בלק געפרעגט.

— איך מיין, אזוי ווי משה איז אויפגעהאדעוועט געווארען אין מצרים, אין פרעה'ס פאלאץ, האט ער געלערענט פיעל כשוף פון די חרטומים, און דאס בעניצט ער זיך דאמיט כדי צו בעזיגען זיינע שונאים.

— אויב אזוי וועסטו מיר ענטשולדיגען מיין פריינד—האט בלק זיך צו איהם אפגערופען—ווען איך וועל דיר פרעגען א נארישע פראגע: מיר אלע ווייסען דאך, אז די מצריים זיינען פערעכענט פאר די גרעסטע מכשפים, און ווי דו אליין זאגסט האט משה זיך אויסגעלערענט זיין כשוף פון די מצריים, טו ווי אזוי איז עס מעגליך, אז משה האט בעזיעגט מצרים דאמיט, אין דער צייט וואס זייער וואפען איז געוועזען א סך שטארקער פון זיינע.

דער אלטער מיניסטער פון מדין האט א ווייל'ע א קווטש געטהאן זיין שטערען און נאכהער האט ער זיך אפגערופען :

— איך וועל דיר דאס אלעס באלד ערקלעהרען, אבער פריהער וועל איך דיר מוזען עפעס דערצעהלען וואס איז אין

מצרים פערלאָזען איידער משה איז אהין אוועק אויסצולייזען זיין פאָלק.

בלק און אלע זיינע מיניסטאָרען האָבען אָנגעשטרענגט אויגען און אויערען צו הערען פון דעם אלטען מדיני, וואס ער וועט זיי דערצעהלען.

— דורך דער הערשאפט פון פרעה מענעפּטאה האט זיך אין מצרים געפונען איינער פון די גרעסטע מכשפים פון דער וועלט — האט ער אָנגעפאנגען — און זיין נאָמען איז געווען בלעם, דער זוהן פון בעור, און אויסער דעם וואס ער איז געווען א גרויסער מכשף, איז ער אויך זעהר קלוג געווען, און ווען פרעה האט געהערט אז אזא גרויסער מכשף און קלוגער איז געקומען בעזוכען זיין לאנד, האט ער איהם גלייך איינגעלאדען צו זיך אין פאלאץ און האט מיט איהם א היבשע צייט פערבראכט. באלד האט פרעה איינגעזעהען, אז דער פרעמדער איז ווירקליך זעהר קלוג, און דעריבער האט ער בלעם׳ן איינגעלאדען צו ווערען זיין הויפט מיניסטער.

איניגע יאָהר איז בלעם געווען פרעה׳ס הויפט מיניסטער, און ער האט איהם געגעבען די בעסטע עצות, ווי אזוי צו פיהרען דאס לאנד און ווי אזוי צו האלטען די ישראלים פאר אייביגע שקלאפען. פרעה האט געטהאן אלעס וואס ער האט איהם געהייסען און ער איז געווען ערפאָלגרייך. אָה ווען בלעם וואלט נאך ביי דיזער צייט אין מצרים געווען, וואלטען מיר יעצט גאר נישט דארפען מורא האבען פאר די קינדער פון ישראל... זיי וואלטען קיינמאָל ניט בעפרייט געווארען.

— אָבער פארוואס האט בלעם פערלאָזען מצרים? — אי. בלק נייגיעריג געווארען.

— אָט דאס וועל איך טאקע יעצט דערצעהלען—האט דער אלטער געזאגט—ער האט נישט פערלאָזען מצרים אָבער פרעה האט איהם פון דאָרטען פערטריבען?

— פערטריבען?! —האט בלק געשטוינט—אזא מאן וועלכער האט געבראכט אזוי פיעל גליק צו א לאנד, זאל פון דאָרטען פערטריבען ווערען! איז דען פרעה משוגע געווארען?!

— אין יענע צייט—האט דער מיניסטער פאָרטגעזעצט — האט פרעה בעשטעלט בויען א וואונדערבארען שאץ־קאמער, וואס עס זאל אומעגליך זיין פאר גנבים אהין אריינצוקומען. יאָהרען האט געדויערט ביז וואנען דיזער וואונדערבארער שאץ־קאמער איז פאָרטיג געווארען. דאָרט זיינען נישט געווען קיין טיערען, קיין פענסטער בלויז איין אריינגאנג וואס האט געפיהרט פון פרעה שלאָף צימער.

דאָרטען האט פרעה געהאלטען זיינע אוצרות, צווישען וועלכע ער האט געהאט זעהר א שעהנעם און קאָסטבארען האלזבאנד וואס איז געווען א זעלטענהייט. קיינער פון פרעה׳ס בעסטע פריינד האט נאך נישט געהאט די עהרע צו זעהען די קונסטבארע שאץ־קאמער. איינמאָל בעשליסט פרעה צו צייגען בלעם׳ן זיינע אוצרות און די שאץ־קאמער, ער איז מיט איהם אהין אריין און איהם אלעס אויסגעצייגט. פרעה האט אזוי געציטערט איבער זיינע קאָסטבארע אוצרות, אז אפילו זיין טריעסטען מיניסטער בלעם, האט ער געהיט מיט "זיעבען אויגען", עס זאל זיך צו איהם גאר נישט צוקלעפען פון דאָרטען. אין איניגע טעג ארום, נאכהער ווי פרעה און בלעם האבען צוזאמען בעזוכט די שאץ־קאמער, האט פרעה אויסגעפונען, אז זיין זעלטענער האלזבאנד איז ארויסגע׳גנב׳עט געווארען פון שאץ־קאמער.

— און פרעה האט געוויס חושד געווען זיין מיניסטער, בלעם? — האט בלק זיך אָפּגערופען.

— און ווי האט אנדערש געקענט זיין?—האט דער אלטער געענטפערט—קיינער, אויסער בלעם האט נאך דאָרטען נישט אריבערגעטראָטען די שוועל. פאר פרעמדע גנבים איז געווען אונמעגליך דאָרטען אריינצוקומען, איז עס דאך נאטירליך, אז פרעה זאל האבען חושד געווען בלעם׳ן אין דיזער גנבה. בלעם

אבער האט געלייקענט, ער האט געשוואָרען ביי אלע געטער פון מצרים, אז ער איז אומשולדיג, און אז דאָ איז פאָרגעקומען א טעות.

פרעה האט ווידער אמאָל דורכגעזוכט יעדען ווינקעל פון שאַץ־קאַמער און עס נישט געפונען... און כאָטש בלעם האט געטענה'ט, אז פרעה האט אליין געזעהן אז ווען זיי האבען ביידע פערלאָזען די שאַץ־קאַמער, דאס דער האלזבאנד איז דאָרט געווען.—און ווי אזוי וואלט ער געקענט טהאָן אזא זאך, אין דער צייט וואס ער ווייס, אז ער איז דער איינציגער וועלכער האט געהאט צוטריט אהין. פרעה האָט אָבער געטענה'ט, אז וויבאלד, אז ער איז דער איינציגער וועלכען איז ווען עס איז געווען אין שאַץ־קאמער, האט ער קיין אנדער ברירה נישט ווי איהם חושד צו זיין. און אזוי האט פרעה מיט איניגע טעג שפּעטער בעפוילען צו זוכען אין בלעם'ס הויז און אין אלע זיינע כלים.

— נו, האט מען דאָרטען דעם האלזבאנד געפונען?—האט בלק געפרעגט.

— יע, מען האט איהם געפונען אין בלעם'ס קארעטע.

— אויב אזוי איז דאך בלעם ווירקליך א גנב!—האט בלק אויסגערופען.

— ניין! בלעם איז געווען אומשולדיג! — האָט דער אלטער אויסגערופען.

— דאָס האָט איהם זיינער א שונא אזוי אָפּגעטהאָן—וואָרים עס פארשטעהט זיך אז ווען בלעם וואָלט טאקע גע'גנב'עט דעם האלזבאנד, וואָלט ער שוין קיין אנדער פלאץ נישט געפונען, וואו איהם צו באהאלטען, נאָר אין זיין קארעטע, וואָס געפינט זיך שטענדיג אין קעניגליכען הויף. בלעם האָט אלעם ערקלעהרט דעם קעניג, אָבער פרעה האָט פון גאָר נישט געוואָלט הערען, ער איז נאָך יעצט ווען דער האלזבאנד איז געפונען געוואָרען אין בלעם'ס רשות, געווען מעהר איבערצייגט, אז בלעם איז דער גנב, און ער האָט איהם פארטריבען פון זיין לאנד.

— אָבער אויב נישט בלעם, טו ווער האָט עס פאָרט געקענט טהאָן? — האָט בלק געשטוינט. — פון דיינע רייד זעה איך טאקע, אז בלעם איז אומשולדיג, האָט מען אָבער נאכהער אויסגעפונען ווער דער אמת'ער גנב איז געווען?

— דאָס איז פארבליבען א געהיימניס, ביז א קורצע צייט איידער די אידען זיינען באפרייט געוואָרען פון מצרים. דאן האָט פרעה ענטדעקט, אז מען האָט פון זיין שאַץ־קאַמער ארויסגע'גנב'עט אלע זיינע אוצרות... און ביז יעצט קען קיינער נישט פארשטעהן ווי אזוי אימיצער האָט דאָרטען געקענט צוקומען, אין דער צייט, וואָס עס איז דאָרטען נישטאָ קיינע טיהרען און קיין פענסטער, און עס איז אזוי קינסטליך און שטארק געבויט, אז עס איז אוננמעגליך צו גלויבען, אז א מענש פון בלוט און פלייש זאָל אהין קענען צוקומען.

— און פון וואנען ווייסטו עס אלעם?
— האָט בלק דעם אלטען מינינסטער פון מדין געפרעגט.

— איך האָב עס אליין אלעם געהערט פון בלעם'ס מויל, — האָט ער געענטפערט. — ער איז גלייך נאָכדעם, ווי ער איז געווען געצוואונגען צו פארלאָזען מצרים, געקומען אהער קיין מדין און האָט זיך אויפגעהאלטען אין מיין פאָטער'ס הויז פאר א היבשער צייט.

— אָבער דו האָסט נאָך אלץ מיין פראגע נישט פארענטפערט, — האָט בלק געפרעגט דעם אלטען—ווי אזוי די כשוף־מאכער פון מצרים האָבען גאָרנישט געקענט טהאָן געגען די כשוף פון משה'ן, כאָטש ער האָט אלעם פון זיי געלערענט?

— פארשטעהסטו מיך, — האָט דער אלטער מדינישער מיניסטער איהם געענטפערט. — נאָכדעם ווי פרעה האָט בלעמ'ן אזוי שטארק באליידיגט, האָט בלעם פארשאָלטען פרעה'ן און זיין גאנצעם לאנד... יע, בלעם האָט די מאכט אין זיין מויל. וועמען ער שילט בלייבט ער פארשאָלטען און וועמען ער בענשט, איז געבענשט, און אלע ווייסען, אז קורץ נאָכדעם ווי בלעם האָט פארשאָלטען

פרעה'ן און זיין לאנד, האָט מצרים אָנגעפאנגען אונטערצוגעהן. דאן האָט שוין געקענט קומען משה און ברייננגען אויף מצרים צעהן מכות, נאכהער האָט ער זיינע ברידער באפרייט. און ווען פרעה איז נאָכגעלאָפען נאָך משה'ן, און געוואָלט צוריקברייננגען זיינע שקלאפען, האָט ער זיין לעצטע מפלה געבאפט ביים ים... יע, אזוי איז מצרים רואינירט געווארען בלויז דורך דער קללה פון דעם גרויסען מאן, בלעם, דער זוהן פון בעור!

— לעבט ער נאָך, אָט דער בלעם? — האָט בלק געפרעגט דעם מיניסטער פון מדין.

— געוויס לעבט ער! — האָט דער מיניסטער געענטפערט. — ער איז עטוואָס עלטער פון מיר און ווי איך האָב לעצטענס געהערט, איז נאָך גוט שטארק און געזונט.

— און וואו געפינט ער זיך יעצט?
— האָט בלק ווייטער געפרעגט.

— ער געפינט זיך אין דער שטאָדט פתור, וואָס שטעהט ביים ברעג טייך פרת, אין ארם נהרים, — האָט ער געענטפערט. — און ווייסטו פארוואָס יענע שטאָדט ווערט אָנגערופען פתור? טאקע צוליעב בלעם'ן, ווייל ער איז פותר אלע שווערע חלומות און ווייסט אלעס!

— אויב אזוי, — האָט פלוצלונג א געדאנק אויפגעבליצט אין בלעם'ס מח.
— אויב אזוי קענען מיר דאָך איהם בעטען ער זאָל קומען שילטען די אידען, און דאן וועט זייער מאכט אויך אָפגעשוואכט ווערען!

— דאָס איז נישט קיין שלעכטער געדאנק! — האָט דער מדיני געענטפערט. — די פראגע איז נאָר אויב ער זאָל וועלן צושטימען דאָס צו טהאָן.

— פארוואָס זאָל ער עס נישט וועלען טהאָן? איך וועל איהם פאר זיין טרחה באצאָהלען!

— אָבער ער געפינט זיך גאנץ ווייט און עס וועט פאר איהם זיין א גרויסע טרחה צו קומען אהער.

— ער קען בלייבען זיצען אין זיין לאנד און שילטען פאר מיר די אידען פון דאָרטען.

— דאָס איז אונמעגליך! אויב דו ווילסט די קללה זאָל האָבען א ווירקונג, דאן מוז ער אליין קומען אהער און מיט זיינע אויגען זעהן די געשטאָלטענע פון ווייטען קענען זיינע קללות גאָרנישט אויפטהאָן.

— זאָל ער קומען צו מיר אין לאנד, איך וועל איהם גרויס כבוד אָפגעבען און איך וועל איהם פאר מיין הויפט מיניסטער מאכען! — האָט בלק געזאָגט.

— דו קענסט שיקען צו איהם שלוחים און איהם איינלאדען צו דיר. דו קענסט איהם אויך דערמאָנען מיין נאָמען, ער וועט זיכער מיך געדענקען, מעגליך אז ער וועט צושטימען צו קומען צו דיר.

— פיעלייכט וואָלט געווען מעגליך פאר דיר און די אנדערע עלטסטע פון מדין מיטצוגעהן מיט מיינע שלוחים?
— האָט בלק איהם געפרעגט. — איך וועל זעהן, אז איהר זאָלט קריגען שטארק באלוינט פאר אייער טרחה און אויך די באלוינונג פאר דעם כשוף, מיט וואָס בלעם וועט זיך באנוצען ווען איהר באקומען.

דער עלטערער מיניסטער האָט זיך דורכגערעדט מיט די איבעריגע און זיי האָבען צוגעשטימט מיטצוגעהן מיט די עלטסטע פון מדין צו בלעם'ן אין פתור.

— ווען בלעם וועט קומען אין דיין לאנד, — האָט דער עלטסטער פון די מדינים זיך אָפגערופען צו בלק'ן, — זאָלסטו איהם געבען א קעניגליכע אויפנאהמע. דו זאָלסט איהם באלד באשטימען פאר דעם הויפט פריסטער פון דעם אָפגאָט בעל פעור, דאָס וועט איהם געבען א גרעסערען חשק צו קומען צו דיר אין לאנד.

— איך וועל אלעס טהאָן פאר איהם, אבי ער זאָל נאָר קומען שילטען די אידען! — האָט בלק געזאָגט און זיי מיטגעגעבען א סך גאָלד און זילבער צו ברייננגען א מתנה בלעם'ן.

די עלטסטע פון מדין און מואב זיי־

נען אוועק צו בלעם'ן און איהם איבערגעגעבען בלק'ס פארלאנג.

— דאס אידישע פאלק, וואס איז ארויס פון מצרים, צייגט צו זיין זעהר שטארק. אין א קורצער צייט האבען זיי דורכגעמאכט צוויי מלחמות מיט צוויי מעכטיגע קעניגע און זיי האבען ביידע מאל מנצח געווען. יעצט געפינט זיך דאס פאלק ישראל נישט ווייט פון מיר, און זייט משה און זיין פאלק האבען זיך דערנעהענטערט צו מיין לאנד, איז פאר מיר אלעם פינסטער געווארען. איך בין תמיד אין גרויס שרעק זיי זאלען מיך נישט באפאלען און חרוב מאכען מיין לאנד און יעצט בעט איך דיך, דו זאלסט צו מיר קומען און ארויסהעלפען. איך וויל, אז דו זאלסט שילטען די אידען, ווייל איך האב געהערט, אז וועמען דו שילטסט איז פערשאלטען און וועמען דו בענשט איז געבענשט... איך בין זיכער, אז ווען דו קומסט און פארשילטסט דאס פאלק ישראל, וועל איך איהם גאנץ גרינג פארטרייבען פון מיין לאנד.

בלעם האט באטראכט די שלוחים און האט אנגעשטעלט א פנים ווי ער קווינקעלט זיך. איהם זיינען נישט געפעלען געווארען די שרים, וועמען בלק האט געשיקט.

— איך וויים נאך נישט, אויב איך וועל קענען מיט אייך מיטגעהן, — האט ער זיך אפגערופען. — איהר דארפט דאך וויסען, אז אזא מאן ווי איך, מוז זיך פריהער בעראטען מיט גאט. און ווי גאט וועט מיר הייסען, אזוי וועל איך מוזען האנדלען!

— און ווען וועסטו אונז געבען דיין תשובה? — האבען זיי איהם געפרעגט.

— מארגען אין דער פריה וועל איך אייך קענען געבען א ריכטיגע תשובה, אויב איהר ווילט, קענט איהר דא איבערנעכטיגען די נאכט.

דער הויפט פון די מדינים האט גלייך דערקענט אן בלעם'ן, אז ער איז נישט צופרידען מיט די שלוחים, וואס בלק האט צו איהם געשיקט. ער האט דערריבער איהם געוואלט דערמאנען ווער ער איז.

— איך האף, אז מיין האר, בלעם, געדענקט מיך נאך פון אמאל? — האט ער געזאגט.

בלעם האט איהם באטראכט און האט א קוועטש געטהאן מיט זיינע פלייצעס.

— ניין, איך קען זיך נישט דערמאנען.

— מיין נאמען איז רקם. איך בין פון מדין, דו האסט זיך אויפגעהאלטען אין מיין פאטער'ס הויז, ווען דו האסט פארלאזען מצרים.

— יע, איך דערמאן זיך יעצט, — האט בלעם א קנייטש געטהאן מיט'ן שטערען — עס איז שוין זעהר א לאנגע צייט. איך בין נאך דאן אגר יונג געווען.

— און שוין דאן איז דיין נאמען גרויס געווען. אלע פון מדין האבען געוואוסט, אז דו, מיין האר, האסט פארשאלטען מצרים, ווייל גלייך ווי דו ביזט פון דארטען אוועק, יז מצרים'ס מאכט געפאלען, ביז וואנען דאס לאנד איז פאלקאם רואינירט געווארען.

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף בלעם'ס ליפען. זינט דאן האט ער געקרגען זיין נאמען אלס א מאן, וועלכער קען באווייזען וואונדער. אלע האבען אין איהם אנגעפאנגען צו גלויבען. און אזוי איז זיין נאמען גרויס געווארען. מ'פלעגט צו איהם קומען פון פארשיעדענע לענדער, ער זאל פותר חלום זיין, אדער ער זאל אן אומגליקליכען זיין ברכה געבען. ווען אימיצער האט געהאט א שונא, פון וועמען ער האט געוואלט פטור ווערען, פלעגט יענער קומען צו בלעם'ן און איהם באצאהלען, ער זאל זיין שונא שילטען, גלויבענדיג, אז דורך בלעם'ס קללה וועט זיין שונא אפגעשוואכט ווערען.

יעצט זעהט ער אז דער קעניג פון מואב שיקט נאך איהם ער זאל שילטען די אידען. ער וויים אז ער האט נישט די מעגליכקייט צו טאהן אזא זאך, און ווען ער זאל צושטימען גלייך צו געהן און זיי שילטען, וועט דאך בלק אין א

קורצע צייט ארום אויסגעפינען אז זיינע קללות האבען קיין ממשות נישט. דעריבער האט בלעם בעשלאסען זיך פרייהער גוט צו קווינקלען, ווייל אויסער דעם, איז ער געווען אומצופרידען מיט די שלוחים וואס בלק האט געשיקט. זיי זיינען געווען צו איינפאך פאר איהם. אויב בלק האט געוואלט ער זאל קומען צו איהם, האט ער בעדארפט שיקען גרעסערע און חשוב'ערע הארען.

אויף מארגען האט בלעם זיך אפגערופען צו די שלוחים:

— צום בעדויערן קען איך מיט אייך נישט מיטגעהן, גאט וויל נישט איך זאל מיט אייך מיטגעהן.

— וועסטו קענען מיטגעהן מיט אנדערע שלוחים וואס בלק וועט שיקען נאך דיר? — האט איינער פון זיי איהם געפרעגט.

— דאס וויים איך נישט! — האט בלעם געענטפערט — אבער איין זאך בין איך זיכער אז גאט איז געגען דעם איך זאל מיט אייך געהן!

ענטוישטע האבען זיך די שלוחים צוריקגעקעהרט צו בלק'ן און איהם איבערגעגעבען אז בלעם וויל מיט זיי נישט געהן.

— האט ער אייך אנגעגעבען אן אורזאכע? — האט זיי בלק געפרעגט.

— ניין, ער האט אונז בלויז געענטפערט אז גאט וויל נישט דאס ער זאל מיט אונז געהען. אבער ווי איך פערשטעה — האט דער עלטסטער פון זיי זיך אפגערופען—איז עס נישט פאר זיין כבוד צו געהן מיט אונז, און מיין עצה איז, אז דו זאלסט שיקען צו איהם זעהר חשוב'ע הארען, וועט ער דיר זיכער נישט ענטזאגען.

— וועמען וואלסטו פארגעשלאגען צו שיקען פון מדין? — האט איהם בלק געפרעגט.

— איך וואלט דיך געראטען דו זאלסט צו איהם שיקען צור'ן, וועלכער איז דער הויפט פון איינע פון די פינף משפחות פון מדין, צו איהם וועט זיך בלעם צוהערען.

בלק, דער קעניג פון מואב האט געשיקט רופען צור'ן פון מדינ'ען און צוזאמען מיט נאך וויכטיגע און מעהר חשוב'ע שלוחים ווי די ערשטע זיינען געווען, האט ער זיי אוועקגעשיקט צו בלעם'ן מיטגעבענדיג זיי נאך גרעסערע מתנות.

ווען זיי זיינען געקומען צו איהם, האט בלעם זיי גאנץ פיין אויפגענומען.

— מיר קומען צו דיר פון בלק'ן — האט צור זיך צו איהם אפגערופען—און ער פערלאנגט אז דו זאלסט אונז דיזען מאל נישט ענטזאגען און מיטגעהן. דו וועסט געעהרט און געאכטעט ווערען אין אונזער לאנד און וואס דו וועסט זאגען אזוי וועט געטאהן ווערען. וועגען קיין געלט וועט זיכער נישט זיין קיין אפהאלט.

— אפילו ווען בלק וואלט מיר געגעבען זיין גאנצע הויז אנגעפילט מיט גאלד און זילבער, קען איך נישט געהן געגען דעם ווילען פון גאט.

— מיין הער בלעם—האט צור זיך צו איהם אפגערופען—וועסטו מיר ערלויבען צו ריידען מיט דיר אליין.

— געוויס! קום מיט מיר אריין אין צווייטען צימער—האט בלעם איהם אנגעוויזען.

זיי זיינען ביידע אריין און צור האט זיך אפגערופען:

— דו ווייסט דאך איז וואס פאר א געפאהר מיין לאנד און דאס לאנד פון מואב געפינט זיך. נאכדעם ווי זיי האבען אפגעווישט צוויי גרויסע און מעכטיגע קעניגרייכען, סיחון און עוג. יעצט בעט איך דיר אז דו זאלסט אונז טאהן די געפעליגקייט און מיט אונז מיטגעהן. איך האב א טאכטער און איהר נאמען איז כזבי, איז צו איהר שעהנקייט קיין גלייכען נישטא, און איך פערשפרעך דיר אז ווען דו וועסט מיט מיר מיטגעהן וועל איך כזבי'ן איבערגעבען אין דיין רשות און דו וועסט קענען טאהן צו איהר ווי דיר וועט געפעלען.

בלעם'ס אויגען האבען אויפגעלויכ־

טען, צור'ם פארשלאג האט איהם גענומען. דאך האט ער זיך אזוי שנעל ניט געוואלט אונטערגעבען.

— נעכטיגט איבער די נאכט און איך וועל הערען וואס גאט וועט מיר ווייטער זאגען.

בלק'ס שלוחים האבען איבערגענעכטיגט יענע נאכט און אויף מארגען האט שוין בלעם זיי געלאזט וויסען אז ער געהט מיט זיי.

— געדענק, דו זאלסט האלטען דיין פערשפרעכען צו מיר! — האט בלעם זיך אפגערופען :ו צור'ן.

— איך וועל מיין ווארט נישט בייטען, מיין טאכטער וועט געהערען צו דיר און דו וועסט קענען טאהן מיט איהר וואס דו וועסט ווינשען—האט איהם צור נאך אמאל פערזיכערט.

בלעם האט זיך געזעצט אויף זיין אייזעל און איז מיט די שלוחים אוועק צו בלק'ן דעם קעניג פון מואב.

אין טעמפעל פון בעל פעור פון דעם לאנד מואב האט מען געמאכט גרויסע הכנות אויפצונעהמען בלעם'ן. בלק האט שוין געזעהן אז די דינסט און צערעמאניעם צו דער געטין עשתרת זאל זיין זעהר פרעכטיג, כדי עס זאל בלעם'ן שטארק געפעלען.

דער אופן ווי אזוי די מואבים האבען געדינט צו דעם בעל פעור איז געווען זעהר א שמוציגער. זייער געצען דיענסט איז בעשטאנען אין דעם וואס מען פלעגט נעהמען יונגע מיידלאך און זיי מפקיר זיין צו דער געטין עשתרת און יעדער מאן וועלכער פלעגט קומען אין דעם טעמפעל פון בעל פעור פלעגט עפענטליך מזנה זיין מיט איינע פון דיזע מיידלאך וועלכע פלעגען אנגערופען ווערען: "קדושות". אזוי אז גאנץ מואב איז פערפלייצט געווארען מיט זנות.

ווען די מדינים האבען געזעהען דעם אופן ווי אזוי די מואבים דינען צו דער געטין עשתרת איז עס זיי שטארק געפעלען געווארען און עס האט נישט לאנג געדויערט און אויך מדין האט געהאט דיזעלבע געצענדינסט ווי מואב. אפטמאל פלעגען זיך די מדינים און די מואבים בייטען מיט זייערע קדושות, די קדושות פון מואב פלעגען קומען נאך מדין און די קדושות פון מדין פלעגען קומען אין די טעמפלען פון מואב. אזוי איז דער בונד פון פריינדשאפט פערשטארקט געווארען צווישען די צוויי פעלקער. נאטירליך, מיט אזעלכע הפקרות און זנות זיינען ביידע לענדער געווען אנגעשטעקט מיט פערשיעדענע קראנקהייטען. אבער אזוי ווי דאס איז שוין געווען פון דורות לאנג, זיינען זיי שוין דערצו געוואהנט געווארען צו די מגפות און אנדערע קראנקהייטען וואס פלעגט ביי זיי אויסברעכען, אז זיי האט שוין עס מעהר נישט געארט.

יעצט אז בלעם האט געדארפט אנקומען, האט בלק פערטריבען די אלע פריהערדיגע קדושות פון טעמפעל און ער האט דארטען געבראכט נייע. ער האט אויסגערופען אין לאנד, אז דער וואס האט א יונגע טאכטער, א בתולה, זאל ער איהר ברייגנען אין טעמפעל פאר דער געטין עשתרת.

ביי די איינוואהנער פון מואב איז געווען א גרויסער כבוד אז זייערע טעכטער זאלען אפגעגעבען ווערען צו דינען דעם בעל פעור און עשתרת.

בלק האט בלעם'ן געגעבען א קעניגליכע אויפנאהמע, ער איז איהם ענטקעגען געקומען צו דעם גרענעץ פון ארנון.

— איך בין זעהר גליקליך וואס דו ביזט געקומען צו מיר! — האט בלק זיך אפגערופען — און מיר וואונדערט זיך וואס דו ביזט נישט געגאנגען דעם ערשטען מאל וואס איך האב נאך דיר געשיקט, דיינקסטו דען אז איך קען דיר נישט אפגעבען כבוד ווי עס פאסט פאר דיר.

— און יעצט אז איך בין שוין געקומען, קען איך דען ריידען אדער טאהן א זאך. ניין, איך מוז ווארטען ביז וואנען גאט וועט מיר ערלויבען, דאן וועל איך עפעס קענען פאר דיר אויפטאהן.

מיט גרויס פאראד האט בלק געפיהרט

בלעם'ן אין זיין הויפטשטאָדט. ער האט געמאכט פאר איהם א גרויסארטיגען מאָלצייט. נאכהער האט ער איהם גע־פיהרט אין דעם טעמפעל פון בעל פעור. בלעם'ן איז שטארק געפעלען דער וועג ווי די מואבים דינען זייער אפגאָט.

— פון יעצט אָן און ווייטער וועל איך ווערען א שטארקער אנהענגער פון דיין געטין עשתרת! — האט בלעם זיך צו איהם אפגערופען — איך וועל אנגעה־מען דיין גלויבען.

— און איך שעץ זיך גליקליך דיר איבערצוגעבען מיין בעשלום דיר צו באַ־שטימען אלס דער הויפט פריסטער פון דיזען טעמפעל.

בלעם האט ועיוארפע זיינע בליקען אויף די אלע קדשות וועלכע זיינען גע־זעסען אוי הזייערע קניה, אָהן קליידער, און ער האט זיך אפגערופען:

— עס איז ווירקליך א גרויס כבוד צו זיין דער הויפט פריסטער אין דיזען טעמפעל, אבער איך וויים נאָך נישט אלע מנהגים און צערעמאָניעס וואס מען דארף טאָהן אין טעמפעל.

עס וועט לאנג נישט נעהמען און דו וועסט אלעם וויסען — האט איהם בלק פערזיכערט.

— און וואו איז צור? — האט בלעם פלוצלונג א פרעג געטהאָן בלק'ן.

— ער איז אוועק נאָך זיין לאנד, ער איז געגאנגען ברייגען זיין טאָכטער כזבי'ן און זי דיר איבערגעבען.

— איז זי ווירקליך א שעהנע מייד־דעל? — האט בלעם איהם געפרעגט.

— זי איז די שעהנסטע מיידעל פון מדין און מואב! — האט איהם בלק געענטפערט — און עס וועט פאר צור'ן זיין א גרויסע עהרע ווען ער וועט מפקיר זיין זיין טאָכטער צו דער געטין עשתרת דורך דיר.... און יעצט מיין פריינד, וועל איך דיר פיהרען צו דעם גרעניץ וואו די קינדער פון ישראל געפינען זיך און דו וועסט זיי פאר מיר שילטען.

— איך וועל בעסער ווארטען ביז צור וועט זיך צוריקקעהרען מיט זיין טאָכטער — האט בלעם געענטפערט.

— אבער דערווייל וועסטו דאָך קע־נען זעהן דעם פאָלק, און דו וועסט נאָכ־הער בעסער וויסען ווי אזוי זיי צו שיל־טען.

— גלויב מיר, בלק, אז איך האס די אידען נאָך מעהר ווי דו, און איך וואלט זעהר געוואלט אז קיין געדעכנים זאל פון זיי נישט בלייבען. אבער איך האב דיר דאָך שוין פריהער געזאָגט אז איך קען גאָר נישט טאָהן ביז וואנען איך וועל קריגען די ערלויבנים פון גאָט.

— ווי אזוי אבער וועט זיך גאָט ווע־לען צו דיר צוהערען? האט איהם בלק געפרעגט.

— מיר וועלען דארפען פאר איהם מקריב זיין זעהר פיעל קרבנות, דאן וועט ער איינוויליגען זיך צוצוהערען צו מיין פערלאנג.

אויף מאָרגען אין דער פריה האט בלק געפיהרט בלעם'ן צו דעם הויכען פלאַץ במות בעל, פון דארטען האט ער געזעהען די לעצטע געצעלטען פון דעם אידישען לאגער.

— אויף דיזען פלאַץ זאָלסטו מיר בויען זיעבען מזבחות און צוגרייטען זיעבען אָקסען און זיעבען בארא‌נען און נאכדעם ווי אלעם וועט פערטיג זיין וועלען מיר די קרבנות מקריב זיין אויף די מזבחות, און דאן וועט גאָט מיר גע־ווים ענטדעקען וואס צו טאָהן. אבער דו וועסט מוזען ווארטען ביז וואנען צור וועט זיך צוריקקעהרען.

בלק האט אזוי געטאָהן. ער האט גע־הייסען אויפשטעלען זיעבען מזבחות אויף במות בעל און ער האט געבראכט זיעבען אקסען מיט זיעבען בארא‌נען. און זיי צוגעבונדען צו די בוימער און גצווארט אויף בלעם'ן ביז וואנען ער וועט איינוויליגען ארויפצוקומען דאר־טען און מקריב זיין די אקסען און באַ־ראנען. אין א פאר טעג ארום האט זיך צוריקגעקעהרט צור מיט זיין טאָכטער כזבי.

ווען בלעם האט איהר דערזעהען, איז ער ענטציקט געווארען פון איהר שעהנ־

קיימ. ער האט איהר גלייך געבראכט אין דעם טעמפעל פון בעל פעור.

אויף מאָרגען איז בלעם אוועק מיט בלק'ן אויף דעם פלאץ און זיי האבען ביידע מקריב געווען אן אקס און א באַראן אויף יעדען מזבח.

— פאר וואָס דארפסטו האָבען זיבען מזבחות און זיבען אָקסען און באראנען? —האָט בלק געפרעגט בלעם'ן.

— ווייל דאָס זיינען די קרבנות פאר כשוף. אין פאל גאָט וועט זיך צו מיר ניט בעוויזען וועל איך דורך כשוף וויסען וואָס צו טהאָן. און דעריבער ווערסטו, בלק, דארפען שטעהען נעבען דיינע קרבנות און מתפלל זיין און איך וועל פרובירען מאכען מיין כשוף.

א היבשע ווײלע איז בלק אזוי געשטאנען נעבען די מזבחות, וואו די געשאָכטענע אָקסען און באראנען זיינען געווען.

בלעם האָט געגלאָצט מיט די אויגען, ער האָט געקנייטשט מיט זיין שטערען און געריבען זיינע הענד.

בלק האָט מיט אויסגעשטארטשטע אויגען געקוקט אויף בלעם. ער האָט געפאָלגט זיין יעדע בעוועגונג און נאָכגעטהאָן אלעס וואָס בלעם האָט געטהאָן.

פון ווייטען זיינען געשטאנען די איבעריגע הארען פון מואב און מדין. באלד האָט בלק צו זיי א וואונק געטהאָן און זיי זיינען צוגעקומען צו די מזבחות און האָבען אויך פון בלעם'ען זייערע אויגען ניט ארונטערגענומען.

פלוצלינג האָט בלעם אויפגעעפענט זיין מויל און אָנגעפאנגען צו זינגען:

„פון ארם האָט מיך בלק געפיהרט
דער קעניג פון מואב—פון די מזרח־בערג
„געה שילט יעקב און פלוך ישראל!
ווי אזוי קען איך שילטען ווען גאָט שילט ניט
ווי אזוי קען איך פלוכען ווען גאָט וויל נישט.
איך זעה דאָס פאָלק העבער פון גרעסטע פעלזען
איך קוק אויף איהם פון די הויכע בערג
דאָס פאָלק רוהט אפגעזונדערט
צווישען פעלקער ווערט ער ניט פאר־רעכענט
ווער קען צעהלען יעקב'ס קינדער
וועלכע זיינען אזוי פיעל ווי די שטויב פון דער ערד
הלואי וואָלט מיין סוף געווען אזוי ווי זיינער!

— וואָס האָסטו געטהאָן?! —האָט בלק אויסגערופען — איך האָב דאָך דיר געבראכט אהער צו שילטען די אידען און צום סוף בענשסטו זיי?!

— האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אז דאָס וואָס גאָט לעגט אריין אין מיין מויל, דאָס מוז איך רעדען. איך האָב געזעהען די געצעלטען פון יעקב פון דיעזער זייט און דיעזע רייד איז מיר ארויפגעקומען.

— פיליכט ווען איך וועל דיר ציינען די אידען פון א צווייטער זייט, וועסטו זיי קענען שילטען פון דאָרטען? —האָט בלק איהם געפרעגט.

— איך קען דיר ניט פאַרשפרעכען, דאָך וועט עס ניט שאדען צו פרובירען. אָבער אויך דאָרטען וועסטו מוזען צו־גרייטען זיבען מזבחות און זיבען אָק־סען און באראנען.

בלק האָט אזוי געטהאָן, ער איז מיט בלעם'ען אוועק צו א צווייטען בארג. פון דאָרט האָט מען געקענט זעהן אן אנדערע טייל פון די אידען.

ווידער האָט בלק מקריב געווען די קרבנות און ער מיט די איבעריגע שרים האָבען מיט נייגעריגע בליקען געקוקט אויף בלעם צו זעהן אויב ער האָט שוין געקראָגען די ערלויבניש פון גאָט צו שילטען די אידען.

בלעם אָבער האָט ווייטער גענומען זינגען א לויב געזאנג צו די אידען.

— איך בעט דיר — האָט בלק אויס־גערופען מיט צאָרן, אויב דו קענסט ניט שילטען די אידען, אמווייניגסטען זאָל־סטו זיי ניט בענשען.

— איך קען דיר גאָר ניט העלפען! —האָט איהם בלעם געזאָגט — אויך אין דיעזען פלאַץ האָט די כשוף ניט געווירקט און איך האָב ניט געקראָגען די ערלויבנים פון גאָט. אויב דו ווילסט

קענסטו מאכען א פערזוך אין א דריטען פלאץ. מען דארף פרובירען עטליכע פלעצער, פיליכט וועלען מיר אנטרעפען איין פלאץ וואו עס וועט אונז יא געלונגען.

בלק האט אויפגעזוכט א דריטען פלאץ און אויך דארטען האט ער אויפגעשטעלט זיבען מזבחות און מקריב געווען די זעלבע צאהל קרבנות. אבער ער האט ווידער געהערט פון בלעם'ן לויב געזאנג פאר די אידען.

בלק איז אויסער זיך געווארען פון כעס. ער האט א קלאפ געטהאן מיט זיינע הענד און אויסגעשריען:

— איך האב דיך גערופען צו שילטען מיינע שונאים און דו האסט זיי גאר געבענשט דריי מאל. יעצט קענסטו געהן. איך האב געמיינט אז איך וועל דיר קענען אפגעבען גרויס כבוד, דו וועסט שטענדיג מיט אונז פערבלייבען אין מואב, איך האב דיר פאר דעם הויפט פריסטער געמאכט און יעצט מיט דיין אויפפיהרונג, וועלען מיר זיך מוזען פאנאנדערטיילען.

— איך האב פאר דיר אן אנדער עצה! — האט בלעם זיך אפגערופען צו בלק'ן.

— איך וויל שוין מעהר פון דיר קיין עצות ניט הערען — האט בלק ניט געקענט בעהערשען זיין כעס — איך זעה אז מיין גאנצע בעמיהונג איז געווען אומזיסט.

— אויב דו ווילסט זיך ניט צוהערען צו מיין עצה דארף מען ניט — האט זיך בלעם אפגערופען און איז געגאנגען זיין וועג.

— איך פארשטעה דיך ניט, בלק!— האט זיך צור צו איהם געווענדעט — דו ווייסט דאך גאנץ גוט אז בלעם האט פיינט די אידען און אז ער האט דיר ניט געטהאן להכעיס, מסתמא האט ער אנדערש ניט געקענט טהאן. וואס וואלט געווען ווען ער וואלט דיך געפאלגט און געשאלטען די אידען און זיין קללה וואלט ניט אנגענומען געווארען, וואלט נאך ערגער געווען. דו וואלסט זיכער גע־מיינט אז דאס אידישע פאלק איז פון בלעם'ס קללות אבגעשוואכט געווארען און וואלסט מיט זיי ארויס אויף מלחמה און דאן וואלסטו ערליטען א גרויסע נידערלאגע.

— מיר ארט ניט אזוי דאס וואס ער האט זיי ניט געקענט שילטען, — האט בלק איהם געענטפערט — וואס מיך פארדריסט אבער איז, ווער האט איהם געשלעפט פאר'ן צונג זיי צו בענשען.

— דאס איז אונמעגליך פאר אונז, איינפאכע מענשען צו פארשטעהען!— האט צור איהם געזאגט — אבער איין זאך דארפסטו וויסען אז אויסער דעם וואס בלעם איז א גרויסער בעל מכשף, איז ער אויך זעהר קלוג און ווען ער זאגט אז ער וועט דיר געבען אן עצה, מעגסטו זיך אויף איהם פערלאזען אז זיין עצה וועט זיין זעהר א גוטע און דאס וועט אונז אלעמען ברייגנען גרויס נוצען.

— וואס פאר אן עצה קען ער אונז געבען. ער וועט געוויס ווידער מיר הייסען אויפבויען זיבען מזבחות און מקריב זיין זיבען אקסען און בעראנען און ער וועט ווידער אנפאנגען צו בענשען די אידען. ניין, איך וויל שוין מעהר פון איהם ניט הערען.

— אבער פארגעס ניט, מיין האר קעניג, וואס דיר האט די זאך אפגעקאסט. צוויי מאל שלוחים צו איהם געשיקט, אזוי פיעל גאלד און זילבער פארשווענדעט צוליעב איהם, און איך האב קיין איינציגע טאכטער מפקיר געווען צו איהם און יעצט וועלען מיר דערפון גאר ניט געניסען! דעריבער בעט איך דיר, שיק איניגע פון דיינע שרים און רוף איהם צוריק און זאג איהם דורך זיי אז דו ביזט געגרייט זיך צו־צוהערען צו זיין עצה.

— גוט! — האט בלק איהם געענטפערט — איך גיעב דיר נאך דיעזען מאל. ער איז נאך ניט ווייט אוועק. איך וועל שיקען איהם רופען.

בלק האט געשיקט צוויי פון זיינע שרים צוריקצורופען בלעם'ן.

— דו ווייסט, מיין האר קעניג—האט

צור זיך אפגערופען צו בלק'ן, אז דו האסט בלעם'ן בעליידיגט, און דעריבער וועסטו איהם דארפען בעטען ער זאל דיר ענטשולדיגען וואס דו האסט פון גרוים כעס זיך ארויסגערעדט צו הארט צו איהם.

— איך וועל דיר דאס אויך נאכגעבען! — האט בלק איהם געענטפערט— אבער איך שווער ביי דער געטין עשתרת, אז אויב ער וועט מיר ווידער הייסען בויען מזבחות און נאכהער ווידער נעהמען בענשען די אידען, אז איך וועל איהם דא אויף אן ארט טויטען מיט מיין שווערד.

אין א ווייל̇ע ארום האט זיך בלעם אומגעקעהרט אין דער בעגלייטונג פון בלק'ס צוויי שרים.

— ענטשולדיג מיר, בלעם, וואס איך האב צו דיר אזוי גערעדט — איך בין געוועזן זעהר שטארק אויפגערעגט און איך האב זיך ניט געקענט בעהערשען. יעצט בעט איך דיר דו זאלסט זיך מיט מיר צוריקקעהרען צו מיין פאלאץ און מיר זאגען וואס פאר אן עצה דו האסט פאר מיר איך זאל ניט דארפען ציטערען אזוי פאר ד אידען, וועלכע רוהען אזוי נאהענט ביי מיין גרעניץ, אז יעדער טאג שרעקט מיין הארץ זיי זאלען ניט מאכען קיין איבערפאל אויף מיין לאנד.

— איך האב זעהר א גוטע עצה פאר דיר — האט בלעם געזאגט — און ווען דו וועסט מיר פאלגען, וועסטו זיכער קיין חרטה נשיט האבען.

בלק, בלעם, צור און די איבעריגע שרים האבען זיך אומגעקערט אין דער הויפט־שטאדט.

בלק האט ווידער געמאכט א גרויסארטיגען מאלצייט לכבוד זיין גאסט בלעם, און ווען אלע האבען זיך גוט משמח געווען האט בלק איהם געפרעגט וועגען זיין עצה.

— ווען איך בין אנגעקומען אין דיין לאנד — האט בלעם זיך אפגערופען צו בלק'ן— איז דאס בעסטע וואס מיר איז געפעלן געווארען איז די טעמפלען פון בעל־פעור, און דער אופן ווי מען דינט צו די געטער. איך האב באמערקט, אז אלע "קדשות" זיינען זעהר שעהן און צוציהענד. און איצט אז די אידען לאגערען נישט ווייט פון דיין הויפטשטאט וואלט דיר נישט געדארפט גאנץ שווער אנקומען אריינצוציהען די אידען, זאלען זיי זיך באפריינדען מיט די "קדשות" און דורך דעם וועסטו א סך געווינען...

וואס מיינסטו — האט איהם בלק אנגעקוקט פארוואונדערט.

— דו דארפסט וויסען זיין, אז לויט די געזעצען וואס משה האט געגעבען זיין פאלק, טארען זיי זיך נישט מתחתן זיין מיט די פעלקער פון ארום און דאס דארפסטו אויך וויסען, אז ווי נאר די קינדער פון ישראל וועלען נישט אויספאלגען די געזעצען פון זייער תורה, דאן פארלירען זיי זייער מאכט. זייער תורה איז זייער פעסטונג, און ווי נאר דיזע פעסטונג איז געבראכען, בלייבען זיי שוצלאז און הילפלאז געגען זייערע שונאים, און דאן וועט דיר נישט שווער אנקומען זיי בייצוקומען און אינגאנצען צו פארניכטען.

— אבער פון וואנען וועל איך וויסען, אז זייער גאט האט זיך אפגעטאן פון זיי און וועט זיי מעהר ניט ארויסהעלפען — האט בלק זיך אפגערופען — אין פאל ווען זייער מאכט איז נישט געבראכען און איך וועל אנפאנגען א מלחמה קעגען זיי, וועלען זיי דאך מיר אינגאנצען אפווישען פון אונטער די הימלען.

— דעריבער איז מיין עצה, אז דו זאלסט זעהן צו קריגען אלע "קדשות" וועלכע זיינען אנגעשטעקט מיט פארשידענע קראנקהייטען, און זאלען זיי אריינציהען די אידען און דאן וועט זיכער אויסברעכען א מגפה צווישען די אידען. און דאס וועט זיי אינגאנצען אפשוואכען.

בלעם'ס עצה איז שטארק געפעלען געווארען בלק'ן און זיינע מיניסטארען מיט די עלטסטע פון מדין.

— אין מיין לאנד מדין, זיינען פא־

ראן זעהר פילע "קדשות" וועלכע זיינען אנגעשטעקט מיט קראנקהייטען, און דערצו זיינען זיי זעהר שעהן. איך וועל זעהן, אז אלע "קדשות" זאלען אנקומען אהער און צוזאמען מיט די מואב'ס טעכטער וועלען זיי זעהן אריינצוציהען די אידען — האט צור זיך אפגערופען.

— אין דער זעלבער צייט וועלען די "קדשות" דארפען זעהן צו ווירקען אויף די אידען זיי זאלען אריינקומען אין טעמפעל פון בעל פעור צוצוקוקען ווי אזוי אייער גאטעס דינסט ווערט אפגעריכטעט. איך בין זיכער, אז עס וועט זיי געפעלען ווערען און זיי אליין וועלען אנפאנגען צו דינען דעם בעל פעור און זיך צו איהם בוקען. ווען דאס וועט געשעהן, דאן איז דאס אידישע פאלק א פארלארענע און דו וועסט די ישראלים קענען גאנץ גרינג בייקומען. ווייל איך האב געהערט וואס פאר א סוף עס האבען געהאט די וועלכע האבען געדינט צו דעם עגל הזהב, מיט פערציג יאהר צוריק און ווען דו וועסט אננעמען מיין עצה און דורכפיהרען אלץ וואס דו האסט מיר געזאגט, וועסטו זעהן, אז מען וועט זיי שוין נישט דארפען שילטען, זיי וועלען אליין פארשאלטען ווערען.

בלעם האט בלק'ן אנגעזאגט ווי אזוי אלץ דורכצופיהרען.

— איבערהויפט דארף מען זעהן ארייננצוציהען אייניגע פון ישראל'ס הויפטען, ווען זיי וועלען אריינגעצויגען ווערען, וועט שוין נישט שווער אנקומען אריינצוציהען די איינפאכע פון זיי.

— פון וואנען וועלען מיר וויסען ווער פון זיי איז א הויפט פון א משפחה אדער א שבט? — האט בלק געפרעגט.

—דאס וועט זיין זעהר גרינג אויסצוגעפינען — האט בלעם געזאגט און איך גלויב אז צור וועט קענען אין דעם א סך ארויסהעלפען?

— איך בין גרייט אלץ צו טאן — האט צור זיך אפגערופען.

—אויב אזוי דארפסטו זעהן, אז דיין טאכטער כזבי, זאל אנפיהרען אלע "קדשות" און ווען א ישראל וועט צו איהר צוקומען זאל זי זאגען, אז זי איז די טאכטער פון א הויפט פון א משפחה פון מדין און בלויז א הויפט פון א משפחה אין ישראל וועט קענען האבען צוטריט צו איהר. אזוי וויט עס לאנג נישט נעמען און צו איהר וועט זיך ווענדען א הויפט פון ישראל.

אין אייניגע טעג ארום זיינען אין מואב אנגעקומען הונדערטע "קדשות" פון מדין. זיי זיינען אלע געווען אויסגעפוצטע און געטראגען ווייסע קליידער. די פנים'ער געפארבט און אויסגעשמירט מיט פארשידענע שמעקענדע אוילען. די טעכטער פון מואב זיינען אויך געווען אויסגעפוצטע און צוזאמען האבען זיי אוועקגעשפאצירט הינטערען שטאט ניט וויט פון דעם לאגער פון ישראל.

געפיהרט ביי כזבי'ן, די טאכטער פון צור, האבען די "קדשות" גענומען טאנצען פארשייטע טענץ מיט די צימבאלען אין זייערע הענט און האבען גענומען זינגען פארשידענע נגונים וואס פלעגט געזונגען ווערען אין זייערע טעמפלען ווען זייער "גאטעסדינסט" פלעגט אפגעריכט ווערען.

דערהערענדיג די געזאנגען און דאס שפילען זיינען פילע פון די אידען ארויס פון זייער לאגער און גענומען זיך צוקוקען.

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל ווען זיי קומט אויס צו זיין אזוי נאהענט נעבען א באזעצטעם לאנד. זיי זיינען געווען שטארק פאראינטערעסירט צוצוזעהן ווי אזוי אנדערע פעלקער פייערען זייערע יום טובים.

א היבשע ווייליע האבען זיי געקוקט מיט גרויס שפאנונג. זיי האבען באמערקט די שעהנע אויסגעפוצטע מיידלאך וועלכע האבען אזוי פארשייט געטאנצט. זיי האבען געזעהן וואס פאר א שעהנע קליידער זיי טראגען און באלד האבען זיי באמערקט ווי די מיידלעך

ווינקען צו זיי. איינִיגע האָבען געקראָגען מוטה און גענומען זיך דערנענטערען צו די טאַנצענדע מיידלעך.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטען? — האָט מען צווישען זיך גערעדט.

— עס איז, ווייסט אויס, א גרויסער יום טוב ביי די מואבים און די מדינים, ווייל איך זעה צווישען די טעכטער פון מאוב א סך מיידלעך פון מדין.

— מען דאַרף צו זיי צו געהן און פרעגען — האָט איינער א זאָג געטאָן.

— מיר האָבען אָבער א פאַרזאָג פון אונזער האר משה'ן זיך מיט זיי נישט אָנצופאַנגען און מיט די מואבים נישט קומען אין באַריהרונג.

— וואָס פאַר א שלעכטעס וועט קענען אַרויסקומען פון דעם, אז מיר וועלען פרעגען די טאַנצענדע וואָס פאַר א יום טוב ביי זיי איז.

—איך זעה נישט איין פאַרוואָס משה האָט דאָס אונז פאַרבאָטען — האָט א יונגער מאַן זיך געהיצט — מיר פירען דאָך מיט זיי קיין מלחמה נישט. מיר זיינען אַזוי פיעל יאָהרען אין דער מדבר, וואו מיר האָבען זעהר זעלטען באַגעגענט פרעמדע מענשען, און די מואבים האָבען דערווייל קיין שנאה צו אונז נישט אַרויסגעצייגט.

— ווי שעהן זיי זיינען די טעכטער פון מאוב און מדין! אזעלכע שעהנע קליידער ווי זיי טראָגען, האָבען נאָך אונזערע אויגען נישט אָנגעזעהן.

ווען די אידישע יונגעלייט האָבען זיך דערנענטערט צו די טעכטער פון מואב און מדין, זיינען זיי א ווייל־ע געבליבען שטעהן ווי פערווירט.

— לאָמיר א פרעג טאָן די אָנפירערין — האָט אימיצער פאָרגעשלאָגען.

— זי שיינט צו זיין א מדינית, און קענסטו דען די שפראַך פון מדין? — האָט א צווייטער איהם געפרעגט.

—איך קען נישט אָבער דער הויפּט פון אונזער משפחה, זמרי דער זוהן פון סלוא, ער קען ריידען די שפראַך פון מדין.

— אָבער ער, אלס נשיא, פון איינע פון די גרעסטע משפחות פון דעם שבט שמעון, וועט נישט וועלען ווידערשפּעניגען משה'ס רייד און ער וועט נישט צוגעהן צו איהר.

— באַמערקסטע אָבער נישט ווי ער נעהמט פון איהר די אויגען נישט אַרונטער... ווען איך זאָל איהם נאָר עטוואָס ערמוטהיגען וועט ער שוין צו איהר צוגעהן.

באלד זיינען עטליכע צוגעגאַנגען צו זמרי, דעם זוהן פון סלוא'ן און איהם געבעטען אויסצוגעפינען וואָס באַדייט עס וואָס די טעכטער פון מואב און מדין האָבען זיך היינט אַזוי אויסגעפּוצט.

—און פאַרוואָס האָט אימיצער פון אייך איהר נישט געפרעגט? — האָט זמרי זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל.

— ווייל מיר קענען נישט די שפראַך פון מדין — האָט מען איהם געענטפערט.

—דאָרטען געפינען זיך איינִיגע וועלכע פאַרשטעהען די מדינישע שפראַך — האָט זמרי אָנגעצייגט מיט זיין פינגער אויף א גרופּע אנדערע מענשען פון שבט שמעון, זאָל אימיצער פון זיי איהר א פרעג טאָן.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט? איך האָב געוואוסט, אז זמרי וועט מורא האָבען ווידערצושפּעניגען משה'ס מויל.

— אויב ער איז אַזוי באַשיידען, האָט ער אפילו נישט געדאַרפט קוקען אין יענער ריכטונג... זייערע פערשייטע טענץ רעגט אויף און עס איז שעדליך.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער צווייטער גרופּע און זיך צו זיי געווענדעט:

— איינִיגע פון אייך פאַרשטעהען די שפראַך פון מדין, פאַרוואָס זאָלט איהר נישט צוגעהן צו דער אָנפיהרערין און אויסגעפינען וואָס אלץ באַדייט.

— איך פאַרשטעה די שפראַך גאַנץ גוט, אָט וועל איך צוגעהן צו איהר.

דער יונגער מאַן האָט זיך גענומען דערנענטערען צו דער אייפיהרערין.

זי האָט זיך אָפּגעשמייכעלט א שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף איהר פּנים.

— ווערסטו מיר ערקלערען וואָס דאָס אלץ באַדייט? — האָט ער איהר געפרעגט.

— און ווער ביזטו? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך בין א ישראל, איינער פון שבט לוי.

— און איך בין א טאָכטער פון א קעניג, מיין נאָמען איז כזבי און מיין פאָטער׳ס נאָמען איז צור, ער איז איינער פון די פינף קעניגען פון מדין.

— ווערסטו מיר פיליכט טאָן די געפעליגקייט, פרינצעסין — האָט ער זיך אָפּגערופען — און ערקלערען מיר וואָס דאָס מיינט.

— צום באַדויערען קען איך דיר ניט ענטפערען אויף דיינע פראַגען. עס איז ביי אונז אָנגענומען נישט צו ענטפערען אויף פראַגען וואָס קומט פון דער [illegible] פון זיין איינפאַכען מאַן. אויב עס געפינט זיך צווישען אייך אימיצער [illegible] איז א הויפּט פון א שבט, אָדער אַפילו א הויפּט פון א משפחה, יענעם וועל איך קענען אלץ ערקלערען.

— יע, עס געפינט זיך צווישען אונז [illegible]! — האָט ער אויסגערופען, אָנצייגענדיג אויף זמרי׳ן, וועלכער איז געשטאַנען פון ווייטען — ער איז דער הויפּט פון איינע פון גרעסטע משפחות פון שבט שמעון.

— זאָל ער צו מיר צוקומען און איך וועל איהם אלץ ערקלערען — האָט זי געזאָגט.

דער יונגערמאַן איז שנעל צוגעלאָפען צו זיינע חברים און אויסגערופען:

— איהר ווייסט זי איז א פרינצעסין. זי איז די טאָכטער פון איינעם פון די קעניגען פון מדין.

— האָט זי דיר ערקלערט וואָס זייער טאַנצען און לוסטיגמאַכען זיך, באַדייט?

—ניין, זי האָט מיר געזאָגט, אז זי וועט עס ערקלערען צו איינעם וועלכער איז א הויפּט, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר א פרינצעסין צו ריידען מיט אַן איינפאַכען מאַן.

— פאַרוואָס זאָגסטו עס נישט צו זמרי׳ן?

— איך געה דאָס איהם באַלד זאָגען.

אין א ווײַלע ארום זיינען שוין די יונגעלייט געשטאַנען ארום זמרי׳ן און מען האָט איהם איבערגעגעבען אלעס וואָס די פרינצעסין פון מדין האָט געזאָגט.

—יע, דיר וועט זי אויף אלע פראַגען ענטפערען.

זמרי האָט זיך געפיהלט שטאַרק געשמייכעלט ווען ער האָט געהערט וועגן דער פרינצעסין, פונדעסטוועגען האָט ער ביי זיך נישט געקענט באַשליסען, אויב ער זאָל צוגעהן צו איהר. ער ווייס אז משה׳ן וועט עס זיכער נישט געפעלען. אָבער ער וועט דאָך קיין שלעכטעס נישט טאָן. ער וויל בלויז צו איהר אויסריידען עטליכע ווערטער, איז עס דען א פאַרברעכען? זי איז דאָך אזוי שעהן און דערצו איז זי א פרינצעסין... ער וועט וואַגען.

זמרי האָט גענומען זיך דערנענטערין. די בליקען פון אלע יונגעלייט זיינען געווען געווענדעט אויף איהם... מיט קנאה אין זייערע הערצער האָבען זיי איהם נאָכגעפאָלגט.

ווען זמרי איז שוין געווען גאַנץ נאָהענט, האָט ער זיך פאַרנייגט:

— מיין הארינטע, פרינצעסין, וועסטו נישט זיין ביז אויף מיר, אויב איך וועל דיר עטוואָס שטערען.

—און דו ביזט געוויס א הויפּט אין ישראל? — האָט זי צו איהם א שמייכעל געטאָן.

— יע, מיין הארנטע — האָט זמרי מיט שטאָלץ געענטפערט — איך בין א הויפּט פון איינע פון די משפחות פון שבט שמעון, איך הערש איבער מעהר ווי זעקס טויזענד מענשען.

— און מיין פאָטער צור, איז א קעניג איבער איינעם פון די פינף שבטים פון מדין און ער הערשט איבער צוואַנציג טויזענט מענשען און מיין נאָמען איז כזבי. איך בין זיין איינציגע טאָכ־

טער —- האָט זי געזאָגט מיט א שמייבעל.

זמרי האָט איהר גוט באַטראַכט און איז באַלד פארכאַפּט געוואָרען מיט איר שעהנקייט. איהרע קליידער זיינען געווען פון ווייסען זייד און זי איז געווען באהאַנגען מיט צירונג.

— וועסטו מיר ערקלערען, מיין האַרינטע, וואָס פאר א יום טוב איז היינט ביי אייך ? —האָט זמרי איהר געפרעגט.

— ביי אונז איז היינט דער גרעסטער יום טוב פון יאָהר — האָט זי איהם געענטפערט — היינטיגען טאָג ווערען פאַרגעבראַכט פאר אונזער גאָט בעל־פעור אַלע בתולות, וועלכע זיינען דיזען יאָהר געוואָרען זעכצעהן יאָהר אַלט, און זיינען מקריב זייער אומשולד אין טעמפעל פון בעל פעור.

— און די אַלע, וועלכע פאָלגען דיר נאָך זיינען דאָס די יעניגע בתולות ?— האָט זמרי גענומען באַטראַכטען די אייבעריגע טאַנצענדע מיידלעך.

— ניין ! די בתולות געפינען זיך איצט אין טעמפעל. דיזע מיידלאך זיינען שוין עלטער פון זעכצעהן יאָהר. זיי האָבען שוין זייער אומשולד לאַנג מקריב געווען פאר דעם בעל פעור. אויב דו ווילסט קענסטו מיט דיינע חברים אריינקומען אין דעם טעמפעל און צוזעהן די אַלע צערעמאָניעס.

— זיינען דען פרעמדע ערלויבט אריינצוקומען ? —האָט זמרי איהר געפרעגט.

— געוויס ! דו וועסט קענען אריינקומען אַלס מיין גאַסט.

— און די איבעריגע ? — האָט זמרי אָנגעצייגט אויף די הונדערטע יונגע לייט וועלכע זיינען געשטאַנען פון וויטען און נישט געוואָגט צוצוקומען.

— יעדער פון זיי קען אויסקלייבען א מיידעל און אין איהר באַגלייטונג וועט ער קענען אונגעשטערט אריינקומען אין טעמפעל פון בעל פעור.

— און איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז די טעכטער פון מואב און מרין זיינען אזעלכע שעהנע —האָט זמרי זיך צו איהר אָפּגערופען.

— און די זיהן פון ישראל זיינען דאָך שוין פון לאַנג באַוואוסט אַלס העלדישע און שעהנע יונגען — האָט זי איהם געענטפערט מיט א שמייכעל.

— אָבער אזא זעלטענע שעהנהייט ווי דו ביזט איז נישט צו געפינען — האָט איהר זמרי געגעבן א קאָמפּלימענט —צווישען אַלע שעהנע מיידלעך ביזטו די שעהנסטע.

— און צווישען אַלע העלדישע און שעהנע יונגען ביזטו דער בעסטער — האָט זי איהם געענטפערט מיט א קאָמפּלימענט.

— זאָג מיר, כזבי, — איז שוין זמרי געוואָרען עטוואָס דרייסטער — פארבאָט אייער גאָט צו היראַטען מיט איינעם פון א פרעמד פאָלק ?

— ניין, פארקערט, עס איז ביי אונזער גאָט פאררעכענט פאר א גוטע זאך ווען א טאָכטער פון אונזער פאָלק הייראַטעט מיט איינעם פון א פרעמדעם פאָלק.

— און ווי איז אויב דער מאַן וויל נישט אָננעמען דעם גלויבען פון אייער פאָלק, איז דאָס א שטערונג ?

כזבי האָט איהם אָנגעקוקט און א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— איך פארשטעה נישט וואָס דו פרעגסט — האָט זי געזאָגט.

— איך מיין צו פרעגען, אויב א מאַן פון א צווייטען פאָלק וויל חתונה האָבען מיט א טאָכטער פון דיין פאָלק, איז ער דען נישט געצוואונגען אָנצונעמען דעם גלויבען פון בעל פעור ?

— אָה, ניין ! האָט כזבי זיך פארנאנדערגעלאַכט — מיר צווינגען קיינעם נישט אָנצונעמען אונזער אמונה, אָבער די וועלכע באַאָבאַכטען אונזערע אַלע מנהגים פון גאָטעס דינסט ווילען אליין אָננעמען אונזער רעליגיע מיט'ן גוטען ווילען... ווייל אזא גאָטעס דינסט ווי מיר פיהרען דורך ציהט אַלעמען צו.

— אָבער אין פאַל אז דער פון א

פרעמד פאָלק, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין א טאָכטער פון מואב, אָדער מדין און וויל בלייבען ביי זיין אייגענער אמונה, וועט דאָס קיין שטערונג ניט זיין.

— געוויס נישט, — האָט זי איהם געענטפערט.

— און וואָס וואָלט געווען דער ענטפער צו מיר — האָט זמרי גענומען שטאַמלען, ווען איך לעג דיר פאָר חתונה צו האָבען מיר דיר און איך זאָל פאַרבלייבען דער זעלבער ישראל און נישט ענדערען מיין אמונה? וואָלסטו צוגעשטימט דערצו.

—מיט גרויס פאַרגעניגען. איך וואָלט עס פאַר א גרויס כבוד געהאַלטען, ווען אזא מאַן ווי דו וויל מיט מיר הייראַטען — האָט זי געענטפערט.

— דו מאַכסט נישט קיין שפּאַס פון מיר, ווירדיגע פּרינצעסין — האָט זמרי איהר געפרעגט.

— מיר שפּאַסען קיינמאָל נישט מיט אזעלכע זאכען — האָט זי געזאָגט.

— אויב אזוי וויל איך דיר זאָגען, אז דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגען פון דער ערשטער רגע ווי איך האָב דיר דערזעהן, וועסטו צושטימען צו ווערען מיין פרוי?

— יע — האָט זי א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ א צופרידענע.

— אפילו ווען איך וועל נישט אננעמען דיין רעליגיע?

— אפילו דאַן — האָט זי געענטפערט.

— אָבער דיין פאָטער? וועט ער דען צושטימען צו אזא זאך.

— מיין פאָטער וועט זיך אויך גליקליך שעצען — עס איז ביי אונז פאַררעכענט פאַר א גרויסע מצוה צו הייראַטען מיט א פרעמדען. קום מיט מיר איצט צו אונזער טעמפּעל. מיין פאָטער געפינט זיך דאָרטען, קיינער וועט דיר נישט צווינגען זיך צו באַטייליגען אין דער גאָטעס דינסט, דו וועסט בלויז קענען שטעהן און צוקוקען.

— איך וועל זיך דורכריידען מיט די מענשען פון מיין שבט — האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען — דאַן וועלען מיר אלע געהן צו דעם טעמפּעל פון בעל פעור.

— דאָס וועט נאָך זיין בעסער — האָט זי געזאָגט — איך בין זיכער, אז אונזער גאָטעס דינסט וועט אלעמען געפעלען ווערען.

— וואַרט דאָ צו א ווייל, איך וועל זיך באלד צוריקקערען — האָט זמרי זיך אָפּגערופען און איז אוועק צו א גרופּע יונגע לייט וועלכע האָבען מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט צו הערען וואָס זייער נשיא וועט זיי דערצעהלען פון זיין געשפּרעך מיט דער פּרינצעסין פון מדין.

מען האָט איהם שנעל ארומגערינגעלט. פילע פון אנדערע שבטים זיינען אויך צוגעקומען און אלע זיינען נייגעריג געוואָרען צו הערען פון איהם.

— האָט איהר ווען עס איז געזעהן אזעלכע שעהנע מיידלעך? — האָט זמרי דער זוהן פון סלוא אויסגערופען— דאָס פייערען זיי אלע דעם יום טוב פון די בתולות וועלכע זיינען געוואָרען דעם יאָהר זעכצעהן יאָהר אלט.

ער האָט פאַר אלעמען דערצעהלט ווי אזוי דיזע צערעמאָניע ווערט דורכגעפיהרט און זיי באלד א פרעג געטאָן: וואָלט איהר געוואָלט צוקומען צו זייער טעמפּעל און באָאָבאַכטען די צערעמאָניעם?

— געוויס! געוויס! — האָבען זיך געהערט שטימען.

— אָה, ניין, מיר טאָרען דאָס ניט טאָן — האָבען אנדערע פּראָטעסטירט.

— אָבער קיינער וועט דאָרטען אייך נישט צווינגען צו דינען צו זייער אָפּגאָט, מיר וועלען בלויז זיין צושויער, דאָס איז דאָך געוויס נישט קיין פאַרברעכען.

אָבער צו וואָס זיך שטעלען צו אזא נסיון? — האָט אימיצער אויסגערופען.

— לאָמיר פרעגען משה'ן אויב ער

וועט נישט האבען דאגעגען וועלען מיר געהן — האט א צווייטער געזאגט.

— אויב מיר וועלען פרעגען, וועט ער געוויס אונז נישט ערלויבען — האט זמרי זיך אפגערופען — איך פארזיכער אייך, אז דארטען וועט מען אפילו קיין פארזוך נישט מאכען אימיצען צו צווינגען ער זאל זיך בוקען צו בעל פעור, אדער ער זאל נאכטאן זייערע צערעמאניעס. און אפילו ווען אימיצער פון אייך וועט וועלען הייראטען מיט א מדינית אדער א מואבית, וועט אייך קיינער נישט צווינגען אומצובייטען אייער אמונה.

— אבער אונזער האר משה האט אונז פארבאטען צו הייראטען מיט די טעכטער פון אנדערע פעלקער — האט אימיצער אויסגערופען.

— און משה אליין? — האט ער דען נישט געהייראט מיט א טאכטער פון מדין. איהר אלע ווייסט דאך, אז צפורה איז יתרו׳ס טאכטער און יתרו איז נאך אמאל אליין געוועזן א כהן אין מדין.

— וואס פאר א גלייכענים? —האט יענער זיך אפגערופען — ערשטענס ווען משה האט געהייראט איז נאך געוועזן פאר מתן תורה, דערצו איז צפורה׳ס מוטער געוועזן א אידישע טאכטער און ווידער—יתרו אליין האט זיך דאך מגיר געוועזן.

— פאר מיר איז עס אלץ איינס! — האט זמרי אויסגערופען — אויב משה האט גענומען הייראטען מיט א מדינות, מעגען מיר דאס אויך טאהן, און איך קען אייך לאזען אלעמען וויסען אז איך וועל הייראטען מיט דער אנפיהרערין פון די טענצערינס וועלכע איז אליין די טאכטער פון א קעניג אין מדין.

עס איז געווארען א קליינע בעוועגונג אין טומעל.

— דאס מיינט נישט אז איך וועל אויפגעבען מיין אמונה. זי וועט דאס פון מיר קיין מאל נישט פערלאנגען! — האט זמרי אויסגערופען — איך וועל בלייבען דער זעלבער ישראל. פערקערט, איך האף נאך אז ווען זי וועט מיט מיר קומען וואהנען אין אונזער לאגער וועט זי נאך אליין איינוויליגען צו ווערען א ישראלית.

— פארוואס זאלסטו דערצארענען גאט און זיין קנעכט משה׳ן? — האט זיך איינער אפגערופען צו זמרי׳ן — ווייסטו דען נישט ווי שטארק מיר אלע האבען געליטען פאר די זינד פון עטליכע. זיינען מיר דען נישט גענוג בעשטראפט געווארען?

— ווער ביזטו עס, אז דו זאלסט מיר זאגען א דעה? — האט זמרי אויף איהם אנגעשריען — קיינער וועט מיר נישט שטעהן אין מיין וועג, נישט אפילו משה! כזבי די טאכטער פון צור איז מער געפעלען און איך וועל איהר נעהמען פאר מיין פרוי, און איהר, מיינע פריינד, קענט אויך אויסקלייבען פון די איבעריגע מיידלאך, די שעהנסטע פון זיי און איהר וועט זיי נעהמען פאר פרויען, און אויב משה וועט זיין דאגעגען וועל איך איהם פרעגען פארוואס ער האט גענומען הייראטען מיט א מדינית.

זימרי האט געמאכט א פאר טריט פאראויס, אבער די איבעריגע זיינען געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער ווי געלעהמטע.

די טענץ פון די קדשות איז נאך מעהר פערשייט געווארען. זיי האבען געדופען און געוואונקען מיט זייערע אויגען.

— קומט! — האט זמרי זיך נאך אמאל געווענדעט צו זיי — אויב די טעכטער פון מואב און מדין וועלען אייך נישט געפעלען ווערען וועט איהר דאך מיט זיי נישט דארפען הייראטען. אבער איהר קענט אלע קומען אין דעם טעמפעל פון בעל פעור און זעהן זייערע מנהגים און גאטעס דיענסט... איך פערזיכער אייך אז קיינער פון אייך וועט קיין חרטה נישט האבען. עס וועט זיין וואס צו זעהן... איבערהויפט וועט מען אייך דאך נישט צווינגען זיך צו בעטייליגען אין זייער גאטעס דינסט.

ווען זמרי האט געזעהן אז די פער־

זאמעלטע יונגע לייט צעגערען נאך אלץ האט ער ווייטער געזאגט:

— בלויז איין מאל אין יאהר ווערט אין מואב געפייערט אזא פראכטפולער יום טוב. אויב איהר וועט יעצט דורכלאזען דיזע געלעגענהייט, וועט איהר דאס קיינמאל מעהר ניט זעהן. פערגעסט נישט אז אלע זעכצעהן יעהריגע בתולות אפפערן זייער אומשולד אין דעם טעמפעל פון בעל פעור צו דער געטין עשתרות און יעצט האט איהר אלע א גוטע געלעגענהייט דאס אלעס צו בעאבאכטען. קומט, איהר וועט דאמיט קיינעם קיין שלעכטעס נישט טאן. זאל יעדער פון אייך אויסקלייבען די שעהנסטע מיידעל וועלכע איהם געפעלט.

זמרי איז צוגעגאנגען צו כזבי'ן און איהר אנגענומען פאר'ן האנט.

— קומט און טוט ווי איך טוה — האט ער צו זיי פון ווייטען א געשריי געטאהן.

די קדשות האבען אויסגעשטרעקט זייערע הענט און באלד האבען זיך די יונגוואַרג א לאז געטהאן צו די טאנצענדע. יעדער האט אויסגעקליבען א מיידעל, און א ווײלע שפעטער האבען אלע אוועקגעמארשירט אין שטאדט, צו דעם טעמפעל בעל פעור.

ווען זיי זיינען צוגעקומען גאנץ נאהענט צו דעם טעמפעל, זיינען זיי פריינדליך בעגריסט געווארען פון די זעכצעהניאהריגע מיידלעך וועלכע האבען געווארט פון דרויסען ביז וואנען די צערעמאניע וועט זיך אנפאנגען.

בלק, בלעם און צור זיינען געזעסען אויף דעם באלקאן פון דעם טעמפעל און מיט צופרידענהייט צוגעקוקט ווי אזוי דער פלאן האט זיך איינגעגעבען.

— מיין טאכטער פיהרט איינעם פון די הויפטען פון ישראל — האט זיך צור איבערגענומען פאר בלק'ן און בלעם'ן.

— איך האב אבער געוואוסט אז כזבי האט די מאכט דאס צו טאהן — האט בלעם געזאגט — זי איז דאך אזוי שעהן און רייצענד, און יעצט, דוכט זיך קענט איהר זעהן אז איך בין נאר אויסען געווען אייער טובה, אויב נישט וואלט איך דאך געווים נישט אויפגעגעבען די שעהנע טאכטער פון צור...

— און יעצט זעה איך אז דו ביזט זעהר קלוג! — האט בלק זיך צו איהם אפגערופען—דו האסט אלעם אזוי ריכטיג פאראויסגעזעהען. זיי קומען אלע אן אין טעמפעל. עס וועט שוין דאן ניט זעהר שווער זיין זיי איבערצורייידען צו דינען דעם בעל פעור.

— דו וועסט נאך זעהן ווי שנעל די מגפה וועט זיך צווישען די אידען פערשפרייטען—האט צור געזאגט מיט א שמייכעל—די אלע קדשות וואס איך האב צוגעשיקט פון מדין זיינען אנגעשטעקט מיט שרעקליכע קראנקהייטען.

— און אויך די קדשות פון מואב וועלכע איך האב ארויסגעשיקט זיינען אנגעשטעקט מיט די זעלבע קראנקהייט — האט בלק צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

— דאמיט וועסטו זעהן אז כדי זיי בייצוקומען וועסטו מעהר נישט ברויכען איך זאל זיי שילטען! — האט בלעם געזאגט מיט א שמייכעל — איך מעג זיי אפילו בענשען אבער דורך מיין קלוגע עצה וואס איך האב דיר געגעבען וועט מיין ברכה אלץ איינס אין א קללה פערוואנדעלט ווערען.

— ווי איך זעה זיינען פיעלע פון די ישראלים מיטגעגאנגען — האט צור זיך אפגערופען—און מיר האט זיך געדוכט אז נישט אזוי גרינג וועט זיי אנקומען אריינצונארען די אידישע יונגע לייט צו אונזער טעמפעל פון בעל פעור.

— דאס האבען מיר דיין טאכטער צו פערדאנקען — האט בלעם געזאגט — איך האב גלייך איינגעזעהען אז זי וועט קענען צוציהען דעם פאלק, און כאטש זי איז מיר פערשפראכען געווארען, האב איך דאך איהר מפקיר געווען פאר דיזען צוועק.

— אט געהט דיין טאכטער אריין אין טעמפעל מיט דעם אידישען יונגען מאן וועלכער האלט איהר געארעמט!

— האט בלק זיך געווענדעט צו צור'ן— לאָמיר ארונטערגעהן און זיי געבען א פריינדליכע אויפנאהמע.

זיי זיינען אלע ארונטער פון באלקאן און צור איז ענטקעגען געגאנגען זיין טאָכטער.

— געבענשט זיי צו דער געטין עשתרות, מיין טאָכטער! — האט ער זיך צו איהר געווענדעט.

— פאטער איך וויל פאר דיר פאָרשטעלען דעם הויפט פון א גרויסער משפחה אין ישראל — האט כזבי זיך אָפּרופען — זיין נאָמען איז זמרי דער זוהן פון סלוא—ער וויל מיר נעהמען פאר זיין פרוי און ער איז געקומען קריגען דיין צושטימונג.

— אויב ער האט נאָר געפונען חן אין דיינע אויגען, מיין טאָכטער, מעגסטו רוהיג זיין אז איך וועל נישט זיין דאגעגען, און ווער זיינען דאס די איבעריגע? — האט זיך צור נישט וויסענדיג געמאכט.

— די זיינען זיינע נאכפאָלגער פון דעמזעלבען שבט—האט כזבי געזאגט מיט א שמייכעל — זיי געהען אין די פוסטריט פון זייער הויפט, זיי ציגען אויך ארויס גרויס אינטערעסע אין די טעכטער פון מואב און מדין. איך האב זיי אלעמען איינגעלאדען צו אונזער טעמפעל זיי זאלען זעהן ווי אזוי מיר פיהרען דורך די צערעמאָניעס בעת די בתולות ווערען "געהייליגט". ער האט אפילו פריהער נישט געוואלט געהן נאָר ווען איך האב איהם פערזיכערט אז מיר צווינגען קיינעם נישט אנצונעהמען אונזער אמונה איז ער מיט מיר מיטגעגאנגען.

— איך בין זיכער אז דיר וועט געפעלען ווערען די וועגען ווי מיר דינען צו אונזערע געטער! — האט צור געזאגט—דו און דיינע נאכפאָלגער זיינען ווילקאָמען אלעם צוצוזעהן. די טויערען פון אונזער טעמפעל זיינען ברייט אפען פאר אייך אליַמען.

די צערעמאָניע אין דעם טעמפעל פון בעל פעור האט זיך אָנגעפאנגען.

פון אנפאנג האבען די פנים'ער פון די יונגען פון ישראל געפלאַמט פון בושה ווען זיי האבען צוגעזעהן די עקעלהאפטיגע עפענטליכע צערעמאָניע פון זנות, אבער באלד האבען זיי זיך צוגעוואהנט און זיי זיינען אלע מיטגעריסען געווארען.

נאָך דער צערעמאָניע האט מען געפראוועט א גרויסען מאָלצייט פאר דעם אָפּגאָט פעור.

די "קדשות" האבען זיך אוועקגעלאָזען טאנצען מיטשלעפענדיג מיט זיך די אידישע יונגען וועלכע זיינען מיט זיי מיטגעגאנגען.

דערווייל האט מען גענומען שלאכטען די קרבנות פאר דעם אָפּגאָט און יעדער פון די "קדשות" האט איינגעלאָדען איהר בעגלייטער צו עסען פון די קרבנות פון זייער אָפּגאָט.

נישט אלע האבען געוואלט עסען, האבען אבער די עלטערע פרויען פון מואב ארויסגעהאָלפען די אינגערע. זיי האבען אויפגעשטעלט געצעלטען, וואו זיי האבען פערקויפט פלאקס און אנדערע סחורות. פון דרויסען פלעגט שטעהן די אלטע און ארייגרופען דעם ישראל עפעס קויפען. זי פלעגט בעטען א הויכען פרייז און זיי האבען זיך געדונגען. באלד פלעגט זיך בעוויזען פון אינווייניג א "קדשה" אויסגעפוצט און אויסגעשמירט מיט שמעקענדע אייל און בשמים און פלעגט זיך צו איהם ווענדען מיט א שמייכעל:

— דו ווילסט עפעס קויפען קום מיט מיר אריין אינוויינינ, דו קענסט זיך אויסקלייבען וואס דו ווילסט. איך וועל דיר פאר דעם קיין געלט נישט רעכענען. מיר זיינען דאָך פאררעכענט פאר אייגענע. מיר שטאַמען פון לוט'ן און איהר שטאַמט פון אברהם וועלכער איז געווארען לוט'ס א פעטער. אזוי פלעגט יענע קדשה מיט איהם אריין געהן אין א געשפרעך ביז וואנען זי פלעגט איהם פערדרעהען די קאָפּ, דאן פלעגט ער איהר שוין אלעם פאָלגען. און אז זי האט איהם געהייסען עסען פון דעם זבח פון

בעל פעור [illegible] געגעסען און אפילו ווען זי האט [illegible] איהם פערלאנגט ער זאל זיך בוקען צו דעם אפגאט בעל פעור פלגעט ער איהר שוין פאלגען.

אזוי זיינען די אידען ארייגנעגנארט געווארען פון די טעכטער פון מואב און מדין אין זנות און אין עבודה זרה.

די תאוה האט זיך אין זיי צופלאקערט און זיי האבען אפילו נישט געוואלט טראכטען וואס די תורה פערבאט זיי. דער יצר הרע האט געזיעגט. בלעם'ס עצה איז געווען ערפאלגרייך. די אידען האבען זיך בעהעפט אין דעם בעל פעור. זיי זיינען אזוי בערוישט געווארען פון דער זויפעריי און זנות מיט די פיעלע אנדערע עקעלהאפטיגע און שוידערליכע זאכען, אז זיי האבען בעת מעשה אפילו נישט געוואלט טראכטען פון די פאלגען.

באלד האט זיך משה דערוואוסט וואס האט פאסירט ביי דעם ברעג פון דעם אידישען לאגער, וואו דער שבט שמעון האט גערוהט.

ער איז שנעל אוועק אהין מיט יהושע'ן כלב'ן און פנחס אהרנ'ס אייניקעל, וועלכער איז געווען זעהר א בראווער העלדישער יונג.

— וואס איז דא געשעהען? — האט משה געפרעגט די פון שבט שמעון, וועלכע זיינען פערבליבען אין לאגער.

מען האט איהם דערצעהלט וואס דא איז פארגעקומען און משה האט געזאגט צו יהושע און צו פנחס'ען:

— שנעלער לויפט און קעהרט אום די אידען. ווייל ווי איך זעה, וויל מען זיי ארייגפיהרען אין א גרויסען אומגליק. איבערהויפט דארפט איהר זעהן אז זמרי זאל זיך אומקעהרען, ווייל די איבעריגע טוען נאך זיין ביישפיעל.

ווען יהושע און פנחס זיינען אנגעקומען אין דער הויפט שטאדט פון מואב האבען זיי זיך דערוואוסט אז זמרי מיט די איבעריגע געפינען זיך אין טעמפעל פון פעור.

— עס איז שוין פערפאלען! — האט יהושע געזאגט מיט יאוש — א נייע צרה קומט אן אויף דעם אידישען פאלק. עס איז שוין צו שפעט זיי צו ראטעווען.

— עס איז נאך נישט צו שפעט! — האט פנחס אלעזר'ס זוהן געזאגט — לאמיר אהין אוועקגעהן און פון דארטען זיי צוריק ברייגען.

— דער, וועלכער בעהעפט זיך צו דעם בעל פעור, ווערט מען נישט אזוי גרינג קענען פון דארטען אוועקנעהמען — האט יהושע געזאגט.

— אבער עס גלויבט זיך מיר דאך נישט אז אלע זיינען אוועק אין טעמפעל צו דינען דעם אפגאט פון מואב.

— ווען א מענש פערלירט זיין צניעות און ער לאזט זיין תאוה געוועלטיגען איבער איהם, דאן איז אלעם מעגליך! — האט יהושע טרויעריג געענטפערט — אבער איך וועל מיט דיר מיטגעהן אהין.

זיי זיינען אוועק אין דער ריכטונג פון טעמפעל, אויפ'ן וועג זיינען זיי ענטקעגען געקומען די קדשות. אבער פנחס און יהושע האבען זיך אויף זיי אפילו נישט אומגעקוקט. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאהענט צו דעם טעמפעל האבען זיי בעמערקט ווי אין די לאנגע רייהע געצעלטען פערברייגגען די אידישע יונגע לייט מיט די קדשות, זיי האבען דערקענט זייערע שטימען.

— מיר וועלען מוזען אלעמען צווינגען זיך אומצוקעהרען אין לאגער! — האט פנחס א זאג געטהאן — עס איז נאך מעגליך, אז זיי זיינען נאך נישט פאראומרייניגט געווארען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טעמפעל איז בלעם זיי אנטקעגען געקומען.

— איך בין דער הויפט פריעסטער פון דעם טעמפעל בעל פעור! — האט ער זיך צו זיי אפגערופען — ווי איך זעה, זייט איהר נאר וואס אהערגעקומען. איהר זייט ווילקאמען אין אונזער טעמפעל אזוי ווי אייערע אנדערע ברידער, די ישראלים.

— זיינען דען אונזערע ברידער שוין

געוועזן אין דיזען טעמפעל? — האָט פּנחס איהם געפרעגט.

א ברייטער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף בלעם׳ס פּנים.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט אונזער גאָטעס דיענסט זעהר אויסגענומען ביי אייערע ברידער. זיי האָבען פרייוויליג גענומען נאָכטהאָן אַלע אונזערע צערעמאָניעס. אָבער עס איז גוט וואָס איהר זייט יעצט געקומען — האָט בלעם א זאָגט געטהאָן — ווי איך קען זעהן פון אייערע פּנימ׳ער, זייט איהרביידע חשוב׳ע און אָנגעזעהענע לייט פון ישראל, דעריבער וועל איך אייך איינלאַדען צו דער חתונה וואָס וועט באַלד דאַרפען פאָרקומען אין טעמפּעל.

— נישט צוליעב דעם זיינען מיר אהער געקומען! — האָט יהושע איהם געענטפערט — מיר האָבען גאָר נישט צו טהאָן מיט אייערע חתונות!

— אָבער אין דיזער חתונה זייט איהר דאָך אויך מחותנים! האָט זיך בעוויזען א צינישער שמייכעל אויף בלעם׳ס ליפּען, דער חתן איז דאָך איינער פון אייערע הויפּטען!

— ווער איז ער דאָס? — האָט פּנחס א פרעג געטהאָן.

— זיין נאָמען איז זמרי, דער זוהן פון סלוא און די כלה איז א טאָכטער פון איינעם פון די קעניגען פון מדין.

א שוידער איז דורך די קערפּערס פון יהושע׳ן און פּנחס׳ן.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט יהושע שטילערהייט א זאָג געטהאָן צו פּנחס׳ן — עס איז שוין צו שפּעט.

— כל זמן די חתונה צערעמאָניע איז נאָך נישט פאָרגעקומען קענען מיר פיליכט ווירקען אויף איהם ער זאָל זיך אומקעהרען — האָט פּנחס געזאָגט.

— איך וועל פון דיר פאַרלאַנגען א געפעליגקייט — האָט זיך יהושע געווענדעט צו בלעם׳ן — קענסטו פיליכט ארויסשיקען זמרי׳ן צו אונז. מיר ווילען זיך מיט איהם דורכשמועסען.

— אויב איהר דענקט, אז איהר וועט אויף איהם קענען ווירקען ער זאָל אויפגעבען כזבי׳ן, די טאָכטער פון צור, מאַכט איהר א טעות. — האָט בלעם זיי געענטפערט — נישט נאָר וועט ער איהר נישט אויפגעבען, נאָר אפילו ווען זי פאַרלאַנגט פון איהם ער זאָל אָננעמען די אמונה פון מואב וועט ער איהר אויך פאָלגען.

— אויב אזוי — האָט פּנחס זיך אָפּגערופען, האָסטו דאָך געוויס נישט וואָס מורא צו האָבען.

— איך צווייפעל אָבער אויב ער וועט וועלען ארויסקומען יעצט — האָט בלעם געזאָגט.

— זאָג איהם, אז יהושע דער משרת פון משה׳ן וויל זיך מיט איהם זעהן — האָט פּנחס געזאָגט.

— נישט נאָר משה׳ס משרת, אָבער אפילו ווען משה אליין קומט וועט ער צו איהם יעצט נישט ארויסקומען.

יהושע האָט גוט באַטראַכט בלעם׳ען און נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

דיין פּנים שיינט מיר צו זיין באַקאַנט... און איך בין זיכער, אז דו שטאַמסט נישט פון די מואבים.

— דאָס איז ריכטיג. איך בין נישט פון מואב.

— אויב אזוי, זאָג מיר ביזטו אמאָל נישט געוועזן אין מצרים? — האָט איהם הושע ווייטער געפרעגט.

— גערעכט, איך בין געוועזן אמאָל מיט פיעלע יאָהרען צוריק אין מצרים, אָבער דו שיינסט צו האָבען א גוטען זכרון, אויך קענסטו פיעלייכט ,ע־דענקען מיין נאָמען און וואָס איך בין געוועזן אין מצרים.

יהושע האָט איהם נאָך אמאָל באַטראַכט און זיך אָפּגערופען: — דו ביזט געוועזן א מיניסטער אין פרעה׳ס פּאַלאַץ!

— יע, א הויפּט מיניסטער מיינסטו!

— האָט איהם בלעם פערריכט.

יעצט ווייס איך ווער דו ביזט! — האָט יהושע אויסגערופען — דו ביזט בלעם!

— געטראָפען!

— און יעצט פאַרשטעה איך שוין

ווער עס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלעס.

— איך בין זיך מודה, אַז איך בין פאַר דעם פאַראַנטוואָרטליך — האָט בלעם אַ שטשירע געטהאָן מיט זיינע ציינער. ווען איך וואָלט אין מצרים פאַרבליבען, וואָלט נאָך דאָס פאָלק ישראל ביז יעצט געווען שקלאַפען צו פּרעה'ן... מיין שנאה צו דעם אידישען פאָלק איז געווען דאַן זעהר גרויס און איז נאָך יעצט נישט קלענער געוואָרען. און ווען איך האָב געקראָגען אַ געלעגענהייט אייך שלעכטעס צו טהאָן, וועל איך דאָס זיכער נישט דורכלאָזען.

— און דו האָסט פאַרגעסען די מפּלה וואָס דו האָסט געהאַט פון פּרעה'ן — האָט יהושע זיך אָפּגערופען — פּרעה האָט דיך פון זיין לאַנד פאַריאָגט, וויל דו האָסט זיך אָנגעפאַנגען מיט די אידען, און אויב דו וועסט יעצט ווייטער אָנגעהן מיט דיינע בייזע מחשבות און שענדליכע עצות וועט לאַנג נישט נעמען און דו וועסט אין גאַנצען פון דער וועלט פאַרטריבען ווערען!

— בלק, דער קעניג פון מואב האָט מיר געשיקט רופען פון אַרם איך זאָל געהן שילטען ישראל, ווען איך בין אָנגעקומען האָב איך גלייך איינגעזעהן, אַז קיינע קללות וועט אייך קיין שלעכטעס נישט טהאָן, און דעריבער האָב איך איהם געגעבען דיזע עצה! — האָט בלעם זיך אַ רייץ געטהאָן.

— דאַן ביזטו ביי אונז אָנגערופען געוואָרען בלעם דער רשע און יעצט ביזטו נאָך אַלץ פאַרבליבען דער זעלבער רשע! — האָט יהושע צו איהם געזאָגט. איך זאָג דיר יעצט אין נאָמען פון אונזער גרויסען פיהרער משה, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר דיר און דיינע פאַרבינדעטע ווען דו וועסט אַלעמען שיקען צוריק אין לאַגער פון ישראל.

— געווים וועלען זיי געהן צוריק — אָבער יעדער מיט זיין פרוי פון מואב און מדין.

— דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהן! — האָט פּנחס אַ געשריי געטהאָן.

— עס איז שוין געשעהן! — האָט בלעם אַ לאַך געטהאָן — די אַלע אידען, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט זייער הויפּט זמרי'ן זיינען שוין געווען מיט די "קדשות" און יעצט ווילען זיי זיי מיטנעהמען צו זיך אין זייערע געצעלטען אַלס זייערע ווייבער אָדער קעבסווייבער אויב זיי האָבען שוין ווייבער.

—דאָס וועט נישט דערלאָזט ווערען!

— האָט יהושע אויסגערופען — זיי ווערען די טעכטער פון מואב און מדין נישט אריינברענגען אין דעם אידישען לאַגער.

— הונדערטע יונגע לייט פון דיין פאָלק זיינען שוין געווען אין דעם טעמפּעל פון בעל פּעור, זיי האָבען אויך געדינט צו דער געטין עשתרת און זיינען געווען מיט די קדשות... און יעצט וועט לאַנג ניט נעהמען און זיי וועלען אויסגעפינען, אַז עס איז שוין צו שפּעט!

— האָט בלעם אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— עס איז נאָך קיינמאָל נישט צו שפּעט! — ווען זיי וועלען תשובה טהאָן און חרטה האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען וועט זיי גאָט מוחל זיין און אויך משה וועט זיי מוחל זיין! — האָט יהושע געזאָגט.

— דאָס וועט איהר זיך שוין מיט איינגע טעג שפּעטער ארומזעהן! — האָט בלעם געלאַכט — אָבער, אויב איהר באַשטעהט נאָך אויף דעם, אַז איך זאָל ארויסשיקען זמרי'ן, וועל איך דאָס טהאָן פאַר אייך.

— גוט, מיר וועלען דאָ צוואַרטען — האָט יהושע געזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ארויסגעקומען זמרי, דער זוהן פון סלוא'ן. זיין פּנים איז געווען רויט, זיינע האָר צושויבערט און פון זיינע אויגען האָבען פונקען פייער געשפּריצט.

וואָס איז אייער פאַרלאַנג! — האָט זיך זמרי צו זיי אָפּגערופען.

— זמרי! בעגרייפסטו וואָס דו

טוסט ? ! — האָט יהושע זיך צו איהם אָפּגערופען — דו זינדיגסט אליין און דו מאַכסט אנדערע צו זינדיגען.

— איך צווינג קיינעם נישט מיר נאָכצוטהאָן — האָט זמרי מיט חוצפּה געענטפערט.

— אָבער דו ווייסט דאָך, אז דו ביזט א הויפּט און ווען די איינפאַכע מענשען זעהען, אז דו טוסט אזוי, פאָלגען זיי דיר נאָך !

— איז עס מיין שולד, אז זיי פאָלגען מיר נאָך ! — האָט זמרי געענטפערט.

— אין דעם נאָמען פון אונזער גרויסען פיהרער און היילינען מאַן, משה, בעט איך דיר, אז דו זאָלסט אויפגעבען די מדינית און זיך צוריקקעהרען אין לאַגער, — האָט יהושע צו איהם זיך אָפּגערופען.

— ניין ! דאָס וועל איך קיינמאָל נישט טהאָן. אויב משה האָט געמעגט נעמען א מדינית מעג איך געוויס נעמען ! און בפרט ווען כזבי איז א פּרינצעסין, איהר פאָטער איז איינער פון די פינף קעניגען פון מדין. און איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אז אומזיסט זיינען אייערע רייד. זאָל אפילו משה אליין קומען וועל איך איהר נישט אויפגעבען!

— אָבער דו דאַרפסט וויסען זיין, אז דו וועסט זיך מעהר אין לאַגער נישט קענען אומקעהרען ! — האָט פּנחס אויסגערופען מיט ענטריסטונג.

— ווער ביזטו, אז דו זאָלסט אזוי צו מיר ריידען ! — האָט זמרי אויסגעשריען — איך וועל דיר צייגען, אז איך וועל זיך אומקעהרען אין לאַגער מיט כזבי'ן אלס מיין פרוי פאַר אלעמען אין די אויגען. אזוי לאַנג ווי איך בייט נישט מיין אמונה, קען איך זיך צוריקקעהרען. יע, כזבי וועט זיך מיט מיר גלייך נאָך דער חתונה מאַלצייט אומקעהרען צו מיין געצעלט אין לאַגער, און ווען משה וועט מיר עפּעס זאָגען, וועל איך איהם אָנצייגען אויף צפּורה'ן.

— ווייסטו דען נישט, אז די קדשות פון מואב און מדין זיינען אָנגעשטעקט מיט די געפעהרליכסטע קראַנקהייטען !

— האָט יהושע געזאָגט — און ווען די איבעריגע וועלען נאָכטהאָן דיין ביישפּיעל וועסטו נאָך ברייגנען אן אומגליק אויף גאַנץ ישראל.

— איך וויים בלויז, אז כזבי, די טאָכטער פון צור איז נישט אָנגעשטעקט מיט קיין קראַנקהייט און איך ליעב איהר און זי וועט מיין פרוי ווערען, ווייטער פאַר די אנדערע, וועלכע האָבען מיר נאָכגעפאָלגט, אַרט מיר נישט. יעדער קען טהאָן וואָס איהם געפעלט און אויב ער וועט נאָכהער דאַרפען ליידען, וועט עס זיין זיין אייגענע שולד און ער אליין וועט באַקומען זיין שטראָף...

— אָבער אזעלכע קראַנקהייטען ווערען שנעל פאַרשפּרייט צווישען פאָלק !

— האָט פּנחס געזאָגט — און פיעלע אומשולדיגע וועלען נאָך דערפון ליידען.

— מיר אַרט פאַר קיינעם נישט ! — האָט זמרי אויסגערופען — היינט געה איך חתונה האָבען מיט כזבי'ן און זי וועט פאַררעכענט ווערען פאַר מיין פרוי.

— ווייסטו, אז די חתונה צערעמאָניע איז פאַרבונדען מיט דער צערעמאָניע פון דינען צו זייער אָפּגאָט. וועסטו דען אויך וועלען דינען זייער אָפּגאָט בעל פּעיר ?

— איך וועל דאָס בלויז טהאָן נאָר דיזען מאָל און נאָכהער וועל איך מיט איהר זיך אומקעהרען אין אונזער לאַגער און ווייטער דינען צו אונזער גאָט !

— קום, לאָמיר געהן! — האָט פּנחס א זאָג געטהאָן צו יהושע'ן און זיין כעס האָט געברענט ווי פייער.

— נאָך א שווארצער וואָלקען רוקט זיך אָן אויף אונזערע הימלען — האָט יהושע טרויעריג א זאָג געטהאָן — אויב עס וועט באוואוסט ווערען, אז זמרי האָט געהייראַט מיט א מדינית, וועלען די אנדערע, וועלכע זיינען אהער אריינגעצויגען געוואָרען דורך די "קדשות", טהאָן דאָס זעלבע, און ווער וויים וואָס פאַר א שלעכטע פאָלגונגען וועלען דערפון ארויסקומען.

— מיר מוזען גלייך געהן און אי־

בערגעבען משה'ן זמרי'ס ענטפער — האט פנחס אויסגערופען.

יהושע און פנחס האבען זיך שנעל צוריקגעקערט אין לאגער און דערצעהלט משה'ן אלעס, אז זיי האבען גערעדט מיט בלעם'ן דעם רשע און לויט זיינע רייד האט ער געזוכט אריינצונארען די אידען אויף אזא אופן.

— איך וויים — האט משה געזאגט — אז דאס איז געוועזען זיין עצה — אבער כל זמן זמרי קעהרט זיך נישט אום פון דארטען, וועט זיין זעהר שווער צוריקצוהאלטען דעם המון. זייער קומען פלוצלונג אין באריהרונג מיט א פרעמדעס פאלק, וועמענס פרויען ווייסען ווי צו רייצען מיט זייערע שעהנע קליידער און פריצות, דאס אלעס האט זיי פארבלענדעט. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אז די אלע וועלכע זיינען געקומען אין באריהרונג מיט די "קדשות" וועלען קראנק ווערען דורך זיי. אבער איך האב מורא, אז זיי זאלען נישט פארשפרייטען די שענדליכע און שווידערליכע קראנקהייט אויך צווישען די אומשולדיגע.

— מיר האבען אויסגעפונען, אז בלק דער קעניג פון מואב האט געשיקט נאך בלעם'ן אונז צו שילטען, און אנשטאט אונז צו געבען א קללה האט ער געראטען בלק'ן, אז די אידען זאלען אריינגעצויגען ווערען אין דעם זינד פון בעל פעור — האט יהושע געמאלדען.

— באלד וועט פארקומען די חתונה פון זמרי'ן מיט דער מדינית — האט פנחס געזאגט — און איך האב מורא, אז עס וועט זיין אונמעגליך איהם אפצוהאלטען צו מאכען דיזען שריט — ער האט געזאגט, אז אפילו משה זאל קומען וועט ער זיך אויך נישט צוהערען.

א טרויער האט באדעקט משה'ס פנים. ער איז געוועזען אין גרויס פארצווייפלונג. ער האט נישט געוואלט האנדלען שטרענג, ווייל ער וויים וויפיעל לעבענם עס זיינען פארלוירען געגאנגען צוליעב פריהערדיגע צרות. אבער אין גאנצען פארשוויגען איז אויך אונמעגליך.

דערווייל האבען זיך נאך פיעלע אידען אוועקגעלאזט קיין מואב; פריהער מיט דעם געדאנק בלויז "צוצוקוקען" אבער עס האט לאנג ניט געדויערט און זיי זיינען דורך די קדשות אריינגעצויגען געווארען אין טעמפעל פון בעל פעור.

מיט גרויס פאראד איז געפייערט געווארען די חתונה פון זמרי'ן מיט כזבי'ן. מען האט געפראוועט אלע שענדליכע צערעמאניעס. בלעם און צור האבען אריינגעצויגען די איבעריגע אידען, וועלכע זיינע געשטאנען אין דרויסען און זיך געקווינקעלט.

— קומט אריין אין טעמפעל! — האט בלעם אויסגערופען — איהר וועט זעהן ווי אזוי מיר דינען צו דעם בעל פעור. ווען די פערזאמעלטע אידען האבען זיך נאך אליץ נישט גערוהרט פון ארט, איז דער קעניג אליין בלק צו זיי ארויסגעקומען.

— פארוואס שטעהט איהר אין דרויסען, אייער הויפט, זמרי, געפינט זיך יעצט אין טעמפעל, דארט וועט באלד פארקומען די צערעמאניע פון זיין חתונה מיט דער טאכטער פון איינעם פון די קעניגען פון מדין!

בלק'ס ווערטער האבען געהאט די געווינשטע ווירקונג, די נארוואס אנגעקומענע אידען זיינען אריין אין טעמפעל, באלד זיינען צו זיי צוגעקומען די "קדשות" און מען האט זיי איינגעלאדען זיך צו בעטייליגען אין דער צערעמאניע.

איינינע טעג האבען די פערפיהרטע אידען געהוליעט אין מואב.

זמרי האט גענומען כזבי'ן און זיך צוריקגעקעהרט אין לאגער. נאך איהר זיינען געקומען די איבעריגע אידען מיט זייערע פרעמדע ווייבער.

באלד האט אויסגעבראכען א מגפה אין לאגער און משה האט שטרענג בעפוילען אז די אלע וועלכע זיינען געוועזען

מיט די פרויען פון מואב אין מדין זאלען אפגעזונדערט ווערען. און כאטש די מגפה האט זיך געהאלטען אין פערשפרייטען, האט עס דאך נישט אפגעהאלטען פיעלע אנדערע ווייטער צו געהן אין מואב און פערברייינגען מיט די קדשות.

דאס האט שוין משה׳ן זעהר שטארק אויפגעבראכט און ער האט שנעל צונויפגערופען די שופטים און ער האט בעפוילען צו נעמען אייניגע פון די הויפט שולדיגע, וועלכע זיינען שוין אנגעשטעקט געווארען מיט דער שרעקליכער חולאת און זיי אויפהענגען אין מיטען העלען טאג, כדי אלע אידען זאלען זעהן און מעהר נישט וואגען צו געהן אין מואב.

ווען זמרי, דער זוהן פון סלוא׳ן האט דערהערט וועגען משה׳ס גזירה האט ער מיטגענומען כזבי׳ן און צוזאמען מיט פיעלע פון זיין שבט איז ער צוגעקומען צו משה׳ן, וועלכער איז געשטאנען נעבען אריינגאנג פון אהל מועד און זיך אפגערופען:

— די מדינית מעג איך איהר נעמען פאר מיין פרוי, צי נישט?

משה האט איהם אנגעקוקט מיט טרויעריגע בליקען.

— דו האסט אן אומגליק אויף אלע אידען געבראכט — האט ער איהם געענטפערט — אויף דיר קוקענדיג האבען פיעלע אנדערע אויך געטהאן די זעלבע זאך.

— און דו! — האט זמרי א געשריי געטהאן מיט גרויס חוצפה — האסטו דען נישט גענומען א מדינית פאר א ווייב?

פון דעם טומעל און געשריי איז צפורה ארויסגעקומען מיט איהרע צוויי זיהן פון געצעלט.

— אט איז זי — האט זמרי א געשריי געטהאן אנצייגענדיג אויף איהר מיט׳ן פינגער — די טאכטער פון יתרו וועלכע איז אליין געוועזן א פריסטער ביי די געטער פון מדין.

— דו אומווירדיגער זינדיגער! — איז יהושע צו איהם צוגעלאפען — ווי וואגסטו אזוי צו ריידען וועגען אונזער האר משה׳ן און זיין פרוי! ווייסטו דען נישט אז ווען משה האט חתונה געהאט מיט צפורה׳ן איז עס געוועזן איידער די תורה איז צו אונז געגעבען געווארען.

— ביי מיר איז אלץ איינס! פאר מתן תורה אדער נאך מתן תורה! האט זמרי פאר אלעמען אין די אויגען געקושט כזבי׳ן. — איך האב איהר ליעב און זי וועט געהערען צו מיר.

— זעהסטו דען נישט וואס פאר א צרה דו האסט אויף אלעמען געבראכט — האט יהושע אנגעהויבען אויף איהם צו שטורמען.

— דאס איז נישט מיין שולד — האט זמרי געענטפערט. — ווער האט זיי געהייסען צו האבען צו טהאן מיט די קדושת.

— איך האב אויסגעקליבען כזבי׳ן די טאכטער פון צור. אזוי ווי משה האט אויסגעקליבען צפורה׳ן, די טאכטער פון יתרו!

— ווי אזוי וואגסטו עס צו פערגלייכען — האט יהושע געשטורעמט.

— ווייסטו דען נישט אז דאן האבען נאך די מדינים נישט געדינט צו דעם בעל פוער, און ווען משה איז אנגעקומען אין מדין איז שוין יתרו נישט נאר מעהר נישט געוועזן זייער פריעסטער נאר ער האט שוין אין גאנצען אויפגעגעבען די געצענדינעריי און אויסער דעם איז צפורה׳ס מוטער געוועזן א אידישע טאכטער. און דו, דו עכר ישראל, דו האסט געדינט צו דעם בעל פוער, דו האסט מזנה געוועזן מיט כזבי׳ן פאר זייער געטין עשתרת.

— און יעצט וועל איך דאס טהאן פאר אלעמען אין די אויגען, און איהר ערקלערען אלס מיין פרוי — האט זמרי אויסגערופען — קום כזבי צו מיר אין געצעלט!

פיעלע פון זמרי׳ס שבט זיינען איהם נאכגעגאנגען. א גרויס געוויין האט אויסגעבראכען צווישען דעם פאלק.

— אַט זעהט איהר! — האָט אומיצער אויסגערופען — זמרי איז דער הויפּט פון א גרויסע משפּחה, שרעקט ער זיך נישט פאַר קיינעם. איהם וועט מען קיין שלעכטס נישט טהאָן. און די אנדערע האָט מען אויפגעהאנג׳ען.

— און אונז לאָזט מען אפילו נישט אריינקומען אין מואב צו זעהן ווי זיי דינען דאָרט צו דער בעל פּוער — האָט זיך נאָך איינער געקלאָגט.

— אויב איהם ערלויבט מען דאָס צו טהאָן, מעגען מיר דאָס אויך טהאָן!

— האָט זיך איינער געהיצט — איך וועל נישט אויפגעבען מיין נייע פרוי פון מואב.

— אָבער זעהסטו דען נישט. אז א מגפה האָט אויסגעבראָכען צווישען די אידען. דאָס איז א סימן, אז א גרויסע זינד איז בעגאנגען געוואָרען — האָט אימיצער איהם געזאָגט.

— דאָס האָט גאָר נישט צו טהאָן דאָמיט — אויב זמרי מעג, מעגען מיר אויך!

— לאָמיר געהן נאָך מואב — האָט נאָך איינער א געשריי געטהאָן — זייערע שעהנע טעכטער וואַרטען אויף אונז!

— לאָמיר פריהער צוגעהן צו דעם געצעלט פון זמרי׳ן און זעהן ווי אזוי ער פאָלגט נישט אוים משה׳ס בעפעהל.

זעהר פילע פון שבט שמעון און פון אנדערע שבטים האָבען זיך א לאָז געטאָן צו דער ריכטונג, וואו זמרי׳ס געצעלט איז געשטאנען.

איידער זמרי איז אריין אין זיין געצעלט מיט כזבי׳ן, האָט ער אָנגעזאָגט די אלע פון דער משפּחה איבער וועמען ער איז געווען דער הויפּט, אז זיי זאָלען איהם היטען, און קיינעם נישט צולאָזען צו איהם. נאכהער האָט ער אָנגענומען כזבי׳ן פאַר׳ן האנט און אריינגעפיהרט צו זיך אין געצעלט...

פּלוצלונג האָט זיך דורך דעם המון דורכגעשפּארט פּנחס, דער זוהן פון אליעזר, דער זוהן פון אהרן דעם כהן, מיט א לאנגען שפּיעז אין זיין האנט.

מיט גרוים ערשטוינונג האָבען אלע אָנגעקוקט פּנחס׳ן. זיין פּנים איז געווען רויט פון צאָרן און פון זיינע אויגען האָבען פונקען פייער געשפּריצט... ער האָט מיט גרוים געוואַגטקייט. איינער אליין דורכגעבראָכען דורך די אלע פערזאמעלטע. ער האָט קיינעם נישט געלאָזט שטעהען אין זיין וועג. די וועלכע האָבען געמאכט א פערזוך איהם צו פערהאַלטען, האָט ער מיט אזא שטארקען כח א שליידער געטהאָן, אז יענע זיינען אומגעפאלען אויף דעם באָדען. ער האָט זיך אריינגעריסען אין דעם געצעלט פון זמרי׳ן...

א געשריי האָט זיך דערהערט פון געצעלט און באלד האָט זיך פּנחס בעוויזען, האַלטענדיג אין דער הויך דעם שפּיעז, מיט כזבי׳ן און זמרי׳ן וועמען ער האָט דורכגעשטאָכען צום טויט... ער האָט דעם שפּיעז מיט די צוויי טויטע קערפּער אויפגעהויבען נאָך העכער און זיך געלאָזען געהן...

א טויט שרעק איז אלעמען בעפאלען, ווען זיי האָבען דערזעהן ווי זייער הויפּט זמרי איז אויפגעהויבען געוואָרען א טוידטער אויף דעם שפּיעז צוזאמען מיט כזבי׳ן. יעדער איז מיט גרוים שרעק צולאָפען אין זיין געצעלט, און די וועלכע האָבען מיט זיך געהאט די "קדשות" האָבען גענומען זיי פון זיך פערטרייבען...

צושראָקענע ווי פון א שרעקליכען פייער, האָבען זיך די קדשות געלאָזט צוריקלויפען אין זייער לאנד, מואב...

בלק און בלעם האָבען זיי בעדאנקט פאר די גוטע ארבייט, וואָס זיי האָבען געטהאָן פאר זייער פאָטער־לאנד.

ווען מען האָט צור׳ן איבערגעגעבען. וואָס עס האָט פּאסירט מיט זיין טאָכטער כזבי׳ן, האָט אין איהם זיין צאָרן געברענט.

— יעצט איז געקומען די צייט, צו בעפאלען די אידען, די מגפה פערשפּרייט זיך, זיי זיינען אלע צושראָקען און אָפּגעשוואכט, און דעריבער וועט נישט לאנג דויערען און מיר וועלען זיי בעזיעגען און אין גאנצען פערטרייבען פון

דעם לאַנד, און דאַמיט וועל איך נקמה נעהמען פאַר מיין טאָכטער!

— און איך האָב גאָר מורא יעצט אָנצופאַנגען מיט זיי, האָט בלק געענטפערט — יעצט ווען משה און אַלע אידען זיינען פערביטערט און אויפגערעגט, וועלען זיי קעמפען מיט אַלע זייערע קרעפטען און פון אונזער לאַנד מאַכען אַ חורבן. דעריבער גלויב איך, אַז מיר זאָלען נאָך צוואַרטען און זעהן ווי ווייט די מגפה האָט זיך פערשפּרייט ביי זיי און וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט אויף זיי געמאַכט. דאַן וועלען מיר פיליכט קענען בעשליסען זיך מיט זיי אָנצופאַנגען.

— איך האָב מיין טאָכטער מקריב געווען צוליעב דעם — האָט צור אויסגערופען. מיין לאַנד איז נישט געווען אין סכנה. די אידען זיינען מיין לאַנד פערבייגעגאַנגען און זיך אַפילו דאָרטען נישט אָפּגעשטעלט, פונדעסטוועגען בין איך געקומען ארויסהעלפען דיר. איך האָב אהער געשיקט די קדשות, וועלכע זיינען געוו׳זרען אָנגעשטעקט מיט די ערגסטע קראַנקהייטען און אַפילו מיין איינציגע טאָכטער האָב איך געאָפּפערט פאַר דעם, און יעצט, ווען איך וויל פון זיי נקמה נעהמען, ציהסטו זיך צוריק.

— איך ציה זיך צוריק, ווייל איך וויל נישט האָבען דעם זעלבען סוף. וואָס סיחון און עוג האָבען ־געהאַט, ווען זיי האָבען זיך אָנגעפאַנגען מיט די אידען — האָט בלק געענטפערט.

— און פאַר וואָס האָסטו געשיקט נאָך בלעמ׳ן? — האָט צור איהם ווייטער געפרעגט.

— איך האָב עס געטהאָן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז ער וועט האָבען די מעגליכקייט זיי אין גאַנצען צו פערשילטען און דאַמיט זיי אָפּשוואַכען, אַז זיי וועלען אַליין פון דאַנען מוזען ענטלויפען. דאַן וואָלט איך זיי נאָכגעיאָגט און זיי פערטיליגט. און כאָטש בלעמ׳ס עצה האָט אַ סך געהאָלפען, אָבער ניט אויף אַזוי פיעל, אַז איך זאָל פאַר זיי מעהר קיין מורא נישט האָבען, און דעריבער וועל איך זיך אין דער יעצטיגער צייט מיט זיי נישט אָנפאַנגען.

—לאָמיר פרעגען בלעמ׳ן — האָט צור זיך אָפּגערופען צו בלק׳ן, דעם קעניג פון מואב — און ווי ער וועט ראַטהען אַזוי וועלען מיר טהאָן.

צור האָט צוגערופען בלעמ׳ן און צו איהם געזאָגט:

— מיין טאָכטער כזבי איז טויט! איך האָב אָנגענומען דיין עצה און איהר געשיקט צו דעם לאַגער פון ישראל. כדי זי זאָל קענען אריינציהען איינעם פון די הויפּטען פון ישראל. אמת, דיין עצה האָט אַ סך געהאָלפען. אַ מגפה האָט אויסגעבראָכען צווישען די אידען, און די איינינקייט פון די שבטים איז אויך געדראָהט, אָבער איך האָב דאָך מיין טאָכטער פערלוירען, און איך זוך נקמה צו נעהמען פון אַלע אידען. איך בין געגרייט מיט מיין אַרמעע און מיט די אַרמעען פון די איבעריגע פיער קעניגע פון מדין זיך צו פעראייניגען מיט די אַרמעען פון בלק און צוזאַמען וואָלטען מיר אָפּגעמעקט דעם אידישען נאָמען פון אונטער די הימלען. אָבער בלק איז מיט מיר נישט איינשטימיג. ער האָט נאָך אַלץ מורא פאַר משה׳ן און זיין פאָלק.

— צור איז גערעכט! — האָט בלעם זיך געווענדעט צו דעם קעניג פון מואב, דו האָסט שוין יעצט נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר די אידען. זעהסטו דען נישט, אַז זייער גאָט איז אויף זיי אין כעס. זיי האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען פון אייערע טעכטער און זיי האָבען זיך געבוקט צו די געטער פון בעל פּוער און אויך פון זייערע קרבנות געגעסען... און דעריבער האָט גאָט אויף זיי די מגפה אָנגעשיקט און זיי זיינען יעצט אַ סך מעהר אָפּגעשוואַכט, און מיט פעראייניגטע כוחות וועט איהר זיי זיכער בעזיעגען.

— מעגליך אַז איך וואָלט געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט דעם פאָלק ישראל — האָט איהם בלק געענטפערט—אָבער ווען איך האָב דיר געדונגען זיי צו שיל־

טען, האָסטו מורא געהאט דאָס צו טהאָן און אנשטאט דעם האָסטו זיי גאָר געבענשט. יעצט האָב איך מורא אז דיין ברכה וועט א סך ווירקען און זיי וועלען נאָך אונז בעזיגען.

— אָבער ווייסטו דען נישט, אז איך בין געווען געצוואונגען זיי צו בענשען! — האָט בלעם אויסגערופען.

— וואָס איז דער אונטערשיעד. אבי דו האָסט זיי געבענשט — האָט בלק געענטפערט. און יעצט האָב איך מורא זיך מיט זיי אָנצופאנגען.

— ווען מיין ברכה וואָלט מקוים געווארען, וואָלט עס דען געקומען דערצו, אז מיין עצה וועגען די קדשות זאָל זיין ערפאָלגרייך? — האָט בלעם געזאָגט.

— אויב דו האָסט מורא געהאט זיי צו שילטען, טאָ ווי אזוי זאָל איך ניט מורא האָבען ארויסצוגעהן מלחמה צו האלטען מיט זיי! — האָט בלק אויסגערופען. — ניין איך וועל נישט געהן!

— אויב אזוי וועל איך מיטגעהן מיט דיר צו דיין לאנד — האָט בלעם זיך אָפגערופען צו צור'ן, און ווען דו וועסט מיט די איבעריגע קעניגע בעזיעגען ישראל, דאן וועט בלק חרטה האָבען.

בלעם האָט פערלאנגט פון בלק'ן זיין בעלוינונג פאר דער עצה און ווען בלק האָט איהם בעצאָהלט איז ער אוועק צוזאמען מיט צור'ן נאָך מדין.

דאָרטען האָט ער געהאָלפען צור'ן איינצורעדען די איבעריגע קעניגע פון מדין זיי זאָלען צושטעהן צו צור'ן און געהן מלחמה האלטען מיט ישראל.

— אויב איהר וועט פארנאכלעסיגען אזא זעלטענע געלעגענהייט און נישט געהן קעמפען געגען זיי אין דער צייט, ווען זיי זיינען אָפגעשוואכט, וועט איהר זיי שוין קיינמאָל נישט בייקומען.

— מיר וועלען אָננעהמען אויך דיין איצטיגע עצה — האָבען די איבעריגע קעניגע געזאָגט און מיר וועלען זיין געגרייט מיט אונזערע ארמעען.

אכט און צוואנציגסטער קאפיטעל
די מלחמה מיט מדין

גרויס און ווירקזאם איז געווען דער אויפטהו פון פנחס'ן, דעם זוהן פון אליעזר. מיט זיין שנעלער בראוועד האנדלונג האָט ער פארמיטען א גרויסען אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם גאנצען פאָלק. ווען די איבעריגע, וועלכע האָבען אויך געוואָלט געהן נאָך מואב, האָבען דערזעהן דעם סוף פון דעם הויפט זמרי'ן, האָבען זיי שוין מעהר נישט געוואגט אפילו צו טראכטען וועגען דעם.

— אויב אזא חשוב'ער מאן ווי זמרי האָט בעצאָהלט מיט זיין לעבען פאר דיזען זינד, וועלען מיר דאָך געוויס אונזער שטראָף בעקומען — האָבען זיי שטילערהייט צווישען זיך גערעדט.

בשה, יהושע, פנחס און די שופטים האָבען זיך בעראטען ווי אזוי אָפצוהאלטען די מגפה זאָל זיך ווייטער נישט פארשפרייטען.

— די וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט זמרי'ן און אוועק צו דעם בעל פעור, צו איהם געדינט און זיך נאָך דערצו אָנגעשטעקט מיט די קלעפיגע קראנקהייטען, האָבען פערדינט דעם זעלבען שטראָף. וואָס זמרי האָט געקראָגען — האָט משה געזאָגט. — זיי האָבען געבראָכען איינינגע געבאָטען מיט אמאָל. און זייער זינד איז נאָך גרעסער ווי די זינד וואָס די אידען האָבען בעגאנגען ביי דעם עגל הזהב. זיי האָבען אלע פערדינט דעם טויט. זאָל יעדער שופט פון אייך אויספאָרשען וויפיעל פון זיינע מענשען, וועלכע זיינען אונטער איהם, זיינען אוועק צו בעל פעור מיט די "קדשות" און זיי זאָלען געטויטעט ווערען. זיי זאָלען אלע אָפגעזונדערט ווערען פון לאגער, וואו זיי וועלען זייער שטראָף בעקומען.

משה'ס בעפעהל איז שנעל דורכגעפיהרט געוואָרען. די אלע וועלכע האָבען געזינדיגט מיט דעם אָפגאָט פעור און זיינען נאָך דערצו אָנגעשטעקט געוואָ־

רען מיט קראַנקהייטען, האָבען זייער שטראָף בעקומען.

אין אייניגע טעג אַרום האָט זיך די מגפה אינגאַנצען אָפּגעשטעלט.

דאַן האָט משה ווידער פעררופען אַלע עלטסטע און די שופטים און ער האָט זיי געזאָגט:

— פּנחס, דער זוהן פון אליעזר, דער זוהן פון אהרן דער כהן, האָט געטהאָן א גרויס געפעליגקייט צו גאָט און צו זיין פאָלק, ווייל ער האָט איינגעשטילט זיין פאָלק. ווייל ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבען אין סכנה און מיט גרויס העלדישקייט האָט ער זיך נוקם געווען די נקמה פאַר גאָט און זיין פאָלק. דער־ריבער האָט גאָט געזאָגט, אַז פּנחס איז ווערטה צו טראָגען די כהונה אויף עוויג, פאַר איהם און פאַר זיינע קינדער נאָך איהם.

— מיר זיינען אַלע דאַנקבאַר צו איהם! — האָט יהושע זיך אָפּגערופען — ער האָט מיט זיין פלינקייט און גע־שיקטקייט אויפגעטהאָן א וואונדערלי־כע זאַך און זאָל גאָט זיינע הענט שטאַר־קען אויף ווייטער.

— און יעצט האָט משה פאָרטגע־זעצט, דאַרפען מיר זיך נוקם זיין אָן די מדינים, ווייל זיי זיינען אונזערע גרעסטע שונאים. מיר ווערען געהן מלחמה האַלטען מיט זיי.

— און אויך מיט מואב — האָט יהושע אויסגערופען. — ווייל זיי האָ־בען זיך דאָך אויך בעטייליגט. יע, צו־זאַמען האָבען זיי געזוכט צו שטרויכ־לען אונזער פאָלק מיט זייערע קדשות און זייער אָפּגאָט פעור.

— ניין, מיט מואב'ן ווערען מיר קיין מלחמה נישט פערפיהרען — האָט משה אויסגערופען.

— אָבער בלק, דער קעניג פון מואב איז דאָך געווען דער ערשטער צו רופען בלעמ'ן אונז צו שילטען! האָט יהושע זיך געוואונדערט.

— מואב איז געווען עטוואָס בערעכ־טיגט דערצו — האָט משה געזאָגט.— נאָך אַלעמען האָבען מיר געמאַכט אונ־זער לאַגער נעבען די גרעניצען פון מואב, האָב זיך בלק געשראָקען, טאָמער ווערען מיר פון איהם אוועקנעהמען זיין לאַנד. אָבער די מדינים. פון זיי זיינען מיר דאָך אַוועק גאַנץ ווייט, און זיי האָ־בען דאָך געווים נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבען, פונדעסטוועגען איז זייער שנאה צו אונז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכעס אונז שלעכטעס צו טהאָן.

— אָבער אויך בלעם ווערט מוזען זיין שטראָף בעקומען — האָט יהושע גע־זאָגט. און ער געפינט זיך דאָך אין מואב.

—ניין, בלעם איז אַוועק מיט צור, דעם קעניג פון מדין — האָט משה גע־זאָגט. איך האָב זיך דערוואוסט אַז בלעם האָט געראַטען בלק'ן אָנצופאַנגען א מלחמה מיט אונז יעצט, און ווען בלק האָט זיך ענטזאָגט, איז בלעם אַוועק מיט צור'ן קיין מדין.

— דיין בעפעהל מיין האר משה ווערט געטהאָן ווערען — האָט יהושע געזאָגט.

— מיר ווערען נישט דאַרפען האָבען א צו גרויסע אַרמעע פאַר די מדינים— האָט משה געזאָגט. כאָטש אַלע פינף קעניגע האָבען זיך פאַראייניגט, ווייס איך אָבער אַז זיי זיינען פייגלינגע און שוואַכע, זיי זוכען זיך צו בענוצען מעהר מיט כשוף ווי מיט גבורה. דערצו וועל איך הייסען פון יעדען שבט צונעהמען טויזענד מענשען. פון די צוועלף שבטים ווערען מיר האָבען אַן אַרמעע פון צוועלף טויזענד העלדען. איבער יעדען טויזענד וועל איך בעשטימען א פיהרער. און איבער אַלעמען ווערט זיין דער הויפּט פיהרער פּנחס. וועלכער האָט מקדש השם געווען.

— אָבער מיין האר משה — האָט זיך פּנחס אָפּגערופען — יהושע האָט דאָך אין די פריהערדיגע מלחמות אַרויסגעוויזען גרויס העלדישקייט, פאַר־וואָס זאָל ער אויך איצט נישט פיהרען די אַרמעען צום זיעג.

— דו האָסט אונז אַלעמען איבער־צייגט, אַז דו ביזט בראַוו און שטאַרק—

און דעריבער איז דער פארלאנג פון גאט, אז מיט די מדינים זאלסטו אנפירען די מלחמה — האט משה זיך צו איהם אפגערופען. — יהושע וועט נאך האבען פילע מלחמות צו פיהרען.

משה האט באשטימט א באאמטען פאר יעדען שבט און יענער האט אויסגעקליבען טויזענט העלדען פון זיין שבט.

פנחס איז געווען דער הויפט אנפיהרער פון די צוועלף ארמעען און מיט משה'ס ברכה האבען זיי זיך געלאזט געהן מלחמה האלטען מיט מדין.

די מדינים זיינען שוין געווען צוגעגרייט צו דער מלחמה. די פינף קעניגע: אווי, רקם, צור, חור און רבע האבען זיך פאראייניגט מיט גרויסע ארמעען.

— איך האב געהערט, אז פנחס, וועלכער האט מיין טאכטער כזבי צום טויט דערשטאכען פיהרט אן די אידישע ארמעען — האט צור זיך אפגערופען צו די איבעריגע מלכים, און ווי שטארק איך וואלט געוואלט זעהן נקמה אן איהם. איך באט אן דעריבער פון מיין פארמעגען צו דעם קעניג, אין וועמעס הענט פנחס וועט פריהער אריינפאלען.

— און אויב ער וועט אריינפאלען אין דיינע הענט פריהער — האט זיך רקם צו איהם אפגערופען מיט א שמייכעל — וועמען וועסטו דאן אפגעבען א העלפט פון דיין פארמעגען?

— דאן וועל איך עס אפגעבען צו דעם טעמפעל פון בעל פעור, א נדבה צו דער געטין עשתרת, וועלכע האט צוגענומען די נשמה פון מיין טאכטער כזבי.

זיי האבען גלייך אוועקגעשיקט "קורערס" אויף די בערג און יענע האבען געבראכט א באריכט וועגען דער גרויס פון פנחס ארמעע.

—זעהר א קליינע ארמעע — האט מען זיי באריכטעט — עס וועט לאנג נישט נעמען און מיר וועלען זיי אינגאנצען פארניכטען.

— ווען מיר וועלען מיט דער הילף פון דעם בעל פעור, באזיגען פנחס'ן און זיינע ארמעע, וועלען מיר ערשט דאן קענען באפאלען דעם גאנצען לאגער פון ישראל — האט צור געזאגט— און מיר וועלען זיך צוטיילען מיט זייער רייכטום... ווייל איך האב געהערט, אז זיי זיינען זעהר רייך. בלעם האט מיר געזאגט, אז ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים האבען זיי פון דארטען אוועקגעטראגען די גאנצע רייכטום.

— מיר וועלען מוזען מיטנעמען בלעם'ן, ער זאל אונז העלפען געווינען די מלחמה — האט דער קעניג רבע אויסגערופען.

איך האב שוין וועגען דעם טאקע מיט איהם גערעדט — האט צור געענטפערט — ער אליין זוכט אויך נקמה צו נעמען פון פנחס'ן און פון אלע אידען, ווייל מיין טאכטער כזבי'ן האב איך פריהער איבערגעגעבען אין בלעם'ס הענט, כדי ער זאל שילטען די אידען, און ער האט מפקיר געווען כזבי'ן פאר דיזען "הייליגען" צוועק און איהר געלאזט אריינגענעמען אין איהר נעץ דעם אידישען הויפט זמרי'ן.

— אויב אזוי וואו איז ער? —האט מען איהם געפרעגט.

— בלעם איז איצט אין דעם טעמפעל בעל פעור. ער איז דארטען מתפלל, אז מיר זאלען האבען א זיעג. אט וועל איך איהם שיקען רופען פון דארטען.

ווען בלעם איז געקומען, האבען די קעניגע איהם געפרעגט אויב ער וויל מיט זיי מיטגעהן אויף מלחמה געגען די אידען און אויב ער וועט זיי איצט קענען שילטען.

— געוויס וועל איך זיי איצט קענען פארשילטען— האט ער מיט זיכערהייט געענטפערט — ווי באלד מיין עצה איז דורכגעפיהרט געווארען און דאס פאלק ישראל האט געזינדיגט, וועל איך שוין מעהר נישט געשטערט ווערען.

— און דו וועסט שוין מעהר נישט געצוואונגען זיין זיי צו געבען א ברכה ווי דו האסט פריהער געטאן — האט רקם זיך צו איהם אפגערופען.

— זעהסטו דען נישט וואס זיי האבען געהאט פון מיין ברכה — האט בלעם א שמייכעל געטהאן—א ברכה מיט

מיינע א גוטע עצה איז אמאל מעהר ווערט ווי מיינע א קללה און איצט מיי־נע פריינט וועל איך אייך געבען נאך אן עצה: איידער איהר געהט ארויס אויף מלחמה פוצט אויס אייערע טעכטער און פרויען אין די שעהנסטע קליידער, ווייל ווי איך זעה, וועט דאס זיין א גו־טע וואפען אין אייערע הענט... און דאס וועט א סך ארויסהעלפען צו אייער זיעג.

די פינף קעניגע האבען אזוי געטאן. זיי האבען באפוילען, אז אלע פרויען פון מדין זאלען זיין אויסגעפוצט און זיין געגרייט ווען מען וועט זיי דארפען.

די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען. די ארמעען פון מדין זיינען ארויס באגע־גענען די ארמעען פון פנחס'ן.

אין אן אפענעם קאסטען, וואס איז געטראגען געווארען מיט שטאנגען פון פילע סאלדאטען איז געזעסען בלעם, דער רשע. ער האט מיטגענומען ווייריך און עטליכע קליינע געטשקעס פון עשתרת און פעור.

די ווייריך האט ער אנגעצונדען און א רויך איז ארויסגעקומען. ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און ער האט גענומען שיטען מיט פארשידענע בשמים ארום, בענטשענדיג די ארמעען פון מדין, נאכהער האט ער זיין פנים געווענדעט צו די ארמעען פון ישראל און פון זיין מויל האט זיך גענומען שי־טען קללות.

הינטער די ארמעען האבען זיך לאנג־זאם באוועגט די שעהנע אויסגעפוצטע פרויען און קדשות פון מדין זיי האבען געשפילט מיט צימבאלען און פויקען און געטאנצט זייערע פארשייטע טענץ.

פנחס האט געריטען פאראויס אויף א פערד און האט מיט זיין לאנגען שפיז, מיט וועלכען ער האט דורכגעשטאכען זמרי'ן און כזבי'ן, געצייגט די ריכטונג וואו זיין ארמעע זאל אנפאנגען די אטאקע.

מיט גרויס העלדישקייט האבען זיך די צוועלף טויזענט בראווע סאלדאטען א לאז געטאן אויף די מדינים.

עס האט לאנג נישט געדויערט און די מדינים זיינען צוטומעלט און דער־שראקען געווארען. די אידישע העלדען האבען מיט זייער אויסערגעוויינליכער גבורה זיי אזוי איבערראשט, אז זיי האבען גענומען צוריקטרעטען אין גרויס פאניק. די פינף קעניגע, דערזעהענדיג, אז זייערע ארמייען צולויפען זיך האבען זיך אויך געלאזען לויפען.

פנחס האט גלייך געגעבען א באפעל, אז מען זאל איהם גלייך ברייגען די 5 קעניגע טויטע אדער לעבעדיגע.

אן אפטיילונג פון זיין ארמעע האט זיך א לאז געטאן נאכצויאגען זיך די פינף מלכים פון מדין.

דער געיעג האט זיך אנגעפאנגען און א ווייל שפעטער זיינען שוין די פינף מלכים געלעגען טויטע דורכ'ן שווערד.

בלעם איז נאך אלץ געשטאנען מיט זיינע אויגען פארגלאנצט צום הימעל און געשאלטען די אידען.

ווען די סאלדאטען, וועלכע האבען איהם געטראגען, האבען דערזעהן, אז די אידישע ארמעע דערנענטערט זיך צו זיי, האבען זיי א שליידער געטאן דעם קאסטען, וואו בלעם איז געזעסען און זיי האבען גענומען לויפען.

— אט איז בלעם דער רשע! האט פנחס אויסגערופען. ער האט פאראור־זאכט דעם גרויסען אומגליק וואס איז באפאלען אונזער פאלק. פאנגט איהם!

דער צארען פון די אידישע סאלדאטען אויף בלעם'ן איז געווען אזוי גרויי', אז ווי זיי זיינען צו איהם נאהענט צוגעקו־מען האבען זיי איהם מיט זייערע שווערדען אויף טויט דערשטאכען. נאכ־דעם האבען זיי זיך א לאז געטאן נאכצו־יאגען די איבערגעבליבענע ארמעען, וועלכע זיינען זיך מיט גרויס שרעק צו־לאפען אויף פארשידענע ריכטונגען.

די ארמעען פון פנחס האבען ארומגע־רינגעלט די אנטלאפענע סאלדאטען און זיי אלעמען אויסגעשלאכטעט.

נאכהער זיינען זיי אריין אין די שטעדט און האבען אוועקגענומען זייע־רע פארמעגענס.

— די פרויען מוזען אויך געטויטעט ווערען — האט פנחס באפוילען.

— אבער זיי זיינען דאך אזעלכע שעהנע — האבען איינינע אנפיהרער פון די ארמעען גע'טענה'ט — וואלט דען נישט געווען ראטהזאם, מיר זאלען זיי נעמען געפאנגען און נאכהער זיי מאכען פאר אונזערע דינסטען.

— יע, מיר וועלען זיי מאכען פאר אונזערע דינסטען — האבען פילע אנדערע אויסגערופען.

— אבער איהר מוזט געדענקען, אז איהר טארט זיי נישט נעמען פאר אייערע פרויען — האט פנחס זיי געווארענט.

— געווים וועלען מיר זיי נישט נעמען פאר קיין פרויען — האבען די באאמטע פארזיכערט, און נישט נאר וועלען מיר אליין נישט נעמען זיי, נאר מיר וועלען אויך די סאלדאטען נישט ערלויבען דאס צו טאן.

זיעגרייכע האבען זיך די אידישע ארמעען אומגעקערט צו זייער לאגער פול מיט רויב און געפאנגענע.

משה, אלעזר, דער כהן, פנחס'עס פאטער און אלע נשיאים זיינען ארויסגעקומען באגעגענען די זיעגרייכע ארמעען.

פנחס האט פאר אלעמען דערצעהלט ווי אזוי ער האט געפיהרט די מלחמה און ווי אזוי גאט האט איהם געהאלפען און אריינגעגעבען א מהומה אין די מחנות פון מדין און זיי זיינען אנטלאפען אין גרויס שרעק. ער האט גענומען צייגען דעם גרויסען שלל וואס זיי האבען מיטגעברכט פון מדין.

— און ווער זיינען אט די? — האט משה פארוואונדערט געפרעגט, דערזעהענדיג די אלע פרויען, וועלכע זיינען געווען אין געפאנגשאפט.

— דאס זיינען די פרויען וועלכע מיר האבען געפאנגען — האט פנחס געזאגט — איך האב זיי אפילו געהייסען פארניכטען אלע פרויען, אבער די באאמטע און די סאלדאטען האבען מיר געבעטען איך זאל זיי לאזען לעבען, און זיי וועלען זיי מאכען פאר דינסטען.

— און דו האסט געלאזט לעבען אלע פרויען ! ! — האט משה מיט כעס אויסגערופען.

— מיט דיזען בעדינג, אז קיינער פון אונזערע באאמטע און סאלדאטען זאלען נישט וואגען חתונה צו האבען מיט זיי.

— האסטו דען פערגעסען אז דורך אט די פרויען איז אויף די אידען געקומען די שרעקליכע מגפה. בלעם האט געראטען מואב'ן און מדין אריינצוציהען די אידען צו זינדיגען אין בעל פעור דורך די פרויען. און ווען פיעלע פון די אידען האבען זיך געלאזט פערפיהרען, האט אויסגעבראכען די מגפה אין אונזערע רייהען. יעצט נעמט איהר די זעלבע אומריינע פרויען און בריינגט זיי אין דעם אידישען לאגער. אפילו ווען די סאלדאטען וועלען מיט זיי נישט הייראטען, וועלען זיי אלץ זיין א שטרויכלונג פאר אלעמען.

— און וואס זאלען מיר יעצט מיט זיי טהאן. — האט פנחס געפרעגט.

— זעהסטו דען נישט אז זיי האבען זיך מיט א כיוון אויסגעפוצט, כדי א צווייטען מאל צו שטרויכלען דאס פאלק מיט זינד, דעריבער האבען אט די אלע פרויען פערדיענט דעם טויט. קיינער פון זיי טאר ניט בלייבען לעבען, ווייל דורך זיי האבען פיעלע אידען פערלוירען זייערע לעבענס.

מען האט געטהאן אזוי ווי משה האט געזאגט, און געטויטעט אלע פרויען.

— איך האב געמיינט אז דו וועסט קענען זיין א הויפט פון אן ארמעע !— האט משה זיך נאכדעם אפגערופען צו פנחס'ן — אבער יעצט זעה איך אז דאס איז פאר דיר אוממעגליך, דו האסט ארויסגעצייגט א שוואכקייט. איך בעשולדיג דיר ניט אז דו האסט געוואלט דערלאזען די מדינישע פרויען אין אונזער לאגער, אבער דו האסט ניט ארויסגעוויזען גענוג שטארקייט, דו האסט געדארפט שטרענג אנזאגען די סאלדאטען אז זיי זאלען ניט וואגען מיטצונעהמען קיינע פרויען און זיי וואלטען דיר זיכער געפאלגט. יהושע וואלט אזוי ניט געהאנדעלט. יא, דער איינציגער וועלכער וועט קענען פערנעמען מיין פלאץ איז יהושע. ער וועט זיין דער פיהרער פון די אידען

נאָך מיין טויט. און דו וועסט זיין דער כהן גדול.

30טער קאַפּיטעל

יהושע פערנעהמט משה'ס פּלאַץ

משה האָט צוגערופען יהושע'ן און האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— מיינע טעג זיינען געצעהלטע, עס איז דער ווילען פון גאָט אז איך זאָל שטארבען איידער די אידען וועלען אריינגעהן אין ארץ ישראל.

— אָבער מיין האר, משה! — האָט יהושע אויסגערופען — פערציג יאָהר האָסטו געפיהרט דיין פאָלק אין דער מדבר, וויפיעל צרות ביזטו פון זיי אויסגעשטאנען, זינט דו האָסט זיי אריבערגעפיהרט דעם ים סוף האָבען זיי זיך מיט דיר געקריעגט; דאָ זיינען זיי געווען דורשטיג, דאָ הונגעריג, נאָכהער האָבען זיי דיר דערצאָרענט מיט דעם עגל, שפּעטער, די מרגלים, און קרח מיט זיין קליקע, און דו האָסט עס אלץ געדולדיג אריבערגעטראָגען: ווי א געטרייער פאָטער ביזטו צו אונז געווען. ווען מיר האָבען געזינדיגט האָסטו זיך משתדל געווען פאר אונז, דו האָסט מתפּלל געווען צו גאָט ער זאָל אונז מוחל זיין, דו האָסט געזעהען צופרידענצושטעלען אלע אונזערע פערלאַנגען, ביז וואַנען דו האָסט אונז דערפיהרט ביז די טויערען פון כנען און יעצט זאָגסטו אז דו וועסט שטארבען איידער מיר וועלען אריינגעהן אין כנען, אזוי ווי דיין ברודער אהרן.

— איך האָב אויך געזינדיגט געגען גאָט, און אויב אפילו מיין זינד איז ניט אזא שווערע, דאָך מוז איך ליידען פון דעם! — האָט משה געזאָגט.

— מיין האר משה איז ריין ווי א מלאך, און ער האָט קיינמאָל געגען גאָט ניט געזינדיגט.

— דו געדענקסט, נאָך מרים'ס טויט ווען מיר זיינען געווען אין קדש פון דעם מדבר צין, דאָס פאָלק האָט אָנגעפאַנגען צו דורשטען, איך האָב מתפּלל געווען צו גאָט ער זאָל אונז געבען וואסער. און גאָט האָט מיר געהייסען נעמען מיין שטעקען און געהן צוזאמען מיט מיין ברודער אהרן צו יענעם פעלזען שטיין און צו ריידען צום פעלז און דאן וועט ער ארויסגעבען גענוג וואסער פאר דער גאנצער געמיינדע.

— איך געדענק! — האָט יהושע געזאָגט — אזוי האָט דאָך טאקע פּאַסירט. דאָס וואסער פון פעלז איז געווען גענוג פאר אלעמען פאר א היבשע צייט.

— אָבער איך האָב ווידערשפּעניגט גאָט'ס רייד ווען איך בין מיט אהרן צוגעגאַנגען צו דעם שטיין, און דער גאנצער קהל איז געווען הינטער אונז, האָבען מיר ביידע גלייך אויסגערופען: "הערט זיך איין איהר ווידערשפּעניגע, וועלען מיר דען קענען ארויסציהען וואסער פאר אייך אלעמען פון דיעזען שטיין? דאָס איז געווען אונזער ערשטע זינד. מיר האָבען געציינט דעם פאָלק אז מיר אליין גלויבען ניט די רייד פון גאָט, און דער צווייטער זינד איז געווען וואָס אנשטאט צו ריידען צום שטיין האָב איך איהם געשלאָגען מיט מיין שטעקען.

— אָבער מיין האר משה! — האָט יהושע אויסגערופען פאר וואָס זאָל גאָט דאָס דיר פעררעכענען פאר א זינד? וואָס איז דער אונטערשיעד וואָס דו האָסט צום שטיין געטהאָן, האָט ער דען געקענט פיהלען, ווען דו האָסט איהם געשלאָגען?

— אָט דאָ ליעגט טאקע מיין זינד!

— האָט משה געענטפערט. — ווען גאָט האָט מיר געהייסען ריידען צום שטיין, האָט ער געוואָלט אז דורכדעם זאָלען זיך די אידען אראָפּנעמען א מוסר: דער שטיין, וואָס רעדט ניט, הערט ניט און פיהלט ניט, ער דארף ניט קריגען קיין שפּייז און קליידער, פונדעסטוועגען ווען מען רעדט צו איהם פאָלגט ער, און איהר קינדער פון ישראל, וואָס איהר דארפט אָנקומען צו גאָט פאר אייער געזונד, פּרנסה און קליידער, פונדעסטוועגען אז מען רעדט צו אייך און מען הייסט אייך טהאָן דעם ווילען פון גאָט, פאָלגט איהר ניט". יעצט, אָבער אז איך האָב דעם

שטיין געשלאָגען האָט דאָס שוין פאר זיי מעהר ניט געקענט זיין א מוסר השכל. ווען מען בעשטראָפט זיי פאָלגען זיי דאָך אויך. יאָ, אָט די, יהושע זיינען מיינע צוויי זינד, און צוליעב זיי וועל איך ניט קענען אריינבריינגען די אידען אין כנען.

טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין יהושע'ס אויגען ווען ער האָט געהערט פון משה'ן דיעזע רייד.

— אָבער אויף וועמען וועסטו פערלאָזען דאָס פאָלק, ווער וועט זיי פיהרען און פערענדיגען דאָס וואָס דו האָסט אָנגעפאנגען ?

— איך האָב געבעטען גאָט ער זאָל בעשטימען א מאן איבער ישראל וועלכער זאָל זיי פיהרען, און וועלכער זאָל זיי אריינבריינגען אין דעם צוגעזאָגטען לאנד, כדי דאָס פאָלק זאָל ניט זיין ווי שאָף אָהן א פאסטוך, און גאָט האָט מיר געהייסען בעשטימען דיך, יהושע אלס מיין נאָכפאָלגער, יאָ, דו וועסט אריינפיהרען די אידען אין דעם לאנד כנען און דו וועסט דאָס לאנד צוטהיילען פאר די שבטים.

— אָה, מיין האר משה, איך בין ניט ווערטה צו פערנעהמען דיין פלאַץ — האָט יהושע אויסגערופען — ווער בין איך אז איך זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דיר, און א חוץ דעם וועט דען דאָס פאָלק וועלען זיך צוהערען צו מיר ווי זיי האָבען דאָס געטהאָן צו דיר.

א ביטערער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף משה'ס ליפען. — און צו מיר האָט זיך דען דאָס פאָלק שטענדיג צוגעהערט ? — האָט ער געזאָגט, דו ווייסט דאָך אלעס, דו ביזט מיין תלמיד געוועזען און דו האָסט זיך אויסגעלערענט צו האָבען גערולד מיט זיי. איך וועל דיר איבערגעגעבען די פירערשאפט אין דער געגענווארט פון די עלטסטע פון ישראל. און זיי וועלען אָנזאָגען דעם פאָלק אז זיי מוזען טהאָן אלעס וואָס דו וועסט זיי בעפעהלען.

משה האָט צוזאמענגערופען אלע עלטעסטע פון ישראל און ער האָט פאר זיי פאָרגעשטעלט יהושע'ן אלס זיין נאָכפאָלגער.

— איך וועל אייך ניט קענען אריינבריינגען אין לאנד כנען, איך בין שוין צו אלט און שוואך, יהושע וועט פערנעמען מיין פלאַץ, ער וועט פיהרען די מלחמות געגען די פעלקער וועלכע געפינען זיך אין כנען, און ער וועט צוטיילען דאָס לאנד צו די שבטים אזוי ווי איך וועל איהם אָנזאָגען. יהושע'ס וואָרט זאָל פאר אייך זיין הייליג און ווען איהר וועט איהם פאָלגען און טהאָן אלעס וואָס ער וועט אייך הייסען, דאן וועט אייך גאָט העלפען און וועט מקיים זיין זיין הבטחה וואָס ער האָט געגעבען צו אייערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, אז דאָס לאנד כנען וועט אייך אָפגעגעבען ווערען.

די עלטסטע פון ישראל האָבען אויסגעבראָכען אין א גרויס געוויין.

— פערלאָז אונז ניט, אָה משה ! — האָבען אייניגע זקנים אויסגערופען — דו האָסט אונז ארויסגענומען פון מצרים פון שקלאפעריי, דו האָסט אונז געפיהרט פערציג יאָהר אין מדבר און יעצט ווילסטו אונז פערלאָזען !

— דאָס איז דער ווילען פון גאָט !— האָט משה זיי געענטפערט — און איך בין זיכער אז יהושע וועט בעגליקען אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען. ער האָט שוין פאר אייך אייניגע מלחמות ערפאָלגרייך דורכגעפיהרט און ער וועט טהאָן אזוי צו די איבעריגע פעלקער וועלכע וועלען זיך געגענשטעלען געגען אייך.

— און יעצט האָט זיך משה געווענדעט צו יהושע'ן פאר די אויגען פון גאַנצען פאָלק — פאר דיעזע צוועלף שבטים זאָלסטו צוטהיילען דאָס לאנד כנען. אין וועלכען געגענד יעדער שבט זאָל בעקומען זיין נחלה, דאָס וועסטו בעשטימען דורך א גורל, און דאן וועסטו זעהן אז א גרעסערער שבט זאָל קריגען א גרעסערע נחלה און א קלענערער שבט — א קלענערע נחלה. און די גרעניצען פון דער נחלה זאָלען זיין ווי פאָלגט. די ירושה

פאַלט אַריין צום זוהן, כדי זיין נחלה זאָל שטענדיג בלייבען מיט זיין שבט. ווייל ווען די טאָכטער וועט ירשנ'ען, וועט די נחלה, ווען זי הייראַט געהערען צו איהר מאַן און ווען דער מאַן איז פון א פרעמדען שבט, וועט אויסקומען אז א שטיק נחלה פון איין שבט וועט געהערען צו א צווייטען שבט.

די נייעס וועגען צוטהיילען דאָס לאַנד איז גלייך בעוואוסט געוואָרען צווישען אלע אידען.

אויף מאָרגען זיינען צו משה'ן געקומען די פינף טעכטער פון צלפחד, וועמעס נעמען עס זיינען געווען: מחלה, נעה, חגלה, מלכה און תרצה.

ווען מען האָט משה'ן אָנגעזאָגט אז צלפחד'ס פינף טעכטער זיינען צו איהם געקומען איז ער זיי גלייך ענטקעגען געקומען נעבען דעם אהל מועד, וואו אלעזר דער כהן און אלע נשיאים האָבען געוואַרט, צו הערען ווי אזוי משה וועט דאָ האַנדלען.

— וואָס פערלאַנגט איהר? האָט משה זיי געפרעגט.

— מיר זיינען צלפחד'ס טעכטער. מיר שטאַמען פון דעם שבט מנשה — און מיר האָבען נאָר וואָס געהערט — האָט די עלטערע שוועסטער מחלה זיך אָפּגערופען — אז א טאָכטער קען ניט בעקומען קיין ירושה צווישען די נחלות וואָס עס וועט אָפּגעגעבען ווערען יעדען שבט.

— איהר האָט ריכטיג געהערט! — האָט משה געזאָגט — אזוי איז דער געזעץ, כדי די נחלאות פון איין שבט זאָל ניט געהערען צו א צווייטען שבט.

— אונזער פאָטער איז טויט! — האָט מלכה זיך אָפּגערופען — יאָ, ער איז געשטאָרבען אין דער מדבר, ער איז ניט געווען פון קרח'ס קליקע, ער איז געשטאָרבען פאַר זיין אייגענע זינד, און קיין זיהן האָט ער ניט געלאָזען, יעצט פאַרוואָס קומט עס אונז אז מיר זאָלען ניט האָבען קיין נחלה צווישען די משפחות פון'ם שבט מנשה. מיר ווילען אויך א נחלה, וואָס זאָל אָנגערופען ווערען אויף אונזער פאָטער'ס נאָמען: „צלפחד'ס נחלה" און מיר ווילען ירשנ'ען צוזאַמען מיט די ברידער פון אונזער פאָטער.

א ווייל'ע האָט זיך משה פערטראַכט און נאָכהער האָט ער אויסגערופען:

— צלפחד'ס טעכטער זיינען גערעכט, מען וועט זיי דאַרפען געבען א נחלה צווישען די ברידער פון זייער פאָטער און דאָס וועט פאַר אייך אלעמען בלייבען א געזעץ פאַר שטענדיג: ווען א מאַן שטאַרבט און ער לאָזט ניט איבער קיין זיהן, דאַרף זיין נחלה אריבערגעהען צו זיין טאָכטער, און ווען ער האָט אויך קיין טאָכטער ניט, דאַן דאַרף די ירושה געהערען צו זיינע ברידער, און ווען ער האָט קיין ברידער ניט דאַרף די נחלה געהערען צו די ברידער פון זיין פאָטער, און אויב זיין פאָטער האָט אויך קיין ברידער ניט דאַרף די נחלה איבערגעהען צו זיין נאָהענסטען קרוב פון זיין משפחה.

גליקליכע און צופרידענע זיינען די פינף טעכטער פון צלפחד אוועק פון משה'ן. זיי האָבען געהאַט א גרויסען זיעג זיי וועלען האָבען גרויסע נחלאות. זיי וועלען זיך קענען פערגלייכען מיט יעדען איינעם פון זייערע שבטים.

ווען משה'ס בעשלוס וועגען צלפחד'ס טעכטער, איז בעקאַנט געוואָרען, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען איינינע הויפּטען פון דער משפחה פון גלעד און צווישען זיך גערעדט.

— צלפחד'ס טעכטער זיינען זעהר שעהנע, און יעצט אז זיי זיינען פּלוצלונג אויפגעריכט געוואָרען און דערצו זיינען זיי בעקאַנט געוואָרען אלס קלוגע, וועלען זיך געפינען פיעלע בעלנים פון אנדערע שבטים וועלכע וועלען זוכען צו נעהמען זיי פאַר פרויען. און אויב מיר האָבען ווען עס איז געהאַט א שטראַהל האָפנונג צו הייראַטען מיט די טעכטער פון צלפחד, איז דאָס יעצט פערשוואונדען.

— מיר דאַרפען אונזער האָפנונג ניט פערלירען — האָט דער עלטערער פון זיי זיך אָפּגערופען — מיר זיינען די

זיהן פון די אָנקעל׳ס פון צלפחד׳ס טעכטער און מיר זייגען צו זיי מעהר בערעכטיגט ווי אימיצער אנדערש.

— פריהער, איידער זיי האָבען געקראָגען זייער חלק ירושה, וואָלטען זיי פּילייכט צוגעשטימט צו ווערען אונזערע פרויען אָבער יעצט, צווייפעל איך אין דעם.

— איך האָב אַן עצה! — האָט זיך א צווייטער אָפּגערופען לאָמיר זיי רופען צו א משפּט צו משה׳ן.

— צו א משפּט? פאַר וואָס?

— אַזוי ווי זיי האָבען געהאַט טענות, קענען מיר דאָך אויך געפינען טענות!

— און וואָס פאַר א טענות קענען מיר האָבען צו זיי· אויב זיי· ווילען מיט אונז ניט הייראַטהען?

— מיר ווילען אויפווייזען משה׳ן אַז אין פאַל די פינף טעכטער פון צלפחד ווילען הייראַטהען מיט פינף מענער פון פערשיעדענע שבטים, דאַן ווערט די נחלה פון דעם שבט מנשה צוברעקעלט ווערען.

— דו ביזט גערעכט, מיר האָבען א גוטע טענה געגען זיי. מיר ווילען שיקען רופען די טעכטער פון צלפחד און צוזאַמען מיט זיי ווילען מיר געהן צו משה׳ן.

אין א ווײַלע ארום זיינען די פינף שוועסטער מיט די פינף זיהן פון זייערע אָנקעלס געשטאַנען פאַר משה׳ן.

משה האָט זיי געפרעגט וואָס זיי· פערלאַנגען און איינער פון די אָנקעלס האָט זיך אָפּגערופען:

— לויט דעם פריהערדיגען בעשלוס ווילען די טעכטער פון צלפחד קריגען א חלק ירושה גלייך מיט אלעמען, און נאָכהער ווען זיי ווילען הייראַטהען מיט מענער פון אנדערע שבטים וועט דאָך געמינערט ווערען פון אונזער חלק. און אפילו ווען דער יובל וועט קומען ווילען דאָך די נחלאות אויך קיינמאָל ניט קענען צוריק געהערען צו אונז, ווייל בלויז פערקויפטע נחלאות קעהרען זיך אום צו זייער אייגענטהימער אום יובל אָבער ניט קיין ירושות, וועט אויסקומען אַז אין דער צייט ווען אנדערע שבטים ווילען פערגרעסערען זייער חלק וועט אונזער חלק קלענער ווערען.

— איהר זייט אויך גערעכט! — האָט משה געזאָגט מיט א שמייכעל. און דעריבער מוז איך אייך אָנזאָגען — האָט ער זיך געווענדעט צו די טעכטער פון צלפחד אַז איהר קענט הייראַטען וועמען איהר ווילט, אָבער די מענער מוזען זיין בלויז פון אייער שבט.

— מיר ווילען טהאָן אונזער האַר׳ס פערזאָג — האָט מחלה געזאָגט — אָבער וואָס ווילען מיר טהאָן ווען אין אונזער שבט ווילען זיך ניט געפינען קיין מענער וועלכע ווילען זיין וויליג מיט אונז צו הייראַטהען?

— דאַן — האָט משה געזאָגט.

— מיר זיינען וויליג צו הייראַטהען מיט די טעכטער פון צלפחד — האָט איינער אונטערבראָכען משה׳ן.

— איז יעדער פון אייך איינשטימיג צו הייראַטהען מיט א טאָכטער פון אייער פאָטער׳ס ברודער.

— יאָ! — האָבען אלע מיט אמאָל געענטפערט.

— אויב אַזוי ווילען מיר טאַקע היינט נאָך פייערען א פינפפאַכיגע חתונה — האָט משה געשמייכעלט.

דעמזעלבען טאָג האָבען זיך פערזאַמעלט אלע נשיאים און די עלטסטע פון פאָלק און משה האָט פערהייראַטה די פינף טעכטער פון צלפחד צו די פינף זיהן פון זייערע אָנקעלס.

מיט איניגע טעג שפּעטער זיינען צו משה׳ן געקומען פאָרשטעהער פון שבט ראובן און פון שבט גד און פון א האַלבען שבט פון מנשה און זיי האָבען זיך אָפּגערופען:

— גאָט האָט אונז געבענשט מיט זעהר פיעל בהמות, שאָף און רינדער און ווען מיר האָבען מלחמה געהאַלטען מיט סיחון דעם קעניג פון אמורי און מיט עוג, דעם קעניג פון בשן און מיט גאָטעס הילף זיי אינגאַנצען באזיעגט, האָבען מיר באַמערקט אַז זייער לאַנד איז פרוכטבאַר און איז אויסגעצייכענט פאַר פאַשע. דאריבער וואָלטען מיר

פערלאַנגט פון דיר, אונזער האר משה, אז דו זאָלסט אונז ניט אריבערפיהרען דעם טייך ירדן. גיב אונז אָפּ דיעזע לאַנד, וואָס געפינט זיך אויף דיעזען זייט פון ירדן.

— וואָס מיינט איהר ? — האָט משה זיך אָפּגערופען מיט כעס. — אייערע ברידער זאָלען געהן ווייטער און מלחמה האַלטען מיט די איבעריגע פעלקער און איהר וועט זיך דאָ זיצען רוהיג און הנאה האָבען פון פארטיגען. ווען אייערע ברידער פון די איבעריגע שבטים וועלען דערזעהען אז איהר ווילט פארבלייבען דאָ, וועלען זיי מיינען אז דאָס וואָס איהר ווילט ניט אריבערגעהן דעם ירדן, איז ווייל איהר האָט מורא זיך אָנצו־פאַנגען מיט די פעלקער פון כנען און אז איהר וועט ניט קענען איינעהמען אייערע באפעסטיגטע שטעדט. דאָס וועט אַלעמען זעהר פיעל אנשרעקען און זיי וועלען אליין אויך פארלירען דעם מוטה אריבערצוגעהן דעם ירדן... געדענקט איהר דען ניט וואָס האָט פּאסירט מיט די מרגלים, וועלכע זיינען צוריקגעקומען מיט א שלעכטען באריכט וועגען דעם לאַנד כנען. וואָס פאַר א גרויסען אומגליק זיי האָבען אויף אַלעמען דורכדעם געבראַכט. זיי זיינען געוואָרען ענטמוטיגט ביז גאָט האָט פארזאָגט, אז זיי מוזען פארבלייבען אין דעם מדבר פערציג יאָהר, ביז וואַנען דיעזע שוואַכע מוטהלאָזע מענשען וועלען אויסשטאַרבען און א נייער דור וועט אויפשטעהן. יעצט ווייסט איהר דאָך אז א חוץ כלב און יהושע, זיינען פון דעם עלטערען דור קיינער ניט פארבליבען. און יעצט קומט איהר און ווילט טהאָן אזוי ווי אייערע עלטערען האָבען געטאָן. איהר ווילט דערצאָרענען גאָט און ער וועט א צווייטען מאָל איבערלאָזען ישראל אין דעם מדבר !

— אָה, ניין, אונזער האר משה ! — אָט זיך דער עלטסטער פארשטעהער פון י צוויי און א האַלב שבטים אָפּגערופען. — מיר האָבען קיינמאָל אזא שלעכטע ונח ניט געהאט. — מיר וועלען ארומצאַמען פלעצער פאַר אונזערע בהמות און בויען שטעדט פאַר אונזערע פרויען און קינדער. און מיר, יעדער וועלכער איז נאָר פעהיג צו האַלטען געוועהר, וועט געהן קעמפּפען צוזאַמען מיט אונזערע איבעריגע ברידער געגען אונזערע שונאים, ביז וואַנען מיר וועלען איינגעהמען די גאַנצע לאַנד און יעדער וועט זיין געזיכערט אויף זיין נחלה, ערשט דאַן וועלען מיר זיך צוריקקעהרען צו אונזערע קליינע קינדער און פרויען און זיך באַפעסטיגען אין אונזער לאַנד.

— דאָס איז עפּעס אנדערש ! — האָט משה זיך אָפּגערופען. — אבער פונדעסטוועגען גלויב איך, אז איהר האַנדעלט ניט גאַנץ ריכטיג געגען אייערע איבעריגע ברידער. דאָס וועט מיינען איז דער צייט ווען אייערע קינדער, פרויען און בהמות, וועלען זיך זיצען גאַנץ רוהיג אויף דער לאַנד, וואָס אַלע האָבען געהאָלפען איינעהמען, וועלען די איבעריגע מוזען מיטנעהמען זייערע קינדער און פרויען אין יעדען קאַמף וואָס וועט אויסקומען צו קעמפּפען מיט די פעלקער פון כנען. דענקט איהר אז דאָס וועט זיין יושר'דיג פון אייער זייט?

— אָבער, אונזער האר, ניט נאָר וועלען מיר געהן העלפען קעמפּפען די אידען אין זייערע מלחמות, אבער מיר וועלען זיין די חלוצים, די ערשטע צום קאַמף, מיר וועלען שטענדיג ארויסגעהן אין די פאָדערשטע רייהען מלחמה צו האַלטען.

— גוט ! — האָט משה געזאָגט. — אויב איהר וועט אזוי טהאָן, אויב איהר וועט געהן פאָראויס אין די מלחמות און איהר וועט זיין די ערשטע אריבערצוגעהן דעם ירדן, ביז וואַנען גאָט וועט העלפען ישראל און זיי וועלען פארטרייבען אַלע זייערע שונאים און דאָס לאַנד כנען וועט איינגענומען ווערען, דאַן וועט קיינער אויף אייך קיין פאריבעל האָבען. איהר וועט זיך קענען אומקעהרען צו דער לאַנד וואָס איהר האָט אויסגעקליבען און דאָס ירשנ'ען. אבער אויב איהר וועט אזוי ניט טהאָן, זאָלט איהר וויסען זיין אז אייערע זינד געגען גאָט און געגען

אייערע ברידער איז גרויס. טהוט אזוי ווי איהר ווילט, בויט שטעדט פאר אייערע קינדער און פרויען און שטאלען פאר אייערע בהמות און וואס איהר האָט נאָר וואס ארויסגערעדט, אזוי זאָלט איהר טהאָן.

— דיינע קנעכט וועלען טהאָן אלעס וואס אונזער האר פערזאָגט אונז — אונזערע קליינע קינדער און פרויען און אלע אונזערע בהמות וועלען פארבלייבען אין די שטעדט פון גלעד און מיר וועלען געהן פאָראויס באוואפענט אין די מלחמות.

משה האָט דאן צוגערופען אלזער דעם כהן גדול און יהושע דעם זוהן פון נון און אלע פארשטעהער פון די איבעריגע שבטים און פאר אלעמען אין די אויגען האָט ער מיט זיי אויסגענומען דיעזען תנאי:

— אויב די קינדער פון שבט גד און ראובן און פון דעם האלבען שבט מנשה, וועלען געהן פאראויס אין יעדער מלחמה ביז וואנען אלע אידען וועלען מיט רוהיגקייט זיך קענען באזעצען אין לאנד, דאן זאָל מען זיי לאָזען אָנהאלטען דאָס לאנד פון גלעד און אויב זיי וועלען אזוי ניט טהאָן, דאן וועלען זיי מוזען זיך באזעצען צווישען אייך אין כנען.

ווען דאָס איז אפגעמאכט געווארען האָט משה זיי גלייך געגעבען אן ערלויבניס צו בויען הייזער פאר זייערע קינדער און פרויען.

די צוויי און א האלב שבטים האָבען זיך גאנץ שנעל ארייגעווארפען אין זייער ארבייט פון בויען און אין דער צייט וואס משה און די אידען האָבען גערוהט נעבען דעם בארג נבו, וואס איז געווען געגען דער שטאָדט יריחו פון דעם צווייטען זייט ירדן, האָבען די צוויי און א האלב שבטים אויפגעבויט צייטווייליגע וואהנונגס פלעצער פאר זייערע פרויען און קינדער און שטאהלען פאר זייערע בהמות. און יעדער פון זיי וועלכער איז אלט געווען צוואנציג יאָהר און העכער, האָט מיטגענומען שפייז און וואפען און געגאנגען אין די ערשטע רייהען פון דער מחנה אזוי ווי זיי האָבען פארשפראָכען צו משה'ן.

31טער קאַפּיטעל

משה'ס טויט

משה האָט פאר זיין טויט צונויפגעזאַמעלט אלע פארשטעהער און בעאמטע פון ישראל און האָט מיט זיי איבערגעלערנט די גאנצע תורה.

מיט גרויס ליעבשאפט האָט משה צו זיי גערעדט.

— מיינע ליעבע קינדער פון ישראל — האָט ער אנגעפאנגען מיט א ציטערענדער שטימע. — איך בין שוין אלט און שוואך און מיינע טעג זיינען געצעהלטע. אָט זעהט, איך האָב אייך צוגעפיהרט ביז די טויערען פון לאנד כנען, וואס דער גאָט פון אייערע אבות האָט פארשפראָכען צו געבען צו אייך. יעצט, געלויבט איז גאָט, זייט איהר אזוי פיעל ווי די שטערען פון הימעל, זאָל גאָט געבען איהר זאָלט זיך נאָך מעהרען טויזענדער מאָהל אזוי פיעל און זאָל אייך אָט בענשען. משה האָט אלעמען באַטראכט א ווייל און דערנאָך האָט ער פארגעזעצט:

— נאָך באלד ווי איהר זייט ארויס פון מצרים, האָב איך אייגעזעהן, אז פאר מיר אליין, וועט אונמעגליך זיין צו משפט'ען דאָס גאנצע פאלק און איך האָב דאריבער באשטימט קלוגע מענשען וועלכע זיינען חשוב ביי די שבטים, זיי זאָלען זיין די פארשטעהער, שופטים און פיהרער פון יעדען שבט. איך האָב אייך געלערנט די תורה און אייך אנגעזאָגט ווי אזוי צו משפט'ן דעם פאָלק. און יעצט וויל איך מיט אייך נאָך אמאָל איבערלערנען די גאנצע תורה. איהר זייט נאָך דאן ווען גאָט האָט אייך די תורה אויף דעם בארג סיני געגעבען, גאָר יונג געווען און פיליכט ניט געקענט אזוי גוט באגרייפען די הייליגקייט און וויכטיגקייט פון דער תורה.

משה האָט זיי דערצעהלט אלע אייגצעלהייטען ווי אזוי זייערע עלטערען זיי-

נען געווען פארשקלאפט אין מצרים, ווי אזוי גאָט האָט דורך איהם בעפרייט די אידען פון מצרים, ווי ער האָט זיי נאכהער אריבערגעפיהרט דעם ים סוף. ער האָט זיי אויך דערמאָנט אז דעם עגל הזהב און אָז די אנדערע זינד וואס די אידען זיינען באגאנגען דורך זייער וואנדערען אין דעם מדבר.

— און יעצט ווען איך האָב מיט אייך דורכגעמאכט די אלע שוועריגקייטען און מיט גאָטעס הילף האָבען מיר כמעט דערגרייכט אונזער ציעל, האָט גאָט מיר געלאָזט וויסען, אז איך וועל ניט קענען אריינקומען אפילו אנקוקען דאָס לאנד פון מילך און האָניג. בלויז פון ווייטען וועל איך עס קענען אנקוקען. איך האָב זיך געבעטען ביי גאָט און צו איהם מתפלל געווען אין יענער צייט, ער זאָל מיר מיין זינד מוחל זיין און לאָזען מיר אריינקומען אין דעם גוטען לאנד, כדי איך זאָל צוזעהען מיט מיינע אויגען, ווי אזוי דאָס לאנד קוקט אויס. אבער גאָט האָט מיר געלאָזט וויסען אז אזוי איז זיין באשלוס און איך וועל בלויז קענען אָנקוקען דאָס לאנד פון ווייטען. איך זאָל ארויפגעהן אויף דעם בארג פסגה אדער נבו און פון דאָרטען וועל איך קענען אָנקוקען דאָס לאנד, און ער האָט מיר געהייסען בעשטימען יהושע׳ן פאר אייער פיהרער. און ווי אייך איז שוין באוואוסט האָב איך אזוי געטאָן. יעצט דארפט איהר אלע זיך פארלאָזען אויף איהם, ער וועט אייך אריינפיהרען אין כנען אבער איהר וועט מוזען איהם פאָלגען און ווי אזוי ער וועט דאָס לאנד צוטיילען פאר די שבטים אזוי וועט עס בלייבען. פארשפרעכט איהר מיר אלע פאָלגען אלעם וואס יהושע וועט אייך זאָגען?

— מיר פארשפרעכען! — האָבען זיך געהערט טרויעריגע שטימען פון פאָלק.

— זעהט! — האָט משה ווייטער געזאָגט — איך לעג פאר אייך היינט א ברכה און א קללה: די ברכה וועט אויף אייך מקוים ווערען, ווען איהר וועט זיך צוהערען צו אלע מצות פון גאָט אייער גאָט, וואס איך וועל אייך היינט איבערגעבען און די קללה וועט אייך דערגרייכען, אויב איהר וועט זיך ניט וועלען צוהערען צו גאָט׳ס מצוות און איהר וועט זיך אפנייגען פון דעם וועג, וועלכען איך האָב פאר אייך אנגעצייגט צו געהן צו דיענען אנדערע געטער, וואס איהר האָט ביז אהער ניט געוואוסט.

משה האָט אויסגערעכענט אלע דינים און געזעצען וואס די אידען זיינען מחויב אָפצוהיטען. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט וועגען די ימים טובים, וועגען פסח, שבועות און סכות, וועגען ראש השנה און יום כפור. נאכהער האט ער זיי פארזאָגט ווי אזוי זיי זאָלען זיך אויפפיהרען ווען זיי וועלען שוין זיין אין זייער אייגען לאנד. ווי אזוי די כהנים און די לויים זאָלען זיין די לעהרער פון פאָלק און וועגען די מעשר און תרומה.

משה האָט אויסגערעכנט פאר זיי מיט אלע איינצעלהייטען די פיעלע קללות און אומגליקען וואס די אידען וועלען אויף זיך ברייגנען ווען זיי וועלען פערלאָזען די תורה און נאָכטהאָן ווי די אנדערע פעלקער טהוען, וועלכע דינען צו די געצען.

— מיין פערלאנג פון אייך, איהר פארשטעהער פון די שבטים איז, אז איהר זאָלט אנזאָגען אלע קינדער פון ישראל אז זיי זאָלען זיך דאָ פארזאמלען און איך וועל יעדען שבט באזונדער בענשען, איידער איך שטארב. אין דער זעלבער צייט וויל איך בעטען ביי אלע אידען מחילה, פיליכט האָב איך זיי מיט עפעס דערצאָרענט אדער איך האָב זיי ניט ריכטיג באהאנדעלט.

אויף מאָרגען האָבען זיך אלע צוועלף שבטים פארזאמעלט, יעדער שבט איז געשטאנען באזונדער.

משה איז ארויסגעקומען פון אהל מועד, און זיך ארויפגעשטעלט אויף א הויכען פלאץ און אויפגעהויבען זיינע הענט האָט ער זיך געווענדעט צו דעם שבט ראובן און איהם געבענשט, נאכהער האָט ער געבענשט דעם שבט יהודה, און

נאכדעם דעם שבט לוי און אזוי האט ער געבענשט כסדר די איבעריגע שבטים.

נאכדעם ווי משה איז פארטיג געווארען מיט זיינע ברכות, האט ער זיך געווענדעט צו אלע שבטים צוזאמען:

— אויב איך בין געגען ווען פון אייך באגאנגען אן עולה, פיליכט האב איך ווען פון אייך מיט עטוואס באליידיגט, בעט איך אייך איהר זאלט מיר מוחל זיין.

א גרויס געוויין האט אויסגעבראכען צווישען פאלק.

— מיר דארפען דיר בעטען, דו זאלסט אונז מוחל זיין — האבען זיך געהערט שטימען, — ווייל מיר האבען געגען דיר געזינדיגט, אונזער האר משה.

— א, ווי א פאטער ביזטו צו אונז געווען. דו האסט מיט אונז אזוי פיעל געדולד געהאט און מיר האבען דיר דערצערנט, האבען זיך געהערט וויינענדע שטימען פון פאלק.

— זאל גאט אייך אזוי מוחל זיין, ווי איך בין אייך מוחל! — האט משה אויסגערופען. — איך האף אז גאט וועט אייך ברייגגען אין דעם לאנד און איהר וועט אלע גליקליך זיין און לעבען אין צופרידענהייט. איהר וועט דינען גאט און טהאן גוטעס איינער צום צווייטען.

נאכדעם ווי אלע אידען זיינען זיך צוגאנגען האט משה צוגערופען זיינע זיהן און די איבעריגע פון זיין משפחה און ער האט זיך צו זיי אפגערופען:

— מיינע קינדער! איך האב אלע מיינע יאהרען געהאפט אז איהר וועט פארטזעצען די ארבייט וואס איך האב אנגעפאנגען. אבער עס איז אזוי באשערט פון גאט, אז ניט איהר זאלט זיין מיינע נאכפאלגער. איך וויים אז כאטש איהר זייט עהרליך און גוט, זייט איהר דאך ניט געבענשט מיט די פעהיגקייטען פון א פיהרער. אבער איך האף אז איהר וועט אימערצו טהאן גערעכטיגקייט. איהר זאלט געהן אין דעם גלייכען וועג און איהר זאלט זיך ניט אפנייגען רעכטס אדער לינקס.

— אה, ליעבער פאטער! — האט גרשם, משה'ס עלטסטער זוהן פאנאנדערגעוויינט — מיר זיינען ניט ווערטה געווען צו האבען אזא פאטער ווי דו ביזט צו אונז געווען. מיר זיינען זיכער געווען אן 'נטווישונג צו דיר און אונזער ליעבער מוטער.

— יע, טייערער פאטער, — מיר זיינען ערצויגען געווארען אין מדין צווישען געצען דיענער און אונזערע יונגע יאהרען האבען מיר פארבראכט אהן דיין השגחה און דעריבער זיינען מיר ניט אויפגעוואקסען צו זיין אזעלכע ווי דו האסט ערווארטעט פון אונז.

— אבער מיינע געטרייע זיהן! — האט משה זיך אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — איהר דארפט זיך עס ניט נעהמען צום הארצען. ניט אלע מענשען ווערען געבארען מיט די פעהיגקייטען צו פיהרען, אבער איך וועל שטארבען גליקליך מיט דעם געדאנק אז איהר האט זיך אויפגעפיהרט עהרליך און איהר האט אפגעהיט אלע געבאטען פון דער תורה. און איך האף צו גאט אז איהר וועט פארטזעצען צו געהן אין ריכטיגען וועג. און דאס איז אויך געווען דער וואונש פון אייער ליעבער און געטרייער מוטער, פאר איהר טויט, יע, זי איז געווען א קוואל פון באגייסטערונג פאר מיר און פאר מיין ארבייט זינט דעם ערשטען טאג וואס איך האב איהר דערקענט.

משה האט פארענדיגט זיינע רייד צו זיינע זיהן און אייניקלאך. ער האט זיך מיט יעדען באזונדער געזעגנט און זיי געבענשט.

— — — — — — — — — — — —

גאנץ פריה, ווי דער מארגען שטערען איז אויפגעגאנגען, איז משה שטילערהייט ארויס פון זיין געצעלט און איז ארויף אויף דעם בארג נבו. ער האט נאך אמאל באטראכט די אידען, וועלכע זיינען איהם געווען אזוי ליעב און טייער . . . יעצט רוהען זיי אלע אין זייערע געצעלטען, פון זיינע ליפען האט א ברכה געפליסטערט.

די זון האט אנגעהויבען אויפצוגעהן

אין מזרח. עס האט אנגעפאנגען ליכטיג צו ווערען. משה האט צום לעצטען מאל בעטראכט דאס הייליגע לאנד . . .

באלד האט ער אויסגעהויכט זיין הייליגע, כשרה נשמה. ער איז געשטארבען בנשיקה . . .

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

הונדערט און צוואנציג יאהר איז משה אלט געווען ווען ער איז געשטארבען.

א שרעקליכער טרויער האט געהערשט צווישען אלע אידען, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט אז זייער ליבער פיהרער, דער געטליכער מאן, משה, איז טויט.

— אזא מאן ווי משה איז קיינמאל ניט געווען פאר איהם און וועט קיינמאל ניט זיין נאך איהם, האבען די אידען געזאגט. דרייסיג טעג האט מען געטרויערט, בעוויינט דעם מאן וועלכער האט באוויזען ליכט צו דער גאנצער וועלט.

ע נ ד ע.